STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05966

GERANGL

Shimon Ornstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמעון אָרנשטיין

*

געראַנגל

שמעון אָרנשטיין

געראַנגל

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תש״ם — 1980

SHIMON ORNSTEIN

STRUGGLE

©

כל הזכויות שמורות למחבר

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv

פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

Printed in Israel 1980
נדפס בישראל, תש"ם

נסדר בלינו־טור, רח' יסוד־המעלה 39, ת"א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח' לבנדה 36, ת"א

אינהאַלט

אַ בריוו פון אַברהם סוצקעווער 9

הקדמה צו דער העברעיִשער אויפלאַגע 11

א. היים, קינדער־יאָרן 15

ב. יוגנט, וואָגלעניש 39

ג. דער חלום פון דער וועלט פון מאָרגן 62

ד. בײַ די טײַכן אין טעטש 72

ה. אויף פרעמדע וועגן 91

ו. צוריק צום שטאַם 106

ז. עליה, קיבוץ 138

ח. איך גיי אַרויס פון קיבוץ 178

ט. אַ פּריוויליקער אין דער בריטישער אַרמיי 200

י. אויפן וועג קיין אייראָפּע 241

יא. צוריק צום בירגערלעכן לעבן 279

יב. מײַן נסיעה אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ 292

יג. דער קאַמף פאַר געווער 317

יד. מײַן שליחות אין בערלין 354

טו. די ישׂראל־אַמבאַסאַדע אין פּראַג 368

טז. עליה 386

יז. די פּאַסטקע 406

יח. הינטער דעם אײַזערנעם פאָרהאַנג 420

יט. די פאַרשטעלונג 438

כ. מיט יאָרן שפּעטער 458

דער אמת איבערצײַגט — יוסף בערגער־ברזילי 477

געווידמעט מײַנע חברים —
אסירי־ציון אין דער גאָרער וועלט.

דאָס בוך דערשײַנט אַ דאַנק דער מיטהילף פון
קרן אֶדית וישׂראל פּולק, תל־אביב.

אַ בריוו פון אַברהם סוצקעווער צום מחבר

תל־אביב, דעם 24סטן נאָוועמבער 1978

טײַערער פרײַנד שמעון אָרנשטיין,

בכן, איך האָב הײַנט פאַרענדיקט לייענען אײַער ספר „מעורבות״* און איידער איך שרײַב ווײַטער, ווייל איך איך שוין זאָגן, אַז דער אײַנדרוק איז אַ שטאַרקער: בעתן לייענען האָב איך מיטגעלעבט און איבערגעלעבט אײַער שטורמיש לעבן. און איך פיל אַז דאָס וועט בלײַבן לאַנג־דויערנדיק.

אײַער ספר איז געשריבן מיט אַ שנײַדנדיקער אמתדיקייט, ווי מען שרײַבט אַ טאָגבוך פאַר זיך אַליין. מע וואָלט געקענט זאָגן, אַז ניט איר, נאָר אײַער טאַלאַנטפולער זכרון האָט אים געשריבן. ס׳איז אַ זכרון פון אַ האַרטנעקיקן ייִד און אַ מאָדערנעם פסיכאָלאָג.

איך האָב געקענט אַ טייל מענטשן וואָס איר דערמאָנט, און אײַערע שאַרפע פסיכאָ־פּלאַסטישע געמעלן אַנטפּלעקן זיי בולטער, אמתדיקער.

איך האָב זיך דערוווּסט פון אײַער בוך גאָר־גאָר אַ סך. למשל, וועגן די עראָפּלאַנען־פּליִענישן פון טשעכיע קיין ארץ־ישׂראל בעתן אויפקום פון דער מדינה. ס׳איז באמת אַ הימלישע עפּאָפּעע, וואָס די אַזוי גערופענע שיינע ליטעראַטור האָט זיך נאָך צו איר ניט דערהויבן.

דער פּראָטעסט פון אײַער חברס פרוי, בעת איר דערציילט וועגן די פּײַניקונגען אין טורמע, ווו ס׳געפינט זיך אויך איר מאַן — איז אַ שליסל צו דער צײַט־משוגעת אויך אין אונדזער לאַנד.

אָט כאַפּ איך זיך, אַז איך שרײַב אײַך מײַן דאַנקוואָרט פאַר אײַער בוך, דעם 24סטן נאָוועמבער — די דאַטע פון אײַער עדות־זאָגן אין פּאַנקראַץ אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס! סאַראַ אויסטערלישער צופאַל...

ס׳איז בפירוש כדאי אַז אײַער בוך זאָל איבערגעזעצט ווערן אויף ייִדיש.

מיט פרײַנדשאַפט און ברכה

אײַער אַברהם סוצקעווער

---

* דער בריוו איז געשריבן געוואָרן נאָכן איבערלייענען דאָס בוך אין עברית, וואָס זײַן נאָמען איז „מעורבות״.

הקדמה צו דער העברעישער אויפלאַגע
א״נ „מעורבות״

פראָג, פרילינג 1948. די גאַסן זענען יום־טובדיק פאַרפּוצט, מאַסן מענטשן גייען שפּאַצירן און די הײַזער אויפן וואַצלאַוו־פּלאַץ, נאָכן נאָמען פון הייליקן וואַצלאַוו, זענען באַדעקט מיט נאַציאָנאַלע און מיט רויטע פאָנען. יעדן טאָג אַ נײַער יום־טוב. הײַנט עפנט זיך דער אינטערנאַציאָנאַלער יאַריד. די רעוואָ־לוציע איז ערשט אַלט פינף טעג.

צו גלײַכער צײַט שטייען מענטשן אין דער ריי בײַ די געשעפטן. אַלע לעבנסמיטלען ווערן צוגעטיילט אויף קאַרטן, אַפילו געזאַלצענער הערינג. צי דו ווילסט צי נישט קומט דיר אויפן געדאַנק אַז דו געפינסט זיך אין דער שטאָט פון פראַנץ קאַפקאַ. דאָס איז שווער צו פאַרגעסן.

מחמת דעם אינטערנאַציאָנאַלן יאַריד קען מען נישט קריגן קיין צימער אין האָטעל. אַחוץ דעם איז אויך אַ סכּנה צו גיין אין אַ האָטעל פאַר אַ מענטש וואָס איז געקומען מיט אַ פאַלשן פּאַס און מיט אַ טראָגעדיקער פרוי וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן גוט אײַנצוחזרן איר פאַלשן נאָמען.

לויטן פּאַס איז די פרוי אַ מוטער פון צוויי קינדער און עלטער מיט צען יאָר. לויטן פּאַס איז זי געבוירן אין פּוילן, אָבער אין דער אמתן איז זי געבוירן אין אונגאַרן און פאַרשטייט נישט קיין וואָרט אין דער שפּראַך פון מיצקע־וויטש. ווי געזאָגט, איז זי לויטן פּאַס אַ מוטער פון צוויי קינדער, אָבער אין דער אמתן וועט זי ערשט ווערן אַ מאַמע צום ערשטן מאָל אין אויגוסט 1948 און לעת־עתּה איז ערשט פרילינג. נישט קיין פּשוטער פרילינג, נאָר אַ פּראָגער פרילינג.

דער ענין פון פּאַס אַרט זי נישט אַזוי ווי עס אַרט זי דער הונגער. זי איז שטענדיק הונגעריק מחמת איר שוואַנגערשאַפט און עס ווילט זיך איר תּמיד ברעכן פון די שאַרפע ריחות וואָס מען פילט ווען מען גייט פאַרבײַ די פאָלקס־רעסטאָראַנען. ווער ווייס וואָס מען קאָכט דאָרטן!

ווערדליק דעם וואָס איך האָב דערמאָנט קען מען פאַרשטיין אַז איך האָב געהאַט גענוג דאגות. איך בין אַוועק פון אונגאַרן מיט אַ פאַלשן פּאַס אויפן

נאָמען פון לאַדיסלאַוו ראָטשילד און האָב זיך אײַלעגאַל אַרײַנגעשמוגלט אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, ווו עס בושעוועט דער טעראָר פון געהיים־פּאָליציי נאָך דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט דרײַ טעג צוריק.

איך האָב נישט קיין האָטעל, קיין עסן, קיין עסקאַרטן און דער עיקר — איך האָב נישט קיין געלט. איך דאַרף פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, איבער פראַנקרײַך, פאָרן קיין ארץ־ישראל מיט עליה ב׳. אויך דאָס האָב איך דער־גרייכט נאָר ווײַל איך האָב יאָרן געאַרבעט אין דער אָנפירונג פון השומר־הצעיר אין אונגאַרישן החלוץ. אָנקומענדיק אין בראַטיסלאַוואַ, אויפן וועג קיין פּראָג, האָב איך קיין שום זאַך נישט געהאַט, אַחוץ דער רעקאָמענדאַציע פונעם שליח, וואָס האָט מיר אָנגעזאָגט: „אין פּראָג זאָלט איר אײַך ווענדן צו שמעונען".

מיר האָבן געזוכט שמעונען... עס איז נישט געווען לײַכט אים צו געפינען. אָבער אין דער רגע ווען מיר האָבן אים געפונען האָבן מיר געלייזט אַלע אונדזערע פּראָבלעמען. איך האָב שמעונען נישט געקענט פון פריִער, ווײַל ער איז עלטער פון מיר. דערפאַר האָב איך אים אויך נישט באַגעגנט אין דער באַוועגונג. איך האָב געזען פאַר זיך אַ מענטש פון אַ מיטל־מאָסיקער גרייס, מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויף די ליפּן און בלויע, פריילעכע, אויפ־מונטערדיקע אויגן.

„נישט דאגהן, נאָר נישט דאגהן, אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג" — דאָס זענען געווען זײַנע ערשטע ווערטער. און אַלץ איז טאַקע אין אַ קורצער צײַט געווען אין בעסטער אָרדענונג. שמעון, דהײַנו אָרנשטיין, האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע וויכטיקע ענינים אין פּראָג. מיט דער „בריחה" האָט ער זיך פאַרנומען נאָר ווי אַ בײַזאַך. דער עיקר איז פאַר אים געווען צו שיקן וואָס גיכער געווער קיין ישׂראל, כּדי מען זאָל געווינען די מלחמה. ער האָט כּמעט קיין מאָל נישט געהאַט קיין צײַט. פון דעסטוועגן האָט ער זיך באַפרײַט און אונדז פאַרבעטן צו אַ מענטשלעכער סעודה, די ערשטע זינט מיר זענען אָנגעקומען אין גאָלדענעם פּראָג. און אַזוי ווי מיר לאַנג זענען געבליבן אין פּראָג, זענען מיר געווען זײַנע שוצקינדער.

מיר זענען נאָך געווען אין פּראָג ווען די וועלט האָט זיך דערוווּסט אַז יאַן מאַסאַריק, דער טשעכישער אויסערן־מיניסטער, האָט באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד. מיר זענען געווען אויף זײַן לוויה און זיך געשטופּט צווישן אַ האַלבן מיליאָן מענטשן, וויינענדיקע, וואָס האָבן אים באַגלייט אויף זײַן לעצטן וועג. אַזוי האָט פּראָג אויסגעזען אין 1948 און אין מיטן פון די שטורמישע גע־

שעענישן איז דאָרט געווען אַ קליינע גרופּע מענטשן וואָס האָבן געפּרוווט צו פירן די ייִדן פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און פון מיזרח־אייראָפּע אויפן וועג קיין ציון. שמעון איז געווען איינער פון די בעסטע צווישן זיי.

בעת מען האָט אויסגערופן דעם אויפקום פון מדינת־ישראל זענען מיר שוין געווען דאָ אין לאַנד און האָבן אין איינעם מיטן גאַנצן ייִשוב געשפּאַנטערהייט זיך צוגעהערט צו דער מעלדונג אין ראַדיאָ. דערנאָך זענען מיר געגאַנגען אין מיליטער און געקעמפט אין אַלע מלחמות פון אונדזער באַפרייונגס־קאַמף. נאָך דער מלחמה האָבן מיר מיטגעלעבט אויף אַן אינטענסיוון אופן אַלע געשעענישן אין לאַנד און האָבן פאַרגעסן אין די פּראַגער טעג.

דער נאָמען שמעון אָרנשטיין איז ווידער אויפגעקומען פאַר אונדז אין די פופציקער יאָרן אין שייכות מיט די אַנטיסעמיטישע פּראַגער פּראָצעסן. דאָס אַרעסטירן פון סלאַנסקי מיט זײַנע חברים, דערנאָך פון שמעון אָרנשטיין און מרדכי אורן, ווי אויך די סוררעאַליסטישע עדותשאַפט אויף די פּראָצעסן — האָבן גורם געווען אַ שטורעם אין דער אַנטוויקלונג פון די פּאָליטישע פּאַרטייען אין מדינת־ישראל.

דאָ איז נישט דאָס אָרט צו אַנאַליזירן די השפּעה פון די פּראַגער פּראָצעסן אויף ישראל.

ערשט ווען די יאָרן האָבן אָפּגעשוואַכט די פּערזענלעכע טראַגעדיע און שמעון איז אַ ביסל צו זיך געקומען, האָט ער אַרויסגעגעבן צוויי ביכער: „עלילה בפּראג" און „לפי פּקודה ממוסקבה". אין אָט די ביכער שילדערט ער בפּרוטרוט נישט בלויז וואָס עס איז מיט אים געשען, נאָר אויך די גענויע סיבות וואָס האָבן דערפירט צו די שענדלעכע פּראָצעסן אין פּראָג. ער שרײַבט וועגן דעם וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די תּפיסות פון דער טשעכישער געהיים־פּאָליציי און אויך וועגן דעם הינטערגרונט פון סלאַנסקי און זײַנע חברים, וועלכע ער האָט פון דער יוגנט פּערזענלעך געקענט, פון זייער אויפשטייג ביז צו זייער טראַגישן טויט. בקיצור, די ביכער זענען אַ ייִדיש־מענטשלעכער דאָקומענט, וואָס יעדער פון אונדז דאַרף לייענען.

דאָס דריטע בוך, „מעורבות", איז בעצם אַן אויטאָביאָגראַפיע. דאָס איז די ביאָגראַפיע פון שמעון אָרנשטיין וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין דאָרף אין קאַרפּאַט־רוסלאַנד, זיך אָנגעזאַפּט מיט ייִדישער און אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור, געווען אַ תּלמיד אין דער ייִדישער גימנאַזיע פון לײַפּציג, געווען איינער פון די ערשטע אין אונדזער חלוצישן ווערק, אין באַצווינגען די אַרבעט, אין אינדוסטריע, זיך פרײַוויליק געמאָלדן צו קעמפן

קעגן היטלערן און אַנטייל גענומען אין דער רעטונגס־אַקציע פון דער שארית־הפליטה.

אין זײַן גאַנצער אַקטיוויטעט איז קענטיק זײַן פערזענלעכער אַנטייל, ווי אויך דער ברען וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון זײַן טאַטנס שטוב, איינער פון די נאָענטסטע חסידים פון וויזשניצער רבי.

אין דעם בוך „מעורבות״, וואָס איך האָב געהאַט די זכיה צו ברענגען צום דרוק, איז פאַראַן אַ סך־הכל, אָבער נישט קיין ענדגילטיקער. ער מאַכט דאָ נישט שלום מיט די אומגערעכטיקייטן אויף אונדזער וועלט און זאָגט בשום־אופן נישט קיין צידוק־הדין. דאָס בוך איז אַ דערקלערונג פון ציוניסטישן אני מאמין, אויפגעבויט אויף אַ פערזענלעכן נסיון. פון בוך רעדט צו אונדז אַ געפּלאָגטער מענטש, אָבער נישט קיין צעבראָכענער. עס רעדט צו אונדז אַ יודע־ספר, אָבער נישט קיין בעלעטריסט. עס רעדט צו אונדז דער מחבר, ער רעדט אויף זײַן אייגענעם לשון, וואָס איז דאָס לשון פון אַן אויפגערודערט צעבראָכן האַרץ.

איך האָב זיך געהיט נישט צו שטערן דעם מחבר און אים נישט צו פאַר־שענערן.

יוסף גולן

א

חיים, קינדער־יאָרן

וועגן מײַן עלטער־זיידע ווייס איך נאָר אַז ער האָט געהייסן ר׳ מרדכי אָרנשטיין און זײַן פרוי, מײַן עלטער־באָבע, האָט געהייסן פייגעלע. ווײַזט אויס אַז זיי האָבן געהאַט נאָר איין איינציקן זון, וואָס האָט געהייסן חיים־אַברהם און ער איז געווען מײַן זיידע.

איך ווייס אויך נישט פון וואָס זיי האָבן זיך מפרנס געווען און פון וואַנען זיי זענען געקומען קיין פרעשבורג. אַז זיי האָבן דאָרטן געלעבט, האָב איך זיך דערוווּסט פון די חברה־קדישה־ביכער בײַ דער קהילה, ווו ס׳איז פאַר־שריבן אַז זיי זענען ביידע געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישׂראל אויפן פרעש־בורגער בית־עולם.

אין פאַרשיידענע בריוו צו מײַן זיידן פון זײַנע חברים האָב איך געפונען, אַז זיי האָבן אים גערופן ר׳ חיים־אַברהם הבבלי. אַזוי ווי איך ווייס נישט וואָס דער צונאָמען קאָן באַדײַטן, האָב איך זיך געשאַפן אַן אייגענע השערה, אַז מײַן עלטער־זיידע איז אפשר געקומען קיין מערב־אייראָפּע פון בבל און איז געווען פון ספרדישן אָפּשטאַם.

דאָס איז, ווי געזאָגט, אַ סברה. דער אמת איז אַז מײַן זיידע, ר׳ חיים־אַברהם, איז ווי אַ קינד געקומען מיט זײַנע עלטערן קיין פרעשבורג, עסטרײַך־אונגאַרן, ווו עס איז געווען אַ גרויסע יידישע קהילה, און אַזוי ווי ער איז יונגערהייט געוואָרן אַ יתום, האָט אים דער באַרימטער רב פון פרעשבורג, ר׳ משה סופר, באַקאַנט אין דער רבנישער וועלט ווי דער חתם־סופר, אַרײַנ־גענומען אין זײַן הויז און אים דערצויגן אין זײַן באַרימטער ישיבה.

פאַראַן ידיעות, אַז מײַן זיידע איז געווען איינער פון די בעסטע תלמידים אין דער גרויסער ישיבה פון חתם־סופר און ער האָט אים געצוווּנגען, הגם ער איז נאָך געווען זייער יונג, צו נעמען אויף זיך דעם עול פון רבנות. דער חתם־סופר האָט אויך מײַן זיידן פאַרשדכנט יונגערהייט מיט דער

טאָכטער פון ר׳ נתן־אלי ערמאַן פון אָרשעוו, אין אונגאַרן. זי האָט געהייסן שׂרה־רחל. תּיכּף נאָך דער חתונה איז מײַן זיידע, מיט דער המלצה פון חתם־סופר, געוואָרן רב אין טיסאַ־באָ, אַ שטעטל אין אייבעראונגאַרן. שפּע־טער האָט אים אויפגענומען די קהילה פון באַרטפעלד. דאָרטן איז ער געווען רב, דאָרטן האָט ער געפירט אַ ישיבה און דאָרטן איז ער אויך ניפטר געוואָרן.

אַחוץ אַכט קינדער, פיר זין און פיר טעכטער, איז פון מײַן זיידן געבליבן בירושה אַ בינטל כּתבֿ־ידן און נאָך זײַן פּטירה איז אַ חלק געדרוקט געוואָרן ווי אַ ספר מיטן נאָמען „דברי אַברהם״, דער עיקר פּירושים איבער די חמישה־חומשי־תּורה און תּשובֿות אויף פאַרשיידענע שאלות וואָס מען האָט אים געפרעגט אין הלכה־ענינים.

מײַן טאַטע, ר׳ יששכר־בעריש, בקיצור ר׳ בעריש, איז געווען דער מיזיניק אין דער משפּחה און ער האָט זײַן טאַטן כּמעט נישט געקענט. נאָך דעם ווי איר מאַן איז געשטאָרבן, האָט מײַן באָבע, שׂרה־רחל, אַ צווייט מאָל חתונה געהאַט מיט דעם רבֿ פון כוסט, ר׳ משה שיק, וואָס האָט געלערנט אין איינעם מיטן זיידן ר׳ חיים־אַברהם אין דער ישיבה פון חתם־סופר אין פּרעשבורג און איז עד־היום באַקאַנט אין דער ייִדישער וועלט ווי דער מהר״ם שיק, דער לעצטער פּוסק פון אונגאַרישן ייִדנטום.

מײַן טאַטע איז דערצויגן געוואָרן אין שטוב פון דעם גרויסן תּלמודישן גאון מהר״ם שיק און דאָרטן האָט ער זיך אײַנגעוווינט ליב צו האָבן דאָס לערנען און אָפּצוגעבן כּבֿוד תּלמידי־חכמים. די חסידישע באַוועגונג און איר־ע מנהיגים, וואָס האָבן אַרײַנגעצויגן פאַרשיידענע קרײַזן פון אונגאַרישן ייִדנ־טום, זענען פאַרהאַלטן געוואָרן בײַ די שוועלן פון מהר״ם שיקס הויז. ער, דער מהר״ם שיק, איז באַקאַנט געווען ווי אַ מתנגד. פאַרשטייט זיך אַז דער חסידיזם איז אויך געווען פרעמד פאַר מײַן טאַטן אין זײַנע יונגע יאָרן.

צו זעכצן יאָר האָט מײַן טאַטע באַקומען סמיכות אויף רבנות פון מהר״ם שיק, אַזוי ווי זײַנע עלטערע ברידער, פאַר אים. אָבער מײַן טאַטנס גורל איז געווען אַן אַנדערער. ער האָט בשום־אופן נישט מסכּים געווען צו לעבן פון רבנות און האָט געוואָלט זײַן אַ בעל־הבית וואָס איז מפרנס זײַן משפּחה בכּבֿוד פון אַרבעט.

מײַן זיידע פון דער מאַמעס צד, ר׳ אליעזר שימשאָוויטש, האָט געשטאַמט פון ייִדישע לאַנדווירטן, וואָס האָבן געלעבט פון דער אַרבעט אויף זייערע פעלדער און גערטנער, באַקומענע בירושה אין משך פון אַ סך דורות.

דעם זיידן האָב איך פערזענלעך נישט געקענט, אָבער איך האָב געהערט וועגן אים אַ סך מעשׂיות. ער האָט געלעבט אין בעדעבלע, אַ קליין דאָרף

נישט ווײַט פון דעם שטעטל טעטש, אין אַ רחבותדיקן בכבודיקן הויז וואָס ער האָט געירשנט פון זײַנע עלטערן, מיט פעלדער און סעדער וואָס ער פלעגט זיי אַליין באַאַרבעטן.

מענטשן דערציילן אַז די טירן פון זײַן הויז זענען תּמיד געשטאַנען ברייט אָפן פאַר איטלעכן ניצרך, יידן און נישט־יידן. דערפאַר איז ער געווען באַליבט אין דער גאַנצער געגנט און די אײַנוווינערס האָבן אים זײַן לעבן־לאַנג אויס־געקליבן ווי אַ שופט פון דאָרף, ער זאָל מישפּטן אַלע סיכסוכים, סײַ צווישן שכנים, סײַ צווישן מאַן און ווײַב.

דער זיידע איז געווען אַ פּשוטער ייד, נישט קיין גרויסער למדן. ער האָט אָבער ליב געהאַט אַהבת־נפש רבנים און תּלמידי־חכמים און איז געווען גליקלעך אַז ער האָט זיי געקענט מקבל־פּנים זײַן בײַ זיך אין שטוב ווי זײַנע געסט.

אַחוץ דעם איז ער געווען אַ פאַרברענטער וויזשניצער חסיד און האָט קיין זאַך נישט געטאָן אויב דער רבי האָט נישט געגעבן זײַן ברכה און זײַן הסכּמה דערצו. ימים־טובים פלעגט זיך מײַן זיידע שלעפּן איבער די קאַרפּאַטישע בערג, טאָג און נאַכט, צו פוס אָדער אין אַ וואָגן, כּדי צו קומען צום רבין קיין וויזשניץ. צו זײַן אַ יום־טוב בײַם רבין, זיצן בײַ זײַן טיש און כאַפּן פון זײַנע שיריים, איז פאַר אים געווען די העכסטע מדרגה צו וועלכער אַ מענטש קען דערגרייכן.

מײַן זיידע האָט געהאַט זעקס טעכטער און צווי זין און יעדעס מאָל ווען ער האָט געוואָלט חתונה מאַכן אַ טאָכטער, האָט ער קודם געבעטן בײַם רבין אַ ברכה. דערנאָך האָט ער אײַנגעשפּאַנט אַ פּאָר פערד און איז אַרײַנגעפאָרן קיין כוסט אין דער ישיבה פון מהר״ם שיק, מאָנען בײַ אים ער זאָל אים געבן אַ חתן פאַר זײַן טאָכטער.

דאָס רוב ישיבה־בחורים זענען געווען פון אָרעמע הײַזער, אָבער איינס ווי איינס, שופרא דשופרא. דער מהר״ם שיק האָט בכבודו ובעצמו נישט נאָר באַשטימט דעם חתן, נײַערט אויך דעם נדן וואָס דער זיידע דאַרף געבן דעם איידעם.

אַזוי האָט דער זיידע אויסגעגעבן זײַנע פינף טעכטער פאַר זײַדענע יונגע־לײַט און געשעפּט פון זיי נחת. ווען ס'איז געקומען די צײַט פון דער יינגסטער טאָכטער, מלכּה, מײַן מאַמע, איז דער זיידע, ווי שטענדיק, געפאָרן קיין כוסט זוכן אַ חתן. ער האָט דערציילט דעם מהר״ם שיק אַז איצט וויל ער אַ חתן פאַר זײַן ליבסטער טאָכטער, האָט אים דער מהר״ם שיק געענטפערט אַז אויב אַזוי, וועט ער אים געבן זײַן שטיפזון, וואָס איז פאַר אים ווי אַן

אייגן קינד. ער האָט געפּאָדערט פון מײַן זיידן צוויי הונדערט גאָלדענע רענדלעך נדן און אַ התחייבות אַז ער וועט מפרנס זײַן דעם איידעם מיט זײַן משפּחה אַ גאַנץ לעבן, כּדי יענער זאָל קענען ממשיך זײַן צו לערנען תּורה.

מײַן זיידע האָט תּיכּף מסכּים געווען, באַלד געגעבן תּקיעת־כּף און אַזוי איז ר׳ יששכר־בעריש אַ חתן געוואָרן מיט דער טאָכטער פון ר׳ אליעזר שימשאָוויטש. דער זיידע איז אַהיימגעפאָרן אַ גליקלעכער, וואָס ער האָט זוכה געווען צו ווערן אַ מחותּן מיטן מהר״ם שיק, ער דער פּשוטער ייִד פון בעדעבלע מיט דעם גרויסן גאון. אין יענע צײַטן איז דאָס אַוודאי נישט געווען קיין קלייניקייט.

נאָך אַ קורצער צײַט איז געווען די חתונה און אויף דער חתונה איז געקומען דער מהר״ם שיק קיין בעדעבלע מיט אַ גרויסער פמליה. די שׂימחה האָט געדויערט אַ גאַנצע וואָך און אין משך פון די שבע־ברכות זענען די טישן געווען געדעקט טאָג און נאַכט מיט כּל טוב, כּדת המלך, און איטלעכער וואָס איז געקומען איז אויפגענומען געוואָרן מיט כּבוד און ביד רחבה. ייִדן האָבן נאָך מיט יאָרן שפּעטער דערציילט אַז אַזאַ חתונה זעט מען איין מאָל אין אַ יובל.

אַזוי ווי די שבע־ברכות האָבן זיך פאַרענדיקט האָט דער זיידע אַרײַנגע־זעצט די טאָכטער מיטן איידעם, מײַנע טאַטע־מאַמע, אין אַ געשפּאַנטן וואָגן און זיי אָװעקגעשיקט קיין ווישניץ, אין דער בוקאָווינע, וווּ ער האָט זיי אײַנגעאָרדנט אויף זײַן חשבון אין אַ ייִדישער קרעטשמע, נישט ווײַט פון רבינס הויף.

אין יענער צײַט איז געווען רבי אין ווישניץ דער אַדמו״ר ר׳ מנחם־מענדל האַגער, באַקאַנט אין דער חסידישער וועלט ווי דער מחבר פון ספר „צמח צדיק״. זײַן אייניקל, ר׳ ישׂראל האַגער, וואָס האָט געירשנט דעם ווישניצער הויף נאָך זײַן פאָטער, דעם אדמו״ר ר׳ ברוך האַגער, און איז באַקאַנט געוואָרן ווי דער אדמו״ר ר׳ ישׂראלטשע, דער מחבר פון „תּפארת ישׂראל״, איז דעמאָלט געווען אַ יונגער־מאַן, בערך אין גלײַכן עלטער ווי מײַן טאַטע. זיי האָבן געלערנט אין איינעם אין דער ישיבה פון ווישניץ און ביידע יונגע־לײַט, שאַרפע קעפּ, זענען געוואָרן ידידים בנפש. זייער פרײַנדשאַפט איז טאַקע קיין מאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן.

ס׳האָט געדויערט אַ לאַנגע צײַט ביז מײַן טאַטע האָט זיך באַקענט מיט דער חסידישער וועלט און איז געוואָרן אַ ווישניצער חסיד, נישט סתּם אַ חסיד, נאָר איינער מיט וועלכן דער ווישניצער הויף האָט זיך געשפּיגלט.

פון דעסטוועגן מוז איך צוגעבן, אַז מײַן טאַטע איז קיין מאָל נישט געווען קיין חסיד שוטה וואָס ענטפערט אויף אַלץ: אָמן.

מײַן טאַטע האָט געהאַט אָפענע אויגן און אויב עס זענען פאָרגעקומען אין וויזשניצער הויף זאַכן וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר נישט ריכטיק, האָט ער זיך דערוועגט פרײַ צו קריטיקירן. ס׳איז געווען באַקאַנט צווישן וויזשניצער חסידים אַז מײַן טאַטע איז דער איינציקער וואָס קען זיך דערלויבן צו קרי־טיקירן און אַז מיט זײַן מיינונג האָט זיך אַפילו דער אַדמו״ר בכבודו ובעצמו גערעכנט.

ווען מײַנע עלטערן האָבן זיך אומגעקערט קיין בעדעבלע האָט דער זיידע פאַר זיי אויפגעבויט אַ גרויסן געמויערטן בנין, ווי עס פּאַסט פאַרן גבירס אַן איידעם. נאָך זײַן טויט האָט ער איבערגעלאָזט פאַר מײַנע עלטערן בירושה פעלדער, וואָס מײַן טאַטע פלעגט זיי אין זײַנע יונגע יאָרן אַליין באַאַרבעטן.

מײַנע עלטערן האָבן אויך געהאַט אַ קלייט, ווו מען האָט באַקומען אַלץ אין וואָס אַ דאָרף נייטיקט זיך, פון אַ נאָדל מיט פאָדעם ביז אַ געזאַלצענעם הערינג. די קלייט האָט געפירט מײַן מאַמע, כּדי דער טאַטע זאָל זײַן פרײַ און פאַרברענגען זײַן צײַט מיט לערנען און קהילה־ענינים.

אין בעדעבלע האָבן געלעבט אַן ערך הונדערט יידישע משפּחות און אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך מפרנס געווען פון פעלדאַרבעט. די איבעריקע זענען געווען בעל־מלאכות, בעל־עגלות און פּשוטע האָלצהעקערס, וואָס אַרבעטן אין די קאַרפּאַטישע וועלדער. זיי פלעגן דאָרטן האַקןביימער וואָס מ׳האָט דערנאָך געבראַכט ביז צו דעם טײַך טיסאַ און דאָרטן האָט מען זיי צונויפגעבונדן אין פליטן און געשיקט קיין אייבעראונגאַרן.

בקיצור, די יידן פון אונדזער דאָרף און פון דער גאַנצער געגנט זענען געווען האָרעפּאַשנע מענטשן וואָס האָבן געלעבט פון זייער אייגענער האָרע־וואַניע. זיי האָבן שווער געאַרבעט כּדי מפרנס צו זײַן די משפּחה און נישט דאַרפן אָנקומען חס ושלום צו פרעמדע. זיי זענען געווען פּשוטע, געזונטע יידן. אַחוץ תּהילים און אַ פּרק משניות האָבן זיי כּמעט גאָרנישט געקענט. פון דעסטוועגן האָבן זיי אָפּגעגעבן גרויס כּבוד פאַר תּלמידי־חכמים. דערפאַר טאַקע איז מײַן טאַטע געוואָרן דער בר־סמכא אין דאָרף און אין דער געגנט און יידן פלעגן צו אים קומען מיט שאלות נישט נאָר אין ענינים פון הלכה, נײַערט אויך בנוגע פאַרשיידענע סיכסוכים צווישן חברים, אָדער סתּם משפּחה־ענינים צווישן מאַן און ווײַב.

געווען אַ צײַט ווען בעדעבלע האָט געהאַט אַ מרא־דאתרא, און נישט סתּם

אַ רבֿ, נאָר ר׳ ישׂראלטשע האַגער, דער זון פֿון וויזשניצער אַדמו״ר ר׳ ברוך האַגער. אויף דער בקשה פֿון מײַן זיידן האָט דער אַלטער אַדמו״ר מסכּים געווען צו שיקן זײַן זון דעם בכור ווי אַ רבֿ קיין בעדעבלע, אַזוי אַז דער מקום איז געוואָרן אַ מרכּז פֿאַר וויזשניצער חסידים. פֿון אַרום און אַרום פֿלעגן קומען ייִדן פֿאַרברענגען שבתים און יום־טובֿים בײַם אַדמו״רס זון.

ווײַזט אויס אַז די גרויסע השפּעה וואָס ר׳ ישׂראלטשע האָט געהאַט אויף די ייִדן פֿון דער געגנט האָט אויפֿגעוועקט קינאה בײַ די מתנגדים פֿון וויזש־ניצער הויף און ס׳האָט זיך געטראָפֿן אײנער וואָס האָט געמסרט ר׳ ישׂראל־טשען אַז ער איז אַ פּוילישער פּאַטריאָט און אַ קעגנער פֿון דער האַבסבורגער מלוכה.

צום גליק האָט זיך מײַן טאַטע דערוווּסט אַז מען וויל אַרעסטירן זײַן חבֿר ר׳ ישׂראלטשע און האָט נאָך פֿאַרכאַפּט אים בײַ נאַכט צוריקצושיקן קיין וויזשניץ. ר׳ ישׂראלטשעס משפּחה איז נאָך לאַנג געבליבן אין בעדעבלע און מײַן טאַטע האָט פֿאַר איר געזאָרגט ווי פֿאַר זײַן אייגענער משפּחה. דאָס האָט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט די פֿרײַנדשאַפֿט צווישן ר׳ ישׂראלטשען און מײַן טאַטן.

איך געדענק נאָך ווי הײַנט די נעכט אין אונדזער בית־מדרש. ווי מען האָט פֿאַרענדיקט דאַווענען מינחה און מעריבֿ, האָבן זיך די ייִדן אַוועקגעזעצט אַרום אַ לאַנגן טיש. מײַן טאַטע שטייט אין שפּיץ. איין מאָל גיט ער צו פֿאַרשטיין אַ פּרק משניות, אַן אַנדער מאָל אַ בלאַט גמרא מיט תּוספֿות. שבת נאָך מיטאָג איז ער מפֿרש די פּסוקים פֿון פּרקי־אָבֿות און די ייִדן אַרום טיש זיצן מיט אָפֿענע מײַלער און שלינגען הונגעריקע זײַנע ווערטער.

מײַן טאַטע האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעכן טאַלאַנט צו דערקלערן און מאַכן פֿאַרשטענדלעך די ווערטער פֿון אונדזערע חכמים. מענטשן וואָס האָבן אים געהערט האָבן געהאַט דאָס געפֿיל אַז אַט רעדן צו זיי די חז״ל ממש און דערפֿאַר איז אַלץ אַזוי פּשוט און קלאָר.

מײַן טאַטע האָט מקפּיד געווען אויף איטלעכער מיצווה. פֿאַר אים איז נישט געווען קיין קליינע מיצווה און קיין גרויסע מיצווה, אַלע האָט ער אָפּגעהיט. אָבער ווען ס׳איז געגאַנגען אין אַ צווייטן, האָט ער תּמיד געזוכט אַ זכות און איז תּמיד געווען אַ מליץ־יושר, פּונקט ווי דער אַלטער ר׳ הלל.

בכלל האָט מײַן טאַטע ליב געהאַט צו דערציילן וועגן די מידות־טובֿות פֿון ר׳ הלל. אויף אַזאַ אופֿן איז נאָך פֿון מײַנע קינדער־יאָרן ר׳ הלל פֿאַר מיר געוואָרן אַ סימבאָל, און אויך אַ סך שפּעטער האָב איך געגלייבט אַז די מיצווה ואָהבֿת לרעך כּמוך איז דער עיקר פֿון אונדזער ייִדישער אמונה.

מיר זענען געווען זעקס קינדער, פיר ברידער און צוויי שוועסטער, און איך בין געווען דער מיזיניק אין דער משפּחה. איין ברודער און צוויי שוועסטער זענען אומגעקומען מיט זייערע משפּחות אין די היטלערישע גאַזקאַמערן, אַזוי אַז מיר זענען געבליבן דרײַ ברידער דאָ, אין ארץ־ישׂראל.

דעם טאַטן געדענק איך ווי אַ ייִד מיט גרויע האָר אין דער באָרד, נישט מער קיין יונגער, שטענדיק פאַרטאָן מיט קהילה־ענינים. איך געדענק אים ווי אַ צוגעלאָזטן ייִד, כאָטש בײַ זיך אין דער היים איז ער געווען אַ גרויסער מקפּיד און האָט נישט ליב געהאַט קיין פּשרות.

ער האָט פּשוט ליב געהאַט אַ בלאַט גמרא מיט מפרשים און ווען ער איז געזעסן בײַ דער גמרא האָט ער פאַרגעסן אַלץ וואָס עס טוט זיך אַרום אים. אָבער אַזאַ פאַרגעניגן האָט ער זיך בדרך־כּלל געקענט פאַרגונען שפּעט בײַ נאַכט, ווען אַרום איז שוין געווען שטיל. איך זע אים נאָך הײַנט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, אַריבערגעבויגן איבער דער גמרא, בײַ אַ נאַפטלאָמפּ, און זײַן איידל פּנים בלישטשעט ווי אַ דימענט. ביז הײַנט קלינגט נאָך אין מײַנע אויערן דער גינגאָלדענער ניגון פון זײַן לערנען אביי ורבא.

מײַן מאַמע איז געווען אַ פּשוטע ייִדישע פרוי וואָס דאַגהט פאַרן הויז־געזינד. אַחוץ דעם האָט די מאַמע אויך אין זינען געהאַט אַנדערע משפּחות, וואָס די פּרנסה איז געווען בײַ זיי קנאַפּ. מ׳האָט געוווסט אין דאָרף און אין דער גאַנצער געגנט אַז די טירן פון אונדזער הויז זענען תּמיד אָפן פאַר יעדן נויטבאַדאַרפטיקן.

אויב דער טאַטע האָט געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער געגנט ווי אַ גרויסער תּלמיד־חכם, וואָס מען קען זיך צו אים ווענדן מיט איטלעכער שאלה, איז די מאַמע געווען באַקאַנט ווי אַ מאַמע פון אַלע יתומים און אַלמנות. בײַ אונדז האָט מען זיך קיין מאָל נישט געזעצט צום טיש עסן, אויב עס זענען נישט געווען קיין אורחים.

אין מאַרמאַראָשער פלעגן אַלטע ייִדן, וואָס האָבן שוין נישט געקענט אַרבעטן, גיין פון דאָרף צו דאָרף זאַמלען נדבות. שבת פלעגן זיי קומען אין אונדזער דאָרף, כּדי צו עסן בײַ אונדזער טיש. וואָס מער ייִדן עס זענען געזעסן שבת בײַם טיש און געגעסן פון אירע מאכלים, אַלץ מער האָט געשײַנט דער מאַמעס פּנים פאַר שׂימחה. קיינער איז קיין מאָל נישט אַוועק פון אונדז אַ הונגעריקער. ווען דאָס געקאָכטע עסן האָט נישט געסטײַעט, פלעגט די מאַמע אַרײַנברענגען פון קלייט אַ פּאָר לאַבן ברויט מיט הערינג. בדרך־כּלל האָט אָבער שטענדיק געסטײַעט דאָס געקאָכטע און צוגעגרייטע און מענטשן פלעגן זאָגן אַז אין מײַן מאַמעס טעפּ איז אַרײַן אַ ברכה.

די מאַמע האָט מען קיין מאָל נישט געהערט שרײַען און קיין מאָל נישט געזען אין כּעס. זי איז געווען אַ מליץ־יושר פאַר איטלעכן און האָט תּמיד מוחל געווען אויף איר כּבוד. זי האָט קיין מאָל נישט מקנא געווען אַנדערע. אַדרבא, זי האָט זיך געפרייט ווען זי האָט געהערט אַז מענטשן זענען גליקלעך. זי איז געווען אַ ווונדערלעך שיינער און ריינער מענטש. אַזוי איז זי געווען אין איר לעבן און אַזוי איז זי געבליבן אין מײַן זכּרון אויף אייביק.

די ערשטע וועלט־מלחמה

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן בין איך אַלט געווען פיר יאָר און איך געדענק נאָר אַז אונדזער הויז איז געווען פול מיט מענטשן, ייִדן און נישט־ייִדן. אַלע זענען אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיצפינגער און האָבן זיך געשושקעט. שפּעטער האָט מען מיר דערציילט, אַז די מענטשן זענען געקומען צו מײַן טאַטן געוויר ווערן וואָס עס איז געשען און וואָס די מלחמה באַטײַט.

אין אונדזער דאָרף און אין דער גאַנצע געגנט זענען די מענטשן, בתוכם מײַן טאַטע, געווען ווײַט פון פּאָליטיק. זיי האָבן אַוודאי נישט געהאַט קיין השגה וואָס פאַר אַ וועלט־כּוחות עס האָבן זיך צונויפגעשטויסן און גורם געווען דעם מאָרד פון עסטרײַך־אונגאַרישן קרוינפּרינץ אין סאַראַיעווע, וואָס האָט דערנאָך דערפירט צו אַ וועלט־שׂריפה.

דער שׂכל־הישר האָט פון דעסטוועגן אונטערגעזאָגט מײַן טאַטן אַז ייִדן דאַרפן גיין אין דער מלחמה מיט דעם קייסער פראַנץ־יוזעף, וואָס איז געווען פרײַנדלעך צו זײַנע ייִדישע בירגערס, כּדי אים צו העלפן שלאָגן דעם רוסישן צאַר, וואָס איז געווען אַ שׂונא־ישׂראל און האָט געשטיצט די שוואַרצע באַנדעס וואָס האָבן געמאַכט פּאָגראָמען אויף ייִדן. האָבן די ייִדן פון דאָרף און פון דער אומגעגנט איבערגעביטן זייערע אַרבעט־קליידער אויף זעלנער־רישע מונדירן און זייערע אַרבעט־כּלים אויף ביקסן מיט שפּיזן און זענען געגאַנגען אין דער מלחמה. ייִדישע בחורים האָבן זיך געשלאָגן אויף אַלע פראָנטן. אַ סך פון זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער מלחמה און אַ סך זענען געפאַלן אויף די שלאַכטפעלדער, פון סערביע ביז רוסלאַנד, און זענען נישט געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישׂראל.

אונדזער געגנט האָט פיזיש כּמעט נישט געליטן פון דער מלחמה. די רוסישע חיילות וואָס האָבן באַוויזן אײַנצונעמען פּוילן און גאַליציע, זענען פאַר־האַלטן געוואָרן בײַ די קאַרפּאַטישע בערג. פון צײַט צו צײַט האָט מען אַפילו אין אונדזער דאָרף געהערט פון ווײַטן די שווערע שיסערײַען, אָבער ווער

ס׳איז נישט געווען אין מיליטער, האָט געטאָן זײַן טאָג־טעגלעכע אַרבעט כאילו ס׳וואָלט בכלל נישט געווען קיין מלחמה.

דער עולם בײַ אונדז איז געווען איבערצײַגט אַז די רוסישע אַרמייען וועלן נישט מסוגל זײַן אַריבערצוגיין די קאַרפּאַטישע בערג. מען האָט געהאַט גרויס צוטרוי אין די באַרימטע אונגאַרישע הוסאַרן אין די רויטע הויזן, אויף געזאָטלטע פערד, וואָס זענען געשטאַנען אין אונדזער געגנט. זיי, האָט מען געגלייבט, וועלן באַשיצן די קאַרפּאַטן פאַר די רוסישע חיילות.

דאָס איז געווען דער מצב פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. וואָס שייך די ייִדן, האָט זיך דאָס לעבן געביטן. ווי נאָר די רוסן האָבן זיך דערנענטערט צו פּוילן און גאַליציע, האָבן די דאָרטיקע ייִדן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן איבער די קאַרפּאַטן קיין עסטרײַך־אונגאַרן און אין אַ קורצער צײַט איז אונדזער גאַנצע געגנט פאַרפלייצט געוואָרן מיט ייִדישע פּליטים. נאַקעט און באָרוועס זענען זיי אַנטלאָפן פאַר די קאָזאַקן און מיר זענען געווען זייער ערשטע סטאַנציע אין דער זיכערער וועלט.

ווי איך האָב פריִער דערמאָנט, זענען אונדזערע ייִדן בכלל נישט געווען קיין גבירים. זיי האָבן שווער געאַרבעט כּדי מפרנס צו זײַן זייערע משפחות. דערפאַר טאַקע איז כּדאַי צו דערציילן ווי אַזוי זיי האָבן זיך באַצויגן צו די פּליטים. טאָג און נאַכט זענען ייִדישע הײַזער געשטאַנען פאַר זיי אָפן און איטלעכער ייִד האָט זיך געטיילט נישט בלויז מיט דער דירה, נאָר אויך מיטן עסן. ס׳איז געווען וווּנדערלעך ווי ייִדן טיילן זיך מיטן לעצטן ביסן, אין ליבשאַפט און כּבוד, מיט די אומגליקלעכע ברידער, ווי זיי וואָלטן געהאַט איין גורל.

אונדזער שטוב איז געווען פול מיט פּליטים, ווי די אַנדערע ייִדישע הײַזער אין דאָרף. צו מאָל האָבן זיך די פּליטים בײַ אונדז אויפגעהאַלטן חדשים, ביז זיי האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט ווײַטער צו פאָרן קיין אונגאַרן, נאָר פון דעסטוועגן זענען זיי קיינעם נישט נימאס געוואָרן.

דער אופן ווי אונדזערע ייִדן האָבן אויפגענומען פּליטים האָט בעצם גע־דאַרפט זײַן אַ דוגמה ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַציִען צו ייִדן וואָס זענען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. צום באַדויערן מוז איך זאָגן אַז נישט תּמיד איז דאָס געשען, בשעת די פּליטים זענען אָנגעקומען קיין מערב־אונגאַרן. די דאָרטיקע ייִדן האָבן באַטראַכט די פּליטים ווי פרעמדע און נישט ווי אייגענע ברידער.

איך וויל נאָך אַ מאָל באַטאָנען, אַז אַהבת־ישׂראל האָב איך געלערנט נישט בלויז פון מײַנע עלטערן, נאָר אויך פון די פּשוטע, ערלעכע ייִדן פון אונדזער

קאַנט. פון זיי האָב איך געלערנט וואָס עס באַטײַט ייִדיש בשותּפותדיק אַחריות. שפּעטער מיט יאָרן, אין מײַן שטורמישן לעבן, ווען איך בין נישט איין מאָל געשטאַנען פאַר אַ שווערער בחירה, האָב איך זיך דערמאָנט אין די ריינע און תּמימותדיקע פּנימער פון די ייִדן אין מײַן דאָרף און דאָס האָט מיר געגעבן כּוח און אמונה אויסצוהאַלטן און זיך נישט מתיאש זײַן.

ווען ס'האָט זיך געענדיקט די ערשטע וועלט־מלחמה, האָבן זיך אויך אין אונדזער געגנט אַ סך זאַכן געביטן. זאַכן וואָס מ'האָט פאַר דער מלחמה געהאַלטן אַז זיי וועלן אייביק באַשטיין און קיין שום כּוח וועט זיי נישט קענען בײַטן, זענען פּלוצעם, איבער נאַכט, פאַרשוווּנדן געוואָרן ווי זיי וואָלטן קיין מאָל נישט געווען. גרויסע, גוואַלדיקע מלכים, וואָס האָבן אין משך פון הונדערטער יאָר געהערשט איבער מיליאָנען מענטשן און רחבֿות־דיקע לענדער זענען צוזאַמענגעפאַלן ווי אַ בנין נאָך אַן ערדציטערניש. אַנדערע זענען דערהרגעט געוואָרן אין איינעם מיט זייערע משפּחות אין בלוטיקע רעוואָלוציעס.

אַפילו אונדזער דאָרף, ווו ס'איז געווען שטיל בעת דער מלחמה, האָט איצט געקאָכט ווי אַ קעסל. די זעלנערס וואָס זענען צוריקגעקומען פון דער מלחמה, בפרט די וואָס זענען געווען אין רוסישער געפאַנגענשאַפט און האָבן זיך דאָרטן באַטייליקט אין בירגערקריג אין איינעם מיט די באָלשעוויקעס, האָבן פּלוצעם גערעדט אַ נײַ לשון און געזונגען נײַע לידער.

אַזוי ווי אין אונדזער דאָרף זענען נישט געווען קיין פאַבריקן און אויך נישט קיין גרויסע גרונט־באַזיצערס און ס'איז נישט געווען קעגן וועמען צו פירן אַ ממשותדיקן קלאַסנקאַמף, האָבן זיך אונדזערע דאָרף־רעוואָלוציאָנערן באַנוגנט צו העצן קעגן די מנהיגים וואָס האָבן יאָרן־לאַנג באַשטימט דעם גורל פון דאָרף. קינדער האָבן זיך געבונטעוועט קעגן זייערע עלטערן. עס האָט אויסגעזען ווי אַ נײַער מבול איז געקומען אויף דער וועלט. אָבער דאָס אַלץ האָט אויפגעהערט אַזוי פּלוצלינג ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָבן מיר געזען אַרײַנמאַרשירן אין דאָרף די טשעכישע לעגיאָנאַרן. באַלד נאָך דעם איז אַרויסגעקומען דער דאָרפסדינער מיט דער פויק און האָט אויסגערופן אין אַלע גאַסן אַז פון הײַנט אָן געהערן מיר צו דער טשעכישער רעפּובליק. אונדזער הויפּטשטאָט איז נישט מער בודאַפּעשט צי ווין, נײַערט פּראַג, און אונדזער געגנט הייסט נישט מער מאַרמאַרעש, ווי ביז איצט, נײַערט קאַרפּאַט־רוסלאַנד.

איך געדענק נישט מער ווי אונדזערע שכנים האָבן אויפגענומען די דאָזיקע ידיעה. איך דערמאָן זיך נאָר אַז די ייִדן אין דאָרף זענען תּיכּף געווען גרייט

צו נעמען אויף זיך דעם עול פון דער נײַער ממשלה אין פּראָג, הגם אַ סך האָבן פֿאַרגאָסן טרערן איבער דעם ביטערן גורל פון דעם האַבסבורגער הויף און דער משפּחה פונעם אַלטן גוטן קייסער פראַנץ־יאָזעף.

יידן האָבן געהאַט אַ סימפּאַטיע פֿאַר דער נײַער רעגירונג אין פּראַג, בעיקר צוליב דעם מענטש וואָס איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער נײַער מדינה: טאָמאַס מאַסאַריק. ער איז געווען פֿאַר יידן אַ סימבאָל פון יושר און גערעכ־טיקייט נאָך פון דער צײַט ווען ער האָט פֿאַרטיידיקט די יידן קעגן דעם בלוט־בילבול אין הילזנער־פּראָצעס.

אַפילו שפּעטער, ווען די נײַע טשעכישע פקידים וואָס זענען געשיקט געוואָרן פון פּראָג האָבן זיך באַצויגן צו די אײַנוווינערס פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד ווי פּריצים צו זייערע משרתים, האָט די יידישע באַפעלקערונג נישט פאַרלוירן דעם צוטרוי צו טאָמאַס מאַסאַריק, וואָס איז אין זייערע אויגן געווען איינער פון די חסידי אומות העולם, און זיי האָבן געגלייבט אַז אויב מאַסאַריק וועט זיך נאָר דערוויסן וועגן דער אויפפירונג פון זײַנע פקידים, וועט ער זיי פאַריאָגן צו אַלע רוחות און מאַכן אַ סוף צו דער אונטערדריקונג.

אַ לויבגעזאַנג פאַר די יידן פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד

איך קען נישט פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל וועגן מײַן יוגנט און מײַן טאַטנס שטוב, איידער איך גיב אָפּ כּבוד דעם זכר פון די יידן פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד, וועלכע איך האָב אַזוי ליב געהאַט, די יידן וואָס זענען מער נישטאָ, ווײַל דער דײַטשער אַשמדאַי האָט זיי פאַרטיליקט, אויסגעשאָכטן און פאַרברענט אין די גאַזקאַמערן.

די יידן פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד האָבן פאַרדינט זייער ברויט מיט ביטערן שווייס און שווערער אַרבעט. ווייניק האָבן זוכה געווען אין אַ פּשוטן וואָכנ־טאָג צו זען אַ שטיקל ווייצנברויט און נאָך ווייניקער — אַ שטיקל פלייש. זיי האָבן געגעסן ברויט געבאַקן פון מאַמעליגע־מעל, דערצו אַ שטיקל הערינג און דאָס אַלץ אַראָפּגעוואָשן מיט אַ גלאָז מילך אָדער זויערמילך.

זיי זענען געווען אַ שבט פון געזונטע יידן, מיט ברייטע פּלייצעס, וואָס האָבן פאַרשטאַנען צו פאַרטיידיקן זייער כּבוד. אויב עמעצער האָט זיי פאַר־טשעפּעט, זענען זיי אויך מסוגל געווען אָפּצוצאָלן מיט אַ פויסט. קיין גרויסע תּלמידי־חכמים זענען זיי נישט געווען, אָבער זיי האָבן אָפּגעגעבן כּבוד פאַר יידן תּלמידי־חכמים. זיי האָבן נישט געהאַט קיין טענות צום רבונו־של־עולם, אַלץ אָנגענומען פאַר ליב און זיך געטרייסט דערמיט אַז ווען משיח וועט קומען, וועט זײַן גוט אַלע יידן.

אַ גאַנצע וואָך זענען זיי געווען פֿאַריאָגט נאָך פּרנסה, געפּילדערט ווי דער סמבטיון; מ'האָט געקענט מיינען אַז זיי האָבן קיין צײַט נישט אָפּצואָטעמען. אָבער ווי נאָר ס'איז געקומען שבת, זענען זיי געוואָרן אַנדערע מענטשן. געווען אַפֿילו ייִדן וואָס האָבן זיך אַ גאַנצע וואָך בלויז געגרייט פֿאַר שבת, אָפּגעשפּאָרט איטלעכן גראָשן, כּדי צו קענען מקבל־פּנים־זײַן דעם שבת ווי מלכּים. דער אָרעמסטער ייִד האָט זיך געפֿילט ווי אַ פּרינץ ווען ער האָט זיך אָנגעקגעזעצט פּרײַטיק צו נאַכטס בײַם געדעקטן טיש, מיט זײַן משפּחה, און האָט פֿאַרגעסן אין אַלע וואָכעדיקע דאגות, ווי זיי וואָלטן גאָר קיין מאָל נישט געווען.

דעם שינוי האָט מען שוין געקענט זען פּרײַטיק מיטאָגצײַט. ייִדן וואָס האָבן אַ גאַנצע וואָך נישט געהאַט קיין צײַט און זענען אַרומגעלאָפֿן ווי פֿאַרסמטע מײַז נאָך פּרנסה, זענען פּלוצלינג געוואָרן רויִק, ווי זיי וואָלטן באַקומען אַ נײַע נשמה. איך זע זיי שורות־שורות גיין אין מיקווה און אין שוויצבאָד; נאָך זיי — טשערעדעס קינדער; אַלע גייען זיי שטיל, בכּבֿודיק, ווי עס פּאַסט פֿאַר יונגע פּרינצן וואָס אײַלן זיך מקבל־פּנים צו זײַן די מלכּה.

אונדזער שוויצבאָד איז געווען קליין און אײַב מ'האָט זיך געוואָלט דער־שלאָגן צו דער אייבערשטער באַנק האָט מען זיך געמוזט דורכשטופּן צווישן די נאַקעטע לײַבער וואָס האָבן זיך געברענט און געבראָטן אין אייגענעם שווייס. מחמת דער שטאַרקער פּאַרע האָט מען קיינעם נישט דערקענט. סײַדן לויטן קול.

ווען כ'האָב געהערט אַ טיפֿן זיפֿץ און דערנאָך אַ זאָג: לכּבֿוד שבת — האָב איך געוווּסט אַז דאָס איז אונדזער שוחט ר' אַנשל. אַ גאַנצע וואָך האָט ער געליטן פֿון אַלע קרענק און שלאַפֿקייטן. זומער און ווינטער איז ער געגאַנגען אײַנגעוויקלט אין אַ גרויסן שאַל ער זאָל חס־וחלילה נישט כאַפּן אַ לופֿטצוג. נאָר ערבֿ שבת אין מיקווה האָבן זיך פֿון אים אָפּגעטאָן אַלע שלאַפֿקייטן. ער האָט נישט מער מורא געהאַט אַז ער וועט זיך צוקילן. ווייסט איר פֿאַר וואָס? ווײַל אין באָד איז ער דאָך נישט געגאַנגען פֿאַר זײַן אייגענעם תּענוג. ער איז דאָך געגאַנגען בלויז זיך צוגרייטן לכּבֿוד שבת מלכּתא און דערפֿאַר וועט אים גאָרנישט שאַטן.

און אָט הער איך אַ זיפֿץ פֿון אַ ייִד גלײַך ווי אַ בעל־תּאווה, וואָס האָט הנאה פֿון אַן עבֿירה, און דעם זיפֿץ באַגלייט אַ געשריי: אַ מחיה צו זײַן אַ ייִד! — ווייס איך תּיכּף אַז דאָס איז ר' בענדיט דער בעל־עגלה. ער איז געווען אַ ייִד אַ בעל־גוף, וואָס פֿלעגט צולייגן אַ פּלייצע ווען זײַן מאָגער פֿערדל האָט נישט געקענט אַרויסשלעפּן דעם וואָגן פֿון אַ בלאָטע. ר' בענדיט

איז געווען אַ פריילעכער ייִד, אַ שמח בחלקו, אַ צופרידענער מיט זײַן גורל. איך זע אים זיצן אויפן וואָגן, אין אַ קורצן שעפּסנפּעלץ, אַרומגעבונדן מיט אַ גראָבן שטריק, און ער זאָגט תּהילים.

אין אַן אַנדער ווינקל הער איך ווי דער בעדער ר׳ יוסף־לייב שלאָגט מיט זײַן בעזעמל אַ ייִדן און דער ייִד בעט זיך בײַ אים ער זאָל אים נישט זשאַלעווען, ווײַל ס׳איז פּשוט טעם־גן־עדן. דאָס איז ר׳ יהושע דער שנײַדער; ער טראָגט בײַ זיך שטענדיק דעם ספר קב ונקי, וואָס ער קען אים אויף אויסנווייניק ווי אשרי יושבי ביתך. ער איז געווען אַ מומחה אין נייען קאַפּטענעס, איינער איבערן גאַנצן קאַנט אונדזערן. זײַנע קאַפּטענעס זענען געווען אַ שם־דבר, ממש כּפתור ופרח. מ׳האָט געוווּסט אַז בײַ אים דאַרף מען וואַרטן חדשים־לאַנג, און דאָך פלעגט מען קומען צו אים פון ווײַט און ברייט באַשטעלן אַ קאַפּטן און וואַרטן געדולדיק ביז ער וועט פאַרטיק ווערן. אַז מ׳האָט אים געפרעגט פאַר וואָס עס געדויערט אַזוי לאַנג בײַ אים אויפנייען אַ בגד, האָט ער געענטפערט מיט אַ שאלה: אַ קאַפּטן איז דען סתּם אַ בגד? אַ קאַפּטן איז דאָך עולם ומלואו, אַ וועלט פאַר זיך, אין וועלכער ס׳איז פאַראַן אַלץ: כּבוד, חן און דער עיקר — ייִראת־שמיים. אַפילו דער רבונו־של־עולם, וואָס איז כּל יכול, האָט געברויכט אַ וואָך צו באַשאַפן די וועלט, קל וחומר איך, אַ פּשוטער בשר־ודם, ברויך אַ סך צײַט אויפצונייען אַ קאַפּטן.

איין שוואַכקייט האָט ער געהאַט, ר׳ יהושע דער שנײַדער. אַ גאַנץ יאָר איז ער געזעסן בײַ דער ניימאַשין און האָט געאַרבעט, כּמעט נישט אַרויסגעפּאָרן פון דאָרף. אָבער ווי נאָר ס׳איז געקומען חנוכּה האָט אים אָנגעכאַפּט דאָס קדחת פון שפּילן אין קאָרטן. חנוכּה האָט מען בײַ אונדז געשפּילט אין קוויטלעך, בדרך־כּלל איין־און־צוואַנציק, נישט חלילה צו געווינען געלט, נאָר יוצא צו זײַן. בײַ ר׳ יהושע איז דער מינהג געוואָרן כּמעט אַ קרענק. בלויז כּמעט, ווײַל באַלד נאָך חנוכּה איז ער צוריק צו זײַן אַרבעט און האָט פאַרגעסן אין די קאָרטן. אָבער ערב חנוכּה האָט ער צונויפגעפּאַקט זײַנע בגדים, גענומען די אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס פון אַ גאַנץ יאָר, זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ וואָגן און אָוועק קיין טעטש, אָדער קיין כוסט, צוויי שטעטלעך נישט ווײַט פון בעדעבלע. דאָרטן האָבן אויף אים געוואַרט באַקאַנטע קאָרטן־שפּילערס און מען האָט זיך תּיכּף אָוועקגעזעצט שפּילן און נישט אויפגעהערט ביז נאָך חנוכּה. דערנאָך איז ער אַהיימגעפאָרן מיט ליידיקע קעשענעס און לצים אין דאָרף האָבן דערציילט, אַז אַ סך מאָל איז ר׳ יהושע געקומען אין די אונטערהויזן, ווײַל די חברים זײַנע האָבן בײַ אים צוגענומען די קליידער ווען ער האָט נישט מער געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן די חובות.

יאָרן־לאַנג האָב איך זיך געפרעגט: ווו האָט געשטעקט אין אַזאַ קליין, דאַר ייִדל ווי ר׳ יהושע אַזאַ גרויסער יצר־הרע? ווײַזט אויס אַז אין זײַן תמימותדיקייט האָט ער געגלייבט אַז שפּילן אין קאָרטן חנוכּה איז אַ מיצווה און אויב אַ מיצווה, דאַרף מען זי טאָן מיטן גאַנצן האַרצן און מיטן גאַנצן פאַרמעגן, אַפילו ווען מענטשן פאַרשטייען אים נישט און לאַכן פון אים. דער עיקר איז פאַר אים געווען מקיים צו זײַן די מיצווה ווי אין פּסוק שטייט: בכל לבבך ובכל נפשך.

ווען עמעצער האָט געשריִען אין באָד: האָט רחמנות, לאָזט הנאה האָבן — האָט מען געוווסט אַז דאָס איז אַבֿרהם, דער שמיד פון דאָרף. ער איז געווען אַ הויכער, ברייטפּלייציקער ייִד און אויף דער פּלייצע, ווי צוגעקלעפּט, אַ גרויסער קיילעכיקער קאָפּ מיט געקרײַזלטע האָר. דאָס פּנים איז געווען באַדעקט מיט אַ ברייטער גרויסער באָרד און גראָבע פּאות, שוואַרצע ווי קוילן. פון דעם גאַנצן פּנים האָט מען געקענט אַרויסזען נאָר צוויי שורות ווײַסע ציין, וואָס האָבן געבלישטשעט ווי פּערל.

מיר, די יונגע חבֿרה, פלעגן אים רופן שמשון הגיבור. ווען ער האָט גע־דאַרפט בײַטן אַ ראָד בײַ אַן אָנגעלאָדענעם וואָגן האָט ער נישט געוואַרט מען זאָל אים פריִער אויסליידיקן. ער האָט אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע און אויפגעהויבן דעם וואָגן ווי אַ שפּילעכל.

פאַר טאָג, ווען דאָס גאַנצע דאָרף איז נאָך געשלאָפן, איז אַבֿרהם שוין געשטאַנען אין זײַן שמידערײַ און האָט געצויגן דעם שטריק פון דעם לעדערנעם בלאָזזאַק, כּדי די קוילן אין אויוון זאָלן זיך וואָס גיכער צעברע־נען. ווען דאָס פײַער האָט זיך גוט צעברענט, האָט ער מיט אַ לאַנגער צוואַנג אַרויסגעשלעפּט פון אויוון דאָס גליִענדיקע אײַזן, עס אַוועקגעלייגט אויף דער קאָוואַדלע וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פון דער שמידערײַ און אין איינעם מיט זײַן באַהעלפער, יעדער איינער מיט אַ שווערן האַמער, אַזוי לאַנג געקלאַפּט, ביז דאָס אײַזן האָט באַקומען די פאָרעם וואָס ער האָט באַדאַרפט. דאָס קלאַפּן פון די צוויי האַמערס אין טאַקט, איינער נאָכן אַנדערן, האָט זיך געלאָזט הערן ווי אַ מוזיק און האָט צו וויסן געטאָן דעם גאַנצן דאָרף אַז ס׳איז צײַט אויפצושטיין. דעם שמיד האָט די מוזיק פון די האַמערס גאָרנישט געשטערט, ערשטנס ווײַל פון יאָרן־לאַנגער אַרבעט אין שמידערײַ איז ער געווען טויב אויפן רעכטן אויער און צווייטנס, ווײַל זײַנע מחשבות זענען געווען פאַרנומען מיט די קאַפּיטלעך תהילים וואָס ער פלעג אַרײַנכאַפּן בײַ דער אַרבעט, פאַרן דאַווענען שחרית. אַזוי איז געגאַנגען אַ גאַנצע וואָך. אָבער פרײַטיק איז דער באַהעלפער געבליבן אַליין אין דער שמידערײַ, ווײַל

אַברהם דער שמיד האָט געהאָלפן זײַן ווײַב חנה צוגרייטן דעם שבת.

דער קצב אין דאָרף האָט געוווּסט אַז דער שמיד קויפט די גרעסטע און פעטסטע קישקע פאַרן שבתדיקן טשאָלנט. בעת זײַן ווײַב איז געווען פאַרנומען מיט די חלות אין אויוון, האָט דער שמיד גערייניקט די קישקע, זי אָנגעפילט מיט ווײַסן חלה־מעל, מיט שטיקלעך פלייש און אַ פּאָר לעפל געגנדזערן שמאַלץ, און דערנאָך זי פאַרנייט מיט אַ פאָדעם. דאָס אַלץ האָט ער אַרײַנגעלייגט אין אַ גרויסן טאָפּ מיט גרויפּן, בונדלעך און קאַרטאָפל, אים גוט פאַרדעקט און אַרײַנגערוקט אין הייסן אויוון ביז דעם אַנדערן טאָג.

בדרך־כּלל האָבן די ייִדן אין דאָרף צוגעגרייט אויף שבת איין קוגל פון געריבענע קאַרטאָפל. אַברהם דער שמיד האָט תּמיד געמאַכט צוויי קוגלען, איינעם פון געריבענע קאַרטאָפל און איינעם אַ לאָקשענעם. אין יעדן איינעם האָט ער אַרײַנגעשלאָגן אַ פּאָר אייער און אַ פּאָר לעפל שמאַלץ און די פאַרדעקטע ערדענע טעפּ אַרײַנגערוקט אין הייסן אויוון.

נאָך דעם ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט די מאכלים האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין מיקווה. דאָרטן איז ער געזעסן ביז דער בעדער האָט געדאַרפט פאַרשליסן די טיר. שעהען־לאַנג האָט ער געריבן און געקראַצט די פאַררייכערטע הויט, וואָס האָט אויסגעזען ווי די הויט פון אַ גערייכערטן הערינג. צום סוף, ווען ער איז פרײַטיק צו נאַכטס געגאַנגען אין בית־מדרש, אָנגעטאָן אין זײַדענעם קאַפּטן און שטרײַמל, אין גלאַנציקע שטיוול און אַ שניי־ווײַסן העמד, האָט ער אויסגעזען ווי אַ שוואַרצער פּרינץ פון ווײַטן לאַנד כּוש, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אונדזער דאָרף.

דער טשאָלנט און דער קוגל שבת מיטאָג זענען פאַר אַברהם דעם שמיד געווען די עיקרדיקע סעודה און דערפאַר האָט ער געגעסן פּאַמעלעך, ניט געכאַפּט, און ווער ס'האָט אים געזען פראַווען די דאָזיקע סעודה האָט פאַרשטאַנען אַז אויך אַ ייִד קען הנאה האָבן פון עולם־הזה.

ווען ס'איז געקומען צום בענטשן האָט אַברהם קוים נאָך געהאַלטן אָפן די אויגן. אָפּגעבענטשט, האָט ער זיך מיט די לעצטע כּוחות צוגעשלעפּט צו דער לאַנגער באַנק בײַ דער וואַנט, אין גרויסן צימער, און איז אַנידערגעפאַלן ווי אַ טויטער. אַפילו אַן ערדציטערניש האָט אים נישט געקענט אויפוועקן. לצנים פלעגן זאָגן אַז אַפילו תּחית־המתים וועט ער נישט קענען אויפשטיין...

אָבער ווען דער זייגער האָט געשלאָגן פיר איז ער פּלוצעם אויפגעשפּרונגען ווי געביסן פון אַ שלאַנג, זיך אָפּגעשווענקט דאָס פּנים מיט קאַלט וואַסער און אַוועק אין בית־מדרש הערן ווי מײַן טאַטע פאַרטײַטשט פּרקי־אָבות. ווער עס האָט געזען אָט דעם לײַביקן ייִד זיצן ווי אַ קליין קינד אין בית־

מדרש, און צוהאַלטן מיט זײַן גרויסער האַנט דעם רעכטן אויער, ער זאָל, מחמת זײַן טויבקייט, נישט פאַרלירן, חס וחלילה, אַ וואָרט וואָס מײַן טאַטע זאָגט, ווער עס האָט אים געזען — האָט זיך געקענט אָפּגעבן חשבון וואָס דאָס הייסט אהבת תּורה און ווי וויַיט יידן זענען צוגעבונדן צו דער תּורה.

גאָר אַנדערש האָט ר׳ יהודה כּהן צו וויסן געטאָן אַז ער געפינט זיך אין באָד און אַז ער וויל מען זאָל אים מאַכן פּלאַץ אויף דער אייבערשטער באַנק. ער פלעגט פּשוט אַ געשריַי טאָן: כּהנים! — פּונקט ווי בײַם דוכענען אין בית־מדרש. ווי מען האָט אים נאָר דערהערט, האָט מען אים תּיכּף געלאָזט אַרויפקריכן.

ר׳ יהודה איז געווען דער איינציקער ייִד אין דאָרף מיט אַ פיַיערדיק רויטער באָרד און ער איז תּמיד אַרומגעגאַנגען מיט אַ גראָבן שטעקן, וואָס ער האָט אַליין אויסגעשניצט פון אַ צווײַג. ער האָט געמאַכט דעם רושם פון אַ שטענ־דיק ברוגזן ייִד וואָס איז נישט צופרידן מיט דער וועלט. מען פלעגט אים רופן: דער רויטער, און די קינדער אין דאָרף האָבן מורא געהאַט מיט אים צו טשעפּען.

אַ גאַנץ יאָר האָט זיך ר׳ יהודה געיאָגט נאָך פּרנסה. ער פלעגט פאַרקויפן אין דאָרף און אין דער גאַנצער געגנט געטריקנטע פלוימען און עפּל וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַרן ווינטער. אין בית־המדרש איז ער נישט געווען צווישן די מיזרח־וואַנט־ייִדן. ער איז געזעסן מיט עמך אין דער הינטערשטער שורה.

אָבער יום־טוב און ימים־נוראים איז ר׳ יהודה, דער עלטסטער צווישן די כּהנים אין דאָרף, געוואָרן אַ חשובער פאַרשוין. ווי ער איז נאָר אַרײַנגעקומען אין בית־מדרש האָבן אים אַלע באַגריסט און בעתן דאַווענען האָבן אים אַפילו די פּני העיר דערלאַנגט אַ פּושקעלע ער זאָל נעמען אַ שמעק טאַביקע. ווען דער בעל־תּפילה האָט פאַרענדיקט זאָגן קדושה איז ר׳ יהודה מיט זיַינע חברים די כּהנים אַרויס אין פּאַליש, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ גרויס פאַס מיט וואַסער און אַ בלעכן טעפּל זיך צו וואַשן די הענט. מיר, די יונגע חברה, זענען נאָכגעלאָפן די כּהנים און זיי געהאָלפן אויסטאָן די שיך אָדער אַראָפּ־שלעפן די שטיוול. באַלד האָבן זיך אויך באַוויזן די מיזרח־וואַנט־ייִדן. זיי האָבן אָנגעשעפּט וואַסער פון פאַס כּדי צו וואַשן די כּהנימס הענט. דערנאָך זענען די כּהנים, מיט ר׳ יהודה בראש, צוריק אַרײַן אין בית־מדרש און זיך אַרויפגערוקט אין מיזרח, וואָס די בעלי־בתּים האָבן פרײַ געמאַכט. זיי האָבן געוואַרט דער בעל־תּפילה זאָל געבן דעם סימן זיי זאָלן אָנהייבן בענטשן די קהילה.

אונדז, קינדער, האָט מען פאַרוועדט צו קוקן אויף די כהנים בעת זיי דוכענען, כדי מיר זאָלן נישט זען די שכינה וואָס רוט אויף זיי און וואָס איז אַזוי שטאַרק, אַז מען קאָן חלילה בלינד ווערן. די עלטערן פלעגן אונדז נעמען צו זיך און פאַרדעקן מיט זייערע טליתים.

מיר קלינגט נאָך אַצינד אין אויער דער וווּנדערלעכער ניגון פון אונדזערע כהנים, בעת זיי האָבן אויסגעצויגן די ברכות יברכך וישמרך... באַזונדערש הער איך דאָס שיינע קלינגענדיקע קול פון ר׳ יהודה, וואָס איך האָב אים דעמאָלט געהאַלטן פאַר אַהרן הכהן בכבודו ובעצמו.

אַזוי האָבן אויסגעזען ביי אונדז אין דאָרף די הכנות פאַר שבת, פאַר דער נשמה יתירה. די עיקרדיקע שימחה איז אָבער געווען פרייטיק צו נאַכטס, ווען ייִדן זענען אַהיימגעקומען פון דאַווענען. ביי אונדז אין בית־מדרש האָט מען געדאַוונט לויטן וויזשניצער נוסח, מיט סאַמע געזאַנג און פרייד. מ׳האָט פאַרגעסן אין אַלע וואָכעדיקע דאגות און אין אַלע טענות צו דעם רבונו־של־עולם. פרייטיק צו נאַכטס האָבן ייִדן שלום געמאַכט מיטן רבונו־של־עולם און אַפילו זיך געפּיעשטשעט פאַר אים, כדי אים צו באַווייזן זייער גרויסע ליבשאַפט. איטלעכער ייִד האָט געוואָלט זיין נאָענט צום רבונו־של־עולם ווי אַ זון וויל זיין נאָענט צו זיין פאָטער.

די קליינע ייִדישע כאַטעס, וואָס זענען אַ גאַנצע וואָך געשטאַנען גרוי און טונקל, האָבן פרייטיק צו נאַכטס געשטראַלט מיט וואַרעמקייט, און נישט נאָר פון די ליכט וואָס האָבן געברענט אין די לייכטער, נייערט אויך פון די זיסע און שיינע שלום־עליכם־געזאַנגען וואָס האָבן זיך געגאָסן פון יעדן ייִדישן הויז. יאָ, ווער ס׳האָט נישט געזען אונדזערע דאָרפסייִדן מקבל־שבת זיין, דער האָט נישט געזען קיין אמתע שימחה.

דאָס ווערטל „אין עם־הארץ חסיד" האָט זיך נישט געפּאַסט פאַר די ייִדן פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד, ווייל זיי זענען אַלע געווען חסידים און האָבן מיט ליבשאַפט און פון אייגענעם ווילן גענומען אויף זיך דעם עול פון חסידות. פאַר זיי האָט חסידות באַטייט צו לעבן מיט פרייד אין האַרצן און הגם זיי זענען געווען האַרעפּאַשנע מענטשן און האָבן שווער געהאָרעוועט זענען זיי מסוגל געווען זיך אמתדיק צו פרייען מיט שבת. ס׳קען זיך אויסווייזן טשיקאַווע, אָבער אַז מען האָט געפרעגט אַ ייִדן, אַן עני ואביון, וואָס איז די שימחה, האָט ער געענטפערט: צו זיין אַ ייִד איז נישט קיין סיבה זיך צו פרייען? יאָ, אונדזערע ייִדן האָבן זיך געפרייט וואָס דער רבונו־של־עולם האָט זיי אויסגעקליבן פאַר זיין פאָלק.

דער גרעסטער חלק פון די קאַרפּאַט־רוסישע ייִדן זענען געווען וויזשניצער

חסידים. מײַן טאַטע פֿלעגט דערציילן ווי שווער ס'איז געווען אין יענע יאָרן זיך צו דערשלאָגן קיין וויזשניץ. מען האָט געדאַרפֿט פֿאָרן טאָג און נאַכט מיט אַ וואָגן וואָס האָט אַרויסגעטרייסלט די נשמה. פֿון דעסטוועגן איז יעדער חסיד כאָטש צוויי מאָל אין יאָר געפֿאָרן אויף יום־טובים קיין וויזשניץ צום רבין.

דעם וויזשניצער רבינס הויף

די וויזשניצער חסידישע באַוועגונג אין קאַרפּאַט־רוסלאַנד געדענק איך פֿון מײַן פֿריסטער יוגנט. אַלטע ייִדן האָבן דערציילט אַז זי האָט עקסיסטירט נאָך פֿאַר זייער צײַט. בדרך־כּלל האָט דער אַדמו"ר געשיקט איינעם פֿון זײַנע זין ווי אַ רב און מורה הוראה אין איינעם פֿון אונדזערע דערפֿער. ער איז געווען דער פֿערזענלעכער ממלא־מקום פֿונעם רבין און האָט אויף אַזאַ אופֿן געזיכערט דעם המשך און דעם מאָנאָפּאָל פֿון דער וויזשניצער דינאַסטיע.

ווי אַזוי דאָס האָט זיך אָנגעהויבן, ווי אַזוי זיי זענען אַריבערגעקומען די קאַרפּאַטן אין אונדזער געגנט, דאָס ווייס איך נישט. בכל־אופֿן זענען דער וויזשניצער הויף און די וויזשניצער מנהיגים געווען צוגעפּאַסט פֿאַר דעם ייִדישן שבט פֿון קאַרפּאַט־רוסלאַנד.

די וויזשניצער תּורה בקיצור: אַ טיפֿער גלויבן אין מענטש און אין אַ בעסערן מאָרגן. אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צום לעבן און דעריבער די פֿאָדערונג צו לעבן מיט פֿרייד און נישט מיט טרויער. צו שלימות קען מען נאָר קומען דורך שׂימחה און אַפֿילו דעם רבונו־של־עולם קען מען דינען נאָר מיט שׂימחה. די אמתע שׂימחה קען מען אָבער נאָר דערגרייכן ווען מען איז צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדן, ווײַל נאָר אַזוי קומט צום אויסדרוק דאָס קעגנזײַטיקע אַחריות. נאָר ווען ייִדן זענען אין איינעם, דאַווענען אין איינעם, טאַנצן און זינגען אין איינעם פֿילט מען דאָס בשותּפֿותדיקע אַחריות. איטלעכער יחיד שאַפֿט אַרום זיך אַ רינג פֿון ייִדן וואָס באַשיצט פֿון צרות אי דעם יחיד און אי דעם כּלל.

אַט די תּורה האָט זיך אויסגעצייכנט צוגעפּאַסט פֿאַר די ייִדן פֿון אונדזער שבט. אונדזערע ייִדן האָבן ליב געהאַט דאָס לעבן און האָבן זיך נישט מתיאש געווען אַפֿילו ווען ס'איז זיי געווען שלעכט. ווען ס'איז זיי געווען שווער אויף דער נשמה האָבן זיי פֿאַרטריבן די מרה־שחורה מיט אַ גלעזל שנאַפּס בראָנפֿן, אַ וואַרעמען חסידישן ניגון און אַ שטורעמדיקן טאַנץ.

די וויזשניצער אַדמו"רים זענען געווען תּלמידי־חכמים, בקיאים אין ניגלה און אין ניסתּר. אַחוץ דעם זענען זיי אויך געווען מומחים אין נגינה און פּיוט. ווען זיי פֿלעגן דאַווענען פֿאַרן עמוד, שבת אָדער יום־טוב, צי בײַם טיש

בשעת דער סעודה, האָבן זיי אַלעמען צוגעצויגן מיט זייער געזאַנג. קודם איז מען געשטאַנען פון דער ווײַטנס, זיך פּשוט צוגעהערט צום געזאַנג. דערנאָך זענען די ניגונים אַרײַנגעדרונגען אין דער נשמה און האָבן ממש געצויגן מיטצוזינגען און מיטצוטאַנצן, כּדי צו זײַן אַ חלק פונעם רינג.

אין די יאָרן ווען איך בין געווען אין וויזשניץ האָב איך געזען פאַרשיידענע ייִדן בײַם רבינס הויף: אַ טייל פאַרברענטע חסידים, אַ טייל ווייניקער פאַר־ברענטע. אָבער גלײַכגילטיקע ייִדן האָב איך קיין מאָל נישט געזען.

אין חדר האָב איך אָנגעהויבן צו גיין זייער פרי. איך זע נאָך פאַר די אויגן מײַן ערשטן מלמד, ר׳ שׂימחה, אין שפּיץ פון טיש, און אַרום טיש — קינדער־לעך אין מײַן עלטער. דער לימוד אין חדר האָט זיך אָנגעהויבן פאַר טאָג, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער, בפרט ווינטער, אַזוי אַז דער טאַטע פלעגט מיך אונטערפירן. מיט איין האַנט האָט ער מיך געהאַלטן און אין דער צווייטער האָט ער געטראָגן אַ ברענענדיקן לאָמטערן וואָס האָט באַלויכטן דעם וועג.

איך געדענק ווי הײַנט ווי איך פלעג זיך ווערן מיט אַלע כּוחות צו פאַרלאָזן דאָס וואַרעמע בעט. דער טאַטע האָט מיך געוואָלט אַרויסנעמען אויף די הענט און די מאַמע האָט זיך בײַ אים געבעטן ער זאָל מיך נאָך לאָזן שלאָפן אַ ביסל. די עלטערן, און בעיקר די מאַמע, האָבן מיך, דעם מיזיניק, זייער ליב געהאַט.

יעדן טאָג איז די מאַמע געווען מײַן מליץ־יושר בײַם טאַטן, אַחוץ אין די סליחות־טעג. ר׳ דוד, דער שמש פון דאָרף, האָט געהאַט אַ באַס־שטימע, און ווען ער האָט געקלאַפּט אין פענצטער און געהרופן: ייִדן שטייט אויף צו סליחות! — האָט ער מיט זײַן קול אויפגעטרייסלט דעם עולם און אַלע זענען אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און זיך געאײַלט אין בית־מדרש.

קינדווײַז פלעג איך זיך דערשרעקן פאַר שמשׂס קול און זיך פאַרקריכן אונטערן קישן. אין די סליחות־טעג האָט מיר אָבער גאָרנישט געהאָלפן. די מאַמע מיט אירע ווייכע איידעלע הענט האָט מיך מיט גוואַלד אַרויסגענומען און מיר קלינגען נאָך הײַנט אין אויער אירע גאָלדענע ווערטער: דו מוזסט אויפשטיין צו סליחות, ווײַל די סליחות־טעג זענען טעג פון תּשובה פאַר אַלע באַשעפענישן אויף דער וועלט. אַפילו די פיש אין וואַסער ציטערן פאַרן קומענדיקן יום־הדין. נאָך אַזאַ וואָרעניש האָב איך זיך תּיכּף דערוועקט, הגם איך האָב נישט געוווּסט פאַר וואָס די פיש ציטערן און פאַר וואָס מיר דאַרפן זיך שטעלן פאַר אַ יום־הדין.

אין אונדזער געגנט האָט מען נישט געוווּסט אַז ס׳איז פאַראַן אַ ציוניסטישע באַוועגונג און אַז ייִדן גרייטן זיך צו פאָרן קיין ארץ־ישׂראל, אויפצובויען דאָרטן קאָלאָניעס. פון דעסטוועגן זענען אַלע ייִדן געווען ציוניסטן און האָבן געחלומט צו קומען קיין ציון, אויב נישט בײַם לעבן, איז כאָטש נאָכן טויט. איטלעכער ייִד, אַפילו דער אָרעמסטער, האָט אָפּגעשפּאָרט אַ גראָשן, אָפּגעריסן פונעם מויל, כּדי זיך צו קויפן אַ זעקל ארץ־ישׂראל־ערד וואָס כּל מיני שליחים פלעגן פאַרקויפן. דאָס זעקל ערד האָט מען געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ, ווײַל דאָס האָט געדאַרפט זײַן אַ קישן אין קבֿר.

אַלע ייִדן האָבן געגלייבט אין תּחית־המתים ווען משיח וועט קומען. דעמאָלט וועלן די מתים זיך מוזן קײַקלען איבער פעלדער און וועלדער ביז זיי וועלן זוכה זײַן צו קומען קיין ארץ־ישׂראל. נאָר די וואָס וועלן האָבן ארץ־ישׂראל־ערד צוקאָפּנס וועלן זיך נישט מוזן קײַקלען. זיי וועלן זיך פּשוט אויפזעצן אויף אַ וואָלקן, וואָס וועט זיי פירן קיין ארץ־ישׂראל.

אַלע ייִדן האָבן געדאַוונט דרײַ מאָל אין טאָג און זיך געבעטן: ולירושלים עירך תּשוב. טייל האָבן אויך צוויי מאָל אין דער וואָך אָפּגעריכט חצות, געזעסן אויף דער ערד און געקלאָגט אויפן חורבן פון ירושלים. צו מאָל, ווען כ׳פלעג זיך אויפוועקן אין מיטן דער נאַכט, פלעג איך זען דעם טאַטן זיצן אין אַ ווינקל אויף דער ערד און וויינען אויף דעם חורבן פון בית־המיקדש און פון ציון. איך זע נאָך אַצינד דעם גרויסן צער אויף זײַן איידעלען פּנים, ווי גלײַך דער חורבן וואָלט געשען ממש פאַר זײַנע אויגן און נישט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק.

אין יעדער ייִדישער שטוב זענען געווען צוויי צדקה־פּושקעס: איינע פאַר מאיר בעל־הנס און די צווייטע פאַר דעם וויזשניצער כּולל אין ירושלים. מיט דעם געלט וואָס מען האָט צונויפגענומען פון דער פּושקע האָט מען מפרנס געווען די וויזשניצער חסידים וואָס זענען געזעסן אין ירושלים און האָבן דאָרטן געלערנט תּורה.

ייִדן האָבן טאַקע שווער געהאָרעוועט, אָבער אויף דער מיצווה פון צדקה האָבן זיי נישט מוותּר געווען. אויב זיי האָבן נישט געהאַט פון וואַנען אַרײַנצוּוואַרפן יעדן טאָג אַ גראָשן, האָבן זיי עס געטאָן כאָטש ערבֿ שבת. דאָס אַרײַנוואַרפן דעם גראָשן אין דער פּושקע איז געווען אַ מין רעליגיעזער אַקט און דערפאַר האָבן די עלטערן מכבד געווען מיט דער מיצווה זייערע קינדער.

פרײַטיק פאַר נאַכט, איידער מען האָט געבענטשט די ליכט, האָט מיך דער טאַטע גענומען אויף די הענט איך זאָל גרייכן צו די פּושקעס וואָס

זענען געשטאַנען אויף דער שאָפּע און מיך געלערנט ווי אַזוי אַריינצוואַרפן די גראָשנס וואָס ער האָט מיר אַריינגעלייגט אין האַנט.

צוויי מאָל אין יאָר, חנוכה און חול־המועד פסח אָדער חול־המועד סוכות, איז געקומען אין דאָרף דער שליח פון וויזשניצער כולל כדי צו עפענען די פּושקעס און אַרויסנעמען דאָס געלט. ער האָט דאָס געלט ווייטער געשיקט צו דעם אַדמו״ר קיין וויזשניץ ווו ס׳איז געווען דער מרכז פון כולל. ווען דער שליח איז געקומען איז פאַר מיר שטענדיק געווען אַ יום־טוב, ווייל ער איז געווען אונדזער גאַסט און איך פלעג הערן פון זיין מויל וווּנדערלעכע מעשיות וועגן ארץ־ישראל און וועגן כותל־המערבי. דער שליח פון כולל האָט געהייסן ר׳ אברהם־בער. ער איז געווען אַ ייד אַ בעל־גוף, אַ הויכער, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער, זיידענער קאַפּאָטע און גלאַנצנדיקע שטיוול. זיין אויסזיין אַליין האָט דערוועקט כבוד און דרך־ארץ.

ווי נאָר דער שליח איז געקומען אין דאָרף אַריין, האָט מיך דער טאַטע באַפרייט פון חדר, כדי איך זאָל אַרויסהעלפן און באַגלייטן דעם גאַסט. איך פלעג אים טראָגן דאָס רענצל אין וועלכן ער האָט אַריינגעלייגט דאָס געלט פון די פּושקעס. אַ דאַנק דעם שליח האָב איך אויך געהאַט אַ געלעגנהייט צוויי מאָל אין יאָר אַריינצוקומען אין אַלע יידישע הייזער.

דאָס אויסליידיקן די פּושקעס האָט געדויערט צוויי טעג. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ציילן די גראָשנס און מאַכן די פּעקלעך — אין יעדן פּעקל אַ גאַנצע קראָנע. די דאָזיקע אַרבעט האָט מען געטאָן ביי אונדז אין שטוב, אַזוי אַז די גאַנצע משפחה האָט זיך באַטייליקט. מיר זענען געזעסן אַרום דעם גרויסן טיש אין אונדזער גאַסטצימער. מיר האָבן געציילט און געמאַכט די פּעקלעך; דער שליח האָט געשריבן קבלות און דערציילט די אויסטערלישע מעשיות וועגן ארץ־ישראל און די דאָרטיקע יידן. ער האָט בעיקר דערציילט וועגן מקובלים וואָס זיצן טאָג און נאַכט ביים כותל־מערבי, לערנען זוהר און מאַכן דעם חשבון ווען משיח וועט קומען. וועדליק זייערע חשבונות איז די גאולה שוין געווען זייער נאָענט. אַ סימן — די צרות וואָס יידן ליידן אין די לעצטע יאָרן. דאָס איז נישט אַנדערש, ווי די לאַנג־געגאַרטע אַתחלתא דגאולה.

איך האָב קיין שום ספק נישט אַז דער יידישער שבט פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד האָט געקענט האָבן אַ בכבודיקן חלק אין אויפבוי פון מדינת־ישראל. צום באַדויערן האָבן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אָנגעהויבן זייער שפּעט זיך צו פאַראינטערעסירן מיט די דאָזיקע יידן. דערפאַר טאַקע האָבן ווייניק פון

זיי זיך געראַטעוועט פון דעם היטלערישן חורבן. דער גרעסטער טייל איז אומגעקומען. די וואָס האָבן זוכה געווען צו קומען קיין ישׂראל האָבן טאַקע באַוויזן זיך גוט אײַנצוואָרצלען דאָ אין לאַנד.

איידער איך פאַרענדיק דאָס קאַפּיטל וועגן מײַנע קינדער־יאָרן וויל איך נאָך דערמאָנען אונדזערע נישט־ייִדישע שכנים. אין אונדזער דאָרף האָבן געלעבט אַן ערך דרײַ הונדערט גויִישע משפּחות, וואָס האָבן גערעדט אור־קראַיִניש. די ייִדישע הײַזער זענען געווען פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן דאָרף און צווישן אַלע תּושבים זענען געווען גוטע שכנישע באַציִונגען. אַלע האָבן אָנטייל גענומען, סײַ אויף שׂימחות, סײַ אין אַן עת־צרה און איינער פלעגט אַרויסהעלפן דעם אַנדערן.

די גויִים, פּונקט ווי די ייִדן, זענען געווען שטאַרק פרום. איטלעכער איז געווען איבערצײַגט אַז זײַן גלויבן איז דער אמתער. פון דעסטוועגן האָבן זיי זיך באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ צום דעם גלויבן פונעם אַנדערן, ווי עס פּאַסט צווישן פּשוטע און ערלעכע מענטשן.

דאָס רוב פון מײַנע שפּיל־חברים זענען געווען נישט־ייִדישע. ווי עס מאַכט זיך צווישן קינדער, האָט זיך די שפּיל אָפט מאָל פאַרענדיקט מיט אַ שלעג־געריי. איך האָב אָבער קיין מאָל נישט געהערט פון זיי קיין זידלוואָרט, ווי למשל „זשיד".

אין שול בין איך אויך געזעסן צווישן נישט־ייִדישע קינדער און דער לערער אין פאָלקסשול איז אויך נישט געווען קיין ייִד. פון דעסטוועגן האָט מיך קיינער נישט באַליידיקט דערפאַר וואָס איך בין אַ ייִד. הגם איך מוז זיך מתוודה זײַן אַז איך בין נישט געווען קיין לעמעלע און האָב אָנגעטאָן אַ סך צרות אי דעם לערער, אי מײַנע חברים.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך בין געקומען קיין בעדעבלע, בעת דער טשע־כישער רעפּובליק, האָב איך מײַן דאָרף כּמעט נישט דערקענט. די פרײַנד־שאַפט צווישן ייִדן און נישט־ייִדן איז נעלם געוואָרן. דווקא אין דער צײַט ווען אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ האָט געהערשט דער דעמאָקראַטישער און ליבעראַלער פּרעזידענט טאָמאַס מאַסאַריק האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויק־לען דער אַנטיסעמיטיזם. די סיבה איז געווען מאַסאַריקס רוסאָפילישע פּאָליטיק. ווי נאָר ער איז געוואָרן פּרעזידענט, האָט די רוסאָפילישע באַוועג־גונג געוווּנען אַ גרויסע השפּעה אין קאַרפּאַט־רוסלאַנד, ווו די באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון אוקראַיִנער, און אין די דערפער זענען אָנגעקומען נײַע פּראַוואָסלאַווּנע גלחים וואָס האָבן פאַרשפּרייט דעם אַנטיסעמיטישן סם.

בעת דער האַבסבורגער מלוכה האָט אין בעדעבלע געלעבט אַ גלח אַ ייִדנ־פרײַנד, אפשר גאָר איינער פון די חסידי־אומות־העולם. אַלע פלעגן אים אָפּגעבן כבוד. ער האָט געוווינט מיט אונדז אין שכנות און פלעגט כּמעט יעדן טאָג אַרײַנקומען צו מײַן טאַטן זיך דורכשמועסן וועגן פאַרשיידענע ענינים. זיי האָבן געוואָלט דערגרונטעוועט פאַר וואָס מענטשן האָבן פאַרשיידענע גלויבנס. זייער שמועס איז אָבער תּמיד געווען אַ פרײַנדשאַפט־לעכער, מיט דרך־ארץ איינער פאַרן צווייטן.

דער גלח האָט געהאַט צוויי זין, אישטוואַן און פּאַוועל, אין עלטער פון מײַנע גרעסערע ברידער. פלעגן זיי אויך זײַן טאָג־טעגלעכע געסט בײַ אונדז אין שטוב. ווען מײַן טאַטע האָט יעדן נאָכמיטאָג געלערנט מיט מײַנע ברידער אַ בלאַט גמרה מיט תּוספות זענען דעם גלחס זין געזעסן בײַם טיש און זיך צוגעהערט, ווי גלײַך זיי וואָלטן פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט. ביידע האָבן גערעדט ייִדיש פונקט ווי מיר און אָפּט מאָל פלעגן זיי אַרײַנמישן אין רעדן גאַנצע פסוקים פון דאַווענען אָדער פון מאמרי חז״ל. אין דער צײַט פון דער טשעכישער רעפּובליק זענען ביידע עולה לגדולה געווען. איינער איז געוואָרן דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט און בירגערלעכער מושל פון אונדזער קאַנט; דער צווייטער איז געווען ממלא־מקום פון אינערן־מיניסטער פאַר די ענינים פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד.

שפּעטער וועל איך דערציילן ווי אַזוי דעם גלחס זין האָבן נישט פאַרגעסן אונדזערע בשותּפותדיקע קינדער־יאָרן און האָבן מיך נישט איין מאָל גע־ראַטעוועט פון דער פּאָליציי, בעת איך בין געווען אַקטיוו אין דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי. אָפט מאָל האָבן זיי אײַנגעשטעלט זייער פּאָזיציע מיך צו וואָרענען פאַר די אַגענטן וואָס האָבן געטשאַטעוועט נאָך מײַנע טריט. ווען איך האָב זיי געפרעגט פאַר וואָס זיי טוען דאָס, נישט געקוקט וואָס זיי געהערן צו דער אַגראַר־פּאַרטיי און זענען דורכויסיקע קעגנערס פון קאָמור־ניזם, האָבן זיי געענטפערט: צוליב דער אַלטער פרײַנדשאַפט און כּבוד פאַרן אָנדענק פון מײַן טאַטן, וועלכן זיי האָבן שטענדיק באַטיטלט מורנו ורבנו ר׳ בעריש ז״ל.

דערמיט האָב איך פאַרענדיקט די פּרשה פון בעדעבלע, דאָס דאָרף אין וועלכן איך בין געבוירן געוואָרן און וווּ איך האָב פאַרבראַכט מײַנע קינדער־יאָרן, די שענסטע יאָרן פון מײַן לעבן, יאָרן אין וועלכע איך האָב געחלומט אויסטערלישע חלומות און קיינער האָט מיך נישט געשטערט, יאָרן אין וועלכע

איך האָב געגלייבט אַז וואָס עס זאָל נישט קומען איבער מיר, וועל איך זיך תמיד קענען אומקערן אַהיים, אין הויז פון מײַנע עלטערן.

פּלוצעם בין איך מיט געוואַלד אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער שטילער, רויִקער אַטמאָספער, פון דעם פּאַסטאָראַלישן דאָרף מיט זײַנע פעלדער און וועלדער, און פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ רעשיקער שטאָט מיט פרעמדע מענטשן, אַ שטאָט מיט הויכע הײַזער וואָס האָבן פאַרשטעלט די זון. דער איבערגאַנג איז געווען אַ פּלוצעמדיקער, אַ שאַרפער און איך האָב אים אַ לאַנגע צײַט געפילט ווי אַ ברענענדיקן ווייטיק.

ב

יוגנט, וואָגלעניש

ווען די רוסישע אַרמיי האָט זיך, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער־נעענטערט צו דער בוקאָווינע, איז דער אַדמו״ר פון וויזשניץ, ר׳ ישׂראלטשע, אַנטלאָפן קיין אונגאַרן און זיך באַזעצט אין גרויסוואַרדיין, ווו ס׳איז געווען אַ גרויסע קהילה פון פערציק טויזנט ייִדן, דער גרעסטער טייל מתנגדים, ווײַט פון דער חסידישער באַוועגונג.

ר׳ ישׂראלטשע איז געווען אַ ייִד מיט אַ הדרת־פּנים און זײַן אויסזען האָט געמאַכט אַ רושם אויף איטלעכן וואָס האָט אים באַגעגנט. ער איז אויך געווען אַ קלוגער ייִד מיט אַ רײַכן לעבנס־נסיון און ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן מיט אים צו רעדן. אַחוץ דעם איז ער געווען אַ תּלמיד־חכם און די גרויסוואַר־דיינער לערנערס האָבן אָפּגעגעבן כּבוד פאַר למדנים. דערצו איז ער נאָך געווען אַ פּליט וואָס איז געבליבן אָן אַ היים. דאָס אַלץ האָט גורם געווען אַז אויך די מתנגדים האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו זײַן הויף. זיי זענען געקומען אויפן אָרט פון די חסידים וואָס זענען געווען אָפּגעריסן פון זייער רבין, מחמת דער מלחמה.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָבן די חסידים פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד אָנגעהויבן פאָרן קיין גרויסוואַרדיין. אין די גאַסן האָט מען געקענט זען ייִדן מיט זײַדענע קאַפּאָטעס, האַלבע שיך און ווײַסע זאָקן, מיט שטרײַמלעך אויף די קעפּ, אַ בילד וואָס איז פריִער געווען לחלוטין פרעמד אין דער דאָזיקער שטאָט.

פאַרשטייט זיך אַז מײַן טאַטע איז געווען איינער פון די ערשטע וואָס זענען געפאָרן צום רבין, הגם די נסיעה איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. אַזוי ווי ס׳איז געווען פאַר ראָש־השנה, איז די מאַמע באַשטאַנען דערויף אַז דער טאַטע זאָל מיטנעמען דעם מיזיניק. אויף אַזאַ אופן האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן געמאַכט אַזאַ לאַנגע נסיעה.

די נסיעה פון בעדעבלע קיין גרויסוואַרדיין איז געבליבן אין מײַן זכּרון ווײַל זי האָט לאַנג געדויערט און אויפן וועג האָבן מיר געהאַט אַ סך עגמת־נפש. די מלחמה האָט זיך ערשט געהאַט געענדיקט און די באַנען זענען געווען פול מיט זעלנערס וואָס זענען צוריקגעקומען פון די פראָנטן און האָבן זיך נישט זייער פרײַנדלעך באַצויגן צו די ציווילע פּאַסאַזשירן.

ס'איז געווען אַ מזל וואָס איך בין מיטגעפאָרן, ווארעם אַפילו די ווילדע זעלנערס האָבן זיך אַנדערש באַצויגן צו אַ קינד און אַפילו נישט פּאַרטשעפּעט מײַן טאַטן. אַדרבא, זיי האָבן זיך מיט מיר געשפּילט ווי גוטע חברים און דערבײַ מסתּמא געטראַכט צו זייערע אייגענע קינדער, וואָס זיי האָבן שוין יאָרן־לאַנג נישט געזען. בכל־אופן האָט די נסיעה, וואָס האָט געזאָלט דויערן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, געדויערט כּמעט אַ וואָך. נאָר אַ ייִד ווי מײַן טאַטע, מיט אַ שטאַרקער אמונה אין רבּין, איז געווען מסוגל צו בלײַבן רויִק און זיך נישט מתיאש זײַן.

וויזשניצער חסידים האָבן דערנאָך יאָרן־לאַנג דערציילט וועגן דער באַגע־געניש צווישן אדמו״ר און מײַן טאַטע. ר׳ ישׂראלטשע האָט נישט געוואָרט ביז מײַן טאַטע וועט קומען צו אים אין הויף. ווי ער איז נאָר געוויר גע־וואָרן אַז מײַן טאַטע געפינט זיך אין שטאָט איז ער תּיכּף געגאַנגען צו אים אין קוואַרטיר אים אָפּגעבן שלום, אַ כּבוד צו וועלכן ווייניק האָבן זוכה געווען.

ווען זיי האָבן זיך דערזען זענען זיי זיך געפאַלן אין די אָרעמס און די חסידים זענען געשטאַנען אַרום ווי פאַרכישופט און נישט געגלייבט זייערע אויגן. דער אַדמו״ר האָט געוואָלט אויסדריקן זײַן גרויסע שׂימחה וואָס דער טאַטע, איינער פון זײַנע באַקאַנטסטע חסידים, איז געקומען צו אים, און אַלעמען ווײַזן אַז נישט געקוקט אויף די יאָרן וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען, איז זייער אַלטע פרײַנדשאַפט געבליבן שטאַרק ווי אַ פעלדז.

ר׳ ישׂראלטשע האָט געוווסט אַזאַ אַזאַ חסידישע און למדנישע פּערזענלעכ־קייט ווי מײַן טאַטע קען אַ סך העלפן צו פעסטיקן און פאַרשפּרייטן די וויזש־ניצער דינאַסטיע אין דער נײַער און פרעמדער סביבה; דערפאַר גלייב איך אַז שוין דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן צו בעטן דעם טאַטן ער זאָל זיך קומען באַזעצן אין גרויסוואַרדיין. מיט יאָרן שפּעטער האָט מיר דאָס מײַן טאַטע באַשטעטיקט און מיר דערציילט אַז נישט אַזוי גרינג איז ער מסכּים געווען צו פאַרלאָזן קאַרפּאַט־רוסלאַנד, ווײַל ער איז געווען צוגעבונדן מיט לײַב און לעבן צו די דאָרטיקע ייִדן. דערעיקרשט האָט ער מסכּים געווען צוליב זײַן מאַגנקרענק פון וועלכער ער האָט שווער געליטן און אין בעדעבלע האָט ער נישט געקענט באַקומען די נייטיקע מעדיצינישע הילף.

אַ גאַנצן חודש זענען מיר געבליבן בײַם רבין. ווי מיר זענען אַהיימגעקומען, האָט דער טאַטע אָנגעהויבן צו ליקווידירן דאָס פאַרמעגן און אין משך פון אַ יאָר האָט ער אַלץ פאַרקויפט. דערנאָך האָבן מיר זיך איבערגעפירט קיין גרויסוואַרדיין אין שכנות מיטן רבין. מ'האָט זיך שווער געזעגנט מיט בעדעבלע און איך געדענק ווי די אײַנוווינערס האָבן זיך געבעטן מיר זאָלן זיי נישט פאַרלאָזן.

באַזונדערש שווער איז מיר געווען זיך צו צעשיידן פון מײַנע חברים, מיט וועלכע ס'האָט מיך פאַרבונדן אַ שיינע און ריינע פרײַנדשאַפט, וואָס איז נאָר מעגלעך צווישן קינדער. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז איך האָב זיך צוגעוווינט צו די אַספאַלטירטע גאַסן און צו דעם גרויסן טומל אין שטאָט, נאָך דעם רויִקן און שטילן לעבן אין דאָרף.

דער טאַטע מײַנער האָט זיך תיכף אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט די ענינים פונעם וויזשניצער הויף, בעיקר צו פאַרזיכערן די העגעמאָניע פונעם אדמו"ר אין די געגנטן ווו ס'איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן די פאַרשיידענע דינאַסטיעס. אָפט מאָל איז מען אָנגעקומען צו דין־תורות און בוררות, בײַ וועלכע מײַן טאַטע איז תמיד געווען דער רעפּרעזענטאַנט פונעם וויזשניצער רבי.

די אייגענע עסקים האָט דער טאַטע איבערגעלאָזט פאַר מײַנע עלטערע ברידער. ער האָט זיך כמעט ניט באַשעפטיקט מיט זיי. די מאַמע האָט אין גרויסוואַרדיין ממשיך געווען די טראַדיציע וואָס זי האָט געירשנט פון איר פאָטער און אונדזער הויז איז געשטאַנען אָפן פאַר יעדן ניצרך. זי האָט געהאָלפן מענטשן, און אַלץ בסודי־סודות אַז אַפילו מיר האָבן נישט געוווּסט קיין פרטים. בדרך־כלל איז זי נישט געווען קיין געזונטע און מיר האָבן זיך טאַקע אָפט געוווּנדערט פון וואַנען זי נעמט די כוחות פאַר אירע ענינים. הײַנט גלייב איך אַז זי האָט געשעפּט דעם כוח פון דעם וואָס זי איז נאָענט צום רבין און בפרט צו דער רביצין, וועלכע איז געווען איר בעסטע חברטע.

ווען מיר זענען געקומען קיין גרויסוואַרדיין בין איך אַלט געווען צוועלף יאָר. די ערשטע זאָרג פון מײַנע עלטערן איז געווען צו געפינען פאַר מיר אַ גוטן מלמד וואָס זאָל מיך לערנען תורה און אַ לערער וואָס זאָל מיך צוגרייטן פאַר דער אַלגעמיינער שול, אין דער שפּראַך פון דער מדינה. די דאָזיקע שינויים האָבן מיך זייער צעטומלט און כאָטש איך האָב געהאַט אַן אָפענעם קאָפּ צום לערנען, איז מיר אָנגעקומען שווער ביז איך האָב זיך צוגעפּאַסט צו מײַן נײַעם מצב.

נישט געקוקט דערויף וואָס איך בין געווען שטאַרק פאַרנומען מיט מײַנע אייגענע פּראָבלעמען, האָט די מאַמע געוואָלט איך זאָל קומען וואָס עפּטער אין רבינס הויף, כּדי זיך נישט צו דערווײַטערן פון דער חסידישער סביבה. איך האָב איר נישט געוואָלט אָנטאָן קיין יסורים און האָב טאַקע מײַן ביסל פרײַע צײַט פאַרבראַכט אין הויף בײַם רבין.

מען זאָגט אַז אַ קינד זעט אַלץ אַרום זיך מיט אָפענע אויגן. די חסידישע וועלט, ווי איך האָב זי געזען פון דער נאָענט, מיט איר התלהבות און איבער־געגעבנקייט, האָט ממש אויפגעטרייסלט מײַן נשמה. איך האָב שוין געוואָלט זײַן אַ גרויסער, כּדי זיך צו פאַרפלעכטן אין דעם טאַנצנדיקן רינג פון חסידים אַרום דעם רבין. איך האָב זיך געפילט מיט לײַב און לעבן פאַרבונדן צו דער חסידישער סביבה און מײַן שׂימחה האָט נישט געקענט קיין גרענעצן.

איך פלעג דאָס פילן בעיקר שבת, אונטער דער השפּעה פון דער נשמה־יתירה. דעמאָלט איז אַלץ געווען רוחניותדיק. אָבער צו מאָרגנס, ווען כ׳האָב געזען די קאַרפּאַטרוסישע ייִדן שלעפּן זייערע שווערע, מידע פיס צום גרויס־וואַרדיינער וואָקזאַל, ווײַל ס׳איז זיי נישט געבליבן קיין גראָשן צו פאָרן מיט דעם טראַמוויי, און ווען איך האָב זיך דערמאָנט ווי שווער די דאָזיקע ייִדן האָרעווען כּדי מפרנס צו זײַן זייער בני־בית, אין דער צײַט ווען דער אַדמו״ר און כּל מיני כּלי־קודש לעבן אין רחבות, אָן דאגות־פּרנסה, האָב איך אינסטינקטיוו געפילט אַז עפּעס איז דאָ נישט ווי עס דאַרף צו זײַן, אַז ערגעץ ווערט דאָ באַגאַנגען אַן אומגערעכטיקייט.

איך בין שוין צענדליקער יאָרן ווײַט פון רבינס הויף, נאָר פון דעסטוועגן איז מיר געבליבן אַ סימפּאַטיע פאַר דער וויזשניצער דינאַסטיע. ווען איך הער אַ גוטן בעל־תּפילה דאַווענען לויטן וויזשניצער נוסח אָדער זינגען אַ חסידישן ניגון פונעם אַלטן אַדמו״ר ר׳ ישׂראלטשע, דערוואַרעמט זיך מיר דאָס האַרץ. אויף דער שאלה ווי אַזוי טויזנטער ייִדן האָבן געקענט זײַן געטרײַע חסידים און גלייבן אַז דער אַדמו״ר פאַרמאָגט אייבערמענטשלעכע כּוחות און קען באַווײַזן מופתים — האָב איך נאָר איין ענטפער: ר׳ ישׂראלטשע איז געווען נישט בלויז אַ קלוגער ייִד און אַ גרויסער תּלמיד־חכם, נאָר אויך אַ טיפער קענער פון מענטשלעכע פּראָבלעמען. עס פלעגן קומען צו אים חסידים פון ווײַט און ברייט, אין משך פון צענדליקער יאָרן. איטלעכער האָט אויסגעשיט פאַר אים זײַן פּעקל צרות און דאגות. ער האָט געקענט אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן און נאַטורן. דערפאַר האָט ער געהאַט תּמיד די פּאַסיקסטע עצה און האָט כּמעט שטענדיק געטראָפן.

בעת ער איז געקומען ווי אַ פּליט קיין גרויסוואַרדיין, איז דער רב פון דער

גרויסער אָרטאָדאָקסישער קהילה געווען ר׳ בנימין־הירש פוקס, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער און באַקאַנטער רבנישער משפּחה אין אונגאַרן. הרב פוקס און זײַן קהילה זענען דאָס רוב געווען מתנגדים און די חסידישע באַוועגונג איז געווען פאַר זיי פרעמד. דער רב איז געווען אַ תּלמיד־חכם, אָבער נישט פון די גרויסע גאונים; אין גרויסוואַרדיין זענען געווען גרעסערע למדנים ווי דער רב. פון דעסטוועגן האָט מען זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ צו דעם מרא־דאַתרא, ווײַל ער איז געווען אַ צוגעלאָזטער מענטש, האָט ליב געהאַט שלום און זיך דערווײַטערט פון די מחלוקתן, וואָס זענען דעמאָלט זייער אָפט פאָרגעקומען אין ייִדישע קהילות.

ווי נאָר ער איז געקומען קיין גרויסוואַרדיין, איז ר׳ ישׂראלטשע געגאַנגען אָפּשטאַטן אַ וויזיט דעם מרא־דאַתרא, כּדי צו ווײַזן אַז ער נעמט אויף זיך דעם עול פון אָרטיקן רב און גיט אים אָפּ דעם געהעריקן כּבוד, הגם ער איז באַקאַנט ווי אַ גרעסערער גאון אין דער רבנישער וועלט און איז אויך עלטער פון אים. ער האָט מוותר געווען אויף זײַן כּבוד און אַזוי האָט ער זיך געפירט אַלע יאָרן וויפל ער האָט געלעבט אין גרויסוואַרדיין: צוויי מאָל אין יאָר איז ער געגאַנגען צום רב ר׳ בנימין־הירש פוקס אין שטוב אַרײַן.

ר׳ ישׂראלטשע האָט פאַרשטאַנען אַז מיטן אָנערקענען די אויטאָריטעט פון דעם אָרטיקן רב וועט ער פאַרמײַדן מחלוקתן און קינאה, וואָס קאָן דערפירן צו שׂינאה. אין דער אמתן האָבן טאַקע געהערשט פרײַנדלעכע באַציִונגען צווישן דעם אַדמו״ר און הרב פוקס און דאָס האָט גורם געווען אַז מיט דער צײַט האָבן אויך אַ סך שטאָטישע בעלי־בתּים, וואָס זענען פריִער געווען מתנגדים, זיך דערנענטערט צום וויזשניצער הויף און זענען אַפילו געוואָרן איבערגעגעבענע חסידים. זיי האָבן טאַקע געהאָלפן דעם אַדמו״ר זיך אײַנ־וואָרצלען אין דער נײַער סביבה.

ווי אַן איש חכם ונבון, וואָס האָט פאַרשטאַנען אַרײַנצודרינגען אין קאָמפּליצירטע מענטשלעכע פּראָבלעמען, האָט ר׳ ישׂראלטשע געגעבן זײַנע חסידים גוטע עצות, וואָס האָבן לרוב געהאַט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. די חסידים האָבן, פאַרשטייט זיך, געזען אין זײַנע עצות מופתים און האָבן נישט אויפגעהערט וועגן זיי צו דערציילן.

מײַן טאַטע, וואָס איז קיין מאָל נישט געווען קיין חסיד־שוטה און האָט זיך דערוועגט צו קריטיקירן וואָס ס׳האָט אים נישט געפעלן בײַם רבינס הויף, האָט אויך געגלייבט אַז דער אַדמו״ר קען באַווײַזן מופתים, און ווי אַ ראָיה האָט ער תּמיד דערציילט אַ מעשה וואָס מיט אים אַליין האָט געטראָפן.

בעת דער טאַטע איז נאָך דער חתונה געזעסן אין וויזשניץ און דאָרטן געלערנט, האָט אים דער זיידע, ר׳ אליעזר שימשאָוויטש, אַ פאַרברענטער וויזשניצער חסיד, געשיקט אַ בריוו, ער זאָל אַרײַנגיין צום רבין און בעטן בײַ אים אַ הסכּמה פאַר אַ געשעפט. מען האָט דעם זיידן פאָרגעשלאָגן ער זאָל קויפן בשותפות יונגע קעלבער אין קאַרפּאַט־רוסלאַנד, זיי לאָזן אַ פּאָר חדשים גוט אויספּיטערן, און דערנאָך זיי טרײַבן קיין דעברעצין, אַ מרחק פון דרײַ הונדערט קילאָמעטער פון בעדעבלע, ווו מען קען זיי פאַרקויפן מיט אַ גוטן רווח. אַזוי ווי דעם טאַטנס נדן ליגט בײַ אים פאַרשלאָסן אין שאַפע, מיינט ער אַז ס׳איז אפשר כּדאי אַרײַנצוגיין אין דעם עסק. בכל־אופן זאָל דער טאַטע פרעגן דעם רבין און מאָנען בײַ אים זײַן הסכּמה.

מײַן טאַטע איז מיט דעם בריוו אַוועק צום רבין און ווי דער רבי האָט אים איבערגעלייענט, האָט ער קורץ געענטפערט: „בהמות זענען נישט פאַר דיר!”. דער טאַטע איז נאָך דעמאָלט געווען ווײַט פון חסידות און דער דאָזיקער קורצער ענטפער האָט אים אַרויסגעבראַכט פון די כּלים. דערפאַר האָט ער אים פאַרשוויגן און דעם זיידן געשיקט אַ תּשובה אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

אויפן סמך פון אָט דער תּשובה האָט דער זיידע געקויפט, בשותפות מיט עטלעכע יידישע קצבים, אַ צאָל יונגע קעלבער, וואָס מען האָט שפּעטער מיט אַ פּאָר חדשים געשיקט קיין דעברעצין פאַרקויפן. קיין באַנען זענען נאָך דעמאָלט אין אונדזער געגנט נישט געווען און די בהמות האָט מען געשיקט מיט באַגלייטערס. דער וועג האָט געדויערט לכּל־הפּחות צוויי חדשים.

דער סוף איז געווען אַז אַ גרויסער טייל פון די בהמות איז אויפן וועג געפּגרט און דאָס גאַנצע געלט וואָס דער זיידע האָט אַרײַנגעלייגט אין גע־שעפט איז געגאַנגען לאיבוד. מיט יאָרן שפּעטער האָט זיך דער זיידע דער־וווסט דעם אמת און האָט דעם טאַטן נישט געקענט מוחל זײַן, נישט אַזוי צוליבן געלט, ווי צוליב דעם וואָס דער טאַטע האָט זיך דערוועגט נישט צו פאָלגן דעם רבינס עצה.

ווען דער טאַטע איז שפּעטער געוואָרן אַ חסיד בלב ונפש פלעגט ער דער־ציילן די מעשה מיט די קעלבער, ווי אַ באַווײַז אַז דער רבי איז אַ בעל־מופת. איך האָב אין דעם געזען אַ פּשוטע קלוגע און לאָגישע עצה: דער רבי האָט גוט געקענט מײַן זיידן און האָט אויך געזען פאַר זיך דעם זײַדענעם יונגן־מאַן, מײַן טאַטע. ער האָט תּיכּף פאַרשטאַנען אַז אַזוי ווי מען דאַרף זיך אין דעם געשעפט פאַרלאָזן אויף פרעמדע הענט און דערצו נאָך אויף דעם

יושר פון בהמה־סוחרים און קצבים, וואָס זענען בדרך־כּלל נישט קיין גרויסע צדיקים, קען דערפון קיין גוטס נישט אַרויסקומען. האָט ער קורץ געפּסקנט: בהמות זענען נישט פּאַר אים!

אַן ענלעכע מעשׂה האָבן חסידים דערציילט וועגן מײַן פעטער ר׳ מרדכי כּהנא פון סיגעט, וואָס מען פלעגט אים רופן ר׳ מרדכי פּעלץ, מחמת ער איז שטענדיק, סײַ זומער סײַ ווינטער, געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ פּעלץ. אויך ער איז געווען אַ הייסער וויזשניצער חסיד וואָס האָט נישט פאַרפעלט קיין שבת ראָש־חודש נישט צו זײַן בײַם רבין, אַחוץ יום־טובים און ימים־נוראָים.

דעם פעטער מרדכי געדענק איך דווקא אין זײַנע שבתדיקע קליידער, אַ זײַדענעם קאַפּטן, אַ ברייטן סויבל־שטרײַמל און שוואַרצע האַלבע שיך מיט לאַנגע ווײַסע זאָקן וואָס האָבן געגרייכט ביז צו די קני. איך געדענק ווי ער פלעגט שפּאַצירן אין די ווײַסע זאָקן, אַהין און צוריק, אויף דעם לאַנגן טיש בײַ וועלכן עס זענען געזעסן דער רבי מיט זײַנע נאָענטסטע חסידים, און דערלאַנגען דאָס עסן. פאַר וואָס אויפן טיש? ווײַל דער גרויסער זאַל איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן וואָס האָבן געוואָלט זען דעם רבין און הערן זײַן תּורה, אַזוי אַז דער איינציקער וועג צו דערלאַנגען דאָס עסן איז געווען איבערן טיש. אין דער צײַט וועז איך געדענק אים, איז דער פעטער שוין געווען אַ ייִד אַ זקן און ס׳איז אים אַוודאי נישט אָנגעקומען גרינג צו קריכן אויפן טיש מיט פולע הענט. אָבער ער וואָלט אויף דעם כּבוד פאַר קיין שום געלט נישט מוותּר געווען. נישט איטלעכער חסיד האָט געהאַט די זכיה צו דערלאַנגען דעם אַדמו״ר דאָס עסן, און אַוודאי נישט ווען דער פעטער מרדכי איז געווען דערבײַ.

מײַן פעטער איז געווען אַ ייִד אַן עושר, וואָס האָט פאַרמאָגט אין סיגעט גרויסע סקלאַדן מיט הערינג. זײַן הויז איז שטענדיק געווען אָפן פאַר יעדן ניצרך. ווער עס האָט געוואָלט האָט געקענט אַרײַנקומען, זיך זעצן צום טיש און עסן. ס׳האָט אים קיינער נישט געפרעגט ווער ער איז און פון וואַנען ער קומט. פרײַטיק צו נאַכטס פלעג ער מיטנעמען אַלע אורחים וואָס זענען געבליבן אין וויזשניצער קלויז, ווו ער האָט געדאַוונט. דערנאָך איז ער געגאַנגען איבער אַלע בתּי־מדרשים פון סיגעט און צונויפגענומען אַלע קבצנים וואָס קיינער האָט זיי נישט פאַרבעטן און מיט דער גאַנצער חבֿרה אַהיימגעגאַנגען.

אָפט האָט דעם פעטער מרדכיס משפּחה געמוזט עסן אין אַ צווייטן צימער, ווײַל דאָס גרויסע עסצימער איז געווען פול מיט אורחים, וואָס זענען געזעסן אַרום דעם גרויסן טיש, בראָש מיטן פעטער. אויב די מאכלים וואָס די מומע

האָט צוגעגרייט האָבן נישט געסטײַעט, איז דער פעטער, מיט עטלעכע פון זײַנע אורחים, אַוועק אין איינעם פון זײַנע סקלאַדן און פון דאָרט געבראַכט אַ פעסל הערינג. מיט חלה און הערינג קען מען אויך פּראַווען שבת, דער עיקר אַז ייִדן זאָלן זיצן אין איינעם און זינגען זמירות.

אין די יונגע יאָרן האָט דער פעטער מרדכי געהאַט אַ קליין קלייטל, וווּ ער פלעגט פאַרקויפן הערינג פאַר יחידים. דערפון האָט ער געהאַט פּרנסה בצימצום און ווען ער פלעגט קומען צום רבין קיין וויזשניץ, האָט ער געבעטן אַ ברכה ער זאָל זוכה זײַן צו פּרנסה בשפע, כּדי ער זאָל קענען געבן צדקה. דער רבי האָט אים אַלץ געטרייסט און אים געזאָגט אַז זײַן צײַט וועט נאָך קומען.

איין מאָל האָט אים דער רבי געזאָגט, אַז ווי ער האָט זיך דערוווּסט, זענען אין טריעסט פאַראַן גרויסע הערינג־סוחרים. היות ס׳איז אַ שיינער, וואַרעמער זומער, זענען זייערע סקלאַדן אַוודאי פול מיט סחורה. עצהט ער אים, דעם פעטער, ער זאָל אַרײַנפאָרן קיין טריִעסט און אײַנקויפן דאָרטן אַ גרויסע כּמות הערינג; דערבײַ זאָל ער נעמען אַ חתימה בײַ די דאָרטיקע סוחרים, אַז זיי וועלן מער קיינעם אין סיגעט און אין דער אומגעגנט נישט פאַרקויפן קיין הערינג.

דער פעטער האָט געענטפערט אַז ער האָט קיין מזומן נישט פאַר אַ גרויסע כּמות; האָט אים דער רבי ווײַטער געעצהט ער זאָל זיך נישט שעמען און מאָנען קרעדיט. על־כּל־פּנים זאָל ער מיטנעמען אַ בריוו פון סיגעטער ראָש־הקהל אַז ער איז אַן אָרנטלעכער מענטש און איז קיינעם נישט שולדיק קיין געלט.

מײַן פעטער איז אַוועקגעפאָרן קיין טריִעסט מיט דער גרויסער אמונה אַז ער וועט מצליח זײַן מיטן רבינס כּוח. און פאַר וואָר — אַזוי ווי די סוחרים אין טריִעסט האָבן זיך דערוווּסט אַז ס׳איז געקומען אַ ייִד פון ווײַטע מקומות זענען זיי אים אַלע נאָכגעלאָפן. מען האָט אים פאַרקויפט מער ווי ער האָט געטראַכט צו קויפן און אים אויך געגעבן קרעדיט אויף וועקסלען.

ווינטער זענען אַלע סוחרים פון סיגעט און פון דער גאַנצער געגנט געקו־מען צום פעטער מרדכי קויפן הערינג, ווײַל ער איז געווען דער איינציקער וואָס האָט געהאַט גענוג סחורה. אויף אַזאַ אופן איז ער אין משך פון יאָרן געוואָרן אַן עושר און אין דער זעלבער צײַט אַ גרויסער בעל־צדקה.

די וויזשניצער חסידים און מײַן פעטער בתוכם האָבן דערציילט די דאָזיקע מעשׂה כּדי צו באַווײַזן דעם רבינס כּוח. וואָס פּלוצעם האָט אים דער רבי געשיקט קיין טריִעסט, אין אַ פרעמדער שטאָט, ווו קיינער קען אים נישט?

און ווי אַזוי האָט ער דאָרטן געקראָגן קרעדיט? נישט אַנדערש, דער רבי האָט באַוויזן אַ מופת. און די חסידים האָבן זיך געלעקט די פינגער פון דער מעשׂה.

למען האמת איז אין דער מאַרמאַראָשער געגנט געזאַלצענער הערינג געווען אַ מין נאַציאָנאַלע שפּײַז, אַ וויכטיקער חלק אין דער טאָג־טעגלעכער קאָסט פון די אײַנוווינערס. אַפילו אויף געזאַלצענעם הערינג האָבן זיי שווער פאַרדינט פון דער שטיינערדיקער ערד. דער וויזשניצער רבי האָט גוט געקענט די געגנט און האָט געוווסט אַז אויב דער פּעטער וועט זײַן דער איינציקער וואָס באַקומט די סחורה פון דער ערשטער האַנט, גלײַך פון טריִעסט, וועט ער האָבן פּרנסה בשפע. ער האָט זיך אויך משער געווען אַז ווי נאָר עס וועט אָנקומען אין טריִעסט אַ ייִד אַזש פון סיגעט, וועלן אַלע סוחרים אויף אים אָנפאַלן און אים געבן אויף קרעדיט. דער רבי האָט אויך געקענט מײַן פעטער און האָט געוווסט אַז ער וועט בײַ קיינעם נישט צונעמען, און אויב ער וועט איין מאָל באַצאָלן — וועט מען אים שוין תּמיד געטרויען.

אויף אַלע „מופתים" קען מען געפינען אַ פּשוטע און לאָגישע דערקלערונג; פון דעסטוועגן מינערט דאָס נישט אויף קיין האָר די גרויסקייט פונעם אַדמו"ר ר' ישׂראלטשע. אַדרבה, דאָס באַווײַזט אַז ער איז באמת געווען אַ יחיד־במינו, אַ קלאָרער, לאָגישער מוח און אַ גרויסער פּסיכאָלאָג, הגם איך בין זיכער אַז ער האָט פון פרוידן נישט געהערט.

איך האָב אויך ליב געהאַט דעם רבי ר' ישׂראלטשע, ווײַל ער איז נישט געווען קיין פאַנאַטיקער. אַלע מענטשן זענען בײַ אים געווען חשוב, חסידים ווי מתנגדים, אין אַלע האָט ער געזען דעם צלם־אלוהים. דערפאַר האָט מען אים טאַקע גערופן דער אוהב־ישׂראל. איך האַלט אַז ער איז געווען איינער פון די לעצטע גרויסע אַדמו"רים וואָס די חסידישע באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן, און דער לעצטער פון די אַדמו"רים וואָס איז צו גלײַך אויך געווען אַ גרויסער מנהיג.

אין גרויסוואַרדיין איז תּיכּף אויפגעקומען די שאלה וועגן מײַנע לימודי־חולין, וואָס דאָס געזעץ האָט מחײַב געווען צו לערנען. אַ גרויסער טייל פון די עלטערן האָבן נישט געוואָלט שיקן די קינדער אין מלוכישע שולן, זיי זאָלן נישט קאַליע ווערן. האָט מען געפונען אַן אויסוועג און זיי פאַרשריבן אין פּריוואַטע שולן.

מײַנע עלטערן האָבן פאַר מיר געפונען אַזאַ מין פּריוואַטע שול, וואָס האָט צוגעגרייט די קינדער פאַר דער מאַטורע. די מעלה איז געווען וואָס מ'האָט

דאָרטן געלערנט אין אָוונט, אַזוי אַז בײַ טאָג האָב איך געקענט ממשיך זײַן צו לערנען תּורה. דער לערער, פּראָפעסאָר דאַנאַט, אַ מאַטעמאַטיקער, איז געווען אַ גוטער פּעדאַגאָג און די קינדער האָבן אים ליב געהאַט. ער האָט געהאַט געדולד צו יעדן תּלמיד און אַזוי לאַנג דערקלערט ביז איטלעכער האָט פֿאַרשטאַנען.

ווען ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג האָט ער אונדז דערציילט מעשׂיות וועגן דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט געקעמפֿט אין דער עסטרײַך־אונגאַרישער אַרמיי און איז געפֿאַלן אין רוסישער געפֿאַנגענשאַפֿט בײַ פּשעמישל, אין גאַליציע. שפּעטער האָט ער זיך באַטייליקט אין דער רוסישער רעוואָלוציע, אונטער דער אָנפֿירונג פֿונעם פֿאָלקס־קאָמיסאַר טראָצקי.

מיט דער צײַט האָב איך זיך דערוווּסט אַז מען האָט אים אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דער מלוכישער גימנאַזיע פֿאַר זײַנע לינקע ראַדיקאַלע אידעען און דערפֿאַר איז ער געוואָרן אַ לערער אין אַ פּריוואַטער שול. איך האָב דעמאָלט נישט געקאַנט וואָס פֿאַר אַ השפּעה דער פּראָפעסאָר דאַנאַט וועט האָבן אויף דער פֿאָרמירונג פֿון מײַן כאַראַקטער. איך האָב אים סתּם ליב געהאַט פֿאַר די מעשׂיות וואָס ער האָט דערציילט און פֿאַר זײַן שטורמישן לעבן. הײַנט איז פֿאַר מיר קלאָר, אַז ער איז געווען דער ערשטער מענטש וואָס האָט מיר פֿאַרטײַטשט דעם באַגריף פֿון גערעכטיקייט.

אַפּיקורסישע געדאַנקען

נאָך אַ גרעסערע השפּעה האָט אויף מיר געהאַט אַ יונגער־מאַן וואָס האָט געוווינט מיט אונדז אין שכנות. ער האָט מיך באַהאַנדלט ווי זײַנס גלײַכן, ווי אַ חבֿר, הגם ער איז געווען אַ סך עלטער פֿון מיר. אויך ער איז געווען אין רוסישער געפֿאַנגענשאַפֿט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און איז דאָרטן פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון קאָמוניזם. ער איז געווען אַ מענטש מיט קול־טור און דערצו מיט אַ גרויסער איידעלער נשמה.

מײַן חבֿר איז געווען דער זון פֿון אַ זייער רײַכער און בכּבֿודיקער משפּחה. זיי האָבן פֿאַרמאָגט נאַפֿטגרובן אין דראָהאָביטש, גאַליציע, און געוווינט אין אַ גרויסן פּאַלאַץ. זיי האָבן זיך אויך אינטענסיוו באַטייליקט אין ייִדישן לעבן פֿון דער גרויסוואַרדיינער קהילה.

די משפּחה איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען אומגליקלעך וואָס איינער פֿון זייערע זין איז געוואָרן אַ קאָמוניסט און גיט אָפּ זײַן גאַנצע צײַט צו אָרגאַניזירן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. טאָג און נאַכט האָט אים געיאָגט די רומענישע

געהיים־פּאָליציי און ווען נישט דער שוחד וואָס די עלטערן האָבן כּסדר געגעבן אים צו באַפרײַען, וואָלט ער געפוילט אין תּפיסה.

מײַן עלטערער חבר האָט מיר דערציילט וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין רוסלאַנד, פאַר דער רעוואָלוציע און בעת דער רעוואָלוציע, ווען די אַרבעטער האָבן איבערגענומען די הנהגה און אַ סוף געמאַכט צו דער צאַרישער ממשלה.

אויף אַזאַ אופן איז אין מיר פאַרפלאַנצט געוואָרן נאָך אַ קערנדל פון אַפּיקורסות און דערפאַר האָב איך שוין יונגערהייט גענומען קוקן מיט אַ קריטיש אויג אויף אַלץ וואָס אַרום מיר. איך האָב אָנגעהויבן צו ספקן אין זאַכן וואָס האָבן זיך מיר פריִער אויסגעוויזן אייביק, פון מעשׂה־בראשית. איצט האָב איך זיך שוין געפרעגט צי ס'איז נישט כּדאַי זיי צו בײַטן, און אַפילו מיט כּוח, אויב ס'איז נייטיק.

פאַרשטייט זיך, אין יענער צײַט האָב איך זיך נישט דערוועגט צו בונטעווען קעגן מײַן סביבה. פאַר מיר איז אָבער געווען קלאָר, אַז כּדי צו זײַן ניצלעך אין דער צוקונפט דאַרף איך נאָך אַ סך און גרינטלעך לערנען. איך האָב אויך באַנומען אַז די פּריוואַטע שול וועט פאַר מיר נישט עפענען די טויערן פון אוניווערסיטעט. דער פּריוואַטער לערער האָט מיר אויפגעקלערט, אַז אויב איך וועל לערנען צוויי יאָר אין אַ מלוכישער גימנאַזיע וועל איך קענען מאַטורירן. האָב איך אָנגעהויבן צו פאָדערן פון מײַנע עלטערן זיי זאָלן מיך שיקן אין גימנאַזיע.

די עלטערן מײַנע האָבן זיך אָפּגעגעבן חשבון אַז איך בין נישט מער דער זעלבער וואָס איך בין געווען איידער מיר זענען געקומען קיין גרויסוואַרדיין. זיי האָבן נישט געוואָלט הערן פון קיין גימנאַזיע. כּדי מיך צו ראַטעווען פון דער שלעכטער השפּעה אין שטאָט און כּדי צו זיכערן מײַן טראַדיציאָנעל־ייִדישע דערציִונג, האָבן זיי באַשלאָסן מיך צו דערווײַטערן פון גרויסוואַרדיין און מיך פאַרשיקן ערגעץ אין אַ העק, ווו איך זאָל רויִק ממשיך זײַן צו לערנען תּורה.

אין דער הונסדאָרפער ישיבה

הרב הורוויץ פון הונסדאָרף איז געווען דעם טאָטנס אַ פּערזענלעכער חבר. די ישיבה זײַנע האָט געהאַט אַ שם אין דער ייִדישער וועלט. ער האָט אויך צוגעזאָגט אַז ער וועט אויף מיר אַכטונג געבן ווי אויף אַן אייגן קינד. האָבן מײַנע עלטערן טאַקע באַשלאָסן מיך צו שיקן אין דער ישיבה קיין הונסדאָרף. איך בין דעמאָלט אַלט געווען פופצן יאָר.

הונסדאָרף איז געווען אַ גרויס דאָרף אין דער סלאָוואַקײַ, נישט ווײַט

פון די טאַטראַ־בערג. עס האָבן דאָרט געוווינט בסך־הכל צען יידישע מש־פחות. די באַפעלקערונג איז לרוב באַשטאַנען פון דײַטשן. מיט אַ סך יאָרן צוריק איז הונסדאָרף געווען איינער פון די זיבן מקומות ווו יידן האָבן געמעגט וווינען און זיי האָבן דאָרטן אויפגעשטעלט אַ גרויסע קהילה. פון יענעם עבר איז אין הונסדאָרף פאַרבליבן אַ בית־עולם מיט טויזנטער מצבות, אַ גרויסע, פּראַכטיקע שול און אַ פּאָר בנינים וואָס האָבן געדינט דער ישיבה. אין משך פון דורות זענען דאָרט געווען גרויסע רבנים, מיט אַ שם אין דער יידישער וועלט. אויך הרב הורוויץ, דער ראָש־ישיבה, איז געווען אַ גאון. שפּעטער איז ער געווען רב אין פראַנקפורט און איז טאַקע דאָרט ניפטר געוואָרן.

אין דער הונסדאָרפער ישיבה האָבן געלערנט מער ווי פינף הונדערט בחורים פון אַלע עקן וועלט, פון פּוילן ביז אויסטראַליע. זיי האָבן געוווינט בײַ דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, צעשפּרייט איבערן גאַנצן דאָרף, און ווען מען איז נאָר אָנגעקומען אויפן הונסדאָרפער וואָקזאַל האָט מען שוין געקענט הערן די זינגענדיקע קולות פון די ישיבה־בחורים וואָס זענען געזעסן און געלערנט די סוגיות פון אביי ורבא. דער תלמודישער ניגון האָט זיך אַפילו אָפּגערופן אויף דער גויִשער באַפעלקערונג. אַ סך האָבן זיך באַניצט מיט יידישע ווערטער און אַפילו מיט פסוקים פון תלמוד, הגם זיי האָבן נישט געוווסט וואָס זיי זאָגן. מען האָט דאָס געקענט הערן בפרט בײַ די ציגײַנערס פון הונסדאָרף, וואָס האָבן געטאָן פאַרשיידענע אַרבעטן פאַר די ישיבה־בחורים.

איך געדענק אַ ציגײַנער וואָס מיר האָבן אים גערופן יאָמעלע. געהייסן האָט ער בנימין. ווי באַקאַנט, זענען צווישן די ציגײַנערס זייער פאַרשפּרייט תנכישע נעמען. יאָמעלע, אַ שיינער יונג, ממש אַ יפה־תואר, איז געווען דער פּערזענלעכער משרת פונעם רב הורוויץ. קינדווײַז האָט ער נאָך געדינט בײַ דעם אַלטן רב, וואָס איז געשטאָרבן איידער איך בין געקומען קיין הונס־דאָרף, און יאָמעלע איז דערנאָך איבערגעגאַנגען בירושה צו הרב הורוויץ.

יאָמעלע האָט באַדינט דעם רב פון אין דער פרי ביז אויף דער נאַכט און איז פון אים נישט אָפּגעטראָטן. בעת דער רב האָט געזאָגט דעם שיעור פאַר די בחורים, איז יאָמעלע געזעסן אין אַ ווינקל בײַ דער טיר און זיך צוגעהערט. ווער עס האָט אים געזען דאָס ערשטע מאָל האָט געמיינט אַז דאָס איז איינער פון די ישיבה־בחורים. ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק די נעמען פון אַלע סוגיות וואָס מען האָט געלערנט אין הונסדאָרף פאַר די לעצטע יאָרן. ער האָט אויך געקענט כמעט אַלע תפילות. פרײַטיק צו נאַכטס, ווען דער עולם האָט

געזונגען לכה דודי, איז יאָמעלע אַרײַנגעפאַלן מיט זײַן טיפן באַס און מיט־געזונגען מיט דער גאַנצער חברה.

די בחורים וואָס זענען געקומען פון ווײַטע לענדער זענען לרוב שוין געווען דערוואַקסענע יונגע־לײַט, וואָס האָבן פריִער געענדיקט אַן אוניווערסיטעט און דערנאָך באַשלאָסן צו לערנען תּלמוד אין דער הונסדאָרפער ישיבה. אין מײַן צײַט זענען דאָרטן געווען עטלעכע אַדוואָקאַטן פון דײַטשלאַנד און פון אַמעריקע, וואָס זענען געקומען לערנען, ווײַל זיי האָבן געהערט אַז דער תּלמוד שאַרפט דעם מוח און דערווײַטערט דעם האָריזאָנט. זיי זענען געווען זין פון רײַכע עלטערן, וואָס האָבן געגעבן געלט אויסצוהאַלטן די ישיבה.

צוויי יאָר בין איך געזעסן אין הונסדאָרף און געווען פאַררעכנט ווי איינער פון די בעסטע בחורים. דער ראָש־ישיבה האָט באַשלאָסן אַז איך קען זײַן אַ „חזר־בחור", דהײַנו איינער וואָס העלפט אַרויס די שוואַכע תּלמידים, וואָס קענען נישט נאָכקומען דעם שיעור. זײַן אַ „חזר־בחור" איז נישט בלויז געווען אַ כּבוד; מען האָט אויך גוט פאַרדינט דערבײַ, ווײַל די תּלמידים האָבן געדאַרפט באַצאָלן פאַר דער טירחה. מײַנע עלטערן האָבן מיר געשיקט גענוג געלט פאַר אַלץ וואָס איך האָב געברויכט, אַזוי אַז דאָס פאַרדינטע געלט האָב איך געקענט אָפּשפּאָרן.

איינער פון מײַנע תּלמידים איז געווען אַן אויסשטודירטער אַדוואָקאַט פון ברעסלאַו. מיר האָבן געוווינט אין איין צימער און איך האָב געהאַט אַ גע־לעגנהייט פון אים אַ סך צו לערנען. דאָס האָט ווידער דערוועקט אין מיר די בענקשאַפט נאָך אַלגעמיינעם וויסן און איך האָב פּלוצלינג געפילט אַז מײַנע עלטערן האָבן מיר געטאָן אַ גרויסע עוולה וואָס זיי האָבן מיך נישט געלאָזט לערנען ווײַטער לימודי־חולין. אויב איך וויל זיך ראַטעווען, מוז איך אַנ־טלויפן פון הונסדאָרף. אָבער וואָהין לויפט מען?

איך בין אַ צײַט אַרומגעגאַנגען צעחושט און מיר קיין אָרט נישט געפונען. כ'האָב מורא געהאַט צו דערציילן עמעצן מײַנע אויסטערלישע געדאַנקען, אָבער מײַן תּלמיד, וואָס איז ווײַזט אויס געווען אַ גוטער פּסיכאָלאָג, האָט באַמערקט אַז איך גיי אַרום ווי אין אַ חלום און ער האָט מיך אָנגעהויבן מאַטערן איך זאָל אים דערציילן וואָס מיט מיר איז געשען.

ווען איך האָב מער נישט געקענט אויסהאַלטן, האָב איך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַר מײַן תּלמיד פון ברעסלאַו. איך האָב אים קודם פאַרשווירן ער זאָל קיינעם נישט דערציילן. ער האָט מיך אויסגעהערט און מיך תּיכּף אויפ־געמונטערט, מיר געזאָגט אַז מײַן ווילן צו לערנען איז אַ פּאָזיטיווער און איך דאַרף זיך פון אים נישט אָפּזאָגן. ווײַטער האָב איך זיך פון אים דערוווּסט

אַז אין לײַפּציג איז פֿאַראַן אַ ייִדישע גימנאַזיע אָנגעפֿירט פֿון הרב ד״ר קאַרליבאַך און אַז מען וועט מיך דאָרטן זיכער אויפֿנעמען. וואָס שייך פּרנסה, וועל איך זיך שוין אײַנאָרדענען אין לײַפּציג, היות עס זענען דאָרט פֿאַראַן אַ סך רײַכע ייִדן וואָס ווילן אַז זייערע קינדער זאָלן לערנען העברעיִש.

באַוואָפֿנט מיט אַ המלצה־בריוו פֿון מײַן תּלמיד צו זײַנעם אַ חבר וואָס האָט שטודירט אין לײַפּציג און מיט מײַן אָפּגעשפּאָרטן געלט, בין איך אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, אין חודש מאַרץ, נעלם געוואָרן פֿון הונסדאָרף און אַוועק מיט דער באַן קיין לײַפּציג. איך בין דעמאָלט אַלט געווען זיבעצן יאָר מיט אַ האַלבן. אַחוץ מײַן תּלמיד האָט קיינער נישט געוווּסט ווו איך בין אַהינגעקומען, אַפֿילו נישט מײַנע עלטערן. איך האָב מורא געהאַט אַז אויב איך וועל זיי מודיע זײַן מײַנע פּלענער, וועלן זיי אַלץ טאָן כּדי מיר צו שטערן. האָב איך געטראַכט זיי צו שרײַבן לאחר מעשׂה, ווען איך וועל שוין זײַן אײַנגעאָרדנט. דעמאָלט וועלן זיי קיין ברירה נישט האָבן און וועלן מוזן מסכּים זײַן.

אין לײַפּציג

איך בין אָנגעקומען קיין לײַפּציג בײַ נאַכט. ס'האָט געגאָסן אַ רעגן און ס'איז געווען מוראדיק קאַלט. מײַן ערשטער געדאַנק איז געווען צו נעמען אַ צימער אין אַ האָטעל אין דער נאָענט פֿון וואָקזאַל, כּדי זיך אָפּצורוען נאָך דער לאַנגער נסיעה. אין מײַן מזל איז אָבער פּונקט דעמאָלט געשטאַנען דער גרויסער לײַפּציגער יריד און אַלע האָטעלן זענען געווען פֿאַרנומען. דאָס איז געווען מײַן ערשטע אַנטוישונג. האָב איך באַשלאָסן צו פֿאַרברענגען די נאַכט אין וואַרטזאַל, בײַ דער באַנסטאַנציע און אין דער פֿרי אָפּזוכן דעם מענטשן צו וועלכן איך האָב געהאַט דעם המלצה־בריוו. דאָ האָב איך געהאַט די צווייטע אַנטוישונג. די דײַטשע פּאָליציי האָט געהאַלטן אַז דער וואַרטזאַל איז נאָר באַשטימט פֿאַר פּאַסאַזשירן וואָס וואַרטן אויף דער באַן און נישט פֿאַר מענטשן וואָס האָבן נישט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. האָבן זיי די גאַנצע צײַט געהאַלטן אין איין טרײַבן די פֿאַרשוינען וואָס האָבן געכאַפּט אַ דרימל זיצנדיק אויף אַ באַנק. האָב איך נישט געהאַט קיין ברירה און זיך אַרומגעדרייט אין רעגן אַ גאַנצע נאַכט איבער די גאַסן אַרום דעם וואָקזאַל.

אין דער פֿרי, ווען איך בין געגאַנגען זוכן דעם אַדרעס פֿון דעם מענטשן צו וועלכן כ'האָב געהאַט אַ בריוו, האָב איך דערלעבט די דריטע אַנטוישונג. כ'האָב קוים אָפּגעפֿונען, מיט מײַן נישט אַזוי קלאַסישן דײַטש, די גאַס און

דאָס הויז, נאָר צום סוף האָב איך זיך דערוווּסט אַז דער מענטש איז אין צווישן אַוועק פון לײַפּציג און געפינט זיך גאָר אין פּאַריז.

איך האָב זיך אַ גאַנצן טאָג אַרומגעדרייט און געזוכט אַן אָרט ווו איבער־צונעכטיקן. אומעטום האָב איך געהערט די זעלביקע תּשובה: ביז דער ירי̈ד וועט זיך נישט ענדיקן זאָל איך אַפילו נישט חלומען וועגן אַ צימער. בעת איך האָב ווידער געבלאָנקעט, שוין די צווייטע נאַכט, אויף די גאַסן אַרום דעם וואָקזאַל, האָט מיך אָפּגעשטעלט אַ פּאָליציי און מיך געפּרעגט ווער איך בין. איך האָב אים דערציילט אַז איך דריי זיך שוין אַרום די צווייטע נאַכט, ווײַל איך געפין נישט קיין אָרט ווו צו שלאָפן. האָט דער פּאָליציי גענומען און מיך אַוועקגעפירט צו דער „הײַלסאַרמיי”, אַ קריסטלעכע אָרגאַניזאַציע וואָס זאָרגט פאַר אַרבעטסלאָזע אָדער סתּם קבצנים. פאַר איין מאַרק האָט מען דאָרטן געקענט איבערנעכטיקן און נאָך באַקומען אַ גלעזל קאַווע מיט ברויט צום פרישטיק. איך האָב פאַרבראַכט בײַ דער „הײַלסאַרמיי” דרײַ שרעקלעכע נעכט, וואָס איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

אַ דאַנק איבערן קאָפּ האָב איך טאַקע געהאַט און קאָלט איז מיר אויך נישט געווען. נאָר מײַנע שכנים, אַן ערך דרײַסיק פאַרשוין אין איין גרויסן צימער, זענען אַלע געווען שיכּורים, בעטלערס און סתּם אורחי־פּרחי וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין קריגן. איך האָב אַפילו נישט פאַרשטאַנען זייער לשון. בין איך געלעגן אין פּחד זיי זאָלן מיך נישט באַפאַלן, און כאָטש איך בין געווען טויט מיד פונעם אַרומלויפן גאַנצע טעג, האָב איך נישט געקענט צומאַכן אַן אויג.

בײַ ד״ר קאַרליבאַך אין גימנאַזיע האָט מען מיר געזאָגט אַז איך מוז קודם אויסהאַלטן אַן עקזאַמען אין דער דײַטשער שפּראַך און מען האָט מיר געראָטן איך זאָל נעמען פאַר אַ קורצער צײַט אַ פּריוואַטן לערער וואָס זאָל מיך צוגרייטן. אויף אַזעלכע הוצאות האָב איך זיך נישט גערעכנט. אין צווישן איז אויך פון מײַן אָפּגעשפּאָרטן געלט געוואָרן אַלץ ווייניקער. האָב איך באַשלאָסן צו שרײַבן אַ דרינגלעכן בריוו צו מײַנע עלטערן און בעטן זייער פינאַנציעלע הילף.

איך בין געווען איבערצײַגט אַז מײַנע עלטערן וועלן מיר מוחל זײַן וואָס איך בין אַנטלאָפן פון הונסדאָרף און וועלן נישט צולאָזן אַז זייער מיזיניק זאָל זיך אַרומוואַלגערן אין דער פרעמד און לײַדן הונגער. איך האָב אָבער געהאַט אַ טעות. דער פאַקט וואָס איך בין אַנטלאָפן פון הונסדאָרף ווי אַ גנב און זיך מיט זיי נישט פריִער באַראָטן האָט זיי ווײַזט אויס זייער באַליידיקט. זיי האָבן אויך מסתּמא גערעכנט אַז אָן זייער הילף וועל איך זיך מוזן

אומקערן אַהיים. דער ענטפער איז געווען קורץ: לא מיט אַן אַלף. און קום תיכף אַהיים!

פון אַט דעם ענטפער איז אין מיר נאָך מער געוואַקסן דאָס עקשנות און איך האָב באַשלאָסן זיי צו ווײַזן אַז איך וועל זיך געבן אַן עצה אויך אָן זייער הילף.

אַ גאַנצע וואָך בין איך אַרומגעלאָפן איבער די לײַפּציגער גאַסן און נישט געזען קיין פונק פון האָפענונג. געווען מאָמענטן ווען איך האָב שוין געטראַכט אַז איך האָב קיין ברירה נישט און מוז צוריקפאָרן צו מײַנע עלטערן. סײַדן אַ נס. אָבער ווו נעמט מען הײַנטיקע טעג נסים? ווײַזט זיך אַרויס אַז צו מאָל פּאַסירט אַ זאַך וואָס איז נישט ווײַט פון קיין נס.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין די גאַסן ווו עס האָבן געוווינט ייִדן, בעיקר אין דער ברילגאַס, ווו עס זענען געווען גרויסע ייִדישע פעלצגעשעפטן, און געהאָפט דאָרטן צו געפינען הילף. ווען מען פרעגט מיך פון וועמען איך וואָרט די הילף, ווייס איך נישט וואָס צו ענטפערן.

דאָס גליקלעכע באַגעגעניש

איין מאָל בין איך פאַרבײַגעגאַנגען אַ קאַפעהויז און דורכן פענצטער געזען ווי מענטשן זיצן און שפּילן שאָך. אַרום די טישן זענען געשטאַנען די „קיביצערס". אַזוי ווי איך בין געווען אַ גאַנץ גוטער שאַכשפּילער, האָב איך באַשלאָסן אַרײַנצוגיין, אַ ביסל קיביצן און אין איין וועגס זיך אָנוואַרעמען.

איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט בײַ אַ טיש ווו די שפּילערס האָבן מיר אויסגעזען אחינו־בני־ישראל און איינער האָט אַפילו בעתן שפּילן זיך צוגעזונגען אַ ייִדיש לידל. כ'האָב זיך אַזוי פאַרטיפט אין שפּיל, אַז כ'האָב פאַרגעסן אין מײַנע צרות. איך האָב אַפילו פאַרגעסן דעם הייליקן כּלל אַז אַ קיביצער דאַרף האַלטן ס'מויל און זיך נישט אַרײַנמישן אין שפּיל. ווי איך האָב דערזען אַז דער שפּילער וואָס זינגט זיך צו אַ ייִדיש לידל מאַכט אַ שלעכטן גאַנג, האָב איך אַ זאָג געטאָן: וואָס טוט איר? ס'איז געוואָרן אַ טומל און איינער פון די שפּילערס האָט געזאָגט אַז אויב איך וועל נאָך עפּענען ס'מויל וועט ער הייסן מען זאָל מיך אַרויסוואַרפן פון קאַפעהויז.

פאַרשטייט זיך אַז איך האָב מער נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט און בין געבליבן בײַם טיש ביז די פּאַרטיע האָט זיך פאַרענדיקט און דער זינגענדיקער שפּילער האָט פאַרלוירן. דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט ווי אַזוי איך וואָלט געשפּילט אויף זײַן אָרט. מיר האָבן אויפגעשטעלט די פיגורן און איך האָב אים געוויזן דעם גאַנג וואָס איך וואָלט געמאַכט. באַלד האָט זיך

טאַקע אַרויסגעוויזן אַז אויף אַזאַ אופן האָב איך געקענט געווינען די פּאַרטיע.

אין קאָרטן שפּילט מען געוויינטלעך נאָר מיט באַקאַנטע מענטשן, בפרט ווען מען שפּילט אין געלט. אָבער אין שאָך קומט אָפּט פאָר אַז עס זעצן זיך אַוועק צוויי מענטשן וואָס קענען זיך נישט איינער דעם צווייטן און מאַכן אַפילו נישט קיין באַקאַנטשאַפט. אַזוי אַרום האָט מיך דער ייִד פאַרבעטן צו שפּילן מיט אים אַ פּאַרטיע.

פאַר מיר איז געזעסן אַ מענטש מיט אַ בולט ייִדיש פּנים, אַ גרויסן קאָפּ מיט שוואַרצע האָר, אויגן ווי מאַנדלען און אַן אײַנגעגעמען באַריטאָן. ער האָט אויסגעזען צו זײַן אַ רויִקער מענטש, אָן דאגות. פּלוצלינג האָב איך געפילט אַז אָט דער מענטש קען מיר אַרויסהעלפן פון מײַנע צרות. דאָס דאָזיקע געפיל האָט מיך אַ ביסל צעטומלט און איך האָב נישט געוווסט צי זאָל איך שפּילן אויף אַן אמתן, אים צו געבן מאַט, אָדער אים לאָזן געווינען.

באַטראַכטנדיק מײַן פּאַרטנער, האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט: דאָ זיצט פאַר מיר אַ קלוגער פאַרשטענדלעכער מענטש און ער וועט אַוודאי באַמערקן אַז איך וועל שפּילן נאָר יוצא צו זײַן. ער קען זיך נאָך באַליידיקן. וועל איך טאַקע שפּילן אויף אַן אמת. מיר האָבן געשפּילט צוויי פּאַרטיעס און איך האָב ביידע געוווּנען.

פאַרענדיקט די שפּיל, איז מײַן פּאַרטנער אויפגעשטאַנען און זיך אַנטשולדיקט, ער מוז אַוועקגיין, אָבער ער האָפט אַז מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען בײַם שאָך. דרך־אַגב האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן ווער איך בין און וואָס איך טו אין לײַפּציג. איך האָב אים געענטפערט אַז איך בין אַ ישיבה־בחור וואָס איז געקומען לערנען אין גימנאַזיע פון ד״ר קאַרליבאַך, אָבער אַזוי ווי דאָס איז אַ לאַנגע מעשה, וויל איך אים איצט נישט פאַרהאַלטן. דאָ האָט זיך מײַן פּאַרטנער פאָרגעשטעלט, ער הייסט מאָטל זוקין און איז אַ פּעלצן־סוחר. ער האָט צוגעגעבן אַז אויב איך בין פרײַ, קען איך אים באַגלייטן אין זײַן ביוראָ און אים דערציילן בײַ אַ גלאָז קאַווע וועגן אַלע מײַנע פּלענער.

אַזוי בין איך אָנגעקומען אין ביוראָ פון מאָטל זוקין, דער וווּנדערלעכער מענטש וואָס האָט מיר חבריש אַרויסגעהאָלפן אין מײַן שווערן מצב. ווען איך האָב זיך אַרײַנגעזעצט אין ווייכן לעדערנעם פאָטעל האָב איך פּלוצעם דערפילט אַ שווערע מידקייט און בין נישט מסוגל געווען צו קאָנצענטרירן מײַנע געדאַנקען. זוקין האָט תיכּף באַמערקט דעם שינוי אין מיר און מיך געפרעגט צי איך פיל זיך נישט גוט. איך האָב אים געענטפערט אַז איך בין פּשוט זייער מיד און מײַן איינציקער ווונטש איז זיך קודם אויסצושלאָפן.

מײַן נײַער פרײַנד האָט מיך ווײַטער גאָרנישט געפרעגט. ער האָט מודיע

געוועזן זײַן סעקרעטאַרין אַז ער פֿאָרט אַהיים און וועט זיך באַלד אומקערן. דערנאָך האָט ער מיר געהאָלפֿן צוגיין צו זײַן אויטאָ וואָס איז געשטאַנען לעבן ביוראָ און מיך געפֿירט צו זיך אין זײַן ווילע, אין אַ פֿאָרשטאָט פֿון לײַפּציג, וואָס האָט געהייסן לײַפּציג־גאָלעס. דאָרטן האָט געוווינט דער גרעסטער טייל ייִדישע פּעלצן־סוחרים.

פֿרוי זוקין האָט מיך איידל פֿאַרבעטן צום טיש, אָבער איך האָב פֿאַר מידקייט נישט געקענט אָפּילו עסן. האָט זי מיך אַרײַנגעפֿירט אין אַ קליינעם גאַסטצימער, מיר געוווּנטשן אַ גוטע נאַכט און איז תּיכּף אַרויסגעגאַנגען. איך האָב קוים באַוויזן זיך אויסצוטאָן און בין אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן בעט. איך בין אַזוי אָפּגעשלאָפֿן גאַנצע זעקס און דרײַסיק שעה, ביז זוקין האָט מיך אויפֿגעוועקט.

נאָך אַ גוטער וואַרעמער וואַנע און נאָך אַ בעסערער וועטשערע האָב איך פֿאַרבראַכט דעם ערשטן אײַנגענעמען אָוונט אין לײַפּציג, אין דעם שיינעם סאַלאָן פֿון די זוקינס, פֿול מיט ליכט און וואַרעמקייט. קיינער איז צו מיר נישט צוגעשטאַנען איך זאָל דערציילן ווער איך בין און וואָס איך בין. זיי האָבן ווײַזט אויס פֿאַרשטאַנען אַז איך האָב זיך נאָך נישט באַפֿרײַט פֿון דער דעפּרעסיע אין די לעצטע טעג און האָבן מיך געלאָזט זיך רויִק צוהערן צו זוקינס גיטאַרע־שפּילן און געזאַנג.

נאָך דעם וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט עטלעכע טעג בײַ דער משפּחה זוקין און בין צו זיך געקומען, האָב איך דערציילט מײַן געשיכטע, ווי איך בין פֿאַרוואַלגערט געוואָרן קיין לײַפּציג און וואָס ס'איז מײַן ציל. דעמאָלט האָב איך זיך אויך דערוווּסט ווער די משפּחה זוקין איז.

מאָטל זוקין איז געקומען פֿון מאָסקווע. ער האָט פֿאַרקערפּערט אין זיך די שענסטע און בעסטע אייגנשאַפֿטן פֿון רוסישן ייִדנטום, זייער ברייט־האַרציקייט און גרייטקייט צו העלפֿן. ער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט רוסישער און אַלגעמיינער קולטור, אָבער נישט געקוקט אויף זײַן וועלטלעכקייט, האָט ער זיך נישט געשעמט מיט זײַן ייִדישן נאָמען און נישט מיט דעם ייִדישן לשון. די איינציקע טאָכטער זײַנע האָט ער גערופֿן מיט אַ העברעיִשן נאָמען — רות. ער האָט מיר דערציילט וועגן זײַנע עלטערן, וועלכע האָבן אים געגעבן אַ ייִדישע און צו גלײַך אַן אוניווערסאַלע דערציִונג. זיי האָבן אים געלערנט ליב האָבן די ייִדישע טראַדיציע און עד־היום סטאַרעט ער זיך צו לערנען און צו פֿאַרשטיין פֿון וואַנעט ייִדן האָבן גענומען די כּוחות איבער־צוטראָגן די גרויסע יסורים אין משך פֿון צוויי טויזנט יאָר.

מאָטל זוקין איז געווען איבערצײַגט אַז ס'איז ממש אַ נס מן השמים

וואָס ער האָט מיך באַגעגנט. ער האָט זיך אונטערגענומען פאַר מיר צו זאָרגן ביז איך וועל געפינען אַ בעסערע לייזונג. ער האָט אויך צוגעזאָגט צו געפינען פאַר מיר אַ פּריוואַטן לערער וואָס זאָל מיך צוגרייטן פאַר דער קאַרליבאַך־גימנאַזיע. בלויז איין בקשה האָט ער געהאַט: איך זאָל מיט אים צוויי מאָל אַ וואָך לערנען תּלמוד און העברעיִש.

מיט איין מאָל איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרץ. ס׳איז נעלם געוואָרן דער פּחד אַז איך וועל מוזן אויפגעבן מײַן פּלאַן צו לערנען. איך האָב זיך געפילט גליקלעך, ערשטנס, וואָס איך וועל קענען לערנען און צווייטנס, וואָס איך האָב געפונען אַזעלכע טײַערע פרײַנד ווי די משפּחה זוקין. איך בין געבליבן אַ לאַנגע צײַט אין זייער הויז ווי אַן אייגן קינד. מען האָט מיך אויפגענומען אין דער קאַרליבאַך־גימנאַזיע און אַחוץ דעם האָב איך באַוויזן זיך צו שאַפן אַ סך פרײַנד וואָס האָבן מיר געהאָלפן זיך באַקענען מיט דער דײַטשער קולטור, פון וועלכער איך בין געווען כּמעט אין גאַנצן פרעמד.

אַ דאַנק די זוקינס האָב איך זיך אויך באַקענט מיטן אייבערראַבינער פון דער לײַפּציגער ליבעראַלער קהילה, ד״ר גאָלדמאַן, און געוואָרן בײַ אים אַן אָפטער גאַסט. די ייִדן אין זײַן קהילה זענען געווען לרוב אַסימילאַנטן, וואָס האָבן געטענהט אַז זיי זענען קודם־כּל דײַטשן, אָבער ד״ר גאָלדמאַן אַליין איז געווען דורך און דורך אַ ייִדישער מענטש און בײַ זיך אין דער היים — אַפילו אַ נאַציאָנאַלער ייִד. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַן אויסער־געוויינטלעכער קולטור, דער עיקר אַ דײַטשע. מיט ייִדישער קולטור האָט ער זיך באַקענט נאָר אין דײַטשער איבערזעצונג. שוין בײַ אונדזער ערשטער באַגעגעניש האָט ער מיר דערציילט אַז ער חלומט אַלע יאָרן צו לערנען העברעיִש. אונדזער באַקאַנטשאַפט האָט זיך אין אַ קורצער צײַט פאַרוואַנדלט אין אַ טיפער פרײַנדשאַפט.

ווען מיר האָבן זיך באַקענט, איז ד״ר גאָלדמאַן אַלט געווען פופציק יאָר. בעת איך האָב מיט אים געלערנט העברעיִש איז ער אָבער געווען ווי אַ קינד פאַר זײַן לערער, פול מיט דרך־ארץ. ער פלעג זאָגן אַז איך בין די פּערזאָני־פיקאַציע פון דער ייִדישער גאַנצקייט, ווײַל אין איינעם מיט דער מאַמעס מילך האָב איך שוין אײַנגעזאַפּט די יסודות פון דער העברעיִשער קולטור.

אין דער קאַרליבאַך־גימנאַזיע האָט אויך געלערנט דער זון פון הרב פעלד־מאַן, דער רב פון דער קליינער חסידישער קהילה, וואָס איז מיינסטנס באַ־שטאַנען פון ייִדן געקומענע פון פּוילן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז געווען אַ גוטער שאַכשפּילער און דעריבער זענען מיר אין גיכן געוואָרן גוטע פרײַנד. איך בין אָפט אַרײַנגעקומען צום רב אין שטוב. מען האָט מיך

פאַרבעטן באַזונדערש פּרײַטיק צו נאַכטס, װען עס האָט זיך מיר שטאַרק געבענקט נאָך מײַנע עלטערן.

בעתן ערשטן שמועס מײַנעם מיט הרב פעלדמאַן האָב איך זיך דערוווּסט אַז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַנטלאָפן פון רוסיש־פּוילן, ווײַל ער האָט נישט געוואָלט ווערן אַ זעלנער און ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן קיין מאַרמאָרעש אין אַ דערפל, טערניוועּ האָט עס געהייסן. דאָרט האָט ער חתונה געהאַט און אָפּגעלעבט אַ פּאָר יאָר, ביז ער איז געוואָרן רב פון דער חסי־דישער קהילה אין לײַפּציג. ער האָט גוט געקענט מײַנע עלטערן און איז נישט איין מאָל געווען צו גאַסט בײַ אונדז אין בעדעבלע.

הרב פעלדמאַן איז געווען אַ ייִד אַ תּלמיד־חכם און האָט גערעדט מיט גרויס דרך־ארץ וועגן מײַן טאַטן און זײַן למדנישקייט. ער האָט אַלץ געטאָן מיך מקרב צו זײַן און מיר צו העלפן. באַזונדערש בין איך אים שולדיק אַ דאַנק וואָס ער האָט געמאַכט שלום צווישן מיר און מײַנע עלטערן.

מײַנע טאַטע־מאַמע האָבן אַ לאַנגע צײַט געפירט מיט מיר אַ ברוגז, ווײַל איך האָב זיי נישט געפאָלגט און בין נישט צוריק אַהיימגעפאָרן. איך האָב געהאַט דערפון גרויס עגמת־נפש ווײַל איך האָב זיי שטאַרק ליב געהאַט. ווען הרב פעלדמאַן האָט זיך דערוווּסט דערוועגן, האָט ער אָפּגעשריבן מײַן טאַטן אַ בריוו און אים דערקלערט אַז איך בין אַ שטענדיקער גאַסט בײַ אים אין שטוב און ער דאַרף פאַר מיר נישט דאגהן. דאָס האָט זיי באַרויִקט און איך האָב ווידער זוכה געווען צו זייער ליבשאַפט, ווי גלײַך ס'איז גאָרנישט געשען.

מיט דער הילף פון מײַנע טײַערע פרײַנד האָב איך זיך אין גאַנצן באַפרײַט פון דאגות און זיך אַ נעם געטאָן מיט אַלע כּוחות צום לערנען. נאָך אַ יאָר צײַט אין דער קאַרליבאַך־גימנאַזיע האָט מען מיר געראָטן אַריבערצוגיין אין אַ פּריוואַטער שול, ווו מען קען מאַכן עטלעכע קלאַסן אין איין יאָר, און זיך פריִער שטעלן צו דער מאַטורע. נאָך צוויי יאָר פלײַסיק לערנען האָב איך געהאַט אין די הענט דעם אַביטוריענטן־דיפּלאָם און די טויערן פון די אוניווערסיטעטן אויף דער גאַנצע וועלט זענען געשטאַנען פאַר מיר אָפן.

מײַן פרײַנד ד״ר גאָלדמאַן האָט געהאַט פּערזענלעכע באַציִונגען אין דער אוניווערסיטעט פון ברעסלאַו און ער האָט מיר דאָרט געזיכערט אַ סטיפּענדיע וואָס האָט מיך באַפרײַט פון אַלע דאגות־פּרנסה. איך האָב זיך דאָרט פאַר־שריבן אין דער יורידישער און עקאָנאָמישער פאַקולטעט.

ס'איז מיר אָנגעקומען זייער שווער זיך צו צעשיידן מיט מײַנע לײַפּציגער פרײַנד, און באַזונדערש מיט מאָטל זוקין, וואָס איז פאַר מיר געווען ווי אַן

אמתער ברודער אין דער שווערסטער צײַט. איך האָב אין מײַן לעבן באַגעגנט אַ סך רײַכע ייִדן און צווישן זיי אמתע מעצענאַטן, אָבער אַזוי צו העלפן אַז דער מענטש זאָל נישט זײַן בײַ זיך געפאַלן און נישט האָבן דאָס געפיל אַז ער איז אַ ניצרך, ווי דאָס האָט געטאָן מאָטל זוקין, האָב איך ווייניק באַגעגנט. ער האָט פשוט געהאַט אַ באַזונדערן טאַלאַנט צו העלפן, מיט אַ לאַכנדיק פנים, אַ מעלה וואָס מען געפינט נאָר בײַ מענטשן מיט גרויסע נשמות. ייִדישע פליטים וואָס זענען געקומען קיין לײַפּציג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָבן זיך נישט געקענט אײַנאָרדענען, באַקומען ווינרעכט, אָדער פשוט אַן אַרבעטספּלאַץ, האָבן זיך קודם געוואַנדן צו מאָטל זוקין. און ער האָט געהאָלפן בסוד, אַז אַפילו זײַן אייגענע פרוי האָט נישט געוווּסט וויפל משפחות ער איז מפרנס.

מאָטל זוקין האָט געהאַט הנאה פון העלפן אַ מענטשן. דאָס האָט אים געבראַכט אין אַ גוטער שטימונג און מ׳האָט עס תיכף באַמערקט בעת זײַן שפּילן גיטאַרע, אין אָוונט. ווען ער האָט געהאַט אַ גוטן טאָג, דאָס הייסט ווען ס׳איז אים געראָטן עמעצן צו העלפן, איז דאָס גאַנצע הויזגעזינד געווען לוסטיק און פריילעך.

פאַרשטייט זיך אַז עס זענען געווען געגנוג שווינדלערס וואָס האָבן אים אויסגענוצט. איך געדענק אַ פאַל מיט איינעם אַ חברה־מאַן וואָס זוקין פלעג אים העלפן. דער בחור האָט מסתּמא זיך געניייטיקט אין אַ גרעסערער סומע געלט. וואָס האָט ער געטאָן? ער איז געקומען צו מאָטל זוקין און אים מודיע געווען אַז דאָס ווײַב האָט אים געבוירן אַ זון, זי ליגט אין שפּיטאָל, און ער בעט אים, זוקינען, ער זאָל זײַן קוואַטער. זוקין האָט תיכף מסכּים געווען און דעם חברה־מאַן געגעבן געגנוג געלט צוצוגרייטן דעם ברית מיט אַ סעודה ווי עס פּאַסט פאַר אַ שׂימחה ווו ער איז אַ מחותּן. אין באַשטימטן טאָג בין איך מיט מאָטלען געפאָרן אין שפּיטאָל ווי ברייטע מחותּנים, אָנגעפּאַקט מיט כּל־טוב. נאָר אין שפּיטאָל האָט מען געקוקט אויף אונדז ווי אויף משוגעים: ווער? וואָס? נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. פון דעם חברה־מאַן איז אויך קיין סימן נישט געווען. איך בין אַרײַן אין כּעס און מאָטל זוקין האָט געלאַכט מיט אַ פולן מויל. איך געדענק נאָך וואָס ער האָט מיר דעמאָלט געזאָגט: אמת, אַ מאָל קענען צווישן צען מענטשן וואָס דו העלפסט זײַן נײַן שווינדלערס און בלויז איינער אַ נויטבאַדערפטיקער. און צוליב דעם איינעם דאַרפסטו העלפן אויך די איבעריקע נײַן, ווײַל דו ביסט נישט קיין שופט צו פּסקענען פון פאָרויס ווער ס׳איז גערעכט. אַפילו דער רבונו־של־עולם איז געווען גרייט צו ראַטעווען סדום צוליב איין אייניציקן צדיק. מיט וואָס

פאַר אַ רעכט קען איך דאָס אָפּזאָגן און מיך אַרויסשטעלן פאַר אַ שופט?

עד־היום פרעג איך זיך נאָך צו מאָל, ווי אַזוי וואָלט מאָטל זוקין רעאַגירט אין דעם פאַל אָדער אין יענעם? ער האָט פון מיר געלערנט העברעיִש און אַ ביסל גמרא, אָבער דאָס איז גאָרנישט אין פאַרגלײַך מיט דעם וואָס איך האָב געלערנט בײַ אים. איך דערלויב זיך צו זאָגן, אַז זײַן געפיל פאַר גערעכטיקייט האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף מיר, זיך צו דערנענטערן צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט פּראָקלאַמירט גלײַכהייט און גערעכטיקייט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

מאָטל זוקין איז געווען ברייטהאַרציק און האָט פײַנט געהאַט עוולות. ער האָט געוואָלט גערעכטיקייט פאַר דער גאַנצער וועלט, אָבער מיט זײַן חוש פאַר פּראָפּאָרציע, האָט ער געטענהט אַז קודם־כּל דאַרף קומען די גערעכטיקייט פאַרן ייִדישן פאָלק. דערקענען איך, וואָס האָב זיך אָקערשט באַפרײַט פון די אײַזערנע קייטן אין מײַן סביבה, בין געווען יונג, און דערפאַרונג אין לעבן, האָב געטענהט אַז אויב עס וועט הערשן גערעכטיקייט אויף דער גאַנצער וועלט, וועלן ייִדן ממילא געהאָלפן ווערן.

די דאָזיקע דיסקוסיעס האָבן אַ באַשטימטע צײַט אָפּגעקילט אונדזערע באַציִונגען און דערפירט צו אומפאַרשטענדענישן. ערשט אַ סך שפּעטער, ווען איך האָב געעפנט די אויגן, האָב איך פאַרשטאַנען ווי גערעכט ס'איז מאָטל זוקין. מיר האָבן זיך איבערגעבעטן און אונדזער פרײַנדשאַפט האָט זיך פון דעמאָלט מער קיין מאָל נישט איבערגעריסן.

איך בין אַוועק פון לײַפּציג, אָבער ביז די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן זענען געקומען צו דער מאַכט האָב איך שטענדיק געהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט מײַנע פרײַנד. ווען היטלער ימ״ש איז געוואָרן קאַנצלער בין איך אַוועק קיין ארץ־ישראל און דער קאָנטאַקט האָט זיך איבערגעריסן. דערנאָך איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה און דער חורבן פון ייִדישן פאָלק אין אייראָפּע. דאָס דײַטשע ייִדנטום איז אויך פאַרטיליקט געוואָרן.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה בין איך געווען אַ פרײַוויליקער אין דער בריטישער אַרמיי. אין די מדבריות פון איראַק האָב איך פּלוצעם געלייענט אין אַ העברעיִשער צײַטונג וואָס מיר פלעגן פון צײַט צו צײַט באַקומען פון ארץ־ישראל, אַז אַ מיידל מיטן נאָמען רות זוקין גייט חתונה האָבן. איך האָב איר תּיכּף געשריבן און זי געפרעגט צי זי איז די טאָכטער פון מאָטל זוקין. זי האָט עס מיר באַלד באַשטעטיקט. פון איר בין איך געוווּיר געוואָרן אַז איר פאָטער איז געשטאָרבן אין ארץ־ישראל, און זי מיט איר מאַמע געפינען זיך

אויך אין ארץ־ישׂראל. איך האָב זיך זייער געפרייט וואָס די קייט איז נישט אין גאַנצן איבערגעריסן געוואָרן און מײַן פרײַנד האָט זוכה געווען אַז זײַן נאָמען זאָל לעבן אין ישׂראל.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט בין איך מיט דער בריטישער אַרמיי געקומען אין דײַטשלאַנד. דאָרט האָב איך זיך דערוווסט אַז די משפּחה פון הרב פעלדמאַן איז בײַ צײַטנס אַוועק קיין ענגלאַנד און הרב פעלדמאַן איז געוואָרן רב אין מאַנטשעסטער.

פון ד״ר גאָלדמאַנס משפּחה איז קיינער נישט געבליבן. זיי און אויך דער גרעסטער טייל פון מײַנע פרײַנד אין לײַפּציג זענען אומגעקומען אין די גאַזקאַמערן.

זייער אָנדענק וועט אייביק בלײַבן אין מײַן זכּרון.

ג

דער חלום פון דער וועלט פון מאָרגן

הגם לײַפּציג איז נישט געווען די הויפּטשטאָט פון זאַקסן — ווי ברעסלאַו פון שלעזיע — איז צווישן זיי געווען אַ גרויסער חילוק. די זאַקסן האָבן זיך געהאַלטן פאַר אמתע דײַטשן און האָבן שטענדיק באַטאָנט זייער העכערקייט איבער די שלעזיער. די שלעזיער זענען, ווערדליק זיי, געווען „ממזרים" ווײַל זיי האָבן געלעבט בײַ דער פּוילישער גרענעץ און אין זייערע אָדערן איז אַרײַנגעמישט פּויליש בלוט. די זאַקסן זענען באַזונדערש שטאָלץ געווען אויף לײַפּציג. דאָרטן איז געשטאַנען דער גרעסטער דענקמאָל פון דײַטשלאַנד, און אפשר פון דער גאַנצער וועלט, דער „פעלקער־דענקמאָל", לזכר נאַפּאָלעאָנס מפלה; אין לײַפּציג איז געווען דער גרעסטער וואָקזאַל פון דײַטשלאַנד, דער גרעסטער קאָנצערטזאַל, באַקאַנט אונטערן נאָמען „געוואַנדהאַוז"; דאָרטן זענען געווען די ערשטע דרוקערײַען פון אייראָפּע, דער גרעסטער פעלצן־מיסחר אויף דער וועלט, און לצים האָבן געטענהט אַז אין לײַפּציג זענען אויך פאַראַן די גרעסטע שרײַערס און חוצפּהניקעס פון דער וועלט.

דערקעגן זענען די שלעזיער, בפרט אין ברעסלאַו, געווען צוגעלאָזטער און אָפענער. אַלע נאַציאָנאַליטעטן וואָס האָבן דאָרטן געלעבט האָבן געהאַט זייערע אָרגאַניזאַציעס און אין גאַס האָט מען געקענט הערן אַחוץ דײַטש אויך אַנדערע שפּראַכן. באַזונדערש קענטיק איז געווען די פּוילישע מינדערהייט, בדרך־כּלל אַ לינקס געשטימטע, וואָס האָט געשטיצט די פּוילישע פּליטים אַנטלאָפענע פון פּוילן מחמת דעם רעאַקציאָנערן רעזשים וואָס האָט דאָרטן געהערשט.

אין ברעסלאַו איז אויך געווען אַ פאַרבאַנד פון ייִדישע סטודענטן, וואָס האָט אַרײַנגענומען אי ציוניסטן אי לינקע. זיי האָבן זיך טאַקע שטענדיק געאַמפּערט און די לינקע האָבן גערופן די ציוניסטן, „רעאַקציאָנערע באַנדעס".

אַזוי ווי איך האָב קיין דאגות־פּרנסה נישט געהאַט און דאָס לערנען איז מיר אָנגעקומען גרינג, האָב איך זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט פּאָליטיק. איך בין געגאַנגען אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און זיך צוגעהערט צו זייערע אַרגומענטן. סוף־כּל־סוף בין איך מיטגעריסן געוואָרן פון די לינקע סטודענטן, נישט אַזוי צוליב זייערע לאָזונגען ווי צוליב זייער פּשוט לעבן און זייער הכנסת־אורחים לגבי יעדן איינעם, אָן אים צו פרעגן ווער ער איז און וואָס ער איז.

דער געדאַנק צו פאַרבעסערן די וועלט איז מיר, ווייזט אויס, פאַרבליבן פון דער צייַט ווען איך בין געווען נאָענט צו דער חסידישער באַוועגונג, וואָס האָט מיר פאַרכּישופט מיט איר התלהבות. ווען איך האָב זיך פאַרבונדן מיט די לינקע האָב איך עס אויך געטאָן מיטן גאַנצן יוגנטלעכן ברען. איך האָב געוואָלט גלייבן אַז מען קען בייַטן די וועלט, כּדי עס זאָל הערשן אין איר גלייַכהייט פאַר אַלע מענטשן.

איין זאַך וויל איך באַטאָנען: הגם איך האָב באַשלאָסן אָפּצוגעבן מייַנע כּוחות דער וועלט־רעוואָלוציע האָב איך קיין מאָל נישט אויפגעהויבן מייַן האַנט און זיך קיין מאָל נישט באַטייליקט אין דעם קאַמף קעגן דער ציוניס־טישער יוגנט, וואָס האָט געטענהט אַז מען דאַרף קודם לייזן די יידישע פראַגע דורכן קאָנצענטרירן דאָס יידישע פאָלק אין ארץ־ישראל. דאָס האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָבער איך האָב מייַן שטעלונג נישט געביטן.

אָפּנייג פון דער ליניע

פּרינציפּיעל האָב איך געגלייבט אַז מען מוז בייַטן די וועלט און אויב עס גייט נישט אַנדערש, מעג מען עס טאָן מיט כּוח, אָבער בייַ מיר אין האַרצן האָב איך געפילט אַז דאָס יידישע פאָלק איז אין סכּנה, עס וועט נישט האָבן דעם כּוח איבערצולעבן דעם לאַנגן, שווערן, יסורימדיקן וועג, כּדי צו דער־גרייכן דעם ציל. איך האָב שטענדיק אין זינען געהאַט דעם זאָג: ווער עס ראַטעוועט איין נפש פון ישראל, איז ווי ער וואָלט געראַטעוועט אַ גאַנצע וועלט. דערפאַר האָב איך געהאַט אַ סימפּאַטיע פאַר די וואָס האָבן געראַטע־וועט יידן, אַפילו איינצלנע אָדער קליינע גרופּעס.

מייַנע נייַע פּאַרטיי־חברים, באַזונדערס די יידישע, האָבן מיך אָפּט באַ־שולדיקט אַז איך פאָלג נישט די אַלגעמיינע ליניע. זיי האָבן מיך גערופן אַ „נאַציאָנאַלער קאָמוניסט״. דערויף פלעג איך ענטפערן: פאַר וואָס טוט מען אַלץ אין ראַטן־פאַרבאַנד כּדי אויפצולעבן פאַרשיידענע נאַציעס, הגם עס איז

פון זיי כמעט קיין זכר נישט געבליבן און מען באַטראַכט דאָס בכלל נישט פאַר קיין נאַציאָנאַליסטישן שאָוויניזם? אויב מען מעג דאָס טאָן פאַר אַנדערע נאַציעס, פאַר וואָס זאָל מען עס נישט טאָרן אויך פאַר ייִדן, וואָס האָבן טויזנטער יאָרן אָפּגעהיט זייערע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן? דער ענטפער אויף מײַנע שאלות איז תּמיד געווען אַ דעמאַגאָגישער, נישט צו דער זאַך. דער פּירוש איז געווען אַז ייִדן דאַרפן זײַן גליקלעך וואָס זיי זענען דאָס שמירעכץ פאַר די רעדער פון דער רעוואָלוציע. ווען איך טראַכט צוריק צו יענער צײַט קום איך צום אויספיר אַז מײַן צוגעהעריקייט צום ייִדישן פאָלק איז קיין מאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן און דאָס האָט מיר אין אונטערבאַוווסטזײַן געהאָלפן בעת די שווערסטע רגעס פון ייִאוש. שפּעטער, ווען איך האָב געעפנט די אויגן און געזען אַז איך האָב יאָרן־לאַנג געדינט פרעמדע געטער, בין איך נישט צעבראָכן געוואָרן, נײַערט זיך אומגעקערט צו זיך, צו מײַן טאַטנס היים, צו מײַן אייגן פאָלק.

נו, איך בין זיך שוין ווידער פאַרלאָפן דעם וועג. שוין צײַט זיך אומצוקערן קיין ברעסלאַו, וווּ איך האָב געלערנט און אַקטיווירט אין דער יוגנט־אָפּטייַלונג פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

אין דײַטשלאַנד איז פון טאָג צו טאָג געוואַקסן די פאַשיסטישע באַוועגונג און זיך אָנגעהויבן עפנטלעך צו באַווײַזן אין די גאַסן. די שאָוויניסטישע כוואַליע איז קענטיק געווען אויך צווישן די סטודענטן. די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט גענומען צוגרייטן קאַדערס פאַר אונטערערדישער אַרבעט.

די טראַגעדיע פון דער דײַטשער קאָמוניסטישער פאַרטיי־אָנפירונג איז געווען וואָס זי האָט געגלייבט אַז מיט וויפל דער ווירטשאַפטלעכער און אַל־געמיינער מצב וועט זײַן ערגער, וועט דער אויפשוווּנג פון דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג זײַן גרעסער און דערמיט וועט זיך דערנענטערן די סאָ־ציאַלע רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע האָט זיך אָבער נישט דערנענטערט און די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען האָבן זיך נישט געשטאַרקט. להיפּוך, אין אַ קורצער צײַט זענען מאַסן מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער און סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי אַריבער צו די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. מען קען זאָגן אַז דער אומגליקלעכער חשבון וואָס עס האָבן געמאַכט די אָנפירערס פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין דײַטשלאַנד האָט אינדירעקט געהאָלפן אַז דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם זאָל מנצח זײַן.

ווי אַ געטרײַער און איבערגעגעבענער חבר האָב איך געאַרבעט אין פאַר־שיידענע אונטערערדישע קעמערלעך פון דער קאָמוניסטישער יונגט. נאָך אַ יאָר צײַט האָט די פּאָליציי אַנטפּלעקט אונדזער טעטיקייט און האָט מיך,

אין איינעם מיט אַנדערע חברים, אַרעסטירט. מײַן מצב איז געווען אַ באַ־זונדערער, ווײַל איך בין געווען אַ פרעמדער, אַ רומעניִשער בירגער, און די דײַטשן האָבן זיך נישט באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ צו אַט דער בירגערשאַפט.

אין יענער צײַט האָט זיך די פּאָליציי נאָך גערעכנט מיט דער אַקאַדעמישער אימוניטעט פון סטודענטן. דערפאַר האָט זי זיך געווענדט צו דעם סענאַט פון דעם אוניווערסיטעט ווו איך בין געווען אינסקריבירט און געפאָדערט מען זאָל מיך אויסשליסן פון דער אוניווערסיטעט אין ברעסלאַו און בכלל פון אַלע אוניווערסיטעטן אין דײַטשלאַנד, כּדי מיך אַזוי אַרום אַרויסצוטרײַבן פון לאַנד. דער סענאַט איז, ווײַזט אויס, געווען צופרידן פּטור צו ווערן אויף אַזאַ אופן פון אַ רומעניש־ייִדישן סטודענט, דערצו נאָך אַ קאָמוניסט, און איז מסכּים געווען מיט דער פאָדערונג פון דער פּאָליציי. מען האָט מיך אויסגע־שלאָסן פון אַלע אוניווערסיטעטן אין דײַטשלאַנד און מיך אַפילו נישט פאַר־בעטן כּדי צו הערן מײַן מיינונג. אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט מײַן שטודיום אין דײַטשלאַנד. אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי גיך, אַז איך האָב אַפילו קיין צײַט נישט געהאַט צו טראַכטן וואָס מען טוט ווײַטער. הגם דאָס איז געווען פאַר מיר אַ שווערער קלאַפּ, האָב איך זיך אָבער נישט מתיאש געווען.

איך ווער האַרציק אויפגענומען פון חבר גאָטוואַלד

איך בין ערשט אַלט געווען צוואַנציק יאָר און שוין געהאַט הינטער זיך פיר יאָר פון אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען און אַ רײַכע דערפאַרונג. דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג איך זאָל נישט אַרײַנפאַלן אין יִיאוש. אמת, איך האָב טאַקע געליטן אַ דורכפאַל, אָבער איך בין יונג און די וועלט שטייט פאַר מיר אָפן. אויב נישט אין דײַטשלאַנד, וועל איך פאַרענדיקן מײַן שטודיום אין אַן אַנדער לאַנד. קיין רומעניע האָב איך נישט געהאַט קיין חשק צוריקצופאָרן, ווײַל איך בין געווען זיכער אַז די רומעניִשע געהיים־פּאָליציי וועט מיך אַרעסטירן תּיכּף בײַ דער גרענעץ ווי אַ קאָמוניסט. איך האָב בשום־אופן נישט געוואָלט פאַרברענגען יאָרן אין די תּפיסות פון דער רומעניִשער „סיגוראַנצע" (געהיים־פּאָליציי). אַחוץ דעם האָב איך נישט געוואָלט אָנטאָן קיין צרות מײַנע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן געוווינט אין גרויסוואַרדיין.

היות דײַטשלאַנד האָט ממילא נישט געהאַט קיין בשותּפותדיקע גרענעץ מיט רומעניע און איך האָב די גאַנצע צײַט געטענהט בײַ דער פּאָליציי אַז איך בין אין תּוך אַ טשעכישער בירגער, ווײַל איך בין דאָרטן געבוירן געוואָרן, האָבן זיי סוף־כּל־סוף מסכּים געווען מיך אַריבערצושטעלן די דײַטש־טשעכישע גרענעץ.

מײַן פּלאַן איז געװען צו פֿאָדערן די טשעכישע בירגערשאַפֿט, אויפֿן סמך װאָס איך בין דאָרטן געבוירן געװאָרן. דער פֿאַקט װאָס מײַנע עלטערן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער טשעכישער בירגערשאַפֿט װען זײ האָבן זיך אַריבער־געפֿירט קײן גרױסװאַרדײַן דאַרף מיך נישט אָנגײן, װײַל איך בין דאַן דעמאָלט געװען מינדעריעריק. איך האָב געהאָפֿט אַז מײַן פּלאַן װעט מיר געראָטן און איך װעל קענען װײַטער שטודירן אין פּראָג אָדער אין בראַ־טיסלאַװע.

אַזױ װי איך בין אָנגעקומען אין פּראָג, האָב איך זיך תּיכף געװענדט צו דער צענטראַלע פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ. מײַנע פֿרײַנד אין דײַטש־לאַנד האָבן פֿריִער מודיע געװען אַז איך דאַרף קומען און געבעטן מען זאָל מיר העלפֿן. דאָס קבלת־פּנים איז געװען אױסערגעװײנטלעך האַרציק און דער גענעראַל־סעקרעטאַר, חבר גאָטװאַלד, האָט מיך פּערזענלעך אױפֿגע־נומען און צוגעזאָגט אַז ער װעט טאָן אַלץ כּדי מיר צו העלפֿן. ער האָט אויף מיר געמאַכט זײער אַ גוטן רושם מיט זײַן פּשוטער, חברישער אױפֿפֿירונג, כאָטש ער איז שױן דעמאָלט געװען אײנער פֿון די װיכטיקסטע חברים אין די ערשטע רײען פֿון דער פּאַרטײ.

נאָך אַ פּאָר טעג אין פּראָג האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז דער ענין מיט מײַן בירגערעכט איז נישט אַזױ פּשוט און קען זיך פֿאַרשלעפּן אַ לענגערע צײַט. װי אַן אױסלענדער האָב איך נישט געקענט באַקומען קײן אַרבעט, בפֿרט אין אַ צײַט װען ס'האָט אין גאַנצן לאַנד געהערשט אַ גרױסע אַרבעטסלאָזי־קײט. אַ חוץ דעם איז דאָרט געװען אַ שטרענגער פּאָליצײ־קאָנטראָל און איך בין געװען אין סכּנה מען זאָל מיך כאַפּן און אַריבערשיקן קײן רומעניע.

די פּאַרטײ־צענטראַלע האָט באַשלאָסן איך זאָל פֿאָרן אױף אַ צײַט קײן מעריש־אָסטרױ און דאָרט אַרבעטן אונטער אַ פֿאַלשן נאָמען אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פֿון דער דײַטשער פּאַרטײ־אָפּטײלונג אין סודעטן־לאַנד. איך האָב אין דער אַרבעט געזען אַ װיכטיקע שליחות, װײַל די דײַטשע באַפֿעל־קערונג אין סודעטן־לאַנד האָט זיך שױן דעמאָלט געבונטעװעט און אַ גרױ־סער טײל האָט אָנגעהױבן צו קאָקעטירן מיטן דײַטשן פֿאַשיסטישן פֿירער. אױך בײַ דער יוגנט װאָס איז געװען אָרגאַניזירט אין דעם סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער און אַפֿילו קאָמוניסטישער פּאַרטײ האָבן זיך באַװיזן די ערשטע סימנים פֿון אַריבערלױפֿן אין פֿאַשיסטישן לאַגער צו די „ברױנע העמדער".
איך האָב זיך נאָך באַקענט מיטן פֿאַשיזם אין דײַטשלאַנד און װי אַ קאָמוניסט האָב איך אים פֿײַנט געהאַט שׂינאַת־מװת. אָבער נאָך מער האָב איך אים פֿײַנט געהאַט װי אַ ייִד, װײַל איך האָב שױן דעמאָלט פֿאַרשטאַנען אַז דער

נצחון פון פאַשיזם קען באַטײַטן די פאַרטיליקונג פונעם ייִדישן פאָלק.

מיט אַ מאָל איז שמעון אָרנשטיין נעלם געוואָרן און אויף זײַן אָרט איז אויפגעטראָטן דער חבר אַלעקס, וואָס האָט אין משך פון חדשים, טאָג פאַר טאָג, זיך אַרומגעיאָגט אין דער לענג און אין דער ברייט פון סודעטן־לאַנד און געפרוווט, מיט דער הילף פון די אָרטיקע חברים, צו פאַרשטאַרקן די פאַרטיי און אויפשטעלן אַ מויער קעגן דער פאַשיסטישער כוואַליע.

די דאָזיקע אַרבעט איז גאָרנישט געווען קיין גרינגע און מען האָט באַדאַרפט דערצו שטאַרקע נערוון. אָפט מאָל זענען אויף אונדז אָנגעפאַלן די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס און היות די טשעכישע פאָליציי האָט זיך נישט געאײַלט אונדז צו העלפן, האָבן מיר דערווײַל באַקומען טרוקענע קלעפ. פון דעסטוועגן האָב איך אַלץ מקבל געווען באַהבה, ווײַל איך האָב געגלייבט אַז מײַן אַרבעט איז אַ ניצלעכע און אַ וויכטיקע.

איך האָב געלעבט אין זייער שווערע באַדינגונגען און נישט איין מאָל האָב איך צוגעהונגערט, ווײַל דער בודזשעט פון דער פאַרטיי האָט נישט געסטײַעט פאַר עסן. אַחוץ דעם איז מיר שווער געווען צו לעבן אַ טאָפל לעבן. איך בין געווען אילעגאַל נישט נאָר לגבי דער טשעכישער פאָליציי, נײַערט אויך לגבי מײַנע אייגענע פאַרטיי־חברים, ווײַל לויט די אָנווײַזונגען פון דער פאַרטיי־צענטראַלע אין פראָג, האָבן זיי אויך נישט געדאַרפט וויסן מײַן אמתע אידענטיטעט.

הײַנט, ווען איך טראַכט וועגן יענער צײַט, פאַרשטיי איך אַז די גאַנצע קאָנספּיראַציע פון דער פאַרטיי האָט געהאַט בעיקר דעם צוועק אויסצובאַהאַלטן פאַר די אָרטיקע חברים מײַן ייִדישן אָפשטאַם. בכלל גלייב איך הײַנט אַז אונדזער דעמאָלטיקע אַרבעט איז בלויז געווען אַן אילוזיע, בפרט ווען איך טראַכט ווי גיך די דײַטשן פון סודעטן־לאַנד האָבן געביטן די פעל ווי באַלד דער עסטרײַכישער קאָרפּאָראַל איז געוואָרן דער הערשער פון דײַטשלאַנד. זיי האָבן אויסגעביטן די רויטע פאָן פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג אויף דער רויטער פאָן מיטן האַקנקרייץ אין מיטן.

אַ האַלב יאָר האָב איך אַקטיווירט אין סודעטן־לאַנד. דערנאָך האָב איך מודיע געווען אַז איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין קאַרפּאַט־רוסלאַנד, וווּ איך בין געבוירן, כּדי צו פאָדערן מײַן בירגעררעכט. פאַרשטייט זיך אַז איך האָב פאַרלאָזט מײַן אַרבעט ערשט ווען איך האָב באַקומען די הסכּמה פון דער צענטראַלע אין פראָג.

אין קאַרפּאַט־רוסלאַנד האָב איך אויך נישט מצליח געווען צו דערליידיקן מײַנע ענינים. די אַדמיניסטראַציע פון דער געגנט איז געווען אין די הענט

פון באַאַמטע געשיקטע פון פּראָג, וואָס האָבן זיך בכלל נישט גערעכנט מיט דער באַפעלקערונג. זיי האָבן באַטראַכט קאַרפּאַט־רוסלאַנד ווי אַ קאָלאָניע און געקוקט אויף דער אָרטיקער באַפעלקערונג ווי אויף צווייטראַנגיקע בירגער. פאַרשטייט זיך אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין איבעריקע סימפּאַטיע פאַר אַ ייִדישן יונגער־מאַן, דערצו אַ קאָמוניסט, אַזוי אַז מײַן בקשה איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין באַרטפעלד, אין דער סלאָוואַקײַ, ווו מײַן זיידע, ר׳ חיים־אַברהם איז געווען רב און אַלע אײַנוווינערס האָבן אים ליב געהאַט. אין באַרטפעלד האָט אויך געלעבט מײַנע אַ קרוב וואָס איז געווען אַ מיטגליד אין שטאָטראָט און איך האָב געהאָפט אַז ער וועט מיר העלפן. מצליח געווען בין איך דווקא אין זכות פון מײַן זיידן. אין די ביכער פון שטאָטראָט איז געווען פאַרשריבן אַז מײַן זיידע איז געווען אַן ערן־בירגער פון באַרטפעלד און אויף דעם סמך האָבן די שטאָטעלטסטע באַשלאָסן צו געבן דאָס בירגערעכט פאַר מיר, זײַן אייניקל. אויף אַזאַ אופן בין איך ווידער געוואָרן אַ טשעכאָסלאָוואַקישער בירגער.

חשדימדיקע פרײַנדלעכקייט אין שפּיטאָל

אויפן וועג צוריק פון באַרטפעלד האָב איך זיך געמוזט אָפּשטעלן אין קאָשיצאַ און וואַרטן דאָרט זעקס שעה אויף דער באַן קיין פּראָג. איך האָב זיך געהאַט צוגעקילט און האָב געטראַכט בײַ דער געלעגנהייט צוצוגיין צו אַ דאָקטער. איך האָב געוווּסט פון דײַטשלאַנד, אַז אין יעדער עפנטלעכער קראַנקן־אינסטיטוציע קען מען באַקומען מעדיצינישע הילף פאַר אַ קליינעם, סימבאָלישן אָפּצאָל. ווי אַ סטודענט האָב איך אָפט אַזוי געטאָן. איך בין געווען זיכער אַז אַזוי פירט זיך אויך אין טשעכאָסלאָוואַקײַ. קיין גרויסער גביר בין איך נישט געווען, בין איך געגאַנגען זוכן אַ שפּיטאָל אין קאָשיצאַ. פון אַן אַדרעסן־בוך אויפן וואָקזאַל האָב איך אַרויסגעשריבן דעם אַדרעס און זיך געלאָזט גיין. ס׳איז געווען נישט ווײַט פון דער באַן־סטאַנציע. דער טויער פון שפּיטאָל איז געווען פאַרשלאָסן און נאָך דעם ווי איך האָב געקלונגען, איז אַרויסגעקומען אַ מאַן אין אַ ווײַסן כאַלאַט און מיך געפרעגט וואָס איך וויל. אַנשטאָט צו זאָגן תּיכּף אַז איך בין צוגעקילט, האָב איך געפרעגט צי מײַנע צוואַנציק קראָנען וועלן זײַן גענוג צו באַצאָלן אַ וויזיט בײַ אַ דאָקטער. דער מאַן האָט מיך אַרײַנגעפירט אין וואַרט־צימער, נישט ווײַט פון אַרײַנגאַנג. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און פון מיר קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. ווען דער דאָקטער איז פרײַ געוואָרן האָט ער מיך אַרײַנגע־

פירט און צו אים עפּעס אַ זאָג געטאָן אויף סלאָוואַקיש וואָס איך האָב ממילא נישט פאַרשטאַנען. אויף דער שאלה פון דאָקטער וואָס ס'איז מײַן באַגער, האָב איך ווידער געטאָן דעם פּעלער צו פרעגן אויב מײַנע צוואַנציק קראָנען וועלן סטײַען פאַרן וויזיט, ווײַל מער קען איך מיר נישט פאַרגינען. דער דאָקטער האָט מער קיין שאלות נישט געפרעגט, נאָר גערופן דעם מאַן פון טויער און אים געהייסן מיך פירן אין אָפּטייל וווּ מען נעמט אויף נײַע קראַנקע. מיר זענען אַרײַן אין אַ דרײַשטאָקיקן בנין און דאָרטן האָבן מיר ווידער געמוזט וואַרטן. מיר איז געווען אַ חידוש וואָס דער מאַן פון טויער בלײַבט אומעטום מיט מיר, אָבער אַזוי ווי איך האָב נישט גערעדט סלאָוואַקיש בין איך געזעסן און געשוויגן.

ווען ס'איז געקומען מײַן ריי, האָט מיך דער מאַן אַרײַנגעפירט, ווידער עפּעס אַ זאָג געטאָן דעם דאָקטער אויף סלאָוואַקיש, און איז אַרויסגעגאַנגען. ס'איז געווען אַ גרויס צימער און אַחוץ אַ שרײַבטיש און עטלעכע לעדערנע פאָטעלן איז דאָרט גאָרנישט געווען וואָס זאָל זאָגן עדות אַז איך געפין זיך אין אַן אָרדינאַציע. בײַם שרײַבטיש איז געזעסן אַ מאַן מיט אַ הדרת־פּנים, אַ גרויסן קאָפּ מיט שוואַרצע האָר און וועלכע עס האָבן געזילבערט ווײַסע פעדעם און אַ פּאָר בלויע, באַרויקנדיקע אויגן.

ווען איך האָב ווידער איבערגעחזרט מײַן שאלה וועגן געלט, האָט מיר דער דאָקטער געזאָגט אַז דאָס איז נישט וויכטיק און אינטערעסירט אים בכלל נישט. ער האָט מיך פאַרבעטן זיך אַוועקזעצן אים קעגן איבער אין אַ פאָטעל און האָט מיך אָנגעהויבן פרעגן פערזענלעכע שאלות, וועגן מיר און מײַנע עלטערן. היות ער האָט אויף מיר פון אָנהייב אָן געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק האָב איך העפלעך געענטפערט אויף אַלע זײַנע שאלות. איך האָב אים דער־ציילט וועגן מײַנע טאַטע־מאַמע, וועגן דער סביבה אין וועלכער איך בין אויפגעוואַקסן, וועגן מײַן אַנטלויפן קיין דײַטשלאַנד, מײַן שטודיום און אַזוי ווײַטער. דער דאָקטער האָט זיך די גאַנצע צײַט צוגעהערט מיט גרויס אויפ־מערקזאַמקייט און מיך נישט איבערגעריסן.

איך געדענק נישט ווי לאַנג מיר זענען אַזוי געזעסן. איך דערמאָן זיך נאָר אַז פּלוצעם האָט דער דאָקטער אַרויסגענומען זײַן קעשענע־זייגער און איבער־ראַשט אַ זאָג געטאָן אַז ס'איז שוין שפּעט; עס וואַרטן אויף אים נאָך עטלעכע קראַנקע און צו זײַן באַדויערן מוז ער איבעררײַסן. אויפשטייענדיק פון זײַן פאָטעל האָט ער צוגעגעבן אַז ער וווּנדערט זיך אין תּוך צוליב וואָס איך בין צו אים געקומען. ער האָט מיך אויסגעהערט כּמעט צוויי שעה און האָט דעם אײַנדרוק אַז איך בין אַ פולשטענדיק נאָרמאַלער, אינטעליגענטער יונגערמאַן.

איצט האָב איך זיך ערשט געכאַפּט און לאַכנדיק געפרעגט:

— איר האָט געמיינט אַז איך בין משוגע?

— יאָ, — האָט ער פּשוט געענטפערט. וואָס דען זוך איך אין אַ שפּיטאָל פאַר נערוון־קראַנקע? דער ערשטער דאָקטער האָט אים געלאָזט וויסן אַז איך לייד ווײַזט אויס פון סכיזאָפרעניע און מײַן „אידע־פיקס" איז עפּעס אַ מעשה מיט געלט. דערפאַר האָט ער מיך געשיקט צו דעם דירעקטאָר פון שפּיטאָל, ער זאָל באַשטימען צי מען דאַרף מיך אויפנעמען.

ווען איך האָב אים געזאָגט אַז איך בין פּשוט צוגעקילט און בין געקומען נאָך אַ רפואה, האָבן מיר זיך ביידע צעלאַכט. ער האָט מיר פון שפּיטאָל אויסגעשריבן רפואות און מיר געראָטן צו בלײַבן עטלעכע טעג אין בעט. בײַם געזעגענען זיך האָט ער מיר געזאָגט אַז ער הייסט דאָקטער סטוכליק. ער האָט צוגעגעבן אַז איצט האָט ער זיך נאָך אַ מאָל איבערצײַגט ווי ריכטיק ס'איז דער זאָג אַז דאָס לעבן און דער טויט הענגען אַ סך מאָל אָפּ פון דער צונג. פון מײַן צונג איז געווען אָפּהענגיק צי מען זאָל מיך אינטערנירן, ווער ווייס אויף ווי לאַנג, אין שפּיטאָל פאַר נערוון־קראַנקע.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט אַז דאָקטער סטוכליק איז איינער פון די באַקאַנטסטע פּסיכיאַטערס אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. אַזוי ווי ער האָט פּאָליטיש אַקטיווירט אין „לינקן פראָנט", ווו עס איז געווען אָרגאַניזירט אַ גרויסער טייל פון דער טשעכישער לינקער אינטעליגענץ, האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט פאַרשיידענע אונטערנעמונגען און האָבן תּמיד געלאַכט וועגן מײַן פּאַסירונג אין משוגעים־הויז.

נאָך מײַן אַוואַנטורע אין קאָשיצאַ בין איך געפאָרן קיין פּראָג און געהאָפּט אַז איצט, ווי אַ טשעכישער בירגער, וועל איך אויפגענומען ווערן אין פּראָגער אוניווערסיטעט. די פּאַרטיי־צענטראַלע האָט אָבער אַנדערש באַשלאָסן און איך האָב זיך אונטערגעגעבן, אָדער ווי מען זאָגט אין ישראל — איך האָב אַקצעפּטירט דעם פּסק־דין פון דער באַוועגונג.

די אומגערעכטע פּאָליטיק וואָס די הערשנדיקע אַגראַר־פּאַרטיי האָט גע־פירט לגבי דעם מיזרח־טייל פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ אין די דרײַסיקער יאָרן האָט דערפירט צו גרויסע אומרוען אין קאַרפּאַט־רוסלאַנד, ווו די באַ־פעלקערונג האָט ממש געהונגערט נאָך אַ טרוקענעם זומער. עס איז אָפט מאָל געקומען צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי.

די פּאַרטיי־צענטראַלע אין פּראָג האָט באַשלאָסן אַז איך זאָל דערווײַל אָפּלייגן מײַן שטודיום און אַרויספאָרן קיין קאַרפּאַט־רוסלאַנד העלפן דעם סענאַטאָר לוקוטאַ אָרגאַניזירן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. די צענטראַלע האָט

מיך באַשטימט פאַר דעם סעקרעטאַר פון טעטשער ראַיאָן, צו וועלכן עס האָבן געהערט אַלע דערפער פון כוסט פון איין זײַט, ביז יאַסין, לעבן די קאַרפּאַטישע בערג, פון דער צווייטער זײַט. אין מײַן ראַיאָן זענען געווען איבער זעכציק טויזנט אָרעמע פויערים און עטלעכע טויזנט אַרבעטסלאָזע אַרבעטער. אין אָט דעם ים פון צרות האָב איך זיך געדאַרפט לערנען שווימען און באַווײַזן אַז איך וועל נישט דערטרונקען.

ד

בײַ די טײַכן אין טעטש

נאָך צען יאָר אַרומוואַנדערן אויף דער גרויסער וועלט בין איך צוריק־געקומען אין דער געגנט ווו איך בין געבוירן געוואָרן און ווו איך האָב פאַר־בראַכט די שענסטע יאָרן פון מײַן לעבן, די קינדער־יאָרן. ווי פריִער האָבן געשטראַמט די צוויי טײַכן, די ריקע און די טײַס, בניחותא און צעטיילט די לאַנדשאַפט אין צווייען. פון ביידע זײַטן האָבן זיך אויסגעשפרייט די דער־פער אין וועלכע דער רוב פון דער באַפעלקערונג זענען געווען רוטענער, אָדער אוקראַיִנער, ווי מ׳האָט זיי גערופן שפּעטער אין דער טשעכישער רעפובליק. אין יעדן דאָרף זענען געווען קליינע ייִדישע קהילות, פאַרבונדענע צווישן זיך דורך מחותנישאַפט אָדער מיסחר.

אין צענטער פון דער געגנט איז געווען דאָס שטעטל טעטש, ווו די ריקע איז אַרײַנגעפאַלן אין דער טײַס. טעטש, מיט זײַנע בערך צוועלף טויזנט אײַנוווינערס, איז געווען די „בעצירקסשטאָט״, דאָרט איז געווען דאָס ראַיאָ־נאַלע געריכט, דאָס שטײַעראַמט, וואָס האָט באַדינט די גאַנצע געגנט. עס זענען אויך געווען עטלעכע גרויסע געשעפטן פון שפּײַז און פון קליידער, אַזוי אַז די ייִדן פון די אַרומיקע דערפער פלעגן קומען אַהין דערלײדיקן פאַרשיידענע ענינים אין די אַמטן און אײַנקויפן סחורות פאַר זייערע דאָר־פישע קלייטלעך.

אין טעטש איז דער רוב פון דער באַפעלקערונג געווען אונגאַרן. זיי האָבן אַליין באַאַרבעט זייערע פעלדער און אויפגעבויט בליִענדיקע ווירטשאַפטן. דער ייִדישער מיעוט אין טעטש האָט געציילט בערך צוויי הונדערט משפחות. אַ טייל האָט געלעבט פון מיסחר אָבער דער רוב איז געווען בעל־מלאכות, שנײַדערס, שוסטערס, טישלערס, בלעכערס, בעל־עגלות, אָדער סתם טאָג־לוינערס. עס זענען אויך געווען ייִדן וואָס האָבן געגראָבן ברינעמער. דאָס איז געווען אַ שווערע און קאָמפּליצירטע מלאכה און די ייִדישע ברונעם־גראָבערס האָבן זיך קונה־שם געווען אין דער גאַנצער געגנט.

ווי לאַנג טעטש האָט געהערט צו דער האַבסבורגער מלוכה איז דאָרט נישט געווען קיין זכר פון אַנטיסעמיטיזם. ייִדן און נישט־ייִדן האָבן געלעבט בשלום, די קינדער זענען אין איינעם אויפגעוואַקסן, זיך אין איינעם גע־שפּילט, געגאַנגען אין איינעם אין די מלוכה־שולן און גערעדט איין שפּראַך: אונגאַריש. מען האָט זיך קעגנזײַטיק אָפּגעגעבן כּבוד, איינער האָט געהאַט דרך־ארץ פאַרן צווייטן, פאַר זײַן גלויבן, פאַר זײַן דת.

דאָס איז בעצם געווען דער מצב אין גאַנץ מאַרמאַרעש. כאָטש ייִדן האָבן געלעבט אין איינעם מיט גויים, זענען נישט געווען קיין געמישטע חתונות און ייִדן האָבן זיך נישט געשמדט, ווי עס איז פאָרגעקומען פון צײַט צו צײַט אין אייבעראונגאַרן. אין מאַרמאַרעש האָט מען דערציילט אַ מעשה וואָס האָט זיך געטראָפן מיט אַ סך יאָרן צוריק. אַ ייִדיש מיידל האָט זיך פאַרליבט אין אַ נישט־ייִדישן בחור און, כּדי צו קענען מיט אים חתונה האָבן, האָט זי באַשלאָסן זיך צו שמדן. די גלחים פון דער געגנט האָבן זי אָבער נישט געוואָלט שמדן און ס'האָט געדויערט יאָרן־לאַנג ביז זי האָט געפונען אַ גלח וואָס זאָל מסכּים זײַן זי אַרײַנצופירן אין קריסטלעכן גלויבן.

איך האָב פריִער דערמאָנט אַז אין טעטש איז דער רוב געווען אונגאַרן און טאַקע עכטע אונגאַרן וואָס האָבן געשטאַמט פון אייבעראונגאַרן. זיי האָבן גערעדט נאָר אונגאַריש און זיך געקליידט ווי זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס: די מענער האָבן געטראָגן שוואַרצע רײַטהויזן און הויכע שטיוול, סײַ זומער סײַ ווינטער. די רעקלעך זענען געווען פאַרצירט מיט מעשענע קנעפּ און אין די קאַפּעליושן האָבן זיי געטראָגן קאָלירן פעדערן.

אַחוץ טעטש זענען אין מאַרמאַרעש געווען נאָך צוויי דערפער מיט אַן אונגאַרישער באַפעלקערונג; אין אַנדערע דרײַ דערפער האָבן געלעבט דײַטשן. די אונגאַרן און די דײַטשן זענען געווען אויסגעצייכנטע לאַנדווירטן. אין משך פון צענדליקער יאָרן האָבן זיי אויפגעהיט די פאַרבינדונג מיט זייער שטאַם, מיט דער שפּראַך און קולטור, און האָבן זיך נישט פאַרמישט מיט דער רוטעניש־אוקראַיִנישער באַפעלקערונג וואָס איז געווען דער רוב אין דער געגנט.

ווי אַזוי זיי זענען אַהין מגולגל געוואָרן

ווער עס איז פאַראינטערעסירט צו וויסן פון וואַנען עס האָבן זיך גענומען אונגאַרן און דײַטשן אין מאַרמאַרעש מוז זיך אומקערן אין 18טן יאָרהונדערט. אין 1740, ווען מאַריאַ טערעזאַ איז געקרוינט געוואָרן ווי אַן אונגאַרישע קעניגין האָט זי באַקומען דעם טיטל „קייסערינע פון עסטרײַך און קעניגין

פון אונגאַרן״. זי האָט עס פאַרטראַכט דעם פּלאַן צו שאַפן אונגאַרישע און דײַטשע קאָלאָניעס אין דער מאַרמאַרעשער געגנט, ווי אַן אויסגלײַך און אַ פּאָליטישער פאַקטאָר קעגן דער רוטעניש־אוקראַיִנישער באַפעלקערונג, וואָס איז געווען פּראָוואָסלאַוונע, מיט אַ פּאַן־סלאַווישער טענדענץ, דהײַנו מיט אַן אָריענטאַציע צו דעם צאַרישן רוסלאַנד.

ווען דער פּלאַן פון מאַריאַ טערעזאַ וואָלט מצליח געווען, ווען אונגאַרן און דײַטשן וואָלטן זיך געווען באַזעצט אין מאַסן אין מאַרמאַרעש, וואָלט די רוטעניש־אוקראַיִנישע באַפעלקערונג זיך מסתּמא געווען אַסימילירט און אַפילו אין גאַנצן אונטערגעגאַנגען ווי אַ פאָלק, ווײַל די אונגאַרן און דײַטשן זענען געווען מקורבים למלכות, זיי האָבן געהערט צו דעם הערשנדיקן קלאַס. קעגן זיי וואָלטן די רוטענער נישט אויפגעקומען. די רוטעניש־אוקראַיִנישע באַפעלקערונג האָט געהאַט דאָס מזל וואָס די אונגאַרן פון אייבעראונגאַרן און די דײַטשן פון שטײַערמאַרק און עסטרײַך האָבן נישט געהאַט קיין חשק צו פאַרלאָזן די ערטער ווו זייערע עלטערן האָבן געלעבט זינט דורות. זיי זענען נישט גרייט געווען איבערצולאָזן דעם פעטן באָדן אין זייערע געגנטן און זיך אַוועקלאָזן קיין מאַרמאַרעש, אַ פרעמד לאַנד, מיט אַ שטיינערדיקן, מאָגערן באָדן, וואָס מען דאַרף שווער האָרעווען כּדי אים צו באַפּרוכפּערן. אַזוי איז געשען אַז די ערשטע זעקס פונקטן פון די אונגאַרישע און דײַטשע פּיאָנירן זענען געבליבן פאַריתומט, ווי קליינע אינדזלען אין אַ גרויסן ים פון רוטעניש־אוקראַיִנישער באַפעלקערונג, און זיי האָבן כּמעט נישט געהאַט קיין השפּעה אויף דעם אַרום.

אַ רב מיט זכות־אָבות

איך האָב דערמאָנט אַז אין טעטש איז געווען אַ ייִדישע קהילה פון בערך צוויי הונדערט משפּחות. דער רב פון דער קהילה, ר׳ בצלאל טייטלבוים, האָט געשטאַמט פון דעם באַרימטן ר׳ משה טייטלבוים פון אויהעל, באַקאַנט אין דער רבנישער וועלט ווי דער מחבר פון ספר „ישמח משה״. זײַנע פעטערס זענען געווען דער אַדמו״ר פון סיגעט און דער אַדמו״ר פון סאַטמאַר, דער באַרימטער ר׳ יוליש טייטלבוים.

מענטשן האָבן דערציילט אַז ר׳ בצלאל איז געוואָרן רב אין טעטש נאָר צוליב דעם דאָזיקן ייִחוס. ער איז טאַקע געווען אַ תּלמיד־חכם, אָבער נישט דער טיפּ פון אַ גײַסטיקן מנהיג. עס האָט אים געפעלט די לעבנס־קלוגשאַפט און די פעיִקייט אומצוגיין מיט מענטשן. ער האָט געלעבט אײַנגעשלאָסן אין זײַנע ד׳ אַמות און וועלטלעכע ענינים זענען אים געווען פרעמד. צוויי

מאָל אין יאָר, ראָש־השנה און יום־כּיפּור, האָט ער געהאַלטן אַ דרשה אין דער גרויסער שול און דאָס איז געווען זײַן גאַנצער אויפטו ווי אַ רבֿ. שבת און יום־טובֿ זענען צו אים געקומען עטלעכע סיגעטער און סאַטמאַרער חסידים, אָבער אַחוץ דעם האָט אים די קהילה נישט באַלאַסטיקט.

דאָס גרעסטע געשעעניש אין זײַן לעבן איז געווען ווען ער האָט געדאַרפט באַגריסן דעם קייסער קאַרל אין נאָמען פון דער ייִדישער קהילה, אָבער ווי מענטשן האָבן נאָך מיט יאָרן שפּעטער דערציילט, איז די דאָזיקע באַגריסונג נישט געראָטן. דאָס איז פאָרגעקומען אין 1916, אין דער צײַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער קייסער פראַנץ־יאָזעף איז געשטאָרבן און דער נײַער קייסער, קאַרל, האָט תּיכּף נאָך דער קריינונג באַשלאָסן אָפּצושטאַטן אין איינעם מיט זײַן פרוי, ציטאַ, אַ קייסערלעכן וויזיט בײַ אַלע זײַנע אונטערטאַנער איבער דער עסטרײַך־אונגאַרישער אימפּעריע.

די באַגעגעניש מיטן קייסער

דער קייסער און זײַן פרוי זענען געפאָרן מיט אַ ספּעציעלער קייסערלעכער באַן פון ווין דורך גאַנץ אונגאַרן, ביז צו די קאַרפּאַטן אין דער בוקאָווינע. לויטן פּלאַן איז די באַן געבליבן שטיין אין יעדער סטאַנציע און די אָרטיקע פאָרשטייערס האָבן באַגריסט דעם קייסער, איטלעכער אין נאָמען פון זײַן עדה, בעת די גאַנצע פאַרזאַמלטע באַפעלקערונג האָט געיובלט. מען האָט מיט אַ טאָג פריִער מודיע געווען יעדער אָרטשאַפט ווען די באַן וועט אָנקומען און ווי לאַנג זי וועט זיך פאַרהאַלטן, כּדי די פאָרשטייערס זאָלן האָבן צײַט צוצוגרייטן דאָס קבלת־פּנים פאַרן קייסערלעכן פּאָרפּאָלק.

אין דעם טאָג ווען די קייסערלעכע באַן האָט געדאַרפט אָנקומען קיין טעטש האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל יום־טובֿדיק פאַרפּוצט און מיט נאַציאָנאַלע פאָנען געגאַנגען צו דער סטאַנציע. אין שפּיץ פון די מאַסן זענען געגאַנגען דער גלח, דער רבֿ, דער בירגערמײַסטער און דער ראָש־הקהל.

ווען די באַן איז אָנגעקומען אין טעטש איז דאָס קייסערלעכע פּאָרפּאָלק מיט דער פּמליא אַראָפּגעקומען און אַרויפגעגאַנגען אויף דער ערן־בינע וווּ עס האָבן געוואַרט די מכובדים פון שטעטל. נאָך דעם ווי דער בירגער־מײַסטער האָט פאָרגעשטעלט די געסט מיט זייערע טיטלען האָט דער קייסער געכאַפּט אַ שמועס מיט דעם אָדער מיט יענעם. ווען ס'איז געקומען די ריי פון טעטשער רבֿ האָט זיך דער קייסער צו אים געווענדעט אויף אונגאַריש, די אָרטיקע מלוכה־שפּראַך. דער רבֿ האָט אָבער קיין אונגאַריש נישט געקענט און האָט געבעטן אַ דערלויבעניש צו רעדן דײַטש. איין מזל וואָס דער רבֿ

האָט גערעדט אַ מין ייִדיש־דײַטש און דער קייסער האָט אים נישט פאַר־שטאַנען, אַניט וואָלט געווען אַ חרפה און אַ בושה פאַרן גאַנצן שטעטל. דער שמועס צווישן קייסער און טעטשער רב איז צוגעגאַנגען בערך אַזוי:

שאלה: וויפל ייִדן וווינען אין טעטש?

ענטפער: בערך טויזנט זעקס הונדערט נפשות.

שאלה: וויפל ייִדן האָבן זיך געשטעלט צום מיליטער?

ענטפער: פאַר דער קאָמיסיע האָבן זיך געשטעלט בערך דרײַ הונדערט, אָבער אַ גרויסער טייל איז ברוך־השם אָפּגעשטויסן געוואָרן, ווײַל זיי זענען געווען אָפּגעשוואַכט פונעם פאַסטן און נישט שלאָפן איידער זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר דער קאָמיסיע. פון דרײַ הונדערט האָט די קאָמיסיע אויס־געקליבן פאַר פעיִקע פינף און אַכציק.

שאלה: האָב איך ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז פינף און אַכציק זענען בײַם מיליטער?

ענטפער: דאָס איז די צאָל וואָס די קאָמיסיע האָט אויסגעקליבן, אָבער אַ חלק פון זיי האָט ברוך־השם מצליח געווען זיך אויסצובאַהאַלטן, אַזוי אַז נאָר דרײַ און פופציק ייִדישע בחורים געפינען זיך בײַם מיליטער.

אין אַט דעם קריטישן מאָמענט האָט דער ראָש־הקהל, ר׳ ישׂראל ווײַס, זיך אַרײַנגעמישט און אויף אַ פּערפעקטן מליצהדיקן אונגאַריש דערציילט דעם קייסער וועגן דער ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג צו דער מלוכה, צו די האַבסבורגער, און וועגן דער גרויסער הילף וואָס די קהילה גיט פאַר די פליטים פון גאַליציע און בוקאָווינע, וועלכע אַנטלויפן פון דעם רוסישן שׂונא. דער קייסער האָט זיך באַדאַנקט בײַם ראָש־הקהל און אים געבעטן איבערגעבן זײַן דאַנק אין איינעם מיט די קייסערלעכע גוטע ווונטשן פאַר דער ייִדישער קהילה.

יאָרן־לאַנג האָבן די טעטשער ייִדן דערציילט וועגן דער לאַ־יצלחדיקער באַגעגעניש פונעם רב מיטן קייסער. בלויז די סיגעטער און סאַטמאַרער חסי־דים האָבן נישט געקענט באַשטיין און האָבן געטענהט אַז דעם רבס ווערטער האָבן דווקא געמאַכט אַ רושם. איין מאָל האָט ר׳ ישׂראל ווײַס געהערט זייער לויבגעזאַנג און האָט דערויף געזאָגט: „איך האָב קיין מאָל נישט פאַרשטאַנען וואָס עס ווערט דערציילט אין פּרשת בלק וועגן בלעמס אייזל וואָס האָט אָנגעהויבן רעדן. היתּכן, זאָל אַן אייזל גאָר רעדן? אָבער איצט, ווען איך הער אײַך דערציילן נסים ונפלאות וועגן דער שׂיחה פון אונדזער רב מיטן קייסער פאַרשטיי איך שוין די מעשׂה פון חומש. אויב ,בע־מע׳ הייסט פירן אַ שׂיחה, קען אויך דאָס ,בלעקן׳ פון אַן אייזל הייסן גערעדט.״

ר׳ מאיר ווײַס דער דיין

דער טעטשער דיין ר׳ מאיר ווײַס, אַ פעטער פון דעם ראָש־הקהל ישׂראל ווײַס, איז געווען אַ ייִד אַ תּלמיד־חכם און אַ ירא־שמים. ייִדן פלעגן קומען צו אים מיט פאַרשיידענע סיכסוכים און דער עיקר מיט ענינים פון כשרות. קעגן זײַן פסק־דין איז נישט געווען קיין אַפּעלאַציע. ר׳ מאיר איז געווען אַ מחמיר, אַ חסיד פון בית שמאי. פון דעסטוועגן האָבן ייִדן פאַר אים געהאַט דרך־ארץ צוליב זײַן ערלעכקייט און אויפריכטיקייט. ער האָט געלעבט כּמעט אין דחקות און פון דעם ווייניקן וואָס ער האָט געהאַט פלעג ער נאָך אַוועקגעבן אַנדערע. אין זײַן פרײַער צײַט האָט ער געפירט אַ קליינע ישיבה פון אַ מנין בחורים.

אין קהילה־ענינים האָט ר׳ מאיר נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן גרויס און קליין. צו יעדער זאַך האָט ער זיך באַצויגן מיטן זעלביקן ערנסט. מען דערציילט אַז איין מאָל, בעת ער האָט געלערנט דעם שיעור מיט זײַנע בחורים, זענען אַרײַנגעפאַלן צוויי בעל־עגלות מיט אַ בײַטש. איינער האָט געשריִען אַז די בײַטש איז זײַנע און דער צווייטער האָט געטענהט אַז זי איז זײַנע. האָבן זיך די בחורים שטאַרק צעלאַכט. דער דיין האָט זיי אָבער אויסגעמוסרט און זיי געפרעגט צי זיי האָבן פאַרגעסן דעם מאמר חז״ל, אַז דין פרוטה כּדין מאה.

דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען, אַרויסגענומען פון קליידער־שאַפע דעם זײַדענעם קאַפּטן און אַרײַן מיט די צוויי בעל־עגלות אין בית־דין־שטוב. דאָרטן האָט ער זיך צוגעהערט צו זייערע טענות מיטן גרעסטן ערנסט, ווי עס וואָלט געגאַנגען אין אַ סיכסוך פון טויזנטער.

יעדן פרימאָרגן פלעגט ר׳ מאיר ווײַס, אָנגעטאָן אין זײַדענעם קאַפּטן, גיין דאַווענען אין דער גרויסער שול. אונטערן אָרעם — דער בלוי־סאַמעטענער תּפילין־זאַק מיט די צוויי פּאָר תּפילין, פון רש״י און פון רבנו תּ״ם, און דעם גרויסן וואָלענעם טערקישן טלית. אין איינעם אַ פרימאָרגן איז אים אַנטקעגנגעקומען לייב־קונע דער בעל־עגלה. פּלוצעם דערזעט ר׳ מאיר אַז לייב־קונע האָט גאָר אײַנגעשפּאַנט אין וואָגן פון איין זײַט אַ פערד און פון דער צווייטער זײַט אַ קו. האָט ער אָפּגעשטעלט דעם וואָגן און אויסגעזידלט דעם בעל־עגלה אויף וואָס די וועלט שטייט, אים גערופן עוכר־ישׂראל, סטײַטש ער איז עובר געווען אויף אַ בפירושן איסור פון דער תּורה, איסור כּלאַיִם, מען טאָר נישט אײַנשפּאַנען צוזאַמען אַ פערד מיט אַ קו. די זידלערײַען האָבן נישט געמאַכט קיין רושם אויפן בעל־עגלה. ער האָט אַפילו נישט געענטפערט מיט חוצפּה, ווי דער שטייגער פון בעל־עגלות. ער האָט נאָר

שטיל אַ פרעג געטאָן: חשובער דיין, איר האָט געלערנט די מסכתּא ביצה? דער דיין האָט זיך אויפגעקאָכט: וואָס פאַר אַ שאלה, אַוודאי האָב איך געלערנט. אויב אַזוי, האָט לייב־קונע ווײַטער גערעדט, געדענקט איר דאָך מסתּמא דעם וויכּוח צווישן בית שמאי און בית הלל וועגן אַן איי וואָס איז געבוירן געוואָרן אום יום־טוב. איינער זאָגט אָסור, מען טאָר עס נישט עסן, דער צווייטער זאָגט מותּר, מען מעג עס יאָ עסן. דעם וויכּוח האָבן זיי אָבער געפירט צווישן זיך שטילערהייט, איינער האָט נישט באַליידיקט דעם אַנדערן. און איצט לאָמיר נעמען מײַן פאַל. איר, ר׳ מאיר ווײַס, זאָגט אַז מען טאָר נישט שפּאַנען אַ פערד מיט אַ קו און איך, לייב־קונע, זאָג אַז מען מעג. איז צווישן אונדז פאַראַן אַ וויכּוח. קומט מיר דערפאַר אַז איר זאָלט מיך רופן עוכר־ישׂראל? לאָזט אײַך זאָגן פון מיר, אַ פּראָסטער בעל־עגלה, אַז אַזאַ אויפפירונג פּאַסט נישט פאַר אַ ייִד אַ תּלמיד־חכם ווי איר זענט.

ווען איך האָב געהערט די דאָזיקע מעשׂה איז שוין לייב־קונע אויף דער וועלט נישט געווען. מיר האָט זיך געוואָלט וויסן צי די מעשׂה איז טאַקע אמת, בין איך געגאַנגען צו ר׳ מאיר ווײַס, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן מופלג, און האָב אים געפרעגט. ער האָט עס באַשטעטיקט און מיר געזאָגט אַז הגם עס זענען פאַרגאַנגען אַזוי פיל יאָרן, האָט ער עד־היום חרטה וואָס ער האָט באַליידיקט אַ פּשוטן ערלעכן ייִד. ער האָט מיר דער־ציילט אַז באַלד דעם צווייטן טאָג איז ער אַהיימגעגאַנגען צו לייב־קונען און אים געבעטן ער זאָל אים מוחל זײַן. אַזוי האָט ער געטאָן יאָרן־לאַנג יעדן ערב יום־כּיפּור. לייב־קונע האָט אים מוחל געווען, אָבער ער, ר׳ מאיר, האָט מורא געהאַט אַז אין הימל, בײַם בית־דין־של־מעלה, וועט מען אים נישט מוחל זײַן.

איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס דער דיין האָט אַזוי שטאַרק חרטה. בעצם האָט ער דאָך נאָר געטאָן וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן ווי אַ דיין, בעת ער האָט געזען אַז אַ ייִד איז עובר אויף אַן איסור פון דער תּורה. וואָס דאַרף ער זיך שרעקן פאַרן בית־דין־של־מעלה?

— אמת — האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין — לויט דער הלכה בין איך טאַקע געווען גערעכט, אָבער איך האָב דעמאָלט נישט געוווּסט די סיבה, פאַר וואָס לייב־קונע האָט אײַנגעשפּאַנט אַ פערד מיט אַ קו אין זײַן וואָגן.

דער דיין האָט מיר דערציילט אַז לייב־קונע איז געווען אַ ביטערער אָרעמאַן, געהאַט אַ שטוב מיט קינדער און שווער געהאָרעוועט זיי מפרנס צו זײַן. זומער און ווינטער פלעג ער פירן שווערע משׂאות און נישט איין

מאָל האָט ער געמוזט אונטערשטעלן אַ פּלייצע כּדי צו רירן פון אָרט דעם באַלאָדענעם וואָגן, ווײַל זײַן פערדל איז אויך געווען אויסגעמאַטערט און קיין מאָל קיין גוטן טאָג נישט געהאַט. נאָך דעם ווי ער האָט אים אַזוי ביטער באַליידיקט, האָט זיך דער דיין דערוווּסט אַז אין יענעם טאָג האָט לייב־קונע געדאַרפט איבערפירן אַ משׂא אין אַ שכנותדיקן דאָרף. ער איז פאַר טאָג אַריסגעפאָרן און האָט אויפגעלאָדן דעם וואָגן. דאָס מאָגערע פערדל זײַנס האָט אָבער קיין כּוח נישט געהאַט צו רירן דעם וואָגן פונעם אָרט און אויך די אייגענע פּלייצעס האָבן נישט געהאָלפן. אויס יאוש איז ער אַהיימגעלאָפן און האָט געבראַכט די איינציקע קו, וואָס איז אַגב נישט געווען פון די זיבן פעטע קי אין פּרעהס חלום. ערשט מיט דער הילף פון דער קו איז אים געראָטן צו רירן דעם וואָגן.

— בקיצור — האָט ער פאַרענדיקט — לייב־קונע האָט געטאָן וואָס ער האָט געטאָן באין ברירה און נישט להכעיס. דערפאַר קען איך זיך נישט מוחל זײַן...

דער דיין האָט געהאַט אַ טעות

אַ צווייטע מעשׂה וואָס מען דערציילט וועגן דיין ר׳ מאיר ווײַס איז אין פאַרבינדונג מיט אַ שאלה וואָס ער האָט געפּסקנט. פאַרן דיין פלעג מען ברענגען אויך די אינטימע ענינים צווישן מאַן און ווײַב, דהיינו צי די פרוי איז געווען ריין און דער מאַן מעג צו איר קומען. ער איז געווען דער פּוסק־אַחרון. לויטן יידישן דין מוז די פרוי נאָך איר ווסת גיין אין מיקווה און נאָך דער מיקווה בודק זײַן צי זי האָט נישט קיין סימנים פון בלוט. ערשט דעמאָלט איז זי ריין. ווען ס׳איז פאַראַן אַ ספק מוז זי גיין צום דיין און ער באַשטימט צי זי איז כּשר צי נישט.

אַזאַ ספק האָט זיך איין מאָל געטראָפן בײַם ווײַב פון איינעם פון די גבירים אין שטעטל. דער דיין האָט בודק געווען וואָס ער האָט געדאַרפט בודק זײַן און האָט געפּסקנט אַז די פרוי איז כּשר. פאַרן שלאָפן גיין האָט זיך ר׳ מאיר פּלוצעם דערמאָנט אין דער פרוי און ער האָט אָנגעהויבן צו ספקן צי ער האָט ריכטיק געפּסקנט. וואָס מער ער האָט געטראַכט, אַלץ מער איז פאַר אים קלאָר געוואָרן אַז ער האָט געהאַט אַ טעות. אַ דערשראָקענער איז ער געלאָפן צו דעם גביר, וואָס האָט געוווינט ערגעץ ווײַט און געגומען קלאַפּן בײַ אים אין פענצטער. דער טויער איז געווען פאַרמאַכט און אין שטוב איז געווען פינצטער. דער גביר האָט געעפנט און האָט געפרעגט ווער עס קלאַפּט, האָט אים אַ שוואַך קול געענטפערט: דאָס בין איך, דער דיין. איך קום אין איין

אַטעם אײַך װאָרענען אַז איך האָב געהאַט אַ טעות. איר טאָרט אײַך נישט נענטערן צו אײַער װײַב, װײַל זי איז נאָך נישט אין גאַנצן ריין.

— טייערער ר׳ מאיר — איז געקומען אַן ענטפער — ס׳איז שוין צו שפּעט, ס׳איז שוין לאַחר המעשׂה...

ר׳ מאיר װײַס איז אַהיימגעגאַנגען אַ צעבראָכענער און האָט זיך קיין מאָל נישט מוחל געװען דעם טעות זײַנעם.

די לצים אין שטעטל האָבן מוסיף געװען זייער פּירוש. דער גביר מיט װעמען עס האָט פּאַסירט די מעשׂה איז געװען איינער פון די מכובדים אין שטעטל. ער האָט געהאַט סאַמע געראָטענע זין, אין תּורה און יִראַת־שמים, אַחוץ דעם מיזיניק, װאָס איז געװען אַן אױסװאָרף און איז געגאַנגען אױף שלעכטע װעגן. אין יענע צײַטן איז דאָס געװען אַ זעלטנקייט סײַ אין טעטש סײַ אין דער סביבה. האָבן די לצים געטענהט אַז דער מיזיניק איז די פּרוכט פון יענער נאַכט װען ר׳ מאיר װײַס האָט אַ טעות געהאַט...

אַן אַדװאָקאַט בזכות־עצמו

איין מאָל בעת איך בין געװען אין שטאָטראָט איז אַרײַנגעקומען אַ ייִד מיט באָרד און פּיאות, זויבער אָנגעטאָן, מיט גלאַנצנדיקע שטיװל און אַ שטעקן מיט אַ זילבערן הענטל. װען איך האָב אים געהערט רעדן אַ זאַפטיקן אונגאַריש מיט דעם באַאַמטער בין איך געװען נײַגעריק צו װיסן װער דער ייִד איז. מען האָט מיר געענטפערט אַז דאָס איז ר׳ ישׂראל װײַס, אַ באַקאַנטער אַדװאָקאַט אין טעטש, מיטגליד אין שטאָטראָט, װיצע־בירגער־מײַסטער און אױך ראָש־הקהל זינט אַ סך יאָרן.

דער לבוש זײַנער האָט עדות געזאָגט אַז ער איז אַ שומר־מיצוות. האָב איך דעריבער געװאָלט װיסן װי אַזוי ער איז געקומען צו אַן אַקאַדעמישן טיטל און אין װעלכן אוניװערסיטעט ער האָט שטודירט. איך בין צוגעגאַנגען, זיך פאָרגעשטעלט און געזאָגט אַז איך װיל זיך מיט אים באַקענען. היות ער איז געװען מײַן טאַטנס אַ פרײַנד, האָט ער מיך תּיכף פאַרבעטן צו זיך אַהיים.

ער האָט געװױנט אין אַ רחבותדיק הױז װאָס איז געװען אָפּן פאַר איטלעכן װאָס האָט געברױכט הילף אָדער אַן עצה. בעת איך בין געזעסן אין אַ באַקװעמען פאָטעל אים קעגן איבער, האָב איך ערשט דערזען דאָס איידעלע פּנים זײַנס און די גרױסע בלױע אױגן װאָס האָבן אױסגעדריקט נישט נאָר קלוגשאַפט, נײַערט אױך מילדקייט און האַרציקייט. אױף מײַן שאלה װי אַזױ ער איז געװאָרן אַן אַדװאָקאַט, האָט ער מיר דערציילט זײַן לעבנס־געשיכטע, װאָס איך גיב דאָ איבער אַזױ װי איך האָב זי געהערט:

„איך בין געבוירן געוואָרן בײַם סוף פון 19טן יאָרהונדערט אין טעטש און מײַנע עלטערן זענען געווען אויסערגעוויינטלעך פרומע ייִדן. דער טאַטע האָט געהייסן ר׳ הירש ווײַס, אַ ייִד אַ תּלמיד־חכם, וואָס איז אַלע יאָרי געזעסן אין בית־מדרש און האָט געלערנט. ער איז געווען אַ ברודער פונעם דיין און אַליין האָט ער וויניק פאַרשטאַנען פון וועלטלעכע ענינים. מיר זענען געווען אַ פולע שטוב מיט קינדער און פאַר פּרנסה האָט געזאָרגט די מאַמע. ווי איך האָב נאָר אָנגעהויבן צו רעדן האָט מען מיך געשיקט אין חדר לערנען אַלף־בית. שפּעטער האָב איך געלערנט חומש מיט רש״י, און ווען איך בין אַ ביסל אונטערגעוואַקסן בין איך געגאַנגען אין דער ישיבה פון מײַן פעטער ר׳ מאיר ווײַס און האָב געלערנט גמרא מיט תּוספות. אין אַ מלוכישער שול בין איך קיין מאָל נישט געגאַנגען, אַפילו נישט אין פאָלקסשול, וואָס מען איז הײַנט מחייב יעדעס ייִדיש קינד, ווײַל מײַנע טאַטע־מאַמע זענען נישט מסכּים געווען איך זאָל זיצן אין הוילן קאָפּ צווישן נישט־ייִדישע קינדער. לייענען און שרײַבן אונגאַריש האָב איך זיך אויס־געלערנט אַליין, בסוד, אַז מײַנע עלטערן זאָלן זיך נישט דערוויסן. מען האָט מיר יונגערהייט חתונה געמאַכט און מיר אויפגעהאַנגען אַ מילשטיין אויפן האַלדז. ווען מײַן ערשטער זון איז געבוירן געוואָרן און איך האָב געדאַרפט זאָרגן פאַר פּרנסה, האָב איך נישט געוווסט וואָס אָנצוהייבן. די לאַנדשפּראַך האָב איך טאַקע גוט געקענט, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין מלאכה און זיך געפילט ווי אַ קאַליקע. איך בין געקומען צו דער מסקנא אַז איך מוז עפּעס לערנען. אָבער וואָס? אַ גוטן קאָפּ האָב איך געהאַט, איז מיר פּלוצעם אײַנגעפאַלן צו לערנען יורי כּדי מפרנס צו זײַן מײַן משפּחה און אויך העלפן מענטשן וואָס נייטיקן זיך אין הילף. די שאלה איז געווען, ווי מאַכט מען דאָס? ווי קומט מען אין אוניווערסיטעט, אַז איך האָב אַפילו קיין פאָלקסשול נישט דורכגעמאַכט? מײַן החלטה איז אָבער געווען אַ שטאַרקע, און אונ־דזערע חכמים האָבן שוין געזאָגט אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין כּוח וואָס זאָל בײַשטיין קעגן מענטשלעכן רצון. אין טעטש זענען געווען עטלעכע אַדוואָ־קאַטן; האָב איך פון זיי געבאָרגט פאַרשיידענע געזעצביכער, וועגן געלט־ענינים און וועגן קרימינעלע ענינים און האָב זיי פּשוט געלערנט אויף אויסנווייניק. איך האָב זיי ממש געשלונגען. נאָך צוויי יאָר איז מיר קלאָר געוואָרן אַז איך קען די געזעצן פון דער מדינה אפשר בעסער ווי די אַדוואָ־קאַטן אין טעטש וואָס האָבן זיך געלערנט אין אוניווערסיטעט. בין איך אָוועקגעפאָרן קיין בודאַפּעשט, אין דער הויפּטשטאָט, און זיך אײַנגעדונגען בײַ אַ באַקאַנטן ייִדישן אַדוואָקאַט ער זאָל מיך פאַרהערן. אין משך פון אַ

חודש האָט ער בײַ מיר אַרויסגענומען די נשמה מיט זײַנע שאלות און נאָך אַ דאַנק מײַן שטאַרקן ווילן האָב איך אויסגעהאַלטן דאָס מאַטערניש. נאָך אַ חודש האָט מיר דער אַדוואָקאַט מודיע געווען אַז איך האָב מיט הצלחה אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און ווי אַ פאַכמאַן קען ער זאָגן עדות אַז איך בין ראוי אויפצוטרעטן אין יעדן געריכט ווי אַן אַדוואָקאַט. איך בין צוריק־געפאָרן קיין טעטש און נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין ענטפער אויף דער שאלה: וואָס ווײַטער? אמת, איך קען טאַקע די געזעצן פון דער מדינה, אָבער איך האָב נישט קיין דיפּלאָם און אָן אַ דיפּלאָם קען מען נישט אויפֿ־טרעטן אין געריכט. איך האָב אָנגעהויבן אַרויסהעלפן די אָרטיקע אַדוואָקאַטן און פאַר זיי צוגרייטן די אַקטן, אָבער איך האָב באַלד געזען אַז דערפון וועל איך נישט האָבן קיין פּרנסה, ווײַל די אַדוואָקאַטן האָבן פאַר זיך אַראָפּגענומען די סמעטענע פון דעם וואָס די קליִענטן האָבן באַצאָלט און מיר, דעם אָרעמען שרײַבער, האָבן זיי געוואָרפן אַ מאָגערן ביין. פאַר מיר איז געווען קלאָר אַז איך מוז האָבן אַן אייגן ביוראָ און אייגענע קליִענטן. אין טעטש איז געווען אַן אַלטער אונגאַרישער אַדוואָקאַט, דאָקטאָר דעבאָי, וואָס איך ווייס עד־היום נישט ווי אַזוי ער איז געקומען צו דעם טיטל. מענטשן האָבן געזאָגט אַז אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט האָט ער באַקומען פון זײַן רײַכער משפּחה. זי האָט אים אײַנגעאָרדנט דאָס שיינע ביוראָ מיט דעם אָפּגעגילטן שילד אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען: דאָקטאָר א. דעבאָי — אַדוואָקאַט. ער איז געווען אַ גוי מיט אַ גרויסן בויך און אַ גוידער, און האָט ליבערשט געהאַט צו זיצן אין קאַפעהויז „קאָראָנאַ" ווי אין זײַן ביוראָ. קיין דאגות־פּרנסה האָט ער נישט געהאַט. בין איך צו אים געגאַנגען און אים פאָרגעלייגט ער זאָל מיך לאָזן זיצן אין זײַן ביוראָ און איך וועל זאָרגן פאַר קליִענטן. איך וועל אויך צוגרייטן די אַקטן פאַרן געריכט, אַזוי אַז ער וועט זיך נאָר דאַרפן פאָרמעל באַווײַזן פאַר די ריכטערס בעת די פאַרהאַנדלונגען. דעמאָלט וועל איך אויך זײַן אין געריכטזאַל, כּדי אים צו העלפן ווען די ריכטערס וועלן אים פרעגן אַ שאלה. כ'האָב אים צוגעזאָגט אַ העלפט פונעם אָפּצאָל וואָס איך וועל קריגן, הגם איך וועל טאָן די גאַנצע אַרבעט און ער וועט נאָר דאַרפן אויפטרעטן אין געריכט.

אויף אַזאַ אופן בין איך געוואָרן אַ שטילער שותף פון דאָקטאָר דעבאָי און אַלע ריכטערס האָבן געוווּסט אַז איך גרייט צו די אַקטן פאַרן געריכט. מיט דער צײַט האָבן זי זיך אַפילו צוגעוווינט מיך צו פרעגן פּערזענלעך ווען עפּעס איז פאַר זיי נישט געווען קלאָר. אויך פאַר אַפּעלאַציעס צום העכסטן געריכט האָב איך צוגעגרייט דאָס מאַטעריאַל; דערנאָך בין איך

געפֿאָרן קיין בודאַפּעשט און געדונגען דאָרט אַן אָרטיקן אַדוואָקאַט וואָס איז אויפֿגעטראָטן אין אונדזער נאָמען, דאָס הייסט אין נאָמען פֿון דאָקטאָר דעבאָי פֿון טעטש. אַזוי אַרבעט איך שוין העכער צוואַנציק יאָר און אין משך פֿון דער צײַט האָב איך זיך געשאַפֿן אַ סך פֿרײַנד צווישן יוריסטן און ריכ־טערס, סײַ אין טעטש סײַ אין בודאַפּעשט. איינער פֿון מײַנע בעסטע פֿרײַנד אין בודאַפּעשט איז דאָקטאָר וואַזשוני, פֿון ייִדישן אָפּשטאַם. פֿריִער איז ער געווען איינער פֿון די באַקאַנטסטע אַדוואָקאַטן אין אייראָפּע; איצט איז ער דער אונגאַרישער יוסטיץ־מיניסטער.

ווען מײַן משפּחה איז געוואַקסן — האָט ר׳ ישׂראל ווײַס דערציילט ווײַטער — האָב איך געקויפֿט דאָס גרויסע הויז אין וועלכן מיר געפֿינען זיך איצט. די טיר שטייט בײַ מיר אָפֿן פֿאַר איטלעכן וואָס געפֿינט זיך אין אַ צרה און לײַדער זענען פֿאַראַן גענוג אַזעלכע. קודם האָב איך געטראַכט אַז דאָס איז אַלץ וואָס איך קען דערגרייכן. פּלוצלינג האָב איך אָבער דערפֿילט אַז איך דאַרף זיך נישט פֿאַרשליסן צווישן מײַנע פֿיר ווענט. איך מוז אויך טאָן עפּעס פֿאַרן כּלל. האָב איך אַרויסגעשטעלט מײַן קאַנדידאַטור אין שטאָטראָט. פֿאַר אַ קורצער צײַט האָט מען מיך אויסגעוויילט פֿאַר אַ דריטער קאַדענץ ווי אַ מיטגליד אין שטאָטראָט און איך בין אויך דער ממלא־מקום פֿונעם אָרטיקן בירגער־מײַסטער. אויף אַזאַ אופֿן האָב איך די מעגלעכקייט צו ווירקן אין אינטערעס פֿון אַלע אײַנוווינערס. שפּעטער האָב איך דערפֿילט אַז אין שטעטל זענען פֿאַראַן אויך ספּעציעלע ייִדישע פּראָבלעמען און האָב געגעבן מײַן הסכּמה צו זײַן אַ קאַנדידאַט פֿאַר ראָש־הקהל. שוין צען יאָר פֿיר איך אָן מיט דער ייִדישער קהילה און יאָר פֿאַר יאָר, שׂימחת־תּורה, וויילן מיך די מיטגלידער אויס פֿון דאָס נײַ. לעצטנס האָב איך באַקומען אַ קאָנקורענץ, קאַנדידאַטן פֿון די אויפֿגעקומענע עשירים, וואָס זענען רײַך געוואָרן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. מען האָב אָבער קיין איינעם פֿון זיי נישט אויסגעקליבן און דאָס האָט מיר געגעבן אַ גרויסע סאַטיספֿאַקציע.״

אָט די לעבנס־געשיכטע האָט מיר ר׳ ישׂראל ווײַס דערציילט אין אָנהייב פֿון די דרײַסיקער יאָרן. פֿון דעמאָלט אָן האָב איך זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ, און ווען איך פֿלעג קומען קיין טעטש פֿלעג איך צו אים גיין און זיך דורכשמועסן איבער פֿאַרשיידענע ענינים פֿון דער ייִדישער וועלט און פֿון דער וועלט בכלל. איך פֿלעג פֿאָרן קיין טעטש אויף אַ שבת צו מײַן עלטסטן ברודער, נתן־אלי, און דעמאָלט בין איך געגאַנגען דאַוונען אין בית־המדרש פֿון ראָש־הקהל, טאַקע אין זײַן אייגענעם הויף.

ר׳ ישׂראל ווײַס, געדענק איך, איז תּמיד געווען אָנגעטאָן זויבער, אָבער גאָר באַזונדערס אום שבת. דעמאָלט האָט געגלאַנצט זײַן שוואַרצער זײַדענער קאַפּטן און זײַן ברייטער סויבלנער שטרײַמל, די האַלבע שיך און די גע־פּרעסטע שוואַרצע הויזן, אַרײַנגעשטעקטע אין ווײַסע זאָקן. בעתן דאַווענען האָט ער זיך אין גאַנצן אײַנגעוויקלט אין זײַן גרויסן וואָלענעם טלית, אַ פּאַרצירטער מיט אַ ברייטער זילבערנער עטרה.

כאָטש ער איז געווען זייער פאַרנומען מיט זײַן אַרבעט, איז פאַר אים דער מעמד פון ראָש־הקהל געווען שטאַרק חשוב און דערפאַר איז ער גרייט געווען צו קעמפן מיט איטלעכן וואָס האָט זיך דערוועגט צו קאַנדידירן אויף זײַן אָרט. ער איז גרייט געווען צו ניצן אַלע מיטלען און תּחבולות כּדי צו שלאָגן דעם קעגנער.

טעטשער ייִדן האָבן דערציילט אַז איין מאָל האָט זיך פאַרגלוסט דעם אָרטיקן דאָקטער צו קאַנדידירן אויף ראָש־הקהל. ער איז געווען אַ ייִד אָן אַ באָרד און פּיאות, אָבער אַ פרומער מענטש, וואָס האָט שבת און יום־טוב געדאַוונט אין דער גרויסער שול. ווען ישׂראל ווײַס האָט דערהערט אַז יענער גרייט זיך צו פאַרנעמען זײַן אָרט, האָט ער געהאַט גרויס עגמת־נפש. אין איינעם אַ פרימאָרגן איז ער אַרײַנגעגאַנגען צום דאָקטער. יענער האָט אים תּיכּף אויפגענומען ווי אַ חשובן גאַסט און אים געפרעגט אויף וואָס ער קלאָגט זיך. האָט אים ר׳ ישׂראל ווײַס געענטפערט אַז אים דאַכט זיך אַז ער האָט מערידן. דער דאָקטער האָט אים גוט בודק געווען און אים פײַערלעך מודיע געווען: זײַט וויסן אַז איר האָט נישט קיין מערידן און אַפילו נישט קיין נטיה צו מערידן. ישׂראל ווײַס האָט באַצאָלט דעם וויזיט און בײַם אַרויסגיין פון צימער האָט ער אַ זאָג געטאָן צום דאָקטער:

— הער דאָקטער, אַז איך האָב נישט קיין מערידן האָב איך געוווּסט אויך אָן אײַך, אָבער געקומען בין איך אײַך זאָגן אַז איר וועט זײַן ראָש־הקהל אין טעטש נאָר דעמאָלט ווען איך וועל האָבן מערידן.

דער דאָקטער איז געווען איבערראַשט פון דעם תּקיפות, אָבער ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן אַז דער ענין קען אים נאָך שאַטן אין זײַן מעדיצינישער פּראַקסיס און האָט טאַקע דעם צווייטן טאָג מודיע געווען אַז ער איז מוותּר אויף זײַן קאַנדידאַטור.

ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט ר׳ ישׂראל ווײַס און אים געזאָגט אַז עס וווּנדערט מיך וואָס ער באַניצט זיך מיט אַזעלכע מיטל אין דעם קאַמף צו בלײַבן ראָש־הקהל, האָט ער מיר געענטפערט בזה הלשון: „ווען איך זאָל דאָס טאָן צוליב געלט אָדער מאַטעריעלן געווינס וואָלט איך זיך באמת

געדאַרפט שעמען. אָבער אַלע טעטשער ייִדן ווייסן אַז איך האָב פּרנסה בשפע און פיר אַ ברייט הויז. איך וואָלט געקענט הנאה האָבן פון מײַן פּרײַער צײַט, לייענען, אָבער דאָס פאַרנעמען זיך מיט ענינים פון ציבור ליגט בײַ מיר אין בלוט. איך זע אין דעם אַ שליחות צו העלפן מענטשן. און צוליב אַ שליחות בין איך גרייט אַ מאָל זיך צו באַניצן מיט ווייניקער דעמאָ־קראַטישע מיטלען..." אויף אַזאַ טענה האָב איך שוין קיין ענטפער נישט געהאַט.

שפּעטער מיט יאָרן האָב איך זיך דערוווּסט אַז הגם ישׂראל ווײַס האָט אַזוי ליב געהאַט דעם קהלישן מעמד, איז ער קיין מאָל נישט גרייט געווען מוותר צו זײַן אויף זײַנע פּרינציפּן, אַפילו ער האָט אײַנגעשטעלט דאָס לעבן צוליב דעם. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די טשעכישע רעפּובליק איז צוזאַמענגעפאַלן און די אונגאַרן זענען צוריקגעקומען, האָבן זיי אויפגע־שטעלט אַ געטאָ פאַר די ייִדן פון טעטש און פון דער אומגעבונג. דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט האָט געהייסן ברענגען ר׳ ישׂראל ווײַסן און אים באַפוילן צו זײַן דער ראָש פון יודנראַט. ישׂראל ווײַס האָט בשום־אופן נישט געוואָלט אָננעמען דעם באַפעל און ער האָט געזאָגט: „אמת, אַ סך יאָרן בין איך אויסגעקליבן געוואָרן ווי ראָש־הקהל, אָבער איך בין קיין מאָל קיין ממונה נישט געווען און וועל אויך איצט נישט זײַן".

ווען די אונגאַרן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשיקן ייִדן פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד אין די לאַגערן קיין פּוילן, האָט ר׳ ישׂראל ווײַס אין געהיים געמאַכט פאַלשע דאָקומענטן פאַר ייִדן, וואָס האָבן אויפגעוויזן אַז זיי זענען פון ריין־אונגאַרישן אָפּשטאַם. אויפן סמך פון אָט די דאָקומענטן האָבן זיך טאַקע אַ סך ייִדן געראַטעוועט. אָבער זיך און זײַן משפּחה האָט ר׳ ישׂראל ווײַס נישט געקענט ראַטעווען. בראָש פון דער קהילה זענען זיי געגאַנגען קיין אוישוויץ אין די גאַזקאַמערן.

רבי חיים עזריאל

טעטש האָט פאַרמאָגט אַ סך ייִדישע אייגנאַרטיקע טיפּן און ס׳איז מיר אַ שאָד וואָס איך קען נישט שרײַבן וועגן אַלע. אָבער נישט צו שרײַבן וועגן ר׳ חיים עזריאל וואָלט פּשוט געווען אַ זינד. ער איז געווען אַן אויסגעדאַרטער ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד, אָנגעטאָן אין שוואַרצע חסידישע מלבושים. שטענדיק האָט ער געהאַלטן אין האַנט אַ בינט גרויסע שליסל. ער האָט שווער געהאָרעוועט אויף פּרנסה בײַ ר׳ הירש מגיד אין ווײַנקעלער.

גאַנץ פרי פלעג ער אַראָפּגיין אין קעלער און הינטער זיך פאַרשליסן די

טיר. דאָרט איז געווען זײַן מלוכה, דאָרט פלעג ער אַרבעטן און וואַרטן אויף קונים פון דער גאַנצער געגנט, וואָס האָבן אײַנגעקויפט משקאות פאַר די קרעטשמעס אין די דערפער. אַז עמעץ האָט געקלאַפּט אין טיר איז ר׳ חיים עזריאל צוגעגאַנגען צום קליינעם פענצטערל און אַ קוק געטאָן: איז עס געווען אַ ייִד האָט ער געעפנט און אים אַרײַנגעלאָזט. איז עס נישט געווען קיין ייִד האָט ער אָנגענומען די באַשטעלונג בײַם פענצטערל, כּדי דער ווײַן אין קעלער זאָל נישט ווערן נסך.

אין טעטש איז געווען אַ גרויסע שול און אַ פּאָר קליינע בית־מדרשלעך פון פאַרשיידענע בעלי־בתּים. אַחוץ דעם זענען דאָרט געווען חסידישע קלײַזלעך און דאָס באַקאַנטסטע צווישן זיי איז געווען דאָס וויזשניצער קלײַזל. ר׳ חיים עזריאל איז געווען אַ פאַרברענטער וויזשניצער חסיד און דער וואָרטפירער אין קלויז.

פרײַטיק פלעג ער אַרבעטן אין ווײַנקעלער נאָר ביז מיטאָג. נאָך דער אַרבעט איז ער אַהיימגעלאָפן, געכאַפּט אַ ביסן און אַוועק אין שוויצבאָד, ווו ער פלעג אָפּזיצן עטלעכע שעה און זיך צוגרייטן צו קבלת־שבת. דערנאָך פלעג ער זיך גיין אָנטאָן די שבתדיקע קליידער, דעם שוואַרצן זײַדענעם קאַפּטן, דעם ברייטן שטרײַמל, די לאַנגע ווײַסע זאָקן איבער די הויזן, און קומען אין קלויז. נאָכן דאַווענען איז ער אַהיימגעקומען און די משפּחה האָט שוין אויף אים געוואַרט אין גרויסן צימער. ער האָט זיי באַגריסט און זיך אַוועקגעזעצט בײַם געדעקטן טיש און אָנגעהויבן זינגען די ערב־שבתדיקע זמירות, פון שלום־עליכם ביז אשת חיל און קידוש. נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָנגעגאָסן ווײַן אין דעם זילבערנעם בעכער, האָט ער געבעטן זײַן הויזגעזינד צו שווײַגן אַ רגע, ווײַל ער וויל הערן דעם אַדמו״ר פון וויזשניץ מאַכן קידוש. ער איז געשטאַנען בײַם פענצטער און טרערן האָבן זיך אים געגאָסן פון די אויגן, ווי גלײַך דער רבי וואָלט באמת געשטאַנען לעבן אים, ווי גלײַך ער וואָלט נישט געווען הונדערטער מײַלן ווײַט פונעם רבין. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צום טיש, געמאַכט קידוש, געגעסן די שבתדיקע מאכלים און ביז שפּעט בײַ נאַכט געזונגען זמירות און ניגונים פון וויזשניצער הויף.

ר׳ חיים עזריאל איז געווען אַ גוטהאַרציקער ייִד און אַלע האָבן אים ליב געהאַט ווײַל ער האָט פאַר איטלעכן געהאַט אַ גוט וואָרט און איז גרייט געווען צו העלפן. דער תּענוג זײַנער איז געווען צו דערציילן מעשׂיות און דער עיקר מופתים פון די וויזשניצער רביס. אַז ס׳איז אים געראָטן מקרב צו זײַן אַ ייִדן צו חסידות און בפרט צום וויזשניצער הויף, איז ער געווען

ממש גליקלעך. ער האָט טאַקע אַ סך יִידן אַרײַנגעפירט אין חסידות און דערמיט פאַרגרעסערט די צאָל מתפללים אין וויזשניצער קלויז.

איין מאָל האָט אָבער ר׳ חיים עזריאל חרטה געהאַט וואָס ער האָט אַ יִידן געמאַכט פאַר אַ וויזשניצער חסיד, ווײַל דאָס האָט געבראַכט צו אַ סיכסוך צווישן מאַן און ווײַב. אין שכנות פון ר׳ חיים עזריאל האָט געוווינט אַ בעקער, אַ פשוטער ייִד וואָס האָט קוים געקענט זאָגן אַ קאַפּיטל תּהילים. טאָג און נאַכט האָט ער געאַרבעט אין בעקערײַ, אַזוי אַז אין בית־מדרש איז ער נאָר געגאַנגען שבת און יום־טוב. דעם בעקערס ווײַב איז אויך געווען אַ פּשוטע ייִדענע, וואָס האָט געהאָלפן דעם מאַן בײַ דער אַרבעט, און דאָס פּאָרפאָלק האָט געלעבט צופרידן. די איינציקע צרה — זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינדער. ווען עס זענען אַריבער צען יאָר נאָך דער חתונה און זיי האָבן נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין קינדער, האָט עפּעס אַ ייִד אַן אייבערחכם געטענהט אַז על־פּי־דין דאַרף דער בעקער אָפּגעטן דאָס ווײַב. דער בעקער האָט ליב געהאַט זײַן ווײַב און האָט בשום־אופן נישט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס ער מוז זיך פון איר צעשיידן נאָך צען יאָר לעבן אין איינעם. פון דעסטוועגן איז ער געווען אַ פרומער ייִד און נישט געוואָלט טאָן קיין עבירות. אויב לעבן ווײַטער מיטן ווײַב איז אַן עבירה, האָט ער דאָך קיין ברירה נישט. סוף־כּל־סוף האָט ער באַשלאָסן אַלץ צו דערציילן דעם ווײַב און זי זאָל באַשליסן וואָס מען דאַרף טאָן. ווען דאָס ווײַב האָט געהערט אַז לויטן דין מוזן זיי זיך גטן, האָט זי מיט איר פּשוטן שׂכל פאַרשטאַנען אַז קעגן אַ דין קען מען זיך נישט אַנטקעגנשטעלן און זי איז מסכּים געווען צו נעמען דעם גט. דעם אַנדערן טאָג איז דער בעקער מיטן ווײַב געגאַנגען צום דיין און אים געזאָגט אַז זיי האָבן באַשלאָסן זיך צו גטן. דער דיין האָט זיי געגעבן אַ חודש צײַט זיך צו באַטראַכטן.

ווען ר׳ חיים עזריאל האָט זיך דערוווּסט אַז דער בעקער וויל גטן דאָס ווײַב ווײַל זיי האָבן קיין קינדער נישט, איז ער צו אים געגאַנגען און אים געראָטן צו פאָרן קיין וויזשניץ צום רבין און בעטן בײַ אים אַ ברכה פאַר קינדער. דער רבי, דער עושׂה נפלאות, וועט זיכער העלפן און ער וועט זיך נישט דאַרפן גטן מיטן ווײַב. דער בעקער האָט דאָס דערציילט זײַן ווײַב און זי האָט צו אים צוגערעדט ער זאָל פאָרן; זי וועט אין זיינען האָבן די בעקערײַ, זאָל ער קיין דאגות נישט האָבן.

אין יענע צײַטן האָט די נסיעה קיין וויזשניץ געדויערט גאַנצע טעג, ביז מען איז אָנגעקומען מיט אַ וואָגן איבער די בערג. ווי ער איז אָנגעקומען, אַ טויט־מידער, איז דער בעקער תּיכּף געגאַנגען אין הויף. דער גבאי האָט

אים אָנגעשריבן אַ קוויטל מיט די בקשות און אים אַרײַנגעפירט צום רבין. דער רבי האָט גענומען דאָס קוויטל מיטן פּדיון און נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעלייענט די בקשות האָט ער אים געפרעגט עטלעכע שאלות און אים געהייסן אַהיימפאָרן. ער, דער רבי, וועט פאַר אים בעטן און ער האָפט אַז די ישועה וועט קומען און זײַן ווײַב וועט האָבן אַ בן־זכר.

ווער האָט באַוויזן דעם נס?

דער בעקער איז אַרויס פון רבין מיט דער שטאַרקער אמונה אַז די ברכה זײַנע וועט מקוים ווערן. אין דער היים האָט אין צווישן דאָס ווײַב זיך דערוווּסט פון אַ שכנה אַז אין ספּינקע, אַ קליין דערפל נישט ווײַט פון טעטש, איז פאַראַן אַ הייליקער צדיק וואָס באַווײַזט נסים און ס׳איז כדאַי צו אים אַרײַנצופאָרן. דאָס ווײַב האָט געטראַכט אַז אין צווייען איז שטאַרקער און צוויי צדיקים קענען אַוודאי נישט שאַטן. נאָך דער אַרבעט האָט זי זיך אויפגעזעצט אויף אַ וואָגן און איז געפאָרן קיין ספּינקע.

זי האָט דערלאַנגט דעם רבין דאָס קוויטל וואָס דער גבאי האָט איר אָנגע־שריבן, אים געגעבן אַ גוטן פּדיון און זיך אויסגעוויינט פאַר אים דאָס האַרץ, אים דערציילט אַז ס׳איז איר ביטער שווער זיך צו גטן מיטן מאַן, וואָרעם זי האָט אים ליב. דער ספּינקער רבי האָט זי געבענטשט און איר געהייסן אַהיימפאָרן. ער וועט שוין פאַר איר בעטן זי זאָל האָבן קינדער און זיך נישט דאַרפן גטן. זי איז אַהיימגעפאָרן און האָט קיינעם נישט דערציילט אַז זי איז געווען אין ספּינקע בײַם צדיק.

אין גיכן איז די בעקערטע פאַרגאַנגען אין טראָגן און ס׳איז געוואָרן אַ שׂימחה אין שטוב. אָבער באַלד האָבן זיך מאַן און ווײַב אָנגעהויבן צו קריגן. ער האָט געטענהט אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן אין זכות פון וויזשניצער רבין און זי האָט געטענהט מיט עקשנות אַז דאָס איז אין זכות פון ספּינקער צדיק.

זי האָט מיט מזל געהאַט אַ בן־זכר און ווען דאָס קינד איז שוין געווען געוואַקסן גרויס מען זאָל עס מיטנעמען אין שול אַרײַן, עס זאָל זען ווי ייִדן דאַווענען, כאָטש אַליין קען עס נאָך נישט קיין צורה פון קיין אות, האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל דערוווּסט פון זייער סיכסוך. דער בעקער האָט געוואָלט מיטנעמען דעם זון אין וויזשניצער קלויז, זי אָבער, די מאַמע, האָט אים געוואָלט פירן אין ספּינקער שטיבל. געווײנטלעך איז ער געווען שטאַרקער, אָבער זי איז געקומען אויף אַ פאָרטל ווי אַזוי בײַ אים אויסצוכאַפּן דאָס קינד. זי האָט געוואַרט אין דרויסן, בײַם קלײַזל, ביז דער עולם איז אויפגעשטאַנען

צו שמונה־עשׂרה. דעמאָלט האָט זי זיך אַרײַנגעגנבעט, אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד און אַוועק מיט אים אין ספּינקער שטיבל. דער בעקער האָט נישט געקענט מפסיק זײַן און האָט נאָר געשריִען: נו... נו... נו... אָבער קיינער האָט אים נישט געקענט העלפן ווײַל אַלע זענען געשטאַנען שמונה־עשׂרה און נישט געקענט אויסרעדן. דער עולם האָט געהאַט וואָס צו לאַכן פון דעם יִינגעלע, נעבעך, וואָס וואַקסט אויף מיט אַ צעשפּאָלטענער נשמה — צווישן וויזשניצער קלײַזל און ספּינקער שטיבל. וואָס זײַן גורל איז געווען, וואָס ס׳איז פון אים געוואָרן — דאָס ווייס איך נישט.

אַ הסכּם צווישן צוויי ברידער

כאַראַקטעריסטיש פאַר די מאַרמאַרעשער יִדן איז די מעשׂה פון די צוויי ברידער וואָס האָבן געלעבט אין ווילכאָוויץ, אַ דערפל נישט ווײַט פון טעטש. איינער האָט געהייסן ר׳ מרדכי־חנא און דער צווייטער — ר׳ חיים פוקס. ר׳ חיים, דער בכור, האָט געהאַט אַ קרעטשמע. ר׳ מרדכי־חנא, דער יִנגערער, איז געווען אַ תּלמיד־חכם. ער האָט איבערגעלאָזט אַלע וועלטלעכע ענינים, איז אַוועק צום רבין קיין וויזשניץ און דאָרט איז ער געזעסן טאָג און נאַכט און געלערנט ניגלה און ניסתּר. ווער זשע זאָל מפרנס זײַן די משפּחה פון ר׳ מרדכי־חנא? האָבן די צוויי ברידער געחתמעט אַ הסכּם צווישן זיך: ר׳ חיים פוקס איז זיך מתחייב אַ גאַנץ לעבן צו זאָרגן פאַר דער משפּחה פון ר׳ מרדכי־חנא און ר׳ מרדכי־חנא איז זיך מתחייב איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר צו געבן זײַן ברודער פּונקט פּראָצענט פון זײַן טייל אין גן־עדן. די ברידער האָבן געחתמעט דעם הסכּם פאַר עדות, כּדת וכדין, און ר׳ חיים פוקס האָט געהאַלטן וואָרט, ער האָט אַלע יאָרן מפרנס געווען די משפּחה פון זײַן ברודער. לאָמיר האָפן אַז אויך מרדכי־חנא האָט געהאַלטן וואָרט און זײַן ברודער געניסט פון זײַן חלק אין גן־עדן, ווי עס שטייט אין דעם הסכּם וואָס זיי האָבן געחתמעט.

אונטער אַ פרעמדער ממשלה

אַזוי האָט אויסגעזען טעטש אונטער די האַבסבורגער. אונטער דער נײַער, טשעכישער ממשלה האָט זיך נישט בלויז געביטן דער נאָמען — אויף טיאַטשעוואָ — נאָר אויך דאָס אויסזען. עס זענען צוגעקומען אַ סך מלוכישע אינסטיטוציעס, ס׳האָבן זיך געעפנט נײַע געשעפטן, צוויי נײַע בענק, און דער גאַנצער פּערסאָנאַל, אַלע באַאַמטע, זענען געשיקט געוואָרן פון בעמען און מערן, דער היסטאָרישער חלק פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. זײַט בײַ זײַט

מיט דער אַלטער אונגאַרישער באַפעלקערונג האָבן זיך באַוויזן נײַע קוואַר־טאַלן מיט געמויערטע הײַזער ווו עס האָבן געוווינט נאָר טשעכן. עס זענען געקומען נישט בלויז באַאַמטע מיט זייערע משפחות, נאָר אויך פאַרשיידענע אוואַנטוריסטן וואָס האָבן נישט מצליח געווען זיך אײַנצואָרדענען אין בעמען און מערן און האָבן געהאָפט צו מאַכן אַ לעבן אין קאַרפּאַט־רוסלאַנד, די נײַע קאָלאָניע.

די רעגירונג איז געזעסן אין פּראָג און דער הערשנדיקער כּוח איז געווען די אַגראַר־פּאַרטיי, וואָס האָט דורכויס פאַרטראָטן די אינטערעסן פון די גרונט־באַזיצערס און רײַכע לאַנדווירטן. צו מאָל האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער רעגירונג די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, אָבער דער דעצי־דירנדיקער פאַקטאָר איז תּמיד געווען די אַגראַר־פּאַרטיי, וואָס האָט געפירט אין קאַרפּאַט־רוסלאַנד אַ דורכויס קאָלאָניאַלע פּאָליטיק.

די אונגאַרן פון טיאַטשעוואָ, וואָס זענען לרוב געווען רײַכע לאַנדווירטן, האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דעם נײַעם רעזשים און בײַ די וואַלן געשטימט פאַר דער אַגראַר־פּאַרטיי. זיי האָבן פאַרגעסן אין זייערע אונגאַרישע ברידער, וואָס האָבן איצט געלעבט אין אַ קליינער, צעריסענער מדינה.

די ייִדן וועלכע האָבן מצליח געווען און געמאַכט פאַרמעגן זענען אויך געגאַנגען מיט דער הערשנדיקער פּאַרטיי, בעת די ייִדישע פּאַרטיי האָט געקעמפט פאַר יעדער ייִדישער שטים, כּדי אַרײַנצוברענגען אַ ייִדישן דע־פּוטאַט אין פּראָגער פּאַרלאַמענט.

ה

אויף פרעמדע וועגן

די צענטראַלע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּראָג האָט אונדז געהייסן קודם אָרגאַניזירן די פּאַרטיי אין די דערפער, ווו עס האָט געלעבט דער רוב פון דער באַפעלקערונג. ערשט שפּעטער, אַז מיר וועלן שוין האָבן אַ באַזיס אין דאָרף זאָלן מיר זיך פּרווון פאַרמעסטן מיט דער מאַכטיקער אַגראַר־פּאַרטיי אין די שטעט און שטעטלעך פון ראַיאָן. דער פּלאַן איז טאַקע געווען אַ ריכטיקער. אין משך פון אַ יאָר אינטענסיווער אַרבעט איז אונדז געראָטן זיך צו באַפעסטיקן אין דער געגנט און געווינען דעם צוטרוי פון דער באַפעלקערונג. די דאָרפישע מאַסן זענען געגאַנגען מיט אונדז, ווײַל זיי האָבן זיך איבערצײַגט אַז מיר פירן זיך אויף אַנדערש ווי די פּראָפּאַ־גאַנדיסטן פון דער אַגראַר־פּאַרטיי און אַז אונדזער איינציקער ציל איז צו העלפן.

מיר האָבן מצליח געווען קודם־כל ווײַל אַלע אונדזערע אַקטיוויסטן זענען געווען יונגע אידעאַליסטן. זיי האָבן געלעבט באַשיידן אין איינעם מיט די דאָרפסלײַט און זיך באַצויגן צו זיי ווי צו זייער גלײַכן. מײַן ייִדישער אָפּשטאַם האָט מיך נישט געשטערט אין דער אַרבעט. די דאָרפסלײַט האָבן געוווסט אַז איך קום נישט פון קיין אָרעם הויז און אַז איך האָב מוותּר געווען אויף אַ באַקוועם לעבן, כּדי זיך צו וואַלגערן אין די דערפער, גערודפט פון דער טשעכישער פּאָליציי. דאָס האָט זיי דווקא דערנענטערט צו מיר.

פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה געהערט די גאַנצע געגנט צו דעם ראַטן־פאַרבאַנד. מענטשן וואָס קומען פון דאָרטן דערציילן אַז דאָס פאָלק איז נישט צופרידן מיטן קאָמוניסטישן רעזשים און אַז זיי לעבן עד־היום אין דחקות. ווײַט איז דער מרחק פון אידעאַל צו זײַן רעאַליזירונג! די נײַע מאַכטהאָבערס ניצן אויס די אידעען פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן און די פּשוטע מענטשן וואָס זענען גרייט געווען מקריב צו זײַן דאָס לעבן פאַר

דער רעוואָלוציע זענען הײַנט שׂונאים פֿון דער קאָמוניסטישער אידעע. אַזוי האָבן קאָמוניסטישע מושלים פֿאַרמיאוסט און פֿאַרנימאַסט דעם סאָציאַ־ליסטישן אידעאַל אין די אויגן פֿון דער מענטשהייט.

אָבער לעת־עתּה בין איך אין טיאַטשעוואַ פּאַרטיי־סעקרעטאַר אין ראַיאָן, און דער קאָמוניסטישער אידעאַל איז פֿאַר מיר אורים־ותומים. איך בין צופֿרידן, טויזנטער פּשוטע מענטשן, וווּ אין די בערג, אין פֿאַרשטופּטע דערפֿער, האָבן צו מיר צוטרוי און גלייבן אַז אונדזער וועג איז דער ריכטי־קער. דאָס האָט מיר געגעבן מוט איך זאָל אָנהייבן אַקטיווירן אויך אין די שטעטלעך פֿון דער געגנט, אין טעטש, יאַסינאַ, ראַכאָוו און כוסט. איך האָב קלאָר געזען די שׂינאה פֿון אַלע נאַציאָנאַלע גרופּן אין קאַרפּאַט־רוסלאַנד, און בפֿרט פֿון די אוקראַיִנער, קעגן דער טשעכישער מאַכט און דער אויפֿ־פֿירונג פֿון די הערשערס לגבי דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג. די קאָמוניס־טישע פּאַרטיי האָט פֿאַרשטאַנען אויסצוניצן די דאָזיקע שׂינאה און איז אַרײַנגעדרונגען אַפֿילו אין אונגאַרישע קרײַזן, אויך צו ייִדישע בעל־מלאכות און פּשוטע אַרבעטער וואָס זענען נישט געווען אָרגאַניזירט אין דער ייִדישער פּאַרטיי.

איך לייג ווידער אָפּ מײַנע לימודים

די אַרבעט אין דער פּאַרטיי האָט מיך אין גאַנצן פֿאַרנומען און אַזוי ווי דאָס איז געווען אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט און איך האָב אין איר געזען הצלחה, האָב איך אָנגענומען די פֿאָדערונג פֿון דער פּאַרטיי־צענטראַלע אין פּראָג ווײַטער אָפּצולייגן מײַנע לימודים. מײַן פּערזענלעכער מצב איז אָבער פֿון טאָג צו טאָג שווערער געוואָרן. די פּאָליציי האָט מיך גערודפֿט און געזוכט אַ געלעגנהייט אויף מיר צו לייגן די האַנט. בײַ טאָג האָבן זיי מורא געהאַט מיך צו פֿאַרשעפּן ווײַל איך בין געווען אַרומגערינגלט מיט מענטשן וואָס האָבן מיך ממש אָפּגעהיט. בײַ נאַכט האָב איך אָבער געמוזט וואַנדערן פֿון איין שטוב אין דער צווייטער און האָב זעלטן איבערגענעכטיקט צוויי מאָל אויפֿן זעלבן אָרט.

ווען דער זון פֿון בעדעבלער גלח איז געוואָרן דער מושל פֿון דער געגנט איז מיר אַ ביסל גרינגער געוואָרן. הגם ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער הערשנדיקער אַגראַר־פּאַרטיי און מיר זענען געווען פּאָליטישע קעגנערס האָט ער נישט פֿאַרגעסן אונדזערע בשותּפֿותדיקע קינדער־יאָרן, די פֿרײַנד־שאַפֿט צווישן אונדזערע עלטערן און דעם אופֿן ווי מײַן טאַטע האָט זיך באַצויגן צו אים און צו זײַן ברודער ווען זיי זענען אַרײַנגעקומען צו אונדז

אין שטוב. נישט איין מאָל האָט מיך דער מושל, ד״ר פּאַוועל קאָסאַי, געוואָרנט איך זאָל זיך אויסבאַהאַלטן עטלעכע טעג, ווײַל די פּאָליציי וויל מיך אַרעס־טירן. הײַנט טראַכט איך אַז זײַן פרײַנדלעכע באַציִונג האָט געהאַט נאָך אַ סיבה: ער אַליין איז געווען אַן אוקראַינער און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט, האָט ער פײַנט געהאַט די טשעכן, כאָטש ער האָט געהערשט אין זייער נאָמען.

די עקאָנאָמישע לאַגע אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ האָט זיך פאַרערגערט. אין די דרײַסיקער יאָרן איז שטאַרק געוואַקסן די צאָל אַרבעטסלאָזע. אין קאַרפּאַט־רוסלאַנד האָבן די מענטשן ממש געהונגערט. די רעגירונג האָט פון צײַט צו צײַט געשיקט לעבנס־מיטל, אָבער די טשעכישע באַאַמטע, וואָס האָבן באַהאַנדלט קאַרפּאַט־רוסלאַנד ווי אַ קאָלאָניע, האָבן געגנבעט און זיך באַרײַכערט פון די צוגעשיקטע טראַנספּאָרטן, און אַ גרויסן חלק פאַר־קויפט אויפן שוואַרצן מאַרק, אין דער צײַט ווען די אָרעמע אײַנוווינערס, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין גראָשן, זענען געשטאָרבן פאַר הונגער.

אָט די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע האָט באַקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּ־קלאַנג. פּראָגרעסיווע קרײַזן אין מערב־אייראָפּעיִשע לענדער האָבן עפנטלעך באַשולדיקט די פּראָגער רעגירונג אַז זי פירט אַן אויסהונגערונגס־פּאָליטיק קעגן אַ גאַנץ פאָלק אין קאַרפּאַט־רוסלאַנד. אין אייניקע לענדער האָבן זיך געשאַפן קאָמיטעטן צו העלפן דער באַפעלקערונג פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד.

די קאָמוניסטן האָבן, פאַרשטייט זיך, אויסגעניצט די שווערע לאַגע פאַר זייערע צוועקן. זיי האָבן באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ הונגערמאַרש קיין אוזשהאָראָד, די הויפּטשטאָט פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד, כּדי צו פּראָטעסטירן בײַם מושל פון דער געגנט. דעם הונגערמאַרש האָבן געדאַרפט אָרגאַניזירן דער סענאַטאָר לאָקאָטאָ, אַן אָפּשטאַמיקער פון קאַרפּאַטרוסישן דאָרף ביטש־קעוו און איך, דער ראַיאָנאַלער סעקרעטאַר. מיר האָבן אַלץ געטאָן כּדי די מאַסן זאָלן זיך באַטייליקן און פון די דערפער זענען אָנגעקומען פּאָזיטיווע באַריכטן. אונדזער פּלאַן איז געווען אַז די דעמאָנסטראַנטן פון טעטשער ראַיאָן זאָלן זיך באַגעגענען אין טעטש און פון דאָרטן ווײַטער מאַרשירן צו פוס קיין כוסט. דאָרטן וועלן זיך אָנשליסן די כוסטער דעמאָנסטראַנטן און מען וועט ווײַטער מאַרשירן קיין בערעהאָוואָ, און אַזוי ווײַטער ביז מיר וועלן אָנקומען אין דער הויפּטשטאָט.

אָפּיציעל איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געווען לעגאַל אין דער טשעכאָ־סלאָוואַקײַ. די דעמאָנסטראַציע האָבן מיר אָבער צוגעגרייט אין געהיים, ווײַל ס׳איז געווען קלאָר אַז מיר וועלן נישט באַקומען אַ דערלויבעניש. אַלע

צוגרייטונגען זענען געמאַכט געוואָרן בסוד, די זשאַנדאַרמעריע און די פּאָ־ליציי זאָל זיך נישט דערוויסן. דער פּלאַן איז געווען מען זאָל זיי איבערראַשן אין דער לעצטער רגע, ווען זיי וועלן שוין גאָרנישט מער קענען טאָן.

דער פאַקט וואָס מיר האָבן געקענט אָפּהיטן דעם סוד ביז אין דער לעצטער רגע איז פאַר מיר געווען אַן אָנגענעמע איבערראַשונג. אויף די פּשוטע מענטשן האָט מען זיך גיכער געקענט פאַרלאָזן ווי אויף די אַזוי גערופענע אינטעלעקטואַלן. די פּאָליציי איז וועגן דעם הונגערמאַרש געוויר געוואָרן בעת דער עולם איז שוין געווען אין גאַנג, אַזוי אַז אונדזערע מענטשן האָבן אומגעשטערט געקענט מאַרשירן ביז קיין כוסט.

די פּאָליציי האָט נישט געהאַט קיין צײַט צו מאָביליזירן גרויסע כּוחות אין טעטש, אונדזער ערשטער קאָנצענטרירונגס־פּונקט. און אפשר האָבן זיי נישט געגלייבט אַז מיר וועלן קענען צונויפזאַמלען אַזעלכע מאַסן. עס האָבן זיך אונדז אַנטקעגנגעשטעלט אין טעטש בערך הונדערט פּאָליציי־לײַט און זשאַנדאַרן. זיי זענען געווען זיכער אַז דאָס וועט זײַן גענוג אונדז פונאַנדער־צויאָגן. אין דער אמתן זענען מיר אַליין, דער סענאַטאָר לאָקאָטאָ און איך, אויך געווען איבערראַשט. מיר האָבן זיך נישט געריכט אַז די דאָרפישע באַפעלקערונג פון טעטשער ראַיאָן וועט קומען אין אַזאַ צאָל.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין טעטש האָבן מיר שוין געציילט איבער צוואַנציק טויזנט מענער און פרויען. קינדער האָבן מיר פאַרווערט מיטצו־נעמען. די פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע וואָס מען האָט אַוועקגעשטעלט בײַם אַרײַנגאַנג אין שטאָט אונדז צו שטערן איז פּשוט אַנטלאָפן בײַם אָנבליק פון די מאַסן וואָס באַוועגן זיך ווי אַ שטראָם, אַזוי אַז אונדזער ערשטע באַגעגעניש מיט דער מאַכט איז אַדורך בשלום און מיר האָבן נישט גע־דאַרפט באַניצן קיין כּוח.

אין טעטש זענען מיר פאַרבליבן אַ גאַנצן טאָג. דאָס שטעטל איז בעצם געווען אין אונדזערע הענט, ווײַל די פּאָליציי האָט זיך אַפילו נישט דערוועגט צו ווײַזן אין גאַס. אין טעטש האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזער מאַרש דעלעגאַציעס פון אויסלאַנד, פּראָפעסאָרן און לינקע מנהיגים, צווישן וועלכע דער באַרימטער שרײַבער לודוויג רען, וואָס איז טאַקע שפּעטער אַרײַנגע־טראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַלע האָבן זיך באַטייליקט אין ווײַטערדיקן מאַרש קיין כוסט.

נאָך דער מפּלה פון דער פּאָליציי אין טעטש האָט די רעגירונג אין פּראָג מאָביליזירט גרעסערע כּוחות פון פאַרשיידענע ערטער און ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין כוסט האָבן זיך אונדז אַנטקעגנגעשטעלט איבער צוויי

טויזנט באַוואָפנטע פּאָליציי־לײַט, וואָס האָבן געהאַט אַ באַפעל אונדז נישט אַרײַנצולאָזן אין שטאָט און פאַרמיידן די דעמאָנסטראַציע.

אין כוסט זענען געווען שמאָלע גאַסן, נישט קיין פּאַסיקע פֿאַר דעמאָנ־סטראַציעס. פון דעסטוועגן זענען די דעמאָנסטראַנטן פּאַמעלעך געגאַנגען פֿאָרויס, ווי אַ שטראָם וואָס מען קען אים נישט אויפהאַלטן. עס האָבן נישט געהאָלפן די גומע־שטעקנס. גאַנצע צוויי טעג האָבן זיך די מאַסן געשלאָגן מיט דער פּאָליציי. סוף־כל־סוף האָט די רעגירונג אַראָפּגעבראַכט מיט אַ שנעלצוג תּלמידים פון פאַרשיידענע פּאָליציי־שולן איבערן לאַנד. די באַ־וואָפנטע תּלמידים האָבן זיך אונדז אַנטקעגנגעשטעלט בײַם אַרויסגאַנג פון כוסט. די מאַסן זענען געווען אויפגעקאָכט און מיר האָבן זיי קוים אײַנגע־שטילט, זיי זאָלן נישט רעאַגירן אויף דער פּראָוואָקאַציע פון דער פּאָליציי. שווײַגנדיק זענען די דעמאָנסטראַנטן פאָרויסגעגאַנגען און זיך נישט גע־רעכנט מיט די יונגע באַוואָפנטע פּאָליציי־לײַט וואָס האָבן געוואָרנט מען זאָל זיך נישט דערנענטערן. זיי האָבן, ווײַזט אויס, נישט געהאַט קיין דער־פאַרונג ווי אַזוי פונאַנדערצוטרײַבן דעמאָנסטראַציעס און אויך נישט ווי אַזוי זיך מטפל צו זײַן מיט דעמאָנסטראַנטן. זיי האָבן תּיכף אָנגעהויבן צו שיסן. מסתּמא האָבן זיי אָבער אין שיסן אויך נישט געהאַט קיין דערפאַרונג. פון די איבער זעכציק טויזנט דעמאָנסטראַנטן זענען בלויז צוויי געהרגעט גע־וואָרן און צוואַנציק פאַרוואונדיקט.

פון די שיסערייען זענען, פאַרשטייט זיך, די מאַסן אַרײַנגעפאַלן אין אַ היסטעריע און מיר, די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער דעמאָנסטראַציע, האָבן מורא געהאַט אַז עס וועט קומען צו אַ בלוטבאָד. ס'איז געווען קלאָר אַז דער באַפעל צו שיסן איז געקומען פון אויבן, פון פּראָג. מיר האָבן אין דער גיך באַשלאָסן אַז מיר דאַרפן מער נישט אײַנשטעלן קיין מענטשן־לעבן.

דער סענאַטאָר לאָקאָטאָ האָט געוואָרנט די פאַראַנטוואָרטלעכע אָפּיצירן זיי זאָלן תּיכף אָפּשטעלן דאָס פײַער און אַליין האָט ער זיך מתחייב געווען פונאַנדערצולאָזן די דעמאָנסטראַציע. די גוואַלדיקע דעמאָנסטראַציע האָט זיך טאַקע פאַרענדיקט, אָבער דאָס געשעעניש האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּ־קלאַנג אויף דער וועלט. דאָס האָט געצוווּנגען די פּראָגער רעגירונג צו שיקן ממשותדיקע הילף קיין קאַרפּאַט־רוסלאַנד.

מיר איז געראָטן צו פאַרשווינדן אין דער מאַסע, אַזוי אַז די פּאָליציי האָט מיך נישט געקענט אַרעסטירן אויפן אָרט. אָבער מער ווי צוויי חדשים בין איך געלעגן באַהאַלטן בײַ אַ פרײַנד אין כוסט, ווײַל די פּאָליציי האָט מיך געזוכט ווי איינעם פון די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרן אָרגאַניזירן דעם

הונגערמאַרש. ערשט ווען סענאַטאָר לאָקאַטאָ האָט עפנטלעך דערקלערט אין אַ רעדע אַז ער איז דער איינציקער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער דעמאָנ־סטראַציע האָט די פּאָליציי אויפגעהערט מיך צו זוכן, מײַן פרײַנד פּאַוועל קאָסאַי האָט מיר צו וויסן געטאָן אַז איך קען זיך אומקערן קיין טעטש. די רעגירונג אין פּראָג האָט, ווײַזט אויס, באַשלאָסן צו פאַרשווײַגן דעם גאַנצן ענין און נישט צו מאַכן קיין פּראָצעסן. ערשטנס, האָט סענאַטאָר לאָקאַטאָ געהאַט אימוניטעט ווי אַ מיטגליד פון סענאַט; צווייטנס, איז דער אָפּקלאַנג פונעם הונגערמאַרש אויף דער וועלט נישט געווען קיין גינציקער פאַר דער פּראָגער רעגירונג.

תּפיסה

יעדן חודש פלעג איך פאָרן קיין פּראָג אין דער צענטראַלע, כּדי אָפּצוגעבן אַ פּערזענלעכן באַריכט וועגן דער אַקטיוויטעט אין מײַן ראַיאָן. גאָטוואַלד און סלאַנסקי זענען דעמאָלט געווען חברים אין ענגן סעקרעטאַריאַט פון דער פּאַרטיי און איך האָב זיך אָפּט מיט זיי געטראָפן. הגם דער עיקר פון אונדזערע באַגעגענישן איז געווען אַן אָפיציעלער, האָבן מיר שטענדיק געהאַט צום סוף אַ חברישן, פּערזענלעכן שמועס. סלאַנסקי, דער אינטעלעקטואַל, האָט פאַרשטאַנען מײַן שטרעבן ווײַטער צו שטודירן און ער האָט מיר צוגעזאָגט אַז ווי באַלד דער מצב וועט זיך אַ ביסל באַרויִקן, וועט מיר די פּאַרטיי העלפן דערגרייכן מײַן ציל.

אַ צײַט לאַנג נאָכן הונגערמאַרש בין איך געפאָרן קיין פּראָג איבערצוגעבן אַ גענויען באַריכט וועגן דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען. די צענטראַלע איז מסכּים געווען מיט אונדזער באַשלוס איבערצורײַסן דעם מאַרש כּדי צו פאַרמײַדן אַ גרויסע שחיטה. מען האָט אונדז געלויבט פאַר דער גרויסער הצלחה צו אָרגאַניזירן אַזאַ מאַסע און צו מאַכן אַזאַ רושם אויף דער וועלט. איך בין געווען צופרידן און האָב געטראַכט אַז איצט איז די צײַט צו פאָדערן מען זאָל מיך באַפרײַען פון דער פּאַרטיי־אַרבעט, איך זאָל קענען ווײַטער שטודירן. די צענטראַלע האָט אָבער געהאַט אַנדערע פּלענער: אין גיכן האָבן געדאַרפט פאָרקומען אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ מוניציפּאַלע וואַלן און די פּאַרטיי איז געווען פאַראינטערעסירט צו פאַרכאַפּן וואָס מער ערטער אין די שטאָטראָטן. דערפאַר האָט מען מיך ווידער געשיקט קיין קאַרפּאַט־רוסלאַנד, איך זאָל דאָרטן אָרגאַניזירן די וואַלן אין נאָמען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די נסיעה פון פּראָג קיין טעטש האָט געדויערט בערך פיר און צוואַנציק

שעה. אין מיטן נאַכט פֿלעג זיך די באַן אָפּשטעלן אין באַהאַמין, אַ שטאָט אויף דער גרענעץ צווישן בעמען און דער סלאָוואַקײַ, כּדי צו בײַטן דעם לאָקאָמאָטיוו. איך פֿלעג דאָרט אַראָפּגיין טרינקען אַ קאַווע אין באַן־רעסטאָראַן און בעיקר צו קויפֿן צײַטונגען. צווישן אַנדערע פֿלעג איך קויפֿן די „מאָסקאָווער רונדשאַו", אַ מאָסקווער אויסגאַבע אין דײַטש, וואָס האָט באַהאַנדלט פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. די צײַטונג האָט מען פֿרײַ באַקומען אין אַלע קיאָסקן.

אויך אויף דער איצטיקער נסיעה בין איך אַראָפּגעגאַנגען, האָב געטרונקען קאַווע אין רעסטאָראַן, געקויפֿט צײַטונגען און צוריק אין וואַגאָן. איך בין געגאַנגען פּשוט אָנגעטאָן — אָן אָפּן העמד, שטיוול, אַ קורצן לעדערנעם מאַנטל. אין יענער צײַט איז דאָס געווען דער פּראָלעטאַרישער הולך. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף מײַן אָרט און אַפֿילו נישט אַרומגעקוקט. שפּע־טער בין איך געוווּר געוואָרן אַז מיט מיר אין וואַגאָן איז געפֿאָרן אַן אַגענט פֿון דער געהיים־פּאָליציי. ער האָט פֿון באַהאַמין טעלעגראַפֿירט קיין קאָשיצאַ, בײַ דער גרענעץ פֿון סלאָוואַקײַ און קאַרפּאַט־רוסלאַנד, אַז אין דער באַן געפֿינט זיך אַ רוסיש־קאָמוניסטישער אַגענט. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין קאָשיצאַ זענען אויפֿגעשטיגן צוויי געהיימע אַגענטן און געפֿאָדערט איך זאָל מיך לעגיטימירן. איך האָב זיי געוויזן מײַן אידענטיטעט־קאַרטל און געטראַכט אַז דערמיט בין איך פֿון זיי פּטור געוואָרן. זיי האָבן מיר אָבער געהייסן נעמען מײַנע זאַכן און מיטגיין מיט זיי, ווײַל זיי דאַרפֿן עפּעס קלאָר מאַכן. איך האָב נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן; כ'האָב געמיינט אַז זיי וועלן מיך פֿירן צו דער פּאָליציי־סטאַנציע אויפֿן וואָקזאַל און איך וועל זיך באַלד אומקערן און ווײַטער פֿאָרן קיין טעטש. זיי האָבן מיך אָבער אַרײַנ־געזעצט אין אַן אויטאָ און מיך געפֿירט אין שטאָט, אין זייער צענטער. דאָרט האָבן זיי איבערגעקוקט אַלע מײַנע זאַכן און האָבן געפֿונען פֿאַרשיידענע צײַטונגען און ביכער אין דײַטש, ענגליש און אַפֿילו אין העברעיִש; כּמעט אַלע זענען געווען געדרוקט אין מאָסקווע, וואָס איז אין יענער צײַט געווען די צענטראַלע אַרויסצוגעבן מאַרקסיסטיש־סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן.

שפּעטער זענען אַרײַנגעקומען אין ביוראָ דרײַ אַגענטן און האָבן מיט אַ מאָל אָנגעהויבן פֿרעגן פֿאַרשיידענע שאלות, אויף וועלכע איך האָב זיך באַמיט צו ענטפֿערן. פּלוצעם האָבן זיי כּלומרשט אַרויסגעלייגט זייערע שאלות פֿון די אַקטן וואָס זענען געלעגן אויפֿן טיש. זיי האָבן געפֿרעגט אַזעלכע פּראָוואָקאַטיווע שאלות ווי למשל ווער עס זענען געווען מײַנע

שותּפים בײַ אַ באַשטימטן אײַנבראָך, וואָס איך האָב געטאָן מיט דער געגנבֿעטער סחורה און דעסט גלײַכן. דאָס האָט מיך פּשוט אַרויסגעבראַכט פֿון די כּלים און איך האָב זײ געזאָגט אַז אויב זײ ווילן זיך איבערצײַגן אַז איך בין נישט קײן פֿאַרברעכער, זאָלן זײ זיך פֿאַרבינדן מיט דער פּאָליצײ אין טעטש. זײ האָבן מיך געפֿאָלגט און די טעטשער פּאָליצײ האָט באַשטעטיקט אַז איך בין נישט קײן גנבֿ. דער קאָמענדאַנט האָט אָבער, ווײַזט אויס, געבעטן מען זאָל מיך לערנען אַ ביסל דרך־ארץ, ווײַל זײ אין טעטש קענען דאָס נישט טאָן. די אַגענטן פֿון קאָשיצאַ האָבן גערן דערפֿילט זײַן ווונטש און מיך געלערנט, דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן, וואָס דער פּירוש פֿון פּאָליצײ איז. ווען איך האָב אָנגעהױבן טענהן מען זאָל מיר דערלויבן זיך צו פֿאַרבינדן מיט אַן אַדוואָקאַט, ווי עס פֿאָדערט דאָס געזעץ, האָבן זײ מיך גענומען שלאָגן מיט רציחה. מיט גומענע שטעקנס האָבן זײ מיך געשלאָגן אויף די נאַקעטע פּיאַטעס ביז זײ זענען אָנגעשוואָלן געוואָרן און מיר פֿאַרשאַפֿט שרעקלעכע ווייטיקן.

עס האָט געהײסן אַז זײ פֿאַרשן מיך, אָבער אין דער אמתן האָבן זײ מיך פּשוט געפּײַניקט. אַלע דרײַ שעה האָבן זיך געביטן די פּײַניקערס און אָנגעהױבן פֿון דאָס נײַ. איך האָב געטראַכט אַז דאָס גיהנום וועט נישט גרעדיוערן מער ווי אַכט און פֿערציק שעה, ווײַל דערנאָך מוז מיך די פּאָליצײ, לויטן געזעץ, ברענגען פֿאַרן געריכט־פֿאַרשער. די געהײם־פּאָליצײ האָט זיך אָבער געגעבן אַן עצה. נאָך אַכט און פֿערציק שעה האָט מען מיך טאַקע איבערגעפֿירט אין תּפֿיסה און ס׳איז פֿאַרשריבן געוואָרן פּינקטלעך ווען מען האָט מיך געבראַכט, אָבער אין משך פֿון דרײַ וואָכן האָט מען מיך כּמעט יעדן אינדערפֿרי „אויסגעבאָרגט“ פֿון תּפֿיסה, כּלומרשט מיך ווײַטער אויסצופֿאַרשן, אָבער אין תּוך איז דער ציל געווען נאָר מיך צו שלאָגן. דאָס איז געשען מיט דער הסכּמה פֿונעם געריכט־פֿאַרשער און זײ האָבן עס געטאָן אויף אַזאַ ראַפֿינירטן אופֿן אַז שפּעטער, ווען איך בין באַפֿרײַט געוואָרן, און מײַן אַדוואָקאַט האָט אײַנגעקלאָגט די פּאָליצײ ווײַל זי האָט מיך געהאַלטן מער צײַט ווי דאָס געזעץ דערלויבט, האָט די פּאָליצײ פּשוט געלייקנט און ווי אַ באַווײַז געבראַכט דעם רעגיסטער פֿון דער תּפֿיסה, וווּ עס איז געווען פֿאַרשריבן דער טאָג ווען מען האָט מיך איבערגעפֿירט.

דאָס איז געווען מײַן ערשטער פּײַערפֿרווו וואָס שייך פּאָליצײ און זינט דעמאָלט האָב איך פּײַנט פּאָליצײ און בפֿרט געהײם־פּאָליצײ. עד־היום, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן, קריץ איך מיט די צײן ווען איך דערמאָן זיך ווי מען האָט מיך געפּײַניקט. ווען איך וואָלט דאָס נישט געפֿילט אויף מײַן אײגן לײַב וואָלט

איך נישט געגלייבט אַז עס זענען פֿאַראַן אַזעלכע סאַדיסטן וואָס קענען אַזוי שלאָגן אַ מענטשן, נאָר דערפֿאַר ווײַל ער האָט אַן אַנדער וועלטבאַנעם.

דרײַ וואָכן האָט מיך געפּייניקט די פּאָליציי און מײַנע פּאַרטייפֿרײַנד האָבן נישט געוווּסט ווו איך בין אַהינגעקומען. אייניקע האָבן געטענהט אַז די פּאָליטישע פֿײַנד האָבן מיך מסתּמא ליקווידירט אויפֿן וועג פֿון פּראָג. צום גליק האָט מײַן חבר, דאָקטאָר גאָטי, פֿון אוזשהאָראָד, אַן אַדוואָקאַט און דעפּוטאַט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין טשעכישן פּאַרלאַמענט, זיך דערוווּסט אַז די פּאָליציי אין קאָשיצאַ האָט אַרעסטירט איינעם אַ יונגן־מאַן. ד״ר גאָטי האָט אָנגעהויבן אויספֿאָרשן די אַרבעטער פֿון וואָקזאַל און איינער האָט אים דערציילט אַז ער האָט געטראָגן מײַנע רענצלעך צו דעם אויטאָ פֿון דער פּאָליציי. לויט דער באַשרײַבונג פֿונעם אַרבעטער האָט ד״ר גאָטי פֿאַרשטאַנען אַז איך בין אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון דער פּאָליציי אין קאָשיצאַ, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי די ברוטאַלסטע אין דער גאַנצער רעפּובליק.

מיט זײַן פֿײַערדיקן טעמפּעראַמענט האָט ד״ר גאָטי געפֿאָדערט פֿון דער פּאָליציי מען זאָל מיך תּיכּף באַפֿרײַען. די ערשטע וואָך האָט די פּאָליציי פּשוט געלייקנט אַז איך בין אַרעסטירט. ערשט ווען ד״ר גאָטי האָט געמאַכט אַן אינטערפּעלאַציע אין פּאַרלאַמענט און געפֿאָדערט אַן ענטפֿער פֿון אינערן־מיניסטער, האָט די פּאָליציי מודה געווען אַז איך געפֿין זיך אין תּפֿיסה.

די פּאָליציי האָט עטלעכע טעג אָפּגעלייגט מײַן באַפֿרײַונג, כּדי איך זאָל נישט האָבן קיין סימנים פֿון די קלעפּ וואָס איך האָב באַקומען. אַזוי ווי די קלעפּ זענען געווען טרוקענע, זענען די סימנים נאָך עטלעכע טעג פֿאַרשוווּנדן. אָבער מער ווי די יסורים פֿון די קלעפּ האָט מיך געפּײַניקט די אָנמאַכטיקייט, וואָס איך האָב גאָרנישט געקענט טאָן קעגן דער פּאָליציי. איך האָב נישט געקענט באַווײַזן אַז מען האָט מיך געהאַלטן מער ווי עס דערלויבט דאָס געזעץ און איך האָב נישט געקענט באַווײַזן אַז מען האָט מיך געשלאָגן, ווײַל די סימנים זענען פֿאַרשוווּנדן און קיין עדות האָב איך נישט געהאַט.

נאָך דער „לעקציע" וואָס איך האָב באַקומען אין קאָשיצאַ בין איך צוריקגעפֿאָרן קיין טעטש און האָב אָנגעהויבן צוצוגרייטן די מוניציפּאַלע וואַלן. דאָס זענען געווען די ערשטע מוניציפּאַלע וואַלן אין וועלכע די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך באַטייליקט מיט אַן אייגענער ליסטע. כאָטש דעם גוואַלדיקן דרוק מצד דער אַגראַר־פּאַרטיי און דער רעגירונג אויף די וויילערס, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דערגרייכט אַ רוב אין פֿאַרשיידענע אָרטשאַפֿטן פֿון קאַרפּאַט־רוסלאַנד און דאָס איז געווען אַ גרויסע איבערראַשונג פֿאַר פּראָג.

אין טעטש גופא האָבן מיר געהאַט אַ גרויסע הצלחה. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געוואָרן די שטאַרקסטע פּאַרטיי אין שטאָטראָט און אָן איר האָט מען נישט געקענט צונויפשטעלן די מוניציפּאַלע אינסטיטוציעס. היות די אָפּאָזיציע האָט געהאַט דעם רוב, האָט מען מיר פּאָרגעלייגט אַז איך, ווי דער פאָרשטייער פון דער גרעסטער פּאַרטיי אין שטאָטראָט, זאָל ווערן בירגער־מײַסטער אין טעטש. לויטן געזעץ האָט די אַגראַר־פּאַרטיי נישט געהאַט קיין ברירה און עס האָט אויסגעזען אַז זי וועט מוזן בלײַבן אין דער אָפּאָזיציע, נאָך אַ לאַנגיאָריקער אַליינהערשאַפט. דאָס איז דער אַגראַר־פּאַרטיי נישט געפעלן געוואָרן און זי האָט זיך געוואָנדן צו דער צענטראַלע אין פּראָג און געבעטן אַן עצה. די צענטראַלע האָט נישט געוואָלט הערן דערפון, אַז אין טעטש זאָל זײַן אַ קאָמוניסטישער בירגער־מײַסטער, און זי האָט געפאָדערט פונעם מושל אין דער געגנט, פון ד״ר קאָסאָי, ער זאָל דאָס אויסמײַדן. ד״ר קאָסאָי האָט מיך פאַרבעטן צו זיך און האָט מיר דערקלערט זײַן מצב: ער איז דער פאָרשטייער פון דער אַגראַר־פּאַרטיי און ער מוז נאָכגעבן אירע פאָדערונגען, דהײַנו, מבטל מאַכן די וואַלן און נאָמינירן אַ שטאָטראָט לויטן געזעץ. איך האָב זיך אַנטקעגנגעשטעלט אַז ער זאָל נאָמינירן דעם שטאָטראָט און ער אַליין האָט אויך נישט געהאַט קיין גרויס חשק דערצו, ווײַל דאָס קען נאָר שטערן די נאָרמאַלע אַרבעט אין דער אינסטיטוציע. איך האָב אים פאָרגעלייגט אַ פּשרה אויף וועלכער איך האָב פריִער באַקומען די הסכמה פון מײַן צענטראַלע אין פּראָג: איך בין מוותר צו זײַן בירגער־מײַסטער און איך שלאָג פאָר מען זאָל אויסקלײַבן אַ מיטגליד פון דער אונגאַרישער פּאַרטיי פאַר אָט דעם מעמד. ד״ר קאָסאָי האָט אָנגענומען די פּשרה ווײַל ער איז געווען זיכער אַז די אונגאַרן וועלן בלײַבן נייטראַל.

די אונגאַרישע פּאַרטיי איז געווען צופרידן וואָס דער אַמט פון בירגער־מײַסטער איז זיי אַראָפּגעפאַלן ווי אַ מתנה פון הימל און זי האָט מיר צוגעגרייט אַן איבעראַשונג: זי האָט פאָרגעלייגט אַז איך זאָל זײַן וויצע־בירגער־מײַסטער און דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן. אין תּוך בין איך אַ יאָר צײַט געווען דער בירגער־מײַסטער אין שטאָט, ווײַל דער אָפּי־ציעלער בירגער־מײַסטער האָט נישט געקענט די מלוכה־שפּראַך און האָט קיין זאַך נישט געטאָן אָן מײַן הסכמה.

טעטשער תּושבים און בפרט ייִדן געדענקען נאָך גוט יענע צײַט און איך מוז זאָגן אַז קיינער האָט זיך נישט באַקלאָגט אויף מיר.

אין אַ שײנעם טאָג באַקום איך אַ בריוו פון די חברים גאָטוואַלד און סלאַנסקי, אין וועלכן זײ טוען מיר צו וויסן אַז די טשעכישע קאָמוניסטישע פּאַרטײ האָט באַקומען אַ סטיפּענדיע פאַרן יאָר 1931—1932 אין דעם מאָס־קווער אוניווערסיטעט פאַר אַ סטודענט פון קאַרפּאַטן־רוסלאַנד און מען פרעגט מיך צי איך בין פאַראינטערעסירט דערינען. אויב יאָ, וועלן זײ מיך פאָרשלאָגן און מאַנען אַ באַשטעטיקונג אין ענגן סעקרעטאַריאַט. מיר איז געווען קלאָר אַז איך וועל אין פּראַג נישט קענען שטודירן, ווײַל די פּאַרטײ וועט מיך כּסדר מאָביליזירן אין איר אַרבעט. אײגענע מיטלען צו שטודירן האָב איך נישט געהאַט, אַזוי אַז איך האָב אויפן אָרט געגעבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער און געדאַנקט פאַר דעם צוטרוי וואָס מען האָט אין מיר. אַגב בין איך געווען שטאָלץ צו לעבן און צו לערנען אין מאָסקווע, אין „מעקאַ״ פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

נאָך דעם ווי דער סעקרעטאַריאַט האָט באַשטעטיקט מײַן קאַנדידאַטור האָב איך אָנגעהויבן צוצוגרײטן די פּאַפּירן פאַר דער נסיעה. איך האָב געהאַט בדעה אַרויסצופאָרן פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד אין אויגוסט 1932, כּדי אָנהײב סעפּטעמבער צו זײַן אין מאָסקווע. איך האָב דערקלערט מײַנע אַרבעטס־חברים אַז איך מוז פאַרענדיקן מײַנע לימודים, דערנאָך וועל איך תּיכּף צוריקקומען און ממשיך זײַן צו אַרבעטן מיט זײ אין אײנעם. אַלע האָבן דאָס פאַרשטאַנען און זענען אין תּוך געווען שטאָלץ וואָס מען האָט אויסגעקליבן אַ חבר פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד צו שיקן קײן מאָסקווע.

ווען אַלץ איז שוין גרײט געווען פאַר דער נסיעה און איך האָב שוין אַפילו געהאַט אַ וויזע פאַר רוסלאַנד אין מײַן פּאַס האָט די טשעכישע רעגירונג פּלוצעם באַשלאָסן דורכצופירן נײַע פּאַרלאַמענטאַרע וואַלן, פאַר דער פאַר־געשריבענער צײַט. אין לעצטן יאָר האָט געהערשט אַ קאָאַליציע־רעגירונג פון דער אַגראַר־פּאַרטײ און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די אַגראַר־פּאַרטײ האָט מסכּים געווען אויף אָט דעם שידוך, ווײַל זי האָט בײַ די וואַלן נישט דערגרייכט קײן אַבסאָלוטע מערהײט.

אין משך פון דעם יאָר האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער שידוך טויג נישט און די אַגראַר־פּאַרטײ האָט געזוכט אַ געלעגנהײט פּטור צו ווערן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אַזאַ געלעגנהײט האָט זיך באַוויזן ווען מען האָט דיסקוטירט אין פּאַרלאַמענט די פּראָבלעם פון הילף פאַר אַרבעטסלאָזע. די אַגראַר־פּאַרטײ האָט געשטימט קעגן דעם פאָרשלאָג פון די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן און באַלד דערויף האָט דער פּרעמיער־מיניסטער דערקלערט אַז

די רעגירונג האָט דעמיסיאָנירט און עס ווערן פּראָקלאַמירט נײַע וואַלן.

די צײַט ביז צו די נײַע וואַלן איז געווען זייער קורץ און אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן תּיכּף אָנגעהויבן זייער וואַל־קאַמפּאַניע — אַ שאַרפע און אַ שמוציקע, ווי עס פּאַסט נישט פאַר אַ דעמאָקראַטישער מדינה. איין פּאַרטיי איז אָנגעפאַלן אויף דער צווייטער און זי באַוואָרפן מיט בלאָטע. אין דער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע האָט מען זיך אויך באַניצט מיט פּערזענלעכע אָנפאַלן אויף די פּאָליטישע קעגנערס.

פאַרשטייט זיך אַז די אַגראַר־פּאַרטיי איז קודם־כּל אָנגעפאַלן אויף די לינקע פּאַרטייען. קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט מען געטענהט אַז דאָס איז אַ יידישע פּאַרטיי, אַז אַלע אירע מנהיגים זענען יידן און מען וואָרנט דאָס טשעכישע פאָלק נישט צו פאַרקויפן די נשמה דעם יידישן שׂטן. אָט די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג בײַ די מאַסן. אַנטי־סעמיטיזם איז אַזאַ מין ווירוס וואָס פאַרשפּרייט זיך און פאַרסמט די אַט־מאָספער. און אין דער אמתן זענען אַ טייל פון די קאָמוניסטישע מנהיגים טאַקע געווען יידן. אין קאַרפּאַט־רוסלאַנד האָט די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע געקענט זײַן ביז גאָר געפערלעך, ווײַל דאָרט האָבן געלעבט לרוב פּשוטע מענטשן, וואָס האָבן זיך אויך צוגעהערט צו דער העצע פון די פּראַוואָסלאַווער גלחים.

מען האָט מיך ראַפּטעם גערופן קיין פּראָג צו האַלטן אַן עצה ווי אַזוי צו פירן דעם קאַמף קעגן דער שמוציקער פּראָפּאַגאַנדע פון דער אַגראַר־פּאַרטיי, בפרט אין קאַרפּאַט־רוסלאַנד. אויפן וועג קיין פּראָג האָב איך געהאַט אַ געפיל אַז מען וועט פון מיר ווידער פאָדערן איך זאָל אָפּלייגן מײַן נסיעה און העלפן דורכפירן די וואַלן, און איך האָב געטראַכט נישט מסכּים צו זײַן. גענוג, עס איז שוין צײַט איך זאָל זאָרגן פאַר זיך. איך האָב געפירט מיט זיך אַליין אַ וויכּוח און זיך געפרעגט צי איז עס נישט מײַן חוב צו זײַן דיסצי־פּלינירט און פאָלגן די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי. אויב איטלעכער וועט טאָן וואָס אים געפעלט און זיך נישט רעכענען מיט די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי, ווי הין וועלן מיר דערגרייכן? בעת איך בין אָנגעקומען קיין פּראָג איז געווען פאַר מיר קלאָר אַז איך וועל מקיים זײַן דעם פּסק־דין פון דער פּאַרטיי און וועל אָפּלייגן מײַן נסיעה קיין מאָסקווע ביז נאָך די וואַלן.

מיר זענען געזעסן בערך צוויי טעג און געפּלאַנט ווי אַזוי דורכצופירן די וואַלן. צום סוף האָט פּלוצעם דער חבר גאָטוואַלד מיר מודיע געווען אַז די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן מבטל צו מאַכן מײַן נסיעה קיין מאָסקווע און געבן די סטיפּענדיע אַ זון פון אַן אוקראַיִנישן אַרבעטער פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד,

און דאָס כדי אונדזערע קעגנערס זאָלן נישט קענען טענהן אַז אין דער טשעכישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי הערשן די ייִדן. גאָטוואַלד האָט געגלייבט אַז דאָס וועט מאַכן אַ גוטן רושם אויף דער באַפעלקערונג אין דאָרף און באַזונדערש אויף די אוקראַיִנער, וואָס זענען דער רוב אין קאַרפּאַט־רוסלאַנד. ער האָט צוגעגעבן אַז די פּאַרטיי וועט זאָרגן צו באַקומען דאָס אַנדערע יאָר אַ צווייטע סטיפּענדיע פון מאָסקווע און דעמאָלט וועל איך פאָרן.

עס איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. ווען גאָטוואַלד זאָגט מיר אַז די פּאַרטיי האָט געפונען אַ פּאַסיקערן קאַנדידאַט פון מיר, וואָלט איך גאָרנישט געזאָגט. ער האָט מיר אָבער דערקלערט אַז דער באַשלוס פון דער פּאַרטיי איז אַ טאַקטישער. דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, הייסט עס, גיט אַן עצה די ייִדישע מיטגלידער זיי זאָלן זיך אַ צייַט נישט אַרויסווייַזן. די פּאַרטיי וואָס האָט פאַרשריבן אויף איר פאָן גלייַכהייט און גערעכטיקייט פאַר אַלע, אָן אַן אונטערשייד פון רעליגיע אָדער ראַסע, אַקצעפּטירט אין תוך די ליגנערישע פּראָפּאַגאַנדע און איז מודה אַז עס איז טאַקע פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן ייִדישע און אוקראַיִנישע חברים. עס האָט מיך פאַרדראָסן, ווייַל איך האָב געוווּסט אַז אַלע ייִדישע חברים זענען אַרייַן אין דער אָנפירונג נישט דערפאַר ווייַל זיי האָבן געוואָלט הערשן, נאָר ווייַל זיי זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן געקעמפט פאַר דער רעוואָלוציע און ווייַל זיי זענען געווען פעיִק. זיי זענען געווען איבערגעגעבן דער פּאַרטיי און האָבן מוותּר געווען אויף זייערע אייגענע אינטערעסן לטובֿת דער פּאַרטיי. איך בין געווען אַנטוישט. איך האָב זיך אָבער באַהערשט און קיין וואָרט נישט געזאָגט. ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען האָב איך נאָך אַליין נישט געוווּסט וואָס איך וועל באַשליסן.

אין מייַן האָטעל האָב איך קודם געפּרוּווט זיך אויסשלאָפן. אָבער שלאָפן האָב איך נישט געקענט. איך בין אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעגאַנגען אין צימער און געמאַכט אַ חשבון־הנפש. מער ווי דרייַ יאָר האָב איך אַקטיווירט אין דער פּאַרטיי. איך בין געוואָרן פאַרהאַרטעוועט, געקענט אויסהאַלטן קלעפּ און זיך נישט איינברעכן. די נשמה איז אָבער נישט פאַרהאַרטעוועט געוואָרן און קען נישט אויסהאַלטן קיין גייַסטיקע קלעפּ פון חברים וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר אַ סימבאָל פון גוט און שיין. דאָס איז איבער מייַנע כּוחות. צי איז דאָס מעגלעך אַז אַלע יאָרן בין איך אין דער פּאַרטיי געווען נאָר אַ טאָלערירטער, נאָר אַ „שמירעכץ" פאַר די רעדער? צי איז דאָס מעגלעך אַז איך בין קיין מאָל נישט געווען גלייַך מיט אַלע, דערפאַר ווייַל איך שטאַם פון ייִדן און נישט פון אוקראַיִנער?

איך האָב געטראַכט וועגן מײַן אַקטיוויטעט אין דער פּאַרטיי און נישט געקענט געפינען קיין איין פלעק. אַלע יאָרן בין איך געווען געטריי און איבערגעגעבן. איך האָב פאַרלייקנט מײַן פאַרגאַנגענהייט וואָס איז געווען אין סתירה מיט די פאָדערונגען פון דער פּאַרטיי, איך האָב זיך באַמיט צו פאַרגעסן אַלץ וואָס איז מיר געווען ליב און טײַער אין די קינדער־יאָרן. איך בין געווען אומברחמנותדיק לגבי מײַן עלטערן־הויז און אָרויסגעריסן מיט די וואָרצלען אַלץ וואָס טאַטע־מאַמע האָבן מיך געלערנט. איך האָב געטראַכט אַז די וועלט אין וועלכער איך בין אויפגעוואַקסן איז צו ענג, פאַרשלאָסן, און דערפאַר האָב איך געוואָלט זײַן אַן אוניווערסאַלער מענטש. פלוצעם איז דאָס אַלץ נישט גענוג?

פאַמעלעך האָט מיר אַלץ אָנגעהויבן צו ווערן קלאָר. איך האָב פלוצעם דערזען פאַר מײַנע אויגן ייִדן, בלי־ספק קליגערע פון מיר, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט איבעררעדן צו פלאַנצן ביימער אין פרעמדע ווײַנגערטנער און האָבן אָפּגעהיט מיט מסירת־נפש זייער באַזונדערקייט. פאַמעלעך האָב איך אָנגעהויבן קוקן אַרום זיך מיט ייִדישע אויגן. און איך האָב געזען די צרות פון גערודפטע ייִדן וואָס האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן און זיך נישט אײַנגעבראָכן; און אין מײַנע אויערן האָט געקלונגען פון טיפסטער וויטיק דער רוף שמע ישׂראל! איך האָב זיך דערמאָנט וואָס עס טוען די פאַשיסטישע ברוינע העמדער אין כלומרשט ציוויליזירטן דײַטשלאַנד, ווי זיי באַפאַלן אין מיטן העלן טאָג אומשולדיקע מענטשן, נאָר דערפאַר ווײַל זיי זענען ייִדן, ווי זיי מאָרדן און רויבן און די אַזוי גערופענע פרײַע וועלט קוקט זיך צו גלײַכגילטיק און קומט זיי נישט צו הילף.

פלוצעם איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן אַז אַלע מײַנע פרווון זיך אָפּצופרעמדן האָבן נישט באַוויזן אויסצולעשן אין מיר דעם ייִדישן פונק, די ייִדישע מחשבה וואָס איך האָב געזויגן אין איינעם מיט דער מאַמעס מילך. איך האָב דערפילט אַ שטאַרקע ליבשאַפט צו אַלע וואָס האָבן געליטן און לײַדן עד־היום פאַר זייער ייִדישקייט. איך האָב פאַרשטאַנען אַז מײַן חוב איז קודם־כּל צו טאָן עפּעס פאַר מײַן אייגן פאָלק. דער פּירוש פון גערעכטיקייט פאַר אַלע פעלקער האָט אַ סאָציאַלן כאַראַקטער און מיינט בעסערע לעבנס־באַדינגונגען, פטרן די אָרעמקייט. פאַר ייִדן הייסט דאָס אָבער פשוט פאַר־זיכערן זייער פיזישע עקזיסטענץ וואָס געפינט זיך שטענדיק אין סכּנה. אָט די גערעכטיקייט מוזן מיר זיך אַליין זיכערן, ווײַל קיינער וועט זי אונדז נישט געבן ווי אַ מתּנה.

פלוצעם איז מיר לײַכטער געוואָרן אויפן האַרץ. איך האָב באַשלאָסן אַז

עס האָט קיין זינען נישט זיך אַרײַנצולאָזן אין אַ דיסקוסיע מיט די חברים פון פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט, אַ דיסקוסיע וואָס קען שוין גאָרנישט מער בײַטן. איך האָב אָנגעשריבן אַ קורצע און קלאָרע דערקלערונג און דערמיט בין איך געגאַנגען אין סעקרעטאַריאַט. דאָרטן האָב איך פאָרגעלייענט מײַן דערקלערונג און אָפּגעגעבן מײַן פּאַרטייביכל. איך בין, פאַרשטייט זיך, געווען זייער אויפגערעגט, אָבער די מיטגלידער פון סעקרעטאַריאַט האָבן ממש באַקומען אַ שאָק. בעיקר גאָטוואַלד און סלאַנסקי. איך האָב זיך תיכף געזעגנט און בין אַרויסגעגאַנגען, אַזוי אַז קיינער האָט נישט געהאַט קיין צײַט מיט מיר צו דיסקוטירן. שפּעטער, ווען זיי זענען צו זיך געקומען, האָבן זיי געשיקט אַ שליח צו מיר אין האָטעל, מיט אַ פאַרבעטונג איך זאָל תיכף קומען אין סעקרעטאַריאַט. דרײַ אַזעלכע פאַרבעטונגען זענען אין משך פון יענעם טאָג אָנגעקומען אין האָטעל. איך האָב זיי ערשט געפונען אין אָוונט, ווען איך בין געקומען אָפּנעמען מײַנע זאַכן פון האָטעל. יאָרן־לאַנג האָב איך אָפּגעהיט אָט די בריוולעך, בפרט דאָס לעצטע, וואָס סלאַנסקי, וועלכער האָט אַליין געשטאַמט פון יידן, האָט געהאַט געשריבן אויף גאָר אַ חברישן אופן. אין יאָר 1951, ווען די טשעכישע געהיים־פּאָליציי האָט מיך אַרעסטירט און געפונען בײַ מיר דאָס דאָזיקע בריוול, איז עס פאַר זיי געווען אַ באַווײַז אַז סלאַנסקי איז געווען אַ ציוניסט...

איך האָב אַ גאַנצן טאָג אַרומגעוואַנדערט איבער די וווּנדערלעכע פּראַגער פּאַרקן און די ריינע לופט האָט מיך אויפגעפרישט. איך האָב געאָטעמט פרײַ און ס'איז מיר געווען גרינג צו טראַכטן.

דרך אַגב: שפּעטער מיט יאָרן, ווען מען האָט זיך דערוווּסט אין אייראָפּע וועגן די גרויליקע רציחות אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווען סטאַלין האָט ליקווידירט זײַנע אייגענע חברים און פרעמדע, נישט־רוסישע קאָמוניסטן, האָב איך געטראַכט אַז גאָטוואַלד און סלאַנסקי האָבן מיר פּשוט געראַטעוועט דאָס לעבן. ווען איך פאָר קיין רוסלאַנד, וואָלט איך ווײַזט אויס שוין לאַנג געווען אויפן עולם האמת.

ו

צוריק צום שטאַם

די ייִדישע פּראַגע האָט מיך באַשעפטיקט נאָך בעת איך בין געווען אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, בפרט ווײַל איך האָב מיט מײַנע אויגן געזען דעם אויפשטײַג פון פאַשיזם אין דײַטשלאַנד. איך האָב ממש געפילט אַז דאָס אייראָפּעיִשע ייִדנטום שטייט פאַר אַ פיזישן אונטערגאַנג. דערפאַר איז מיר אויך אײַנגעגאַנגען פאַר אַ שׂכל דער געדאַנק פון ראַטן־פאַרבאַנד צו שאַפן כלומרשט אַן אויטאָנאָמע ייִדישע געגנט אין ביראָ־בידזשאַן. צוליב דער זעלבער סיבה האָב איך זיך קיין מאָל נישט אַנטקעגנ־געשטעלט ייִדן וואָס האָבן געטענהט אַז מען קען ראַטעווען דאָס ייִדישע פאָלק נאָר דורך אַ טעריטאָריעלער קאָנצענטרירונג אין ארץ־ישראל.

ווײַזט אויס אַז אין אונטערבאַוווסטזײַן האָב איך תּמיד באַנומען די ייִדן־פּראַגע ווי אַ פּראָבלעם פון אַ נאַציאָנאַלן מיעוט. דערפאַר האָב איך באַלד פאַרשטאַנען אַז איצט, נאָך דעם איך האָב זיך באַפרײַט פון פּאָליטישע דאָק־טרינעס און טאַקטישע מאַכינאַציעס, איז דער לאָגישער אויספיר זיך צו פאַרבינדן מיט דער חלוצישער באַוועגונג, וואָס גרייט צו יונגע מענטשן פאַר עליה קיין ארץ־ישראל, כדי דאָרטן אויפצובויען אַ היימלאַנד פאַרן ייִדישן פאָלק.

די צענטראַלע פון דער חלוצישער באַוועגונג אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ איז געווען אין מאָראַווסקאַ־אָסטראַווא. אין דער דאָרטיקער הכשרה־אָפּטיי־לונג זענען געווען אַ סך חברים פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד וואָס האָבן מיך געקענט פון דער היים. אַחוץ דעם האָב איך אויך געקענט עטלעכע שליחים פון ארץ־ישראל, וואָס האָבן געאַרבעט אין החלוץ. איך פלעג מיט זיי פירן פאַרשיידענע דיסקוסיעס. האָב איך באַשלאָסן זיך צו שטעלן פאַר דער צענטראַלע פון החלוץ, דערציילן זיי דעם גאַנצן אמת און זאָגן אַז איך בין גרייט צו גיין אין הכשרה. איך בין אויך גרייט געווען צו נעמען אויף זיך

אַלע התחייבותן, כּדי שפּעטער צו רעאַליזירן דעם אידעאַל און פאָרן קיין ארץ־ישראל. איך האָב געהאָפט אַז מען וועט מיך נישט אָפּשטויסן.

פון מאָראַווסקאַ־אָסטראַוואַ בין איך תּיכּף געפאָרן ווײַטער ביז אין דער פאַרשטאָט וואָס האָט געהייסן מאָריאַנסקאַ־האָראַ, ווו ס'איז געווען דאָס צענטראַל־ביוראָ פון החלוץ. איך האָב מורא געהאַט די גאַנצע צײַט אַז די שליחים וועלן מיר נישט גלייבן אַז איך האָב לחלוטין איבערגעריסן מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, די פּאַרטיי וואָס טענהט אַז דער ציוניזם איז אַ נאַציאָנאַלע רעאַקציאָנערע באַוועגונג. איך האָב מורא געהאַט אַז מען וועט פון מיר פאָדערן אַן עפנטלעכע דערקלערונג קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איך האָב באַגערט מען זאָל לאָזן די וווּנדן מײַנע זאָלן זיך פאַרהיילן, מען זאָל מיך לאָזן אײַנלעבן אין דער נײַער געזעלשאַפט און מיך נישט טשעפּען מיט פּאָליטישע ענינים.

מײַן באַווײַזן זיך אין דער צענטראַלע פון החלוץ איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַן איבערראַשונג. כּמעט אַלע חברים פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד האָבן מיך געקענט, נאָר פון דעסטוועגן האָבן זיך אַלע צו מיר באַצויגן מיט סימפּאַטיע און פרײַנדשאַפט. ווי איך האָט שוין דערמאָנט, בין איך פאַר די שליחים און די חברים פון דער צענטראַלע אויך נישט געווען קיין רעטעניש. זיי האָבן אַלץ געוווּסט וועגן מיר און ווען איך האָב זיי געבעטן זיי זאָלן מיך אויסהערן האָבן זיי תּיכּף מסכּים געווען.

ווען איך האָב זיך אַוועקגעזעצט און דערזען פאַר זיך די גוטע יידישע אויגן זענען באַלד פאַרשוווּנדן אַלע מײַנע ספקות. איך האָב זיך געפילט צווישן אייגענע, געפילט אַז מײַנע ווערטער וועלן צו זיי דערגיין און זיי וועלן דערפילן מײַן בקשה. איך האָב אָנגעהויבן צו דערציילן וואָס איך האָב איבערגעלעבט און האָב גאָרנישט געפּרוווט אויסצובאַהאַלטן. קיינער האָט מיך נישט איבערגעריסן, קיינער האָט מיך נישט געפרעגט קיין שאלות. אַזוי האָב איך גערעדט שעהען נאָך אַנאַנד. מיטאַגצײַט האָבן זיי מיך פאַר־בעטן אין בשותּפותדיקן עסזאַל פון דער אָרטיקער חלוצים־גרופּע. ווען איך האָב פאַרענדיקט אַלץ צו דערציילן האָבן מיך די שליחים געפרעגט עטלעכע זאַכלעכע שאלות און צוגעזאָגט אויף מאָרגן מיר צו געבן אַן ענטפער. מען האָט מיך פאַרבעטן איבערצונעכטיקן אין הויז פון דער צענטראַלע.

אין בנין פון דער צענטראַלע איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ באַגעגעניש פון השומר הצעיר אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. עס זענען זיך צונויפגעקומען די חברים פון קיבוץ ב׳ פון פאַרשיידענע הכשרה־גרופּעס אין דער סלאָוואַקײַ, כּדי צו באַשטעטיקן די ערשטע גרופּע חברים וואָס האָבן געדאַרפט עולה זײַן

קיין ארץ־ישׂראל. צווישן די חברים פון קיבוץ ב׳ זענען געווען אַ סך פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד, בעיקר פון דער העברעישער גימנאַזיע אין מונקאַטש, און איך האָב זיי אַלע געקענט פון דער היים. זיי האָבן מיר פאַרגעלייגט איך זאָל אַרײַן צו זיי אין קיבוץ און תּיכּף פאָרן קיין לאָטשעניץ אין הכשרה.

אין הכשרה

דער פאָרשלאָג איז מיר געווען רעכט. איך האָב אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג אַז אויב די צענטראַלע פונעם החלוץ וועט מיך אויפנעמען ווי אַ חבר, וועל איך קומען צו זיי אין קיבוץ. דעם אַנדערן טאָג האָט די צענטראַלע באַשטע־טיקט מײַן בקשה און איך בין אויף אַזאַ אופן געוואָרן אַ חבר אין קיבוץ פון השומר־הצעיר, וואָס האָט בדרך־כּלל נישט אויפגענומען קיין מיטגלידער וואָס זענען נישט געווען פון קינדווײַז אָן אין דער באַוועגונג. איך האָב פאַרגעצויגן אַרײַנצוגיין אין השומר הצעיר ווײַל די דאָזיקע באַוועגונג איז מיר געווען אידעאָלאָגיש די נאָענטסטע.

איך בין געבליבן עטלעכע טעג אין מאַראָווסקאַ־אָסטראַוואַ און דערנאָך געפאָרן קיין לאָטשעניץ אין הכשרה. דאָרטן האָבן מיר געאַרבעט אין דער פאָרם פון אַ יידישן גוטבאַזיצער וואָס האָט מסכּים געווען צו באַשעפטיקן חלוצים בפרט אין זומער־סעזאָן. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און דער לוין אַ נידעריקער, ווײַל די גוט־באַזיצערס האָבן אונדז נישט געוואָלט געבן בעסערע באַדינגונגען ווי די אַנדערע, נישט־יידישע סעזאָן־אַרבעטער. הגם מיר האָבן געאַרבעט פון פאַר טאָג ביז נאַכט האָבן מיר נישט פאַרדינט אויף חיונה.

אין דער גרופּע (פּלוגה) זענען מיר געווען בערך דרײַסיק חברים, דער רוב יינגלעך, בלויז עטלעכע מיידלעך וואָס האָבן געפירט די ווירטשאַפט פון דער גרופּע. מיר האָבן געוווינט אין אַ בנין אויפן גוט, געשלאָפן אויף צווייטשטאָקיקע הילצערנע פּאָליצעס, אונטערגעבעט מיט שטרויענע מאַטראַצן. דאָס עסצימער האָט צו גלײַך געדינט פאַר געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט. אַחוץ דעם איז נאָך געווען אַ קיך מיט אַ דאָרפישן ציגלנעם אויוון וואָס האָט שטענדיק גערייכערט און געטשאַדעט, אַזוי אַז די מיידלעך וואָס האָבן דאָרטן געאַרבעט האָבן תּמיד אויסגעזען ווי קוימען־קערערס.

מיר זענען אויפגעשטאַנען ווי ס׳איז נאָר געוואָרן טאָג און געאַרבעט ביז מיטאָג. נאָך דער מיטאָג־הפסקה האָבן מיר ווײַטער געאַרבעט ביז די זון איז אונטערגעגאַנגען. מיר האָבן זיך געסטאַרעט נישט אָפּצושטיין פון די אַנדערע אַרבעטער, די גויים, וואָס האָבן געהאַט אַ גרעסערן נסיון פון אונדז אין

לאַנדווירטשאַפט. אין די ערשטע טעג האָב איך זיך כּמעט איינגעבראָכן פון דער שווערער אַרבעט און ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט האָב איך קוים געשלעפּט די פיס ביז אַהיים. פאַר מידקייט בין איך אַנידערגעפאַלן אויף דער פּאַליצע און אַפילו נישט געקענט עסן.

מיר האָבן זיך אַלע געוואָלט צוגעוווינען צו פיזישער אַרבעט און ווײַזן אַז מיר זענען נישט ערגער פון אַנדערע פעלקער. דאָס האָט אונדז געהאָלפן גובר זײַן אַלע שוועריקייטן. פּאַמעלעך האָבן זיך אונדזערע מוסקלען גע־שטאַרקט און מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו די נײַע באַדינגונגען. נאָך אַ קורצער צײַט האָבן מיר זיך נישט מער געדאַרפט שעמען פאַר די אַנדערע אַרבעטער. בײַם אָנהייב האָבן די גויִישע אַרבעטער געמיינט אַז דער ייִדישער גוט־באַזיצער וועט אונדז באַהאַנדלען בעסער ווי זיי און דערפאַר האָבן זיי אונדז פײַנט געהאַט און געקוקט אויף אונדז ווי אויף אינטעליגענטן. ווען זיי האָבן אָבער געזען אַז מיר ווילן גאָר נישט זײַן קיין אויסנעם און מיר אַרבעטן גלײַך ווי זיי, האָבן זיי אָנגעהויבן קוקן אויף אונדז מיט אַנדערע אויגן און אַפילו אונדז געגעבן עצות ווי אַזוי צו פאַרלײַכטערן די אַרבעט.

ווען מיר האָבן זיך געהאַט אַ ביסל צוגעוווינט צו דער פיזישער אַרבעט האָבן מיר אָנגעהויבן טראַכטן אויך וועגן גײַסטיקער שפּײַז. מיר האָבן אויך געוואָלט פאַרזיכערן אַז די חברים אין דער פּלוגה זאָלן באַקומען ידיעות וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט. אַחוץ דער קולטורעלער אַקטיוויטעט האָבן מיר נאָכגעפאָלגט די געשעענישן אין די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען איבער דער וועלט און האָבן גענומען אַ שטעלונג לגבי די פאַרשיידענע ענינים. מיר האָבן זיך באַטראַכט ווי אַן אינטעגראַלער חלק פון דער וועלט־רעוואָלוציע און נישט סתּם אַן אָפּגעזונדערטע גרופּע.

דער השומר הצעיר האָט געזען אין ראַטן־פאַרבאַנד אַ צווייט היימלאַנד און דערפאַר האָט ער אים תּמיד פאַרטיידיקט און נישט דערלאָזט שטעלן אין ספק די העגעמאָניע פונעם ראַטן־פאַרבאַנד אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. אויף יעדן פּרווו זיך אַנטקעגנצושטעלן דער ליניע פונעם קרעמל האָט דער השומר הצעיר געקוקט ווי אויף אַ פּגם און געזען אין דעם אַ סכּנה פאַר דער רעוואָלוציע.

איך געדענק דעם האַרבן וויכּוח וואָס האָט זיך דעמאָלט געפירט אין דער דײַטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פון איין זײַט זענען געשטאַנען די „לינקע״ אונטער דער אָנפירונג פון רות פישער און אויף דער צווייטער זײַט די כּולמרשט „רעכטע״, אונטער דער אָנפירונג פון בראַנדלער און טאַלהײַמער. אָט די צווייטע גרופּע האָט געפאָדערט אַ צוזאַמענאַרבעט מיט די דײַטשע

סאָציאַל־דעמאָקראַטן קעגן היטלערס פאַשיסטישע באַנדעס, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געהאַלטן אין שטאַרקן און באַדראָען די אַרבעטער־באַוועגונג. די דאָזיקע פאָדערונג איז אָבער געשטאַנען אין סתירה מיט דער אָפיציעלער ליניע פון מאָסקווע, וואָס האָט געטענהט אַז דער אמתער שונא פון דעם אַרבעטער־קלאַס זענען די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אָדער „סאָציאַל־פאַשיסטן", ווי זיי פלעגן זיי רופן.

הײַנט לאָזט זיך פרעגן, וואָס האָט יענער וויכוח אין דײַטשלאַנד געהאַט צו טאָן מיט אונדזער הכשרה־גרופּע אין לאָטשעניץ, וואָס האָט זיך געגרייט פאָרן קיין ארץ־ישׂראל און לעבן דאָרטן אין אַ קיבוץ? הײַנט קלינגט עס טאַקע אַבסורד, אָבער דעמאָלט האָבן די חברים פון השומר הצעיר געגלייבט אַז אויב זיי וועלן נישט נעמען אַ קלאָרע שטעלונג צו אָט דער פראַגע וועט, חלילה, אונטערגיין די וועלט. האָבן מיר טאַקע גאַנצע נעכט פאַרבראַכט אין שטורמישע וויכּוחים, אַז ס'האָבן אַזש געציטערט די ווענט, און דאָס נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט אין פעלד. אַ חבר וואָס האָט געהאַט אַן אייגענע מיינונג, האָט געמוזט אָננעמען די מיינונג פון רוב, אַניט האָט ער געמוזט אײַנפּאַקן די זיבן זאַכן זײַנע און זיך אָפּטראָגן פון לאָטשעניץ. מען האָט גאָרנישט גערדאַרפט אויסשליסן אַ חבר דורך אַ החלטה פון רוב; עס איז געווען גענוג די קריטיק פון דער פלוגה, די אומבאַרעמהאַרציקע קריטיק, וואָס מען האָט דעמאָלט גערופן אין די פלוגות פון השומר הצעיר „פּסיכאָ־לאָגישער און פּסיכאָאַנאַליטישער אַנאַליז".

די דיסציפּלין וואָס האָט געהערשט אין דער הכשרה־גרופּע און שפּעטער אין קיבוץ, הגם ס'איז נישט געשטאַנען קיין פּאָליציי הינטער דער פּלייצע, קען דאַכט זיך נאָר האָבן אַ פּסיכאָאַנאַליטישע דערקלערונג. אַנדערש איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי אַ „שׂיחה" אין דער פלוגה אָדער אין קיבוץ האָט געקענט ווערן אַ פּסק אַחרון און די חברים האָבן אָנגענומען דעם פּסק־דין אויך ווען ס'איז געגאַנגען אין די אינטימסטע ענינים, צווישן אַ בחור און אַ מיידל, און קיינער האָט זיך נישט געבונטעוועט. אמת, אַ מענטש איז געקומען אין פלוגה צי אין קיבוץ פון אייגענעם ווילן, מחמת איבערצײַגונג אַז דאָס איז דער ריכטיקער וועג. דאָס האָט דעם קאָלעקטיוו געגעבן אַ גוואַל־דיקן כּוח און דער יחיד האָט זיך נישט געקענט אַנטקעגנשטעלן אַזאַ מין כּוח. די מסקנא דערפון איז אַז אַ וואָלונטאַרע געזעלשאַפט וואָלט בכלל נישט געדאַרפט קיין געשריבענע געזעצן, צי אַ כּוח וואָס זאָל אַרויפצווינגען איר ווילן. עס וואָלט גענוג געווען די עפנטלעכע מיינונג דערצו.

דער פאַקט וואָס איך שרײַב הײַנט די דאָזיקע שורות מיינט נישט אַז איך

האָב זיך דעמאָלט געבונטעוועט. ניין, איך האָב געגלייבט באמונה שלמה אַז אַלץ איז לטובת דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער גרופּע. איך בין נאָר געווען קעגן אַן איבערגעטריבענער קריטיק, וואָס האָט געהאַט אַ לעכערלעכע ווירקונג, און ווי אַ באַווייז וויל איך דערציילן אַ פאַל וואָס מיט מיר איז געשען:

אין אונדזער הכשרה זענען געווען זייער ווייניק מיידלעך. אַ מיידל וואָס איז אין יענער צייט געגאַנגען אויף הכשרה איז בדרך־כּלל געווען אַן אידעאַ־ליסטין, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו לערנען אין אוניווערסיטעט, קעגן דעם ווילן פון אירע עלטערן. פאַרשטייט זיך אַז די דאָזיקע מיידלעך האָבן נישט געקענט דעם טעם פון פיזישער אַרבעט, אַפילו נישט פון הויזאַרבעט, ווייל אין דער היים, ביי זייערע רייכע טאַטע־מאַמע האָבן געאַרבעט די דינסטן.

יעדן פאַרטאָג, זייגער פיר אָדער נאָך פריער, האָט די דיזשורנע חברטע געדאַרפט אויפשטיין, איינהייצן דעם אויוון און אויפקאָכן טיי פאַר די חברים וואָס זענען געגאַנגען אין פעלד צו דער אַרבעט. די טעפּ מיט וואַסער פלעג זי געווייינטלעך צושטעלן פאַרן שלאָפן גיין, כּדי אין דער פרי זאָל זי נאָר דאַרפן אונטערצינדן דאָס פייער.

איין מאָל האָט זיך געטראָפן אַז דאָס דיזשורנע מיידל האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי מען צינדט אונטער דאָס פייער אין אַ דאַרפישן אויוון. בעטן הילף ביי אַ חברטע האָט זי זיך געשעמט, האָט זי באַשלאָסן אויפצושטיין אין מיטן נאַכט, כּדי זי זאָל האָבן גענוג צייט אַליין צו קומען אויפן פאַרטל. זי האָט געפּרוּווט און געפּרוּווט, אָבער ס׳איז איר נישט געראָטן. ווען זי האָט געזען אַז זי האָט קיין ברירה נישט, איז זי אַריין אין אונדזער שלאָפצימער און אויפגעוועקט דעם ערשטן חבר וואָס איז געשלאָפן אויף דער פּאָליצע לעבן דער טיר, ער זאָל איר העלפן אונטערצינדן דאָס פייער. עס איז געווען מיין שלימזל, ווייל איך בין געווען דער חבר. די קיך איז געווען פול מיט רויך און דאָס מיידל, נעבעך, איז געווען אין גאַנצן שוואַרץ, נאָר די ציין האָבן זיך אַרויסגעזען. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי מיך געבעטן איך זאָל איר העלפן, אָבער למען השם קיינעם נישט דערציילן. איך האָב אונטער־געצונדן דאָס פייער און איר צוגעזאָגט אַז דאָס וועט בלייבן אַ סוד. דעם אַנדערן טאָג, ביי דער אַרבעט, האָב איך אין גאַנצן פאַרגעסן אין דער נאַכטישער אַוואַנטורע.

נאָכן אָוונטברויט האָט דער סעקרעטאַר מודיע געווען אַז עס וועט פאַר־קומען אַ וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע „שיחה״. אַזוי ווי דאָס איז ביי אונדז נישט געווען קיין חידוש האָב איך זיך דערמיט נישט איבערגענומען און

אַפילו נישט געטראַכט אַז דאָס מאָל וועט מען מיך אַוועקלייגן אויפן אָפּע־ראַציע־טיש.

כּדאַי צו באַמערקן אַז אַלע מיידלעך אין הכשרה האָבן געקעמפּט פאַר פרויען־גלײַכבאַרעכטיקונג און זייער קומען גופא אין הכשרה איז געווען דער ערשטער טראָט צו רעאַליזירן אָט דעם אידעאַל.

ווען די מיידלעך זענען אויפגעשטאַנען און מיך אײַנשטימיק באַשולדיקט אַז איך בין קעגן פרויענרעכט — איז מיר שוואַרץ געוואָרן פאַר די אויגן. זיי האָבן געטענהט אַז אַנשטאָט שטיצן זייער קאַמף וויל איך גאָר אײַנפירן בורזשואַזנע מינהגים, וואָס פאַרוואַנדלען די פרוי אין אַ שוואַך באַשעפעניש, אין אַן אָביעקט פאַר עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג.

הערנדיק אַזעלכע טענות האָב איך זיך פשוט צעלאַכט. דאָס האָט די מיידלעך נאָר מער אויפגערעגט. איך האָב פּלוצעם דערפילט אַז איך שטיי פאַר אַ פײַנדלעכער מחנה און נישט פאַר חברים, און דאָס אַלץ נאָר דערפאַר ווײַל איך האָב אַרויסגעהאָלפן אַ מיידל אין דער נויט. זי איז געזעסן און האָט נישט געעפנט דאָס מויל. כ׳האָב פשוט אויף איר געהאַט רחמנות. כּדי צו מאַכן אַ סוף צו דער קאָמעדיע האָב איך דערציילט דעם אמת. מיך האָט מען „באַפרײַט״, אָבער די שולדיקע האָט באַקומען פון אירע חברטעס אַ שוואַרצן סוף. זיי האָבן איר געגעבן צו פאַרשטיין ווי אַזוי עס דאַרף זיך אויפפירן אַ פּראָלעטאַרישע פרוי. עד־היום, ווען איך באַגעגן זיך דאָ מיט דער העלדין פון יענער מעשה, לאַכן מיר געשמאַק איבער די אַמאָליקע קינדערקרענק פון דער הכשרה.

אין שליחות צו דער צענטראַלע פון החלוץ

מער ווי אַ האַלב יאָר בין איך געווען אין דער פּלוגה אין לאַטשעניץ. עס האָט קיין סך נישט געדויערט ביז איך האָב זיך צוגעוווינט צו לאַנד־ווירטשאַפטלעכער אַרבעט. סוף־כּל־סוף איז מיר די דאָזיקע אַרבעט געווען באַקאַנט פון דער היים און איך האָב געהאַט אַ נטיה צו איר. נאָך אַ קורצער צײַט האָב איך זיך געפילט היימיש אין דער פּלוגה און בין געווען גליקלעך וואָס איך האָב געפונען מײַן וועג אין דער קיבוצישער באַוועגונג. ווען די חברים האָבן אָנגעהויבן עולה צו זײַן האָב איך שוין געטראַכט וואָס גיכער צו פאַרענדיקן די הכשרה, כּדי אַוועקצופאָרן קיין ארץ־ישראל און זיך אָנשליסן אין קיבוץ וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין בת־גלים, לעבן חיפה.

די אָנפירונג פון השומר הצעיר האָט אָבער צוגעגרייט פאַר מיר אַן אַנדער

פלאַן. אויף מײַן בקשה וואָס פריִער עולה צו זײַן האָט מען מיר געמאָלדן אַז די באַוועגונג האָט באַשלאָסן מיך צו שיקן ווי איר פאָרשטייער אין דער צענטראַלע פון החלוץ, איך זאָל מיר טאַקע באַלד מאַכן דאָס פּעקל און פאָרן קיין מאַראַווסקאַ־אָסטראַוואַ.

פון איין זײַט האָט מיר הנאה געטאָן, ווײַל דאָס איז געווען אַ באַווײַז אַז איך האָב אין אַ קורצער צײַט געוווּנען דעם צוטרוי פון די חברים וואָס פירן אָן מיט דער באַוועגונג. פון אַ צווייטער זײַט האָט מיר אָבער באַנק געטאָן, ווײַל איך האָב פאַרשטאַנען אַז די אַרבעט אין החלוץ מיינט אָפּלייגן דערווײַל די עליה און מיך דערווײַטערן פון מײַנע חברים. אַחוץ דעם האָב איך זיך אויך געשראָקן פאַר די וויכּוחים און קריגערײַען צווישן די פאַר־שיידענע יוגנט־באַוועגונגען, וואָס רופן זיך אָפּ אויף דער אַרבעט אין החלוץ.

ווי שטענדיק האָב איך אָבער אָנגענומען דעם פּסק־דין פון דער באַוועגונג. איך בין געפאָרן קיין מאַראַווסקאַ־אָסטראַוואַ מיט אַ שווער האַרץ און זיך געשראָקן פאַר דעם וואָס עס וואַרט אויף מיר בײַ דער נײַער אַרבעט. איך האָב געטראַכט אַז מיט מײַן נסיון אין געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט וועל איך קודם־כּל זאָרגן פאַר נאָרמאַלע אַרבעטס־באַציִונגען אין דער צענטראַלע. איך וועל לייגן דעם טראָפּ אויף דעם וואָס פאַראייניקט אונדז אַלע ווי חלוצישע באַוועגונגען און נישט אויף דעם וואָס טיילט אונדז פונאַנד. כּדי מצליח צו זײַן מוז איך געווינען דעם צוטרוי פון פּשוטע חברים אין החלוץ, אין די פאַרשיידענע פיליאַלן און הכשרה־גרופּעס, זיי זאָלן אַלע זען אין מיר אַן אייגענעם. דערנאָך ערשט וועל איך קענען געווינען דעם צוטרוי פון די חברים אין דער צענטראַלע, בעיקר די שליחים פון ארץ־ישׂראל.

דער השומר הצעיר איז דעמאָלט געווען די שטאַרקסטע באַוועגונג אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. דאָס איז אויך געווען די צום בעסטן אָרגאַניזירטע באַ־וועגונג, בפרט אין דער סלאָוואַקײַ. דער השומר הצעיר האָט געהאַט אַ שטאַרקע פאָרשטייערשאַפט אין דער צענטראַלע פון החלוץ, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די וויכטיקסטע אָפּטיילונגען.

איך האָב געדאַרפט אָנפירן אין דער צענטראַלע מיט דער פינאַנציעלער אָפּטיילונג, מיט די הכשרה־גרופּעס און מיט עליה — בעצם מיט די וויכ־טיקסטע רעסאָרטן. ווען איך בין אַרײַן אין דער אַרבעט האָב איך תּיכּף געזען אַז דער מצב אין החלוץ איז אַ סך ערגער ווי מען האָט געזאָגט און ווי איך אַליין האָב זיך פאָרגעשטעלט. מען האָט למשל גערעדט וועגן געשפּאַנטע באַציִונגען צווישן די פאַרשיידענע יוגנט־באַוועגונגען, אָבער איך האָב געזען אַז עס זענען בכלל נישט פאַראַנען קיין באַציִונגען צווישן

זיי. עס האָט נאָר געהערשט אַ בלינדע שינאה און איינער האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דעם צווייטן. די צענטראַלע פון החלוץ האָט למשל געהאַט אַ בשותפותדיקן קאַסטן ביי דער פּאָסט, אָבער מען האָט נישט געטרויט איין שליח וואָס זאָל יעדן טאָג אַרויסנעמען די בריוו. עס זענען מיטגעגאַנגען פאַרטרעטער פון איטלעכער באַוועגונג, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אַז אַן אַנדערער וועט עפענען די בריוו און זיי לייענען, צי אַפילו צונעמען.

אומצוטרוי האָט געהערשט אויך אין די הכשרה־גרופּעס גופא און בעיקר אין די גרופּעס פון „סתם־חלוצים", וואָס זענען נישט געקומען פון קיין יוגנט־באַוועגונגען, נאָר זענען געשיקט געוואָרן אויף הכשרה דורך דער צענטראַלע פון החלוץ. איטלעכע באַוועגונג איז געווען פאַראינטערעסירט אויפצוכאַפּן די סתם־חלוצים און זיי אַרוסרייסן פון דעם מפא"י־אַפּוטרופּסות, וואָס זיין כוח איז געליגן דווקא אין די סתם־חלוצים.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָט דער השומר הצעיר אויפגענומען אין זיינע הכשרה־גרופּעס אָדער קיבוצים נאָר חברים וואָס זענען קודם געווען אין דער יוגנט־באַוועגונג, פון דעסטוועגן האָט ער אויך נישט געוואָלט מוותר זיין אויף זיין השפעה צווישן די סתם־חלוצים. עס זענען געווען יוצא־מן־הכלל. מיך גופא האָט מען אויך אויפגענומען, נישט געקוקט וואָס איך בין אין קיין יוגנט־באַוועגונג נישט געווען. דערפאַר טאַקע האָט מיך אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון השומר הצעיר מאיר יערי גערופן „סתם השומר הצעיר", אויפן נוסח פון „סתם־חלוץ".

איך האָב געהאַט אַ היפּשן נסיון אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט מיט פּשוטע מענטשן און האָב דעריבער געוווּסט אַז פאַר די סתם־חלוצים איז שווער צו פאַרשטיין דעם פאַקט אַז דער השומר הצעיר נעמט זיי נישט אויף אין זיינע רייען. איך האָב באַלד ביים אָנהייב געטענהט אַז מיר מוזן דאָס ערלעך און אויפריכטיק דערקלערן און געבן צו פאַרשטיין, אַז דער השומר הצעיר דערציט זיינע מענטשן פון קינדוויי׳ז פאַרן קיבוצישן דרך און ווער עס איז נישט גרייט זיך צו פאַרבינדן מיטן קיבוץ דער האָט נישט וואָס צו זוכן אין אונדזער באַוועגונג. אַזאַ דערציִונג פאָדערט אַ לאַנגע צייט, אין וועלכער עס דאַרף זיך אויספורעמען אַ סאָציאַליסטישער וועלטבאַנעם און דעריבער קען דער השומר הצעיר נישט זיין קיין מאַסן־באַוועגונג. דאָס הייסט אָבער נישט אַז אַ מענטש וואָס האָט פאַרענדיקט די הכשרה און קומט פון פריי׳ען ווילן צו דער מסקנא אַז זיין אָרט איז אין קיבוץ, קען נישט אויפגענומען ווערן אין אַ קיבוץ פון השומר הצעיר אין ארץ־ישראל.

אין דער צענטראַלע פון החלוץ איז געווען אָנגענומען אַז די חברים פון השומר הצעיר קומען נישט וויזיטירן די הכשרה־גרופּעס פון די סתם־חלוצים און די חברים אָדער שליחים פון הקיבוץ המאוחד, וואָס האָט געהערט צו מפאַ״י, קומען נישט וויזיטירן די הכשרה־גרופּעס פון השומר הצעיר.

די שליחים פון ביידע צדדים — פון השומר הצעיר און פון קיבוץ המאוחד — האָבן זיך פאַרנומען מיט פּראָבלעמען וואָס נאָר די ארץ־ישׂראל־רעאַליטעט האָט זיי געקענט לייזן. איך האָב דעריבער געטענהט אַז די ראָלע פון די שליחים איז צו געבן די חברים אַ ציוניסטישע דערציִונג אָן קיין שום אידעאָלאָגישער קאָליר. די שליחים דאַרפן נישט זײַן קיין פּאָליטישע מיס־יאָנערן. נישט געקוקט דערויף וואָס עס זענען פאַראַן באַוועגונגען מיט פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען — האָב איך געטענהט — דאַרף די צענטראַלע פון החלוץ בלײַבן אומפּאַרטייִש און אײנהייטלעך, ווי אַ כלל־אָרגאַניזאַציע וואָס נעמט אַרום אַלע וואָס ווילן עולה זײַן קיין ארץ־ישׂראל.

די שליחים פון קיבוץ המאוחד האָבן געוואָלט ברענגען אַלע חברים פון החלוץ אין קיבוץ אַרײַן און די שליחים פון השומר הצעיר האָבן געוואָלט אַלע פאַרוואַנדלען אין סאָציאַליסטן וואָס זענען גרייט צו פירן אין ארץ־ישׂראל דעם קלאַסנקאַמף. קיינער האָט נישט געטראַכט אַז אַ מענטש לעבט אין קיבוץ נאָר פון פרײַען ווילן און פון טיפער דערקענטעניש אַז דאָס איז דער ריכטיקער וועג. עס איז שווער צו פאַרוואַנדלען אין חסידים פון דער וועלט־רעוואָלוציע מענטשן וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַפרײַט פון זייער אייגענער מענטאַליטעט און מוזן נאָך פירן אַ שווערן קאַמף, טאָג פאַר טאָג זיך אַליין צו רעוואָלוציאָנירן.

דער אמת איז אַז די חברים וואָס זענען דערצויגן געוואָרן דורך די שליחים פאַרן קיבוץ זענען בכלל נישט געגאַנגען אין קיבוץ ווען זיי זענען אָנגעקומען אין ארץ־ישׂראל, און די עטלעכע וואָס זענען יאָ געגאַנגען האָבן באַטראַכט דעם קיבוץ ווי אַ צײַטווײַליקע סטאַנציע און בײַ דער ערשטער געלעגנהייט האָבן זיי אים פאַרלאָזט. און די חברים וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אין מאַרקסיסטישן גײַסט, לויט דער תורה פון לענין און סטאַלין, זענען געוואָרן קרבנות פון פּוסטע לאָזונגען צו באַפרײַען די גאַנצע מענטשהייט און האָבן פאַרגעסן זייער אייגן פאָלק.

דאָס האָט דער עיקר געטראָפן מיט חברים וואָס האָבן נישט געהאַט קיין גרונטיקע יידישע דערציִונג פון דער היים. פאַר זיי איז שווער געווען זיך צוצופּאַסן צו דעם נײַעם לעבן אין ארץ־ישׂראל, וואָס איז געווען אַ לעבן

פון ביטערער האַרעוואַניע. מען האָט געדאַרפט דערצו גייַסטיקע כוחות און שטאַרקע יסודות און ווער עס האָט זיי נישט פאַרמאָגט האָט דעקלאַמירט וועגן רעוואָלוציע אַנשטאָט פּערזענלעך צו רעאַליזירן דעם אידעאַל. סוף־כּל־סוף האָבן זיי געזוכט די לייזונג אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט געפירט אַ ביטערן קאַמף קעגן דעם קליינעם ייִדישן ישוב אין ארץ־ישׂראל. דער גרעסטער טייל האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד, אָדער איז פאַריאָגט געוואָרן דורך דער ענגלישער מאַכט און געוואָרן פאַנאַטישע שונאים פונעם ייִדישן רענעסאַנס.

מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט אַ חלק פון זיי אין דער טשעכאָסלאָוואַקייַ, נאָכן אויפקום פון מדינת־ישׂראל. זיי האָבן קעגן אונדז געפירט אַ שמוציקע מלחמה, אָבער דאָס האָט זיי גאָרנישט געהאָלפן. ווען דער אַנטיסעמיטיזם האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ האָבן זיי באַצאָלט אַן אַכזריותדיקן פּרייַז, כאָטש זיי האָבן יאָרן־לאַנג פאַרלייקנט זייער ייִדישע אָפּשטאַמונג.

איך קער זיך אום צו מייַן אַרבעט אין דער צענטראַלע פון החלוץ, אין מאָראַווסקאַ־אָסטראַוואַ. ווען איך האָב זיך אַנגעהויבן אויסצופּלאָנטערן אין דעם דאָרטיקן לאַבירינט, האָב איך קודם־כּל זיך באַמיט צו צעברעכן דאָס אייַז פון דעם חרם צווישן די פאַרשיידענע גרופּעס, כּדי דער החלוץ זאָל באמת ווערן אַן אייבערפּאַרטייישע אָרגאַניזאַציע. איך האָב געפּרוווט צו איבערצייַגן די שליחים פון ארץ־ישׂראל אַז הגם איך בין דער פאָרשטייער פון השומר הצעיר אין דער צענטראַלע, בין איך אייַנצייַטיק אַ שליח פון אַלע חברים אין החלוץ, אַן אונטערשייד פון דער פּאַרטיי צו וועלכער זיי געהערן. איך האָב זיי געוואָלט ווייַזן אַז אַזאַ זאַך איז מעגלעך און קען נאָר זייַן לטובת דעם החלוץ.

מייַן מזל איז געווען וואָס די שליחים האָבן מיך געקענט, אָדער זיי האָבן געהערט וועגן מיר; אַזוי אַרום האָבן זיך אייַנגעשטעלט צווישן אונדז רויקע, חברישע באַציִונגען און איך האָב זיך געקענט סטאַרען אַז אַחוץ ווערטער זאָלן אויך קומען מעשׂים און הילף דאָרט וווּ זי איז נייטיק. איך האָב דער־קלערט אויך די חברים אין די פּלוגות, די הכשרה־גרופּעס, אַז איך קום נישט צו זיי ווי אַ פּאַרטיימענטש, נייַערט ווי אַ מיטגליד פון דער אַלגעמיינער צענטראַלע. לויט מייַן מיינונג האָבן די חברים וואָס געפינען זיך אויף הכשרה געגוג אָביעקטיווע פּראָבלעמען — זיי דאַרפן זיך צוגעוויינען צו שווערער פיזישער אַרבעט, זיי דאַרפן לערנען העברעיִש און זיך צוגרייטן עולה צו זייַן.

דאָס זענען נישט קיין לײַכטע פּראָבלעמען און דעריבער איז גלײַכער אָפּ־צולייגן די פּאָליטישע ענינים אויף שפּעטער, ווען מיר וועלן זײַן אין ארץ־ישׂראל און וועלן זיך באַקענען מיט דער דאָרטיקער רעאַליטעט.

עס איז נישט געגאַנגען גרינג. פּאַמעלעך האָבן די סתם־חלוצים געזען אַז זיי מעגן האָבן צוטרוי צו מיר. מיט דער צײַט זענען אויך פאַרשוווּנדן די חשדים צווישן די שליחים און עס איז אָנגענומען געוואָרן דער פּרינציפּ אַז דער החלוץ דאַרף נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַרענע אין וועלכער עס שלאָגן זיך די פאַרשטייערס פון פאַרשיידענע פּאַרטייען. אויף אַזאַ אופן האָבן זיך געשאַפן די באַדינגונגען פאַר אַ פּראָדוקטיווער אַרבעט. אויף אַט דעם אויפטו בין איך טאַקע שטאָלץ ביזן הײַנטיקן טאָג. דער בעסטער באַווײַז איז די פרײַנדשאַפט וואָס פאַרבינדט מיך עד־היום מיט די דעמאָל־טיקע שליחים פון החלוץ אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ.

אין השומר הצעיר גופא איז מיר אויך נישט געווען גרינג. איך בין געווען געצווונגען צו פירן שווערע דיסקוסיעס, בעיקר מיט דער אַזוי גערופענער לינקער גרופּע וואָס האָט פאַרשטאַנען אַז איך, ווי אַ געוועזענער קאָמוניסט, דאַרף מיך אין זיי אָנשליסן. אין אַט דער גרופּע זענען געווען בעיקר חברים פון אַסימילירטע אָדער האַלב־אַסימילירטע קרײַזן, וואָס האָבן נישט באַקומען אין דער היים קיין ייִדישע דערציִונג. זיי האָבן געטענהט אַז דער הויפּטציל איז די וועלט־רעוואָלוציע, און אין ארץ־ישׂראל דאַרפן מיר זיך אויך אָנשליסן אין קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם. זיי האָבן טאַקע מחייב געווען דאָס לעבן אין קיבוץ, אָבער זיי האָבן זיך נישט אידענטיפיצירט מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווײַל לויט זייער מיינונג, איז דאָס טיילווײַז אַ רעאַקציאָנערע באַוועגונג, אָנגעפירט פון רעאַקציאָנערע קרײַזן.

איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין דער צווייטער גרופּע, די אַזוי גערופענע רעכטע גרופּע, וואָס האָט געטענהט אַז אונדזער הויפּטציל איז די לייזונג פון דער ייִדישער פּראָגע. דערפאַר האָט זי געפאָדערט אַז אונדזער דערציִונג זאָל זיך באַזירן אויפן ייִדישן עבר, הווה און עתיד. די חברים אין אַט דער גרופּע האָבן, פּונקט ווי איך, באַקומען אין דער היים אַ ייִדישע דערציִונג. די היסטאָרישע אַנטוויקלונג האָט באַוויזן אַז אַט די גרופּע איז געווען גע־רעכט און הײַנט קען מען זאָגן אָן שום ספק אַז ווען דער השומר הצעיר וואָלט אין יענער צײַט געווען מער פאַרטיפט די ייִדישע דערציִונג, וואָלט ער זיך געווען אײַנגעשפּאָרט אַ סך עגמת־נפש און צעמישעניש.

די אָפּגעפרעמדטקייט פון ייִדישקייט האָט געקענט דערפירן צו טראַגי־קאָמישע סיטואַציעס, ווי אין דער ווײַטערדיקער פּאַסירונג, וואָס איז פאָרגע־קומען אין די דרײַסיקער יאָרן. אין 1933 איז אין פּראָג אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער 18טער ציוניסטישער קאָנגרעס, אויף וועלכן עס האָט זיך באַטייליקט אויך בערל כּצנלסון. ער איז תּמיד געווען זייער נאָענט צו דער חלוצישער באַוועגונג און צו די פּראָבלעמען פון החלוץ. כּצנלסון האָט מודיע געווען אַז נאָך דעם ווי דער קאָנגרעס וועט זיך פאַרענדיקן, וויל ער וויזיטירן די הכשרה־גרופּעס פון החלוץ אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, און כּדי ער זאָל זיך קענען צוגרייטן דעם פּלאַן, בעט ער מען זאָל אים געבן אַ רשימה מיט די אַדרעסן פון די גרופּעס ווו עס זאָל זײַן אויך פאַרצייכנט זייער פּאַרטייִשע צוגעהעריקייט. ער האָט אויך געבעטן מען זאָל נישט צו וויסן טאָן אַז ער וועט קומען. ס׳איז געבליבן אַז איך, ווי דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר הכשרה, זאָל אים באַגלייטן.

צו מאָרגנס נאָכן קאָנגרעס בין איך געגאַנגען אין האָטעל ווי ס׳איז געווען אָפּגערעדט, אָבער דאָרטן האָט מען מיר געמאָלדן אַז בערל כּצנלסון איז מיד און ער האָט באַשלאָסן זיך עטלעכע טעג אָפּצורוען; ווען ער וועט זיך אומקערן, וועט ער אָנקלינגען אין דער צענטראַלע פון החלוץ און מיר וועלן זיך צונויפרעדן וועגן די געפּלאַנטע וויזיטן.

אין דער צענטראַלע האָט קיינער נישט געקלונגען, אָבער אַנשטאָט דעם האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן אַ קאָמישער געשיכטע, וואָס האָט אונדז, בפרט דעם השומר הצעיר, שטאַרק צעטומלט.

בערל כּצנלסון איז געווען איינער פון די שאַרפסטע קעגנערס פון השומר הצעיר. אויפן דריטן קאָנגרעס פון דער הסתּדרות אין ארץ־ישׂראל האָט ער מיט זײַן בריליאַנטן פּאָלעמישן טאַלאַנט געמאַכט דעם ייִדישן חשבון מיט דעם השומר הצעיר און ווי אַ באַווײַז פאַר זײַנע טענות האָט ער דערציילט וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין אַ הכשרה־גרופּע פונעם השומר הצעיר אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ.

ווײַזט זיך אַרויס אַז ער איז גאָר נישט געווען זיך אָפּרוען ווי ער האָט געמאָלדן אין האָטעל, נאָר האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער באַן און אַליין אַוועק קיין פּרעשאָוו, אַ שטעטל אין דער סלאָוואַקײַ, כּדי צו וויזיטירן די דאָרטיקע הכשרה־גרופּע פונעם השומר הצעיר, וואָס האָט שפּעטער, אין ארץ־ישׂראל, געהייסן קיבוץ ג׳ פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. ער איז אָנגעקומען קיין פּרעשאָוו פאַר נאַכט און האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי אַ האָלץ־סוחר פון תּל־אָביב וואָס האָט געשעפטלעכע ענינים אין דער סלאָוואַקײַ. היות ער

האָט זיך דערוווּסט אַז אין שטעטל לעבט אַ גרופּע יונגע־לײַט וואָס גרייט זיך צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל, האָט ער באַשלאָסן אַ קוק צו טאָן ווי זי זעט אויס. די חברים אין דער גרופּע האָבן געפּרוּווט רעדן מיט אים עבֿרית, אָבער ער האָט געזאָגט אַז ער קען נאָר ייִדיש. אייניקע האָבן אים געפּרוּווט „מעלקן״, ער זאָל דערציילן נײַעס פֿון ארץ־ישׂראל, למשל וועגן וויכּוח צווישן די פֿאַרשיידענע פּאָליטישע פּאַרטייען, אָבער ער האָט געטענהט אַז ער איז אַ פּשוטער סוחר און מישט זיך נישט אין פּאָליטיק. די חברים האָבן געזען אַז זיי האָבן צו טאָן מיט אַ ייִד אַן עם־הארץ, וואָס אינטערעסירט זיך נאָר מיט זײַנע געשעפֿטן, און האָבן אים אָפּגעלאָזט. מען האָט אים פֿאַרשטייט זיך פֿאַרבעטן צו דעם אָרעמען נאַכטמאָל און אים געלאָזט איבערנעכטיקן אין דעם צימער וואָס האָט געדינט סײַ פֿאַר אַ שלאָפֿצימער, סײַ פֿאַר אַן עסצימער און סײַ פֿאָרן זאַל ווו מען פּלעג אָפּהאַלטן די „שׂיחות״.

נאָכן נאַכטמאָל איז דער „סוחר״ געגאַנגען שלאָפֿן און די פּלוגה האָט אָנגעהויבן די „שׂיחה״ — אַ דיסקוסיע וועגן די וויכטיקע געשעענישן אויף דער וועלט. מען האָט אַזוי ערנסט דיסקוטירט, ווי גלײַך אַלץ וואָלט אָפּגע־האַנגען פֿון דעם וואָס די הכשרה־גרופּע וועט באַשליסן. די טעמע איז געווען דער אויפֿקום פֿון פֿאַשיזם אין דײַטשלאַנד. דער סעקרעטאַר פֿון דער גרופּע, חבֿר ליגוצי, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי אַן עקסטרעמיסט, און אויך אַנדערע חברים האָבן געטענהט אַז אין אויפֿקום פֿון פֿאַשיזם איז שולדיק די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס געהערט צו דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, און דערפֿאַר האָבן די לינקע זיי גערופֿן „סאָציאַל־פֿאַשיסטן״. ליגוצי האָט באַטאָנט אַז אויך אין ארץ־ישׂראל איז פֿאַראַן אַ סכּנה אַז די הערשנדיקע סאָציאַל־פֿאַשיסטן פֿון מפּא״י, וואָס געהערן אויך צו דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, זאָלן עפֿענען דעם וועג פֿאַר די פֿאַשיסטן רוקח, זשאַבאָטינסקי און זייערע חברים.

בערל כּצנעלסון האָט געזאָגט פֿאַר כּעס אויף זײַן האַרטן געלעגער הערנדיק אַזוי פֿיל נאַרישקייטן, אָבער ער האָט זיך נישט אָנגערופֿן מיט קיין וואָרט. דעם אַנדערן טאָג איז ער אויפֿגעשטאַנען ווי גלײַך גאָרנישט, אָפּגעגעסן פֿרישטיק און געפֿרעגט צי עמעצער פֿון די חברים איז גרייט אים צו באַגלייטן ביז צו דער באַן וואָס פֿאָרט קיין קאָשיצאַ. אַזוי ווי דער חבֿר ליגוצי האָט סײַ ווי געדאַרפֿט פֿאָרן קיין קאָשיצאַ אין ענינים פֿון דער הכשרה, זענען זיי געפֿאָרן אין איינעם.

אויפֿן וועג האָבן זיי ווייניק גערעדט, ווײַל ליגוצי האָט נישט פֿאַרשטאַנען דאָס קאָנגרעס־דײַטש פֿון בערל כּצנעלסון. דער גאַסט האָט זיך נאָכגעפֿרעגט

בײַ ליגוצין װעגן אַלע בתּי־מדרשים אין קאָשיצאַ, װעגן מוזייען און װעגן ייִדישן לעבן בכלל. אונדזער סעקרעטאַר האָט גאָרנישט חושד געװען, װאָס פּלוצעם אינטערעסירט זיך אַ פּשוטער האָלץ־סוחר פֿון תּל־אָביב מיט אַנטיקן; דערויף האָט ער קיין שׂכל נישט געהאַט. אַגב האָט ער אויך נישט געװוּסט װאָס צו ענטפֿערן און האָט קוים געװאַרט ער זאָל פּטור װערן פֿון דעם גאַסט. װען זיי זענען אָנגעקומען אין קאָשיצאַ האָט ליגוצי קיין ברירה נישט געהאַט און באַגלייט דעם פֿרעמדן ביז צו דער גרויסער שול. אויפֿן װעג האָט זיך בערל כּצנלסון אָפּגעשטעלט בײַ אַ בוכהאַנדלונג און אַרײַנגעקוקט אין פֿענצטער. בעת ליגוצי האָט אומגעדולדיק געװאַרט ער זאָל זיך שוין באַפֿרײַען פֿון דעם תּל־אָביבער נודניק, האָט ער דערזען אויף יענער זײַט גאַס דעם חבר ד.ב., אַ פּוילישער בחור, װאָס דער השומר הצעיר האָט אַראָפּגעבראַכט אין דער סלאָװאַקײַ פֿאַר אַ העברעיִשן לערער. ליגוצי האָט אים בקיצור דערציילט די גאַנצע מעשׂה און אים געבעטן ער זאָל אים ראַטעװען פֿון דעם נודניק, װײַל ער האָט נאָך צו דערליידיקן אַ סך ענינים פֿאַר דער הכשרה און אַחוץ דעם פֿאַרשטייט ער נישט זײַן ייִדיש. װען דער העברעיִשער לערער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם פֿרעמדן פֿאַרשױן, האָט ער אים תּיכּף דערקענט, לויט די בילדער װאָס ער האָט געזען אין ארץ־ישׂראלדיקע צײַטונגען.

— דו ביסט אַראָפּ פֿון זינען — האָט ער זיך געװאַנדן צו ליגוצין — דאָס איז דאָך בערל כּצנלסון, דער מנהיג פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַװעגונג אין ארץ־ישׂראל!

דער העברעיִשער לערער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו בערל כּצנלסון אים באַגריסן און ליגוצי איז נעלם געװאָרן, װי אײַנגעזונקען. מען האָט דערציילט אַז אין משך פֿון װאָכן האָט ער זיך געשעמט צו װײַזן דאָס פּנים אין גאַס און פֿאַר די חברים פֿון דער הכשרה.

דער װיזיט אין דער פּלוגה איז געװען געװנוג פֿאַר בערל כּצנלסון כּדי צו מישפּטן די דערציִונג װאָס װערט געגעבן אין השומר הצעיר און אַרויסצוזאָגן זײַן ביטערן פּסק־דין.

װעגן דעם חבר ליגוצי װייס איך אַז ער איז געקומען קיין ארץ־ישׂראל, איז דאָ אַרויס פֿון קיבוץ און פֿון דער באַװעגונג און זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. שפּעטער האָט ער אין גאַנצן פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד און זיך אומגעקערט אין דער טשעכאָסלאָװאַקײַ. ער איז דאָרט געװאָרן אַן אָפֿיציר אין דער טשעכישער אַרמיי און אַ שׂונא־ישׂראל.

אין דער צענטראַלע פון החלוץ אין מאַראַווסקאַ־אָסטראַוואַ האָט זיך איינ־געשטעלט אַ פרייַנדשאַפטלעכע אַטמאָספער און דאָס האָט געהאַט אַ גוטע השפעה אויף דער גאַנצער באַוועגונג. דער החלוץ איז געוואַקסן און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מאַסן־באַוועגונג. ער האָט פאַמעלעך באַצוווּנגען די ייִדישע גאַס אין דער גאַנצער רעפּובליק. די פיליאַלן זייַנע האָבן זיך פאַרמערט און די ברענענדיקע פראַגע איז געווען צו געפינען הכשרה־פּלעצער פאַר די חברים. אין דער שווערער אינדוסטריע איז געווען אַ פּראָ־בלעם אַרייַנצודרינגען, ווייַל זי האָט געהערט כמעט דורכויס צו גויִים און זיי האָבן נישט געוואָלט גלייבן אַז ייִדן זענען באמת פעיִק צו טאָן אַ שווערע פיזישע אַרבעט.

אַ טייל פון דער לאַנדווירטשאַפט אין דער סלאָוואַקייַ האָט געהערט צו ייִדישע גוטבאַזיצערס, ביי וועלכע עס האָבן בדרך־כלל געאַרבעט פרעמדע אַרבעטער, בעיקר פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד. זיי האָבן מסכּים געווען צו באַ־שעפטיקן אויך די חלוצים, בפרט ווען מען האָט זיך שוין דערוווּסט אַז אונדזערע חברים זענען גוטע און פלייַסיקע אַרבעטער, בכל־אופן נישט ערגער ווי די נישט־ייִדישע אַרבעטער פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד.

די צרה איז געווען וואָס אין לאַנדווירטשאַפט איז נאָר געווען סעזאָן־אַרבעט און מיר זענען געווען אינטערעסירט אין אַ שטענדיקער אַרבעט וואָס זאָל אַ גאַנץ יאָר געבן די מעגלעכקייט מפרנס צו זייַן די חברים. דער רוב זייערער איז אַוועק פון דער היים קעגן דעם ווילן פון די עלטערן און האָבן פון זיי קיין שום הילף נישט באַקומען.

ס'איז געווען קלאָר אַז דער בודזשעט וואָס מיר באַקומען פון ארץ־ישׂראל, דער עיקר פון דער חלוץ־אָפּטיילונג אין דער אַלגעמיינער הסתדרות, איז נישט גענוג כּדי צוצוגרייטן די חלוצים פאַר עליה און מיר מוזן באַקומען הילף פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אירע אינסטיטוציעס. אין דער טשעכאָסלאָוואַקייַ, בפרט אין די היסטאָרישע געגנטן באָהעמיאַ און מאַ־ראַוויאַ, איז אין יענער צייַט געווען אַ גוט אָרגאַניזירטע ציוניסטישע באַ־וועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען דעם גרעסטן חלק פון ייִדנטום. אָבער לגבי דער חלוצישער באַוועגונג האָבן זיי געהאַט אַ מאָדנע שטעלונג. בדרך־כלל זענען די ייִדן אין יענע געגנטן געווען פאַרמעגלעך און זיי האָבן נישט ווייניק געשטיצט די ייִדן פון מיזרח־סלאָוואַקייַ און פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד. זיי זענען אויך געווען גרייט צו העלפן אויף אַ פילאַנטראָפּישן אופן די אָרעמע חלוצים אין די הכשרה־פּלעצער, אָבער מיר האָבן נישט געוואָלט קיין פילאַנ־טראָפּישע הילף. מיר האָבן געוואָלט אַרבעטספּלעצער, כּדי אונדזערע חברים

זאָלן זיך קענען מפרנס זײַן פון זייער אייגענער אַרבעט און נישט פון נדבות.

מיר האָבן באַשלאָסן אין דער צענטראַלע פון החלוץ צו גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל הייסן „פרײַנד פון החלוץ", מיטן אָנטייל פון ציונים וואָס האָבן זיך פּאָזיטיוו באַצויגן צו דער חלוצישער באַוועגונג. בעיקר האָבן מיר זיך גערעכנט מיט די פּרויען פון דער „וויצאָ", וואָס האָבן זיך כסדר באַמיט צו פאַרגרינגערן דאָס לעבן פון די חלוצים אין דער הכשרה. אָבער זייער באמת רירנדיקע הילף איז אויך געווען פילאַנטראָפּיע. מיר האָבן זיי געדאַרפט איבערצײַגן אַז נישט דאָס ווילן מיר און אַז זיי גייען אויף אַ פאַלשן וועג.

כאַראַקטעריסטיש פאַר די וויצאָ־פּרויען איז געווען למשל זייער באַשלוס זיך צו באַניצן נאָר מיט איין לעפעלע צוקער, אַנשטאָט מיט דרײַ, און דאָס אָפּגעשפּאָרטע צו שיקן די חלוצים פון דער הכשרה. זיי האָבן אויך אָפּגעשפּאָרט אַנדערע גוטע מאכלים, צו וועלכע זיי זענען געווען צוגעוווינט, און געשיקט די חלוצים, זיי זאָלן חלילה נישט הונגערן. און אָט די וווילע פּרויען האָבן נישט געקענט באַנעמען פאַר וואָס מיר, אין דער צענטראַלע פון החלוץ, זענען קעגען אַזעלכע פילאַנטראָפּישע אַקציעס, און פאָדערן גאָר אַרבעטס־פּלעצער פאַר די חלוצים. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען אַז די ייִדישע בחורים וואָס ווילן פאָרן קיין ארץ־ישׂראל מוזן זיך צוגעוווינען צו שווערער פיזישער אַרבעט, פּונקט ווי אַנדערע אַרבעטער. ווען מיר האָבן געפּרוּווט זיי צו דערקלערן אַז דאָס איז דער איינציקער וועג פון דער חלוצישער באַוועגונג, האָבן זיי דאָס נישט אַקצעפּטירט. זיי האָבן מורא געהאַט אַז שווערע אַרבעט קען, חלילה, שאַטן די ייִדישע קינדער. דער צוגאַנג זייערער איז געווען ווי פון מאַמעס צו אייגענע קינדער.

ענלעכע פּראָבלעמען האָבן מיר אויך געהאַט מיט אַ צאָל רײַכע ייִדישע קהילות וואָס זענען גרייט געווען אויסצוהאַלטן גאַנצע הכשרה־גרופּעס; די איינציקע אַרבעט וואָס זיי האָבן געפאָדערט איז געווען אָפּצוהיטן דעם בית־הקברות, אַן אַרבעט וואָס עס האָבן געקענט טאָן צוויי בחורים. די ייִדן האָבן נישט געוואָלט פאַרשטיין אַז מיר ווילן נישט פּשוט לעבן אויף זייער חשבון.

עס האָט גענומען אַ לאַנגע צײַט ביז אָט די גוטע מענטשן האָבן זיך איבערצײַגט אַז מיר זענען גערעכט, אַז די חלוצישע באַוועגונג דאַרף נישט לעבן פון קיין נדבות, אַפילו ווען זיי ווערן געגעבן מיטן גאַנצן האַרצן פון ייִדישע מענטשן. סוף־כּל־סוף האָבן מיר זיי אָבער איבערצײַגט און די „פרײַנד פון החלוץ", אין איינעם מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זענען

געוואָרן גלײַכע שותּפים צו אונדזערע טאָג־טעגלעכע דאגות. זיי האָבן אויס־געניצט זייער השפּעה בײַ יידישע און נישט־יידישע אַרבעטס־געבערס, זיי זאָלן אויפנעמען חלוצים אין זייערע אונטערנעמונגען; זיי האָבן אויך געשאַפן אַ פאָנד פאַר עליה וואָס האָט באַזאָרגט מיט הוצאות די חלוצים וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אַליין צו פינאַנצירן די נסיעה קיין ארץ־ישראל. ס'איז געווען אַ גאַר ענגע צוזאַמענאַרבעט צווישן דער צענטראַלע פון החלוץ און די „פרײַנד פון החלוץ", אַזוי ווײַט אַז מיר האָבן אויסגעקליבן אַ חשובן מיטגליד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ווי דעם פּרעזידענט פון דער חלוצישער באַוועגונג.

סערטיפיקאַטן און עליה ב'

אַחוץ דער הכשרה האָט אַ חלוץ נאָך געדאַרפט אַ סערטיפיקאַט פון דער ענגלישער מאַכט אין ארץ־ישראל, כּדי אַרײַנצוקומען אין לאַנד. די ענגלענ־דער האָבן געהערשט אין ארץ־ישראל פּונקט ווי אין אַלע זייערע קאָלאָניעס, לויטן פּרינציפּ „צעטייל און געוועלטיק". זיי האָבן אַלץ געטאָן צו באַגרענעצן די עליה, כּדי נישט צו רייצן כּלומרשט די אַראַבישע באַפעלקערונג. דערפאַר האָבן זיי אויסגעטיילט זייער ווייניק סערטיפיקאַטן פאַר די חלוצים פון די אייראָפּעישע לענדער. מען האָט געדאַרפט זוכן אַ וועג וואָס זאָל צערײַסן דעם רינג פון דער מאַנדאַטאָרישער מאַכט, וואָס איר כּוונה איז געווען צו דערוואָרגן דעם יידישן יישוב אין ארץ־ישראל. דער איינציקער אויסוועג איז געווען צו שיקן די חלוצים דורך עליה ב', די „אילעגאַלע עליה", ווי די ענגלענדער האָבן זי גערופן.

די אָנפירונג אין ארץ־ישראל האָט געפאָדערט פון החלוץ אין אייראָפּע ער זאָל אויסגעפינען נײַע וועגן ווי אַזוי צו רעאַליזירן די עליה ב'. אַזעלכע וועגן האָט מען דעמאָלט געפונען דער עיקר אין רומעניע און בולגאַריע. פאַר געלט האָט מען אין די דרײַסיקער יאָרן דאָרט געקענט באַקומען קליינע שיפן מיט דער מאַנשאַפט און אויך די געהעריקע דאָקומענטן.

די וועלט־צענטראַלע פון החלוץ אין וואַרשע איז געווען דירעקט פאַראַנט־וואָרטלעך לגבי דער אָנפירונג אין ארץ־ישראל און זי פלעגט אויך באַשטי־מען די צאָל חלוצים וואָס יעדעס לאַנד קען צושטעלן. די אַקציע איז פינאַנ־צירט געוואָרן צום טייל דורך פאָנדן פון ארץ־ישראל און צום טייל דורך די עולים גופא. דעם גרעסטן חלק האָט געגעבן די צענטראַלע פון החלוץ אין די פאַרשיידענע לענדער. מיר, אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, האָבן געקענט בײַטראָגן וויכטיקע סומען, אַ דאַנק דער הילף פון דער טשעכישער ציוניס־

טישער באַוועגונג און די „פריינד פון החלוץ״, וואָס האָבן געגעבן מיט אַן אָפענער האַנט.

איך האָב זיך דעמאָלט אַריינגעוואָרפן מיט אַלע כּוחות אין דער אַרבעט אויפצוזאַמלען וואָס גרעסערע סומען געלט פאַר דער עליה ב׳. היינט קען איך זאָגן מיט שטאָלץ אַז מיר האָבן אויף אַזאַ אופן געראַטעוועט טויזנטער ייִדן פון אומקום. עס בלוטיקט נאָר דאָס האַרץ וואָס מיר האָבן נישט געראַטעוועט מער, וואָס מיר האָבן נישט געוווּסט ווי נאָענט עס איז דער חורבן.

די צייט ווען איך האָב געאַרבעט פאַר עליה ב׳ איז געווען די שענסטע און די פּרוקטיקסטע אין מיין גאַנץ לעבן. זי איז אויך געווען פאַרפלאָכטן מיט אַ טרויעריקער איבערלעבונג.

איך פלעג נישט פאָרן קיין רומעניע ווייל איך האָב מורא געהאַט אַז די דאָרטיקע געהיים־פּאָליציי וועט מיך אַרעסטירן ווי אַ געוועזענעם קאָמוניסט און אַפילו ווי אַ מיטגליד פון השומר הצעיר. מיט מיינע טאַטע־מאַמע פלעג איך זיך טרעפן ווען זיי זענען געקומען וויזיטירן מיין עלטערן ברודער אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי. מיטן טאַטן פלעג איך זיך אויך אָפּט דורכשרייבן. איך האָב זיך געוווּנדערט וואָס ער איז אין גאַנצן מסכּים מיטן וועג וואָס איך האָב אויסגעקליבן, עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. אינדירעקט האָב איך זיך אויך דערוווּסט אַז דער טאַטע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו חתמענען אַ פּאַמפלעט פון אַגודת־ישראל, וואָס האָט גערופן די יוגנט צו קעמפן קעגן דעם ציוניזם, וואָס וויל פאַרטיליקן דעם ייִדישן דת און דאָס ייִדישע פאָלק. איך בין אויך געוווּיר געוואָרן אַז אַט די שונאי־ציון דערגייען דעם טאַטן די יאָרן ווייל ער האָט נישט געוואָלט חתמענען דעם פּאַמפלעט. איך בין געווען איבער־צייגט אַז מיין טאַטע פּירט זיך אַזוי, ווייל ער האַלט אַז מען דאַרף האָבן דרך־ארץ פאַר יענעמס מיינונג. פּלוצעם האָב איך באַקומען פון אים אַ בריוו, ווו ער פּרוווּט מיר דערקלערן אַז בעצם האָט ער אַ גאַנץ לעבן געחלומט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און איצט וויל ער וויסן צי איך קען אים העלפן פאַרווירקלעכן זיין חלום. איך האָב תּיכּף אָנגעהויבן צו טראַכטן ווי אַזוי צו דערפילן זיין בקשה. מיין טאַטע איז שוין דעמאָלט געווען אַ בן־שבעים און איך האָב קודם־כּל געטראַכט פון וואָס ער וועט זיך מפרנס זיין אין ארץ־ישראל. פון דעסטוועגן האָב איך געהאַפט צו געפינען אַן ענטפער אויף אַט דער פראַגע.

בעת איך האָב זיך מטפּל געווען מיט דער עליה פון מיינע עלטערן, באַקום איך פּלוצעם אַ טעלעגראַם אַז דער טאַטע איז נוטה למות און זיין לעצטער ווונטש איז מיך נאָך איין מאָל צו זען. די חברים אין דער צענטראַלע פון

החלוץ האָבן מיך געפּרוווט אָפּהאַלטן, ווײַל זיי האָבן אויך מורא געהאַט אַז די רומענישע געהיים־פּאָליציי וועט מיך אַרעסטירן תּיכּף בײַ דער גרענעץ, אָבער איך האָב נישט געקענט בײַשטיין דער לעצטער בקשה פונעם טאַטן וואָס איך האָב אים ליב געהאַט אַהבת־נפש.

איך בין אַרויסגעפאָרן מיטן ערשטן שנעלצוג. בײַ דער גרענעץ האָב איך דערלאַנגט דעם רומענישן אָפיציר מײַן טשעכישן פּאַס אין איינעם מיט אַ בכּבודיקן באַנקנאָט. ער האָט פאַרשטאַנען דעם „רמז", מיר תּיכּף צוריק־געגעבן דעם פּאַס און זיך אַפילו אַ בוק געטאָן פאַר מיר. איך האָב ממשיך געווען די נסיעה מיטן שנעלצוג וואָס פאָרט קיין בוקאַרעשט איבער גרויס־וואַרדיין און קלויזנבורג. די ערשטע סטאַנציע אין רומעניע איז געווען סאַטמאַר, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען באַקאַנט אַ דאַנק דעם רבי יוליש טייטלבוים, דער מנהיג פון די נטורי קרתּא, בײַ די פאַנאַטישע מיזרח־אייראָפּעישע יידן. אין סאַטמאַר זענען אײַנגעשטיגן אַ סך יידן. עס האָט אויסגעזען ווי אַ יידישער כּינוס אויף רעדער. אין אָוונט האָבן זיך די וואַגאָנען פלוצעם פאַרוואַנדלט אין בתּי־מדרשים. יידן האָבן געדאַווענט מינחה און מעריב לויט פאַרשיידענע נוסחאָות און מיט פאַרשיידענע ניגונים. דערנאָך האָט איטלעכער אַרויסגענומען זײַן עסן פון די רענצלעך און נאָכן עסן האָט מען געבענטשט. אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי נאַטירלעך ווי גלײַך זיי וואָלטן געווען בײַ זיך אין דער היים און נישט אויף אַן אינטערנאַציאָ־נאַלן צוג.

די וואַגאָנען זענען געווען שוואַך באַלויכטן און שוואַך באַהייצט. די יידן האָבן זיך דעריבער אײַנגעוויקלט אין וואַלענע דעקן און זיך אויסגעשטרעקט ווו זיי האָבן געקענט — אויף די בענק און אויף די דורכגענג — געזאָגט איינער דעם צווייטן אַ גוטע נאַכט און אַנטשלאָפן געוואָרן. ס'איז געווען שטיל און מען האָט נאָר געהערט דאָס כראָפּען פון די יידן. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק אַז זיי גייען אין געוועט ווער עס קען בעסער כראָפּען.

דאָס כראָפּען האָט מיך אַרויסגעבראַכט פון די כּלים. איך האָב אָנגעהויבן צו שפּאַצירן פון איין וואַגאָן צום אַנדערן, כּדי צו פאַרטרײַבן די צײַט און צו געפינען אַ שטילן ווינקל זיך אָוועקצוזעצן. אין איין וואַגאָן האָבן פיר פּאַסאַזשירן געמאַכט אַ טיש פון זייערע רענצלעך און געשפּילט אין קאָרטן, בעת אַנדערע זענען געשטאַנען אַרום זיי און האָבן געקיביצט. איך האָב זיך אויך אָוועקגעשטעלט און צוגעקוקט ווי זיי שפּילן. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ נאָווינע. איינער פון די פיר האָט געהאַלטן אין האַנט צוויי קאָרטן פון שוואַרצער פאַרב און איינע פון רויטער פאַרב. ער האָט פלינק געמישט

די דרײַ קאָרטן און דערנאָך זיי אָװעקגעלייגט אויף דעם אימפּראָװיזירטן טיש, איינע לעבן דער אַנדערער. װער עס האָט געטראָפן װעלכע ס'איז די רויטע אָרט האָט געװוּנען צען מאָל אַזױפיל װיפל ער האָט געשטעלט.

דאָס זענען געװען פּראָפעסיאָנעלע קאָרטן־שפּילערס און זיי האָבן תּיכּף באַמערקט אַז איך בין אַ גרינער װאָס מען קען אים אַרײַנכאַפּן. איך בין געװען זיכער אַז איך װייס װעלכע ס'איז די רויטע קאָרט און האָב זיך געלאָזט איבעררעדן. אין משך פון אַ צען מינוט האָב איך געהאַלטן אין איין געװינען, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין שׂכל בײַ צײַטנס אויפצוהערן און האָב באַלד דערנאָך פאַרשפּילט מײַן לעצטן גראָשן. װען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער סטאַנציע קאַרלאָװאַ, האָבן די פיר פאַרשוין צונויפגענומען זייערע פּעקלעך און זענען אויסגעשטיגן. די מענטשן אין צוג האָבן געלאַכט פון מיר װאָס איך האָב זיך געלאָזט אָפּנאַרן פון אַזעלכע שווינדלערס. מיך האָט דער ענין שטאַרק פאַרדראָסן און איך האָב באַשלאָסן אַז איך װעל נישט שװײַגן. איך בין אַראָפּ פון דער באַן און נאָכגעלאָפן די קאָרטן־שפּילערס. װען איך האָב בײַ זיי צוריקגעמאָנט מײַן געלט האָבן זיי געקוקט אויף מיר װי אויף אַ משוגענעם און מיר געהייסן זיך אָפּטראָגן, װײַל זיי קענען מיך גאָרנישט. דאָס האָט מיך נאָך מער פאַרדראָסן און איך האָב זיך געװאָנדן צו דעם ערשטן פּאָליציאַנט און אים געזאָגט אַז די חברה האָבן מיך באַגנבעט. דער פּאָליציאַנט האָט אונדז אַלע גענומען אין פּאָליציי־ביוראָ, צו דעם דיזשורנע אָפיציר.

איך האָב צו זיך געטראַכט אַז ס'איז פאָרט פאַראַן גערעכטיקייט אויף דער װעלט. אין ביוראָ, הינטער אַ שרײַבטיש, איז געזעסן אַ יונגער אָפיציר, אַן אויסגעפּוצטער לויטן מינהג פון די רומענישע אָפיצירן אין יענער צײַט. אויף דער װאַנט איז געהאַנגען דאָס בילד פונעם קעניג קאַרל, אויך אַן אויסגעפּוצטער אין גאַלאַ־מונדיר. דער אָפיציר האָט אויסגעהערט מײַנע טענות און דערנאָך גאַנץ ערנסט געפרעגט בײַ די חברה צי ס'איז אמת װאָס איך זאָג. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו שװערן אַז זיי װייסן פון גאָרנישט און האָבן קיין מאָל נישט געשפּילט מיט מיר אין קאָרטן. זיי קענען מיך בכלל נישט. דער אָפיציר איז אויפגעשטאַנען און האָט כּלומרשט אָנגעהויבן צו זוכן בײַ די פאַרשוינען אין די קעשענעס. און װען די דאָזיקע אויספאָר־שונג האָט זיך פאַרענדיקט האָט ער דערקלערט אַז ער האָט גאָרנישט געפונען און די הערן זענען פרײַ. ערשט דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָס גאַנצע איז געװען אַ קאָמעדיע און אַז דער אָפיציר איז אַ שותּף צו דער באַנדע קאָרטן־שפּילערס. נו, פאַרפאַלן, האָב איך בײַ זיך געטראַכט, מען

דאַרף זיך אומקערן אין צוג און מאַכן אַ שוויַיג וועגן דער גאַנצער מעשׂה. אָבער ווען איך האָב זיך געוואָלט אַרויסלאָזן פון ביוראָ האָט מיר דער אָפיציר געזאָגט אַז איך בין אַרעסטירט, וויַיל איך האָב אַליין מודה געווען אַז איך האָב געשפּילט אַ פאַרבאָטענע שפּיל. ער וועט אַליין קומען מיט מיר אין וואַגאָן כּדי איך זאָל מיר נעמען מיַינע פּעקלעך.

אין וואַגאָן האָב איך געמוזט אויפוועקן די ייִדן וואָס זענען געשלאָפן צווישן די בענק, כּדי צוצוקומען צו מיַינע פּעקלעך אויף דער פּאָליצע. איינער האָט זיך אַ דערשראָקענער אויפגעכאַפּט און געפרעגט צי מיר זענען שוין אין גרויסוואַרדיין. איך האָב אים בקיצור דערציילט אַז איך בין נאָר געקומען נעמען מיַינע פּעקלעך וויַיל מען האָט מיך אַרעסטירט אויף דער סטאַנציע. דער ייִד האָט געעפנט די אויגן און ווי ער האָט דערזען דעם אָפיציר האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ מטבע און אים אַריַינגע־שטעקט אין דער האַנט. דער אָפיציר האָט צוגענומען די מטבע און איז תּיכּף נעלם געוואָרן.

דאָס איז געווען מיַין ערשטער און לעצטער קאָנטאַקט מיט דער רומע־נישער געריכטיקייט. איך האָב עס קיין מאָל נישט פאַרגעסן. פון דעמאָלט אָן האָב איך נישט מער געוואָלט הערן פון קיין קאָרטן. אַפילו ביַים מיליטער האָט מען מיך נישט געקענט איבעררעדן איך זאָל שפּילן אין קאָרטן.

דאָס לעצטע באַגעגעניש

אָנגעקומען אַהיים האָב איך זיך דערוווּסט פונעם דאָקטער אַז מיַין טאַטע האָט ממש געציילטע טעג. מען דערהאַלט אים ביַים לעבן נאָך מיט איַינ־שפּריצונגען. דאָס האָט מיך שטאַרק אויפגעטרייסלט. דער טאַטע, וואָס איז געווען ביַים פּולן באַוווּסטזיַין, האָט מיך אָבער נישט געלאָזט אַריַינפאַלן אין מרה־שחורה. מיט די לעצטע כּוחות האָט ער זיך באַמיט צו פאַרבינדן מיט מיר אַ נאָרמאַלן שמועס, ווי צווישן צוויי נאָענטע מענטשן. ער האָט מיר געהייסן זיצן לעבן זיַין בעט און דערציילן וועגן מיַין אַרבעט אין החלוץ, בעיקר ווי ייִדן לאָזן איבער דעם גלות און פאָרן קיין ארץ־ישׂראל. איבער אַ מעת־לעת בין איך אַזוי געזעסן און אים דערציילט וועגן ארץ־ישׂראל, ווי אַזוי ייִדן בויען דאָרטן אַ ייִדיש לאַנד, אַ היים פאַרן ייִדישן פאָלק. דער טאַטע האָט זיך איַינגעהערט און מיך געפרעגט שאלות וועגן דער עליה ב׳ און הנאה געהאַט וואָס מיר שפּילן אויס די ענגלענדער וועלכע ווילן נישט אַריַינלאָזן די ייִדן אין ארץ־ישׂראל. איך האָב געפילט אַז אונדזער שמועס מאַכט אים פאַרגעסן אַ רגע זיַינע גרויסע ווייטיקן. אויך דער דאָקטער האָט

געזאָגט אַז מײַנע װערטער העלפֿן אים מער װי זײַנע אײַנשפּריצונגען.

נאָך צװײ טעג איז אָנגעקומען פֿון דער צענטראַלע אין מאָראַװסקאַ־אָסטראַװאַ אַ טעלעגראַם איך זאָל זיך תּיכּף אומקערן. אײדער מײַן אַװעק־פֿאָרן האָבן מיר געפֿירט אַ משׂא־ומתּן אין שײַכות מיט אַ שיף װאָס האָט געדאַרפֿט אַרויספֿאָרן פֿון װאַרנאַ, אין בולגאַריע, מיט עולים פֿון דער עליה ב׳. װען איך האָב באַקומען די ידיעה אַז מײַן טאַטע איז קראַנק און איך האָב באַשלאָסן צו פֿאָרן קײן רומעניע, האָב איך געבעטן דעם שליח פֿון ארץ־ישׂראל, דעם חבר ליפּסקי־תּמיר, ער זאָל פֿאָרן קײן װאַרנאַ מיטן געלט װאָס מיר האָבן געדאַרפֿט צושטעלן. מיר האָבן פֿאַרגעסן אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ לעװאַנטינישער שיפֿמאַנשאַפֿט װאָס קען אונדז אָנטאָן צרות אין דער לעצטער רגע כּדי אַרויסצופּרעסן פֿון אונדז געלט. דער קאַפּיטאַן האָט באמת געפֿאָדערט אַ גרױסע הוספה צו דעם װאָס מיר האָבן פֿריִער אָפּגערעדט און האָט געסטראַשעט אַז אויב מיר װעלן אים נישט געבן דאָס געלט װעט ער נישט לאָזן די שיף אַרויספֿאָרן פֿון האַפֿן.

די חברים פֿון דער צענטראַלע האָבן נישט געקענט צונויפֿשטעלן אַזאַ גרױסע סומע און זײ האָבן זיך אויך נישט פֿונאַנדערגעקליבן אין געלט־ענינים, װײַל איך בין געװען דער פֿאַראַנטװאָרטלעכער פֿון דעם דאָזיקן רעסאָרט. האָבן זײ טעלעגראַפֿירט איך זאָל תּיכּף צוריקקומען, אַניט איז אין סכּנה דער גאַנצער עסק מיט דער שיף.

װען איך האָב דערזען די טעלעגראַם איז מיר שװאַרץ געװאָרן פֿאַר די אויגן. די זאַך װאָס מײַנע חברים האָבן פֿון מיר געפֿאָדערט איז געװען איבער מײַנע כּוחות. װי קען איך אַװעקפֿאָרן און איבערלאָזן דעם טאַטן אין אַזאַ מצב, װען איך װײס אַז דער סוף זײַנער איז אַזױ נאָענט.

איך האָב באַהאַלטן די טעלעגראַם אין קעשענע און בין צוריק אַרײַן צו מײַן טאַטן. איך האָב מיט אים װײַטער גערעדט װי גלײַך גאָרנישט. דער טאַטע האָט אָבער דערפֿילט אַז דאָ איז עפּעס געשען, אַז איך בין נישט דער זעלבער װי פֿריִער. אויף זײַנע שאלות האָב איך געפּרוּװט אים באַרויִקן און פֿאַרזיכערן אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, אָבער ער האָט מיר נישט געגלייבט און געפֿאָדערט איך זאָל אים זאָגן דעם אמת. װען ער האָט געזען אַז איך קװענקל זיך האָט ער געזאָגט אַז דאָס איז זײַן לעצטער װוּנטש און מען טאָר דאָס אַ טאַטן נישט אָפּזאָגן.

װען איך האָב געזען אַז איך האָב קײן ברירה נישט, האָב איך אַרויס־גענומען די טעלעגראַם פֿון קעשענע, אים פֿאַרגעלײיענט און דערקלערט װעגן װאָס עס האַנדלט זיך. דער טאַטע האָט זיך רויִק צוגעהערט און מיך געפֿרעגט

וואָס איך האָב בדעה צו טאָן. איך האָב אים קורץ געענטפערט אַז איך וועל אים נישט איבערלאָזן. האָט מיך דער טאַטע ווײַטער געפרעגט וויפל ייִדן עס דאַרפן אַרויספאָרן מיט דער שיף. ווען איך האָב אים געענטפערט אַז זייער צאָל איז בערך זעקס הונדערט, האָט ער מיך געפרעגט צי איך האָב פאַרגעסן דעם מאמר חז״ל וואָס זאָגט, אַז ווער עס ראַטעוועט איין נפש פון ישׂראל איז ווי גלײַך ער וואָלט געראַטעוועט די גאַנצע וועלט. ווי קען איך זײַן אַזוי אומבאַדאַכט — האָט ער ווײַטער געזאָגט — און ריזיקירן אַז זעקס הונדערט ייִדן זאָלן חלילה נישט עולה זײַן אין דעם לאַנד וווהין ער אַליין האָט אַ גאַנץ לעבן געשטרעבט?

איך בין געזעסן ווי פאַרגליווערט און נישט געקענט אַ וואָרט אַרויסרעדן. עס האָבן מיך געוואָרגן די טרערן, בפרט ווען איך האָב געזען אַז אויך דער טאַטע וויינט. פלוצעם האָט דער טאַטע מיר געהייסן איך זאָל אים געבן די האַנט און ווען מײַן רעכטע האַנט איז געלעגן אין זײַנער האָט ער אַ זאָג געטאָן אַז ער באַטראַכט דאָס ווי תּקיעת־כּף וואָס איז מיך מחייב מיטן ערשטן שנעלצוג אָוועקצופאָרן פון גרויסוואַרדיין. אויף אַזאַ טרויעריקן אופן האָב איך מקיים געווען די מיצווה פון כּיבוד אָב.

עד־היום, נאָך פערציק יאָר, קלעמט מיך בײַם האַרץ ווען איך דערמאָן זיך די לעצטע שעהען וואָס איך בין געזעסן בײַם טאַטנס טויטנבעט, איידער איך בין אַוועק צו דער באַן. פאַר מײַן טאַטן איז, דאַכט זיך, גרינגער געווען דאָס צעשיידן זיך, הגם ער האָט פאַרשטאַנען דעם מצב אין וועלכן ער געפינט זיך. ער האָט אָבער געגלייבט באמונה שלמה אין עולם־הבא און אין תּחיית־המתים, אַזוי אַז די צעשיידונג איז פאַר אים נישט געווען קיין אַבסאָלוטע, ווי ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין. מיר האָט אָבער, בעיקר אין יענער צײַט, געפעלט די אמונה אין עולם־הבא און דער פּחד אַז איך פאַרליר אויף שטענדיק דעם ליבסטן און טײַערסטן מענטש איז געווען זייער שווער איבערצוטראָגן.

אין מאַראַמאָרוס־אָסטראַוואַ האָט אויף מיר שוין געוואַרט אַ טעלעגראַם אַז דער טאַטע איז ניפטר געוואָרן.

די פּראָבלעמען אין שײַכות מיט דער שיף האָבן זיך געלייזט און די חלוצים זענען בשלום אָנגעקומען אין ארץ־ישׂראל. מײַן וווּנד האָט זיך אָבער ביז הײַנט נישט פאַרהיילט. איך קען זיך נישט מוחל זײַן וואָס איך בין נישט געווען לעבן טאַטן אין זײַנע לעצטע רגעס.

פיקטיווע חתונות

אונדזער זאָרג איז שטענדיק געווען צו שיקן וואָס מער חלוצים קיין ארץ־ישׂראל. דערפאַר האָבן מיר אויך באַשלאָסן ריכטיק אויסנוצן די סערטיפיקאַטן פון דער מאַנדאַטאַרער רעגירונג. אַזוי ווי איטלעכער וואָס האָט באַקומען אַ סערטיפיקאַט האָט געקענט מיטנעמען מיט זיך אַ פרוי און אַפילו קינדער, האָבן מיר אין זינען געהאַט אַז קיין שום חלוץ זאָל נישט בלײַבן אָן אַ פרוי. ווער ס'האָט נישט געהאַט קיין ווײַב האָבן מיר אים חתונה געמאַכט מיט אַ מיידל פון דער באַוועגונג.

נישט אַלע חלוצים זענען מסכּים געווען מיט פיקטיווע חתונות. אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט איז אויך געווען מצד די עלטערן פון די מיידלעך. אָבער מיר אין דער צענטראַלע האָבן נישט מוותּר געווען און אײַנגעאָרדנט אַזעלכע חתונות בסוד, אַז די עלטערן זאָלן נישט וויסן. צו מאָל זענען חתן־כּלה אַליין ערשט געוווירר געוואָרן דערפון אין טריעסט, פאַרן אַרויפגיין אויף דער שיף.

כּדי צו פראַווען אַזעלכע פיקטיווע חתונות איז אָבער געווען נייטיק אַן עפנטלעכע אינסטיטוציע וואָס זאָל אויסשרײַבן דעם חתונה־קאָנטראַקט אָן חתן־כּלה. סוף־כּל־סוף האָבן מיר געפונען אַזאַ אַמט אין אַ קליין שטעטל אין דער סלאָוואַקײַ. מיר, ווי דער פאַראַנטוואָרטלעכער פון עליה אין החלוץ, איז אויך אויסגעקומען צו זײַן אַ מין שדכן, וואָס האָט צונויפגעפירט די פּאָרלעך וואָס האָבן זיך פריער נישט געקענט.

איך בין ווײַזט אויס נישט געווען קיין שלעכטער שדכן, ווײַל אַ סך פון די פּאָרלעך וואָס איך האָב צונויפגעשטעלט אויף אַ פיקטיוון אופן זענען שוין געבליבן אויף שטענדיק פאַרבונדן און לעבן עד־היום ווי גליקלעכע משפּחות. עס זענען אָבער געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן מיר פאַרשאָלטן די יאָרן פאַר די צרות וואָס זיי האָבן געהאַט אין ישׂראל ביז זיי זענען פּטור געוואָרן איינער פון צווייטן, ווײַל דאָ האָבן זיי זיך געמוזט אָפּיציעל גטן. פון די ערשטע האָב איך באַקומען טעלעגראַמען און דאַנקבריוו, פון די אַנדערע... איז בעסער נישט צו דערמאָנען.

אַנשטאָט שדכנות־געלט בין איך אויך באַשטראָפט געוואָרן פאַר די שידוכים וואָס איך האָב צונויפגעשטעלט. די ערשטע שטראָף האָב איך נאָך באַקומען בעת איך בין געווען אין דער צענטראַלע פון החלוץ. איינער פון די חלוצים אין דער הכשרה איז געווען פאַרוויקלט אין אַ קרימינעלן ענין און דערפאַר האָבן מיר אים אויסגעשלאָסן פון דער באַוועגונג. האָט דער בחור מיך געמסרט בײַ דער פּאָליציי אַז איך שטעל צונויף פיקטיווע חתונות.

די פּאָליציי האָט מיך אַרעסטירט אין איינעם מיט דעם שליח פון ארץ־ישראל, שלמה ליפסקי־תּמיר. עס האָט געדויערט עטלעכע טעג ביז דער באַקאַנטער אַדוואָקאַט דאָקטאָר רופּאַיִין, וואָס איז אויך געווען דער פּאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, האָט אונדז באַפרײַט. די צווייטע שטראָף איז געווען וואָס איך אַליין האָב פּיקטיוו חתונה געהאַט און זיך דערנאָך געמאַטערט אין ארץ־ישראל ביז איך בין פּטור געוואָרן פון מײַן „ווײַב". די דריטע שטראָף איז געווען די שווערסטע, כאָטש זי איז געקומען ערשט מיט פופצן יאָר שפּעטער. אין 1951, ווען איך בין אַרעסטירט געוואָרן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ ווי אַ „ישראלדיקער שפּיאָן" און בין געצוווּנגען געווען אויפצוטרעטן ווי אַן עדות אין דעם באַרימטן סלאַנסקי־פּראָצעס, האָבן מיך די קאָמוניסטישע פאַרשריכטערס געפּלאָגט חדשים־לאַנג איך זאָל זיך מודה זײַן וועגן די פאַרברעכערישע מעשׂים וואָס איך האָב באַגאַנגען אין די דרײַסיקער יאָרן קעגן דער טשעכישער רעפּובליק, בעת איך האָב אויך אַן אומלעגאַלן אופן געהאָלפן די ייִדן אַנטלויפן פון לאַנד.

פאַרשטייט זיך אַז ביזן סוף האָב איך זיך מודה געווען אַז שוין דעמאָלט האָב איך אַלץ געטאָן כּדי אָפּצושוואַכן די טשעכישע רעפּובליק. אין תּוך האָט דער קאָמוניסטישער רעזשים פּײַנט געהאַט די דעמאָקראַטישע רע־פּובליק פון מאַסאַריק און בענעש, אָבער מיך האָט מען באַשולדיקט אַז איך האָב אין די דרײַסיקער יאָרן געוואָלט חרוב מאַכן יענע רעפּובליק. גיי פרעג קשיות אויף קאָמוניסטישער לאָגיק...

די פּיקטיווע חתונות האָבן זיך אויפגעהערט ווען די מאַנדאַטאָרע רעגירונג האָט באַשלאָסן צו געבן באַזונדערע סערטיפיקאַטן פאַר מיידלעך. דאָס האָבן געפּועלט די אַנפירנדיקע פּרויען פון דער מועצת־הפּועלות אין ארץ־ישראל. אין שפּיץ פון דער אַקציע איז געשטאַנען עדה פישמאַן־מימון, די באַקאַנטע אַרבעטער־פירערין אין ארץ־ישראל. זי האָט אירע פאָדערונגען באַזירט אויף רעליגיעזע און מאָראַלישע סיבות. זי האָט געטענהט אַז די פּיקטיווע חתונות האָבן געבראַכט צו פּערזענלעכע טראַגעדיעס און האָט דערציילט אַז עס זענען געווען פאַלן ווען מיידלעך זענען פּשוט פאַרגוואַלדיקט געוואָרן אויף דער שיף פון זייערע פּיקטיווע מענער.

עדה פישמאַן־מימון איז געווען אַ מיטגליד אין וועד הפּועל פון דער הסתּדרות. כּדי צו איבערצײַגן די צענטראַלע פון החלוץ אין אייראָפּע אַז אירע פאָדערונגען זענען באַרעכטיקטע, האָט מען זי געשיקט אין שליחות און אַזוי איז זי אויך געקומען קיין מאָראַווסקאַ־אָסטראַוואַ. איך געדענק די זיצונג אין דער צענטראַלע, ווען עדה פישמאַן־מימון האָט מיט איר

חלוצישן פּאַטאָס דערציילט וואָס פּאַר אַן עוולות מיר זענען באַגאַנגען קעגן די מיידלעך פון החלוץ. צווישן די חברים אין דער צענטראַלע איז אויך געווען מאיר לעדערער, דער פּאַרטרעטער פון דער יוגנט־באַוועגונג „תּכלת לבן" אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. ער האָט געהאַט זייער אַ שאַרפע צונג און האָט ליב געהאַט אַ שטאָך צו טאָן. ווען עדה האָט פאַרענדיקט איר רעדע האָט ער זי איראָניש אַ פרעג געטאָן צי זי ווייס בכלל וואָס דאָס הייסט פאַרגוואַלדיקן — (עדה איז געווען אַן אַלטע מויד).

עדה האָט די פראַגע באַטראַכט ווי אַ גראָבקייט און ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג. זי איז ממש אַרײַנגעפאַלן אין היסטעריע און האָט דערקלערט אַז זי וועט נישט ממשיך זײַן די זיצונג אויב דער חבר מאיר לעדערער וועט נישט תּיכּף פאַרלאָזן דעם זאַל. היות לעדערער האָט נישט געוואָלט אַרויסגיין, האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק. מיר האָבן נישט אַפילו באַוויזן צו הערן איר באַריכט וועגן ארץ־ישׂראל און דער הסתּדרות, ווײַל זי האָט תּיכּף פאַרלאָזט דאָס לאַנד.

מעשׂה שׂטן

אין דער צענטראַלע פון החלוץ אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ האָבן זיך מיט דער צײַט אַנטוויקלט מענטשלעכע באַציִונגען צווישן די חברים פון דער אָנפירונג. די שליחים פון ארץ־ישׂראל וואָס האָבן געאַרבעט אין דער צענ־טראַלע — יצחק בן־אַהרן, משה צפּור, יהודה ארז, יהודה טובין, שלמה רוזן, אַריה אופיר, שלמה ליפּסקי און אַ סך אַנדערע זענען געווען חברים אין פאַרשיידענע קיבוצים און מענטשן מיט אַ הויכן קולטורעלן ניוואָ. אויך אונדזערע חברים אין דער צענטראַלע זענען געווען אויסערגעוויינטלעכע מענטשן, געטרײַע און איבערגעגעבענע דער חלוצישער באַוועגונג. אַלע האָבן זיי געהאַט אַ פאַרצווײַגטע אייראָפּעיִשע קולטור. צוליב אָט די סיבות איז די טשעכישע צענטראַלע פון החלוץ געוואָרן אַ שם־דבר. פון די חברים אין דער צענטראַלע וויל איך דערמאָנען נאָר צוויי, וואָס זענען אין צווישן אומגעקומען אויף אַ טראַגישן אופן אין ארץ־ישׂראל: יהושע פרידמאַן, שפּעטער פּדון, פון קבוץ ניר דוד און מאיר לעדערער, שפּעטער למד, פון קבוץ נאות מרדכי. ביידע זענען געקומען פון רײַכע משפּחות — איינער פון אַ שטרענג אָרטאָדאָקסיש הויז און דער צווייטער פון אַן אַסימילירטער משפּחה. ביידע האָבן איבערגעלאָזט זייערע טאַטע־מאַמע און געהייליקט זייער לעבן דער חלוצישער באַוועגונג. זיי זענען ביידע געווען אויסערגע־

ווינטלעך פּעיִק און האָבן געוווּנען די סימפּאַטיע פון אַלע חלוצים, אָן אַן אונטערשייד פון דער פּאַרטייִשער צוגעהעריקייט.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט איז די אַרבעט אין אונדזער צענטראַלע צוגעגאַנגען אויף אַ האַרמאָנישן אופן און די חלוצישע באַוועגונג איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. איז דאָס ווײַזט אויס דעם שׂטן נישט געפעלן געוואָרן. הייִתּכן? לעבן אין שלום אָן מחלוקת? און אין וואַרשע, אין דער וועלט־צענטראַלע פון החלוץ, האָבן זיך געפונען שליחים וואָס זאָלן העלפן דעם שׂטן און דערפירן צו מחלוקת. די דאָזיקע שליחים האָבן נישט געקענט שלום מאַכן מיטן פאַקט אַז עס זענען פאַראַן חלוצישע צענטערס, ווי למשל אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און אין רומעניע, ווו דער השומר הצעיר איז דאָס רוב. זיי האָבן געמאַכט אַ חשבון אַז ווּעדליק דעם וווּקס פון דער חלוצישער באַוועגונג, בפרט פון „אַלגעמיינעם החלוץ" וואָס איז כּלומרשט געלעגן בײַ מפּא"י אין קעשענע, קען מען דערגרייכן אין גאַנץ אייראָפּע אַן אַבסאָלוטע מערהייט און אַזוי אַרום באַהערשן די וועלט־צענטראַלע פון החלוץ. דערפאַר האָבן זיי באַשלאָסן אין משך פון דרײַ חדשים דורכצופירן וואַלן אין דער חלוצישער באַוועגונג איבער גאַנץ אייראָפּע. דער השומר הצעיר ווידער האָט מורא געהאַט פאַר אַזעלכע וואַלן, ווײַל ער האָט געוווּסט אַז אין גרעסטן טייל פון אייראָפּע געפינען זיך די צענטראַלן פון החלוץ אונטער דער השפּעה פון מפּא"י, אָדער בעסער געזאָגט פון די מפּא"ישע שליחים פון ארץ־ישׂראל, וואָס ווערן געשטיצט דורכן ועד הפּועל פון הסתדרות אין ארץ־ישׂראל. איז דער השומר הצעיר געווען קעגן די וואַלן און האָט פאָרגעשלאָגן אַ וועלט־קאָנפערענץ צו וועלכער די דעלעגאַטן זאָלן באַשטימט ווערן לויטן סטאַטוס־קוואָ וואָס באַשטייט שוין זינט יאָרן אין החלוץ.

דער פאָרשלאָג פון השומר הצעיר איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן און די וועלט־צענטראַלע האָט פּראָקלאַמירט וואַלן. ווי אַן ענטפער דערויף האָט די אייבערשטע אָנפירונג פון השומר הצעיר באַשלאָסן אַרײַנצודרינגען אין די פיליאַלן פון החלוץ און אין די הכשרה־גרופּעס פון אַלגעמיינעם החלוץ, כּדי זיי צו אָרגאַניזירן אין אַ נײַער חלוצישער באַוועגונג מיטן נאָמען „גוש משמר חלוצי". אָנפירן מיט דער דאָזיקער נײַער באַוועגונג האָבן געדאַרפט די שליחים פון השומר הצעיר. זייער אויפגאַבע איז געווען אויפצושטעלן אין דער נײַער אָרגאַניזאַציע קיבוצישע קערן וואָס זאָלן זיך שפּעטער, אין ארץ־ישׂראל, אָנשליסן אין דעם קיבוץ הארצי פון השומר הצעיר ווי זעלבשטענדיקע קיבוצים, אָדער ווי דערגאַנצונגען אין די פאַראַנענע קיבוצים פון השומר הצעיר.

מרדכי אורן פון קיבוץ מזרע האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן דעם „גוש משמר חלוצי״ אין די הכשרה־גרופּעס פון דײַטשן החלוץ, וואָס איז איבערגעפירט געוואָרן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ נאָך דעם ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, און מיר האָט די אייבערשטע אָנפירונג געהייסן טאָן די זעלבע אַרבעט אין טשעכישן החלוץ. איך בין צוגעטראָטן צו אָט דער אַרבעט מיט זייער אַ שווערן האַרץ, ווײַל איך האָב געוווּסט אַז דאָס קען זײַן אַ קלאַפּ פאַר דער גאַנצער חלוצישער באַוועגונג. איך האָב אויך געוווּסט אַז דאָס וועט פירן צו אַ ביטערן קאַמף צווישן מיר און מײַנע גוטע חברים וואָס זענען מיר געווען זייער טײַער און איך האָב זיי הויך געשאַצט אין אונדזער בשותּפותדיקער אַרבעט.

סוף־כּל־סוף האָב איך געגעבן מײַן הסכּמה, אָבער נאָר דערפאַר ווײַל איך האָב געגלייבט אַז מיר וועלן מקיים זײַן אונדזערע הבטחות פאַר די סתּם חלוצים וואָס פאַרבינדן זיך מיט אונדז. איך האָב געגלייבט אַז דער השומר הצעיר וועט עפענען די טויערן פון קיבוץ הארצי אין ארץ־ישׂראל פאַר די חברים פון החלוץ, פאַר וועלכע זיי זענען געווען ביז אַהער פאַר־שלאָסן.

הגם עס זענען שוין פאַרגאַנגען אַזוי פיל יאָר פון יענע געשעענישן, וויל איך נאָך הײַנט בפירוש באַטאָנען אַז ווען איך זאָל דעמאָלט געווען האָבן דעם מינדסטן ספק אַז דער השומר הצעיר וועט אײַנהאַלטן זײַנע הבטחות פאַר די סתּם חלוצים, וואָלט איך קיין מאָל נישט מסכּים געווען צו צעברעכן די פאַראַנענע ראַמען. ווען איך זאָל דעמאָלט געווען טראַכטן אַז אונדזערע הבטחות פאַר די סתּם חלוצים זענען נישט מער ווי אַ פּאָליטישע מאַכינאַציע כּדי צו פאַרמײַדן די וואָלן אין החלוץ, וואָלט איך געווען געקעמפט מיט אַלע כּוחות קעגן אַזאַ באַשלוס און וואָלט זיך נישט געווען געשראָקן עפנט־לעך אַרויסצוטרעטן קעגן דער אָנפירונג פון השומר הצעיר.

ס׳רוב סתּם חלוצים זענען געקומען פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד און איך בין געווען זייער נאָענט צו זיי. זיי האָבן אין מיר געזען אַ מין „סתּם השומר הצעיר״, זייערס אַן אייגענעם, וואָס האָט זיך נישט פאַר קיין מיוחס. דאָס האָט שטאַרק פאַרגרינגערט מײַן אַרבעט. ווען זיי האָבן געהערט אַז איך שטיי אין שפּיץ פון „גוש משמר חלוצי״ האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אין דער נײַער באַוועגונג, נישט נאָר פּיליאַלן, נײַערט גאַנצע הכשרה־גרופּעס. די צענטראַלע פון טשעכאָסלאָוואַקישן החלוץ איז פּלוצעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַכטפעלד ווו עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ברוטאַלע סצענעס.

דער השומר הצעיר האָט מיט זײַן פּלאַן צו אָרגאַניזירן דעם „גוש משמר

חלוצי״ געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעכע הצלחה אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, רומעניע און גאַליציע, אויף אַזוי ווײַט אַז די וועלט־צענטראַלע פון החלוץ אין וואַרשע איז געצוווּנגען געווען מבטל צו מאַכן די וואַלן און אָפּצוהאַלטן די וועלט־קאָנפערענץ פון החלוץ לויטן סטאַטוס קוואָ, ווי דער השומר הצעיר האָט געפאָדערט.

די אַרבעט אין דער צענטראַלע איז שוין נישט געווען דאָס זעלבע ווי פריִער, הגם מיר האָבן געפּרוּווט פאַרגעסן די צרות וואָס מיר האָבן גורם געווען איינער דעם צווייטן. מיר איז באַזונדערש שווער געווען, ווײַל איך האָב זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די חברים וואָס איך האָב אָרגאַניזירט אין „גוש משמר חלוצי״ און האָב ממשיך געווען צו זאָרגן פאַר זיי ביזן טאָג ווען איך בין עולה געווען.

ווען איך בין אַוועקגעפאָרן האָב איך זיך געזעגנט מיט די חברים פון „גוש משמר חלוצי״ און זיי געווּנטשן זיך צו באַגעגענען אין ארץ־ישׂראל אין קיבוץ הארצי פון השומר הצעיר און איך האָב פון גאַנצן האַרצן געגלייבט אַז מײַן ברכה וועט מקוים ווערן. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען די חברים פון „גוש משמר חלוצי״ האָבן אָנגעהויבן קומען קיין ארץ־ישׂראל האָב איך זיך ערשט דערוווּסט אַז די אָנפירערס פון קבוץ הארצי זענען נישט גרייט מקיים צו זײַן זייערע הבטחות און זיי ווילן נישט אויפנעמען די חברים אין זייערע ראַמען. דאָס האָט מיך פּשוט אויפגעטרייסלט און אַרויסגעבראַכט פון די כּלים. שפּעטער איז דאָס געווען איינע פון די וויכטיקסטע סיבות איבער וועלכע איך בין אַרויסגעטראָטן פון קיבוץ.

עליה פאַר אַלע

אין השומר הצעיר פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ זענען דעמאָלט געווען חברים וואָס האָבן געפאָדערט אַז די באַוועגונג זאָל זיי דערלויבן צו פאַרענדיקן זייערע אַקאַדעמישע לימודים איידער זיי גייען אין הכשרה. אין דער אָנפירונג איז פאָרגעקומען אַ גרויסער וויכּוח בנוגע אָט דער פּראָבלעם און לסוף האָט מען באַשלאָסן צו פאָדערן פון די חברים זיי זאָלן תּיכּף אַרײַנגיין אין הכשרה און נישט ממשיך זײַן די לימודים זייערע. די אָנפירונג האָט געטענהט אַז אויב די חברים וועלן בלײַבן יאָרן־לאַנג אין חוץ־לאָרץ וועלן זיי פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט דער באַוועגונג און ביזן סוף וועלן זיי בכלל נישט מער עולה זײַן קיין ארץ־ישׂראל. אַחוץ דעם האָבן די טשעכישע קיבוץ־קערן אין ארץ־ישׂראל געפאָדערט מען זאָל וואָס גיכער שיקן פאַרשטאַרקונג, כּדי זיי זאָלן זיך קענען קאָנסאָלידירן.

אויפֿן סמך פֿון אָט דעם באַשלוס האָב איך אָפּגעוואָרפֿן די בקשה פֿון דער חברטע אַלישבע גאָלדמאַן, וואָס האָט געבעטן מען זאָל איר דערלויבן צו פֿאַרענדיקן אירע מעדיצינישע שטודיעס, און האָב פֿון איר געפֿאָדערט זי זאָל זיך תּיכּף אײַנאָרדענען אין הכשרה. אַלישבע האָט אָנגענומען דעם באַשלוס פֿון דער באַוועגונג, האָט איבערגעריסן די לימודים און איז געקומען אין דער הכשרה־גרופּע קיין מאַראַוּוסקאַ־אָסטראַווע.

ווען איך האָב זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט אַלישבע גאָלדמאַן, האָב איך געפֿילט אַז דאָס איז די פּרוי וועגן וועלכער איך האָב געחלומט. איך האָב זיך געפּרוּווט דערנענטערן צו איר און איר אַרויסווײַזן מײַן אינטערעס, אָבער דאָס איז מיר נישט אָנגעקומען גרינג. ערשטנס, איז אַלישבע געווען איינע פֿון די קעמפּערינס פֿאַר פֿרויען־גלײַכבאַרעכטיקונג און דערפֿאַר האָט זי נישט געוואָלט מען זאָל זיך צו איר באַציִען אַנדערש ווי צוי די אַנדערע מיידלעך. צווייטנס, האָט זי געהאַט אַ דורכויס נעגאַטיווע באַציִונג צו די אָנפֿירערס, די „באָסן", ווי מען האָט זיי דעמאָלט גערופֿן אין השומר הצעיר. פֿאַר איר בין איך געווען אַ „באָס". איך האָב אָפּגעוואָרפֿן איר בקשה ווײַטער צו שטודירן און האָב זי געסטראַשעט אַז אויב זי וועט נישט פֿאָרן תּיכּף אין הכשרה, וועל איך זי אויסשליסן פֿון דער באַוועגונג.

וואָלט איך נישט געווען אַן עקשן וואָלט איך זיך מתיאש געווען פֿון די קעסט וואָס זי האָט מיר געגעבן אין אָנהייב. אַזוי ווי איך בין אָבער בטבע אַן עקשן האָב איך נישט נאָכגעלאָזט אין מײַנע פּרוּוון זיך צו דערנענטערן צו אַלישבען. איך האָב נישט געברויכט אַ סך כּדי צו זען אַז זי איז אינטעליגענט און קלוג. איך האָב זיך איבערצײַגט אַז מיט איר שׂכל־הישר פֿאַרשטייט זי אויסגעצייכנט זיך צוצוהערן צו יענעמס רייד און נאָר דעמאָלט אַרויסצוזאָגן די אייגענע מיינונג, ווען זי פֿילט אַז זי איז ריכטיק. זי האָט אויך געהאַט אַ באַזונדערן טאַלאַנט צו אַנאַליזירן געשעענישן און איר קריטיק איז געווען שאַרף ווי אַ חלף.

איך האָב באַלד פֿאַרשטאַנען אַז אַלישבע איז נישט פֿון די מיידלעך וואָס מען „דעראָבערט אין שטורעם". מען דאַרף צו איר אַ סך אויסדויער, ערלעכקייט און לאָגיק. זי מוז קודם־כּל אַליין קומען צו דעם באַשלוס אַז דער מענטש וואָס וויל זיך דערנענטערן צו איר איז טאַקע אירס גלײַכן. איך בין גליקלעך וואָס איך האָב אויסגעקליבן דעם דאָזיקן וועג, ווײַל נאָר אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך געשאַפֿן צווישן אונדז די פֿאַרבינדונג וואָס האַלט אָן ביזן הײַנטיקן טאָג.

אויב איך האָב זוכה געווען אין מײַן שטורמישן לעבן צו גליקלעכע שעהען,

איז געווען נאָר אַ דאַנק אלישבען. זי איז דורכגעגאַנגען לעבן מיר שבעה מדורי גיהנום, אָבער תּמיד האָט זי אַלץ איבערגעטראָגן מיט שטאָלץ. איך בין איר נישט ווינציק שולדיק דערפאַר. וואָס עס טוט מיר עד־היום באַנק איז וואָס איך בין געווען אַ שותּף צו דעם באַשלוס אַז אלישבע זאָל איבער־רײַסן אירע לימודים. אַ שאָד וואָס די באַוועגונג איז דעמאָלט געווען אַזוי בלינד און האָט נישט פאַרשטאַנען אַז עס וועט קומען אַ צײַט ווען די קיבוצים וועלן זיך נייטיקן אויך אין אַקאַדעמיש געבילדעטע. נאָך אַ גרעסערער שאָד וואָס דאָס האָט געטראָפן אלישבען, וואָס וואָלט בלי־ספק געווען אַ גוטע מעדיצינערין און וואָלט געהאָלפן מענטשן אין זייער נויט.

ז

עליה, קיבוץ

אלישבע איז עולה געווען נאָך אַ פיקטיווער חתונה מיט מײַן בעסטן חבר, יהושע פרידמאַן ז״ל. סוף 1935 האָב איך אויך באַשלאָסן עולה צו זײַן. פאַר דעם אָװעקפאָרן האָב איך זיך נאָך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ פון טשעכאָסלאָוואַקישן החלוץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין מונקאַטש, און זיך דאָרטן געזעגנט פון דער באַוועגונג. איך בין געווען צעטומלט ווען איך האָב געהערט די ליבגעזאָגנגען וואָס פשוטע חברים האָבן מיר געזונגען און האָב זיך צו גלײַך געפרייט וואָס מיר איז געראָטן זיך צו שאַפן אַזעלכע גוטע פרײַנד. איך האָב אויך געהאַט אַ גוט געפיל וואָס איך בין מצליח געווען אין מײַן אַרבעט און האָב קיין מאָל נישט פאַרגעסן אַז איך בין בלויז אַ שליח ציבור.

מײַן אַרבעט אין דער צענטראַלע האָט איבערגענומען דער חבר מאירקע גראָסמאַן. איך האָב אים גוט געקענט און האָב געוווּסט אַז ער וועט זי אויס־פירן מיט יושר און אמונה. איך האָב אײַנגעפּאַקט מײַנע צוויי טויזנט ביכער, ווײַל עפּעס אַנדערש האָב איך נישט פאַרמאָגט, און בין געפאָרן קיין טריעסט, כּדי פון דאָרטן ממשיך צו זײַן דעם וועג קיין ארץ־ישׂראל מיט דער שיף „ירושלים״. אין פאַרגלײַך מיט די שיפלעך פון דער עליה ב׳ איז דאָס געווען אַ לוקסוס־שיף. עס זענען מיטגעפאָרן אַן ערך פינף הונדערט חלוצים פון אייראָפּעיִשע לענדער, צווישן וועלכע אויך די טשעכאָסלאָוואַקיי. ווי באַלד די שיף האָט פאַרלאָזט דעם האַפן האָבן מיר זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מין חלוצישן קיבוץ, אָן חילוק פון פאַרטייען און וועלטבאַנעם.

די פאַר טעג אויף דער שיף זענען פאַר מיר געווען אַ תענוג, ווי איך האָב שוין זינט יאָרן נישט געהאַט. די שיינע לבנה־נעכט האָבן אויפגעמונטערט אונדזערע יונגע הערצער צו געזאַנג און טאַנץ. פון איין זײַט

האָבן די חברים אין דער האָראַ געשריִען „לא עייפנו״ — מיר זענען נישט מיד — און פון דער צווייטער זײַט האָבן אַנדערע געענטפערט: „כן עייפנו״ — מיר זענען יאָ מיד. אַזוי איז געגאַנגען נאָכט נאָכט.

מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל פון יציאת־מצרים און געווען איבערצײַגט אַז דער גורל פון ייִדישן פאָלק איז ענג פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל. נאָר דאָרטן קען געהאָלפן ווערן דאָס ייִדישע פאָלק פון אַלע זײַנע צרות. ווען מיר האָבן פון ווײַטן דערזען דעם כרמל האָבן מיר פאַר פרייד אויסגערופן מיט אַלע כּוחות: עם ישראל חי! אין פּאָרט האָבן די מענטשן וואָס זענען געקומען אונדז מקבל־פּנים זײַן, אין איינעם מיט די אַרבעטער פון האַפן זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזער געזאַנג און עס האָט זיך אונדז אויסגעוויזן אַז דער גאַנצע ייִשוב פון ארץ־ישראל איז געקומען אונדז אויפנעמען, כּדי אונדז צו באַווײַזן אַז מיר זענען אַלע איין פאָלק מיט איין גורל.

מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט די חברים פון קיבוץ וואָס זענען געקומען מיך מקבל פּנים זײַן אין חיפה, און צווישן זיי אלישבע, איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע איבערלעבונג. און דערנאָך דאָס וואַרעמע קבלת־פּנים אין קיבוץ. איך האָב זיך געפילט גליקלעך צו זײַן סוף־כּל־סוף אין דער היים. דער קיבוץ ב׳ פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ האָט זיך דעמאָלט געפונען אין חיפה, אין בת־גלים. ער איז באַשטאַנען פון אַ צאָל געצעלטן און איין הילצערנעם צריף, וואָס האָט געדינט פאַר אַן עסצימער און אַ זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען. די אַרבעטס־באַדינגונגען זענען געווען זייער שווער און אונדזער קיבוץ האָט געלעבט פון דראָבערטער אַרבעט אין חיפהר פּאָרט.

איידער דער קיבוץ האָט מיך אײַנגעאָרדנט אויף טאָג־טעגלעכער אַרבעט האָב איך באַקומען עטלעכע טעג אורלויב, אין איינעם מיט אלישבען, וואָס האָבן געדאַרפט זײַן אונדזער האָניק־חודש, און מיר זענען אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבערן לאַנד. מיר האָבן וויזיטירט קיבוצים, זענען געווען אין פאַרשיידענע ערטער און בעיקר אין ירושלים. אומעטום האָבן מיר באַגעגנט חברים און באַקאַנטע פון דער חלוצישער באַוועגונג אין דער טשעכאָסלאָ־וואַקײַ אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. אַלע האָבן אונדז זייער וואַרעם אויפ־גענומען און צוגעגרייט פאַר אונדז מסיבות. אַלץ איז געווען שיין ווי אין חלום.

מיר זענען צוריקגעקומען אין קיבוץ און איך האָב זיך געמאָלדן בײַם חבר וואָס אָרדנט אײַן די אַרבעט. איך האָב, פאַרשטייט זיך, אַ ביסל מורא געהאַט פאַרן איבערגאַנג פון אָרגאַניזאַטארישער אַרבעט צו פיזישער אַרבעט. אָבער איך בין געווען זיכער אַז די חברים אין קיבוץ וועלן מיר העלפן גובר זײַן די

שווערקייטן. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט אַז אין קיבוץ איז פאַראַן אַ מינהג אָפּצוטאָן אַ שפּיצל די נײַע עולים, בפרט אַזעלכע וואָס זענען אין חוץ־לאָרץ געווען „דזשאָבניקעס" אָדער אָנפירערס.

דעם ערשטן טאָג האָב איך געאַרבעט בײַ בויאַרבעט, אין איינעם מיט אַנדערע חברים, בײַ אַ פּריוואַטן אונטערנעמער. איך האָב געדאַרפט העלפן צוויי טינקערס וואָס האָבן געאַרבעט אויף די רישטאָוואַניעס, זיי דערלאַנגען די בעטאָן־מישונג אין עמערס. דעמאָלט האָט מען כמעט אַלע אַרבעטן געטאָן מיט די הענט. ווי מען האָט מיר אָנגעפילט די צוויי עמערס מיט בעטאָן, מיט „טיט" ווי מען האָט דאָס גערופן, האָב איך מיט זיי געדאַרפט אַרויפקריכן אויף די רישטאָוואַניעס ביזן אייבערשטן שטאָק און זיי דאָרט אויסליידיקן אין אַ קאַסטן וואָס איז געשטאַנען לעבן די טינקערס.

איך האָב נישט געוווּסט אַז מען טאָר נישט אָנרירן דעם בעטאָן מיט די הוילע הענט, אַז מען דאַרף זיך באַנוצן מיט גומע־הענטשקעס, אַניט פאַר־ווונדיקט מען זיך די הענט. די טינקערס, וואָס זענען געווען חברים אין קיבוץ, האָבן מיר דאָס נישט געזאָגט און מיך געלאָזט אויסקראַצן מיט די הוילע הענט דעם בעטאָן פון די עמערס. אַזוי בין איך דעם ערשטן טאָג געלאָפן מיט די פולע עמערס אויף די רישטאָוואַניעס און האָב קוים געוואַרט די אַרבעט זאָל זיך ענדיקן. ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין קיבוץ בין איך מיט אַלע חברים געגאַנגען אין אונדזער פּרימיטיוון טושבאָד. דאָס וואַרעמע וואַסער האָט טאַקע אַראָפּגערייניקט דעם שמוץ, אָבער אין איינעם מיטן שמוץ איז אויך אַראָפּ די הויט פון מײַנע פינגער. דאָס איז געווען דאָס אַכזריותדיקע שפּיצל וואָס די חברים פלעגן אָפּטאָן נײַע עולים, און בפרט אַזעלכע וואָס זענען געווען אין דער אָנפירונג פון דער באַוועגונג. מיר דאַכט זיך אַז אָט דער נאַרישער מינהג איז געווען אַ נקמה פון חברים וואָס זענען נישט בכוח געווען צו דערגרייכן אַ פּאָזיציע אין דער אָנפירונג און זענען דווקא מצליח געווען אין ארץ־ישׂראל, בײַ פיזישער אַרבעט. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי געוואָלט באַווײַזן זייער העכערקייט. מיט דער צײַט האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז די אַמאָליקע „דזשאָבניקעס" קענען זייער שטעטל באַשטיין אויך בײַ פיזישער אַרבעט.

אין בין עטלעכע טעג אַרומגעגאַנגען מיט פאַרבונדענע הענט און נישט געקענט גיין צו דער אַרבעט. דאָס שפּיצל וואָס מען האָט מיר אָפּגעטאָן האָט מיך פאַרשטייט זיך, פאַרדראָסן, אָבער אין גיכן האָב איך אין דעם פאַרגעסן. איך בין געוואָרן אַ גוטער אַרבעטער און בין גערן געגאַנגען אויף „כּיבוש עבודה" — באַצווינגען די אַרבעט — ווי מען האָט דאָס גערופן, סײַ אין

חיפהר פאָרט ווי אַ טרעגער, ווו מיר האָבן זיך געדאַרפט פאַרמעסטן מיט די שוואַרץ־אַרבעטער פון חורן, סײַ בײַם בויען פון הײַזער און שאָסייען.

אַלע יאָרן וויפל איך בין געווען אין קיבוץ האָב איך זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם מינהג אָפּצוטאָן שפּיצלעך די נײַע עולים, בפרט ווען דאָס האָט גורם געווען פיזישע ליידן. איך האָב זיך נאָר באַטייליקט אין אַזעלכע שפּיצלעך, ווען זיי זענען געמאַכט געוואָרן מיט טעם און מיט חן. איך געדענק עד־היום אַ שפּיצל וואָס מיר האָבן אָפּגעטאָן אַ חבר, וואָס איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דער צענטראַלער אָנפירונג אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ.

אין יענער צײַט האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין ארץ־ישׂראל אויפגע־הויבן דעם קאָפּ און געפּרוווט אַרײַנצודרינגען אין קיבוצים, בפרט פון השומר הצעיר. די קיבוצישע באַוועגונג האָט געפירט אַ ביטערן קאַמף קעגן אָט דעם פּרווו און איז אין אַ סך פאַלן געווען געצוווּנגען אויסצושליסן פון קיבוץ חברים וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון די קאָמוניסטן און גע־שטעלט אין סכנה אונדזער עקסיסטענץ. דער חבר וועלכן איך האָב דערמאָנט האָט זיך דערוווּסט, בײַ זײַן אָנקומען אין לאַנד, וועגן דעם דאָזיקן קאַמף און וועגן דעם פאַקט אַז עס זענען פאַראַן חברים וואָס קעמפן קעגן דער באַוועגונג אין די קיבוצים. הגם דאָס האָט אים זייער ווי געטאָן, האָט ער געטראַכט אַז ער דאַרף זיך צו ערשט אַקלימאַטיזירן אין קיבוץ, איידער ער וועט אַרויסזאָגן זײַן מיינונג. פאַר נאָענטע חברים האָט ער אָבער גע־טענהט אַז דער קיבוץ איז שולדיק אין דעם דאָזיקן פענאָמען, ווײַל ער האָט נישט אָפּגעגעבן דאָס געהעריקע אָרט פאַר ציוניסטישער דערציִונג. דאָס האָט דערפירט צו אַ פּאָליטישער צעטומלונג פון באַשטימטע חברים.

די גוטע חברים זײַנע האָבן מיט אים נישט דיסקוטירט, אָבער זיי האָבן באַשלאָסן אים אָפּצוטאָן אַן אָריגינעל שפּיצל. זיי האָבן אויפגעקלעפּט אַן אויפרוף אין עסצימער, אַז אַלע חברים ווערן פאַרבעטן נאָכן אָוונטברויט אויף אַ דרינגלעכער זיצונג, ווו מען וועט דיסקוטירן וועגן די חברים א. און ד. וואָס ווילן פאַרלאָזן דעם קיבוץ. דער אויפרוף האָט מחייב געווען אַלע חברים צו קומען אויף דער זיצונג.

אונדזער חבר איז געווען אין גאַנצן אויפגעקאָכט, ווײַל די חברים א. און ד. זענען אין חוץ־לאָרץ געשטאַנען אין שפּיץ פון דער באַוועגונג און אויך אין קיבוץ האָבן זיי פאַרנומען זייער אַ בכבודיק אָרט. ער האָט אָבער אויף זיך גוזר געווען צו שווײַגן. אין אָוונט, בײַ דער זיצונג, איז ער געזעסן און האָט זיך צוגעהערט ווי אָט די צוויי חברים זידלען דעם השומר הצעיר און דעם קיבוץ. עס האָט אים ווי געטאָן איטלעכס וואָרט זייערס, אָבער

ער האָט געשוויגן. ווען די חברים וואָס האָבן אָרגאַניזירט די שפּיל האָבן געזען אַז דער בחור רירט זיך נישט, האָבן זיי געמאָנט אַ וואָרט און זענען אויך אָנגעפאַלן אויף אַ ברוטאַלן אופן אויף דער באַוועגונג און דערקלערט אַז זיי שליסן זיך אָן אין די חברים וואָס ווילן פאַרלאָזן דעם קיבוץ. דאָס האָט אונדזער חבר נישט מער געקענט אויסהאַלטן. ער האָט אויך געמאָנט דאָס וואָרט און האָט געהאַלטן אַ פּײַערדיקע ציוניסטישע רעדע, ווי מיר זענען געווינט געווען צו הערן אין חוץ־לאָרץ. ער האָט געלויבט דעם השומר הצעיר ביזן הימל אַרײַן, ווי בײַ די אַמאָליקע „שיחות" אין קן. קיינער האָט אים נישט איבערגעריסן, מען האָט אים געלאָזט רעדן ביז ער איז כמעט צוזאַמענגעפאַלן. און ווען ער האָט פאַרענדיקט זענען אַלע חברים אויפגעשטאַנען און האָבן געזונגען די „תּחזקנה", אונדזער הימען. מיט די לעצטע כּוחות האָט זיך אונדזער חבר אָנגעשלאָסן אין געזאַנג. ער איז געווען איבערצײַגט אַז דער ספּאָנטאַנער געזאַנג איז אַ פּועל־יוצא פון זײַן פלאַמענ־דיקער רעדע און אַן אויפגעטרייסלטער האָט ער דערקלערט אַז ער איז גליקלעך וואָס ער איז עולה געווען אין ריכטיקן מאָמענט צו ראַטעווען דעם קיבוץ. דאָ האָבן זיך אַלע שטאַרק צעלאַכט און אים געגעבן צו פאַרשטיין אַז אַלץ איז נאָר געווען אַ צוגעגרייטע שפּיל, אַזאַ מין שפּיצל פאַר אַ נײַעם עולה. וואָכן־לאַנג האָט מען נאָך געלאַכט פון דער זיצונג און דער נײַער חבר האָט אַ לאַנגע צײַט זיך נישט מער באַוויזן בײַ די „שיחות" פון קיבוץ.

געצעלטן

מיר זענען געווען יונג, פול מיט לעבן און האָבן געגלייבט באמונה שלמה אין דער גערעכטיקייט פון דעם קיבוצישן וועג. מיר האָבן זיך געפילט ווי חלוצים, פּיאָנירן, און געווען זיכער אַז דאָס ייִדישע פאָלק וועט אונדז נאָכ־קומען קיין ארץ־ישראל, ווײַל עס האָט נישט קיין אַנדערן וועג. הײַנט דערלויב איך זיך צו זאָגן, אַז ווען נישט דער שטאַרקער בטחון וואָלטן מיר דעמאָלט נישט געקענט גובר זײַן די שוועריקייטן וואָס זענען אונדז געשטאַ־נען אין וועג. נאָר אַ דאַנק דעם שטאַרקן גלויבן האָבן מיר באַוויזן צו פאַריאָגן די צרות מיט טאַנץ און מיט געזאַנג.

מיר זענען אַוועק פון בת־גלים און איבערגעפירט אונדזערע געצעלטן אויף דער צווייטער זײַט פון די רעלסן, בײַ דער גרענעץ פון קרית חיים, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן בויען. אין בת־גלים איז דער פּלאַץ געווען ענג און אויף דעם נײַעם פּלאַץ האָבן מיר געהאַט מער פּערספּעקטיוון צו באַקומען אַרבעט אין די נײַע קריות — קרית חיים און קרית מוצקין.

מיר האָבן אויפגעשטעלט אונדזער מחנה אויף זאַמדבערג וואָס האָבן זיך געצויגן פון ים־ברעג ביז קיין עכּו. נישט איין מאָל האָבן די זאַמדשטורעמס איבערגעקערט אונדזערע געצעלטן אין די נעכט. אַרום אונדז איז געווען אַ גרויסע זאַמדיקע פּוסטקייט און דער דינער זאַמד איז אַרײַנגעדרונגען אין די געצעלטן, אין גוף און אין די טעפּ.

נישט געקוקט אויף די שוועריקייטן האָבן מיר זיך באַמיט צו פירן אַן אָרנטלעך געזעלשאַפטלעך לעבן. יעדער חבר האָט בײַ זײַן געצעלט געמאַכט אַ קליין בלומען־גערטנדל. צווישן די געצעלטן האָבן מיר געמאַכט סטעשקעס, דער צוגאַנג זאָל זײַן גרינגער. ביסלעכווײַז האָבן מיר אַרײַנגעבראַכט די ציוויליזאַציע אין דעם מידבר און אונדזער מחנה האָט באַקומען דאָס אויסזען פון אַ באַוווינט אָרט.

אונדזערע שכנים זענען געווען בעדויִנער, וואָס האָבן אויך געוווינט אין זייערע שוואַרצע געצעלטן. דאָס איז געווען אין יאָר 1936, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אומרוען אין לאַנד. מיר זענען געווען דער לעצטער ייִדי־שער ייִשוב אין דער בוכטע פון חיפה. נאַכט פאַר נאַכט האָבן מיר געמוזט אויפשטעלן וועכטערס אַרום אונדזער מחנה און בײַם אַרײַנגאַנג אין די קריות וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין בויען, כּדי צו פאַרמײַדן אַן אָנפאַל פון די אַראַבישע באַנדעס. אין אונדזער מחנה זענען אויך פאָרגעקומען מושטירונגען פון דער הגנה. היות מיר זענען געווען ווײַט פון די ייִשובים איז געווען גרינגער דורכצופירן וואָפן־געניטונגען.

פון אָנהייב אָן האָבן אין אונדזער קיבוץ אויסגעפעלט מיידלעך. אונדזערע מיידלעך האָבן טאַקע געהערט צו דער בעסטער ייִדישער יוגנט אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, אָבער זיי זענען געווען ווייניק אין צאָל און אַלע האָבן נאָך פון דער הכשרה געהאַט חברים מיט וועלכע זיי האָבן אויפגעשטעלט משפּחות ווען זיי זענען געקומען אין לאַנד. איז טאַקע געווען אַן אַקוטע פראַגע ווי אַזוי אויפצובויען נײַע משפּחות, כּדי דאָס לעבן אין קיבוץ זאָל זיך נאָרמאַליזירן. די פּראָבלעם איז געווען אַ שווערע און מיר האָבן געוווסט אַז די לייזונג קען נאָר קומען פון דרויסן. מיר האָבן זיך געוואַנדן צו דעם קיבוץ הארצי אין מרחביה און זיי האָבן אונדז געראָטן מיר זאָלן אויפנעמען אין אונדזער קיבוץ אַ גרופּע פון דער ליטווישער באַוועגונג אין וועלכער דאָס רוב זענען מיידלעך. מיר האָבן אָנגענומען די עצה און אַזוי ווי די ליטווישע גרופּע איז שוין געווען אונטערוועגס האָבן מיר תּיכּף אָנגעהויבן זיך צוצוגרייטן. דער עיקר האָבן די בחורים זיך געשאַרפט די ציין און געהאָפט אַז זיי וועלן געפינען זיווגים און חתונה האָבן.

דער טאָג ווען אונדזער דעלעגאַציע איז געפאָרן קיין חיפה אויפנעמען די ליטווישע גרופּע איז געווען ממש אַ יום־טוב פאַרן גאַנצן קיבוץ. מיר האָבן אַלע אויפגענומען מיט וואַרעמקייט, ווי חברים וואָס געהערן צו דער זעלביקער באַוועגונג. די שטימונג איז אַ ביסל פאַרשטערט געוואָרן ווען אונדזערע חברים האָבן פּלוצעם געזען אַז זיי האָבן נישט קיין בשותּפותדיקע שפּראַך מיט די נײַ־געקומענע. די ליטווישע חברים האָבן כּמעט אַלע גע־ענדיקט העברעיִשע שולן און האָבן גערעדט גוט עברית אָדער ייִדיש. אונדזערע חברים פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ האָבן נאָך קיין גוט עברית נישט געקענט און ייִדיש אַוודאי נישט. זיי האָבן גערעדט אונגאַריש, דײַטש, טשע־כיש און אַ שלעכטן העברעיִש. דאָס האָט באַלד אַוועקגעשטעלט די נײַ־אָנגעקומענע חברים אין אַ העכערער פּאָזיציע און צו מאָל בײַ זיי אַרויס־גערופן אַ געפיל פון גאווה. אַחוץ דעם האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז עס זענען פאַראַן צווישן אונדז אויך אונטערשיידן וואָס שייך געזעלשאַפטלעכע און קיבוצישע פּראָבלעמען. דאָס קלינגט אפשר אויסטערליש לגבי אַ באַוועגונג ווי דער השומר הצעיר, אין וועלכער עס האָט געהערשט דער פּרינציפּ פון אַ קאָלעקטיווער אידעאָלאָגיע, אָבער דאָס איז דער אמת. אונדזערע חברים פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ זענען דאָס רוב געקומען פון פאַרמעגלעכע הײַזער, פון אַסימילירטע ייִדן אָדער אַזעלכע וואָס זענען געווען נאָענט צו אַסימי־לאַציע. זייער בונט האָט געהאַט קודם־כּל אַ געזעלשאַפטלעכן קלאַסן־כאַראַק־טער און ערשט דערנאָך אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. דערקעגן די ליטווישע חברים זענען געקומען פון מיטלקלאַס, אָדער פון דורכויס אָרעמע הײַזער און זייער בונט איז געווען בלויז אַ נאַציאָנאַלער.

די חברים פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ האָבן זיך געהאַלטן פאַר קאָסמאָפּאָ־ליטישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס שטרעבן צו פאַרבעסערן די גאַנצע וועלט. זיי האָבן זיך באַטראַכט ווי אַן אינטעגראַלער חלק פון דער רעוואָלוציאָנערער וועלט און די קיבוצישע רעם איז פאַר זיי נאָר געווען אַ מין ערשטער טראָט צו דער וועלט־דערלייזונג, צו דער רעאַליזירונג פון סאָציאַליזם. די ליטווישע חברים האָבן אין אַלגעמיין געגלייבט אין סאָציאַליזם, אָבער דער קיבוץ איז פאַר זיי געווען אַ לעבנס־אופן, וואָס דאַרף פירן צו דער באַצוויגונג פון ארץ־ישׂראל און אירע ווײַסטענישן.

די חברים פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ האָבן געגלייבט אַז, ווי רעוואָלוציאָ־נערן, מוזן זיי זיך באַפרײַען פון אַלע געזעלשאַפטלעכע מנהגים וואָס הערשן אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, אַפילו פון דעם לעבנס־שטייגער און דער מאָראַל פון זייערע עלטערן. די ליטווישע חברים דערקעגן, האָבן געוואָלט

ווײַטער אויפהאַלטן די ייִדישע טראַדיציע אָן צו זײַן דערבײַ רעליגיעז. די חילוקי־דעות האָבן זיך אויך אָפּגערופן אויף דער פּראָבלעם פון אויפשטעלן נײַע משפחות אין קיבוץ. די מיידלעך פון דער ליטווישער גרופּע האָבן געוואָלט שטעלן חופּות, בעת אַ טייל פון אונדזערע חברים האָבן דאָס באַטראַכט ווי אַ סימבאָל פונעם עבר.

אָט די חילוקי־דעות האָבן געבראַכט אַ ווידעראַנאַנד און שווער געמאַכט דאָס בשותּפותדיקע לעבן. ווי אַ פּועל־יוצא דערפון האָט זיך יעדע גרופּע געלעבט איר אייגן לעבן און איינע האָט חושד געווען די צווייטע אַז זי וויל באַהערשן דעם קיבוץ. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין אַבסורדע באַשולדיקונגען, ווי למשל אַז די ליטווישע מיידלעך וואָס האָבן געאַרבעט אין קיך גיבן פאַר זייערע ליטווישע חברים בעסערע מאכלים ווי פאַר אונדזערע. עס זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן געשווירן אַז זיי האָבן דאָס אַליין געזען...

דער מצב איז געוואָרן אומדערטרעגלעך און מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָדערן פון קיבוץ הארצי אין מרחביה אַ סוף צו מאַכן צו אונדזער שותּפות און אַרויסצונעמען די ליטווישע גרופּע, הגם ס׳איז נאָך נישט אַריבער דאָס פּרוויאָר. פון מרחביה האָט מען אונדז מודיע געווען אַז אַ חבר פון סעקרעטאַריאַט וועט קומען אויף אַ זיצונג אין קיבוץ און פּרוּוון מאַכן שלום צווישן אונדז.

דער חבר וואָס איז געקומען אויף דער זיצונג איז געווען מאיר יערי בכבודו ובעצמו, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון קיבוץ הארצי. די זיצונג איז געווען אַ שווערע. בעת איין גרופּע האָט געשלײַדערט מיט פעך און שוועבל אויף דער צווייטער, איז דער „רבי״ פון השומר הצעיר, מאיר יערי, געזעסן רויִק און זיך צוגעהערט. צום סוף, ווען אַלע האָבן שוין געהאַט אויסגעשפּיגן זייער סם, איז מאיר יערי אויפגעשטאַנען און האָט געפרעגט צי עס זענען שוין פאַראַן קינדער אין קיבוץ. מיר האָבן געענטפערט אַז קיין קינדער זענען נאָך נישט פאַראַנען. האָט ער געפסקנט אַז מיר מוזן ווײַטער ממשיך זײַן אונדזער שותּפות נאָך אַ יאָר און ווען אין קיבוץ וועלן זיך באַווײַזן קינדער וועט ער ווידער קומען אויף אַ זיצונג און דעמאָלט וועט ער באַשליסן צי דער שידוך בלײַבט שידוך, צי מיר דאַרפן זיך פונאַנדערגיין.

מאיר יערי איז געווען די העכסטע אינסטאַנץ אין השומר הצעיר אויף דער גאָרער וועלט. זײַנעם אַ פסק־דין האָט מען נישט געקענט אָפּוואַרפן. האָבן מיר קיין ברירה נישט געהאַט און ממשיך געווען דאָס בשותּפותדיקע לעבן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מאיר יערי איז געווען גערעכט. אין משך פון

אַ יאָר האָט זיך דער מצב געביטן. מען האָט זיך צוגעוווינט איינער צום צווייטן. עס זענען אויפגעקומען משפחות און עס זענען געבוירן געוואָרן קינדער. וואָס דער שׂכל האָט נישט געקענט טאָן, האָט געטאָן די צײַט. אַ סך פון די סיבות וואָס פלעגן פירן צו סיכסוכים זענען פאַרשוווּנדן. ביזן סוף זענען מיר אַלע מסכּים געווען אָנצורופן אונדזער קיבוץ „צ׳כי־ליטאי״, דהײַנו אַ טשעכיש־ליטווישער, כּדי צו באַטאָנען דאָס בשותּפותדיקע צווישן אונדז און די קעגנזײַטיקע פאַראַנטוואָרטונג.

און אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד פון יענער צײַט: ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט אַז די חברטע ח. איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, הגם אי זי אי דער מאַן אירער האָבן געהערט צו דער טשעכישער גרופּע, איז דער גאַנצער קיבוץ געגאַנגען אויף רעדער. אַלע זענען געווען שטאָלץ, ווי גלײַך זיי וואָלטן געהאַט אַ חלק דערינען. כאָטש אונדזערע מאַלצײַטן זענען דע־מאָלט געווען זייער אָרעמע, האָט די חברטע ח. באַקומען פון כּל־טוב. קיין שום זאַך איז נישט געווען צו טײַער פאַר איר און אַלע האָבן דאָס געטאָן מיט ליבשאַפט און מיט כּבוד.

ווען די געווינערין איז צוריקגעקומען מיטן קינד פון שפּיטאָל איז דער גאַנצע קיבוץ אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, מען זאָל חלילה נישט שטערן די מאַמע מיטן קינד. וואָס שייך דעם נאָמען פאַרן נײַ־געבוירענעם — האָבן טאַטע־מאַמע נישט געהאַט קיין דעה. עס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג מיט דער באַטייליקונג פון אַלע חברים פון קיבוץ און נאָך דעם ווי מען האָט פאָרגעשלאָגן פאַרשיידענע נעמען, האָט מען באַשלאָסן אַז אונדזער קינד זאָל הייסן עוזי. פאַר וואָס עוזי ווייס איך עד־היום נישט. איך געדענק נאָר אַז די זיצונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ גרויסער שׂימחה און מיט אַ שטורמישער הורא.

נאָך עוזין זענען געקומען די עמוסן, די אוריס, די דניס און אַזוי ווײַטער. זיי, די קינדער זענען געוואָרן דער צעמענט וואָס האָט באַפעסטיקט און פאַר־בונדן דאָס קיבוצישע לעבן. ממש ווי אין פּסוק שטייט: דור לדור יביע אומר...

אין משך פון דער צײַט האָט דער קיבוץ נאָך אויפגענומען אַנדערע דער־גאַנצונג־גרופּעס פון פאַרשיידענע לענדער. די סימנים פון ערשטן טשעכישן קערן וואָס האָט געלייגט דעם יסוד פון דעם קיבוץ זענען קענטיק עד־היום, אָבער אין דעם קיבוץ וואָס הייסט הײַנט כּפר מאַסאַריק לעבן חברים פון אַלע תּפוצות. דער קיבוץ צעבליט זיך און אַנטוויקלט זיך פון טאָג צו טאָג. עס איז אַ תּענוג דאָרט צו לעבן און ווער עס קומט אַהין אויף אַ וויזיט ווינטשט אַז אַזאַ לעבן זאָל קומען אויף כּל־ישׂראל.

מיר בויען אַ הויז

איך בין שוין ווידער פאַרלאָפן דעם וועג און עס איז כּדאַי זיך אומצוקערן. מיר געפינען זיך דערווײַל אין „קיבוץ ב׳ פון טשעכאָסלאָוואַקײַ" און מיר קעמפן שווער פאַר אונדזער עקזיסטענץ. לרוב לעבן מיר פון באַצוווּנגענער אַרבעט, וואָס גיט נישט קיין פּרנסה. דערפאַר האָבן מיר באַשלאָסן צו שאַפן אַן אייגענע בויגרופּע וואָס זאָל אָנהייבן אַרבעטן אין די שכונותדיקע קריות און אויף אַזאַ אופן אויסגלײַכן אונדזער טאָג־טעגלעכן בודזשעט. אָבער דערצו זענען נייטיק פאַכלײַט. פון וואַנען נעמט מען זיי? עטלעכע חברים פון קיבוץ, וואָס האָבן אַ קורצע צײַט געאַרבעט אין סולל בונה, האָבן געטענהט אַז זיי קענען די מלאכה און מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן. מיר זענען נאָך דעמאָלט געווען יונג און די פראַגע פון פאַכמענישקייט האָט אונדז נישט געשראָקן. מיר האָבן צונויפגעשטעלט אַ בויגרופּע און זיך אַרויסגע־לאָזט אויף די גאַסן פון קרית חיים און קרית מוצקין ווי אמתע ספּעציאַליסטן, גרייט אויפצונעמען יעדע אַרבעט.

אָן אַ רעקאָמענדאַציע האָט מען אָבער זייער שווער געקענט באַקומען אַרבעט. בעת אונדזערע זוכענישן האָבן מיר באַגעגנט אַ ייִד וואָס האָט געוווינט אין שכונות פון אונדזער געצעלטן־מחנה און פלעג אין די אָוונטן צו אונדז אַרײַנקומען פאַרברענגען די צײַט. ער איז געווען אַ פּאַרוואַלטער פאַר עפּנטלעכע בויאַרבעטן בײַ דער ענגלישער מאַנדאַטאַרער רעגירונג און האָט פאַרמאָגט אַ שטיק גרונט בײַ דער גרענעץ פון קרית מוצקין. מיר האָבן אים פאַרגעשלאָגן אויפצובויען אַ הויז אויף זײַן גרונט, ביליקער ווי דער פּרײַז איז געווען אויפן מאַרק. דער ייִד איז מסכּים געווען און האָט תּיכּף אָנגעהויבן צונויפשלעפּן דאָס נייטיקע מאַטעריאַל פון די רעגירונג־סקלאַדן — אײַזן, האָלץ, צעמענט וכדומה. אין משך פון אַ חודש איז אויפן פּלאַץ געווען פון אַלעם גוטן און מיר האָבן באַלד געקענט צוטרעטן צו דער אַרבעט.

ווער עס האָט געמאַכט דעם בויפּלאַן געדענק איך שוין נישט, מסתּמא אַן אינזשענירער. עס האָט געדאַרפט זײַן אַ הויז מיט פיר צימערן און מיר האָבן עס געוואָלט מאַכן וואָס שענער, כּדי זיך קונה־שם צו זײַן ווי גוטע פאַכלײַט. מיר האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין מאַטעריאַל, וואָס האָט דעם בעל־הבית סײַ ווי גאָרנישט געקאָסט, און אַרײַנגעלייגט דאָס טײַערסטע און בעסטע. מיר זענען געווען זיכער אַזאַ אַזאַ בנין וועט שטיין הונדערט יאָר און קיין שום כּוח וועט אים נישט קענען רירן פונעם אָרט.

ווען די ווענט זענען געווען אויסגעגאָסן האָבן מיר אַרומגעטאַנצט פאַר

פרייד און ווען דער דאָך איז אויך פּאַרטיק געוואָרן האָט זיך דער בעל־הבית אויך אָנגעשטעקט פון אונדזער שימחה און האָט באַשלאָסן צו מאַכן פאַר אונדז אַ קליינע מסיבה אויפן פּלאַץ. ער האָט געלאָזט ברענגען הערינג, גערייכערט פלייש און פּיתּות. ער האָט אויך געשטעלט ביר. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט פונעם הויז, כּדי זיך צו שיצן פון דער זון. מיר האָבן געגעסן, געטרונקען און הנאה געהאַט פון אונדזער אַרבעט.

פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער קראַך. קודם האָבן מיר געמיינט אַז דאָס איז אַן אַראַבישער אָנפאַל. באַלד האָבן מיר אָבער דערזען אַז דער דאָך וואָס מיר האָבן אָקערשט פאַרענדיקט האָט זיך פּשוט אָפּגעריסן פון די ווענט און איז אַרײַנגעפאַלן אינעווייניק צווישן די ווענט. עס איז אונדז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. מיר זענען אָבער באַלד געקומען צו זיך און זיך געפרייט וואָס מיר זענען געזעסן אין דרויסן — ווען מיר געפינען זיך חלילה אינעווייניק ווערן מיר אַלע געהרגעט.

אונדזער ערשטע זאָרג איז געווען אָפּצורייניקן דעם פּלאַץ, עס זאָל קיין סימן נישט בלײַבן, און אַלץ אָנצוהייבן פון דאָס נײַ. דער בעל־הבית האָט זיך באַלד געטרייסט, בפרט ווען מיר האָבן אים געזאָגט אַז מיר וועלן אויפבויען אַלץ פון דאָס נײַ אין דעם זעלבן געלט ווי מיר האָבן באַשטימט. דאָס מאַטעריאַל וואָס איז געגאַנגען לאיבוד האָט אים נישט געאַרט, די סקלאַדן פון דער רעגירונג זענען געווען פול...

דאָס צווייטע מאָל האָבן מיר שוין מצליח געווען. מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ הויז אַן אַנטיק, וואָס שטייט נאָך עד־היום און דאַכט זיך, אַז קיין שום ערד־ציטערניש וועט עס נישט צעטרייסלען. דאָס האָט אונדז באַקאַנט געמאַכט אויפן בוימאַרק אין די קריות און מיר האָבן נאָך אויפגעבויט אַ סך הײַזער וואָס שטייען ביזן הײַנטיקן טאָג, בעיקר אין קרית־מוצקין. אונדזער בויגרופּע האָט אַ סך אַרויסגעהאָלפן דעם קיבוץ ער זאָל זיך קענען שטעלן אויף די פיס.

די בעקערײַ אין קיבוץ

בעת מיר האָבן אויפגעשטעלט אונדזער מחנה אויף די זאַמדיקע בערג פון דער חיפהר בוכטע איז נישט ווײַט פון אונדז, ממש אין קרית חיים, געשטאַנען דער קיבוץ „עין המפרץ" פון השומר הצעיר. די חברים פון דעם דאָזיקן קיבוץ זענען לרוב געווען גאַליציאַנער און זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר ותיקים אין לאַנד, בעת מיר זענען געווען די נײַע עולים. היות זיי זענען

געוועז ווירטשאַפטלעך קאָנסאָלידירט, האָבן זיי זיך צו אונדז באַצויגן ווי צו אָרעמע קרובים אָדער לאַ־יוצלחדיקע יעקעס.

צוויי פון אונדזערע חברים זענען געוועז אויסגעלערנטע בעקערס. האָבן אונדז די חברים פון עין המפרץ פאָרגעלייגט מיר זאָלן ווערן שותּפים צו זייער בעקערײַ, וואָס האָט אַפּראָוויזיאָנירט מיט ברויט די ייִדישע ישובים ביז קיין נהריה. דאָס איז געווען אַ גוטע פּרנסה, מיט אַ שיינעם רווח, וואָס האָט אונדז דערלויבט צו טראַכטן וועגן אויפשטעלן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן קיבוץ. דער דאָזיקער חלום איז ערשט רעאַליזירט געוואָרן מיט יאָרן שפּע־טער, אָבער דעם געדאַנק האָבן מיר אָנגעהויבן צו שפּינען נאָך דעמאָלט, אויף די זאַמדבערג פון דער חיפהר בוכטע.

מיט דער צײַט האָט זיך אונדזער קיבוץ אויך באַפרײַט פון דעם מינער־ווערטיקייט־געפיל לגבי דעם קיבוץ עין המפרץ. דער ווירטשאַפטלעכער קאָמיטעט אין קיבוץ האָט באַשלאָסן אַז אויך מיר זענען מסוגל צו פירן אַ בעקערײַ, מיר דאַרפן נאָר שיקן איינעם פון אונדזערע חברים אויסלערנען די מלאכה. עס מוז אָבער זײַן אַ מענטש מיט אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין האַפן און האָב נישט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס פאַר אַ קאַשע מען גייט פאַרקאָכן בײַ אונדז. דעריבער בין איך געווען איבערראַשט ווען אויף אַ זיצונג פון קיבוץ האָט מען געפאָדערט איך זאָל גיין לערנען בעקערײַ. איך האָב זיך אַנטקעגגעשטעלט מחמת צוויי סיבות: ערשטנס, האָב איך זיך גוט געפילט אין דער גרופּע פון די האַפן־אַרבעטער און צווייטנס, האָב איך געוווּסט אַז אין אַ בעקערײַ אַרבעט מען דורכויס בײַ נאַכט און אויף אַזאַ אופן איז מען אָפּגעריסן פון דעם אַלגעמיינעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן אין קיבוץ.

דער קיבוץ האָט אָבער באַשלאָסן און עס האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן. איך געדענק ביז הײַנט דעם קריזיס וואָס איך האָב דעמאָלט דורכגעמאַכט און די יסורים וואָס איך האָב געליטן. אין בעקערײַ האָט מען מייסטנס געאַרבעט מיט די הענט. שווערער ווי אַלץ איז געווען דאָס קנעטן. אַחוץ דעם האָט מען געהייצט דעם אויוון מיט מאַזוט און די היץ איז געווען נישט איבערצוטראָגן. מיר זענען אַרומגעגאַנגען אין בעקערײַ כּמעט נאַקעט. ווען איך בין אין דער פרי צוריקגעקומען אַהיים אין מײַן געצעלט, בין איך אַנידערגעפאַלן ווי אַ טויטער און ווען ס'איז געקומען די צײַט ווידער צו גיין צו דער אַרבעט האָב איך זיך קוים אויפגעוועקט. דרך אַגב, זינט דעמאָלט עס איך כּמעט נישט קיין ברויט. ווען מענטשן זאָלן וויסן וויפל שווייס מען לייגט אַרײַן אין יעדן לאַבן ברויט וואָלטן זיי זיך נישט צוגערירט דערצו...

עס האָט געדויערט אַ האַלב יאָר ביז איך האָב זיך צוגעוווינט צו מײַן נײַער מלאכה און האָב שלום געמאַכט מיט מײַן גורל צו זײַן אַ בעקער. פּאַמעלעך האָב איך אָנגעהויבן ווידער אָנטייל נעמען אין קיבוצישן לעבן און זיך אויך ענגער פֿאַרבונדן מיט מײַנע נישט־קיבוצישע פֿאַך־קאָלעגעס. איך בין אַרײַנגעטראָטן אין בעקער־פֿאַרבאַנד פֿון חיפֿהר אַרבעטער־ראָט און נאָך אַ קורצער צײַט האָבן מיך מײַנע קאָלעגעס אויסגעקליבן ווי אַ מיטגליד אין אַלגעמיינעם קאָמיטעט. דאָס האָט מיך מחייב געווען יעדן פֿרײַטיק אָנטייל צו נעמען בײַ דער זיצונג פֿון קאָמיטעט. ווי אַ קיבוצניק וואָס איז נישט אָפּהענגיק פֿון אַן אַרבעטס־געבער און קען פֿרײַ אַרויסזאָגן זײַן מיינונג אָדער שטעלן פֿאָדערונגען, בין איך געוואָרן דער וואָרטפֿירער פֿון אַלע בעקערס וואָס זענען געווען לוין־אַרבעטער.

מיט דער צײַט האָב איך דערזען אויך די שיינע צדדים פֿון דעם בעקערפֿאַך. בעיקר האָב איך ליב באַקומען מײַנע אַרבעטס־חברים, די פּשוטע ייִדן וואָס האָבן פֿאַרדינט מיט שוויס זייער אויסקומעניש, ייִדן וואָס האָבן נאַכט פֿאַר נאַכט, זומער און ווינטער, געזאָרגט דערפֿאַר אַז אין דער פֿרי זאָלן מענטשן האָבן ברויט, ייִדן וואָס זענען געווען מסוגל זיך צו פֿרייען ווי קליינע קינדער ווען דאָס ברויט אָדער די חלה איז געווען געראָטן, גוט אויסגעבאַקן און נישט פֿאַרברענט.

די בעקערײַ פֿון אונדזער קיבוץ האָט געהאַט אַ קליינעם געשלאָסענעם טענדער מיט וועלכן מען פֿלעגט צעפֿירן דאָס ברויט אין דער גאַנצער געגנט. גרויס איז געווען מײַן פֿרייד ווען דער קיבוץ האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו לערנען שאָפֿירן. דאָס איז שוין פֿון לאַנג געווען מײַן באַגער, ווײַל יעדער חבר אין קיבוץ האָט געחלומט דערוועגן. אין משך פֿון אַ חודש האָב איך אויסגעלערנט די מלאכה און האָב באַקומען אַ שאָפֿיר־ליצענץ. איך האָב שוין געקענט טענהן אַז איך בין נישט נאָר אַ בעקער, נײַערט אויך אַ שאָפֿער. אַן אויטאָ האָב איך טאַקע נישט געהאַט, אָבער דער קיבוץ האָט געהאַט צוויי אויטאָס און איך האָב געהאָפֿט צו ווערן אַן אויסהילף־שאָפֿער, אָדער ווי מען האָט דאָס גערופֿן דעמאָלט אין קיבוץ — „אַ פּקק קבוע", אַ שטענדיקע פּראָפּקע.

קיינער ווייסט נישט אין ארץ־ישׂראל אַזוי אומגעדולדיק אויף פּסח ווי די בעקער־אַרבעטער. פּסח אַרבעט מען נישט און אַלע בעקערײַען זענען פֿאַרמאַכט. אין אונדזער בשותּפֿותדיקער בעקערײַ פֿון ביידע קיבוצים — אונדזער און עין המפרץ — איז געווען אַ מינהג אַז חול־המועד־פּסח האַלט מען אָפּ אַ פֿאַרזאַמלונג און דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער בעקערײַ גיט אָפּ אַ יערלעכן

באַריכט וואָס מען האָט אויפגעטאָן און לייגט פאַר דעם פינאַנציעלן בילאַנץ פאַרן קומענדיקן יאָר, די חברים זאָלן אים באַשטעטיקן. דערנאָך קלײַבט מען אויס אַ נײַעם פאַרוואַלטער. יאָרן־לאַנג האָט מען אויטאָמאַטיש אויסגעקליבן ווי אַ פאַרוואַלטער אַ חבר פון קיבוץ עין המפרץ.

היות איך בין נישט געווען אויף דער זיצונג, האָט מען מיר דערציילט אַז איינער פון אונדזערע חברים איז אויפגעשטאַנען און האָט מיך פאָרגעשלאָגן צו זײַן פאַרוואַלטער פאַרן קומענדיקן יאָר. די חברים פון עין המפרץ זענען געווען זייער איבערראַשט, אָבער זיי האָבן קיין ברירה נישט געהאַט און איך בין איינשטימיק אויסגעקליבן געוואָרן, כאָטש איך בין דערבײַ נישט געווען.

ווי אַ פאַרוואַלטער פון דער בעקערײַ האָב איך באַקומען אין מײַן רשות אויך דאָס אויטאָ, ווײַל צווישן אַנדערע התחייבותן האָט דער פאַרוואַלטער אויך געדאַרפט אויספירן דאָס ברויט, מיט דער הילף פון נאָך אַ חבר, איבער דער גאַנצער געגנט, אַזש ביז קיין נהריה. דער פאַקט וואָס מען האָט מיך אויסגעקליבן איז געפײַערט געוואָרן ווי אַ נצחון איבער דעם קיבוץ עין המפרץ, וואָס האָט ביז אַצינד געטענהט אַז נאָר זיי זענען מסוגל אַנצופירן מיט אַ ווירטשאַפטלעכער אונטערנעמונג. ערשט דעמאָלט האָבן מיר די חברים פון אונדזער ווירטשאַפטלעכן קאָמיטעט דערציילט אַז אַלץ איז געווען געפּלאַנט פון פאָרויס און דערפאַר האָט מען מיך געשיקט לערנען די בעקער־מלאכה.

איך האָב געאַרבעט צוויי יאָר ווי אַ פאַרוואַלטער פון אונדזער בשותפות־דיקער קיבוצישער בעקערײַ. אין משך פון אָט דער צײַט האָט זיך אונדזער אונטערנעמונג געהאַלטן אין איין אַנטוויקלען און די צאָל פון אונדזערע קונים איז כּסדר געוואַקסן. איך בין די גאַנצע צײַט געווען פאַרנומען מיט אָרגאַניזאַטאָרישע ענינים און האָב נישט מער געקענט אַרבעטן בפועל־ממש אין בעקערײַ. אַזוי ווי איך האָב אָבער נישט געוואָלט פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט מײַנע אַרבעטס־חברים, האָב איך מסכּים געווען צו זײַן אַ „פּראָפּקע" — ווען אַ חבר איז קראַנק געווען, צי ער איז אַרויס אויף אורלויב, האָב איך געאַרבעט אויף זײַן אָרט.

די לאַנדווירטשאַפטלעכע עקספּערימענטאַלע סטאַנציע פון דער מאַנדאַטאַרער רעגירונג לעבן עכּו האָט אויך געהערט צו אונדזערע קונים, וואָס מיר פלעגן זיי פאַרקויפן ברויט. דער דירעקטאָר פון דער סטאַנציע איז געווען אַ פּענסיאָנירטער הויכער ענגלישער אָפיציר וואָס האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען פון לאַנדווירטשאַפט. אַלע פאַכלײַט זענען געווען ייִדן פון די

שכנותדיקע קריות. די סטאַנציע האָט פאַרנומען אַ שטח פון הונדערטער דונאַם און דאָרט זענען געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע עקספּערימענטן צו פאַרבעסערן כל־מיני לאַנדווירטשאַפטלעכע צווייגן. עס איז דאָרט געווען אַן אָפּטיילונג פאַר פערד, חזירים און שאָף. עס איז אויך געווען אַן אָפּטיילונג פאַר עופות, וואָס האָט, אַגב, זייער געהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער בראַנזשע אין די ייִדישע מושבים פון ארץ־ישראל.

אַזוי ווי איך פלעג טאָג־טעגלעך קומען אַהין מיט ברויט, האָב איך זיך באַפרײַנדט מיט די ייִדישע אַרבעטער און האָב אויסגעניצט יעדע פרײַע מינוט כדי זיך צו באַטייליקן אין זײַער מלאכה. פון קינדווײַז האָב איך ליב געהאַט בעלי־חיים און באַזונדערש עופות. אַזוי איז מיר פלוצעם געקומען דער געדאַנק אויפצושטעלן אין אונדזער קיבוץ אַן אָפּטיילונג פאַר עופות. ווען איך האָב פאָרגעלייגט מײַן געדאַנק די חברים וואָס האָבן זיך בײַ אונדז פאַרנומען מיט ווירטשאַפטלעכע ענינים זענען אַלע געווען קעגן. זיי האָבן געטענהט אַז אַזוי לאַנג ווי אונדזער מחנה איז אַ פּראָוויזאָרישע און מיר פאַרמאָגן נישט קיין סטאַביל אָרט קענען מיר נישט טראַכטן וועגן הינער־שטאַלן.

אַ מעשׂה מיט אַ פּאַווע

איך האָב באַשלאָסן מיר אויפצושטעלן אַ מין „פּריוואַט" הינערהויף, ווו דער קיבוץ וועט נישט דאַרפן אינוועסטירן קיין גראָשן. קיין אָרט האָט אונדז נישט געפעלט. מיר האָבן געהאַט זאַמדבערג וויפל מיר האָבן געוואָלט. האָב איך אָנגעצייכנט אַ שטח און אים אַרומגעצאַמט מיט דראָט. דאָס מאַ־טעריאַל דערצו האָבן מיר געבראַכט די חברים וואָס האָבן געאַרבעט אין דער בויגרופּע. זיי האָבן מיר אויך געהאָלפן אין זייער פרײַער צײַט אויפשטעלן דעם פּלויט.

ווען דער פּלויט איז געווען פאַרטיק האָב איך אָנגעהויבן ברענגען פון דער עקספּערימענטאַלער סטאַנציע קליינע הינדעלעך, וואָס איך האָב באַקומען פון די וואָס האָבן געאַרבעט בײַם אינקובאַטאָר. דאָרט פלעג מען אַ גרויסן חלק פון די עופעלעך וואָס זענען נאָר וואָס אַרויס פון איי פּשוט דערהרגענען און איבערלאָזן נאָר יענע וואָס זענען געווען די שטאַרקסטע. בײַ מיר האָבן זיי זיך אָבער זייער גוט אַנטוויקלט. מיט דער צײַט האָב איך זיך נישט באַנוגנט מיט וואָס די אַרבעטער פון אינקובאַטאָר האָבן מיר געגעבן און האָב אָנגעהויבן שלעפן וואָס ס'איז מיר נאָר געקומען אין האַנט. און געווען איז דאָרט פון אַלעם גוטן. איך האָב געהאַלטן אַז ס'איז אַ מיצווה צו נעמען

ביי דער מאַנדאַטאַרער רעגירונג. אַלץ וואָס איך האָב נאָר באַוויזן אָוועקצו־כאַפּן האָב איך אַרײַנגעוואָרפן אין מײַן געשלאָסענעם טענדער און געבראַכט אין קיבוץ, אין מײַן פּריוואַטער ווירטשאַפט, וואָס האָט אין גיכן אויסגעזען ווי נחס תּיבה. איך האָב געהאַט דאָרטן פּערלהיגער, אינדיקעס, גענדז, קאַטש־קעס און אַפילו קראָליקלעך און אַלץ פון בעסטן מין. ווי ס׳האָט זיך אויף דער סטאַנציע באַוויזן אַ נײַ עוף האָב איך אַראָפּגענומען מײַן חלק פאַר נחס תּיבה, וואָס האָט ביי מיר געהאַלטן אין איין וואַקסן. מיר איז שווער צו באַשרײַבן ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען מײַן הינערהויף. איך וויל נאָר זאָגן אַז ס׳איז געווען גענוג פּלאַץ פאַר אַלע, אַזוי אַז מ׳האָט געלעבט אין שלום און נאָר געטראַכט זיך צו פאַרמערן. עסן איז אויך נישט געווען קיין דאגה. אַ טייל האָב איך געבראַכט פון דער עקספּערימענטאַלער סטאַנציע און דעם רעשט פון די קיבוצים און פון די פּריוואַטע שכנים.

מײַן גרויסער אײַפער צו פאַרוואַנדלען מײַן הינערהויף אין אַ שם־דבר האָט מיך איין מאָל שיִער נישט געקאָסט צו טײַער. נאָך דעם ווי איך פלעג אָפּגעבן דאָס ברויט אין קיך פון דער עקספּערימענטאַלער סטאַנציע, פלעג איך זיך דורכפאָרן מיטן אויטאָ איבער דער ווירטשאַפט כּדי צו זען צי ס׳איז נישט צוגעקומען עפּעס נײַעס. בדרך־כּלל פלעג איך יעדן טאָג אַנטפּלעקן נײַע זאַכן. איין מאָל, פאָרנדיק אַזוי מיטן אויטאָ, האָט מיך פּשוט פאַרכאַפּט אַ בילד, נישט ווײַט פון שאָסיי: צווישן דיביימער האָבן זיך שפּאַצירט מאַיעסטעטיש צוויי פּאַוועס, ווי אָדם און חוה אין גן־עדן. די זונענשטראַלן וואָס האָבן אַדורכגעדרונגען צווישן די צווײַגן זענען געפאַלן אויף די ווונדערלעכע פעדערן און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז די קאָלירן בײַטן זיך פון רגע צו רגע.

איך האָב ביז דעמאָלט נאָך נישט געזען קיין לעבעדיקע פּאַווע. האָב איך אָפּגעשטעלט דאָס אויטאָ כּדי צו באַוווּנדערן דאָס פּראַכטיקע בילד. ווי אַ בליץ איז מיר אַדורך אַ געדאַנק דורכן מוח, אַז עס וואָלט דווקא נישט געשאַט ווען אין מײַן תּיבה זאָל זיך אַרומדרייען אַזאַ פּאָרל פּאַוועס. דער געדאַנק האָט מיך פּשוט היפּנאָטיזירט.

געזאָגט און געטאָן. אַזוי ווי איך האָב שוין געהאַט אַ היפּשן נסיון אין כאַפּן עופות, זענען די פּאַוועס באַלד געווען אין מײַן אויטאָ. איך האָב קיין ספק נישט געטראַכט און געיאָגט ווי דער ווינט צוריק אין קיבוץ. די פּאַוועס זענען פּשוט געווען אַ סענסאַציע. אַלע זענען געווען באַגײַסטערט פון זייער שיינ־קייט און איך בין געווען שטאַרק צופרידן פון מײַן אויפטו. כ׳האָב, פאַר־שטייט זיך, קיינעם נישט דערציילט פון וואַנען איך האָב די פּאַוועס געבראַכט.

צו מאָרגנס בין איך, ווי געוויינטלעך, געפאָרן פאַרטיילן דאָס פריש־געבאַקענע ברויט. ווען איך בין אָנגעקומען אין קיך פון דער עקספּערימענ־טאַלער סטאַנציע האָב איך תּיכּף געזען אַז עפּעס איז דאָ געשען. די אָנגע־שטעלטע זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי עס וואָלט געווען פּאַסירט אַן אומגליק. אויף מײַן שאלה האָבן זיי מיר דערציילט אַז דער ענגלישער דירעקטאָר וויל פאַרמאַכן די סטאַנציע און אַרויסשטעלן אַלע אַרבעטער. און דאָס אַלץ צוליב אַ פּאָרל פּאַוועס וואָס זענען נעלם געוואָרן. זיי האָבן מיר ווײַטער דערציילט אַז דער בריטישער גוווערנאַטאָר פון פּאַלעסטינע האָט אויף זײַן לעצטן וויזיט אין אוגאַנדע באַקומען צווי פּאַוועס פון אַ דאָרטיקן שבט־עלטסטן. אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט וווּ זיי צו האַלטן האָט ער זיי איבערגעגעבן דעם ענגלישן דירעקטאָר פון דער עקספּערימענ־טאַלער סטאַנציע ער זאָל אויף זיי אַכט געבן, און וויפל מאָל ער געפינט זיך אין דער געגנט פון עכּו קומט ער אַ קוק טאָן אויף די פּאַוועס. איצט, אַז די פּאַוועס זענען נישטאָ, האָט דער דירעקטאָר זיך אין גאַנצן פאַרלוירן.

איך האָב נישט געזאָגט קיין וואָרט. נאָך דעם ווי איך האָב אָפּגעגעבן דאָס ברויט בין איך אויף גיך צוריקגעפאָרן אין קיבוץ. איך האָב געכאַפּט די פּאַוועס, זיי אַרײַנגעלייגט אין אויטאָ און זיך ווידער געלאָזט קיין עכּו. לעבן דער עקספּערימענטאַלער סטאַנציע האָב איך זיי באַפרײַט צווישן די ביימער און בין תּיכּף פאַרשוווּנדן. דעם אַנדערן טאָג, ווען איך בין ווידער געקומען מיטן ברויט, האָט מען מיר דערציילט ווי גרויס ס'איז געווען די שׂימחה ווען מ'האָט אָפּגעפונען דאָס פּאָרל פּאַוועס. איצט איז אַלץ ווידער ווי געווען.

דער וויצע־דירעקטאָר פון דער סטאַנציע איז געווען אַ ייִד וואָס האָט געוווינט אין קרית חיים און פלעג יעדן טאָג פאָרן קיין עכּו צו דער אַרבעט. ער האָט, ווײַזט אויס, געהערט אַז דאָס פּאָרל פּאַוועס איז געווען אַ טאָג אין מײַן הינערהויף, ווײַל ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אין ביוראָ און, ווי מײַנער אַ פרײַנד און אַ פרײַנד פון קיבוץ האָט ער מיר קאַטעגאָריש געזאָגט, אַז אויב איך וועל נאָך איין מאָל עפּעס צונעמען פון דער סטאַנציע אָן זײַן רשות, וועט ער מיך איבערגעבן דער פּאָליציי ווי אַ גנבֿ. זײַן וואָרע־נונג איז מיר גוט אַרײַן אין קאָפּ און איך האָב אויפגעהערט צו „שלעפּן".

מײַן אויסטערלישע תּיבֿה איז גיך באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצע געגנט. מענטשן פון די נאָענטע קריות פלעגן קומען שבת און יום־טובֿ מיט די קינדער, זיי ווײַזן מײַן זאָאָלאָגישן גאָרטן. די קינדער פון קיבוץ זענען געווען בײַ מיר טעגלעכע געסט. אַ לאַנגע צײַט האָב איך מיט אלישבען געטאָן אַלע

אַרבעטן, אָבער ווען די ווירטשאַפט איז געוואַקסן האָט דער קיבוץ מסכּים געווען מיר צוצוטיילן אַ חבר וואָס זאָל אונדז אַרויסהעלפן אַ פּאָר שעה אין טאָג.

מיט דער צײַט האָט אויך מײַן פּריוואַטע ווירטשאַפט אָנגעהויבן אַרײַנצוברענגען געלט אין קיבוץ. נישט ווײַט פון אונדז איז געשטאַנען אַ מחנה פון אויסטראַלישע סאָלדאַטן. יעדן חודש פלעגן זיי בײַ אונדז קויפן קראָליקלעך און צו ווײַנאַכטן אויך אינדיקעס. פּאַר די שכנים פון די קריות פלעגן מיר פּאַרקויפן פרישע אייער און איין מאָל אַ חודש פלעגן מיר אַליין זיך פּאַרגינען צו עסן הינערפלייש.

אומרועןַ

נאָך צוויי יאָר האָב איך זיך באַפרײַט פון מײַן אַרבעט ווי אַ פּאַרוואַלטער און בין ווידער געוואָרן אַ פּשוטער בעקער. אין לאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן די אומרוען און יעדן טאָג זענען געפאַלן יידישע קרבנות, דער עיקר אויף די וועגן. די נסיעה פון די קריות קיין חיפה איז געווען פאַרבונדן מיט סכּנות־נפשות, ווײַל די אויטאָבוסן האָבן געמוזט דורכפאָרן אַראַבישע יישובים און די אַראַבער האָבן געוואָרפן שטיינער און אויך געשאָסן. יידן האָבן זיך צוגעוווינט צו פאָרן אין אויטאָבוסן מיט פאַרקראַטעוועטע פענצטער, באַגלייט פון הגנה־לײַט אָדער באַוואָפנטע פּאָליציי. אַ סך יידן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער הגנה און האָבן זיך געלערנט באַניצן געווער. אַזוי ווי מיר זענען דעמאָלט געווען ווײַט פון יישובים, איז אונדזער קיבוץ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אויסבילדונג־פּונקט פון דער הגנה און אַ חלק פון די קיבוץ־חברים זענען געוואָרן מדריכים.

אויך אין קיבוץ האָבן מיר אײַנגעאָרדנט אַ שמירה. קודם־כּל ווײַל מיר האָבן געהאַט שכנים בעדווינער און אַחוץ דעם האָט מען אונדז אויך געקענט באַפאַלן פון עכּו, איבער די זאַמדבערג. דער קיבוץ האָט באַשלאָסן אַז יעדער חבר מוז, אַחוץ זײַן אַרבעט, שטיין צוויי וואָכן אויף שמירה. די נאַכט־שומרים זענען אויך מחויב געווען אָנצוצינדן פאַר טאָג די פּרימוסן, כּדי די טיי זאָל זײַן גרייט פאַר די חברים וואָס גייען צו דער אַרבעט. זיי האָבן אויך געהאַט אַ רשימה פון די חברים וואָס דאַרפן אַרויסגיין צו דער אַרבעט און האָבן געדאַרפט גיין פון געצעלט צו געצעלט און זיי אויפוועקן.

עס איז כּדאַי דאָ איבערצוגעבן אַן עפּיזאָד וואָס איז דעמאָלט געשען אין קיבוץ. מיר האָבן געהאַט אַ חבר וואָס איז געקומען פון אונגאַרן, פון אַ דורכויס אַסימילירטער משפּחה. ער איז געווען אַן אויסשטודירטער און האָט

געהאַט דעם טיטל דאָקטאָר יורי. היות ער איז אין דער יוגנט געווען אַ חבר אין דער באַוועגונג האָבן מיר אים אויפגענומען אין קיבוץ. בעת דער חבר דאָקטאָר גאַל איז געווען אויף שמירה האָט זיך אין מיטן נאַכט דערהערט פון עסצימער אַ שטאַרקער קלאַנג פונעם אַלאַרעם־גאָנג. דער גאָנג איז באַשטאַנען פון צוויי אײַזערנע שטאַנגען, אַ גרעסערע און אַ קלענערע. ער איז געהאַנגען בײַם אַרײַנגאַנג אין עסצימער און האָט געדינט ווי אַ צייכן אַז דאָס עסן איז פאַרטיק, צי אַז די חברים זאָלן קומען אויף דער נאַכט צו דער זיצונג, די „שיחה״.

ווען די חברים האָבן דערהערט אין מיטן נאַכט דעם גאָנג זענען זיי געווען איבערצײַגט אַז די אַראַבער זענען אויף אונדז אָנגעפאַלן. מיר זענען אַלע אויפגעשטאַנען און געלאָפן אין דער ריכטונג פון צריף וואָס האָט געדינט ווי אַן עסצימער און ווו עס האָט געבערנט אַ גאַנצע נאַכט אַ לוקס־לאָמפּ.

אין עסצימער איז זיך רויִק געזעסן דער חבר גאַל, לעבן דער אַלטער טערקישער ביקס, און האָט געשמייכלט. אויף זײַן צעבראָכן עברית האָט ער אונדז דערציילט אַז בעת ער איז שעהען־לאַנג אַרומגעגאַנגען איבערן קיבוץ האָט ער זיך אַליין געפרעגט צוליב וואָס מיר זענען בעצם געקומען קיין ארץ־ישראל. די איינציקע תשובה איז געווען אַז מיר זענען געקומען בויען דאָס לאַנד. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן אויפצוּוועקן די חברים פון קיבוץ, זיי זאָלן זיך צוואַײַלן און גיכער אויפבויען דאָס לאַנד, מיר זאָלן זיך קענען אומקערן קיין אייראָפּע...

עס זענען געווען חברים וואָס האָבן געפאָדערט מען זאָל דעם דאָקטאָר אויסשליסן פון קיבוץ פאַר זײַן חכמה, אָבער דער רוב האָט עס באַטראַכט פאַר אַ גוטן וויץ און האָט געשמאַק געלאַכט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז נישט געווען גלאַט אַ וויץ. דאָס איז געווען אַ סימן פון זײַן באַציִונג צו דעם ציוניזם. ביזן סוף האָט מען אים טאַקע אויסגעשלאָסן און ער איז אַוועק פון לאַנד. ער איז געוואָרן איינער פון די אַקטיוויסטע מיטגלידער אין דער אונגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

איך וויל אויך דערציילן פאַר וואָס מען האָט אים אויסגעשלאָסן: דער קרן הקיימת פלעג קויפן באָדן בײַ די אַראַבער נישט ווײַט פון עכּו און כּדי ער זאָל נישט שטיין ליידיק ביז מען וועט אים צוגרייטן פאַר קאָלאָניזירונג, האָט מען אים דערווײַל איבערגעגעבן פאַר שכנישע קיבוצים זיי זאָלן אים באַאַרבעטן. אויף אַזאַ אופן האָט מען אויך פאַרמיטן אַז בעדוּיִנער זאָלן דאָרטן אויפשטעלן זייערע געצעלטן. אויך מיר האָבן געאַקערט, געזייט און געשניטן אויף אַזאַ באָדן, וואָס האָט זיך געפונען, ווי געזאָגט, אויפן וועג קיין עכּו.

די תּבֿואה וואָס מיר האָבן איַינגעזאַמלט האָבן מיר אַריַינגעפירט אין אַ פּראָוויזאָרישן שפּיַיכלער, ביַים סוף פון אונדזער מחנה.

דאָקטאָר גאַל איז ווידער געווען אויף שמירה ביַי נאַכט. אַ חבר וואָס איז צופעליק אַרויסגעגאַנגען פון זיַין געצעלט האָט פון וויַיטן געזען אַז לעבן אונדזער פּראָוויזאָרישן שפּיַיכלער שטייט אַ וואָגן. ער איז צוגעגאַנגען נעענטער און האָט געזען ווי דער חבר גאַל העלפט אַן אַראַבער אויפלאָדן זעק מיט תּבֿואה אויף זיַין וואָגן. אויף דער שאלה וואָס דאָס באַטיַיט האָט גאַל געענטפערט אַז אַזוי ווי מיר האָבן צוגערויבט די ערד פון די אַראַבער, האָט ער באַשלאָסן זיי צוריקצוגעבן אַ טייל פון דעם גערעטעניש פון זייער ערד. דער חבר האָט אַלאַרמירט עטלעכע חברים פון קיבוץ און זיי האָבן פאַרטריבן דעם דאָקטאָר גאַל אין איינעם מיטן אַראַבער. אַזוי זענען מיר פּטור געוואָרן פון נאָך אַ פאַרשוין וואָס האָט געוואָלט פאַרבעסערן די וועלט און האָט נישט אין זינען געהאַט זיַין אייגן פאָלק.

פון טאָג צו טאָג האָבן זיך פאַרשאַרפט די אומרוען אין לאַנד. די בריטישע מאַנדאַטאַרע רעגירונג איז נישט געווען פאַראינטערעסירט אַ סוף צו מאַכן צו דער מלחמה צווישן ייִדן און אַראַבער, הגם זי האָט געהאַט דעם מיליטערישן כּוח. דער קאָלאָניאַל־מיניסטעריום און דער אויסערן־מיניסטעריום אין לאָנדאָן האָבן וויַיטער געפירט זייער קאָלאָניאַלע פּאָליטיק, וואָס האָט זיך באַזירט אויף „צעטייל און געוועלטיק". דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שינאה קעגן דער ענגלישער רעגירונג ביַים גאַנצן ייִדישן ייִשובֿ אין ארץ־ישׂראל, וואָס האָט זיך געשראָקן נישט נאָר פאַר זיַין אייגענעם גורל, נאָר אויך פאַרן גורל פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום, וואָס היטלער האָט באַשלאָסן צו פאַרטיליקן. אַפילו יענער טייל פון ייִשובֿ וואָס האָט אין זינען געהאַט אַז ענגלאַנד האָט אונדז געגעבן די באַלפור־דעקלאַראַציע איז געווען געצוווּנגען צו קעמפן קעגן ענגלאַנד, וויַיל די אַכזריותדיקע געזעצן פון דער מאַנדאַטאַרער רעגירונג קעגן עליה האָבן געטראָפן דעם גאַנצן ייִשובֿ. אויף אַזאַ אופן האָט דער קליינער ייִדישער ייִשובֿ אין ארץ־ישׂראל געדאַרפט קעמפן נישט נאָר קעגן די אַראַבער, נאָר אויך קעגן די ענגלענדער. דער קאַמף קעגן דער מאַנדאַטאַרער רעגירונג איז געווען אַ טאָג־טעגלעכער. היַינט וועגן סערטיפיקאַטן, מאָרגן וועגן אַ דונאַם באָדן וואָס מיר האָבן געוואָלט קויפן. די צוזאַמענשטויסן זענען געווען אומברחמנותדיקע. ביַים היַינטיקן טאָג איז קלאָר פאַר יעדן איינעם אַז ענגלאַנד טראָגט אַ גרויסע שולד אין דעם אומקום פון די זעקס מיליאָן אייראָפּעיִשע ייִדן, וואָס האָבן זיך געקענט ראַטעווען אין ארץ־ישׂראל, ווען די בריטישע רעגירונג וואָלט נישט פאַר־

שלאָסן די טויערן. ענגלאַנד איז אויך נישט ווינציק שולדיק וואָס עס איז עד־היום נישטאָ קיין שלום צווישן ייִדן און אַראַבער, ווײַל ענגלאַנד האָט תּמיד געשטיצט די רעאַקציאָנערע אַראַבישע פּירערס און נישט געלאָזט אויפהייבן דעם קאָפּ אַזעלכע אַראַבישע מנהיגים וואָס האָבן זיך געוואָלט צונויפרעדן מיט די ייִדן.

דער בעסטער באַווײַז איז דער פאַל מיטן מופתי פון ירושלים, איינער פון היטלערס אַקטיוועסטע מיטהעלפערס. בײַ די וואַלן וואָס זענען פאָרגעקומען האָט מען אויסגעקליבן אַ מאָסיקן אַראַבישן מנהיג, אָבער די ענגלענדער האָבן אַנולירט די געזעצלעכע וואַלן און נאָמינירט דעם שונא־ישׂראל חאַוואַג׳ה חוסייני.

אויב דער ייִדישער ייִשוב האָט זיך פון דעסטוועגן אַנטוויקלט און זײַנע דערגרייכונגען האָבן מעגלעך געמאַכט דעם אויפקום פון מדינת־ישׂראל, איז דאָס נאָר אַ דאַנק דער איבערגעגעבנקייט פון די ייִדן גופא. דערפאַר איז אַזוי גרויס דער ווייטיק ווען מען טראַכט וואָס מדינת־ישׂראל האָט געקענט זײַן מיט דער הילף פון די זעקס מיליאָן אייראָפּעיִשע ברידער און שוועסטער.

די ייִדן פון דײַטשלאַנד וואָס האָבן זיך געראַטעוועט און זענען עולה געווען קיין ארץ־ישׂראל האָבן אַ סך בײַגעטראָגן צו דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד. זיי זענען געווען אַנדערש ווי די ערשטע חלוצים וואָס זענען געקומען קיין ארץ־ישׂראל מיט גרויסע אידעאַלן אָבער מיט ליידיקע קעשענעס און האָבן אויך נישט געהאַט קיין השגה ווי אַזוי מען שטעלט אויף אַ געזונטע זעלבשטענדיקע ווירטשאַפט. די דײַטשע עולים האָבן מצליח געווען אַרויסצופירן פון דײַטשלאַנד אַ חלק פון זייער פאַרמעגן און אַחוץ דעם האָבן זיי אויך געהאַט אַ דערפאַרונג ווי אַזוי מען בויט ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען און ווי אַזוי מען דאַרף זיי אָנפירן. איז די דאָזיקע עליה טאַקע געווען אַ ברכה פאַרן ייִשוב אין ארץ־ישׂראל און אַ סך בײַגעטראָגן צו זײַן עקאָנאָמישער קאָנסאָלידירונג.

ווי אַזוי אַס־קר איז אויפגעקומען

איידער ס׳איז געקומען די דײַטשע עליה איז אין דער אמתן קיין אינדוסטריע נישט געווען דאָ אין לאַנד. עס האָבן עקסיסטירט וואַרשטאַטן וואָס בעל־מלאכות האָבן געעפנט. מיט דער דײַטשער עליה האָט זיך דער מצב געביטן. עס זענען אויפגעקומען אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען וואָס האָבן אַ רוק געטאָן פאָרויס די אַנטוויקלונג פון ארץ־ישׂראל. אַפילו יענע דײַטשע

עולים וואָס האָבן באַשלאָסן צו לעבן ווי לאַנדווירטן, פון פּראָדוצירן גרינצײַג און עופות, האָבן אויפגעשטעלט מאָדערנע ווירטשאַפטן וואָס האָבן אויף אַלעמען געמאַכט אַ גרויסן רושם.

נאָך די דײַטשע יידן איז געקומען די ריי פון די עסטרײַכישע און דערנאָך די יידן פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. ווער ס'האָט געהאַט אָפענע אויגן האָט ליקווידירט דאָס פאַרמעגן, זיך צונויפגעפּאַקט און אַוועק פון אייראָפּע אויף אַ זיכערער אָרט. ווער ס'איז געווען טראַדיציאָנעל צוגעבונדן צו דעם יידישן פאָלק דער האָט אויסגעקליבן ארץ־ישראל פאַר אַ מקום־מיקלט, פאַר אַ נײַער היים.

צווישן די פאַרמעגלעכע יידן פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ האָב איך געהאַט אַ סך באַקאַנטע און פרײַנד, נאָך פון דער צײַט ווען איך האָב געאַרבעט אין דער צענטראַלע פון החלוץ. אַ טייל פון זיי איז געקומען צו מיר אין קיבוץ זיך באַראָטן אין שײַכות מיט אינוועסטיציעס וואָס מען האָט זיי פאָרגעשלאָגן. פאַר זיי בין איך נישט געווען נישט נאָר אַ „ותיק” אין לאַנד, וואָס קען די פאַרהעלטענישן, נײַערט אויך אַ פרײַנד אויף וועלכן מען קען זיך פאַרלאָזן.

אין איינעם אַ טאָג זענען אָנגעקומען צוויי כעמיע־אינזשענירן פון מאָראַווסקאַ־אָסטראַוואַ — איינער האָט געהייסן קאַצער און דער צווייטער קרומהאָלץ. זיי האָבן מיר דערציילט אַז אויפן וועג קיין ארץ־ישראל זענען זיי געווען אין ווין בײַ אַ פרײַנד, אויך אַ כעמיע־אינזשעניר, מיטן נאָמען ליכטענשטיין, באַקאַנט אין אייראָפּע ווי אַ גרויסער אויסגעפינער. אַ סך פון זײַנע אויסגעפינסן דינען ווי אַ יסוד פון דער כעמישער אינדוסטריע. זײַן לעצטער אויסגעפין איז אין שײַכות מיט פּראָדוצירן אַספאַלט פאַר שאָסייען.

צענדליקער יאָרן האָט מען זיך אין אייראָפּע באַדינט מיט הייסן אַספאַלט. מען פלעגט ברענגען דעם אַספאַלט אין פעסער, אים אויפקאָכן און דערנאָך צעשפּרייטן מיט עמערס איבערן זשוויר פונעם שאָסיי וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען. ווען דער אַספאַלט האָט זיך אָפּגעקילט איז מען איבער אים געפאָרן מיט אַ שווערער פּרעסע וואָס האָט פאַרגלאַטיקט דעם שאָסיי.

רוימאַטעריאַל פאַר אַספאַלט איז געווען דער נאַפטאָפּפאַל, וואָס האָט זיך דאָ געפונען בשפע בײַ די ראַפינעריעס פון חיפה. די ענגלישע געזעלשאַפט „שעל” האָט דעם רוימאַטעריאַל איבערגעפירט קיין ענגלאַנד, ווו מען האָט צונויפגעשטעלט אַ ספּעציעלע מישונג, אַרײַנגעגאָסן אין פעסער און די פאַרטיקע סחורה, דעם אַספאַלט, צוריקגעשיקט מיט שיפן קיין ארץ־ישראל.

דער ווינער אינזשעניר ליכטענשטיין האָט אויסגעפונען אַ נײַע מישונג פון אַספאַלט, וואָס מען דאַרף נאָר איין מאָל אויפקאָכן, בעת מען גיסט אים

אַרײַן אין די פּעסער. בײַם אויסשפּרייטן אויפן שאָסיי ניצט מען אים קאַל־טערהייט און מען באַדינט זיך דערבײַ מיט אַ ספּעציעלער מאַשין. די פּרעסע פּאַרט תּיכּף אַרויף אויפן אויסגעשפּרייטן אַספּאַלט, וואָס פאַרבינדט זיך מיטן זשוויר, און דער שאָסיי איז פאַרטיק.

מײַנע פרײַנד פון מאַראַווסקאַ־אָסטראַוואַ האָבן אָפּגעקויפט דאָס רעכט זיך צו באַנוצן מיט דעם פּאַטענט פון אינזשעניר ליכטענשטיין און האָבן מיטגעבראַכט קיין ארץ־ישׂראל עטלעכע פּעסער פון דער מישונג. זיי האָבן געטראַכט צו קויפן דאָס רוימאַטעריאַל בײַ די ראַפינעריעס אין חיפה, און אַזוי אַרום אײַנשפּאָרן די הוצאות קיין ענגלאַנד און צוריק. אין תּוך איז אַ העלפט פון דער מישונג געווען וואַסער, און דאָס האָט מען אויך געקענט באַקומען אין ארץ־ישׂראל... מײַנע פרײַנד האָבן געוווּסט אַז אין ארץ־ישׂראל האַלט מען אין איין פאַרגרעסערן די נעץ פון שאָסייען, איז על־פּי שׂכל אַוודאי פאַראַן פּלאַץ פאַר אַן אונטערנעמונג וואָס זאָל באַפרײַען דעם יישוב פון דער געזעלשאַפט „שעל", וואָס האָט ממילא נישט געהאַט קיין סימפּאַטיע פאַרן יידישן יישוב.

פּעסער — האָבן געטענהט מײַנע פרײַנד — זענען אויך נישט קיין פּראָ־בלעם. אויפן ראַנד פון די שאָסייען און אין די סקלאַדן פון סולל בונה ליגן פּעסער אין די טויזנטער און מען קען זיי באַקומען פאַר גראָשנס, צי אַפילו אומזיסט. עס פאָדערט זיך נאָר איין זאַך: צו באַווײַזן אַז זייער אַספּאַלט איז אָנהאַלטעוודיק סײַ אין זומער סײַ אין ווינטער. כּדי דאָס צו באַווײַזן נייטיקן זיי זיך אין אַ שטיק שאָסיי וואָס זיי זאָלן אַספּאַלטירן אויף אייגענעם חשבון און דערנאָך אָבסערווירן צי ער בלײַבט גלאַט און צעברעקלט זיך נישט.

זיי האָבן זיך געוואָנדן צו סולל בונה וואָס בויט דעם גרעסטן טייל שאָסייען פאַר דער סוכנות, אָבער דער סולל בונה וויל זיי נישט געבן אַזאַ מעגלעכקייט און פירט זיי פּשוט בײַ דער נאָז. דערפאַר זענען זיי געקומען צו מיר, אפשר קען איך זיי העלפן. זיי אַליין האָבן נישט די ריכטיקע פאַר־בינדונגען צו דער אָנפירונג פון סולל בונה און קענען אויך נישט עברית כּדי זיך מיט זיי אײַנצופאַרשטיין. זיי ווילן באַווײַזן אַז מען קען פּראָדוצירן אַספּאַלט אויך אין ארץ־ישׂראל און מען דאַרף אים נישט אימפּאָרטירן פון ענגלאַנד. אַ געזעלשאַפט ווי דער סולל בונה, וואָס געהערט צו דער הסתּדרות, וואָלט דאָך געדאַרפט זײַן פאַראינטערעסירט אויפצושטעלן אַזאַ אונטער־נעמונג אין ארץ־ישׂראל. צום סוף שטעלן זיי זיך גאָר אַנטקעגן און דער פאַראַנטוואָרטלעכער אינזשעניר פאַר שאָסייען וויל מיט זיי אַפילו נישט רעדן.

מײַנע פרײַנד האָבן מיר פֿאָרגעשלאָגן איך זאָל װערן אַ שותּף צו זײער אונטערנעמונג אָן איך זאָל אַרײַנלײגן אַ גראָשן. דער עיקר איך זאָל איבער־נעמען די אָנפֿירונג און דעם פֿאַרקויף פֿון דער סחורה אויפֿן מאַרק פֿון ארץ־ישׂראל. איך האָב זײ דערקלערט אַז איך בין נישט קײן פּריוואַטער פּאַרשוין, נאָר אַ חבר פֿון אַ קיבוץ, און אויב זײ נעמען מיך פֿאַר אַ שותּף, הײסט עס אַז זײ מאַכן שותּפֿות מיטן קיבוץ. זײ האָבן נישט אָנגעהויבן צו װיסן װאָס דאָס איז אַזוינס אַ קיבוץ, אָבער זײ זענען גרײט געװען אַרײַנ־צוגײן אין אַ שותּפֿות מיטן קיבוץ, בתּנאַי איך זאָל זײַן דער אָנפֿירער פֿון דער אונטערנעמונג.

דעם אמת געזאָגט האָב איך נישט געגלײבט אַז דער קיבוץ װעט מסכּים זײַן צו װערן אַ שותּף אין אַן אינדוסטריעלער אונטערנעמונג, היות דער ציל פֿונעם קיבוץ איז לאַנדווירטשאַפֿט. בכל־אופֿן האָב איך געמאַכט פֿון מײַנע פֿרײַנד זײ זאָלן מיר צושטעלן בכתב די אויפֿקלערונגען אין שײַכות מיט זײער פֿאָרשלאָג און אויב איך װעל געפֿינען אין דעם אַן אינטערעס װעל איך ברענגען דעם ענין פֿאַרן קיבוץ. אַזוי װי די זאַך איז געװען אײַליק, האָב איך צוגעזאָגט צו געבן אַן ענטפֿער אין אַ קורצער צײַט.

איך האָב נישט געװוּסט װי אַזוי מען פּראָדוצירט אַספֿאַלט און האָב זיך אויך נישט אָפּגעגעבן אַ חשבון װאָס פֿאַר אַ ראָלע דער אַספֿאַלט שפּילט בײַם שאָסײען־בוי. נאָך דעם װי איך האָב איבערגעלײענט די אויפֿקלערונגען װאָס זײ האָבן מיר צוגעשטעלט האָב איך זיך געװאָנדן צו מײַן פֿרײַנד קרעמער, דער װיצע־אינזשעניר פֿון שטאָטראָט אין חיפֿה, װאָס האָט זיך בעצם פֿאַר־נומען מיט קאָמוניקאַציע.

חיפֿה איז געװען אַ ייִדיש־אַראַבישע שטאָט און הגם דער הױפּטאינזשעניר איז געװען אַן ענגלענדער האָט עקסיסטירט אַ האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט, בפֿרט אין דער טעכנישער אָפּטײלונג פֿון שטאָטראָט. קרעמער אַלײן איז געװען אַ װאַרעמער ייִד און אַ ציוניסט. ער האָט זיך תּיכּף אָנגעצונדן פֿאַרן געדאַנק אויפֿצושטעלן אין ארץ־ישׂראל אַן אַספֿאַלט־אונטערנעמונג, װאָס װעט אײַנשפּאָרן געלט דעם ייִשובֿ און אים באַפֿרײַען פֿון דער אָפּהענגיקײט פֿון דער געזעלשאַפֿט „שעל". װען ער האָט נאָך דערהערט אַז דעם פּאַטענט האָט אויסגעפֿונען דער אינזשעניר ליכטענשטײן פֿון װין, האָט ער תּיכּף אין דעם געגלײבט, װײַל ער האָט געװוּסט אַז ליכטענשטײן איז אַן אויטאָריטעט אין ענינים פֿון אַספֿאַלט אויף אַ װעלט־מאַסשטאַב. קרעמער האָט מער צוגעזאָגט צו שטודירן דעם מאַטעריאַל און מיר געבן באַלד אַן ענטפֿער.

עס האָט קיין סך נישט געדויערט און קרעמער האָט מיך גערופן צו זיך. ער האָט מיך אויפגעקלערט און מיר געגעבן צו פאַרשטיין וואָס פאַר אַ מעלות דער קאַלטער אַספאַלט האָט דאָ אין ישׂראל, אין אונדזער האַלב־טראָפּישן קלימאַט. ער האָט מיר אויך געגעבן גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן קאָנסום פון אַספאַלט אין ארץ־ישׂראל און וועגן די פּערספּעקטיוון אין דער צוקונפט. באַוואָפנט מיט זײַן רעקאָמענדאַציע האָב איך באַשלאָסן דעם ענין צו ברענגען פאַר דעם עקאָנאָמישן קאָמיטעט פונעם קיבוץ. איך האָב זיי איבערגעגעבן אַלע פּרטים וואָס איך האָב זיך אין צווישן אַליין דערוווּסט און וואָס איך האָב געלערנט בײַם אינזשעניר קרעמער. איך האָב אויך געבראַכט פּינקטלעכע אינפאָרמאַציעס וועגן מײַנע צוויי פרײַנד וואָס איך האָב געקענט פון מאַראַווסקאַ־אָסטראַוואַ.

מײַן שטעלונג איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ פּאָזיטיווע. דער קיבוץ האָט נישט געדאַרפט אַרײַנלייגן קיין גראָשן. ער האָט נאָר געדאַרפט אָפּטיילן אַ שטח בײַם ראַנד פון אונדזער מחנה און פּלאַץ האָבן מיר געהאַט גענוג. איך האָב אויך דערקלערט די חברים פון קאָמיטעט אַז אויב זיי וועלן געבן פּרינציפּיעל די הסכּמה האָב איך אַ פּרטימדיקן פּלאַן ווי אַזוי צו פאַרזיכערן די העגעמאָניע פונעם קיבוץ אין דעם שותּפות מיט די קאַפּיטאַליסטן וואָס דאַרפן אויפשטעלן די אונטערנעמונג.

די חברים פון קאָמיטעט האָבן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. איצט האָט מען געדאַרפט באַקומען די הסכּמה פונעם קיבוץ, וואָס איז די העכסטע אינסטאַנץ אין אַזעלכע ענינים. איך בין געווען זיכער אַז דער גאַנצער קיבוץ וועט אָננעמען דעם פאָרשלאָג, אָבער בײַ דער אָפּשטימונג האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער רוב וויל נישט האָבן קיין אַספאַלט־פאַבריק אין קיבוץ. אַ טייל האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט פון אידעאָלאָגישער איבערצײַגונג. זיי האָבן געטענהט אַז אונדזער ציל איז זיך אומצוקערן צו לאַנדאַרבעט און נישט צו אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אָבער דער רוב האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט פשוט אויס באַקוועמלעכקייט. דאָס איז אַ שמוציקע אַרבעט — האָבן זיי געטענהט — וואָס וועט פאַראומרייניקן אַפילו די בענק אין עסצימער, אַז מען וועט נישט האָבן ווו זיך אַנידערצוזעצן...

איינער פון די חברים אין קאָמיטעט פאַרווירטשאַפטלעכע ענינים איז אין דער זעלביקער צײַט געווען דער סעקרעטאַר פון קיבוץ. אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג לגבי דעם פּראָיעקט האָט ער נישט נאָכגעלאָזט און געבראַכט דעם ענין אַלע פאַר טעג פאַר דער גאַנצער פאַרזאַמלונג אין דער „שׂיחה“. ער האָט דאָס אַזוי לאַנג געטאָן ביז דער רוב

חברים איז מיד געוואָרן צו הערן וועגן דער אַספּאַלט־פֿאַבריק און האָט אויפֿגעהערט צו קומען אויף די זיצונגען. אין איינעם אַן אָוונט זענען געקר־מען אויף דער זיצונג כּמעט נאָר די חברים וואָס זענען מסכּים געווען מיטן פּראָיעקט, אַזוי אַז מען האָט באַשלאָסן מיט אַ מערהייט פֿון שטימען אַז מיר גייען אַריין אין שותּפֿות מיט די צוויי ייִדן פֿון מאַראָווסקאַ־אָסטראָוואַ אויפֿ־צושטעלן אַן אַספּאַלט־פֿאַבריק בײַם ראַנד פֿון אונדזער מחנה, ווײַט פֿון די געצעלטן און פֿון דעם עסצימער.

אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט די הסכּמה האָבן מיר פֿאַרבעטן די צוויי אינ־זשענירן און האָבן זיי געזאָגט אַז מיר זענען מסכּים אַרײַנצוגיין מיט זיי אין אַ שותּפֿות אָבער נאָר מיט צוויי באַדינגונגען: ערשטנס, זאָל געשאַפֿן ווערן אַן אַקציען־געזעלשאַפֿט און דער קיבוץ זאָל באַקומען 51 פּראָצענט פֿון די אַקציעס, כּדי צו זיכערן זײַן העגעמאָניע אין דער אונטערנעמונג. צווייטנס, די אונטערנעמונג דאַרף באַשעפֿטיקן נאָר די חברים פֿון קיבוץ. דער קיבוץ פֿון זײַן זײַט איז זיך מתחייב צו געבן דעם שטח ווו מען זאָל אויפֿשטעלן די פֿאַבריק און אויך פֿאַרזיכערן אַ רעזערוו־שטח, אין פֿאַל ווען די אונטערנעמונג וועט זיך וועלן פֿאַרגרעסערן. אַחוץ דעם איז דער קיבוץ מסכּים אַז איך זאָל זײַן דער אָנפֿירער פֿון דער אונטערנעמונג און זאָרגן אַז די סחורה זאָל פֿאַרקויפֿט ווערן סײַ אויפֿן פּריוואַטן מאַרק, סײַ פֿאַר רעגירונג־אינסטיטוציעס און מוניציפּאַלע אונטערנעמונגען.

מײַנע פֿרײַנד פֿון מאַראָווסקאַ־אָסטראָוואַ האָבן אַקצעפּטירט אַלע אונדזערע באַדינגונגען און מיר האָבן תּיכּף אָנגעהויבן אַרבעטן. אין משך פֿון אַ פּאָר טעג האָבן מיר אויפֿגעשטעלט צוויי הילצערנע בײַדלעך און אין פֿאַרלויף פֿון אַ חודש האָבן מיר שוין געהאַט גענוג אַספּאַלט כּדי צו מאַכן עקספּע־רימענטן. אַזוי איז אויפֿגעקומען די ערשטע אונטערנעמונג צו פּראָדוצירן קאַלטן אַספּאַלט אין ארץ־ישׂראל. איר נאָמען איז געווען „אַס־קר״.

יעדער אָנהייב איז שווער

מיט דער הילף פֿון מײַן פֿרײַנד, דער אינזשעניר קרעמער פֿון חיפֿהר שטאָטראָט, האָב איך באַקומען די הסכּמה פֿונעם הויפּטאינזשעניר, מיסטער וואָטסאָן, צו עקספּערימענטירן אונדזער קאַלטן אַספּאַלט אויף אַ שטיק שאָסיי בײַם אַרויפֿשטײַג פֿון הדר הכּרמל צום הר הכּרמל, אין שכונות מיטן האָטעל „כּרמליה״. דער דאָזיקער טייל איז געווען צוגעפּאַסט פֿאַר אונדזער צוועק. איך בין געווען זיכער אַז אויב דער עקספּערימענט וועט געראָטן און דער אַספּאַלט וועט זיך נישט ברעכן און נישט ברעקלען אין משך פֿון דרײַ

חדשים וועלן מיר נישט האָבן קיין פּראָבלעמען צו פאַרקויפן אונדזער סחורה. אַלע וועלן אַריבערגיין פון „שעל" צו „אָס־קר".

דער שאָסיי האָט זיך גראַד געהאַלטן אין בויען און האָט געדאַרפט זײַן פאַרטיק צו אַספאַלטירן אין אַ חודש אַרום. מיר האָבן אַלע אין קיבוץ אומ־געדולדיק געוואַרט אויף דעם טאָג, וואָס האָט געדאַרפט זײַן אַ יום־טוב פאַר אונדזער אונטערנעמונג. איך אַליין האָב פעסט געגלייבט אין אונדזער הצלחה. דערפאַר האָב איך זיך באַמיט צו פאַרבעטן כמעט דעם גאַנצן ייִדישן ייִשוב פון חיפה און בעיקר די אונטערנעמערס וואָס בויען שאָסייען, זיי זאָלן קומען און זען אונדזער חלוציש שטיקל אַרבעט.

סוף־כּל־סוף איז געקומען דער לאַנג־דערוואַרטער טאָג. אויפן באַשטימטן אָרט זענען געווען שאָסיי־אַרבעטער און חברים פון די שכנותדיקע קיבוצים, אָבער קיין איין רעפּרעזענטאַנט פון די אָפיציעלע אינסטיטוציעס איז נישט געקומען, אַפילו נישט די ייִדישע אונטערנעמערס, אַפילו נישט די פאַרטרע־טער פון תּל־אָביבער שטאָראַט, וואָס איז ספּעציעל פאַרבעטן געוואָרן, ווי אַ פאָרשטייער פון דער ערשטער ייִדישער שטאָט אין לאַנד. דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן. פּלוצעם האָב איך פאַרשטאַנען אַז עס וואַרטן אויף אונדז שווערע טעג, אַז ס'איז נישט קיין קלייניקייט אײַנצורײַסן די ריזיקע פרעמדע מויער וואָס מען האָט אויפגעשטעלט קעגן „תּוצרת הארץ", דהײַנו קעגן סחורות וואָס ווערן פּראָדוצירט אין לאַנד.

אין יענעם טאָג האָב איך זיך אָבער נישט געוואָלט לאָזן פאַרשטערן די שׂימחה, ווען איך האָב געזען דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן ווי מען בויט אַ שאָסיי. געפרייט האָבן זיך אויך די אַרבעטער ווען זיי האָבן געזען אַז די מאַשין וואָס צעשפּרייט דעם אַספאַלט פאַרשטאָפּט זיך נישט און אַז דער חומר צעגיסט זיך אין דער לענג פון שאָסיי. בעת מען האָט געאַרבעט מיט הייסן אַספאַלט האָט מען אַלע מאָל געמוזט איבעררײַסן די אַרבעט כּדי אָפּצואָטעמען אין דער גרויסער היץ. אַצינד איז אַלץ געגאַנגען גלאַט און די אַרבעטער זענען נישט פאַרמאַטערט געוואָרן. אויפן אויסגעשפּרייטן אַספאַלט איז תּיכּף אַרויפגעפאָרן די שווערע פּרעסמאַשין און מען האָט ממש געזען ווי דער אַספאַלט פאַרבינדט זיך מיט די קליינע שטיינדלעך, דעם זשוויר, און ווערט פאַרהאַרטעוועט.

ווען די אַרבעט האָט זיך פאַרענדיקט האָב איך פאַרטיילט כּיבוד און די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. מען האָט אָנגעהויבן צו זינגען ווי אין די אַלטע גוטע צײַטן פון דער צווייטער און דריטער עליה אין עמק, ווען מען האָט געבויט דאָרטן די שאָסייען.

איך געדענק עד־היום יענע דריַ פּרוּוו־חדשים. טאָג פֿאַר טאָג בין איך געשטאַנען בײַ יענעם שטיק שאָסיי וואָס מיר האָבן אַספאַלטירט און געקוקט אויף איטלעכן אויטאָבוס, אויף איטלעכן לאַסטאויטאָ וואָס האָט דאָרטן פֿאַר־קערעוועט צום הר הכּרמל — צי האַלט אויס דער שאָסיי די משׂא, צי ברעקלט ער זיך נישט, צי שפּאַלט ער זיך נישט. איך האָב געשעפּט נחת ווען איך האָב געזען ווי ער ווערט פֿון טאָג צו טאָג גלאַטער, איך האָב זיך געפֿרייט ווי אַ קליין קינד, ווי גליַיך דאָס וואָלט געווען מײַן פּערזענלעכע הצלחה. נאָך די דריַ חדשים האָט דער שטאָטראָט פֿון חיפה אָנגעהויבן צו קויפֿן בײַ אונדז קליינע קוואַנטיטעטן „אַס־קר" און מען האָט אונדז פֿאַרזיכערט אַז ווי באַלד עס וועט זיך פֿאַרענדיקן דער פֿאַרטראַג וואָס זיי האָבן מיט דער געזעלשאַפֿט „שעל" וועלן זיי בײַ אונדז קויפֿן דעם גאַנצן באַדאַרף.

דער שטאָטראָט פֿון חיפה, וואָס איז געווען אַ ייִדיש־אַראַבישער, האָט אונדז אָנערקענט און געשטיצט, אָבער די ערשטע ייִדישע שטאָט אין לאַנד, תּל־אָביב, און די ייִדישע סוכנות האָבן אונדז נישט אָנערקענט. דער סולל בונה, וואָס איז געווען דער הויפּטאונטערנעמער אין ייִשוב פֿאַר בויען שאָסייען האָט נישט געוואָלט פֿון אונדז וויסן. דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער אינזשעניר אין סולל בונה פֿאַר שאָסייען־בוי האָט מיך דווקא אויפֿגענומען, ווײַל איך בין געווען אַ חבר אין קיבוץ און אין הסתּדרות. אָבער ער האָט מיר געזאָגט אַז בויען שאָסייען איז נישט אַזאַ פּשוטער ענין, אַז מען טראָגט אַן אַחריות פֿאַר די מענטשן וואָס וועלן זיך מיט זיי באַניצן, און דערפֿאַר קען מען זיך נישט דערלויבן צו נוצן מאַטעריאַלן וואָס זענען נאָך נישט גענוג באַקאַנט. ווען איך האָב אים געבראַכט ווי אַ ראַיה דעם פּרוּוו וואָס מיר האָבן געמאַכט אין חיפה, האָט ער געענטפֿערט אַז דער שטאָטראָט טראָגט נישט אַזאַ אַחריות ווי די פֿירמע סולל בונה. קיינער וועט נישט באַשולדיקן דעם שטאָטראָט אַז דער שאָסיי וועט זיך צעברעקלען, אָבער ווען דאָס זאָל טרעפֿן בײַ סולל בונה וועט דאָס ברענגען פֿינאַנציעלן שאָדן און וועט מאַכן דער אונטערנעמונג אַ שלעכטן נאָמען.

כּדי צו זען צי דער פּרוּוו וואָס מיר האָבן געמאַכט לעבן האָטעל „כּרמליה" אין חיפה איז באמת געראָטן — האָט געטענהט דער אינזשעניר פֿון סולל בונה — מוז מען וואַרטן ביז עס וועט קומען דער זומער. אַז דער אַספאַל־טירטער שאָסיי וועט בלײַבן גאַנץ נאָך אַ קאַלטן ווינטער און אַ הייסן זומער וועט מען ערשט וויסן צי דער אַס־קר טויג פֿאַר ארץ־ישׂראל.

דער ענין האָט מיך טאַקע פֿאַרדראָסן, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה. איך האָב זיך נישט געקענט אַרײַנלאָזן אין אַ וויכּוח מיט אַ פֿאַכמאַן

וואָס האָט אַ נסיון פון יאָרן אין בויען שאָסייען. איך האָב געטראַכט אַז באַלד וועט אַריבער דאָס יאָר און אויב אונדזער שאָסיי וועט אויסהאַלטן דעם פּרווו וועט דער אינזשעניר פון סולל בונה נישט מער האָבן קיין תּירוץ, ער וועט מוזן קויפן ביי אונדז אַס־קר.

אַ שווערער פּראָבלעם האָבן מיר געהאַט מיטן אינזשעניר ש. פון תּל־אָביבער שטאָטראָט. ער האָט זיך אויפגעפירט ווי אַן אָריענטאַלישער פּאַשאַ. היות ער איז נישט געקומען ווען מיר האָבן אים פאַרבעטן צו דעם ערשטן פּרווו מיט אַס־קר אין חיפה, האָב איך אים געשריבן עטלעכע בריוו און ביי־געלייגט אויפקלערונג־מאַטעריאַל וועגן דעם קאַלטן אַספאַלט. אַנשטאָט אַן ענטפער האָב איך צוריקגעקראָגן די בריוו מיט דער באַמערקונג אַז דער ענין אינטערעסירט אים נישט. אויף מיין בקשה ער זאָל מיך אויפנעמען האָט ער בכלל נישט געענטפערט. איך האָב געפּרוווט פאַרשיידענע וועגן צוצו־קומען צו אים, אָבער ס׳איז מיר נישט געראָטן. אַלע מיינע באַקאַנטע האָבן געזאָגט אַז זיי קענען מיר נישט העלפן ווייל דער אינזשעניר ש. איז אַ שווערער פאַרשוין און קיינער האָט אויף אים קיין השפּעה נישט. אַפילו דער ראָש־העיר פון תּל־אָביב וויל מיט אים נישט האָבן קיין סיכסוכים.

איך האָב זיך באַראָטן מיט עטלעכע חברים פון קיבוץ און מיר האָבן באַ־שלאָסן אַז מען דאַרף זיך באַנוצן מיט כּוח קעגן דעם אינזשעניר ש. אונדזער החלטה איז געווען צו ברענגען אַ גרופּע חברים פון קיבוץ קיין תּל־אָביב, זיי זאָלן שטערן די אַרבעט אויף אַ שאָסיי וואָס האָלט זיך אין בויען. אויף אַזאַ אופן וועלן מיר באַקאַנט מאַכן דער תּל־אָביבער באַפעלקערונג, אַז די יידישע שטאָט באַאיקאָטירט די נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע און קויפט גיכער ביי דער ענגלישער געזעלשאַפט „שעל״, וואָס האָט אַ פיינדלעכע באַציִונג צו דעם יידישן ישוב.

אָט דעם באַשלוס האָב איך דערווייל אָפּגעלייגט, ווייל איך האָב מורא געהאַט אַז אויב מיר וועלן דאָס טאָן אין מיטן תּל־אָביב וועט אונדז די ענגלישע פּאָליציי אַרעסטירן און עס וועט קומען צו בלוטיקע צוזאַמענ־שטויסן. איך האָב נאָך אַלץ געהאָפט אַז עס וועט מיר געראָטן זיך צו טרעפן פּערזענלעך מיטן אינזשעניר ש. און אים איבערצייגן אַז מיר זענען גערעכט. יעדעס מאָל ווען איך פלעג קומען קיין תּל־אָביב פלעג איך אָנקלינגען אין ביוראָ צו אינזשעניר ש. און בעטן מען זאָל מיך אויפנעמען, און יעדעס מאָל האָט זיין סעקרעטאַרשע, וואָס האָט מסתּמא געהאַט גענויע אָנווייזונגען, מיר געענטפערט אַז דער אינזשעניר איז פאַרנומען.

איין מאָל, בעת איך בין ווידער געווען אין תּל־אָביב, האָב איך אויטאָמאַ־

טיש אויפגעהויבן דאָס טרײַבל און, ווי געוויינטלעך, געבעטן דער אינזשעניר זאָל מיך אויפנעמען. צופעליק איז געווען אַן אַנדערע סעקרעטאַרשע און זי האָט מיך געפרעגט ווי איך הייס. האָב איך איר געענטפערט אַז איך הייס שמעון אָרנשטיין און איך קום פון חיפה. און ווען זי האָט מיך איבערגעפרעגט צי איך בין אַדון אָרנשטיין פון טכניון, האָב איך איר געענטפערט: יאָ. זי האָט מיך געבעטן וואַרטן און נאָך עטלעכע רגעס האָט זי מיר געזאָגט אַז דער אינזשעניר וואַרט אויף מיר. (שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט אַז אין טכניון איז באמת געווען אַן אינזשעניר מיטן נאָמען אָרנשטיין).

עס האָט קיין סך נישט געדויערט און איך בין געווען אין שטאָטראָט. ווי איך בין נאָר אַרײַן אין ביוראָ האָט דער אינזשעניר ש. באַלד געזען אַז ער האָט געהאַט אַ טעות. איך בין געווען אָנגעטאָן ווי אַ קיבוצניק אין יענע צײַטן, אַ בלוי העמד און קורצע הויזן. איך האָב תּיכּף געזען אַז עס זידט אין אים דער כּעס. מיט מײַן קיבוצישער חוצפּה האָב איך נישט געוואַרט ער זאָל מיך פאַרבעטן זיצן, איך האָב זיך באַקוועם געמאַכט אין אַ לעדערנעם שטול וואָס איז געשטאַנען אים אַנטקעגן איבער.

דער אינזשעניר האָט זיך צו מיר געוואָנדן אין דריטער פּערזאָן, ווי אויף חוזק. איך האָב זיך באַהערשט און אים נאָרמאַל געענטפערט אַז היות ער האָט נישט געענטפערט אויף מײַנע בריוו, בעט איך אים ער זאָל מיך אויס־הערן עטלעכע מינוט. זײַן תּשובה איז געווען בקיצור:

— דער גאַנצער ענין אינטערעסירט מיך נישט, און איר אינטערעסירט מיך אויך נישט און ס'איז אַ שאָד מײַן טײַערע צײַט.

דאָס האָט מיך אַרויסגעבראַכט פון די כּלים. איך האָב אים געענטפערט אַז ער פּערזענלעך אינטערעסירט מיך אויך זייער ווינציק און אויב איך האָב זיך באַמיט צו קומען פון חיפה איז דאָס נישט געווען כּדי צו זען זײַן פּרצוף, נײַערט כּדי אים פאַרצושלאָגן אַן ערנסטן ענין. און איצט, האָב איך זיך ווײַטער געקאָכט, האָט ער אַ ברירה: אָדער רופן די פּאָליציי וואָס זאָל מיך אַרויסיאָגן פון זײַן ביוראָ, אָדער מיך אויסהערן. אויב ער וועט באַשליסן צו רופן די פּאָליציי, זאָל ער וויסן, אַז איך האָב אויך פאַרשיידענע וועגן אים מיאוס צו מאַכן דאָס לעבן אין תּל־אָביב.

ער איז געבליבן זיצן און איך האָב אויסגעגאָסן מײַן גאַנצן צאָרן. איך האָב אַפילו נישט געטראַכט צי ער הערט זיך אײַן. ווען איך האָב פאַרענדיקט האָט דער אינזשעניר ש. מיר געענטפערט צוויי ווערטער:

— נישט אינטערעסאַנט!

ווען איך האָב דאָס דערהערט האָב איך אים פײַערלעך געזאָגט אַז ער וועט

זיך נאָך בעטן איך זאָל זיך ווענדן מיט אים באַגעגענען און אַז ער וועט באַקומען צו פילן וואָס עס באַטײַט צו פירן מלחמה קעגן „תוצרת הארץ״, קעגן נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע. דערנאָך האָב איך אַ קראַך געטאָן מיט דער טיר און בין אַוועק אָן אַ זײַ געזונט.

אַ טייל פון מײַנע חברים האָבן מיר געראָטן איך זאָל זיך ווענדן צו דעם ראָש העיר, ישׂראל רוקח, וואָס איז באַקאַנט געווען מיט זײַן וואָרעמער יידישער באַציִונג, און זיך באַקלאָגן אויפן אינזשעניר. איך האָב אָבער מורא געהאַט אַז דער אינזשעניר וועט קומען מיט פּאַכמענישע תּירוצים און וועט אויפווײַזן פּאָר וואָס ער וויל נישט אײַנהאַנדלען אונדזער אַספּאַלט. אַזוי ווי דער ראָש העיר איז נישט קיין פּאַכמאַן, וועט ער אַקצעפּטירן די טעכנישע אַרגומענטן און דערמיט איז דער גאַנצער ענין אַ פאַרלוירענער. נאָר אַ ראַדיקאַלער צוזאַמענשטויס וועט צווינגען דעם ראָש העיר ער זאָל מיך אויסהערן.

דורך באַקאַנטע אין דער טעכנישער אָפּטיילונג פון תּל־אָביבער שטאָטראָט בין איך געוווירע געוואָרן ווען מען דאַרף אַספּאַלטירן אַ באַשטימטע גאַס אין תּל־אָביב. אין יענעם טאָג האָב איך אָרגאַניזירט אַ צאָל חברים פון קיבוץ, אין איינעם מיט אַ צאָל אַרבעטסלאָזע וואָס די „מועצת פועלי חיפה״ האָט מיר צוגעשטעלט, אין איינעם בערך דרײַסיק מאַן, און מיר האָבן זיך אַוועק־געלאָזט מיט אַ לאַסטאויטאָ אויף דער גאַס וואָס מען האָט געדאַרפט אַספּאַל־טירן. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין מיטן גאַס און נישט געלאָזט אַרײַנ־פאָרן דעם אויטאָ מיטן אַספּאַלט פון דער געזעלשאַפט „שעל״ און די פּרעס־מאַשין. ווען דער אַרבעטס־פאַרוואַלטער האָט געזען אַז ער האָט נישט קיין ברירה איז ער געגאַנגען מעלדן דעם הויפּטאינזשעניר.

אין צווישן האָבן זיך פאַרזאַמלט מענטשן וועלכע האָבן געלייענט די פּלאַקאַטן וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט. זיי האָבן אונדז אויפגעמונטערט און געפאָדערט מיר זאָלן נישט נאָכגעבן. אין יענער צײַט, ווען עס זענען געפאַלן יידישע קרבנות פון די אַראַבישע קוילן, האָט דער רוב פון ייִשוב געשטיצט דעם קאַמף פאַר „תוצרת הארץ״.

ווען דער אינזשעניר איז אָנגעקומען מיט עטלעכע יידישע פּאָליציאַנטן האָט די שפּאַנונג דערגרייכט איר הויכפּונקט. די פּאָליצײַ האָט געזען דעם עולם וואָס נעמט אונדז אַרום ווי אַ מויער און האָט באַשלאָסן זיך נישט אַרײַנצומישן אין דעם סיכסוך.

דער ראָש העיר האָט זיך באַלד דערוווּסט פון אונדזער שטרײַק און האָט באַפוילן אַז דער הויפּטאינזשעניר צוזאַמען מיט מיר זאָלן תּיכּף קומען אין

זײַן ביורא. דער אמת געזאָגט האָב איך נאָך אַלץ געספּקט צי דאָס וועט שוין ברענגען די ישועה. איך האָב נאָך אַלץ מורא געהאַט אַז דער אינזשעניר וועט פּרוּוון איבערצײַגן דעם ראָש העיר מיט טעכנישע אַרגומענטן. ווען איך בין אָבער געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיט ישׂראל רוקח איז מײַן גאַנצער ספק נעלם געוואָרן. ווען ער האָט מיר געדריקט די האַנט האָב איך געפילט אַז איך שטיי פאַר אַן אויסערגעוויינטלעכער ייִדישער פּערזענלעכקייט, וואָס ווייס פּינקטלעך וואָס ער וויל. איך בין תּיכּף געוווען איבערצײַגט אַז ער רעכנט זיך נישט מיט קליינע חשבונות, ווען עס גייט אין אַן ענין פון אַ נאַציאָנאַלער באַדײַטונג. ער האָט מיך געבעטן איך זאָל אים דערציילן פאַר וואָס מיר שטרײַקן און האָט זיך צוגעהערט מיט אַחריות, ווי אַ מענטש וואָס פאַרשטייט זײַן היסטאָרישן חוב, ווי דער ערשטער ראָש העיר אין דער ערשטער ייִדישער שטאָט, נאָך צוויי טויזנט יאָר פון גלות.

איך האָב אים אַלץ דערציילט, ווי אַזוי מיר האָבן אָנגעהויבן, ווי אַזוי מיר האָבן אויסגעפּרוּווט אונדזער אַספאַלט אין חיפה און ווי אַזוי דער הויפּט־אינזשעניר פון תּל־אָביב האָט זיך צו אונדז באַצויגן: אַז ער האָט מיך נישט געוואָלט אויפנעמען און מיר צוריקגעשיקט מײַנע בריוו אָן אַן ענטפער. איך האָב אים געזאָגט אַז די קיבוצישע באַוועגונג זעט אין אויפקום פון אַ ייִדישער אינדוסטריע אין ארץ־ישׂראל אַ נאַציאָנאַל פּראָבלעם. צום סוף האָב איך דערקלערט אַז איך בין תּיכּף גרייט צו באַפרײַען די גאַס וואָס מיר האָבן פאַרשפּאַרט, אויב ער וועט מיר צוזאָגן אַז ער וועט מיר העלפן שאַפן מענטשלעכע באַציִונגען מיט דער טעכנישער אָפּטיילונג אין שטאָטראָט און דערמיט שטיצן דעם אויפקום פון אַ ייִדישער אינדוסטריע.

דער אינזשעניר האָט, פאַרשטייט זיך, געפּרוּווט זיך אַרויסדרייען מיט זײַנע פאַכמענישע אַרגומענטן, אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געקענט פאַר־ענטפערן מײַן פּשוטע שאלה: פאַר וואָס האָט ער מיך אַפילו נישט געוואָלט אויפנעמען און פאַר וואָס האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו מאַכן אַ פּרוּוו, ווי דאָס האָט געטאָן דער שטאָטראָט אין חיפה.

ישׂראל רוקח האָט מיר באַלד צוגעזאָגט אַז ער איז זיך מתחייב אונדז צו געבן אַ מעגלעכקייט צו אַספאַלטירן אַ טייל פון אַ גאַס אין תּל־אָביב, און דאָס בקרוב. דער הויפּטאינזשעניר אַליין וועט אונדז צו וויסן טאָן ווו און ווען.

אויף אַזאַ אופן האָבן מיר צעבראָכן דאָס אײַז אין תּל־אָביבער שטאָטראָט. מיט דער צײַט זענען זיי געוואָרן אונדזערע קונים און האָבן געגאָסן אונדזער אַס־קר אויף די גאַסן און שאָסייען אין תּל־אָביב. דער הויפּטאינזשעניר איז

ווײַטער געבליבן אַ קאַלטער טעכנאָקראַט, אָבער איך האָב זיך באַמיט נישט צו האָבן מיט אים קיין משׂא־ומתּן. ער אַליין האָט באַשטימט אַ פּאַרטרעטער פון דער טעכנישער אָפּטיילונג וואָס זאָל מיט אונדז פאַרהאַנדלען און מיט דעם פּאַרטרעטער האָבן מיר זיך תּיכּף אײַנפאַרשטאַנען.

עס איז אַריבער אַ ווינטער און אַ זומער זינט מיר האָבן געמאַכט דעם פּרוּוו אין חיפה און דער אַספאַלט וואָס מיר האָבן געגאָסן איז געווען אויס־געצייכנט. אָבער מיר האָבן נאָך אַלץ נישט געהאַט איבערצײַגט דעם אינ־זשעניר פון סולל בונה ער זאָל נוצן אַס־קר. יעדעס מאָל ווען אונדז האָט זיך געדאַכט אַז אַלץ איז אויף אַ וועג, איז ווידער געקומען אַ נעגאַטיווער ענטפער, ווידער אַ טעכנישער תּירוץ. איך האָב נישט געזען קיין אויסוועג. אין אַ באַשטימטן זינען האָב איך דאָס באַטראַכט ווי מײַן פּערזענלעכן דורכפאַל. איך, אַ חבר פון דער הסתּדרות, בין נישט בכּוח צו איבערצײַגן אַ הסתּדרו־תישע געזעלשאַפט, זי זאָל קויפן „תּוצרת הארץ״? ס׳איז דאָך זייער חוב צו שטיצן די נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע און דעם קיבוץ.

מײַנע צוויי פרײַנד פון מאַראָוסקאַ־אָסטראָווא, וואָס זענען געווען די איניציאַטאָרן פון דער אונטערנעמונג, האָבן מיך אַלץ דערמאָנט מיט אַ שמייכל, אַז אויך זיי האָבן געהאַט אַזאַ בראָך אין סולל בונה. איך האָב שוין געטראַכט צו שיקן דעם גאַנצן סולל בונה צו אַל די שוואַרצע רוחות. פון דעסטוועגן בין איך צוויי מאָל אַ וואָך געגאַנגען צו דעם אינזשעניר וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך אויף שאָסייען־בוי, כּדי צו הערן די נײַע תּירוצים וואָס ער וועט מיר ברענגען. איך בין אים שוין זיכער מיאוס און נימאס געוואָרן. ווען איך בין נישט אַ חבר פון קיבוץ וואָלט ער שוין לאַנג געווען באַפוילן מען זאָל מיך אַרויסוואַרפן, אָדער נישט אַרײַנלאָזן אין זײַן ביוראָ. ווי אַן אָנגעשטעלטער אין אַ היסתּדרותישער אונטערנעמונג האָט ער זיך אָבער דאָס נישט געטאָרט דערלויבן. מיר האָבן ביידע געפילט אַז מיר זענען נימאס איינער דעם צווייטן, אָבער דאָס אַרויסזאָגן אָפן האָבן מיר זיך נישט דערוועגט.

בעת איינעם פון מײַנע וויזיטן, דאָס איז געווען פאַר ווײַנאַכט, איז אויס־געבראָכן דער קריזיס צווישן אונדז. איך בין געזעסן אין ביוראָ פון דער סעקרעטאַרשע און געוואַרט אויף מײַן ריי, דער אינזשעניר זאָל מיך אויפ־נעמען. פּלוצעם איז אַרײַנגעקומען אַ שליח פון דער געזעלשאַפט „שעל״ מיט אַ גרויסן קויבער פול מיט דעליקאַטעסן — געטראַנקען, זיסיקייטן וכדומה כּיד־המלך — און אַ בריוו פאַרן אינזשעניר.

בײַם הײַנטיקן טאָג איז אָנגענומען אַז פאַרשיידענע פירמעס זאָלן שיקן

אויף יום־טוב מתּנות פאַר די דירעקטאָרן פון באַשטימטע אונטערנעמונגען און בעיקר פאַר די שעפן פון אָפּטיילונגען. דאָס איז בדרך־כּלל אַ סגולה פאַר גוטע געשעפטלעכע באַציִונגען. אָבער אין די דרײַסיקער יאָרן איז דאָס נישט געווען אין דער מאָדע, בפרט אין אַ הסתּדרותישער געזעלשאַפט.

די סעקרעטאַרשע האָט איבערגענומען דעם קויבער און אים אַרײַנגעטראָגן אין ביוראָ צום אינזשעניר. ווען זי איז אַרויסגעקומען האָט זי געזאָגט דעם שליח אַז דער אינזשעניר וועט שיקן דער געזעלשאַפט אַ באַשטעטיקונג און אַ פּערזענלעכן דאַנק. ווי איך האָב דאָס דערהערט בין איך אויפגעשטאַנען און בין אַרויס פון ביוראָ אָן אַ וואָרט צו זאָגן.

איך האָב באַשלאָסן זיך נוקם צו זײַן פאַר די אַלע עוולות וואָס איך האָב זיך אָנגעליטן אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר. איך האָב זיך אָוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו צו דער „מועצת פּועלי חיפה" און האָב געשילדערט די אויפפירונג פון „חבר" אינזשעניר, ווי ער פירט אונדז בײַ דער נאָז און קויפט אַספאַלט בײַ דער געזעלשאַפט „שעל", נישט געקוקט אויף איר פײַנד־לעכער שטעלונג לגבי דעם ישוב, אין דער צײַט ווען דער שטאָטראַט פון חיפה, וואָס איז אין תּוך אַ יידיש־אַראַבישע פאַרוואַלטונג, באַנוצט זיך מיט אונדזער אַספאַלט. ווײַטער האָב איך געשריבן אַז אין משך פון אַ יאָר האָב איך נישט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס אַ פאַרטרעטער פון אַ הסתּדרותישער אונטערנעמונג באַיקאָטירט אונדז. ערשט הײַנט איז מיר קלאָר געוואָרן די סיבה דערפון, ווען איך האָב געזען דעם קויבער מיט דעליקאַטעסן וואָס די געזעלשאַפט „שעל" האָט אים צוגעשיקט ווי אַ מתּנה.

איך האָב אַרײַנגעשיקט אַ קאָפּיע פון דעם בריוו צו דער אָנפירונג פון סולל בונה און אויך דעם אינזשעניר פּערזענלעך. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם, ווי אַ דונער וואָלט געטראָפן אין „מועצת פּועלי חיפה" און אין סולל בונה. דאָס האָט בפירוש געהייסן אַז דער פאַראַנטוואָרט־לעכער אינזשעניר נעמט שוחד. דער חבר אינזשעניר האָט קיין ברירה נישט געהאַט און אַרײַנגעטראָגן קעגן מיר אַן אָנקלאָג אין הסתּדרותישן געריכט, ווו ער האָט געטענהט אַז איך האָב קעגן אים אויסגעטראַכט אַ בילבול. ווען מײַן קיבוץ האָט זיך דערוווּסט פון דער דאָזיקער מעשׂה האָט דער סעקרע־טאַריאַט געפּרוּווט פּועלן בײַ מיר איך זאָל שרײַבן אַ צווייטן בריוו צו דער אָנפירונג פון סולל בונה און בעטן מחילה. בעיקר האָט געפּרעסט אויף מיר דער קאַסירער פון קיבוץ, ווײַל ער האָט מורא געהאַט אַז סולל בונה וועט זיך נוקם זײַן אין גאַנצן קיבוץ און וועט נישט מער געבן קיין אַרבעט אונדזער בויגרופּע.

איך האָב געגעבן צו פאַרשטיין מײַנע חברים אין סעקרעטאַריאַט אַז איך בין נישט גרייט צו בעטן מחילה און ווײַטער באַוועלט ווערן פון דעם אינ־זשעניר. איך בין קיין מאָל נישט געקומען זיך באַקלאָגן אין קיבוץ פאַר אַלץ וואָס איך האָב זיך פון אים אָנגעליטן אין משך פון אַ יאָר. איצט וויל איך גיין צו אַ מישפּט פון דער הסתדרות און עס וועט מיך נישט אַרן אַפילו אויב מען וועט מיך פערזענלעך באַשטראָפן. דער מישפּט איז די אײנציקע מעגלעכקייט אַראָפּצוּרײַסן דעם באַיקאָט וואָס סולל בונה האָט אַרויפגעלייגט אויף אונדזער אַס־קר און איך בעט אַז דער קיבוץ זאָל שטיין אויף מײַן זײַט — אַניט זאָל מען מיך באַפרײַען פון דער אָנפירונג אין אַס־קר.

איך בין געגאַנגען צום מישפּט אין אײנעם מיטן סעקרעטאַר פון קיבוץ, איבערצײַגט אַז דער קיבוץ שטייט אויף מײַן זײַט. נאָך די פּראָצעדוראַלע שאלות האָט מען געלייענט דעם אָנקלאָג קעגן מיר פון חבר אינזשעניר און ווען מען האָט מיך אָנגעהויבן אויסצופרעגן איז אויפגעשטאַנען דער סעקרעטאַר פון קיבוץ און האָט געבעטן מען זאָל אים דערלויבן אָפּצוגעבן אַ דערקלערונג אין נאָמען פון קיבוץ. ווען ער האָט באַקומען דאָס וואָרט האָט ער דערקלערט אַז דער קיבוץ, ווי אַ קאָלעקטיווע קערפּערשאַפט, אידענ־טיפיצירט זיך נישט מיט דעם בריוו וואָס איך האָב אַרײַנגעשיקט אין „מועצת פּועלי חיפה". דער בריוו דאַרף באַטראַכט ווערן ווי מײַנער אַ פּריוואַטער ענין.

איך בין געבליבן געפּלעפט און האָב נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסרעדן. איידער איך בין צו זיך געקומען איז אויפגעשטאַנען דער חבר אינזשעניר און האָט דערקלערט אַז אויב דער קיבוץ אידענטיפיצירט זיך נישט מיט דעם בריוו איז ער מבטל זײַן אָנקלאָג, וואָס האָט זיך בעיקר געווענדט קעגן קיבוץ. וואָס שייך מיר, האַלט ער אַז ס׳איז מסתּמא פאָרגעקומען צווישן אונדז אַן אומפאַרשטענדעניש און דעריבער שלאָגט ער פאָר מיר זאָלן זיך באַגעגענען אין בײַזײַן פון קיבוץ־סעקרעטאַר און ער איז זיכער אַז דער ענין וועט זיך אויפקלערן.

איך האָב אַפילו נישט געהאַט קיין צײַט אַרויסצוזאָגן מײַן מיינונג, ווײַל דער פּרעזידענט האָט דערקלערט אַז דאָס געריכט נעמט אָן דעם פאָרשלאָג פון חבר אינזשעניר מבטל צו מאַכן דעם אָנקלאָג. דער מישפּט האָט זיך פאַרענדיקט און אַלע, אַחוץ מיר, זענען געווען צופרידן. איך האָב געפילט אַז דער קיבוץ מײַנער האָט מיך באַוועלט און זיך אויפגעפירט נישט חבריש. עס איז מיר געבליבן אַ ביטערער טעם און איך האָב זיך אַ לאַנגע צײַט נישט געקענט באַפרײַען פון דעם געפיל אַז מײַנע חברים האָבן מיר געטאָן אַן עוולה.

געפֿילן זענען אָבער באַזונדער און די רעאַליטעט איז אויך באַזונדער. מיר האָט דער קיבוץ טאַקע געטאָן אַן עוולה אָבער צוליב דעם האָבן זיך פֿאַר אונדז געעפֿנט די טויערן פֿון סולל בונה. שוין בעת אונדזער ערשט באַגעגעניש מיטן פֿאַראַנטוואָרטלעכן אינזשעניר אין בייַזייַן פֿון קיבוץ־סעקרעטאַר האָבן מיר אָפּגעשלאָסן אַ קאָנטראַקט אויף אַ יאָר צו ליפֿערן אַספֿאַלט דעם סולל בונה. מיט אַזאַ קאָנטראַקט אין קעשענע האָב איך תּיכּף פֿאַרגעסן מייַן פּערזענלעכע עוולה. דער עיקר אַז אַס־קר איז געזיכערט, מיר קענען אָנהייבן אַרבעטן מיט אַלע כּוחות און זיך פֿאַרגרעסערן.

אַזוי האָט זיך פֿאַרענדיקט אַ פּרשה וואָס האָט מיר אַ יאָר צייַט אויפֿגעטרייסלט די נערוון און מיך נישט איין מאָל אַרייַנגעטריבן אין אַ ייִאוש. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רויִקע צייַט פֿון אַרבעט. די פֿאַבריק איז געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג און אַס־קר איז געוואָרן אַ חשובער פֿאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פֿונעם קיבוץ.

כּדאַי צו דערציילן מייַנע אַן איבערלעבונג פֿון יענע יאָרן, ווען איך בין געווען אַקטיוו אין דער אונטערנעמונג אַס־קר:

זוכנדיק לײדיקע פֿעסער פֿאַר דער פֿאַבריק, בין איך דערגאַנגען צו דער נייַער עלעקטרישער סטאַנציע וואָס האָט זיך דעמאָלט געבויט אין דער בוכטע פֿון חיפֿה. דאָרטן האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אַזעלכע לײדיקע אַספֿאַלט־פֿעסער אין די הונדערטער. איך האָב זיי אָפּגעקויפֿט און מיר האָבן אָנגעהויבן זיי ממש אַרויסגראָבן פֿון זאַמד וואָס האָט זיי צוגעדעקט מיט דער צייַט.

דער נאָמען פּנחס רוטענבערג איז מיר געווען באַקאַנט. איך האָב געוווּסט אַז ער איז דער גרינדער פֿון דער עלעקטריע־געזעלשאַפֿט אין ארץ־ישׂראל און איך האָב אויך געהאַט געלייענט וועגן זייַן רעוואָלוציאָנערער אַקטיוויטעט אין רוסלאַנד, בעת צאַרישן רעזשים, איידער ער איז געקומען אין לאַנד. ער האָט געהערט צו דער רעוואָלוציאָנערער גרופּע וואָס האָט ליקווידירט ראַספּוטינען. פּערזענלעך האָב איך אים נישט געקענט. איך האָב נאָר געהערט וואָס די אַרבעטער האָבן וועגן אים דערציילט. זיי האָבן גערעדט וועגן אים מיט גרויס דרך־ארץ און געזאָגט אַז ער איז זייער אַ פּינקטלעכער און שטרענגער מענטש, אָבער צו זייַנע אַרבעטער באַציט ער זיך מיט גרויס ליבשאַפֿט. ער קען זיי כּמעט אַלע בייַם נאָמען און ווייס אַלע פּרטים וועגן זייערע משפּחות.

איין מאָל איז געקומען אַ שליח אויפֿן שטח ווו מיר האָבן אויסגעגראָבן די לײדיקע פֿעסער און מיך פֿאַרבעטן צו רוטענבערגן אין ביוראָ. איך בין

געווען אַנגעטאָן אין די אַרבעטס־קליידער און האָב מיך נישט געפילט זייער באַקוועם בעת איך בין געזעסן אין וואַרטצימער. אויך די מענטשן וואָס זענען דאָרטן געזעסן האָבן מיך באַטראַכט ווי עפּעס אַ טשודאַק. אָבער סוף־כל־סוף בין איך דאָך געווען אַ קיבוצניק און עס האָט מיך קיין סך נישט געאַרט. אָבער ווען איך בין אַרײַנגעגאַנגען אינעווייניק און בין געשטאַנען קעגנאיבער פּנחס רוטענבערג האָב איך געפילט אַז עס האַקן זיך מיר אונטער די פיס. צום גליק האָט ער מיך פאַרבעטן זיצן אין אַ שטול. איך האָב זיך געפונען פאַר אַ גרויסער, שטראַלנדיקער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט מיך פשוט פאַר־כּישופט.

נאָך דעם ווי ער האָט מיר געגעבן די האַנט, האָט ער מיר דערציילט אַז אין דער פרי, ווען ער איז געקומען אין דער עלעקטרישער סטאַנציע, האָט ער אונדז געזען בושעווען אין זאַמד און אויף זײַן שאלה האָט מען אים געענטפערט אַז מיר האָבן אָפּגעקויפט די ליידיקע אײַזערנע פעסער. וויל ער וויסן צו וואָס מיר דאַרפן זיי. אים איז נאָר באַקאַנט אַז מיר זענען חברים פון טשעכישן קיבוץ און לעבן אין שכנות פון קרית־חיים.

איך האָב אים גערן דערציילט די געשיכטע פון אונדזער אונטערנעמונג וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט אין איינעם מיט צוויי טשעכישע קאַפּיטאַ־ליסטן. ער האָט מיך אויסגעהערט און מיך נישט איבערגעריסן. איך האָב אַפילו געהאַט דאָס געפיל אַז ער האָט הנאה פון מײַנע ווערטער און דערפאַר בין איך איבערגעגאַנגען צו פרטים און האָב פונאַנדערגעוויקלט דעם געדאַנק צו שאַפן אַ יסודותדיקע פאַרפלעכטונג פון אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט אין די קיבוצים. ווערליק זײַן שמייכל האָב איך פאַרשטאַנען אַז דער געדאַנק לייגט זיך אים אויפן שׂכל.

דער אָנהייב פון אַן אינדוסטריע

פּנחס רוטנבערג איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן אין דעם נײַעם יידישן ייִשוב אין ארץ־ישׂראל. אין איטלעכן פרווו עפּעס צו שאַפן האָט ער געזען אַ פאַקטאָר צו שטאַרקן דעם ייִשוב. אַזוי ווי ער אַליין איז געווען אַ פּיאָניר אויפן שטח פון אינדוסטריע האָט ער געהאַט אַ סימ־פּאַטיע פאַר דער קיבוצישער באַוועגונג און האָט געגלייבט אין דעם אַז דורך אַ ווירטשאַפטלעכער אומאָפּהענגיקייט וועלן מיר סוף־כל־סוף אויך דער־גרייכן פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט. דערפאַר האָט ער זיך ממש געפרייט מיט איטלעכן טראָט וואָס איז געמאַכט געוואָרן צו באַפרײַען דעם ייִשוב פון זײַן אָפּהענגיקייט פון דער ענגלישער מאַנדאַטאָרער מאַכט.

אונדזער שמועס האָט געדויערט אַ לאַנגע צײַט און צום סוף האָט ער מיר צוגעזאָגט אַז אויב מיר וועלן זיך נייטיקן אין זײַן הילף וועט ער אונדז העלפֿן. איך וויל נישט מאריך זײַן. פּנחס רוטנבערג האָט באמת געהאַלטן וואָרט און האָט אונדז געהאָלפֿן ווען נאָר מיר האָבן זיך צו אים געוואָנדן. בעיקר האָט ער אונדז געהאָלפֿן באַקומען רוימאַטעריאַל פֿון דער ראַפֿינעריע אין חיפה אין דער צײַט ווען די געזעלשאַפֿט „שעל" האָט זיך אַרײַנגעלייגט מען זאָל אונדז דעם מאַטעריאַל נישט פֿאַרקויפֿן. ביזן הײַנטיקן טאָג בין איך שטאָלץ וואָס איך האָב געהאַט די זכיה אויפֿגענומען צו ווערן פֿון פּנחס רוטנבערג.

אין יענער צײַט איז אויך געקומען קיין ארץ־ישׂראל דער פֿאַרבן־פֿאַבריקאַנט טיבערג פֿון מאַראַווסקאַ־אָסטראַווע. ער איז געווען אַ באַקאַנטער ציוניסט און יאָרן־לאַנג דער פֿאָרזיצער פֿון טשעכישן החלוץ־פֿאַרבאַנד. ווען ער איז אָנגעקומען אין לאַנד איז זײַן ערשטער וועג געווען צו אונדז אין קיבוץ, ווו ער האָט געהאַט גוטע פֿרײַנד. מיר האָבן אים פֿאָרגעשלאָגן ער זאָל אויפֿשטעלן זײַן פֿאַרבן־פֿאַבריק לעבן אונדזער אַספֿאַלט־פֿאַבריק און דאָס וועט אים אײַנשפּאָרן אַ סך אינוועסטיציעס. אונדזערע צוויי שותּפֿים פֿון אָס־קר זענען מסכּים געווען מיטן שידוך און אַזוי אַרום איז פֿרײַ געווען דער וועג צו פֿאַרברייטערן אונדזערע אונטערנעמונגען.

די פֿאַרבן־פֿאַבריק האָט זיך גיך אַנטוויקלט. מיט קונים איז נישט געווען קיין דאגה. אונדזער בעסטער אָפּנעמער איז געווען די ענגלישע אַרמיי, וואָס האָט זיך אין די דרײַסיקער יאָרן קאָנצענטרירט אויפֿן נאָענטן מיזרח. די אַרמיי האָט זיך געניייטיקט אין גרויסע קוואַנטיטעטן פֿאַרב צו קאַמופֿלירן זייערע מיליטערישע לאַגערן און וואָפֿן־מאַגאַזינען. דאָס האָט געפֿאָדערט פֿון אונדז כּסדרדיקע טעכנישע פֿאַרבעסערונגען. נאָך אַ קורצער צײַט איז דער קליינער וואָרשטאַט וואָס מיר האָבן בײַם אָנהייב אויפֿגעשטעלט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן ערנסטער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג.

באַלד נאָך דעם איז אָנגעקומען נאָך אַן אינדוסטריעלער פֿון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, אַ פֿאַבריקאַנט פֿון געברענטע ציגל, וואָס דער יישוב האָט זיך שטאַרק געניייטיקט אין זיי, אין טאָג־טעגלעכן וואַקסנדיקן בוי. אויך ער איז געווען אַ באַקאַנטער ציוניסטישער מנהיג אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און אויך ער האָט אויפֿגעשטעלט זײַן פֿאַבריק אין שותּפֿות מיטן קיבוץ, לויטן זעלביקן מאָדעל ווי אָס־קר. די נײַע אונטערנעמונג האָט געהייסן „נעמן". דאָס איז געווען די ערשטע אונטערנעמונג וואָס האָט פֿאַבריצירט געברענטע ציגל אין נאָענטן מיזרח. מיט דער צײַט האָט „נעמן" אויך אָנגעהויבן פֿאַברי־

צירן קעראַמיק און פּאָרצעלאַן. עד־היום איז „נעמן" אַ שם־דבר אין דער ישׂראַלישער אינדוסטריע.

מײַן קיבוץ איז געווען דער פּיאָניר וואָס שייך אַרײַנברענגען אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. שפּעטער זענען אויך אַנדערע קיבוצים געגאַנגען אויף דעם זעלביקן וועג. הײַנט איז כּמעט נישט פֿאַראַן קיין קיבוץ אין לאַנד וואָס זאָל נישט פֿאַרמאָגן קיין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, פֿון פּשוטע קראַנען ביז צו די קאָמפּליצירטסטע פּרטים. די קיבוצישע אינדוסטריע פּראָדוצירט יערלעך סחורות אין ווערט פֿון הונדערטער מיליאָנען און אַ גרויסער טייל דערפֿון ווערט עקספּאָרטירט אויף דער גאָרער וועלט. אַזוי אַרום איז די קיבוצישע אינדוסטריע געוואָרן אַ חשובֿער חלק פֿון דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע אין לאַנד.

ביזן הײַנטיקן טאָג באַמיט זיך די קיבוצישע באַוועגונג צו טרעפֿן דעם ריכטיקן זיווג פֿון לאַנדווירטשאַפֿט און אינדוסטריע, כּדי צו בלײַבן געטרײַ די חלוצישע אידעאַלן. אָבער אויך די לאַנדווירטשאַפֿט איז נישט מער וואָס זי איז געווען אַ מאָל. צוליב די מאַשינען וואָס ווערן באַנוצט קען מען זאָגן אַז דאָס איז אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אינדוסטריע, ווי עס האָבן אַפֿילו נישט געחלומט די גרינדערס פֿון די ערשטע קיבוצים.

ווי אַ פּועל־יוצא פֿון דעם אַלעם האָט זיך דורכויס פֿאַרבעסערט דער לעבנס־סטאַנדאַרד פֿון די חברים אין קיבוץ. די סימנים וואָס האָבן אַ מאָל באַצייכנט אַ חבר פֿון קיבוץ זענען הײַנט פֿאַרשוווּנדן פֿון דער ישׂראַלדיקער לאַנדשאַפֿט. פֿרעגט זיך טאַקע צי די שטאַרקע ווירטשאַפֿטלעכע אַנטוויקלונג פֿונעם קיבוץ, וואָס קיינער קען זי נישט מער אָפּשטעלן, איז נישט אַ סכּנה פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון דער קיבוצישער באַוועגונג. הגם די בעסטע חברים פֿון דער קיבוצישער באַוועגונג האָבן זיך אין אָט דער שאלה ערנסט אַרײַנגעטראַכט איז נאָך אויף איר עד־היום נישטאָ קיין תּשובֿה.

אָט דאָס קאַפּיטל פֿון מײַן לעבן האָב איך געשריבן מיט יאָרן שפּעטער, נאָך דעם ווי איך בין אַרויס פֿון קיבוץ. אין משך פֿון אַלע יאָרן האָב איך אויפֿגעהאַלטן אַ שטענדיקע פֿאַרבינדונג מיטן גרעסטן טייל פֿון די חברים אין קיבוץ און האָב זיך געפֿרייט מיט יעדער הצלחה וואָס זיי האָבן דערגרייכט. מײַן אינטערעס אין קיבוץ איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, הגם דער קיבוץ האָט נישט תּמיד געהאַט צו מיר אַ חברישע באַציִונג. אָבער וועגן דעם — שפּעטער. איצט וויל איך נאָך דערציילן אַ קליינעם עפּיזאָד וואָס שפּיגלט אָפּ די קאָמפּלעקסן וואָס שאַפֿן זיך לגבי אַ חבר וואָס איז אַרויס פֿון קיבוץ.

דער קיבוץ כּפר מאַסאַריק האָט אַרויסגעגעבן אַ יובל־בוך צו די פֿינף און צוואַנציק יאָר זינט דער קיבוץ איז אויפֿגעקומען. דאָרט ווערט געבראַכט אַ פּרטימדיקע באַשרײַבונג פֿון דער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג. עס ווערט אויך דערציילט די געשיכטע פֿון אַס־קר, אָבער דער נאָמען שמעון אָרנשטיין ווערט אַפֿילו נישט דערמאָנט. עס ווערן דאָרט דערמאָנט פֿאַרשיידענע חברים, אָבער קיין וואָרט נישט וועגן דעם חבר וואָס איז געווען דער איניציאַטאָר פֿון דער אונטערנעמונג און האָט זי יאָרן־לאַנג אָנגעפֿירט. זײַן נאָמען איז פּשוט אויסגעמעקט געוואָרן פֿון דער קיבוצישער ענציקלאָפּעדיע... שווער צו פֿאַרשטיין מײַנע חברים אין קיבוץ. פֿון וואַנען נעמט זיך אַזאַ קליינלעכער צוגאַנג?

זייער אַ סך חברים אין קיבוץ געדענקען נאָך אַוודאי דעם שווערן קאַמף וואָס איך האָב געפֿירט, קודם־כּל מיטן קיבוץ גופֿא, וואָס האָט זיך אַנטקעגנ־געשטעלט מען זאָל שאַפֿן אַן אינדוסטריע און דערנאָך מיט דרויסנדיקע גורמים, וואָס האָבן אַלץ געטאָן כּדי מיר זאָלן נישט מצליח זײַן. נאָר אַ דאַנק מײַן עקשנותדיקן קאַמף האָבן מיר גובר געווען די שוועריקייטן און האָבן זיך פֿונאַנדערגעוויקלט.

איך ווייס נישט ווער עס האָט געהאַט אַ האַנט אין דער גאַנצער פּרשה. איך מוז אָבער זאָגן אַז דערציילן די געשיכטע פֿון אַס־קר און נישט דער־מאָנען מײַן נאָמען — איז אַ גראָבע פֿעלשונג, אַ הימלשרײַענדיקע עוולה.

ח

איך גיי אַרויס פון קיבוץ

פאַראַנען, ווײַזט אויס, מענטשן וואָס זייער גורל איז צו לעבן שטענדיק אין שפּאַנונג. ווען אַלץ גייט כּשורה און זיי קענען רויִק הנאה האָבן פון לעבן, מוז זיך עפּעס טרעפן וואָס זאָל איבערדרייען דאָס רעדל און זיי זאָלן מוזן אַלץ אָנהייבן פון דאָס נײַ. דאָס איז גורל. איך געהער אויך צו אָט דעם סאָרט מענטשן.

אין דער לעצטער צײַט האָב איך געהאַט אַלץ וואָס אַ מענטש קען באַגערן, סײַ אין פאַמיליע־לעבן, סײַ אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. איך האָב פאַרנומען אין קיבוץ אַ בכּבודיקע פּאָזיציע און האָב בכלל נישט געהאַט קיין פּערזענ־לעכע פּראָבלעמען. ווען עמעצער וואָלט מיר דעמאָלט געזאָגט אַז אין אַ קורצער צײַט וועל איך אַוועקגיין פון קיבוץ, וואָלט איך אים געענטפערט אַז ער רעדט פון זינען, ווײַל דער קיבוץ איז מײַן היים אויף אייביק.

פון דעסטוועגן איז פּלוצעם געקומען אַ רגע ווען איך האָב געדאַרפט אויסקלײַבן: אַהין אָדער אַהער. הײַנט, נאָך צענדליקער יאָרן, איז מיר שווער צו זאָגן צי איך וואָלט אַצינד אויך אַזוי געהאַנדלט ווי דעמאָלט. בכל־אופן האָב איך מאָמענטן פון חרטה וואָס איך בין אַוועק פון קיבוץ. ווײַזט אויס אַז איך וואָלט אויך אַצינד געטאָן דאָס זעלבע ווי דעמאָלט, ווײַל איך קוק נישט אויף זאַכן פון אַ פּערזענלעכן שטאַנדפּונקט, דהײַנו צי ס'איז גוט אָדער נישט גוט פאַר מיר פּערזענלעך.

אָט ווי אַזוי עס איז געקומען צו דעם קריזיס. איך האָב שוין דערציילט אַז די וועלט־אָנפירונג פון השומר הצעיר אין אייראָפּע האָט אָרגאַניזירט דעם „גוש משמר החלוץ״, וואָס האָט אַרײַנגענומען „סתם חלוצים״, כּדי אויף אַזאַ אופן צו פאַרמײַדן אַז דער השומר הצעיר זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מיעוט בײַ די וואַלן פון החלוץ. ווען די באַוועגונג האָט פון מיר געפאָדערט איך זאָל אָרגאַניזירן דעם „גוש משמר החלוץ״ אין דער טשע־

כאָסלאָוואַקײַ, בין איך געווען גרייט צו טאָן אַלץ אַז דער „גוש״ זאָל באמת ווערן אַ כּוח אין החלוץ. איך האָב אָבער באַקומען רשות צו פאַרזיכערן די חברים אַז אויב עס וועט נישט מעגלעך זײַן אויפצושטעלן אין ארץ־ישׂראל זעלבשטענדיקע קיבוצים פון „גוש משמר החלוץ״, וועלן די חברים אויפגענומען ווערן אין די פאַראַנענע קיבוצים פון השומר הצעיר. איך בין געווען זיכער אַז דער השומר הצעיר וועט מקיים זײַן מײַן צוזאָג, וואָס איך האָב געגעבן מיט זײַן הסכּמה.

אין דער ערשטער גרופּע פון „גוש משמר החלוץ״ וואָס איז אָנגעקומען אין ארץ־ישׂראל זענען בעיקר געווען חברים וואָס זענען פריִער אַרויסגעטראָטן פון השומר הצעיר, כּדי צו פאַרענדיקן זייערע לימודים. דערנאָך האָבן זיי זיך אומגעקערט. זיי האָבן זיך געהאַט אָרגאַניזירט בײַ דער הכשרה אין אַ גרופּע וואָס האָט געהייסן „מעפּילים״, מיט דער כּוונה אויפצושטעלן אין ארץ־ישׂראל אַ זעלבשטענדיקן קיבוץ אין ראַמען פון קיבוץ הארצי, פון השומר הצעיר. דאָ האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז מיט אייגענע כּוחות וועלן זיי נישט קענען אויפשטעלן אַ זעלבשטענדיקן קיבוץ און די גרופּע איז אויפגענומען געוואָרן אין קיבוץ גן־שמואל, איינער פון די עלטסטע קיבוצים אין לאַנד. דער זיווג איז געראָטן און איך בין געווען זיכער אַז אויך מיט אַנדערע גרופּעס פון „גוש משמר החלוץ״ וועלן נישט זײַן קיין פּראָבלעמען.

איך וויל נאָך אַ מאָל באַטאָנען, אַז ווען איך וואָלט געהאַט אַ ספק אין צוזאָג פון דער באַוועגונג, וואָלט איך קיין מאָל נישט מסכּים געווען צו אָרגאַניזירן דעם „גוש משמר החלוץ״ אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און שטעלן אין סכּנה די עקסיסטענץ פונעם גאַנצן החלוץ.

איידער איך בין געפאָרן קיין ארץ־ישׂראל האָב איך זיך געזעגנט מיט די חברים פון „גוש״ און זיי געווונטשן מיר זאָלן זיך זען אין קיבוץ. צום באַדויערן איז די צאָל סערטיפיקאַטן געווען אַ קליינע און עס זענען פאַרגאַנגען יאָרן ביז ס׳איז געקומען זייער ריי עולה צו זײַן. ווען עס האָט זיך באַוויזן די ערשטע גרופּע אין מײַן קיבוץ האָב איך זיי וואַרעם אויפגענומען, ווי אַלטע פרײַנד, און בין געווען זיכער אַז זיי זענען מיך פּשוט געקומען וויזיטירן. איך בין אָבער באַלד געוויר געוואָרן אַז זיי זענען געקומען פאָדערן פון מיר איך זאָל גוט מאַכן די עוולה וואָס דער השומר הצעיר האָט זיי געטאָן און איינהאַלטן מײַן פּערזענלעכן צוזאָג, ווײַל זיי האָבן נישט וואו צו גיין.

די חברים האָבן מיר דערציילט אַז ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין חיפה,

אין האַפן, האָבן זיי זיך געוואָנדן צו דעם שליח פון דער סוכנות, וואָס איז צופעליק געווען אַ קיבוץ־חבר אין השומר הצעיר, און געבעטן ער זאָל זיי איינאָרדענען. דער חבר האָט געענטפערט אַז ער הייבט נישט אָן צו וויסן ווער זיי זענען און אַז דאָס איינציקע וואָס ער קען פאַר זיי טאָן איז זיך פאַרבינדן מיטן סעקרעטאַריאַט פון קיבוץ הארצי, וואָס געפינט זיך אין מרחביה, כּדי צו באַקומען פון דאָרטן אָנווייזונגען. ביז דעמאָלט האָט ער זיי פאָרגעשלאָגן צו גיין אין דעם אַלגעמיינעם עולים־לאַגער פון בת־גלים, לעבן חיפה, און דאָרטן וואַרטן אויף אַן ענטפער. זענען זיי געפאָרן קיין בת־גלים מיט דער איבערצייגונג אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן זיי איינגעאָרדנט ווערן אַזוי ווי מען האָט זיי צוגעזאָגט אין חוץ־לארץ. דער חבר פון סוכנות האָט זיך טאַקע באַוויזן נאָך אַ וואָך צייט, אָבער ער האָט זיי דער־ציילט אַז דער סעקרעטאַריאַט אין מרחביה האָט זיך געוואָנדן צו אַלע קיבו־צים פון השומר הצעיר, נאָר קיינער וויל זיי נישט אויפנעמען, ווייל זיי קומען נישט פון דער יוגנט־באַוועגונג. דער סעקרעטאַריאַט פון קיבוץ הארצי ראָט זיי צו פאָדערן ביי דער סוכנות מען זאָל זיי איינאָרדענען, ווי מען טוט עס מיט איינצלנע עולים, און ווער עס וויל דווקא גיין אין אַ קיבוץ זאָל זיך ווענדן צו דעם חבר אין דער סוכנות וואָס פאַרנעמט זיך מיט איינאָרדענען מענטשן אין די קיבוצים פון „הקיבוץ המאוחד”. פּלוצעם האָבן זיי זיך דערפילט פאַריתומט אין לאַנד. דערפאַר האָבן זיי באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו מיר, זייער פאָטער, וואָס האָט זיי אַרויסגעריסן פון החלוץ און זיי אָרגאַ־ניזירט אין „גוש משמר החלוץ”, איך זאָל איינהאַלטן וואָס איך האָב זיי צוגעזאָגט. היות איך בין זייער טאַטע, דאַרף איך זיי אַריינעמען צו מיר אין קיבוץ.

איך וואָלט זיי, פאַרשטייט זיך, געווען אויפגענומען מיטן גאַנצן האַרצן, און איך בין טאַקע באַלד געגאַנגען מיט דעם ענין צו דעם סעקרעטאַר פון קיבוץ. דער ענטפער איז דווקא נישט געווען נעגאַטיוו, אָבער אונדזער קיבוץ האָט זיך נאָך אַלץ געפונען אין אַ פּראָוויזאָרישער מחנה און האָט, פּראַקטיש, געהאַט די מעגלעכקייט אויפצונעמען נאָר אַ טייל פון דער גרופּע. די חברים פון „גוש” האָבן זיך אָבער נישט געוואָלט צעטיילן און איך בין אויך מסכּים געווען אַז זיי דאַרפן זיך נישט צעברעקלען, נאָך דעם ווי זיי האָבן שוין יאָרן געלעבט אין חוץ־לארץ ווי אַן איינהייטלעכע גרופּע.

איך בין געווען זיכער אַז דאָ איז אַ טעות און אַז דער סעקרעטאַריאַט פון מרחביה וועט אַלץ אויספּלאָנטערן. איך האָב גענומען אַ טאָג אורלויב פון קיבוץ און בין געפאָרן קיין מרחביה, איבערצייגט אַז איך וועל צוריקקומען

מיט אַ גוטן ענטפער פאַר די חברים פון „גוש" און מען וועט זיי אײַנאָרדענען אַזוי ווי מען האָט זיי צוגעזאָגט אין אייראָפּע. פאַר מיר איז געווען קלאָר אַז אויב מען וועט נישט אײַנאָרדענען די ערשטע גרופּע וועלן דאָס תּיכּף געוווּיר ווערן די חברים פון „גוש משמר החלוץ" אין אייראָפּע און די גאַנצע באַוועגונג וועט זיך צעפאַלן.

איך האָב געהאַט אַ גרויסע אַנטוישונג. די חברים אין מרחביה האָבן מיר קלאָר געגעבן צו פאַרשטיין אַז די קיבוצים ווילן נישט אויפנעמען קיין „השלמות" פון מענטשן וואָס קומען נישט פון דער יוגנט־באַוועגונג און דער סעקרעטאַריאַט האָט נישט דאָס רעכט און די מעגלעכקייט זיי צו צווינגען דערצו. אין דער פראַגע פון אויפנעמען נײַע חברים האָט יעדער קיבוץ אַ פולע אויטאָנאָמיע. איך האָב געפרעגט פאַר וואָס מען האָט אונדז געהייסן אין חוץ־לארץ צוזאָגן די חברים פון „גוש משמר החלוץ" אַז די קיבוצים פון השומר הצעיר אין ארץ־ישראל וועלן זיי אויפנעמען. צי איז אונדזער הבטחה נישט מחייב די קיבוצים? דערויף האָט מען מיר געענטפערט אַז די אָנפירונג פון השומר הצעיר אין וואַרשע האָט געגלייבט באמונה שלמה אַז די קיבוצים אין ארץ־ישראל וועלן מקיים זײַן די הבטחה. אַז די קיבוצים ווילן אָבער נישט מקיים זײַן זייער הבטחה הייסט עס נאָך נישט אַז די אָנפירונג פון דער וועלט־באַוועגונג אין וואַרשע האָט בכיוון פאַרפירט די חברים. בפרט נאָך ווען זייער הבטחה איז אין סתירה מיט דעם רעכט אויף אויטאָנאָמיע פון איטלעכן קיבוץ.

די חברים פון סעקרעטאַריאַט אין מרחביה האָבן נאָך געטענהט אַז דער באַשלוס צו אָרגאַניזירן דעם „גוש משמר החלוץ" אין אייראָפּע איז געווען אַ לײַכטזיניקער און אַזוי ווי זײַן הויפּטציל איז געווען צו פאַרמײַדן די וואַלן פאַר דער וועלט־קאָנפערענץ פון החלוץ, אָדער צו זיכערן די העגעמאָניע פון השומר הצעיר, האָט די באַוועגונג אין אייראָפּע געדאַרפט תּיכּף ליקווי־דירן דעם „גוש", ווען אַלע פאַרטייען האָבן געגעבן זייער הסכּמה אַז מען וועט נישט דורכפירן קיין וואַלן. דאָס האָבן די חברים פון סעקרעטאַריאַט אַרויסגעזאָגט רויִק, אָן אַ סימן פון עמאָציע, מיט דער איבערצײַגונג אַז זיי, די מנהיגים פון דער קיבוצישער באַוועגונג, קענען זיך גאָר נישט טועה זײַן. זיי האָבן אויף קיין רגע נישט געטראַכט אַז דאָ גייט עס אין גורל פון לעבעדיקע מענטשן און נישט אין עפּעס אַ קאָנטראַקט וואָס מען וויל אים נישט אײַנהאַלטן. דאָס האָט מיך דורך און דורך אויפגעטרייסלט און איך האָב נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. איך האָב אויך נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך אומצוקערן צו די חברים פון „גוש", וואָס האָבן געוואַרט אויף

מײַן ענטפער, און זיי זאָגן אַז אין אייראָפּע האָט מען זיך מיט זיי פּשוט באַניצט ווי מיט אַ קאָרט אין אַ שפּיל און נאָך דעם ווי די שפּיל האָט זיך פאַרענדיקט זענען זיי הפקר.

איך האָב נאָך געמאַכט אַ לעצטן פּרוּוו. איך האָב געבעטן מען זאָל מיר געבן אַ רשימה פון די קיבוצים וואָס וואַרטן, לויט דער ריי, אויפצונעמען השלמה־גרופּעס און מען זאָל מודיע זײַן די דאָזיקע קיבוצים אַז איך קום פירן מיט זיי אַ משא־ומתן מיט דער הסכמה פון סעקרעטאַריאַט. כּדי פון מיר פּטור צו ווערן האָט מען מיר געגעבן די רשימה.

איך האָב נאָך גענומען עטלעכע טעג אורלויב פון מײַן קיבוץ און האָב אָנגעהויבן צו וואַנדערן מיט מײַן לעבעדיקער סחורה פון איין קיבוץ צום אַנדערן, לויט דער רשימה. ביזן הײַנטיקן טאָג ווער איך מלא כּעס ווען איך דערמאָן זיך ווי אַזוי די קיבוצים האָבן רעאַגירט אויף מײַן פאָרשלאָג. אַלע האָבן געטענהט דאָס זעלבע: זיי האָבן מורא אַז די חברים פון „גוש" וועלן זיך נישט קענען צופּאַסן און וועלן זײַן אַ שטערונג פאַרן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין קיבוץ. און אַלץ דערפאַר ווײַל די חברים פון „גוש" זענען נישט אויפגעוואַקסן אין דער יוגנט־באַוועגונג פון השומר הצעיר.

וואָלטן זיי מסכּים געווען צו מאַכן אַ פּרוּוו און וואָלטן נאָך אַ באַשטימטער צײַט געקומען צו דער מסקנא אַז דער שידוך טויג נישט — וואָלט איך דאָס פאַרשטאַנען און קיין טענות נישט געהאַט. אָבער ווי אַזוי נעמען זיך מענטשן דאָס רעכט צו מישפּטן אַ צווייטן איידער זיי באַקענען זיך מיט אים? ווי אַזוי קען מען פאַרשטויסן און באַליידיקן מענטשן נאָר דערפאַר ווײַל זיי זענען נישט געווען אין דער יוגנט־באַוועגונג פון השומר הצעיר? עד־היום האַלט איך אַז דאָס איז געווען אַ סימן פון נאַרישקייט און פון זינלאָזער שלעכ־טיקייט.

נאָך לאַנגע מאַטערנישן פון אָרט צו אָרט בין איך אָנגעקומען אין קיבוץ מסילות, וואָס איז דעמאָלט געווען אין נס־ציונה. דאָרטן האָב איך געפונען אַ חבר וואָס האָט מיר געהאָלפן אַז די גרופּע פון טשעכישן „גוש משמר החלוץ" זאָל אויפגענומען ווערן אויף פּראָבע פאַר זעקס חדשים. איך האָב געהאָפט אַז זיי וועלן אויסהאַלטן די פּראָבע און דאָס וועט עפענען די טויערן אויך פון אַנדערע קיבוצים פאַר די חברים פון „גוש" וואָס וועלן נאָך קומען אין משך פון דער צײַט קיין ארץ־ישראל. איך האָב אָבער אין גיכן געזען אַז איך האָב געהאַט אַ טעות. שוין נאָך צוויי חדשים איז דער גרעסטער טייל פון די חברים אַוועק פון מסילות. מען איז זיי דאָרטן דערגאַנגען די יאָרן. צו ערשט האָב איך געמיינט אַז אַלץ וואָס די חברים האָבן מיר דער־

ציילט איז אַ גוזמה, אָבער מיר איז אויסגעקומען זיך פֿערזענלעך צו איבער־צײַגן אַז מען האָט זיי געגעבן אין מסילות אַזעלכע קעסט אַז זיי האָבן נישט געקענט איבערטראָגן.

אין גיכן האָט מען זיך דערוווּסט אין אייראָפּע וועגן גורל פֿון דער ערשטער גרופּע און דער גאַנצער „גוש משמר החלוץ" איז זיך פֿונאַנדערגעפֿאַלן. אַ קליינער טייל פֿון די חברים האָט זיך אומגעקערט אין החלוץ און איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין הכשרה ווי „סתם חלוצים". שפּעטער איז אַ חלק פֿון זיי געקומען אין לאַנד. די איבעריקע האָבן אין גאַנצן פֿאַרלאָזט די חלוצישע באַוועגונג און זענען געבליבן אין אייראָפּע. זיי האָבן געהאַט דעם גורל פֿונעם גאַנצן אייראָפּעיִשן ייִדנטום.

איך האָב נישט געקענט באַטראַכטן דעם גאַנצן ענין ווי אַן עפּיזאָד און ממשיך זײַן מײַן לעבן ווי גלײַך גאָרנישט. די חברים פֿון „גוש", דאָ אין לאַנד און אין אייראָפּע, האָבן מיך אויך נישט צו רו געלאָזט. זיי האָבן פֿון מיר געפֿאָדערט איך זאָל אויפֿמאָנען זייער רעכט.

אין מײַן פֿאַרלוירנקייט האָב איך זיך געוואָנדן צו אַ צענטראַלן חבר פֿון השומר הצעיר וואָס האָט זיך בשעתו אַקטיוו באַטייליקט אין גרינדן דעם „גוש משמר החלוץ" אין אייראָפּע און האָט געוווּסט וואָס די אָנפֿירונג פֿון דער באַוועגונג האָט צוגעזאָגט די חברים וואָס האָבן פֿאַרלאָזט די אָרגאַניזאַציע פֿון די „סתם חלוצים" און זענען אַריבערגעקומען צו אונדז. איך האָב געבעטן דעם חבר ער זאָל ברענגען דעם גאַנצן ענין פֿאַר דער קאָנפֿערענץ פֿונעם קיבוץ הארצי. אויף דער קאָנפֿערענץ האָב איך געליטן אַ נײַעם שווידערלעכן בראָך. דער חבר פֿון דער צענטראַלע וואָס האָט זיך געדאַרפֿט אָננעמען מײַן קריוודע און פֿאָדערן גערעכטיקייט פֿאַר די חברים פֿון „גוש" האָט געשטימט מיטן רוב, וואָס האָט געטענהט אַז אונדזער צוזאָג אין אייראָפּע האָט קיין שום ווערט נישט און אַז מיר האָבן נישט דאָס רעכט צו פֿאָדערן פֿון די קיבוצים אין לאַנד זיי זאָלן מוותּר זײַן אויף זייער אויטאָנאָמיע צוליב אונדזערע הבטחות.

ווען ס'איז געוואָרן פֿאַר מיר קלאָר אַז דער גאַנצער ענין איז פֿאַרלוירן און איך קען גאָרנישט העלפֿן האָב איך געפֿילט אַז מײַן וועלט פֿאַלט זיך פֿונאַנדער. איך האָב געהאַט אויסגעקליבן דעם קיבוץ ווי אַ שטייגער פֿון לעבן, ווײַל איך האָב געגלייבט אַז דאָרט בויט זיך אַ גערעכטע געזעלשאַפֿט, וווּ אַלע זענען גלײַך. פּלוצעם האָב איך דערזען אַז גלײַכהייט איז גאָר אַ סעלעקטיווער באַגריף און נאָר אַ קליינער טייל, דער עליט, האָט אַ רעכט דערויף. די איבעריקע, פּשוטע מענטשן, האָבן גאָר קיין צוטריט נישט צום

קיבוץ און קיין רעכט אויף גלײַכהייט, הגם זיי זענען גרייט צו נעמען אויף זיך אַלע התחייבותן וואָס דער קיבוץ פֿאָדערט.

אין יענער צײַט איז פֿאַר מיר אויפגעקומען נאָך אַ פּראָבלעם מיט אַ ריין פּריוואַטן כאַראַקטער. נאָך דעם ווי מײַן טאַטע איז ניפטר געוואָרן האָבן אַלע ברידער געזאָרגט פֿאַר דער מאַמע. פּלוצעם האָט זיך אָבער איבערגע־דרייט דאָס רעדל און מײַנע ברידער האָבן איר נישט מער געקענט העלפֿן. זיי האָבן זיך געוואָנדן צו מיר, אַז איך זאָל געפֿינען אַ לייזונג. ברענגען די מאַמע קיין ארץ־ישׂראל איז געווען אוממעגלעך. זי איז געווען אַלט און קראַנק און שוואַך. אַחוץ דעם האָט זי נישט געוואָלט אָוועק פֿון גרויסוואַרדיין און איבערלאָזן דעם טאַטנס קבר. איך האָב געבעטן הילף פֿון מײַן קיבוץ, אָבער מען האָט מיר נישט געקענט העלפֿן, ווײַל אַזאַ בודזשעט האָט נישט עקסיסטירט. דאָס איינציקע וואָס דער קיבוץ האָט געקענט טאָן פֿאַר די עלטערן פֿון חברים איז געווען זיי אַרײַנצונעמען אין קיבוץ און זאָרגן פֿאַר זיי ווי פֿאַר אַלע חברים. פֿאַר מיר איז דאָס אָבער נישט געווען קיין לייזונג. אַפֿילו ווען די מאַמע וואָלט געקומען אין לאַנד וואָלט זי בשום־אופֿן נישט מסכּים געווען צו לעבן אין קיבוץ, ווו ס'איז נישטאָ קיין שול און דאָס עסן איז נישט גלאַט כּשר.

איך האָלט פֿאַר וויכטיק צו באַטאָנען אַז מײַן פּריוואַטע פּראָבלעם, הגם עס איז פֿאַר מיר געווען אַ שווערע פּראָבלעם, האָט דורכויס נישט באַשטימט מײַן החלטה צו פֿאַרלאָזן דעם קיבוץ. איך וואָלט געווען געפֿונען אַ לייזונג ווי אַזוי צו העלפֿן מײַן מאַמע, דורך גוטע טשעכישע חברים וואָס זענען געווען דאָ אין לאַנד און וואָס האָבן געקענט מײַנע עלטערן פֿון דער היים. די אמתע סיבה איז געווען מײַן קריזיס אין דער באַוועגונג, מחמת דעם גורל פֿון „גוש משמר החלוץ". אַלישבע איז אין יענער צײַט געווען אין חוץ־לאָרץ — זי איז געפֿאָרן ברענגען אירע עלטערן — אַזוי אַז איך האָב אַפֿילו נישט געהאַט קיין נאָענטן מענטשן מיט וועמען זיך אָן עצה צו האַלטן. אין אַזאַ מצב האָב איך קיין ברירה נישט געהאַט און בין אַרויס פֿון קיבוץ.

פֿאַרלאָזן דעם קיבוץ איז פֿאַר מיר געווען קריעת ים־סוף. נאָר די אילוזיע אַז עס וועט זײַן בלויז צײַטווייליק האָט מיר געגעבן דעם כּוח צו מאַכן דעם גורלדיקן טראָט. און דעם אמת געזאָגט, האָב איך נאָך יאָרן־לאַנג געלעבט מיט דער דאָזיקער אילוזיע אַז אָט־אָט קער איך זיך צוריק אין קיבוץ, אין מײַן היים. דאָס האָט מיר געהאָלפֿן גובר זײַן אַ סך שוועריקייטן און קריזיסן.

ווען איך האָב דערקלערט אַז איך פֿאַרלאָז דעם קיבוץ האָט מען מיך

פאַרבעטן קיין מרחביה אין סעקרעטאַריאַט און מען האָט מיך געפּרוּווט איבעררעדן. איך געדענק וואָס מאיר יערי האָט מיר געזאָגט נאָך אַ לאַנגן שמועס. אַלע זענען געווען איבערצייַגט אַז איך וועל אַרייַנגיין אין מפּאַ״י, ווייַל מייַנע השׂגות וועגן אַ גרויסן, אָפענעם קיבוץ, זענען געווען אָנגענומען אין „קיבוץ המאוחד״, וואָס האָט געהערט צו מפּא״י. מאיר יערי האָט מיר געזאָגט: „שמעון, עס וועט פאַר דיר זייַן בעסער צו בלייַבן אַ מפּא״יניק אין השומר הצעיר, איידער צו לעבן ווי אַ שומר־הצעירניק אין מפּא״י״...

איך האָב אים געענטפערט אַז ער האָט אַ טעות, אַז איך האָב גאָרנישט בדעה אַרייַנצוגיין אין מפּא״י. איך האָב טאַקע טענות צו דער תּורה פון קיבוץ הארצי וואָס שייך דעם אויפבוי פון קיבוץ און זייַן ראָלע אין דער געזעל־שאַפט, אָבער איך בין נישט קעגן דעם פּאָליטישן וועג פון השומר הצעיר, נישט אין דער הסתּדרות און נישט אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פון יישוב אין ארץ־ישׂראל. איך האָב אים נאָך געזאָגט אַז אויב עס וועט קומען אַ צייַט און דער השומר הצעיר וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי וועל איך זייַן פון די ערשטע וואָס וועלן זיך אין איר אָנשליסן. דאָס האָב איך טאַקע שפּעטער מקיים געווען.

אין תּוך איז מאיר יערי אָבער געווען גערעכט. אין דעם האָב איך זיך איבערצייַגט שפּעטער מיט יאָרן. אַ סך חברים וואָס זענען אַוועק פון השומר הצעיר זענען אַרייַן אין מפּא״י. זייער אָפּשטאַמונג פון השומר הצעיר האָט זיי אָבער כּסדר גערודפט און זיי געשטערט בייַם אויפשטייַג אין דער נייַער פּאַרטיי. אונדזערע חז״ל זענען, ווייַזט אויס, געווען גערעכט ווען זיי האָבן געזאָגט אַז גרים זענען אַ שווערע עול פאַר ישׂראל. און אויב זיי זענען שווער פאַר ישׂראל בכלל, זענען זיי נאָך שווערער פאַר די פּאָליטישע פּאַרטייען אין ישׂראל און בפרט פאַר דער פּאַרטיי וואָס געפינט זיך בייַ דער מאַכט. אַ גר איז פאַר איר שטענדיק ווי אַ ביין אין האַלדז...

דער אַרויסטריט פון קיבוץ האָט אָפּגעשלאָסן אַ קאַפּיטל אין מייַן לעבן. ס'איז כאַראַקטעריסטיש ווי אַזוי איך האָב דעמאָלט געקוקט אויף דעם ענין און ווי אַזוי איך קוק אויף אים הייַנט, נאָך צענדליקער יאָרן. דער גרעסטער טייל פון די וואָס האָבן פאַרלאָזט דעם קיבוץ זענען פון דעסטוועגן געבליבן פאַרבונדן מיט אים און כּסדר אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער קיבוצישער באַוועגונג בכלל.

מען האַלט בדרך־כּלל דעם קיבוץ פאַר אַן ארץ־ישׂראלדיקע המצאה. איך מיין אַז עס איז געשען אַ נס וואָס מיט די ערשטע עליות זענען געקומען אַזעלכע אידעאַליסטן וואָס זענען גרייט געווען זיך מקריב צו זייַן כּדי

צו פֿאַרוואַנדלען די המצאה אין אַ רעאַליטעט. איך האָב געזאָגט „אַ נס״, ווײַל איך האַלט אַז קיינער קען זיך נישט פֿאָרשטעלן ווי אַזוי דער ייִשוב וואָלט אויסגעזען ווען עס וואָלטן חס וחלילה נישט געווען קיין קיבוצים. נישט בלויז די לאַנדווירטשאַפֿט און די אינדוסטריע וואָלט געליטן, נאָר אויך די אַרמיי, צה״ל, וואָלט נישט געווען וואָס זי איז הײַנט. די חברים פֿון קיבוץ זענען תּמיד געווען די ערשטע אויך אין דער אַרמיי.

לויט מײַן מיינונג זענען געווען דרײַ גורמים וואָס האָבן בײַגעטראָגן מען זאָל אויפֿשטעלן די קיבוצים. דער ערשטער גורם איז געווען אַ ריין ווירטשאַפֿטלעכער: די שטחים אויף וועלכע עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע חלוצים זענען הונדערטער יאָרן געשטאַנען פּוסט. דאָס זענען געווען אָדער מדבריות אָדער זומפּן וואָס האָבן געדראָט מיט מאַלאַריע און טויט וועמען עס האָט זיך געגעבן צו זיי. כּדי צו פֿאַרוואַנדלען אַזעלכע שטחים אין אַ פּראַקטיק לאַנד איז נייטיק געווען אַן איבערמענטשלעכער אָנשטרענג. איינצלנע מענטשן האָבן נישט געקענט גובֿר זײַן אַזעלכע שוועריקייטן. עס האָבן זיך געפֿאָדערט אָרגאַניזירטע גרופּעס, וואָס זאָלן צוגיין צו דער אַרבעט מיט פֿאַראייניקטע כּוחות. נאָר אויף אַזאַ אופֿן האָט מען געקענט האָפֿן צו פֿאַרוואַנדלען די וויסטענישן אין אַ גן־עדן וואָס זאָל מפֿרנס זײַן די בויערס.

דער צווייטער גורם איז געווען די זיכערקייט: אין יענער צײַט איז נישט געווען נישט קיין אָרדענונג און נישט קיין געזעץ אין ארץ־ישׂראל. אומעטום האָבן געבושעוועט רויבערס וואָס האָבן געגזלט אַלץ וואָס איז געקומען אין די הענט, און מיטן לעבן איז מען אויך נישט געווען זיכער. אין איינעם מיט די פּראָפֿעסיאָנעלע רויבערס זענען אויך געקומען די אַראַבישע באַנדעס וואָס האָבן געוואָלט פֿאַרטיליקן די ייִדישע ייִשובֿים. אויך אין דעם פֿאַל האָט זיך אַן איינצלנער בויער נישט געקענט קיין עצה געבן.

דער דריטער גורם איז געווען דער אידעאָלאָגישער: די ערשטע גרינדערס פֿון דער קיבוצישער באַוועגונג זענען געווען ציוניסטן סאָציאַליסטן. זייער ציוניסטישער וועלטבאַנעם האָט זיי געבראַכט קיין ארץ־ישׂראל, ווײַל זיי האָבן געגלייבט אַז נאָר אין ארץ־ישׂראל קען מען לייזן די ייִדישע פֿראַגע. דער סאָציאַליסטישער רעיון, דער גלויבן אין אַ גערעכטער געזעלשאַפֿט, אין וועלכער עס הערשן גלײַכהייט און פֿרײַהייט, האָט זיי געטריבן אויפֿצושטעלן קיבוצישע לאַנדווירטשאַפֿטן, אין וועלכע זיי האָבן געזען די ערשטע שפּראָצן אויפֿן וועג צו פֿאַרווירקלעכן זייער אידעאַל.

קענצייכן פון דער קיבוצישער געזעלשאַפט

אַט די דרײַ גורמים האָבן געלייגט זייער חותם אויף דער קיבוצישער געזעלשאַפט און זענען אויך געוואָרן קענצייכן וואָס האָבן זי אויסגעטיילט פון דער אַרומיקער ישׂראלדיקער געזעלשאַפט: יושר, אַ פּשוטער לעבנס־שטייגער און אַ פּשוטער לבוש. דערמיט האָט דער קיבוץ צוגעצויגן די יוגנט וואָס האָט געזוכט אַן ענטפער אויף דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט. הײַנט זענען אָט די קענצייכן כּמעט פאַרשוווּנדן. דער לעבנס־סטאַנדאַרד אין קיבוץ איז הײַנט אָפט העכער ווי אין דער אַרומיקער, נישט־קיבוצישער געזעלשאַפט און ער האַלט נאָך אין איין וואַקסן. ווען מען דערציילט הײַנט די קינדער פון קיבוץ וועגן דער צײַט ווען מען האָט געלעבט אין געצעלטן און געקאָכט אויף פּרימוסן און ווען מען לויבט פאַר זיי דאָס ריין־תּמימותדיקע וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין קיבוץ — עפענען זיי מויל און אויערן, ווי גלײַך מען דערציילט זיי מעשׂיות פון טויזנט און איין נאַכט.

וואָהין פירט דער קיבוצישער וועג? אפשר איז ער שוין הײַנט פאַר־בלאָנדזשעט געוואָרן אין אַ זאַקגאַס און מען דאַרף אים שוין באַטראַכטן ווי אַן עפּיזאָד, ווי אַן איינמאָליקן אַרץ־ישׂראלדיקן פענאָמען וואָס האָט מער קיין צוקונפט נישט? אָט די שאלות פרעגן אַפילו חברים פון קיבוץ, בפרט די „ותיקים" וואָס זעען אַז זייער וויזיע אויפצובויען דעם סאָציאַליזם אין אונדזערע טעג איז פאַרשוווּנדן געוואָרן ווי אַ חלום ווען מען כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. זיי ווינען אין שיינע, אײַנגעאָרדנטע שטיבער, מיט ראַדיאָ, טע־לעוויזיע און אַלע באַקוועמלעכקייטן, נאָר פון דעסטוועגן פילן זיי זיך נישט גוט. עס מאַטערט זיי בעיקר דער פאַקט וואָס דער קיבוץ באַנוצט לוין־אַרבעטער, וואָס ער לעבט נישט מער פון אייגענער האָרעוואַניע און פאַר־וואַנדלט זיך אַזוי אַרום אין אַן עקספּלואַטאַטאָר.

די „ותיקים", די וועטעראַנען, וואָס האָבן אויפגעשטעלט דעם קיבוץ זענען טאַקע אויפגעטרייסלט פון דעם נײַ־געשאַפענעם מצב, אָבער דער צווייטער און דריטער דור, וואָס איז שוין אויפגעוואַקסן אין אַ קיבוץ מיט אַ מאָדערנערווירטשאַפט, מיט אַן אַנטוויקלטער טעכנאָלאָגיע האָט זיך שוין צוגעוווינט אַז סײַ די אינדוסטריע סײַ די לאַנדווירטשאַפט אין קיבוץ ווערט אָנגעפירט דורך טעכנאָקראַטן־ספּעציאַליסטן און נישט דורך אידעאָלאָגן, וואָס האָבן געהאַלטן אַז דער עיקר איז דער געדאַנק און ערשט דערנאָך די פּראַקטישע מעשׂים.

וואָס וועט זײַן דער גורל פון קיבוץ ווען די קומענדיקע דורות וועלן דאַרפן באַשטימען זייער אייגענעם וועג אין לעבן? די פאַראַנענע קיבוצים וועלן

זיי נישט קענען אויפנעמען מחמת דעם ענגן שטח אויף וועלכן זיי געפינען זיך. זיי וועלן דאַרפן שאַפן מיט אייגענע כוחות נײַע לעבנס־ראַמען. די שאלה איז צי די קומענדיקע דורות וועלן זיין גרייט ווײַטער צו ציִען דעם לעבנס־שטייגער וואָס די ערשטע גרינדערס האָבן אײַנגעשטעלט און נעמען אויף זיך געזעלשאַפטלעכע מיצוות וואָס באַגרענעצן אין אַ באַשטימטער מאָס דעם יחיד?

די ערשטע גרינדערס האָבן געגלייבט אַז דער סאָציאַליזם קען לייזן אַלע מענטשלעכע פּראָבלעמען. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז אין די קאָמוניסטישע לענדער, ווו עס פירט זיך אַ געפּלאַנטע ווירטשאַפט און ווו אַלע נאַטור־אוצרות זענען נאַציאָנאַליזירט געוואָרן זענען די מענטשן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קנעכט און די גײַסטיקע שטרעבונגען פונעם יחיד ווערן דאָרט דערשטיקט. דאָס האָט אויפגעטרייסלט בעיקר דעם עלטערן דור, וואָס האָט געגלייבט באמונה שלמה אַז די ליקווידירונג פון פּריוואַטן אייגנטום וועט אײנצײַטיק ליקווידירן די עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש.

די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אויף אַ זעקסטל טייל פונעם ערדקײַלעך, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען גלײַכהייט פאַר הונדערטער מיליאָנען מענטשן האָט ביזן סוף פאַרוואַנדלט די בירגער אין שקלאַפן פון אַן אַכזריותדיקן דיקטאַטאָר און פון זײַן פּאַרטיי. אויך אַנדערע מדינות וואָס האָבן כלומרשט זוכה געווען באַפרײַט צו ווערן דורך דער רויטער אַרמיי זענען מיט דער צײַט געוואָרן רוסישע סאַטעליטן. אויך דאָרט איז ליקווידירט געוואָרן די פרײַהייט פון יחיד און נאָר די געהיים־פּאָליציי האָט דאָס רעכט צו באַשטימען וואָס ס'איז גערעכטיקייט. דאָס וואָס האָט געדאַרפט זײַן די וועלט פון מאָרגן, די וועלט פון פרײַהייט און גערעכטיקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן אַ וועלט פון שקר, באַדריקונג און לאַגערן.

דאָס אַלץ האָט אויפגעטרייסלט די מענטשן וואָס האָבן אויפגעבויט דעם קיבוץ, אָבער נישט בלויז זיי, נײַערט אויך זייערע זין און אייניקלעך, דעם יונגן דור, וואָס האָט פײַנט מליצה און זעט די וועלט מיט אָפענע אויגן. זיי זעען למשל אַז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט, וואָס האָט געדאַרפט ווערדליק דער טעאָריע אונטערגיין, באַשטייט דוקא ווײַטער און די קאָמוניסטישע וועלט באַמיט זיך גאָר צו לעבן מיט איר אין פאַרשטענדעניש. די יוגנט פון קיבוץ זעט אויך אַז די קאָמוניסטישע וועלט, וואָס איר לאָזונג איז געווען סאָלידאַריטעט מיט אַלע אונטערדריקטע, פאַרבינדט זיך אָפן מיט פעאָדאַלע און פאַשיסטישע רעגירונגען, וואָס אונטערדריקן זייערע אייגענע פעלקער, דער־

שטיקן די פרײַהייט פון יחיד און זײַנע שאַפערישע גײַסטיקע שטרעבונגען.

דערפאַר וועט, לויט מײַן מיינונג, די קיבוצישע יוגנט נישט מער אויפשטעלן קיין ווירטשאַפטן ווי סאָציאַליסטישע קעמערלעך. אָבער אויך הײַנט, נאָך מער ווי דרײַ צענדליקער יאָרן נאָכן אויפקום פון מדינת־ישׂראל, זענען די שטחים וואָס קומען אין באַטראַכט פאַר קאָלאָניזירונג אַזעלכע, אַז פון ריין פּראַקטישן און ווירטשאַפטלעכן קוקפונקט איז כּדאַי זיי צו באַאַרבעטן נאָר אין קאָלעקטיוו און נישט דורך איינצלנע. די דאָזיקע שטחים זענען מײנסטנס מידבריות און עס זענען אויך פאַראַן פּראָבלעמען פון זיכערקייט.

דער יונגער דור וואָס שטאַמט פון די קיבוצים וועט אויך ווײַטער מסתּמא וועלן פירן אַ שטיל דאָרפיש לעבן, נישט געקוקט אויף דער מאָדערנער לאַנדווירטשאַפט און די מאָדערנע, רײַכע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. זיי וועלן זיך האַלטן ווײַט פון שטאָטישן רעש און טומל. זיי האָבן ליב דאָס לאַנד און די נאַטור אויף אַ נאַטירלעכן, אָרגאַנישן אופן, אַזוי אַז זיי וועלן זיך נישט שרעקן צו גיין אין ווײַטע פּוסטע מקומות, כּדי זיי אויפצולעבן און פאַרוואַנדלען אין בלײַבנדיקע יישובים. די זין און אייניקלעך פון די גרינדערס פון קיבוץ וועלן זײַן די ערשטע וואָס וועלן באַפּרוכטיקן די וויסטענישן פון לאַנד, פּונקט ווי זיי זענען די ערשטע ווען עס גייט אין פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. איך בין זיכער אַז הגם זיי האָבן אויך חשק זיך פאַרזענלעך אײַנצוואָרדענען און געניסן פון באַקוועמלעכקייט, וועלן זיי נישט וועלן לעבן אין אַ דורכויס קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט וואָס איז אויפגעבויט אויף מאַטעריאַליסטישע פּרינציפּן און רווחים. איך מיין אַז מען קען זיך פאַרלאָזן אויף אָט דער וווּנדערלעכער יוגנט, אַז זי וועט געפינען אַ וועג צו בויען אַ געזעלשאַפט אויף גערעכטע יסודות. די קאָלאָניזירונג זייערע וועט האָבן, גלייב איך, אַ קאָאָפּעראַטיוון כאַראַקטער.

דער יונגער דור פון קיבוץ איז אַן ערנסטע פּראָבלעם, ווײַל פון אים הענגט אָפּ די צוקונפט פונעם קיבוץ. אויב די יוגנט וועט חלילה זיך אָפּזאָגן און פאַרלייקענען אַלע יסודות פון די גרינדערס וועט אָט דאָס וווּנדערלעכע ווערק — דער קיבוץ — אין גאַנצן פאַרשווינדן און דאָס קען אַפילו אויפטרייסלען די יסודות פון דער מדינה.

פאַראַן נאָך אַ פּראָבלעם וואָס דער קיבוץ דאַרף געפינען פאַר איר אַ לייזונג: די זקנים פון קיבוץ, די מענטשן וואָס זענען דאָרט אַלט געוואָרן. אמת, דאָס איז אַ וועלטפּראָבלעם וואָס מען האָט נאָך נישט געפונען קיין לייזונג דערפאַר אויך מחוץ דעם קיבוץ. די פראַגע באַשטייט אומעטום, מיט איר געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן כאַראַקטער. פּראָגרעסיווע לענדער

פאַרזיכערן דורך אַ פענסיע די מענטשן וואָס קענען זיך נישט מער באַטייליקן אין פּראָדוקטיווער אַרבעט. אין אַ סך פאַלן איז אָבער די פענסיע נישט גענוג אויף צו לעבן און דער פענסיאָנער איז געצווונגען צו זוכן עפּעס אַ באַשעפ־טיקונג. מיר ווייסן אָבער ווי שווער ס'איז פאַר עלטערע מענטשן צו באַקומען אַרבעט.

אָבער אַפילו ווען די פענסיע סטייעט אויף פּרנסה ליידט דער פענסיאָנער פון געזעלשאַפטלעכער עלנט. יאָרן־לאַנג האָט ער געלעבט אין אַ באַשטימ־טער רעם, געקומען טאָג־טעגלעך אין קאָנטאַקט מיט מענטשן ביי דער אַרבעט; פּלוצעם ווערט ער אַרויסגעריסן פון דעם אַלעמען און דערפאַר פילט ער זיך איבעריק. ער הייבט אָן ליידן פון מרה־שחורה און דאָס פאַרקירצט אים די יאָרן.

פאַרשטייט זיך אַז אין קיבוץ זענען אָט די אַלע פּראָבלעמען נישט אַזוי קענטיק און נישט אַזוי צוגעשפּיצט. פון שמועסן מיט חברים וואָס קענען זיך נישט מער באַטייליקן אין דער טאָג טעגלעכער אַרבעט האָב איך אָבער פאַרשטאַנען אַז אויך אין קיבוץ איז פאַראַן אַ פּראָבלעם פון אַלטע לייט און בעיקר אַ פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעם. דאָס קומט צום אויסדרוק בפרט ווען זיי באַגעגענען זיך מיט די יונגע מענטשן וואָס גייען און קומען פון דער אַרבעט. הגם דער קיבוץ שטעלט זיי צו פון כל־טוב, קענען זיי דערפון נישט הנאה האָבן. אַ גאַנץ לעבן איז זייער אידעאַל געווען די אַרבעט און זיי האָבן קיין מאָל נישט געטראַכט אַז אַ מענטש ווערט אַלט...

מיר דאַכט זיך אַז דער קיבוצישער פענסיאָנער ליידט נאָך מער פון געזעל־שאַפטלעכער עלנט ווי דער שטאָטישער. אין שטאָט זענען פאַראַן פאַרשיי־דענע קלובן פאַר פענסיאָנערן, וווּ זיי קומען זיך צונויף, הערן פאָרטראָגן און קענען זיך פאַרשרייבן אין פאַרשיידענע קורסן. אין קיבוץ איז דאָס נישט פאַראַנען. דער איינציקער אָרט וווּ מען קען זיך דאָרט טרעפן איז דער עסזאַל און דאָרטן טרעפט מען זיך בעיקר מיט יונגע־לייט. נאָכן עסן קערט זיך דער פענסיאָנער צוריק אין זיין צימער. ער האָט נישט וווּ זיך צו באַגע־גענען מיט זיינס גלייכן און זיך אויסטענהן וועגן דעם בשותפותדיקן גורל.

עס וואָלט זיך געפּאַסט דער קיבוץ זאָל אויפבויען באַקוועמע, מאָדערנע היימען פאַר די אַלטע לייט, אין קיבוץ גופא, צי אין דער נאָענט פון קיבוץ. דאָרטן זאָלן די חברים וואָס קענען נישט מער אַרבעטן לעבן בשלום ובשלווה. דעמאָלט וועט דאָס באַגעגעניש מיט די קינדער און אייניקלעך, איין מאָל אַ וואָך, זיין אַן אמת געשעעניש. אויף אַזאַ אופן וועט אויך דער קיבוץ מקיים זיין די מיצווה פון כיבוד אָב ואָם און והדרת פני זקן.

מיט איין פונט אין קעשענע

בעת איך בין אַוועק פון קיבוץ האָט מיר דער סעקרעטאַריאַט געגעבן איין פונט, איין פּאָרל אונטערוועש און צווייִ העמדער. פאַרשטייט זיך אַז ווען איך בין געקומען אין קיבוץ האָט איך געהאַט מער. עס האָט מיך אָבער נישט געאַרט. איך בין געווען יונג און אָן דאגות. אַחוץ דעם האָב איך געגלייבט אַז עס וועט קיין סך נישט געדויערן און איך וועל זיך אומקערן אין קיבוץ. עס האָבן מיר נאָר געפעלט די ביכער וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון דער טשעכאָסלאָוואַקייַ. איך האָב ליב געהאַט צו קויפן ביכער, אָבער אין די ערשטע יאָרן נאָך דעם ווי איך בין אַרויס פון קיבוץ האָב איך נישט געהאַט קיין געלט. דעם אמת געזאָגט האָט מיך יאָ אַ ביסל פאַרדראָסן וואָס דער קיבוץ האָט מיר נישט צוריקגעגעבן קיין איין בוך פון דער גרויסער ביב־ליאָטעק וואָס איך האָב מיטגעבראַכט. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען אַז עס קען אַנדערש נישט זייַן. וואָס וואָלט געבליבן פון קיבוץ ווען איטלעכער חבר וואָס גייט אַרויס וועט אָפּמאָנען אַלץ וואָס ער האָט אַרייַנגעבראַכט? הייַנט איז אַן אַנדער מצב. הייַנט קענען די קיבוצים זיך פאַרגינען אויסצוצאָלן דעם חבר וואָס גייט אַרויס אַ סומע געלט וואָס פאַרזיכערט אים די וויַיטער־דיקע עקסיסטענץ.

אלישבע איז דעמאָלט געווען אין אייראָפּע, אַזוי אַז איך האָב נאָר געדאַרפט אָן אָרט צו שלאָפן פאַר זיך אַליין. דאָס האָב איך געפונען מיט דער הילף פון באַקאַנטע אין חיפה. איך האָב זיך געוואָנדן צו דער מועצת פּועלי חיפה און געמאָנט אַרבעט. עס איז דעמאָלט געווען זייער שווער צו קריגן אַרבעט, אָבער איך בין גרייט געווען אָנצונעמען יעדע זאַך, אויך מחוץ פון חיפה. בין איך געוואָרן אַן אויסהעלפער פון אַ שאָפער אויף אַ לאַסטאויטאָ פון סולל בונה. איך געדענק נישט מער וויפל איך האָב פאַרדינט. בכל־אופן איז געווען גענוג צו באַצאָלן פאַר שלאָפן און איין מאָל איבערן טאָג אַ וואַרעם עסן אין דער אַרבעטער־קיך.

מיר פלעגן פירן שטיינדלעך און אַנדערע מאַטעריאַלן פאַר די בויאַרבעטן. ווי אַ העלפער האָב איך געדאַרפט אַליין אָנלאָדן און אויסלאָדן דעם אויטאָ מיט אַ שויפל. די לאַסטאויטאָס זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען מעכאַניזירט. איך געדענק נאָך עד־היום אַז די שווערע האַרעוואַניע פון פרי ביז אָוונט מיט דער שויפל האָט בייַ מיר אויסגעזויגן אַלע כּוחות. נאָך דער אַרבעט האָב איך זיך קוים געשלעפּט ביז אַהיים. ערשט נאָך אַ צייַט, ווען איך האָב זיך צוגעוווינט, האָב איך אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן. אין יענער צייַט איז די אַרבעטער־קיך אויף דער גאַס החלוץ געווען דער צענטער פון געזעלשאַפט־

לעכן און קולטורעלן לעבן פון די אַרבעטער אין חיפה, צי ווי מען פלעגט עס דעמאָלט רופן: דאָס רויטע חיפה.

פאַמעלעך האָב איך זיך דערנענטערט צו די שאַפערן און בעיקר צו זייערע באַהעלפערס און נאָך אַ קורצער צײַט בין איך געוואָרן זייער נישט אָפּיציע־לער וואָרטזאָגער סיי אין מועצת פועלי חיפה סײַ אין סולל בונה.

סולל בונה איז דעמאָלט געווען די איינציקע געזעלשאַפט וואָס האָט גע־פירט אַ שווערן קאַמף צו באַצווינגען אַרבעט פאַר יידישע אַרבעטער. דער סולל בונה איז געווען געצווונגען אָנצונעמען רעגירונגס־אַרבעטן אין זייער שווערע באַדינגונגען, כּדי צו צעברעכן דעם חרם וואָס די מאַנדאַטאַרע באַאַמטע האָבן אַרויפגעלייגט אויפן יידישן יישוב און אויף דעם אָרגאַניזירטן יידישן אַרבעטער.

„כּיבוש עבודה״, באַצווינגען די אַרבעט, זי דעראָבערן, האָט באַטײַט אַז מיר זענען גרייט צו גיין אויף יעדן פּלאַץ, כּדי צו פאַרמײַדן אַז מען זאָל די אַרבעט געבן פאַר נישט־אָרגאַניזירטע אַראַבישע אַרבעטער, וואָס האָבן אַקצעפּטירט סײַ וואָסערע באַדינגונגען. דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבע־טער האָט אָבער אויך געדאַרפט לעבן פון זײַן אַרבעט און אויסהאַלטן זײַן משפּחה. אין דעם האָט אַרויסגעהאָלפן די הסתּדרות. ווען נישט די הסתּדרות, וואָס האָט געשאַפן אַ ספּעציעלן פאָנד צו שטיצן דעם קאַמף פון באַצווינגען אַרבעט, וואָלט דער סולל בונה נישט געקענט טראָגן אַליין דעם שווערן עול. עס זענען הײַנט פאַראַן מענטשן וואָס ספקן צי מען האָט געדאַרפט גרינדן די הסתּדרות. לויט מײַן מיינונג האָבן מיר געהאַט אַ גרויס מזל וואָס די גרינדערס פונעם מאָדערנעם יידישן יישוב האָבן אויפגעשטעלט די הסתּדרות, וואָס האָט אויסגעפורעמט דעם יידישן אַרבעטער, דעם יסוד פון מדינת־ישׂראל.

פּאַראַלעל מיט מײַן אַקטיוויטעט אין דער הסתּדרות האָב איך אין איינעם מיט מײַן חבר אַהרנטשיק כּהן פון קיבוץ שער העמקים אָרגאַניזירט אין חיפה און אין דער אַרומיקער געגנט די „ליגה הסוציאליסטית״, דהײַנו די סאָציאַליסטישע ליגע, וואָס האָט געדאַרפט זײַן אַ מין שטאָטישער אָנשפּאַר פאַרן השומר הצעיר. דער קערן פון דער דאָזיקער ליגע איז באַשטאַנען פון חברים וואָס זענען אַ מאָל געווען אין השומר הצעיר אָדער אין אַ קיבוץ פון השומר הצעיר. שפּעטער זענען צוגעקומען אויך איינצלנע אַרבעטער וואָס האָבן זיך אידענטיפיצירט מיטן פּאָליטישן וועג פון השומר הצעיר. די ליגע איז געווען דער יסוד פון וועלכן עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן די פאַראייניקטע אַרבעטער־באַוועגונג: מפּ״ם, וואָס האָט אַרײַנגענומען דעם השומר הצעיר, אחדות העבודה און די לינקע פועלי ציון.

צוליב דרײַ גורמים איז חיפה אין יענער צײַט באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אַרבעטער־פעסטונג — דאָס רויטע חיפה. ערשטנס, איז אין דער געגנט פון חיפה געווען קאָנצענטרירט די וויכטיקסטע אינדוסטריע, און דאָס האָט געבראַכט מיט זיך אַ קאָנצענטרירונג פון יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך באַמיט אַרײַנצודרינגען אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. חיפה איז געווען דער אייציקער ערנסטער האַפן; דאָרט איז געווען די גרויסע ראַפינעריע, די ערשטע צעמענט־פאַבריק „נשר", די מאָדערנע טעקסטיל־פאַבריקן „אתא", און אין דער בוכטע האָט זיך געהאַלטן אין בויען אַ גרויסער אינדוסטריע־קאָמפּלעקס. צווייטנס, זענען אַרום חיפה געווען די פּראָוויזאָרישע מחנות פון די קיבוצים און נישט ווײַט פון חיפה — אויך די שטענדיקע קיבוצים. די קיבוץ־חברים זענען געווען גרייט אָנצונעמען יעדע אַרבעט און זיי האָבן זיך אויך נישט געשראָקן פאַרן קאַמף צו דעראָבערן די אַרבעט. דער קיבוץ האָט זיי געגעבן אַ פּערזענלעכע זיכערקייט, אַזוי אַז זיי האָבן נישט מורא געהאַט פאַר קיין קלאַסנקאַמף, אויב דאָס איז געווען נייטיק. און דער דריטער גורם איז געווען אַבאַ חושי, דער סעקרעטאַר פון חיפהר אַרבעטער־ראָט אין דער הסתדרות. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער אָרגאַניזאַטאָר און אַ געבוירענער אַרבעטער־מנהיג. ער האָט געוווּנען דעם צוטרוי פון די אַרבעטער־מאַסן אין חיפה און אונטער זײַן אָנפירונג זענען זיי געווען גרייט צו טאָן אַלץ כּדי צו שטאַרקן די אויטאָריטעט פון דער הסתדרות בכלל און פון חיפהר אַרבעטער־ראָט בפרט.

די הסתדרות האָט זיך אין יענער צײַט געדאַרפט פאַרמעסטן מיט דרײַ וויכטיקע פּראָבלעמען: א. יידישע אַרבעט; ב. קאַמף צו דעראָבערן אַרבעט; ג. קאַמף קעגן די פּורשים, די סעפּאַראַטיסטן, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען די אויטאָריטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

די זעלביקע פּראָבלעמען האָבן באַשעפטיקט די הסתדרות איבערן גאַנצן לאַנד, אָבער אין חיפה זענען זיי געווען באַזונדערש צוגעשפּיצט, ווײַל אין האַפן פון חיפה האָט מען אויפגענומען ביליקע נישט־אָרגאַניזירטע אַראַבישע אַרבעטער, וואָס די מאַנדאַטאַרע מאַכט האָט געבראַכט פון חורן. אַחוץ דעם האָבן אויך יידישע בוי־אונטערנעמער אַנגאַזשירט אַראַבישע נישט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער; דאָס זעלבע האָבן אויך געטאָן עטלעכע פאַבריקן אין דער בוכטע פון חיפה. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין אַ צײַט ווען עס האָט געהערשט אין יידישן ישוב אַ גוואַלדיקע אַרבעטסלאָזיקייט.

וואָס שייך „כּיבוש עבודה" זענען אַלע פּאָליטישע שטרעמונגען אין דער הסתדרות געווען אייניק, אַז מען דאַרף אײַנרײַסן דעם חרם וואָס די מאַנדאַ־

טאַרע מאַכט האָט אַרויפגעלייגט אויף ייִדישע אַרבעטער, אַז מען מוז אַרײַנ־דרינגען אין יעדן אַרבעטס־פּלאַץ פון דער בריטישער מאַכט, דעראָבערן אַרבעט אויף יעדן אופן און מיט יעדן פּרײַז.

אין דער פראַגע פון די סעפּאַראַטיסטן איז אויך נישט געווען קיין חילוקי־דעות. אַלע זענען געווען אייניק, אַז מען דאַרף פירן אַן אַקטיוון קאַמף קעגן די וואָס ווילן צעשפּאַלטן דעם ייִשוב און דערקלערן אָפן אַז זייער כּוונה איז אײַנצוברעכן די אַרבעטער־סינדיקאַטן. חיפה איז געוואָרן אַ פּיאָניר אין דער דאָזיקער פראַגע און די אַרבעטער האָבן דאָרט אויפגעשטעלט די „פּלוגות הפּועל", די אַרבעטער־בריגאַדעס, אונטער דער אָנפירונג פון יוסף קרעלנבוים, שפּעטער יוסף אַלמוגי. זייער אויפגאַב איז געווען צו דערוויַיטערן די פּורשים, די סעפּאַראַטיסטן, פון דער ייִדישער גאַס און פּאַרטיידיקן די הסתּדרות און אירע אָרגאַניזאַציעס.

אָנגעווייטיקט איז געווען די פראַגע פון ייִדישער אַרבעט (עבודה עברית). אין דעם פאַל האָבן עקסיסטירט אין דער הסתּדרות אָפּאָזיציאָנעלע קרײַזן, וואָס האָבן געפאָדערט גלײַכע רעכט פאַרן ייִדישן און פאַרן אַראַבישן אָרטיקן אַרבעטער. די אַרבעטער־בריגאַדעס האָבן געטענהט אַז דער ייִדישער אַר־בעטער איז בילכער, בעיקר ווען עס גייט אויך אין אַ ייִדישן אַרבעטס־געבער.

הגם איך האָב זיך אידענטיפיצירט מיטן השומר הצעיר אין פּאָליטישער אָריענטאַציע און אין אינטערנאַציאָנאַלע פראַגן, בין איך נישט געווען מסכּים מיט אַלץ וואָס דער השומר הצעיר האָט גורס געווען אין פּראָבלעמען פון ייִשוב און פון דער הסתּדרות. איך האָב געהאַלטן אַז די הסתּדרות דאַרף ווערן אַ מאַכטיקער אינסטרומענט אין אויספורעמען דעם ייִדישן אַרבעטער און אָפּהיטן זײַנע אינטערעסן. ערשט ווען עס וועט זיך שאַפן אין ארץ־ישׂראל אַ שטאַרקער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס, ערשט דעמאָלט וועט זיך די הסתּד־רות אויך קענען זאָרגן פאַר אַנדערע. דערווײַל איז פאַראַן נאָר איין מאַס־שטאַב: אם אין אני לי, מי לי? — אויב איך אַליין וועל נישט זאָרגן פאַר זיך, טאָ ווער וועט פאַר מיר זאָרגן?

איך האָב געטענהט אַז אין איטלעכער ייִדישער אונטערנעמונג דאַרף אויך זײַן ייִדישע אַרבעט. דערפאַר האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אין די אַרבעטער־בריגאַדעס, וואָס האָבן באַשלאָסן אָפּצוהיטן דעם דאָזיקן כּלל, אַפילו ווען דאָס איז פאַרבונדן מיט גוואַלד־מעשׂים קעגן ייִדישע אַרבעטס־געבערס וואָס האָבן נישט געוואָלט אויפנעמען ייִדישע אַרבעטער. מיט דער צײַט זענען די „פּלוגות הפּועל", די אַרבעטער־בריגאַדעס, געוואָרן דער איינציקער שטאַר־קער אָרגאַניזירטער כּוח פון דער הסתּדרות. די חברים פון די בריגאַדעס

האָבן זיך נישט איבערגעשראָקן פאַר צוזאַמענשטויסן מיט דער בריטישער פּאָליציי. אָפט מאָל האָט מען אַרעסטירט אַ טייל פון די חברים און זיי געהאַלטן עטלעכע טעג אין דער תּפיסה פון עכּו. איך געדענק נאָך עד־היום צוויי אַזעלכע צוזאַמענשטויסן: איינער אין הדר הכּרמל לעבן באַראַוווסקיס בנין און אַ צווייטער אין דער בוכטע, אין דער באַלאַטן־פאַבריק פון וואָלפֿ־מאַן.ביידע בעלי־בתּים האָבן נישט געוואָלט אויפנעמען קיין ייִדישע אַר־בעטער.

ווען איך טראַכט הײַנט, נאָך בערך דרײַסיק יאָר, צו אונדזערע דעמאָלטיקע מעשׂים, פֿיל איך זיך שטאָלץ וואָס איך האָב אָנטייל גענומען אין דעם דאָזיקן קאַמף, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אַ באַזונדערן חותם אויף חיפה, וואָס קען ביזן הײַנטיקן טאָג נישט אָפּגעמעקט ווערן.

דאגות פרנסה

אלישבע האָט זיך אין צווישן אומגעקערט. איך האָב געדאַרפט זאָרגן פאַר אַ דירה מיט אַ קיך און אַנדערע באַקוועמלעכקייטן. פון מײַנע פאַרדינסטן ווי אַן אַרויסהעלפער פון אַ שאָפער האָב איך דאָס נישט געקענט דערגרייכן. איך בין אַרײַן אין אַ גרופּע וואָס האָט געאַרבעט אין פּאָרט בײַם אויפלאָדן מאַראַנצן אויף שיפן וואָס זענען געגאַנגען קיין אייראָפּע. דאָס איז געווען אַ סעזאָן־אַרבעט, אָבער היות מען האָט געקענט אַרבעטן וויפל שעהען מען האָט געוואָלט האָב איך אין גיכן אָפּגעשפּאָרט דאָס נייטיקע געלט צו דינגען אַ צימער, ווו מיר האָבן געהאַט דאָס רעכט זיך צו באַנוצן מיט דער קיך. אלישבע איז נישט געווינטש געווען זיך צו באַקלאָגן, זי האָט געפונען אַרבעט אין אַ פּריוואַטער פאַמיליע, בײַ אַ קינד, און אויף אַזאַ אופן האָבן מיר אויס־באַלאַנסירט אונדזער בודזשעט. געהונגערט האָבן מיר נישט.

נאָך אַ צײַט איז אלישבע פאַרגאַנגען אין טראָגן און אונדזער מצב איז געוואָרן שווערער. אין יענער צײַט האָט זיך דער הימל איבער אייראָפּע אַלץ מער פאַרטונקלט און די ייִדן האָבן זיך געשראָקן פאַר היטלערס אויפשטײַג. אין גיכן האָט טאַקע אויסגעבראָכן די מלחמה און היטלערס חיילות האָבן אַלץ צעטראָטן אין זייער וועג. די ערשטע קרבנות זענען, פאַרשטייט זיך, געווען די ייִדן וואָס זענען אַרײַנגעפאַלן אין זייערע הענט.

אין ארץ־ישׂראל האָבן זיך מאַסן געמאָלדן פרײַוויליק אין בריטישן מיליּ־טער, כּדי צו העלפן אין דער מלחמה קעגן פאַשיסטישן אַשמדאַי. ווי קען איך זיצן גלײַכגילטיק און זיך צוקוקן ווי עס ווערט פאַרברענט די ייִדישע וועלט? אָבער ווי קען איך לאָזן אלישבען אַליין און נאָך דערצו אָן פרנסה?

מיר האָבן ביידע באַשלאָסן אַז איך וועל אָפּלייגן מײַן גיין צום מיליטער ביז דאָס קינד וועט געבוירן ווערן און אלישבע וועט געפינען אַ זיכערע אַרבעט כּדי זיך מפרנס צו זײַן מיטן קינד כּל־זמן איך בין נישטאָ.

אַבאַ חושי, דער סעקרעטאַר פון אַרבעטער־ראַט אין חיפה, איז געווען מײַנער אַ חבר און איך פלעג אָפט צו אים אַרײַנקומען. ער פלעג מיר דער־ציילן אַ סך פון זײַנע סודות, פון די צרות וואָס ער האָט געהאַט אין זײַן פּאַרטיי, אין מפא״י. דער פאַקט וואָס איך בין געווען אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער ליגע און אַ פּאָליטישער קעגנער פון מפא״י האָט נישט געשטערט אונדזער חברשאַפט. איך האָב געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר אַבאַ חושי און עס האָט מיך פאַרדראָסן וואָס זײַן פּאַרטיי וויל אים אַרויסעסן. איך פאַרשטיי נאָך הײַנט נישט פאַר וואָס. אפשר דערפאַר ווײַל ער איז געווען אַזוי פעיִק און מען האָט אים געהאַלטן פאַרן נישט־געקריינטן מלך פון חיפה. און אפשר דערפאַר ווײַל ער איז אַ מאָל געווען אין השומר הצעיר.

ווען אַבאַ חושי האָט דערוווּסט פון מײַן מאַטעריעלער לאַגע האָט ער מיר פאַרגעשלאָגן אַן אַרבעט, ווי דער סעקרעטאַר פון דער באַאַמטער־סעקציע אין אַרבעטער־ראַט. דער ביזדעמאָלטדיקער סעקרעטאַר, גרינבערג, האָט זיך איבערגעפירט קיין תּל־אָביב, אין דער צענטראַלע, אַזוי אַז דער פּאָסטן איז געווען פרײַ. כאָטש די דאָזיקע אַרבעט וואָלט געלייזט מײַנע פּראָבלעמען, האָב איך זי נישט געוואָלט אָננעמען; ערשטנס, האָב איך נישט געוואָלט ווערן אַ פּקיד אין דער הסתדרות, וואָס וואָלט מיך געשטערט ווײַטער פרײַ אַרויסצוזאָגן מײַן מיינונג און צו קריטיקירן וואָס עס געפעלט מיר נישט. צווייטנס, האָב איך נישט געהאַט קיין גרויסע סימפּאַטיע פאַר דער באַאַמטער־סעקציע. עס האָט זיך מיר נישט געגלוסט אָנצוגעהערן צו די האַרטע, ווײַסע קראַגנס. איך האָב דאָס דערקלערט דעם חבר אַבאַ חושי און ער האָט מיך פאַרשטאַנען.

פאַר די ווײַטערדיקע צוויי יאָר האָב איך באַקומען אַרבעט אַ דאַנק מײַן נײַעם פרײַנד, בוכבינדער, וואָס מיט אים האָב איך זיך באַקענט בײַ אַבאַ חושי. ער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון קופּת חולים אין דער געגנט פון חיפה. בוכבינדער איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך איידעלער און קולטיווירטער מענטש. ס׳איז פשוט געווען אַ פאַרגעניגן מיט אים צו רעדן. מיר פלעגן זיך אָפט באַגעגענען. איין מאָל האָט ער מיך געפרעגט ווו איך אַרבעט און איך האָב אים דערציילט וועגן מײַן מצב.

נאָך אַ קורצער צײַט האָב איך פון אים געקראָגן אַ בריוול, אין וועלכן ער האָט מיך פאַרבעטן אין זײַן ביוראָ, אין קופּת חולים, אויף דער גאַס החלוץ.

ער האָט מיך, ווי שטענדיק, פרײַנדלעך אויפגענומען און מיר באַלד פאָרגעשלאָגן צו ווערן זײַן סעקרעטאַר. איך האָב דעם פּאָסטן גערן אָנגענומען, ווײַל זינט איך בין געוואָרן אַ חבר אין דער הסתדרות, האָב איך געהאַט אַ זייער פּאָזיטיווע באַציִונג צו דער קופּת חולים. איך פלעג אָפט זאָגן אַז ווען די הסתדרות וואָלט נאָר געווען געשאַפן די קופּת חולים וואָלט עס אויך באַרעכטיקט איר עקסיסטענץ. איך האָב תּמיד באַטראַכט די אַרבעטער אין קופּת חולים ווי שליחי ציבור פון די חברים וואָס נייטיקן זיך אין הילף. זיי דאַרפן שאַפן בײַ די חברים דאָס געפיל אַז די הילף וואָס זיי באַקומען איז זייערס אַ רעכט, אַז מען טוט זיי קיין טובה נישט. איך האָב געפילט אַז די אַרבעט איז פּאַר מיר פּאַסיק. אַזוי ווי איך האָב געטאָן ערלעך און איבערגעגעבן אַלע אַרבעטן וואָס איך האָב ביז דעמאָלט געהאַט, האָב איך געגלייבט אַז איך וועל מצליח זײַן אויך אין דער קופּת חולים.

נאָך עטלעכע טעג האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן. אין גיכן האָב איך געהאַט גוטע פרײַנד סײַ צווישן דעם אַדמיניסטראַטיוון פּערסאָנאַל, סײַ צווישן דעם מעדיצינישן. גוטע באַציִונגען האָבן זיך אײַנגעשטעלט אויך מיט דעם נײַעם פאַרוואַלטער, חבר רעזניק, וואָס איז געקומען ווען בוכבינדער איז אַרויס אויף פּענסיע.

ווען אונדזער זון, דב, איז געבוירן געוואָרן, האָבן מיר זיך אַריבערגעפירט קיין קרית חיים, ווײַל דאָרטן האָט מען געקענט באַקומען ביליקער אַ דירה. אין גיכן האָבן מיר אויך אין קרית חיים געהאַט אַ קרײַז פון שכנים און גוטע פרײַנד. מיט עטלעכע האַלט נאָך אָן די פרײַנדשאַפט ביזן הײַנטיקן טאָג. ס'איז נאָך געווען אַ סיבה וואָס מיר האָבן זיך איבערגעפירט קיין קרית חיים. אַזוי ווי ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה האָבן די איטאַליענער אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן חיפה און ס'איז געווען שווער אַלישבען צו לויפן מיטן קינד פון דריטן שטאָק אין שוצקעלער. אין קרית חיים, האָבן מיר געמיינט, וועט זײַן רויִק. מיר האָבן אָבער געהאַט אַ טעות. די איטאַליענישע עראָפּלאַנען וואָס האָבן געוואָלט באָמבאַרדירן די ראַפינעריעס אין דער בוכטע פון חיפה האָבן געטראָפן דווקא צווישן די הײַזער פון קרית חיים.

פאַרן אַרײַנטריט אין דער בריטישער אַרמיי

דאָס יאָר 1940 איז געווען אַ שווער יאָר פאַרן ייִדישן ייִשוב אין ארץ־ישׂראל. די סכּנה אַז די מלחמה נעענטערט זיך צו די גרענעצן פון לאַנד און די גרויליקע ידיעות וואָס האָבן אָנגעהויבן קומען וועגן דעם גורל פון די ייִדן וואָס זענען אַרײַנגעפאַלן אין נאַצישע הענט אין אייראָפּע האָבן משפּיע

געווען אויף אַ גרויסער טייל פון די ייִדן אין ארץ־ישׂראל זיי זאָלן זיך מעלדן פֿרײַוויליק אין דער בריטישער אַרמיי, וואָס האָט געקעמפֿט אַנטקעגן דעם דײַטשישן פֿאַשיזם. די ענגלענדער זענען נישט מסכּים געווען אויפֿצושטעלן אַ באַוואָפֿנטן ייִדישן כּוח וואָס זאָל קעמפֿן קעגן דעם דײַטשן שׂונא. זיי האָבן געניצט די ייִדישע פֿרײַוויליקע פֿאַר שמירה בײַ מיליטערישע פּונקטן, סקלאַדן, שאָסייען, זיי זענען אויך געווען שאָפֿערן און לאַסטטרעגערס — בקיצור, מען האָט זיי גענוצט ווי „האָלצהעקערס און וואַסער־טרעגערס".

נישט געקוקט אויף דער עוולה האָבן זיך ייִדישע פֿרײַוויליקע אָנגעשלאָסן אין מאַסן אין דער ענגלישער אַרמיי און האָבן אויסגעפֿירט אַלץ וואָס מען האָט זיי באַפֿוילן. אַפֿילו נאָך דער גרויסער מפּלה פֿון דער בריטישער אַרמיי אין גריכנלאַנד, ווען די גאַנצע גרופּע ארץ־ישׂראלדיקע פּיאָנירן זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין דײַטשישער געפֿאַנגענשאַפֿט, האָט דער ייִדישער ישוב נישט אויפֿגעהערט זיך צו באַטייליקן אין דער מלחמה קעגן פֿאַשיזם. להיפּוך, דאָס האָט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט דעם ווילן צו קעמפֿן.

אַ גרויסער טייל פֿון דער גרופּע וואָס איז אַרײַנגעפֿאַלן אין דײַטשישער געפֿאַנגענשאַפֿט האָט געהערט צו די אַרבעטער־בריגאַדעס פֿון חיפֿה. צווישן זיי זענען געווען נאָענטע חברים, ווי יצחק בן־אַהרן און יוסף אַלמוגי. איך האָב זיך מער נישט געפֿונען קיין רו. אלישבע מיטן קינד זענען געווען מער־ווייניקער פֿאַרזיכערט מיט פּרנסה, אַזוי אַז מיר האָבן באַשלאָסן איך זאָל זיך מעלדן פֿרײַוויליק אין דער בריטישער אַרמיי.

איך האָב צו וויסן געטאָן אין קופּת חולים מײַן החלטה און האָב געבעטן מען זאָל מיך באַפֿרײַען פֿון דער אַרבעט. די באַגײַסטערונג אין לאַנד איז געווען אַזוי גרויס, אַז די קופּת חולים האָט מיר פֿאַרגעשלאָגן איך זאָל זיך מעלדן פֿרײַוויליק אין איר נאָמען, הגם איך האָב דאָרט געאַרבעט בלויז אַ קורצע צײַט. דאָס האָט געהייסן אַז מײַן אַרבעטספּלאַץ איז געזיכערט נאָך דער מלחמה און אַז אלישבע האָט דאָס רעכט אויף אַ טייל פֿון מײַן געהאַלט כּל־זמן איך בין אין דער אַרמיי. אַלע עפֿנטלעכע אינסטיטוציעס אין לאַנד האָבן זיך מתחייב געווען צוצושטעלן אַ צאָל פֿרײַוויליקע, און איך בין, דאַכט זיך, געווען דער ערשטער פֿרײַוויליקער פֿון קופּת חולים.

בעתן דערליידיקן די פֿאָרמאַליטעטן אויפֿגענומען צו ווערן אין דער אַרמיי האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז איך האָב זיך בעצם נישט געגט מיט דעם מיידל, וואָס איך האָב מיט איר פֿיקטיוו חתונה געהאַט, כּדי זי אַרײַנצוברענגען אין לאַנד, ווען איך בין עולה געווען. איך האָב זיך געוואָלט דעמאָלט גטן תּיכּף ווי מיר זענען אָנגעקומען, אָבער זי האָט נישט מסכּים געווען ווײַל זי האָט

נישט געוואָלט פאַרלירן די טשעכישע בירגערשאַפט. דערנאָך האָב איך אין דעם גאַנצן ענין פאַרגעסן. דער רב וואָס האָט מיר געגעבן חופה וקדושין ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט אַלישבען האָט מיך גאָרנישט געפרעגט און אין תּוך האָט די בירגערלעכע פּיקטיווע חתונה סיי ווי נישט געהאַט קיין האַפט לויטן ייִדישן געזעץ. פאַר די ענגלענדער איז יענע אָבער געווען מײַן אָפיציעלע פרוי און ווי לאַנג איך באַקום נישט קיין אָפיציעלן גט האָט זי דאָס רעכט צו באַקומען די אונטערשטיצונג וואָס די אַרמיי גיט די פרויען פון סאָלדאַטן.

פון זינט מײַן עליה זענען פאַרגאַנגען זעקס יאָר און איך האָב אַפילו נישט געוווסט ווו מײַן פּיקטיווע ווײַב געפינט זיך. מיט דער הילף פון מײַן פרײַנד גלאַזער, וואָס איז געווען טשעכישער ערן־קאָנסול אין חיפה, האָב איך זי אויסגעפונען אין ראשון לציון. איך בין תּיכּף צו איר געפאָרן און איר דער־קלערט מײַן מצב. אָבער אויך איצט איז זי נישט מסכּים געווען מיר צו געבן דעם גט. ערשט אונטערן שטאַרקן דרוק פון אַ באַשטימטער אינסטיטוציע האָט זי נאָכגעגעבן. נאָך דעם ווי איך האָב באַקומען דעם גט האָב איך אָפיציעל חתונה געהאַט מיט אַלישבען און די ענגלענדער האָבן זי אָנערקענט ווי מײַן ווײַב.

די פאַרוואַלטונג פון דער קופּת חולים האָט מיר צוגעגרייט אַ רירנדיקע מסיבה און איך האָב באַקומען אַ מתּנה אַ זילבערן חנוכּה־לעמפּל וואָס שטייט נאָך בײַ מיר ביזן הײַנטיקן טאָג. איך בין, פאַרשטייט זיך, נישט געווען באַגײַסטערט פון די רעדעס וואָס מען האָט געהאַלטן בײַ דער געלעגנהייט, ווײַל מען האָט מיך געפּרווט אָוועקשטעלן ווי אַ העלד. איך בין נישט געווען קיין העלד און האָב ממש מורא געהאַט פאַר דער מלחמה. אין מײַנע געזעגענונג־ווערטער האָב איך געפּרווט דערקלערן אַז איך האָב זיך גע־מאָלדן ווי אַ פרײַוויליקער אין מיליטער נישט צוליב העלדישקייט, נאָר פּשוט ווײַל איך קען נישט זיצן רויק בעת די ייִדישע וועלט, וואָס איך בין אַ חלק פון איר, גייט אָוועק מיטן פײַער.

ט

אַ פּריוויליקער אין דער בריטישער אַרמיי

די מאַסן וואָס האָבן געוואַנדערט קיין סאַראַפּענד, ווו ס'איז געווען דער מאָבילליזירונג־צענטער אין ארץ־ישׂראל האָבן געהאַפּט אַז אין גיכן וועלן זיי זײַן אמתדיקע קעמפּערס און נישט סתּם באַדינערס צו וועלכע מען האָט נישט קיין צוטרוי. די פּריווילליקע זענען געקומען פון אַלע קרײַזן און זענען געווען אין פאַרשיידענעם עלטער. עס האָבן זיך געמאָלדן בנײַ עולים, וואָס זענען ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אָנגעקומען אויף כּל מיני דרכים, צו די ברעגן פון לאַנד. עס איז געקומען די יוגנט, געבוירענע אין ארץ־ישׂראל, און יידן וואָס זייערע צעקנייטשטע פּנימער האָבן געזאָגט עדות אַז זיי האָבן שוין הינטער זיך צענדליקער יאָרן פון שווערער אַרבעט אין דאָרף און אין שטאָט, אין פאַבריקן און אויפן פעלד.

אַלע האָבן געוואָלט מען זאָל זיי אויפנעמען אין דער בריטישער אַרמיי. אַלע האָבן זיך געוואָלט באַטייליקן אין דער מלחמה קעגן דעם דײַטשן אַשמדאַי וואָס וויל פאַרטיליקן דאָס יידישע פאָלק. עס זענען געקומען יינגלעך פון נאָך נישט קיין אַכצן יאָר און האָבן געבראַכט פאַלשע דאָקומענטן אַז זיי זענען עלטער, כּדי מען זאָל זיי אויפנעמען. עס זענען געקומען אַלטע, אײַנגעבראָכענע יידן, וואָס האָבן אַוודאי שוין געהאַט בײַ די זעכציק. אויך זיי האָבן געבראַכט פאַלשע פּאַפּירן אַז זיי זענען נאָך נישט קיין פופציק.

איך בין געשטאַנען גלײַך מיט אַלע אין דער ריי און געוואַרט מען זאָל מיך אויפנעמען צו דינען זײַן מאַיעסטעט דעם קעניג פון ענגלאַנד. קודם־כּל האָט מען געדאַרפט קומען צו דער מעדיצינישער קאָמיסיע. עס גייט מיר נאָך היינט דורך אַ דראָזש איבערן לײַב ווען איך דערמאָן זיך דעם לאַנגן היל־צערנעם צריף אין סאַראַפּענד, ווו מיר האָבן זיך געדאַרפט אויסטאָן, איידער מיר זענען אַרײַן צום דאָקטער. אַ ריי נאַקעטע און האַלב־נאַקעטע מענער, יונגע מיט אַטלעטישע קערפּערס לעבן אַלטע, אײַנגעפאַלענע, צעקנייטשטע

פון יאָרן־לאַנגער אַרבעט אויף די פעלדער, אונטער דער ברענענדיקער זון פון ארץ־ישׂראל.

למען האמת האָבן די דאָקטוירים אונדז נישט געמאַכט קיין שוועריקייטן. איך געדענק נישט זיי זאָלן געווען עמעצן אָפּשטויסן מחמת זײַן געזונט־צושטאַנד אָדער זײַן עלטער. זיי האָבן ווײַזט אויס געטראַכט בײַ זיך אַז אויב אָט די משוגעים ווילן דווקא גיין אין מיליטער, דאַרף מען זיי נישט שטערן. זיי האָבן אַוודאי געמיינט אַז מיר וועלן סײַ ווי באַלד חרטה האָבן וואָס מיר האָבן זיך אַזוי באַגײַסטערט.

נאָך דעם ווי מען האָט פעסטגעשטעלט אַז איך בין ראוי צו דינען זײַן מאַיעסטעט, האָב איך געדאַרפט שווערן אַז איך וועל זײַן אַ געטרײַער זעלנער. מען האָט אונדז אַריבערגעפירט אין אַ צווייטן צריף, ווו ס׳איז געזעסן אַן אָפיציר און אַ דאָלמעטשער פאַר די וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען ענגליש.

איך האָב פײַנט געהאַט מלכים און נאָך מער זייערע משפחות. איך בין געווען דורך און דורך אַ רעפובליקאַנער און אַ קעגנער פון אַלע דינאַסטיעס. ווען מען האָט אונדז אָנגעהויבן פירלייענען דעם תּוכן פון דער שבועה, דהיינו אַז מיר שווערן צו דינען געטרײַ דעם קעניג און זײַן משפחה, איז מיר נישט גוט געוואָרן. ווער ווייס וואָס פאַר אַ צרות איך וועל נאָך האָבן דערפון? איך האָב געטראַכט צי איז נישט גלײַכער צו שיקן דעם מלך מיט זײַן משפחה צו אַל די רוחות. צוליב זיי האָב איך זיך דען געמאָלדן אַ פרײַוויליקער צום מיליטער? האָבן חרטה איז שוין געווען צו שפּעט. אין תּוך בין איך נישט געווען דער איינציקער, איך האָב זיך דערפילט אַ חלק פון אַלע די וואָס זענען געשטאַנען מיט מיר אין צריף און אַ חלק פון די מיליאָנען ייִדן וואָס ווערן געפּײַניקט אין אייראָפּע און וואַרטן מען זאָל זיי אויסלייזן. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ שטײַפער זעלנערישער פּאָזיציע און האָב איבער־געחזרט וואָרט בײַ וואָרט די שבועה וואָס מען האָט אונדז פאָרגעזאָגט. דער־מיט האָב איך אויפגעהערט צו זײַן אַ פרײַער מענטש, וואָס קען טאָן וואָס אים געפעלט, און בין אַריבערגעגאַנגען אין רשות פונעם בריטישן קעניג. אין די ערשטע טעג איז מיר דער גאַנצער ענין אָנגעקומען זייער שווער. אָבער מיט דער צײַט האָב איך זיך צוגעוווינט צו דעם נײַעם מצב מײַנעם.

פון בײַטן די ציווילע קליידער אויף אַ מיליטערישן מונדיר האָב איך אויך נישט געשעפּט קיין נחת. קודם האָט מען געדאַרפט שטיין שעהען־לאַנג אין דער ריי און ווען מ׳איז שוין דערגאַנגען צום קליידער־מאַגאַזין, האָט דער פאַראַנטוואָרטלעכער, אַן ענגלישער זעלנער, אויף דיר אַ קוק געטאָן, דיך אָפּגעמאָסטן מיטן אויג און דיר צוגעוואָרפן אַ בינטל קליידער, וואָס

האָבן געוויינטלעך נישט געפֿאַסט — אָדער זענען זיי געווען צו ענג, אָדער מען האָט געקענט אַרײַן אין זיי צווײ מאָל. האָט מען ערשט געמוזט גיין צו אַ פּריוואַטן שנײַדער ער זאָל דעם מונדיר צופּאַסן אויפֿן לײַב.

אויך מיט עסן זענען געווען צרות. על־פּי דער בריטישער ביוראָקראַטיע האָבן די סאָלדאַטן פֿון אַ טראַפּישער צי פֿון אַ האַלב־טראָפּישער געגנט באַקומען דאָס זעלבע עסן ווי די סאָלדאַטן וואָס האָבן געדינט אין ענגלאַנד: אין דער פֿרי שינקע מיט געפּרעגלטע אייער און קאַשע מיט מאַרמעלאַדע; צום מיטאָג און צום נאַכטמאָל — פֿלייש. אונדזערע חברה האָבן זיך שווער צוגעוווינט צו די דאָזיקע מאכלים.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער מיליטערישע אויסבילדונג. יעדן אינדערפֿרי האָט מען אונדז אַרויסגעפֿירט אויף אַ ברייטן פּלאַץ אין מיטן סאַראַפֿענד און אַן ענגלישער קאָרפּאָראַל האָט אונדז מושטירט. דער גרעס־טער טייל האָט געוווּסט ווי אומצוגיין מיט אַ ביקס, ווײַל אַ סך פֿון אונדז זענען געווען חברים אין דער הגנה און די קיבוצניקעס האָבן געמאַכט שמירה. מיר האָבן געהאָפֿט אַז מען וועט אונדז לערנען זיך באַנוצן מיט כּלי־זיין וואָס זענען נישט פֿאַראַנען אין דער אילעגאַלער הגנה. דערפֿאַר האָבן מיר געקוקט אויף דעם מושטירן, ווי אַזוי צו גיין און ווי אַזוי צו שטיין בײַ אַ פּאַראַד, ווי אויף אַן איבעריקער זאַך. די ענגלענדער האָבן אָבער אַלץ גענומען ערנסט, ווי גלײַך די גאַנצע מלחמה וואָלט זײַן אָפּהענגיק פֿון אונדזער מושטיר. זיי האָבן זיך נישט געאײַלט און האָבן רויִק דורכגעפֿירט דעם פּאַראַד־מושטיר, ווי גלײַך עס וואָלט נישט געווען קיין מלחמה.

מיר האָבן געהאָפֿט אַז דער גאַנצער ענין וועט געדויערן בלויז אַ פּאָר טעג. אָבער די מושטירונג האָט גענומען וואָכן נאָך אַנאַנד און די בעסטע אינ־סטרוקטאָרן פֿון דער ענגלישער אַרמיי זענען נישט מסוגל געווען אונדז אויסצולערנען צו מאַרשירן ווי געהעריק, מחמת אונדזער גרופּע איז געווען צונויפֿגעשטעלט פֿון מענטשן אין פֿאַרשיידענעם עלטער. שעהען־לאַנג האָבן געהילכט אויפֿן מושטירפּלאַץ די געשרייען פֿון די ענגלישע אינסטרוקטאָרן און דאָס קלאַפּן פֿון די מיליטערישע שיך באַשלאָגן מיט אײַזן. דער אייציקער רעזולטאַט איז אָבער געווען אַז די מענטשן זענען דערנאָך געפֿאַלן פֿון די פֿיס פֿאַר מידקייט.

ביקסן פֿון ערשטן וועלטקריג

מיר האָבן אַלע געוואַרט אומגעדולדיק אויף די געניטונגען מיט געווער, כּדי צו ווערן אמתע סאָלדאַטן. מיר האָבן אָבער באַלד געליטן אַן אַנטוישונג.

ווען מען האָט אונדז געגעבן די ביקסן איז אונדז שוואַרץ געוואָרן פאַר די אויגן — דאָס זענען געווען ביקסן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דערצו האָבן אונדז די אינסטרוקטאָרן ערשט אָנגעהויבן לערנען ווי אַזוי צו סאַלו־טירן מיט דער ביקס, כּדי מיר זאָלן זײַן גוטע פּאַראַד־זעלנערס, בעת מיר האָבן זיך געריסן צו גיין אין קאַמף קעגן היטלערן.

די אַלטע ביקסן זענען געווען שווער און לאַנג און מיר האָבן בשום־אופן נישט געקענט זיך אויסגלײַכן בעתן סאַלוטירן, אָדער בעת אַ צערעמאָניע. די ענגלישע מדריכים זענען בײַם אָנהייב געווען געדולדיק און האָבן אונדז רויִק דערקלערט ווי אַזוי מיר דאַרפן זיך פירן, אָבער בײַ אונדז איז שטענדיק אַרויסגעקומען קאַפּויער. די קאַלטבלוטיקע ענגלענדער זענען אַרויס פון די כּלים און האָבן אָנגעהויבן זידלען אויף דעם אמתן מיליטערישן אופן. בעת מען האָט אונדז געלערנט סאַלוטירן מיט דער ביקס האָט זיך דער אינסטרוקטאָר צעשריִען אַז מיר זענען אַלע אידיאָטן. אין יענער רגע האָב איך פאַרגעסן אַז איך בין נישט אין קיבוץ און אַז לויט די מיליטערישע כּללים טאָר אַ סאָלדאַט נישט פאַרלאָזן די ריי אין מיטן דער מושטירונג, אַפילו ווען ער האַלט אַז מ׳האָט אים באַוואָלט. איך בין פּשוט צוגעגאַנגען צו דעם אינסטרוקטאָר און אים געזאָגט אַז ער האָט נישט דאָס רעכט צו אונדז, פרײַוויליקע, אַזוי צו רעדן, און אַז פאַר מײַן כּבוד און פאַרן כּבוד פון מײַנע חברים פאָדער איך פון אים ער זאָל זיך אַנטשולדיקן. נישט מער און נישט ווייניקער...

מײַן אינסטרוקטאָר איז געוואָרן בלייך פאַר כּעס און האָט נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסרעדן. מיר זענען אַזוי געשטאַנען איינער אַנטקעגן איבער דעם צווייטן ביז דער אָפיציר, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן מושטירפּלאַץ האָט באַמערקט די אויסטערלישע סיטואַציע און איז געקומען פרעגן וואָס עס איז געשען. אַ דערצערנטער האָב איך אים אַלץ דערציילט און אים געזאָגט אַז איך פאָדער דער אינסטרוקטאָר זאָל זיך אַנטשולדיקן און להבא זאָל ער אונדז נישט מער באַליידיקן.

דער אָפיציר, וואָס האָט שוין געהאַט אַ היפּשן נסיון אין מיליטער, איז אויך צעטומלט געוואָרן. אַזוינס האָט ער נאָך נישט געהערט: אַ פּשוטער זעלנער זאָל פאָדערן פון אַ העכערן אין ראַנג ער זאָל זיך אַנטשולדיקן! ער האָט ווײַזט אויס געטראַכט ווי אַזוי צו רעאַגירן: מיך תּיכּף אַרעסטירן, על־פּי דעם געזעץ, און מיך שטעלן פאַרן געריכט, אָדער באַטראַכטן דעם גאַנצן ענין מיט געזונטן ענגלישן הומאָר. צו מײַן מזל האָט ער אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג. ער האָט מיר קורץ דערקלערט ווי שווער איך האָב זיך פאַרזינדיקט

און מיר געראָטן איך זאָל דאָס קיין מאָל נישט מער טאָן. ווייל מען וועט מיך באַשטראָפן לויט אַלע כּללים. איך בין צוריק אויף מיין פּלאַץ און האָב ממשיך געווען די געניטונגען ווי גלייך ס׳איז גאָרנישט געשען. איך האָב אַפילו פאַרגעסן צו דאַנקען דעם אָפיציר פאַר זיין ליבעראַלער באַציִונג.

איך האָב נישט איבעריק ליב געהאַט די ענגלענדער, בעיקר פאַר זייער אויפפירונג לגבי די ייִדן אין ארץ־ישׂראל. אין די יאָרן וואָס איך בין געווען אין דער ענגלישער אַרמיי, ווו איך האָב זיך צונויפגעשטויסן מיט ענגלישע אָפיצירן אין שייכות מיט נאַציאָנאַל־ייִדישע פּראָבלעמען, האָב איך זיך אָבער איבערצייגט אַז זיי זענען מסוגל מוחל צו זיין אַ קעגנער און האַנדלען לויטן שׂכל־הישר.

בכלל האָבן מיר, ייִדישע פּריוויליקע פון ארץ־ישׂראל, נישט געלעקט קיין האָניק אין דער ענגלישער אַרמיי. דאָרט זענען לרוב געווען פּראָפעס־יאָנעלע מיליטער־לייט, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג געדינט אין די ענגלישע קאָלאָניעס פון אַזיע און אַפריקע. מיר זענען פאַר זיי געווען נאָך אַ גרופּע פון „נייטיוווס״, וואָס דאַרף פאָלגן זייער באַפעל. פון דעסטוועגן זענען אויך געווען הויכע אָפיצירן וואָס האָבן זיך צו אונדז באַצויגן מיט דרך־ארץ און האָבן פאַרשטאַנען אונדזער נאַציאָנאַלע שטרעבונג צו קעמפן.

העלפן דער רויטער אַרמיי

אין סאַראַפענד האָט מען אונדז געהאַלטן דריי חדשים. דאָס זענען געווען שווערע חדשים, אין וועלכע מיר האָבן זיך געדאַרפט צוגעוויינען צום מילי־טערישן לעבן מיט אַלע זיינע באַגרענעצונגען. בעיקר איז דאָס געווען אַ שווערע צייט פאַר די עלטערע מענטשן.

דער מצב האָט זיך פלוצעם געביטן ווען די דייטשן זענען אַריין אין ראַטן־פאַרבאַנד. מיט אַ מאָל איז רוסלאַנד געוואָרן אונדזער אַליִירטער און די ענגלישע אַרמיי האָט זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן אַנטשלאָסענער און צוועקמאָסיקער. די אַליִירטע האָבן באַשלאָסן אַז מען דאַרף העלפן דער רויטער אַרמיי מיט וואָפן און די ענגלענדער האָבן אָרגאַניזירט אַן אייגנהייט פון רוסיש־רעדנדיקע מענטשן, וואָס זיי האָבן געדאַרפט פּראַקטיש אויספירן די החלטה.

מיר האָבן זיך תּיכּף געמאָלדן צו דער דאָזיקער אייגנהייט, בעיקר די חברים פון קיבוצים, מושבים און סתּם הסתּדרות־חברים. מיר האָבן געהייסן „די ערשטע הילפסאייגנהייט פאַר רוסלאַנד״ און האָבן געהערט צום דעם קעניג־לעכן בריטישן אינזשעניר־קאָרפּוס אין איראַק און פּערסיע מיט פאַרשיידענע

באַזיסן לענג־אויס דעם קאַספּישן ים. ווי חברים פֿון דער הסתּדרות, דהיינו סאָציאַליסטן, האָבן מיר זיך באַזונדערש געפֿרייט וואָס מיר קענען זײַן אַן אַקטיווער פֿאַקטאָר און העלפֿן דער רויטער אַרמיי אין קאַמף קעגן דײַטשישן פֿאַשיזם, איר וואָס גיכער דערלאַנגען די נייטיקע קריגס־מאַטעריאַלן.

די ענגלענדער האָבן דערגאַנצט די איינהייט מיט אַ גרופּע ארץ־ישׂראלדיקע סאָלדאַטן, פֿון די ערשטע פֿרײַוויליקע, וואָס האָט ביז איצט געהערט צו אַ פּיאָנירן־קאָרפּוס וואָס איז געשטאַנען אין מידבר פֿון ליביע. זיי האָבן אונדז אויך צוגעטיילט דרײַ יידישע אָפֿיצירן פֿון ארץ־ישׂראל. ווי גרינע אין דער אַרמיי, האָבן מיר זיך געפֿרייט מיט דעם דאָזיקן שידוך און געהאָפֿט אַז דאָס וועט אונדז העלפֿן גובר זײַן די שוועריקייטן וואָס וואַרטן אויף אונדז אין די וויסטענישן פֿון איראַק. אין גיכן האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז מיר האָבן געהאַט אַ טעות. אונדזערע פּאַרטנערס זענען אַלע געקומען קיין ארץ־ישׂראל אין לעצטן מאָמענט, איידער די מלחמה איז אויסגעבראָכן און האָבן זיך תּיכּף געמאָלדן אין דער ענגלישער אַרמיי. זיי האָבן נישט באַוויזן זיך צו באַקענען מיטן לאַנד און מיט די אײַנוווינערס און אַוודאי נישט מיט דער העברעיִשער שפּראַך. זייער איינציקער ווונטש איז געווען די מלחמה זאָל זיך ענדיקן, כּדי זיי זאָלן זיך קענען אומקערן קיין אייראָפּע.

אונדזערע פּאַרטנערס זענען אויך געווען אַנטוישט. דאָס לעבן אין מידבר פֿון ליביע האָט זיך זיי געהאַט צוגעגעסן און זיי זענען געווען גליקלעך ווען מען האָט זיי צוריקגעבראַכט קיין ארץ־ישׂראל. פּלוצעם האָט מען זיי גאָר צונויפֿגעשטעלט מיט מענטשן וואָס זענען להוט צו גיין אין די מידבריות פֿון איראַק, מענטשן וואָס נעמען גאָר ערנסט די מלחמה און פֿאָדערן מען זאָל אַלץ טאָן מיט איבערגעגעבנקייט. זיי האָבן זיך באַצויגן מיט איראָניע צו אונדזערע השׂגות און צו אונדזער וועלטבאַנעם. דאָס אַלץ האָט באַלד געשאַפֿן אַ קידער־ווידער אין אונדזער איינהייט.

נאָך אַ קורצער צײַט זענען מיר אַרויסגעפֿאָרן מיט דער באַן קיין פּאָרט־סאַיִד, אין מצרים, און פֿון דאָרטן האָט מען אונדז איבערגעפֿירט קיין באַצראַ, אין איראַק, ווו די שיפֿן פֿון די אַליִירטע האָבן געדאַרפֿט ברענגען די מאַטער־יאַלן צו העלפֿן דער רויטער אַרמיי אין קאַמף קעגן דײַטשלאַנד. מיר האָבן זיך אַ לאַנגע צײַט געמאַטערט אויף דער נסיעה. אויך די יידישע אָפֿיצירן האָבן אונדז געמאַטערט. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי אונדז געוואָלט געבן צו פֿאַרשטיין וואָס דאָס איז אַזוינס מיליטער און זיי האָבן בכּיוון באַטאָנט אַז „מיליטער איז נישט די יידישע סוכנות״. סוכנות איז בײַ זיי געווען אידענטיש מיט בטלנות און זיי האָבן גערן דערמיט געצילט קעגן אונדז,

וואָס זענען געקומען פון קיבוצים. פאַרשטייט זיך אַז מיר האָבן נישט אַרויס־געוויזן קיין גרויסע ליבשאַפט לגבי די ייִדישע אָפיצירן און האָבן געטראַכט וואָס ווייניקער מיט זיי צו האָבן צו טאָן. ווי נאָר מיר זענען אָנגעקומען אין איראַק האָבן אויך זיי זיך געהאַלטן פון דער ווײַטנס, כּדי אַרויסצוווײַזן זייער העכערע פּאָזיציע.

איינער פון די דרײַ אָפיצירן, עמנואל ראָזנבערג, דער זון פון אַ ייִדישן פּאָליציאַנט פון תּל־אָביב, אַ געבוירענער אין ארץ־ישׂראל, איז דווקא יאָ געווען אַ חברה־מאַן. ער איז געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך מיט אונדז געחבֿרט און ווען מיר זענען געווען אין כּעס אויף זײַנע קאָלעגעס האָט ער זיך אָנועקגעזעצט און געזונגען פֿאַר אונדז העברעיִשע לידער. ער האָט גוט געקענט די לידער פון ביאַליק און פון רחל. צום ליבסטן איז אים געווען דאָס ליד „עץ הרימון" און שוין צוליב דעם אַליין וועל איך אים קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

אויף דער לאַנגער נסיעה האָב איך אָנגעהויבן שרײַבן מײַן איראַקישן טאָגבוך, פון וועלכן איך ברענג דאָ אויסצוגן:

...סוף 1941 האָט ענגלאַנד באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ מיליטערישע איינ־הייט וואָס זאָל אַריבערפירן די פאַרשיידענע קריגס־מאַטעריאַלן וועלכע די אַלײַרטע וועלן שיקן אַרויסצוהעלפן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, כּדי די דאָזיקע מאַטעריאַלן זאָלן וואָס גיכער אָנקומען קיין רוסלאַנד און העלפן דער רויטער אַרמיי אין דער שווערער מלחמה קעגן דעם דײַטשן אָנפאַלער. עס איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן אַז די דאָזיקע איינהייט, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „די ערשטע הילפסאיינהייט פאַר רוסלאַנד" וועט דאַרפן אויספירן אויפגאַבן אין שווערע באַדינגונגען, בעיקר קלימאַטערישע. פון דעסטוועגן האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו מעלדן דווקא אין דער איינהייט.

...די סיבות פון אונדזער החלטה: א) ווי חברים אין חלוצישע סאָציאַליס־טישע אָרגאַניזאַציעס האָבן מיר זיך געפרייט אַז מיר וועלן האָבן אַ מעגלע־כקייט צו העלפן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס פירט אַ מלחמה אויף לעבן און טויט קעגן דער דײַטשער פאַשיסטישער חיה, וואָס איז אויך אונדזער שׂונא; ב) מיר האָבן געהאָפט זיך צו באַטייליקן אין איראַק אין דער אילעגאַלער אַרבעט פון גרינדן דעם החלוץ און אַזוי אַרום העלפן די שליחים פון ארץ־ישׂראל וואָס געפינען זיך דאָרט פאַר דעם צוועק.

...מיר זענען געפאָרן מיט דער באַן קיין פּאָרט־סאַיִד און פון דאָרטן מיט דער שיף קיין באַצראַ. אין האַפן פון באַצראַ האָט מען די מאַטעריאַלן וואָס זענען אָנגעקומען מיט שיפן פון ענגלאַנד און אַמעריקע פאַרלאָדן אין וואַ־

גאַנגען, וואָס האָבן זיי וויַיטער געפירט קיין קאַנאַקין, אַ קליין שטעטל בײַ דער פּערסישער גרענעץ. אין באַצראַ זענען מיר נאָר געווען אַ קורצע צײַט, אָבער מיר האָבן באַוויזן זיך צו באַקענען מיט די אָרטיקע ייִדן, מיט דער הילף פון ייִדישע איראַקישע באַאַמטע וואָס האָבן געאַרבעט אין פּאָרט. אין באַצראַ איז געווען אַ שיינע ייִדישע קהילה. די ייִדן האָבן זיך דערנענטערט צו אונדז, בעיקר די יוגנט, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט ארץ־ישראל.

...אין באַצראַ האָבן מיר באַקומען דעם אַדרעס פון אַ ייִדן אין קאַנאַקין, וואָס האָט געאַרבעט בײַ דער באַנסטאַנציע און וואָס האָט אונדז געדאַרפט באַקענען מיט די אָרטיקע ייִדן. אַחוץ דער פײַנער ייִדישער קהילה און דער אַקטיווער ייִדישער יוגנט וואָס איך געדענק זי מיט שטאָלץ, איז באַצראַ געווען פאַר אונדז אַ שווידער. די היץ און די פײַכטיקייט זענען געווען נישט צום דערטראָגן. בײַ טאָג האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש אויף דער גאַס. די זון האָט געברענט אָן רחמנות און ממש אויסגעטריקנט דעם מאַרך פון די ביינער.

...אַ לעגענדע דערציילט אַז דער גן־עדן ווו אָדם און חוה האָבן זיך נאַקעט אַרומגעדרייט איז געווען ערגעץ נאָענט פון באַצראַ. נאָך דעם ווי איך האָב געזען ווי דער מקום זעט אויס האָב איך געטראַכט אַז אָדם און חוה האָבן בכיוון געגעסן פונעם עץ־הדעת כּדי דער רבונו־של־עולם זאָל זיי פון דאָרט פאַרטרײַבן, אָדער זיי זענען גאָר אַליין פון דאָרט אַנטלאָפן.

...קיין קאַנאַקין פאָרט מען מיט דער באַן וואָס שלעפּט זיך ווי אַ טשערע־פּאַכע. דער צוג זעט אויס ווי אַ מין אויסטערלישער אינטערנאַציאָנאַל: וואַגאָנען מיט ענגלישע סאָלדאַטן, מיט אויסטראַלישע, אינדישע און פּוילישע. צווישן זיי אויך צוויי וואַגאָנען מיט ייִדן פון ארץ־ישראל אין ענגלישע מונדירן. איטלעכע גרופּע באַמיט זיך אײַנצוואָרדענען אין די נישט־באַקוועמע, שמוציקע וואַגאָנען. מיר טוען אויך דאָס זעלביקע. מיר זינגען העברעיִשע לידער, כּדי צו פאַרטרײַבן די צײַט. מיר פּרוּוון אויך אויסלערנען אונדזער נײַע פּאַרטנערס אַ העברעיִש לידל.

...אין אַ סטאַנציע ווו דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט האָבן מיר פּלוצעם דערהערט, בעת מיר זענען געווען פאַרטיפט אין זינגען, אַ באַקאַנטן ייִדישן „שלום עליכם”. דאָס האָבן אונדז באַגריסט די פּוילישע סאָלדאַטן. אָט די סאָלדאַטן מיטן פּוילישן אָדלער אויף די היטלעך האָבן זיך מיט אַ מאָל אַרויסגעוויזן צו זײַן ייִדן. איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן די באַגעגע־ניש. שעהען־לאַנג זענען מיר דערנאָך געזעסן אין קליינע גרופּעס און מיר האָבן זיי דערציילט וועגן דעם לעבן אין ארץ־ישראל, וועגן דער ייִדישער

תחיה, וועגען ייִדישע שטעט און דערפער און בעיקר וועגן די קינדער פון ארץ־ישׂראל, וואָס לעבן פרייַ אין אַ געזונטער סביבה. מיר האָבן געזען ווי עס שטעלן זיך טרערן אין די אויגן פון די סאָלדאַטן.

...איטלעכער האָט דערציילט לויט זייַן טאַלאַנט. אַלע האָבן אָבער געוואָלט ברענגען נענטער ארץ־ישׂראל, פון וועלכן מיר האָבן זיך אַלץ דערוויטערט, בייַ יעדן סקריפּ פון די רעדער. פּלוצעם האָבן אָנגעהויבן די פּויליש־ייִדישע סאָלדאַטן צו דערציילן און מיר זענען אויפגעציטערט געוואָרן. זיי האָבן דערציילט וועגן דעם חורבן פון ייִדישן פֿאָלק אין אייראָפּע, וועגן אַלץ וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט. זיי האָבן דערציילט וועגן משפחות וואָס זענען צעריסן געוואָרן, עלטערן וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע קינדער און קינדער וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע עלטערן. זיי האָבן דערציילט וועגן די שחיטות, וועגן טויזנטער וואָס זענען אומגעקומען אויף די וועגן פון קעלט און הונגער, וועגן הונדערטער טויזנטער וואָס געפינען זיך אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן ווו זיי וואַרטן אויף זייער סוף און קיינער קומט נישט צו הילף.

...איך האָב געוואָלט שרייַען ווי אַ פאַרוואונדיקטע חיה, איך האָב געפילט אַז דאָס האַרץ וועט פּלאַצן אין מיר. בעיקר האָב איך געפילט אַ ווייטיק וואָס מיר האָבן געלעבט אין אַ גן־עדן פון נאַראָנים און האָבן נישט געוווּסט ווי גרויס ס'איז דער בראָך, ווי גרוליק ס'איז די קאַטאַסטראָפע פון ייִדישן פֿאָלק אין אייראָפּע. טראַגיש איז אויך געווען דער מצב פון די ייִדישע סאָל־דאַטן וואָס האָבן אונדז דאָס אַלץ דערציילט. דאָס איז געווען אַ גרופּע ייִדישע אַקטיאָרן וואָס האָט באַוויזן זיך אַרויסצורייַסן פון די דייַטשע הענט און אַנטלויפן קיין רוסלאַנד. דאָרטן האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּוילישער אַרמיי וואָס דער גענעראַל אַנדערס האָט אָרגאַניזירט. זיי האָבן געדאַרפט פאַרווייַלן די פּוילישע סאָלדאַטן און שפּילן פאַר זיי. אָט די אַקטיאָרן און מוזיקערס, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט פאַרלוירן די משפחה און געבליבן עלנט אויף דער וועלט, האָבן געדאַרפט פאַרווייַלן אַנדערע, בעת זיי האָבן נישט געקענט אייַנשטילן דעם אייגענעם ווייטיק.

...בייַם געזעגענען זיך האָבן מיר זיי געווונטשן אַז מיר זאָלן זיך באַגע־גענען אין ארץ־ישׂראל. אַלע האָבן פאַרשטאַנען די כּוונה. זיי האָבן פאַר־שטאַנען אַז ארץ־ישׂראל איז דער אייינציקער ענטפער פאַר זייער צוקונפט. דאָס באַגעגעניש מיט אָט די צעבראָכענע ייִדן איז גאָרנישט געווען לייַכט פאַר אונדז. צום גליק האָט מען זיי אייַנגעקוואַרטירט אין אַ מיליטערישן לאַגער נישט וויַיט פון קאַנאַקין, ווו עס איז געשטאַנען אַנדערסעס פּוילישע אַרמיי און האָט געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו קומען קיין ענגלאַנד. אַזוי

אַרום האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרטיפן אונדזער באַקאַנטשאַפט און זיך דערנענטערן.

דאָס שווערסטע איז געווען זיי צוריקצוגעבן דעם גלויבן אין זיך אַליין און אין יידישן פאָלק. אָפט האָב איך פון זיי געהערט אַזעלכע ציניש־ע ווער־טער אַז איך פלעג בלייבן פאַרשטומט. מען האָט געדאַרפט אַ סך געדולד זיי צו דערנענטערן און אויפמונטערן. מיר האָבן זיי אָפט אָוועקגעזעצט ביי אונדזער טיש און זיי געפרוווט אָנשטעקן מיט אונדזער יידישקייט. פאַמעלעך האָבן מיר געפילט ווי עס צעלאָזט זיך דאָס אייז און ווי עס דערוועקט זיך אין זיי דאָס יידישע געפיל.

...אַ שאָד וואָס קיינער האָט נאָך ביז איצט נישט באַשריבן די עפּאָפּעע פון די יידישע אַנוסים אין דער אַרמיי פון דעם גענעראַל אַנדערס, וואָס זענען געווען געצווונגען צו זוכן אַ רעטונג ביי זייערע שׂונאים. די פּוילישע אָפיצירן און סאָלדאַטן האָבן אַרויסגעוויזן אַ טיפע שׂינאה קעגן די יידן און האָבן הנאה געהאַט וואָס היטלער קוילעט זיי אויס.

...דער וועג פון גענעראַל אַנדערסעס אַרמיי האָט געפירט איבער ארץ־ישׂראל און דאָס איז באמת געווען אַ נס פאַר די אויסגעמאַטערטע יידן וואָס האָבן אויף אַזאַ אופן געקענט פאַרלאָזן די פּוילישע אַרמיי און פאַרבלייבן אין ארץ־ישׂראל. איך מוז זאָגן, אָז אַ גוזמא, אַז אונדזער איינהייט האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקן חלק אין דעם וואָס דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע יידן זענען געבליבן דאָ אין לאַנד.

אין קאַנאַקין

דאָס יאָר וואָס מיר זענען געזעסן אין קאַנאַקין איז געווען פאַר אונדז זייער שווער. דאָס איז געווען די לעצטע באַנסטאַנציע אויפן וועג פון באַגדאַד. אַ קליין שטעטל מיט אַ גרויסער אַרעמקייט און אַ שווידערלעכן שמוץ. אַחוץ דעם האָט די זון געברענט און געבראָטן אַז מען האָט געקענט משוגע ווערן. מען האָט אונדז דערלויבט צו אַרבעטן נאָר גאַנץ פרי און פאַר נאַכט.

קיין הייזער זענען דאָרט נישט געווען און מיר האָבן געוווינט אין ליימענע כאַטעס, „בונגאַלאָס", לויטן מאָדעל פון די מיליטערישע צריפים, אָן סאַני־טאַרע אינסטאַלאַציעס, אָן אַ באָד. אַ גרויסער טייל האָט געוווינט אין גע־צעלטן און געשלאָפן אונטער נעצן, כדי נישט געביסן צו ווערן פון שרצים און קאָמאַרן. מען האָט אויפגעשטעלט שטרויענע ביידלעך ווו מען האָט זיך געקענט אָפּבאָדן, אָבער זיי זענען געווען ווייט פון די געצעלטן און ביז מען איז צוריקגעקומען איז מען ווידער געווען נאַס פון שווייס. לאַנגע גריבער,

אַרומגענומענע מיט שטרויענע ווענטלעך, האָבן געדינט פֿאַר קלאָזעטן. כאָטש זיי זענען געווען ווײַט פֿון אונדזער לאַגער האָט זיך געפֿילט דער שלעכטער גערוך.

דאָס עסן איז אויך נישט געווען צוגעפּאַסט צו דעם הייסן קלימאַט. אַנשטאָט גרינצײַג און אַנדערע לײַכטע מאכלים האָבן מיר באַקומען גרויסע פּאָרציעס פֿלייש. אין שכנות, אין פּוילישן לאַגער, איז געווען אַ שעכטהויז וווּ עס האָבן געאַרבעט ייִדיש־פּוילישע סאָלדאַטן און זיי האָבן אונדז אין זינען געהאַט, געשיקט פֿלייש מער ווי מיר האָבן געדאַרפֿט.

נישט ווײַט פֿון קאַנאַקין האָט מען אויפֿגעשטעלט ריזיקע סקלאַדן פֿאַרן מאַטעריאַל וואָס איז אָנגעקומען מיט דער באַן פֿון באַצראַ און איז געווען באַשטימט פֿאַר רוסלאַנד. אין די סקלאַדן האָט מען אויססאָרטירט די מאַ־טעריאַלן און לויט אַ רשימה וואָס די רוסן האָבן צוגעשיקט פֿאַרלאָדן די טראַנספּאָרטן קיין טאַבריז, אין פּערסיע, וווּ פֿאַרטרעטער פֿון דער רויטער אַרמיי האָבן דעם מאַטעריאַל איבערגענומען.

קיין טאַבריז האָט מען די מאַטעריאַלן געשיקט מיט לאַסטאויטאָס וואָס האָבן געהערט צו אַן ענגלישער פֿירמע. די שאָפֿערן זענען געווען פּערסער. אין די סקלאַדן און בײַם אויפֿלאָדן האָבן געאַרבעט אָרטיקע איראַקער, פּער־סער און קורדן וואָס האָבן געוווינט אין דער נאָענט פֿון קאַנאַקין.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין קאַנאַקין זענען די סקלאַדן מיט סחורות שוין געשטאַנען. די ענגלישע אָפֿיצירן האָבן אונדז תּיכּף געזאָגט אַז מיר דאַרפֿן די אַרבעט אָרגאַניזירן אויף אַזאַ אופֿן עס זאָל יעדן טאָג געשיקט ווערן וואָס מער מאַטעריאַל. די רוסישע אָפֿיצירן מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַקענט האָבן זיך ממש געבעטן מיט טרערן אין די אויגן מיר זאָלן צואײַלן די טראַנספּאָרטן וואָס זענען אַזוי נייטיק אין דער מלחמה קעגן די דײַטשן. זיי האָבן אונדז דערציילט אַז מען האָט אַרויסגעשיקט בלויז צוויי הונדערט טאָנען אַ טאָג, בעת עס ליגן אין די סקלאַדן טויזנטער טאָנען און קיין לאַסט־אויטאָס פֿעלן נישט. זיי האָבן זיך געבעטן בײַ די אַרבעטער זיי זאָלן גיכער פֿאַרלאָדן, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. דאָס איז אויך געווען די סיבה וואָס מען האָט אויפֿגעשטעלט אונדזער איינהייט.

מיר האָבן איבערגענומען דאָס אַחריות אויף די סקלאַדן און אַ פּאָר טעג האָבן מיר זיך צוגעקוקט ווי עס גייט די אַרבעט. די אַרבעטער זענען ממש געקראָכן און יעדע פֿאַר מינוט געמאַכט אַ הפסקה. זיי האָבן געאַרבעט ווי די חורנישע אַראַבער אין חיפֿהר פּאָרט ווען דער בעל־הבית איז נישט געשטאַנען איבער זיי מיטן קאַנטשיק. אויך בײַ די פּערסישע שאָפֿערן האָט

לאַנג געדויערט ביז זיי האָבן אַוועקגעשטעלט די אויטאָס לעבן דעם מאַטער־יאַל וואָס מען האָט געדאַרפט פאַרלאָדן.

צווישן אונדז זענען געווען חברה וואָס האָבן געאַרבעט אין פּאָרט און האָבן געוווּסט ווי אַזוי מען דאַרף פאַרלאָדן און ווי אַזוי מען דאַרף דעראָבערן די אַרבעט. אויך טראַקטאָריסטן און שאָפערן האָבן נישט געפעלט צווישן אונדז. נאָך עטלעכע טעג האָבן מיר אַריינגעזעצט אין די אויטאָס, לעבן די פּערסישע שאָפערן, איינעם פון אונדזערע חברים, וואָס האָט געוויזן ווי אַזוי מען דאַרף אַוועקשטעלן אין אַ פּאָר רגעס דעם אויטאָ. דערנאָך האָבן מיר פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך אַוועקגעשטעלט אין דער ריי. די פּעק מיט מאַטעריאַל זענען פּשוט געפלויגן אין אויטאָ אַריין. דאָרט איז ווידער געשטאַנען איינער פון אונדזערע חברים און האָט די פּעק איינגעאָרדנט. אין אַ פּאָר מינוט איז דער אויטאָ געווען אָנגעלאָדן, גרייט אַוועקצופאָרן.

די אָרטיקע אַרבעטער און די פּערסישע שאָפערן זענען ביים אָנהייב געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און געקוקט אויף אונדז ווי אויף משוגעים. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי ענגלישע סאָלדאַטן, וואָס זענען פּריצים, אַרבעטן גאָר אַליין, שרייען נישט אויף זיי און שלאָגן זיי נישט. עטלעכע טעג זענען זיי אַזוי געשטאַנען און זיך צוגעקוקט. דערנאָך האָבן זיי זיך פאַמעלעך דערנענטערט און זיך אַריינגעשטעלט אין דער ריי, צו ערשט אומזיכער און פאַרוווּנדערט. נאָך אַ קורצער צייט האָבן זיי זיך אָבער אָנגע־שטעקט פון אונדזער התלהבות און האָבן אָנגעהויבן צו זינגען בעת דער אַרבעט זייערע קורדישע פאָלקסלידער. דעמאָלט איז אונדז גרינגער געוואָרן אויפן האַרץ. מיר האָבן געוווּסט אַז פון היינט אָן וועט די אַרבעט גיין ווי געהעריק. אויך די פּערסישע שאָפערן האָבן באַלד אַרויסגעוויזן אַז זיי קענען גאַנץ גוט זייער מלאכה.

די אַרבעט איז געווען שווער. אין דער פרי פלעגן מיר צו פוס, אין מילי־טערישן סדר, אַרויסגיין פון אונדזער לאַגער צו די סקלאַדן, אַ מרחק פון עטלעכע קילאָמעטער. מיר זענען אָנגעקומען פאַרמאַטערטע פון דעם לאַנגן וועג און פון דער שטאַרקער היץ. תּיכּף האָבן מיר אָנגעהויבן צו פאַרלאָדן די לאַסטאויטאָס, וואָס האָבן זיך געדאַרפט לאָזן אין וועג קיין טאַבריז. מיר האָבן אַלץ גובר געווען און מיט הצלחה, ערשטנס, ווייל מיר האָבן אָנגע־וואָנדן אונדזער נסיון פון ארץ־ישראל, פון אַרבעטן אין גרופּעס און פלאַנען פּאָרויס, צווייטנס, צוליבן שטאַרקן ווילן צו העלפן שלאָגן די דייטשן. דאָס איז געווען די אמתע סיבה.

אין משך פון אַ חודש האָבן מיר געשיקט מער ווי טויזנט טאָנען יעדן טאָג.

די רוסישע אָפּיצירן וואָס מיר האָבן באַגעגנט אויפן וועג קיין טאַבריז אָדער אין טעהעראַן האָבן אונדז געהאַלטן אין איין לויבן. ביי זיי האָט באַזונדערס אויסגענומען וואָס מיר זענען פריוויליקע און מיר האָבן זיך אייגנס געמאָלדן כדי צו העלפן דער רויטער אַרמיי. די דאָזיקע אָפּיצירן האָבן אויך אין זינען געהאַט מיר זאָלן באַקומען אַ דאַנקבריוו פון דעם הויכן סאָוועטישן מיליטער־קאָמאַנדאָ. (דאָ איז כדאַי צו באַמערקן אַז אין 1952, בעת די באַקאַנטע פּראַגער פּראָצעסן, האָבן מיך די „רוסישע פריינד" געצוווּנגען איך זאָל אָנערקענען אַז שוין אין 1942 האָב איך זיך פריוויליק געמאָלדן אין דער איינהייט וואָס האָט געדאַרפט העלפן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, מיט דער כוונה צו שפּיאָנירן אין דער רויטער אַרמיי לטובת די ענגלישע און אַמעריקאַנישע אימפּעריאַליסטן).

אונדזערע חברים פון פּיאָנירן־קאָרפּוס האָבן זיך בדרך־כלל אָנגענומען מיט אונדזער התלהבות און האָבן געטאָן זייער אַרבעט מיט איבערגעגעבנ־קייט. עס זענען אָבער אויך געווען צווישן זיי אַזעלכע וואָס האָבן געלאַכט פון אונדז, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן אונדזער אידעאַל. דאָס זענען געווען מענטשן וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום באַציִונג צו ארץ־ישראל און וואָס האָבן נאָר געוואָרט די מלחמה זאָל זיך ענדיקן, זיי זאָלן זיך קענען אומקערן קיין אייראָפּע. אָט די מענטשן האָבן זיך געהאַלטן ווי בעלי־בתים פון די סקלאַדן. זיי האָבן געגנבעט וואָס עס האָט זיך געלאָזט, כדי שפּעטער די זאַכן צו פאַרקויפן, ווען זיי וועלן זיין אויף אורלויב אין ארץ־ישראל. אין די סקלאַדן איז נישט נאָר געווען אַמוניציע און רוימאַטעריאַל, נייערט אויך קליידער און עסנוואַרג. צו ערשט האָבן זיי געגנבעט קלייניקייטן, דערנאָך האָבן זיי געשלעפּט אַלץ וואָס איז זיי געקומען אין די הענט. ביים אָנהייבן האָבן זיי דאָס געטאָן בסוד, אָבער מיט דער צייט האָבן זיי געגנבעט פאַר אונדזערע אויגן, און אַז מיר האָבן זיי געזאָגט אַז עס פּאַסט נישט פאַר סאָלדאַטן פון ארץ־ישראל צו גנבענען האָבן זיי אונדז אויסגעלאַכט.

מיך האָבן זיי גערופן „דער קיבוצניק" און האָבן זיך פאַר מיר געהיט. עס האָט מיך זייער פאַרדראָסן זייער פירונג, אָבער איך האָב זיך געטרייסט דערמיט, אַז זיי פאָרן נאָר איין מאָל אין יאָר אויף אורלויב און קענען נישט מער נעמען מיט זיך ווי איין מיליטערישן זאַק, ווייל די ענגלישע פּאָליציי האָט דורכגעפירט אַ קאָנטראָל ביים אַריבערגיין די איראַקישע גרענעץ. אין גיכן האָב איך זיך אָבער דערוווּסט אַז די חברה האָבן געמאַכט יד אחת מיט די פּערסישע שאָפערן וואָס האָבן געפירט די לאַסטאויטאָס קיין טאַבריז, און האָבן זיי פאַרקויפט סחורות אין גרויסע קוואַנטיטעטן. דאָס

איז געווען זייער פשוט: אַז מען האָט, למשל, פאַרלאָדן גומירעדער פאַר אויטאָס, האָבן זיי אָנגעגעבן אין פּראַכטבריוו צוויי הונדערט, בעת זיי האָבן אויפגעלאָדן צוויי הונדערט און פופציק. פאַר די פופציק רעדער האָבן זיי באַקומען מזומן. דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן מיט קאַווע, רייַז, צוקער, טיי און אַנדערע סחורות. די שאָפערן האָבן דערנאָך פאַרקויפט די געגנבעטע זאַכן אויפן וועג קיין טאַבריז.

ווען איך האָב זיך דערפון דערוווּסט, האָב איך, מיט נאָך עטלעכע חברים, באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו די גנבות. מיר האָבן געהאַלטן אַן אויג אויף די חשדימדיקע לייַט און האָבן פאַרשריבן די נומערן פון די לאַסטאויטאָס וואָס זיי האָבן פאַרלאָדן. ווען די אויטאָס זענען אַרויסגעפאָרן האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט דער מיליטערישער פּאָליציי און געפאָדערט מען זאָל קאָנטראָ־לירן די פאַרשריבענע אויטאָס, ווייַל מיר האָבן אַ חשד אַז זיי פירן געגנבעטע סחורות פון די סקלאַדן. די פּאָליציי האָט פאַרהאַלטן די אויטאָס און האָט קאָנטראָלירט צי ס'איז נישט פאַראַנען מער מאַטעריאַלן ווי ס'איז פאַרשריבן אין די פּראַכטבריוו. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום תירוצים, אַז זיי האָבן די סחורות געקויפט בייַ די סאָלדאַטן וואָס האָבן אויסגעשטעלט די פּראַכטבריוו. די ענגלישע געזעלשאַפט צו וועלכער עס האָבן געהערט די לאַסטאויטאָס האָבן תּיכּף אָפּגעזאָגט די שאָפערן פון דער אַרבעט.

דער ענגלישער אָפיציר וואָס האָט געהאַט דאָס אַחריות איבער די סקלאַדן איז מסכּים געווען מען זאָל נישט באַשטראָפן די סאָלדאַטן וואָס זענען געווען געחתמעט אויף די פּראַכטבריוו. ער האָט זיי נאָר געוואָרנט אַז אויב דאָס וועט נאָך איין מאָל פאָרקומען, וועט ער זיי אַרעסטירן און זיי שטעלן פאַרן מיליטער־געריכט.

אויף אַזאַ אופן האָבן מיר געמאַכט אַ סוף צו די גרויסע גנבות. די קלײנע גנבות זענען אָבער ווײַטער אָנגעגאַנגען. די געגנבעטע זאַכן האָבן זיי באַ־האַלטן בײַ אונדז אין לאַגער, ביז זיי וועלן פאָרן אויף אורלויב קיין ארץ־ישׂראל. מיר האָבן באַשלאָסן אַז אויך דאָס מוז אויפהערן. דעריבער האָבן מיר געפאָדערט פון אונדזער אָפיציר ער זאָל רופן די מיליטערישע פּאָליציי, וואָס זאָל זוכן געגנבעטע סחורות אין אונדזער לאַגער.

דער לאַגער האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אַ גרויסן שטח, אַזוי אַז עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צײַט ביז די פּאָליציי האָט דורכגעזוכט אַלע „בונ־גאַלאָס" און געצעלטן. דערווײַל האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה אַז די פּאָליציי זוכט געגנבעטע סחורות. די גנבים האָבן אַרויסגעשלעפּט די זעק פון אונטער די בעטן און האָבן זיי אַרײַנגעוואָרפן אין די קלאָזעטן. ווער

עס האָט נישט באַוויזן פּטור צו ווערן פון די געגנבעטע זאַכן, דעם האָט מען אַרעסטירט. אויף צו מאָרגנס האָבן נאָך אַרויסגעקוקט פאַרשיידענע זאַכן אין די קלאָזעטן־גריבער, ביז זיי זענען פאַרזונקען געוואָרן...

די פּאָליציי האָט אָפּט איבערגעחזרט אַזעלכע אַקציעס, אַזוי אַז די חברה האָבן איינגעזען אַז עס לוינט נישט צו באַהאַלטן קיין גנבות. זיי האָבן נאָך דאָ און דאָרט געגנבעט, אָבער נאָר הארט פאַרן אַרויספאָרן אין אורלויב, כּדי די פּאָליציי זאָל גאָרנישט בײַ זיי געפינען.

אויך די ענגלענדער פלעגן גנבענען פון די סקלאַדן, בעיקר די אָפיצירן, אָבער מיר האָבן זיך נישט געשעמט זיי צו אַנטפּלעקן. איין מאָל, געדענק איך, איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט מיט מיליטערישע שטיוול פון אַמעריקע פאַר דער רויטער אַרמיי. אין קאַנאַקין איז דעמאָלט געווען אַן ענגלישער אָפיציר וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ סאָציאַליסט און האָט געטענהט אַז ער איז אַ מיטגליד פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי אין ענגלאַנד. ער איז אָפּט געקומען אין די סקלאַדן און מיר האָבן געשמועסט וועגן די קיבוצים אין ארץ־ישׂראל און וועגן דער הסתּדרות. ווען ער האָט דערזען די שטיוול, האָט זיך אים פאַרגלוסט צו נעמען אַ פּאָר פאַר זיך. איך האָב געזען ווי ער האָט זיי באַהאַלטן הינטערן מאַנטל און האָב אים געהייסן ער זאָל זיי תּיכּף צוריקלייגן. ער האָט מיך געפאָלגט און האָט מיר אויסגעשטרעקט די האַנט — ווי איינער רעדט איך זאָל פאַרגעסן וואָס ער האָט געטאָן. נאָך דער מלחמה, ווען די לייבאָר־פּאַרטיי איז געקומען צו דער מאַכט, איז דער דאָזיקער אָפיציר געוואָרן אַ מיניסטער. מיר האָבן זיך באַגעגנט בעת זײַנעם אַ וויזיט אין מדינת־ישׂראל און מיר האָבן געשמאַק געלאַכט ווען מיר האָבן זיך דערמאָנט די מעשׂה מיט די שטיוול...

דער ייִדישער יישוב שיקט אַ מתּנה דער רויטער אַרמיי

אין איינעם אַ טאָג איז אָנגעקומען אין קאַנאַקין אַ קאַראַוואַן אויטאָס בראָש מיט אַן אַמבולאַנס אויף וועלכן ס׳איז געווען אָנגעשריבן אויף העברעיִש און אויף רוסיש, מיט גרויסע אותיות, אַז דאָס איז אַ מתּנה פון דער הסתּדרות אין ארץ־ישׂראל פאַר דער רויטער אַרמיי, וואָס קעמפט קעגן דעם דײַטשן פאַשיזם. צווישן די באַגלייטערס זענען געווען באַקאַנטע חברים פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישׂראל און גרינדער פון דער הסתּדרות. ס׳איז געווען בײַ אונדז אַ גרויסע שׂימחה.

אונדזער לאַגער האָט געמאַכט אַ רושם אויף דער דעלעגאַציע. זיי האָבן דערזען אין מיטן מידבר אַן אײַנגעאָרדנטע מיליטערישע מחנה מיט אַ בלוי־

ווײַסער פּאָן בײַם אַרײַנגאַנג. צווישן די געצעלטן האָבן מיר געמאַכט סטעזש־קעס און איטלעכע סטעזשקע באַצייכנט מיט אַ שילדל אויף העברעיִש: ירושלים, תּל־אָביב, חיפה, עמק־יזרעאל, הגליל — ממש אַ מאַפּע פון ארץ־ישׂראל אין מיטן מידבר. גרויס איז געווען אונדזער פרייד וואָס ארץ־ישׂראל האָט אין אונדז נישט פאַרגעסן און איז געקומען צו אירע קינדער אין „גלות בבל".

מיר זענען געווען להוט צו הערן פון אונדזערע געסט נײַעס פון ארץ־ישׂראל און זיי האָבן טאַקע נישט אויפגעהערט צו דערציילן. מיר האָבן זיי איבערגערעדט זיי זאָלן בלײַבן איבער שבת, כּדי מיר זאָלן אײַנאָרדענען אַ עונג־שבת אין איינעם מיט די ייִדישע סאָלדאַטן פון דער פּוילישער אַרמיי, וואָס זענען געווען אײַנקוואַרטירט אין שכנות. מיר האָבן צוגעגרייט אַ פּראָגראַם און, פאַרשטייט זיך, אַ סעודה כּיד המלך.

איך האָב באַגריסט די דעלעגאַציע פון ארץ־ישׂראל אין נאָמען פון אונדזער איינהייט און האָב דערציילט ווי מיר לעבן אין מידבר און ווי מיר אַרבעטן געטרײַ און איבערגעגעבן. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע, מיר האָבן געזונגען און געטאַנצט האָראַ ביז אין טאָג אַרײַן.

פאַר מיר איז דער גאַנצער ענין געווען אַ באַזונדער געשעעניש, ווײַל צווישן די געסט זענען געווען דרײַ פון מײַנע אַלטע גוטע חברים: יעקב ריפּסין פון קיבוץ עין־שמר, אהרן ציזלינג פון קיבוץ עין־חרוד און אהרנ־טשיק כּהן פון קיבוץ שער־העמקים. מיט זיי האָב איך איבערגעשיקט אַ לע־בעדיקן גרוס אלישבען און דעם קינד.

נישט געקוקט אויף דער שווערער אַרבעט האָבן מיר אין זינען געהאַט די קליינע ייִדישע קהילה אין קאַנאַקין און זענען מיט איר שטענדיק געווען אין פאַרבינדונג. דער גרעסטער טייל פון די אָרטיקע ייִדן האָבן געאַרבעט ווי באַאַמטע בײַ דער באַנסטאַנציע אָדער בײַ דער ענגלישער טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט, אַזוי אַז ס'איז פאַר אונדז געווען גרינג זיי צו געפינען. עטלעכע פון אונדזערע חברים האָבן אָנגעהויבן צו לערנען מיט זיי עברית. זייערע פעיִקייטן צו לערנען האָבן בײַ אונדז אַרויסגערופן פאַרווונדערונג. נאָך עטלעכע לעקציעס האָבן זיי שוין אָנגעהויבן צו רעדן.

איך מיין אַז אין קאַנאַקין האָבן מיר געלייגט דעם יסוד פון איראַקישן החלוץ, ווו די ציוניסטישע אַקטיוויטעט האָט זיך געפירט כּמעט אומגע־שטערט. אונדזער אַרבעט האָט אונדז דערמעגלעכט זיך צו באַגעגענען מיט די ייִדן אויך אויף אַ פּריוואַטן אופן, אין זייערע היימען.

נאָך אַ יאָר צײַט האָט מען מיך איבערגעשיקט פון קאַנאַקין קיין באַגדאַד,

ווו עס איז געווען די הויפטקאָמאַנדע פֿון דער ענגלישער אַרמיי און אויך פֿון אונדזער אייַנהייט.

אין באַגדאַד

אונדזער אייַנהייט וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט טראַנספּאָרט איז געווען צעשפּרייט כּמעט אין אַלע פּונקטן ווו עס איז אָנגעקומען מאַטעריאַל פֿאַרן ראַטן־פֿאַרבאַנד. גרופּעס פֿון אונדזער אייַנהייט זענען געווען אין באַצראַ, מאָסול, קירקאָק, בושייעוו, קאַנאַקין. דער הויפּטקוואַרטיר איז געווען אין באַגדאַד. הגם מיר האָבן אין קאַנאַקין געאַרבעט אין שווערע באַדינגונגען האָב איך באַדויערט וואָס איך דאַרף פֿאַרלאָזן דעם מקום, ווייַל דאָרטן זענען געווען די עיקרדיקע סקלאַדן און ווייַל איך האָב זיך געדאַרפֿט צעשיידן מיטן גרעסטן טייל פֿון די חברים. אַחוץ דעם האָב איך דאָרטן געהאַט דאָס געפֿיל אַז איך טו עפּעס אויף פֿאַר דער מלחמה וואָס די רויטע אַרמיי פֿירט קעגן דעם דייַטשן פֿאַשיזם. אין קאַנאַקין האָב איך אויך געהאַט פֿרייַנד צווישן די אָרטיקע ייִדן און די פּויליש־ייִדישע סאָלדאַטן. אין באַגדאַד, האָב איך געוווּסט, וועל איך אַרבעטן אויף אַדמיניסטראַטיוון שטח. דערפֿאַר איז מיר שווער געווען זיך צו צעשיידן מיט קאַנאַקין.

אין באַגדאַד איז געווען די אָנפֿירונג פֿונעם אילעגאַלן החלוץ פֿון איראַק און דאָס איז געווען די הויפּטסיבה פֿאַר וועלכער די חברים זענען באַשטאַנען איך זאָל זיך אַהין איבערפֿירן — אַקטיוו מיטצואַרבעטן אין החלוץ און אין עליה־ענינים. איך האָב אָנגעגעבן פֿאַרשיידענע תּירוצים, בעיקר אין שייַכות מיטן געזונט, כּדי מען זאָל מיך איבערפֿירן קיין באַגדאַד. דאָרטן האָט מען מיך, צו מייַן איבערראַשונג, צוגעטיילט צו אַן ענגלישער אייַנהייט, וואָס האָט זיך געפֿונען דירעקט אין רשות פֿון דער ענגלישער אייבערקאָמאַנדע פֿון איראַק און האָט זיך פֿאַרנומען מיטן אַדמיניסטראַטיוון צד פֿון די טראַנ־ספּאָרטן פֿאַרן ראַטן־פֿאַרבאַנד, בעיקר חשבונות מיט דער איראַקישער אייַזנ־באַן, וואָס האָט געפֿירט די מאַטעריאַלן פֿון באַצראַ קיין קאַנאַקין און אַנדערע מקומות.

אין באַגדאַד האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַלטע חברים פֿון אונדזער אייַנ־הייט. גאָר האַרציק איז געווען דאָס באַגעגעניש מיט מייַן פֿרייַנד צבֿי זווירי, וואָס האָט געאַרבעט אין דער צענזור־אָפּטיילונג. זווירי איז געווען אַן איידע־לער מענטש, אַ פּאָעט, ווייַט פֿון אַ מיליטער־מאַן. אין ארץ־ישׂראל האָט ער געאַרבעט ווי אַ דערציִער אין דער שול „אהבה" אין קרית ביאַליק. אויך בייַם מיליטער האָט ער אויסגעניצט יעדע פֿרייַע רגע צו שרייַבן אָדער צו דיסקו־

טירן מיט חברים. בעת ער איז אַ קורצע צײַט געווען אין קאַנאַקין זענען מיר אַ סך געווען אין איינעם און געשמועסט וועגן פאַרשיידענע פּראָבלעמען. ווען ער איז אַוועק קיין באַגדאַד האָבן מיר ממשיך געווען אונדזערע שמועסן דורך בריוו.

בעת איך בין געקומען קיין באַגדאַד האָט צבי זווירי געהאַלטן אין איבער־זעצן פון ענגליש אויף עברית דאָס בוך „מײַן פרײַנד פליקאַ", אַ וווּנדערלעכע דערציילונג וועגן דער פרײַנדשאַפט צווישן אַ קינד מיט אַ לאָשיקל. אין מײַן פרײַער צײַט פלעג איך קומען צו אים היערן ווי ער לייענט די איבערגעזעצטע קאַפּיטלעך.

צבי זווירי איז געפאַלן באַלד בײַם אָנהייב פון אונדזער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה אויפן וועג קיין לאַטרון. דער שוואָגער זײַנער, מײַן פרײַנד הורוויץ, וואָס איז געווען דער פאַרוואַלטער פון דער מעדיקאַמענטן־אָפּטיילונג בײַ דער צענטראַלע פון קופּת־חולים, האָט געוואָלט אַרויסגעבן אַ בוך לזכר צבי זווירי און האָט מיך געבעטן איך זאָל אים אויסבאָרגן זײַנע בריוו. צום באַדויערן איז אויך הורוויץ געשטאָרבן און די בריוו זענען פאַרלוירן גע־גאַנגען. ביזן הײַנטיקן טאָג עקבערט מיך אָט די אבדה.

איך האָב זיך שווער צוגעוווינט צו מײַן נײַעם מקום און צו די פרעמדע ענגלישע סאָלדאַטן. איך האָב זיך געפילט זייער עלנט. מיט דער צײַט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז דווקא אַ מעלה פאַר מײַן אַרבעט אין החלוץ. די חברים וואָס האָבן געוווינט אין יידישן לאַגער און האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון החלוץ זענען שטענדיק געווען אין די אויגן פון דער ענגלישער און איראַקישער געהיים־פּאָליציי און דאָס האָט פאַרשווערט זייער אַקטיוויטעט, בעת מיך האָט קיינער נישט קאָנטראָלירט און עס האָט געדוי־ערט אַ לאַנגע צײַט ביז מען האָט זיך דערוווּסט וועגן מײַן אַרבעט אין החלוץ.

אין באַגדאַד האָבן דעמאָלט געלעבט בערך הונדערט טויזנט יידן — דער גרעסטער טייל אין יידישן קוואַרטאַל, אין געטאָ, ווי מיר פלעגן עס רופן, און נאָר אַ קלענער טייל מחוץ דעם געטאָ. עס האָט געהערשט אַ גוואַלדיקער קלאַסן־אונטערשייד. דער יידישער קוואַרטאַל איז געווען ענג און אָרעם. די רײַכע יידן האָבן געוווינט אין באַטואין, אַ קוואַרטאַל פון ווילעס, מיט גערטנער ווי אין טויזנט און איין נאַכט...

ענגלישע סאָלדאַטן האָבן בדרך־כלל נישט געטאָרט אַרײַנגיין אין יידישן קוואַרטאַל. איך, וואָס האָבן געהערט צו דער אייבערקאָמאַנדע, האָב באַקומען אַ דערלויבעניש זיך פרײַ צו באַוועגן איבער גאַנץ באַגדאַד, אַזוי אַז איך האָב געקענט קומען און גיין אין יידישן קוואַרטאַל ווען איך האָב געוואָלט. די

סאָלדאַטן פון דער ארץ־ישראלדיקער איינהייט האָבן זעלטן באַקומען אַזאַ באַוויליקונג און ווען יאָ — נאָר פאַר איין וויזיט. לרוב פלעגן זיי אַהין גיין אין ציווילע קליידער.

איך האָב געוווינט אין אַ לאַנגן הילצערנעם צריף, וווּ עס זענען געווען אויסגעשטעלט בײַ די ווענט צוויי רייען אײַזערנע מיליטערישע בעטן מיט שטרויזעק אָנשטאָט מאַטראַצן, און בײַ איטלעכן בעט אַ געשטעל פאַר אַ נעץ וואָס מען האָט אויסגעשפּרייט בײַ נאַכט קעגן די קאָמאַרן און אַנדערע מזיקים. פאַרשטייט זיך אַז אין צריף האָט מען אויף קיין רגע זיך נישט געקענט אָפּזונדערן. צו מײַן מזל זענען אָבער די ענגלישע סאָלדאַטן נישט געזעסן אין צריף. אין דער פרי פלעגן זיי אויפשטיין אין דער לעצטער מינוט און לויפן צו דער אַרבעט. נאָך דער אַרבעט האָבן זיי זיך איבערגעטאָן, געגעסן און אַוועק אין קאַנטינע, וווּ זיי זענען געזעסן ביז שפּעט בײַ נאַכט, געטרונקען ריזיקע קוואַנטיטעטן ביר און געזונגען תּמיד די זעלביקע לידער. אַזוי אַז אין אונטן בין איך כּמעט שטענדיק געווען אַליין אין צריף.

דעם ערשטן טאָג ווען איך בין אָנגעקומען אין לאַגער, נאָך דעם וואָס מען האָט מיר צוגעטיילט אַ בעט, האָב איך מיליטעריש אײַנגעאָרדנט מײַנע זאַכן און בין אַוועק זיך באַגעגענען אין האָטעל „סעמיראַמעס" מיט אריה אשל. אשל איז געווען דער אָפיציעלער פאַרטרעטער פון סולל בונה אין איראַק און איראַן. ער איז אָבער אויך געווען דער פאַרבינדונגס־מענטש צווישן די שליחים וואָס האָבן געאַרבעט אין החלוץ און די אינסטיטוציעס פון ארץ־ישראל.

כּדי אָנצוקומען אין האָטעל „סעמיראַמעס" האָב איך געדאַרפט אַדורכגיין די גאַנצע הויפּטגאַס פון באַגדאַד און איך געדענק נאָך ביז הײַנט די אויס־געמאָגערטע, אויסגעהונגערטע פּנימער מיט גרויסע אויגן, די קינדער מיט געשוואָלענע בײַכער פון הונגער וואָס זענען געזעסן לענג־אויס דעם טראָטואַר און האָבן זיך געלויזט. איך בין אַ סך אַרומגעפאָרן און אַ סך געזען, אָבער אַזאַ אָרעמקייט און אַזאַ הונגער האָב איך אין ערגעץ נישט באַגעגנט ווי אין דעם לאַנד וווּ עס שטראָמען די טײַכן פּרת און חדקל, וואָס מיט זייערע וואַסערן וואָלט מען געקענט פאַרוואַנדלען יעדעס שטיקל ערד אין פּרוכטיקן באָדן, כּדי צו זיכערן ברויט פאַר יעדן איינעם. איך האָב שוין געזען סאָציאַלע סתּירות אויף דער וועלט, אָבער אין ערגעץ נישט אין אַזאַ מאָס ווי אין באַגדאַד. אין די רעסטאָראַנען לענג־אויס דער גאַס זיצן מענטשן און פרעסן בײַם קלאַנג פון רעשיקער אַראַבישער מוזיק, בעת נישט ווײַט פון זיי שטייען קינדער און אַלטע און בעטן מען זאָל זיי צוואַרפן אַ פּאָר שיריים פון עסן.

די אויסגעפרעסענע פּעאַדאַלן און די קעלנערס טרײַבן זיי ווי זיי וואָלטן געווען קעץ אָדער הינט.

איך בין געווען אַזוי אויפגעטרייסלט פון דעם וואָס איך האָב געזען אויפן וועג אַז איך בין קוים אָנגעקומען אין האָטעל. אַריה אשל האָט מיך אויפגעמינטערט מיט אַ שוואַרצער קאַווע און האָט מיר געזאָגט אַז איך וועל נאָך זען דאָ אַ סך זאַכן וואָס אַן אייראָפּעער איז נישט מסוגל צו גלייבן אַז עס קען נאָך הײַנט פּאַרקומען. ער האָט מיר דערציילט וועגן די פאַרשיידענע כּיתּות וואָס זענען פאַראַנען אין איראַק און ווי גרויס ס׳איז די שׂינאה צווישן איין כּיתּה און דער צווייטער. נאָר איין זאַך פאַראייניקט זיי — די שׂינאה צו ייִדן און צו ארץ־ישׂראל.

אַריה אשל האָט מיר געוויזן אַן אויטענטיש בילד פון דער גרויליקער שחיטה וואָס די ווילדע חיות פון באַגדאַד האָבן דורכגעפירט אין שעכטהויז, בעתן אויפשטאַנד פון ראַשיד עלי, וואָס איז צוגעשטאַנען צו דעם דײַטשן פאַשיזם. אויפן בילד האָט מען געזען די קערפּערס פון מער ווי זעכציק ייִדן וואָס זענען געשאָכטן געוואָרן ווי בהמות און אויפגעהאַנגען געוואָרן בײַ די פיס אויף די האַקנס פון שעכטהויז.

די דאָזיקע בילדער האָבן געוויזן ווי ווײַט מיר זענען נאָך פון אַ דיאַלאָג מיט די אַראַבער, ווי עס פאָדערן די ייִדן פון דער אָרגאַניזאַציע „ברית שלום" און אַז עס וואָלט געווען כּדאַי צו פאַרבעטן דעם פּראָפעסאָר מאַגנעס און זײַנע חברים קיין באַגדאַד, זיי זאָלן זען מיט אייגענע אויגן וואָס די אַראַבער וואָלטן אונדז געטאָן, ווען מיר זאָלן חלילה זײַן שוואַך.

בײַ אונדזער ערשטער באַגעגעניש האָב איך תּיכּף געפילט אַן אמתע נאָענטקייט צו אַריה אשל און איך בין געווען זיכער אַז מיר וועלן גוט צוזאַמענאַרבעטן, כאָטש ער איז דורכויס אַ מפא"יניק און איך געהער צו דעם השומר הצעיר, די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטיי. אַזוי איז טאַקע געשען. אונדזער בשותּפותדיקע אַרבעט האָט פאַרשטאַרקט אונדזער חברשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז צו זײַן פּלוצעמדיקן טויט. מיר פלעגן זיך טרעפן אויך שפּעטער, ווען ער איז געווען אַמבאַסאַדאָר אין ווין און איך האָב געאַרבעט בײַ דער אַמבאַסאַדע אין פּראַג.

פון אַריה אשל האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דער אַרבעט פון החלוץ אין איראַק, וועגן דער אָרגאַניזאַציע עליה ב׳ און הגנה. ער האָט מיר דערציילט ווי שווער ס׳איז די אַרבעט פון ארץ־ישׂראלדיקע שליחים און סאָלדאַטן אין אילעגאַלע באַדינגונגען. די אַרבעט האָט זיך געפירט אויף דרײַ פאַרשיידענע שטחים: ערשטנס, די אָרגאַניזירונג פון החלוץ, מיטן צוועק אַרומצונעמען

אַ וואָס גרעסערע צאָל ייִדישע יוגנט פון איראַק; צווייטנס, צו אָרגאַניזירן אויף אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע וועגן עליה, מיט דער הילף פון די ארץ־ישׂראלדיקע סאָלדאַטן וואָס געפינען זיך צו דער צײַט אין איראַק; דריטנס, צו אָרגאַניזירן אַ פיזישן שוץ אין איראַק און אויסלערנען די ייִדן זיך באַנוצן מיט געווער, כּדי מען זאָל זיי נישט מער פירן ווי שאָף אין שעכטהויז. די אַרבעט אויף אַלע דרײַ דערמאָנטע שטחים איז שוין אָנגע־גאַנגען עטלעכע יאָר מיט דער הילף פון די איראַקישע ציוניסטן און איז בעיקר געווען אָנגעפירט דורך די שליחים און די ייִדישע סאָלדאַטן פון ארץ־ישׂראל.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען מיך פאַרבעטן צו אַ זיצונג פון דער צענטראַלער אָנפירונג פון דער אילעגאַלער ציוניסטישער אַקטיוויטעט אין איראַק. די זיצונגען האָט מען אָפּגעהאַלטן יעדעס מאָל אין אַן אַנדער וווינונג פון אַן אָרטיקן ייִד, בפרט אין קוואַרטאַל באַטואין, ווו עס האָבן געוווינט די רײַכע ייִדן און די סכּנה אַנטפּלעקט צו ווערן איז נישט געווען אַזוי גרויס ווי אין געטאָ.

דער הויפּטקוואַרטיר פון דער אָנפירונג איז געווען אין לאַגער פון דער ארץ־ישׂראלדיקער אײנהייט פּאַר מאַפּעס. דער סערזשאַנט מיידזשער פון דער אײנהייט איז געווען אַן אַלטער מיטגליד אין דער הגנה און אַן אַמאָלי־קער פּאָליציי־אָפיציר אין ארץ־ישׂראל. געהייסן האָט ער ווונדערמאַן. איך האָב אים נאָך געקענט פון קרית־חיים, ווו מיר פלעגן זיך צו אים ווענדן אין פאַרשיידענע ענינים פון דער הגנה. ער איז געווען זייער איבערגעגעבן און תּמיד האָט מען זיך געקענט צו אים ווענדן נאָך הילף. דעריבער האָבן מיר זיך געפרייט ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט אין גלות בבל, ביידע אין ענגלישע מונדירן, ביידע אַרײַנגעטאָן אין אילעגאַלער ציוניסטישער אַרבעט.

סערזשאַנט מיידזשער ווונדערמאַן איז געווען עלטער פון אונדז און דער־פאַר האָבן מיר אים גערופן „דער זקן". ער האָט געהאַט אַ נסיון אין אילע־גאַלער אַרבעט פון דער צײַט ווען ער איז געווען אין דער ענגלישער פּאָליציי און דערפאַר איז ער געווען אונדזער אורים ותומים. בעצם איז ער געווען דער בעל־הבית אין דער מאַפּעס־אײנהייט און האָט געקענט שטעלן צו אונדזער דיספּאָזיציע דאָס גאַנצע לאַגער. ער האָט אויך געזאָרגט עס זאָל אונדז גאָרנישט פעלן, ווען עס איז למשל געווען נייטיק צוצוגרייטן עסן אויף עטלעכע טעג פאַר אילעגאַלע עולים פון איראַק, מיליטערישע קליידער אָדער פאַרשיידענע דאָקומענטן. „דער זקן" האָט פאַר אַלץ געזאָרגט.

די מאַפּעס־אײנהייט און דער זקן זענען אַ לאַנגע צײַט געווען דער נערוון־

צענטער פון אונדזער גאַנצער אַקטיוויטעט אין איראַק. היינט איז „דער זקן" אַ פענסיאָנער, ער הייסט שוין שגב און וווינט אין מושב ציפורי, לעבן נצרת. מיר באַגעגענען זיך אויף די יערלעכע טרעפונגען פון די איראַקישע יידן און איך ווינטש אים גוטע און געזונטע יאָרן. איך בין זיכער אַז אויב מען וועט שרייבן אַ פּרטימדיקע געשיכטע וועגן דעם החלוץ און דער עליה ב׳ אין איראַק וועט דאָרט זיין נאָמען שיינען מיט גאָלדענע אותיות. די איראַקישע יידן וואָס געפינען זיך אין ארץ־ישראל וועלן נאָך לאַנג דערציילן וועגן די דערוועגטע מעשים פונעם „זקן", אין שייכות מיט ראַטעווען יידן.

ביי דער ערשטער זיצונג פון דער החלוץ־צענטראַלע אויף וועלכער איך האָב אָנטייל גענומען האָבן זיך באַטייליקט: אַריה אשל, „דער זקן", יהושע גבעוני פון קיבוץ אַלונים ווי אַ שליח פון החלוץ, אַ חבר פון קיבוץ חניתה ווי אַ שליח פון דער הגנה, אַ חבר פון קיבוץ גינוסר ווי אַ שליח פאַר עליה־ענינים. די דריי שליחים זענען געווען ציוויליסטן. פון די סאָלדאַטן האָט זיך באַטייליקט יעקב ליפשיץ און שפּערלינג. אַחוץ דעם זענען נאָך געווען עטלעכע אָרטיקע חברים און איין חבר פון דער החלוץ־פיליאַלע אין באַצראַ.

גבעוני האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער אַקטיוויטעט פון החלוץ אין באַגדאַד, דער חבר פון באַצראַ — וועגן זיין פיליאַלע און איך וועגן קאַנאַקין. וועגן עליה־ און הגנה־פּראָבלעמען האָט מען קיין באַריכטן נישט אָפּגעגעבן, מחמת זיכערקייט־טעמים. גבעוני האָט אויך דערקלערט אַז לויט די אָנווייזונגען פון ארץ־ישראל בין איך אַ חבר פון דער צענטראַלע און די איבעריקע חברים האָבן באַשטעטיקט די החלטה. עס איז באַשלאָסן געוואָרן איינצוּאָרדענען אַ חודשדיקן סעמינאַר פאַר דער באַוועגונג פון איראַק און מיך האָט מען אויסגעקליבן צו האַלטן צוועלף רעפעראַטן וועגן דער הסתדרות אין ארץ־ישראל און אירע ווירטשאַפטלעכע מוסדות.

איך האָב מיט פריידן מסכים געווען, ווייל דאָס איז געווען אַ באַווייז אַז מען האָט צו מיר צוטרוי, נישט געקוקט דערויף וואָס איך געהער צו אַן אַנדער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל. דאָס האָט מיך אויך איבערצייגט אַז אַלע זענען פאַראינטערעסירט אין אַן ערנסטער אַרבעט און נישט אין פוסטע וויכּוחים וועגן פּאָליטיק. היינט, נאָך דרייסיק יאָר, איז גוט זיך צו טרעפן מיט חברים פון איראַק, וואָס האָבן נישט פאַרגעסן, נישט מיך און נישט מיינע רעפעראַטן און זיי רופן מיך צו אַלע זייערע באַגעגעניש. גאָר רירנדיק פאַר מיר איז געווען אַזאַ באַגעגעניש אין „בית ברל". דער זאַל איז געווען פול און ווען איך בין אַרייַנגעקומען זענען אַ סך אויפגעשטאַנען פון די ערטער און האָבן אַפּלאָדירט און גערופן „חבר זאב". איך האָב כּמעט פאַרגעסן אַז דאָס איז

געווען מײַן קאָנספּיראַטיװער נאָמען אין באַגדאַד, זיי אָבער האָבן נישט פֿאַרגעסן.

די החלוץ־באַװעגונג אין איראַק איז געוואַקסן און מיט איר זענען געוואַקסן אויך די שוועריקייטן. קודם־כּל האָבן מיר זיך געמוזט היטן פֿאַר דער איראַקישער רעגירונג און דערנאָך, פֿאַר די עלטערן פֿון אַ טייל חברים, וואָס זענען געווען קעגן דעם אַז זייערע קינדער זאָלן פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל און האָבן געסטראַשעט אַז זיי וועלן אונדז איבערגעבן דער איראַקישער פּאָליצײַ. דאָס האָט זייער פֿאַרשווערט די אַרבעט פֿון די ציווילע שליחים, וואָס זענען געשיקט געוואָרן פֿון ארץ־ישׂראל. זיי זענען געווען געצוווּנגען זייער אָפֿט צו בײַטן זייערע וווינונגען, כּדי אויסצומײַדן מסירות. זיי זענען תּמיד געווען אין אונטערגרונט און יעדעס מאָל זענען געקומען אַנדערע, כּדי מען זאָל זיי נישט קענען אַנטפּלעקן.

גאָר מסוכּן איז געווען די אַרבעט פֿון די שליחים וואָס האָבן געלערנט די יוגנט צו נוצן געווער. עליה־שליחים האָט מען נאָך געקענט אַרויסראַטעווען מיט שוחד פֿון דער איראַקישער פּאָליצײַ, אָבער הגנה־שליחים זענען באַטראַכט געוואָרן ווי די שׂונאים פֿון דער איראַקישער רעגירונג און פֿאַר דעם האָט מען גרינג געקענט פֿאַרמישפּט ווערן צו תּליה.

איך באַטאָן דאָס בכּיוון, כּדי צו ווײַזן ווי גרויס ס'איז געווען די סכּנה וואָס די שליחים האָבן אויף זיך גענומען, ווען זיי זענען געקומען אין איראַק דורכצופֿירן זייער אַרבעט. אַנדערש איז געווען דער מצב פֿון די ארץ־ישׂראלדיקע סאָלדאַטן. די איראַקישע הערשערס האָבן זיך דעמאָלט נישט דערוועגט צו אַרעסטירן אַ מענטש וואָס טראָגט די אוניפֿאָרם פֿונעם ענגלישן קעניג. זיי האָבן געקענט פֿאָדערן פֿון די ענגלענדער זיי זאָלן עמעצן אַרויסשיקן פֿון לאַנד, אָדער אים שטעלן פֿאַרן ענגלישן מיליטער־געריכט — אָבער נישט מער. דערפֿאַר האָבן טאַקע די ארץ־ישׂראלדיקע סאָלדאַטן גענומען אויף זיך דעם גרעסטן טייל פֿון דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער חלוצישער באַוועגונג אין איראַק און דערפֿאַר האָט מען אויך אויסגעמיטן דאָרטן צו פֿירן פּוסטע פּאָליטישע וויכּוחים. נאָר די אייניקייט האָט אונדז געהאָלפֿן גובר זײַן פֿאַרשיידענע אָביעקטיווע און סוביעקטיווע שוועריקייטן.

הגם איך בין געווען איבערן קאָפּ פֿאַרנומען מיט מײַן אַרבעט אין החלוץ, האָב איך נישט פֿאַרגעסן אַז איך בין אַ סאָלדאַט און אַז אויף דער וועלט פֿירט זיך אַ גרויליקע מלחמה. האָב איך טאַקע אַלץ געטאָן כּדי צו דערפֿילן מײַנע התחייבֿותן אין דער אַרמיי.

איין מאָל אין יאָר און צו מאָל בלויז נאָך נײַן חדשים, האָט מען באַקומען אַ חודש אורלויב, אַרײַנגערעכנט די נסיעה, וואָס מער עס האָט זיך דערנענטערט די צײַט פון אורלויב, אַלץ מער איז געוואַקסן די בענקשאַפט צו דער משפּחה. די נסיעה האָט געדויערט עטלעכע טעג, ווײַל מען האָט געמוזט פאָרן מיט אויטאָבוסן דורכן מידבר ביז לבנון און פון דאָרטן קיין ארץ־ישראל. מען האָט אָבער אָנגענומען פאַר ליב זיך צו וואַלגערן גאַנצע טעג אין מידבר, צוליב דער שימחה אַז מען וועט זײַן אין דער היים.

די ערשטע טעג אין דער היים בין איך, פאַרשטייט זיך, געזעסן מיט אלישבען און מיט דבן. אלישבע האָט מיר דערציילט אַז אַ גאַנץ יאָר לויפט דב נאָך איטלעכן סאָלדאַט וואָס ער זעט און רופט אים „טאַטע". דערנאָך האָב איך אָבער געמוזט אָפּגעבן באַריכטן און באַקומען אָנווײַזונגען פאַר אונדזער ווײַטערדיקער אַרבעט אין החלוץ און דאָס האָט בײַ מיר שטענדיק צוגערויבט גאַנצע טעג פון מײַן אורלויב. אלישבע האָט געוווּסט ווי נאָענט עס איז מיר די דאָזיקע אַרבעט, און האָט אַלץ אָנגענומען מיט פאַרשטענדעניש.

אויך אין השומר הצעיר האָב איך געדאַרפט אָפּגעבן אַ באַריכט אין שײַכות מיט דער אַרבעט אין החלוץ. אָפט האָב איך געהאַט שווערע וויכּוחים מיט מײַנע חברים, ווען זיי האָבן געפאָדערט פון מיר איך זאָל אָרגאַניזירן אין איראַק פיליאַלן פון השומר הצעיר. איך בין געווען קעגן דעם מען זאָל אַרײַנברענגען פּאָליטישע קאַמפן אין דער אַקטיוויטעט פון החלוץ. איך האָב געטענהט אַז קודם־כּל דאַרף מען זען אַז די יוגנט פון איראַק זאָל קומען אין ארץ־ישראל און דאָ וועלן זיי שוין אַליין באַשליסן אין וועלכער פּאַרטיי זיי זאָלן אַרײַנגיין.

איך האָב געהאַט אַן ערנסטן צוזאַמענשטויס מיט דער אָנפירונג פון השומר הצעיר, ווען איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו העלפן אַרויסשיקן קיין איראַק אַ חבר פון השומר הצעיר (ער האָט געהייסן אָסקאַר) אונטער דער מאַסקע פון אַן ארץ־ישראלדיקן סאָלדאַט וואָס קערט זיך אום פון אורלויב. די כּוונה איז געווען אַז אָסקאַר זאָל אין איראַק אַרבעטן ווי אַ שליח פון השומר הצעיר. איך האָב געטענהט אַז נאָר דער „מוסד" האָט דאָס רעכט צו שיקן שליחים קיין איראַק. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, געפונען אַן אַנדערן סאָלדאַט וואָס האָט געהאָלפן אָסקאַרן אַרויספאָרן קיין איראַק און זיך באַזעצן אין באַצראַ. ווען אָסקאַר האָט געמאָנט אַז די צענטראַלע פון באַגדאַד זאָל אים געבן אַ פינאַנציעלע שטיצע ווי אַ שליח, האָט די צענטראַלע זיך פאַרבונדן מיט די אינסטיטוציעס פון ארץ־ישראל און האָט פון דאָרט באַקומען אַ קלאָרע

תּשובה: אָסקאַר איז נישט קיין שליח פון „מוסד" און קען דעריבער נישט באַקומען קיין שטיצע.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון אורלויב האָב איך זיך דערוווּסט די גאַנצע געשיכטע. איך האָב דערפון געהאַט עגמת־נפש, ווײַל נישט אַלע חברים האָבן מיר געגלייבט אַז אָסקאַרס קומען אין איראַק איז נישט מײַן שטיקל אַרבעט און אַז איך בין געווען קעגן דעם מען זאָל אים שיקן.

עס איז פאָרגעקומען אַ שווערער וויכּוח צווישן „מוסד" און דער אָנפירונג פון השומר הצעיר. דערווײַל איז די לאַגע פון אָסקאַרן אין באַצראַ געוואָרן אַלץ ערגער. ווען ער האָט געזען אַז ער האָט קיין ברירה נישט, האָט ער פאָרגעשלאָגן אַז די צענטראַלע אין באַגדאַד זאָל באַשטימען און ער איז זיך מתחייב אָנצונעמען וואָס דאָס רוב וועט באַשליסן. שפּעטער האָט ער מיר דערציילט אַז ער איז געווען זיכער מיט מײַן שטיצע, און עס איז פאַר אים געווען אַן איבעראַשונג ווען די צענטראַלע האָט באַשלאָסן איינ־שטימיק ער זאָל תּיכּף אַרויספאָרן פון איראַק. איך האָב טאַקע אַלץ געטאָן ער זאָל בשלום אָנקומען אין ארץ־ישׂראל און די חברים פון דער אָנפירונג אין השומר הצעיר האָב איך צו וויסן געטאָן אַז ווי לאַנג איך וועל אַרבעטן אין החלוץ פון איראַק, וועט דאָ נישט אויפגעשטעלט ווערן קיין צווייטער „גוש משמר חלוצי", ווי דאָס איז פאָרגעקומען אין טשעכאָסלאָוואַקײַ.

בעת מײַן אַרבעט אין החלוץ האָב איך געהאַלטן לעקציעס אין פאַרשיידענע גרופּעס. אין איין גרופּע זענען געווען נאָר מיידלעך. זיי פּלעגן קיין מאָל נישט קומען אַליין, נאָר באַגלייט פון זייערע ברידער, ווי ס'איז דער מינהג אין די אַראַבישע לענדער, אַ מיידל זאָל נישט גיין אַליין אין גאַס. די באַגלייטערס האָבן געוואַרט אין אַ דערבײַיִקן צימער, בײַ אַן אָפענער טיר. די מיידלעך זענען אויך געקומען בײַם אָנהייב מיט פאַרשלייערטע פּנימער, ווי דער מינהג זייערער האָט געפאָדערט. עס האָט אָבער קיין סך ניט גע־דויערט און די שלייערס זענען נעלם געוואָרן. באַלד דערנאָך זענען אויך נעלם געוואָרן די ברידער, די באַגלייטערס. זיי פלעגן זיי ברענגען ביז צום טויער און דערנאָך, ווען די לעקציעס האָבן זיך געענדיקט, זענען זיי געקומען אָפּנעמען די שוועסטערס. די מיידלעך האָבן זיך אויפגעהערט צו שעמען, זיי האָבן געפרעגט שאלות, דיסקוטירט און מיט אַלע אין איינעם געזונגען העברעיִשע לידער. איך האָב שטענדיק באַוווּנדערט די פעיִקייט פון דער דאָזיקער יוגנט. נאָך בלויז עטלעכע לעקציעס האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן עברית.

כּמעט אַלע מיידלעך פון מײַן גרופּע זענען געקומען אין לאַנד און זייער

ערשטער וויזיט איז געווען ביי מיין משפּחה. אַ טייל פון זיי געפינען זיך אין קיבוצים. אַ טייל איז פרייוויליק געגאַנגען אין מיליטער און צו דער פּאָליציי. היינט זענען זיי באַבעס און ווען מיר באַגעגענען זיך און איך דערמאָן זיי ווי אַזוי זיי זענען דעמאָלט געקומען אין החלוץ, קומט זיי אַליין פּאַר נישט צו גלייבן.

איך בין גליקלעך וואָס איך האָב געהאַט דעם זכות צו העלפן ברענגען די יידן פון גלות בבל קיין ארץ־ישראל. עס עקבערט מיך נאָר וואָס מיר האָבן נישט אַריינגעלייגט די זעלביקע כּוחות און ענערגיע צו ברענגען אין לאַנד די יוגנט פון אייראָפּע. פאַר וואָס האָבן מיר געוואַרט אַז די ענגלישע מאַנדאַט־טאַרע רעגירונג זאָל אונדז געבן סערטיפיקאַטן? פאַר וואָס האָבן מיר זיי נישט געבראַכט אין מאַסן, גלייך ביים אָנהייב, מיט גוואַלד? פאַר וואָס האָבן מיר זיי געלאָזט פאַרברענט ווערן אין די גאַזאָוויונס?

מיין באַגעגעניש מיטן גענעראַל סמיט

איך האָב ליב געהאַט די אַרבעט אין החלוץ און יעדער חבר וואָס איז עולה געווען האָב איך געהאַט דאָס געפיל ווי גלייך איך פּערזענלעך האָב אים געראַטעוועט פון גלות. איינצייטיק האָב איך געטריי געטאָן מיין אַרבעט ביים מיליטער און אַ באַווייז זענען די אויסצייכענונגען וואָס איך האָב באַקומען נאָך דעם וואָס די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. היינט איז מיר שווער צו באַנעמען פון וואַנען איך האָב געהאַט דעם כּוח צו דער שווערער אַרבעט אין דעם מערדערישן קלימאַט פון באַגדאַד. יעדן טאָג, נאָך דעם ווי איך האָב פאַרענדיקט די אַרבעט ביים מיליטער, בין איך געלאָפן אין דער גרעסטער היץ קיין באַטואין, וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם אַנדערן ברעג פון טייך חדקל, און מ׳האָט געדאַרפט אַריבערפאָרן מיט אַ שיפל. ביי טאָג האָבן זיך בדרך־כּלל קיין מענטשן נישט געוויזן אויף די גאַסן, מחמת דער שטאַרקער היץ, אַזוי אַז איך האָב געקענט עפענען אַלע קנעפּ פון מיין מיליטערישן העמד איבער די קורצע הויזן, כּדי צו האָבן מער לופט. כ׳האָב אַוודאי אויסגעזען מאָדנע אין די מיליטערישע שיך מיט לאַנגע וואָלענע זאָקן, קורצע כאַקי־הויזן מיט אַ בלישטשענדיקן רימעט, דאָס לאַנגע העמד, כּמעט ביז די קני, צעקנעפּלט, און דער טראָפּישער העלם אויפן קאָפּ. אַזוי פלעג איך לויפן אַ פאַרשוויצטער, קוים געכאַפּט דעם אָטעם, פון מיין מחנה ביז צו די שיפלעך ביים חדקל.

איין מאָל, בעת איך לויף אַזוי אין מיין אויסטערלישן הולך קומט מיר אַנטקעגן נישט מער און נישט ווייניקער ווי דער אייבערשטער קאָמאַנדיר

פון דער ענגלישער אַרמיי אין איראַק, גענעראַל סמיט בכבודו ובעצמו. איך האָב אים באַלד דערקענט לויטן רויטן פּאַס אויף די הויזן און אַרום דעם היטל. אַחוץ דעם איז ער אויך געגאַנגען מיט אַ שטעקן, ווײַל ער איז געווען אַן אינוואַליד פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך האָב אים נישט געקענט אויסמײַדן און אין מײַן צעטומלטקייט האָב איך סאַלוטירט. איך האָב אַוודאי אויסגעזען זייער קאָמיש: אַ סאָלדאַט אין אַזאַ הולך, מיטן צעקנעפּלטן העמד איבער די הויזן, סאַלוטירט דעם אייבערשטן קאָמאַנדיר, דעם גענעראַל...

גענעראַל סמיט, אַן אַלטער מיליטערישער פּוקס, האָט תּיכּף באַמערקט מײַן פאַרלוירנקייט און האָט מיך נאָך מער צעטומלט. ער האָט מיך געפרעגט צי איך בין גרייט אַרײַנצושטעקן דאָס העמד אין די הויזן און גיין מיט אים צו דער מיליטערישער פּאָליציי, צי איז אפשר גלײַכער איך זאָל גיין מיט אים אַזוי, אַניט וועט מען אים נישט גלייבן אַז ער האָט מיך באַגעגנט אין אַזאַ הולך. אין מײַן צעטומלטקייט האָב איך געענטפערט אַז איך בין גרייט מיך צו ברענגען אין אָרדענונג און אַז איך באַדויער וואָס איך האָב געטאָן. איך האָב אויך געפּרוּווט אים דערקלערן אַז איך בין געווען אויפן וועג צום טײַך, כּדי זיך אָפּצוקילן און ווײַל מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך בין שוין נאָענט צום ברעג, האָב איך צעקנעפּלט דאָס העמד. פון מײַן נישט־אָקספאָרדער ענגליש האָט ער פאַרשטאַנען אַז איך בין נישט קיין בריטיש־געבוירענער און ער האָט מיך געפרעגט פון וואַנען איך שטאַם. ווען איך האָב אים געזאָגט אַז איך קום פון ארץ־ישׂראל, האָב איך תּיכּף געפילט אַז ער קוקט אויף מיר אַנדערש און אַז ער האָט פאַרגעסן די עבירה וואָס איך האָב געטאָן.

ער האָט מיך אָנגעהויבן אויסצופרעגן וועגן הייליקן לאַנד, און פון זײַנע שאלות האָב איך געזען אַז ער איז גוט באַהאַוונט אין תּנ״ך און האָט גרויס דרך־ארץ פאַר ארץ־ישׂראל. איך ווייס נישט ווי לאַנג מיר זענען אַזוי גע־שטאַנען, אָנגעלענט בײַ אַ וואַנט, ווו עס איז געווען אַ ביסל שאָטן. ער האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן דער ארץ־ישׂראלדיקער אײנהייט, געוואָלט וויסן מיט וואָס מיר פאַרנעמען זיך נאָך דער אַרבעט און צי האָבן מיר קלובן און קאַנטינען ווי די ענגלישע סאָלדאַטן. איך האָב אים דערציילט אַז איינער פון די ארץ־ישׂראלדיקע סאָלדאַטן האָט אָרגאַניזירט אַ כאָר, וואָס זינגט פרײַטיק צו נאַכטס העברעיִשע לידער, אין ראַמען פון עונג־שבת. ער האָט באַלד אויפגעכאַפּט די מציאה און געזאָגט אַז ער וואָלט גערן געוואָלט הערן דעם כאָר זינגען אין דער שפּראַך פון תּנ״ך.

איך האָב אים באַלד געענטפערט אַז אויב ער וועט מיר דערלויבן, וועל איך זיך צונויפרעדן מיט איינעם פון די אָפיצירן פון דער ארץ־ישׂראלדיקער איינהייט און דער כאָר וועט אַוודאי גערן קומען צו אים אין זײַן רעזידענץ און געבן אַ קאָנצערט. דאָס האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט פֿײַנט דעם אָפיציעלן טראַסק, ער וויל קומען אינקאָגניטאָ. ער האָט מיר געגעבן זײַן פריוואַטן טעלעפאָן־נומער, איך זאָל אים צו וויסן טאָן ווען עס קומט פאָר דער עונג־שבת, כדי ער זאָל קומען מיט מיר אין איינעם, אָנגעטאָן אין ציוויל, קיינער זאָל נישט וויסן ווער ער איז. ער האָט זיך פאַרשריבן מײַן מיליטערישן נומער, מיר געגעבן די האַנט און מיר געראָטן איך זאָל גיך פאַרשווינדן צום טײַך און זיך היטן פאַר דער מיליטערישער פאָליציי.

דער כאָר האָט געזונגען אין אַ קליינעם אַמפיטעאַטער וואָס האָט געהערט צו דער ענגלישער אַרמיי. דער גענעראַל סמיט איז געקומען פּינקטלעך, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, אין ציווילע קליידער. ער איז געזעסן לעבן מיר און קיינער האָט אים נישט דערקענט. ער איז געווען זייער גערירט פון די לידער און האָט אַפילו געפּרוּווט אויפכאַפּן די ניגונים. באַזונדערש האָט אים געפעלן ווען ראָזענבערג האָט געזונגען סאָלאָ דאָס ליד „עץ הרימון״ און די גאַנצע חברה האָט מיטגעזונגען. נאָכן קאָנצערט, ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, האָט ער מיך געבעטן אים נאָך אַ מאָל לאָזן וויסן ווען עס וועט זײַן אַ קאָנצערט.

דאָס צווייטע מאָל האָבן מיר נישט געהאַט קיין מזל. נישט ווײַט פון מיר איז געזעסן אַ יידישער סאָלדאַט פון ענגלאַנד, וואָס פלעג קומען צו עונג־שבת אין דער ארץ־ישׂראלדיקער איינהייט. ער האָט תּיכּף דערקענט דעם גענעראַל סמיט, ווײַל ער האָט אים אָפט געזען בײַ דער אַרבעט אין הויפּט־קוואַרטיר. אַ צעטומלטער איז ער צוגעגאַנגען צו דעם מיידזשער ר., דער קאָמאַנדיר פון דער איינהייט, און האָט אים דערציילט אַז אין דער לעצטער רייע זיצט דער גענעראַל סמיט אין איינעם מיטן קאָרפּאָראַל אָרנשטיין. דער מיידזשער איז געווען אַ געבוירענער אין ארץ־ישׂראל, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן ענגלענדער און האָט געחנפעט די ענגלישע אָפיצירן. קודם האָט ער נישט געוואָלט גלייבן אַז דער גענעראַל וועט קומען אַן אים, דעם קאָמאַנדיר פון דער איינהייט, פריִער צו פאַרשטענדיקן, ער זאָל פאַר אים צוגרייטן אַ קבלת־פּנים ווי עס געהערט צו זײַן. ווען ער האָט זיך אָבער איבערצײַגט אַז דער גענעראַל זיצט טאַקע אין דער לעצטער רייע האָט ער מורא געהאַט צוצוגיין צו אים, ער זאָל נישט לײַדן אַ בושה. דער גענעראַל איז געווען באַקאַנט מיט זײַן נישט־קאָנווענציאָנעלער אויפפירונג. דערפאַר

האָט דער מיידזשער געבעטן דעם ענגלישן סאָלדאַט ער זאָל מיך אַרויסרופן. איך האָב דעם מיידזשער נישט איבעריק ליב געהאַט, אָבער איך האָב אים אָפּגעגעבן כּבֿוד ווײַל ער איז געווען אַן ארץ־ישׂראלדיקער אָפיציר. איך האָב געבעטן אַנטשולדיקונג בײַם גענעראַל און בין אַרויסגעגאַנגען. דער מיידזשער ר. האָט מיר געזאָגט איך זאָל איבערגעבן דעם גענעראַל אַז ער פאַרבעט אים אין דער ערשטער ריי און אַז ער וויל אים אין דער הפסקה באַגריסן אין נאָמען פון דער איינהייט. דער גענעראַל סמיט האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געוואָלט הערן דערפון און האָט געטענהט אַז ער וויל נישט מען זאָל אים באַגריסן ווײַל ער איז אין ציוויל.

דער מיידזשער האָט זיך געפילט באַליידיקט און פאַרשעמט. דעם אמת געזאָגט האָב איך נישט געהאַט פאַר אים קיין געפיל, מחמת זײַן מיאוסער אויפפירונג, בעיקר לגבי די וואָס האָבן געאַרבעט אין החלוץ. דאָס האָט בכלל נישט געפּאַסט פאַר אַן ארץ־ישׂראלדיקן אָפיציר. נאָך דעם אינצידענט מיטן גענעראַל סמיט האָט מיך דער מיידזשער ר. נאָך מער פײַנט באַקומען, אָבער ער האָט מיך נישט געטשעפּעט; ערשטנס, ווײַל ער האָט מורא געהאַט פאַר מײַן באַקאַנטשאַפט מיטן גענעראַל און צווייטנס, ווײַל איך האָב נישט געהערט צו זײַן איינהייט. שפּעטער, ווען דער גענעראַל סמיט איז שוין נישט געווען, האָט ער געהאַט אַ סאַטיספאַקציע: ער האָט מיך אַרעסטירט אין נאָמען פון דער הויפּטקאָמאַנדע און מיך געפירט אין טראַנזיט־לאַגער, כּדי מיך אַרויסצושיקן פון איראַק. ער האָט אַפילו נישט צו וויסן געטאָן מײַנע פרײַנד, וואָס זענען צען טעג אַרומגעלאָפן ווי משוגע און נישט געוווסט ווו איך בין אַהינגעקומען אין מיטן נאַכט.

בלויז איין מאָל האָב איך אויסגענוצט מײַן באַקאַנטשאַפט מיטן גענעראַל סמיט, נישט פאַר זיך, פאַרשטייט זיך. ווי איך האָב שוין פריִער דערמאָנט, איז דער חשק צו קעמפן קעגן די דײַטשע פאַשיסטן געווען אַזוי גרויס אין ייִדישן ייִשובֿ, אַז מענטשן האָבן געפעלשט דאָקומענטן, זיך געמאַכט ייִנגער, כּדי מען זאָל זיי אָננעמען ווי פרײַוויליקע אין דער ענגלישער אַרמיי. אין אונדזער איינהייט זענען געווען עטלעכע סאָלדאַטן וואָס זענען שוין אַריבער די זיבעציק. זיי זענען פּשוט געפאַלן פון די פיס אין דעם איראַקישן גיהנום און האָבן נישט געקענט אַרבעטן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט אַז די יונגע סאָלדאַטן האָבן אָפּגעלאַכט פון אָט די טײַערע ייִדן פון די אַלטע ייִשובֿים אין גליל, וואָס האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט העלפן שלאָגן די דײַטשן. איצט האָבן זיי פאַרשאָלטן דעם טאָג ווען זיי זענען זיך געגאַנגען מעלדן פרײַוויליק. איינער האָט אַפילו געפּרוווט באַגיין זעלבסטמאָרד.

אויפגענומען צו ווערן אין דער אַרמיי איז געווען גרינג, ווײַל די ענגלענ־דער האָבן נישט געפרעגט קיין סך שאלות, אָבער די צרה איז געווען אַז נאָך דעם ווי מען האָט אָפּגעגעבן די שבועה איז שוין געווען שווער זיך צו באַפרײַען, סײַדן אַ מעדיצינישע קאָמיסיע האָט פעסטגעשטעלט אַז דער מענטש איז נישט נאָרמאַל, אָדער ער לײַדט פון אַ קרענק וואָס מען קען נישט אויסהיילן.

איך האָב דערציילט דעם גענעראַל סמיט וואָס עס האָט אונדז באַוויגן זיך פרײַוויליק צו מעלדן אין מיליטער, הגם מיר זענען נישט קיין פּראָפעס־יאָנעלע זעלנער. עס איז כּמעט נישט צו גלייבן ווי וויניק מענטשן האָבן וועגן אונדז געוווּסט, וועגן אונדזערע שטרעבונגען און האָפענונגען. ווען איך האָב געזען אַז מײַנע ווערטער האָבן אַ השפּעה אויפן גענעראַל, האָב איך אים דערציילט אויך וועגן אונדזערע זקנים, וואָס געפינען זיך אין דער ארץ־ישׂראלדיקער איינהייט, וועגן זייער עגמת־נפש וואָס זיי קענען גאָרנישט העלפן און זענען נאָר אַן עול. נאָך דרײַ חדשים זענען אונדזערע דרײַ אַלטע לײַט באַפרײַט געוואָרן פון דער אַרמיי. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער גענעראַל האָט קודם געמאָנט מעדיצינישע באַווײַזן אַז עס האַנדלט זיך באמת אין מענטשן וואָס זענען אַריבער די זיבעציק, און אויפן סמך פון די באַווײַזן האָט ער זיך באַמיט מען זאָל זיי באַפרײַען.

ווען איך האָב אים געוואָלט אָפּדאַנקען, האָט ער געזאָגט אַז דער ענין איז דערליידיקט געוואָרן אָן זײַן הילף און איך דאַרף אים גאָרנישט דאַנקען. דאָס איז, ווײַזט אויס, דער שטייגער פון גרויסע מענטשן: צו העלפן און נישט דערוועקן בײַ יענעם דאָס געפיל אַז ער איז אים עפּעס שולדיק.

איידער איך פאַרענדיק דעם קאַפּיטל וויל איך באַטאָנען, אַז אין די יאָרן וואָס איך בין געווען בײַם מיליטער האָב איך באַגעגנט צווישן די ענגלישע אָפיצירן אַ סך מענטשן וואָס האָבן באַוויזן זייער גרויסקייט אין מאָמענטן פון געשפּאַנטקייט און צאָרן. מײַן דירעקטער קאָמאַנדיר איז געווען קאָלאָנעל ווייט. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אַ קאָלאָנעל אין דער ענגלישער אַרמיי געווען אַ גרויסער ראַנג. זײַן ביוראָ איז געווען נישט ווײַט פון מײַנעם און ער פלעגט טעגלעך אַרײַנקומען זיך נאָכפרעגן. איך פלעג אויפשפּרינגען און אים אָפּגעבן אַ באַריכט און ער פלעגט מיר תּמיד ענטפערן: „אַ דאַנק, קאָרפּאָראַל אָרנשטיין, איר קענט זיצן".

אין יענער צײַט בין איך געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דרײַסיק סאָלדאַטן, צווישן וועלכע צוויי פון ארץ־ישׂראל. מיט אָט די ארץ־ישׂראלדיקע סאָלדאַטן פלעג איך רעדן עברית, בעת מיט די ענגלישע — ענגליש. דאָס האָט פאַר־

דראָסן די ענגלישע סאָלדאַטן. זיי האָבן וויַזט אויס געמיינט אַז איך פֿאַרקויף זיי אָדער לאַך פֿון זיי אָפּ ווײַל זיי רעדן נאָר איין איינציקע שפּראַך. וואָלטן זיי מיר געזאָגט אַז עס פֿאַרדריסט זיי, וואָלט איך זיי געוועזן דערקלערט אַז די ארץ־ישׂראלדיקע סאָלדאַטן רעדן שלעכט ענגליש און אַז אַחוץ דעם האָבן זיי דאָס רעכט אויף אַן אייגן לשון. זיי האָבן מיר אָבער גאָרנישט געזאָגט און זענען געגאַנגען זיך באַקלאָגן בײַם קאָלאָנעל ווייט.

איין מאָל, בעת דער קאָלאָנעל איז אַרײַנגעקומען אין מײַן ביוראָ, האָב איך גראָד געהאַלטן אין דערקלערן אַן ענין מײַנע צוויי ארץ־ישׂראלדיקע סאָלדאַטן און, פֿאַרשטייט זיך, אויף עברית. דער קאָלאָנעל האָט זיך אַ רגע צוגעהערט און פּלוצעם האָט ער אַ זאָג געטאָן אויף ענגליש: „הער אויף צו רעדן אויף דער נאַרישער שפּראַך!" אין ערשטן מאָמענט האָב איך זיך אַ ביסל צעטומלט נאָר באַלד נאָך דעם האָב איך ממשיך געווען צו רעדן אויף עברית, ווי גלײַך גאָרנישט. דער קאָלאָנעל האָט מיך רוּיק און העפֿלעך געפֿרעגט: „קאָרפּאָראַל אָרנשטיין, דו ווייסט וואָס דו ביסט?" און ער האָט אַליין געענטפֿערט: „דו ביסט אַן אידיאָט!" איך האָב געענטפֿערט: „אַ דאַנק, מײַן הער!" און ער האָט צוריקגעענטפֿערט, ווי דער שטייגער אין ענגליש: „נישט נייטיק!" איך האָב קיין סך נישט געטראַכט און געזאָגט: „קאָלאָנעל וויט, ווייסטו וואָס דו ביסט? דו ביסט אויך אַן אידיאָט!" ער האָט געענטפֿערט: „אַ דאַנק, קאָרפּאָראַל אָרנשטיין!" און איך האָב צוריקגעענטפֿערט: „נישט נייטיק."

דער דיאַלאָג איז פֿאָרגעקומען אין בײַזײַן פֿון פּשוטע סאָלדאַטן, אין מײַן ביוראָ. מײַנע פֿרײַנד זענען געווען זיכער אַז דאָס מיליטער־געריכט וועט מיך פֿאַרמישפּטן לכל־הפּחות אויף אַ יאָר תּפֿיסה. איך אַליין בין אויך געווען איבערצײַגט דערפֿון און האָב אומגעדולדיק געוואַרט די מיליטער־פּאָליצײַ זאָל מיך קומען אַרעסטירן. אַז עס זענען אַריבער פֿיר און צוואַנציק שעה, די צײַט אין וועלכער דער קאָלאָנעל דאַרף, לויטן געזעץ, מיך פֿאַרקלאָגן, האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז קיין מישפּט וועט נישט זײַן.

עטלעכע טעג האָט זיך דער קאָלאָנעל נישט געוויזן אין מײַן ביוראָ. ווען ער איז דערנאָך ווידער אַרײַנגעקומען, בין איך, פֿאַרשטייט זיך, אויפֿגע־שפּרונגען און האָב אים אָפּגעגעבן אַ באַריכט, ווי געוויינטלעך. ער האָט מיר אויסגעשטרעקט אַ האַנט און דזשענטלמעניש אַ זאָג געטאָן: „קאָר־פּאָראַל אָרנשטיין, לאָמיר ביידע פֿאַרגעסן וואָס עס איז געשען!"

מיט אַ יאָר שפּעטער, איידער ער האָט זיך אומגעקערט קיין ענגלאַנד, האָט ער מיר געזאָגט אַז איך בין טאַקע געווען גערעכט דעמאָלט, און אַז ער האָט

געטאָן אַ פעלער וואָס ער האָט מיך באַליידיקט אין בײַזײַן פון סאָלדאַטן. ער האָט מיך געבעטן איך זאָל אים מוחל זײַן...

איך בין זייער מסופק צי עס זענען פאַראַנען ערגעץ ווו אין אַן אַרמיי אַזעלכע מענטשן ווי קאַלאָנעל ווייט, וואָס זאָלן זײַן מסוגל זיך מודה צו זײַן אַז זיי האָבן געטאָן אַ פעלער. דאָס האָבן געקענט נאָר די ענגלענדער אין זייער גרויסער צײַט.

מײַן באַקאַנטשאַפט מיט די ייִדן פון באַגדאַד

ווי כ'האָב שוין דערמאָנט, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט זיך פרײַ צו באַוועגן אין שטאָט, ווײַל כ'האָב געהערט צו אַן ענגלישער אייניהייט. די ארץ־ישׂראלדיקע אייניהייט האָט נישט געהאַט אַזאַ מעגלעכקייט. בעת מײַן אַרבעט אין החלוץ האָב איך געזען דעם שווערן מצב פון די אָרטיקע חברים און האָב געשטוינט ווי זיי האָבן דעם כּוח צו קעמפן קעגן די רדיפות פון דער איראַקישער געהיים־פּאָליציי און אין דער זעלביקער צײַט קעגן די אייגענע עלטערן וואָס זענען געווען קעגן ציוניזם. איך האָב נישט געקענט באַנעמען ווי אַזוי ייִדן קענען זײַן קעגן ארץ־ישׂראל און דעריבער האָב איך געזוכט אַ מעגלעכקייט זיך נענטער צו באַקענען מיט די דאָזיקע ייִדן.

מען האָט מיר דערציילט אַז די באַגדאַדער ייִדן, בעיקר די רײַכע, באַגע־גענען זיך יעדן טאָג אין זייער ייִדישן קלוב, אויף איינער פון די הויפּטגאַסן פון באַגדאַד. איך האָב געדונגען אַ דראָזשקע און געהייסן דעם אַראַבישן בעל־עגלה ער זאָל מיך פירן אין ייִדישן קלוב.

אין גיכן זענען מיר אָנגעקומען פאַר אַ גרויסן הויז, אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער מויער און מיט אַ פאַרשלאָסענעם אײַזערנעם טויער. איך האָב געקלונגען און באַלד איז אַרויס אַן אַראַבער אָנגעטאָן אין אַ מין דינסט־מונדיר. אַז ער האָט דערזען אַן ענגלישן סאָלדאַט, האָט ער נישט געפרעגט קיין שאלות און האָט מיך אַרײַנגעלאָזט. איך האָב זיך געפונען אין אַ שיינעם גאָרטן. אין מיטן איז געווען אַ סטעזשקע און פון ביידע זײַטן זענען געשטאַ־נען טישן, בײַ וועלכע מענטשן האָבן געשפּילט אין קאָרטן, אין שעש־בעש, אָדער האָבן סתּם געשמועסט.

דער אַראַבער איז אַוועק און האָט זיך באַלד אומגעקערט מיט אַן עלטערן מענטש, וואָס האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט ווי דער סעקרעטאַר פון קלוב. ווען איך האָב אים געזאָגט אַז איך קום פון ארץ־ישׂראל, האָט ער מיך תּיכּף צוגעפירט צו אַ ליידיקן טיש און מיך געבעטן זיצן. איך האָב געמיינט אַז דער סעקרעטאַר וועט זיך מיט מיר אַוועקזעצן און מיר וועלן זיך קענען

אַדורכרײדן, אָבער ער איז באַלד נעלם געוואָרן און אויף זײַן אָרט האָט זיך באַוויזן אַ קעלנער, וואָס האָט מיך געפרעגט וואָס איך וויל באַשטעלן. איך האָב אים געענטפערט אַז איך וויל עסן. קיין שפּײַזקאַרטע האָט מען מיר נישט דערלאַנגט, אָבער דער קעלנער, אין אײנעם מיט אַ באַדינער, האָט מיר געבראַכט צו טראָגן צוויי טאַצן מיט כּל־טוב. איך האָב אָנגעהויבן צו עסן און האָב אַלץ געוואָרט אַז עמעצער פון די ייִדן וועט צוקומען מיך באַגריסן און כאַפּן אַ שמועס. אַז קײנער איז נישט געקומען און איך האָב פאַרענדיקט דאָס עסן, איז מיר דער ענין נימאס געוואָרן און איך האָב געמאָנט בײַם קעלנער דעם חשבון. ער איז ערגעץ אַוועק און ווען ער האָט זיך אומגעקערט האָט ער מיר געזאָגט אַז איך דאַרף גאָרנישט באַצאָלן, דאָס עסן איז אויפן חשבון פונעם קלוב. איך האָב געבעטן דעם קעלנער ער זאָל איבערגעבן וועמען מען דאַרף, אַז איך נײטיק זיך נישט אין קיין נדבות. אויב קײנער האָט זיך נישט מטריח געווען מיך צו באַגריסן בין איך מוותּר אויף דעם הכנסת־אורחים און וויל באַצאָלן פאַרן עסן.

דער קעלנער איז צוגעגאַנגען צו אַ טיש און איך האָב געזען ווי מען שושקעט זיך דאָרטן. דערנאָך איז צו מיר צוגעקומען אַן אײראָפּעיִש גע־קלײדטער פּאַרשוין און האָט זיך פאָרגעשטעלט אין אַ גוטן עברית — מאָראַט, דירעקטאָר פון דער באַגדאַדער ייִדישער גימנאַזיע. ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין אַז אַלע די וואָס זיצן אין גאָרטן זענען טאַקע ייִדן, אָבער זיי האָבן מורא זיך עפנטלעך צו באַגעגענען מיט סאָלדאַטן פון ארץ־ישׂראל. די איראַ־קישע מאַכטהאָבערס רודפן איטלעכן וואָס האָט אַ פאַרבינדונג מיט ארץ־ישׂראל. ער אַליין האָט זיך דערוועגט מיט מיר צו רעדן, ווײַל ער האַלט שוין בײַם אַרויספאָרן פון איראַק.

דורך אים האָב איך זיך באַקענט אויך מיטן לערער חאַדאַד, וואָס האָט אויך גערעדט עברית. כ'האָב זיך אויך באַקענט מיט אַנדערע ייִדן וואָס פלעגן קומען אין קלוב און אײניקע האָבן מיך אויך פאַרבעטן צו זיך אַהײם. אָבער אַלץ איז תּמיד צוגעגאַנגען בסוד, בײַ פאַרמאַכטע טירן, קיין מאָל נישט אין גאַס. אין באַגדאַד האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט ייִדישע אַנוסים. מײַנע צוויי פרײַנד מאָראַט און חאַדאַד זענען געקומען אין לאַנד און איך האָב זיך אָפט מיט זיי באַגעגנט.

דער חכם־באַשי

פון מײַנע שמועסן מיט די ייִדן אין באַגדאַד האָב איך זיך דערוווּסט אַז אַחוץ די איראַקישע מאַכטהאָבערס וואָס רודפן די ציוניסטישע באַוועגונג,

איז אויך פֿאַראַן אַ חכם־באַשי, דאָס הייסט אַ רב־הראשי, מיטן נאָמען ששון כּדורי, וואָס פֿירט אויך אָן אַכזוריותדיקן קאַמף קעגן נאַציאָנאַל־ייִדישער רענעסאַנס, קעגן ציוניזם. די ייִדן האָבן מורא זיך אים אַנטקעגנצושטעלן און זענען אַפֿילו געצוווּנגען אָפּצוגעבן אַנטי־ציוניסטישע דערקלערונגען, בפֿרט קעגן די שליחים פֿון ארץ־ישׂראל.

איך האָב געבעטן מײַנע באַקאַנטע זיי זאָלן מיט מיר קומען צום חכם־באַשי, אָבער קיינער האָט זיך נישט דערוועגט, אויס מורא פֿאַר זײַן שווערער האַנט. סוף־כּל־סוף האָב איך באַשלאָסן צו גיין אַליין. אין זײַן פּריוואַטער דירה, אין וואַרטצימער, האָט מיך אויפֿגענומען אַ שומר־ראש, אַן אַראַבער אַ בעל־גוף, מיט גאָלדענע פּאַסן אויף די הויזן און אַ שטעקן מיט אַ זילבערן הענטל. אויף זײַן שאלה האָב איך געזאָגט אַז איך בין אַ ייִדישער סאָלדאַט און איך וויל רעדן מיטן חכם־באַשי.

נאָך עטלעכע רגעס האָט זיך באַוויזן דער חכם־באַשי בכבודו ובעצמו, באַגלייט פֿונעם שומר־ראש. איך האָב קוים באַוויזן אים צו באַגריסן און אים זאָגן אַז איך קום פֿון ארץ־ישׂראל. ער האָט מיר באַלד געענטפֿערט אַז ער וויל גאָר נישט זען קיין ציוניסטן, וואָס גראָבן אונטער די אויטאָריטעט פֿון דער איראַקישער מאַכט און פֿאַרנאַרן די ייִדן זאָלן פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. און ווי ער האָט דאָס געזאָגט, איז ער צוריק אַרײַן אין זײַן צימער.

דער ענין האָט מיך שטאַרק פֿאַרדראָסן, אָבער איך האָב געטראַכט אַז עס וועט קומען די צײַט, ווען איך וועל דעם רב אָפּצאָלן פֿאַר זײַן אויפֿפֿירונג. דערווײַל האָב איך געפּרוּווט געוווירן ווערן וואָס פֿאַר אַ פֿאַרשוין דאָס איז. און איך האָב זיך דערוווּסט אַז ער איז אַן אמתער אָריענטאַלישער דעספּאָט, אַ מין שייך וואָס געוועלטיקט איבער זײַנע אונטערטאַנערס און קיינער דערוועגט זיך נישט אים אַנטקעגן צו רעדן. מען האָט מיר אויך געזאָגט אַז ער איז אַ גרויסער עושר און פֿאַרנעמט דעם פּאָסטן ווי אַ חכם־באַשי נאָר צוליב כּבוד.

אין באַגדאַד האָט דעמאָלט געלעבט אַ ייִד, וועגן וועלכן מען האָט געזאָגט אַז ער איז דער רײַכסטער מענטש אין איראַק. זײַן נאָמען איז געווען יחזקאל דניאל. ער איז אויך געווען דער איינציקער ייִדישער סענאַטאָר אין איראַק. כּדי צו באַווײַזן זײַן אַסימילאַטאָרישקייט און צו גלײַך זײַן פּאַטריאָטיזם האָט ער אויסגעהאַלטן אויף זײַן חשבון אַראַבישע שולן. אָט דער ייִד פֿלעגט ערב דעם קריסטלעכן נײַיאָר אײַנאָרדענען אין זײַן פּאַלאַץ אַן אָוונט, צו וועלכן ער פֿלעגט אויך פֿאַרבעטן ענגלישע סאָלדאַטן פֿון הויפּטקוואַרטיר.

אַזוי ווי איך האָב געהערט צו דעם הויפּטקוואַרטיר, האָב איך באַשלאָסן

צו גיין אויף דעם אָוונט און זען וואָס פאַר אַ שייכות עס האָט אַזאַ באַגדאַדער אַסימילאַנט צו דעם קריסטלעכן נייִיאָר. אין דעם סענאַטאָרס פּאַלאַץ איז געווען פאַרזאַמלט די גאַנצע סמעטענע פון דער איראַקישער געזעלשאַפט, בעיקר רעגירונג־קרייזן. צווישן זיי איז אויך געווען דער חכם־באַשי. דווקא די רעגירונג־מענטשן האָבן זיך נישט איבערגעשראָקן ווען איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ווי אַ ייִד פון ארץ־ישראל, בלויז דער חכם־באַשי האָט מיך אויסגעמיטן.

מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט כאַפּן אַ שמועס מיטן חכם־באַשי. האָב איך זיך געוואָנדן צום בעל־הבית און אים געבעטן ער זאָל מיך פאָרשטעלן פאַרן רב הראָשי, ווייל איך האָב געהערט אַז ער איז אַ גרויסע פּערזענ־לעכקייט. דער בעל־בית האָט מיך תּיכּף צו אים צוגעפירט און מיך פאָרגע־שטעלט ווי אַ סאָלדאַט פון ארץ־ישראל וואָס וויל מיט אים רעדן. איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנט אים צו באַגריסן און ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט, אָבער איך האָב געפילט אַז ער האַלט מײַן האַנט ווי גלייך זי וואָלט געווען אַ זשאַבע.

דער רב הראָשי האָט מיך נישט געלאָזט קומען צום וואָרט און האָט באַלד אָנגעהויבן צו זידלען די סאָלדאַטן פון ארץ־ישראל וואָס פאַרנאַרן, כלומרשט, די ייִדישע יוגנט און העצן זיי אויף צו פאַרלאָזן זייער פאָטערלאַנד, איראַק. איך האָב אים באַוויזן צו פרעגן: ווי אַזוי זאָלן ייִדן זײַן געטרײַ דעם איראַ־קישן פאָטערלאַנד, אַז די איראַקער האָבן אָקערשט געשאָכטן צענדליקער ייִדן און זיי אויפגעהאַנגען ווי בהמות אויף די האָקנס אין שעכטהויז. דאָ האָט זיך דער חכם־באַשי צעהיצט און מיר געפּרוּווט דערקלערן אַז דאָס האָבן די ענגלענדער אויפגעהעצט די איראַקישע מאַסן קעגן די ייִדן. בעת די איראַקער זענען געווען פאַרנומען מיט די ייִדן, האָבן זיך די ענגלענדער געקענט אַרייַנרײַסן אין באַגדאַד און באַזעצן די שטאָט...

איך בין אַוועק דערווידערט פון דעם חכם־באַשי און האָב געטראַכט אַז די באַגדאַדער ייִדן נייטיקן זיך טאַקע אין סיעתא דשמיא כדי פּטור צו ווערן פון זייער רב.

איך האָב נאָך באַגעגנט דעם חכם־באַשי בײַ אַן אויפנעם וואָס דער איראַ־קישער פּרעמיער־מיניסטער, פּאַטשאַטשי, האָט אײַנגעאָרדנט פאַר דער ענ־גלישער אַרמיי. עס זענען זיך צונויפגעקומען בײַ אַזאַ געלעגנהייט אַלע קרובים למלכות און, פאַרשטייט זיך, צווישן זיי דער חכם־באַשי. ער איז געווען אַרומגערינגלט פון זײַנע חסידים און האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ כאַליף. דער בעל־הבית האָט פאָרגעשטעלט זײַנע געסט און אַזוי בין איך

ווידער געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיטן חכם־באַשי. איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה און האָב אים באַגריסט, אָבער די האַנט האָב איך נישט אויסגע־שטרעקט. דאָס איז בפירוש געווען אַ באַליידיקונג און איך האָב טאַקע מיט צופרידנקייט געזען ווי ער ווערט רויט אָנגעצונדן פאַר כעס.

דעם סדר פּסח פלעגן מיר פּראַווען אין יידישן קוואַרטאַל, ביי אַ חבר פון דער באַוועגונג. נאָכן סדר פלעגן מיר זיצן ביז שפּעט ביי נאַכט, זינגען, טאַנצן און דערציילן וועגן ארץ־ישראל. איין מאָל, ערב פּסח, איז אָנגעקומען אין באַגדאַד דער ארץ־ישראלדיקער פידלער ישראל צייטלין. ער האָט אויך געדינט אין דער אַרמיי און איז געווען אויפן וועג קיין טעהעראַן, ווו ער האָט געדאַרפט געבן אַ קאָנצערט פאַרן ענגלישן מיליטער. ס׳איז נישט געווען שווער אים איבערצורעדן ער זאָל פּראַווען דעם סדר מיט אונדז צוזאַמען.

מיר האָבן אָפּגעריכט דעם סדר כדת וכדין. ישראל צייטלין האָט אונדז מחיה געווען מיט זיין פידעלע און ווען די שטימונג איז געווען גאָר אַ גע־הויבענע, האָט איינער פון די אָרטיקע חברים פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן אַלע גיין צו דעם חכם־באַשי און דאָרט אָפּריכטן אַן ארץ־ישראלדיקן סדר. איך בין, פאַרשטייט זיך, מסכים געווען, אָבער איך האָב געוואָרנט מיינע חברים אַז מען וועט אונדז נישט אַריינלאָזן. דערויף האָבן די אָרטיקע יידן מיר געגעבן צו פאַרשטיין אַז ס׳איז פאַראַן אַ מינהג ביי די באַגדאַדער יידן, נישט צו פאַרשליסן די טירן אין דער נאַכט פון פּסח, כדי מקיים צו זיין דעם פּסוק: כל דיכפין ייתי ויכל. אַזוי זענען מיר, די גאַנצע חברותא, אויסגע־וואַקסן ביים חכם־באַשי.

דער טיש איז געווען געדעקט כיד־המלך און אַרום טיש זענען געזעסן צענדליקער מענטשן, משפחה און פריינד. דער חכם־באַשי איז געזעסן אויבנ־אָן, אויף אַ הויכן שטול און געפירט דעם סדר. מיר זענען געשטאַנען אַרום דעם טיש, אין איינעם מיט אַנדערע געסט און האָבן זיך צוגעהערט. די באַגדאַדער יידן פּראַווען דעם סדר גאָר אַנדערש ווי די אַשכנזישע יידן. מען איז מכבד איטלעכן גאַסט מיט אַ פּסוק פון דער הגדה און דערנאָך חזרן אַלע איבער דעם פּסוק אין איינעם. דערפאַר געדויערט טאַקע דער סדר זייער לאַנג.

נאָך דער הגדה און נאָך דער סעודה האָט מען אָנגעהויבן צו זינגען. אונדזערע חברים האָבן געזונגען העברעישע לידער, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט ביי די ארץ־ישראלדיקע סאָלדאַטן. דער חכם־באַשי האָט געברענט פאַר כעס, אָבער ער האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט, ווייל דער גאַנצער עולם איז געווען בגילופין און האָט מיטגעזונגען. אין יענער סדר־נאַכט האָבן אונדזערע חברה

אַ לאַנגע צײַט געװעלטיקט אין דער דירה פונעם חכם־באַשי און די שכנים האָבן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן געהערט העברעיִשע לידער. צום סוף האָבן מיר אַלע אױסגערופן די באַקאַנטע ברכה: לשנה הבאה בירושלים. שפּעטער האָט מען דערציילט אין באַגדאַד, אַז נאָך יענעם סדר איז דער חכם־באַשי צוויי װאָכן געלעגן קראַנק און זיך נישט געװיזן צװישן מענטשן.

צום באַדויערן איז דאָס נישט געװען מײַן לעצט באַגעגעניש מיט דעם חכם־באַשי. איך האָב אים נאָך אַ מאָל געזען אין בנין פון דער יידישער קהילה אין באַגדאַד, װוּ איך בין אים געקומען װאָרענען אַז עס לאָקערט אַ סכּנה אױף די באַגדאַדער יידן. דעם צװייטן נאָװעמבער איז דער טאָג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און מיר האָבן באַקומען ידיעות אַז אַראַבישע אױפגעהעצטע עלעמענטן גרייטן צו אַ פּאָגראָם אין יידישן קװאַרטאַל. מיר האָבן די אינפאָרמאַציע באַקומען פון אונדזערע שליחים װאָס האָבן זיך פאַרנומען מיט הגנה־ענינים.

פאַרשטייט זיך אַז דער חכם־באַשי האָט אַפילו נישט געװאָלט הערן דערפון און האָט געטענהט אַז מיר טראַכטן בכיוון אױס אַ בילבול אױף דער איראַקישער ממשלה, װאָס האָט אַ גוטע באַציִונג צו די יידן אין לאַנד.

די הגנה־שליחים האָבן אונדז באַפוילן צו אינפאָרמירן די ארץ־ישׂראלדיקע איינהייטן װאָס געפינען זיך אין באַגדאַד און אין דער געגנט װעגן דער סכּנה פון אַן אַראַבישן אָנפאַל אױפן יידישן קװאַרטאַל, כּדי מיר זאָלן אין איינעם באַשליסן װי אַזױ מען קען דאָס אױסמײַדן. מיר האָבן תּיכּף צונױפגערופן אַ זיצונג פון אונדזער איינהייט, די איינהייט װאָס האָט געאַרבעט בײַ די מאַפּעס און די טראַקטאָריסטן־איינהייט, װאָס האָט געלאַגערט נישט װײַט פון באַגדאַד. אָט די דרײַ ארץ־ישׂראלדיקע איינהייטן זענען געװען באַװאָפנט און מען האָט באַשלאָסן צו פאַרטיידיקן דעם יידישן קװאַרטאַל אין פאַל פון אַ פּאָגראָם.

אָט דער באַשלוס האָט געדאַרפט בלײַבן בסוד, אָבער די ענגלישע אייבער־קאָמאַנדע האָט זיך דערפון דערװוּסט און האָט אַרױסגעגעבן אַ באַפעל אַז פון ערשטן ביזן פינפטן נאָװעמבער טאָר קיין שום ענגלישער סאָלדאַט זיך נישט באַװײַזן אױף די גאַסן פון באַגדאַד. דערמיט האָבן זיי געװאָלט לייזן די פּראָבלעם.

מיר האָבן זיך געװאָנדן דורך אַ דעלעגאַציע צו דעם ענגלישן אָפיציר װאָס איז געװען פאַראַנטװאָרטלעך פאַר דער שטאָט באַגדאַד און האָבן אים געלאָזט װיסן אַז אױב די אַראַבער װעלן אָנפאַלן אױפן יידישן קװאַרטאַל, װעלן מיר זיך נישט רעכענען מיט דעם באַפעל און װעלן קומען צו הילף,

אַפילו מען וועט אונדז דערנאָך אַלע שטעלן פאַרן מיליטערישן געריכט. מיר וועלן נישט לאָזן פאַרגיסן קיין ייִדיש בלוט.

דער ענגלישער קאָמענדאַנט האָט גענטעהט אַז ער פאַרשטייט זייער גוט אונדזערע געפילן, אָבער ער טאָר נישט דערלויבן אַז מיר זאָלן נעמען דאָס געזעץ אין אייגענע הענט; ער איז אונדז אָבער מבטיח אַז דעם צווייטן נאָוועמבער וועלן אַ גאַנצן טאָג פּאַטראָלירן ענגלישע טאַנקען, באַזונדערש ביַי די אַריַינגענג אין ייִדישן קוואַרטאַל. ער האָט באַטאָנט אַז ער גיט אונדז די הבטחה ווי אַן ענגלישער אָפיציר און מיר קענען זיך דערויף פאַרלאָזן.

כאָטש מיר האָבן געהאַט דאָס וואָרט פון אַן ענגלישן דזשענטלמען האָבן מיר באַשלאָסן אַז די ארץ־ישׂראלדיקע איינהייטן דאַרפן זיַין גרייט אין זייערע לאַגערן און אויפהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיטן ייִדישן קוואַר־טאַל דורך אונדזערע פאַרבינדונגס־מענטשן. אויב עס וועט זיַין אַ חשד, זאָל מען אונדז צו וויסן טאָן און מיר וועלן קומען מיט אונדזערע אויטאָס. מיר האָבן אויך געפונען אַ וועג צו אינפאָרמירן די איראַקישע אויטאָריטעטן, אַז אויב זיי וועלן צולאָזן מען זאָל אָנפאַלן אויפן ייִדישן קוואַרטאַל, וועלן מיר קומען און איַינשטעלן אַ סדר.

דאָס איז פאָרגעקומען דעם ערשטן נאָוועמבער 1944, אַ טאָג וואָס איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן, מחמת דעם אומרו און דעם פחד פאַרן גורל פון די איראַקישע ייִדן. דווקא אין יענעם טאָג האָבן מיר באַקומען נאָך אַ שלעכטע בשׂורה פאַר דער הלוצישער באַוועגונג, וועגן וועלכער עס האָבן קיין סך נישט געוווּסט.

אַ לאַנגע צייַט האָבן מיר געהאַט אַן אָפּמאַך מיט ענגלישע סאָלדאַטן וואָס האָבן געהערט צו דער „ענזאַ"־איינהייט. זייער אַרבעט איז געווען צו פירן אין גרויסע לאַסטאויטאָס פאַרשיידענע קינסטלערס, אַקטיאָרן און מוזיקערס, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרוויַילן די ענגלישע סאָלדאַטן אין לבנון, סיריע און איראַק. דער הויפּטקוואַרטיר פון דער „ענזאַ"־איינהייט איז געווען אין ארץ־ישׂראל. בעת זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון איראַק האָבן זיי מיטגענומען צווישן די דעקאָראַציעס וואָס זיי האָבן געפירט עטלעכע חברים פון דער באַוועגונג און דערפאַר האָט מען זיי גוט באַצאָלט. די שיטה איז געווען אַ פּשוטע און אַ זיכערע, וויַיל די מיליטערישע פּאָליציי ביַי דער גרענעץ האָט קיין מאָל נישט געזוכט צווישן די דעקאָראַציעס.

מיר האָבן זיך אַ לאַנגע צייַט באַנוצט מיט דעם דאָזיקן וועג. וויַיזט אויס אַז עס איז געווען אַ מסירה. פּלוצעם האָבן מיר באַקומען אַ קורצע ידיעה, אַז די ענגלישע סאָלדאַטן זענען אַרעסטירט געוואָרן און אַ מיליטעריש

געריכט אין ירושלים וועט זיי מישפטן פאַר שמוגלען מענטשן איבער דער גרענעץ. וועגן דעם גורל פון אונדזערע חברים וואָס זענען געווען אין אויטאָ האָבן מיר נאָך גאָרנישט געוווּסט. דאָס האָט אונדז זייער געשראָקן, ווײַל אויב די עלטערן פון די חברים זאָלן זיך דערפון דערוויסן, וועט זיך פונאַנ־דערפאַלן דער גאַנצער החלוץ אין איראַק.

מיט אָט די פּחדים אין האַרצן האָב איך נישט געקענט אײַנשלאָפן אין יענער נאַכט פון ערשטן נאָוועמבער. איך האָב זיך געוואַלגערט אויף מײַן שטרויזאַק און געטראַכט: פאַר וואָס קומט אונדז די ענגלענדער זאָלן זיך אַזוי אויפפירן? שוין יאָרן וואָס מיר טאָן אַלץ, וואָס מיר זענען האַלצהאַקערס און וואַסער־טרעגערס, אַבי זיי צו העלפן אין דער מלחמה קעגן די דײַטשן. פאַר וואָס קומט עס אונדז?

ענדע 1944 קומען אָן פון אַלע פראָנטן גוטע נײַעס. די היטלעריסטישע אַר־מייען לײַדן איין בראָך נאָכן אַנדערן, זיי לויפן ווי פאַרסמטע מײַז צוריק קיין דײַטשלאַנד, פון מיזרח און פון מערב. און אין אַזאַ צײַט האָבן די ענגלענדער נישט קיין אַנדערע דאגות ווי צו רודפן די ייִדן וואָס ווילן לעבן אין ארץ־ישראל. אָן בושה שטיצן זיי די איראַקישע רעגירונג און דעם קאַמף וואָס זי פירט קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג. זיי פירן זיך אויף ווי גלײַך מיר, ייִדן, וואָלטן געווען זייערע גרעסטע שונאים און וואָלטן געשטעלט אין סכנה די ענגלישע אימפעריע.

בעת איך בין אַזוי געלעגן און געטראַכט האָב איך פּלוצעם דערזען צוויי געשטאַלטן אַרײַנקומען אין צריף. מיט עלעקטרישע לעמפּלעך זענען זיי געגאַנגען פון בעט צו בעט און איבערגעלייענט די נעמען — ביז זיי זענען צוגעקומען צו מײַן בעט. זיי האָבן מיר אַ לײַכט געטאָן אין די אויגן און מיר באַפוילן אויפצושטיין: דער קאָמענדאַנט פון לאַגער וואַרט אויף מיר אין זײַן ביוראָ. באַפעל איז באַפעל. איך האָב זיך אָנגעהויבן אָנטאָן שטיל, כּדי נישט צו שטערן מײַנע שכנים. ערשט ווען זיי האָבן מיר געהייסן צונויפ־נעמען אַלע מײַנע זאַכן, אַרײַנלייגן אין מיליטערישן זאַק און מיטנעמען מיט זיך, האָב איך אָנגעהויבן צו רעדן אויך, אויף אַ קול, כּדי מײַן שכן מאיר לוי זאָל הערן און צו וויסן טאָן מײַנע חברים אַז איך בין אַרעסטירט.

די צוויי פּאָליציאַנטן האָבן נישט אין אַכט גענומען מײַנע פּראָטעסטן און האָבן גיך אַרײַנגעוואָרפן מײַנע זאַכן אין מיליטערישן זאַק. זיי האָבן מיך אויך נישט געלאָזט צוגיין צו מאיר לוי אים אויפוועקן.

אין ביוראָ האָט אויף מיר געוואַרט דער מיידזשער ר. פון דער ארץ־ישראל־דיקער אײַנהייט. מיט אַ בייז קול, ווי גלייך איך וואָלט געווען געהרגעט

זײַן באַבע, האָט ער מיר דערקלערט אַז ער האָט אַ באַפֿעל מיך אַרויסצושיקן פֿון איראַק און אַז אין ארץ־ישׂראל וועט מיך מישפּטן דאָס מיליטערישע געריכט. אויף מײַן שאלה מיט וואָס איך האָב זיך פֿאַרזינדיקט, האָט ער מיר געענטפֿערט אַז ער ווייס נישט. איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיר דערלויבן אויפֿוועקן מײַן שכן מאיר לוי, כּדי ער זאָל צו וויסן טאָן מײַן משפּחה און מײַנע פֿרײַנד אַז איך בין אַרעסטירט. דערויף האָט מיר דער מיידזשער געענטפֿערט אַז ער האָט אַ באַפֿעל איך זאָל זיך מיט קיינעם נישט פֿאַרבינדן. די צוויי מיליטערישע פּאָליציאַנטן האָבן מיך מיט געוואַלד אַרײַנגעזעצט אין אַן אויטאָ און אין איינעם מיטן מיידזשער ר. זענען מיר געפֿאָרן אין טראַנזיט־לאַגער. פֿון דאָרטן האָט מען מיך געדאַרפֿט פֿירן, באַוואַכט פֿון מיליטערישער פּאָליציי, דורכן מידבר, קיין ארץ־ישׂראל.

עד־היום, ווען איך טרעף זיך מיט מאיר לוי, קען ער נישט פֿאַרשטיין ווי אַזוי ער איז געשלאָפֿן בעת איך האָב זיך געאַמפּערט מיט די צוויי מיליטערישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן מיך אַרויסגעשלעפּט פֿון בעט אין מיטן נאַכט. ער האָט מיר דערציילט אַז צו מאָרגנס, ווען ער האָט געזען אַז מײַן בעט איז פֿונאַנדערגעוואָרפֿן און איך בין נישטאָ, איז ער געבליבן געפּלעפֿט. ער האָט צו וויסן געטאָן מײַנע חברים אַז איך בין נעלם געוואָרן און מען האָט מיך אָנגעהויבן צו זוכן. ערשט אין צוויי וואָכן אַרום, ווען איך בין אָנגעקומען אין טראַנזיט־לאַגער פֿון חיפֿה, האָט מען זיך דערוווּסט וואָס עס איז געשען.

קיינער האָט נישט געוווּסט ווו איך בין אַהינגעקומען. אייניקע האָבן מיך אַפֿילו מספּיד געווען. שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן אַז די איראַקישע רעגירונג האָט געפֿאָדערט פֿון די ענגלענדער מען זאָל מיך אַרויסשיקן פֿון לאַנד, ווײַל איך בין אַ טעראָריסט און פּלאַניר קעגן זיי טעראָריסטישע פּעולות. אַחוץ דעם האָבן זיי מיך באַשולדיקט אַז איך העלף אַרויסשמוגלען ייִדן פֿון איראַק קיין ארץ־ישׂראל און אַז איך האָב אָנגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט צווישן דער אילעגאַלער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער „ענזאָ", וואָס האָט די ייִדן אַריבערגעפֿירט די גרענעץ.

ווי אַזוי איך האָב זיך אַרויסגעדרייט פֿון דעם גאַנצן עסק — וועל איך דערציילן שפּעטער. איצטער וויל איך נאָר באַמערקן אַז דער ענגלישער שטאָט־קאָמענדאַנט פֿון באַגדאַד האָט געהאַלטן וואָרט: דעם צווייטן נאָוועמבער האָבן אַ גאַנצן טאָג, פֿון גאַנץ פֿרי אָן, פּאַטראָלירט בריטישע טאַנקען אַרום דעם ייִדישן קוואַרטאַל און אַלץ איז אַדורך בשלום. צוליב דעם האָב איך מוחל געווען די ענגלענדער די עוולה וואָס זיי האָבן מיר געטאָן. אָבער ביזן הײַנטיקן טאָג קען איך נישט פֿאַרשטיין פֿון וואַנען עס האָט זיך

געבומען די שינאה פונעם חכם־באַשי קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג. איך בין איבערצײַגט אַז אויב עס איז נאָך הײַנט פֿאַראַן אין באַגדאַד אַן אומגליקלעכע יידישע קהילה — איז אין דעם נאָר שולדיק דער רב הראשי ששון כדורי.

י

אויפן וועג קיין אייראָפּע

פרומע ייִדן האַלטן אַז אַלץ קומט פון דער השגחה עליונה. ווער עס גלייבט אין דעם מוז טאַקע זאָגן אַז גאָט פירט דעם מענטשן צו זײַן ציל דורך פאַרבאָרגענע וועגן און אומוועגן. אַ ראיה איז מײַן אייגענער גורל, די וועגן דורך וועלכע איך אַליין האָב דערגרייכט מײַן ציל.

ווען די ענגלישע רעגירונג האָט סוף־כּל־סוף געגעבן איר הסכּמה אויפֿצושטעלן אַ ייִדישע בריגאַדע פון ארץ־ישׂראלדיקע פרײַוויליקע און צוגעזאָגט איר צו געבן אַ מעגלעכקייט זיך צו באַטייליקן מיט וואָפן אין די הענט אין דער מלחמה קעגן דײַטשן פאַשיזם, האָב איך כּמעט יעדע וואָך געפּאָדערט מען זאָל מיך טראַנספערירן אין דער ייִדישער בריגאַדע. מען האָט מיר אָבער כּסדר אָפּגעזאָגט. איך האָב נישט געהאַט קיין רו און האָב נאָר געטראַכט ווי אַזוי צו געפינען אַ וועג צו דער ייִדישער בריגאַדע, בפרט ווען איך האָב געהערט אַז זי וועט אָנטייל נעמען אין די קאַמפן צו באַפרײַען איטאַליע. דאָס האָט געהייסן אין תּוך זיך באַטייליקן אין דער באַפרײַונג פון דער ייִדישער שארית־הפּליטה.

כּדי צו דערגרייכן מײַן ציל האָב איך געדאַרפט אַרעסטירט ווערן און פאַרטריבן ווערן פון איראַק. איך בין נישט אויפגענומען געוואָרן אין דער ייִדישער בריגאַדע, אָבער איך בין געקומען אין אייראָפּע און האָב געהאַט די זכיה זיך אַקטיוו צו באַטייליקן אין קאַמף אַרויסצורײַסן די געראַטעוועטע ייִדן פון גיהנום און זיי העלפן קומען אין ארץ־ישׂראל. נאָר וועגן דעם וועל איך שפּעטער דערציילן.

די נסיעה פון איראַק קיין ארץ־ישׂראל, באַגלייט פון צוויי ענגלישע מיליטער־פּאָליציאַנטן, אין אַ לאַסטאויטאָ דורך איראַקישן מידבר — איז נישט געווען קיין פאַרגעניגן. מײַנע באַגלייטערס האָבן זיך נישט געאײַלט און

האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין יעדער סטאַנציע. איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה, ווי זיך צוצוהערן צו זייערע לאַנגווײַליקע וויצן, אָדער טרינקען מיט זיי אַ גלאָז ביר.

נאָך צוויי וואָכן מאַטערניש זענען מיר סוף־כּל־סוף אָנגעקומען, שפּעט בײַ נאַכט, אין טראַנזיט־לאַגער פון בת־גלים, לעבן חיפה. די באַגלייטערס האָבן מיך איבערגעגעבן אַ מיליטערישן פּאָליציאַנט און זענען פון מיר פּטור געוואָרן. דער פּאָליציאַנט האָט מיך אָן שאלות איבערגעגעבן דעם סאָלדאַט פון דער מיליטערישער תּפיסה און דער סאָלדאַט האָט מיך תּיכּף פאַרשפּאַרט אין אַ תּפיסה־קאַמער, כּדי ער זאָל קענען ווײַטער שלאָפן. כאָטש איך בין געווען מיד און צעבראָכן פון דער לאַנגער נסיעה, האָב איך נישט געקענט פאַרמאַכן אַן אויג. אָט בין איך אין בת־גלים, עטלעכע קילאָמעטער פון מײַן משפּחה, און קען צו זיי נישט קומען.

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געזעסן און זיך צוגעהערט צום רוישן פון די כוואַליעס אויפן ים אין דער נאָענט. פּלוצעם האָב איך דערהערט עמעצן רעדן עברית. איך האָב אָנגעהויבן קלאַפּן אין טיר און בעטן מען זאָל צוקומען נענטער. איך האָב געזאָגט מײַן נאָמען און געבעטן מען זאָל איבער־געבן דעם ייִדישן אָפיציר אין לאַגער, אַז איך בין פאַר צוויי וואָכן אַרעסטירט געוואָרן אין איראַק און איצט געפין איך זיך דאָ אין תּפיסה. כ׳האָב געוווּסט אַז בדרך־כּלל איז אין אַלע לאַגערן פון ארץ־ישׂראל דער ממלא־מקום פון ענגלישן קאָמענדאַנט אַ ייִד, און זייער אָפט אַ חבר פון דער הגנה.

נאָך אַ קורצער צײַט האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳איז אַרײַנגעקומען אַ ייִדישער סערזשאַנט מיידזשער. ער האָט מיך אויסגעפאָרשט דורך פאַר־שיידענע שאלות, כּדי צו זען צי איך דערצייל דעם אמת. דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט אַז מיר פאָרן תּיכּף מיט זײַן אויטאָ צו דודקע נמרי, וואָס פרעגט זיך יעדן טאָג נאָך אויף מיר.

ווען איך האָב דערהערט דעם נאָמען דודקע — האָב איך זיך באַרויִקט. איך האָב געוווּסט אַז ער איז דער אָנפירער פון „מוסד״ אין דער חיפהר געגנט. ווען איך פלעג קומען פון איראַק אויף אורלויב פלעג איך זיך מיט אים באַגעגענען און אים אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן דער אַקטיוויטעט פון דער באַוועגונג.

הגם ס׳איז שוין געווען שפּעט איז דודקע נאָך געווען אין ביוראָ. איך האָב אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי מען האָט מיך אַרעסטירט און אַז דער ארץ־ישׂראלדיקער אָפיציר אין באַגדאַד האָט מיר געזאָגט אַז מען וועט מיך מישפּטן אין ירושלים אין מיליטער־געריכט. דודקע האָט

געזאָגט אַז דער עיקר איז וואָס איך לעב. מען האָט מורא געהאַט אַז מען האָט מיך ליקווידירט... דאָ האָט ווער צו זאָרגן פאַר מיר.

ער האָט מיר אויך געזאָגט אַז אויב מען וועט מיך אויספאָרשן זאָל איך גאָרנישט זאָגן ביז איך וועל זיך נישט מיט אים טרעפן נאָך אַ מאָל און ער וועט האָבן אַנווייזונגען ווי איך דאַרף זיך האַלטן. איך האָב אים פאַרזיכערט אַז אין די קומענדיקע טעג וועט מען מיך אוודאי נישט אויספאָרשן, ווייל מיינע אַקטן געפינען זיך נאָך אין באַגדאַד. מיינע באַגלייטערס האָבן נאָר געבראַכט אַ בריוו, אין וועלכן עס שטייט מען זאָל מיך דערווייל האַלטן אין תּפיסה ביז אַ שליח וועט ברענגען די אַקטן מיט דער באַשולדיקונג. אויב אַזוי — האָט דודקע געזאָגט — דאַרף איך נישט דאַגהן, ווייל די פּאָסט קומט קודם אין די הענט פון די הגנה־שליחים וואָס אַרבעטן אין ביוראָ, אַזוי אַז דער „מוסד" וועט תּיכּף וויסן אין וואָס מען באַשולדיקט מיך.

איידער מיר האָבן זיך געזעגנט האָב איך אים געבעטן ער זאָל הייסן דעם סערזשאַנט מיידזשער ער זאָל מיך צופירן ביז קיין קרית־חיים צו מיין משפּחה. איך וויל נישט, האָב איך געטענהט, אַז מיין פרוי זאָל געוווּיר ווערן דורך אַנדערע וואָס עס איז געשען, ווייל דאָס וועט זי נאָך מער באַאומרויִקן. דודקע האָט מיך תּיכּף פאַרשטאַנען און האָט דערפילט מיין בקשה.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, פלעג איך קומען אויף אורלויב פון איראַק בלויז איין מאָל אין יאָר. אַזוי ווי איך בין ערשט געווען פאַר דריי חדשים, האָט אלישבע זיך זייער פאַרוווּנדערט ווען זי האָט געהערט קלאַפּן אין פענצטער, אין מיטן נאַכט. עס איז פאָרגעקומען בערך אַזאַ דיאַלאָג צווישן אונדז:

— ווער איז דאָרט?

— דאָס בין איך, שמעון!

— וואָס פאַר אַ שמעון?

— שמעון, דיין מאַן!

— דאָס קען נישט זיין...

ווען זי האָט סוף־כּל־סוף געעפנט די טיר האָב איך איר בקיצור דערקלערט וואָס עס איז געשען און איר געזאָגט ווי זי דאַרף זיך פאַרהאַלטן, אויב מען וועט זי עפּעס פרעגן. איך האָב איר אויך געזאָגט אַז דודקע וועט אויפהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן אונדז. איך האָב איר איבערגעלאָזט מיין אַדרעס פון תּפיסה און מיר האָבן זיך געזעגנט. ווען איך בין צוריקגעקומען אין תּפיסה איז שוין געווען פאַר טאָג.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך זיך ווידער באַגעגנט מיט דודקען,

אויך בײַ נאַכט. די דאָקומענטן פון באַגדאַד זענען נאָך אַלץ נישט געקומען און מען האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט אין וואָס מען באַשולדיקט מיך. אין יענער צײַט האָט דער „מוסד" באַשלאָסן צו שיקן קיין אייראָפּע אַ גרופּע מענטשן פון ארץ־ישׂראל, אין ציוויל, זיי זאָלן נאָכגיין די דײַטשע אַרמייען וואָס האַלטן זיך אין צוריקציִען. די דאָזיקע גרופּע האָט געדאַרפט תּיכּף אָנקומען אין די לאַגערן פון אייראָפּע און דאָרט אָרגאַניזירן די הילף פאַר דער שארית־הפליטה. היות איך האָב גוט גערעדט דײַטש, האָט מיר דודקע פאָרגעשלאָגן איך זאָל אַנטלויפן פון דער ענגלישער אַרמיי און זיך באַטייליקן אין דער דאָזיקער אַקציע.

איך האָב אַוודאי זייער געוואָלט זײַן צווישן די ערשטע וואָס קומען אין אייראָפּע העלפן אונדזערע געראַטעוועט ברידער. פון דעסטוועגן האָב איך דעם פאָרשלאָג נישט געקענט אַקצעפּטירן. קודם־כּל האָב איך געגלייבט אין דעם אַז די ארץ־ישׂראלדיקע סאָלדאַטן וועלן האָבן אַ וויכטיקע ראָלע אין קאַמף קעגן דער מאַנדאַטאָרישער רעגירונג, ווי באַלד די מלחמה וועט זיך ענדיקן. אַחוץ דעם האָב איך נישט געוואָלט אַז נאָך דעם ווי איך האָב פיר יאָר געדינט אין דער ענגלישער אַרמיי זאָל מען אויף מיר ווײַזן מיטן פינגער אַז איך בין אַ דעזערטירער. איך וועל דאָך נישט קענען איטלעכן דערציילן צוליב וואָס איך בין אַנטלאָפן. איך האָב צוגעזאָגט דודקען אַז איך וועל זײַן אין אייראָפּע און וועל דאָרטן מיטאַרבעטן מיט דער ארץ־ישׂראלדיקער גרופּע, איך וועל העלפן ראַטעווען ייִדן און זיי ברענגען קיין ארץ־ישׂראל, אָבער אַנטלויפן קען איך נישט. איך האָב טאַקע שפּעטער אײַנגעהאַלטן מײַן הבטחה, הגם איך בין נישט געווען צווישן די ערשטע אין אייראָפּע. איך בין דערווײַל צוריקגעגאַנגען אין מײַן תּפיסה־קאַמער אין בת־גלים.

אַ פאָר ווערטער וועגן דודקען: נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָב איך אים אָפט באַגעגנט. איך בין תּמיד געווען פאַרכּישופט פון זײַן פערזענלעכקייט און איבערגעגעבנקייט. פאַר זיך האָט ער קיין מאָל גאָרנישט געפאָדערט, אָבער ווען עס איז געגאַנגען אין דער באַוועגונג האָט ער געהאַט דעם כּוח צו פאָדערן אַלץ. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַן איידעלער, צאַרטער נשמה, אָבער אין דער זעלבער צײַט האַרט ווי שטאָל אין דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט. נישט איין מאָל איז אים אויסגעקומען צו באַשליסן אויף לעבן און טויט. דאָס איז געווען אַ קיבוצניק אין בעסטן זינען פון וואָרט, אַ מענטש וואָס האָט נישט געוווּסט פון קיין פערזענלעכע אינטערעסן. ער האָט נאָך זוכה געווען צו זען דעם אויפקום פון מדינת־ישׂראל און דעם קיבוץ־גלויות פון די געראַטעוועטע ייִדן. דער טויט האָט אים פאַר דער צײַט

אַוועקגעריסן פון צווישן אונדז. ווער עס האָט געהאַט די זכיה צו אַרבעטן אין זײַן מחיצה וועט אים קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

די דאָקומענטן אין שײַכות מיט מײַן באַשולדיקונג זענען נאָך אַלץ נישט אָנגעקומען פון באַגדאַד. אַזוי ווי בת־גלים איז נאָר געווען אַ טראַנזיט־לאַגער, האָבן מײַנע פרײַנד געפּועלט בײַ דעם ענגלישן קאָמענדאַנט מען זאָל מיך איבערפירן קיין רחובות, וווּ עס איז געווען אַ לאַגער פון ארץ־ישׂראלדיקע סאָלדאַטן. דער „בעל־הבית" איז דאָרט געווען דער סערזשאַנט זינגער, אַן אַלטער חבר פון דער הגנה, אַזוי אַז איך בין בעצם געווען פרײַ אַ גאַנצן טאָג. נאָר בײַ נאַכט בין איך געשלאָפן אין תּפיסה און דאָס האָט מיך נישט געאַרט. אַזוי זענען אַדורך עטלעכע חדשים, ביז דעם טאָג ווען בערלין איז באַפרײַט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי.

אַפּריל 1945. איך פאַרברענג די צײַט אין קלוב פון די סאָלדאַטן, לייען ביכער און פיר דיסקוסיעס. צו מאָל כאַפּ איך זיך אַרײַן קיין קרית־חיים צו דער משפּחה, אָבער נאָר אויף אַ קורצער צײַט, דער סערזשאַנט זינגער זאָל דורך מיר נישט האָבן קיין צרות.

סוף־כּל־סוף זענען אָנגעקומען די דאָקומענטן פון באַגדאַד. איך ווער באַשולדיקט אַז איך האָב אָרגאַניזירט אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער פרײַנדשאַפטלעכער איראַקישער רעגירונג אין צײַט פון מלחמה. איך ווער אויך באַשולדיקט אַז איך האָב אַרויסגעשמוגלט יידן פון איראַק, זיי געגעבן ענגלישע מונדירן און פאַלשע פּאַפּירן און דערצו אונטערגעקויפט ענגלישע סאָלדאַטן פון דער „ענזאַ"־איינהייט, וואָס האָבן די יידן אַרויסגעפירט פון איראַק קיין ארץ־ישׂראל.

פאַר דער לעכערלעכער באַשולדיקונג אַז איך האָב אָרגאַניזירט אַ באַ־וואָפנטן אויפשטאַנד — האָב איך קיין מורא נישט געהאַט, ווײַל איך האָב געקענט ברענגען צענדליקער עדות אַז אונדזער איינציקע פאָדערונג איז געווען צו פאַרזיכערן דאָס לעבן פון די באַגדאַדער יידן, אין פאַל ווען די אַראַבער וועלן אויף זיי אָנפאַלן דעם צווייטן נאָוועמבער. ווי באַלד דער שטאָט־קאָמענדאַנט פון באַגדאַד האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט די יידן באַשיצן, האָבן מיר קיין זאַך נישט געטאָן.

אויך די צווייטע באַשולדיקונג, אַז איך האָב אַרויסגעשמוגלט יידן פון איראַק, האָט מיך נישט באַאומרויִקט. איך בין גרייט געווען צו דערקלערן פאַר יעדן געריכט אַז איך בין שטאָלץ וואָס איך האָב געקענט העלפן אַרויס־רײַסן מײַנע ברידער פון איראַקישן גיהנום און קיינער קען מיך דערבײַ נישט צוריקהאַלטן. דאָס איינציקע וואָס האָט מיך באַאומרויִקט איז געווען

דאָס אונטערקויפן ענגלישע סאָלדאַטן, ווײַל איך האָב נישט געקענט וויסן וואָס זיי וועלן קעגן מיר אויסזאָגן, הגם איך פערזענלעך האָב קיין מאָל נישט געפירט מיט זיי קיין משא־ומתן.

בעת די דאָקומענטן האָבן זיך אַלץ פאַרשפּעטיקט האָב איך געטראַכט אַז די ענגלענדער ווילן אין דער גאַנצער זאַך פאַרגעסן. קיינער האָט מיך נישט אויסגעפאָרשט און איך האָב געפירט אַ נאָרמאַל לעבן, ווי אַנדערע סאָלדאַטן. היות איך בין געווען אַ קאָרפּאָראַל, האָט מען מיר פאַרטרויט דאָס אַחריות איבער דער שמירה פון לאַגער בײַ נאַכט. אַזוי אַרום האָב איך נישט מער געהאַט דאָס געפיל אַז איך עס אומזיסטיק ברויט...

די מלחמה האָט זיך געהאַט געענדיקט. אייראָפּע איז באַפרײַט געוואָרן. די סאָלדאַטן פון דער ייִדישער בריגאַדע, וואָס זענען מאָביליזירט געוואָרן שפּעטער ווי איך, געפינען זיך אין איטאַליע, אין עסטרײַך און אין האָלאַנד. אַחוץ דעם זענען פאַראַן אין איטאַליע ייִדישע גרופּעס וואָס פאַרנעמען זיך מיט טראַנספּאָרט־ענינים. אין ארץ־ישׂראל דערציילט מען נסים־ונפלאות וועגן דער אַרבעט פון אונדזערע בחורים אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, צווישן די געציילטע ייִדן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט.

דער מיטעלער מיזרח האָט אויפגעהערט צו זײַן אין סכּנה און דער גרעס־טער טייל פון די אַרמייען וואָס זענען יאָרן־לאַנג דאָ געווען קאָנצענטרירט ווערן אַריבערגעפירט קיין אייראָפּע, ווי אָקופּאַציע־טרופּן פון די אַלײִרטע. טויזנטער ענגלישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג נישט געהאַט קיין אורלויב, פאָרן איצט אַהיים.

פלוצעם האָב איך זיך דערוווּסט אַז אַ גרופּע ארץ־ישׂראלדיקע סאָלדאַטן פאָרן די נאָענטע טעג קיין איטאַליע, וווּ זיי דאַרפן זיך פאַרבינדן מיט אַן איינהייט פון סולל־בונה, וואָס געפינט זיך שוין דאָרטן. איך האָב געהאַט עגמת־נפש וואָס איך מוז זיצן אין רחובות און זיך ברעכן דעם קאָפּ צי מען וועט מיך מישפּטן אין מיליטערישן געריכט, בעת אין אייראָפּע נייטיקט מען זיך אין יעדן מענטש וואָס קען און איז גרייט צו העלפן. איך האָב באַשלאָסן אַז וואָס ס׳זאָל נישט זײַן — איך מוז פאָרן קיין אייראָפּע.

איך בין געפאָרן קיין חיפה צו דודקען און אים פאַרגעלייגט מײַן פּלאַן ווי אַזוי צו קומען קיין אייראָפּע. לויט די כּללים אין דער ענגלישער אַרמיי דאַרף בראָש פון יעדער גרופּע סאָלדאַטן זײַן איינער מיט אַ ראַנג. דעריבער שלאָג איך פאָר מען זאָל מיך שטעלן בראָש פון דער גרופּע וואָס פאָרט קיין איטאַליע זיך פאַרבינדן מיט דער סולל־בונה גרופּע. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָב איך געהאַט דעם ראַנג פון אַ קאָרפּאָראַל.

אמת, דער בריטישער קאָמענדאַנט דאַרף טאַקע חתמענען דעם רײַזע־באַפעל, אָבער היות ער קומט אין ביוראָ כּמעט תּמיד שיכּור, וועט ער זיך נישט נעמען די מי איבערצולייענען אַלע דרײַסיק נעמען פון דער רשימה. דאַרף מען נאָר אין זינען האָבן אַרײַנצושטעלן מײַן נאָמען אויף דער רשימה. דודקע האָט תּיכּף אָנגעשריבן אַ צעטל צו אַ סאָלדאַט, וואָס האָט זינט אַ קורצער צײַט געאַרבעט אין ביוראָ פון לאַגער אין רחובות. אָט דער סאָלדאַט האָט באמת גאָרנישט געוווּסט וועגן מיר. ער וועט תּמיד קענען טענהן אַז איך האָב זיך געמאָלדן פרײַוויליק און אַזוי ווי ס'איז נישט געווען קיין אַנדערער סאָלדאַט מיט אַ ראַנג וואָס זאָל טראָגן דאָס אַחריות פאַר דער גאַנצער גרופּע, האָט מען מיך צוגעשטעלט צו דער רשימה. סײַ ווי האָב איך געהערט צו דער טראַנספּאָרט־איינהייט, פּונקט ווי די גרופּע פון סולל־בונה.

דרײַ טעג האָב איך געוואַרט ווי אין אַ פיבער. דעם פערטן טאָג האָט מיך סוף־כּל־סוף גערופן דער סאָלדאַט צו וועלכן דודקע האָט געשיקט דאָס צעטל און האָט מיר איבערגעגעבן דעם רײַזע־באַפעל אין עטלעכע קאָפּיעס — אַלץ געחתמעט כּדת וכדין פון דעם ענגלישן קאָמענדאַנט. דאָרט איז געשטאַנען אַז דער פּול־קאָרפּאָראַל אָרנשטיין איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצער גרופּע.

איך האָב צונויפגעפּאַקט מײַנע זאַכן און בין געפאָרן קיין חיפה. דאָרטן האָב איך זיך געדאַרפט צו מאָרגנס טרעפן מיט דער גרופּע און אַרויספאָרן קיין מצרים. אלישבע און דער זון אונדזערער זענען מיך געקומען באַגלייטן. אויך דודקע, וואָס זײַן ביוראָ איז געווען אין סולל־בונה־בנין פון חיפה, איז געקומען צו דער סטאַנציע. דאָס געזעגענען זיך איז דאָס מאָל געווען ווייניקער דראַמאַטיש. אלישבע איז אויך געווען זייער פאַראינטערעסירט איך זאָל וואָס גיכער זײַן אין אייראָפּע און געווויר ווערן וואָס עס איז געשען מיט אונדזער משפּחה. דב, דער זון מײַנער, האָט זיך געהאַלטן ווי אַ חברה־מאַן. ער האָט אויך פאַרשטאַנען אַז דאָס מאָל דאַרף מען נישט וויינען בײַם געזעגענען זיך. דודקע האָט מיר געדריקט די האַנט און איך האָב געהאַט דאָס געפיל אַז ער איז מיך מקנא. שווערער איז געווען אײַנצוזאַמלען די דרײַסיק סאָלדאַטן פאַר וועלכע איך בין געווען פאַראַנטוואָרטלעך. סוף־כּל־סוף האָבן מיר זיך אַלע אײַנגעאָרדנט אין אַ וואַגאָן און דער צוג האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעך פאָרן קיין מצרים, קיין פּאָרט־סאַיד.

אין צוג האָב איך זיך ערשט באַקענט מיט די מענטשן פון מײַן גרופּע. כּמעט אַלע זענען געווען יונגע־לײַט, אַ טייל געבוירענע אין ארץ־ישראל.

דאָס רוב האָט געהערט צו די מיזרח־קהילות, וואָס האָבן גאָר ווייניק געוווסט וועגן אייראָפּע. עטלעכע האָבן זיך געפרייט וואָס זיי פאָרן קיין אייראָפּע, ווײַל זיי האָבן געהערט אַז די אַלײַרטע אַרמייען מאַכן דאָרט אַ לעבן; פאַר עסנוואַרג און פּאַפּיראָסן קען מען דאָרט באַקומען געלט און שיינע מיידלעך...

איך האָב זיי אַ ביסל דערציילט וועגן אייראָפּע, ווי איך האָב עס געקענט פון פאַר דער מלחמה, מיט איר קולטור און אירע שיינקייטן. איך האָב זיי אויך געפּרוּווט דערציילן וועגן דעם אייראָפּעישן ייִדנטום וואָס איז נישטאָ מער, און דערקלערן אַז אין תּוך זענען מיר נישט קיין אָקופּאַציע־אַרמיי. מיר דאַרפן גאָרנישט אָקופּירן — נישט בערלין און נישט רוים. אונדזער אויפגאַב איז צו ראַטעווען די ייִדן וואָס זענען איבערגעבליבן אין די לאַגערן און זיי ברענגען קיין ארץ־ישׂראל.

אין משך פון די צוויי יאָר וואָס איך בין געווען ווי אַ סאָלדאַט אין אייראָפּע האָב איך געזען ווי די פּשוטע זעלנערס פון ארץ־ישׂראל, וואָס האָבן פריִער געמיינט אַז זיי פאָרן קיין אייראָפּע מאַכן אַ לעבן, האָבן אויף אַלץ מוותר געווען און זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן דער שארית־הפּליטה. ווען זיי האָבן אַליין געזען דעם גרויסן חורבן פונעם ייִדישן פאָלק האָבן זיי פאַרשטאַנען דעם טיפן זינען פון קעגנזײַטיקער אַחריות צווישן ייִדן און האָבן געטאָן זייער אַרבעט מיט געטרײַשאַפט און איבערגעגעבנקייט.

נאָך אַ לאַנגער נסיעה זענען מיר אָנגעקומען קיין פּאָרט־סאַיִד. מיר זענען אַוועק אין גרויסן מיליטערישן טראַנזיט־לאַגער, ווו עס זענען געווען אויפֿגעשטעלט טויזנטער געצעלטן אויף אַ ריזיקן שטח און סאָלדאַטן פון אַלע אַלײַרטע לענדער.

מײַן ערשטע זאָרג איז געווען אײַנצואָרדענען די גרופּע, מיר זאָלן האָבן ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן און נישט דאַרפן שטיין שעהען־לאַנג אין דער היץ פאָרן לאַגער־ביוראָ. צו מײַן מזל האָט אַ סערזשאַנט־מיידזשער דערזען אויף מײַן העמד די אויפשריפט „פּאַלעסטײַן“ און האָט מיך צוגערופן צו זײַן טיש. ווײַזט זיך אַרויס אַז ער איז צוויי יאָר געווען אין ארץ־ישׂראל און האָט פאַר אונדז געהאַט אַ באַזונדערע סימפּאַטיע. ער האָט אונדז אײַנגעאָרדנט אין דרײַ געצעלטן און מיר געזאָגט איך זאָל פאַר טאָג קומען אין ביוראָ וועט ער מיר געבן אַלע אינפאָרמאַציעס אין שײַכות מיט אונדזער נסיעה קיין אייראָפּע. מײַן פּרעסטיזש איז, פאַרשטייט זיך, זייער געוואַקסן אין מײַן גרופּע, ווען די חברה האָבן געזען ווי גיך איך האָב זיי אײַנגעאָרדנט.

פינף טעג נאָך אַנאַנד בין איך יעדן פרימאָרגן אַרויס צום אַפּעל פאַרן לאַגער־ביוראָ, ווו מען האָט אויסגערופן וועלכע גרופּע עס וועט הײַנט

אָפּפאָרן פון פּאָרט־סאַיד און וווהין. מײַנע מענטשן האָבן שוין פארלוירן דאָס געדולד וועו זיי האָבן געזען אַז איך קום יעדן טאָג צוריק מיט ליידיקע הענט, אָבער מיר האָבן קיין ברירה נישט געהאַט. נאָכן אַפּעל זענען מיר געווען פרײַ, האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ שפּאַציר מיט מײַן גרופּע אין פּאָרט־סאַיד. מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער די באַזאַרן פון שטאָט און געזען די אָרטיקע יידן וואָס האָבן דאָרטן געהאַט זייערע קלייטן. זיי זענען געווען, פּונקט ווי זייערע מיצרישע קאָלעגעס, זייער געפעפערטע סוחרים און האָבן געוווּסט ווי אַזוי אַראָפּצורײַסן די הויט פון אַ קונה. לגבי אונדז, יידן פון ארץ־ישראל, האָבן זיי זיך אָבער אויפגעפירט מיט דרך־ארץ. אין איראַק האָבן די יידן מורא געהאַט זיך מיט אונדז עפנטלעך צו באַגעגענען, דאָ האָבן יוגנטלעכע אונדז מיטגענומען צו זיך אַהיים, צו זייערע עלטערן און האָבן אונדז געוויזן די יידישע קלובן אין פּאָרט־סאַיד. כמעט אַלע יידן וואָס מיר האָבן באַגעגנט זענען געווען קולטיווירטע, סימפּאַטישע מענטשן.

„גיי פרײַוויליק צום מיליטער וועסטו זען די וועלט"

דאָס איז אַן אַלטער ענגלישער זאָג, פון די צײַטן ווען ענגלאַנד האָט געהערשט איבער גרויסע חלקים פון דער וועלט. אין 1945 האָט ענגלאַנד שוין געהאַט פאַרלוירן אַ סך פון זײַן גרויסקייט, אָבער אַ סאָלדאַט האָט נאָך אַלץ געקענט זען אַ היפּשן טייל פון דער וועלט אויפן חשבון פון זײַן מאַיעסטעט.

דעם זעקסטן טאָג אין דער פרי האָט מען אונדז מודיע געווען מיר זאָלן בלײַבן אין די געצעלטן, ווײַל צען אַ זייגער וועלן קומען לאַסטאויטאָס וואָס וועלן אונדז פירן צום האַפן און דאָרט וועלן מיר זיך אײַנשיפן כדי צו פאָרן קיין איטאַליע. די שימחה איז בײַ אַלעמען געווען זייער גרויס און מיר האָבן טאַקע באַלד אָנגעהויבן צו פּאַקן. נישט געקוקט דערויף וואָס די מלחמה האָט זיך געהאַט געענדיקט, איז די אויסריכטונג פון ענגלישן סאָלדאַט געבליבן די זעלביקע. ער האָט געמוזט מיט זיך שלעפּן אַ זאַק פון בערך דרײַסיק קילאָ.

ווען אַלץ איז געווען פאַרלאָדן זענען מיר אַרויסגעפאָרן אין האַפן. דאָרט איז געווען אַ שרעקלעכער טומל. סאָלדאַטן האָבן זיך געשטופּט מיט די זעק כדי גיכער אַרויפצוגיין אויף דער שיף. אַלע האָבן געשריגן און איינער האָט נישט געהערט דעם צווייטן. דעם גאַנצן טומל האָט דיריגירט אַ יונגער ענגלישער אָפיציר — דער פאַראַנטוואָרטלעכער איבערן האַפן. מיר האָבן געזען צוויי שיפן, איינע אין דער רעכטער זײַט פון אַרײַנגאַנג און איינע

אין דער לינקער זײַט. דער אָפּיציר האָט אָפּילו נישט געמאָנט אונדזערע דאָקומענטן און האָט אונדז געהייסן אַרויפגיין אויף דער שיף אין דער לינקער זײַט.

צוויי שעה האָבן מיר זיך געמאַטערט ביז מיר זענען אַרויף אויף דער שיף. מיר זענען געשטאַנען ווי הערינגען, געפּרעסט איינער לעבן צווייטן, צווישן די צוויי טויזנט סאָלדאַטן אויף דער שיף. דערנאָך האָט געדויערט אַ צײַט ביז מיר האָבן אויסגעקעמפט אַ פּלאַץ צום שלאָפן אויף אַ נעץ וואָס איז געהאַנגען צווישן די מאַסטביימער.

ווי געוויינטלעך צווישן סאָלדאַטן, האָבן מיר זיך צו ערשט באַקענט מיט אונדזערע שכנים און געפרעגט פון וואַנען מען איז און וווּהין מען פאָרט. מיר, פון אונדזער זײַט, האָבן תּיכּף דערציילט אַז מיר קומען פון ארץ־ישראל און פאָרן קיין איטאַליע. די ענגלישע סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן צו לאַכן און האָבן אונדז געזאָגט אַז איטאַליע וועט לאַנג וואַרטן אויף אונדז, ווײַל אַט די שיף פאָרט קיין טולאָן, אין פראַנקרײַך, און פון דאָרטן פאָרן זיי ווײַטער מיטן צוג קיין ענגלאַנד אויף אורלויב, נאָך דעם ווי זיי האָבן דרײַ יאָר געדינט אין מיטלען מיזרח. זיי האָבן אונדז פאַרבעטן מיר זאָלן קומען מיט זיי קיין „בלייטי״ (אַ ביינאָמען פאַר ענגלאַנד) און צוגעזאָגט אַז מען וועט אונדז דאָרט גוט אויפנעמען. צו ערשט האָב איך געמיינט אַז זיי מאַכן פון אונדז חוזק, אָבער דער ענגלישער אָפּיציר וואָס איך האָב זיך צו אים געוואָנדן האָט מיר באַשטעטיקט אַז די שיף פאָרט טאַקע קיין טולאָן. די שיף וואָס איז אָפּגעגאַנגען קיין איטאַליע איז געשטאַנען אויף דער רעכטער זײַט פון אַרײַנגאַנג.

דער אָפּיציר האָט זיך פאַרבונדן מיטן האַפן און פון דאָרטן האָט מען אים באַשטעטיקט מײַנע רייד, דהײַנו אַז מען האָט אונדז געהייסן אַרויפגיין אויף דער שיף אין דער לינקער זײַט. דער פאַראַנטוואָרטלעכער האָט געטענהט אַז מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט ער באַקומען אַן אָפיציעלע מעלדונג אַז די ייִדישע בריגאַדע פון ארץ־ישראל געפינט זיך אין האָלאַנד. ווען ער האָט געזען אויף אונדזערע מונדירן די אויפשריפט „פּאַלעסטײַן״ איז ער געווען זיכער אַז מיר דאַרפן פאָרן קיין האָלאַנד, דערפאַר האָט ער אונדז געהייסן אַרויפגיין אויף דער שיף וואָס פאָרט קיין פראַנקרײַך.

אייניקע אין אונדזער גרופּע, וואָס האָבן געוואָלט וואָס גיכער אָנקומען צו זייער איינהייט אין איטאַליע, האָבן געמורמלט, אָבער דאָס רוב האָט זיך באַלד געטרייסט: מילא, מיר האָבן דאָך סײַ ווי קיין ברירה נישט, וועלן מיר זען אַ וועלט!

אויף דער שיף איז געווען אַ גרויליקע ענגשאַפט. אַחוץ דעם האָט מען מורא געהאַט מען זאָל זיך נישט אָנשטויסן אין איינער פון די שווימענדיקע מינעס וואָס די דײַטשן האָבן פאַרזייט אויף אַלע ים־וועגן וואָס פירן קיין אייראָפּע. דעריבער איז די שיף געשווומען אין זיגזאַג און דערבײַ געטרייסלט די מענטשן פון איין אָרט אויפן צווייטן. ווען עס וואָלט חלילה עפּעס געשען מיט דער שיף, וואָלט קיינער נישט געווען דערגאַנגען צו די רעטונג־שיפלעך אויפן דעק, ווײַל די מענטשן וואָלטן געטראָטן איינער אויפן צווייטן.

צו אַלע צרות איז נאָך אויסגעבראָכן אַ שטורעם אויפן ים און די שיף האָט זיך געטראָגן ווי אַ שאָלעכץ אויף די כוואַליעס. מיר האָבן זיך געמוזט גוט צובינדן צו די נעצן אין וועלכע מיר זענען געשלאָפן, כּדי נישט אומצופאַלן. פון די צוויי טויזנט סאָלדאַטן וואָס זענען געווען אויף דער שיף זענען נאָר געציילטע געגאַנגען נעמען דאָס עסן. דער רעשט האָט זיך נישט געקענט האַלטן אויף די פיס און אַלע האָבן אויסגעבראָכן וואָס זיי האָבן געגעסן צוריק מיט אַ וואָך.

סוף־כּל־סוף זענען מיר אָנגעקומען אין טולאָן. ס'איז אָבער געווען זייער שווער זיך צו דערשלאָגן צום האַפן, ווײַל ער איז געווען פאַרשטאָפּט מיט פראַנצייזישע קריגסשיפן וואָס האָבן זיך אַליין פאַרזונקען כּדי נישט אַרײַנצופאַלן אין די הענט פון די דײַטשן, בעת זיי האָבן אָקופּירט פראַנקרײַך. עס האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסע געניטקייט פון שיפס־קאַפּיטאַן, כּדי זיך בשלום אַרײַנצודרייען אין פּאָרט.

ווען מיר זענען שוין אַראָפּ אויף דער טריקעניש האָט זיך מיט אונדז געדרייט די גאַנצע וועלט און מיר האָבן געפילט אַז מיר פאַלן אַרײַן אין אַ תּהום. עס האָט געדויערט אַ צײַט ביז מיר זענען צו זיך געקומען און האָבן געקענט אויפלאָדן אונדזערע זעק אויף די לאַסטאויטאָס וואָס האָבן אויף אונדז געוואַרט און דערנאָך זיך איבערפירן אין די צימערן וואָס מען האָט אונדז צוגעטיילט.

דעם ריזיקן טראַנזיט־לאַגער אין טולאָן האָבן אויפגעבויט די דײַטשן בעת דער מלחמה, דורך צוואַנגאַרבעטער פון גאַנץ אייראָפּע. ער איז געווען אויס־געריכט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. קיין צריפים, ווי אין פּאָרט־סאַיִד, זענען נישט געווען, נײַערט פעסטע מויערן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָלק וואָס האָט זיך געגרייט צו הערשן טויזנט יאָר איבער גאַנץ אייראָפּע.

אין לאַגער פון טולאָן זענען אויך געווען סאָלדאַטן פון אַ גאַנצער וועלט, ממש אַ פעלקער־וואַנדערונג. מען האָט דאָרט געקענט הערן אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. די אַרבעטן אין לאַגער האָבן געטאָן דײַטשע געפאַנגענע.

די וואָס האָבן ערשט נעכטן געטענהט אַז זיי זענען אַ האַרנפּאָלק, האָבן זיך צען מאָל פאַרנייגט פאַר אַ פּאַפּיראָס. פאַר אונדז האָבן זיי זיך באַזונדערש באַמיט, הגם מיר האָבן פון זיי גאָרנישט געפאָדערט. זיי האָבן אַפילו געפּרווּט מיט אונדז רעדן, ווי גלײַך ס׳איז גאָרנישט געשען אויף דער וועלט.

איך האָב באַקומען אַ צימער אַליין, ווײַל איך בין געווען דער פאַראַנט־וואָרטלעכער פון דער גרופּע. איין מאָל, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון עסן, האָב איך דערזען בײַם אַרײַנגאַנג אין מײַן צימער ווי אַ יונגער דײַטשער געפאַנגענער פּוצט מײַנע שיך. איך ווייס עד־היום נישט וואָס מיט מיר איז געשען דעמאָלט. איך האָב געפילט ווי עס קאָכט זיך אויף אין מיר דאָס בלוט. כ׳האָב אויף אים געטאָן אַ געשריי ער זאָל נישט אָנרירן מיט זײַנע טמא הענט מײַנע שיך און ער זאָל זיך תיכף אָפּטראָגן. אין מײַן כעס האָב איך אים אַ זעץ געטאָן מיטן פוס אין הינטן. דעם אמת געזאָגט האָט מיר דערנאָך באַנק געטאָן וואָס איך האָב פאַרלוירן די שליטה איבער זיך.

דער ענגלישער קאָמענדאַנט פון טראַנזיט־לאַגער אין טולאָן האָט מיר באַלד דערקלערט אַז ער האָט נישט קיין מעגלעכקייט אונדז איבערצושיקן קיין איטאַליע און אַז מיר וועלן מוזן פאָרן קיין פּאַריז, ווו עס געפינט זיך די אייבערקאָמאַנדע פון דער ענגלישער אַרמיי פאַר טראַנספּאָרט־ענינים. זיי וועלן זאָרגן אַז מיר זאָלן אָנקומען קיין איטאַליע. טולאָן איז געווען אַ צעשטערטע שטאָט און מיר זענען געווען צופרידן וואָס גיכער פון דאָרט אַוועקצופאָרן, צו קומען, אויפן חשבון פון זײַן מאַיעסטעט, קיין פּאַריז די שטאָט פון ליכט.

דרײַ טעג זענען מיר געווען אין טולאָן. דעם פערטן טאָג האָט מען אונדז געפירט מיט אויטאָס צו דער באַן וואָס פאָרט קיין דאָווער און מ׳האָט אונדז אָנגעזאָגט אַז אין דער סטאַנציע פאָנטאַאַז זאָלן מיר אַריבערגיין אין אַ צווייטן צוג וואָס פאָרט קיין פּאַריז. דער צוג איז געווען פול מיט ענגלישע סאָלדאַטן וואָס זענען געפאָרן אויף אורלויב קיין ענגלאַנד, דורך קאַלע און דאָווער. אַלע האָבן אונדז פאַרבעטן מיר זאָלן קומען קיין ענגלאַנד, זען די וועלט. מיר האָבן אָבער זייער פאַרבעטונג נישט אָנגענומען און פון פאָנטאַאַז האָבן מיר ממשיך געווען דעם וועג קיין פּאַריז.

דער וואָקזאַל פון פּאַריז איז אויך געווען פול מיט סאָלדאַטן פון די אַליִיִרטע אַרמייען. ער האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער יאַריד. אויף יעדער גרופּע האָבן געוואַרט די שליחים פון דער טראַנספּאָרט־אָפּטיילונג און האָבן געפירט די סאָלדאַטן אין די האָטעלן, וואָס זענען אַלע געווען אין רשות פון מיליטער. אויף אונדז האָט קיינער נישט געוואַרט, ווײַל מיר זענען אָנגעקומען קיין

פּאַריז נאָר מחמת דעם פּלאָנטער מיט די שיפן. נאָך אַ לאַנגן משׂא־ומתּן האָט אונדז די ענגלישע טראַנספּאָרט־אײנהײט אײַנגעאָרדנט אין אַ האָטעל וואָס איז געווען באַשטימט פֿאַר בריטישע סאָלדאַטן.

דאָס רוב סאָלדאַטן, וואָס זענען געקומען פֿון פֿאַרשיידענע פֿראָנטן, האָבן געהאַט צוויי וואָכן אורלויב, כּדי צו פֿאַרברענגען אין פּאַריז. די האָטעלן זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָפּרו־הײַזער און מען האָט די סאָלדאַטן אויפֿגענומען ווי עס פּאַסט זיך פֿאַר די אַרמייען וואָס האָבן געוווּנען דעם קריג. איטלעכער האָט באַקומען אַ נײַע אוניפֿאָרעם, קופּאָנס פֿאַר עסן אין משך פֿון די צוויי וואָכן אורלויב און אויך געלט אויפֿן חשבון פֿון זײער לוין.

קײנער האָט אונדז נישט געפֿרעגט צוליב וואָס מיר זענען געקומען קײן פּאַריז. מיר האָבן באַקומען, גלײַך ווי אַלע ענגלישע סאָלדאַטן, נײַע אוני־פֿאָרמען, קופּאָנס פֿאַרן רעסטאָראַן און באַקוועמע צימערן, וווּ מיר האָבן זיך תּיכּף געלײגט שלאָפֿן, ווײַל מיר זענען געווען מיד פֿון וועג, און זענען אויפֿגעשטאַנען דעם צווייטן טאָג ווי נאָך אַ זיסן חלום.

נאָכן פֿרישטיק בין איך געגאַנגען אין ביוראָ פֿון האָטעל, כּדי געוויר צו ווערן וווּ עס איז די הויפּקאָמאַנדע פֿאַר טראַנספּאָרט־ענינים. בײַם אַרײַנגאַנג אין ביוראָ איז געשטאַנען אַ לאַנגע שורה סאָלדאַטן. איך האָב זיך אַוועק־געשטעלט און געוואַרט אויף מײַן ריי. אין ביוראָ, בײַ אַ לאַנגן טיש, איז געזעסן אַן עלטערער קאַלאָנעל פֿון דער ענגלישער אַרמײ. אויפֿן טיש זענען געווען אויפֿגעטורעמט פּעקלעך פּאַפּירן געלט, וואָס די מיליטערישע אָקו־פּאַציע־קאָמאַנדע האָט אַרויסגעגעבן. פֿאַר די סאָלדאַטן וואָס האָבן זיך גע־פֿונען אין באַפֿרײַטן אײראָפּע זענען אָט די באַנקנאָטן געווען דאָס אײנציקע צאָלמיטל, וואָס מען האָט אומעטום אָנגענומען לויט דעם פֿאַרגעשריבענעם קורס. ווי איך בין אַרײַן אין ביוראָ און האָב סאַלוטירט, האָט דער קאָלאָנעל תּיכּף בײַ מיר געמאָנט מײַן לוין־פּינקס. איך האָב אַפֿילו נישט געהאַט קײן צײַט אים צו זאָגן וועגן וואָס איך בין בעצם געקומען. ער האָט מיר באַלד צוריקגעגעבן דעם פּינקס אין אײנעם מיט צען טויזנט מיליטערישע פֿראַנצײ־זישע פֿראַנק — אַ בכּבודיקע סומע אין יענער צײַט. כ׳האָב אַפֿילו נישט באַוויזן צו פֿרעגן וואָס דאָס געלט באַטײַט, ווײַל דער קאָלאָנעל האָט שוין אַרײַנגערופֿן אַ צווייטן סאָלדאַט און איך בין געווען אין דרויסן. אַ סאָלדאַט האָט מיר דערקלערט אַז אין די לעצטע טעג איז פֿאָרגעקומען אַ דעוואַלואַציע פֿונעם פֿראַנצײזישן פֿראַנק אין פֿאַרגלײַך מיט דער ענגלישער וואַלוטע. דערפֿאַר האָבן די מיליטערישע אויטאָריטעטן באַשלאָסן די דאָזיקע דעוואַלו־אַציע זאָל האָבן אַ רעטראָאַקטיווע גילטיקייט, דהײַנו אַז איטלעכער סאָלדאַט

וואָס האָט געטוישט זײַן ענגלישע וואַלוטע אויף פראַנצייזישער, אין משך פון לעצטן חודש, באַקומט איצט די דיפערענץ אין מזומן.

איידער איך בין אָפּגעפאָרן קיין אייראָפּע האָב איך אין רחובות אַרויסגע־נומען דאָס גאַנצע געלט וואָס איז מיר געקומען נאָך פון דער צײַט ווען איך בין געווען אין איראַק, כדי עס איבערצולאָזן אלישבען. איך האָב מיט זיך בכלל קיין געלט נישט געהאַט. היות איך בין אָבער געקומען קיין אייראָפּע מיט אַ פראַנצייזישער שיף, האָט דער קאַלאַנעל פאַרשטאַנען אַז איך האָב אויף דער שיף געביטן מײַן ענגליש געלט אויף פראַנצייזישע פראַנק. דערפאַר האָט ער מיר גרויסמוטיק אויסגעצאָלט די דיפערענץ לויטן חשבון פון דער דעוואַלואַציע, און איך בין מיט אַ מאָל געוואָרן אַ רײַכער זעלנער.

איך בין צוריקגעגאַנגען אין האָטעל און האָב געהייסן מײַנע חברה זיך שטעלן אין דער ריי כדי צו באַקומען געלט. אויך זיי האָבן געהאַט אַרויס־גענומען אין ארץ־ישׂראל דעם גאַנצן לוין און האָבן נישט געהאַט קיין גראָשן. אויב די ענגלענדער צווינגען אונדז זיך אָפּצורוען צוויי וואָכן אין פּאַריז אויף זייער חשבון — טאָ זאָלן מיר כאָטש האָבן געלט אין קעשענע, כדי בעסער צו פאַרברענגען דעם אורלויב אין פּאַריז.

מיט שווערער מי האָב איך זיך דערשלאָגן צו דער אייבערקאָמאַנדע פאַר טראַנספּאָרט־ענינים. אין יענע טעג האָט געדויערט שעהען־לאַנג ביז מען איז געפאָרן פון איין עק שטאָט אין דער צווייטער. ווען איך בין שוין אָנגעקומען אַ טויט־מידער, האָב איך געמוזט וואַרטן ביז איך האָב געפונען אַן אָפיציר וואָס זאָל מיך וועלן אויסהערן. איך האָב אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע ווי אַזוי מיר האָבן זיך פאַרוואַלגערט קיין פּאַריז און אַז מיר דאַרפן וואָס גיכער אָנקומען קיין איטאַליע ווו עס וואַרט אויף אונדז אונדזער אײנהייט. מײַן געשיכטע האָט אויף אים נישט געמאַכט קיין רושם. ער האָט אַפילו געלאַכט פון אונדזער אַוואַנטורע. דערנאָך האָט ער מיר דערקלערט אַז די איינציקע מעגלעכקייט צו קומען פון פּאַריז קיין איטאַליע איז נאָר מיטן צוג איבער דער שווייץ, דורכן סימפּלאָן־טונעל. ביז עס זאַמלען זיך אָבער אָן גענוג מענטשן כדי עס זאָל זיך לוינען צו שיקן אַ צוג קיין איטאַליע קען זו מאָל געדויערן אַ חודש. בכל־אופן האָט ער מיר געראָטן איך זאָל קומען אין אַ וואָך אַרום געוויר ווערן. ווען ער האָט געזען ווי איך נעם זיך צום האַרצן דעם ענין, האָט ער מיך געטרייסט: די מלחמה איז שוין סײַ ווי פאַרענדיקט, דאַרף מען אויסנוצן די צײַט און גוט פאַרברענגען אין פּאַריז.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין האָטעל און האָב דערציילט די חברה ווו מיר האַלטן האָבן זיי געהאַט גרויס עגמת־נפש. ס׳איז אָבער נישט געווען קיין

ברירה. מיר האָבן באַשלאָסן אַז יעדער קען פאַרברענגען די צײַט ווי ער וויל. איך האָב נאָר געבעטן די חברה זיי זאָלן נישט פאַרגעסן אַז זיי קומען פון ארץ־ישׂראל און דאַרפן אָפּהיטן דעם גוטן נאָמען אונדזערן. איך האָב באַשטימט ווער עס זאָל טראָגן דאָס אַחריות לגבי מיר אַז די גאַנצע גרופּע זאָל בײַ נאַכט צוריקקומען שלאָפן אין האָטעל. נאָך דעם ווי כ׳האָב אַלץ אײַנגעאָרדנט, בין איך געוועז פרײַ.

אַ טרויעריקע שטאָט

פּאַריז האָב איך געקענט פון פריִער. הגם איך קען נישט קיין פראַנצייזיש, האָב איך זיך אײַנפאַרשטאַנען מיט דײַטש און מיט ענגליש. איך האָב ליב געהאַט די שטאָט און האָב זיך דאַרט קיין מאָל נישט געפילט קיין פרעמדער. איך האָב געדענקט פּאַריז ווי אַ שטאָט וואָס געהערט צו דער גאַנצער וועלט, וווּ אַלץ איז פאַראַנען, פאַר איטלעכן לויט זײַן ווונטש און געשמאַק. האָט זיך דיר געגלוסט ווּלטלעך פאַרגעניגן — האָט דיר פּאַריז צוגעשטעלט בשפע און מיט טעם. האָסטו געוואָלט גײַסטיקע שפּײַז — האָט פאַר דיר פּאַריז ברייטהאַרציק געעפנט אַלע אירע הייליקייטן, אַלע אירע אוצרות וואָס זי האָט אָנגעזאַמלט אין משך פון הונדערטער יאָרן אין די מוזייען.

בײַם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אַלץ נעלם געוואָרן — די מוזייען, די טעאַטערס און בפרט די ווונדערלעכע פרויען פון פּאַריז, וואָס האָבן שטענדיק געהאַט דאָס לעצטע וואָרט אין דער וועלט פון שיינקייט און עלעגאַנץ. די שטאָט פון ליכט איז איצט געווען טונקל און פאַרלאָזן. אומעטום זענען געווען קענטיק די ווונדן פון דער גרויליקער מלחמה. אַנשטאָט דער פרייד פון אַ מאָל, האָט איצט געהערשט טרויער; אַנשטאָט שפע — הונגער און דחקות.

די אַ מאָל שיינע, בונטע קליידער פון די פרויען זענען געווען אָפּגעטראָגן און צעריסן, די פּנימער אײַנגעפאַלן. די מענטשן זענען געווען טרויעריק און באַדריקט. פּאַריזער בירגער און בפרט פרויען, האָבן זיך געדרייט אַרום די האָטעלן ווו עס האָבן געוווינט די סאָלדאַטן פון די אַליִירטע און זענען געווען גרייט אַלץ צו פאַרקויפן, אַפילו זיך אַליין, פאַר אַ שאַכטל פּאַפּיראָסן. ווען איך האָב שפּעטער געזען דאָס דאָזיקע בילד אין דײַטשלאַנד און אין עסטרײַך, האָב איך כמעט הנאה געהאַט און געזען דערין אַ שטראָף — אָבער דאָ אין פּאַריז האָט עס מיך ממש אויפגעטרייסלט.

איך בין געגאַנגען זוכן דאָס באַרימטע „פּלעצל", ווו ס׳האָט פאַר דער מלחמה פּולסירט אַ טומלדיק ייִדיש לעבן, ווו ייִדן זענען אַרומגעלאָפן פאַר־

טראָגענע און געזוכט פּרנסה. איך בין געגאַנגען זוכן די גוטע ייִדישע רעסטאָראַנען ווו מען פלעג זיך לעקן די פינגער פון די געפילטע פיש און טשאָלנט, ווי בײַ דער מאַמען אין דער היים. אָבער ס׳איז פּוסט אומעטום. נאָר דאָ און דאָרט באַגעגנט מען אַן עלנטן ייִד וואָס האָט זיך אומגעקערט פון די טויטלאַגערן, אָן משפּחה, אָן פרײַנד.

איטלעכער ייִד דערציילט זײַן אייגענע מגילת־איכה וועגן דעם גרויליקן חורבן וואָס די דײַטשן האָבן געמאַכט אין ייִדישן פאָלק און וועגן דעם ביטערן גורל פון די איינצלנע וואָס האָבן זיך געראַטעוועט און געפינען זיך נאָך אין די לאַגערן, ווײַל זיי האָבן נישט וווּהין צו גיין. איך האָב מיט אַ מאָל באַנומען אַז אויב די יאָרן וואָס איך האָב געדינט אין דער ענגלישער אַרמיי זאָלן האָבן עפּעס אַ זינען, מוז איך וואָס פריִער זיך אָנשליסן אין דער ייִדישער בריגאַדע וואָס געפינט זיך אין האָלאַנד און העלפן ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך ראַטעווען פון מײַנע אומגליקלעכע ברידער, העלפן זיי אָנהייבן אַ נײַ לעבן אין ארץ־ישׂראל.

פּאַריז איז מיר גיך נימאס געוואָרן. ווען איך האָב זיך דערוווּסט אַז אין בריסעל איז פאַראַן אַ קאָנצענטרירונג־פּונקט פאַר ייִדישע פּליטים האָב איך זיך אויף פאַרשיידענע וועגן אַהין דערשלאָגן. דאָרטן איז מיר געראָטן אָנצור־קניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די חברים פון „מוסד״ וואָס זענען געקומען מיט דער בריגאַדע קיין האָלאַנד. זיי האָבן מיר געהייסן טאָן אַלץ כּדי זיך דורכצוררײַסן ביז צו דער איטאַליעניש־עסטרײַכישער גרענעץ, ווײַל אין ווין ווערן קאָנ־צענטרירט אַלע פּליטים און פון דאָרט ווערן זיי געשיקט קיין איטאַליע, אויפן וועג קיין ארץ־ישׂראל. עס האָבן אָבער אויסגעפעלט כּוחות וועלכע זאָלן דורכפירן די דאָזיקע אַרבעט. מען האָט בעיקר געזוכט ארץ־ישׂראלדיקע סאָלדאַטן וואָס געהערן צו דער טראַנספּאָרט־אָפּטיילונג פון דער ענגלישער אַרמיי. אַזוי ווי איך האָב אָפיציעל געהערט צו דער דאָזיקער אָפּטיילונג, האָבן די חברים פון „מוסד״ געטענהט אַז אויב עס וועט מיר נאָר געראָטן מען זאָל מיך אַריבערפירן קיין עסטרײַך, וועל איך אַוודאי האָבן אַ מעגלעכ־קייט צו העלפן ייִדן זיי זאָלן קומען קיין איטאַליע.

איך האָב געדאַרפט נאָר איין מאָל אַ וואָך זיך מעלדן און געוויר ווערן צי ס׳איז שוין פאַראַן פאַר אונדז אַ טראַנספּאָרט־מעגלעכקייט. בין איך טאַקע יעדן טאָג געפאָרן פון פּאַריז קיין בריסעל און צוריק. מען האָט זיך טאַקע אין יענער צײַט געניייטיקט אין ספּעציעלע פּעסער פון די מיליטערישע אינסטיטוציעס, אָבער די חברים פון דער בריגאַדע, וואָס זענען אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ אייראָפּע, האָבן זיך געגעבן אַן עצה. זיי האָבן ממש געהאַט

אַ לאַבאָראַטאָריע וואָס האָט צוגעגרייט כּל מיני דאָקומענטן: ענגלישע, אַמע־ריקאַנישע און אַפילו רוסישע — פאַר די וואָס האָבן געדאַרפט פאָרן אין מיזרח־אייראָפּע.

בדרך־כּלל זענען מיר געווען דיסציפּלינירטע סאָלדאַטן און האָבן זיך באַצויגן מיט אַחריות צו איטלעכן באַפעל. אָבער ווען עס איז געגאַנגען אין ראַטעווען יידן זענען מיר געווען איבערצײַגט אַז מיר דאַרפן זיך נישט רעכענען מיט קיין שום באַגרענעצונגען. דערפאַר האָב איך אין מײַן פרײַער צײַט מיט פרייד אויסגעפירט פאַרשיידענע שליחותן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט פאָרן פון איין לאַנד אין צווייטן. פאַר די חברים פון „מוסד״ בין איך געווען אַן אמתע מציאה: אַ סאָלדאַט אין ענגלישער אוניפאָרעם, וואָס איז אַ גאַנצע וואָך אַ פרײַער פויגל און איז גרייט אַלץ צו טאָן.

מיט ליידיקע פאָרמולאַרן אין קעשענע, אויף וועלכע איך האָב נאָר גע־דאַרפט אָנשרײַבן דאָס לאַנד וואוהין איך נייטיק זיך צו פאָרן, בין איך כּמעט אַ חודש אַרומגעוואַנדערט איבער גאַנץ אייראָפּע און האָב אַפילו אָנגע־שפּאַרט אין בודאַפּעשט, וואָס איז געווען אונטערן קאָנטראָל פון דער סאָווע־טישער אַרמיי.

אַגב, אין בודאַפּעשט איז מיט מיר געשען אַ נס. עס האָט קיין סך נישט געפעלט איך זאָל פאַרשיקט ווערן קיין סיביר און זיך קיין מאָל נישט מער אומקערן פון דאָרט. איך האָב טאַקע געהאַט דעם ריכטיקן פאָרמולאַר און האָב אויך געוווּסט דעם נאָמען פון שטאָטס־קאָמענדאַנט אין בודאַפּעשט; איך האָב נאָר פאַרגעסן אַז ער באַנוצט זיך מיט רויטער טינט ווען ער חתמעט. אין בודאַפּעשט האָבן זיך נישט אַרומגעדרייט קיין ענגלישע סאָל־דאַטן ווי איבער גאַנץ אייראָפּע, אַזוי אַז אַ מיליטערישער פּאָליציאַנט האָט מיך פאַרהאַלטן און מיר געהייסן זיך לעגיטימירן. די פּאָליציי האָט געהאַט אַ באַפעל צו ברענגען פרעמדע סאָלדאַטן פאַרן פאַראַנטוואָרטלעכן אָפיציר אין קוואַרטאַל. מײַן מזל איז געווען וואָס דער דינסטלעכער אָפיציר איז געווען אַ ייִד, וואָס האָט תּיכּף פאַרשטאַנען וואָס מײַן כּוונה איז, ווען ער האָט געזען אַז איך בין פון דער יידישער בריגאַדע. ער האָט מיר געהייסן איך זאָל תּיכּף פאַרשווינדן פון בודאַפּעשט, אַניט מוז ער מיך פאַרהאַלטן פאַר פעלשן דאָקומענטן. איך האָב זיך באַדאַנקט און בין טאַקע תּיכּף אַוועק פון שטאָט.

אַ גאַנצן חודש האָב איך אַזוי אַרומגעוואַנדערט און איך מיין אַז עס האָט געקענט גיין אַזוי ווײַטער. איך האָב געקענט ווױנען אין פּאַריזער האָטעל, באַקומען געהאַלט און עסן פונעם ענגלישן קעניג, אַרומפאָרן איבער אייראָפּע

און זיך איין מאָל אַ וואָך מעלדן אַז איך לעב. נאָך יאָרן דינען אין דער ענגלישער אַרמיי בין איך פּלוצעם געוואָרן אַן אַנאָנימער זעלנער, וואָס געהערט צו קיינעם נישט און פעלט קיינעם נישט אויס. נאָך דעם ווי איך בין אַוועקגעפאָרן פון ארץ־ישׂראל האָבן מײַנע חברים פּשוט פאַרטיליקט אַלע דאָקומענטן וואָס האָבן געהאַט אַ שײַכות צו מיר. פאַר די מיליטערישע אויטאָריטעטן אין ארץ־ישׂראל האָב איך געהייסן „פאַרשוווּנדן". די קאָמענדאַטור פון באַגדאַד, ווו איך האָב פריִער געדינט, האָט מיך אויך נישט געזוכט, אַזוי אַז כּמעט אַלע האָבן אין מיר פאַרגעסן. נאָר די מיליטערישע פּאָליציי האָט מיך פון צײַט צו צײַט געזוכט און געפרעגט אלישבען צי זי באַקומט נישט פון מיר קיין ידיעות. אין דער אמתן האָט זי קיין סך נישט געוווּסט, ווײַל איך פלעג איר נאָר שיקן פּאָסטקאַרטלעך, און יעדעס מאָל פון אַן אַנדער אָרט, אָן אַ רעטור־אַדרעס.

דאָס אַרומוואַנדערן איז מיר פון דעסטוועגן נימאס געוואָרן. איך האָב געוואָלט קומען קיין עסטרײַך, ווו די חברים האָבן אויף מיר געוואַרט און ווו ס'איז אָנגעגאַנגען די הויפּטאַרבעט פון אַריבערפירן ייִדן קיין איטאַליע. אַחוץ דעם האָב איך אויך געוואָלט אָפּזוכן עמעצן פון מײַן משפּחה און פון מײַנע באַקאַנטע אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ.

נאָך אַ חודש צײַט האָב איך סוף־כּל־סוף באַקומען אַ רײַזע־באַפעל פאַר מיר און פאַר מײַן גרופּע, כּדי צו פאָרן קיין איטאַליע מיטן צוג, איבער דער שווייץ. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט פּאַריז און זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ צוג פול מיט סאָלדאַטן, וואָס זענען געפאָרן קיין איטאַליע.

עס האָט זיך תּיכּף דערקענט אַז מיר פאָרן אין אַ שווייצער צוג. די וואַגאָנען זענען געווען ציכטיק ריינע, גוט באַלויכטן און גוט באַהייצט. אַזאַ באַקוועמלעכקייט האָט מען נישט באַגעגנט אין די אייראָפּעיִשע וואַגאָנען וואָס האָבן דורכגעמאַכט די מלחמה. דער שווייצאַרישער ווילטאָג האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן אײַנדרוק. כ'האָב זיך עפּעס געפילט פאַרשעמט פאַרן שווייצער פאָלק. ס'איז מיר געקומען אויפן געדאַנק וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט — אַז דער רבונו־של־עולם איז געווען אין כּעס אויף די ייִדן, ווען זיי האָבן געזונגען שירה, בעת די מיצרים זענען דערטרונקען געוואָרן אין ים. ער האָט זיי געמוסרט און געזאָגט: מײַנע באַשעפעניש ווערן דערטרונקען און איר זינגט גאָר? דאָס איז געווען מײַן געפיל לגבי דער שווייץ, וואָס האָט גאָרנישט געליטן, בעת אין אייראָפּע, ממש בײַ אירע גרענעצן, זענען פאָרגעקומען די שוידערלעכסטע מעשׂים.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אין דער שווייץ קען מען אַלץ באַקומען פאַר

געלט, אַפּילו סימפּאַטיע, אָבער ווען עס גייט אין העלפן אויס מענטשלעכע געפילן, דעמאָלט באַהאַלטן זיי זיך הינטער זייער נייטראַליטעט און רירן נישט מיט קיין פינגער. אין דער צײַט פון דער מלחמה האָבן זיי נישט איין מאָל אַרויסגעטריבן די פּליטים וואָס האָבן באַוויזן זיך אַריבערצוגנבענען זייער גרענעץ, כאָטש זיי האָבן געוווּסט אַז אָט די אומגליקלעכע מענטשן וועלן אַרײַנפאַלן אין די הענט פון דער דײַטשער געסטאַפּאָ און וועלן דער־הרגעט ווערן.

איך געדענק ווי בײַ נאַכט, בעת דער נסיעה, האָט אונדז פּלוצעם אויפגע־וועקט דער רעש פון מוזיק. מיר האָבן דערזען אַ שטאַרק באַלויכטענע סטאַנציע, ווי מיר האָבן אין ערגעץ נישט באַגעגנט אין פראַנקרײַך. מיר זענען אָנגעקומען קיין לאָזאַן, אין דער שווייץ. ווען דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן זענען אַרויפגעקומען אין די וואַגאָנען עלטערע פרויען און האָבן אונדז פאַרבעטן אויפן וואָקזאַל, ווו זיי האָבן אַלעמען מכבד געווען מיט קאַווע און קוכן.

נאָך אַזאַ פײַנעם קבלת־פּנים האָב איך געטראַכט: אָט דאָס איז אמתע שווייצער ברייטהאַרציקייט! איך האָב אַוודאי געהאַט אַ טעות ווען איך האָב חושד געווען די שווייצער אַז זיי זענען קאַלטע באַשעפענישן אָן אַ נשמה. ווען איך האָב שפּעטער אויסגעדריקט מײַן באַגײַסטערונג פון דעם וואַרעמען קבלת־פּנים פאַרן ענגלישן אָפיציר וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר אונדזער טראַנספּאָרט, האָט ער מיך גוט אויסגעלאַכט. ס׳איז פאַראַן אַ הסכם — האָט ער מיר דערציילט — צווישן דער שווייץ און ענגלאַנד, אַז פאַר איטלעכן סאָלדאַט וואָס פאָרט אַדורך די שווייץ, אין ענגלישע צוגן אָדער אין שווייצאַרישע, באַצאָלט מען צען פונט טראַנזיט...

אין אונדזער צוג זענען געווען טויזנט סאָלדאַטן, דאָס הייסט אַז די שווייצער רעגירונג האָט אײַנקאַסירט צען טויזנט פונט. דערפאַר האָט זיי בלי־ספק געלוינט צו געבן אַ טעפּל קאַווע מיט קוכן און אַפילו אַ קוש פון אַלטע ווײַבער. איך האָב זיך אויפגעקאָכט פון כעס און האָב געפילט אַז עס קערט זיך מיר איבער די גאַל פון זייער כּיבוד.

פון דעסטוועגן איז די נסיעה דורך דער שווייץ געווען אַ גוואַלדיק געשעע־ניש פאַר מיר. נאָך די מידבריות פון איראַק און דעם טרויעריק־פאַרהונ־גערטן פאַריז איז איצט שווער געווען אָפּצורײַסן די אויגן פון די נאַטור־שיינקייטן וואָס זענען פאַר אונדז פאַרבײַגעפלויגן. עס האָט פּשוט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. ווען מיר זענען אָנגעקומען צו דעם סימפּלאָן־טונעל האָב איך פאַרמאַכט די אויגן און געוואָלט ער זאָל זיך קיין מאָל נישט ענדיקן.

איך האָב געטראַכט וועגן דעם אומרעכט, וואָס אין מיטן די טרויעריקע טאָלן פון אייראָפּע איז פאַראַן אַזאַ גן־עדן. באַזונדערש האָב איך געפילט דעם גוואַלדיקן קאָנטראַסט, ווען איך בין שפּעטער געווען אין די גאַזקאַמערן פון אוישוויץ און טרעבלינקע. ס׳איז שווער געווען צו גלייבן אַז דאָרט האָט מען פאַרברענט מיליאָנען מענטשן און דאָ האָט מען זיך געלעבט רויִק און הנאה געהאַט פון די נאַטור־שיינקייטן. ווי האָבן זיך נישט דערטראָגן אַהער די שווידערלעכע געשרייען?

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין גאַוואַרא, די ערשטע איטאַליענישע סטאַנציע, איז ווידער טרויעריק געוואָרן אויף דער נשמה. די שטאָט איז געלעגן אין אַ וווּנדערלעכער געגנט, אַרומגערינגלט מיט בערג און טאָלן, אָבער די מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען צעריסן און הונגעריק. ווי נאָר דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן, זענען פון אַלע זײַטן אָנגעפאַלן אויף אונדז מענטשן, דער עיקר קינדער, וואָס האָבן געבעטן „מאַנדזשאַרע״, טײַטש עסן, און האָבן געדאַנקט פאַר יעדן ביסן. איך ווייס נישט ווי עס האָבן זיך נוהג געווען די אַנדערע סאָלדאַטן, אָבער וועגן אונדזערע בחורים קען איך זאָגן עדות אַז זיי האָבן נישט לאַנג אַרײַנגעקוקט אין די גרויסע טרויעריקע אויגן, זיי האָבן תּיכּף אַלץ אַוועקגעגעבן און נישט געטראַכט צי זיי וועלן נאָך באַקומען צו עסן אויף דער לאַנגער נסיעה ביז נאַפּאָלי. פאָרט ייִדן — רחמנים בני רחמנים.

אין איטאַליע האָב איך זיך געזעגנט מיט מײַן גרופּע, פאַר וועלכער איך האָב פלומרשט געטראָגן דאָס אַחריות. זיי זענען געפאָרן קיין נאַפּאָלי, ווו ס׳איז געשטאַנען די אָפּטיילונג פון סולל בונה, און איך בין געפאָרן קיין רוים, ווו עס איז געווען די אייבערקאָמאַנדע פאַר טראַנספּאָרט־ענינים און ווו איך האָב געוואָלט בעטן מען זאָל מיך אָפיציעל טראַנספערירן קיין עסטרײַך. אויפן וואָקזאַל פון רוים האָב איך באַגעגנט באַקאַנטע פון ארץ־ישראל, וואָס האָבן געאַרבעט בײַ דער טראַנספּאָרט־אָפּטיילונג און האָבן געוווינט אין אַ בנין וואָס איז געווען אַ מין ארץ־ישראלדיקער אינדזל אין מיטן פון דער גרויסער שטאָט. איך בין, פאַרשטייט זיך, געווען זייער גאַסט און זיי האָבן אויך געפּרוּווט מיך אײַנאָרדענען אין רוים. איך בין אָבער געוויר געוואָרן אַז מײַן ענין קען דערלײדיקט ווערן נאָר אין דער הויפּטקאָמאַנדע פון דער ענגלישער אַרמיי, וואָס האָט געהאַט איר רעזידענץ אין דער שטאָט קאַזערטאַ, אין אַ פּאַלאַץ וואָס האָט פריִער געהערט דעם איטאַליענישן קעניג.

עטלעכע טעג האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין רוים און אין אַנדערע שטעט — נאַפּאָלי, באַרי, ברינדיזי — און האָב זיך ווידער געפילט ווי אַ פאַרלוי־

רענער סאָלדאַט וואָס געהערט אין ערגעץ נישט. סוף־כּל־סוף בין איך אָנגע־קומען קיין קאַזערטאַ, נאָר אַזוי ווי איך בין נאָר אַראָפּ פון דער באַן איז מיר געוואָרן שווער אויפן האַרץ. אויף יעדן טראָט האָב איך באַגעגנט גענעראַלן מיט רויטע פּאַסן אויף די הויזן און אויפן היטל. איך האָב געמוזט אין זיגען האָבן אַלעמען צו סאַלוטירן, וואָס איך האָב שוין כּמעט געהאַט פאַרגעסן.

איך האָב אָנגעהויבן לויפן פון איין ביוראָ אין צווייטן, ביז איך האָב געפונען אַן אָפיציר וואָס איז גרייט געווען אויסצוהערן מײַן געשיכטע, ווי איך בין פאַרפאָרן קיין פּאַריז און בין געקומען איצט קיין קאַזערטאַ, כּדי מען זאָל מיך טראַנספּערירן אין אַ טראַנספּאָרט־אָפּטיילונג אין עסטרײַך, נעמענדיק אין אַכט אַז איך קען גוט די דײַטשע שפּראַך. די געשיכטע איז דעם אָפיציר ווײַזט אויס געפעלן געוואָרן, ווײַל ער האָט פאַרבעטן אין זײַן ביוראָ עטלעכע חברים און איך האָב געמוזט פאַר זיי נאָך אַ מאָל איבער־דערציילן די מעשה וועגן מײַן אַוואַנטורע פון פּאָרט־סאַיד ביז קאַזערטאַ. זיי האָבן אַלע הנאה געהאַט דערפון און שטאַרק געלאַכט. דער אָפיציר האָט מיר געזאָגט אַז ער וועט פאַר מיר געפינען אַ פּלאַץ, אָבער קודם מוז ער באַקומען וועגן מיר אַלע פּרטים פון סאַראַפענד, דעריבער מוז איך וואַרטן. איך בין געווען זיכער אַז ער וועט קיין פּרטים נישט באַקומען, ווײַל מײַנע פרײַנד וועלן די בקשה זײַנע אַוועקוואַרפן, כּדי נישט אויפצודעקן די גע־שיכטע פון באַגדאַד. אַזוי איז טאַקע געשען. פון סאַראַפענד איז קיין ענטפער נישט געקומען. ווען ס'איז דעם אָפיציר נימאס געוואָרן מיך יעדן טאָג צו זען, האָט ער באַשלאָסן פון מיר פּטור צו ווערן און ער האָט מיך געשיקט קיין קלאַגענפאָרט, אין עסטרײַך, ווו עס איז געווען די רעזידענץ פון דער אייבערקאָמאַנדע פון עסטרײַך.

איך בין נישט געווען שטאַרק באַגײַסטערט צו פאָרן קיין קלאַגענפאָרט און זיך דאָרט ווידער אַרומדרייען צווישן גענעראַלן און שטאַב־אָפיצירן, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה. איך האָב אויך געהאָפט אַז פון קלאַגענפאָרט, וועל איך זיך שוין דערשלאָגן ביז קיין ווין, און דאָס איז בעצם געווען מײַן ציל.

אין קלאַגענפאָרט איז נאָך געווען ערגער ווי אין קאַזערטאַ. אַחוץ גענע־ראַלן האָבן זיך דאָרט אומעטום געדרייט מיליטערישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן קוים געוואַרט אַרײַנצוכאַפּן אַ סאָלדאַט אין תּפיסה פאַר עפּעס אַן עבירה, למשל אַ נישט־געריייניקטער גאַרטל, אָדער נישט־געפּוצטע שיך.

דער אָפיציר וואָס האָט מיך אויפגענומען איז אפשר געווען אַ דזשענטעל־מען, אָבער נישט קיין גרויסער ייִדנפרײַנד. מײַנע טענות, אַז איך וויל מען

זאָל מיך שיקן קיין ווין ווײַל איך רעד גוט דײַטש און בין געבוירן געוואָרן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און וויל זוכן צי ס'איז עמעצער געבליבן פון מײַן משפחה — האָבן אויף אים קיין רושם נישט געמאַכט. אויך מײַן טענה אַז נאָך דרײַ יאָר דינען אין איראַק קומט מיר ענדלעך צוגעטיילט צו ווערן אויף אַן אָרט מיט אַ גוטן קלימאַט — האָט אויך נישט געהאָלפן. אַ וואָך צײַט בין איך אים נאָכגעלאָפן ווי אַ הונט.

די מעשה האָט זיך פּלוצעם געענדיקט ווען ער האָט מיר אין אַ שיינעם טאָג געזאָגט אַז ער טיילט מיך צו קיין ווילאַך, אין דער דאָרטיקער באַנ־סטאַנציע. ער האָט נישט פאַרגעסן צו באַטאָנען אַז ער טוט דאָס, חלילה, נישט ווײַל איך האָב אים געבעטן, נאָר ווײַל עס פּאַסט אין זײַן אַרבעטספּלאַן. איך האָב קיין וואָרט נישט געענטפערט און האָב געטראַכט אַז אויב איך בין געקומען פון באַגדאַד ביז קיין ווילאַך, וועל איך זיך שוין דערשלאָגן פון ווילאַך קיין ווין.

אין ווין זענען דעמאָלט געבליבן נאָר צוויי באַנסטאַנציעס: די „אָסט־סטאַציאָן" און די „וועסט־סטאַציאָן". די איבעריקע זענען אַלע געוועזן צע־שטערט. די אָסט־סטאַציאָן איז געווען אין רשות פון דער סאָוועטישער אַרמיי און פון דאָרט האָט זיך אָנגעהאַלטן די פאַרבינדונגען מיט בודאַפּעסט און בוקאַרעשט. די וועסט־סטאַציאָן האָט געהערט צו די אַלײַרטע, פאַר זייערע פאַרבינדונגען מיט איטאַליע.

פון איטלעכער סטאַנציע איז יעדן טאָג אָפּגעפאָרן איין צוג. דער צוג וואָס איז געפאָרן קיין איטאַליע איז תּמיד געווען פול געפּאַקט, בעת אויפן וועג צוריק איז ער געקומען כמעט ליידיק. די באַנען זענען געווען באַשטימט נאָר פאַר מיליטער, אָבער די ענגלישע אייבערקאָמאַנדע האָט געגעבן איר הסכּמה אַז אויפן וועג קיין איטאַליע זאָלן מעגן פאָרן אויך מענטשן וואָס זענען געווען אין פאַרשיידענע דײַטשע אַרבעטס־לאַגערן און קערן זיך איצט אום אַהיים. בעיקר זענען דאָס געווען גריכן, יוגאָסלאַוון, בולגאַרן, פראַנצויזן און איטאַליענער.

די עליה־סטאַנציע ווילאַך

בעת דעם גרויסן תּוהו־ובוהו וואָס האָט געהערשט אין מיזרח־אייראָפּע אין יאָר 1945, ווען טויזנטער פּליטים, געראַטעוועטע פון די לאַגערן, האָבן אַרומגעבלאָנקעט פון אָרט צו אָרט און האָבן געזוכט אַ קרוב צי אַ באַקאַנטן, האָט דער „מוסד" אין ארץ־ישׂראל געפּאָדערט פון די ייִדישע סאָלדאַטן וואָס האָבן געדינט אין דער ענגלישער אַרמיי, זיי זאָלן אַלץ טאָן כּדי צו איבער־

ציַיגן אַז די גרעסטע טייל פֿון די יִידישע פליטים, זיי זאָלן זיך נישט אומקערן אין די לענדער פֿון מיזרח־אייראָפּע, ווו עס געוועלטיקן די רוסן, ווײַל נאָך אַ קורצער צײַט וועלן די קאָמוניסטישע ממשלות פֿאַרמאַכן די גרענעצן און קיינעם נישט מער אַרויסלאָזן. עס איז אויך געווען אַ סכּנה אַז די אָרטיקע אײַנוווינערס, וואָס האָבן אַקטיוו מיטגעהאָלפֿן די דײַטשן צו ליקווידירן די יִידישע באַפֿעלקערונג, וועלן פּשוט דערהרגענען די צוריקגעקומענע יִידן, אויב זיי וועלן אָפּמאָנען זייער פֿאַרמעגן.

דאָס איז געווען אַ שווערע אויפֿגאַבע, אָבער נאָך שווערער איז געווען צו איבערצײַגן אָט די אומגליקלעכע יִידן זיי זאָלן זיך דערשלאָגן קיין איטאַליע און וואַרטן דאָרטן אין די פּליטים־לאַגערן ביז מען וועט זיי קענען אַרײַנשמוגלען קיין ארץ־ישׂראל, ווײַל די מאַנדאַטאָרישע רעגירונג האָט פֿאַרמאַכט די טויערן פֿונעם לאַנד. דערצו האָט זיך געפֿאָדערט אַ בלינדער צוטרוי צו די יִידישע סאָלדאַטן, אַ טיפֿע איבערצײַגונג אַז זיי טוען אַלץ לטובֿת די געראַטעוועטע. די מענטשן וואָס זענען ניצול געוואָרן פֿון די טויטלאַגערן האָבן אָבער קיינעם נישט מער געגלייבט און זענען געווען פֿול מיט חשד לגבי יעדן איינעם.

עס איז געווען נאָך אַ סיבה וואָס האָט פֿאַרשווערט אונדזער אַרבעט: אַזוי לאַנג ווי די געראַטעוועטע האָבן זיך געפֿונען אין די פּליטים־לאַגערן פֿון די אַלײַרטע, האָבן זיי אַלץ באַקומען פֿון די פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, בעיקר פֿון דער „אונרא“. זיי האָבן גענאָסן דעם סטאַטוס פֿון באַפֿרײַטע וואָס זענען אויפֿן וועג אַהיים, אין די מקומות ווו זיי האָבן פֿריִער געוווינט. פּלוצעם האָבן מיר פֿון זיי געפֿאָדערט זיי זאָלן אויף אַלץ מוותּר זײַן, זיי זאָלן אַנטלויפֿן פֿון די פּליטים־לאַגערן און ווערן אילעגאַלע עולים, וואָס ווערן גערודפֿט דורך דער ענגלישער רעגירונג.

ס'איז ממש געשען אַ נס וואָס אָט די יִידן האָבן נישט פֿאַרלוירן דעם געזונטן אינסטינקט און האָבן פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז זייער איינציקער וועג. אָוודאי האָט אַ סך בײַגעטראָגן די איבערגעגעבנקייט פֿון די ארץ־ישׂראלדיקע סאָלדאַטן, וואָס האָבן טאָג און נאַכט געטאָן זייער הייליקע אַרבעט. אַ דאַנק זיי האָבן די פּליטים צוריקבאַקומען דאָס געפֿיל פֿון צוגעהעריקייט צום יִידישן פֿאָלק און זײַן בשותּפֿותדיקן גורל. די יִידישע סאָלדאַטן האָבן זיי געהאָלפֿן גובֿר זײַן דעם פּחד וואָס האָט גענעסטיקט אין זייערע נשמות פֿון די גרויליקע יאָרן וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט.

ווילאַך איז אַ טיפּיש עסטרײַכיש שטעטל אויף דער איטאַליענישער גרענעץ, אַרומגערינגלט מיט בערג און וועלדער. פֿאַר דער מלחמה איז עס

מסתּמא געווען ריין און ציכטיק, אָבער איצט האָט מען אומעטום געזען סימנים פון צעשטערונג. עס איז געווען אַ סכּנה צו גיין איבער די גאַסן, ווײַל מען האָט געקענט דערהרגעט ווערן פון די אײַנפאַלנדיקע ווענט. די אײַנוווינערס זענען אַרומגעלאָפן ווי הונגעריקע מײַז. זיי האָבן געוואַרט מען זאָל אַוועקוואַרפן אַ שטיקל פּאַפּיראָס, זיי זאָלן אים אויפהייבן. בעת איך האָב אויף זיי געקוקט האָב איך געטראַכט: ווי אַזוי האָבן אָט די שפּל־דיקע בריאות געהאַלטן אַ גאַנצע וועלט אין שרעק און געשטעלט אין סכּנה די גאַנצע מענטשהייט?

פון דעסטוועגן זענען אין ווילאַך נאָך געבליבן גענוג גאַנצע ווילעס וואָס זענען רעקווירירט געוואָרן דורך דער אָקופּאַציע־אַרמיי. אין אַזאַ ווילע, וואָס די בעל־הבתּים אירע זענען אַנטלאָפן, האָב איך באַקומען זייער אַ פײַן צימער, אין שכנות מיט נאָך צוועלף ענגלישע סאָלדאַטן וואָס האָבן געהערט צו דער טראַנספּאָרט־אָפּטיילונג. נישט ווײַט פון אונדז האָט געוווינט, אַליין אין אַ ווילע, אַן ענגלישער מיידזשער, דער קאָמענדאַנט פון דער באַנ־סטאַנציע.

אונדזער אָפּטיילונג אין ווילאַך האָט געציילט פערצן מאַן, אין איינעם מיטן קאָמענדאַנט. מיר האָבן געדאַרפט אײַנאָרדענען דעם טראַנספּאָרט פון אַליִיִרטע סאָלדאַטן וואָס זענען געפאָרן קיין איטאַליע אָדער זענען געקומען פון דאָרטן איבער דער עסטרײַכישער גרענעץ. דורך דער סטאַנציע אין ווילאַך איז פאַרבײַגעפאָרן איין איינציקער צוג אין מעת־לעת — אַ שנעלצוג וואָס איז אַרויסגעפאָרן חצות פון ווין און איז אָנגעקומען פיר אַ זייגער אין דער פרי קיין ווילאַך. דער צוג איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון אַ סך מער וואַגאָנען ווי עס איז דערלויבט אין נאָרמאַלע צײַטן.

אין ווין האָט מען געדאַרפט איבערלאָזן אַ צאָל ליידיקע פּלעצער אין צוג פאַר די פּאַסאַזשירן פון ווילאַך, אָבער בדרך־כּלל האָט מען דאָס נישט געטאָן און דער צוג איז אָנגעקומען פול געפּאַקט. די ענגלישע סאָלדאַטן אין ווילאַך זענען נישט געווען להוט זיך צו אַמפּערן מיט די אויטאָריטעטן אין ווין פאַר די עטלעכע פרײַע פּלעצער. זיי האָבן בעסער פאַרבראַכט די צײַט אין די קאַנטינעס מיט עסן און טרינקען. איז טאָקע יעדן טאָג געווען אַ גוואַלדיקער טומל ווען דער צוג איז אָנגעקומען. די סאָלדאַטן וואָס האָבן געוואַרט אָפּצור־פאָרן האָבן זיך אַרײַנגעריסן מיט כּוח אין צוג און אָפט מאָל האָט מען געדאַרפט רופן די מיליטערישע פּאָליציי, כּדי זיי אַראָפּצוברענגען.

ווי אַ קאָרפּאָראַל האָב איך באַקומען דאָס אַחריות אויף דער טאָג־טעגלע־כער אַרבעט אין דער סטאַנציע פון ווילאַך. נאָך עטלעכע טעג בין איך געווען

איבערצײַגט אַז דער ענגלישער קאָמענדאַנט וועט זײַן צופרידן איך זאָל איבערנעמען די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איין איינציק מאָל האָב איך געזאָגט די ענגלענדער אַז אויב זיי זענען מיד מעגן זיי גיין שלאָפן און איך וועל שוין אַליין טאָן די אַרבעט. שפּעטער זענען זיי שוין געקומען מיט פאַרשיידענע תּירוצים אַז זיי קענען נישט אַרבעטן בײַ נאַכט, אַזוי אַז איך בין פאַקטיש געבליבן אַליין. די ענגלענדער האָבן מיך אַוודאי אויסגעלאַכט און זיך געפרייט וואָס זיי האָבן אָפּגענאַרט דעם נאַרישן קאָרפּאָראַל פון פאַלעסטײַן.

זיי האָבן געלאַכט, אָבער איך בין געווען צופרידן, ווײַל איך האָב געוווסט אַז פאַר דער אַרבעט וואָס איך וויל דורכפירן אין ווילאַך איז בעסער אַז עס דרייען זיך ווייניקער ענגלענדער אין דער סטאַנציע. אויך דער ענגלישער אָפיציר, וואָס פלעג פריִער קומען צוויי־דרײַ מאָל אַ וואָך בעת ס׳איז אָנגעפאָרן דער צוג פון ווין, האָט פאַמעלעך אויפגעהערט צו קומען און האָט זיך פאַרלאָזט אויף מיר. ער האָט מסתּמא געפונען אין ווילאַך ווו צו פאַרברענגען בײַ נאַכט, איידער צו קומען אויף דער סטאַנציע און זיך פאַרנעמען מיט זאַכן וואָס האָבן אים נישט אינטערעסירט.

מײַן ערשטע אויפגאַבע איז געווען צו שאַפן אַ קאָנטאַקט מיט די שליחים פון „מוסד” אין ווין, וואָס זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע פעולות אין עסטרײַך. באַלד דערנאָך זענען געקומען קיין ווילאַך די חברים יצחק און מיכאל און אין איינעם האָבן מיר באַשלאָסן אַז אין יעדן צוג וואָס פאָרט קיין איטאַליע דאַרף איך זאָרגן עס זאָלן זײַן צוואַנציק פלעצער פאַר פליטים. איך האָב אויך געדאַרפט אין זינען האָבן אַז די פליטים זאָלן האָבן ווו צו וווינען אין ווילאַך פיר און צוואַנציק שעה איידער זיי פאָרן אָפּ, כּדי עס זאָל זײַן צײַט פאַר זיי צוצוגרייטן די נייטיקע דאָקומענטן וואָס זאָלן באַווײַזן אַז זיי קומען פון ווילאַך, צי פון לעבן ווילאַך.

איך בין אין יענער צײַט געווען דער צום מיינסט פאַרנומענער סאָלדאַט אין ווילאַך. נאַכט פאַר נאַכט אויפן וואָקזאַל און בײַ טאָג — אַלץ צוגרייטן עס זאָלן קיין מניעות נישט זײַן. איך בין אָבער געווען גליקלעך ווען איך האָב געזען די שטראַלנדיקע פנימער פון די פליטים בעת זיי זענען אַרויף אויפן צוג וואָס האָט זיי געפירט נענטער צו זייער ציל: ארץ־ישׂראל.

אין יעדן צוג וואָס איז דעמאָלט אַרויסגעפאָרן פון ווילאַך זענען געווען לכל־הפּחות צוואַנציק פליטים. איך האָב פאַר זיי געפונען פלאַץ. קודם־כּל האָב איך געפירט אַ קאַמף מיט די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרן טראַנספּאָרט אין ווין אַז זיי זאָלן איבערלאָזן אַ צאָל פלעצער פאַר ווילאַך. דערנאָך האָב

איך איבערצײַגט די מיליטער־פּאָליציי אין ווילאַך אַז עס איז בעסער פּאָר די סאָלדאַטן און פאַר די פּליטים וואָס ווילן זיך שוין זען אין דער היים נאָך אַזוי פיל יאָרן, זיי זאָלן אַ פּאָר שעה פאָרן שטייענדיק, ווי זיי זאָלן דאַרפן וואַרטן וואָכן־לאַנג ביז זיי ועלן האָבן זיצפּלעצער. בײַם אָנהייב האָבן זיך די ענגלענדער, בעיקר די אָפיצירן, באַקלאָגט אויף דער ענגשאַפט אין צוג, אָבער פּאַמעלעך האָט מען זיך צוגעוווינט.

ווילאַך איז געוואָרן אַ וויכטיקער פּונקט פון עליה קיין ארץ־ישראל. אַ סך ייִדן וואָס זענען היַנט ותיקים אין לאַנד געדענקען אַוודאי זייער נסיעה פון ווילאַך קיין איטאַליע און זענען מיר מוחל וואָס זיי האָבן געמוזט זיך מאַטערן שעהען־לאַנג אויף די פיס. כמעט אַלע שליחים פון „מוסד" זענען געקומען קיין ווילאַך, בעיקר די סאָלדאַטן וואָס האָבן געהערט צו פּאַר־שיידענע ארץ־ישראלדיקע אײנהייטן אין איטאַליע און האָבן בעצם געאַרבעט אין „מוסד" אין ענינים פון עליה ב׳. פּלוצעם האָט מען געקענט הערן אין ווילאַך העברעיִש און דאָס האָט מיר געגעבן אַ געפיל אַז איך בין נישט ווײַט פון דער היים.

איך בין געווען אַזוי פאַרטאָן מיט דער אַרבעט אַז איך האָב אַפילו נישט געפילט ווי ס׳איז פאַרגאַנגען אַ האַלב יאָר פון זינט איך בין אין ווילאַך. איך האָב געהאַט אַ סאַטיספאַקציע פון דער אַרבעט, אָבער עס האָט מיך נישט געלאָזט רוען דער געדאַנק אַז איך מוז זיך דערשלאָגן אין דער טשע־כאָסלאָוואַקײַ און זען צי ס׳איז עמעצער געבליבן פון מײַן משפחה. אלישבע האָט דאָס אויך פון מיר געפאָדערט אין אירע בריוו. איין מאָל בעת יוסף באַראַץ איז געקומען קיין ווילאַך האָב איך אים דערציילט אַז איך וואָלט געוואָלט מען זאָל מיך טראַנספערירן קיין ווין, ווײַל פון דאָרטן האָף איך זיך גרינגער צו דערשלאָגן קיין טשעכאָסלאָוואַקײַ. נאָך אַ קורצער צײַט האָב איך באַקומען די הסכמה פון „מוסד" איך זאָל פאָדערן אַ טראַנספער.

איך האָב זיך אָנגעהויבן צו בעטן בײַ מײַן אָפיציר ער זאָל מיר העלפן באַקומען דעם טראַנספער. כ׳האָב אים דערציילט אַז איך האָב עטלעכע יאָר געדינט אין מידבר און ערשט נאָך דער מלחמה האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דעם ייִדישן חורבן אין אייראָפּע. איצט וויל איך אָפּזוכן עמעצן פון מײַן משפחה אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. כ׳האָב אים געזאָגט אַז דער ענין מאַטערט מיך אַזוי, אַז איך קען זיך בשום־אופן נישט מער קאָנצענטרירן בײַ דער אַרבעט.

מײַן אָפיציר, מיידזשער סקאָט, וואָס האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן און האָט אויסגעזען צו זײַן אַן אויבנאויפיקער פּאַרשוין וואָס זוכט נאָר

באַקוועמלעכקייט, איז אין דער אמתן געווען זייער אַן איידעלער מענטש. אפשר דערפאַר ווײַל ער איז געווען אַ סקאַטלענדער. בכל־אופן האָט ער מיר צוגעזאָגט אַז אויב איך בין מסכּים מיך צו טראַנספּערירן אויף אַ האַלב יאָר, וועט ער רעדן מיט זײַנעם אַ פרײַנד, אַ פאַראַנטוואָרטלעכער איבער טראַנספּאָרט־ענינים אין ווין, ער זאָל אים שיקן אַן אַנדער קאָרפּאָראַל אויף זעקס חדשים.

איך האָב תּיכּף מסכּים געווען, ווײַל איך בין געווען זיכער אַז נאָך אַ האַלב יאָר וועט מען מיך באַפרײַען פון מיליטער און איך וועל פאָרן אַהיים. איך האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט אַז איך וועל נאָך בלײַבן מער ווי אַ יאָר אין מיליטער און אַז דער הספּם מיטן ענגלישן קאָרפּאָראַל וואָס האָט מיך איבערגעביטן וועט בלײַבן אַ שטענדיקער. יענער האָט גאָר קיין חשק נישט געהאַט זיך אומצוקערן קיין ווין. אין ווילאַך איז אים געווען בעסער.

סוף־כּל סוף אין ווין

אין ווין האָב איך געוווינט אין אַ קליינעם פּאַלאַץ וואָס האָט אַ מאָל געהערט דעם עסטרײַכישן אַדעליקן פאָן ריכטהאָפן, נאָענט פון דער „אַספּאַנג״־סטאַנציע. מיט מיר האָבן געדינט צוואַנציק סאָלדאַטן, אַלע ענגלענדער, אַחוץ צוויי ארץ־ישׂראלים, וואָס האָבן אָבער נישט געהאַט קיין שום שײַכות צו ארץ־ישׂראל, ווײַל זיי זענען מאָביליזירט געוואָרן באַלד נאָך דעם ווי זיי זענען אָנגעקומען און האָבן נישט באַוויזן זיך צו באַקענען מיטן לאַנד און מיט זײַנע פּראָבלעמען. אויף אַזאַ אופן האָב איך זיך בײַם אָנהייב געדאַרפט היטן אויך פאַר זיי, אָבער מיט דער צײַט זענען זיי געוואָרן מײַנע פרײַנד און מיטהעלפערס.

די אַרבעט פון „מוסד״ פאַר עליה ב׳ האָט געהאַט אַ גרויסן פאַרנעם אין ווין. כּמעט אַלע פּליטים וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אומקערן אין זייערע פריִערדיקע היימען, אָדער וואָס זענען דאָרטן געווען און האָבן געזען אַז זייער לעבן איז אין סכּנה, זענען געקומען קיין ווין און דאָ האָט מען זיי קאָנצענטרירט אין אַמאָליקן יידישן שפּיטאָל וואָס האָט געטראָגן ראָטשילדס נאָמען.

דער גרויסער בלאָק פון בנינים איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין טראַנזיט־סטאַנציע פאַר די פּליטים וואָס זייער ציל איז געווען ארץ־ישׂראל און אויך פאַר די וואָס האָבן געוואַרט אויף באַוויליקונגען צו פאָרן אין אַנדערע לענדער. די פּליטים זענען געשפּײַזט געוואָרן דורך דער אונראַ און דעם דזשוינט. דער גרעסטער טייל פון די אונראַ־אָפיצירן זענען געווען

יידן פון אַמעריקע און ענגלאַנד. עס זענען געווען צווישן זיי אויך עטלעכע ארץ־ישׂראלדיקע אָפּיצירן וואָס האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן אין אָט דער אָפּטיילונג. אויך די פּקידים פון דזשוינט זענען געווען אַמעריקאַנער. צו מאָל האָט מען אויך באַשעפטיקט פּליטים ביי פאַרשיידענע אַרבעטן.

דער פאַרוואַלטער פון ראָטשילד־שפּיטאָל איז אַליין געווען אַ פּליט. ער האָט געהייסן טייכהאָלץ. אָט דער ייד האָט אַלע זיינע כּוחות אָפּגעגעבן צו העלפן די פּליטים וואָס זענען אָנגעקומען אין ווין. שפּעטער איז ער אַליין עולה געווען, אָבער ער האָט זיך דאָ נישט געקענט אַקלימאַטיזירן און איז אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. מיר, פון „מוסד״ האָבן האַרמאָניש צוזאַמענ־געאַרבעט מיט טייכהאָלצן און ער איז תּמיד גרייט געווען אונדז צו העלפן. די אַרבעט אין ראָטשילד־שפּיטאָל איז נישט געווען קיין גרינגע און דעריבער איז פאַרשטענדלעך אַז מענטשן האָבן געמורמלט און גערעדט רכילות. אַפילו אין נאָרמאַלע באַדינגונגען איז שווער צו באַפרידיקן אַזוי פיל מענטשן. על אַחת־כּמה־וכמה אַז מען האָט צו טאָן מיט מענטשן וואָס זענען אַדורכגע־גאַנגען שיבעה מדורי גיהנום, צעבראָכענע מענטשן וואָס האָבן פאַרלוירן דעם גלויבן אין גאָט און אין מענטש. דערפאַר האָבן מיר תּמיד געהאַט ספקות וואָס שייך די רכילות וואָס זענען אַרומגעגאַנגען.

איידער איך האָב אָנגעהויבן מיין אַרבעט אין ווין, האָב איך באַקומען איין און צוואַנציק טעג אורלויב. איך האָב געקראָגן אַ דזשיפּ און בין אַרומגעפאָרן איבער דער טשעכאָסלאָוואַקיי, פּוילן, אונגאַרן און רומעניע. איך בין געווען אין אַלע טויטלאַגערן פון אייראָפּע און אין די מקומות ווו עס זענען פריער געווען גרויסע יידישע קהילות. כ'האָב איינגעזאַפּט דעם גרויסן ווייטיק פון מיין פאָלק און בין ממש צעבראָכן געוואָרן אונטער דעם דאָזיקן עול. ווען איך האָב זיך אומגעקערט קיין ווין בין איך אַ חודש געלעגן אין שפּיטאָל און ס'איז געווען אַ חשד אַז איך האָב אַ געהירן־הויט־אָנצינדונג.

ווען איך בין צו־זיך געקומען און האָב אָנגעהויבן אַרבעטן, בין איך יעדן טאָג געגאַנגען אין ראָטשילד־שפּיטאָל, כּדי צו הערן פּרטים וועגן די טויט־לאַגערן וואָס איך האָב געזען. דער ראָטשילד־שפּיטאָל איז געווען דער עמק הבכא פון די געראַטעוועטע. דאָרט איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן אַז אומעטום אין גלות האָבן יידן געהאַט דעם זעלביקן גורל. דאָרטן האָבן מיר געטאָן אַ שבועה אַז אַזאַ אומגליק וועט קיין מאָל נישט מער פאָרקומען מיטן יידישן פאָלק, אַז מיר וועלן אַלץ טאָן כּדי דאָס אויסצומיידן.

אונדזער צענטראַלע איז געווען אויף דער פראַנק־גאַס נומער 2. דאָרט האָבן געאַרבעט די שליחים פון „מוסד״ פאַר עליה ב׳, אונטער דער אָנפירונג

פון אַרתּור — הײַנט אשר בן־נתן. זײַן רעכטע האַנט איז געװען די װוּנדער־שײנע סאָניע, װאָס אירע מעשׂים װי אַ קעמפּערין קעגן דעם נאַצישן רעזשים זענען שױן דעמאָלט געװען אַ לעגענדע. מען האָט דערציילט אַז אין דער צײַט פון דער מלחמה האָט זי באַװיזן אַרײַנצודרינגען אין די העכסטע אינסטיטוציעס פון דער געסטאַפּאָ און זיך אײַנגעשטעלט דאָס לעבן כּדי צו העלפן ייִדן. איצט, אין װין, האָט זי געטאָן אַלץ כּדי צו העלפן ייִדן אױף זײער װעג קײן ארץ־ישׂראל.

פֿאַר אַרתּורן, מיט זײַן אַרישן אױסזען, האָבן זיך געעפֿנט אַלע טירן. ער האָט געהאַט גוטע באַציִונגען מיט די מיליטערישע אױטאָריטעטן פון די אַלײִרטע און שפּעטער אױך מיט די אָרטיקע עסטרײַכישע אױטאָריטעטן. אַפילו מיט די ענגלענדער, װאָס האָבן אַרײַנגעקוקט אין אַלץ װאָס מיר, ארץ־ישׂראלדיקע סאָלדאַטן, טאָן — האָט ער געהאַט קאָרעקטע באַציִונגען. ער האָט אַלעמען פֿאַרכּישופֿט מיט זײַן פֿערזענלעכקײט. איך האָב נישט באַ־געגנט אַ צװײטן מענטש מיט אַזאַ פֿעסטן, בכּבֿודיקן אױפֿטראָט, װי אַרתּור. ער האָט זיך אױך געניאַל אָריענטירט און תּמיד געװוּסט װי אַזױ אױסצונוצן יעדן װעג און שטעג צו ראַטעװען ייִדן.

אין דער פֿראַנק־גאַס זענען נישט געװען קײן באַשטימטע אַרבעטס־שעהען. װען מען איז אַרײַנגעקומען, בײַ טאָג צי בײַ נאַכט, איז אַרתּור געזעסן אױף זײַן אָרט, רויִק און עלעגאַנט. פֿון דער פֿראַנק־גאַס זענען אַרױס די שליחים — יונגע־לײַט, ספּעצן אין שמוגלען ייִדן איבער די גרענעצן, קודם ביז קײן װין, דערנאָך קײן איטאַליע און פֿון דאָרט קײן ארץ־ישׂראל. אָט די יונגע־לײַט האָבן טאָג־טעגלעך אײַנגעשטעלט זײער לעבן, אָבער װען מען האָט זײ געזען אָנקומען אין דער פֿראַנק־גאַס און נאָך זײ די לאַנגע רײען פֿון פּליטים — איז בײַ אַלעמען געװאַקסן דאָס האַרץ. אָפֿט פֿלעג איך זיצן דאָרט אין דער פֿראַנק־גאַס אין קיך ביז שפּעט בײַ נאַכט און אױסהערן װאָס אונדזערע „שמוגלער־ספּעצן" האָבן דערציילט און — כ'האָב זײ מקנא געװען.

װער קען געדענקען די נעמען פֿון אָט די יונגע־לײַט? די אמתע און די פּיקטיװע נעמען פֿון אָט די מענטשן, װאָס האָבן געטאָן זײער אַרבעט אין אונטערגרונט, װי אַנאָנימע סאָלדאַטן. װען די ענגלישע געהײם־פּאָליצײ האָט זײ אַנטפּלעקט, האָבן זײ באַקומען דעם העכסטן פּרײַז: מען האָט זײ פֿאַרטריבן פֿון עסטרײַך און מיר האָבן זײ געהאָלפֿן קומען קײן ארץ־ישׂראל. אין זכּרון זענען געבליבן עטלעכע נעמען — אמתע צי פּיקטיװע — פֿון אָט די אַנאָנימע סאָלדאַטן: מיכל, אָסקאַר, אַבראַשקאַ, יאַנעק, צפּורה... די װעלכע איך האָב פֿאַרגעסן זאָלן מיר מוחל זײַן.

מען האָט דאָרט באַגעגענט אויך די ארץ־ישׂראלדיקע שליחים פון „מוסד״ פאַר עליה ב׳. אויך מיליטער־לײַט וואָס האָבן געדינט אין דער ענגלישער אַרמיי, אין די אונרא־אינסטיטוציעס. אויך ציוויליסטן וואָס האָבן זיך אײַנ־געשפּאַנט צו ראַטעווען ייִדן. זייערע נעמען געדענק איך אויך נישט אַלע. איך דערמאָן זיך אין יוסף באַראַץ, מרדכי סורקיס, לוי אַרגוב, ריקאַ, יצחק, מרדכי, משה, יוסף, חיים — דאָס איז נאָר אַ חלק פון די ארץ־ישׂראלים וואָס האָבן מיט מסירות־נפש און סכּנת־נפשות געראַטעוועט ייִדן און זיי געבראַכט אין לאַנד. די וואָס איך האָב דערמאָנט און די וואָס איך האָב נישט דערמאָנט האָבן געהאַט אַ חלק אין דעם גרויסן וווּנדערלעכן ווערק פון ראַטעווען ייִדן. דער אויפטו זייערער האָט מעגלעך געמאַכט שפּעטער צו פּראָקלאַמירן מדינת־ישׂראל און דאָס איז טאַקע געווען זייער גרעסטער שׂכר.

די ווינער אײַנוווינערס זענען אַרומגעלאָפן ווי שאָטנס איבער די צע־שטערטע גאַסן. די סאָלדאַטן און בעיקר די אָפיצירן פון די אַלייִרטע אַרמייען האָבן געהאַט בשפע צו עסן און צו רייכערן און די ווינער פרויען און מיידלעך זענען גרייט געווען אַלץ אַוועקצוגעבן פאַר אַ שטיקל שאָקאָלאַד. ס׳איז טאַקע געווען פאַרבאָטן אַז דאָס מיליטער זאָל זיך חברן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, אָבער קיינער האָט דאָס נישט גענומען ערנסט. און די ווינער מיידלעך אַוודאי נישט. זיי האָבן געפירט אַ האַרטע קאָנקורענץ אין קאַמף צו געווינען די הערצער פון די נעכטיקע שונאים.

מען האָט געקענט זען עלטערן באַגלייטן זייערע טעכטער און מענער — זייערע פרויען אין די שלאָפצימער פון די זיגערס. ס׳איז שווער געווען צו גלייבן אַז מענטשן קענען אַזוי טיף זינקען, זיך אַזוי דערנידעריקן פאַר אַ צוקערל און אַ פּאַפּיראָס. די חברשאַפט מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג האָבן אָנגעהויבן די ענגלענדער און די אַמעריקאַנער. דערנאָך האָבן די רוסן זיי נאָכגעטאָן. די רוסן האָבן, אַגב, נישט געהאַט אַזאַ דערפאָלג ווי די ענ־גלענדער און אַמעריקאַנער, ווײַל זיי האָבן נישט געהאַט אַזוי פיל גוטע זאַכן. אַחוץ דעם האָבן די ווינער פרויען מורא געהאַט פאַר זיי, ווײַל זיי האָבן נישט פאַרגעסן ווי די רוסן האָבן גערויבט און פאַרגוואַלדיקט אין די ערשטע טעג ווען זיי זענען אַרײַן אין ווין. בכל־אופן האָט די חברשאַפט מיט דער באַפעל־קערונג שפּעטער געפירט צו דעם גיכן אויפבוי פון דער דײַטשער און עסט־רײַכישער ווירטשאַפט. עס קען אַוודאי זײַן, אַז ווען די ענגלענדער און אַמעריקאַנער וואָלטן נישט אָנגעהויבן זיך צו חברן מיט דער באַפעלקערונג, וואָלטן די רוסן ממשיך געווען זייער שיטה פון „פאַרברענטער ערד״ און דײַטשלאַנד און עסטרײַך וואָלטן נישט אַזוי גיך צו־זיך געקומען.

דער ענגלישער אָפיציר וועלכער האָט געטראָגן דאָס אַחריות פאַר דער באַנסטאַנציע האָט זיך מער פאַרנומען מיט זײַן פּרײַלין ווי מיט דער אַרבעט. ווי ער האָט געזען אַז ער קען מיר, ווי אַ קאָרפּאָראַל, איבערגעבן דאָס אַחריות — האָט ער דאָס באַלד געטאָן און איך האָב אים שוין כּמעט נישט מער געזען בײַ דער אַרבעט. אויך די צוואַנציק סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהאַט הינטער זיך יאָרן פון מיליטער־דינסט, זענען נישט געווען להוט צו אַרבעטן. דאָס מיליטער איז זיי שוין געווען מיאוס און נימאס. האָבן זיי טאַקע געזוכט אין די נעכט אַ בעסערע באַשעפטיקונג ווי צו זיצן אויפן וואָקזאַל. זיי האָבן שטענדיק געהאַט אַ תּירוץ אַז זיי קענען נישט אַרבעטן און איך בין זיי נישט געשטאַנען אין וועג.

אויף אַזאַ אופן בין איך געוואָרן דער בעל־הבית איבער דער ריזיקער אַספּאַנג־סטאַנציע אין ווין, וואָס האָט זיך געצויגן אויף אַ שטח פון עטלעכע קילאָמעטער. לײדיקע וואַגאָנען זענען געשטאַנען אויף די רעלסן און קיינער האָט זיך מיט זיי נישט באַנוצט, ווײַל עס זענען נישט געווען קיין לאָקאָ־מאָטיוון.

קודם־כּל האָב איך געגעבן אַ באַפעל אַז מען זאָל צושטעלן צו יעדער באַן וואָס פאָרט אַרויס אין אָוונט נאָך צוויי וואַגאָנען. דערנאָך האָב איך געפאָדערט פון די עסטרײַכישע באַן־אַרבעטער זיי זאָלן תּיכּף אָנהייבן פאַר־ריכטן אַ לאָקאָמאָטיוו וואָס איז ערגעץ געשטאַנען אַ צעבראָכענער. ווען דער לאָקאָמאָטיוו איז געווען פאַרטיק האָט דער צוג שוין געקענט אַרויספאָרן מיט צוויי לאָקאָמאָטיוון — איינער פון פאָרנט און איינער פון הינטן — אַזוי אַז די צוויי צוגעגעבענע וואַגאָנען האָבן זיך נישט מער אָנגעזען.

אויף אַזאַ אופן איז היפּש געוואַקסן די צאָל פּלעצער אין די באַנען און איך האָב געקענט דערפילן די פאָדערונגען פון דער פראַנק־גאַס צו שיקן קיין איטאַליע „מער בריטישע סאָלדאַטן" — ייִדן וואָס מיר האָבן אויסגעריכט מיט מונדירן און דאָקומענטן. אַחוץ דעם זענען אויך אַ טייל ייִדן געפאָרן ווי פּליטים פון גריכנלאַנד צי יוגאָסלאַוויע. איך בין געווען זייער צופרידן, אָבער איך האָב געלעבט אין אַ שטענדיקער שפּאַנונג. די שווערסטע שעהען זענען געווען בײַ נאַכט, פון ווען דער צוג איז אָפּגעפאָרן ביז אַ זייגער דרײַ פאַר טאָג, ווען איך האָב באַקומען אַ טעלעפאָנישע מעלדונג פון ווילאַך, די לעצטע עסטרײַכישע סטאַנציע, אַז אַלץ איז אַדורך בשלום.

אין ווין האָב איך זיך באַקענט, בעיקר דורך מײַן אַרבעט, מיט ייִדישע סאָלדאַטן פון די אַמעריקאַנישע, ענגלישע, פראַנצויזישע און רוסישע אָקופּאַציע־אַרמייען. צווישן די ענגלישע ייִדן זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן

נישט אָנגעהויבן צו וויסן וועגן אונדזערע ציוניסטישע און כּלל־יידישע פּראָבלעמען. אָבער נאָך דעם ווי זיי זענען איין מאָל געווען אין ראָטשילד־שפּיטאָל האָט זיך דערוועקט אין זיי דאָס יידישע האַרץ. די יידישע סאָלדאַטן פון אַמעריקע זענען אויך גרייט געווען צו העלפן. קודם־כּל האָבן זיי געבראַכט אין ראָטשילד־שפּיטאָל כּל מיני דעליקאַטעסן און דערפאַר האָבן זיי די פּליטים באַטראַכט ווי „רײַכע פעטערס". אין דער פראַנצייזישער אַרמיי זענען געווען ווייניק יידן, ווײַל אין פראַנקרײַך זענען בכלל געבליבן ווינציק יידן. אָבער די געציילטע וואָס מיר האָבן באַגעגנט זענען געווען וווּנדערלעכע יינגלעך. בײַ זיי איז נישט געווען אַזאַ שפע ווי בײַ די אַמע־ריקאַנער, אָבער זיי האָבן ממש אָפּגעשפּאָרט פון מויל און געבראַכט וואָס זיי האָבן נאָר געקענט אין ראָטשילד־שפּיטאָל פאַר די יידישע פּליטים.

די עיקר־שוועריקייטן האָבן מיר געהאַט מיט די יידן וואָס האָבן געדינט אין דער רויטער אַרמיי. פאָרמעל זענען די רוסן געווען אַליִירטע, גלײַך מיט די אַמעריקאַנער און ענגלענדער, אָבער אין דער אמתן זענען זיי געווען אָפּגעזונדערט דורך אַ פּלויט פון שטעכלדראָט, אײַנגעשלאָסן אין דעם רוסישן ראַיאָן. די פּאָליטישע קאָמיסאַרן האָבן געהאַלטן אַן אויג אַז רוסישע סאָלדאַטן זאָלן זיך נישט חברן מיט די אַמעריקאַנער און בעיקר מיט די ענגלענדער. די סאָוועטן זענען געווען אין כּעס אויף די ענגלענדער, מחמת דער רעדע פון טשערטשיל, וואָס האָט געוואָרנט די דעמאָקראַטישע וועלט אַז די רוסן ווילן אײַננעמען דעם מערב, דווקא איצט, צום סוף פון דער מלחמה. אָט די רעדע האָט געשאַפן אַ שפּאַנונג צווישן די סאָלדאַטן און אַפילו אַרויס־גערופן שׂינאה.

אין פאַרבינדונג מיט מײַן אַרבעט, ווי דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר טראַנספּאָרט־ענינים אין דער אַספּאַנג־באַנסטאַנציע, איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיטן קאָמענדאַנט פון דעם רוסישן ראַיאָן אין ווין, פּאָל־קאָווניק מייזליש. ווין איז דעמאָלט שוין געווען צעטיילט אין פיר ראַיאָנען — אַמעריקאַנישער, ענגלישער, פראַנצויזישער און רוסישער — און איטלעכער ראַיאָן האָט געהאַט זײַן קאָמענדאַנט.

מייזליש, אַ מענטש אין די פופציקער, איז געווען אין ציווילן לעבן אַ וואַסער־אינזשעניר. היות איך האָב נישט גוט פאַרשטאַנען רוסיש — צווישן טשעכיש און רוסיש איז אַ גרויסער חילוק — האָט ער צו מיר גערעדט יידיש. אונדזער בשותּפותדיקער אינטערעס איז געווען די שׂינאה קעגן דײַטשן. אַחוץ דעם זענען מיר אויך ביידע געווען נײַגעריק און איטלעכער האָט גע־וואָלט וויסן וואָס דער צווייטער טראַכט. בעיקר זענען מיר געווען פאַראינ־

טערעסירט צו הערן וועגן ברידער פון וועלכע מיר זענען געווען אָפּגעריסן צענדליקער יאָרן. מיר זענען תּיכּף געוואָרן גוטע פֿרײַנד און האָבן באַשלאָסן זיך עפּטער צו באַגעגענען. מייזליש האָט געוווּסט וואָס צו פֿרעגן, ער האָט נאָך נישט געהאַט פֿאַרגעסן אין גאַנצן זײַן יידישע דערציִונג און אויך נישט דעם רושם פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג וועגן וועלכער ער האָט געהערט אין די קינדער־יאָרן.

אַ דאַנק דעם פּאָלקאָווניק מייזליש האָב איך זיך באַקענט אויך מיט אַנדערע יידישע אָפֿיצירן פֿון דער רויטער אַרמיי. אַלע וואָס זענען געווען בערך אין זײַן עלטער האָבן אויף מיר געמאַכט דעם זעלבן רושם: אָפּגעריסן פֿון יידישן פֿאָלק, אָבער נישט אָפּגעפֿרעמדט. די אַכזריותדיקע מלחמה אין וועלכער עס זענען חרוב געוואָרן גאַנצע יידישע קהילות האָט ווידער אין זיי דערוועקט דאָס באַוווּסטזײַן פֿון אַ בשותּפֿותדיקן גורל. כּמעט אַלע האָבן געוואָלט וויסן וואָס עס איז געשען מיט די יידן וואָס זענען אַוועק פֿון אייראָפּע און האָבן זיך באַזעצט אין ארץ־ישׂראל. זיי האָבן כּסדר געפֿרעגט צי עס וואַקסט אין ארץ־ישׂראל אַ נײַער טיפּ ייִד, מיט אַ דורכויס נאַציאָנאַל באַוווּסטזײַן.

די אָפֿטע באַגעגענישן מיט די יידיש־רוסישע אָפֿיצירן האָבן אַרויסגערופֿן בײַ מיר אַ געדאַנק צו אָרגאַניזירן אַ טרעפֿונג צווישן יידישע סאָלדאַטן פֿון אַלע אַלייִרטע אַרמייען און די שארית־הפּליטה וואָס געפֿינט זיך אין ראָט־שילד־שפּיטאָל, כּדי אויף אַזאַ אופֿן צו באַווײַזן אַז דאָס יידישע פֿאָלק לעבט. די פֿראַגע איז נאָר געווען ווי אַזוי דאָס צו טאָן, כּדי נישט צו דערוועקן קיין חשד בײַ דער רוסישער אייבערקאָמאַנדע פֿון עסטרײַך. מייזליש האָט פֿאָרגעשלאָגן מען זאָל צוגרייטן אַ פּורים־פֿאַרווײַלונג פֿאַר אַלע יידישע סאָלדאַטן פֿון די אַלייִרטע אַרמייען בשותּפֿות מיט די פּליטים פֿון ראָטשילד־שפּיטאָל. די איניציאַטיוו פֿאַר אַזאַ מסיבה דאַרף קומען פֿון דער יידישער קהילה אין ווין. ער איז געווען איבערצײַגט אַז נאָר אַזוי וועט מען דערלויבן די יידישע סאָלדאַטן פֿון דער רוסישער אַרמיי זיך צו באַטייליקן. די יידישע קהילה וועט מען נישט חושד זײַן אַז זי מאַכט נאַציאָנאַליסטישע אָדער מערבדיקע פּראָפּאַגאַנדע.

מײַנע פֿרײַנד פֿון דער ענגלישער און אַמעריקאַנישער אַרמיי, און בעיקר טײַכהאָלץ, זענען גאָר באַגײַסטערט געוואָרן פֿון דעם דאָזיקן פּלאַן. טײַכהאָלץ האָט אויף זיך גענומען צו באַקומען פֿון דזשוינט די נייטיקע פּראָדוקטן פֿאַר דער מסיבה און איך האָב זיך געדאַרפֿט צונויפֿרעדן מיט דער אָנפֿירונג פֿון דער יידישער קהילה. אַלע האָבן געגעבן זייער הסכּמה. בעיקר איז די פֿאַרוואַלטונג פֿון דזשוינט געווען צופֿרידן אַרויסצורײַסן די פּליטים פֿון דעם

טרויעריקן רוטין זייערן און זיי אַ ביסל דערמוטיקן. פאַר וואָר: ס'איז נישט צו באַשרייבן די באַגײַסטערונג פון די פּליטים ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט פון דעם דאָזיקן פּלאַן. זיי האָבן געפּילט דאָס באַדערפעניש אַ ביסל צו פאַרגעסן אין זייערע צרות. עס האָבן זיך געיאָוועט צווישן זיי קינסטלערס וואָס זענען געווען גרייט צו העלפן אַז די מסיבה זאָל מצליח זײַן. די ייִדישע קהילה האָט צוגעשטעלט אינסטרומענטן און עס איז אין גיכן געשאַפן געוואָרן אַן אָרקעסטער.

וואָס שייך עסן און טרינקען האָבן מיר זיך בעיקר פאַרלאָזט אויף טײַכ־האַלצן. ער האָט מאָביליזירט אַלע אָרגאַניזאַציעס אין ווין וואָס האָבן גע־בראַכט פון כּל־טוב. פאַרשטייט זיך אַז מיר, די סאָלדאַטן, זענען אויך נישט געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט. כּדאַי צו באַטאָנען אַז אַלע קאָמענדאַטורן זענען געווען ברייטהאַרציק און האָבן געשענקט פאַר דער מסיבה קאָנסערוון, משקה, זיסוואַרג און פּאַפּיראָסן. אַפילו די רוסישע קאָמענדאַטור האָט געשיקט וואָדקאַ און קאַוויאַר, כאָטש זיי האָבן אַליין נישט געהאַט קיין סך.

ווער עס האָט נישט געזען די פּורים־מסיבה אין ווין, אין 1946, אין ראָט־שילד־שפּיטאָל, ווייס נישט וואָס עס באַטייט אמתע פרייד. אַלע צוימען זענען זיך פונאַנדערגעפאַלן און די מענטשן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין איין גרוי־סער משפּחה. אין יענעם אָוונט זענען פאַרשוווּנדן אַלע שפּראַך־אונטערשיידן און אַלע האָבן פּלוצעם פאַרשטאַנען ייִדיש, די שפּראַך וואָס ייִדן האָבן גערעדט זינט צענדליקער דורות. די שׂימחה האָט געדויערט ביז פאַר טאָג. נאָכן עסן האָט מען געטאַנצט אין אַלע זאַלן פונעם שפּיטאָל. מענטשן האָבן זיך געהאַלטן פעסט בײַ די הענט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט אַז עמעצער זאָל זיי נישט פונאַנדערטיילן. זיי האָבן געזונגען, אין דער אמתן אַרויס־געשריגן: „די קייט איז נישט צעריסן געוואָרן, זי ציט זיך ווײַטער...״

דער הויכפּונקט פון דער שׂימחה איז געווען די הורא. האַנט אין האַנט, אין אַ רינג, האָבן געטאַנצט די פּליטים מיט די ייִדישע סאָלדאַטן פון אַמע־ריקע, ענגלאַנד, פראַנקרײַך, רוסלאַנד און ארץ־ישׂראל. בעתן טאַנצן, וואָס האָט געדויערט שעהען־לאַנג, האָט מען געהערט אויסרופן: עם ישׂראל חי! אייניקע האָבן אַרײַנגעשריִען די שאלה: ווער זענען מיר? און אַנדערע האָבן דערויף געענטפערט: ייִדן זענען מיר! ווער עס האָט דאָס געזען קען זיך פאָרשטעלן ווי עס האָט אויסגעזען דער מעמד הר סיני, ווען ייִדן האָבן אויסגערופן נעשׂה ונשמע.

די מסיבה האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויף די סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי. זיי האָבן דערזען אַ וועלט וועגן וועלכער זיי האָבן שוין

כמעט נישט געוווּסט, אַ וועלט פון ייִדן וואָס איז נישט גרייט מקריב צו זײַן זייער גרויסן עבר אויפן מיזבח פון דער וועלט־רעוואָלוציע. יונגע־לײַט וואָס זענען געבוירן געוואָרן נאָך דער רעוואָלוציע און זענען שוין געווען אָפּגעריסן פון ייִדישקייט האָבן פּלוצעם געעפנט די אויגן; זיי האָבן אָנגעהויבן צו ספקן צי דער ניצחון איבערן דײַטשן פאַשיזם באַטײַט טאַקע באמת פולע זיכערקייט פאַרן ייִדישן פאָלק, אַפילו אין ראַטן־פאַרבאַנד.

אַ סך פון די ייִדן אין דער רויטער אַרמיי האָבן זיך נישט מער באַנוגנט מיט אָפיציעלע דערקלערונגען און האָבן אָנגעהויבן צו פרעגן פאַרשיידענע שאלות. קודם האָבן זיי דעריבער גערעדט אין פאַרשלאָסענע צימערן, אָבער שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן צו קומען גרופּעסווײַז אין ראָטשילד־שפּיטאָל און פאָדערן מען זאָל זיי איבערשיקן אין איינעם מיט ייִדישע פּליטים קיין ארץ־ישׂראל. די זאַך איז געוואָרן ערנסט און דער „מוסד״ האָט געדאַרפט געבן אַן ענטפער צי ער איז גרייט צו העלפן ייִדן אַנטלויפן פון דער רויטער אַרמיי, כּדי צו קומען קיין ארץ־ישׂראל. דאָס איז געווען אַ קאָמפּליצירטע פּראָבלעם, אַ זייער דעליקאַטע אין פּאָליטישן זינען. די ענגלענדער האָבן נאָכשפּיאָנירט אויף יעדן טראָט די אַקטיוויטעט פון „מוסד״ און האָבן אַלץ געטאָן כּדי צו שטערן די עליה פון ייִדישע פּליטים. ווען די ענגלענדער זאָלן זיך איצט דערוויסן אַז מיר העלפן דעזערטירן פון דער רויטער אַרמיי, וועלן זיי אויפהעצן קעגן אונדז דעם ראַטן־פאַרבאַנד און דאָס וועט שטעלן אין סכּנה אונדזער גאַנצע אַרבעט אין די מיזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, וואָס געפינען זיך אונטער סאָוועטישער השפּעה.

נאָר אַ קליינער טייל פון אונדזערע חברים האָבן געוווּסט וועגן דער דאָזיקער פּראָבלעם. מען האָט באַשלאָסן אַז איינער פון אונדז, פון די ארץ־ישׂראלדיקע סאָלדאַטן, זאָל פּרוּוון באַקומען אַן אורלויב, כּדי אויפצוקלערן דעם ענין מיט די ציוניסטישע אינסטיטוציעס אין לאַנד. אַזוי ווי איך האָב שוין מער ווי אַ יאָר נישט געהאַט קיין אורלויב, האָט מען באַשלאָסן מיך צו שיקן.

ווען איך בין אָנגעקומען אין חיפה, האָב איך זיך תּיכּף פאַרבונדן מיט דודקע נמרי און ער האָט באַלד אײַנגעאָרדנט אַ באַגעגעניש מיט בן־גוריון. איך האָב אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן די ייִדישע סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי וואָס פאָדערן מיר זאָלן זיי העלפן קומען קיין ארץ־ישׂראל. אויף דער שאלה וויפל אַזעלכע סאָלדאַטן עס זענען פאַראַנען האָב איך געענטפערט אַז דאָס הענגט אין גאַנצן אָפּ פון אונדז. אויב מיר וועלן זיי העלפן — קענען זײַן אַפילו טויזנטער, אויב נישט — וועלן זיך נאָר איינצלנע דורכרײַסן

קיין איטאַליע מיט אייגענע כּוחות און זיך אַנשליסן אין די פּליטים. איך האָב אויך דערקלערט אַז דאָס זענען מענטשן וואָס האָבן אַ סך יאָרן געדינט אין דער רוסישער אַרמיי, זענען באַהאַוונט אין מיליטערישע ענינים און קענען דעריבער זײַן זייער נוצלעך פאַר אונדז.

איך האָב געזען אויפן פּנים פון בן־גוריון זײַן אינעווייניקסטן קאַמף. ער האָט אַוודאי געוואָלט פונעם גאַנצן האַרצן אַז די דאָזיקע ייִדן זאָלן זײַן בײַ אונדז, אָבער ער האָט אויך געזען די סכּנות וואָס זענען דערמיט פאַרבונדן. ער האָט דעם ענטפער אָפּגעלייגט אויף מאָרגן און צו מאָרגנס האָט ער געגעבן אַ נעגאַטיוון ענטפער. ער האָט דערקלערט מיט די ווײַטערדיקע ווערטער: „היות די אַלײַרטע האָבן באַזיגט דעם פאַשיזם, איז קיין ספק נישט אַז די וועלט שטייט פאַר אַ שלום־קאָנפערענץ וואָס וועט באַשליסן די נײַע גרענעצן פון דער וועלט. עס איז קלאָר אַז מיר וועלן קומען אַהין און פאָדערן אַ ייִדישע מדינה און דערצו וועלן מיר זיך נייטיקן אין דער הילף פון אַלע אַלײַרטע, בתוכם דעם ראַטן־פאַרבאַנד. דערפאַר מוזן מיר זײַן פאָרזיכטיק און נישט טאָן קיין זאַך וואָס זאָל גורם זײַן אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד, וועלכער וועט האָבן אַ גרויס וואָרט בײַ דער שלום־קאָנפערענץ, מחמת זײַנע ריזיקע פאַרלוסטן, זאָל זײַן קעגן אונדז".

צום סוף האָט בן־גוריון צוגעגעבן: „דאָס הייסט אָבער נישט אַז מיר וועלן נישט העלפן די ייִדישע סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי וואָס וועלן זיך דערשלאָגן קיין איטאַליע מיט אייגענע כּוחות צו קומען קיין ארץ־ישׂראל אויף אונדזערע וועגן".

דאָס איז געווען דער פּסק־דין פון בן־גוריון און אין דעם האָבן מיר זיך געהאַלטן. עס איז געווען שווער צו דערקלערן די ייִדישע סאָלדאַטן אונדזערע אינעווייניקסטע סיבּות, פאַר וואָס מיר קענען זיי נישט העלפן. דערפאַר זענען טאַקע צו אונדז דערגאַנגען דעמאָלט נאָר איינצלנע און נישט טויזנ־טער, וואָס האָבן געוואָרט אויפן ערשטן שטויס פון אונדזער זײַט.

איך פאַרזענלעך האָב באַטראַכט דעם באַשלוס פון בן־גוריון ווי אַ פעלער. מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך בין צוריקגעקומען פון דער טשעכאָסלאָוואַ־קישער תּפיסה, האָב איך זיך באַגעגנט מיט בן־גוריון און האָב אים דערמאָנט זײַן באַשלוס פון 1946. מײַן טענה איז געווען אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט נישט געשטימט אין דער אונאָ פאַרן אויפשטעלן אַ ייִדישע מדינה ווײַל ער האָט אונדז ליב געהאַט, נײַערט ווײַל ער האָט פײַנט געהאַט די ענגלענדער, וואָס זענען נאָך צו יענער צײַט געווען אַן אימפּעריע. דערפאַר האָט אויך דער ראַטן־פאַרבאַנד נישט געשטערט די טשעכאָסלאָוואַקײַ זאָל אונדז פאַר־

קויפן געוועהר פאַר גוטע דאָלאַרן. דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט געהאַט נאָר איין אינטערעס: צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ די ענגלענדער, און ער וואָלט דאָס געטאָן אַפילו ווען מיר וואָלטן געהאָלפן טויזנטער ייִדישע סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי קומען קיין ארץ־ישראל, פונקט ווי ער העלפט פאַרשיידענע רעאַקציאָנערע רעגירונגען ביזן היינטיקן טאָג, נישט געקוקט דעריף וואָס זיי רודפן און פּייניקן די קאָמוניסטן אין זייערע לענדער.

בן־גוריון האָט שטאַרק געליטן וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ שלעכטע באַציִונג צו מדינת־ישראל. עס איז אים געווען שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי אַ מדינה וואָס רופט זיך אַ סאָציאַליסטישע זאָל פירן אַזאַ קאַמף קעגן דעם ייִדישן פאָלק, וואָס האָט אין משך פון יאָרהונדערטער געליטן פון אַזוי פיל רדיפות. דוד בן־גוריון, דער גרויסער רעאַליסט אין וועלט־ענינים, איז געווען סענטימענטאַל און ראָמאַנטיש ווען ס'איז געגאַנגען אין מדינת־ישראל. ער איז געווען דאַנקבאַר פאַר אַלע וואָס האָבן געהאָלפן פּראָקלאַמירן די מדינה און בעיקר פאַר אַלע וואָס האָבן איר געהאָלפן אין דער ערשטער צייט, ווען די אַראַבישע מדינות זענען אויפגעשטאַנען אונדז צו פאַרלענדן. עס האָבן אים נישט אינטערעסירט די סיבות פאַר וואָס מען האָט געהאָלפן, נאָר דער פאַקט גופא אַז מען האָט אונדז געהאָלפן אין אַ צייט ווען דער גרעסטער חלק פון דער וועלט איז געשטאַנען גלייַכגילטיק, אָדער אונדז גאָר געשטערט אין אונדזער קאַמף. דעם פאַקט אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד איז געווען צווישן די ערשטע וואָס האָבן אָנערקענט מדינת־ישראל און געהאָלפן מער ווי אַ סך דעמאָקראַטישע לענדער מיר זאָלן האָבן געוועהר מיט וואָס צו פאַרטיידיקן די מדינה, אָט דעם פאַקט האָט בן־גוריון קיין מאָל נישט פאַרגעסן, אַפילו ווען רוסלאַנד איז אַרויסגעטראָטן קעגן אונדז.

אַלע יאָרן וואָס איך האָב געדינט אין דער ענגלישער אַרמיי האָב איך זיך אויפגעפירט לויט דעם פּרינציפּ פון דוד בן־גוריון: איך האָב יאָרן־לאַנג געקעמפט אין איינעם מיט די ענגלענדער קעגן דעם דייַטשן פאַשיזם, ווי גלייַך זיי וואָלטן נישט געהאַט אַרויסגעגעבן דאָס ווייַסבוך, גלייַך ווי זיי וואָלטן נישט באַגרענעצט אונדזער עליה; אין דער זעלביקער צייַט האָב איך געקעמפט קעגן ווייַסבוך און פאַר ייִדישער עליה אויף אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע דרכים, ווי גלייַך עס וואָלט גאָר קיין מלחמה נישט געווען.

מייַן דינסט ווי אַ ייִדישער סאָלדאַט אין דער ענגלישער אַרמיי האָט געהאַט אַ סך אַבסורדע אַספּעקטן. די מיליטערישע פּאָליציי האָט מיך געהאַלטן אויפן אויג פאַר מייַן ציוניסטישער אַקטיוויטעט, אָבער אין דער זעלביקער צייַט האָבן מייַנע קאָמענדאַנטן געהאַט צו מיר דעם פולסטן צוטרוי און מיך גע־

לויבט פאַר מײַן איבערגעגעבנקייט אין דינסט. איך האָב זיך שטענדיק באַמיט צו זײַן אַ גוטער זעלנער און דאָרט ווו איך האָב באַגעגנט קאָרופּציע אין דער אַרמיי — האָב איך זיך אַנטקעגנגעשטעלט, סײַ צווישן יידישע סײַ צווישן ענגלישע סאָלדאַטן. דערפאַר מסתּמא איז אויך מײַן נאָמען דערמאָנט צווישן די אויסגעצייכנטע סאָלדאַטן, אין אַ בוך וואָס דאָס ענגלישע פאַר־טיידיקונגס־מיניסטעריום האָט אַרויסגעגעבן נאָך דער מלחמה און עס מיר צוגעשיקט.

איך באַפרײַ זיך פון דער ענגלישער אַרמיי

סוף 1946 האָב איך זיך באַפרײַט פון דער אַרמיי און בין געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישׂראל, ווו די באַפרײַונג האָט געדאַרפט פאָרמעל דורכגעפירט ווערן. דער צענטער פון באַפרײַונגס־אַמט איז געווען אין רחובות, דאָרט ווו עס זענען נאָך געווען קענטיק די ערשטע טריט פון אונדזערע קאָלאָניסטן. מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט צוויי וואָכן און אין משך פון אָט דער צײַט האָבן אונדז די פרויען פון „ועד למען החייל", דהײַנו דער קאָמיטעט פאַר סאָלדאַטן, זייער פאַרפּיעשטשעט. יעדן אָוונט האָט מען פאַר אונדז צוגעגרייט אַן איבערראַשונג אין סאָלדאַטן־קלוב, מסתּמא כּדי אונדז צו פאַרגיטיקן פאַר די יאָרן וואָס מיר זענען געווען אין דער פרעמד.

די שטאָט רחובות האָב איך אידענטיפיצירט מיט דעם שרײַבער משה סמילאַנסקי. איך האָב ליב געהאַט זײַנע דערציילונגען, הגם ער איז מיר געווען פרעמד ווי דער מנהיג פון די יידישע פּויערים. בעיקר האָב איך געהאַט דאָס געפיל אַז, ווי דער רעדאַקטאָר פון „בוסתּן", איז ער אַ „ברעזניק", אַן אויסניצער פון יידישע אַרבעטער. פּערזענלעך האָב איך אים נישט גע־קענט, דערפאַר איז געווען פאַר מיר אַ פרייד זיך צו באַקענען אין רחובות מיט זײַן טאָכטער, וואָס איז געווען איינע פון די אַקטיוווסטע פרויען אין „ועד למען החייל". שפּעטער־לאַנג האָט זי מיר דערציילט וועגן איר פאָטער, וואָס איז געווען נישט נאָר אַ גרויסער שרײַבער, נאָר אויך אַ מענטש מיט אַ גרויסער יידישער נשמה, איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן דעם אויפבוי פון ארץ־ישׂראל און דעם געדאַנק אַז יידן זאָלן דעראָבערן דעם באָדן. איך האָב זיך דערוווּסט אַז משה סמילאַנסקי האָט גאָר קיין מאָל נישט געזוכט קיין רײַכטום און האָט קיינעם נישט אויסגענוצט. דאָס איז פאַר מיר געווען אַן אַנטפּלעקונג און איך האָב פאַרשטאַנען אַז מען טאָר אַ מענטש נישט מישפּטן לויט דעם געהערטן און געזאָגטן.

יא

צוריק צום בירגערלעכן לעבן

סוף־כּל־סוף בין איך ווידער געווען אין דער היים בײַ מײַן פֿרוי און בײַ מײַן זון, גרייט זיך אײַנצושפּאַנען אין עול און באַפֿרײַען אלישבען פֿון די זאָרגן און צרות וואָס זי האָט זיך אָנגעליטן אין די יאָרן וואָס איך בין געווען אין דער אַרמיי. די ערשטע שאלה איז געווען ווו מיר וועלן וווינען. דאָס איינציקע געדונגענע צימער איז געווען צו ענג פֿאַר אַ משפּחה מיט אַ קינד. היות מען האָט דעמאָלט פֿאַרענדיקט צו בויען די הײַזער וואָס האָבן אויסגעזען ווי לאַנגע באַנען אין גבֿ־ים (הײַנט, קרית־ים), הײַזער וואָס זענען געווען באַשטימט פֿאַר באַפֿרײַטע סאָלדאַטן, האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אין דער ערשטער גרופּע וואָס האָט זיך אַהין אַרײַנגעצויגן, ווען דאָס אָרט איז נאָך געווען אַרומגערינגלט מיט גרויסע זאַמדבערג.

די הײַזער און דער באָדן האָט געהערט צו דער געזעלשאַפֿט „גבֿ־ים", וואָס איר דירעקטאָר איז געווען עטינגער, דער זון פֿון באַקאַנטן אַגראָנאָם וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין פּלאַנירן די ערשטע ישובֿים אין ארץ־ישׂראל. היות עטינגער איז אויך געווען אַ שותּף אין דער געזעלשאַפֿט האָט ער זיך נישט תּמיד גערעכנט מיט אונדזערע פֿאָדערונגען. און פֿאָדערונגען האָבן מיר געהאַט אַ סך: קודם־כּל אַ וואַסער־טורעם און ווער עס איז דער בעל־בית איבערן וואַסער; שטראָזן, באַלײַכטונג און אַלע נייטיקע אינסטיטוציעס אין אַ נײַעם ישובֿ, כּדי ער זאָל קענען פֿירן אַ נאָרמאַל לעבן. אַלץ איז געווען אָפּהענגיק פֿון דער געזעלשאַפֿט „גבֿ־ים", וואָס איז נישט געווען זייער ברייטהאַרציק אין דעם זינען.

מיר האָבן אויסגעוויילט אַן אָרטיקן קאָמיטעט וואָס זאָל זיך באַשעפֿטיקן מיט די פּראָבלעמען פֿון אונדזער ישובֿ און איך בין געווען אַ מיטגליד אין דעם קאָמיטעט. אַזוי ווי איך האָב געאַרבעט אין חיפה און די אָנפֿירונג פֿון דער געזעלשאַפֿט איז אויך געווען אין חיפה, האָט אונדזער קאָמיטעט באַ־

שלאָסן אַז איך זאָל זײַן דער פֿאַרטרעטער פֿון יישוב און פֿירן אַלע פֿאַר־האַנדלונגען מיטן דירעקטאָר עטינגער און מיט זײַן סעקרעטאַר ווײַנשטיין אין שײַכות מיט אונדזערע פּראָבלעמען און פֿאָדערונגען. בײַם אָנהייב האָט מיר באַנק געטאָן וואָס איך האָב אויף מיר גענומען דעם עול, ווײַל דאָס האָט בײַ מיר צוגערויבט די פֿרײַע צײַט און מײַן משפּחה האָט ווידער געליטן דערפֿון. ווען איך האָב אָבער געזען אַז איך בין מצליח און אונדזער יישוב הייבט אָן צו באַקומען אַ צורה און ווערט אַן אָרט ווו עס איז אַ פֿאַרגעניגן צו לעבן — האָב איך מער קיין חרטה נישט געהאַט און מײַן משפּחה איז אויך געוווען צופֿרידן דערפֿון.

אונדזער יישוב איז זיך צעוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג און מיט אים אויך זײַנע עפֿנטלעכע אינסטיטוציעס. עס זענען צוריקגעבליבן גרויסע הילצערנע צריפֿים, וואָס די ענגלישע אַרמיי האָט אויפֿגעבויט בעת דער מלחמה — האָבן מיר זיי פֿאַרוואַנדלט אין שולן פֿאַר אונדזערע קינדער, געעפֿנט אַ קולטורהויז, און אין איינעם פֿון זיי — אַ קינאָ. אַן אָרטיקער תּושב האָט באַקומען די קאָנצעסיע אײַנצוואָרדענען דעם קינאָ און אַ טייל פֿונעם רווח האָט געקראָגן אונדזער קאָמיטעט.

איך וויל דאָ באַטאָנען, אַז אויב איך האָב מצליח געוווען אין דער דאָזיקער אַרבעט, איז דאָס געוווען אַ דאַנק מײַן פֿרוי אלישבע, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען אַז איך נייטיק זיך אין אַקטיוויטעט לטובֿת־הכּלל, ווי אַ מענטש נייטיקט זיך אין לופֿט. אלישבע האָט מיך קיין מאָל נישט געשטערט, להיפּוך, זי האָט מיר געהאָלפֿן, אַפֿילו ווען דאָס איז געוווען אויפֿן חשבון פֿון איר פּריוואַט לעבן.

איך האָב ווידער אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין קופּת־חולים, אויף מײַן פֿרי־ערדיקן אַרבעטפּלאַץ. מען האָט מיך צוגעטיילט צו דער נײַער אָפּטיילונג וואָס האָט זיך דעמאָלט געעפֿנט אויף דער גאַס אחד העם. דער גענעראַל־דירעקטאָר פֿון קופּת־חולים איז געוווען רעזניק, אַן אויסערגעוויינטלעך איידעלער און קולטיווירטער מענטש. הגם ער איז געוווען אָריענטירט צום מפּא״י און ער האָט געוווּסט אַז איך געהער צו דעם השומר־הצעיר, האָט ער געהאַט צו מיר צוטרוי און מײַן אַרבעט ווי אַ פֿאַרוואַלטער אונטער זײַן אָנפֿירונג איז אַלע יאָרן געוווען האַרמאָניש, ווײַל מיר האָבן רעספּעקטירט איינער דעם צווייטן.

אין יענער צײַט איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפֿער קאַמף צווישן מפּא״י, וואָס האָט געהערשט אין דער הסתּדרות און השומר־הצעיר, וואָס איז געוווען אַ מיעוט אין די הסתּדרות־אָרגאַניזאַציעס. נאָר אין קופּת־חולים איז געוווען אַ מין וואָפֿן־שטילשטאַנד און אַלע האָבן זיך באַמיט אַז דאָרטן זאָל אָפּגעהיט

ווערן די האַרמאָניע אין דער אַרבעט. דאָס איז געווען חל נאָר אויף דער אַרבעט־צײַט. אַז מען האָט זיך נאָך דער אַרבעט פאַרזאַמלט אין בנין פון מועצת־פועלי־חיפה אָדער אין אַרבעטער־קיך — האָט מען ווײַטער געפירט דעם פּאָליטישן קאַמף ווי ביטערע קעגנערס.

איך בין געווען צווישן די ערשטע וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער פרײַע צײַט צו אָרגאַניזירן די סאָציאַליסטישע ליגע צווישן די שטאָטישע אַרבעטער, וואָס זייער וועלטבאַנעם איז געווען נאָענט צו דעם השומר־הצעיר. אין חיפה איז געווען אַ גרויסע צאָל אַזעלכע חברים, וואָס האָבן פריִער געלעבט אין קיבוצים פון השומר־הצעיר און זענען דערנאָך אַרויסגעטראָטן צוליב פאַרשיידענע פּערזענלעכע סיבות. אין איינעם מיט מײַן פרײַנד אַהרונטשיק כּהן האָב איך אַקטיווירט אין חיפה גופא און אין די קריות אַרום חיפה. די אָרגאַניזירונג פון דער סאָציאַליסטישער ליגע האָט געפאָדערט גרויס עקשנות און גלויבן אַז דאָס איז באמת דער ריכטיקער וועג.

פון יענער צײַט זענען מיר, אַהרונטשיק כּהן און איך, געבליבן גוטע פרײַנד. מיר באַגעגענען זיך אָפּט און פירן שאַרפע וויכּוחים איבער ישׂראלדיקע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. פון זינט איך בין צוריקגעקומען פון תּפיסה אין קאָמוניסטישן פּראָג האָט מײַן וועלטבאַנעם זיך ראַדיקאַל געביטן. איך האָב געפילט אויף אייגענעם לײַב וואָס עס באַטײַט די קאָמוניסטישע פרײַהייט. אַהרונטשיק קוקט אָבער ווײַטער אויף אַלץ פון אַ טעאָרעטישן קוקפּונקט. די איינציקע קאָנצעסיע וואָס איך האָב געפועלט בײַ אַהרונטשיקן איז געווען, אַז ער האָט אָנגעהויבן ספקן צי דער קאָמוניזם איז טאַקע אַזאַ גליק פאַר אַנטוויקלטע לענדער, ווי די טשעכסלאָוואַקיי למשל. ער איז אָבער איבערצײַגט אַז דער קאָמוניזם איז גוט פאַר די נישט־אַנטוויקלטע לענדער פון אַזיע און אַפריקע, ווײַל ער זיכערט כאָטש דאָס שטיקל ברויט פאַר דער באַפעלקערונג, וואָס זיי האָבן אונטער אימפּעריאַליסטישער הערשאַפט נישט געהאַט.

אין דער צײַט ווען איך בין פאַרמישפּט געוואָרן אין פּראָג, האָט זיך אַהרונטשיק כּהן פון מיר נישט אָפּגעזאָגט, ווי עס האָבן געטאָן אַ סך פון זײַנע חברים, און דאָס קען איך נישט פאַרגעסן. אין משך פון יאָרן האָב איך נישט איין מאָל געהאַט די געלעגנהייט זיך צו איבערצײַגן פון זײַן ערלעכקייט, פון זײַן איבערגעגעבנקייט צום דעם ייִדישן פאָלק און צו מדינת־ישׂראל. דערפאַר האָב איך קיין מאָל נישט געגלייבט אַז ער איז מסוגל צו טאָן עפּעס וואָס זאָל חלילה שטעלן אין סכּנה מדינת־ישׂראל, אָדער זיך גאָר שטעלן אויף דער זײַט פון אונדזערע שׂונאים.

די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און די פעלקער וואָס האָבן אַזוי פיל געליטן זענען געווען פאַרנומען מיטן אויפבויען זייערע צעשטערטע לענדער. פון אַמעריקע האָבן געשטראָמט ריזיקע סומעס געלט קיין אייראָפּע, סײַ אין פאָרעם פון אונטערשטיצונג סײַ אין פאָרעם פון אינוועסטיציעס אין אינ־דוסטריעלע אונטערנעמונגען. די ווונדן פון דער מלחמה האָבן זיך נאָך נישט געהאָט פאַרהיילט, אָבער די מענטשן האָבן זיך אַ נעם געטאָן אָפּרייניקן די חורבות און בויען אויף דאָס נײַ. מען האָט געטראַכט אַז דער פאַשיזם איז פאַרטיליקט געוואָרן וועלן שוין קיין מלחמות נישט מער זײַן און מענטשן וועלן קענען לעבן בשלום.

אַלע פעלקער האָבן געגלייבט אַז זיי גייען אַנטקעגן אַ בעסערער און זיכערער צוקונפט. דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט אין דער מלחמה אָנגעווירן אַ דריטל פון זײַנע זין און טעכטער, האָט געהאָפט אַז די זיגערס וועלן אײַנזען אַז עס קען אויף דער וועלט נישט זײַן קיין גערעכטער שלום, אויב מען וועט דעם אַלטן יידישן פאָלק נישט העלפן אויפשטעלן זײַן היימלאַנד אין ארץ־ישראל, אַזוי ווי מען האָט אים צוגעזאָגט. צום באַדויערן האָבן די זיגערס אונדז אַנטוישט. דווקא דאָס לאַנד וואָס האָט אַזוי פיל געליטן פון די דײַטשן בעת דער מלחמה איז געוואָרן דער עיקרדיקער קעגנער צו זיכערן אַ מדינה פאַר יידן אין ארץ־ישראל, מען זאָל זיי נישט מער פירן ווי די שאָף צו דער שחיטה. דווקא ענגלאַנד, וואָס האָט דורך דער באַלפור־דעקלאַראַציע זיך פאַרפליכטעט צו העלפן דעם יידישן פאָלק בויען אַ נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל, האָט זיך נישט געשעמט אָנצונעמען הילף פון אַמעריקע און אין דער זעלביקער צײַט צו טאָן אַלץ כדי צו פאַרמײַדן אַ הילף פאַרן יידישן פאָלק. נישט גענוג וואָס דער יידישער ישוב איז געשטאַנען טאָג און נאַכט אין אַ שווערן קאַמף קעגן די אַראַבישע טעראָריסטן, האָבן די ענגלענדער נאָך געשיקט קיין ארץ־ישראל הונדערט טויזנט סאָלדאַטן וואָס האָבן פאַר־ביטערט דאָס לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן זי דערנידערט און באַליידיקט.

אין אייראָפּע זענען דעמאָלט געווען הונדערטער טויזנטער יידישע פליטים וואָס האָבן קיין אַנדער אָרט נישט געהאַט אויף דער וועלט אַחוץ ארץ־ישראל. פאַר די דאָזיקע פליטים איז אייראָפּע געווען אַ גיהנום. קיין שום פאָלק האָט זיי נישט געוואָלט אויפנעמען און ווען זיי האָבן זיך דערוועגט צוריקצוקערן אין זייערע פריערדיקע היימען האָבן די אַמאָליקע שכנים זייערע געוואָלט פאַרענדיקן די מלאכה וואָס די דײַטשן האָבן נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן. זיי האָבן זיך געמוזט אומקערן אין די לאַגערן פאַר היימלאָזע. ענגלאַנד

האָט זיך נישט געשעמט אָפּצוּוואַרפן אַלע הומאַניסטישע פאָדערונגען פון דער פריַער, ליבעראַלער וועלט און האָט קלאָר דערקלערט אַז בריטאַניע וועט נישט דערלויבן די דאָזיקע פּליטים זאָלן קומען אין ארץ־ישראל און וועט קעגן יעדן פּרווו זייערן זיך אַנטקעגנשטעלן מיט איר גרויסער פלאָטע.

פאַר וואָר, די באַרימטע ענגלישע פלאָטע, וואָס האָט בעת דער מלחמה געפירט אַ הערויִשן קאַמף קעגן פאַשיזם, איז אַצינד שטאַלץ אַרומגעפאָרן איבער אַלע ימען וואָס פירן קיין ארץ־ישראל און אין מיטן העלן טאָג גע־קעמפט אַן רחמנות קעגן פרויען און קינדער וואָס האָבן געפּרוּווט קומען אין לאַנד אין צעבראָכענע שיפלעך. די ענגלישע פלאָטע, מיט איר גרויסער פאַרגאַנגענהייט, האָט באַשמוצט איר נאָמען דורך כאַפּן פּליטים אין מיטן ים און זיי שיקן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון קפריסין און מאַוריציוס, און ווען דאָרטן איז שוין געווען קיין פּלאַץ, האָבן זיי די ענגלענדער צוריקגעפירט קיין דייַטשלאַנד, ווו אַלץ האָט די אומגליקלעכע מענטשן דערמאָנט אין פאַרטיליקונג און גאַזקאַמערן.

דער ענגלישער אויסערן־מיניסטער ערנסט בעווין, וואָס איז דורך זיַין האַנדלונג לגבי יידן געוואָרן די גרעסטע שאַנד פאַר דעם אַמאָליקן דעמאָ־קראַטישן ענגלאַנד, האָט זיך געשטעלט בראָש פון דער שאַנד־אַקציע צו פאַרטריַבן יידישע פּליטים און פון דער באַרבאַרישער אויפפירונג בכלל לגבי דעם יידישן יישוב אין ארץ־ישראל.

די אויפפירונג פון דעם כלומרשטן אַרבעטער־פירער ערנסט בעווין האָט אויפגעטרייסלט איטלעכן ערלעכן מענטש און בפרט די אַרבעטער־באַוועגונג פון ארץ־ישראל. אַ סך פון אונדז האָבן זיך געשעמט וואָס אַזאַ פאַרשוין געהערט צו דער אָנפירונג פון די ענגלישע סינדיקאַטן. מענטשן האָבן געזאָגט אַז בעווין האָט געליטן פון גראַנדאָמאַניע, ער האָט געוואָלט ווערן פּרעמיער, אָבער ער האָט מורא געהאַט אַז זיַין נידעריקע אָפּשטאַמונג וועט אים שטיין אין וועג, האָט ער דערפאַר געוואָלט באַוויַיזן זיַין כוח. (אַ סברה אַז ער איז געווען אַ ממזר פון אַ דינסט אין אַ ריַיך הויז). אַנדערע האָבן געטענהט אַז ער איז פשוט געווען אַן אַנטיסעמיט און האָט פייַנט געהאַט יידן.

די מלחמה קעגן יישוב האָט זיך אָנגעהויבן מיטן רודפן די צעבראָכענע שיפלעך און פירן די פּליטים אין לאַגערן. קיינעם האָט נישט געאַרט אַז דערביַי זענען געפאַלן קרבנות פון צווישן די פּליטים. די דאָזיקע מעשׂים פון דער ענגלישער פלאָטע האָבן אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן יישוב און געבראַכט צו שטורמישע דעמאָנסטראַציעס און צוזאַמענשטויסן מיט דער ענגלישער אַרמיי. דאָס איז פאַר בעווינען נאָך נישט געווען גענוג. יעדן טאָג

האָט ער אויסגעטראַכט נײַע גזרות אויף ייִדן: פאַרווערן מען זאָל פאַרקויפן באָדן פאַר ייִדן אין ארץ־ישׂראל, אָפּשטעלן דאָס אַרויסגעבן פון סערטיפיקאַטן כּדי הערמעטיש צו פאַרמאַכן די טויערן פון ארץ־ישׂראל פאַר ייִדישע עולים. אָט די אַלע אַנטיייִדישע געזעצן האָט געדאַרפט דורכפירן די ענגלישע אַרמיי אין ארץ־ישׂראל.

דער גאַנצער ייִשוב איז אויפגעשטאַנען ווי איין מאַן קעגן די דאָזיקע גזרות. בעווין האָט געהאַט אַ טעות ווען ער האָט געמיינט אַז הונדערט טויזנט סאָלדאַטן וועלן קענען אונטערדריקן דעם ייִשוב. פּלוצעם האָט מען פאַרגעסן אין אַלע פּאָליטישע וויכּוחים און אַלע פּאַרטייען האָבן באַשלאָסן אַז דער הויפּט־שונא איז ענגלאַנד, אַז מען מוז די ענגלענדער פאַרטרײַבן פון לאַנד מיט כּוח און בײַ זיי צונעמען דעם מאַנדאַט איבער ארץ־ישׂראל, וואָס זיי האָבן באַקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

בלי־ספק האָט זיך אַ גרויסער טייל פון דער ענגלישער אַרמיי נישט שטאַרק באַגײַסטערט פון דער אויפגאַבע וואָס מען האָט זיי געגעבן. אייניקע האָבן דאָס אַפילו אָפן אַרויסגעזאָגט. אָבער די אָפיצירן זענען אַלע געווען פּראָ־פעסיאָנעלע מיליטער־לײַט, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג געדינט אין די ענגלישע קאָלאָניעס פון אַזיע און אַפריקע. זיי זענען געווען איבערצײַגט אַז לגבי דער אײַנזעסיקער באַפעלקערונג דאַרף מען זיך נאָר באַנוצן מיט אַ שטאַר־קער האַנט און אַ ברוטאַלן כּוח. זיי האָבן באַשלאָסן די דאָזיקע סיסטעם אָנצווענדן אויך אין ארץ־ישׂראל, הגם ארץ־ישׂראל איז נישט געווען קיין קאָלאָניע, נאָר אַ מאַנדאַט־לאַנד. די אָפיצירן האָבן זיך באַמיט צו איבערצײַגן די פּשוטע סאָלדאַטן אַז די אײַנזעסיקע בירגער פאַרשטייען נישט קיין אַנדער לשון ווי טעראָר און שרעק. כּדי צו ווײַזן ווי אַזוי מען טוט דאָס, האָבן אייניקע אָפיצירן אַליין אָנגעהויבן צו מאָרדן יונגע אומשולדיקע מענטשן, כּדי דערמיט צו באַווײַזן אַז זיי זענען די בעלי־בתּים אין לאַנד.

גאַנץ ארץ־ישׂראל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויס קאָנצענטראַציע־לאַגער. עס איז נישט פאַרגאַנגען קיין טאָג די ענגלענדער זאָלן נישט באַפאַלן אַ ייִדישן ייִשוב, אַ מאָל מיטן אויסרייד אַז זיי זוכן אומלעגאַל געווער און אַ מאָל מיטן תּירוץ אַז זיי זוכן אומלעגאַלע עולים, וואָס האָבן זיך דורכ־געריסן דורך דער ענגלישער בלאָקאַדע. זיי זענען אָנגעפאַלן אויף אַ באַרבאַ־רישן אופן, חרוב געמאַכט הײַזער און צריפים, בעיקר אין די קיבוצים, וואָס זיי האָבן באַטראַכט ווי דעם מקור פון די צרות פאַר דער ענגלישער אימ־פּעריע.

דער אָרגאַניזירטער ייִדישער ייִשוב אין לאַנד איז יאָרן־לאַנג געווען קעגן

פּערזענלעכן טעראָר און האָט אויך געפירט אַ ביטערן קאַמף קעגן קליינע גרופּעס וואָס האָבן דווקא פּראָקלאַמירט פּערזענלעכן טעראָר. נישט איין מאָל איז עס געקומען צו אַ ברידער־מלחמה אין יידישן יישוב. אָבער ווען די ענגלישע מאַכטהאָבערס האָבן באַשלאָסן אָנצוווענדן טעראָר קעגן יישוב, איז מער קיין אַנדערע ברירה נישט געווען ווי קעגן־טעראָר. דער גאַנצער יישוב האָט באַשלאָסן צו ענטפערן מיט טעראָר, בפרט ווען ער האָט געזען אַז די גאַנצע כלומרשט פּראָגרעסיווע וועלט שטייט ביי דער זייט און קוקט זיך צו צו די מעשׂים פון בעווינס כוליגאַנעס.

די שיטה פון „אויג פאַר אויג" האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ ריכטיקע. אין אַ קורצער צייט האָט מען געזען ווער עס זענען די אמתע בעלי־בתּים אין לאַנד. אויב די ענגלענדער האָבן געמיינט אַז זיי וועלן קענען איינשליסן דעם יידישן יישוב אין אַ געטאָ, בעת זיי וועלן זיך פריי באַוועגן אויף די שאָסייען און גאַסן און טעראָריזירן די באַפעלקערונג — האָבן זיי געהאַט אַ טעות. נישט געקוקט אויף זייערע הונדערט טויזנט סאָלדאַטן און טויזנטער פּאָליציאַנטן האָבן זיי זיך נישט דערוועגט צו גיין אויף די גאַסן, סיידן אין גרופּעס, און אויך אַזוי איז זייער לעבן געווען אין סכּנה אויף יעדן טראָט. עס זענען אויפגעקומען געטאָס אין ארץ־ישׂראל, אָבער נישט פאַר יידן, נאָר פאַר די ענגלענדער, וואָס האָבן אַלע זייערע וויכטיקע אינסטיטוציעס אַרומגערינגלט מיט שטעכלדראָט און מורא געהאַט צו ווייזן דאָס פּנים. אויף יעדן טעראָראַקט פון די ענגלענדער האָט דער יישוב געענטפערט מיט אַ קעגן־טעראָר. טאָג־טעגלעך האָט מען אויפגעריסן זייערע באַפעסטיקטע און באַוואַכטע פּונקטן. און ווען די ענגלענדער האָבן געמיינט אַז טויטשטראָף וועט אָפּשרעקן די יידן און זיי האָבן אויפגעהאַנגען עטלעכע יידישע קעמפער וואָס עס איז זיי געראָטן צו כאַפּן — האָט דער יישוב געענטפערט מיט דער זעלבער מטבע: מען האָט אויפגעהאַנגען דריי ענגלישע סערזשאַנטן.

די יידן זענען געווען באַוווסטזיניק אַז טעראָר אין אַלגעמיין איז פּסול, ווייל ער טרעפט אָפט מאָל אומשולדיקע מענטשן, אָבער ס'איז קיין אַנדערע ברירה נישט געווען. בעווין און זיינע תּלינים האָבן דאָס אַרויפגעצוווּנגען אויפן יישוב און ער האָט אַ פּאַראייניקטער געענטפערט אויף די מערדערישע פּראָוואָקאַציעס. היינט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, קאָן מען טאַקע זאָגן אַז די קלעפּ וואָס ענגלאַנד האָט באַקומען אין ארץ־ישׂראל האָבן נישט ווייניק ביי געטראָגן צו דעם פונאַנדערפאַל פון דער ענגלישער אימפּעריע.

אין דינסט פון ש״י

אונדזער געהיימער דינסט האָט געזוכט אַ מעגלעכקייט צו וויסן פון פאָרויס וואָס די ענגלענדער און בעיקר די מיליטערישע מאַכט פּלאַנירט קעגן יידישן יישוב. דערפאַר האָט מען זיך באַמיט אַז אונדזערע מענטשן זאָלן אַריינדרינגען אין אָפיציעלע אַמטן. פּאַסיקער פון אַלע זענען געווען די יונגע־לייט וואָס האָבן פריִער געדינט אין ענגלישן מיליטער און האָבן גוט געקענט די ענגלישע שפּראַך. אונדזער געהיימדינסט — ש״י (שירות הידיעות שלנו) — האָט קודם אָרגאַניזירט די חברים מיט וועלכע ער איז געווען פאַרבונדן פון פריִער, ווען זיי האָבן נאָך געדינט ביים מיליטער אין פאַרשיידענע לענדער. אויף אַזאַ אופן האָט זיך צו מיר געוואָנדן מיין פריינד יצחק, דער הויפּט פון ש״י אין חיפה, און מיר פאָרגעלייגט אַז די אָפּטיילונג פון קופּת־חולים אויף אַחד העם, ווו איך האָב געאַרבעט, זאָל ווערן דער צענטראַלער טרעפפּונקט פאַר זיינע מענטשן. מיין ראָלע איז געווען צו קאָנצענטרירן אַלע ידיעות וואָס מען וועט מיר ברענגען און זיי איבערגעבן ווייטער.

די קופּת־חולים האָט פאַרנומען דעם גאַנצן צווייטן שטאָקיקן בנין אין דער שטילער גאַס אַחד העם און מען האָט זיך משער געווען אַז דער ענגלישער קעגן־שפּיאָנאַזש וועט נישט חושד זיין מענטשן וואָס קומען צו אַ דאָקטער. מיין באַדינגג איז געווען אַז דער חבר רעזניק, דער דירעקטאָר פון קופּת־חולים אין חיפה געגנט, מוז געבן זיין הסכמה. איך האָב פאַרזיכערט מיין פריינד אַז אַחוץ אים, רעזניק, וועט קיינער פון די אָנגעשטעלטע נישט וויסן.

מיט דער הסכמה פון רעזניק איז די קופּת־חולים אויף דער גאַס אַחד העם געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע פּונקטן פון אונדזער געהיימער אַרבעט און דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען ביז נאָוועמבער 1947, ווען די אונאָ האָט באַשלאָסן מען זאָל אויפשטעלן אַ יידישע מדינה. אַ צימער אויפן צווייטן שטאָק איז אָפיציעל באַשטימט געוואָרן פאַר דער קולטורעלער אַקטיוויטעט פון קופּת־חולים אין דער חיפהר געגנט. דאָרט האָט מען געקענט רויִק אַרבעטן. נאָך אַ צייט איז מיין פריינד יצחק טאַקע נאָמינירט געוואָרן ווי דער קולטורעלער אָנפירער, אַזוי אַז קיינער האָט זיך נישט געוווּנדערט וואָס ער קומט אין ביוראָ אויפן צווייטן שטאָק.

דאָס זאַמלען ידיעות איז געווען זייער אַ קאָמפּליצירטער ענין און מען האָט זיך געניטיקט אין אַ סך מענטשן וואָס אַרבעטן אויף וויכטיקע פּאָסטנס ביי די ענגלענדער. איך בין שטענדיק געווען פאַרנומען מיט זוכן אַזעלכע פּאַסיקע מענטשן, וואָס מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן. אויף אַזאַ אופן האָב

איך זיך דערמאָנט אין צוויי יונגע־לײַט וואָס האָבן געדינט אין דער ענגלי־שער אַרמיי אין עסטרײַך ווי סערזשאַנטן. ביידע האָבן גערעדט גוט ענגליש און האָבן בכלל נישט אויסגעזען ווי ייִדן. זיי האָבן תּמיד מקפּיד געווען אויף אַלע מיליטערישע פּרטים און האָבן געהאַט דעם שטעל פון עכטע ענגלענדער.

בעת מײַן אַרבעט אין עסטרײַך האָב איך זיך קיין מאָל נישט געניטיקט אין זייער הילף, ווײַל זיי האָבן נישט געהערט צו די מיליטערישע טראַנס־פּאָרט־איינהייטן. זיי האָבן געוווּסט וועגן מײַן אַרבעט אין שײַכות מיט די פּליטים און האָבן זיך תּמיד צו מיר פֿרײַנדשאַפֿטלעך באַצויגן. צו איינעם פון זיי האָב איך זיך אַפילו דערנענטערט און בין געוואָרן זײַן ביאָגראַפיע, ווי די עלטערן זײַנע איז געראָטן צו אַנטלויפן קיין ארץ־ישׂראל ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. נאָך דער באַפרײַונג פון מיליטער האָב איך אים איין מאָל באַגעגנט אין חיפה און ער האָט מיר דערציילט אַז ער וווינט לעת־עתה אין איינעם מיט די עלטערן אויף דער גאַס העס, בײַם אַרויפגאַנג צום כּרמל און אַז ער האָפט צו באַקומען אַרבעט ווי אַ ציווילער באַאַמטער אין דער ענגלישער קאָמענדאַטור פון חיפה. מער האָב איך פון אים נישט געהערט, אָבער איך האָב געדענקט אַז זײַן נאָמען איז פּירט.

צו יענער צײַט זענען אַלע אײַנוווינערס פון חיפה געווען חברים אין דער קופּת־חולים און אַזוי ווי די גאַס העס האָט געהערט צו דער אָפּטיילונג פון אחד העם, האָב איך באַשלאָסן צו זוכן אין דער קאַרטאָטעק פון די חברים, צי עס איז נישט פֿאַראַן דער נאָמען פּירט. איך האָב טאַקע באַלד געפונען אַ פּאַרפּאָלק מיטן נאָמען פּירט, עלטערע מענטשן, מיט זייער גענויען אַדרעס. איך בין צו זיי געגאַנגען מיטן תּירוץ אַז מיר פירן דורך אַ סטאַטיסטיק צווישן די חברים פון קופּת־חולים. זיי האָבן מיך העפלעך אויפגענומען און מיר דערציילט אַלע פּרטים, צווישן אַנדערן, אַז זיי האָבן אַ זון וואָס איז נישט קיין חבר אין קופּת־חולים. איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל אַז איך דערמאָן זיך פּלוצעם אין זייער זון, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט אין עסטרײַך, בעת מיר האָבן געדינט אין דער ענגלישער אַרמיי, און האָב זיי געבעטן אים איבערצוגעבן מײַן טעלעפאָן־נומער, ווײַל איך וואָלט זיך גערן מיט אים געוואָלט באַגעגענען און באַנײַען די באַקאַנטשאַפט. דרך־אַגב האָב איך זיי אויך געזאָגט אַז אויב זיי וועלן עפּעס דאַרפן אין קופּת־חולים זאָלן זיי זיך ווענדן צו מיר און איך וועל זיי העלפן. דעמאָלט איז גוט געווען צו האָבן אַ באַקאַנטן אין קופּת־חולים וואָס קען טאָן אַ מאָל אַ טובֿה, בעיקר פֿאַר עלטערע מענטשן.

נאָך עטלעכע טעג האָט זיך דער יונגער פּירט באַוויזן אין מײַן ביוראָ. מיר האָבן זיך פרײַנדלעך באַגריסט און זיך דערמאָנט אין פאַרשיידענע מעשׂיות פון דער מיליטער־צײַט. ער האָט מיך געבעטן איך זאָל אײַנאָרדענען פאַר זײַן פאָטער אַ וויזיט בײַ אַ האַרץ־ספּעציאַליסט און איך האָב דאָס תּיכּף געטאָן. נאָך עטלעכע באַגעגענישן האָבן מיר זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַ שמועס וועגן די עוולות וואָס די ענגלענדער טאָן דעם ייִדישן יישוב, כאָטש טויזנטער פון אונדז האָבן זיי געדינט אין דער צײַט פון דער מלחמה. דערנאָך בין איך אַרויס מיטן לשון און אים געזאָגט וואָס מיר וואָלטן פון אים געוואָלט. נאָך אַ קורצער צײַט איז מײַן פרײַנד פּירט געוואָרן איינער פון די בעסטע מקורים פון אונדזער געהיימען דינסט. פון אים האָבן מיר באַקומען וואָרענונגען איבער אַקציעס וואָס די ענגלענדער האָבן פּלאַנירט קעגן יישוב און דאָס האָט נישט איין מאָל געראַטעוועט אונדזערע געווער־סקלאַדן און די חברים וואָס די ענגלענדער האָבן זיך געגרייט צו אַרעסטירן.

פּירט האָט אויך מאָביליזירט אונדזער צווייטן באַקאַנטן פון דער מיליטער־צײַט אין עסטרײַך, וואָס איז געווען אַ הויכער באַאַמטער אין דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע. אויך ער האָט אונדז אַ סך געהאָלפן. מיט דער צײַט האָט זיך חיפה אויסגעצייכנט ווי אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין אונדזער אומלעגאַלער אַרבעט קעגן דער ענגלישער מאַכט.

דאָס יאָר 1947 איז פאַר מיר געווען אַ צײַט פון גרויסן אָנשטרענג, אָבער אויך פון גרויסע סאַטיספאַקציעס. די אַרבעט אין קופּת־חולים איז נישט געווען גרינג. איך האָב שטענדיק געהאַט צו טאָן מיט קראַנקע וואָס האָבן געהאַט דעם אײַנדרוק אַז זיי ווערן באַעוולט און איך, ווי דער פאַרוואַלטער, האָב זיי געדאַרפט באַרויקן. אַחוץ דעם בין איך געווען אַ מיטגליד אין אַרבעטס־קאָמיטעט פון אונדזער נײַעם יישוב גב־ים. דאָרט זענען אויך געווען אַ סך פּראָבלעמען צו לייזן, כּדי גרינגער צו מאַכן דאָס לעבן פון די אײַנ־וווינערס און בפרט פון די אַמאָליקע סאָלדאַטן. העלפן אויפשטעלן די סאָציאַ־ליסטישע ליגע אין חיפה איז אויך נישט געווען פון די גרינגע זאַכן, בפרט ווען די מאַכט אין דער הסתדרות איז געווען אין די הענט פון מפא״י, וואָס האָט אַלץ געטאָן כּדי צו שטערן אונדזער אַרבעט. איך האָב אָבער נישט געוואָלט מוותּר זײַן דערויף, ווײַל דעמאָלט האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז דערפון הענגט אָפּ דאָס גליק פון דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישׂראל. צו דעם אַלעמען איז צוגעקומען די אַרבעט אין ש״י, וואָס האָט געפאָדערט אײַזערנע נערוון און אויסגעהאַלטנקייט. ווען די נאָענטסטע מײַנע האָבן מיך געפרעגט פון וואַנען איך נעם דעם כּוח צו דעם אַלעמען, האָב איך געהאַט

נאָר איין ענטפער: פון טאַטנס שטוב, ווו מען האָט מיך געלערנט אַז דער עיקר פון אַלע עיקרים איז אַהבת־ישׂראל.

עס האָבן זיך געוויזן די ערשטע סימנים אַז די אונאָ וועט באַשליסן אויפ־צושטעלן אַ ייִדישע מדינה. ביי זיך אין האַרצן האָב איך געגלייבט אַז דערמיט וועלן זיך ענדיקן אַלע אונדזערע צרות און איך וועל אין דער צוקונפט זיך קענען מער אָפּגעבן מיין משפּחה ווי ביז אַצינד. איך האָב זיך אָבער ליידער טועה געווען. די אמתע מלחמה איז ערשט געשטאַנען בייִם טויער. די נייַע מדינה האָט נישט באַוויזן איבערצונעכטיקן און שוין זענען אויף איר אָנגעפאַלן אַלע אַראַבישע לענדער, כּדי זי צו פאַרלענדן. דערמיט האָבן זיך פון דאָס ניי אָנגעהויבן מיינע וואַנדערונגען, וואָס האָבן געפירט צו אַ טראַגישן סוף. אָבער דערוועגן — שפּעטער.

נאָך עטלעכע ווערטער וועגן מיין פריינד פּירט, וואָס האָט זיך געביטן דעם נאָמען אויף פּורת. נאָכן אויפקום פון דער מדינה איז ער אַריינגעטראָטן אין צה״ל און האָט שפּעטער באַקומען דעם ראַנג פון אַ קאָלאָנעל. ער האָט אויסגעפירט וויכטיקע שליחותן און געהיימע אויפגאַבן מיט אויסערגעוויינט־לעכן מסירת־נפש. ער איז פּלוצעם געשטאָרבן בעת אַ וויכטיק שליחות אין אויסלאַנד. ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה דאָ אין לאַנד, ווו מען האָט אים אָפּגעגעבן דעם לעצטן כּבוד ווי אַ הויכן אָפיציר. איך פאַרזוענלעך וועל שטענדיק האַלטן טייער זיין אָנדענק און טראַכטן מיט שטאָלץ אַז בעצם האָב איך אים דערנענטערט צו זיין פאָלק פון וועלכן ער איז פריִער געווען היפּש אָפּגעפרעמדט.

איך צווישן איז געבוירן געוואָרן אונדזער צווייטער זון, אליִ. אונדזער שׂימחה איז געווען זייער גרויס אויך דערפאַר וואָס אונדזער מיזיניק וועט זוכה זיין צו לעבן אין אַ פריי לאַנד, אין מדינת־ישׂראל, וואָס האָט דעמאָלט געהאַלטן אין אויפקומען.

דער איינציקער פּרט וואָס האָט באַשאַטנט אונדזער גליק אין דער משפּחה איז געווען אלישבעס שוועסטער, וואָס האָט זיך אומגעקערט מיט איר מאַן און טעכטערל פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און איז פאַרבליבן אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי. די געציילטע ייִדן וואָס האָבן זיך אומגעקערט אין זייער אַלטער היים האָבן געהאָפט אַז זיי וועלן קענען דאָרטן רויִק לעבן, אונטער דעם קאָאַליציע־רעזשים פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און קאָמוניסטן. די אידיליע האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן סימנים אַז די קאָמוניסטן וועלן פאַרכאַפּן די גאַנצע מאַכט און פאַרוואַנדלען די טשעכאָסלאָוואַקיי אין אַ סאַטעליט פון מאָסקווע. דערביי

וועט דאָס לאַנד לחלוטין אָפּגעריסן ווערן פון דער פרײַער וועלט. די ייִדן זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן דערפילט די סכנה און האָבן געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט פון דאָרט צו אַנטלויפן.

אלישבעס משפחה האָט זיך אויך געגרייט אויסצוואַנדערן אָבער זיי האָבן נישט געקענט באַשליסן וווּאַהין. מיר האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, צוגערעדט זיי זאָלן קומען קיין ארץ־ישׂראל. מען האָט אָבער קודם געדאַרפט ליקווידירן די ירושה און פאַרקויפן די הײַזער וואָס זענען איבערגעבליבן פון די עלטערן. דערצו האָט מען געדאַרפט אויך אלישבעס חתימה, ווײַל זי איז געווען איינע פון די יורשים. האָט די משפּחה געפאָדערט אַז אלישבע זאָל קומען צו פאָרן און העלפן ליקווידירן דאָס פאַרמעגן און אין איין וועגס אויך געבן אַן עצה וווּאַהין זיך איבערצופירן. אלישבע האָט אָבער בשום־אופן נישט געקענט איבערלאָזן די קינדער און אַחוץ דעם האָט זי אויך געטענהט אַז זי האָט נישט קיין השׂגה אין געלט־ענינים. זי האָט פון מיר געפאָדערט איך זאָל נעמען אַ חודש אורלויב פון קופּת־חולים, פאָרן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, העלפן ליקווידירן די ירושה און ברענגען די משפּחה קיין ארץ־ישׂראל.

איך האָב נישט געגלייבט אַז איך וועל קענען באַקומען אורלויב פון מײַן אַרבעט, נאָך דעם ווי איך בין אָקערשט צוריקגעקומען פון מיליטער. אַחוץ דעם האָט זיך מיר נישט געגלוסט אַרויסצופאָרן פון לאַנד דווקא ווען דער גאַנצער ייִשוב האָט געוואַרט מיט שפּאַנונג אויף דער החלטה פון דער אונאָ צו פּראָקלאַמירן די ייִדישע מדינה. אלישבע האָט זיך אָבער אײַנגע־עקשנט און געבעטן אונדזער חבר יצחק ער זאָל אויף מיר משפּיע זײַן. יצחק האָט זיך נישט געווענדט צו מיר פּערזענלעך, נאָר ווי אַן אַלטער חבר אין געהיימען דינסט האָט ער אַלץ אײַנגעאָרדנט אַזוי, אַז איך זאָל נישט אָנהייבן צו וויסן אַז דאָס איז בעצם זײַן שטיקל אַרבעט.

פּלוצעם האָט מען מיך פאַרבעטן אין „מוסד" און מען האָט מיר מודיע געווען אַז איך דאַרף תּיכּף אַרויספאָרן אויף דרײַ חדשים אין דער טשעכאָ־סלאָוואַקײַ, כּדי צו העלפן דער פּרווי אירמאַ פּאָלאַק דורכפירן אַ געלטאַקציע פאַר דער הגנה. אויף מײַן שאלה פאַר וואָס מען האָט פּונקט מיך אויסגע־קליבן, האָט מען מיר געענטפערט אַז דאָס איז דער ווונטש פון פּרווי פּאָלאַק, וואָס קענט מיך פון דער צײַט ווען מיר האָבן געאַרבעט אין דער צענטראַלע פון החלוץ אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. איך האָב זיך אויך דערוווּסט אַז מען האָט שוין געפּועלט פאַר מיר אַ נישט־באַצאָלטן אורלויב אויף דרײַ חדשים אין קופּת־חולים, אַזוי אַז איך קען זיך תּיכּף גרייטן אין וועג אַרײַן.

מײַן פרייד איז געווען אַ דאָפּעלע: ערשטנס, וואָס איך קען העלפן דער

הגנה, וואָס האָט זיך געניייטיקט אין יעדן גראָשן כּדי אײַנצוקויפן געווער. צווייטנס, וואָס איך וועל האָבן אַ געלעגנהייט צו דערליידיקן די פּריוואַטע משפּחה־ענינים. דעם אמת געזאָגט האָב איך פונעם גאַנצן האַרצן געוואָלט ענטפערן אויף אלישבעס בקשה.

איך קען נישט פאַרלייקענען אַז ס'האָט מיר הנאה געטאָן וואָס די פרוי פּאָלאַק האָט דווקא מיך אויסגעקליבן איך זאָל איר העלפן. איך האָב זי געקענט פון די דרײַסיקער יאָרן, ווען זי איז געווען אַן אַקטיווע טוערין אין דעם פאַרבאַנד „די פרײַנד פון החלוץ", אין איינעם מיט אַנדערע וווּנדער־לעכע יידישע פרויען פון פראַג, ווי פרוי שטיינער, פרוי טיבערגער, פרוי קנעפּלמאַכער, פרוי וואַגנער און אַנדערע. עד־היום בין איך גערירט ווען איך דערמאָן זיך וואָס אָט די טײַערע פרויען האָבן געטאָן פאַר דער חלוּ־צישער באַוועגונג אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. זיי האָבן זיך כּסדר באַמיט צו פאַרגרינגערן דעם מצב פון די חלוצים, סײַ דורך אײַנאָרדענען פאַסיקע אַרבעטספּלעצער, סײַ דורך אַרויסהעלפן מיט לעבנס־מיטל, ווען ס'איז געווען אַ דחקות אין עסן. זייער אַפּט האָט געפעלט דאָס שטיקל ברויט אויף די הכשרה־פּלעצער און דעמאָלט האָבן אָט די גוטע מלאכים, די יידישע פרויען, בסוד־סודות צוגעשטעלט דאָס נייטיקע ברויט. דעמאָלט האָבן מיר, די אָנ־פירערס פון החלוץ, נישט געוווּסט אָפּצושאַצן די דאָזיקע איבערגעגעבנקייט און פלעגן באַטראַכטן זייער הילף ווי אַ באַליידיקונג, ווי אַ נדבה. ערשט נאָך צענדליקער יאָרן האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַז זיי האָבן אַלץ געטאָן פאַר די חלוצים, מחמת אַהבת־ישׂראל און ארץ־ישׂראל.

בעצם בין איך נאָך צוויי מעת־לעת געווען גרייט אָפּצופליִען אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, אָבער איך האָב געשטעלט אַ באַדינג אין „מוסד" אַז איך וועל נישט פאַרלאָזן דאָס לאַנד איידער מען וועט דורכפירן אין דער אונאָ די פאַרהאַנדלונג אין שײַכות מיטן אויפשטעלן אַ יידישע מדינה, דהײַנו דעם 29סטן נאָוועמבער 1947.

איך האָב זיך געגרייט צו פאָרן אויף דרײַ חדשים און נישט מער. ווען עמעצער וואָלט מיר דעמאָלט געזאָגט אַז פון די דרײַ חדשים וועלן ווערן יאָרן, וואָלט איך אים פּשוט אויסגעלאַכט.

יב

מײַן נסיעה אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ

סוף־כּל־סוף איז געקומען דער 29סטער נאָוועמבער מיט דער בשׂורה אַז די אונאָ האָט באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ ייִדישע מדינה אין ארץ־ישׂראל. די ידיעה האָט זיך ווי אַ שטורעמווינט געטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד און די מענטשן זענען אַרויס אין די גאַסן. מען האָט געטרונקען לחיים, מען האָט זיך געקושט און מען האָט געטאַנצט פֿאַר פֿרייד. די שׂימחה איז געווען גרויס און קיינער האָט נישט געטראַכט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

אלישבע, איך און די קינדער האָבן זיך אויך געגרייט אַרויסצוגיין קיין קרית־חיים, צו פֿרײַנד, מיר זאָלן אין איינעם פֿײַערן דאָס גרויסע געשעעניש. נאָר פּלוצעם איז אָנגעפֿאָרן מיט אַן אויטאָ מײַן פֿרײַנד יצחק, כּדי מיך אָפּצופֿירן קיין לוד: אין צוויי שעה אַרום פֿאָרט אַרויס אַן עראָפּלאַן קיין טשעכאָסלאָוואַקײַ. ס'האָבן נישט געהאָלפֿן אונדזערע בקשות מען זאָל מיך נאָך לאָזן עטלעכע טעג בלײַבן אין לאַנד. יצחק האָט געטענהט אַז אין עטלעכע טעג וועלן אפֿשר אין גאַנצן נישט מער אַרויספֿליִען קיין עראָפּלאַנען פֿון ארץ־ישׂראל, ווײַל יעדע רגע קען אויסברעכן די מלחמה מיט די אַראַבישע לענדער.

איך האָב זיך אין דער גיך צונויפֿגעפּאַקט און מיט אַ שווער האַרץ זיך געזעגנט מיט מײַן משפּחה. די קינדער זענען נאָך געווען קליין און האָבן נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פֿאָר, אָבער אלישבע האָט גוט פֿאַרשטאַנען וואָס עס וואַרט אויפֿן ייִשוב. זי האָט אָבער ווידער אַרויסגעוויזן איר מענטש־לעכע גרויסקייט און האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט: „פֿאָר געזונטערהייט און קום באַלד צוריק!" איך האָב אָבער געפֿילט איר זאָרג, אַז אָט וועט אויסברעכן אַ מלחמה און זי וועט ווידער בלײַבן מיט די קינדער אַליין.

די נסיעה קיין לוד, בײַ נאַכט, איז געווען פֿול מיט סכּנות. אויפֿן וועג האָבן מיר געהערט שיסערײַען און ייִדישע פּאַטראָלן האָבן אונדז געוואָרנט

פאַר אַן אַראַבישן אָנפאַל. ווען איך בין סוף־כל־סוף אָנגעקומען קיין לוד און בין אַרײַן אין עראָפּלאַן וואָס האָט געהערט דער טשעכאָסלאָוואַקישער מלוכישער פלי־געזעלשאַפט, בין איך געווען געבאָדן אין שווייס פון שפּאַנונג און אויפרעגונג.

דער עראָפּלאַן איז אַרויסגעפאָרן אין מיטן נאַכט און אין דער פרי זענען מיר געווען אויפן „ראַזין״־פליפלאַץ אין פּראַג. בעת דער נסיעה האָב איך נישט געקענט פאַרמאַכן אַן אויג. פּלוצעם איז מיר אַלץ פאָרגעקומען ליכטיק און שיין. מיר האָבן אַן אייגענע מדינה, ס'איז געקומען די גאולה פאַרן יידישן פאָלק, אונדזערע אַראַבישע שכנים וועלן אונדז אָנערקענען און אויסשטרעקן אַ ברידערלעכע האַנט, און אין איינעם וועלן מיר בויען אַ לאַנד ווו עס פליסט מילך און האָניק. אָבער באַלד דערנאָך האָב איך אַלץ געזען פאַרטונקלט און איך האָב זיך געפרעגט וואָס מיר וועלן טאָן אַז די אַראַבישע לענדער וועלן אָנפאַלן אויף אונדזער יונגער מדינה, צי וועלן מיר האָבן גענוג כּוח זיך אַנטקעגנצושטעלן כּדי צו פאַרמײַדן אַ חורבן?

אין אַזאַ שטימונג בין איך דעם 30סטן נאָוועמבער 1947 אָנגעקומען אין פּראַג. איך האָב געוואָלט קודם פּטור ווערן פון מײַנע פּריוואַטע משפּחה־ענינים און דערפאַר האָב איך באַשלאָסן מיטן ערשטן שנעלצוג אַרויסצופאָרן קיין קעזשמאַרק אין דער סלאָוואַקײַ, ווו עס האָט געווױנט די משפּחה פון מײַן פרוי. די נסיעה האָט געדויערט כּמעט אַ גאַנצן טאָג און ווען איך בין אָנגעקומען בין איך געווען אַזוי מיד, אַז איך האָב זיך קוים דערשלעפּט צו דעם בעט וואָס מען האָט פאַר מיר צוגעגרייט און בין תיכּף אײַנגעשלאָפן.

מײַן ערשטע אַרבעט ווען איך בין אויפגעשטאַנען איז געווען זיך צו פאַרבינדן טעלעפאָניש מיט דעם ארץ־ישראל־ביוראָ אין פּראַג, וואָס איז דעמאָלט געווען דער אייַנציקער צענטער פון דער לעגאַלער און אומלעגאַלער אַקטיוויטעט פון דער ארץ־ישראלדיקער גרופּע, וואָס האָט זיך דאָרטן געפונען. די ידיעות וואָס איך האָב באַקומען זענען בכלל נישט געווען קיין פריילעכע. דער שוואַך־באַוואָפנטער יידישער ישוב שטייט פאַר אַ שווערער מלחמה קעגן די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער און קעגן די אָרטיקע אַראַבער, וואָס האָבן באַשלאָסן צו פאַרלענדן די נײַע מדינה.

עס איז געווען קלאָר פאַר מיר אַז אין אַזאַ מצב קען איך זיך נישט דערלויבן צו זיצן אין קעזשמאַרק און זיך באַשעפטיקן מיט מײַנע פּריוואַטע ענינים. איך האָב קאַטעגאָריש מודיע געווען מײַן משפּחה, אַז איך בין גרייט צו געבן אַ פולמאַכט פאַר אַן אָרטיקן אַדוואָקאַט וואָס זאָל אָנהייבן צו ליקווידירן דאָס פאַרמעגן און אין צוויי וואָכן אַרום וועל איך קומען אַלץ פאַר־

ענדיקן. נאָך דעם ווי מיר האָבן איינגעאָרדנט דעם ענין מיטן אַדוואָקאַט בין איך תּיכּף אַוועקגעפאָרן.

מײַן פּלאַן איז געווען אַ קלאָרער: אין משך פון צוויי וואָכן וועל איך העלפן דער פרוי פּאָלאַק דורכפירן די געלטזאַמלונג פאַר דער הגנה און אַ וואָך צײַט וועל איך אָפּגעבן פאַר די משפּחה־ענינים. דערנאָך וועל איך תּיכּף צוריקפאָרן קיין ארץ־ישראל, כּדי צו זײַן אין איינעם מיט מײַנע אייגענע אין דער שווערער צײַט און מיטן קעמפנדיקן ישוב.

אין ארץ־ישראל־ביוראָ האָב איך באַגעגנט אַלטע פרײַנד. אויך דער אָנפירער, יעקב פישגרונד איז געווען מײַנע אַן אַלטער ידיד. אַלע האָבן זיך געפרייט וואָס איך בין געקומען און בעיקר די פרוי פּאָלאַק, וואָס האָט זיך שטאַרק גענייטיקט אין מײַן הילף. איך האָב דער פרוי פּאָלאַק באַלד געזאָגט אַז איך האָב נישט בדעה זיך צו פאַרנעמען מיט דער אַקציע צו זאַמלען געלט מער ווי צוויי וואָכן, ווײַל איך וויל וואָס פריִער זײַן אין דער היים. זי האָט געשוויגן, און ערשט שפּעטער, ווען דער ענין האָט זיך פאַרצויגן און עס זענען פאַרבײַ אַן ערך צוויי חדשים, האָט זי מיט אַ שמייכל מיר געזאָגט פאַר וואָס זי האָט זיך מיט מיר נישט געדונגען ווען איך האָב איר דערקלערט אַז מער ווי צוויי וואָכן קען איך נישט בלײַבן. זי איז געווען זיכער אַז אויב איך וועל אַרײַן אין דער אַרבעט, וועל איך זי נישט איבערלאָזן אין מיטן.

מיר האָבן באַשלאָסן אַז איך וועל אָנהייבן די אַקציע אין סודעטן־לאַנד און זי, די פרוי פּאָלאַק, אין דער סלאָוואַקײַ. אויב עס וועט זײַן נייטיק וועל איך קומען איר אַרויסהעלפן.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די נײַע טשעכישע רעגירונג געלייזט אויף אַ ראַדיקאַלן אופן די דײַטשע פּראָבלעם אין סודעטן־געביט. ווי באַקאַנט, האָבן די דײַטשע איינוווינערס געהאַט געפאָדערט דעם אָנשלוס צו דעם דײַטשן רײַך, וואָס האָט אין גיכן געפירט צו דעם סוף פון דער טשעכישער רעפּובליק. די טשעכן זענען געקומען צו דער מסקנא אַז אויב זיי ווילן זיכערן זייער נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט, מוזן זיי פּטור ווערן פון די דײַטשן אין סודעטן־לאַנד. זיי האָבן אין גיכן באַקומען אַ באַפעל אויסצוּוואַנדערן קיין דײַטשלאַנד. דאָס סודעטן־געביט, וואָס איז פריִער געווען אַ בליִענדיקע געגנט, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ליידיקער וויסטעניש. מען האָט טאַקע געמאַכט אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע אַז די טשעכן זאָלן קומען און זיך דאָרט באַזעצן, מען האָט אַפילו צוגעזאָגט אַ גרויסע פינאַנציעלע הילף, אָבער די טשעכן און סלאָוואַקן האָבן זיך נישט געאײַלט צו פאַרלאָזן זייערע אַלטע היימען און קומען אין אַ פרעמדער געגנט.

אַזוי אַרום איז דער גרעסטער טייל פון די נײַע אײַנוווינערס אין סודעטן־לאַנד געווען ייִדן, בעיקר פון דער סלאָוואַקײַ און פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד. זייערע משפּחות זענען אומגעקומען אין די גאַזקאַמערן און זייערע הײַזער זענען באַזעצט געוואָרן דורך די גויִים. די געראַטעוועטע האָבן ממילא נישט געהאַט וואַהין צו גיין, ווײַל אין די אַלטע היימען זייערע האָט געלאָקערט אויף זיי די סכּנה דערהרגעט צו ווערן, אויב זיי וועלן זיך דערוועגן אָפּצו־מאָנען זייער פאַרמעגן.

אָט די געראַטעוועטע ייִדן האָבן זיך פרײַוויליק באַזעצט אין סודעטן־לאַנד. זיי האָבן באַקומען שיינע הײַזער וואָס די דײַטשן האָבן איבערגעלאָזט און האָבן געאַרבעט אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען וואָס די מלוכה האָט נאַציאָנאַליזירט, נאָך דעם ווי די דײַטשן זענען פאַרטריבן געוואָרן. די ייִדן האָבן זיך משער געווען אַז זייער מצב איז אַ פּראָוויזאָרישער. זיי האָבן געוווּסט אַז ווען די קאָמוניסטן וועלן איבערנעמען די גאַנצע מאַכט אין דער מדינה, וועט מען זיי נישט מער לאָזן אויף די אָנפירנדיקע פּאָסטנס. דערפאַר האָבן זיי זיך באַמיט צו מאַכן אַ סך געלט, כּדי אָפּצושפּאָרן אויף שפּעטער.

אָט די ייִדן, וואָס האָבן איבערגעלעבט די דײַטשע לאַגערן, האָבן גוט געוווּסט אַז דער ייִדישער גורל איז איינער אויף דער גאָרער וועלט. ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז די אַראַבער פאַלן אָן אויף דער נײַער ייִדישער מדינה און ווילן זי פאַרטיליקן, זענען זיי גרייט געווען צו טאָן אַלץ כּדי צו פאַרשטאַרקן דעם ייִדישן יִשוב אין ארץ־ישׂראל. איך האָב געפונען צווישן זיי אַ סך פרײַנד וואָס זענען אַ מאָל געווען אָרגאַניזירט אין טשעכאָסלאָוואַ־קישן החלוץ און האָבן דורכגעמאַכט הכשרה. זיי זענען געבליבן אין גלות נאָר ווײַל די ענגלענדער האָבן זיי נישט געגעבן קיין סערטיפיקאַטן צו פאָרן קיין ארץ־ישׂראל. אַלע — סײַ די וואָס זענען אַ מאָל געווען אין החלוץ און סײַ די וואָס זענען געווען ווײַט פון ציוניזם — האָבן איצט ברייט געעפנט די קעשענעס און געזאָגט: נעמט געלט וויפל איר ווילט! איך האָב גענומען, און וואָס מער איך האָב גענומען, אַלץ גרעסער איז געווען זייער שׂימחה: איצט, נאָך די פינצטערע יאָרן וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, זענען זיי מסוגל צו העלפן אַנדערע ייִדן! זיי זענען געווען גליקלעך צו הערן אַז דאָס ייִדישע פאָלק לעבט און קעמפט קעגן אַלע זײַנע שׂונאים. פאַר אָט דער בשׂורה זענען זיי גרייט געווען אַוועקצוגעבן דעם לעצטן גראָשן.

נישט צוויי וואָכן, נאָר צוויי חדשים האָב איך זיך געיאָגט פון אָרט צו אָרט אין סודעטן־געביט און אין דער סלאָוואַקײַ. איך האָב צונויפגעזאַמלט אַ סך מיליאָנען טשעכישע קראָנען פאַרן צוועק צו פאַרטיידיקן דעם קעמפנדיקן

יישוב אין ארץ־ישׂראל. אומעטום האָט מען מיך ברייטהאַרציק אויפגענומען. יעדן טאָג בין איך געווען אויף פאַרזאַמלונגען מיט הונדערטער מענטשן און נישט איין מאָל האָב איך געפילט אַז איך פאַל ממש פון די פיס. אָבער צו מאָרגנס האָט זיך די אַרבעט אָנגעהויבן פון דאָס נײַ. שפּעט בײַ נאַכט האָב איך פון פּראָג געדעדט טעלעפאָניש מיט ארץ־ישׂראל און געהערט נײַעס וועגן די בלוטיקע קאַמפן. און דאָך — וואָלט איך געזאָגט אַז דאָס זענען געווען די שענסטע צוויי חדשים אין מײַן לעבן, ווײַל איך האָב געזען טאָג פאַר טאָג ווי גרויס דאָס ייִדישע פאָלק איז אויף דער גאָרער וועלט.

נאָך צוויי חדשים בין איך ווידער געפאָרן קיין קעזשמאַרק און אין משך פון צוויי וואָכן איז מיר געראָטן צו ליקווידירן דאָס פאַרמעגן און צו באַקומען די הסכּמה פון מײַנע קרובים אַז זיי וועלן בקרוב עולה זײַן קיין ארץ־ישׂראל. איך האָב זיך געזעגנט און בין צוריקגעפאָרן קיין פּראָג, כּדי דורכן ארץ־ישׂראל־ביוראָ מיר צו פאַרזאָרגן אַ פּלאַץ אין ערשטן עראָפּלאַן וואָס פליט קיין לוד.

אַ באַפעל צו בלײַבן אין פּראָג

מײַן פרײַנד פישגרונד פון ארץ־ישׂראל־ביוראָ אין פּראָג האָט מיר צוגעזאָגט פאַרן אַנדערן טאָג אַ פּלאַץ אין עראָפּלאַן פון דער טשעכישער פלי־געזעלשאַפט. דערווײַל האָט ער מיך אײַנגעאָרדנט איבערצונעכטיקן אין האָטעל „עספּלענאַדאַ“, נישט ווײַט פון ווילסאָן־וואָקזאַל אין פּראָג. אין אָט דעם האָטעל האָבן געוווינט כּמעט אַלע שליחים פון ארץ־ישׂראל. די פּאָסט קיין ארץ־ישׂראל איז געווען זייער אומזיכער, אַזוי אַז יעדער פון זיי האָט מיר מיטגעגעבן אַ פּעקל צי אַ בריוו פאַר זײַן משפּחה. דערפאַר האָב איך זיך זייער שפּעט געלייגט שלאָפן.

ווי איך בין נאָר אײַנגעשלאָפן האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. דער פּאַרטיע האָט מיר מודיע געווען, אַז אָהוד אַבריאל, וואָס האָט אויך געוווינט אין זעלביקן האָטעל, לאָזט מיך וויסן איך זאָל אין דער פרי, נישט שפּעטער ווי זיבן אַ זייגער, זײַן בײַ אים אין אַ זייער וויכטיקן ענין. איך בין געווען זיכער אַז אַבריאל וויל מיך אויסניצן ווי אַ בריוו־טרעגער קיין ארץ־ישׂראל. איך האָב געבעטן מען זאָל מיך אויפוועקן זייגער זעקס, כּדי איך זאָל זײַן פּינקטלעך בײַ אַבריאלן.

אָהוד אַבריאלן האָב איך געקענט. כ'האָב געוווּסט אַז ער איז אַ קיבוצניק און ער אַרבעט אין ראַמען פון עליה ב' און אײַנקויפן געווער פאַר דער הגנה. כ'האָב אויך געוווּסט אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ גאַנצער גרופּע

אַקטיוויסטן וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע. ער אַליין, אֶהוד, געפינט זיך מייניסטן אין צוגן אָדער עראָפּלאַנען, יאָגנדיק פון איין אָרט צום צווייטן.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה אין ארץ־ישראל און די טשעכאָסלאָ־וואַקײַ איז געוואָרן דער עיקרדיקער געווער־ליפעראַנט פאַר דער נײַער ייִדישער מדינה, האָט אֶהוד איַנגעאָרדנט זײַן ביוראָ אין אַ צימער פון האָטעל „עספּלענאַדאַ". ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין פּראָג, האָב איך אים באַגעגנט אין ארץ־ישראל־ביוראָ און מיר האָבן געשמועסט וועגן דעם מצב אין לאַנד און וועגן מײַן שליחות צו העלפן דורכפירן די געלט־אַקציע פאַר דער הגנה. מיר האָבן זיך, ווי געווײַנטלעך, געזעגנט מיטן גרוס „להתראות".

אין דער פרי, ווען איך בין געקומען צו דער באַגעגעניש, האָב איך אֶהודן שוין געפונען בײַ זײַן טיש, פאַרנומען מיט כּלערליי פּאַפּירן. נאָך דעם וואָס מיר האָבן זיך באַגריסט, ווי צווישן פרײַנד, האָב איך געוואָרט ער זאָל מיר זאָגן צוליב וואָס ער האָט מיך באַשטעלט אַזוי פרי. ער האָט מיך אָבער אָנגעהויבן אויסצופרעגן פּרטים וועגן דער געלט־אַקציע און וועגן מײַן אײַנדרוק וואָס שייך די אָרטיקע ייִדן. איך האָב אים אָפּגעגעבן אַ קורצן און קלאָרן באַריכט און האָב געוואָרט ער זאָל אַרויס מיט לשון.

אֶהוד האָט מיר אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן דער טעטיקייט פון אײַנ־האַנדלען געווער אין אייראָפּע און בעיקר אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. ער האָט מיר דערקלערט ווי וויכטיק ס'איז די דאָזיקע אַרבעט, היות די טשע־כאָסלאָוואַקײַ איז דער עיקרדיקסטער קוואַל פאַר געווער, אין וועלכן מיר נייטיקן זיך אַזוי צו פירן די מלחמה קעגן די אַראַבישע מדינות וואָס זענען אויף אונדז אָנגעפאַלן. ער האָט מיר אויך געזאָגט אַז עס פעלן אים אויס ארץ־ישראלדיקע כּוחות, געבוירענע אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, וואָס קענען די שפּראַך און פאַרשטיין אַן עניין און זענען אויך באַקאַנט מיט דער אָרטיקער ייִדישער באַפעלקערונג, ווײַל אַ טייל פון די נײַע פּריצים אין לאַנד זענען ייִדן. איך האָב אים אויסגעהערט און זייער גוט פאַרשטאַנען זײַן מצב, אָבער נישט מער — ווײַל מיט די געדאַנקען בין איך שוין געווען אין ארץ־ישראל.

ווען ער האָט מיר אַ זאָג געטאָן אַז איך מוז בלײַבן אין דער טשעכאָסלאָ־וואַקײַ און זיך באַטייליקן, אין איינעם מיט זײַן גרופּע, אין אײַנקויפן געווער און עס שיקן קיין ארץ־ישראל — בין איך פּשוט געבליבן אָן לשון. ער האָט מיר קאַטעגאָריש דערקלערט אַז דאָס איז אַ באַפעל פון „מוסד" און איך מוז אים פאָלגן. ווי דער גרעסטער חלק פון יישוב, בין איך מאָביליזירט און די

צײַט וואָס איך וועל פֿאַרברענגען אין פּראָג וועט מיר פֿאַררעכנט ווערן ווי מיליטערישער דינסט אין אונדזער אַרמיי.

ווען איך בין צו זיך געקומען און האָב פֿאַרשטאַנען אַז איך האָב קיין ברירה נישט, האָב איך געבעטן אַהודן ער זאָל צו וויסן טאָן מײַן משפּחה אַז איך בלײַב דערווײַל אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און אויך מודיע זײַן אין קופּת־חולים אַז איך בין מאָביליזירט, כּדי איך זאָל נישט האָבן קיין צרות ווען איך וועל זיך אומקערן צו דער אַרבעט.

אַהוד האָט אַלץ אײַנגעאָרדנט ווי איך האָב אים געבעטן און דעם צווייטן טאָג בין איך שוין געווען אין האָטעל „פּאַלאַס", ווו איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן. אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי גיך אַז איך האָב נישט געהאַט קיין צײַט צו טראַכטן. פּלוצעם בין איך געווען אַ טייל פֿון דער גרופּע וואָס איר איינציקע זאָרג איז געווען ווי אַזוי צו פֿאַרשאַפֿן געווער און דאָס איבערשיקן וואָס גיכער קיין ארץ־ישראל, ווו מען האָט אַרויסגעקוקט דערויף מיט טויזנט אויגן.

איך האָב נאָך באַוויזן צו זײַן אין ארץ־ישראל־ביוראָ און מודיע זײַן מען זאָל אַנולירן מײַן פּלאַץ אין עראָפּלאַן. איך האָב זיך דאָרטן באַגעגנט מיט מײַנע פֿרײַנד פֿישגרונד, יוסף אַלון און לוי אַרגוב, וואָס האָבן שוין געוווּסט אַז איך בלײַב אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און האָבן זיך דעריבער געפֿרייט. ערשט אַ סך שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט אַז יוסף אַלון האָט געהאַט אַ חלק אין דעם און אַז דעם גאַנצן ענין האָט פּלאַנירט דער השומר־הצעיר אין ארץ־ישראל, וואָס איז געווען פֿאַראינטערעסירט צו פֿאַרשטאַרקן די שומרישע גרופּע אין דער פּראָגער אַרבעט.

יוסף אַלון (ענגעלמאַן) איז געווען אַ חבר אין קיבוץ כּפר־מאַסאַריק און מיר זענען געווען זייער נאָענט. אַ שטיק וועג זענען מיר געגאַנגען אין איינעם: מיר האָבן ביידע געשטאַמט פֿון קאַרפּאַט־רוסלאַנד, יאָרן־לאַנג געווען אין השומר־הצעיר, געווען בעצם די גרינדערס פֿון קיבוץ כּפר־מאַסאַריק. אין פּראָג איז יוסף געווען אַ דאָפּעלער שליח: פֿון קיבוץ און פֿון דער השומר־הצעיר־באַוועגונג. ווי אַ שליח פֿון דער באַוועגונג איז ער געשטאַנען בראָש פֿון „קרן השומר־הצעיר" אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און ווי אַ שליח פֿון קיבוץ האָט ער זיך באַמיט צו זאַמלען דאָס געלט פֿאַרן „קרן כּפר־מאַסאַריק" וואָס די טשעכישע רעגירונג האָט צוגעזאָגט פֿאַרן קיבוץ. דער פֿאָנד פֿון פֿינף מיליאָן טשעכישע קראָנען האָט געדאַרפֿט דינען אויפֿצושטעלן אין קיבוץ אַן אינסטיטוציע — אַ שול אָדער דאָס גלײַכן — וואָס זאָל טראָגן דעם נאָמען פֿון טאָמאַס מאַסאַריק. אַזוי ווי מען האָט מורא

געהאַט אַז אין גיכן וועט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין גאַנצן איבערנעמען די מאַכט און זי וועט אַוודאי נישט וועלן מקיים זײַן וואָס די פּריערדיקע קאָאַליציע־רעגירונג האָט צוגעזאָגט. האָט מען יוספן געשיקט ער זאָל זיך באַמיִען וואָס גיכער אַרויסצובאַקומען דאָס געלט, סײַ אין מזומן סײַ אין פאַרשיידענע סחורות.

דאָס איז בכלל נישט געווען קיין גרינגע זאַך. ס'איז נישט געווען אַזוי פּשוט אַדורכצוגיין די ביוראָקראַטישע שיבעה־מדורי־גיהנום פון די טשעכישע אינ־סטיטוציעס. יוסף איז אָבער געווען ווי געבוירן פאַר אַזאַ אַקציע. נאָר אַ מענטש מיט אַזאַ אײַזערנעם ווילן האָט געקענט מצליח זײַן דורכצוברעכן די ביוראָקראַטישע ווענט וואָס זענען אים געשטאַנען אין וועג. ער האָט זיך נישט מייאש געווען און האָט זיך נישט אײַנגעבראָכן. טאָג פאַר טאָג האָט ער געשלעפּט זײַנע לאַנגע פיס פון איין אַמט צום צווייטן, ביז ער האָט געפועלט וואָס ער האָט געדאַרפט.

ווען דאָס געלט איז שוין געווען געזיכערט האָט ער געדאַרפט געפינען פּאַסיקע סחורות פאַרן קיבוץ, ווײַל די טשעכישע קראָנען האָבן אין אויסלאַנד נישט געהאַט קיין ממשותדיקן ווערט. צו געפינען אַזעלכע פּאַסיקע סחורות אין אַ צײַט ווען די טשעכישע אינדוסטריע איז נאָך נישט געהאַט צו זיך געקומען נאָך דער מלחמה — איז אויך נישט געווען פון די לײַכטע זאַכן. אָבער אויך אין דעם האָט זיך יוסף אַן עצה געגעבן מיט דער הילף פון אַ צווייטן חבר פון כּפר־מאַסאַריק, יצחק כּרמלי (פּיקעל), אַ גוטער מעכאַ־ניקער, וועלכער האָט געוווּסט וואָס עס איז כּדאי צו ברענגען פאַרן קיבוץ.

וואָס שייך דעם „קרן השומר־הצעיר", האָט יוסף אַלון געדאַרפט נעמען הלוואות אין טשעכישע קראָנען בײַ ייִדן וואָס האָבן געהאַט בדעה אויסצו־וואַנדערן, כּדי זיי דערנאָך אומצוקערן ארץ־ישׂראלדיקע פונטן. מען האָט געוווּסט אַז די ייִדן האָבן אַ סך געלט און אַז דער גרעסטער חלק פון זיי גרייט זיך אויסצוּוואַנדערן, בעיקר ווען די קאָמוניסטן וועלן ווערן די בעלי־בתּים פון לאַנד. די שאלה איז געווען ווי אַזוי צו געווינען דעם צוטרוי פון די דאָזיקע ייִדן, זיי זאָלן גלייבן אַז מען וועט זיי דאָס געלט אָפּגעבן אין פונט שטערלינג. די גאַנצע אַקציע איז געווען באַזירט אויף צוטרוי אין דעם מענטש וועלכן מען האָט איבערגעגעבן דאָס געלט, ווײַל קיין געשריבענע באַשטעטיקונג האָט מען נישט געקענט געבן. די אַקציע איז געווען אַ געהיימע און אַן אומלעגאַלע. ווען מען דערוויסט זיך, האָט דער געלטגעבער געקענט אַרײַנפאַלן אויף יאָרן אין תּפיסה. פאַר די דאָזיקע הלוואות האָט מען אײַנ־געקויפט פאַרשיידענע סחורות פאַרן קיבוץ, אָבער אין ארץ־ישׂראל גופא

איז די אַקציע אויך נישט געווען דורכויס לעגאַל, ווײַל זי האָט נישט געהאַט די באַווילִיקונג פונעם פינאַנץ־מיניסטעריום.

ווען איך בין געקומען קיין פּראָג און איך האָב דערציילט יוסֵפן צוליב וואָס מען האָט מיך געשיקט, האָט ער תּיכּף פון מיר געפאָדערט אַז נאָך דעם ווי איך וועל פאַרענדיקן די אַקציע פאַר דער הגנה, זאָל איך זיך אײַנשפּאַנען אין דער אַקציע פאַרן „קרן השומר־הצעיר". איך האָב, פאַרשטייט זיך, נישט געוואָלט הערן דערפון און האָב געטענהט אַז איך קלײַב זיך אַהיים, תּיכּף נאָכן פאַרענדיקן די אַקציע פאַר דער הגנה. יוסף אַלון איז ווײַזט אויס געווען קליגער פון מיר און האָט פאַרשטאַנען אַז איך וועל שוין פאַרבלײַבן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. האָט ער זיך מסתּמא באַלד געוואַנדן צו דער אָנפירונג פון השומר־הצעיר אין ארץ־ישׂראל און געפאָדערט מען זאָל מיך אָפיציעל נאָמינירן ווי אַ שליח און ווי דער אָנפירער פון „קרן השומר־הצעיר" אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געוווּסט פון דער גאַנצער זאַך. בעת איך בין אַרומגעפאָרן פון אָרט צו אָרט כּדי צו זאַמלען געלט פאַר דער הגנה האָט יוסף שוין געהאַט אין קעשענע די אָפיציעלע נאָמינירונג פאַר מיר. ערשט ווען איך בין שוין געווען אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט אײַנצוהאַנדלען געווער, האָט מיר יוסף דערלאַנגט דעם בריוו מיט דער נאָמינירונג ווי דער אָנפירער פון „קרן השומר־הצעיר" אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. ער האָט מיר מודיע געווען אַז דאָס איז געווען זײַן פּריוואַטע איניציאַטיוו, ווײַל ער איז געווען זיכער אַז איך וועל קענען געווינען דעם צוטרוי פון די אָרטיקע ייִדן, וואָס דער גרעסטער חלק זייערע קענט מיך פון די דרײַסיקער יאָרן און נאָך פון דער היים. איך האָב די אַרבעט אויף זיך גענומען נישט ווײַל דאָס איז געווען דער פּסק־דין פון דער באַוועגונג, נײַערט פון חברישער באַציִונג צו יוסף אַלון, וועמען איך האָב הויך געשאַצט און בין געווען גרייט אים צו באַווײַזן אַז איך בין ווערט ער זאָל מיר פאַרטרויען. וועמען עס איז באַקאַנט מײַן אַרבעט פאַרן „קרן השומר־הצעיר" אין יענער צײַט — ווייס אַז איך האָב אים נישט אַנטוישט.

אין האָטעל „פּאַלאַס" איז געווען אונדזער הויפּטקוואַרטיר. מיר האָבן פאַרנומען כּמעט דעם גאַנצן בנין. מען מעג זאָגן אַז דאָס איז געווען די אָפיציעלע רעזידענץ פון דער ישׂראלדיקער פאַרטרעטונג, הגם אָפיציעל איז נאָך אין יענער צײַט נישט פּראָקלאַמירט געוואָרן מדינת־ישׂראל. פון דעסטוועגן האָבן מיר אַרויסגעהאַנגען אַ בלוי־ווײַסע פאָן און קיינער האָט אונדז אין דעם נישט געשטערט.

אונדזער עיקר־אינטערעס איז געווען געווער, וואָס מער געווער. דערפאַר האָבן מיר זיך צוגעהערט צו איטלעכן וואָס האָט אונדז פאַרגעלייגט אַן עסק. עס זענען אויך געקומען פאַרשיידענע פאַנטאַזיאָרן מיט אומרעאַלע פאָר־שלאָגן. דער האָטעל האָט אויסגעזען ווי אַ בינשטאָק און מען האָט געאַרבעט דאָרטן פיר און צוואַנציק שעה אין טאָג. מיר זענען געווען פאַרבונדן מיט דער וועלט נישט נאָר דורך טעלעפאָנען, נײַערט אויך דורך די מענטשן וואָס זענען צו אונדז געקומען פון גאַנץ אייראָפּע.

האָטעל „פּאַלאַס" אין פּראָג

אין פּראָג האָבן מיר געפירט אונדזער אַרבעט אין גאַנצן אומגעשטערט און אָפן, הגם אין ארץ־ישׂראל האָט די ענגלישע אַדמיניסטראַציע נאָך אויס־געאָטעמט אירע לעצטע טעג און דאָס ענגלישע מיליטער האָט נאָך נישט געהאַט פאַרלאָזט דאָס לאַנד. פון דעסטוועגן האָבן מיר נישט געקענט אָנ־האַלטן אַ דירעקטע פאַרבינדונג פון פּראָג קיין ארץ־ישׂראל, נאָר דורך פאַר־שיידענע אייראָפּעיִשע לענדער. דער פאַקט אַז די טשעכאָסלאָוואַקײַ העלפט אונדז איז געווען באַקאַנט און דער ענגלישער שפּיאָנאַזש האָט געפּרוווט אויפכאַפּן יעדע ידיעה פון דאָרטן, כּדי צו וויסן וואָס מיר טאָן.

דעריבער האָבן מיר געהאַט צוויי וויכטיקע מיטל־סטאַנציעס דורך וועלכע מיר האָבן געשיקט און באַקומען ידיעות פון ארץ־ישׂראל. איינע איז געווען אין פּאַריז, ווו דער פאַראַנטוואָרטלעכער איז געווען צבי דינשטיין, וואָס האָט דאָרטן שטודירט; די צווייטע אין דער שווייץ, ווו דער פאַראַנטוואָרטלעכער איז געווען רמי טייבער, אויך אַ סטודענט פון ארץ־ישׂראל. אַלע ידיעות, מייִנסטן קאַמופלירטע, זענען געקומען דורך די פאַרמיטלערס. דער דרוק פון ארץ־ישׂראל איז געווען זייער גרויס, ווײַל דער יִשוב האָט זיך געניי־טיקט אין געווער, און ביידע דערמאָנטע סטודענטן האָבן טאָג און נאַכט געטאָן זייער אַרבעט מיט איבערגעגעבנקייט און געטרײַשאַפט, ממש ווי סאָלדאַטן אויפן שלאַכטפעלד.

אַהוד אַבריאל איז כּמעט שטענדיק געווען אונטער וועגס און זיין ממלא־מקום איז געווען ד"ר אָטאָ פעליקס, שפּעטער העברעיִזירט אויף אורי דורון. אויך ער איז געווען אַ געבוירענער אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. ד"ר פעליקס איז געווען דער היפּוך פון אַהוד אין זײַן טעמפּעראַמענט. אַהוד איז געווען צעברויזט ווי אַ ווולקאַן, בעת ד"ר פעליקס איז געווען רויִק און צוריקגע־האַלטן סײַ אין רעדן סײַ אין דער אַרבעט. אַהוד איז געווען אַ טיפּישער קיבוצניק און ד"ר פעליקס איז געווען אַ „טשעכישער קליינבירגער", וואָס

האָט פאַרמאַכט זײַן קלײנע פאַבריק אין ארץ־ישׂראל און האָט זיך פאַרנומען, לויט דער בקשה פון בן־גוריון, מיט אײַנקױפן געווער. אָט די צוויי אַזוי פאַרשיידענע מענטשן האָבן זיך ווונדערלעך דערגאַנצט איינער דעם צווייטן. אַהוד, מיט זײַן הייסן טעמפּעראַמענט, האָט זיך באַגײַסטערט פאַר יעדער זאַך, אויך ווען עס זענען געווען קנאַפּע פּערספּעקטיוון עפּעס צו רעאַליזירן. ד״ר פעליקס ווידער, וואָס האָט אַלץ באַטראַכט מיט אַ רויִק געמיט, האָט תּמיד געוווּסט צו אונטערשיידן צווישן אַ פאַנטאַזיע און אַ רעאַליטעט.

מיט אַהודן בין איך תּיכּף געוואָרן זייער נאָענט, ווי גלײַך מיר וואָלטן אין איינעם אויפגעוואַקסן. בײַ ד״ר פעליקס האָב איך תּמיד געפילט אַ באַשטימטע דיסטאַנץ, אַפילו ווען מיר זענען געוואָרן חברים. אפשר איז אין דעם שולדיק געווען זײַן אויסזען. ער איז שטענדיק געגאַנגען עלעגאַנט אָנגעטאָן, די הויזן שאַרף אויסגעפּרעסט, די שיך געגלאַנצט און דאָס פּנים גלאַט ראַזירט. אויך דערמיט איז ער געווען פּונקט דער היפּוך פון אַהודן, וואָס איז געגאַנגען אָנגעטאָן ווי אַ קיבוצניק.

אַחוץ דעם האָט אַהוד אַרויסגעשאָסן די ווערטער ווי פון אַ מאַשינביקס, בעת ד״ר פעליקס האָט גערעדט שטיל, אָפּגעוויגן יעדעס וואָרט. פאַר אים איז געווען וויכטיקער צו הערן וואָס דער צווייטער זאָגט. ער האָט געקענט די קונסט פון שווײַגן ווי אַ געבוירענער דיפּלאָמאַט.

אַהוד איז געווען דער מאָטאָר, שטענדיק אין באַוועגונג, שטענדיק געפּאַ־דערט, בעיקר פון די ארץ־ישׂראלדיקע מיטאַרבעטערס. זײַנע מענטשן זענען גרייט צו נעמען אויף זיך די שווערסטע, קאָמפּליצירטסטע אַקציע און זי דורכפירן. ער איז געווען דער טיפּ פון אַן אונטערגרונט־מנהיג, ער האָט געוווּסט ווי אַזוי גובר צו זײַן שוועריקייטן און ווי אַזוי צו איבערצײַגן זײַנע מיטאַרבעטערס זיי זאָלן זיך נישט שרעקן פאַר סכּנות.

ד״ר פעליקס איז נישט געווען באַהאַוונט אין אונטערגרונט־אַרבעט און איז אויך נישט געווען קיין מענטש פון אימפּראָוויזאַציעס. ער האָט זיך פּינקטלעך צוגעגרייט פאַר יעדער זאַך און האָט נישט מותּר געווען ביז ער האָט זי נישט דורכגעפירט. אַהוד האָט געוווּסט וואָס פאַר אַ כּוח עס שטייט הינטער אים, און דאָס איז נישט געווען נאָר דער כּוח פון „מוסד״ אין ווערמענס נאָמען ער האָט געאַרבעט, נײַערט דער פּערזענלעכער כּוח פון דוד בן־גוריון. ער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, בן־גוריונס אַ ליבלינג. אַהוד איז געווען דער טיפּ פון אַ קאָמענדאַנט און זײַנע זעלנערס האָבן אים געפּאָלגט אומעטום, אין גאַנץ אייראָפּע. איך וויל באַטאָנען, אַז קיין שום שליחות, און ער האָט דורכגעפירט אַ סך וויכטיקע שליחותן, האָט נישט

אַרויסגערופן בײַ אים פּוסטע גאווה און האָט נישט קאַליע געמאַכט די באַציִונגען צווישן אונדז.

הײַנט איז מיר שווער צו דערקלערן פאַר וואָס ד״ר פעליקס האָט מיך פון דער ערשטער רגע צוגעצויגן, הגם מיר זענען געווען לחלוטין פאַרשיידענע טעמפּעראַמענטן. אפשר ווײַל ער האָט אויך געשטאַמט פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און האָט אין מײַנע אויגן סימבאָליזירט דעם ווונדערלעכן טיפּ פון טשעכישן ייִדנטום וואָס איז חרוב געוואָרן. דאָס טשעכישע ייִדנטום איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אַלגעמיינער קולטור און דערבײַ פאַרבונדן מיטן ייִדישן פאָלק. אַזוי האָב איך געדענקט די פּראָגער ייִדן און אַזוי איז געווען ד״ר פעליקס: צוריקגעהאַלטן אָבער איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן. מיר זענען געווען און געבליבן גוטע פרײַנד ביז אין זײַן לעצטער רגע.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָבן מיר אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, תיכּף נאָך דעם ווי די אונאָ האָט באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ ייִדישע מדינה, געהאַט אַלע רעכט ווי די אָפיציעלע רעפּרעזענטאַנצן פון אַנדערע לענדער. אַ גרויסן חלק אין דעם געהאַט האָבן די פּערזענלעכע באַציִונגען פון ד״ר פעליקס מיט די מענטשן וואָס זענען געשטאַנען בראָש פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק. אַ גרויסער טייל פון די רעגירונגס־לײַט זענען געווען זײַנע פרײַנד, מיט וועלכע ער איז צוזאַמען געגאַנגען אין שול און ער האָט אַלץ בײַ זיי געקענט פּועלן. אַפילו די וואָס האָבן אים נישט געקענט פון פריִער האָבן אים גאָרנישט אָפּגעזאָגט, ווײַל זיי זענען געווען פאַרכּישופט פון זײַן פּערזענלעכקייט.

ד״ר פעליקס האָט נישט געהאַט קיין פּלייצעס אין ארץ־ישׂראל. בעת אֶהוד איז געווען אין דער הערשנדיקער פּאַרטיי, איז ד״ר פעליקס געווען אַן אַלגעמיינער ציוניסט. קיינער וועט מיך נישט חושד זײַן אַז איך וויל, חלילה, פאַרקלענערן די פאַרדינסטן פון אֶהוד אַבריאל. להיפוך, איך דערצייל בײַ יעדער געלעגנהייט ווי גרויס עס זענען געווען זײַנע פאַרדינסטן אין אײַנקויפן און שיקן געווער קיין ארץ־ישׂראל, אין אַ צײַט ווען מען האָט זיך אין דעם גענייטיקט ווי אין לופט צו אָטעמען. איך וויל נאָר דערמאָנען די עוולה וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן ד״ר פעליקס, וואָס שייך דער געווער־אַקציע אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ.

אַלע וואָס האָבן ביז איצט געשריבן וועגן דעם קאַפּיטל פון געווער־אײַנקויף אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ האָבן אונטערגעשטראָכן אַז דער וויכ־טיקסטער פאַקטאָר אין אָט דער אַרבעט איז געווען אֶהוד אַבריאל. און דאָס

איז נישט אמת. אֶהוד האָט טאַקע געהאַט די פעיִקייט איינצושפּאַנען מענטשן און זיי צו סטימולירן, אָבער די שוואַרצע אַרבעט האָט געטאָן ד״ר פעליקס. ער האָט געשאַפן די ערשטע פאַרבינדונגען מיט דער טשעכישער רעגירונג און געפירט די פאַרהאַנדלונגען. נאָר אַ דאַנק אים איז געשיקט געוואָרן דער ערשטער טראַנספּאָרט געווער קיין ארץ־ישראל.

איך האָב גערעדט וועגן אָט דעם ענין מיט בן־גוריון. בעצם האָט ער מאָביליזירט דעם ד״ר פעליקס אַ סך פריִער איידער אֶהוד איז געקומען אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי און האָט פון אים געפאָדערט ער זאָל אויסניצן זיינע פּערזענלעכע פאַרבינדונגען, כּדי דאָרט צו קויפן געווער פאַר ארץ־ישראל. אויף בן־גוריונס בקשה האָט ד״ר פעליקס איבערגעלאָזט זיינע פּריוואַטע געשעפטן און זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן דער אַקציע איינצוקויפן געווער. איך האָב פאַרגעוואָרפן בן־גוריונען אַז מען איז באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה קעגן ד״ר פעליקס און אַז עס וואָלט זיך געפּאַסט אַז היינט, ווען ער לעבט שוין נישט, זאָל מען די עוולה פאַרריכטן. מיט צופרידנקייט האָב איך געלייענט אין בן־גוריונס בוך „מדינת ישראל המחודשת״ אַז ד״ר פעליקס איז געווען דער ערשטער שליח אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי איינצוקויפן געווער — אַ סימן אַז בן־גוריון האָט אָנגענומען מיין טענה.

אַזוי ווי איך האָב אָנגעפירט מיטן „קרן השומר־הצעיר״ און דורך מיינע הענט זענען אַדורך מיליאָנען טשעכישע קראָנען, וואָס זענען דערנאָך אויף פאַרשיידענע וועגן דערגאַנגען קיין ארץ־ישראל, האָב איך געקענט אַרויס־העלפן דעם ד״ר פעליקס מיט אַ „גמילות־חסד״, ווייל ער האָט זיך שטענדיק געניייטיקט אין מזומן. זייער אָפט האָט ד״ר פעליקס געוואַרט אויף געלט פון דער שווייץ און אין צווישן האָב איך אים געגעבן אַ הלוואה. עס זענען אויך געווען פאַלן ווען ער האָט נישט געוואָלט פּערזענלעך אויפטרעטן ווי דער קויפער פון געווער און ער האָט מיך געשיקט מיטן געלט. אויף זיין בקשה האָט אֶהוד געגעבן די הסכמה איך זאָל ווערן דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די טאָג־טעגלעכע ענינים וואָס שייך איינקויפן געווער. דאָס האָט מיך מחייב געווען איך זאָל זיך שטענדיק געפינען אין האָטעל „פּאַלאַס״ און איבערנעמען יעדע ידיעה וואָס איז אָנגעקומען, סיי אַזעלכע וואָס מען האָט געדאַרפט שיקן ווייטער קיין ארץ־ישראל, סיי אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו אונדזער אינעווייניקסטער אַרבעט. דאָס זענען געווען ענינים פון לעבן און טויט, אַזוי אַז איך האָב זיך נישט אַוועקגערירט פון האָטעל און פּערזענלעך געפירט אַלע שמועסן, בעיקר די טעלעפאָנישע שמועסן מיט צבי דינשטיין און רמי טייבער פון פּאַריז. דערביי האָבן די שמועסן געדאַרפט

זײַן קאַמופּלירט, כּדי די ענגלענדער זאָלן זיך נישט דערוויסן וועגן וואָס עס רעדט זיך.

די אָנגעשטעלטע אין האָטעל האָבן געוווּסט אַז איך בין אַ שותּף צו די געשעפטן פון ד״ר פעליקס. אַזוי ווי די טעלעפאָנישע שמועסן זענען אַלע געקומען אויף מײַן נאָמען האָבן מיך אַ סך מענטשן מקנא געווען וואָס איך פיר אַזעלכע פּאַרוויקלטע געשעפטן מיט דער גאַנצער וועלט.

וועגן אײַנקויפן געווער

די געשיכטע פון אײַנקויפן געווער האָט זיך אָנגעהויבן אין די ערשטע חדשים פון 1947 און האָט זיך פאַרענדיקט אין 1950. דוד בן־גוריון, וואָס איז בעצם געווען דער אָנפירער פון דער הגנה, האָט שוין אין אָנהויב 1947 פאָרויסגעזען אַז בקרוב וועט די ייִדישע מדינה ווערן אַ רעאַליטעט און מען וועט זיך נייטיקן אין געווער, נישט נאָר קעגן די אָרטיקע אַראַבישע באַנדעס, נײַערט אויך קעגן אַן אָנפאַל פון די שכנותדיקע לענדער.

לויט בן־גוריונס איניציאַטיוו האָט מען אַרויסגעשיקט שליחים קיין אייראָפּע, בעיקר קיין איטאַליע און פראַנקרײַך, ווו עס זענען געווען גרויסע געווער־סקלאַדן פון די אַלייִרטע, איבערגעבליבענע נאָך דער מלחמה. דער אָנפירער פון דער אַקציע אין אייראָפּע איז געווען פּנחס קאָזלאָווסקי, שפּעטער פּנחס ספּיר; דערנאָך איז געקומען שאול מאיראָוו, שפּעטער שאול אַביגור. פאַרוואַלטער איז געווען פּעווזנער, וואָס איז אויך געווען פאַרוואַלטער פון דער סוכנות, און האָט זיך שטענדיק געפונען אין דער שווייץ. דער וואַנדערנדיקער שליח אײַנצוקויפן געווער איז אין יענער צײַט געווען יהודה אַרזי, וואָס האָט אויך געדינט ווי אַ פאַרבינדונגס־מאַן מיט דער ים־אָפּטיילונג וואָס האָט געהאָלפן דאָס געווער אַרײַנשמוגלען אין לאַנד, די ענגלענדער זאָלן זיך נישט דערוויסן. דאָס רוב געווער איז אין יענער צײַט באַשטאַנען פון ביקסן און לײַכטע מאַשינביקסן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

מיזרח־אייראָפּע איז אין יענער צײַט געווען מחוץ דעם אינטערעס פון אונדזערע שליחים. די סיבה איז געווען נישט נאָר דער נײַער רעזשים וואָס האָט דאָרטן געהערשט נאָר אויך דער פאַקט וואָס די מיזרח־אייראָפּעישע לענדער זענען נאָך אַליין נישט געקומען צו זיך נאָך דער שווערער מלחמה, זיי האָבן נאָך נישט געהאַט אויפגעשטעלט פון דאָס נײַ זייער אינדוסטריע, און האָבן אונדז ממילא נישט געקענט העלפן.

סוף 1946 איז אַרויסגעפאָרן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ אַ קלײנער פאַר־

בריקאַנט פון ארץ־ישראל, כּדי דאָרט צו באַנײַען זײַנע האַנדלס־באַציִונגען. ער האָט געהייסן ד״ר אָטאָ פעליקס. ער איז אַלע זײַנע יאָרן געווען אַן אינדוסטריעלער און אַחוץ דעם וואָס ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער ציוניסטיש־ליבעראַלער פּאַרטיי, האָט ער זיך נישט פאַרנומען מיט קיין פּאָליטיק.

אין פּראָג האָט זיך ד״ר פעליקס באַגעגנט מיט אַ סך פון זײַנע אַלטע פרײַנד, מיט וועלכע ער איז געגאַנגען אין שול און וועלכע זענען אין צווישן עולה לגדולה געוואָרן אין דער רעגירונג. צווישן זיי זענען אויך געווען עטלעכע ייִדן. אין נישט־אָפיציעלע שמועסן מיט זײַנע חברים האָט זיך ד״ר פעליקס דערוווּסט אַז אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי זענען פאַראַן פולע מאַגאַזינען מיט געווער וואָס איז צוריקגעבליבן פון דער מלחמה. מען האָט אים אויך דערציילט אַז אין די טשעכישע געווער־פאַבריקן זענען פאַראַן אַ סך וואָפן וואָס די דײַטשן האָבן באַשטעלט, אַפילו באַצאָלט, נאָר נישט באַוויזן זיי אַרויסצופירן, ווײַל אין צווישן האָט זיך די מלחמה געענדיקט. מען האָט אויך געגעבן אָנצוהערן אַז די טשעכאָסלאָוואַקײַ נייטיקט זיך שטאַרק אין אויסלענדישער וואַלוטע אײַנצוקויפן רוימאַטעריאַלן מיט וועלכע מען זאָל ווידער אויפשטעלן די אינדוסטריע אין לאַנד. די שאלה איז געווען צי קען מען די פאַראַנענע וואָפן נישט פאַרקויפן פאַר אויסלענדישער וואַלוטע.

ווי אַ חבר אין דער הגנה און אַ פּאַטריאָט האָט ד״ר פעליקס דערפילט אַז דער ישוב אין ארץ־ישראל, וואָס נייטיקט זיך אַזוי אין געווער, קען דורך דער טשעכאָסלאָוואַקײַ געהאָלפן ווערן. ער האָט זיך נאָך דעמאָלט נישט פאָרגעשטעלט אַז ער אַליין וועט דאַרפן פאַרווירקלעכן די דאָזיקע הילף. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט ער דורך זײַן עלטערן ברודער מיכאל, וואָס איז געווען זייער אַ חשובער מיטגליד אין דער הגנה, געלאָזט וויסן בן־גוריונען וואָס ער האָט געהערט אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ.

בן־גוריון האָט פאַרבעטן דעם ד״ר פעליקס צו זיך און נאָך דעם ער האָט אים אויסגעהערט האָט ער פון אים געפאָדערט ער זאָל זיך תּיכּף אומקערן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און דאָרט אײַנקויפן געווער וויפל עס לאָזט זיך נאָר. ד״ר פעליקס האָט איבערגעלאָזט זײַנע געשעפטן און איז געפאָרן קיין פּראָג. אין זײַנע אויער האָבן נאָך געקלונגען די ווערטער פון בן־גוריון: הלוואַי זאָלסטו מצליח זײַן צו זיכערן די זעלבשטענדיקייט פון ישראל!

אויף אַזאַ אופן איז פּלוצעם אַ פּשוטער סוחר, מיט אַ וואַרעם ייִדיש האַרץ, געוואָרן דער אַרכיטעקט פון געווער־אײַנקויף אויף אַ מלוכישן מאַסשטאַב, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ וויכטיקן פאַקטאָר פון אונדזער נצחון אין

דער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה. ד״ר אָטאָ פּעליקס האָט זיך שפּעטער העב־רעיזירט דעם נאָמען אויף אורי דורון. אַזוי ווי ער איז שוין נישט צווישן די לעבעדיקע, איז אונדזער חוב, די וואָס האָבן מיט אים געאַרבעט, צו באַטאָנען און אַרויסצוהייבן זײַנע פאַרדינסטן אין באַפעסטיקן די זיכערקייט פון מדינת־ישׂראל בעת אירע ערשטע טריט.

בײַם אָנהייב זענען זײַנע דערגרייכונגען געווען באַגרענעצט, ווײַל דאָס אַריבערפירן די וואָפן קיין ארץ־ישׂראל איז געווען זייער שווער. אָבער שוין דעמאָלט האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו שאַפן אַ לופטבריק אַריבערצושיקן געווער, וואָס איז טאַקע שפּעטער רעאַליזירט געוואָרן. ביזן הײַנטיקן טאָג רעדט מען וועגן דעם ווי וועגן אַ וווּנדערלעכע לעגענדע. דער העלפער זײַנער איז געווען אַ חבר פון קיבוץ נאות־מרדכי מיטן נאָמען מעשיל. ער האָט געפירט די חשבונות פון די עסקים. פּעוווזנער האָט פון דער שווייץ צוגעשיקט די נייטיקע דאָלאַרן און פאַרן טראַנספּאָרט האָט מען לרוב באַצאָלט מיט דעם געלט וואָס מען האָט געזאַמלט בײַ די אָרטיקע ייִדן.

למען־האמת איז די ערשטע געווער־טראַנסאַקציע אין דער טשעכאָסלאָ־וואַקײַ אָפּגעשלאָסן געוואָרן אַ סך פריִער ווי אין 1948, איידער דער קאָמו־ניסטישער איבערקערעניש, מיט דער קאָאַליציע־רעגירונג אין וועלכער עס זענען געווען פאַרטראָטן אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען, אין איינעם מיט די קאָמוניסטן. אין דער דאָזיקער רעגירונג האָבן מיר געהאַט אַ סך פרײַנד, וואָס האָבן געשטיצט דעם געדאַנק פון אויפשטעלן אַ ייִדישע מדינה. כּדאַי צו דערמאַנען, למשל, דעם אויסערן־מיניסטער יאַן מאַסאַריק, וועלכער האָט אונדז תּמיד געהאָלפן. אַ דאַנק אים האָט מען אונדז דערלויבט צו באַצאָלן פאַרן טראַנספּאָרט מיט אָרטיק געלט. מיט זײַן הילף האָט מען אונדז דער־לויבט דורכצופירן די געלטאַקציע פאַר דער הגנה.

איך וויל אָבער אונטערשטרײַכן אַז אַלע געווער־טראַנסאַקציעס האָבן געהאַט אַ ריין־געשעפטלעכן כאַראַקטער, אָן קיין שום פּאָליטישע אָדער סענטימענטאַלע כּוונות. אַ ראַיה — די טשעכאָסלאָוואַקישע רעגירונג האָט אין דער זעלביקער צײַט אויך פאַרקויפט געווער פאַר סיריע. און ווען ד״ר אורי דורון האָט פּראָטעסטירט האָט מען אים געענטפערט אַז די סירער האָבן באַצאָלט מיט אויסלענדישער וואַלוטע און עס איז נישט פאַראַן קיין שום סיבה פאַר וואָס מען זאָל נישט אײַנהאַלטן דעם פאַרטראַג וואָס מען האָט מיט זיי אָפּגעשלאָסן.

אַ דאַנק די באַציִונגען פון ד״ר דורון אין די רעגירונגס־קרײַזן האָט מען געפועלט אַז מען זאָל אָפּלייגן דעם טראַנספּאָרט פאַר סיריע און פריִער

שיקן אונדזער באַשטעלונג. און ווען מען האָט שוין נישט מער געקענט אָפּלייגן, איז אונדז געראָטן געוווּיר צו ווערן פּינקטלעך דעם טאָג ווען דער טראַנספּאָרט וועט אַרויסגעשיקט ווערן און דאָס אָרט ווו מען וועט די וואָפן פאַרלאָדן אין שיף, אין אַן איטאַליענישן פּאָרט. ווײַטער האָט שוין געזאָרגט די ים־אָפּטיילונג פון דער הגנה, אַז דאָס געווער זאָל נישט אָנקומען קיין סיריע. אָבער דאָס איז אַ צווייטע פּרשה וועגן וועלכער עס איז נאָך לעת־עתּה געזונטער צו שווײַגן.

ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג וואָס די אונאָ האָט געדאַרפט דיסקוטירן דעם ענין פון פּראָקלאַמירן אַ ייִדישע מדינה האָט בן־גוריון פאָרויסגעזען אַז אויב דער באַשלוס וועט זײַן אַ פּאָזיטיווער און די ענגלענ־דער וועלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וועלן די אַראַבישע שכנותדיקע מדינות זיך אַרײַנרײַסן קיין ארץ־ישראל, כּדי אונדז צו דערשטיקן. דערפאַר איז געווען קלאָר אַז מיר וועלן זיך נייטיקן אין שווערע וואָפן, ווי קאַנאָנען, טאַנקען, גרויסע מאַשינביקסן, כּדי צו קעמפן קעגן אַן אײַנגעאָרדנטער אַרמיי. וועגן עראָפּלאַנען האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געחלומט.

ד״ר דורון האָט באַקומען פון ישראל אַן אַליאַרעם־רוף ער זאָל אײַנקויפן שווערע וואָפן. מען האָט דאָס געקענט אויספירן, בתּנאַי מיר זאָלן געפינען אַ מדינה וואָס זאָל מסכּים זײַן צו קויפן פאַר אונדז דאָס געווער. די טשעכן האָבן געטענהט אַז לויט דעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ טאָר מען פאַר קיין פּריוואַטע מענטשן נישט פאַרקויפן שווערע וואָפן, און מיר זענען נאָך לעת־עתּה געווען פּריוואַטע מענטשן, אָן אַ רעגירונג און אָן אַ מדינה.

די גאולה איז געקומען פון אֶהוד אַבריאל. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, בעת ער האָט געאַרבעט ווי אַ שליח פון „מוסד״ אין דער טערקײַ, האָט ער אָנגעקניפּט גוטע באַציִונגען מיט כּל־מיני דיפּלאָמאַטן, בעיקר פון די ניי־טראַלע מדינות. איצט האָט אֶהוד אָפּגעזוכט אין דער שווייץ אַ דיפּלאָמאַט פון אַן אַפריקאַנישער מדינה וואָס האָט אים געגעבן אַ פולמאַכט ער זאָל אין נאָמען פון זײַן מדינה אײַנקויפן וואָפן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. דעם נאָמען פון דער אַפריקאַנישער מדינה דאַרף מען אויך נישט דערמאָנען לעת־עתּה. וואָס איך וויל יאָ באַטאָנען איז דער פאַקט אַז די טשעכאָסלאָוואַקישע רעגירונג האָט געווּסט געוווּסט פאַר וועמען דאָס געווער איז באַשטימט, אָבער זיי האָבן זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, ווײַל זיי האָבן זיך זייער גענייטיקט אין אונדזערע דאָלאַרן.

אויף אַזאַ אופן איז אֶהוד געוואָרן דער פאַראַנטוואָרטלעכער איבער די ענינים פון אײַנקויפן געווער אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, הגם ער האָט נאָך

דעמאָלט נישט געהאַט זײַן רעזידענץ אין פּראָג. ער איז נאָך געווען פֿאַר־בונדן מיט אומלעגאַלער עליה אין אייראָפּע. ערשט נאָך דער קאָמוניסטישער איבערקערעניש, ווען זיי האָבן איבערגענומען אין גאַנצן די מאַכט, הגם פֿאַר דער וועלט האָט עס נאָך אַלץ געהייסן אַ קאָאַליציע־רעגירונג, ערשט דעמאָלט האָט מען אֶהודן אָפֿיציעל נאָמינירט דורכן „מוסד" ווי דער פֿאַר־אַנטוואָרטלעכער פֿאַר געווער־אײַנקויף אין אייראָפּע, מיט דער רעזידענץ אין פּראָג.

בלי־ספֿק איז די נאָמינירונג פֿון אֶהודן געווען אַ פּאָליטישער אַקט, אָבער מען מוז צוגעבן אַז דער אויסקלײַב איז געווען אַ גערעכטער. אֶהוד איז קודם־כּל געווען אַ קיבוצניק אין פּולן זינען פֿון דעם וואָרט. ער האָט תּמיד געשאַפֿן אַרום זיך אַ חברישע אַטמאָספֿער און האָט קיינעם נישט געלאָזט פֿילן אַז ער איז דער בעל־הבית. ער האָט אויך נישט געדאַרפֿט שפּילן דעם דיקטאַטאָר, ווײַל מיט זײַן גוטן שמייכל האָט ער אַלץ דערגרייכט. די מענטשן וואָס האָבן מיט אים געאַרבעט זענען געווען גרייט צו טאָן אַלץ וואָס מען האָט פֿון זיי געפֿאָדערט, און געטאָן האָבן זיי עס מיט באַגײַסטערונג און ליבשאַפֿט.

אֶהוד איז דורכויס געווען אַ פּאַרטיימאַן, אָבער אין דער אַרבעט האָט ער נישט געמאַכט קיין פּאַרטייִשע חשבונות. ער האָט גיכער אַקצעפּטירט אַן איבער־געגעבענעם מיטאַרבעטער וואָס האָט נישט געהערט צו דער פּאַרטיי, ווי אַ פּאַרטייִשן פֿלאַפּלער און גרויסטוער. אַזוי האָט ער זיך אויך געפֿירט שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן דער אַמבאַסאַדאָר פֿון מדינת־ישׂראל אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. ער האָט פֿון קיינעם נישט געפֿאָדערט אַ זאַך וואָס ער האָט אַליין נישט געקענט אויספֿירן, אָבער וועגן יענער צײַט וועל איך דערציילן שפּעטער.

אײַנקויפֿן געווער אין אַ קאָמוניסטישער מדינה

אין ארץ־ישׂראל האָט מען זיך געשראָקן אַז די איבערקערעניש אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, ווען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אַליין איבערגענומען די מאַכט, וועט מאַכן אַ סוף צו די געווער־טראַנסאַקציעס, אָדער לכל־הפּחות זיי פֿאַרקלענערן. אין אַ קורצער צײַט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מען דאַרף זיך נישט שרעקן. די מענטשן וואָס האָבן פֿאַר דער איבערקערעניש באַשטימט די ענינים פֿון געווער־פֿאַרקויף זענען לעת־עתּה געבליבן אויף זייערע ערטער. אין ביוראָ פֿון טשעכישן פּרעמיער האָט זיך כּמעט גאָרנישט געביטן און דאָס אייגענע אויך אין מיניסטעריום פֿאַר נאַציאָנאַלער זיכערקייט, וואָס

איז בעצם געווען די העכסטע אינסטאַנץ וואָס האָט באַשטימט אין וועלכע וואָפן עס נייטיקט זיך די טשעכישע אַרמיי און וועלכע עס זענען איבעריק און מען קען זיי פאַרקויפן. דער ממלא־מקום פון פאַרטיידיקונגס־מיניסטער, דער לעבעדיקער גײַסט פון גאַנצן מיניסטעריום, איז געווען אַן אַלטער שול־פרײַנד פון ד״ר דורון. גענעראַל רייצין, אַ באַקאַנטער קאָמוניסט פון יידישער אָפּשטאַמונג, איז געווען אויף זייער אַ וויכטיקן פּאָסטן נאָך איידער דער איבערקערעניש פון 1948, און נאָך דעם האָט זיך זײַן פּאָזיציע ערשט פאַרשטאַרקט.

גענעראַל רייצין איז געווען אַ פאַרברענטער קאָמוניסט, אין גאַנצן אָפּגעפרעמדט פון יידן און יידישקייט. מען קען אָבער פאָרט נישט אָפּשאַצן אַ יידישע נשמה. ווײַזט אויס אַז ערגעץ טיף אין האַרצן האָט זיך בײַ אים אָנגעצונדן אַ פונק פון סימפּאַטיע, און אפשר גאָר פון ליבשאַפט, פאַר זײַן גערודפט פאָלק און פאַר זײַן קאַמף פאַר זעלבשטענדיקייט. נאָר אַזוי דערקלערט זיך אַז ער איז געוואָרן אונדזער מליץ־יושר און האָט זיך באַמיט מען זאָל אונדז צושטעלן דאָס נייטיקע געווער. ווען מיר זענען געקומען און האָבן אים דערציילט ווי דרינגלעך מיר נייטיקן זיך אין אַ באַשטימטן סאָרט געווער, האָט ער געגעבן אַ באַפעל מען זאָל אונדז דאָס דאָזיקע געווער אויסבאָרגן פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער אַרמיי, ביז מיר וועלן עס באַקומען לויט דער באַשטעלונג פון די געווער־פאַבריקן.

אין יענער צײַט האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד געזען אין אונדז פּיאָנירן אין קאַמף קעגן ענגלישן אימפּעריאַליזם אין נאָענטן מיזרח. דערפאַר און טאַקע נאָר דערפאַר האָט אונדז דער ראַטן־פאַרבאַנד געשטיצט. אַ דאַנק דעם האָבן די קאָמוניסטן אין דער טשעכישער רעגירונג און אונדזער פרײַנד, גענעראַל רייצין, אונדז געקענט פאַרקויפן דאָס נייטיקע געווער. זיי האָבן אַלע פײַנט געהאַט די ענגלענדער וואָס האָבן זיי פאַרקויפט היטלערן.

דער פאַקט וואָס די דעמאָקראַטישע לענדער האָבן דערקלערט אַן עמבאַרגאָ קעגן דעם קאָמוניסטישן רעזשים אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און מיר זענען געווען די איינציקע וואָס האָבן געצאָלט דאָלאַרן אין וועלכע די טשעכן האָבן זיך גענייטיקט כדי אויפצושטעלן זייער אינדוסטריע, האָט אויך בײַגעטראָגן מען זאָל אונדז פאַרקויפן די וואָפן. מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן אַז די טשעכאָסלאָוואַקישע אַרמיי האָט זיך אָנגעהויבן צו בויען לויט דער סאָוועטישער סיסטעם און זי האָט דערפאַר נישט מער געקענט ניצן די וואָפן וואָס זענען איבערגעבליבן פון דער דײַטשער צײַט. צוליב אָט די אַלע סיבות איז דער ענין פון געווער־פאַרקויף געבליבן דער איינציקער שטח וואָס

האָט זיך לחלוטין נישט געביטן נאָך דער קאָמוניסטישער איבערקערעניש.

כּדי צו באַקומען אַ בילד פון דער באַציִונג וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט געהאַט לגבי אונדזערע געווער־טראַנסאַקציעס אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ וויל איך דערציילן אַן עפּיזאָד וואָס איך גאַראַנטיר פאַר זײַן אויטענטישקייט.

אַמעריקע האָט געהאַט פּראָקלאַמירט דעם מאַרשאַל־פּלאַן, כּדי צו העלפן די אייראָפּעיִשע לענדער וואָס האָבן געליטן פון דעם דײַטשישן פאַשיזם זיך ווידער אויפבויען. דער טשעכישער אויסערן־מיניסטער יאַן מאַסאַריק האָט דערין געזען אַ מעגלעכקייט זיך לכל־הפּחות ווירטשאַפטלעך צו פאַרבינדן מיט דעם מערבדיקן בלאָק און זיך באַפרײַען פון דער טאָטאַלער סאָוועטישער הערשאַפט. ווען מאַסאַריק האָט געבראַכט זײַן פאָרשלאָג פאַר דער קאָמוניסטישער רעגירונג האָט מען אים איינשטימיק אָנגענומען, ווײַל אויך די קאָמוניסטן האָבן געזען דערין די איינציקע מעגלעכקייט ווידער אויפצושטעלן די צעשטערטע טשעכישע אינדוסטריע. ווען סטאַלין האָט זיך דערוווּסט אַז די טשעכישע רעגירונג האָט איינשטימיק אָנגענומען אַ באַשלוס זיך אָנצושליסן אין מאַרשאַל־פּלאַן האָט ער מיט כּעס געלאָזט וויסן אַז ער איז קעגן. ער האָט געגעבן אַ באַפעל אַז דער טשעכישער פּרעמיער, דער באַקאַנטער קאָמוניסט גאָטוואַלד, זאָל תּיכּף קומען קיין מאָסקווע, ער זאָל אים לערנען ווי אַן אמתער קאָמוניסט דאַרף זיך אויפפירן. גאָטוואַלד האָט זיך דערשראָקן פאַרן כּעס פונעם „גרויסן ברודער" אין מאָסקווע און האָט באַשלאָסן מיטצונעמען מיט זיך דעם אויסערן־מיניסטער יאַן מאַסאַריק. ער האָט געגלייבט אַז מאַסאַריק וועט קענען איבערצײַגן סטאַלינען אַז דער מאַרשאַל־פּלאַן איז זייער וויכטיק פאַר דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, וואָס וויל וואָס גיכער אויפשטעלן איר אינדוסטריע.

גאָטוואַלד און מאַסאַריק האָבן געהאַט אַ טעות. סטאַלין האָט זיי אַפילו נישט געלאָזט אַרויסרעדן אַ וואָרט. ער האָט זיי אויפגענומען ווי אַ פעאָדאַלער פּריץ נעמט אויף זײַנע אונטערטאַנען, האָט זיי גוט אויסגעזידלט און זיי געהייסן תּיכּף אַנולירן די החלטה זיך אָנצושליסן אין מאַרשאַל־פּלאַן. איך האַלט אַז נאָך דער באַגעגעניש מיט סטאַלינען האָט יאַן מאַסאַריק געזען וואָס פאַר אַ פעלער ער איז באַגאַנגען ווען ער האָט מסכּים געווען צו זײַן אויסערן־מיניסטער אין אַ קאָמוניסטישער רעגירונג.

דער עקאָנאָמישער מצב פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ האָט זיך מיט יעדן טאָג פאַרשווערט. מען האָט נישט געקענט אָנהייבן אַרבעטן, ווײַל עס האָבן אויסגעפעלט מאַשינען און רוימאַטעריאַל. די רעגירונגס־קאַסע איז געווען ליידיק. דער קאָמוניסטישער פינאַנץ־מיניסטער דאָלינסקי האָט נישט געהאַט

מיט וואָס צו באַצאָלן די אַרבעטער אין די פאַבריקן וואָס האָבן יאָ פונקציאָנירט.

פרעמיער גאָטוואַלד האָט צוזאַמענגערופן אַ באַגעגעניש פון די רעגירונגס־מיטגלידער מיט דעם סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר אין פּראַג, זאָרין, כּדי אים קלאָר צו מאַכן די אמתע עקאָנאָמישע לאַגע פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק. ער האָט אויך געוואָלט בעטן הילף ביים חבר סטאַלין. אין זיין אויפרעגונג האָט גאָטוואַלד געטענהט אַז די טשעכאָסלאָוואַקיי האָט זיך געקענט איינשפּאָרן אַלע צרות, ווען סטאַלין וואָלט זי נישט געוואָלט געשטערט אָנצונעמען די הילף פון מאַרשאַל־פּלאַן.

איך וויל דאָ איבערגעבן וואָרט פאַר וואָרט דעם ענטפער פון אַמבאַסאַדאָר זאָרין, ווי איך האָב אים געהערט פון אַ זיכערן קוואַל. ער האָט רויק, אָן אויפרעגונג געזאָגט: „איר זייט איך טועה ווען איר גלייבט אַז דער חבר סטאַלין האָט אייך געבראַכט אַ שאָדן מיט דעם וואָס ער האָט אייך נישט דערלויבט זיך אָנצושליסן אין אַמעריקאַנישן מאַרשאַל־פּלאַן, ווייל איר פאַרגעסט אַז ער האָט אייך דערלויבט אָן אַנדער מאַרשאַל־פּלאַן כּדי צו באַקומען דאָלאַרן פון דער ישׂראלדיקער רעגירונג, אָן זיך פּאָליטיש צו פאַרבינדן. ער האָט אייך דערלויבט צו באַקומען דאָלאַרן פאַר וואָפן וואָס קאָסטן אייך גאָרנישט, ווייל די דייטשן האָבן זיי שוין לאַנג געהאַט באַצאָלט. איך האַלט אַז דאָס איז אַ גענוג אָרנטלעכע פאַרגיטיקונג פון ראַטן־פאַרבאַנד".

איך גיב איבער די ווערטער אַזוי ווי מען האָט זיי מיר דערציילט כּדי צו באַווייזן אַז סטאַלין האָט געוווּסט וועגן די געווער־טראַנספּאָרטן קיין ארץ־ישׂראל און ער האָט זיי נישט געשטערט. ביז דעמאָלט האָב איך געמיינט אַז די איינציקע סיבה איז געווען וואָס מיר האָבן געקעמפט קעגן דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. נאָך דעם ענטפער פון זאָרין בין איך געווען איבערצייגט אַז עס איז געווען נאָך אַ סיבה, דהיינו, ער האָט שוין דעמאָלט געוווּסט אַז ער וועט קענען אויסניצן די געווער־ליפערונגען פאַר ישׂראל קעגן דער טשעכאָסלאָוואַקיי, אויב עס וועט קומען צו אַ קריזיס. און דאָס האָט טאַקע סטאַלין געטאָן בעת דעם סלאַנסקי־פּראָצעס — אָבער וועגן דעם ווייטער.

אונדזער אַמבאַסאַדע

סוף־כּל סוף איז פּראָקלאַמירט געוואָרן מדינת־ישׂראל און ס׳איז געעפנט געוואָרן די אַמבאַסאַדע אין פּראַג — די ערשטע פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ פון מדינת־ישׂראל. אֵהוד אַבריאל איז נאָמינירט געוואָרן אַמבאַסאַדאָר און מיר אַלע וואָס האָבן מיט אים געאַרבעט זענען געווען שטאָלץ מיט דעם גוטן

אויסקלײַב. מיר האָבן זיך אויך געפרייט פאַר חנהן, אָהודס פרוי, וואָס האָט אַלעמען באַגײַסטערט מיט אירע מענטשלעך־חברישע אייגנשאַפטן. שפּעטער, ווען עס איז געקומען קיין פּראָג אָהודס מאַמע, און מיר האָבן זיך באַקענט מיט אַט דער איידעלער, קלוגער און קולטיווירטער פרוי — איך פלעג זי רופן „מלכּת־האָם" — האָבן מיר ערשט געזען די וואָרצלען פון וואַנען עס האָט זיך גענומען אָהודס פּערזענלעכקייט.

אָהוד איז אויפגענומען געוואָרן מיטן גרעסטן כּבוד פונעם טשעכישן פּרעזידענט ווען ער האָט פּרעזענטירט די באַפולמעכטיקונג און מיר זענען אַלע געווען שטאָלץ דערמיט. נאָך מער האָבן מיר זיך געפרייט ווען מען האָט אונדז אָפּגעגעבן אַ הויז פאַר אונדזער אַמבאַסאַדע און מיר האָבן זיך געקענט דערמיט גרייסן ווי מיט אַ חלק פון מדינת־ישׂראל.

אין ירושלים האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די פאַרשיידענע רעגירונגס־אַמטן און משה שרת איז געוואָרן אויסערן־מיניסטער. פּלוצעם האָט אָנגעהויבן צו רעגענען מיט באַפעלן ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויפפירן בײַ אַן אָפיציעל קבלת־פּנים. מיר, די קיבוצניקעס, האָבן זיך שווער צוגעוווינט צו די דאָזיקע גזרות. מיר זענען געווען געוווינט צו אַרבעטן אָן אַ ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט, אָבער איצט האָבן מיר נישט געהאַט קיין ברירה. אַ מדינה איז פאָרט אַ מדינה...

ווען דער אויסערן־מיניסטעריום אין ירושלים האָט אָנגעהויבן צו אַקטיווירן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מען רעכנט זיך מיט דער פּאָליטישער צוגעהעריקייט פון די מענטשן. דאָס האָט באַטײַט אַז אַ טייל פון די אַלטע מיטאַרבעטער וועלן נישט באַקומען קיין דיפּלאָמאַטישן מעמד. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרשווערט די אַרבעט.

דער ערשטער וואָס האָט זיך געפילט באַעוולט איז געווען ד"ר אורי דורון. ער האָט געטענהט אַז מען האָט אים געדאַרפט נאָמינירן ווי דער אַמבאַסאַדאָר אין פּראָג, און נישט נאָר דערפאַר ווײַל ער האָט אַנטפּלעקט די טשעכאָסלאָוואַקײַ ווי אַ מקור פון געווער פאַר ארץ־ישׂראל, נײַערט ווײַל ער האָט די פעיִקייטן צו זײַן אַ פּראָפעסיאָנעלער דיפּלאָמאַט. ער האָט געקענט שפּראַכן און האָט געהאַט נאָענטע באַציִונגען מיט כּמעט אַלע נײַע הערשער אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. מען האָט אים נישט נאָמינירט ווי אַן אַמבאַסאַדאָר — האָט ער געטענהט — ווײַל ער געהערט צו די כּלל־ציוניסטן און נישט צו מפא"י.

איך בין געווען איבערצײַגט אַז ד"ר דורון פאַרמאָגט טאַקע אַלע פעיִקייטן צו זײַן אַ פּראָפעסיאָנעלער דיפּלאָמאַט, נישט ווינציקער ווי אָהוד אַבריאל,

אָבער כ׳האָב דעמאָלט געגלייבט אַז מען האָט אים נישט נאָמינירט צוליב אַן אַנדערער, פּריוואַטער סיבה. ער האָט זיך געהאַט פאַרליבט אין אַ נישט־ייִדישער טענצערין פון פּראַגער טעאַטער, אַ זייער שיינע פרוי, און האָט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. ער האָט אָבער קודם געדאַרפט באַקומען דעם גט פון זײַן פרוי, מיט וועלכער ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער. אַחוץ דעם האָט ער געדאַרפט באַקומען די הסכּמה פון ישׂראלדיקן אויסערן־מיניסטעריום חתונה צו האָבן מיט אַ גויע, נישט געקוקט דערויף וואָס זי איז גרייט געווען זיך מגייר צו זײַן. דער אויסערן־מיניסטעריום האָט דאָס באַטראַכט פאַר נישט מאָראַליש.

ד״ר דורון איז געווען אײַנגעעקשנט און נאָך אַ לאַנגן קאַמף האָט ער באַקומען אי דעם גט פון זײַן פרוי און אי די הסכּמה פון אויסערן־מיניסטעריום. פון דעסטוועגן האָט זיך די פּאָליטישע קאַריערע זײַנע נישט קאָנסאָלידירט. אין אויסערן־מיניסטעריום האָט מען אים, ווײַזט אויס, נישט מוחל געווען. זײַן פּאַרטיי האָט געדאַרפט פירן אַ שווערן קאַמף כּדי אים צו זיכערן אַ פּאַסיקע שטעלע, ווי האַנדלס־אַטאַשע אין דער פּראַגער אַמבאַסאַדע. ער האָט זיך אַ גאַנץ לעבן אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אַז מען רודפט אים און מען לאָזט אים נישט אַוואַנסירן אין דער דיפּלאָמאַטישער היערַאַרכיע. איך האָב אים דאָס קיין מאָל נישט באַוויזן אויסצורעדן.

אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער ישׂראל־דיקער קאָאַליציע־רעגירונג זענען געווען פאַראינטערעסירט אַז זייערע מענטשן זאָלן אַרײַנקומען אין דיפּלאָמאַטישן דינסט. מײַן פּאַרטיי, מפּ״ם, האָט זיך באַמיט איך זאָל נאָמינירט ווערן ווי האַנדלס־אַטאַשע אין פּראָג. איך האָב אַפילו דערפון נישט געוווּסט, ווײַל מען האָט זיך מיט מיר נישט באַראָטן. מפּ״ם האָט געטענהט אַז איך געפין זיך סײַ ווי די גאַנצע צײַט אין פּראָג, בין אַקטיוו אין אײַנקויפן פון געווער און האָב בעצם אָרגאַניזירט אין פּראָג אַ האַנדלס־אָפּטיילונג נאָך איידער מדינת־ישׂראל איז אויפגעקומען, ווו די ייִדן וואָס האָבן געוואָלט עולה זײַן האָבן באַקומען די נייטיקע עקאָנאָמישע אינפאָרמאַציעס. אֵהוד אַבריאל האָט געשטיצט די פאָדערונג פון מײַן פּאַרטיי, קודם־כּל ווײַל מיר זענען געווען חברים און דערנאָך, אפשר, ווײַל ער האָט נישט געוואָלט האָבן קיין כּלל־ציוני לעבן זיך...

ווען ד״ר דורון האָט מיך געפרעגט פאַר וואָס איך האָב אויפגעשטעלט מײַן קאַנדידאַטור קעגן אים, בין איך געבליבן געפּלעפט. איך האָב קוים געקענט אַרויסשטאַמלען אַז איך בין אין דעם נישט שולדיק. און אין דער אמתן בין איך געווען איבערצײַגט אַז ד״ר דורון פּאַסט זיך בעסער צו זײַן האַנדלס־

פאַרשטייער ווי איך. אַחוץ דעם האָב איך אַפילו נישט געחלומט צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער דיפּלאָמאַט און דאָס האָט מיך דורכויס נישט אינטערעסירט. אַ ראַיה — איך האָב תּיכּף מודיע געווען אין מפ״ם אַז איך וויל נישט זײַן קיין האַנדלס־פאַרשטייער און אָהוד אַבריאַלן האָב איך געזאָגט אַז איך וויל בשום־אופן נישט פירן קיין מלחמה קעגן ד״ר דורון און וויל אויך נישט מען זאָל זיך באַניצן מיט מײַן נאָמען דערצו.

דער סוף איז געווען אַז מען האָט דעם ד״ר דורון נאָמינירט ווי אַ האַנדלס־פאַרשטייער און מיך פאַר זײַן ממלא־מקום — מסתמא אונטערן דרוק פון מפ״ם. הגם מען האָט מיך אויך איצט גאָרנישט געפרעגט. כּמעט צוויי יאָר האָב איך מיטגעאַרבעט מיט ד״ר דורון און אויפגעשטעלט אַ האַנדלס־אָפּטייל וואָס איז געוואָרן אַ דוגמא פאַר אַלעמען. מיר האָבן אויך דורכגעפירט דעם ערשטן האַנדלס־פאַרטראַג וואָס מדינת־ישראל האָט געחתמעט מיט אַ צווייטער מדינה.

ד״ר דורון און איך זענען פאַרבליבן אמתע חברים אויך נאָך דעם ווי ער איז אַרויסגעטראָטן פון דער דיפּלאָמאַטיע און טאַקע דערפאַר וויל איך נאָך זאָגן וועגן אים עטלעכע ווערטער ווי אַ הספד:

צו לעצט איז ד״ר דורון געווען עקאָנאָמישער ראָטגעבער אין דער ישראל־דיקער אַמבאַסאַדע פון רוים. דער פאַקט וואָס ער האָט געקענט אַ סך שפּראַכן, איז געווען שוין לאַנגע יאָרן אין דיפּלאָמאַטישן דינסט און האָט נאָך דערצו געהאַט אַ וווּנדער־שיינע פרוי — האָט גורם געווען צוזאַמענשטויסן מיטן אַמבאַסאַדאָר אליהו ששון. דער אַמבאַסאַדור ששון האָט זיך געפילט געטראָפן וואָס אין פאַרשיידענע קרײַזן האָט מען גיכער פאַרבעטן די משפּחה דורון צו אַ קאָקטייל ווי די משפּחה ששון, און אַזוי ווי ער איז געווען נאָענט צו גאָלדע מאיר, דער דעמאָלטיקער אויסערן־מיניסטער, איז אים געראָטן אַ סוף צו מאַכן צו דורונס דיפּלאָמאַטישער קאַריערע. מען האָט אים גערופן קיין ירושלים אין אויסערן־מיניסטעריום און מען האָט אים געזאָגט אויף אַ ברור־טאָלן אופן אַז די פרוי זײַנע פירט זיך אויף צו פרײַ און דאָס פּאַסט זיך נישט פאַר דער פרוי פון אַ ישראלדיקן דיפּלאָמאַט. ער האָט אַ ברירה: אָדער מוותּר זײַן אויף דער פרוי, אָדער מוותּר זײַן אויף דעם דיפּלאָמאַטישן דינסט.

פאַרשטייט זיך אַז ער האָט מוותּר געווען אויף דער דיפּלאָמאַטיע. ער איז געווען זיכער אַז מיט זײַן פאַרגאַנגענהייט און פעיִקייטן וועט ער קענען געפינען אַ פּאַסיקע אַרבעט אין ישראל און לעבן ווי אַ פרײַער בירגער. די ווײַסע האָר אויף זײַן קאָפּ האָט ער נישט גענומען אין אַכט. אַנדערע האָבן זיך אָבער געדעכנט דערמיט. חדשים־לאַנג האָט ער זיך אַרומגעיאָגט און

נישט געקענט באַקומען אַ פּאַסיקע אַרבעט. מען האָט אים אומעטום שיין אויפגענומען און צוגעזאָגט זיך מיט אים צו פאַרבינדן, אָבער אַלע האָבן פאַרגעסן זײַן טעלעפאָן־נומער. ווען ער האָט געזען אַז אָט־אָט בלײַבט ער אָן אַ גראָשן פון דער פאַרגיטיקונג וואָס ער האָט באַקומען אין אויסערן־מיניסטעריום, איז ער אַוועק קיין איטאַליע זוכן זײַן מזל. ער איז געווען איבערצײַגט אַז מיט זײַנע פאַרבינדונגען וועט ער קענען באַקומען גוטע פאַרטרעטונגען פאַר ישראל און דערבײַ ערלעך פאַרדינען זײַן ברויט. ער האָט געחלומט וועגן אַ צוזאַמענאַרבעט פון דער איטאַליענישער און ישראל־דיקער אינדוסטריע, וואָס וואָלט אַוודאי געווען אַ ברכה פאַר ישראל. בעת זײַנע וויזיטן אין לאַנד האָט ער מיר אַ סך דערציילט דערוועגן און איך בין זיכער אַז ער וואָלט מצליח געווען, ווײַל די ערשטע סימנים האָבן זיך שוין געהאַט באַוויזן.

אין מיטן פון די אַלע חלומות און האָפענונגען איז ער פּלוצעם אַוועק־געפאַלן. דאָס האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן.

זײַן טויט איז פאַר מיר געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ. איך בין אויך געווען אויפגעטרייסלט ווען כ'האָב זיך דערוווּסט אַז ער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין שום פאַרמעגן און אַז זײַן פרוי האָט נישט אַפילו דאָס נייטיקע געלט דעם טויטן קערפּער איבערצופירן קיין ישראל, ער זאָל ליגן אין דער ערד וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט. ערשט מיט דער אינטערווענץ פון פאַרשיי־דענע פערזענלעכקייטן האָט מען געפועלט אַז מען זאָל אים ברענגען צו קבורה דאָ, אין ירושלים. מיר, זײַנע אַלטע גוטע פרײַנד, האָבן אים באַוויינט און געבעטן אין האַרצן ער זאָל כאָטש געפינען זײַן רו אין דער ערד פון ירושלים.

יג

דער קאַמף פאַר געווער

ביים אָנהייב האָבן מיר געקויפט אַלץ וואָס ס'איז אונדז געפאַלן אין האַנט אַריין: אַ רעוואָלווער, אַ ביקס, אַ בינאָקל — אַלץ. נאָך אַ קורצער צייט האָבן מיר זיך אָבער אָרגאַניזירט און מיר האָבן געוווּסט גענוי וואָס מיר דאַרפן. אונדזער אַרבעט האָט אויפגעהערט צו זיין אַן אַמאַטאָרישע. די פאַר־בינדונגען מיט דער טשעכישער רעגירונג האָבן זיך פאַרטיפט און די טויערן פון די געווער־לאַגערן זענען פאַר אונדז געשטאַנען אָפן.

ווען די אונאָ האָט באַשלאָסן, אונטערן דרוק פון דער ענגלישער רעגירונג, אַרויפצולייגן אַ בלאָקאַדע אויף מדינת־ישראל, און האָט כלומרשט פאַרבאָטן צו פאַרקויפן געווער פאַר ביידע צדדים וואָס קעמפן אין ארץ־ישראל, איז שווער געוואָרן ממשיך צו זיין אונדזער אַרבעט אין אַ האָטעל, ווו עס קומען אַריין פאַרשיידענע מענטשן. מיט דער הילף פון דער טשעכישער רעגירונג האָבן מיר געדונגען אַן אַלט הויז אין פראָג, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ פּאַלאַץ פון אַן עסטרייך־אונגאַרישן אַדעליקן, און עס פאַרוואַנדלט אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע.

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן אין אונדזער הויז האָבן מיר זיך געפילט פריי, פונקט ווי די פאַרטרעטער פון אַנדערע מדינות. די טשעכן האָבן אונדז אין גאַרנישט געשטערט. מיר האָבן אַפילו איינגעשטעלט אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט מדינת־ישראל, כדי די ענגלענדער זאָלן נישט קענען אויפכאַפּן אונדזערע שמועסן. באַלד זענען אויך געקומען מיטגלידער פון דער קאָמוניקאַציע־אָפּטיילונג פון „מוסד" און מיר האָבן זיך דערפילט נאָענט צו מדינת־ישראל.

אין דער זעלביקער צייט איז אויך אָנגעקומען יהודה בריגער, וואָס איז פריִער געווען אַן אָפיציר אין פלמ"ח. ער האָט זיך שפּעטער העברעיִזירט דעם נאָמען אויף יהודה בן־חורין. ער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו פאַרגיי־כערן די טראַנספּאָרטן פון געווער און אויך באַשליסן וואָס מען דאַרף פריִער

שיקן און וואָס שפּעטער. יהודה איז געבוירן געוואָרן אין דײַטשלאַנד און האָט געהאַט אַ גרויסע מיליטערישע דערפאַרונג. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אַ פּריַװוויליקער אין דער דײַטשער אייגהייט וואָס די ענגלענדער האָבן אויפגעשטעלט, אַראָפּצולאָזן מיט פּאַראַשוטן הינטער די דײַטשישע פראָנטליניעס. דערנאָך איז ער געווען אַן אָפיציר אין פלמ״ח און האָט געקעמפט קעגן די אַראַבישע טעראָריסטן.

אין יהודה בן־חורין האָב איך זיך ממש פאַרליבט פון דער ערשטער רגע ווען כ׳האָב אים דערזען. ער איז געווען דורך און דורך אַ סאָלדאַט, אָבער דערבײַ האָט ער געהאַט אַ זייער איידעלע נשמה. ער האָט בײַ אַלעמען אַרויס־גערופן דרך־ארץ און ליבשאַפט. ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט, איז עס געווען אַזוי פעסט, אַזוי זיכער, אַז מען האָט מער קיין שאלות נישט געפרעגט. ער איז געווען אַ חבר אין קיבוץ הזורע און אַ פאַרברענטער מפּמ״ניק. אַז ער האָט אָבער גענומען אויף זיך דאָס שליחות פון „מוסד״ האָט ער פאַרגעסן זײַן פּאָליטישע צוגעהעריקייט און זײַן איינציקע דאגה איז געווען ווי אַזוי צו זיכערן וואָס מער און וואָס גיכער די געווער־טראַנס־פּאָרטן קיין ישׂראל.

יהודה איז געווען זייער אַ פּינקטלעכער מענטש — האָבן מיר אים דערפאַר גערופן ,יעקע׳. ווען ער איז געקומען, האָט ער קודם־כּל גרונטיק שטודירט דעם מצב און אַלע פּראָבלעמען. ער האָט זיך נישט געשעמט צו ווענדן צו די אַלטע חברים און בײַ זיי בעטן אַן עצה ווי אַזוי צוצואײַלן די טראַנספּאָרטן. ער האָט זיך צוגעהערט צו דעם וואָס אַנדערע האָבן אים געזאָגט און געווען גרייט צו בעטן הילף.

ער האָט זיך אויך געוואָנדן צו מיר. איך האָב אים דערקלערט אַלץ וואָס איך האָב געוווּסט און אים צוגעזאָגט מײַן הילף. מײַן עצה איז געווען ער זאָל אָפּט וויזיטירן די פאַבריקן, די געווער־סקלאַדן און אויך די ערטער פון וואַנען דאָס געווער ווערט אַרויסגעשיקט קיין ישׂראל. איך האָב פאַר־שטאַנען אַז זײַן בײַזײַן וועט האָבן אַ גרעסערע השפעה ווי צענדליקער טעלעפאָנען. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער מיך געבעטן איך זאָל ווערן זײַן סעקרעטאַר. ער האָט מיר דערקלערט אַז היות ער האָט אָנגענומען מײַן עצה, וועט ער מוזן זײַן די גאַנצע צײַט אויף וועגן. דעריבער וויל ער האָבן אין פּראָג אַ מענטש וואָס ער האָט צו אים צוטרוי און קען זיך אויף אים פאַרלאָזן. מיר האָט הנאה געטאָן וואָס יהודה האָט מיך אויסגעקליבן פאַר זײַן נאָענטסטן מיטאַרבעטער, אָבער איך האָב אים געזאָגט אַז קודם דאַרף ער דערצו באַקומען די הסכמה פון אֶהוד אַבריאל. איך האָב פון אים אויך

געפאָדערט ער זאָל מיר צוזאָגן, אַז ער וועט מיך נישט אויסניצן פאַר קיין פּאַרטיי־אַרבעט.

אין משך פון דער צייט וואָס מיר האָבן אין איינעם געאַרבעט האָב איך זיך באַמיט מיר זאָלן, חלילה, נישט אַריינמישן אין דער דאָזיקער אַרבעט קיין פּאָליטישע ענינים. איך האָב, פאַרשטייט זיך, געוווּסט אַז יהודה איז פון מיין פּאַרטיי. איך האָב אויך געוווּסט אַז די פּאַרטיי איז פאַר אים נישט קיין קלענערע אויטאָריטעט ווי דער „מוסד", אָבער אין דער אַרבעט איז נישט געווען קיין זכר דערפון.

איין איינציק מאָל האָט זיך יהודה צו מיר געוואָנדן אין אַן ענין וואָס האָט געהאַט אַ פּאַרטיי־פּאָליטישן הינטערגרונט און איך בין מסכים געווען אים צו העלפן. עס איז געגאַנגען אין אָט וואָס: ווי אַ קיבוצניק האָב איך געהאַט אַ סך חברישע פאַרבינדונגען צווישן די אָנהענגערס פון פּלמ"ח. בעצם האָב איך זיך געהאַלטן פאַר אַ פּלמ"חניק. פאַרשטייט זיך אַז אין דעם וויכוח צי מען דאַרף ליקווידירן דעם פּלמ"ח בין איך געשטאַנען אויף דער זייט פון ישראל גלילי קעגן בן־גוריון. נאָך דעם ווי בן־גוריון האָט מנצח געווען און דער פּלמ"ח איז אויפגעלייזט געוואָרן ווי אַ באַזונדערע איינהייט אין דער ישראלדיקער אַרמיי, האָט ישראל גלילי זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע זיינע התחייבותן וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו זיכערקייטס־ענינים. דאָס איז פאַר אים געווען אַ שווערער קלאַפּ. דערפאַר האָט עמעצער פון זיינע פריינד זיך באַמיט מען זאָל אים שיקן אויף אַ צייט קיין חוץ־לאָרץ, ער זאָל צו זיך קומען.

היינט איז פאַר מיר קלאָר אַז עס האָבן זיך פאַר אים געמיט די חברים פון מפּ"ם און אפשר טאַקע יהודה בן־חורין אַליין. יהודה האָט נישט געהאַט קיין גרויסע השגות אין געלט־ענינים און האָט געלעבט, ווי אַ קיבוצניק, פון אַ זייער מאָגערן בודזשעט. ער האָט אָבער געוווּסט אַז איך, ווי אַ געבוירענער אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי, האָב פאַרבינדונגען מיט די אָרטיקע יידן און אַז מען דאַרף געלט, קען איך עס באַשאַפן. האָט ער מיך געבעטן איך זאָל צונויפזאַמלען אַ סומע וואָס זאָל מעגלעך מאַכן פאַר ישראל גלילי און זיין פרוי צו פאַרברענגען אַן אורלויב אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי.

ווען איך האָב געזען אַז יהודה איז אַזוי פאַראינטערעסירט צו העלפן גלילין און אַהוד אַבריאל איז אויך נישט געווען קעגן — האָב איך זיך באַטייליקט מיט מיין אייגן געלט וואָס איך האָב געהאַט אין באַנק, פון דעם עלטערן־הויז וואָס איך האָב פאַרקויפט, כדי גלילי זאָל קענען פאַרברענגען אין פּראָג, אין האָטעל „פּאַלאַס".

יהודה האָט דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן און האָט אַ סך מאָל דערציילט

וועגן דעם. דערקעגן גלילי — האָט דאָס זייער גיך פאַרגעסן. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען מײַן ענין אין שײַכות מיטן סלאַנסקי־פּראָצעס איז דיסקר־טירט געוואָרן אין דער כּנסת, האָט ער קיין איין גוט וואָרט נישט געזאָגט, כּאילו ער וואָלט מיך גאָרנישט געקענט. דאָס איז דער חילוק צווישן אַ פּשוטן פרײַנד און אַ פּאָליטיקער...

יהודה איז געווען אַ גרויסער קפּדן. אויב עמעצער האָט נישט געטאָן זײַן אַרבעט ווי געהעריק האָט ער געשריִען ווי אַן אכזר. מיר פלעגן זיך צו מאָל וויצלען און זאָגן אַז ער פירט זיך אויף ווי אַ פּרײַסישער אָפיציר. אָבער דער זעלביקער יהודה האָט געקענט זײַן מילד ווי אַן עלטערער ברודער, ווען ער האָט געזען אַז מענטשן טוען זייער אַרבעט. בכלל האָט ער געמישפּט מענטשן לויט זייערע מעשׂים און נישט לויט זייערע רייד.

יהודה איז געווען אַן אמתער פּלמ״חניק, אָבער „טשיזבאָטים" האָט ער פײַנט געהאַט. ווען אַ באַשטימטע אַקציע האָט זיך אָבער פאַרענדיקט מיט הצלחה, האָט ער נישט געשפּאָרט זײַן גוט, חבריש געלעכטער.

איך האָב אַ לאַנגע צײַט געאַרבעט מיט יהודה און אין דער דאָזיקער צײַט האָבן מיר געליטן נישט ווייניק דורכפאַלן, וואָס זענען מסוגל געווען אויפ־צוטרייסלען די נערוון. אָבער ס'איז קיין מאָל נישט געקומען צו קיין צוזאַ־מענשטויס צווישן אונדז. נישט איין מאָל איז ער געקומען אין מיטן נאַכט אין מײַן ביוראָ און מיר געהייסן אַהיים גיין שלאָפן, — ער וועט בלײַבן אויף מײַן אָרט.

יהודהן איז געראָטן צו מאָביליזירן אַ גרופּע שוועדישע פּילאָטן, וואָס זענען מסכּים געווען, פאַר געלט, איבערצופירן געווער קיין ישׂראל. איך בין געוואָרן זייער פאַרבינדונגס־מאַן און זייער פאַרזאָרגער. אָט די פּילאָטן, וואָס האָבן אַריבערגעפירט שווערע עראָפּלאַנען מיט געווער, זענען אין פּריוואַטן לעבן געווען גרויסע בטלנים. איך האָב געדאַרפט זאָרגן פאַר זיי ווי פאַר קליינע קינדער. איך האָב אַפילו געדאַרפט איבערשיקן דאָס געלט פאַר זייערע משפּחות אין שוועדן, ווײַל זיי האָבן זיך געמישט ווען זיי האָבן געדאַרפט אַרײַנגיין אין אַ באַנק. פּלוצעם בין איך געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר גאַנצע משפּחות וואָס איך האָב אַפילו נישט געקענט.

אָט וואָס מיר איז איין מאָל פּאַסירט מיט אַ שוועדישן פּילאָט: ער האָט געשריבן זײַן פרוי זי זאָל קומען אויף אַ וויזיט אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און איר אָנגעגעבן מײַן אַדרעס; איך וועל זי שוין אײַנאָרדענען. מיר האָט ער אָבער פאַרגעסן צו זאָגן דערוועגן. איין מאָל, ווען איך בין געקומען שפּעט בײַ נאַכט אין מײַן האָטעל, כ'האָב דעמאָלט געוווינט אין האָטעל „פּלאַראַ",

האָט מען מיר געזאָגט אַז עס וואַרט אויף מיר שוין עטלעכע שעה אַ שוועדישע פרוי. מען האָט איר נישט געגעבן קיין צימער, ווײַל מען האָט זיך נישט געקענט מיט איר צונויפרעדן. זי האָט נאָר געהאַט אַ צעטל מיט מײַן נאָמען און מײַן אַדרעס.

אין האָל האָב איך דערזען אַן אויסערגעוויינטלעך שיינע יונגע פרוי. ווען זי האָט מיר געזאָגט איר נאָמען, האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָס דאַרף זײַן די פרוי פון איינעם פון אונדזערע פּילאָטן. מיט דער הילף פון אַ דײַטש־שוועדיש ווערטערבוך האָב איך קוים פאַרשטאַנען וואָס זי וויל. דעם אַנדערן טאָג האָב איך פאַר איר אײַנגעאָרדנט אַן אורלויב פאַר אַ חודש אין קאַרלס־באַד. ווען איך בין מיט איר געקומען אין אונדזער אַמבאַסאַדע איז געוואָרן אַ גאַנצער טומל. אַלע באַאַמטע און אַפילו דער אַמבאַסאַדאָר אַליין אֵהוד אַבריאל, זענען געקומען אַ קוק טאָן אויף דער בלאָנדער יפיפיה.

עס זענען געווען געוועוער־טראַנספּאָרטן וואָס מען האָט זיי געדאַרפט איבער־געבן אַ באַשטימטער פּערזאָן אין ישׂראל און נעמען אַ חתימה. בין איך פון צײַט צו צײַט געפלויגן מיט פול־אָנגעלאָדענע עראָפּלאַנען קיין ישׂראל, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם פּרימיטיוון פליפּלאַץ אין עקיר און זיך תּיכּף אומ־קערן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. איך פלעג זיך אַפילו נישט באַגעגענען מיט מײַן משפּחה. עס איז שווער צו באַשרײַבן די אומאָרדענונג וואָס האָט געהערשט אויף דעם פליפּלאַץ אין עקיר. נאָר אַ דאַנק דער גרויסער געניט־קייט פון די פּילאָטן איז נישט געשען קיין אומגליק. די פאַרבינדונג פון עראָפּלאַן מיטן פליפּלאַץ איז געווען זייער אַ שלעכטע, אַזוי אַז איין מאָל האָבן אונדזערע אייגענע מענטשן געשאָסן אויף אונדז איידער מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט.

אַבראַשע

פלוצעם האָבן מיר באַקומען אַ הילף אין אונדזער אַרבעט אײַנצוקויפן געווער. אין פּראָג האָט זיך באַוויזן אַ ייִד פון ישׂראל מיטן נאָמען אַברהם שעכטערמאַן און האָט פאָרגעלייגט זײַן פרײַוויליקע הילף. אַברהם האָט געשטאַמט פון אַ באַקאַנטער ציוניסטישער משפּחה, ווו ער האָט אין איינעם מיט דער מאַמעס מילך אײַנגעזאַפּט אויך אַהבת־ארץ־ישׂראל. זײַנע עלטערן זענען געווען צווישן די גרינדערס פון תּל־אָביב, די ערשטע ייִדישע שטאָט. ווען ער האָט פאַרענדיקט די „הרצליה"־גימנאַזיע איז ער אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד און האָט שטודירט אויף בוי־איזשעניר. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט קיין ארץ־ישׂראל.

פון דער פריסטער יוגנט איז ער געווען אַקטיוו אין דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג און דערנאָך אין פאַרבאַנד פון אצ״ל, דהײַנו דער פאַרבאַנד פון נאַציאָנאַלע סאָלדאַטן, וואָס איז געווען אומלעגאַל אין דער צײַט פון דער ענגלישער הערשאַפט. ווי אַ נאַציאָנאַלער ייִד האָט ער זיך אַלע יאָרן צוגע־גרייט פאַר דער צײַט ווען מיר וועלן האָבן אַן אייגענע מדינה. דערפאַר האָט ער אויך, מיט יאָרן איידער ס׳איז אויפגעקומען מדינת־ישׂראל, געלערנט פּילאָטירן און איז געוואָרן איינער פון די ערשטע דיפּלאָמירטע בירגערלעכע פּילאָטן אין ארץ־ישׂראל.

ווען אַברהם שעכטערמאַן האָט זיך דערוווּסט אַז מיר האָבן געקויפט מעסערשמיד־עראָפּלאַנען אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און מיר האָבן בדעה צו שיקן געוועער קיין ישׂראל מיט אייגענע עראָפּלאַנען, האָט ער באַשלאָסן זיך צו מעלדן פרײַוויליק. ער האָט איבערגעלאָזט די פרוי מיט דרײַ קינדער, געקומען צו פליִען קיין פּראָג, און דערקלערט אַז ער איז גרייט צו העלפן ווען מען דאַרף און ווו מען דאַרף.

מיט די מעסערשמיד־עראָפּלאַנען האָבן מיר באמת געהאַט אַ סך פּראָבלע־מען, בעיקר מיטן פאַרזיכערן רעזערווע־טיילן. דאָ זענען אונדז זייער גוט צו נוץ געקומען די פאַכמענישע קענטענישן פון אַברהם שעכטערמאַן. מיר האָבן אים באַשטימט ווי דעם פאַראַנטוואָרטלעכן איבערצונעמען די רעזערווע־טיילן און זיי איבערפירן אין אונדזערע מאַגאַזינען, פון וואַנען מיר האָבן זיי אַרויסגעשיקט קיין ישׂראל.

איך וויל באַטאָנען אַז אַברהם האָט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט דערפילט זײַן אויפגאַב און האָט אַ סך געהאָלפן אַז דער עראָפּלאַן־עסק אונדזערער זאָל געראָטן. די אַלטע חברים וואָס האָבן געאַרבעט בײַם אײַנקויפן געוועער זענען לרוב געווען אין מפא״י אָדער אין מפ״ם. דערפאַר האָבן מיר בײַם אָנהייב מורא געהאַט אַז מחמת פּאָליטישע חילוקי־דעות וועלן מיר נישט קענען אין איינעם אַרבעטן מיט אַברהם שעכטערמאַן. דער חשד איז אין גיכן פאַרשוווּנדן און נישט נאָר צוליב זײַן איבערגעגעבענער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, נײַערט בעיקר צוליב זײַנע גוטע מעלות און באַשיידנקייט אין דער באַציִונג צו מענטשן. נאָך אַ קורצער צײַט איז ער געוואָרן אַן אונדזעריקער און מיר האָבן אים גערופן אַבראַשע, ווי זײַנע אַלטע, נאָענטע פרײַנד.

אַבראַשע איז געווען פאַרטאָן אין זײַן אַרבעט, אָבער מיר, זײַנע נײַע פרײַנד, האָבן געזען ווי ער בענקט נאָך די קינדער און נאָך זײַן פרוי. מיר האָבן באַשלאָסן אים צוצוגרייטן אַ סיורפּריז: אַראָפּברענגען זײַן סאַברישע פרוי אויף אַ וויזיט.

מיר האָבן אַלץ אײַנגעאָרדנט מיט זײַן פרוי, שׂרה, און אירע עלטערן האָבן גענומען די קינדער צו זיך אין דער צײַט פון איר אורלויב. מיר האָבן געפונען פאַר איר אַ פלאַץ אין איינעם פון די עראָפלאַנען וואָס האָבן איבערגעפירט וואָפן און האָבן זיך בדרך־כּלל אומגעקערט ליידיק. אַבראַשע האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע איבערראַשונג. דערצו האָבן מיר אים נאָך געשיקט פאַרברענגען מיט זײַן שׂרה אַ האָניק־חודש, וואָס ער האָט אין ארץ־ישׂראל אַוודאי נישט אויסגעפירט. ס'איז שווער צו באַשרײַבן זייער גליק און שׂרהס צופרידנקייט, וואָס זי זעט אייראָפּע צום ערשטן מאָל אין איר לעבן. זי האָט געוואָלט זען וואָס מער, ווי גלײַך זי וואָלט פאָרויסגעפילט אַז דאָס איז פאַר איר די לעצטע געלעגנהייט אין לעבן. מיר האָבן אַלץ געטאָן כּדי איר אורלויב זאָל זײַן וואָס אײַנגענעמער און שענער. ווען דער אורלויב האָט זיך פאַרענדיקט האָבן מיר פאַר איר באַזאָרגט אַ פלאַץ אין אַן עראָפלאַן פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער ציווילער פלי־געזעלשאַפט, ווײַל מיר האָבן מורא געהאַט זי צו שיקן אין אונדזערע עראָפלאַנען, וואָס זענען געווען פול מיט געווער.

עס זענען שוין אַ סך יאָרן פון דעמאָלט, אָבער איך קען נישט פאַרגעסן דעם געזעגענונג־אָוונט וואָס מיר האָבן אײַנגעאָרדנט פאַר דער משפּחה שעכטערמאַן אין איינעם פון די רעסטאָראַנען פון פראָג. שׂרה האָט געשטראַלט פאַר גליק ווען זי האָט געזען ווי צופרידן אַבראַשע איז פון זײַן אַרבעט און פון די נײַע פרײַנד זײַנע. מיר האָבן פאַרבראַכט, געגעסן און געטרונקען און געהאַט דאָס געפיל אַז מיר זענען איין ישׂראלדיקע משפּחה. שׂרה האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן אירע קינדער און מיר האָבן ממש געזען ווי זי נעמט זיי אַרום אין אירע געדאַנקען. צו מאָרגנס האָבן מיר זיך געזעגנט און האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געטראַכט אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס מיר האָבן זי געזען. דעם זעלבן טאָג האָבן מיר באַקומען אין דער אַמבאַסאַדע אַן אָפיציעלע מעלדונג אַז דער עראָפלאַן פון דער טשעכישער פלי־געזעלשאַפט איז צעשמעטערט געוואָרן ערגעץ אין די בערג פון גריכנלאַנד און אַלע דרײַסיק ישׂראלדיקע פּאַסאַזשירן, אין איינעם מיט דער מאַנשאַפט, זענען אומגעקומען.

אין יענער צײַט איז אין די בערג פון גריכנלאַנד אָנגעגאַנגען דער בירגערקריג, די געגנט איז געווען אין די הענט פון די קאָמוניסטישע פאַרטיזאַנער, אַזוי אַז דאָס זוכן די אומגעקומענע קרבנות איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך שוועריקייטן. די טשעכישע אויטאָריטעטן האָבן אַרויסגעשיקט אַ באַפעל צו זייערע דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטערס אין אַטען, זיי זאָלן אַלץ טאָן כּדי וואָס גיכער צו זײַן אויפן פלאַץ וווּ ס'איז געשען דער אומגליק.

פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ גוואַלדיקער קלאַפּ. מיט איין מאָל האָבן מיר פאַרלוירן אַזוי פיל מענטשן, אַלע ישׂראלדיקע בירגערס און דערצו זענען מיר אָנמאַכטיק, קענען גאָרנישט העלפן. מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ מעגלעכקייט אַז אַבראַשע זאָל תּיכּף קענען פליִען קיין גריכנלאַנד און געפּאָדערט פון אונדזערע דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטערס דאָרטן זיי זאָלן אים זײַן בײַהילפיק אין אַלץ וואָס ס׳איז מעגלעך.

ערשט נאָך עטלעכע טעג איז געראָטן אונדזערע פאַרטרעטערס און אַבראַ־שען צוצוקומען אויפן אָרט ווו דער עראָפּלאַן איז אַראָפּגעפאַלן. פאַר זייערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שוידערלעך בילד. ווײַזט אויס אַז אַ באַנדע גנבים איז געווען דאָרטן איידער די אָפּיציעלע דעלעגאַציע פון גריכנלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקײַ און ישׂראל האָט זיך אַהין דערשלאָגן. זיי האָבן אַלץ צוגע־רויבט, אַפילו די קליידער פון די קרבנות. די וואָס זענען נישט אין גאַנצן פאַרברענט געוואָרן האָט מען געפונען נאַקעט.

אויף אַזאַ טראַגישן אופן האָט זיך פאַרענדיקט די אַרבעט פון אַבראַשע אין פּראַג. ער האָט זיך אומגעקערט קיין ישׂראל און דאָרטן געבראַכט צו קבר־ישׂראל זײַן פרוי. דערנאָך איז ער שוין פאַרבליבן, כּדי צו זײַן אי אַ טאַטע און אי אַ מאַמע פאַר זײַנע קינדער. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, ווען די קינדער זענען אויסגעוואַקסן, האָט אַבראַשע נאָך אַ מאָל חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון לאָרד זיוו, וואָס איז באַקאַנט מיט זײַן ציוניסטישער און כּלל־יידישער אַקטיוויטעט אויף דער גאָרער וועלט. אַבראַשע און יהודית וווינען אין תּל־אָביב און זייער הויז איז אָפן פאַר פרײַנד וואָס זוכן אַן איידעלע, קולטיווירטע געזעלשאַפט. יהודית פאַרנעמט זיך מיט געזעלשאַפלעכע ענינים און בעיקר מיט דער „וויצאָ״־אָרגאַניזאַציע, וואָס איר מוטער איז געווען איינע פון אירע גרינדערינס.

נאָך דעם ווי אַבראַשע האָט זיך באַפרײַט פון גידול־בנים און די קינדער האָבן חתונה געהאַט, האָט ער פון דאָס נײַ אָנגעהויבן צו אַקטיווירן אין זײַן פּאַרטיי, אין חרות. די פּאַרטיי האָט אים אויסגעקליבן פאַר אַ מיטגליד אין שטאָטראָט פון תּל־אָביב־יפו און שפּעטער ווי אַ מיטגליד אין דער כּנסת. אַחוץ די אָפּיציעלע פונקציעס, איז כּמעט נישט פאַראַן אַן אָרגאַניזאַציע וווּ אַבראַשע זאָל נישט זײַן אין איר אַקטיוו.

מײַן פרײַנדשאַפט מיט אַבראַשען ציט זיך שוין צענדליקער יאָרן און איז קיין מאָל נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. איך קען נישט פאַרגעסן אַז אין דער צײַט ווען אַ סך פון מײַנע אַלטע פּאַרטייפרײַנד האָבן אויסגעמיטן מײַן משפּחה בעת איך בין געזעסן אין דער תּפיסה פון דער טשעכישער געהיים־

פּאָליציי, איז אַבראַשע געווען פון די ווייניקע וואָס האָבן אין זינען געהאַט מײַן פרוי און די קינדער, זיי געהאָלפן מיט אַן עצה און מיט ממשותדיקע מעשׂים.

פרײַוויליקע פּילאָטן

די אַרבעט פון איינקויפן געווער איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. מיר האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען אומלעגאַלע אַרויסגעשמוגלטע עראָפּלאַנען פון אַמעריקע און אויך אַ כוואַליע פּילאָטן און ספּעציאַליסטן אין פלי־ענינים, וואָס האָבן זיך פרײַוויליק געמאָלדן כּדי צו העלפן מדינת־ישׂראל אין איר קאַמף פאַר זעלבשטענדיקייט. דער גרעסטער טייל פון די פרײַוויליקע זענען געווען ייִדן, אָבער עס זענען אויך געווען צווישן זיי נישט־ייִדן. זיי זענען געקומען פון אַמעריקע, קאַנאַדע, דרום־אַפריקע און אַפילו פון ענגלאַנד. אָפיציעל זענען זיי געקומען קיין פּאַריז און פון דאָרט האָבן מיר זיי אומלע־גאַל אַריבערגעפירט אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. מיר האָבן דאָס געמוזט טאָן אויף אַזאַ אופן, ווײַל די לענדער פון וואַנען די פרײַוויליקע זענען געקומען האָבן זיך אַלע באַטייליקט אין דעם עמבאַרגאָ וואָס די אונאָ האָט אַרויפגע־לייגט אויפן מיטעלן מיזרח און זענען כּלומרשט געווען נייטראַל לגבי דעם סיכסוך אין ארץ־ישׂראל.

מיט איטלעכן עראָפּלאַן וואָס מיר האָבן באַקומען האָבן זיך געשאַפן ערנסטע פּראָבלעמען: ווו אים צו האַלטן, פון וואַנען צו נעמען די מענטשן וואָס זאָלן אים צוגרייטן צום פליִען און אַזוי ווײַטער. מיט אָט די פּראָבלעמען האָבן זיך פאַרנומען אַהוד און יהודה. אָבער אויך די פרײַוויליקע גופא האָבן געבראַכט מיט זיך נישט ווייניק פּראָבלעמען. און דאָס איז שוין געווען מײַן דאגה. איטלעכער איז געווען אַ פאַל פאַר זיך און איז געקומען צוליב אַנדערע סיבות. אַלע האָבן טאַקע געוואָלט העלפן מדינת־ישׂראל, אָבער נישט אַלע זענען געווען ממש אידעאַליסטן. עס זענען אויך געווען צווישן זיי אַוואַנ־טוריסטן.

איך מוז דערציילן אַ פאַל מיט אַ ייִדישן פרײַוויליקן וואָס איז געקומען פון אַמעריקע. דער בחור איז געווען אַן אויסגעצייכנטער ספּעציאַליסט און האָט זיך נישט איין מאָל באַטייליקט אין באָמבאַרדירן דײַטשלאַנד בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. איך האָב אַרויסגעפילט אַז ער איז נישט צופרידן וואָס ער האָט זיך געמאָלדן פרײַוויליק. איך האָב אים אָנגעהויבן אויסצופרעגן איינצלהייטן וועגן זײַן פאַרגאַנגענהייט און האָב זיך דערוווּסט אָט וואָס: ווען ער איז צוריקגעקומען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געוואָרן

אַן איבערצײַגטער פּאַציפיסט. ער האָט געשטאַמט פון אַ ייִדיש־ציוניסטישער משפּחה און אַליין איז ער געווען אין דער יוגנט אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ווען ס'איז אויפגעקומען מדינת־ישׂראל איז ער געווען צווישן די ערשטע וואָס האָבן אָנגעהויבן זאַמלען געלט פאַר ישׂראל און איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן ווי דער פּרעזידענט פון מגבית אין זײַן שטאָט. ווען די אַראַבישע לענדער זענען אָנגעפאַלן אויף מדינת־ישׂראל און זיך פאַרמאָסטן זי צו פאַרטיליקן, האָט ער צונויפגערופן אַן עפנטלעכע פאַר־זאַמלונג מיטן ציל צו פאַרשטאַרקן די געלטזאַמלונג און ער איז געווען דער הויפּטרעדנער.

דאָ איז געשען אַ מערקווערדיקע זאַך: עס זענען אויפגעשטאַנען מענטשן פון צווישן די פאַרזאַמלטע און האָבן געפרעגט וואָס ער טוט דאָ, פאַר וואָס ער גייט נישט פרײַוויליק קעמפן פאַר מדינת־ישׂראל. זײַן לעבן אין שטאָט איז געוואָרן כּמעט אונדערטרעגלעך: איטלעכער האָט אים געפרעגט וואָס פאַר אַ ציוניסט ער איז, אויב ער דרשנט נאָר און איז גאָרנישט מקיים. ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט און קעגן זײַן פּאַציפיסטישן וועלטבאַנעם האָט ער זיך געמאָלדן ווי אַ פרײַוויליקער. ער האָט מיר אָבער קלאָר געזאָגט, אַז אויב ער וועט בלײַבן לעבן, וועט ער נאָך זעקס חדשים צוריקפאָרן קיין אַמעריקע און קיינער וועט אים נישט מער קענען אויפוואַרפן אַז ער האָט נישט געטאָן זײַן חלק פאַר מדינת־ישׂראל. ער האָט געהאַלטן וואָרט און איז נאָך זעקס חדשים צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

איך האָב דערמאָנט אַז יעדער נײַער עראָפּלאַן האָט געשאַפן אַ פּראָבלעם ווי אים צו האַלטן און צוצוגרייטן. נאָך אַ ריי פאַרהאַנדלונגען מיט דער טשעכישער רעגירונג און מיט דער הילף פון גענעראַל רייצין, דער וויצע־קריגס־מיניסטער, האָבן מיר באַקומען אַן אַלטן, אָפּגעלאָזטן פליפלאַץ אין זשאַטעץ, אַ שטעטל בערך הונדערט קילאָמעטער פון פּראָג. מיר האָבן באַ־שלאָסן צו פאַרוואַנדלען דעם פליפלאַץ אין זשאַטעץ אין דעם עיקרדיקן קאָנ־צענטראַציע־פּונקט אַרויסצושיקן קיין ישׂראל. אַזוי ווי דער פלאַץ האָט זיך געפונען אין אונדזערע הענט, האָבן מיר דאָרטן געקענט צוגרייטן די טראַנספּאָרטן אָן אַרבעטן פיר און צוואַנציק שעה אין טאָג, אומגעשטערט פון די כּללים פון דער טשעכישער ציווילער פלי־געזעלשאַפט.

מיר האָבן נישט בלויז איבערגעפירט אונדזערע סקלאַדן קיין זשאַטעץ, נאָר אויך פאַרוואַנדלט דאָס שטעטל אין אַ ווינאַרט פאַר די פרײַוויליקע וואָס זענען יעדן טאָג געקומען. בדרך־כּלל זענען די פרײַוויליקע געווען דיסצי־פּלינירטע מענטשן בעת זייער אַרבעט־אויפן פליפלאַץ, אָבער מחוץ זייער

אַרבעט זענען זיי געווען דורכויס נישט־דיסציפּלינירט. עס איז קודם־כּל געווען די פראַגע זיי צו קאָנצענטרירן אויף איין אָרט, כּדי פּראַקטיש איינ־צוטיילן די אַרבעט. אַחוץ דעם האָט מען זיי אויך געדאַרפט האַלטן וואָס ווײַטער פון פּראָג ווו עס זענען געווען די ענגלישע און אַמעריקאַנישע אַמבאַ־סאַדעס, וואָס האָבן אונדז נאָכשפּיאָנירט. די פּילאָטן זענען בטבע גרויסע פּלאַפּלערס און קענען נישט האַלטן קיין סוד, אַפילו ווען מען בעט זיי דאָס צו טאָן.

מיר האָבן אָפּגעדונגען אַלע דרײַ האָטעלן אין זשאַטעץ, אַזוי אַז מיט אַ מאָל איז דאָס שטעטל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעבעדיקן מקום, אַ מין אינטער־נאַציאָנאַלע קאָלאָניע, ווו מען הערט אומעטום די ענגלישע שפּראַך. די פּריַוויליקע זענען בדרך־כּלל געקומען אויף זייער אייגענעם חשבון ביז קיין פּראָג און אויך ווײַטער האָבן זיי נישט באַקומען קיין לוין. אָבער ווי לאַנג זיי זענען געווען בײַ אונדז, האָבן מיר זיי אויסגעהאַלטן. היות מיר האָבן געהאַט אַ דערלויבעניש זיי צו באַצאָלן אין טשעכיש געלט, איז נישט געווען קיין פּראָבלעם, ווײַל מיר האָבן געהאַט גענוג טשעכישע קראָנען פון די געלטזאַמלונגען וואָס מיר האָבן דורכגעפירט צווישן די אָרטיקע יידן. דאָס רוב פּריַוויליקע זענען געווען פּילאָטן, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע דער־פאַרונג פון די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער. יעדער איינער האָט געהאַט הינטער זיך טויזנטער פלי־שעהען פון דער מלחמה־צײַט, ווען זיי האָבן באָמבאַרדירט דײַטשלאַנד. נישט אַלע זענען געווען ציוניסטן, אָבער אַלע האָבן פאַרשטאַנען אַז אויב די אַראַבער וועלן פאַרטיליקן מדינת־ישראל — באַטײַט דאָס אַ סוף צום גאַנצן יידישן פאָלק. איטלעכער פון זיי האָט באַטראַכט די מלחמה אין ישראל ווי זײַן אייגענע און דערפאַר זענען זיי טאַקע געקומען אויף זייער אייגענעם חשבון.

אין יענער צײַט האָבן מיר נאָך נישט געהאַט גענוג עראָפּלאַנען און דעריבער האָבן מיר אײַנגעאָרדנט אַ ריי צו פירן דאָס געווער קיין ישראל. אָפּט האָב איך געהאַט וויכּוחים אין שײַכות מיט דער ריי, ווײַל אַלע האָבן געוואָלט פליען. זיי זענען געווען קינסטלערס אין זייער פאַך און האָבן זיך גוט געפילט נאָר ווען זיי זענען געווען איבער די וואָלקנס, נאָענט צום הימל. אויף דער ערד זענען זיי געווען ווי קליינע קינדער.

אין משך פון דער צײַט וואָס מיר האָבן געאַרבעט אין דער טשעכאָסלאָוואַ־קײַ זענען צו אונדז געקומען מער ווי הונדערט פּילאָטן און פלי־ספּעציאַ־ליסטן. מיר ווילט זיך דערציילן וועגן יעדן איינעם, אָבער דאָס קען איך נישט אויספירן. איך וועל זיך באַנוגענען צו דערציילן נאָר וועגן עטלעכע פון זיי,

וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט. די וואָס איך וועל נישט דערמאָנען בײַם נאָמען — מעגן זײַן זיכער אַז מען האָט נישט פאַרגעסן, נישט זיי און נישט זייער אַקטיוויטעט. איטלעכער ווייס, אַז ווען נישט, חלילה, זייער הילף, וואָלטן מיר נישט געווען אויסגעהאַלטן דעם נסיון. אויב מיר האָבן מנצח געווען אין אונדזער מלחמה פאַר זעלבשטענדיקייט — איז דאָס געווען אַ דאַנק זיי און אַ דאַנק אַלע וואָס זענען געווען גרייט אָוועקצוגעבן דאָס לעבן כּדי מדינת־ישׂראל זאָל באַשטיין.

דער פּילאָט ריביקאָוו איז צו אונדז געקומען צווישן די ערשטע פרײַוויליקע פון אַמעריקע. ער איז אויך געווען איינער פון די עלטסטע מלחמה־פּילאָטן און דערפאַר האָבן מיר אים פאַרטרויט דעם ערשטן „קאָנסטעליישן"־עראָפּלאַן וואָס מיר האָבן געקויפט אין אַמעריקע און געבראַכט קיין זשאַטעץ. דער „קאָנסטעליישן" איז אין יענער צײַט געווען דער גרעסטער עראָפּלאַן. פאַר אונדז איז ער געווען אַ סימבאָל פון זעלבשטענדיקייט. דעריבער האָבן מיר זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ. ריביקאָוו האָט געהאַט הנאה פון אַזאַ מאַשין. ער האָט גוט געקענט איטלעכס שרײַפל זײַנס און האָט געוווסט ווי אַזוי אויסצוניצן אַלע זײַנע מעגלעכקייטן. און דאָס האָט ער געטאָן מיט שׂכל, ווען ער איז געפלויגן קיין ישׂראל, אָנגעלאָדן מיט געווער.

עטלעכע מאָל בין איך מיט אים געפלויגן פון זשאַטעץ קיין עקיר, אין ישׂראל. מייַנסטנס איז דאָס געווען בײַ נאַכט. דער עראָפּלאַן איז געווען פול אָנגעלאָדן און איך, וואָס האָב נישט קיין באַגריף אין פּלי־ענינים, האָב זיך צוגעהערט צו דעם רעש פון די מאָטאָרן און געטראַכט צי מיר וועלן אָנקומען בשלום, צי דער עראָפּלאַן וועט אויסהאַלטן. ווען איך פלעג אָבער, אין אַזעלכע רגעס פון ספקות, אַרײַנקומען אין דער קאַבינע און דערזען דעם גוטן שמייכל אויף די ליפּן פונעם פּילאָט ריביקאָוו, איז מיר גרינגער געוואָרן אויפן האַרץ.

בעת ער איז געזעסן אין דער קאַבינע פון עראָפּלאַן איז ער געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט. זײַן רויִקייט האָט געשמט צווישן אַלע פּילאָטן. נאָר איין מאָל האָב איך אים געזען אַן אויפגערעגטן און פאַרייִאושטן, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פון עקיר קיין זשאַטעץ און אין „קאָנסטעליישן" זענען נאָר געווען די מאַנשאַפט און די פּרוּי פון אַ שליח, וואָס מיר האָבן מיטגענומען אויף אַ וויזיט צו איר מאַן. מיר האָבן געזען אַז ריביקאָוו דרייט זיך עטלעכע מאָל איבערן פליפלאַץ פון זשאַטעץ אָבער ער לאָזט זיך נישט אַראָפּ. מיר האָבן זיך אָבער נישט געזאָרגט, ווײַל מיר האָבן געוווסט אַז מיר זענען אין גוטע הענט. ערשט ווען דער עראָפּלאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט בײַם סוף פון דעם לאַנדונגסגרונט און איינער פון זײַנע פליגל איז

אַרײַן אין דר׳ערד, האָבן מיר דערפילט אַ שטאַרקן קלאַפּ און האָבן פֿאַר־שטאַנען אַז ס׳איז עפּעס געשען. ווען מיר זענען אַראָפּגעגאַנגען האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז אַ ראָד פֿון עראָפּלאַן האָט זיך נישט געהאַט געעפֿנט בעת דער לאַנדונג. מען האָט דאָס באַמערקט פֿון קאָנטראָל־טורעם און צו וויסן געטאָן ריביקאָוון. ער האָט עטלעכע מאָל געפּרוּווט אַרויסצולאָזן דאָס ראָד און ווען ער האָט געזען אַז ער האָט נישט קיין ברירה, איז ער אַזוי לאַנג געפֿלויגן איבערן פֿליפֿלאַץ ביז ער האָט פֿאַרענדיקט דעם בענזין אין רעזער־וואַר, כּדי עס זאָל נישט אויסברעכן אַ שׂרפֿה, און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איין ראָד.

אויף אַזאַ אופֿן האָט ער אונדז געראַטעוועט דאָס לעבן. אויך דער עראָפּלאַן, אַחוץ דעם צעקרימטן פֿליגל, איז געבליבן גאַנץ. ווען ריביקאָוו איז אַראָפּ פֿון עראָפּלאַן און האָט דערזען דעם צעקרימטן פֿליגל האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד, און ווען מיר האַלטן אים נישט צוריק, וואָלט ער זיך צעקלאַפּט דעם קאָפּ אויפֿן בעטאָן פֿון לאַנדונגסגרונט. סטײַטש, ער וועט אַ צײַט לאַנג נישט קענען פֿליען! ער איז ממש אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ היסטעריע.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז ריביקאָוו צוריקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. פֿון דעמאָלט האָב איך פֿון אים מער נישט געהערט.

דער פּילאָט סעם פֿאַמעראַנץ, שוין נישט קיין יונגער־מאַן, האָט פֿאַרשלאָסן זײַן פֿאַבריק אין אַמעריקע און איז געקומען פֿרײַוויליק העלפֿן ישׂראל אין איר מלחמה. ער איז אויך געווען אַ פּילאָט מיט אַ גרויסער דערפֿאַרונג, וואָס איז בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אַ סך געפֿלויגן מיט שווערע באָמ־באַרדיר־עראָפּלאַנען איבער דײַטשלאַנד. ער איז דווקא געווען אַן אַסימי־לירטער ייִד, וואָס איז געשטאַנען ווײַט פֿון אַלע ייִדישע פּראָבלעמען אין אַמעריקע.

פֿאַמעראַנץ האָט חתונה געהאַט מיט אַ נישט־ייִדישער פֿרוי און אין זײַן שטוב איז נישט מער געווען קיין זכר פֿון ייִדישקייט. פּלוצעם האָט סעם געזאָגט זײַן פֿרוי אַז ער האָט באַשלאָסן צו קעמפֿן ווי אַ פֿרײַוויליקער אין ישׂראל. ער האָט איבערגעלאָזט די משפּחה און די פֿאַבריק, האָט זיך דורכ־געשמוגלט ביז צו אונדז און געהאָלפֿן זײַן פֿאָלק פֿון וועלכן ער האָט זיך געהאַט דערווײַטערט.

עס איז שווער צו דערקלערן וואָס ס׳האָט אים באַוויגן צו טאָן אַזאַ זאַך. ווען איך האָב אים געפֿרעגט דערוועגן, האָט ער מיר געגעבן אַ קורצן, טיפּיש אַמעריקאַנישן ענטפֿער: ווי אַ ייִד, וויל איך נישט מען זאָל שלאָגן ייִדן!

אַט דער פּשוטער ענטפער איז געווען זײַן לעבנס־פּרינציפּ. ער האָט אַלץ געטאָן כּדי מיר זאָלן זײַן שטאַרק און מען זאָל אונדז נישט קענען שלאָגן.

מיט זײַנע גרויסע פֿעיִקייטן און פֿאַכמענישקייט איז ער תּיכּף געוואָרן דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער איבערן פּליפּלאַץ אין זשאַטעץ. לויט זײַן איניציאַטיוו האָבן מיר אויפֿגעשטעלט אין זשאַטעץ אַן אויסגעצייכנטן וואַרשטאַט ווו מיר האָבן אַליין געקענט אַלץ פֿאַרריכטן און נישט געדאַרפֿט שיקן אין די וואַרשטאַטן פֿון האָלאַנד. אַ דאַנק דעם דאָזיקן וואַרשטאַט האָבן די עראָפּלאַנען אונדזערע געקענט תּמיד זײַן גרייט פֿאַר אונדזער אומאויפֿהערלעכער אַרבעט. פּאָמעראַנץ האָט אַראָפּגעבראַכט פֿון אַמעריקע צוויי ערשטקלאַסיקע מעכאַניקערס, מיט וועלכע ער האָט יאָרן אין איינעם געאַרבעט, און זיי האָבן אָנגעפֿירט מיטן וואַרשטאַט. זיי זענען נישט געווען קיין ייִדן און האָבן באַקומען געהאַלט פֿאַר זייער אַרבעט. פֿון דעסטוועגן האָבן זיי זיך נישט באַטראַכט ווי פּשוטע אָנגעשטעלטע, וואָס אַרבעטן אָפּ די עטלעכע שעה און גייען אַהיים. זיי זענען אָנגעשטעקט געוואָרן פֿון דעם אַלגעמיינעם התלהבות און האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט, געזאָרגט אַז די עראָפּלאַנען זאָלן שטענדיק זײַן גרייט זיך צו לאָזן אין וועג. אַז מען וועט אַ מאָל שרײַבן אַ פּרטימדיקע געשיכטע פֿון אונדזער אויפֿטו אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, דאַרף מען אויך אין זיי נישט פֿאַרגעסן.

סעם פּאָמעראַנץ איז נישט נאָר געווען אַ פֿאַכמאַן, נײַערט אויך אַן אויסגעצייכנטער מדריך און לערער. דערפֿאַר האָט מען אים טאַקע איבערגעגעבן די אָנפֿירונג פֿונעם פּליפּלאַץ אין זשאַטעץ. מיר האָבן נישט געהאַט קיין צוטריט צו אַלע מענטשן און האָבן גאָרנישט געוווּסט פֿון זייער פֿאַרגאַנגענהייט. סעם האָט אָבער אַלעמען גוט פֿאַרשטאַנען און דעריבער האָבן זיי טאַקע אָנערקענט זײַן אויטאָריטעט און האָבן אים געפֿאָלגט. סעם האָט קיין מאָל נישט געפֿאָדערט פֿון אַ צווייטן אַ זאַך וואָס ער אַליין האָט זיך נישט געטאָן. ער איז געקומען דער ערשטער אויפֿן פּליפּלאַץ און איז אַוועקגעגאַנגען דער לעצטער. אויב ס׳איז געווען נייטיק איז ער אויך געבליבן פֿיר און צוואַנציק שעה בײַ דער אַרבעט. ער איז געווען דורכויס מענטשלעך און האָט זיך קיין מאָל נישט באַקלאָגט.

נאָך אַ פּילאָט וואָס האָט זיך געקענט גלײַכן מיט סעם פּאָמעראַנץ איז געווען אַל שווימער. ער האָט אויך איבערגעלאָזט אין אַמעריקע אַלע זײַנע געשעפֿטן און איז געקומען אונדז העלפֿן. צום אונטערשייד פֿון פּאָמעראַנצן, האָט אַל שווימער זיך מער פֿאַרנומען מיט דרויסנדיקע ענינים, צו ברענגען נאָך עראָפּלאַנען; פּאָמעראַנץ איז שטענדיק געווען מיט די חברה אין זשאַ־

טעץ, ווי איינער פון זיי. אַל שווימער איז געווען באַקאַנט מיט זײַן דרייסט־קייט בײַם אײַנקויפן עראָפּלאַנען אין אַמעריקע און זיי אַרויסשמוגלען פון לאַנד. דערפאַר איז ער שטענדיק געווען אונטער ווערגנס. סעם איז געווען אַ פאָלקסטימלעכער מענטש, וואָס האָט גרינג געווונען דעם צוטרוי פון מענטשן, בעיקר פון זײַנע מיטאַרבעטערס. ער האָט אויך געוווסט ווי אַזוי זיי צו סטימולירן אין דער אַרבעט. אַל שווימער דערקעגן האָט גיכער געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַן אַריסטאָקראַט, וואָס איז נישט זייער צוגענגלעך פאַר פּשוטע מענטשן. שווימער איז געבליבן אין מדינת־ישׂראל און האָט דאָ אויפגעשטעלט די אַעראָנאַווטישע אינדוסטריע וואָס איז הײַנט אַ שם־דבר אויף דער גאָרער וועלט.

איטלעכער נײַער עראָפּלאַן האָט געהאַט זײַנע שוועריקייטן, וואָס סעם פּאָמעראַנץ האָט זיי געדאַרפט לייזן. די מאָטאָרן זענען געווען פון פאַר־שיידענע פאַבריקאַציעס, ווײַל מען האָט געקויפט וואָס עס איז אַרײַנגעפאַלן אין דער האַנט, אַזוי אַז עס האָבן זיך געשאַפן פּראָבלעמען פון רעזערווע־טיילן. אַחוץ דעם האָט מען די עראָפּלאַנען געדאַרפט צוגרייטן פאַר לאַנגע שטרעקעס מיט וואָס מער לאַסט, ווײַל די פאָדערונגען פון ישׂראל נאָך געווער זענען אַלץ געוואַקסן.

ביז מיר האָבן באַקומען דעם „קאָנסטעליישן"־עראָפּלאַן האָבן מיר אויך געהאַט אַ פּראָבלעם צו געפינען אַ פליפלאַץ צווישן זשאַטעץ און ישׂראל, ווו מען זאָל קענען אָנפילן דעם רעזערוואַר מיט בענזין. מיר האָבן זיך געקענט באַנוצן צו דעם צוועק נאָר מיט יוגאָסלאַוויע און גריכנלאַנד, אָבער ביידע האָבן פון אונדז אַראָפּגעשונדן די הויט. און אַחוץ דעם איז אויך שטענדיק געווען אַ סכנה אַז זיי וועלן נאָכגעבן דעם דרוק פון ענגלאַנד און פון די אַראַבישע לענדער און וועלן אונדז בכלל נישט לאָזן לאַנדן.

די דאגות פון סעם פּאָמעראַנץ זענען געוואַקסן ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו קויפן בײַ דער טשעכישער רעגירונג די קאַמף־עראָפּלאַנען — „מעסער־שמיד" און „ספּיטפײַער", וואָס זענען איבערגעבליבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער יישוב אין ישׂראל האָט אין דעם ממש געזען אַ רעטונג קעגן די אָנגרײַפן פון די אַראַבישע לענדער פון דער לופט און פונעם ים. די פראַגע איז נאָר געווען: ווי ברענגט מען זיי גיכער אין לאַנד אַרײַן?

בײַם אָנהייב האָט מען זיי פונאַנדערגענומען און די טיילן געשיקט מיט דעם „קאָנסטעליישן"־עראָפּלאַן. דאָס איז אָבער געווען זייער אַ קאָמפּליציר־טער ענין. קודם האָט מען געדאַרפט צופּאַסן די טיילן זיי זאָלן אַרײַנגיין אין „קאָנסטעליישן" און דערנאָך האָט מען זיי געדאַרפט אין ישׂראל צונויפ־

שטעלן, וואָס איז גאָרנישט געווען גרינג און האָט לאַנג געדויערט. מען האָט געמוזט געפינען אַן אַנדער לייזונג און סעם האָט זי טאַקע געפונען. די בענזין־רעזערוואַרן פון אָט די קאַמף־עראָפּלאַנען האָבן נישט געקענט אַרײַננעמען אַזוי פיל בענזין כּדי צו פליִען פון זשאַטעץ ביז עקיר אין ישׂראל. זיי זענען געווען געבויט אַנצוגרײַפן מיליטערישע אָביעקטיוון אויף דער ערד, אויף נישט קיין גרויסן מרחק. ס'איז געווען אַ סכּנה צו באַקומען אַ דערלויבעניש אָנצופילן די רעזערוואַרן אין יוגאָסלאַוויע צי אין גריכנ־לאַנד, ווײַל די עראָפּלאַנען זענען געווען דורכויס מיליטערישע און די ענ־גלענדער האָבן געקענט פועלן בײַ די דאָזיקע לענדער זיי זאָלן בײַ אונדז פּשוט קאָנפיסקירן די עראָפּלאַנען און זיי צוריקגעבן ערשט נאָך דער מלחמה. דאָס איז טאַקע געשען מיט אַזאַ עראָפּלאַן וואָס איז געצוווּנגען געווען זיך אַראָפּצולאָזן אין גריכנלאַנד. מען האָט אים דאָרט פאַרהאַלטן ביז די מלחמה האָט זיך געענדיקט.

סעם האָט אויסגעאַרבעט זייער אַ דערוועגטן פּלאַן: מאָנטירן אַ צווייטן רעזערוואַר אין עראָפּלאַן, כּדי עס זאָל זײַן גענוג בענזין ביז קיין ישׂראל. די לייזונג האָט אויסגעזען זייער פּשוט, אָבער זי איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך סכּנות. קודם־כּל איז געווען די פראַגע צי דער צווייטער רעזערוואַר וועט פונקציאָנירן פּינקטלעך אין דער צײַט ווען מען וועט זיך אין אים נייטיקן. צווייטנס, איז אויך געווען די פראַגע צי דער מאָטאָר וועט אויס־האַלטן אַזאַ לאַסט, ווי אַ צווייטן רעזערוואַר פול מיט בענזין. פאַרשטייט זיך אַז פאַר אַזאַ אונטערנעמונג זענען געקומען אין באַטראַכט נאָר די בעסטע פּילאָטן.

עס האָבן נישט געפעלט קיין פרײַוויליקע צו פּילאָטירן די עראָפּלאַנען. אַלע זענען געווען גרייט דערצו. אָבער סעם האָט געדאַרפט באַשליסן ווער ער וועט אויסקלײַבן. דער ערשטער פּלי מיט די דאָפּעלע רעזערוואַרן איז געווען אַ פּרווופלי. דערפאַר איז סעם באַשטאַנען דערויף אַז ער פּערזענלעך זאָל מיטפליִען. דרײַ קאַמף־עראָפּלאַנען האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פון זשאַטעץ און אין ערשטן איז געפלויגן סעם פּאָמעראַנץ. מיר האָבן זיי נאָכגעקוקט פון דער ערד און שטיל געמורמלט ברכת־הדרך. ערשט שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה, ווען מיר האָבן באַקומען אַ מעלדונג אַז זיי זענען בשלום אָנגעקומען קיין עקיר, איז אונדז גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן.

אַזוי זענען שפּעטער כּמעט אַלע עראָפּלאַנען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ישׂראל. בלויז איין מאָל האָט אַזאַ עראָפּלאַן געמוזט לאַנדן אין אַ פרעמדער מדינה. דער פּילאָט האָט זיך צעבראָכן אַ פוס און ער איז געלעגן אין שפּיטאָל.

ער האָט זיך ערשט אומגעקערט מיטן עראָפּלאַן קיין ישראל ווען אונדזער מלחמה האָט זיך געענדיקט.

דאָס גרויליקע אומגליק איז געשען ווען די לעצטע גרופּע עראָפּלאַנען איז געווען אויפן וועג קיין ישראל. סעם האָט דורכויס געוואָלט זײַן איינער פון די פּילאָטן וואָס וועלן אָפּשליסן אָט די דערוועגטע אַקציע. איך געדענק נאָך ביז הײַנט זײַן גוטהאַרציק לאַכן ווען ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין עראָפּלאַן. מיר האָבן געזען זײַן גרויסע פרייד וואָס די אַקציע איז געראָטן און ישראל פאַרמאָגט קאַמף־עראָפּלאַנען. מיר האָבן אים צוגעווונקען מיט אויפגעהויבענע הענט ווי אַ סימן פון ניצחון.

ביזן הײַנטיקן טאָג ווייס קיינער נישט וואָס עס איז געשען בעתן פלי. די פּילאָטן וואָס זענען געפלויגן אין דער זעלביקער ריי האָבן שפּעטער דערציילט אַז פּלוצעם האָבן זיי דערזען אַז דער עראָפּלאַן וואָס פּאַמעראַנץ האָט פּילאָטירט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פּײַערזײַל און פאַלט אַראָפּ ווי אַ שטערן פון הימל. פאַכלײַט האָבן געזאָגט אַז ס'איז מסתמא געפּלאַצט דער צווייטער רעזערוואַר און אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי גיך אַז סעם האָט קיין צײַט נישט געהאַט זיך צו ראַטעווען. עס זענען שוין אַזוי פיל יאָרן זינט דעמאָלט, אָבער נאָך איצט ציטערט מײַן האַנט ווען איך שרײַב דערוועגן. איך דערמאָן זיך דאָס שרעקלעכע בילד ווען מיר האָבן באַקומען די פינצ־טערע ידיעה אַז סעם מיט זײַן עראָפּלאַן זענען אַראָפּגעפאַלן איבער גריכנ־לאַנד. ער איז אין גאַנצן פאַרברענט געוואָרן און מען האָט אים אַפילו נישט דערקענט.

אַ צײַט לאַנג זענען מיר אַלע אַרומגעגאַנגען ווי יתומים און האָבן זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט. אַלע די וואָס האָבן מיט אים צוזאַמען געאַרבעט קענען אים נישט פאַרגעסן, אָט דעם ווונדערלעכן מענטש און חבר. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ גרויסער און ריינער יידישער נשמה. איך ווייס נישט צי ער וואָלט געבליבן אין ישראל נאָך דער מלחמה. קאָן זײַן אַז ער וואָלט זיך אומגעקערט צו זײַן משפּחה אין אַמעריקע. עס קלעמט מיך פון דעסט־וועגן פאַר וואָס מען האָט אים נישט געקענט ברענגען צו קבר־ישראל דאָ, אין דעם לאַנד פאַר וועלכן ער האָט געקעמפט, אַוועקגעגעבן דאָס לעבן און אפשר אויך ליב געהאַט. זײַן פרוי האָט געפאָדערט מען זאָל זײַן טויטן קערפּער איבערפירן קיין אַמעריקע. דאָ וואָלט זײַן קבר געווען אַן אָרט פון עולה־רגל זײַן און די יוגנט וואָלט זיך באַקענט מיט דער ווונדערלעכער געשיכטע פון דעם העלד וואָס האָט אַוועקגעגעבן זײַן לעבן כדי מיר זאָלן האָבן אַ קיום.

וווּנדערלעך איז אויך די געשיכטע פון די צוויי פּילאָטן קורץ און מוניץ. אין ברוקלין לעבן זיך צוויי ייִדישע אַרבעטער־משפּחות. יעדע האָט אַ זון. די עלטערן זענען האָרעפּאַשנע מענטשן וואָס אַרבעטן שווער מפרנס צו זײַן דאָס בני־בית. מען שפּאָרט אָפּ פון מויל די קינדער זאָלן קענען לערנען. דאָס איז געווען דער גורל פון טויזנטער ייִדישע משפּחות, ווו עלטערן האָבן שווער געהאָרעוועט כּדי די קינדער צו דערציִען און לאָזן לערנען, זיי זאָלן האָבן אַ בעסער לעבן אין דער צוקונפט.

די צוויי ייִנגלעך, קורץ און מוניץ, זענען אין איינעם געגאַנגען אין שול און זענען געווען פרײַנד. זיי האָבן צוזאַמען געקוועטשט די באַנק אין שול און אין חדר, געווען מיטלמאָסיקע תּלמידים, נישט קיין גאונים. איין מאָל, פאַר ימים־נוראָים, איז געקומען אין חדר אַ חזן און האָט געבעטן די קינדער זאָלן זיך מעלדן פרײַוויליק צו זינגען אין זײַן כאָר אין בית־מדרש. קורץ און מוניץ האָבן זיך תּיכּף געמאָלדן און האָבן דערנאָך יאָרן־לאַנג געזונגען אין כאָר פון דעם חזן די ניגונים פון ראָש־השנה און יום־כּיפּור. די זיסע ניגונים פון דאַוונען זענען אַרײַן אין האַרצן און ווען זיי זענען געווען אין אַ גוטער שטימונג האָבן זיי אויך אין דער היים געזונגען אַ חזניש שטיקל. די צוהערערס האָבן זיך ממש געלעקט די פינגער.

נאָך דער מיטלשול האָבן זיי בײדע שטודירט יוריספּרודענץ. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה האָבן זיי געמוזט איבעררײַסן די לימודים אין אוניווערסיטעט און גיין צום מיליטער. ביידע האָבן זיך געמאָלדן צו דער אַוויאַציע און נאָך דעם ווי זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ קורס, זענען זיי ביידע געקומען קיין ענגלאַנד. ביידע האָבן זיך באַטייליקט אין באָמבאַרדירן דאָס פאַשיסטישע דײַטשלאַנד. אַ סך מאָל זענען זיי געפלויגן אין איינעם און אַ סך מאָל באַזונדער.

זיי האָבן ביידע איבערגעלעבט די מלחמה און האָבן זיך אומגעקערט געזונטערהייט אַהיים. זיי האָבן ממשיך געווען די לימודים אין אוניווערסי־טעט און כּדי זיך מפרנס צו זײַן האָבן זיי זיך געמאָלדן פרײַוויליק אין דער ניו־יאָרקער פּאָליציי. בײַ טאָג האָבן זיי געאַרבעט און בײַ נאַכט האָבן זיי געלערנט. אין דער זעלביקער צײַט האָבן זיי אויך ווײַטער געזונגען אין חזנישן כאָר.

זיי זענען ביידע געווען הויכע, מיט בלאָנדע האָר און האָבן גיכער אויס־געזען ווי סקאַנדינאַווער איידער ווי ייִדן. ווער עס האָט זיי אָבער געקענט פון דער נאָענט האָט תּיכּף געזען אַז די צוויי יונגע־לײַט זענען שטאָלץ מיט זייער ייִדישקייט און באַהאַלטן זיך נישט מיט איר. בײַ דער פּאָליציי האָבן

זיי באַקומען דעם ראַנג פון אָפיצירן און אין דער גאַנצער געגנט ווו זיי האָבן געאַרבעט האָט מען זיי געקענט און רעספּעקטירט.

אין 1947 האָבן ביידע בדעה געהאַט חתונה צו האָבן און אויפשטעלן אייגענע משפחות. פלוצעם דערוויסן זיי זיך אַז די אונאָ האָט באַשלאָסן מען זאָל אויפשטעלן אין ארץ־ישראל אַ יידישע מדינה. זיי פרייען זיך אין איינעם מיט אַלע ניו־יאָרקער יידן, טרינקען לחיים און ווינטשן דער נייער יידישער מדינה מזל און ברכה. זיי האָבן דעמאָלט בכלל נישט געטראַכט אַז דער אויפקום פון אַ יידישער מדינה איז זיי אויך מחייב. שפּעטער מיט עטלעכע טעג לייענען זיי אין צייטונג אַז די אַראַבישע לענדער זענען אָנגעפאַלן אויף מדינת־ישראל און ווילן זי דערוואָרגן. דערביי האָט זיך אין זיי עפּעס דערוועקט. זיי האָבן מיט אַ מאָל פאַרלוירן די רו. זיי זענען יידן און דערצו גוטע פּילאָטן, אָבער אין דער צייט וואָס מדינת־ישראל געפינט זיך אין אַ גרויסער צרה — דרייען זיי זיך אַרום ווי פאַליציאַנטן איבער ניו־יאָרק. אַמעריקע האָט טאַקע דערקלערט אַז זי איז נייטראַל אין דעם סיכסוך פון מיטעלן מיזרח, אָבער זיי, ווי יידן, קענען נישט זיין נייטראַל.

שפּעטער האָבן זיי מיר דערציילט אַז זיי זענען עטלעכע טעג אַרומגעגאַנגען און זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט. פלוצעם האָבן זיי ביידע, איינער האָט נישט געוווּסט וועגן די ספקות פון צווייטן, אָנגענומען דעם זעלביקן באַשלוס. צו אַלדע רוחות ניו־יאָרק, די פאַליציי, דאָס לייכטע לעבן, חתונה־האָבן! זיי זענען יידן און זייער אָרט איז לעבן די יידן וואָס קעמפן פאַרן אויפקום פון דער מדינה. ווען זיי האָבן דערנאָך דערציילט איינער דעם צווייטן וועגן דער החלטה וואָס זיי האָבן אָנגענומען, איז זיי גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן און זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז זיי גייען דעם ריכטיקן וועג. עס איז נישט געווען גרינג אַלץ פלוצעם איבערצולאָזן, אָבער זיי האָבן גובר געווען אַלע שוועריקייטן און זענען אין גיכן געווען אויפן וועג קיין פּאַריז. פון דאָרטן האָבן זיי געפונען דעם וועג צו אונדז און אין עטלעכע טעג אַרום זענען זיי שוין געווען אין זשאַטעץ, גרייט אָנצוהייבן די אַרבעט.

פאַר אונדז איז זייער קומען געווען אַ גרויסער יום־טוב, ווייל זיי זענען געווען צווישן די ערשטע פּריוואַטליקע וואָס האָבן געהאַט אַ רייכע דערפאַרונג אין פליען מיט שווערע עראָפּלאַנען. אַחוץ דעם האָבן זיי אויך אַלץ געטאָן כדי צו ברענגען אַנדערע פּילאָטן, חברים פון אַמעריקע, וואָס האָבן מיט זיי געדינט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

קורץ, מוניץ און ריביקאָוו זענען בעצם געווען די ערשטע דריי קריגס־פּילאָטן וואָס זענען צו אונדז געקומען מיט אַ גרויסער פּראַקטיק אין פליען

אויף לאַנגע שטרעקעס. זיי זענען אויך געווען באַהאַוונט אין אַלע עראָפּלאַנען וואָס האָבן דעמאָלט עקסיסטירט. זיי האָבן פּילאָטירט קיין ישׂראל שווער־באַלאָדענע עראָפּלאַנען מיט געווער און ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט זענען זיי געווען גליקלעך וואָס זיי קענען העלפן געווינען די מלחמה. ווען מיר האָבן געזען אַט די יונגע בחורים, וואָס האָבן ליב געהאַט דאָס לעבן, זיצן קאָנצענטרירטע אין דער קאַבינע, האָבן מיר געפילט אַ באַרויִקונג און האָבן געוווּסט אַז מיט אַזעלכע מענטשן מוזן מיר געווינען די מלחמה.

מיר באָמבאַרדירן קאַהירע

ס'איז געווען זייער אינטערעסאַנט צו באַטראַכטן די ערנסטע פּנימער פון די פּילאָטן בעת זיי זענען געזעסן אין דער קאַבינע פאַר די אָפּעראַציע. בעיקר ווען עס זענען אַרויסגעפלויגן צוויי אָדער דריי באַלאָדענע עראָפּלאַנען פון זשאַטעץ. אייניקע האָבן ליב געהאַט צו כאַפּן אַ שמועס מיט די חברים זייערע פון צווייטן עראָפּלאַן, דערציילן אַ פּיקאַנטן וויץ און זיך דערביי צעלאַכן ווי קינדער.

קורץ און מוניק, ווען זיי זענען געפלויגן אין באַזונדערע עראָפּלאַנען, האָבן ליב געהאַט זיך צו פאַרהערן, דורך די טראַנסמיסיע־אַפּאַראַטן, שטיק־לעך פון די ימים־נוראימדיקע תּפילות — פון ונתנה תּוקף צי כבקרת רועה עדרו — און דערנאָך דיסקוטירן ווער עס האָט בעסער און ריכטיקער געזונ־גען. איך בין אַ סך מאָל מיט זיי געפלויגן קיין ישׂראל און מיר איז אויסגע־קומען צו זײַן דער פּוסק ווער עס האָט געזונגען בעסער. דער אמת געזאָגט האָב איך געהאַט הנאה פון ביידע און זיי ביידן ליב געהאַט ווי ברידער.

אין יענער צײַט האָבן מיר באַקומען דרײַ שווערע באָמבאַרדירערס, וואָס זענען אַרויסגעשמוגלט געוואָרן פון אַמעריקע. דאָס זענען געווען די ערשטע שווערע עראָפּלאַנען וואָס מדינת־ישׂראל האָט פאַרמאָגט. מיר האָבן זיי נישט איבערגעשיקט תּיכּף קיין ישׂראל, נאָר זיי געהאַלטן אויפן פליפלאַץ אין זשאַטעץ, ווײַל אין ישׂראל זענען נאָך נישט געווען קיין פליפלעצער מיט פּאַסיקע לאַנדונגסגרונטן פאַר אַזעלכע שווערע עראָפּלאַנען. אַחוץ דעם איז אויך געווען אַ סכּנה זיי זאָלן שטיין אויף אַן אָפענעם פעלד, די מיצרים זאָלן זיי נישט באָמבאַרדירן.

האָבן מיר באַשלאָסן אַז די דרײַ באָמבאַרדירערס זאָלן לעת־עתּה בלײַבן אין זשאַטעץ, ביז מען וועט אין ישׂראל צוגרייטן די געהעריקע פליפלעצער. מיר זענען געווען שטאָלץ ווען מיר האָבן געקוקט אויף די דרײַ ריזיקע זילבערנע פייגל, אָבער דערבײַ האָט וויי געטאָן דאָס האַרץ וואָס מען קען זיי

נישט אויסנוצן אין דער מלחמה. פּלוצעם האָבן מיר באַקומען די ידיעה, אַז די מיצרים האָבן באָמבאַרדירט תּל־אָביב און דערהרגעט אַ סך אומשולדיקע מענטשן. דאָס האָט אַרויסגערופן כּעס און פאַרביטערונג בײַם גאַנצן ישוב. אונדזער מיליטערישע קאָמאַנדע האָט באַשלאָסן צו געבן דעם ריכטיקן ענטפער און באָמבאַרדירן די הויפּטשטאָט פון מצרים. מיר האָבן נאָר פאַרמאָגט די דרײַ באָמבאַרדירערס וואָס זענען געשטאַנען אין זשאַטעץ. האָט אונדזער אייבערקאָמאַנדע באַשלאָסן מען זאָל באָמבאַרדירן קאַיראָ דירעקט פון זשאַטעץ. די עראָפּלאַנען זענען געווען צוגעפּאַסט פאַר לאַנגע שטרעקעס און האָבן זיך נישט געדאַרפט אַראָפּלאָזן אונטער וועגס כּדי צו נעמען בענזין.

עס זענען געווען צוויי פּראָבלעמען וואָס מען האָט געדאַרפט לייזן. ערשטנס, ווער וועט צוגרייטן די עראָפּלאַנען פאַר אַזאַ קאָמפּליצירטן ענין; צווייטנס, וועלכע פּילאָטן וועלן נעמען אויף זיך די שווערע אַרבעט, צו פליִען אַזאַ מהלך און צו געפינען דאָס אָרט וואָס מען דאַרף באָמבאַרדירן לויט די מאַפּעס.

סעם און זײַנע טעכניקערס זענען, פאַרשטייט זיך, געווען די הויפּטמחותּנים פון אָט דער אויסערגעוויינטלעכער אַקציע. צו אונדזער מזל האָבן מיר געקענט פאַרטרויען דעם סוד פאַר עטלעכע הויכע טשעכישע אָפיצירן פון מיליטערשטאַב און זיי האָבן פאַר אונדז צוגעגרייט גענויע מאַפּעס פון קאַיראָ און אויך געגעבן די געהעריקע אָנווײַזונגען ווי אַזוי צו פליִען ביז אַהין. די החלטה פון אונדזער אייבערקאָמאַנדע איז געווען צו באָמבאַרדירן דעם פּליפּלאַץ פון קאַיראָ, כּדי צו באַווײַזן די מיצרים אַז עס לוינט נישט צו באָמבאַרדירן תּל־אָביב.

קורץ און מוניץ זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן זיך פרײַוויליק געמאָלדן דורכצופירן די אַקציע און סעם איז מסכּים געווען, ווײַל ער האָט פאַרשטאַנען אַז מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן. ווער דער דריטער פּילאָט איז געווען — געדענק איך שוין נישט. די צוגרייטונגען פאַר דער אַקציע האָבן געדויערט דרײַ וואָכן. אין משך פון אָט דער צײַט זענען אונדזערע פּילאָטן געזעסן מיט די פּילאָטן פון טשעכישן מיליטער־שטאַב און האָבן שטודירט אַלע מעגלעכקייטן ווי אַזוי דורכצופירן די באָמבאַרדירונג. מען האָט סוף־כּל־סוף באַשלאָסן אַז אונדזערע עראָפּלאַנען זאָלן אָנקומען בײַ נאַכט קיין קאַיראָ, כּדי נישט אײַנצושטעלן די באָמבאַרדירערס, אין פאַל ווען די מיצרים האָבן אויפגעשטעלט אַנטילופט־האַרמאַטן. דאָס עצם באָמבאַרדירן בײַ נאַכט איז נישט געווען קיין פּראָבלעם פאַר די צוויי פּילאָטן,

וואָס האָבן אָפּט מאָל באָמבאַרדירט דײַטשלאַנד בײַ נאַכט, בעת דער מלחמה. די הויפּט־פּראָבלעם איז געווען צו טרעפן די ערטער לויט די מאַפּעס וואָס זיי האָבן באַקומען פון די טשעכן.

די גאַנצע אַקציע איז צוגעגרייט געוואָרן בסוד און נאָר געציילטע האָבן דערפון געוווּסט. אין דעם באַשטימטן טאָג האָבן מיר דורכגעלעבט שווערע פיר און צוואַנציק שעה. דער עיקר האָבן מיר זיך געזאָרגט פאַר די טײַערע בחורים וואָס האָבן אויף זיך גענומען צו ראַטעווען דעם כבוד פונעם יידישן פאָלק. אַזאַ שווערן מעת־לעת האָב איך נאָך ביז דעמאָלט נישט איבער־געלעבט, און אויך נישט שפּעטער, ווען איך בין געזעסן אין תּפיסה פון דער געהיים־פּאָליציי. ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה אַז די אַקציע איז מיט הצלחה דורכגעפירט געוואָרן, האָט אונדזער פרייד נישט געקענט קיין גרע־נעצן. אונדזערע מענטשן אין איינעם מיט די טשעכישע אָפיצירן וואָס האָבן אונדז געהאָלפן האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און געקושט. שאַמפּאַניער האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. מיר האָבן זיך אַלע אָנגעשיכורט.

איינצלהייטן וועגן דער אַקציע זענען מיר געוווּיר געוואָרן ווען די דרײַ בחורים האָבן זיך אומגעקערט פריילעכע און צופרידענע. אַלץ איז געווען אויסגעצייכנט פּלאַנירט אַחוץ איין זאַך: מיר האָבן פאַרגעסן צו נעמען אין באַטראַכט אַז דער פּליפּלאַץ אין קאַיראָ קען זיין פאַרזונקען אין חושך, מחמת די מלחמה. די פּילאָטן זענען געפלויגן לויט די מאַפּעס וואָס זיי האָבן געהאַט און נאָך זייער חשבון האָבן זיי שוין געדאַרפט זײַן איבערן פּליפּלאַץ — אָבער אין מצרים איז פינצטער און מען זעט גאָרנישט. נאָך אַ קורצער באַראַטונג האָבן די פּילאָטן באַשלאָסן צו שיקן אַ נויטרוף דורך די טראַנסמיסיע אַפּאַראַטן, מיטן פאָלגנדיקן תּוכן: „קאַיראָ, קאַיראָ, דרײַ אַמעריקאַנישע עראָפּלאַנען האָבן פאַרבלאָנדזשעט און געפינען זיך אין אַ סכנה. מיר בעטן צו געבן אַ ליכט־סימן כדי מיר זאָלן זיך קענען אַראָפּלאָזן אויפן פּליפּלאַץ פון קאַיראָ״.

דער וואַכטורעם אויפן פּליפּלאַץ האָט תּיכּף אויפגענומען דעם רוף און אָנגעצונדן ליכט. אין דער רגע האָבן אונדזערע פּילאָטן אַראָפּגעלאָזט אַ רעגן פון באָמבעס און איטלעכע באָמבע האָט פּינקטלעך געטראָפן אין ציל. זיי האָבן אויך אַראָפּגעוואָרפן באָמבעס איבערן פּאַלאַץ פון מלך פאַרוק — און דערבײַ נישט פאַרגעסן אָנצוזאָגן דורכן ראַדיאָ אַז דאָס איז אַ מתּנה פון תּל־אָביב.

אַ לאַנגע צײַט האָט מען נאָך דערציילט וועגן דעם אויפטו פון קורץ און מוניץ. מענטשן האָבן נישט געקענט גלייבן אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן פון

אַזאַ מרחק, פון זשאַטעץ, מיט אימפּראָוויזירטע מאַפּעס, אָן געגויע קענ־טענישן וועגן קאַירא.

די צוויי בחורים זענען געווען אַקטיוו אויף פאַרשיידענע שטחים. איין מאָל האָט מען געדאַרפט ברענגען אומלעגאַל אַ נייעם עראָפּלאַן פון אַמעריקע. קורץ האָט זיך פריַיוויליק געמאָלדן און פון דעם דאָזיקן וועג האָט ער זיך שוין קיין מאָל נישט אומגעקערט. די סברה איז געווען אַז ער איז אַראָפּ־געפאַלן אין ים, ווייל ס'איז קיין סימן נישט געבליבן.

מוניץ האָט זיך שפּעטער אומגעקערט קיין אַמעריקע און איך ווייס גאָר־נישט וועגן אים. אויב מען וועט אַ מאָל אויפשטעלן אַ פּאַנטעאָן אין ישׂראל, וועלן דאָרטן זיכער זייַן פאַרשריבן זייערע נעמען. ביידע — קורץ און מוניץ — האָבן אַ גרויסן חלק אין קיום פון מדינת־ישׂראל.

באָריס סעניאָר איז געקומען פון דרום־אַפריקע. איך האָב שפּעטער געהאַט די זכיה זיך צו באַקענען אין ישׂראל מיט זייַן טאַטן, אַ ייִד מיט חכמה. באָריס איז געווען דער ערשטער פריַיוויליקער פון דעם ווייטן לאַנד. אַ שיינער בחור און אַ גוטער פּאַכמאַן. די אַרבעט זייַנע האָט ער שטענדיק געטאָן שטיל, אָן רעש. באָריס האָט זיך נישט באַטראַכט ווי אַ פריַיוויליקער; ער האָט פון אָנהייב אָן געזאָגט אַז ער איז מאַביליזירט, ווי מיר אַלע פון ישׂראל. ער האָט נישט נאָר געזאָגט, נייַערט אויך מקיים געווען. באַלד ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט ער זיך באַזעצט אין ישׂראל און דאָ אויפגעשטעלט אַ משפּחה. בייַם הייַנטיקן טאָג איז ער אַ מצליחדיקער אינדוסטריעלער און מיר זענען געבליבן גוטע פריַינד.

אויך אַברהם הר האָט זיך באַטראַכט ווי אַ מאַביליזירטער. די מלחמה אין מדינת־ישׂראל איז געווען זייַן אייגענע מלחמה און דערפאַר האָט ער זיך מוסר־נפש געווען. נאָך דער מלחמה האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ ייִדיש מיידל פון דער טשעכאָסלאָוואַקיי און זיך באַזעצט אין ישׂראל. ער פאַרנעמט זיך מיט לאַנדווירטשאַפט און צו מאָל פירט ער אויך טוריסטן און דערקלערט זיי ווי אַזוי דאָס לאַנד האָט זיך אַנטוויקלט. אויך מיט אים טרעף איך זיך אָפט.

פון דרום־אַפריקע איז אויך געקומען אַ בחור מיטן נאָמען כהן. דעם ערשטן נאָמען געדענק איך נישט. זייַן מאָטיוואַציע איז געווען אַ דורכויס ציוניס־טישע. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט איז ער צוריקגעפאָרן, האָט אויס־שטודירט מעדיצין און האָט זיך אומגעקערט צו אונדז. ער האָט דאָ אויפגע־שטעלט אַ משפּחה און אַרבעט ווי אַ מעדיקער אין „אל־על".

אַן אַנדער פּילאָט, ליכטער איז זייַן נאָמען, פון אַמעריקע, איז געקומען

ווי אַ פּריַיוויליקער. איך בין געווען זיכער אַז ער וועט בלײַבן אין מדינת־ישׂראל, ווײַל ער האָט געשטאַמט פון אַ ציוניסטישער משפּחה, אָבער ער האָט זיך שפּעטער אומגעקערט קיין אַמעריקע. איך ווייס אַז ער איז אַקטיוו אין ייִדישן און ציוניסטישן לעבן — פון דעסטוועגן טוט מיר באַנק וואָס ער געפינט זיך נישט מיט אונדז.

און איצט — עטלעכע ווערטער וועגן אייבי נתן, וואָס איז געווען דער בנימין, דער ייִנגסטער צווישן די פּריַיוויליקע וועלכע זענען געקומען אונדז העלפן. ער האָט געשטאַמט פון אַ בכּבֿודיקער ספרדישער משפּחה וואָס האָט פון דורות געלעבט אין אינדיע. ער איז דערצויגן געוואָרן אין ענגלישן גײַסט, אָבער האָט אויך באַקומען אַ ייִדיש־טראַדיציאָנעלע דערציִונג. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך פּריַיוויליק געמאָלדן אין דער ענגלישער אַוויאַציע, האָט אויסגעלערנט פּילאָטירן און האָט נאָך באַוויזן זיך צו באַטײליקן אין די באַמבאַרדירונגען פון פאַשיסטישן דײַטשלאַנד.

בײַם אָנהייב האָבן מיר געקוקט אויף אים ווי אויף עפּעס אַן אויסטערלישן פּאַרשוין. מיר האָבן געוווּסט אַז די ייִדן אין אינדיע טוען אַלץ כּדי זיך צו אַסימילירן און זײַן ענלעך צו די ענגלענדער. פּלוצעם באַווײַזט זיך אַזאַ שיינער ייִדישער בחור און טענהט אַז ער וויל קעמפן פאַר זײַן פאָלק. עס האָט אָבער נישט קיין סך געדויערט און ער איז געוואָרן אַלעמענס ליבלינג. זײַן איבערגעגעבנקייט אין דער אַרבעט, זײַן איידעלע האַרציקע באַציִונג צו מענטשן האָט אַלעמען צוגעצויגן און אַלע האָבן געוואָלט זײַן מיט אים חבֿר. און ער האָט נישט געשפּאָרט מיט קיין פרײַנדשאַפט. ער האָט זי פאַרטיילט איטלעכן מיט אַ ברייטער האַנט. אין משך פון דער גאַנצער צײַט האָב איך נישט געהערט אַז עמעצער זאָל האָבן אַ טענה קעגן אייבי נתן.

נאָך דער מלחמה האָט ער חתונה געהאַט און איז פאַרבליבן אין לאַנד. די פרוי האָט אים געבוירן אַ טאָכטער אָבער שפּעטער האָבן זיי זיך געגט. פון דעסטוועגן האָט אייבי נישט פאַרלאָזט דאָס לאַנד. ער האָט געעפנט אין תּל־אָבֿיבֿ אַ רעסטאָראַן וווּ עס האָבן זיך באַגעגנט קינסטלערס און מענטשן וואָס האָבן צו זיי אַ שײַכות.

אייבי איז ביזן הײַנטיקן טאָג באַקאַנט מיט זײַן גוטהאַרציקייט און גרייט־קייט איטלעכן צו העלפן. ווען איך בין צוריקגעקומען פון תּפיסה האָט ער מיר אָנגעבאָטן זײַן הילף כּדי מײַן זון זאָל קענען ווײַטער שטודירן. איך בין שטאָלץ דערמיט וואָס איך צייל זיך צווישן אייביס פרײַנד.

יהודה בן־חורין איז געווען דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פלי־פּערסאָנאַל, אָבער די טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען זענען אויסגעגאַנגען צו מײַן קאָפּ, ווײַל איך בין געווען זײַן סעקרעטאַר. איטלעכער האָט געוווּסט אַז אויב ער נייטיקט זיך אין עפּעס דאַרף ער זיך ווענדן צו מיר. דערפאַר האָבן זיי מיך גערופן „פעטער שמעון". ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז אַלץ געגאַנגען כּשורה ווי לאַנג די בחורים האָבן געאַרבעט אויפן פליפלאַץ. ווי באַלד זיי האָבן אָבער געהאַט אַ פרײַען טאָג און זענען געקומען פאַרברענגען קיין פּראָג, האָב איך געהאַט מיט זיי כּל־מיני פּראָבלעמען.

ערשטנס, איז געווען די פראַגע פון געלט. די פרײַוויליקע האָבן נישט באַקומען קיין געהאַלט, אָבער מיר האָבן זיי געגעבן טשעכישע קראָנען פאַר זייערע פּערזענלעכע הוצאות. דער נישט־אָפיציעלער קורס פון דאָלאַר איז דעמאָלט געווען פינף הונדערט קראָנען — האָבן אַ סך פון זיי געמיינט אַז מיר פאַרקויפן אונדזערע דאָלאַרן אויפן שוואַרצן מאַרק, אָדער גאָר אַז מיר דרוקן אַליין וויפל קראָנען מיר ווילן. דערפאַר האָבן אַ טייל פון די פרײַוויליקע נישט געשפּאָרט אין די באַרן ווו זיי האָבן פאַרבראַכט און בעיקר נישט פאַר די פרויען מיט וועלכע זיי האָבן פאַרבראַכט. עס זענען געווען פאַלן ווען זיי האָבן געחתמעט אין די באַרן חשבונות און געהייסן שיקן צו מיר, איך זאָל זיי אויסצאָלן. די טשעכן האָבן אַקצעפּטירט אַלע צעטלעך זייערע, ווײַל זיי זענען געווען זיכער אַז מיר וועלן באַצאָלן, וואָס מיר האָבן אין דער אמת אויך געטאָן. מיר האָבן אָבער באַשלאָסן אַז מען מוז מאַכן אַ סוף צו דער אויסברענגערײַ און באַשטימען אַ מאַקסימום וואָס יעדער פרײַוויליקער קען באַקומען אין טשעכישע קראָנען.

ווי איך האָב שוין פריִער דערמאָנט האָט מען אין צעשטערטן נאָכמלחמה־דיקן אייראָפּע נאָך דעמאָלט נישט פאַבריצירט קיין לוקסוס־אַרטיקלען. דעריבער זענען די דײַטשע און עסטרײַכישע פרויען געווען גרייט צו אַלץ פאַר אַ פּאָר נײַלאָן־זאָקן, אַ ליפּנשטיפט, אַ פּעקל שאָקאָלאַד אָדער פּאַפּיראָסן. זיי האָבן זיך פרײַ אָנגעבאָטן פאַר די סאָלדאַטן פון די אַלײִרטע, וואָס האָבן געהאַט פון כּל־טוב. צום באַדויערן זענען די טשעכישע פרויען נישט געווען בעסער. בפרט נאָך דעם ווי די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געקומען צו דער מאַכט און עס זענען אַפילו נישט געווען קיין פּערספּעקטיוון אַז מען וועט אין דער נאָענטער צוקונפט אָנהייבן פאַבריצירן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ לוקסוס־אַרטיקלען.

אין גיכן האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג אַז לעבן דער ישׂראלדיקער

אַמבאַסאַדע אין פּראָג קען מען יעדן טאָג באַגעגענען שײנע אַמעריקאַנישע און ענגלישע פּילאָטן, וואָס קענען באַשאַפן אַלץ וואָס אַ פרוי ווינטשט זיך. פּלוצעם האָבן אין שכנות פון אונדזער אַמבאַסאַדע זיך אָנגעהויבן צו באַווײַזן די יפיפיות פון פּראָג. זײ האָבן געדרייעט ווי בינען אַרום אונדזערע פרײַוויליקע און האָבן זיך נישט געשראָקן אַפילו צו וואַרטן בײַם טויער, ווען די „קרבנות" זענען אַרויסגעקומען מיט פולע קעשענעס.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט דאָס רעכט זיך אַרײַנצומישן אין די פּריוואַטע ענינים פון אונדזערע פרײַוויליקע. איך האָב פון זײ געפאָדערט נאָר צוויי זאַכן: זײ זאָלן מיר געבן דעם גענויען אַדרעס און טעלעפאָן־נומער פון זייער „מיידל", כדי איך זאָל זײ קענען געפינען אז מיר וועלן זיך אין זײ נייטיקן. עס האָט אָפט געטראָפן אַז מיר האָבן געדאַרפט בײַטן דעם פּערסאָנאַל פון אַן עראָפּלאַן און איך האָב געמוזט וויסן ווו יעדער איינער געפינט זיך. שפּעטער מיט יאָרן, ווען די טשעכישע געהיים־פּאָליציי האָט בײַ מיר געפונען אַזאַ ביכל מיט אַדרעסן, האָט מען מיך געמאַטערט איך זאָל זיך מודה זײַן אַז די מיידלעך וואָס זענען בײַ מיר געווען פאַרשריבן האָבן אַלע שפּיאָנירט פאַר ישראל, הגם די פּאָליציי האָט געוווּסט דעם אמת וועגן אָט דער רשימה. צווייטנס, האָב איך געפאָדערט פון די פרײַוויליקע זײ זאָלן זיך נישט אַרײַנלאָזן מיט די פרויען און מיידלעך אין קיין שוואַרצע געשעפטן, ווײַל אַלע אַרבעטן זײ פאַר דער פּאָליציי. איך האָב זײ אויך געבעטן זײ זאָלן זיך נישט אַרײַנלאָזן אין קיין ליבע־ראָמאַנען, ווײַל דאָס קען אונדז אַלעמען אַ סך קאָסטן און אַ סך שאַטן.

דער גרעסטער טייל האָט זיך באַמיט צו פאָלגן אונדזערע באַפעלן. עס זענען אָבער אויך געווען עטלעכע ראָמאַנטישע בחורים וואָס האָבן זיך פאַרליבט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. די מיידלעך וואָס האָבן געהאַפּט זיך אַרויסצורײַסן פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ מיט דער הילף פון די פּילאָטן, האָבן געשפּילט ליבעס און עטלעכע האָבן אַפילו געטענהט אַז זײ זענען טראָגעדיק. כדי אַ סוף צו מאַכן צו דעם דאָזיקן ענין האָבן מיר די ראָמאַנטישע בחורים אַוועקגעשיקט קיין ישראל און די געליבטעס זייערע האָבן מיר קאַטעגאָריש דערקלערט אַז מיר האָבן נישט בדעה אַרויסצושמוגלען פון לאַנד קיין טשעכישע פרויען. לרוב האָבן מיר זײ פאַרגיטיקט מיט געלט.

צווישן די פרײַוויליקע איז געווען אַן אַמעריקאַנער, נישט קיין ייִד, מיטן נאָמען מאָר. ער האָט געדינט אין דער אַוויאַציע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה און ווען ער איז צו אונדז געקומען האָט ער געטראָגן אויפן האַלדז אַ קייט מיט אַ צלמל און אַ מגן־דוד. אויף מײַן שאלה פאַר וואָס ער, ווי אַ

קריסט, איז געקומען אונדז העלפֿן, האָט ער מיר געענטפֿערט, אַז ד׳וקא ווי אַן אמתער קריסט גלייבט ער אַז ארץ־ישׂראל געהערט צו די ייִדן און דערפֿאַר וויל ער קעמפֿן ווי אַ גלייביקער, כּדי מיר זאָלן האָבן דאָס לאַנד. ער איז געווען אַ שיינער, ברייטפּלייציקער בלאָנדער שייגעץ. בײַ דער אַרבעט האָט מען צו אים קיין טענות נישט געהאַט ווײַל ער האָט אַלץ געטאָן ווי עס געהער צו זײַן.

צוליב זײַן אויסזען מסתּמא זענען די פּראָגער פּרויען אים נאָכגעלאָפֿן ווי משוגענע. קודם האָב איך געמיינט אַז מאָר איז אויך איינער פֿון די ראָמאַנטישע בחורים, אָבער שפּעטער האָב איך זיך איבערצײַגט אַז ער איז סתּם אַ דאָן־זשואַן און האָט פּשוט הנאה פֿון די ליבעס. איך וואָלט אַפֿילו געזאָגט אַז ער האָט זיך געמאָלדן פֿרײַוויליק כּדי אויף אַ צײַט פּטור צו ווערן פֿון זײַן ווײַב און לעבן אין פּראָג ווי אַ פֿרײַער פֿויגל. דאָס זענען מיר אָבער ערשט געוווּיר געוואָרן שפּעטער, נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך פֿאַרענדיקט. היות מאָר איז נישט געווען קיין ייִד האָט אונדז נישט געאַרט ער זאָל חתונה האָבן מיט אַ טשעכיש מיידל. ווען ער איז מיט איר געקומען און האָט דערקלערט אַז ער האָט זי ליב און וויל מיט איר חתונה האָבן, זענען מיר געווען מסכּים, בתּנאַי אַז די טשעכישע אויטאָריטעטן זאָלן געבן זייער דערלויבעניש און די אַמעריקאַנישע אַמבאַסאַדע זאָל באַשטעטיקן די נייטיקע דאָקומענטן. אויף אונדזער אינטערווענץ זענען די טשעכן געווען גרייט איר צו געבן אַ פּאַספּאָרט, אויב זי וועט חתונה האָבן מיט אַן אַמעריקאַנער. אויך די אַמעריקאַנישע אַמבאַסאַדע האָט באַשטעטיקט, אַז מאָר איז אַ נישט קיין חתונה־געהאַטער. ביזן הײַנטיקן טאָג ווייס איך נישט ווי ער האָט אַרויסבאַקומען אַזאַ דאָקומענט.

מאָר האָט געשפּילט דעם פֿאַרליבטן און גליקלעכן חתן און מיר האָבן אים אַלע געגלייבט. מיר האָבן באַשלאָסן אים צו מאַכן אַ חתונה ער זאָל אונדז אַ לעבן לאַנג געדענקען און אויך דערציילן די קינדער זײַנע ווי אַזוי מדינת־ישׂראל האָט זיך אויפֿגעפֿירט לגבי אַ מענטש וואָס איז געקומען איר העלפֿן אין דער מלחמה. איך האָב געדונגען אַ פּראַקטיקן זאַל און געלאָזט ברענגען דורך אונדזער אַמבאַסאַדע פֿון כּל־טוב, זאַכן וואָס זענען אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ געווען אַ זעלטנקייט. אויף דער חתונה זענען געקומען אַלע בחורים וואָס זענען געווען פֿרײַ אין יענעם אָוונט. אַחוץ דער משפּחה פֿון דער כּלה האָבן מיר אויך פֿאַרבעטן עטלעכע טשעכישע פּערזענלעכקייטן.

ס׳איז געווען אַ פֿריילעכע חתונה וואָס האָט געדויערט ביזן העלן טאָג אַרײַן. ווי דער הויפּט־מחותּן האָב איך געהאַלטן אַ דרשה און האָב געווונטשן

דעם נײַעם פֿאָרפֿאָלק מזל און ברכה אין דער צוקונפֿט. אונדזער מתּנה פֿאַרן פֿאָרפֿאָלק איז געווען אַ וואָך אורלויב אין די טאַטראַ־בערג, — אַ באַשיידענע מתּנה פֿאַר אַ מענטש וואָס האָט פֿאַרלאָזט זײַן היים און איז געקומען אונדז העלפֿן.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט זענען אַלע פּרײַוויליקע געקומען אין ישׂראל און דאָ האָבן זיי געדאַרפֿט באַשליסן צי זיי ווילן בלײַבן אין לאַנד אָדער זיך אומקערן אין זייערע היימען. מאַר מיט זײַן פֿרוי זענען אויך געקומען קיין תּל־אָביב און מיר האָבן זיי צײַטווײַליק אײַנגעאָרדנט אין האָטעל־„גת־רמון”.

אַ גרויסער טייל פֿון די פּרײַוויליקע האָבן זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע. דער פּילאָט מאַר האָט זיך אויך אומגעקערט, אָבער ער איז אַוועק ווי אַ גנב אין מיטן נאַכט און האָט אונדז איבערגעלאָזט אין האָטעל ווי אַ מתּנה זײַן טשעכישע פֿרוי. נאָך לאַנגע זוכענישן האָט זי זיך דערוווּסט אַז ער האָט אין אַמעריקע אַ פֿרוי. ער האָט זי פּשוט אָפּגענאַרט. מיר האָבן געמוזט אויסהאַלטן די טשעכישע פֿרוי אין האָטעל ביז זי האָט באַקומען אַ גט פֿון אַמעריקע, ווײַל זי האָט דערווײַל נישט געהאַט וווּהין צו גיין. נאָך דעם ווי זי האָט באַקומען דעם גט האָט זי זיך באַקענט מיט אַ פּילאָט פֿון אַן אַמעריקאַנישער פֿלי־געזעלשאַפֿט, האָט מיט אים חתונה געהאַט און איז אַוועק קיין אַמעריקע. לאָמיר האָפֿן אַז די צווייטע חתונה איז געווען מזלדיקער ווי די ערשטע.

אַ וויזיט פֿון אַמעריקאַנישן אַמבאַסאַדאָר

בײַם אָנהייב איז מײַן פֿרײַנד לוי אַרגאָוו געווען דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער איבערן פֿליפֿלאַץ אין זשאַטעץ. אַרגאָוו איז געווען אַ חבר פֿון קיבוץ העוגן, אַ זייער פֿעיִקער בחור, מיט אַ רײַכן עבר אין ענינים פֿון אומלעגאַלער עליה. ווען אַרגאָוו האָט אָנגעהויבן זיך צו פֿאַרנעמען מיט אײַנקויפֿן מאַשינען און לאַסט־אויטאָס פֿאַר די קיבוצים אין ישׂראל האָט אָהוד פֿון מיר געפֿאָדערט איך זאָל איבערנעמען די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף זשאַטעץ.

ווי איך האָב שוין פֿריִער דערמאָנט, האָבן מיר געדונגען אַלע האָטעלן אין זשאַטעץ פֿאַר אונדזערע פּרײַוויליקע און דאָס פֿאַרשלאָפֿענע שטעטל האָט פּלוצעם אויפֿגעלעבט. אַ סך פֿון זײַנע אײַנוווינערס האָבן געהאַט פֿון אונדז פּרנסה. פֿאַרשטייט זיך אַז כּמעט אַלע זשאַטעצער אײַנוווינערס האָבן געוווּסט וואָס די פּרײַוויליקע טוען אויפֿן פֿליפֿלאַץ, ווײַל דאָס איז פֿאָרגעקומען ממש אונטער זייערע אויגן. בעיקר האָבן זיי געזען די באַוועגונג פֿון עראָפּלאַנען אויף אַ פֿעלד וואָס מען האָט יאָרן־לאַנג נישט באַנוצט. איך בין זיכער אַז

גאַנץ פּראַג האָט געוווּסט און אַפילו די גאַנצע טשעכאָסלאָוואַקײַ. מיר האָבן אָבער אַלץ אָפּגעלייקנט, בעיקר אַז מיר שיקן געווער קיין ישׂראל. מיר האָבן אויך געפּאָדערט פון די פּריַווויליקע זיי זאָלן פאַר קיינעם נישט רעדן דערוועגן.

ס׳איז בכלל נישט קיין וווּנדער וואָס אונדזער אַקטיוויטעט אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, און בפרט אין זשאַטעץ, איז נישט געבליבן קיין סוד. די אַרבעט איז געווען שטאַרק פאַרצווײַגט און עס האָבן אין איר אָנטייל גענומען צו פיל מענטשן. דעריבער איז נישט שווער געווען געוויר צו ווערן וואָס מיר טוען און צו באַקומען די נייטיקע אינפאָרמאַציעס.

קודם־כּל זענען געווען פאַראינטערעסירט דערין די אַראַבישע אַמבאַסאַדעס אין פּראַג. זיי האָבן זיך געווענדט מיט פּראָטעסטן צו דער טשעכישער רעגירונג, אָבער די טשעכן האָבן אַלץ אָפּגעלייקנט: לא היה ולא נברא. האָבן זיי זיך געוואָנדן צו דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדע אין פּראַג און האָבן געטענהט אַז אויב אַמעריקאַנישע בירגער העלפן שמוגלען געווער קיין ישׂראל, קעגן דעם באַשלוס פון דער אונאָ, איז אַמעריקע פאַראַנטוואָרטלעך און דאַרף זיך מתחייב זײַן דאָס צו פאַרמײַדן.

דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר, שטיינהאַרד, איז נישט געווען אַ קעגנער פון מדינת־ישׂראל און ער האָט געפּרוווּט פאַררעדן די אַראַבער מיט פאַרשיידענע הבטחות. זיי האָבן זיך אָבער נישט געלאָזט און יעדן טאָג געבראַכט נײַע באַווײַזן אַז די אַמעריקאַנישע פּילאָטן העלפן עפנטלעך אַרויסשמוגלען געווער פון אַ טשעכישן מיליטערישן פליפלאַץ לעבן פּראַג — און זיי, די אַראַבישע אַמבאַסאַדאָרן, זענען גרייט דאָס אויפצווײַזן.

שטיינהאַרד האָט קיין ברירה נישט געהאַט. ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אויטאָ און איז געפאָרן קיין זשאַטעץ. בײַם טויער פון פליפלאַץ האָט אים דער וועכטער אָפּגעשטעלט, ווײַל ער האָט נישט געהאַט קיין באַוויליקונג פון די טשעכישע אויטאָריטעטן מיט אונדזער באַשטעטיקונג. דער אַמבאַסאַדאָר איז אַוועק אַ באַליידיקטער און זיך געלאָזט זוכן דעם האָטעל „סטאַלינגראַד״, ווו לויט די אַראַבישע אינפאָרמאַציעס, וווינען די פּריַווויליקע פון אַמעריקע. אין האָטעל האָט ער זיך, פאַרשטייט זיך, נישט פאָרגעשטעלט ווי דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר, נײַערט ווי אַ סוחר פון האָפּן, וואָס איז געקומען אײַנקויפן האָפּן פאַר דער אַמעריקאַנישער ביר־אינדוסטריע. זשאַטעץ איז געווען באַקאַנט מיט איר גערעטעניש אין האָפּן.

אין האָטעל „סטאַלינגראַד״ האָט שטיינהאַרד געזען אַמעריקאַנישע פרײַוויליקע וואָס פאַרברענגען זייער פרײַע צײַט אין האָל, עסן, טרינקען און

שפּילן אין קאָרטן. די פּריַווויליקע האָבן אים פאַרבעטן ער זאָל מיט זיי פאַרברענגען און האָבן זיך געפרייט וואָס זיי באַגעגענען אַ לאַנדסמאַן. פאַרשטייט זיך אַז בעת זיי האָבן אין איינעם פאַרבראַכט האָבן די פּילאָטן אויסדערציילט אַלץ וואָס זיי טוען אין זשאַטעץ, הגם מיר האָבן זיי געבעטן זיי זאָלן מיט קיינעם נישט רעדן דערפון. שטיינהאַרד האָט זיי צוגעזאָגט אַז ער וועט מיטנעמען אַ לעבעדיקן גרוס פאַר זייערע קרובים, ווי באַלד ער וועט איַינקויפן די סחורה און זיך אומקערן אַהיים. די פּריַווויליקע זענען געווען גליקלעך. זיי האָבן אים אויפגעשריבן זייערע ריכטיקע נעמען און די פּינקטלעכע אַדרעסן פון זייערע קרובים. (דאָ וויל איך באַמערקן אַז עטלעכע פון זיי האָט מען טאַקע אַרעסטירט אויפן סמך פון אָט דער רשימה און אַ טייל אויך פאַרמישפּט — ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין אַמע־ריקע).

דער אַמבאַסאַדאָר שטיינהאַרד איז צוריקגעפאָרן קיין פּראָג און האָט זיך תּיכף פאַרבונדן מיטן טשעכישן אויסערן־מיניסטער קלעמענטיס. ער האָט אים צוגעשטעלט אַ שאַרפן פּראָטעסט אין נאָמען פון דער אַמעריקאַנישער רעגירונג און האָט באַשולדיקט די טשעכאָסלאָוואַקיַי אַז זי האַלט נישט איַין דעם באַשלוס פון דער אונאָ, אין שיַיכות מיט דער נייטראַליטעט פון אַלע לענדער לגבי דעם סיכסוך אין נאָענטן מיזרח. ער האָט אויך דערציילט דעם טשעכישן אויסערן־מיניסטער אַלע פּרטים וואָס ער האָט געזען אין זשאַטעץ.

דער אויסערן־מיניסטער קלעמענטיס האָט געטענהט אַז ער ווייס פון גאָר־נישט און ער איז געווען געדעכט. מיר האָבן איַינגעאָרדנט אונדזערע ענינים מיטן פאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום. דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר האָט נישט אָנגענומען דעם תּירוץ און האָט געטענהט אַז אַלץ וואָס ער האָט אים דערציילט האָט ער געזען מיט אייגענע אויגן. ער האָט געזען דעם פּליפּלאַץ ווו עס זענען געווען קאָנצענטרירט גאַנצע בערג מיט אַמוניציע און קעסטלעך וואָס איטלעכס קינד האָט דערקענט אַז דאָרט זענען נישטאָ קיין מאַראַנצן. ער האָט געזען פּרעמדע עראָפּלאַנען. ער האָט געוואָלט אַריַינגיין, אָבער מען האָט אים פאַרהאַלטן וויַיל ער האָט נישט געהאַט אַ באַווויליקונג פון מענטשן וועלכע ער קען אַפילו נישט. ער האָט פּערזענלעך גערעדט מיט צענדליקער פּילאָטן אין האָטעל „סטאַלינגראַד" און האָט אויך פאַרשריבן זייערע נעמען און אַדרעסן. נאָך אָט דעם אַלעמען איז אים שווער אָנצונעמען דעם תּירוץ פונעם אויסערן־מיניסטער אַז ער ווייס פון גאָרנישט.

קלעמענטיס האָט געוואָלט געווינען ציַיט. ער האָט דערקלערט אַז ער פּערזענלעך הערט דאָס צום ערשטן מאָל, אָבער ער איז גרייט מאָרגן,

זייגער עלף אין דער פרי, צו פֿאָרן קיין זשאַטעץ אין איינעם מיטן אַמעריקאַנישן אַמבאַסאַדאָר, כּדי זיך צו איבערצײַגן, און דערנאָך וועט ער דעם ענין דרינגלעך ברענגען פֿאַר דער טשעכישער רעגירונג. מען האָט זיך געזעגנט און באַשטימט זיך צו טרעפֿן צו מאָרגנס זייגער עלף.

ביעור חמץ

קלעמענטיס האָט זיך תּיכּף פֿאַרבונדן מיטן פּאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום, דערציילט די גאַנצע מעשׂה, און געזאָגט אַז מאָרגן פֿאָרט ער קיין זשאַטעץ אין איינעם מיטן אַמעריקאַנישן אַמבאַסאַדאָר. דאָס פּאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום האָט זיך תּיכּף פֿאַרבונדן מיט אונדז און אין איינעם האָבן מיר באַשלאָסן אַז ביז מאָרגן זייגער עלף וועט דער פֿליפֿלאַץ זײַן ריין. עס וועט דאָרט נישט זײַן קיין זכר פֿון געווער און קיין סימן פֿון פּרײַוויליקע.

מיר האָבן פֿאַרלאָדן אַלע עראָפּלאַנען און זיי אַוועקגעשיקט קיין ישׂראל. די קעסטלעך וואָס זענען איבערגעבליבן האָבן מיר צײַטווײַליק צוריקגעשיקט אין פֿאַבריק. די שווערסטע פּראָבלעם איז געווען מיט די פּרײַוויליקע. נאָר אַ טייל פֿון זיי איז געווען אין זשאַטעץ. דאָס רוב האָט פֿאַרבראַכט די פֿרײַע צײַט אין פּראָג. מיר האָבן זיי תּיכּף געמוזט אָפּזוכן, זיי אַרײַנזעצן אין עראָפּלאַנען און אָפּשיקן קיין ישׂראל. דאָס איז געווען מײַן אַרבעט. קיין אייגענעם אויטאָ האָבן מיר נישט געהאַט, אָבער אַ טשעכישער שאָפֿער מיטן נאָמען פּילאַר האָט בײַ אונדז געאַרבעט מיט זײַן טאַקסי. אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך אַרומגעיאָגט איבער פּראָג מיטן טאַקסי אין אַלע באַרן און בײַ אַלע אַדרעסן פֿון די מיידלעך וואָס איך האָב באַקומען פֿון די פּילאָטן ביז איך האָב זיי אַלעמען פֿאַרזאַמלט, אָפּגעפֿירט קיין זשאַטעץ און אַוועקגעשיקט קיין ישׂראל.

יענע נאַכט וועל איך קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן. אויך די קללות פֿון די פּרײַוויליקע וועל איך נישט פֿאַרגעסן, ווען איך האָב זיי אַרויסגעשלעפּט פֿון וואַרעמע אײַנגענעמע בעטן. דער פֿליפֿלאַץ אין זשאַטעץ האָט געררויעט ווי אַ בינשטאָק. מען האָט אָנגעלאָדן געווער אין עראָפּלאַנען, וואָס זענען באַלד אַרויסגעפֿלויגן קיין ישׂראל; מען האָט פֿאַרלאָדן די איבערגעבליבענע קעסטלעך אין לאַסטאויטאָס און זיי צוריקגעשיקט אין פֿאַבריק; פּרײַוויליקע פּילאָטן האָבן זיך פֿאַרזאַמלט און געוואַרט מיטן לעצטן עראָפּלאַן אָפּצופֿליִען קיין ישׂראל.

אַלץ איז געטאָן געוואָרן שטיל, אין דער פֿינצטער, עס זאָל נישט דערוועקן קיין חשד. מען האָט זיך באַנוצט מיט פּשוטע ליכט, ווי בײַ ביעור חמץ.

אין דער פרי איז דער פּליפּלאַץ געווען ריין. ס׳איז קיין סימן נישט געבליבן פון אונדזער אַקטיוויטעט. ער האָט ווידער געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ פאַרלאָזטן אָרט, אַרומגערינגלט מיט שטעכלדראָט. דער איינציקער אינצידענט איז געווען וואָס דרײַ פון אונדזערע פּילאָטן האָבן אין דער פינצטער מצליח געווען אַרײַנצושמוגלען דרײַ טשעכישע מיידלעך אַנגעטאָן אין מענערישע מונדירן און זיי אַרויסגעפירט קיין ישׂראל. ווען די אומגעבעטענע געסט זענען אָנגעקומען אין עקיר איז געוואָרן אַ טומל און מען האָט אונדז תּיכּף געפרעגט דורכן טעלעפאָן וואָס מען זאָל מיט זיי טאָן. מיר האָבן מורא געהאַט אַז די עלטערן פון די דרײַ מיידלעך וועלן מעלדן דער פּאָליציי און מען וועט אונדז באַשולדיקן אַז מיר שמוגלען אַריבער מענטשן קיין ישׂראל. דערפאַר האָבן מיר באַשלאָסן די מיידלעך צוריקצוברענגען. מיר האָבן דערציילט דער פּאָליציי וואָס עס איז פאָרגעקומען און געבעטן מען זאָל די מיידלעך נישט באַשטראָפן אַז זיי וועלן זיך אומקערן. דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט זייער ראָמאַנטישע נסיעה.

צו מאָרגנס, מיטאָג־צײַט, זענען אָנגעקומען קיין זשאַטעץ דער אויסערן־מיניסטער קלעמענטיס און דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר. זיי האָבן געפונען אַ ליידיקן פּלאַץ, אַן אָפּגעלאָזענעם. מענטשן וואָס זענען געווען דערבײַ האָבן דערציילט, אַז דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר איז געוואָרן בלייך פאַר כּעס און האָט אָנגעהויבן צו שרײַען: ווו זענען די שומרים וואָס האָבן מיך נישט געלאָזט אַרײַנגיין? ווו זענען די קאַסטנס וואָס זענען דאָ געלעגן? דער אויסערן־מיניסטער האָט אים רויִק געענטפערט: „אַנטשולדיקט, אויפן פּליפּלאַץ איז קיין זאַך נישט פאַראַנען, וועגן וועלכע איר האָט אײַך באַקלאָגט!"

דער אַמבאַסאַדאָר איז אַרײַנגעפאָרן אין שטעטל, גלײַך צו דעם האָטעל „סטאַלינגראַד". אָבער אויך דאָרטן איז געווען שטיל. קיין זכר פון די אַמעריקאַנישע פּרײַוויליקע וואָס זענען ערשט נעכטן דאָרטן געווען. ער האָט געפרעגט דעם פאַרוואַלטער פון האָטעל: „ווו זענען די אַמעריקאַנער?" דער ענטפער איז געווען: „וועלכע אַמעריקאַנער?" דער אַמבאַסאַדאָר האָט געטענהט אַז ער האָט ערשט נעכטן מיט זיי געטרונקען. דערויף האָט אים דער פאַרוואַלטער געבראַכט דאָס האָטעל־בוך ווו עס ווערן פאַרצייכנט די געסט. קיין איינציקער פון די אַמעריקאַנער וואָס האָבן אים ערשט נעכטן געגעבן זייערע נעמען און אַדרעסן זענען דאָרטן נישט געווען.

דער אַמבאַסאַדאָר האָט נישט געוווסט אַז דער האָטעל פירט אַ דאָפּעלע בוכהאַלטעריע, ספּעציעל פאַר אונדזערע מענטשן, לויט אַן אָפּמאַך מיט דער

פּאָליציי. ער איז געבליבן געפּלעפּט. עס איז אים גאָרנישט איבעריק געבליבן ווי זיך אַרײַנצוזעצן אין אויטאָ, זיך אומקערן קיין פּראָג און קיינעם נישט דערציילן וואָס ס'איז מיט אים פּאָרגעקומען.

שטיינהאַרד איז געווען אַן אַלטער דיפּלאָמאַט מיט אַ רײַכער דערפאַרונג. ער האָט יאָרן־לאַנג געאַרבעט אין דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדע פון מאָסקווע און האָט דאָרטן געהאַט עטלעכע שווערע אינצידענטן מיט די רוסן. מיט יאָרן שפּעטער, בײַ אַ פרײַנדשאַפטלעכער מסיבה אין דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע, האָט ער זיך לאַכנדיק מודה געווען אַז אַפילו די רוסן איז נישט געראָטן אים אַזוי צו פירן בײַ דער נאָז ווי די ישׂראלים. ער האָט צוגעגעבן אַז דעמאָלט האָט עס אים פאַרדראָסן, אָבער הײַנט איז ער צופרידן וואָס ס'איז אונדז געראָטן.

פאַרשטייט זיך אַז דער אויסערן־מיניסטער קלעמענטיס האָט נאָר אין זינען געהאַט די טובה פון זײַן לאַנד: ער האָט נישט געוואָלט האָבן קיין צרות מיט דער אונאָ. מיט יאָרן שפּעטער האָט דער מלוכישער פּראָקוראָר פון דעסטוועגן געהאַט די חוצפּה אים צו באַשולדיקן אַז ער איז געווען אַ ישׂראל־דיקער אַגענט, אַז ער האָט געהאָלפן ישׂראל און האָט געוואָלט דערפירן צו אַ קאָנפליקט מיט די פרײַנדשאַפטלעכע אַראַבישע לענדער. פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז געווען אַ ליגן, אָבער קיין שום זאַך האָט אים נישט געקענט ראַטעווען פון דער תּליה.

אין דער זעלביקער צײַט האָבן מיר נישט מותּר געווען צו שיקן געווער מיט שיפן און דערצו האָבן מיר זיך באַנוצט מיט יוגאָסלאַווישע האַפנס. דער פּרינציפּ איז געווען נישט מותּר צו זײַן אויף קיין שום מעגלעכקייט צו שיקן געווער קיין ישׂראל, וואָס האָט דעמאָלט געפירט אַ שווערע מלחמה.

כּדאַי צו דערציילן אַן עפּיזאָד וואָס איז פאָרגעקומען בעת מיר האָבן געהאַלטן אין קויפן די „מעסערשמיד" און „ספּיטפּײַער"־עראָפּלאַנען אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. ווען אַלץ איז שוין געווען אָפּגעשלאָסן — די פּרײַזן און דער טערמין ווען מען דאַרף צושטעלן די עראָפּלאַנען — האָבן אונדז די טשעכן מודיע געווען אַז זיי האָבן שוין זינט יאָרן אַ פאַרטרעטער אין תּל־אָביב, מיטן נאָמען ראַטענבערג, און מיר דאַרפן אים באַצאָלן קאָמיסיאָן פאַר די עראָפּלאַנען וואָס מיר האָבן געקויפט.

מיר זענען געווען זיכער אַז היות ראַטענבערג איז אַ ישׂראלדיקער בירגער, וועלן מיר זיך מיט אים פאַרגלײַכן און מיר האָבן אים מודיע געווען ער זאָל קומען קיין פּראָג. צו אונדזער איבערראַשונג איז ראַטענבערג באַשטאַנען אויף זײַן רעכט, ווי דער פאַרטרעטער פון דער פאַבריק „אַוויאַ" און האָט

געפאָדערט בערך הונדערט טויזנט דאָלאַר קאָמיסיאָן. מיר האָבן באַצאָלט די סומע און געהאָפט אַז ער וועט זיך אומקערן קיין תּל־אָביב, ווו מיר וועלן זיך מיט אים שוין אָפּרעכענען. ער האָט זיך אָבער אָפּגעטראָגן מיט געלט אין איינעם פון די סקאַנדינאַווישע לענדער, ווו ער לעבט ביזן היינטיקן טאָג. דאָס פּיקאַנטע אין דעם גאַנצן ענין איז וואָס ראָטענבערג האָט אין משך פון די צוואַנציק יאָר, זינט ער האָט שטודירט אויף אינזשעניר אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי און האָט איבערגענומען די פּאַרטרעטונג פון דער פירמע „אַוויאַ" פאַרן גאַנצן נאָענטן מיזרח, נישט אָפּגעשלאָסן קיין איין איינציק געשעפט פאַר די טשעכן. פון דעסטוועגן זענען זיי איצט באַשטאַנען דערויף אַז ער איז זייער פאַרטרעטער און עס קומט אים קאָמיסיאָן.

מיר האָבן זיך באַמיט אויסצונוצן אונדזערע גוטע באַציִונגען מיט דער טשעכישער רעגירונג, איינצואָרדענען פליקורסן פאַר אונדזערע בחורים, כּדי מיר זאָלן האָבן אייגענע פּילאָטן. איך וויל נאָר דערמאָנען צוויי פון זיי: עזר ווייצמאַן און מרדכי הוד. שפּעטער האָבן די טשעכן אויך איינגעאָרדנט אַ קורס פאַר פּאַראַשוטיסטן פאַר אונדזערע בחורים. זיי האָבן דעם קורס דורכגעמאַכט אויף אַ מיליטערישער באַזע פון דער טשעכישער אַרמיי, אין איינעם מיט טשעכישע סאָלדאַטן. די באַציִונג צו זיי איז געווען אויסער־געוויינטלעך פריינדלעך, ווי צווישן אמתע וואָפן־חברים.

מיר האָבן אויך באַקומען דערנאָך די הסכּמה פון פּאַרטיידיקונגס־מיניס־טעריום, מיט דער הילף פון גענעראַל רייצין, אויפצושטעלן אַ טשעכישע בריגאַדע פון פריַוויליקע, וואָס האָבן פריִער געדינט אין דער טשעכישער אַרמיי. אין דער דאָזיקער בריגאַדע האָבן זיך באַטייליקט טשעכישע אָפיצירן וואָס האָבן געקעמפט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה אין דער באַרימטער טשעכישע בריגאַדע וואָס גענעראַל סוואָבאָדאַ האָט אָרגאַניזירט אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס רוב אָפיצירן וואָס האָבן זיך געמאָלדן אין דער בריגאַדע זענען געווען ייִדן, אָבער דער געדאַנק אויפצושטעלן אַזאַ בריגאַדע וואָס זאָל קעמפן פאַר מדינת־ישׂראל איז געקומען דווקא פון אַ נישט־ייִדן, מאַיאָר סוכאַר. דערפאַר טאַקע האָבן זיך געמאָלדן אין דער בריגאַדע אויך נישט־ייִדישע אָפיצירן. מאַיאָר סוכאַר האָט געדינט אין דער טשעכישער אַרמיי, איז געווען אַן איבערגעגעבענער קאָמוניסט און האָט געהאַט די אויסצייכע־נונג „העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד". דערביי איז ער געווען אַ גרויסער פריינד פון ייִדישן פאָלק. ער האָט אונדז געוואָלט געבן אַ ממשותדיקע הילף און האָט נישט גערוט אַזוי לאַנג ביז ער האָט אויפגעשטעלט די בריגאַדע. די איבער

טויזנט אָפּיצירן האָבן דורכגעמאַכט שווערע מיליטערישע געניטונגען אונטער זײַן אָנפירונג און האָבן נאָך באַוויזן אָנטייל צו נעמען אין אונדזער פרײַ־הייטס־מלחמה.

נאָך דער מלחמה איז דער גרעסטער טייל פון די אָפּיצירן געבליבן אין ישׂראל, ווו זיי לעבן ביזן הײַנטיקן טאָג צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. מאיר סוכאר האָט זיך נאָך דער מלחמה אומגעקערט אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. ער איז אומגעקומען אין אַן אויטאָ־אַקצידענט אין 1951 און איז באַגראָבן געוואָרן אין טשעכישן פּאַנטעאָן, וווּ עס ליגן די נאַציאָנאַלע העלדן פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. ווערדליק מיר, האָט ער געהאַט מזל. ווען ער בלײַבט לעבן, וואָלט מען אים זיכער געווען אַרעסטירט אין יאָר 1952 און פאַרמישפּט ווי אַ ציוניסט. די אויסצייכענונג „העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד" וואָלט אים אַוודאי נישט געראַטעוועט.

ווי אַזוי מיר האָבן געהאָלפן די טשעכן

ווען די קאָמוניסטן האָבן איבערגענומען די גאַנצע מאַכט אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, כאָטש עס האָט געהייסן כּלפּי־חוץ אַז דאָס איז אַ קאָאַליציע־רעגירונג, האָבן די מערבדיקע לענדער אַרויפגעלייגט אַן עמבאַרגאָ אויף רוימאַטעריאַל און מאַשינען. ווער עס האָט נישט רעספּעקטירט דעם עמבאַרגאָ און פאַרקויפט פאַר די טשעכן פאַרבאָטענע סחורות איז תּיכּף אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין דער שוואַרצער רשימה. די טשעכאָסלאָוואַקײַ האָט שטאַרק געליטן דערפון, ווײַל זי האָט נישט געקענט אַנטוויקלען איר אינדוסטריע. די פאַבריקן האָבן נישט געאַרבעט, ווײַל זיי האָבן נישט געהאַט קיין רוימאַטעריאַל. די טשעכן האָבן זיך צו אונדז געוואָנדן מיט אַ בקשה: אַזוי ווי זיי העלפן אונדז באַקומען געווער אין אַ צײַט ווען די גאַנצע וועלט וויל אונדז נישט פאַרקויפן, זאָלן אויך מיר זיי אַרויסהעלפן אײַנקויפן די לעבנס־וויכטיקע סחורות אין וועלכע זיי נייטיקן זיך פאַר זייער אינדוסטריע.

לויט אונדזער מיינונג איז די בקשה געווען אַ גערעכטע. מיר האָבן אָבער נישט געקענט אַליין באַשליסן און האָבן זיך געוואָנדן צו די מנהיגים אין ישׂראל. בן־גוריון איז געווען קעגן. ער האָט מורא געהאַט אַז אויב די אַמעריקאַנער וועלן זיך דערוויסן וועלן זיי נישט לאָזן אַרויספירן דאָס געלט וואָס מיר זאַמלען דאָרט, אָדער גאָר אין גאַנצן פאַרווערן אונדזער מגבית. ער האָט פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן געפינען ישׂראלים וואָס מאַכן פאַרשיידענע געשעפטן אין אייראָפּע און זיי אײַנשפּאַנען אַז זיי זאָלן העלפן די טשעכן. בן־גוריון האָט געטענהט אַז אויף אַזאַ אופן וועלן מיר קענען דערווײַזן די

טשעכן אַז מיר טאָן אַלץ כּדי זיי צו העלפן און דערבײַ זאָגן די אַמעריקאַנער, אויב זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז דאָס איז אַ פּריוואַטער ענין פֿאַר וועלכן מיר טראָגן נישט קיין אַחריות.

אין יענער צײַט זענען באמת געווען אַ סך ישׂראלים אין אייראָפּע, וואָס האָבן געוואָלט וואָס גיכער און וואָס גרינגער מאַכן געלט. בדרך־כּלל האָבן זיי געהאַנדלט מיט פֿאַרשיידענע סחורות וואָס זענען פֿאַרבליבן אין דער אַמע־ריקאַנישער און ענגלישער אַרמיי נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיר האָבן זיך צו זיי געוואַנדן און פֿאַר זיי געעפֿנט די טירן פֿון דער טשעכישערווירטשאַפֿט. מיר, קיבוצניקעס האָבן נישט געטויגט דערצו, אָבער זיי האָבן אין אַ קורצער צײַט געמאַכט אַ שווער פֿאַרמעגן. זיי האָבן אויסגענוצט דעם מצב וואָס די טשעכן האָבן געהאַט געבונדענע הענט און האָבן זיך אַליין נישט געקענט העלפֿן.

איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט קיין דיפּלאָמאַטישע אַמביציעס. איך האָב קוים געוואַרט די מלחמה זאָל זיך פֿאַרענדיקן, איך זאָל זיך אומקערן צו מײַן משפּחה און צו מײַן אַרבעט אין קופּת־חולים. דערפֿאַר האָב איך אויך נישט געוואָלט ברענגען מײַן משפּחה קיין פּראָג, ווי אַנדערע האָבן געטאָן. איך בין אין פּראָג געווען צײַטווײַליק, פּראָוויזאָריש, האָב געוווינט אין האָטעל און געגעסן אין רעסטאָראַן.

אֶהוד אַבריאל האָט אָבער געהאַט זײַנע חשבונות. ער האָט, ווי־עס ווײַזט אויס, געוואָלט האָבן לעבן זיך מענטשן אויף וועלכע ער קען זיך פֿאַרלאָזן. ער האָט מיך געוואָלט צובינדן אין פּראָג. דערפֿאַר האָט ער געפֿאָדערט די הסכּמה פֿון די ישׂראלדיקע אויטאָריטעטן צו ברענגען מײַן משפּחה. איך בין געווען געפּלעפֿט ווען ער האָט מיר מודיע געווען אַז אין דרײַ טעג אַרום קומט מײַן משפּחה און אַז איך דאַרף זיך צוגרייטן זיי אויפֿצונעמען. איך האָב זיך, פֿאַרשטייט זיך, זייער געפֿרייט און איך וועל קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן וואָס אֶהוד האָט פֿאַר מיר געטאָן. אָבער אויך דעמאָלט האָב איך נישט געהאַט בדעה זיך צו באַזעצן אויף אַ לענגערער צײַט. איך האָב געדונגען אַ דירה בלויז אויף זעקס חדשים, ווײַל איך האָב נאָך געגלייבט אַז אין אַ האַלב יאָר אַרום וועל איך זײַן אין דער היים.

מײַנע פֿרײַנד זענען אַלע געקומען אויפֿן פֿליפֿלאַץ מקבל־פּנים זײַן אלי־שבען און די קינדער. זי איז געווען איבערראַשט זיך צו באַגעגענען מיט אַזוי פֿיל עולם, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע. אויך די געדונגענע דירה האָט אויף איר געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק. מיר האָבן באַשלאָסן קודם אַרויסצופֿאָרן אויף צוויי וואָכן קיין קעזשמאַרק צו די קרובים, אין די טאַטראַ־בערג.

די באַגעגעניש פון אלישבען מיט איר משפחה איז געווען ממש אַן איבער־לעבונג. די קינדער האָבן אויך געהאַט גרויס הנאה, בפרט פון דעם שניי וואָס זיי האָבן געזען צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן. ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט קיין פראָג איז אונדזער דירה שוין געווען אײַנגעאָרדנט און מען האָט אונדז אויך צוגעגרייט אַ טשעכישע פרוי וואָס זאָל אין זינען האָבן די קינדער. נאָך אַ קורצער צייט האָט זיך אונדזער דירה פאַרוואַנדלט אין אַ ישׂראלדיקן צענטער. ווער עס איז דעמאָלט געקומען פון ישׂראל קיין פראָג, און בפרט קיבוצניקעס, זענען אַלע געווען אונדזערע געסט.

יד

מײַן שליחות אין בערלין

מײַן פרײַנד ליבני (ליבשטיין) איז פאַרבליבן אין בערלין פון דער צײַט ווען ער איז געווען אַן אָפיציר אין דער אונרא, תיכף נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. שפּעטער איז ער דאָרט געווען אַ מין נישט־אָפיציעלער קאָנ־סול פון מדינת־ישׂראל אין איר אויפקום. ער האָט מיר מודיע געווען קיין פּראָג, אַז עס זענען פאַראַן גוטע מעגלעכקייטן אין מערב בערלין צו זאַמלען געלט פאַר דער הגנה.

אֶהוד אבריאל האָט געהאַלטן אַז איך האָב גוט דורכגעפירט די געלט־זאַמלונג פאַר דער הגנה אין סודעטן־לאַנד. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן מיך צו שיקן קיין בערלין. ער האָט מיר מיטגעגעבן אַ בריוו אַז איך קום אין שליחות פון דער הגנה.

בעת איך בין אָנגעקומען, איז גראָד אויסגעבראָכן דער קאָנפליקט צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און די מערבדיקע לענדער אין דער פראַגע פון בערלין. די רוסן האָבן פאַרמאַכט אַלע וועגן וואָס פירן קיין מערב־בערלין דורך מיזרח־דײַטשלאַנד און די אַמעריקאַנער האָבן געענטפערט מיט אַ לופטבאַן וואָס זאָל ברעכן די בלאָקאַדע. דאָס איז געווען אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער אָנבליק. ריזיקע לאַסט־עראָפּלאַנען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט יעדע פאַר מינוט אויפן פליפלאַץ פון מערב־בערלין, אין משך פון אַ גאַנצן מעת־לעת, און האָבן געבראַכט שפּײַז, קוילן און פאַרשיידענע אַנדערע סחורות פאַר דער בלאָ־קירטער שטאָט.

אין יענער צײַט איז נאָך אין בערלין נישט געווען קיין איין גאַנצער בנין. די עלעקטרישע סטאַנציע איז געווען אין מיזרח־בערלין און די רוסן האָבן אָפּגעשטעלט דעם שטראָם פאַר מערב־בערלין, אַזוי אַז די שטאָט האָט אויס־געזען נאָך אָרעמער און פאַרלאָזטער. די גאַסן זענען געווען פאַרזונקען אין חושך און די מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען ווי שאָטנס, הונגעריקע און אויסגעמאַטערטע. אין מיזרח־בערלין איז דעמאָלט דער מצב געווען אַ סך

בעסער. די שטאָט איז געווען באַלויכטן און אין אַ באַשטימטן האָטעל, וואָס איז געווען אונטער רוסישער פאַרוואַלטונג, האָט מען פאַר דאָלאַרן באַקומען פון אַלעם גוטן. אויך דער האָטעל „אינטוריסט״ איז געווען טיילווייז צע־שטערט, אָבער אין דעם טייל וואָס איז געבליבן גאַנץ איז געווען וואַרעם און ליכטיק.

מיזרח־בערלין איז נאָך דעמאָלט נישט געווען הערמעטיש אָפּגעשלאָסן פאַר דורכגייערס, אַזוי אַז איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו וווינען אין האָטעל „אינטוריסט״. די יידן וואָס האָבן בדרך־כּלל געוווינט אין מערב־בערלין זענען אויך געקומען אין האָטעל „אינטוריסט״ כּדי גוט צו עסן און שלאָפן אין אַ וואַרעם צימער. אויף אַזאַ אופן האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך מיט זיי צו באַקענען און האָב נישט געדאַרפט זיי זוכן אין זייערע היימען. ווען זיי האָבן זיך נאָר דערוווּסט אַז איך קום פון ישׂראל, האָבן זיי אָנגעהויבן שטראָמען צו מיר. זיי האָבן געבראַכט געלט און האָבן מיר געהייסן פאָדערן וויפל עס איז נייטיק.

איך האָב אָבער געוואָלט צוקומען צו אַלע יידן, נישט נאָר צו די עשירים וואָס קענען זיך פאַרגינען צו וווינען אין „אינטוריסט״. דערפאַר האָב איך געפאָדערט עס זאָל איינגעאָרדנט ווערן אַן עפנטלעכער אָוונט אין אַ גרויסן זאַל, ווו עס זאָלן קומען אַלע יידן. פון מיזרח און פון מערב, כּדי צו הערן אַ באַריכט וועגן דעם מצב אין ישׂראל. די פאַרזאַמלונג איז פאַרגעקומען מיט אַ גרויסן דערפאָלג. אַלע יידן זענען געקומען און אַלע האָבן געגעבן געלט פאַר דער הגנה.

ווער זענען געווען די יידן אין בערלין און מיט וואָס האָבן זיי זיך פאַר־נומען? נאָר געציילטע זענען געווען געבוירענע בערלינער, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אַהיים נאָך דער מלחמה. דאָס רוב זענען געווען מיזרח־אייראָ־פּעישע יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די טויטלאַגערן. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט שמוגלען שפּייז־אַרטיקלען און פּאַפּיראָסן פון די מערב־לענדער. אין דײַטשלאַנד האָט מען גוט באַצאָלט דערפאַר, בעיקר מיט ווערט־זאַכן וואָס די דײַטשן האָבן צוגערויבט אין גאַנץ אייראָפּע.

כּדי זיך צו זיכערן פאַר דײַטשע באַנדיטן, ווי אויך פאַר דער דײַטשער פּאָליציי וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן, בעת זיי פירן די סחורות פון איין אָרט אויפן אַנדערן, איבער גרענעצן, האָבן די יידן זיך אָרגאַניזירט אין גרופּעס פון צוואַנציק און דרײַסיק מאַן, וואָס זיי האָבן אָנגערופן אויף פּויליש „סקופּינעס״. זיי זענען אַלע געווען באַוואָפנט. יעדע סקופּינע האָט זיך געהאַט איר מנהיג, וואָס האָט געפירט די געשעפטן און האָט אויך געטראָגן

דאָס אַחריות פאַר דער זיכערקייט פון דער גרופּע. איין וואָרט פון אַזאַ מנהיג איז געווען געזעץ. מען זאָל ליקווידירן אַ קעגנער, אָדער אַפילו אַ גאַנצע גרופּע. בדרך־כּלל האָבן זיך די סקופּינעס אײַנגעטיילט מיט די ראַיאָנען און זיך נישט קאָנקורירט. ווען ס׳איז אָבער פאָרגעקומען אַזאַ סיכסוך, איז מען נישט געגאַנגען צום רב זיך באַקלאָגן אויף השגת־הגבול, נאָר מען האָט זיך באַנוצט מיט געווער און עס האָט געקאָסט קרבנות.

די מנהיגים זענען נישט תּמיד געווען די פּעיִקסטע מענטשן, אָבער זיי זענען געווען די געפערלעכסטע, וואָס האָבן זיך פאַר קיין שום גוואַלד־מעשׂים נישט געשראָקן. פאַר זיי איז געווען נאָר איין וועג: כּל דאַלים גבר — דאָס רעכט פון שטאַרקערן. אָך און ווי איז געווען צו דעם וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט.

אַ מיטגליד פון אַזאַ שמוגל־גרופּע, וואָס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק אַז ער איז צופעליק אַרײַנגעפאַלן צווישן די האַרטע חברה־לײַט, האָט מיר אַ מאָל געגעבן צו פאַרשטיין דעם גאַנצן ענין. לויט זײַן מיינונג זענען אַלע שטילע, איידעלע ייִדן אומגעקומען אין די לאַגערן, ווײַל זיי האָבן נישט געהאַט דעם כּוח דורכצוהאַלטן. זיי האָבן פּשוט נישט געקענט לעבן אין אַזאַ וועלט ווו איינער ראַטעוועט זיך אויפן חשבון פון צווייטן, אַ סך מאָל אויפן חשבון פון גאָר נאָענטע.

עס זענען מיינסטנס געבליבן לעבן מענטשן וואָס האָבן געהאַט אַ האַרטע הויט, פּרימיטיווע מענטשן, וואָס זענען געווען מסוגל פאַר אַ שטיקל ברויט צו פאַרראַטן און אַפילו צו הרגענען, אַבי זיך אַליין צו ראַטעווען. אויך אַזעלכע וואָס האָבן נאָך נישט באַוויזן צו באַקומען אַ מענטשלעכן פּרצוף און וואָס די איינציקע שול זייערע איז געווען דער לאַגער. דאָרטן האָבן זיי געלערנט צו זײַן פאַרביטערט, ציניש, קיינעם נישט צו גלייבן, נישט האָבן קיין צוטרוי אין מענטשן בכלל, נישט נאָר אין דײַטשן. אָט די אייגנשאַפטן זענען געבליבן טיף פאַרוואָרצלט אין זיי. זייער איינציקער ציל אין לעבן איז געווען צו כאַפּן וואָס עס לאָזט זיך, וואָס מער געלט, ווײַל וויכטיק איז בלויז דער הײַנט און מיט געלט קען מען זיך אויסלעבן אין הײַנט. מען וויים דאָך ממילא נישט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

זיי זענען אַלע געקומען צו דער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג. מענער און פרויען זענען געווען אָנגעטאָן עלעגאַנט, אין טײַערע פעלצמענטל, מיט בריליאַנטענע רינגען אויף די פינגער, וואָס האָבן פאַרנומען די אויגן. זיי האָבן אַלע געעפנט מיט פרייד די קעשענעס צו געבן געלט פאַר דער הגנה, צו העלפן מדינת־ישׂראל.

פון דעסטוועגן האָב איך נישט געפילט צו זיי אַ באַזונדערע נאָענטקייט. זייער פּאַרריסנקייט און זייער אויפפירונג האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערלעכן רושם, בפרט ווען איך האָב זיי געזען עסן אין רעסטאָראַן פון האָטעל „אינטוריסט". זיי האָבן דאָרט געגעסן ווײַל זיי האָבן זיך געקענט פאַרגינען צו באַצאָלן אין דאָלאַרן. זיי האָבן דאָרט באַשטעלט די טײַערסטע און בעסטע מאכלים אין גרויסע קוואַנטיטעטן און האָבן געסמאַטשקעט מיט די ליפּן אַז מען האָט זיי געקענט הערן אַ מײַל די ווײַט. פאַר די פענצטער פון רעסטאָראַן זענען געשטאַנען דײַטשע פרויען און קינדער, נאַקעט, באָרוועס און פאַרהונגערט, וואַרטנדיק אַז עמעצער פון די געסט זאָל זיי עפּעס שענקען.

אונדזערע ייִדעלעך, רחמנים בני רחמנים, פלעגן זיי אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער אָן אָפּגעלעקטן ביין און צוקוקן מיט געלעכטער ווי די דײַטשן שלאָגן זיך איבער אים. איך בין אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַזאַ אָנבליק. איך האָב עס מיר נישט געקענט דערקלערן, ביז איינער פון זיי האָט מיר געזאָגט: „רב ייִד פון ארץ־ישׂראל! איר האָט נישט געזען ווי די דײַטשן האָבן אונדז באַהאַנדלט. נישט ווי הינט, נאָר ווי לײַז אָדער וואַנצן, וואָס מען האָט אַ הנאה ווען מען צעטרעט זיי מיט די שטיוול. איר האָט נישט געזען ווי דײַטשן האָבן אויפגעשפּיזט קליינע ייִדישע קינדער אין די אויגן פון זייערע עלטערן און דערבײַ זיך דערציילט וויצן..."

ער האָט צוגעגעבן: „אויב איר האָט דאָס אַלץ נישט געזען זאָלט איר בעסער שווײַגן און נישט שפּילן דעם פײַנפּיליקן ווערגעטאַריער".

איך האָב געשוויגן און האָב אײַנגעזען אַז איך האָב נישט דאָס רעכט אָט די מענטשן צו זאָגן מוסר. אָבער נעענטער זענען זיי מיר נישט געוואָרן. ערשט אין דער לעצטער רגע איידער איך בין אַרויסגעפאָרן פון בערלין איז געשען אַ זאַך וואָס האָט מיך צו זיי דערנענטערט און איך האָב פּלוצעם געפילט אַז דאָס זענען מײַנע ברידער.

בערלין איז געווען צעטיילט אין פיר ראַיאָנען — אַן אַמעריקאַנישער, אַן ענגלישער, אַ רוסישער און אַ פראַנצייזישער. אין איטלעכן ראַיאָן איז געווען אַ מיליטערישע אָנפירונג, וואָס האָט זיך באַמיט פאַמעלעך איבערצוגעבן די ציווילע ענינים אין די הענט פון דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט אַלץ געטאָן כּדי זיך איבערצובעטן מיט די דײַטשן און זיך חברן מיט זיי. דערפאַר טאַקע האָט זיך דײַטשלאַנד ווידער אויפגעבויט אין אַזאַ גיכן טעמפּאָ.

די ענגלישע לייבאָר־רעגירונג האָט געהאַלטן אַז זי דאַרף זײַן אַ דוגמא

אין דעם פּראָצעס פון איבערבעטן זיך מיט די דײַטשן און זיי האָבן זיך טאַקע געאײַלט איבערצוגעבן וואָס גיכער די ציווילע אַדמיניסטראַציע. זיי האָבן אין זינען געהאַט נישט נאָר צו באַשפּײַזן די אײַנוווינערס פון זייער ראַיאָן, נײַערט זיי אויך גײַסטיק צו פאַרזאָרגן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו ברענגען פילמען און צו ווײַזן אַז די אָקופּאַציע־מאַכט איז נישט אַזוי גרויליק ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט. וואָלטן זיי כאָטש געבראַכט דערציִערישע פילמען, וואָלטן זיי כאָטש געוויזן וואָס פאַר אַ פּנים די דײַטשן האָבן געהאַט ווען זיי האָבן געוואָלט באַהערשן די וועלט — וואָלט איך עס נאָך פאַרשטאַנען. זיי האָבן אָבער געבראַכט פילמען וואָס האָבן געוואָרפן אַ שלעכט ליכט נישט אויף די רוצחים, נײַערט אויף די קרבנות. למשל דעם פילם „אָליווער טוויסט״, וואָס וועגן אים איז פאַראַן אַ וויכּוח בנוגע זײַן אַנטי־סעמיטישן כאַראַקטער. בכל־אופן איז דער ייִד אין דעם דאָזיקן פילם נישט סימפּאַטיש, ווי ער איז אויך נישט סימפּאַטיש אין דעם ראָמאַן פון דיקענס.

די ייִדן פון בערלין, אַלע געראַטעוועטע פון די טויטלאַגערן, האָבן געהאַלטן אַז ס'איז נאָך צו פריִ צו ווײַזן די דײַטשן אַזאַ פילם. זיי האָבן זיך געוואָנדן צו דעם ענגלישן מיליטערישן קאָמענדאַנט און האָבן געפאָדערט ער זאָל פאַרווערן צו ווײַזן דעם פילם. דער קאָמענדאַנט האָט די בקשה אָפּגעוויזן מיטן תּירוץ אַז דאָס איז נישט דעמאָקראַטיש און איז פּוגע דאָס רעכט פון יעדן מענטש צו האָבן אַן אייגענע מיינונג.

ווען די ייִדן האָבן געזען אַז די ענגלענדער רעכענען זיך נישט מיט זייערע געפילן, האָבן זיי באַשלאָסן אויף אַ דעמאָנסטראַטיוון אופן אַליין צו באַשיצן זייער כּבוד.

פאַר דעם בנין ווו ס'האָט געדאַרפט פאָרקומען די קינאָ־פאָרשטעלונג איז געשטאַנען דײַטשע פּאָליציי באַוואָפנט מיט גומענע שטעקנס. אַלע ייִדן, גרויס און קליין, זענען אָנגעקומען מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, מען זאָל זען די נומערן וואָס די דײַטשן האָבן זיי אײַנגעברענט אין די טויטלאַגערן. זיי האָבן זיך דערנענטערט ווי אַ שטורעם. די דײַטשע פּאָליציי איז זיי אַנטקעגנגעקומען און האָט אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט די גומענע שטעקנס. די צעבלוטיקטע דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף די דײַטשן און האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַוואַרפן מיט שטיינער וואָס זיי האָבן אַרויסגעריסן פון די געפלאַסטערטע שטראָז. די דײַטשן האָבן זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן און מיטגעשלעפּט מיט זיך די פאַרוווּנדיקטע. דערנאָך זענען די דעמאָנסטראַנטן אַרײַן אין בנין און האָבן דאָרט געמאַכט אַ חורבן.

איך בין אויך געווען צווישן די דעמאָנסטראַנטן. ווען איך האָב דערזען

דעם אָנפירער זייערן, וואָס איז געגאַנגען בראש פון דער מחנה, אַ צעבלד־טיקטן פון די קלעפ, האָב איך אים אַרומגענומען און געקושט ווי אַ ברודער, הגם איך האָב געוווּסט אַז ער איז איינער פון די באַקאַנטסטע און אַכזריות־דיקסטע שמוגלערס. ווער קען אָפּשאַצן אַ ייִדישן האַרץ? דאָס האָב איך צום ערשטן מאָל פאַרשטאַנען אין בערלין און האָב זיי אַלץ מוחל געווען.

בעת איך בין געווען אין בערלין האָב איך באַקומען אַ באַפעל אויסצו־פאָרשן אַ זייער אַנגעווייטיקטן ענין. די ישׂראל־רעגירונג האָט אין יענער צײַט געהאַט פאַרבאָטן צו פירן מיסחר מיט די דײַטשן און צו ברענגען דײַטשע סחורות קיין ישׂראל. עס זענען אָבער געווען סוחרים וואָס האָבן זיך נישט וויסנדיק געמאַכט און האָבן געעפנט פאַרשיידענע ביוראָס אין דײַטשלאַנד, אין וועלכע זיי האָבן געפירט קאַמופלירטע געשעפטן. איך האָב געדאַרפט אויספאָרשן דעם דאָזיקן ענין און איבערשיקן די פּרטים קיין ישׂראל. איך האָב זיך גאָר נישט געדאַרפט אָנשטרענגען. אין אַ קורצער צײַט האָב איך געהאַט אַלע איינצלהייטן וועגן די ישׂראלדיקע סוחרים וואָס פירן גרויסע געשעפטן מיט די דײַטשן, סײַ דירעקט און סײַ דורך כּל־מיני אומוועגן.

בעת איך האָב געהאַלטן אין שרײַבן דעם באַריכט, אין בערלינער האָטעל, איז צו מיר אַרײַנגעקומען אַ פאַרשוין וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט אַז ער הייסט ד״ר רוזין און האָט דערקלערט אַז ער איז דער בעל־הבית פון דער געזעלשאַפט וואָס האַנדלט מיט די דײַטשן. איך האָב געוווּסט אַז ער איז נאָר אַן אָנגעשטעלטער בײַ דער גרופּע ישׂראלים וואָס האָבן אויפגעשטעלט די געזעלשאַפט, אָבער פון דעסטוועגן האָב איך מודיע געווען קיין ישׂראל. רוזין איז טאַקע שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע, ווײַל אויב ער וואָלט זיך אומגעקערט אַהיים קיין ישׂראל, וואָלט מען אים אַרעסטירט און פאַר־מישפּט.

ד״ר רוזין האָט געהאַט אַ ביטער מזל. אין קאַנאַדע איז ער קראַנק געוואָרן און האָט פשוט נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן. נאָך יאָרן האָב איך פון אים באַקומען אַ בריוו אין וועלכן ער האָט מיר געשילדערט זײַן שוידערלעכן מצב און האָט מיך געבעטן איך זאָל זיך ווענדן צו אַ באַקאַנטער געזעלשאַפט אין ישׂראל, זיי זאָלן אים אַרויסהעלפן אין דער נויט. ער האָט מיר געשריבן איך זאָל זיי דערמאָנען אַז אין 1948 האָט ער זיך פאַר זיי מקריב געווען און זיך אַרויסגעשטעלט פאַרן בעל־הבית פון דער בערלינער געזעלשאַפט וואָס האָט געמאַכט געשעפטן מיט די דײַטשן, כּדי אַלעמען צו באַשיצן. דעמאָלט האָבן זיי אים צוגעזאָגט אַז זיי וועלן אַ גאַנץ לעבן פאַר אים זאָרגן.

איך שעם זיך אַפילו צו זאָגן וואָס פאַר אַ צינישן ענטפער איך האָב באַקו־מען פון די בעלי־בתּים צו וועלכע ער האָט מיך געשיקט...

אויפן צוריקוועג קיין פּראָג בין איך אַרײַנגעפאָרן קיין לײַפּציג, ווו עס איז גראָד געשטאַנען דער גרויסער יריד. בעצם האָט מיך נישט אינטערעסירט דער יריד און נישט די סחורות וואָס מען שטעלט אויס דאָרטן אין רוסישן ראַיאָן. איך האָב פּשוט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף דער שטאָט ווו איך האָב באַקומען מײַן ערשטע גײַסטיקע שפּײַז. איך האָב געטראַכט אַז איך וועל אפשר געפינען עמעצן פון די אַלטע באַקאַנטע. אָבער איך האָב פון זיי קיין סימן נישט געפונען. די שטאָט איז געווען אין גאַנצן צעשטערט, קיין זכר פון דער אַמאָליקער פּראַכט, פונעם גרויסן וואָקזאַל, פון די באַרימטע דרור־קערײַען, פון „געוואַנדהויז". אויך די ברילגאַס, ווו עס זענען געווען די גרויסע יידישע פעלץ־לאַגערן, איז געווען צעשטערט און מען האָט קיין יידן נישט געזען.

פון לײַפּציג בין איך געפאָרן קיין פראַנקפורט, ווו איך האָב אין משך פון עטלעכע טעג דורכגעפירט אַ געלטזאַמלונג פאַר דער הגנה בײַ די דאָר־טיקע יידן. די פראַנקפורטער יידן האָבן אויך געשטאַמט כּמעט אַלע פון מיזרח־אייראָפּע און האָבן זיך געראַטעוועט פון די טויטלאַגערן. אויך זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט שמוגלערײַ און נאַכטלאָקאַלן. אָבער אויך זיי האָבן ברייט געעפנט די קעשענעס ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז ס'איז געקומען אַ שליח פון ישראל זאַמלען געלט פאַר דער הגנה. איך האָב גאָר נישט געדאַרפט גיין צו זיי. זיי זענען אַלע געקומען צו מיר אין האָטעל און האָבן געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט.

ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען קיין לײַפּציג שטודירן און האָב געזען דאָרטן די ריינע ציכטיקע גאַסן און די קולטורוויסטע אײַנוווינערס, האָב איך געטראַכט אַז הלוואַי זאָלן אַזוי אויסזען אַלע שטעט אין אייראָפּע. שפּעטער, אין גימנאַזיע, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט דער קלאַסישער דײַטשער ליטעראַטור, האָב איך געזונגען שבחים צו דער דײַטשער גאונות. ווען איך בין אַרײַנגעקומען צו מײַנע נײַע פרײַנד, יידן און נישט־יידן, און האָב געזען ווי וואָרעם זיי נעמען מיך אויף, ווי היימיש, האָב איך געטראַכט אַז די דײַטשן זענען דער סימבאָל פון פרײַנדשאַפט און איידלקייט. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען די דײַטשן האָבן אויסגעוויילט זייער פירער און האָבן זיך מאַסנווײַז אָנגעשלאָסן אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, בעת פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און קאָמוניסטן איז קיין זכר נישט געבליבן, האָב איך נישט געקענט פאַרשטיין וואָס עס איז געשען מיטן דײַטשן

פאָלק, ווו עס איז אַהינגעקומען זײַן באַרימטע קולטור. אַ סך האָבן דאָס נישט פאַרשטאַנען. מען האָט זיך באַמיט צו גלייבן אַז דאָס איז נאָר אַ צײַטווײַליקער פענאָמען, וואָס וועט אין גיכן פאַרשווינדן און נישט איבער־לאָזן קיין סימן.

שפּעטער, ווען דער נאַצישער רעזשים האָט זיך צעווילדעוועט און האָט אָנגעצונדן אַ וועלט־שׂרפה, ווען די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן צו מאָרדן מיל־יאָנען מענטשן און אַנדערע מיליאָנען פאַרוואַנדלען אין שקלאַפן, מיט תּירוץ אַז זיי, די דײַטשן, זענען אַ האַרנפאָלק און די איבעריקע דאַרפן זיי זײַן אונטערטעניק — דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען אַז איך האָב געהאַט אַ טעות אין מײַן אָפּשאַצן די דײַטשן. איך האָב געהאַט אַ טעות ווען איך האָב געטראַכט אַז שיינע ליטעראַטור איז אַ גאַראַנטיע פאַר מענטשלעכע באַ־ציִונגען. אפשר האָט גאָר די גיכע אַנטוויקלונג אין דער קונסט, מוזיק, ליטע־ראַטור און אינדוסטריע געפירט צו אַזאַ גיכער מאָראַלישער דעגענערירונג.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה האָב איך געמיינט אַז די ענגלענדער וועלן אַזוי אָנלערנען די דײַטשן, אַז זיי וועלן פאַרגעסן אין זייער גדלות און וועלן חרטה האָבן אויף אַלץ. אָבער ווען איך בין געקומען ווי אַן ענגלישער סאָלדאַט קיין פראַנקרײַך, תּיכּף נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, און האָב געזען די אויפפירונג פון די דײַטשן, זייער חנפענען און קריכן פאַר אַ שטיקל פּאַפּיראָס, האָב איך פאַר־שטאַנען אַז די דײַטשן האָבן נישט קיין מאָראַלישן חוט־השדרה און דערפאַר קען זיי נישט העלפן קיין באַהאַנדלונג דורך עלעקטרישן שאָק.

נאָך מער האָב איך זיך מיאש געווען פון די דײַטשן ווען איך בין געקומען קיין דײַטשלאַנד מיט דער ענגלישער אָקופּאַציע־אַרמיי און האָב אין שײַכות מיט מײַן אַרבעט געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אַלע שיכטן פונעם פאָלק. אַלע האָבן זיי געטענהט, הגם מען האָט זיי אַפילו נישט געפרעגט, אַז זיי זענען געווען אַנטי־נאַציסטן און האָבן נישט געהאַלטן מיט היטלערן. איך האָב געפרעגט: אויב אַזוי, אויב איר זענט אַלע געווען קעגן היטלערן, ווי אַזוי האָט ער געקענט אײַננעמען גאַנץ אייראָפּע? דערויף האָבן זיי געענטפערט אַז די באַנדעס אין ברוינע און שוואַרצע העמדער האָבן זיי דערצו געצוווּנגען. זיי זענען געשטאַנען מיט וואָפן הינטער זייער פּלייצע און זיי האָבן געמוזט קעמפן.

די זעלביקע מעשה האָב איך אין משך פון דער צײַט געהערט פון פאַר־שיידענע דײַטשן. קיין איינציקער איז נישט געווען גרייט זיך מודה צו זײַן אַז ער איז געווען אַ שותּף צו היטלערס פאַרברעכן. דעמאָלט איז מיר קלאָר

געוואָרן אַז דאָס דײַטשע פֿאָלק איז ווײַטער געבליבן אַ סכּנה פֿאַר דער פֿרײַער וועלט.

בלויז צוויי דײַטשן האָבן זיך פֿאַר מיר מודה געווען: איינער, אין די פֿופֿציקער יאָרן, אין אַ רעסטאָראַן אין פֿראַנקפֿורט, ווו איך בין אַרײַנגעגאַנגען אָפּעסן. ווי איך האָב זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש, איז צוגעקומען דער קעלנער און האָט מיך געפֿרעגט צי מעג זיך נאָך אַ גאַסט צוזעצן צו מײַן טיש. איך האָב, פֿאַרשטייט זיך, געגעבן מײַן הסכּמה. קעגן איבער מיר האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ טיפּישער דײַטש, גוט אָנגעטאָן, מיט אַ ליסעקאָפּ און אַ בײַכל. עס האָט זיך געפֿילט פֿון אים דער בראָנפֿן, אָבער איך האָב קיין ברירה נישט געהאַט. ער האָט תּיכּף באַשטעלט אַ גלעזל קאָניאַק און געהייסן דעם קעלנער ער זאָל אויך ברענגען אַ קאָניאַק פֿאַר מיר, אויף זײַן חשבון. איך האָב דעם קעלנער געזאָגט אַז איך טרינק נישט, אָבער דער דײַטש האָט זיך אײַנגעעקשנט און געוואָלט וויסן פֿאַר וואָס. ווען דער ענין איז מיר נימאס געוואָרן, האָב איך צו אים אַ זאָג געטאָן: איך בין אַ ייִד און דערפֿאַר וויל איך נישט טרינקען מיט קיין דײַטש.

ווי ער האָט דאָס דערהערט איז ער אויפֿגעשפּרונגען פֿון זײַן בענקל, אַ פֿאַל געטאָן אויף די קני און הויך, אויף אַ קול, אַלע זאָלן הערן, זיך צעשריגן:

— איר זענט גערעכט, איך בין געווען אַ נאַצי, אַ שווײַן און האָב געטאָן שוידערלעכע זאַכן. איר, ווי אַ ייִד, האָט דאָס רעכט צו נעמען אַ מעסער און עס אײַן מיר אַרײַנשטעכן. אָבער איר מוזט וויסן אַז איר דאַרפֿט דאָס טאָן נישט בלויז מיט מיר, נאָר מיט אַלע זעכציק מיליאָן דײַטשן, ווײַל מיר זענען אַלע געווען פֿאַרברעכערס, שווײַנען, ווילדע חיות... אויב איר קענט דאָס טאָן, בין איך גרייט צו זײַן דער ערשטער, אָבער אויב דאָס איז נישט מעגלעך, בעט איך אײַך פֿונעם גאַנצן האַרצן איר זאָלט מיר מוחל זײַן.

די מענטשן אין רעסטאָראַן האָבן זיך אַרומגעקוקט. אַלע האָבן, ווײַזט אויס, געוואָלט וויסן וואָס איך וועל טאָן. דעם אמת געזאָגט האָט מיך דער ענין אַ ביסל צעטומלט. איך האָב דעם דײַטש געבעטן ער זאָל זיך צוריקזעצן אויף זײַן אָרט און האָב אים געזאָגט:

— איר זענט דער ערשטער דײַטש וואָס איז זיך מודה אין זײַנע מעשׂים און זענט אַפֿילו גרייט צו באַצאָלן דערפֿאַר. היות בײַ אונדז ייִדן שטייט געשריבן מודה ועוזב ירוחם — בין איך גרייט מיט אײַך צו טרינקען אַ גלעזל קאָניאַק.

דעם צווייטן אויפֿריכטיקן דײַטש, וואָס האָט נישט געפּרוּווט צו באַהאַלטן זײַן פֿאַרגאַנגענהייט, האָב איך באַגעגנט אין שנעלצוג פֿון פֿראַנקפֿורט קיין

באַן. דײַטשלאַנד איז שוין דעמאָלט געווען אין סאַמע פּראָצעס פון אויפבוי און מען האָט שוין אומעטום געקענט זען סימנים פון דעם ווירטשאַפטלעכן נס. די באַן איז שוין געווען גוט אײַנגעאָרדנט, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. עס זענען אַפילו געווען סעקרעטאַרשעס וואָס האָבן געהאָלפן די פּאַסאַזשירן דערליידיקן געשעפטלעכע קאָרעספּאָנדענץ.

מיר קענען איבער איז געזעסן אַ פאַרשוין אויף וועלכן מען האָט תיכּף דערקענט אַז ער געהערט צו דעם נײַעם הערשנדיקן קלאַס. איך בין נישט געווען פאַראינטערעסירט צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס און האָב זיך פאַרטיפט אין מײַן צײַטונג.

ווער עס איז אַ מאָל געפאָרן מיטן צוג לענג־אויס דעם רײַן, ווייס אַז די געגנט דאָרט פאַרכאַפּט דעם אָטעם מיט איר שיינקייט. דעם דײַטש האָט זיך זייער געוואָלט אָנקניפּן אַ שמועס. מיט אַן ענגלענדער קען מען אָפּפאָרן גאַנצע טעג און ער וועט נישט עפענען דאָס מויל, אָבער אַ דײַטש קען בשום־אופן נישט זיצן און שווײַגן.

ווען מיר זענען פאַרבײַגעפאָרן אַן אַלטע בורג — און אַזעלכע זענען פאַראַן אַ סך לענג־אויס דעם רײַן — האָט מײַן דײַטש מיר אָנגעהויבן צו דערציילן איר געשיכטע, מיט דער כּוונה מיך אַרויסצורײַסן פון מײַן שווײַגעניש. איך האָב מיך אָבער נישט וויסנדיק געמאַכט און האָב ווײַטער געלייענט די צײַטונג.

מײַן אויפפירונג האָט אים ווײַזט אויס אַרויסגעבראַכט פון די כּלים און ער האָט מיך געפרעגט:

— ווי אַזוי קענט איר לייענען צײַטונג, בעת איר פאָרט פאַרבײַ אַזאַ וווּנדערלעכע געגנט?

— איך האָב נישט קיין הנאה פון דער שיינער געגנט — האָב איך אים קורץ געענטפערט — איך בין אַ ייִד פון ישׂראל און האָב אַ ביטערן חשבון מיט דײַטשלאַנד.

דער דײַטש האָט זיך בכלל נישט באַליידיקט. פאַרקערט: ער האָט מיר געזאָגט אַז פון זיבן די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט וואַרט ער אויף אַ געלעגנהייט זיך צו באַגעגענען מיט אַ ייִד, ער זאָל עפענען פאַר אים דאָס האַרץ און אָפּן רעדן וועגן דער גרויליקער פאַרגאַנגענהייט. ער וויל גאָרנישט אַפּלייקענען און איז גרייט צו ענטפערן אויף איטלעכער שאלה. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט און געזאָגט אַז ער איז אַ באַאַמטער אין דײַטשן פינאַנץ־מיניסטעריום.

— אויב איר מיינט אַז איך וועל אײַך פרעגן צי איר זענט געווען אַ נאַצי

— האָב איך אים געזאָגט — האָט איר אַ טעות, ווײַל איך ווייס פֿון דערפֿאַרונג אַז אַלע דײַטשן טענהן אַז זיי זענען געווען אַנטיהיטלעריסטן.

ער האָט מיר געענטפֿערט אַז ער וויל גאָרנישט אויסבאַהאַלטן און אַז ער איז זיך מודה אַז ער איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווי דאָס רוב דײַטשן. בעת דער מלחמה איז ער געווען אַ מיליטערישער באַאַמטער און האָט נישט אָנגעהערט צו קיין קאַמפּפֿערישער איינהייט. אָבער דאָס הייסט נישט אַז ער פֿילט זיך נישט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די שוידערלעכע פֿאַרברעכנס וואָס דאָס דײַטשע פֿאָלק איז באַגאַנגען און ער וויל דערפֿון נישט אַנטלויפֿן. אַלע יאָרן טראָגט ער זיך אַרום מיט אַ שווער שולדגעפֿיל. ער דערוועגט זיך נישט מיך צו בעטן איך זאָל אים מוחל זײַן, ווײַל פֿאַר אַזעלכע פֿאַרברעכנס איז נישטאָ קיין מחילה, אָבער ער איז גרייט צו ענטפֿערן אויף מײַנע שאלות, אפֿשר וועט אים דערפֿון גרינגער ווערן אויפֿן האַרץ.

דערויף האָב איך אים געענטפֿערט אַז ער איז דער צווייטער דײַטש וואָס איך האָב באַגעגנט, וועלכער פּרוּווט זיך נישט אָפּצוטרייסלען פֿון דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און דערפֿאַר בין איך מסכּים זיך מיט אים אויסצוטענהן. איך האָב אים נאָך אַ מאָל דערקלערט אַז איך האָב נישט בדעה צו רעדן מיט אים וועגן דעם גרויליקן עבֿר, וואָס איז אונדז ביידן גוט באַקאַנט. אָבער אַזוי ווי ער איז אַ הויכער באַאַמטער פֿון דער דײַטשער רעגירונג און איך בין אויך אַ באַאַמטער פֿון דער ישׂראל־רעגירונג, וויל איך אים פֿרעגן אַ שאלה אין שײַכות מיט דער דײַטשער ווירטשאַפֿט. איך האָב אים דערציילט אַז אין יאָר 1945, ווען איך בין געקומען קיין דײַטשלאַנד און האָב געזען דעם חורבן וואָס די מלחמה האָט איבערגעלאָזט, האָב איך און אַלע מײַנע פֿרײַנד געמיינט אַז דײַטשלאַנד וועט קיין מאָל נישט אויפֿשטיין תּחית־המתים. אַפֿילו יענע וואָס האָבן יאָ געגלייבט אַז דײַטשלאַנד וועט זיך ווידער אויפֿבויען זענען געווען איבערצײַגט אַז דאָס וועט געדויערן צענדליקער יאָרן. עס זענען אָבער קוים פֿאַרגאַנגען פֿינף יאָר און מען זעט שוין כּמעט נישט קיין סימן פֿונעם חורבן. די הײַזער זענען ווידער אויפֿגעבויט און די אינדוסטריע אַרבעט אין פֿולן גאַנג. וויל איך וויסן ווי אַזוי האָבן זיי דאָס געמאַכט?

איך האָב באַקומען זייער אַן אינטערעסאַנטן ענטפֿער און וויל אים טאַקע איבערגעבן וואָרט בײַ וואָרט:

— איבער פֿופֿציק יאָר — האָט מיר דער דײַטש געזאָגט — האָבן די דײַטשן געפֿירט מלחמה כּמעט קעגן דער גאַנצער וועלט. מיר האָבן זיך געשלאָגן

נישט נאָר מיט אונדזערע אָנערקענטע שונאים, נײַערט אויך מיט פעלקער וואָס מיר האָבן יאָרן־לאַנג מיט זיי געלעבט בשלום און געהאַט מיט זיי געחתמעטע קאָנטראַקטן. ווען מיר האָבן געגלייבט אַז עס לוינט זיך, האָט אונדז נישט געאַרט צו טרעטן מיט די פיס אַלע קאָנטראַקטן.

נאָך דעם אַלעמען וואָלט די וועלט געדאַרפט וויסן אַז דײַטשלאַנד איז אַ פּראָסטיטוטקע, וואָס איז קיינעם נישט געטרײַ. איך פערזענלעך בין איבער־צײַגט אַז די וועלט וויס דערפון, אָבער צו אונדזער גליק, אָדער אומגליק, האָט דײַטשלאַנד פיר ליבהאָבערס וואָס ווילן עס באַצווינגען. אַלע פיר וויסן אַז דײַטשלאַנד איז אַ זונה, אָבער פון דעסטוועגן גיבן זיי איר מתּנות און פּרוּוון זי צו דעראָבערן. די פיר ליבהאָבערס זענען אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרײַך און רוסלאַנד. איינער וויל איבערשטײַגן דעם צווייטן מיט זײַנע מתּנות, כּדי צו געווינען דאָס האַרץ פון דײַטשלאַנד. די סיבה איז אַ זייער פּשוטע: דײַטשלאַנד ליגט אין מיטן אייראָפּע. אַלע זעכציק מיליאָן אײַנ־וווינער זענען דײַטשן, אָן אַ מיעוט וואָס זאָל זיך בונטעווען. דאָס איז אַ גוואַלדיקער כּוח אין איטלעכן פּאָליטישן חשבון. אַחוץ דעם זענען די דײַטשן אַ פלײַסיק פאָלק און פאַרמאָגן גרויסע טעכנישע קענטענישן.

ווי געזאָגט איז דײַטשלאַנד אַ זונה און נעמט אָן די מתּנות פון אַלע פיר ליובאָוויקעס. זי זאָגט קיינעם גאָרנישט צו און מיט די מתּנות וואָס זי באַקומט בויט זי אויף איר אינדוסטריע, פאַרשטאַרקט איר פּאָטענציאַל, און אַז דײַטשלאַנד וועט זײַן גענוג שטאַרק וועט עס שיקן אַלע פיר ליובאָוו־ניקעס צו אַל די שוואַרצע רוחות, וועט ווידער ווערן אַ וועלטמאַכט און שטעלן אין סכּנה די מענטשהייט.

ווער עס האָט נאָכגעפאָלגט די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון דײַטש־לאַנד און האָט אָבסערווירט דעם עקאָנאָמישן נס, קען זיך איבערצײַגן ווי רעכט עס האָט געהאַט מײַן דײַטשער שכן אין שנעלצוג פון פראַנקפורט קיין באָן. מען קען זאָגן אַז זײַן נבואה איז אין גאַנצן מקוים געוואָרן. אַלע לאָטשען זיך צו דײַטשלאַנד. די שאלה איז נאָר צי די ליובאָוויקעס וועלן סוף־כּל־סוף עפענען די אויגן און זען וואָס אַ דײַטשע וועלטמאַכט קען באַדײַטן אין אַ שיינעם טאָג פאַר דער מענטשהייט.

אַ פריילעכער געבורטסטאָג

בײַ מײַן טאַטן אין דער היים און אין דער גאַנצער געגנט אונדזערער האָבן ייִדן קיין מאָל נישט געפּײַערט געבורטסטאָג און זיך דערפון קיין צימעס נישט געמאַכט. אונדזערע ייִדן האָבן ווײַזט אויס געטראַכט אַז היות דער

מענטש ווערט געבוירן בעל־כּורחו, ווי אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, און איטלעכער טאָג דערנענטערט אים צום קבר, איז נישט אַזאַ שׂימחה געבוירן צו ווערן. דערפֿאַר האָב איך טאַקע קיין מאָל נישט געפּײַערט מײַן געבורטס־טאָג און דער 21סטער דעצעמבער איז פֿאַר מיר געווען אַ טאָג ווי אַלע אַנדערע. מיט דער צײַט האָב איך אַפֿילו פֿאַרגעסן אַז איך בין אין אָט דעם טאָג געבוירן געוואָרן. איך האָב אַוודאי נישט געטראַכט אַז אין דעם זעלביקן טאָג איז אויך געבוירן סטאַלין, דער שווידערלעכער גרוזינער.

מאַכט זיך אַז דווקא אין אַן 21סטן דעצעמבער פֿאָר איך צוריק מיט דער באַן פֿון דײַטשלאַנד אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. אויפֿן וועג איז פֿאַראַן אַ סאָוועטישע גרענעץ־סטאַנציע, ווו די רוסישע סאָלדאַטן קאָנטראָלירן די דאָקומענטן בײַ אַלע פּאַסאַזשירן אין צוג. איך האָב איבערגעגעבן מײַן פּאַס דעם קאָנדוקטאָר ער זאָל אים ווײַזן די רוסן, ווײַל איך בין געווען זייער מיד און האָב זיך געוואָלט לייגן שלאָפֿן אין שלאָפֿוואַגאָן, ווו איך האָב געהאַט אַ רעזערווירטן פּלאַץ. אין מיטן נאַכט הער איך פּלוצעם אַז מען קלאַפּט אין דער טיר און מען שרײַט אויף רוסיש איך זאָל עפֿענען דעם קופּע. מיט רוסישע סאָלדאַטן, האָב איך געוווּסט, דיסקוטירט מען נישט. האָב איך תּיכּף געעפֿנט. צוויי באַוואָפֿנטע רויטאַרמייער האָבן מיר געהייסן זיך אָנטאָן און קומען מיט זיי צו דעם קאָמענדאַנט פֿון דער סטאַנציע.

איך האָב זיך גיך אָנגעטאָן און אויפֿן וועג האָב איך געטראַכט אַז איך דאַרף אַרויסטרעטן מיט אַ שאַרפֿן פּראָטעסט קעגן דעם קאָמענדאַנט און אים זאָגן אַז מען שלעפּט נישט אַרויס אַ מענטש אין אַזאַ קעלט פֿון זײַן וואַרעמען בעט, בשעת ס׳איז קלאָר אַז ער האָט אַ פּאַס פֿון אַ פֿרײַנדשאַפֿטלעכער מדינה.

אין ביוראָ פֿון קאָמענדאַנט איז געשטאַנען אַ קײַלעכיקער טיש און אַרום אים זענען געזעסן פֿיר רוסישע אָפֿיצירן. דער טיש איז געווען געדעקט מיט כּל־טוב, גערייכערטע פֿיש, קאַוויאָר און פֿלעשער וואָדקע. נאָך איידער איך האָב געהאַט צײַט אַרויסצורעדן אַ וואָרט האָט מיר איינער פֿון די אָפֿיצירן אַרײַנגעשטעקט אין האַנט אַ וואַסערגלאָז מיט וואָדקע. אַלע פֿיר זענען אויפֿגעשפּרונגען און האָבן אַרויסגעשריגן: „ס׳זאָל לעבן דער חבר סטאַלין!“ נו, ווער קען זיך אָפּזאָגן פֿון אַזאַ ברכה אין בײַזײַן פֿון רוסישע אָפֿיצירן, אַפֿילו אַז ער ווייס נישט וואָס ס׳איז די שׂימחה. אויב די רוסן זענען מיך מכבד מיט וואָדקע, זאָל איך זיי כאָטש ווײַזן אַז אַ ייִד פֿון ישׂראל קען טרינקען. איך האָב זיך אָנגענומען מיט כּוח און אין איינעם מיט זיי אַרײַנגעגאָסן אין זיך דאָס גלאָז וואָדקע. איידער איך בין צו זיך געקומען האָט דער אָפֿיציר אָנגעגאָסן ווידער די גלעזער און האָט אויסגערופֿן: „און איצט

טרינקען מיר פאַרן געזונט פון גאָספּאָדין אָרנשטיין!״ אַזוי האָבן מיר אַרײַנגעגאָסן דאָס צווייטע גלאָז.

נאָך אַלץ פאַרוואונדערט האָב איך אַ פרעג געטאָן: וואָס איז די שׂימחה? דער קאָמענדאַנט האָט זיך צעלאַכט:

— דו ווילסט זאָגן אַז דו האָסט פאַרגעסן אַז הײַנט, דעם 21סטן דעצעמבער איז דײַן געבורטסטאָג און מיר האָבן עס דיר געדאַרפט דערמאָנען?

איך האָב אים געענטפערט אַז איך האָב באמת פאַרגעסן אין דעם, ווײַל בײַ אונדז אין דער היים איז דאָס נישט געווען קיין יום־טוב.

די אָפיצירן האָבן מיר דערקלערט וואָס פאַר אַ בר־מזל איך בין וואָס מײַן געבורטסטאָג פאַלט אין דעם זעלבן טאָג ווי דער געבורטסטאָג פונעם גרויסן סטאַלין און אַז איך דאַרף שטאָלץ זײַן דערמיט. דער קאָמענדאַנט האָט מיר דערציילט אַז בעת זיי זענען געזעסן און האָבן געפײַערט סטאַלינס געבורטסטאָג האָט מען אַרײַנגעבראַכט די פעסער פון די פּאַסאַזשירן און דאָ האָט ער באַמערקט אַז איך בין געבוירן געוואָרן דעם 21סטן דעצעמבער. האָט ער מיר געוואָלט מאַכן אַן איבערראַשונג און טרינקען אַ לחיים צו מײַן געזונט.

איך געדענק שוין נישט וויפל גלעזער וואָדקע איך האָב אויסגעטרונקען. אויך נישט ווי אַזוי איך בין צוריקגעקומען אין דער באַן. אין פרי האָט מיך דער קאָנדוקטאָר קוים אויפגעוועקט און האָט מיר דערציילט אַז צוויי רוסישע סאָלדאַטן האָבן מיך געבראַכט צו טראָגן און ער האָט מיך אויס־געטאָן און מיך אַרײַנגעלייגט אין בעט. ער האָט מיר אויך דערציילט אַז דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן איבער אַ שעה אין דער סטאַנציע און אַלע פּאַסאַ־זשירן זענען געווען אויפגערעגט. זיי האָבן אָבער קיין ברירה נישט געהאַט ווײַל דער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן דער צוג זאָל זיך נישט רירן פון אָרט ביז איך וועל נישט קומען.

דערנאָך בין איך עטלעכע טעג געלעגן קראַנק. איך האָב געהאַט דאָס געפיל אַז דער קאָפּ איז מיר געשוואָלן, אַז ער איז גאָר נישט מײַנער, נאָר עמעצער האָט אים מיר צוגעקלעפּט. הײַנט טראַכט איך אָבער מיט סימפּאַטיע צו די רוסישע אָפיצירן וואָס האָבן מיר דעמאָלט צוגעגרייט אַזאַ שיינע איבערראַשונג.

טו

די ישׂראל־אַמבאַסאַדע אין פּראָג

אָהוד אַבריאל איז נאָמינירט געוואָרן ווי דער ערשטער ישׂראל־אַמבאַסאַדאָר אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. מיר האָבן באַלד דערנאָך באַקומען אַן אייגענעם בנין, וואָס איז געוואָרן אַ מין ישׂראלדיקער אינדזל. ווער עס האָט געוואָלט עפּעס געוויר ווערן וועגן דער נײַער מדינה איז געקומען צו אונדז זיך נאָכפרעגן.

אַחוץ מײַן אַרבעט אײַנצוקויפן געווער האָב איך אויך אָנגעפירט מיטן „קרן השומר הצעיר״ אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און האָב געהאַט נאָענטע פאַרבינדונגען מיט די אָרטיקע ייִדן. מײַן ביוראָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטער ווו מען האָט געקענט באַקומען עקאָנאָמישע עצות. ייִדן און אויך נישט־ייִדן פון פאַרשיידענע אינדוסטריעלע בראַנזשעס זענען צו מיר געקומען זיך באַראָטן צי עס איז כּדאַי איבערצופירן זייער אונטערנעמונג קיין ישׂראל.

איך האָב זיך, פאַרשטייט זיך, נישט באַגרענעצט צו געבן עצות. אין ערנסטע ענינים, וואָס האָבן געקענט ברענגען אַ נוצן מדינת־ישׂראל, האָב איך זיך פאַרבונדן מיט דער האַנדלס־אָפּטיילונג פון אונדזער אויסערן־מיניס־טעריום אין ירושלים, באַשריבן אַלע פּרטים און געבעטן אַן ענטפער. די עקאָנאָמישע אָפּטיילונג אונדזערע אין פּראָג האָט זיך געהאַלטן אין איין אַנטוויקלען, אַזוי אַז איך האָב זיך גענייטיקט אין אַן אויסהילף, אַ מענטש אויף וועלכן איך זאָל זיך קענען פאַרלאָזן.

פון ישׂראל האָט מען אונדז געשיקט, ווי אַ סעקרעטאַרשע פון דער אַמבאַסאַדע, אַ יונגע פרוי מיטן נאָמען מרגלית סלע. זי איז געווען אַן אויסגע־צייכנטער באַאַמטער און האָט געקענט אַ סך שפּראַכן. זי איז תּיכּף געוואָרן אַ וויכטיקער כּוח אין פּראַצעס פון אויפבויען אונדזער אַמבאַסאַדע. מרגלית האָט אויך מיטגעבראַכט איר מאַן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין באַשטימטע

פונקציע אין דער אַמבאַסאַדע. מיכאל סלע איז געווען זייער אַ סימפּאַטישער יונגער־מאַן, מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן טאַלאַנט פאַר שפּראַכן, און ער האָט מיך תּיכּף צוגעצויגן מיט זײַן דינאַמישער פּערזענלעכקייט. איך האָב געפאָדערט פון אהוד אַבריאל ער זאָל דעם יונגן־מאַן אײַנאָרדענען אין מײַן עקאָנאָמישער אָפּטיילונג. אַזוי איז מיכאל סלע געוואָרן דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער האַנדלס־אָפּטיילונג. ער האָט אָנטייל גענומען אין אַלע אונדזערע אונטערנעמונגען און אויך אין די פאַרהאַנדלונגען מיט דער טשעכישער רעגירונג אין שײַכות מיט דעם האַנדלס־פאַרטראַג צווישן ישׂראל און דער טשעכאָסלאָוואַקײַ.

די האַנדלס־אָפּטיילונג וואָס מיכאל און איך האָבן אויסגעבויט אין פּראַג האָט אָנגעהויבן איר אַקטיוויטעט, נאָך איידער עס האָט עקסיסטירט אין ישׂראל אַ מיניסטעריום פאַר האַנדל און אינדוסטריע. איך געדענק ווען עס איז געקומען קיין פּראַג די ערשטע האַנדלס־דעלעגאַציע פון ישׂראל, בראָש מיט ד״ר מירון. אין דער דעלעגאַציע האָבן זיך אויך באַטייליקט ד״ר האַנס גרינבאַום, דער פּרעזידענט פון דער האַנדלס־קאַמער אין תּל־אָביב; אַברהם כּהנא, און אַ מיטגליד אין דער אָנפירונג פון „המשביר המרכּזי״, אסא. זיי האָבן געדאַרפט אויספאָרשן די מעגלעכקייטן צו שאַפן האַנדלס־באַציִונ־גען מיט דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. די דעלעגאַציע איז געבליבן געפּלעפט פון אונדזער אַקטיוויטעט און אַלע האָבן זיך געוווּנדערט וואָס מען האָט זיי אין ישׂראל גאָרנישט געזאָגט דערוועגן. פון דעם קען מען אָפּלערנען וואָס פאַר אַ ווירוואַר עס האָט דעמאָלט געהערשט אין די רעגירונגס־אַמטן פון ישׂראל. מיר פלעגן יעדע צוויי וואָכן שיקן קיין ירושלים, אין אויסערן־מיניסטעריום, אַ גענויעם באַריכט וועגן אונדזער אַקטיוויטעט. ווי־זט אויס אַז מען האָט זיך אַפילו נישט מטריח געווען צו עפענען אונדזערע בריוו און זיי תּיכּף אַוועקגעוואָרפן. ערנסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען האָבן זיך אינטע־רעסירט ווי אַזוי איבערצופירן זייערע עסקים קיין ישׂראל. עס איז אָבער גאָרנישט געוואָרן דערפון, ווײַל אין אויסערן־מיניסטעריום האָט מען זיך נישט פאַרנומען מיט זייערע בקשות. ערשט נאָכן וויזיט פון דער עקאָנאָ־מישער דעלעגאַציע האָט מען סוף־כּל־סוף נאָמינירט אַן עקאָנאָמישן פאַר־טרעטער אין דער פּראַגער אַמבאַסאַדע.

דאָס רוב זענען צו אונדז געקומען ייִדן וואָס האָבן געהאַט בדעה צו פאָרן קיין ישׂראל און האָבן געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַ פּערספּעקטיוון זיי האָבן דאָרטן. אין פלוג איז זייער גרינג דערויף צו ענטפערן. מען דאַרף פּשוט זאָגן די מענטשן: פרעגט נישט קיין שאלות, איר זענט ייִדן דאַרפט איר פאָרן

קיין ארץ־ישראל און דאָרטן וועט איר שוין זען וואָס עס לאָזט זיך טאָן. אין דער אמתן איז עס אָבער געוועזן זייער אַ שווערער אויפגאַב, ווײַל פֿון אונדזער ענטפֿער איז אָפּט אָפּהענגיק געווען זייער גורל. מען האָט געדאַרפֿט האָבן אַ סך געדולד צו די מענטשן. מיכאל סלע האָט געהאַט אַלע מעלות, וואָס שייך די עצות וואָס ער האָט זיי געגעבן און האָט טאַקע דערוועקט אין זיי צוטרוי. נישט איין מאָל האָב איך אים געזאָגט ער זאָל מאַכן אַ דיפּלאָמאַטישע קאַריערע, ווייל מדינת־ישראל נייטיקט זיך אין אַזעלכע פּעניקע און ערלעכע מענטשן, אָבער ער האָט געטענהט אַז אים אינטערעסירט די וויסנשאַפֿט און ער וויל ממשיך זײַן די לימודים אין ירושלימער אוניווער־סיטעט.

עד־היום בין איך איבערצײַגט אַז ווען מיכאל סלע בלײַבט אין דער דיפּלאָ־מאַטיע, וואָלט ער געווען איינער פֿון אונדזערע בולטסטע פֿאָרשטייערס. מדינת־ישראל האָט אָבער גאָרנישט פֿאַרלוירן. מיכאל סלע איז איינער פֿון די באַקאַנטסטע וויסנשאַפֿטלערס און אַלע אוניווערסיטעטן אויף דער וועלט האַלטן עס פֿאַר אַ כּבוד ווען ער קומט דאָרטן לייענען אַ לעקציע. פֿאַר אַ צײַט האָט מען אים אויך אויסגעוויילט פֿאַרן פּרעזידענט פֿונעם וויצמאַן־אינסטיטוט אין רחובות.

אין צווישן האָט מען געשלאָסן דעם ערשטן וואָפֿנשטילשטאַנד מיט וועלכן אַלע צדדים זענען געווען מסכּים. מיר האָבן נישט אויפֿגעהערט צו שיקן געווער קיין ישראל, אָבער דער דרוק איז נישט מער געווען אַזוי שטאַרק ווי פֿריִער. מיר האָבן זיך געקענט נעמען מיט אַ גרעסערן אימפּעט צו די האַנדלס־ענינים. צוזאַמען מיט מיכאל סלע האָב איך צוגעגרייט די מאַטער־יאַלן פֿאַר אַ האַנדלס־פֿאַרטראַג מיט דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, וואָס האָט געדאַרפֿט זײַן דער ערשטער פֿאַרטראַג פֿון מדינת־ישראל מיט אַ פֿרעמדער מדינה.

דער גענעראַל־דירעקטאָר פֿון טשעכישן מיניסטעריום פֿאַר האַנדל מיטן אויסלאַנד איז געווען אַ ייִד מיטן נאָמען אויגען לעבעל. נאָך דעם איבערקע־רעניש אין 1948 איז ער געוואָרן איינער פֿון די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז באמת געווען זייער אַ פֿעיִקער מענטש, אָבער זײַנע חברים האָבן דערציילט אַז דעם הויכן פּאָסטן האָט ער באַקומען פֿאַר זײַנע פֿאַרדינסטן אין דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע: בעתן אויפֿשטאַנד האָט דער פּרעזידענט בענעש עטלעכע טעג נישט געוואָלט אַקצעפּטירן די רעזיגנאַציעס פֿון די נישט־קאָמוניסטישע מיניסטאָרן. דאָס

האָט אָפּגעהאַלטן דאָס אויפשטעלן אַ קאָמוניסטישע רעגירונג. אין אַ שיינעם טאָג האָט דער חבר לעבעל באַשלאָסן אַז מען דאַרף נישט וואַרטן אויף דער החלטה פונעם פּרעזידענט. ער האָט פּשוט נישט אַרײַנגעלאָזט דעם האַנדלס־מיניסטער ריפּקע אין זײַן ביוראָ.

דער נײַער קאָמוניסטישער מיניסטער, ד״ר גרעגאָר, האָט זיך מער פֿאַר־נומען מיט פּאַרטיי־ענינים, אַזוי אַז לעבעל איז געוואָרן דער אַליינהערשער וואָס שייך דעם האַנדל מיט אויסלאַנד. מיט אים האָבן מיר געדאַרפֿט דיסקוטירן די פּרטים פֿון אונדזער האַנדלס־פּאַרטראַג. מיר האָבן געהאַט דאָס געפֿיל אַז דווקא דערפֿאַר ווײַל ער איז אַ ייִד באַציט ער זיך צו אונדז שטרענגער און האַרטער. קודם האָט געפֿירט די פּאַרהאַנדלונגען אַהוד אַבריאל און איך האָב זיך באַטייליקט ווי דער אָנפֿירער פֿון אונדזער האַנדלס־אָפּטיילונג. שפּעטער האָט זיי געפֿירט ד״ר דורון.

די זיצונגען מיט לעבעלן האָבן זיך געצויגן שעהען־לאַנג און מיר פֿלעגן פֿון זיי אַרויס פֿאַרמאַטערטע. אָפֿט האָבן מיר באַדויערט וואָס מיר האָבן נישט צו טאָן מיט אַ גוי אויף זײַן אָרט. אין יאָר 1949 האָבן מיר געמוזט איבעררײַסן אויף אַ צײַט די פּאַרהאַנדלונגען ווײַל לעבעל איז געפֿאָרן קיין אַמעריקע און קיין האָלאַנד חתמענען פֿאַרשיידענע אָפּמאַכן. ווען ער איז צוריקגעקומען האָבן מיר ממשיך געווען די פּאַרהאַנדלונגען. לעבעל האָט געשטראַלט פֿאַר גליק און האָט אונדז דערציילט וועגן זײַנע גרויסע אויפֿטוען אין אַמעריקע און האָלאַנד. אויך די צײַטונגען האָבן עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד געשריבן וועגן זײַנע הצלחות. מיר פֿלעגן געוויינטלעך זיצן מיט אים פֿון אין דער פֿרי ביז מיטאָג און דערנאָך זיך געזעגענען מיטן גרוס: ביז מאָרגן! איין מאָל קומען מיר צו גיין אין דער פֿרי אין מיניסטעריום, וואָס האָט זיך געפֿונען אין פּאַלאַץ פֿונעם פֿריִערדיקן ייִדישן מיליאָנער פּעטשעק, און לעבעל איז נישטאָ. אויך זײַן סעקרעטאַרשע איז נישט געווען. פֿון אַ שכנותדיקן ביוראָ האָט אונדז אַ יונגער־מאַן לאַקאָניש געזאָגט אַז לעבעל און זײַן סעקרעטאַרשע זענען אַרויס אויף אורלויב און מען ווייס נישט ווען זיי וועלן זיך אומקערן.

איך בין געווען דער ערשטער וואָס האָט אַרויסגעזאָגט די סברה אַז לעבעל איז אַרעסטירט געוואָרן פֿון דער געהיים־פּאָליציי. אַהוד האָט פֿון מיר געלאַכט. ס׳איז טאַקע שווער געווען צו גלייבן אַז דער מענטש וואָס איז מיט עטלעכע שעה פֿריִער געווען דער עקאָנאָמישער דיקטאַטאָר, האָט גע־חתמעט האַנדלס־פּאַרטראַגן אין נאָמען פֿון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, זאָל אַרעסטירט ווערן אין מיטן נאַכט ווי אַ פּשוטער פֿאַרברעכער. שפּעטער מיט

עטלעכע טעג האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז די געהיים־פּאָליציי האָט אין מיטן נאַכט אַרעסטירט לעבעלן און זײַן פרוי. מען האָט אויף אַ ברוטאַלן אופן אַרויסגעוואָרפן זייערע זאַכן אין איינעם מיטן קינד זייערן, וואָס שכנים האָבן אויס רחמנות אַרײַנגענומען.

מען האָט קיין מאָל נישט אויפגעקלערט די סיבה פאַר וואָס מען האָט אים אַרעסטירט. אַ סברה אַז מען האָט אים געכאַפּט בײַ אַ גנבה. די האָלענדער האָבן אים כּלומרשט געגעבן שוחד ער זאָל מסכּים זײַן מיט פּרײַזן פאַר סחורות, וואָס זענען העכער ווי אויפן אַלגעמיינעם מאַרק. אָפיציעל האָט מען אָבער וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט.

הײַנט בין איך זיכער אַז די מעשׂה וועגן שוחד איז פאַרשפּרייט געוואָרן פון דער געהיים־פּאָליציי גופא, כּדי צו פאַרשוואַרצן לעבעלס פּנים. זיי האָבן אויך פאַרשפּרייט דעם קלאַנג אַז ער האָט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין תּפיסה. די געהיים־פּאָליציי איז געווען פאַראינטערעסירט אַז די עפנטלעכ־קייט זאָל אין אים פאַרגעסן, זיי זאָלן אים קענען האַלטן אומגעשטערט אין תּפיסה אָן אַ מישפּט און אים שפּעטער אַרויסשלעפּן פון דאָרטן ווי אַ הויפּט־עדות אין פּראָצעס קעגן סלאַנסקין.

לעבעל האָט אויך געהאַט אַ סך שׂונאים פון דער צײַט ווען ער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון דער אונראַ אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, תּיכּף נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פאַר־טיילן לעבנס־מיטל און הילף פאַר די וואָס האָבן געליטן אין דער מלחמה. שוין דעמאָלט האָט מען זיך געשושקעט אַז ער טוט מער פאַר זיך און פאַר זײַנע נאָענטע, ווי פאַר פרעמדע.

הגם ער איז אומעטום אויפגעטראָטן ווי אַן איבערגעגעבענער קאָמוניסט, האָט ער אויסגעזען ווי אַ דירעקטאָר פון אַ גרויסער באַנק אָדער ווי אַ פאַבריקאַנט. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן עלעגאַנט, האָט ליב געהאַט צו עסן אין גוטע רעסטאָראַנען, טרינקען אימפּאָרטירטן קאָניאַק און רייכערן קובאַ־נישע סיגאַרן. דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן שׂינאה בײַ די וואָס האָבן גע־דאַרפט אָנקומען צו זײַן הילף.

איך האָב קיין מאָל נישט געגלייבט אַז ער האָט גענומען שוחד בײַ די האָלענדער. פאַר דער געהיים־פּאָליציי איז אָבער נישט געווען וויכטיק וואָס ס׳איז אמת און וואָס נישט, בעת זיי האָבן אים געדאַרפט כּדי צו ליקווי־דירן אַנדערע. פאַר דער געהיים־פּאָליציי איז אויך נישט געווען שווער צו ברענגען באַווײַזן, צו פעלשן דאָקומענטן. אין דער רגע ווען די געהיים־פּאָליציי האָט באַשטימט אַז לעבעל דאַרף זײַן איינער פון די וויכטיקסטע

יסודות אין דעם ליגנערישן געבוי וואָס זיי האָבן שוין דעמאָלט אָנגעהויבן אויפצושטעלן קעגן רודאָלף סלאַנסקי, איז שוין זיין גורל געווען געחתמעט, צי ער האָט גענבעט צי נישט. כדי לעבעל זאָל מסכים זיין אויסצוזאָגן קעגן סלאַנסקין האָט מען אים קודם געמוזט באַשולדיקן אין גנבה און אים דערנאָך שטעלן פאַר דער ברירה פאַרמישפּט צו ווערן אין איינעם מיט סלאַנסקין ווי אַ פּאָליטישער פאַרברעכער, צי געהאַנגען צו ווערן ווי אַ פּשוטער גנב. ביי מיר איז קיין ספק נישטאָ אַז מען האָט אים געשטעלט פאַר אַזאַ ברירה. ער האָט אויסגעקליבן צו זיין אַ פּאָליטישער פאַרברעכער. דאָס האָב איך געזען מיט מיינע אויגן אין 1952, ווען איך בין געשטאַנען אים קעגן איבער בעתן פּראָצעס פון דער סלאַנסקי־גרופּע. אין דער ערשטער רגע, ווען איך האָב אים געזען, בין איך געווען איבערראַשט. איך האָב געמיינט אַז ער איז שוין לאַנג טויט. דערנאָך האָב איך פאַרשטאַנען אַז לעבעל איז געווען דער ערשטער רינג אין דער לאַנגער קייט וואָס די געהיים־פּאָליציי האָט געשמידט אין משך פון יאָרן קעגן סלאַנסקין און זיינע פריינד.

נאָך אַ קורצער צייט האָבן מיר ווידער אָנגעהויבן די פאַרהאַנדלונגען. אויף לעבעלס אָרט איז געזעסן דער גענעראַל־דירעקטאָר סקאָטשדעפּאָלי, וואָס איז אַגב געווען אַ סך צוגענגלעכער. ווען אַלץ איז געווען צוגעגרייט איז געקומען פון ישראל אַ דעלעגאַציע אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען: ד״ר גרינבאָום, ד״ר מירון, ד״ר פינורי און כהנא, דער פּרעזידענט פון דער תל־אָביבער האַנדלס־קאַמער. ווען עס זענען דערליידיקט געוואָרן אַלע פּרטים איז די דעלעגאַציע צוריקגעפאָרן קיין ישראל און אין פּראָג איז געבליבן נאָר ד״ר פינורי וואָס האָט געדאַרפט מיט אונדזער הילף צוגרייטן דעם פאַרטראַג צום חתמענען.

פּראָג בייט דאָס פּנים

דערווייל איז אין פּראָג אָנגעגאַנגען אַ קאָמוניסטיש־שווייקישע רעוואָ־לוציע. וועגן אָט דער רעוואָלוציע האָב איך בפּרוטרוט געשריבן אין מיין ערשטן בוך עלילה בפּראג, און האָב אָנגעוויזן אַז זי האָט נאָר געקענט פאָרקומען אין אַ לאַנד ווו עס לעבן שווייקס. די קאָמוניסטן האָבן נישט מצליח געווען ווייל זיי זענען געווען אַזוי שטאַרק, נייערט ווייל די אָפּאָזיציע איז געווען אַזוי שוואַך, האָט נישט געהאַט קיין מנהיג און, בעיקר, ווייל דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק איז געווען אַ צעבראָכענער מענטש, וואָס האָט נישט מער געהאַט קיין כוח זיך אַנטקעגנצושטעלן. אין דער געשיכטע

ווערט די איבערקערעניש אָנגערופן „די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע", ווײַל די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געוואָרן דער איינציקער בעל־הבית אין לאַנד.

ווען די קאָמוניסטן האָבן געזען אַז עס לאָקערט אויף זיי נישט מער קיין סכנה, אַז די אָפּאָזיציע עפּנט נישט דאָס מויל, האָבן זיי אָנגעהויבן דורכצופירן מאַסן־רדיפות. בײַם אָנהייב האָט עס געהייסן אַז מען רודפט נאָר פּאָליטישע קעגנערס, וואָס זענען פריִער געווען אַקטיוו אין אַנדערע פּאַרטייען, אָבער אין תּוך האָט מען גערודפט אַלע וואָס זענען נישט געווען פון פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג.

בעיקר האָבן געליטן מענטשן מיט פרײַע פּראָפעסיעס, ווי דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענירן, פאַבריקאַנטן און לערערס. ווען די געהיים־פּאָליצײַ האָט זיך געפילט גענוג שטאַרק, האָט זי אין אַלע שטעט אָרגאַניזירט אַ „נאַכט פון הייליקן באַרטאָלאָמעוס" און האָט אַרעסטירט צענדליקער טויזנטער מענטשן וואָס האָבן געהערט צו דער טשעכישער אינטעליגענץ. די משפּחות זייערע האָבן אויך געליטן. מען האָט זיי אַרויסגעוואָרפן פון זייערע דירות און צוגענומען דאָס פאַרמעגן.

פאַר אונדזער אַמבאַסאַדע האָט געאַרבעט אַ טשעכישער אַדוואָקאַט, וואָס פלעג אונדז דורכפירן די פּאַפּירן ווען מיר האָבן געדונגען אַ דירה פאַר אונדזערן אַן אָנגעשטעלטן. פּלוצעם האָט מען מיר טעלעפאָניש מודיע געווען אַז ד"ר גרונד איז אַרעסטירט: זײַן פרוי בעט מיך איך זאָל זיי ברענגען עפּעס עסן אויפן ווילסאָן־וואָקזאַל, ווו זיי זענען קאָנצענטרירט איידער מען שיקט זיי אַרויס אין אַרבעטס־לאַגערן. איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם שוידערלעכן אָנבליק. הונדערטער מענטשן זענען אַרײַנגעשטופּט געוואָרן אין וואַרטזאַל נאָר מיט די קליידער וואָס זיי האָבן געהאַט אויף זיך. איך האָב זיך דערוווּסט אַז מען האָט זיי אַלע אַרויסגעשלעפּט פון זייערע היימען אין מיטן נאַכט און מען האָט זיי געפירט אין גרופּעס צו דער באַרימטער פּראָגער תּפיסה פּאַנקראַץ. דאָרטן זענען געזעסן בײַ טישלעך אַגענטן פון דער געהיים־פּאָליציי און האָבן יעדן איינעם געפרעגט וואָס פאַר אַ פּראָפעסיע ער האָט און וואָס עס זענען געווען זײַנע עלטערן. אַזוי ווי קיין פּראָלעטאַריער זענען צווישן זיי נישט געווען, האָט מען זיי תּיכּף פאַרמישפּט צו דרײַ, פיר אָדער פינף יאָר צוואַנגסאַרבעט אין די קוילנשאַכטן, כּדי זיי זאָלן דאָרט באַקומען אַ פּראָלעטאַרישע דערציִונג. קיין אַפּעלאַציע אויף דעם מישפּט האָט נישט עקסיסטירט און מען האָט זיי באַלד אויפן אָרט געשיקט צו דער באַנסטאַנציע.

איך האָב דאָרט באַגעגנט אַ סך באַקאַנטע און זייער לייד האָט מיך אויפ־

געטרייסלט. איך האָב זיך דערמאָנט אַז פון דער זעלביקער סטאַנציע האָט מען אין משך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרויסגעשיקט טעגלעך הונדערטער ייִדן אין די גאַזקאַמערן און די טשעכן זענען געשטאַנען און האָבן אויך הנאה געהאַט דערפון. אפשר איז דאָס וואָס עס געשעט מיט זיי אַצינד אַ גערעכטע שטראָף ?.. צווישן די אַרעסטירטע זענען אָבער אויך געווען ייִדן און עס האָט מיר ווי געטאָן דאָס האַרץ וואָס איך קען זיי נישט העלפן. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרעסטן האָבן אַ סך ייִדן פאַרשטאַנען דעם רמז און אויף גיך געמאַכט די פּעקלעך. אַ לאַנגע צײַט האָט מען נאָך געקענט אַרויספאָרן פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, אָבער נישט אַלע ייִדן האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט. ערשט שפּעטער, ווען מען האָט הערמעטיש פאַרמאַכט די טויערן פון לאַנד, זענען די פאַרבליבענע ייִדן געקומען צו אונדז און געבעטן הילף. אונדזער אַמבאַסאַדע האָט, פאַרשטייט זיך, אַלץ געטאָן כּדי צו ראַטעווען ייִדן, אָבער עס איז נאָך נישט די צײַט וועגן אַלעמען צו רעדן. נישט אַלע וואָס מיר האָבן געהאָלפן זענען געקומען קיין ישׂראל; אַ טייל האָט געזוכט דאָס גליק אין מערבֿ־אייראָפּע אָדער אין אַמעריקע. פון דעסטוועגן איז גוט צו באַגעגענען מענטשן אין ישׂראל, וואָס ווײַזן אויף דיר מיטן פינגער און זאָגן: אָט, אַ דאַנק אים געפינען איך זיך דאָ!

מיר האָבן אויך געהאָלפן אויף פאַרשיידענע וועגן די ייִדן אַריבערפירן דאָס פאַרמעגן זייערס, וואָס זיי האָבן אונדז אָנפאַרטרויט. אַלץ וואָס מיר האָבן באַקומען האָבן מיר דאָ אָפּגעגעבן. איך זאָג דאָס ווײַל אין נאָכמלחמהדיקן אייראָפּע זענען די מענטשן געווען ווי די וועלף. מען האָט זיך נישט געשעמט אויסצוציִרן מיט פאַרמעגנס וואָס אַנדערע האָבן אָנפאַרטרויט, בעיקר מענטשן וואָס מען האָט פאַרשיקט אין די לאַגערן, און זיי האָבן געהאָפט אַז זיי וועלן זיך נאָך אומקערן און געפינען די זאַכן וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט. ווי סאָלדאַטן פון ארץ־ישׂראל זענען מיר נאָך דער מלחמה אַרומגעפאָרן איבער אייראָפּע מיט אַ רשימה פון מענטשן, בײַ וועלכע ייִדן האָבן איבערגעלאָזט פאַרשיידענע ווערטזאַכן. קיינער האָט נישט אָפּגעגעבן. אַלע האָבן געטענהט אַז די רוסן האָבן אַלץ צוגענומען. זיי האָבן זיך נישט געשעמט צו לייקענען אַפילו ווען אויף די ווענט זענען געהאַנגען בילדער פון ליבערמאַן צי אורי לעסער, וואָס האָבן זיכער געהערט צו ייִדן. אין אַלע יאָרן האָב איך באַגעגנט נאָר איין אַלט פאָרפאָלק אין פּראָג וואָס האָט גאָרנישט פאַרלייקנט און אַפילו געווען צופרידן וואָס זיי האָבן אַ מעגלעכקייט אָפּצוגעבן פרעמדע זאַכן. און טאַקע ווײַל דאָס זענען געווען די איינ־

ציקע, ווייל איך וועגן זיי דערציילן, צו וויַזן אַז עס זענען פֿאַרט נאָך פֿאַראַנען מענטשן מיט געוויסן.

מײַנער אַ פֿרײַנד, ב., וואָס האָט געאַרבעט בײַ דער עלעקטריע־געזעלשאַפֿט אין חיפה, האָט מיר דערציילט בעת אַ באַגעגעניש אין ווין, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַן ענין וואָס ער האָט אים שוין פֿאַרגעלייגט פֿאַר עטלעכע ישׂראלדיקע אינסטיטוציעס, אָבער קיינער האָט אים נישט געקענט העלפֿן. וויל ער אַז איך זאָל אויך פּרוּוון: איידער מען האָט זיי פֿאַרשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער, האָבן זײַנע קרובים פֿון פּראָג איבערגעגעבן אַ קעסטעלע מיט צירונג דעם פֿאַרוואַלטער פֿון הויז אין וועלכן זיי האָבן געוווינט. ער האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט די זאַכן אָפּהיטן ביז זיי וועלן זיך אומקערן פֿון לאַגער. די קרובים האָבן זיך נישט אומגעקערט, אָבער צוויי קינדער זייערע האָבן זיך געראַטעוועט און זיי ווייסן דעם נאָמען פֿון דעם אַמאָליקן פֿאַר־וואַלטער און זײַן דעמאָלטיקן אַדרעס. זיי האָבן אַפֿילו אַ רשימה פֿון די זאַכן וואָס די עלטערן זייערע האָבן אַרײַנגעלייגט אין קעסטל. די קינדער געפֿינען זיך אין ישׂראל און ווייסן נישט צי דער פּראָגער פֿאַרוואַלטער און זײַן פֿרוי לעבן נאָך. בעט ער מיך, דער חבר מײַנער, איך זאָל זיי פּרוּוון אָפּזוכן. אפֿשר וועלן זיי מסכּים זײַן אָפּצוגעבן דאָס צירונג?

איך האָב צוגעזאָגט צו פּרוּוון, כאָטש איך האָב געהאַט גרויסע ספֿקות צי איך וועל מצליח זײַן. אַחוץ דעם איז אין דעם אויך געווען אַ סכּנה, אויב די טשעכישע אויטאָריטעטן וועלן זיך דערוויסן. דערפֿאַר האָב איך קיינעם אין אונדזער אַמבאַסאַדע נישט דערציילט דערוועגן און האָב באַ־שלאָסן פֿאַרזיכטיק איינער אַליין צו זוכן דעם אוצר.

מיט דער הילף פֿון פֿרײַנד אין דער פּראָגער קהילה בין איך געוווירע געוואָרן אַז דאָס פֿאַרפֿאָלק לעבט און זענען ביידע פּענסיאָנערן. איך האָב זיך אָנגעהויבן צו דרייען אַרום זייער הויז, געוווירע ווערן ווער עס זענען די איבעריקע אײַנוווינערס און ווער עס קומט אַרײַן אין שטוב צו די אַלטע לײַט. ווען איך בין געווען איבערצײַגט אַז אין הויז וווינען נישט קיין פּאָליציי־אַגענטן און צו דעם אַלטן פֿאַרפֿאָלק קומט בדרך־כּלל קיינער נישט — האָב איך באַשלאָסן זיי אָפּצושטאַטן אַ וויזיט אין אַן אָוונט.

עס האָט מיר געעפֿנט אַן אַלטער מאַן און אויף זײַן שאלה וועמען איך זוך האָב איך געענטפֿערט אַז איך קום אין נאָמען פֿון דער משפּחה ב'. ער האָט מיך תּיכּף אַרײַנגעלאָזט און גערופֿן דאָס ווײַב וואָס איז געווען אין קיך. איך האָב קוים געוואָרט אויפֿן גורלדיקן ענטפֿער. ווען די אַלטע פֿרוי איז אַרײַנגעקומען, האָט דער מאַן איר אַ זאָג געטאָן: „מאַמושקאַ, איצט קענען

מיר שוין רויק שטאַרבן, נאָך דעם ווי מיר וועלן צוריקגעבן די זאַכן וואָס מיר האָבן באַהאַלטן!" און די מאַמושקאַ האָט געענטפערט: „גאָט צו דאַנקען!"

איך האָב דערציילט די אַלטע לײַט אַז די בעלי־בתּים פון דעם אוצר זענען אומגעקומען אין לאַגער און אַז די קינדער זייערע געפינען זיך אין ישׂראל. זיי האָבן אָבער נישט קיין מעגלעכקייט צו קומען קיין פּראָג, האָבן זיי מיך געשיקט אין זייער נאָמען. די אָרנטלעכע מענטשן האָבן געלאָזט אַ טרער פאַר די אומגעקומענע, דערנאָך האָבן זיי מיך אַרײַנגעפירט אין קיך און פון אַ באַהעלטעניש אַרויסגענומען דאָס אײַזערנע קעסטעלע. זיי האָבן עס מיר איבערגעגעבן, מיך אַפילו נישט געפרעגט ווי איך הייס און נישט געפאָדערט פון מיר קיין קבלה. זיי האָבן אַפילו נישט געוואָלט הערן דערפון אַז איך זאָל זיי געבן אַ סומע געלט פאַר זייער טירחה און האָבן זיך כּמעט באַליידיקט. איך האָב דאָס קעסטעלע איבערגעגעבן אין אַמבאַסאַדע, פון וואַנען מען האָט עס אָפּגעשיקט צו די יורשים.

פּראָוואָקאַציעס פון דער פּאָליציי

די טשעכישע בירגערס האָבן געפילט אַז מיט יעדן טאָג ווערן זיי אָפּגעשלאָסענער פון דער פרײַער וועלט, ווי אין אַ פּאַסטקע פון וועלכער מען קען זיך נישט אַרויסרײַסן. אין די צײַטונגען זענען דערשינען מעלדונגען וועגן מאַסמיטלען בײַ דער עסטרײַכישער און דײַטשער גרענעץ, כּדי מען זאָל נישט קענען אַנטלויפן פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. צענדליקער טוריזנטער טשעכן האָבן געוואָלט אַנטלויפן. עס האָבן זיך באַוויזן פּראָפעסיאָנעלע שמוגלערס וואָס זענען געווען גרייט פאַר שווער געלט צו העלפן שוואַרצן די גרענעץ קיין עסטרײַך אָדער קיין דײַטשלאַנד. זיי פלעגן אַראָפּרײַסן די הויט פון די קרבנות און מענטשן זענען געווען גרייט אַלץ אָוועקצוגעבן, אַבי זיך אַרויסצורײַסן פון די קאָמוניסטן. ווער עס האָט געוואָלט אַנטלויפן האָט וועגן דעם נישט דערציילט אַפילו די נאָענטסטע קרובים, די פּאָליציי זאָל נישט האָבן צו זיי קיין טענות, הלמאַי זיי האָבן זיי נישט געמסרט. די וואָס עס איז געראָטן צו אַנטלויפן האָבן נישט געשריבן צו זייערע קרובים, ווײַל לויטן קאָמוניסטישן געזעץ דאַרף אַפילו אַ טאַטע מסרן דעם זון, אויב ער ווייס אַז ער וויל אַנטלויפן; אַנישט איז ער אויך אַ פאַררעטער.

אַזוי אַרום האָט מען נישט געוווּסט וועמען עס איז באמת געראָטן צו אַנטלויפן. עס זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען. מען האָט דערציילט אַז די פּראָפעסיאָנעלע שמוגלערס האָבן דעם גרעסטן טייל באַרויבט און דערהרגעט. מען האָט אויך גערעדט אַז דאָס רוב שמוגלערס זענען

אַגענטן פון דער געהיים־פּאָליצײ. זײ װערן פּשוט געשיקט צו מענטשן װאָס די פּאָליצײ װיל זײ ליקװידירן, װײַל זײ זענען אַנטיקאָמוניסטן.

ס'איז שװער געװען צו װיסן דעם אמת, װײַל די אַנטלאָפענע האָבן נישט געהאַט קײן שום קאָנטאַקט מיט זײערע קרובים. איך בין זיך מודה אַז איך האָב נישט געגלײבט אַז אַ קאָמוניסטישע רעגירונג קען זיך באַנוצן מיט פּראָפעסיאָנעלע מערדערס.

אַזוי װי איך פלעג אָפּט פאָרן קײן עסטרײַך און קײן דײַטשלאַנד, האָבן זיך צו מיר געװאָנדן עטלעכע טשעכישע פרײַנד, בסוד־סודות, און מיך געבעטן איך זאָל געװויר װערן װאָס עס איז געשען מיט זײערע קרובים װאָס זענען אַנטלאָפן. איך בין מסכים געװען די זאַך אויסצופאָרשן, װײַל איך האָב געהאַפּט אויף אַזאַ אופן אויסצוװאָרצלען דעם חשד אַז די קאָמוניסטישע פּאָליצײ האָט די אַנטלאָפענע אומגעבראַכט.

איך בין געװען אין עטלעכע פּליטים־לאַגערן אין דײַטשלאַנד, װוּ עס זענען געװען קאָנצענטרירט די אַנטלאָפענע פון די קאָמוניסטישע לענדער, אָבער איך האָב קײנעם נישט געפונען פון די װאָס איך האָב געזוכט. האָב איך זיך געװאָנדן צו דעם צענטראַל־ביוראָ פון אַלע לאַגערן אין דײַטשלאַנד, װײַל זײ האָבן געהאַט אַ פּינקטלעכע רשימה פון די מענטשן. אויך דאָרט האָב איך קײנעם נישט געפונען. איך בין געגאַנגען צו דעם גענעראַל־דירעקטאָר, ער זאָל מיר אַרויסהעלפן, און פון אים האָב איך זיך דערװוּסט דעם טרויעריקן אמת. לויט זיכערע באַריכטן פון אַמעריקאַנישן געהײמדינסט זענען דאָס רוב שמוגלערס אין די קאָמוניסטישע לענדער, און בפרט אין דער טשעכאָסלאָװאַקײַ, פּשוטע פּראָװאָקאַטאָרן, װאָס אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט דער פּאָליצײ, אַזוי אַז דער גרעסטער טײל פון די אַנטלאָפענע איז געפאַלן אַ קרבן. די געהײמע־פּאָליצײ װײס גענוי װער עס זענען די קאַנדידאַטן װאָס װילן אַנטלויפן פון דעם קאָמוניסטישן רעזשים און װעמען עס איז כּדאַי צו פאַרװיקלען אין אַן אומלעגאַלער אונטערנעמונג. די פּאָליצײ באַקומט פּינקטלעכע אינפאָרמאַציעס פון די שמוגלערס װען אַ גרופּע לאָזט זיך אין װעג צו דער גרענעץ. די װאָס זענען געװען אַקטיװ אין אַנטיקאָמוניסטישע פּאַרטײען װערן קאַלטבלוטיק אומגעבראַכט אין די װעלדער בײַ דער גרענעץ. די איבעריקע װערן אין געהײמע פאַרמישפּט אויף לאַנגע יאָרן תּפיסה און זײערע קרובים װײסן אַפילו נישט דערפון.

איך האָב אַלץ אויסגעהערט און קײנעם גאָרנישט דערצײלט. איך האָב נאָך אַלץ נישט געגלײבט אַז אין אַ קאָמוניסטיש לאַנד קענען פאָרקומען אַזעלכע שוידערלעכע זאַכן. איך בין נאָך געװען איבערצײַגט אַז דאָס איז אַ פּרוװ

פון אַמעריקאַנישע אַגענטן צו פאַרשוואַרצן דאָס פנים פון דעם קאָמוניסטישן רעזשים אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. מײַנע פרײַנד אין פראָג האָב איך געזאָגט אַז איך האָב נישט געקענט באַקומען קיין אינפאָרמאַציעס, ווײַל די פליטים־לאַגערן זענען פאַרשפּרייט איבער גאַנץ דײַטשלאַנד און עס איז נישט פאַראַנען קיין צענטראַלע רשימה.

אויפן וועג צוריק, אין פראַנקפורט, האָב איך געהאַט אַ באַגעגעניש, אַ דאַנק וועלכן איך האָב געקענט ברענגען כאָטש איין טשעכישער משפחה אַ גוטע בשורה.

אַלע אָנגעשטעלטע פון דער אַמבאַסאַדע האָבן געוווינט אין מעבלירטע דירות, וואָס האָבן פריִער געהערט צו גרויסע עשירים. נאָך דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע האָט מען בדרך־כּלל צוגענומען בײַ די גבירים די הײַזער און זיי געצוואונגען צו וווינען אין דערפער, מחוץ פראָג.

ה., אַ טעקסטיל־פאַבריקאַנט וואָס מען האָט נאַציאָנאַליזירט זײַן פאַבריק, האָט אונדז פאַרדונגען זײַן דירה בײַ צײַטנס, איידער מען האָט זי בײַ אים צוגענומען. אַזוי אַרום האָט ער זיך געזיכערט אַ חודשלעכע הכנסה און ער האָט אויך געטראַכט אַז אויב עס וועט קומען אַן אַנדער רעזשים, וועלן מיר אים אָפּגעבן די דירה מיט אַלע זאַכן וואָס געפינען זיך אין איר.

ה. פלעגט אָפט אַרײַנקומען אין אונדזער אַמבאַסאַדע. ער איז שוין געווען אַן עלטערער מאַן און הגם ס'איז פאַר אים געווען אַ גרויסער קלאַפּ צו פאַרלאָזן פראָג, ווו ער האָט אַלע יאָרן געלעבט, האָט ער באַשלאָסן צו אַנטלויפן. ער האָט מיר אָנפאַרטרויט זײַן סוד און מיך געבעטן איך זאָל אים העלפן. אַזוי ווי ער איז נישט געווען קיין ייִד, האָב איך נישט געקענט פאַר אים אינטערווענירן אויף אַ לעגאַלן אופן, און אילעגאַל האָב איך נישט געוואָלט ריזיקירן, כּדי נישט צו פאַרוויקלען אונדזער אַמבאַסאַדע אין אַ צרה.

פלוצעם איז ה. פאַרשוווּנדן. זײַן פרוי האָט מיר דערציילט אַז די פאָליציי האָט געפונען זײַנע קליידער און דאָקומענטן לעבן טײַך ווילטאַווע. ס'איז דאָרט אויך געווען אַ בריוו אַז ער קען אַזוי נישט מער לעבן און האָט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. די טשעכישע פאָליציי האָט געהאַט אַ חשד, ווײַל זי האָט נישט געפונען זײַן טויטן גוף. דעריבער איז מען אָפט געקומען צו זײַן פרוי זי אויספאָרשן. כּדי פון זיי פטור צו ווערן האָט זי געזאָגט אַז איר מאַן האָט מיר אויך דערציילט אַז ער טראָגט זיך אַרום מיטן געדאַנק זיך צו נעמען דאָס לעבן.

די פאָליציי האָט מיך געפרעגט דערוועגן און איך האָב דאָס באַשטעטיקט.

קודם־כל ווײַל איך האָב געוואָלט אַ טובה טאָן דער פרוי און צווייטנס, ווײַל איך האָב באמת געגלייבט אַז ער האָט זיך דערטרונקען.

אין פראַנקפורט בין איך אומיסטן געגאַנגען עסן אין אַ רעסטאָראַן וואָס האָט געהערט צו אַ טשעכישן פּליט. ערשטנס, ווײַל מען האָט דאָרטן גוט געגעסן און צווייטנס, ווײַל איך האָב געטראַכט אַז איך וועל דאָרטן באַקומען אינפאָרמאַציעס וועגן די מענטשן וואָס איך האָב געזוכט. ווי איך זיץ אַזוי בײַם טיש און באַטראַכט די שפּײַזקאַרטע, פֿיל איך אַז עמעצער נעמט מיך אַרום און רופט: הער אָרנשטיין! ווען כ'האָב זיך אויסגעדרייט, בין איך שיִער נישט אַראָפּגעפאַלן פון בענקל: פאַר מיר איז געשטאַנען ה. בכבודו ובעצמו, אויפגעשטאַנען תחית־המתים.

אַזעלכע פאַלן זענען געווען באַקאַנט אין די קאָמוניסטישע לענדער. מענטשן זענען אַריבער די גרענעץ מיט דער הילף פון אַ שמוגלער וואָס פרײַנד האָבן געשיקט פון עסטרײַך, צי פון דײַטשלאַנד, און כדי די משפחה זאָל נישט האָבן קיין צרות, האָבן זיי סימולירט זעלבסטמאָרד.

די פרוי זײַנע האָט פון גאָרנישט געוווּסט. מען קען זיך פאָרשטעלן איר פרייד ווען איך האָב איר איבערגעגעבן די בשורה און איר געזאָגט אַז איר מאַן וואַרט עס זאָל זיך בײַטן דער רעזשים אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, כדי ער זאָל זיך אומקערן אַהיים.

ה. האָט מיר אויך באַשטעטיקט אַז דאָס רוב אַנטלאָפענע פון דער טשע־כאָסלאָוואַקײַ זענען קיין מאָל נישט אָנגעקומען קיין עסטרײַך צי קיין דײַטש־לאַנד, ווײַל די פּראָפעסיאָנעלע שמוגלערס, וואָס זענען אין תּוך געווען פּראָוואָקאַטאָרן אָנגעשטעלט פון דער געהיים־פּאָליציי, האָבן זיי אויפן וועג דערהרגעט. אַ טייל פון זיי פוילט אין די תּפיסות. דעם אמת געזאָגט, האָב איך אים אויך נישט געגלייבט און האָב געמיינט אַז דאָס איז אַנטיקאָמוניס־טישע פּראָפּאַגאַנדע.

אין יענער צײַט פלעג איך צוויי מאָל אין יאָר פאָרן קיין קאַרלסבאַד זיך היילן. ווי אַן אויסלענדער האָב איך געמוזט וווינען אין האָטעל „פּופּ“, וואָס איז געווען איינס פון די עלעגאַנטסטע האָטעלן אין אייראָפּע. בעת איך פלעג זיצן אין רעסטאָראַן צי אין קאַפעטעריע האָב איך באַמערקט אַז עס זיצט דאָרטן אַ יונגער עלעגאַנטער מאַן. איך האָב פאַרשטאַנען אַז אַ טשעכישער בירגער קען זיך אַזאַ זאַך נישט פאַרגינען און אַז דער יונגער־מאַן מוז זײַן אַ שפּיצל פון דער געהיים־פּאָליציי. ער האָט געוואָלט אָנקניפּן אַ שמועס מיט מיר, אָבער איך האָב אים אויסגעמיטן, מיטן תּירוץ אַז איך וויל נישט מאַכן קיין באַקאַנטשאַפטן.

אין 1950, ווען איך בין ווידער געווען אין קאַרלסבאַד, האָט מיר דער קעלנער פון האָטעל „פּופּ" דערציילט אַז מען האָט יענעם יונגן־מאַן אַרעס־טירט. ער איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער שמוגלער, — האָט מיר דער קעלנער געזאָגט — אָבער אַנשטאָט די מענטשן אַריבערצופירן די גרענעץ האָט ער ביי זיי צוגענומען דאָס געלט און זיי דערהרגעט. די פּאָליציי האָט אים געקענט און האָט געוווּסט מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך. אָבער לעצטנס האָט ער געהאַט אַ דורכפאַל וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן סקאַנדאַל, אַזוי אַז מען האָט אים געמוזט אַרעסטירן.

די מעשה וואָס איז אַרומגעגאַנגען איבער גאַנץ קאַרלסבאַד איז געווען אַזוי: ז"י טאָכטער פון אַ פּענסיאָנירטן טשעכישן אָפיציר האָט שטאַרק געוואָלט אַרויספאָרן קיין אַמעריקע, ממשיך זיין אירע לימודים, ווייל ווי די טאָכטער פון אַן אָפיציר, האָט מען זי נישט אָנגענומען אין די טשעכישע אוניווערסיטעטן. אויף אַ לעגאַלן אופן האָט זי נישט געקענט אַרויס, האָט זי באַשלאָסן צו אַנטלויפן ווי עס וועט זיך לאָזן. איין מאָל האָט זי דערציילט איר טאַטן אַז זי האָט זיך באַגעגנט מיט אַ פּראָפעסיאָנעלן שמוגלער, וואָס האָט גוטע פאַרבינדונגען מיט דער פּאָליציי און ער איז גרייט זי אַריבער־צופירן די גרענעץ פאַר פינף הונדערט דאָלאַר. דער פאָטער האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי אין פּראָפעסיאָנעלע שמוגלערס און האָט געפאָדערט פון דער טאָכטער זי זאָל אים כאָטש באַקענען מיט דעם פאַרשוין, כּדי ער זאָל זען מיט וועמען זי לאָזט זיך אַריין אין אַזאַ אַוואַנטורע. דער שמוגלער האָט אָבער נישט געוואָלט קומען אויף אַזאַ באַגעגעניש און ער האָט געטענהט אַז דער גאַנצער ענין מוז בלייבן בסוד. אַניט קען ער איר נישט העלפן. די טאָכטער האָט זיך געבעטן ביי איר פאָטער ער זאָל זי לאָזן פּרווון, ווייל פון דעם איז אָפּהענגיק איר גאַנצע צוקונפט. ביזן סוף איז דער טאַטע מסכּים געווען, מיטן תּנאַי די טאָכטער זאָל אים אַלץ דערציילן, כּדי ער זאָל כאָטש פון דער ווייטן קענען אויף איר אַכטונג געבן.

נאָך אַ צייט איז די טאָכטער געקומען מיט דער בשורה אַז דעם צווייטן טאָג, אין אַ באַשטימטער שעה, דאַרף זי זיין אויפן וואָקזאַל און זי טאָר מיט זיך מיטנעמען נאָר אַ קליין רענצל מיט די נייטיקסטע זאַכן. דעם אַנדערן טאָג איז די טאָכטער אַרויס פון דער היים מיט אַ קופערטל, אין וועלכן זי האָט געהאַט ווערטזאַכן און וואַלוטע. זי איז געגאַנגען מיט זיכערע טריט, ווייל זי האָט געוווּסט אַז איר פאָטער האַלט אַן אויג אויף איר. דער שמוגלער איז אָנגעקומען מיט אַ שיינעם אויטאָ און נאָך דעם ווי ער האָט עפּעס גערעדט מיטן מיידל, זענען זיי ביידע אַוועק צו פוס אין דער ריכטונג

פון אַ נאָענטן וואַלד. דער פאָטער איז זיי נאָכגעגאַנגען. נאָך אַ שטיק וועג האָט דער פאָטער געזען ווי די טאָכטער גיט איבער דעם שמוגלער דאָס רענצל. דערנאָך האָט ער געזען ווי דער שמוגלער דערלאַנגט זײַן טאָכטער אַ שטויס און זי פאַרשווינדט. ער, דער שמוגלער, האָט גענומען דאָס רענצל און איז פּאַמעלעך צוריקגעגאַנגען צו זײַן אויטאָ.

דער פאָטער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָ איז געשען אַן אומגליק, אָבער ווי אַן אַמאָליקער אָפיציר האָט ער געוווּסט אַז דער שמוגלער איז זיכער באַוואָפנט און ער וועט אים תּיכּף דערהרגענען, אַז ער וועט אַרויס פון זײַן באַהעלטעניש. דערפאַר האָט ער נאָר פאַרשריבן דעם נומער פונעם אויטאָ און איז געלאָפן צו דער פאָליציי.

די איינפאַכע פּאָליציי האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דער געהיים־פּאָליציי. זי איז תּיכּף געקומען אין וואַלד און לויט די אָנווײַזונגען פונעם פאָטער, אַנטפּלעקט אַ טיפע גרוב, ווי עס זענען געווען אַ סך אין דער געגנט פון קאַרלסבאַד. פון דער גרוב איז געקומען אַ גרויליקער געשטאַנק. מיט דער הילף פון פײַער־לעשערס וואָס האָבן אָנגעטאָן גאַזמאַסקעס האָט מען קוים מיט שווערער מי אַרויסגעשלעפּט די טאָכטער צו דער ליכטיקער שײַן. זי האָט נאָך געלעבט. די פײַער־לעשערס האָבן דערציילט אַז אונטן, אין גרוב, ליגן אַ סך פאַרפוילטע מענטשלעכע קערפּערס און דערפאַר טראָגט זיך פון דאָרט אַזאַ געשטאַנק.

דאָס מיידל האָט אַ צײַט לאַנג געפאָכעט מיט דער נשמה, צווישן לעבן און טויט. זי איז פלוצעם ווײַס געוואָרן פאַר שרעק. אַפילו די אַגענטן פון דער קרימינעלער פּאָליציי, וואָס זענען בדרך־כּלל צוגעוווינט צו גרויליקע אַנבליקן, זענען געווען איבערגערודערט ווען זיי האָבן געזען דאָס מיידל.

לויט דעם נומער פון אויטאָ האָט די פּאָליציי תּיכּף געפונען דעם יונגן־מאַן און אים אַרעסטירט. ער האָט געוווינט אין אַ שיינער ווילע און מען האָט בײַ אים געפונען אוצרות גאָלד און פרעמדע וואַלוטע. מען האָט דערציילט אַז ער איז גאָרנישט נתפּעל געוואָרן ווען מען האָט אים אַרעסטירט און האָט געטענהט אַז די קרימינעלע פּאָליציי וועט דערפאַר טײַער באַצאָלן, ווײַל ער איז נישט קיין פאַרברעכער. ער העלפט נאָר ליקווידירן די שונאים פונעם קאָמוניסטישן רעזשים, און דאָס איז אַ מיצווה.

עס האָט געהייסן אַז די געהיים־פּאָליציי האָט איבערגענומען דעם פאַרברעכער כּדי אים אויסצופאָרשן און האָט אַפילו צוגעגרייט אַ באַשולדיקונג, אָבער צו קיין מישפּט איז עס נישט געקומען. ער איז פּשוט נעלם געוואָרן. די געהיים־פּאָליציי האָט אויך געוואָרנט די אַגענטן פון דער קרימינעלער

פּאָליציי און די פּײַער־לעשערס זיי זאָלן קיינעם נישט דערציילן וועגן דעם וואָס ס'איז פּאָרגעקומען. דער פּאָטער פון מיידל איז געשטאָרבן פון אַן אַפּאָפּלעקסיע און דאָס מיידל גופא האָט פּאַרלוירן דאָס לשון און דעם זכרון. אַזוי האָט זיך די מעשה פּאַרענדיקט.

נאָך מײַן מישפּט אין 1953 בין איך אַ פּאָר טעג געווען אין דער באַרימטער פּאַנקראַצער תּפיסה, ווײַל פון דאָרטן האָט מען די פּאַרמישפּטע פּאַרטיילט אין פּאַרשיידענע אַרבעטס־לאַגערן. דורכן פענצטער פון מײַן קעמערל האָב איך דערזען דעם יונגער־מאַן פון קאַרלסבאַד שפּאַצירן איינער אַליין אין אַן אָפּגעזונדערטן הויף. מײַנע קאָלעגן האָבן מיר דערציילט אַז ער איז אַ שפּיצל פון דער געהיים־פּאָליציי וואָס פלעגט ליקווידירן מענטשן וואָס האָבן געוואָלט אַנטלויפן פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. די פּאָליציי האָט געוווּסט אַלץ וואָס ער טוט און אַפילו באַקומען אַ טייל פון די גערויבטע זאַכן.

קיין פּאַנקראַץ האָט מען אים געבראַכט נאָר דערפּאַר ווײַל מען האָט אים געוואָלט אויסבאַהאַלטן אַ צײַט פון דער עפנטלעכקייט, נאָכן דורכפאַל אין קאַרלסבאַד. קיין בעסער אָרט אויסצובאַהאַלטן אַ מענטש פּאַר דער עפנט־לעכקייט ווי אין דער פּאַנקראַצער תּפיסה איז נישט געווען. דאָרט האָט געהאַט אַ צוטריט נאָר די געהיים־פּאָליציי. מײַנע קאָלעגן זענען געווען זיכער אַז מען וועט אים באַפרײַען, ווי נאָר מען וועט אים קענען אויסנוצן ווידער צו ליקווידירן אַנטיקאָמוניסטן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ צי אין אַנדערע קאָמוניסטישע לענדער. אַגב, איז ער אַפילו נישט געווען קיין טשע־כישער בירגער.

פון פּאַנקראַץ האָט מען מיך געשיקט אין דער פעסטונג פון מיראָוו, ווו איך האָב געדאַרפט אָפּזיצן דרײַסיק יאָר, ווי מען האָט מיך פּאַרמישפּט. אין מיראָוו האָב איך באַגעגנט עטלעכע פון די קרבנות, וואָס איך האָב אין 1949 געפּרוווט זיך דערוויסן וועגן זייער גורל אין דײַטשלאַנד. ערשט דאָרט האָב איך זיך איבערצײַגט אַז דער פּאַרוואַלטער פון דעם פּליטים־לאַגער אין דײַטשלאַנד האָט דערציילט דעם אמת וועגן די גרויל־מעשים פון דער טשעכישער געהיים־פּאָליציי. דאָרט האָב איך געזען די לעבעדיקע עדות וואָס זענען געפאַלן אַ קרבן פון די פּראָוואָקאַטאָרן וואָס די געהיים־פּאָליציי האָט זיי אונטערגעשטעלט. די שמוגלערס האָבן אָט די מענטשן פּשוט איבערגעגעבן אין די הענט פון דער געהיים־פּאָליציי, וואָס האָט געוואַרט בײַ דער גרענעץ. נישט געבנוג וואָס מען האָט בײַ זיי אַלץ אַוועקגערויבט, האָט מען זיי באַגראָבן לעבעדיקערהייט אין תּפיסה און די משפּחות ווייסן עד־היום נישט ווו עס ליגט זייער געביין.

ווען איך האָב דאָס אַלץ געזען, האָב איך זיך געפילט שולדיק, ווײַל איך האָב דעמאָלט קיינעם נישט דערציילט וואָס איך האָב זיך דערוווּסט אין דײַטשלאַנד. ווען איך וואָלט דערציילט און געוואָרנט, וואָלטן זיך אפשר עטלעכע מענטשן געווען געראַטעוועט פון דעם ביטערן גורל.

צום באַדויערן האָב איך זיך באַקענט מיט די גרויליקע מעשׂים פון קאָמוניסטישן רעזשים ערשט ווען איך האָב זיי געפילט אויף מײַן אייגענעם לײַב. אָבער דעמאָלט איז שוין געווען צו שפּעט. דעמאָלט האָב איך שוין קיינעם נישט געקענט העלפן, ווײַל איך בין אַליין געווען אין גיהנום, פאַרלאָזט און אָפּגעשניטן פון דער פרײַער וועלט.

איך בין איבערצײַגט אַז ביזן הײַנטיקן טאָג נוצט די געהיים־פּאָליציי אין די קאָמוניסטישע לענדער פּראָוואָקאַטאָרן, ווײַל דאָס איז דאָס בעסטע מיטל צו ליקווידירן אומשולדיקע מענטשן, וואָס דער רעזשים איז פאַר־אינטערעסירט זיי צו באַזײַטיקן. די כּלומרשט פרײַע וועלט רעדט וועגן מענטשנרעכט און די געהיים־פּאָליציי טוט זיך ווײַטער אומגעשטערט איר אַרבעט...

דער נײַער רעזשים

די טשעכישע הויפּטשטאָט האָט מען אַ מאָל גערופן „דאָס גאָלדענע פּראָג". דאָס איז געווען איינע פון די שענסטע שטעט אין דער וועלט און אויך איינע פון די פרייַלעכסטע. נאָך דעם ווי די קאָמוניסטן האָבן איבערגענומען די מאַכט איז עס געוואָרן „דאָס אײַזערנע פּראָג". אַ שטאָט אַרומגענומען מיט אַן אײַזערנער מויער, פון וועלכער מען קען נישט אַרויס און נישט אַרײַן. מענטשן ווערן נעלם איבער נאַכט און מען ווייס נישט וווּהין און די משפּחות פון די פאַרשווּנדענע האָבן מורא צו פרעגן. די געהיים־פּאָליציי, די שוואַרצע באַנדעס, טוט איר אַרבעט מייִנסטנס בײַ נאַכט. ווי די זון גייט אונטער יאָגן זיי זיך נאָך קרבנות ווי הונגעריקע וועלף.

פאַרמעל איז אויך נאָך דער רעוואָלוציע פון 1948 געווען אין דער טשע־כאָסלאָוואַקײַ אַ קאָאַליציע־רעגירונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, מיטגלידער פון דער בענעש־פּאַרטיי און פון דער פאָלקספּאַרטיי, אָבער אין דער אמתן איז די מאַכט געווען נאָר אין די הענט פון די קאָמוניסטן. דער פּרעמיער, דער אינערן־מיניסטער, קריגס־מיניסטער, פינאַנץ־מיניסטער און אינדוסטריע־מיניסטער זענען געווען באַקאַנטע קאָ־מוניסטן וואָס האָבן געפירט דאָס לאַנד לויט דעם כּלל, אַז ווער עס איז נישט מיט מיר — איז קעגן מיר און דערפאַר דאַרף מען אים באַשטראָפן.

מען האָט אַרעסטירט מענטשן פון אַלע פּאַרטייען, אַפּילו סאָציאַל־דעמאָקראַטן, כאָטש זיי האָבן זיך פריַיוויליק ליקווידירט אויפן באַפעל פון זייער פאַררעטערישן מנהיג פירלינגער און זענען אַריַינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די קאָמוניסטן האַלטן נישט פון קיין חוזרי־בתשובה. ווער עס איז איין מאָל געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט קען שוין קיין מאָל נישט מער ווערן קיין איבערגעגעבענער קאָמוניסט, און דעריבער איז ער אַ שונא.

אין דער טשעכאָסלאָוואַקיַי איז אויסגעבראָכן אַ מגיפה פון זעלבסטמאָרד. מענטשן האָבן זיך גיכער געוומען דאָס לעבן, איידער צו פאַלן אין די תפיסות אָדער אַרבעטס־לאַגערן. טאָג פאַר טאָג האָט מען געהערט פון אַמאָליקע פּאָליטיקערס אין די נישט־קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וואָס זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. מענטשן האָבן געזאָגט אַז נישט אַלע האָבן זיך אַליין גענומען דאָס לעבן. אַ טייל האָט די געהיים־פּאָליציי פשוט אַראָפּגעוואָרפן דורכן פענצטער פון הויכע הײַזער. ווען אויסערן־מיניסטער יאַן מאַסאַריק ווייס מען זיכער אַז די געהיים־פּאָליציי האָט אים אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער. איך האָב דעם פאַל באַשריבן אין מיַין בוך לפּי פּקודה ממוסקבה (לויטן באַפעל פון מאָסקווע) און האָב אָנגעוויזן אַז מען האָט אים אומגעבראַכט, וויַיל ער האָט אויפגעהאַלטן באַציִונגען מיט די מערבדיקע דעמאָקראַטישע לענדער און האָט נישט געוואָלט אַקצעפּטירן דעם דיקטאַט פון מאָסקווע.

אין פאַל פון ערשטן יוסטיץ־מיניסטער נאָך דער באַפריַיונג פון די דיַיטשן, דירטינאַ, האָט די געהיים־פּאָליציי פאַרשפּרייט דעם קלאַנג אַז ער האָט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דירטינאַ האָט געהערט צו דער בענעש־פּאַרטיי און איז געווען אַ קעגנער פון די קאָמוניסטן. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ סיבה אים צו ליקווידירן. אָבער ווי אַ יוסטיץ־מיניסטער האָט ער אויך געקעמפט קעגן קאָמוניסטישן טעראָר און נישט מורא געהאַט צו ברענגען קאָמוניסטישע באַמבעס־וואַרפערס פאַרן געריכט.

דירטינאַ איז נעלם געוואָרן אין 1948 און סוף 1953 האָב איך אים געזען אין דער פעסטונג מיראָוו. ער איז שוין געווען אַ צעבראָכענער מענטש און מען האָט פון אים נישט געקענט אַרויסקריגן קיין וואָרט וועגן דעם וואָס עס איז מיט אים פאָרגעקומען אין משך פון די פינף יאָר. ער האָט געציטערט ווי אַ געשלאָגענער הונט און האָט זיך אָפּגעזונדערט אין זיַין קאַמער, כדי צו פאַרמיידן אַ קאָנטאַקט מיט מענטשן. ווער ווייס וואָס די געהיים־פּאָליציי האָט געטאָן מיט אָט דעם העלדישן מענטש, אַז ער האָט מורא געהאַט אַפּילו פאַר זיַינע חברים, וואָס זענען מיט אים געזעסן אין דער זעלבער תפיסה?

טז

עליה

פאַר דער רעוואָלוציע פון 1948 האָבן די טשעכן אַרויסגעלאָזט איטלעכן וועמען עס האָט געוואָלט, אַפילו נישט־ייִדן. אויך נאָך דער רעוואָלוציע האָט מען געלאָזט ייִדן פאָרן קיין ארץ־ישראל. אַ באַוווּסטע איז די ייִדישע בריגאַדע וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט מיט דער הילף פון רעגירונגס־קרייַזן און איז געקומען קיין ישׂראל.

אין יאָר 1949 האָט מען שוין געמאַכט שוועריקייטן, אָבער נאָר פאַר באַ־שטימטע פּאַכלייַט. פּשוטע ייִדן האָבן געקענט אַרויספאָרן און מען האָט זיי אַפילו געלאָזט מיטנעמען אַלע שטובזאַכן, אין גרויסע קאַסטנס, וואָס מען האָט דעמאָלט גערופן „ליפטן", מסתמא ווייַל מען האָט זיי געמוזט אַריבער־פירן פון די לאַסטאויטאָס אויף די שיפן מיט די גרויסע קראַנען.

נישט אַלע קאָמוניסטישע לענדער פון מיזרח־אייראָפּע האָבן געהאַט אַ גלייַכע שטעלונג לגבי עליה. ווען די טשעכאָסלאָוואַקייַ האָט דערלויבט אַרויסצופאָרן, האָט אונגאַרן פאַרבאָטן. ווען די טשעכן האָבן פאַרמאַכט די טויערן, האָבן די אונגאַרן זיי געעפנט, ווען אויך נישט אין גאַנצן אָפיציעל. און ווען אונגאַרן האָט ווידער פאַרמאַכט די גרענעצן, האָט זיי רומעניע געעפנט. מען האָט בשום־אופן נישט געקענט זייַן אַ חכם אין אָט דער קאָמוניסטישער פּאָליטיק. אַ לאַנגע צייַט איז די אונגאַרישע גרענעץ געווען הערמעטיש פאַרשלאָסן פאַר ייִדן. דערנאָך האָט אָהוד אַבריאל, וואָס איז דעמאָלט אויך געווען אַמבאַסאַדאָר אין אונגאַרן, געפועלט אַז די אונגאַרישע אויטאָריטעטן זאָלן צומאַכן אַן אויג און לאָזן די ייִדן אַריבערגיין די גרענעץ אין דער טשעכאָסלאָוואַקייַ. די אונגאַרישע גרענעץ־פּאָליציי האָט זיי פּשוט נישט געשטערט אַריבערצוגיין. אין דער טשעכאָסלאָוואַקייַ האָט די גרענעץ־פּאָליציי זיי אַרעסטירט און אָפּגעפירט קיין בראַטיסלאַוואַ, די הויפּטשטאָט פון דער סלאָוואַקייַ. דאָרט האָט מען זיי קאָנצענטרירט אין אַ שול וואָס האָט

געהערט צו דער יידישער קהילה. די טשעכן האָבן געהאַט דריי מעגלעכקייטן: די ערשטע — צוריקשיקן די אַריבערגעקומענע קיין אונגאַרן. האָבן זיי אָבער געוווּסט אַז די אונגאַרן זענען נישט אינטערעסירט דערינען, וואָרעם זיי לאָזן זיי דאָך פריי אַריבערגיין די גרענעץ. אַ צווייטע מעגלעכקייט — אַלע צו אַרעסטירן און באַשטראָפן פאַרן אומלעגאַלן אַריבערקומען די גרענעץ. דאָס איז אָבער געווען שווער אויסצופירן, ווייל צווישן די פּליטים זענען געווען אַ סך פרויען און קינדער. אַ דריטע מעגלעכקייט — אַרויפלייגן אויף די פּליטים אַ געלטשטראָף פאַרן אומלעגאַלן אַריבערקומען און דערנאָך זיי אַריבערשטעלן די גרענעץ קיין עסטרייך. אַזוי ווי די ישׂראל־אַמבאַסאַדע איז געווען גרייט צו באַצאָלן די שטראָף — האָבן די טשעכן אויסגעקליבן די דריטע מעגלעכקייט. די ישׂראל־אַמבאַסאַדע האָט גענומען אויף זיך אַלע פּראָבלעמען פון אָט דער אויסטערלישער עליה. מיר האָבן באַצאָלט פאַר די אויטאָבוסן וואָס האָבן געבראַכט די פּליטים פון דער אונגאַרישער גרענעץ קיין בראַטיסלאַוואַ און פון בראַטיסלאַוואַ זיי געפירט קיין עסטרייך. די טשעכן זענען בלויז באַשטאַנען דערויף, אַז איידער די פּליטים פאָרן ווייטער קיין עסטרייך, זאָל מען צושטעלן אַ פּינקטלעכע רשימה פון די מענטשן פאַר די אונגאַרישע גרענעץ־אויטאָריטעטן און וואַרטן ביז יענע וועלן באַשטעטיקן אַז צווישן די פּליטים געפינען זיך נישט קיין פּשוטע פאַרברעכערס. דאָס האָט געדויערט עטלעכע טעג, אַזוי אַז מיר האָבן געדאַרפט אויך זאָרגן פאַר עסן, ביז עס וועט אָנקומען דער אונגאַרישער ענטפער. אויף וויפל איך געדענק, האָבן די אונגאַרן קיין איינציק מאָל נישט צוריק געפאָדערט עמעצן פון די יידישע פּליטים. ווען אַלץ איז געווען גרייט, האָבן אונדזערע מענטשן באַגלייט די פּליטים איבער דער עסטרייכישער גרענעץ און פון דאָרטן האָט מען זיי באַלד ווייטער געשיקט קיין ישׂראל.

אַ שאָד וואָס אָט דער שטילער אָפּמאַך מיט אונגאַרן האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. און נאָך מער איז אַ שאָד וואָס נישט אַלע יידן זענען געגאַנגען דעם דאָזיקן וועג. ווען זיי האָבן שוין געוואָלט לויפן, איז געווען צו שפּעט. מיר האָבן זיי נישט מער געקענט העלפן.

פון צייט צו צייט פלעגן מיר צו די אונגאַרישע פּליטים אויך צושטעלן יידן וואָס האָבן אויף אַן אַנדער אופן נישט געקענט אַרויספאָרן פון דער טשעכאָסלאָוואַקיי. אַ מאָל זענען זיי געפאָרן ווי פּליטים, אַ מאָל ווי באַגלייטערס.

מיט יאָרן שפּעטער בין איך געזעסן אין דער פעסטונג מיראָוו מיטן גענעראַל וויקטאָרין, דער אַמאָליקער קאָמענדאַנט פון דער סלאָוואַקישער

געהיים־פּאָליציי. ער האָט מיר דערציילט אַז ס'איז געווען אַ הייסער וויכּוח אין דער פּאַרטיי־צענטראַלע פון פּראַג, וואָס צו טאָן מיט די אונגאַרישע ייִדן וואָס קומען אומלעגאַל אַריבער די גרענעץ. דער גרעסטער טייל האָט גע־טענהט אַז מען דאַרף זיי צוריקשיקן קיין אונגאַרן, אָבער סלאַנסקי, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער טשעכישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט די גרעסטע מאַכט אין ביוראָ, האָט פאַרגעשלאָגן מען זאָל נאָר פאָדערן אַ געלטשטראָף און דערנאָך זיי אַריבערשטעלן קיין עסטרייַך. סלאַנסקי האָט געטענהט אַז די טשעכישע רעגירונג דאַרף זיך נישט פאַר־וואַנדלען אין אַן אונגאַרישער גרענעץ־פּאָליציי און אַרעסטירן פרויען מיט קינדער, ווען עס איז קלאָר אַז די אונגאַרישע רעגירונג וויל פון אָט די מענטשן פּטור ווערן, אַניט וואָלטן זיי פאַרווערט זייער אַריבערגיין די גרענעץ. סוף־כּל־סוף האָט די צענטראַלע אַקצעפּטירט דעם הומאַנעם פאָר־שלאָג פון רודאָלף סלאַנסקי.

אָט דער הומאַניזם האָט סלאַנסקין שפּעטער נענטער געבראַכט צו דער תּליה, ווען דער פּראָקוראָר האָט אין דעם געזען אַ באַוויַיז אַז ער איז געווען אַ ציוניסט און האָט אַרויסגעהאָלפן אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

ביוראָקראַטיע

אין דער טשעכאָסלאָוואַקיַי האָט געברענט אַן אומברחמנותדיק פייַער און איטלעכן האָט מען בודק געווען די ציצית, צי ער איז כּשר פאַר דער קאָמוּ־ניסטישער מדינה, אָדער מען דאַרף אים אַריַינזעצן אין תּפיסה.

אין יענער צייַט האָט מדינת־ישׂראל זוכה געווען צו אַ ביסל מנוחה, נאָך דער ביטערער מלחמה קעגען די אַראַבישע לענדער. עס איז געקומען די צייַט זיך צו אָרגאַניזירן ווי אַ זעלבשטענדיקע מדינה. על־פּי שׂכל האָט מען געדאַרפט צולאָזן איטלעכן ייִד וואָס וויל און קען באַפעסטיקן די מדינה. די רעאַליטעט איז אָבער געווען אַן אַנדערע. אויך בייַ אונדז האָט מען קודם אָנגעהויבן צו קוקן צי דער מענטש איז אַ מיטגליד פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי. ער האָט געמעגט זייַן ווי פּעיִק און געטריַי דעם לאַנד — אויב ער איז אָבער געווען פון אַן אַנדער פּאַרטיי, האָט ער צו גאָרנישט געטויגט...

פון אָנהייב אָן האָט מען אייַנגעשטעלט דעם שווידערלעכן מינהג פון פּאַרטיי־שליסל אין אַלץ וואָס קער זיך אָן מיט מדינה־ענינים. דערבייַ איז שוין נישט שייך צי דער מענטש איז פּעיִק צי נישט. דער דאָזיקער מינהג פירט זיך עד־היום און איז, ווערדליק מיר, די הויפּט־סיבה פון אונדזער שווערע אינעווייניקסטער לאַגע.

איך האָב חס־וחלילה נישט קיין טענות צו אָהוד אַבריאַל, ווײַל ער האָט געפּרוווט זיך צו האַלטן ווײַט פון די פּאַרטיי־אינטריגעס, אָבער דער נײַ־אויפגעקומענער רעגירונגס־אַפּאַראַט איז אָפט מאָל געווען שטאַרקער פון אים און האָט אים געצוווּנגען צו אַקצעפּטירן פאַקטן, וואָס האָבן אים פּער־זענלעך נישט געפּאַסט.

מיר, פון מפּ״ם, האָבן דאָס אָפט געפילט. מיר האָבן זיך געפילט טאָלערירט, ווי אַ מיעוט, נאָר דערפאַר ווײַל מיר באַטייליקן זיך אין דער קאָאַליציע־רעגירונג. דער מצב איז שווערער געוואָרן ווען מפּ״ם האָט פאַרלאָזט די קאָאַליציע און איז איבערגעגאַנגען אין דער אָפּאָזיציע.

דער ערשטער וואָס האָט פאַרשטאַנען דעם רמז און האָט זיך אומגעקערט קיין ישׂראל איז געווען יהודה בריגער (בן־חורין). ער איז געווען אַלע יאָרן אַקטיוו אין דער הגנה, אין פּלמ״ח און אין דער ענגלישער אַרמיי בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין פּראָג האָט ער געהאַט אַ וויכטיק שליחות אין ענינים פון אײַנקויפן געווער און האָט עס אויסגעפירט מיט מסירות־נפש. תיכף נאָכן וואָפנשטילשטאַנד איז דער ענין פון אײַנקויפן געווער נישט מער געווען קיין חלוצישער אונטערערדישער ענין, אלא אַן אָרגאַניזאַטאָרישע שאלה. פון ירושלים האָט מען יהודהן נישט אָנפאַרטרויט אַ נײַ שליחות און ער האָט זיך פּלוצעם געפילט איבעריק. דערפאַר איז ער צוריקגעפאָרן קיין ישׂראל, כּדי זיך דאָרט צו באַטייליקן אין זיכערקייטס־ענינים. ער האָט זיך אומגעקערט אין זײַן קיבוץ הזורע און האָט אויסגעפירט אַלץ וואָס די פּאַרטיי זײַנע האָט פון אים געפאָדערט. נאָך דעם ווי איך האָב זיך אומגעקערט פון תפיסה, פלעגן מיר זיך אָפט באַגעגענען און שמועסן בײַ אַ גלאָז קאַווע וועגן יענע גרויסע טעג אין פּראָג, ווען מיר האָבן אין איינעם געאַרבעט.

איך האָב געהערט אַז ער איז קראַנק, אָבער כ׳האָב נישט געוווּסט אַז דער מצב זײַנער איז אַזוי ערנסט. דערפאַר האָט עס מיך אַזוי אויפגעטרייסלט ווען איך האָב געהערט אַז ער איז געשטאָרבן. אין גרויסע יסורים האָט ער אויפן קראַנקנבעט אָנגעשריבן דאָס בוך בזכות אותם הימים, וואָס איז שוין אַרויס נאָך זײַן טויט. ער האָט קיינעם נישט פאַרגעסן פון די מענטשן וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דעם ווונדערלעכן ווערק פון זיכערן די זעלבּ־שטענדיקייט פון מדינת־ישׂראל און האָט זיי אַלעמען דערמאָנט. איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן זײַן איידלקייט און גרויסקייט.

אַ קורצע צײַט נאָך דעם וואָס יהודה איז אַוועקגעפאָרן, האָבן אויך רפי בנשלום און לוי אַרגוב זיך אומגעקערט אין זייער קיבוץ העוגן. איך בין נישט געווען קיין חבר אין קיבוץ, דערפאַר האָב איך געמוזט פאָדערן בײַ

דער אָנפירונג פון מפ״ם אַ דערלויבעניש זיך אומצוקערן אַהיים. מען האָט מיר געענטפערט מיט אַ פאַרבעטונג צו קומען קיין ישׂראל, ווו מען וועט מיט מיר אין איינעם באַשליסן וואָס איך וועל טאָן.

איך בין געפאָרן קיין ישׂראל און נאָך דעם וואָס איך האָב אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דעם מצב אין דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע בכלל און אין „קרן השומר הצעיר״ בפרט, האָבן מיר די חברים געזאָגט אַז איך מוז צוריקפאָרן קיין פּראָג, איך מוז אויסהאַלטן ווי שווער עס זאָל נישט זײַן, ווײַל איך בין געבליבן דער איינציקער מפ״מניק אין דער אַמבאַסאַדע, די איינציקע קוואַל פון אינפאָרמאַציע.

אין אונדזער אויסערן־מיניסטעריום איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן אָפּ־טיילונג פאַר די מיזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, אונטער דער אָנפירונג פון אלישיב, אַ פאַרברענטער מפא״יניק, וואָס האָט אַלץ געטאָן כדי פּטור צו ווערן פון די מפ״מניקעס אין דיפּלאָמאַטישן דינסט. איך בין אים פון אָנהייב אָן געווען ווי אַ דאָרן אין אויג, אָבער אַזוי לאַנג ווי דער מפ״ם איז געווען אין דער קאָאַליציע האָט ער מיר גאָרנישט געקענט טאָן. ווען מפ״ם איז אָבער אַריבערגעגאַנגען אין דער אָפּאָזיציע האָט ער נישט געקליבן קיין מיטל מיך צו ליקווידירן און ווען נישט אָהוד אַבריאל, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף מײַן זײַט, וואָלט איך געמוזט פאַרלאָזן די אַרבעט אין פּראָג מיט חרפּה און מיט בושה.

לויט די נײַע אָנווײַזונגען, האָבן מיר פאַר יעדער אַקטיוויטעט געדאַרפט קודם באַקומען די הסכּמה פון אויסערן־מיניסטעריום. אַפילו אין עקאָנאָמישע ענינים האָבן מיר זיך נישט געטאָרט ווענדן דירעקט צום האַנדלס־מיניס־טעריום, נײַערט קודם צו דער מיזרח־אייראָפּעיִשער אָפּטיילונג אין אויסערן־מיניסטעריום.

די דאָזיקע ביוראָקראַטיע האָט פאַרשווערט אונדזער אַרבעט. ביז דער ענטפער איז געקומען איז שוין בדרך־כּלל געווען צו שפּעט. דער ענין איז נישט מער געווען אַקטועל. צו מאָל פלעג אין גאַנצן נישט קומען קיין ענטפער, למשל אין פאַל פון אונטערנעמונגען וואָס האָבן זיך געוואָלט אַריבערפירן קיין ישׂראל און האָבן געמאָנט פאַרשיידענע אינפאָרמאַציעס. איז טאָקע פון דער זאַך גאָרנישט געוואָרן. איך וויל דערציילן צוויי כאַ־ראַקטעריסטישע פאַלן, פון וועלכע איינער האָט זיך געענדיקט מיט אַ שוי־דערלעכער טראַגעדיע:

אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ איז געווען אַן אונטערנעמונג מיטן נאָמען „באַמבע״, אַ מין קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האָט געהערט צו פיר שותּפים, צווישן

וועלכע צוויי ייִדן, זיי האָבן פאַבריצירט ספּעציעלע כּלים, מיט שפּיצן פון דיאַמאַנטן־שטויב, וואָס האָבן געקענט שנײַדן די האַרטסטע מאַטעריאַלן. זיי האָבן געהאַט אַ פּאַטענט און די כּלים זייערע זענען געווען באַקאַנט איבער דער וועלט. ווען מ׳האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן נאַציאָנאַליזירן אַלע אונטערנעמונגען האָבן די שותּפים זיך געווענדט צו אונדז מיט דער בקשה אַז זיי ווילן אויפשטעלן זייער פאַבריק אין ישׂראל. אונדזער האַנדלס־אַטאַשע אין דער אַמבאַסאַדע האָט דעם ענין גענומען ערנסט און געבעטן פּרטים פון ישׂראלדיקן אויסערן־מיניסטעריום. נאָך עטלעכע דערמאָנונגען איז סוף־כּל־סוף אָנגעקומען אַן ענטפער אַז די מענטשן זאָלן קודם קומען קיין ישׂראל און דאָרט וועט מען זען וואָס עס לאָזט זיך טאָן.

מיר האָבן דעם ענטפער איבערגעגעבן די בעלי־בתּים פון דער אונטער־נעמונג און זיי האָבן באַשלאָסן אַז איינער, אַ ייִדישער אינזשעניר, זאָל עולה זײַן און דאָרט צוגרייטן די באַדינגונגען אַריבערצופירן די פאַבריק.

דער אינזשעניר, אַן עלטערער מאַן, וואָס האָט אַחוץ טשעכיש נאָר גערעדט אַ ביסל דײַטש, איז געקומען אין לאַנד מיט ליידיקע הענט און דאָ האָט ער געפּרוווט דערקלערן דעם פּקיד פון דער סוכנות אַז ער וויל זיך באַגעגענען מיט עמעצן פון דער עקאָנאָמישער אָפּטיילונג אין אויסערן־מיניסטעריום. דער פּקיד האָט פאַרשטאַנען אַז דער עולה איז אַ מעכאַניקער און האָט אים אַוועקגעשיקט ווי אַ שלאָסער אין אַן אונטערנעמונג פון נגב.

ווען די שותּפים זענען דערפון געוווּיר געוואָרן האָבן זיי זיך געווענדט צו אַהוד אַבריאל. איך בין גראָד דעמאָלט געווען אין ישׂראל. האָט זיי אַהוד געראָטן זיי זאָלן מיר שרײַבן אַ בריוו מיט איינצלהייטן וועגן דער אונטער־נעמונג און איך וועל זיכער געפינען אַ וועג זיי צו העלפן. אַהוד האָט זיי אויך צוגעזאָגט אַז ער וועט דעם בריוו אַוועקשיקן מיט דיפּלאָמאַטישער פּאָסט, כּדי ער זאָל גיכער אָנקומען. ער האָט אים טאַקע געשיקט אויף מײַן נאָמען אין אויסערן־מיניסטעריום, צו דער מיזרח־אייראָפּעיִשער אָפּטיילונג, ווו איך פלעג אָפט אַרײַנקומען זיך נאָכפרעגן צו עס איז פאַראַן פּאָסט פון מײַן משפּחה.

די שותּפים האָבן אַרײַנגעלייגט אין בריוו צוואַנציק קאַראַט דיאַמאַנטן־שטויב, וואָס זענען דעמאָלט ווערט געווען בערך פערציק פונט, און האָבן מיך געבעטן איך זאָל דאָס איבערגעבן דעם אינזשעניר, זייער חבר, ער זאָל קענען צוגרייטן אַ מוסטער פון די כּלים, אויב עמעצער וועט זיך דערפאַר אינטערעסירן אין ישׂראל.

די שותּפים זענען געווען פּשוטע, ערלעכע גויִים און זייער איינציקע כּוונה

איז געווען אַריבערצופירן די אונטערנעמונג פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ אין ישׂראל. דערפֿאַר האָבן זיי מיר אין בריוו געשריבן, אַז אויב איך וועל זיי העלפֿן אויפֿשטעלן די פֿאַבריק, וועלן זיי מיר געבן צוואַנציק פּראָצענט פֿון די אַקציעס אין דער נײַ־געשאַפֿענער געזעלשאַפֿט.

אַהוד האָט דעם בריוו נישט געעפֿנט. ווען ער עפֿנט אים, וואָלט ער זיי געזאָגט אַז ס׳איז נישט כּדאַי צו שיקן דיאַמאַנטן־שטויב קיין ישׂראל, ווײַל דאָרט איז פֿאַראַן געגנוג פֿון דער סחורה. ער וואָלט זיי אויך דערקלערט אַז איך בין נישט פֿאַראינטערעסירט צו זײַן אַ שותּף אין דער געזעלשאַפֿט, און מײַן כּוונה איז נאָר צו העלפֿן אַריבערפֿירן די אונטערנעמונג קיין ישׂראל.

כאָטש דער בריוו איז געווען אויף מײַן נאָמען, האָבן זיי אין דער מיזרח־אייראָפּעיִשער אָפּטיילונג געהאַט די חוצפּה אים צו עפֿענען. דערנאָך האָבן זיי מיר געשיקט אַ טעלעגראַם איך זאָל זיך תּיכף פּרעזענטירן. ס׳איז מיר אַרויסגעפֿאַלן די נשמה, ווײַל איך האָב געמיינט אַז ס׳איז עפּעס געשען מיט מײַן משפּחה אין פּראָג. און ווען איך בין געקומען האָבן זיי מיר געהייסן ווײַזן מײַן פּאַס און ווען איך האָב זיי דערלאַנגט דעם פּאַס האָבן זיי אים קאָנפֿיסקירט און מיר דערקלערט אַז איך טאָר נישט צוריקפֿאָרן קיין פּראָג, ווײַל מען גרייט מיר צו אין ישׂראל אַ מישפּט פֿאַר שמוגלען דיאַמאַנטן.

איך האָב געפֿרעגט אַלישיבן צי ער גלייבט באמת אַז איך האָב געשמוגלט און האָב געוואָלט ברענגען שאָדן מדינת־ישׂראל. איך וועל קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן זײַן ציניִשן ענטפֿער. ס׳איז נישט וויכטיק וואָס ער טראַכט וועגן מיר — האָט ער געזאָגט — וויכטיק איז אַז די געשמוגלטע דיאַמאַנטן דורך דער דיפּלאָמאַטישער פּאָסט געפֿינען זיך בײַ אים און ער וועט זיי קענען ווײַזן פֿאַרן געריכט.

איך בין געווען זיכער אַז אַלישיב איז אַראָפּ פֿון זינען. ווי קומט צו מיר שמוגלען? דערווײַל האָט ער אָבער בײַ מיר צוגענומען דעם פּאַס און ער זאָגט מיר אַפֿילו נישט וואָס ס׳איז פֿאָרגעקומען.

דעם בריוו צו מיר האָט איבערגעזעצט פֿון טשעכיש אויף העברעיִש זאב שעק, אַלישיבס סעקרעטאַר. ער איז געווען מײַנער אַן אַלטער באַקאַנטער און ער האָט מיר דערציילט וואָס עס איז געשטאַנען אין בריוו. ער האָט מיר אויך דערציילט וועגן די דיאַמאַנטן, ווײַל ער האָט אויך נישט געוווּסט דעם חילוק פֿון דיאַמאַנטן און דיאַמאַנטן־שטויב.

איך האָב זיך געווענדט צום סעקרעטאַריאַט פֿון מפּ״ם און פֿייגה אילנית האָט דעם גאַנצן ענין געבראַכט פֿאַרן אויסערן־מיניסטעריום. אַחוץ דעם האָב איך טעלעפֿאָניש גערעדט מיט אַהוד אַבריאל און אים דערציילט וואָס

אלישיב האָט מיר געטאָן. אֶהוד האָט געלאַכט, אויף זײַן שטייגער, און האָט מיר געזאָגט איך זאָל נישט דאגהן, ווײַל ער אַליין איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פּאָסט וואָס ער האָט אָוועקגעשיקט.

נאָך צוויי טעג האָט מיך זאב שעק טעלעפאָניש גערופן אין דער אָפּטיילונג און האָט מיר אָפּגעגעבן דעם פּאַס און דעם דיאַמאַנטן־שטויב. דערמיט האָט זיך דער אינצידענט פאַרענדיקט.

איך האָב נאָך באַוויזן צונויפצופירן דעם אינזשעניר מיט אַ מענטש וואָס איז געווען פאַראינטערעסירט אויפצושטעלן אַן אונטערנעמונג. זיי האָבן טאַקע געעפנט אַ קליינע פאַבריק, וואָס האָט זיך אָבער צום באַדויערן נישט געקענט אַנטוויקלען. שולדיק אין דעם איז קודם־כּל געווען די ביוראָקראַטיע. דער ענין האָט זיך אַזוי לאַנג געשלעפּט ביז די טשעכן האָבן נישט מער אַרויסגעלאָזט קיין פּאַכלײַט און האָבן די אונטערנעמונג „באָמבע" נאַציאָנאַליזירט.

דער צווייטער פאַל איז געווען אַ סך טרויעריקער. איין מאָל איז אַרײַנגעקומען אין מײַן ביוראָ, אין דער אַמבאַסאַדע, אַ ייד מיטן נאָמען הערלינגער, איינער פון די וויכטיקסטע אינזשענירן אין די וועלט־באַקאַנטע וויטקאָוויצער מעטאַלורגישע ווערק, לעבן מעריש אָסטראַ.

הערלינגער האָט מיר דערציילט אַז אין גיכן דאַרף ער פּענסיאָנירט ווערן, אָבער ער פילט זיך נאָך קרעפטיק און איז גרייט צו פאָרן מיטן זײַן פרוי קיין ישׂראל, אויב מען וועט אים פאַרזיכערן אַ באַשעפטיקונג אין זײַן פאַך. לויט מײַנע אינפאָרמאַציעס איז הערלינגער געווען אַן אויסגעצייכנטער אינדוסטריע־אינזשעניר און אַ וועלטנאָמען אין דער מעטאַלורגישער בראַנזשע. איך האָב תּיכּף געשיקט אַ דרינגלעכן באַריכט אין אונדזער אויסערןמיניסטעריום און האָב געבעטן מען זאָל מיר באַלד ענטפערן.

נאָך אַ לאַנגער צײַט האָב איך באַקומען אַ קורצן ענטפער, אַז אין ישׂראל נייטיקט מען זיך נישט אין אַזעלכע פאַכלײַט. איך האָב הערלינגערן איבערגעגעבן דעם ענטפער, אָבער כ'האָב אים געזאָגט אַז לויט מײַן מיינונג וועט ער אין ישׂראל זיכער געפינען אַ פּאַסיקע אַרבעט. ער איז אָבער געווען באַליידיקט פון דעם נעגאַטיוון ענטפער און האָט מיר געזאָגט אַז ער נייטיקט זיך נישט אין קיין עצות. אַרבעט קען ער געפינען אויך אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. ער האָט געוואָלט פאָרן קיין ישׂראל דער עיקר ווײַל ער איז אַ ייד. נאָר אויב מען דאַרף אים דאָרט נישט — וועט ער בלײַבן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ.

אַוודאי האָט מיך דער ענין פאַרדראָסן, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה. נאָך אַ צײַט באַקום איך אַ טעלעפאָן פון ווין, פון מײַן פרײַנד מאיר גירון, איינער פון די דירעקטאָרן פון סולל־בונה. ער האָט מיך געבעטן איך זאָל תּיכּף קומען קיין ווין, ווײַל ער וויל מיט מיר רעדן אין אַ זייער וויכטיקן ענין.

אין ווין האָב איך זיך באַגעגנט מיט מאיר גירון און דוד הכהן — ביידע דירעקטאָרן אין סולל־בונה. זיי האָבן דערציילט אַז סולל־בונה האָט מיט עטלעכע חדשים צוריק געקויפט אין איטאַליע אַן אינסטאַלאַציע צו גיסן אײַזן און שטאָל, נישט קיין גאַנץ נײַע. ווען די מאַשינען זענען אָנגעקומען קיין חיפה האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז די אַרטיקע פאַכלײַט קענען זיי נישט מאָנטירן. דערצו איז נייטיק אַ ספּעציאַליסט. די מאַשינען ליגן דערווײַל אין עפּו און ס׳איז אַ סכּנה אַז זיי וועלן פאַרזשאַווערט ווערן פון דער פײַכט־קייט. זיי ווענדן זיך צו מיר איך זאָל זיי העלפן געפינען אין דער טשע־כאָסלאָוואַקײַ אַ פּאַסיקן פאַכמאַן, וואָס זאָל קענען מאָנטירן די מאַשינען. זיי זענען זיכער אַז אין אַ לאַנד מיט אַזאַ אַנטוויקלטער מעטאַלורגישער אינ־דוסטריע זענען פאַראַן אַזעלכע מענטשן. זיי זענען גרייט צו צאָלן יעדן פּרײַז.

אַנשטאָט אַן ענטפער האָב איך זיי דערציילט דעם פאַל פון אינזשעניר הערלינגער און דעם ענטפער וואָס איך האָב באַקומען פון דער עקאָנאָמישער אָפּטיילונג אין אויסערן־מיניסטעריום. איך קען ביז הײַנט נישט פאַרגעסן דעם כּעס פון דוד הכהן. איך שעם זיך איבערצוחזרן די ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט וועגן די מענטשן פון דער עקאָנאָמישער אָפּטיילונג...

דוד הכהן און מאיר גירון זענען געפאַלן אויף דער מציאה און זענען געוווען איבערצײַגט אַז הערלינגער איז דער פּאַסיקסטער מענטש. זיי האָבן מיך געבעטן איך זאָל תּיכּף צואײַלן זײַן עליה און זיך פאַרפליכטן אַז ווי נאָר ער וועט קומען אין ישׂראל, וועט מען מיט אים אָפּשליסן אַן אַרבעטס־קאָנטראַקט.

איך בין צוריקגעפאָרן קיין פּראָג און דערציילט פאַר אָהוד אַבריאל און ד״ר פעליקס דורון די גאַנצע געשיכטע. אויך זיי האָבן זיך אויפגעקאָכט וועגן דער טיפּשות פון אונדזערע פּקידים אין ירושלים. בקיצור, איך זאָל נעמען דעם ענין אין די הענט און אים וואָס גיכער דערליידיקן.

איך האָב זיך פאַרבונדן מיט הערלינגערן און מיר האָבן באַשטימט אַ באַ־געגעניש מחוץ דער אַמבאַסאַדע. איך האָב נישט געוואָלט ער זאָל צו אונדז קומען. איך האָב אים פאַרזיכערט אַז סולל־בונה איז אַן ערנסטע פירמע און

מען קען זיך אויף זייער וואָרט פאַרלאָזן. אויב ער איז מסכּים, זאָל ער תּיכּף אַרײַנגעבן אַ בקשה אויף אַ פּאַס, ווײַל דער ענין איז זייער דרינגלעך.

הערלינגער האָט זיך זייער געפרייט וואָס ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט אויפצושטעלן אַ נײַ ווערק און אַרויסווײַזן זײַנע קענטעניש. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַז ער וועט תּיכּף אַרײַנגעבן אַ בקשה אויף אַ פּאַס און מיר האָבן באַשטימט ווי אַזוי אויפצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט להבא. מיט אַ צײַט שפּעטער האָט ער מיך פאַרשטענדיקט אַז מען האָט זײַן בקשה אָפּגעוויזן. אַזעלכע פּאַפּלײַט לאָזט מען נישט אַרויס. ד״ר פעליקס דורון, אונדזער האַנדלס־פאַרטרעטער, האָט אויסגענוצט אַלע זײַנע פאַרבינדונגען, אָבער דער ענטפער איז געווען דער זעלביקער: די טשעכאָסלאָוואַקײַ קען זיך נישט פאַרגינען אַרויסצולאָזן אַזעלכע פּאַפּלײַט.

איך האָב הערלינגערן פאַרגעשלאָגן אים און זײַן פרוי אַרויסצופירן פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ אויף אונדזערע וועגן, וואָס זענען אַבסאָלוט זיכער. ער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון צו אַנטלויפן פון דער טשעכאָ־סלאָוואַקײַ, ווײַל ער האָט נישט געוואָלט מוותּר זײַן אויף דער פּענסיע וואָס עס קומט אים פאַר אַלע יאָרן וואָס ער האָט געאַרבעט אין די וויטקאָ־וויצער ווערק. מיר האָבן זיך געזעגנט ווי גוטע פרײַנד און ער האָט געזאָגט אַז ער וועט נאָך פּרוּוון פאָדערן אַ פּאַס.

פון סולל־בונה אין חיפה האָבן מיר באַקומען טעלעגראַמען און טעלעפאָנען, ווען דער מענטש קומט. זיי האָבן נישט געוואָלט גלייבן אַז מיר קענען אים נישט העלפן באַקומען אַ פּאַס. זיי האָבן געטענהט אַז דער אויסערן־מיניס־טעריום אין ירושלים איז שולדיק וואָס דער מענטש געפינט זיך נישט אין ישׂראל און מיר מוזן דעם פעלער גוט מאַכן. מיר האָבן אָבער געהאַט פאַר־שפּעטיקט דעם צוג.

מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער האָט מיר הערלינגער צו וויסן געטאָן אַז ער וויל מיך זען. אויף דער באַגעגעניש האָט ער מיר דערציילט אַז מען וויל אים און זײַן פרוי נאָך אַלץ נישט אַרויסלאָזן, אָבער אין צווישן האָבן די וויטקאָוויצער ווערק אײַנגעקויפט נײַע מאַשינען אין ענגלאַנד און זיי האָבן באַשלאָסן אים אַליין צו שיקן, אָן דער פרוי, איבערצונעמען די מאַשינען. ער האָט געדאַרפט זײַן אין ענגלאַנד בערך צוויי חדשים. דערפאַר האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן איך זאָל איבערשיקן זײַן אַדרעס צו סולל־בונה און זיי שרײַבן אַז אויב זיי זענען נאָך פאַראינטערעסירט, זאָלן זיי קומען צו אים מיט אַלע פּלענער פון די מאַשינען, און ער וועט זיי געבן די נייטיקע עצות אָן שום באַצאָלונג.

איך האָב תּיכּף מודיע געווען מאיר גירונען און דערמיט איז פאַר מיר דער ענין געווען פאַרענדיקט. נאָך בערך צוויי חדשים האָט מיך הערלינגער ווידער גערופן אויף אַ באַגעגעניש. ווען איך האָב אים געזען, בין איך תּיכּף געווען איבערראַשט ווי שיין ער איז אָפּגעברענט פון דער זון. איך האָב אים געפרעגט ווו ער האָט באַוויזן צו מאַכן זונבעדער און ער האָט מיר דערציילט פאָלגנדיקע מעשׂה: אין ענגלאַנד זענען צו אים געקומען צוויי פאַרטרעטער פון סולל־בונה און האָבן אים פאַרגעשלאָגן ער זאָל נעמען אַ וואָך אורלויב און פליִען מיט זיי קיין ישׂראל און דאָרט העלפן מאָנטירן די מאַשינען. זיי האָבן אים פאַרזיכערט אַז דאָס וועט בלײַבן אַ סוד און קיינער וועט דערפון נישט וויסן.

דער פּלאַן איז הערלינגערן געפעלן. ער האָט זיך באַמיט צו פאַרענדיקן זײַן אַרבעט אין ענגלאַנד מיט צען טעג פריִער, און אָט די צען טעג האָט ער פאַרבראַכט אין עכּו, ווו ער האָט געהאָלפן מאָנטירן די מאַשינען. ער האָט דאָרט געאַרבעט טאָג און נאַכט. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט דער סולל־בונה מיט אים אָפּגעשלאָסן אַן אַרבעטס־פאַרטראַג אויף פינף יאָר און איצט איז געבליבן ער זאָל נאָך אַ מאָל פרוּוון מיט אַלע כּוחות צו באַקומען אַ פּאַס.

איך האָב פון דער מעשׂה הנאה געהאַט, אָבער איך האָב געוואָרנט הער־לינגערן ער זאָל וועגן זײַן אַוואַנטורע אין ישׂראל קיינעם נישט דערציילן. וויַיזט אויס אַז ער האָט מײַן וואָרענונג נישט גענומען זייער ערנסט און האָט דאָך עמעצן דערציילט. עס קען אויך זײַן אַז די געהיים־פּאָליציי האָט באַקומען זײַן נאָמען פון דעם פאַרטיע פון אונדזער אַמבאַסאַדע. מיר זענען שפּעטער געוווּיר געוואָרן אַז דער פאַרטיע גיט אָפּ יעדן טאָג אַ באַריכט בײַ דער געהיים־פּאָליציי וועגן די מענטשן וואָס קומען אין אַמבאַסאַדע. בכל־אופן האָט מען פון אים אַרויסבאַקומען די גאַנצע מעשׂה. ווי אַזוי דאָס איז געשען ווייס איך עד־היום נישט.

איך האָב אויך נישט געוווּסט ווען מען האָט אים אַרעסטירט. אין 1953, בעת מײַן פּראָצעס, בין איך זייער איבערראַשט געווען ווען איך האָב געזען אַז הערלינגער איז איינער פון די פערצן אָנגעקלאָגטע אין דעם מישפּט. בײַם אָנהייב האָב איך אים אַפילו נישט דערקענט. ער איז געווען אַ שאָטן פון אַ מענטש. ערשט ווען ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן אַז לויט מײַנע אָנווײַזונגען האָט ער איבערגעפירט קיין ישׂראל אַלע פּלענער פון די וויט־קאָוויצער מעטאַלורגישע ווערק האָב איך זיך געכאַפּט ווער דאָס איז און האָב פּשוט רחמנות געהאַט אויף אים. איך האָב, פאַרשטייט זיך, אָפּגעלייקנט

די באַשולדיקונג און האָב דערציילט דעם אמת, אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפֿן, נישט אים און נישט מיר. מיך האָט מען פֿאַרמישפּט אויף לעבנס־לאַנג און אים אויף צוואַנציק יאָר תּפֿיסה.

אָט די צוויי פֿאַלן באַווייזן קלאָר וויפֿל ערנסטע עסקים עס זענען פֿאַרלוירן געגאַנגען מחמת דעם בטלנות און דער ביוראָקראַטיע פֿון אונדזערע פּקידים אין אויסערן־מיניסטעריום. מען האָט געקענט אַריבערפֿירן פֿון דער טשעכאָ־סלאָוואַקיי אַ גאַנצע ריי אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען מיט אויסגעצייכנ־טע פֿאַכלײַט, וואָס וואָלטן זיכער געווען געהאַט אַ השפּעה אויף דער ווירט־שאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג פֿון מדינת־ישׂראל.

איך קער זיך אום צו מײַן אַרבעט אין דער אַמבאַסאַדע פֿון פּראָג. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז דאָס אײַנקויפֿן און שיקן געווער נישט מער געווען אַזאַ שפּאַנענדיקער און דרינגלעכער ענין ווי בעת דער ישוב האָט געקעמפֿט אויף לעבן און טויט מיט די אַראַבישע לענדער. אין אונדזער האַנדלס־אָפּטיילונג האָב איך זיך נישט פֿאַרנומען בלויז מיט צוגרייטן קאָנטראַקטן צווישן ישׂראל און דער טשעכאָסלאָוואַקיי, נאָר דער עיקר מיט די ייִדן וואָס זענען געקומען פֿון גאַנצן לאַנד זיך באַראָטן ווי אַזוי זיך אַרויסצו־ראַטעווען. כ'האָב נישט מער געהאַט אַזאַ הנאה פֿון דער אַרבעט ווי פֿריִער, ווען איך בין געזעסן אין איינעם מיט מײַנע גוטע פֿרײַנד. אויך אין פּראָג גופֿא האָט זיך געביטן די אַטמאָספֿער. אין די טעאַטערס און קינאָס האָט מען געבראַכט נאָר רוסיש־טענדענציעזע פֿאָרשטעלונגען, וואָס האָבן געלאַנג־ווײַלט און דער עולם איז צו זיי נישט געקומען. די זאַלן זענען געווען ליידיק. כּדי זיך אַ ביסל אויפֿצוהײַטערן פֿלעג איך פֿאָרן צוויי מאָל אין חודש אויף צוויי טעג קיין ווין. דאָרטן בין איך געגאַנגען אין טעאַטער און האָב פֿאַר־בראַכט מיט מײַן פֿרײַנד אריה אשל, וואָס איז דעמאָלט געווען אונדזער אַמבאַסאַדאָר אין עסטרײַך. אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אין איראַק און זי האָט אָנגעהאַלטן ביז צו זײַן טויט, נישט געקוקט דערויף וואָס מיר זענען נישט געווען אין דער זעלבער פּאַרטיי.

די נסיעה צוריק, פֿון ווין קיין פּראָג, בײַ נאַכט, איז תּמיד געווען טרויעריק, ווײַל דעמאָלט זענען שוין קיין פּשוטע מענטשן אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי נישט געפֿאָרן קיין אויסלאַנד. מען האָט נאָר געקענט זען אין צוג קאָמו־ניסטישע אָנפֿירערס און אַגענטן פֿון דער געהיים־פּאָליציי.

דער שנעלצוג איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון ווין אין מיטן נאַכט און איז אָנגע־קומען קיין פּראָג אין דער פֿרי. איך פֿלעג פֿאָרן אין שלאָפֿוואַגאָן. די גרענעץ־

פּאָליציי האָט מיך שוין געקענט, אַזוי אַז איך פלעג איבערגעבן מײַן פּאַס דעם קאָנדוקטאָר, ער זאָל אים ווײַזן בײַ דער גרענעץ, כּדי מען זאָל מיך נישט שטערן פון שלאָף.

איין מאָל, בעת איך בין שוין געלעגן אין בעט, איז אַרײַנגעקומען דער קאָנדוקטאָר און האָט מיך געפרעגט צי איך בין גרייט אויפצונעמען אַ פראַנצייזישן ייִדן, וואָס פאָרט אויך קיין פּראָג. אין מיר האָט זיך דערוועקט דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדיסט און הגם ס'איז שוין געווען שפּעט, האָב איך אים פאַרבעטן אין מײַן קאַבינע.

דער ייִד האָט זיך אַנטשולדיקט וואָס ער שטערט מיך, אָבער היות ער האָט געהערט פון קאָנדוקטאָר אַז איך בין פון דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע, האָט זיך אים שטאַרק פאַרגלוסט צו הערן נײַעס וועגן ישׂראל. דרך־אַגב האָט ער מיך אויך געפרעגט וואָס אַזאַ ייִד ווי ער קאָן טאָן אין ישׂראל, אין פאַל אַז ער וועט עולה זײַן. אין צווישן זענען מיר אָנגעקומען צו דער גרענעץ. די עסטרײַכישע פּאָליציאַנטן האָבן געזען ליכט אין מײַן קאַבינע, זענען זיי אַרײַן פּשוט מיך באַגריסן. זיי האָבן מיך געפרעגט ווער ס'איז דער פרעמדער און איך האָב זיי געענטפערט אַז עס איז מײַנער אַ באַקאַנטער. ווען זיי האָבן געזען זײַן פראַנצייזישן פּאַס האָבן זיי סאַלוטירט און זענען אַרויסגעגאַנגען. אַז מיר זענען אַריבערגעקומען אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ האָט דער ייִד זיך באַדאַנקט פאַר מײַנע אינפאָרמאַציעס און האָט זיך פון מיר געזעגנט. ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין פּראָג האָב איך אין אים לחלוטין פאַרגעסן.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט דער פּאָרטיע אין אַמבאַסאַדע מיר געמאָלדן אַז אַ ייִד פון פּאַריז מיטן נאָמען העניג וויל מיט מיר רעדן. איך האָב אים פאַרבעטן אין מײַן ביוראָ און מיר האָבן זיך באַגריסט ווי אַלטע באַקאַנטע. איך בין געווען זייער פאַרנומען און האָב אים פאַרגעשלאָגן מיר זאָלן באַשטימען אַ באַגעגעניש, ווען מיר זיך קענען דורכשמועסן. ער האָט מיך אָבער נאָר געבעטן איך זאָל אים אָנשרײַבן אויף אַ פּאַפּיר מײַן נאָמען. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ טיש און האָט אויסגעשריבן אַ טשעק פון טויזנט דאָלאַר אויף מײַן נאָמען. ווען ער האָט מיר דערלאַנגט דעם טשעק האָב איך אים געפרעגט צו ער וויל זיך באַשטײַערן פאַר דער הגנה, כּדי איך זאָל אים געבן דעם קאָנטאָ־נומער און די אויפשריפט. ער האָט מיר אָבער געענטפערט אַז דער טשעק איז פאַר מיר פּערזענלעך, ווײַל אַ דאַנק מיר האָט ער באַוויזן אַריבערצושמוגלען דיאַמאַנטן איבער דער טשעכישער גרענעץ. בעת ער איז געזעסן בײַ מיר אין קאַבינע האָט ער

נישט מורא געהאַט אַז די פּאָליציי וועט זוכן אין זײַנע קעשענעס. וויל ער מיר איצט באַצאָלן פֿאַר דער טובה וואָס ער האָט אינדירעקט פֿון מיר געהאַט.

איך בין געוואָרן אַזוי אין כּעס, אַז איך האָב גענומען דעם ייִדן, אין איינעם מיט זײַן טשעק און האָב אים אַרויסגעוואָרפֿן פֿון מײַן ביוראָ. ווען די עסטרײַכישע פּאָליציי וואָלט געפֿונען די דיאַמאַנטן אין זײַנע קעשענעס, ווי וואָלט איך אויסגעזען? איך האָב אים דאָך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר מײַנעם אַ באַקאַנטן. עס וואָלט דאָך געווען אַ חרפּה אי פֿאַר מיר און אי פֿאַר מדינת־ישׂראל.

ווען די אָנגעשטעלטע אין שכנותדיקן ביוראָ האָבן געהערט ווי איך שרײַ און זידל דעם ייִדן, זענען זיי זיך אַלע צונױפֿגעלאָפֿן. דער ייִד האָט זיך נישט איבערגעשראָקן און האָט מיר געענטפֿערט:

— ר׳ ייִד, איר זענט דאָך אַ פֿולשטענדיקער אידיאָט. צוליב וואָס האָט גאָט באַשאַפֿן דעם מענטשן מיט פֿינגער, אויב נישט צו נעמען געלט?..

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. מיר האָט אָבער נישט באַנק געטאָן וואָס איך האָב אים אַרויסגעוואָרפֿן אין איינעם מיט זײַן געלט.

שפּעטער, ווען איך האָב פֿאַרלאָזט די אַרבעט אין דער אַמבאַסאַדע, און האָב געזוכט קרעדיט אויף דער דיאַמאַנטן־בערזע אין תּל־אָבֿיבֿ און אין אַנטווערפּן פֿאַר דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, האָט דער זעלבער העניג גאַראַנטירט פֿאַר מיר, אָן איך זאָל אַפֿילו וויסן דערפֿון. עס איז פֿאָרט כּדאַי צו זײַן ערלעך...

מיט דער צײַט האָבן די טשעכן אויפֿגעהערט אַרויסצולאָזן ייִדן. ווער עס האָט זיך נישט געאײַלט, איז געבליבן זיצן אויף די רענצלעך און וואַרטן אויפֿן פּאַס. דערוועגטערע האָבן זיך באַנוצט מיט אַנדערע וועגן, דורך אונדזערע מענטשן פֿון ווין. אין יענער צײַט בין איך געווען כּמעט דער איינציקער וואָס האָט געקענט פֿרײַ פֿאָרן קיין עסטרײַך. דעריבער האָב איך אויף זיך גענומען צו זײַן דער פֿאַרבינדונגס־מאַן, וואָס שייך דער „בריחה״ (דעם אַנטלויפֿן) פֿון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ קיין עסטרײַך.

מײַן אַרבעט פֿאַרן „קרן השומר הצעיר״ איז דעמאָלט געווען אין פּולן בלי. די ייִדן האָבן שוין געוווּסט, אַז אַפֿילו זיי וועלן באַקומען דעם פּאַס אַרויסצופֿאָרן, וועט מען זיי גאָרנישט נישט לאָזן מיטנעמען. דערפֿאַר האָבן זיי געגעבן זייער געלט ווי אַ הלוואה אונדזער „קרן השומר הצעיר״, וואָס האָט זיך מתחייב געווען דאָס געלט צוריקצוצאָלן ווען די מענטשן וועלן זײַן אין ישׂראל.

איך פֿאַרענדיק מײַן אַרבעט

ווען איך האָב זיך דערוווּסט אַז אֶהוד אַבריאל איז נאָמינירט געוואָרן אַמבאַסאַדאָר אין בוקאַרעשט און אויף זײַן אָרט וועט קומען ד״ר קובאָווי, האָב איך מודיע געווען אין סעקרעטאַריאַט פֿון מפּ״ם אַז איך פֿאַרלאָז די אַרבעט און איך בין נישט מער גרייט צו בלײַבן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. איך האָב אֶהודן אויך מודיע געווען אַז איך פֿאָר אַהיים. די צעשיידונג מיט אים איז מיר נישט אָנגעקומען גרינג, ווײַל צווישן אונדז איז געווען און איז געבליבן אַן אמתע פֿרײַנדשאַפֿט. ער האָט מיר געשריבן אַ זייער וואַרעמען בריוו, וועלכן איך גיב דאָ איבער וואָרט בײַ וואָרט:

פּראַג, 5טער נאָוועמבער 1950

טײַערער שמעון,

אַזוי ווי דו פֿאַרענדיקסט דײַן אַרבעט, געפֿין איך עס פֿאַר נייטיק דיר אויסצודריקן מײַן פּערזענלעכן דאַנק און אויך דעם דאַנק פֿון די אינסטיטוציעס פֿאַר וועלכע דו האָסט געדינט. מחמת דײַן איבערגעגעבענער אַרבעט אין משך פֿון צוויי יאָר, האָסטו זוכה געווען זיך צו באַטייליקן אין איינעם פֿון אונדזערע גרויסע ווערק, בעת מיר האָבן געליפֿערט אין 1947 און 1948 לעבנס־וויכטיקע מאַטעריאַלן. אין דײַן אַרבעט האָסטו נישט געוווּסט פֿון צײַט־באַגרענעצונג. דו האָסט זיך תּמיד אויסגעצייכנט מיט דײַן גרויסער איבערגעגעבנקייט און דײַנע אָרגאַניזאַטאָרישע פֿעיִקייטן. דערמיט האָסטו אין אַ גרויסער מאָס בײַגעטראָגן צו דער „לופֿטבריק״, אַרום וועלכער עס שפּינען זיך שוין הײַנט לעגענדעס, ווײַל דאָס האָט געשפּילט אַ גרויסע און וויכטיקע ראָלע אין אונדזער נצחון.

די גלײַכע אייגנשאַפֿטן האָסטו אַרויסגעוויזן ווען דו ביסט אַריבער אויף אַ רויִקערער אַרבעט, ווי דער צווייטער האַנדלס־פֿאַרטרעטער אין; דורך דײַן אויסגעפֿינערישקייט און איבערגעגעבנקייט פֿאַר ענינים וואָס האָבן אַ שײַכות צו ישׂראל האָסטו געלייגט דײַן חותם אויף דער אָפּטיילונג, וואָס פֿאַרנעמט הײַנט אַ וויכטיק אָרט אין דער אַקטיוויטעט פֿון אונדזער אַמבאַסאַדע.

צו דײַן אומקערן זיך אין ישׂראל, ווינטש איך דיר גליק אין אַלץ וואָס דו וועסט טאָן, און זיי זיכער, אַז אונדזער אויסערן־מיניסטעריום און זיכערקייט־מיניסטעריום וועלן תּמיד וויסן אָפּ־

צושאַצן דײַן חשובן בײַטראָג אין דער אַרבעט אין וועלכער דו האָסט זיך באַטייליקט.

ישׂראל־אַמבאַסאַדאָר אין פּראָג
א. אַבריאל

עס איז מיר אויך שווער געווען זיך צו צעשיידן מיט די פרײַנד וואָס איך האָב זיך דערוואָרבן אין משך פון די דרײַ יאָר אַרבעט אין דער טשעכאָ־סלאָוואַקײַ. בעיקר איז מיר שווער געווען זיך צו צעשיידן מיט די אָרטיקע פרײַנד, וואָס זענען געווען הערמעטיש אָפּגעשלאָסן און איך האָב געוווּסט אַז מיר וועלן זיך אַזוי גיך נישט קענען זען. פאַר זיי איז אויך שווער געווען זיך צו געזעגענען מיט מיר, ווײַל איך בין געווען זייער איינציקער קאָנטאַקט מיט דער מערבדיקער פרײַער וועלט.

איך בין אַרויסגעפאָרן אין איינעם מיט מײַן משפּחה קיין ווין. אונדזער פּלאַן איז געווען צו פאַרברענגען עטלעכע פרײַע טעג אין עסטרײַך און דערנאָך זיך אומקערן אַהיים. קיין אָפּגעשפּאָרט געלט האָבן מיר נישט געהאַט. די געהעלטער פון דיפּלאָמאַטן זענען געווען מינימאַלע. מיר האָבן זיך נאָר אַרויסגעהאָלפן מיט דעם געלט וואָס מיר האָבן באַקומען פאַר דעם פאַרמעגן פון אלישבעס עלטערן, וואָס זענען אומגעקומען בעתן חורבן. אונדזער גאַנץ פאַרמעגן זענען געווען די צוויי קינדער. אַחוץ דעם האָבן מיר נאָר געהאַט עטלעכע רענצלעך.

מיר האָבן פאַרבראַכט צוויי וואָכן אין אישעל און דאָס איז אייגנטלעך געווען מײַן ערשטער אורלויב נאָך דרײַ יאָר אָנגעשטרענגטער אַרבעט. דערנאָך זענען מיר געפאָרן קיין ווין, זיך געזעגענען מיט אונדזער גוטן פרײַנד אַריה אשל און פון דאָרטן האָבן מיר געדאַרפט אָפּפליִען קיין ישׂראל.

אין דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע פון פּראָג האָב איך זיך באַקענט מיט איינעם פון די ברידער מ. און מיר זענען געוואָרן גוטע חברים אין משך פון דער צײַט וואָס איך האָב געאַרבעט אין פּראָג. די ברידער מ. זענען געווען די ערשטע ישׂראלים וואָס האָבן מיט אונדזער הילף געפירט אַ טויש־מיסחר מיט דער טשעכישער רעגירונג. ווי דער פאָרשטייער פון אונדזער האַנדלס־אָפּטיילונג, האָב איך זיי אָפט געהאָלפן אַנטוויקלען זייער מיסחר.

בדרך־כּלל האָט דער עלטערער ברידער, ב., זיך אויפגעהאַלטן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, אָבער ווען די טשעכישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו מאַכן שוועריקייטן בײַם אַרײַנלאָזן אויסלענדער, האָט ער געמוזט פאַרלאָזן

פראַג און פרוון פירן פון ווין זײַנע געשעפטן. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרשווערט די אַרבעט.

ווען ב. האָט זיך דערוווּסט אַז איך האָב פאַרענדיקט די אַרבעט אין דער אַמבאַסאַדע און בין אַ פרײַער מענטש, האָט ער מיר תּיכּף פאָרגעשלאָגן איך זאָל איבערנעמען די אָנפירונג פון זייערע געשעפטן. בעיקר האָבן זיי געקויפט האָלץ אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, ווײַל ישׂראל האָט זיך דעמאָלט זייער גענייטיקט אין דעם פאַר אירע בויפּראָיעקטן.

אַריה אשל האָט שוין געוווּסט וועגן דעם פאָרשלאָג און ער האָט מיר געראָטן איך זאָל אים אַקצעפּטירן, ווײַל עס איז וויכטיק אויפצוהאַלטן האַנדלס־באַציִונגען מיט דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. אויך אַהוד, מיט וועלכן איך האָב מיך באַראָטן, האָט מיר געזאָגט דאָס זעלביקע.

איך האָב באַשלאָסן, אין אײנעם מיט אלישבען, אָנצונעמען דעם פּאָסטן, אָבער נאָר פאַר אַ האַלב יאָר, כּדי צו ליקווידירן די ענינים אין שײַכות מיטן האָלץ וואָס די ברידער מ. האָבן שוין אײַנגעקויפט. אָבער אויך דאָס מיטן תּנאַי, אַז די טשעכן זאָלן מיר געבן אַ פּערמאַנענטע וויזע, איך זאָל קענען פאָרן און קומען ווען איך וויל.

די ברידער מ. זענען מסכּים געווען. איך האָב זיך דערנאָך פאַרבונדן מיטן האַנדלס־מיניסטעריום אין פראָג און האָב געפרעגט צי איך קען באַקומען אַ טשעכישע וויזע אויף זעקס חדשים, כּדי צו פאַרטרעטן אַ ישׂראלדיקע פירמע וואָס האַנדלט מיט דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. איך האָב באַטאָנט אַז איך בין איצט אַ פּריוואַטער מענטש און האָב נאָר אַ פּשוטן ישׂראלדיקן פּאַס.

ד״ר גרעגאָר, דער מיניסטער פאַר האַנדל מיט אויסלאַנד און קלעמענט, דער אינדוסטריע־מיניסטער זענען געווען אַלטע גוטע פרײַנד מײַנע. בעת איך האָב געאַרבעט אין דער אַמבאַסאַדע, בין איך געווען דער פאַרבינדונגס־מענטש צווישן די ישׂראלדיקע ליפעראַנטן און דער טשעכישער האַנדלס־געזעלשאַפט „מערקוריאַ". דאָס האָט מיר אומעטום געעפנט די טויערן, בעיקר אין עקאָנאָמישן שטח. אַלע זענען געווען מסכּים איך זאָל זײַן דער פאַר־מיטלער זייערער מיט דער אויסנוועלט און בעיקר מיט ישׂראל. נאָך עטלעכע טעג האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַם, אַז איך קען באַקומען די פּערמאַנענטע וויזע אין דער טשעכישער אַמבאַסאַדע פון ווין.

מיר האָבן באַשלאָסן אַז אלישבע זאָל צוריקפאָרן מיט די קינדער קיין ישׂראל, כּדי זיי זאָלן דאָרטן ממשיך זײַן זייערע לימודים. איך האָב געשוווירן אַז מער ווי זעקס חדשים, לענגסטנס אַ יאָר — בלײַב איך נישט אין אייראָפּע. אין אָט דער צײַט וועל איך אָפּשפּאָרן געלט כּדי מיר זאָלן קויפן אַ דירה

אין ישׂראל. אַריה אשל האָט מיר תּיכּף איינגעטוישט דעם פּאַס אין דער אַמבאַסאַדע און איך האָב באַקומען דערויף אַ וויזע אויף אַ יאָר צייט פֿאַר דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. איך האָב געדונגען אַ צימער אין ווין צום ווינען און געטראַכט אַז אין פּראָג וועל איך נאָר האַלטן אַ ביוראָ.

מיט דער הסכּמה פֿון די ברידער מ. האָב איך אויפֿגענומען נאָך אַ פֿאַר־טרעטונג. ר. אַ דיאַמאַנטן־סוחר פֿון נתניה, איז געווען פֿאַראינטערעסירט צו פֿאַרקויפֿן די טשעכן דיאַמאַנטן פֿאַר דער אינדוסטריע. ער האָט אָבער נישט באַקומען קיין וויזע אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און דערפֿאַר האָט ער מיר פֿאַרגעלייגט איך זאָל פֿאַרטרעטן דאָרטן אויך זײַן פֿירמע. ר. האָט מיר דערקלערט אַז ישׂראל איז זייער פֿאַראינטערעסירט צו פֿאַרקויפֿן אינדוסטריע־דיאַמאַנטן און דערפֿאַר איז ער גרייט צו געבן דער טשעכאָסלאָוואַקײַ אַ קרעדיט ביז זעכציק טעג. אַריה אשל האָט מיר באַשטעטיקט אַז זיי פּרוּוון שוין לאַנג אָפּצושליסן אַ דיאַמאַנטן־געשעפֿט מיט דער טשעכאָסלאָוואַקײַ פֿון ווין אויס, אָבער דאָס איז דערווײַל נישט געראָטן. דערפֿאַר ראָט ער מיר איבערצונעמען די פֿאַרטרעטונג. אַזוי בין איך פּלוצעם געוואָרן אויך אַ פֿאַר־טרעטער פֿון אַ דיאַמאַנטן־פֿירמע.

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין פּראָג האָב איך זיך תּיכּף געמאָלדן אין אונדזער אַמבאַסאַדע. קובאָווי, דער נײַער אַמבאַסאַדאָר, האָט מיך זייער פֿרײַנדלעך אויפֿגענומען און מיך געבעטן איך זאָל אים כּסדר אינפֿאָרמירן וועגן מײַנע ענינים. אַזוי ווי איך האָב געהאַט גוטע באַציִונגען אין די רע־גירונגס־קרײַזן, אַפֿילו אין פּריקאָפּ, וווּ ס'איז געווען די צענטראַלע פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, בין איך געווען אַן אויסגעצייכנטער אינפֿאָרמאַציע־קוואַל פֿאַר אונדזער אַמבאַסאַדע. באַזונדערש אָפֿט פֿלעג איך זיך טרעפֿן מיטן ערשטן סעקרעטאַר פֿון דער אַמבאַסאַדע, זאב שעק, וואָס איז געווען מײַנער אַן אַלטער פֿרײַנד.

די ענינים פֿון די ברידער מ. האָבן זיך אַ רוק געטאָן און אין אַ קורצער צײַט האָב איך ליקווידירט זאַכן וואָס האָבן זיך שוין געצויגן חדשים. מײַנע בעלי־בתּים האָבן פֿון מיר הנאה געהאַט און האָבן שטענדיק אויס־געפּונען נײַע אינטערעסאַנטע אָנגעבאָטן פֿאַר די טשעכן.

די ווירטשאַפֿטלעכע בלאָקאַדע פֿון די מערבֿ־לענדער קעגן דער טשעכאָ־סלאָוואַקײַ האָט אָנגעהאַלטן און זיך נאָך פֿאַרשטאַרקט. צווישן די בלאָקירטע סחורות זענען געווען אײַזן, שטאָל, קופּער און דיאַמאַנטן. דערפֿאַר זענען די טשעכן געפֿאַלן אויף דער מציאה אַז איך וועל זיי ליפֿערן דיאַמאַנטן און נאָך געבן דערצו אַ קרעדיט ביז זעכציק טעג.

איך האָב געשטעלט צוויי באַדינגען: ערשטנס, אַז די פּרייַזן וועלן אָפּגע־שטעלט ווערן פון פריִער דורך אַ מלוכישן ביוראָ, וואָס וועט מאַכן די באַ־שטעלונגען אין נאָמען פון די פאַרשיידענע פאַבריקן. דאָס דאַרף געשען מיט דרייַ חדשים פריִער, כּדי איך זאָל האָבן צייַט צו באַשאַפן די סחורה. צווייטנס, אַז די פאַרשלאָסענע פּעקלעך מיט דיאַמאַנטן זאָלן איבערגעגעבן ווערן אין מייַן נאָמען אין דער טשעכישער אַמבאַסאַדע פון תּל־אָביב אָדער בריסעל און פון דאָרט זאָל מען זיי מיט דיפּלאָמאַטישער פּאָסט איבערשיקן אין דער טשעכאָסלאָוואַקייַ. דאָ וועט מען זיי עפענען אין מייַן בייַזייַן און די פאַכלייַט וועלן בודק זייַן צי די סחורה איז פּאַסיק. וואָס עס וועט נישט זייַן פּאַסיק, וועט מען מיט דיפּלאָמאַטישער פּאָסט צוריקשיקן קיין תּל־אָביב אָדער קיין בריסעל. איך בין בשום־אופן נישט מסכּים געווען צו שמוגלען דיאַמאַנטן איבער די גרענעצן.

די טשעכן האָבן געגעבן זייער הסכּמה און ס'איז באַשטימט געוואָרן אַז די געזעלשאַפט „מערקוריאַ" וועט קאָנצענטרירן אַלע באַשטעלונגען און וועט אין נאָמען פון דער טשעכישער רעגירונג חתמענען אַ פאַרטראַג אויף אַ האַלב יאָר, מיט אָפּגעשטעלטע פּרייַזן. איינצייַטיק האָט מען באַשטימט אַז די טשעכישע נאַציאָנאַל־באַנק איז זיך מתחייב איבערצושיקן דאָס געלט, אין דאָלאַרן, אין דער שווייץ, אויפן אַדרעס וואָס איך וועל זיי געבן, אין משך פון זעכציק טעג פון זינט די סחורה איז אָנגעקומען.

עס איז אויך באַשטימט געוואָרן אַז דאָס מיניסטעריום פאַר האַנדל מיט אויסלאַנד וועט זייַן די צענטראַלע וואוהין מען וועט צושיקן די סחורה און דאָרט וועלן די דיאַמאַנטן קאָנטראָלירט ווערן אין מייַן בייַזייַן דורך די טשעכישע פאַכלייַט. די טשעכן, וואָס האָבן זייער געליטן דורך דער מערב־דיקער בלאָקאַדע, האָבן פאַרשטאַנען אַז אויף אַזאַ אופן וועט דער גאַנצער מיסחר בלייַבן אַ סוד און קיינער וועט אים נישט קענען שטערן.

עס האָט קיין סך נישט געדויערט און עס האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען דיאַמאַנטן פון ישׂראל און פון בעלגיע. ביידע זענען געווען פאַראינטערעסירט צו פאַרקויפן און בפרט ישׂראל, וואָס האָט זיך נישט באַטייליקט אין עמבאַרגאָ קעגן דער טשעכאָסלאָוואַקייַ. די געשעפטן האָבן זיך שיין אַנטוויקלט און איך האָב געהאָפט אַז אין משך פון אַ יאָר וועל איך קענען אָפּשפּאָרן גענוג געלט כּדי צו קויפן אַ דירה און פאָרן אַהיים.

דעם אמת געזאָגט האָב איך הנאה געהאַט פון מייַן אַרבעט און נישט נאָר ווייַל איך האָב גוט פאַרדינט, נייַערט אויך ווייַל איך קען העלפן דער טשע־כאָסלאָוואַקייַ; קודם־כּל ווייַל אויך זיי האָבן אונדז געהאָלפן מיט געווער

ווען מיר האָבן זיך געגייטיקט און אויך פּשוט דערפאַר וואָס איך קען העלפן אַ סאָציאַליסטישער מדינה וואָס ווערט באַיקאָטירט דורך די קאַפּיטאַליסטן.

איך בין דעמאָלט געווען אַ געטרײַער שומר־הצעירניק און האָב געגלייבט אַז ס'איז אַ גרויסער זכות צו העלפן אַ מדינה וואָס בויט דעם סאָציאַליזם. איך האָב געשעפּט נחת ווען איך האָב געזען בײַם איבערנעמען די דיאַמאַנטן די טשעכישע ספּעציאַליסטן, וואָס זיצן בײַם טיש און באַשטימען וואָס ס'איז פּאַסיק און וואָס נישט, און אַלץ אין נאָמען פון פאַבריקן וואָס געהערן דעם אַרבעטער־קלאַס. איך האָב דאָס דעמאָלט באַטראַכט ווי אַ סימן פון גערעכ־טיקייט און גלײַכהייט.

אַזוי האָט אויך דער השומר־הצעיר דעמאָלט באַטראַכט מײַן ראָלע, הגם שפּעטער, ווען איך בין געווען אין אַ צרה, האָט מען געפּרוווט מיך אָפּוועק־שטעלן אין גאָר אַן אַנדער ליכט. ווי אַ באַווײַז, ווייל איך דערציילן אַז אין יאָר 1950 האָט מנחם באַדער, דער פאַרטרעטער פון דער עקאָנאָמישער אָפּטיילונג אין השומר־הצעיר, מיך פאַרבעטן אויף אַ באַגעגעניש אין ווין און מיר געזאָגט אַז ער וויל אויפשטעלן אַ האַנדלס־געזעלשאַפט, וואָס זאָל ליפערן פאַרשיידענע וויכטיקע סחורות די קאָמוניסטישע לענדער. ער האָט מיר פאַרגעשלאָגן איך זאָל אָנפירן מיט דער דאָזיקער געזעלשאַפט. איך בין טאַקע נתפּעל געוואָרן פון דעם געדאַנק. דער השומר־הצעיר איז נישט שולדיק געווען וואָס דער געדאַנק איז נישט רעאַליזירט געוואָרן. מען האָט פּשוט נישט געקענט צונויפשטעלן דעם קאַפּיטאַל וואָס איז נייטיק געווען כדי צו געבן די קאָמוניסטישע לענדער אַ קרעדיט.

אַוודאי האָב איך שוין דעמאָלט געוווּסט וועגן אומגערעכטיקייטן וואָס ווערן געטאָן אין דעם קאָמוניסטישן רעזשים. איך האָב געוווּסט וועגן אַר־בעטס־לאַגערן ווו עס האָרעווען טויזנטער מענטשן, וועגן משפּחות וואָס זענען אומברחמנותדיק צעריסן געוואָרן. איך האָב אָבער אַלץ געטאָן כדי צו באַרויִקן מײַן געוויסן און געטענהט אַז דאָס זענען די געבורטס־ווייען פון דער נײַער וועלט. איך האָב מיט גוואַלד פאַרמאַכט די אויגן און די אויערן, כדי נישט צו זען דאָס אַכזריות פון דעם סיסטעם. איך בין נאָך שטאַרק געווען וואָס איך קען העלפן דעם נײַעם רעזשים. ווען מײַנע אויגן האָבן זיך סוף־כּל־סוף געעפנט, איז שוין געווען צו שפּעט.

יז

די פּאַסטקע

סוף 1950, איך בין דער איינציקער פּריוואַטער ישׂראלדיקער בירגער וואָס באַוועגט זיך פרײַ אין פּראָג מיט אַ וויזע אין קעשענע אויף אַ יאָר צײַט. איך פאַרברענג מיט פרײַנד פון דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע און אויך מיט טשעכישע פרײַנד. בעיקר זענען דאָס אָפיציעלע מענטשן, וואָס האָבן ליב זיך מיט מיר צו באַגעגענען אָדער מיך צו פאַרבעטן צו זיך אַהיים. איצט דאַרפן זיי זיך נישט באַהאַלטן, ווײַל איך בין נאָר אַ פּריוואַטער בירגער, נישט קיין מיטגליד פון דער אַמבאַסאַדע.

ערשט אַצינד האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט פּראָג, מיט אירע שיינקייטן, מיט די פּאַלאַצן און קאַטעדראַלן. צו מײַן מזל האָב איך זיך באַקענט מיט דער משפּחה ריכטער. ער איז געווען אַ הויכער באַאַמטער אין האַנדלס־מיניסטעריום און זי, עוועלין, איז געווען אַן אַקט־ריסע. ביידע אמתע טשעכישע פּאַטריאָטן, אָנגעזאַפּטע מיט טשעכישער און אַלגעמיינער קולטור. זיי האָבן מיר געוויזן אַלע שיינקייטן פון פּראָג און דער געגנט און מיר פאַרגרינגערט דאָס לעבן אין אַ שטאָט וווּ אַ סך מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען טרויעריק, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

צום באַדויערן האָט אויך די משפּחה ריכטער, ווי אַ סך אַנדערע, טײַער באַצאָלט פאַר אונדזער פרײַנדשאַפט, ווען מען האָט מיך אַרעסטירט. די געהיים־פּאָליציי האָט מיט גוואַלד געוואָלט פון זיי אַרויסצײַען אַ דערקלערונג אַז איך האָב פון זיי געפאָדערט זיי זאָלן מאַכן שפּיאָנאַזש פאַר מדינת־ישׂראל.

אָבער לעת־עתּה בין איך פרײַ און טו נאָך וואָס איך וויל. מיט מײַן אַרבעט זענען אַלע צופרידן. איך בין אין פּראָג אַ פּערסאָנאַ־גראַטאַ און אַלע ווילן זיך מיט מיר חברן. דאָס רוב אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זענען מײַנע אַמאָליקע קאָלעגעס, פון דער צײַט ווען איך בין אויך געווען אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מען פאַרבעט מיך אויף פאַר־

שיידענע אָפיציעלע אונטערנעמונגען פון דער פּאַרטיי, וואָס איז אייגנטלעך די רעגירונג פונעם לאַנד.

סוף 1950 ווערט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי, רודאָלף סלאַנסקי, אַלט פופציק יאָר. מיט דער געלעגנהייט גרייט מען צו אין דער גאַנצער רעפּובליק גראַנדיעזע פייערונגען. פון אומעטום האָט מען געשיקט דעלעגאַציעס קיין פּראַג צו באַגריסן דעם גרויסן און געליבטן סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי.

אין פּראַג גופא האָט די פּאַרטיי איינגעאָרדנט אַ קבלת־פּנים און אַ קאָנ־צערט אין רעפּרעזענטאַנטן־הויז און אַלע זאַלן זענען געווען פאַרפּוצט און באַהאַנגען מיט לאָזונגען וואָס האָבן געלויבט דעם חבר סלאַנסקי ביזן זיבעטן הימל. איך האָב אויך געהאַט דעם כבוד צו זיין אויף דעם דאָזיקן גראַנדיעזן אָוונט און איך געדענק ביז אַצינד דאָס שטראַלנדיקע פּנים פון רודאָלף סלאַנסקי וואָס האָט געדריקט די הענט פון די געסט אַרום אים.

דער סעקרעטאַריאַט האָט צוגעגרייט פאַר סלאַנסקין אַן איבערראַשונג: צוויי פּראַכטבענד מיט אַלע זיינע רעדעס וואָס ער האָט געהאַלטן אין די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר. סטאַלין, וואָס האָט מסתמא שוין דעמאָלט געוווּסט אַז סלאַנסקי האָט נאָך געציילטע יאָרן צום לעבן, האָט אים געשיקט אַ מתנה אַ גרויסן אויטאָ, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גענעראַל־סעקרעטאַר, פון דער באַקאַנטער רוסישער אויטאָפאַבריק „זיס״. סלאַנסקי איז געווען זייער שטאָלץ מיט דער מתנה, ווייל נישט איטלעכער האָט געהאַט דעם כבוד צו באַקומען מתנות פון דעם גרויסן חבר סטאַלין. ס׳איז נישט געווען קיין קלייניקייט זיך צו רעכענען צווישן זיינע פריינד. סלאַנסקי האָט נישט געוווּסט אַז אין איינעם מיטן אויטאָ האָט ער אים אויך געשיקט דעם פּסק־דין, אַז נאָך אַ יאָר זאָל ער פאַרזונקען ווערן אין אַ טיפן תהום.

וועגן דעם ווי אַזוי סלאַנסקי איז געוואָרן דער בעל־הבית איבער דער טשעכישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָב איך געשריבן אין מיין ערשט בוך „עלילה בפראג״. ער איז געווען דער אַליינהערשער איבער דער גאַנצער רעפּובליק און קיין זאַך האָט זיך נישט געטאָן אָן זיין וויסן. ס׳איז טאַקע געווען אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי אַ רעגירונג, מיט מיניסטאָרן, אָבער די גאַנצע מאַכט איז געווען קאָנצענטרירט אין דעם „פּריקופּ״, די רעזידענץ פון דעם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט. אין פלוג האָט זיך אויסגעוויזן אַז אויך די געהיים־פּאָליציי, וואָס איז בעצם אַ מין מדינה אין דער מדינה, געפינט זיך אין סלאַנסקיס הענט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז די טשעכישע געהיים־פּאָליציי געפינט זיך אונטערן קאָנטראָל פון דער רוסישער געהיים־

פּאָליציי, זי האָט זיך נישט געשראָקן אַפילו פאַרן ערשטן קאָמוניסט אין לאַנד, פאַר סלאַנסקין און אַז ס'איז געקומען די צײַט האָט זי אים אַרעסטירט.

ווי אַ מפֿ"מניק האָב איך זיך פאַראינטערעסירט מיט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון מיזרח־אייראָפּע און האָב תמיד אַקצעפּטירט די דערקלערונג, אַז מען דאַרף באַשיצן די אַרבעטער־רעגירונג פאַר די שׂונאים פונעם אַרבעטער־קלאַס. אָבער פּלוצעם האָט זיך איבער־געדרייט דאָס רעדל און מען האָט אָנגעהויבן צו אַרעסטירן באַקאַנטע קאָמו־ניסטן. בײַם אָנהייב זענען נעלם געוואָרן קאָמוניסטן פון דער צווייטער און דריטער ריי אין דער אָנפירערשאַפט. עס איז מיר שוין אויסגעקומען שווער אָנצונעמען די דערקלערונג, אַז דאָס זענען געווען גנבים. איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין אַז פּאַרטיי־מיטגלידער, וועגן וועלכע איך האָב געוווּסט אַז זיי זענען ערלעכע מענטשן, זענען פּלוצעם געוואָרן גנבים.

ווען איך האָב אין בײַזײַן פון פּאַרטיי־מיטגלידער, פרײַנד, אויסגעדריקט מײַנע ספקות וואָס שייך די באַשולדיקונגען, האָב איך באַקומען אַ זייער ראַפינירטן ענטפער, וואָס האָט מיר פאַרמאַכט דאָס מויל. דאָס איז געווען אין דער צײַט ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער רוסיש־יוגאָסלאַווישער קאָנ־פליקט און טיטאָ האָט איבערגעריסן די באַציִונגען מיטן ראַטן־פאַרבאַנד. פאַר אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען איז טיטאָ געוואָרן דער אבי־הטומאה און יעדער ערלעכער קאָמוניסט האָט זיך פון אים געדאַרפט דערווײַטערן. אין דעם ענטפער וואָס איך האָב באַקומען האָט מען מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די וואָס מען האָט אַרעסטירט זענען טיטאָיִסטן און האָבן געפּרוּווט אָרגאַ־ניזירן אין דער טשעכישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי טיטאָיִסטישע קעמערלעך, כּדי אָפּצורײַסן די טשעכאָסלאָוואַקײַ פון ראַטן־פאַרבאַנד. הײַנט שעם איך זיך צו דערציילן, אַז איך האָב דעמאָלט געגלייבט אין אָט די אַלע שקרים.

ווײַזט אויס אַז די געהיים־פּאָליציי האָט בכיוון קודם אַרעסטירט די קליינע פיש. ווען זי האָט געזען אַז קיינער עפנט נישט ס'מויל און אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט לויבט גאָר די געהיים־פּאָליציי, וואָס עס איז איר געראָטן צו רייניקן די פּאַרטיי, האָט זי זיך ערשט גענומען צו די גרויסע פיש.

דער ערשטער לויתן וואָס מען האָט אַרעסטירט איז געווען אָטאָ שלינג, דער סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין מערן, וואָס לויט דער היעראַרכיע, איז ער געווען דער צווייטער נאָך רודאָלף סלאַנסקי. דאָס האָט מיך באַזונדערש צעטומלט, ווײַל איך האָב אים געקענט שוין לאַנגע יאָרן. שלינג האָט געשטאַמט פון אַ זייער רײַך הויז. נאָך ווי אַ סטודענט האָט ער מוותר געווען אויף דעם באַקוועמען לעבן און איז געווען פון די

ערשטע וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער ערשטער רעפּובליק, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז בעצם געווען צווישן די גרינדערס פון דער פּאַרטיי אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און איז איר געווען איבערגעגעבן מיטן גאַנצן חיות. מען האָט אים ממש געהאַלטן פאַר אַ יעזויט און אַלע האָבן פאַר אים מורא געהאַט, בעיקר וואָס שייך טאַקטישע ענינים פון דער פּאַרטיי. אויך אין זײַן פאַל האָט די געהיים־פּאָליציי פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער האָט געגנבעט און זיך באַרײַכערט אויפן חשבון פון דער מדינה.

אויב סלאַנסקי האָט זיך אין עפּעס פאַרשולדיקט, איז נאָר דערמיט וואָס ער האָט אַקצעפּטירט שקרים פון דער געהיים־פּאָליציי און איז נישט אַרויס־געטראָטן מיט אַלע כּוחות צו פאַרטיידיקן זײַנע אַלטע פרײַנד, מיט וועלכע ער האָט יאָרן מיטגעאַרבעט. ער האָט נישט געשוויגן; ער האָט צונויפגערופן דעם סעקרעטאַריאַט און זיך געאײַלט שלינגען אויסצושליסן פון דער פּאַרטיי, הגם ער האָט געוווסט אַז דאָס באַטײַט זײַן טויט. די איינציקע וואָס האָט געשטימט קעגן — איז געווען שווערמאַוואַ און זי האָט דערפאַר טײַער באַצאָלט. אין גיכן האָט מען אויך זי אַרעסטירט.

די אויפשריפט אויף דער וואַנט

מיר זענען אין 1951. סלאַנסקי פירט די רעפּובליק מיט אַן אײַזערנער האַנט. אויב דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט זיך געניײטיקט אין עטלעכע פינף־יאָר־פּלענער, כּדי דורכצופירן די קאָלעקטיוויזירונג פון דער לאַנדווירט־שאַפט, האָט סלאַנסקי און זײַן צענטראַל־קאָמיטעט באַשלאָסן אַז די טשעכאָ־סלאָוואַקײַ, אַן אַנטוויקלט לאַנד, דאַרף קיין שום פּלענער נישט האָבן און ס'איז גענוג זײַנער אַ באַפעל אַז די לאַנדווירטן זאָלן אַרײַן אין די קאָלכאָזן. געזאָגט און געטאָן. ס'איז אַרויסגעגאַנגען אַ באַפעל אויפצושטעלן קאָלכאָזן און די פּאַרטיי־שליחים האָבן זיך אַרומגעיאָגט איבערן לאַנד, כּדי צו קאָנ־טראָלירן צי די פּויערים פירן אויס דעם באַפעל. פאַרשטייט זיך אַז דער גרעסטער טייל פון די פּויערים האָט נישט געוואָלט אַרײַן אין קאָלכאָז און מוותּר זײַן אויף די פּריוואַטעווירטשאַפטן. האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן־אַרעסטן און אין אַ קורצער צײַט זענען אַלע תּפיסות אין דער רעפּובליק געווען פול מיט פּויערים, אָדער „קולאַקן", ווי די פּאַרטיי האָט זיי גערופן.

דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז די טשעכאָסלאָוואַקײַ, אַ לאַנד וואָס האָט געהאַט פון כּל־טוב, איז פאַראָרעמט געוואָרן. מענטשן זענען געשטאַנען גאַנצע טעג אין ריי פאַר אַ ביסל מילך צי אַן איי. פון פלייש איז אָפּגערעדט.

דער מצב איז געווען אַזוי שלעכט, אַז דאָס פּשוטע פאָלק האָט אָנגעהויבן צו ברומען.

אויך די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע צווישן מיזרח און מערב האָט זיך פאַרשאַרפט און עס האָט אויסגעזען אַז אָט־אָט וועט זיך דער קאַלטער קריג פאַרוואַנדלען אין אַ הייסער מלחמה. אויך דאָס האָט אַרויסגערופן אומצו־פרידנקייט קעגן דער הערשנדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט כּאילו גאָרנישט געזען וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד. ער האָט גאָר באַשלאָסן צונויפצורופן אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ — די ערשטע זינט די פּאַרטיי האָט איבערגענומען די מאַכט — כּדי צו מאַכן אַ סך־הכּל פון דעם וואָס איז געטאָן געוואָרן און באַשטימען די אַקטיוויטעט אויף להבא.

אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ האָט אַ זינען, ווען די פּאַרטיי קען אָנווייַזן אויף אירע הצלחות. אָבער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין דער טשעכאָסלאָוואַקייַ האָט קיין הצלחות נישט געהאַט. די לאַנדווירטשאַפט איז געווען צעשטערט, ס'איז נישט געווען צו קריגן קייַן ברויט, גרינצייַג, אייער, מילך, פלייש. אויך די אינדוסטריע האָט נאָר טיילווייַז געאַרבעט, ווייַל זי האָט נישט געהאַט קיין רוימאַטעריאַל. אַ גרויסער טייל פון די פּויערים איז געלעגן אין די תּפיסות, ווייַל זיי האָבן נישט געוואָלט אַרייַן אין די קאָלכאָזן. אַפילו די פּויערים וואָס זענען יאָ אַרייַן — האָבן סאַבאָטירט און צעשטערט וואָס זיי האָבן געקענט.

דאָס אַלץ האָט סלאַנסקי און זייַנע פרייַנד נישט גענומען אין אַכט. דער עיקר איז געווען די פּאַרטיי־קאָנפערענץ, כּדי צו דעמאָנסטרירן דעם גייַסט פון דער פּאַרטיי. אָבער דער גרויסער ברודער, דער חבר סטאַלין, וואָס האָט פּינקטלעך געוווּסט וואָס עס קומט פאָר בייַ זייַנע וואַסאַלן, ווייַל ער האָט אומעטום געהאַט אויגן און אויערן, האָט באַשלאָסן אַז עס איז געקומען די צייַט בודק־חמץ צו זייַן אין דער טשעכאָסלאָוואַקייַ, כּדי צו געווינען דעם צוטרוי פון פאָלק, אין פאַל עס וועט אויסברעכן אַ קאָנפליקט צווישן מיזרח און מערב.

ווי ווייַט איך געדענק, איז דעמאָלט געקומען קיין פּראַג סטאַלינס איבער־געגעבענער דינער מיקאָיאַן, כּדי צו מאַכן אָרדענונג פאַר דער קאָנפערענץ. ער איז געווען באַקאַנט אין דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל ווי אַ מומחה אין געפינען אַ שעיר־לעזאָזל אין שווערע סיטואַציעס. סטאַלין האָט באַשלאָסן אַז מען דאַרף וואַרפן אַ קרבן פאַר די אומצופרידענע מאַסן, כּדי זיי צו באַרויִקן. אין מייַן בוך „עלילה בפראג״ האָב איך דערקלערט ווי אַזוי עס איז

געשען, אַז אַ גרויסער טייל פון די פירנדיקע פערזענלעכקייטן אין דער טשעכישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז געווען פון יידישן אָפּשטאַם. דעריבער וועל איך זיך איצט נישט אַרײַנלאָזן אין קיין פּרטים; איך וויל נאָר באַמערקן אַז דאָס האָט פאַרגרינגערט צו געפינען די שולדיקע אין די מפּלות וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געליטן, בעיקר אויפן ווירטשאַפטלעכן שטח. לויט דער באַקאַנטער מאָסקווער שיטה האָט די פּאַרטיי קיין מאָל קיין טעות נישט געמאַכט. זי איז שטענדיק גערעכט. שולדיק זענען די מענטשן, די אָנפירערס, אַפילו ווען זיי זענען ריין ווי גאָלד. מענטשן מאַכן פעלער, די פּאַרטיי — נישט.

ס'איז נישט דער ערשטער פאַל אין דער געשיכטע פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, אַז ערלעכע און איבערגעגעבענע פּאַרטיי־מיטגלידער נעמען אויף זיך די שולד פאַר פעלער וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן אין דער פּאַרטיי. דער עיקר איז געווען — נישט באַשולדיקן די פּאַרטיי! סלאַנסקי האָט אויך אַזוי געהאַנדלט. ער איז טאַקע געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר, אָבער די באַשלוסן זענען אָנגענומען געוואָרן פונעם גאַנצן סעקרעטאַריאַט. פון דעסטוועגן האָט סלאַנסקי גענומען אויף זיך אַליין די גאַנצע שולד פאַר דעם תּוהו־ובוהו וואָס האָט געהערשט אין לאַנד און בעיקר אין דער לאַנדווירטשאַפט.

דאָס איז געווען סטאַלינס פּלאַן און מיקאָיאַן האָט אים געדאַרפט דורכפירן. ביידע זענען געווען זיכער, אַז סלאַנסקיס יידישע אָפּשטאַמונג וועט פאַרגרינגערן דעם ענין און די פּאַרטיי־מיטגלידער וועלן גלייבן, אַז שולדיק איז נישט די פּאַרטיי, נאָר סלאַנסקי.

אַלץ וואָס איך דערצייל דאָ האָב איך זיך דערוווּסט פון די ענגסטע קרײַזן, ווו עס זענען געמאַכט געוואָרן די צוגרייטונגען, אַזוי אַז איך האָב קיין ספק נישט אין דער וואָרהאַפטיקייט פון מײַנע אינפאָרמאַציעס.

סלאַנסקי איז געווען אַ קלוגער און אַ פעיִקער מענטש. ער איז אָבער געווען אַזוי איבערגעגעבן דער פּאַרטיי, אַז ער האָט נישט איין מאָל אַקצעפּטירט מיינונגען פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, הגם ער אַליין האָט אין זיי נישט געגלייבט. דערפאַר איז נישט געווען שווער מיקאָיאַן זאָל אים איבערצײַגן, אַז מען דאַרף נישט דערלאָזן עמעצער זאָל אויפשטיין בײַ דער קאָנפערענץ און באַשולדיקן די פּאַרטיי פאַר די פאַרשיידענע מפּלות. בעסער זאָל ער זיך מודה זײַן אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס און דאָס האָט גורם געווען דעם שווערן ווירטשאַפטלעכן מצב. מיקאָיאַן האָט זיך אויסגעקליבן נאָר צוויי מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פאַר וועלכע ער האָט פאַרגעלייגט זײַן פּלאַן און געבעטן זייער הילף. ביידע האָבן געגאָלטן

ווי סלאַנסקיס בעסטע פרײַנד און זיי האָבן טאַקע בײַגעטראָגן דערצו, אַז סלאַנסקי זאָל אויף זיך נעמען די גאַנצע שולד. איינער איז געווען גאָטוואַלד, דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, וואָס איז אַליין אַ מאָל געווען סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי און צענדליקער יאָרן אין איינעם מיט סלאַנסקין געאַרבעט און געקעמפט. ער איז נישט געווען קיין אינטריגאַנט, להיפּוך — אַ גוטהאַרציקער מענטש, און איך בין זיכער אַז ער איז געפאַלן אַ קרבן פון דעם ראַפינירטן אַרמענער מיקאָיאַן. אַחוץ דעם איז ער מסכים געווען מיט דעם פּרינציפּ אַז די פּאַרטיי טאָר קיין טעות נישט האָבן און דערפאַר האָט ער משפּיע געווען אויף סלאַנסקין ער זאָל אָננעמען דעם פאָרשלאָג פון מיקאָיאַן. דער צווייטער איז געווען געמינדער, אויך פון ייִדישער אָפּשטאַמונג. ער האָט נישט געהאַט קיין ספּעציעלן טיטל אין ביוראָ פון דער פּאַרטיי, אָבער אַלע האָבן געוווּסט אַז ער איז סטאַלינס משגיח אין דער טשעכישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. געמינדער איז נישט אויפגעטראָטן אין דער עפנטלעכקייט, אָבער מ'האָט געוווּסט אַז ער איז די „גרויע עמינענץ" און האָט אין אַלעמען אַ האַנט. געמינדער האָט אויך געהערט צו דער אַלטער גוואַרדיע, צו די גרינדערס פון דער טשעכישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין איינעם מיט גאָטוואַלד און סלאַנסקי. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר סלאַנסקיס אינטימסטער פרײַנד און דערפאַר האָט אים טאַקע סלאַנסקי מיט פאַרגעניגן אויפגענומען אין פּראַג, ווען ער איז געקומען ווי אַ פאַרטרויונגס־מענטש פון קאָמינטערן. געמינדער האָט געלעבט אַ סך יאָרן אין מאָסקווע, ווו ער האָט אין סטאַלינס קרײַז אויסגעלערנט אַלע סיסטעמען פון אינטריגע און פאַרראַט. אויך אים, ווי אַן אַלטער קאַמפּס־חבר, האָט סלאַנסקי געגלייבט אַז ס'איז גוט ער זאָל זיך מודה זײַן אין דער שולד. ביזן סוף האָבן געמינדערן נישט געהאָלפן אַלע אינטריגעס און מען האָט אים אויפגעהאַנגען אין איינעם מיט סלאַנסקין פאַר פאַרראַטן דעם אַרבעטערקלאַס.

כדי סלאַנסקין גרינגער צו מאַכן די אַרבעט, האָט מיקאָיאַן נישט געפאָדערט ער זאָל זיך עפנטלעך שלאָגן על־חטא אויף דער קאָנפערענץ. דאָס וואָלט סלאַנסקי אוודאי נישט געטאָן. מיקאָיאַן האָט פאָרגעשלאָגן אַז סלאַנסקי זאָל אַרויסשיקן אַ געהיימען צירקולאַר פאַר די פּאַרטיי־סעקרעטאַרן און אַקטיוויסטן, ווו ער זאָל דערקלערן די פעלער וואָס ער איז באַגאַנגען אין שײַכות מיט דער קאָלעקטיוויזירונג. אין דעם צירקולאַר האָט אויך סלאַנסקי דערקלערט, אַז די פּאַרטיי־קאָנפערענץ וועט דאַרפן געפינען אַ נײַעם און בעסערן וועג צו סאָציאַליזירן די טשעכישע ווירטשאַפט.

ווען איך האָב דורך מײַנע פרײַנד באַקומען אין די הענט דעם געהײמען צירקולאַר, האָב איך תּיכּף געזאָגט אַז דערמיט האָט ער זיך געחתמעט זײַן טויטאורטייל, ווי גלײַך דאָס איז אָנגעשריבן אויף דער וואַנט. איך האָב זיך נאָר געוווּנדערט ווי אַזוי דער קלוגער סלאַנסקי האָט דאָס נישט געזען.

אַזוי אַרום האָט מיקאָיאַן, אויף סטאַלינס באַפעל, געלייגט דעם יסוד פון סלאַנסקיס אונטערגאַנג. איצט האָט ער געדאַרפט מאַכן דעם צווייטן טראָט, כּדי צו זיכערן אַז מען וועט סלאַנסקין נישט ווידער אויסוויילן אויף דער קאָנפערענץ ווי דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. מיקאָיאַן האָט שוין געוווּסט אַז סלאַנסקי איז אַ קאַנדידאַט פאַר דער תּליה, אָבער ס׳איז פאָרט נישט שיין צו הענגען פאַר שפּיאָנאַזש אַ גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. דאָס וואָלט געוואָרפן אַ שאָטן אויף דער גאַנצע פּאַרטיי. נאָך דעם געהײמען צירקולאַר איז שוין נישט שווער געווען צו געפינען מענטשן, וואָס זאָלן מסכּים זײַן אַז היות סלאַנסקי האָט זיך מודה געווען אין זײַנע פעלער, דאַרף ער נישט מער זײַן דער גענעראַל־סעקרעטאַר וואָס זאָל ווידער געזונט מאַכן די פּאַרטיי.

ס׳איז געווען אַ גרויסער טומל אַרום דער קאָנפערענץ און טויזנטער דע־לעגאַטן האָבן זיך געגרייט צו קומען קיין פּראָג. פאַר די פּשוטע פּאַרטיי־מיטגלידער איז געווען קלאָר אַז דאָס איז סלאַנסקיס קאָנפערענץ, אַז מען וועט אים ווידער אויסוויילן ווי דעם גענעראַל־סעקרעטאַר און מען וועט אים לויבן אין הימל אַרײַן, ווי אַנומלט ווען ער איז אַלט געוואָרן פופציק יאָר.

אין דער זעלבער צײַט האָט מיקאָיאַן, מיט דער הילף פון גאָטוואַלד און פון געמינדער, איבערצײַגט סלאַנסקין, אַז עס וועט נישט מאַכן קיין גוטן אײַנדרוק אויב ער וועט אויפשטעלן זײַן קאַנדידאַטור פאַרן פּאָסטן פון גענעראַל־סעקרעטאַר, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אַליין מודה געווען אין געהײמען צירקולאַר, אין די פעלער וואָס ער איז באַגאַנגען. דאָס קען נאָר אָפּשוואַכן די אויטאָריטעט פון דער פּאַרטיי. ווי אַ גוטער קאָמוניסט האָט סלאַנסקי קיין ברירה נישט געהאַט. ער האָט נאָר געשטעלט איין תּנאַי: מען זאָל אים גאַנצן נישט אויסוויילן קיין גענעראַל־סעקרעטאַר. ער האָט פאָרגעשלאָגן אַז זײַן גוטער פרײַנד, דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, זאָל אויסגעוויילט ווערן ווי דער פאָרזיצער פון דער פּאַרטיי. מיקאָיאַן איז תּיכּף מסכּים געווען. ער האָט געוווּסט אַז דערמיט קען ער באַלד אַהיים פאָרן קיין מאָסקווע און דערלאַנגען סטאַלינען סלאַנסקיס קאָפּ אויף אַ גאָלדענער טאַץ.

די קאָנפערענץ האָט זיך געפירט ווי עס פירן זיך אַלע קאָמוניסטישע

קאָנפערענצן און די איינציקע סענסאַציע פאַר די פשוטע מיטגלידערס איז געווען וואָס סלאַנסקי איז נישט אויסגעוויילט געוואָרן ווי דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. נאָך אַ קורצער צײַט האָט מען געמאָלדן אַז סלאַנסקי איז נאָמינירט געוואָרן ווי דער מיניסטער פאַר אַרבעטסקראַפט און מענטשן האָבן זיך געוויצלט, אַז סלאַנסקי איז „געפלויגן" אַרויפצו.

מײַנע פרײַנד, וואָס זענען געווען אויף דער קאָנפערענץ, האָבן מיר דער־ציילט אַז סלאַנסקי איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג, ווײַל ער האָט פּלוצעם פאַרלוירן די שליטה אין פּריקוף, וואָס ס'האָט בעצם געהייסן די שליטה אין דער רעפּובליק. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און האָט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן זײַן נײַעם מיניסטעריום, אויסקלײַבן זײַנע מענטשן, כּדי צוצוגרייטן אַן אויספירלעכן פּלאַן ווי אַזוי אויסצוניצן די אַרבעטסקראַפט פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנד. מענטשן וואָס האָבן אים געזען אין זײַן נײַער אַקטיוויטעט האָבן אין זייער נאַיִוויטעט באמת געגלייבט אַז אַצינד האָט ער אַ וויכטיקערן פּאָסטן ווי פריִער.

ערשט אין 1954, ווען איך בין געזעסן אין דער פעסטונג מיראָוו, האָב איך דאָרטן באַגעגנט דעם פריִערדיקן גענעראַל פּאָקאָרני, וואָס איז געווען דער בעל־הבית איבער דער געהיים־פּאָליציי אין אינערן־מיניסטעריום. פון אים האָב איך זיך דערוווּסט אײנצלהייטן וועגן דעם וואָס ס'איז געשען אין נאָוועמבער 1951, אין מיטן נאַכט, בײַ רודאָלף סלאַנסקי אין דער היים.

סלאַנסקי מיט זײַן פרוי זענען געווען צו גאַסט אין דער ווילע פון פּרעמיער זאַפּאָטאָצקי, אויך איינער פון די אַלטע קעמפערס און גרינדערס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מען האָט געפײַערט זײַן פופציקסטן געבורטסטאָג און עס זענען געווען פאַרזאַמלט רעגירונגס־מיטגלידער און סתּם אַלטע פּאַרטיי־חברים, וואָס האָבן איצט געהערשט אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. שאַמפּאַניער האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. די פאַרזאַמלטע האָבן זיך צוגעהערט ווי די דרײַ עלטסטע חברים פון דער פּאַרטיי דערציילן זכרונות פון דער צײַט ווען זיי זענען געווען גערודפט פון דער פּאָליציי, בעת זיי האָבן געהאַלטן אין גרינדן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. דערציילט האָבן גאָטוואַלד, דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, סלאַנסקי, דער לאַנגיאָריקער גענעראַל־סעקרעטאַר, און דער בעל־שׂימחה אַליין, דער פּרעמיער פון דער רעפּובליק.

שפּעט בײַ נאַכט, ווען מען האָט זיך געזעגנט, האָט מען זיך צוגעווונטשן זיך צו באַגעגענען געזונט און פריש בײַם זעכציקסטן געבורטסטאָג פון חבר זאַפּאָטאָצקי. דאָס רוב פאַרזאַמלטע האָבן עס טאַקע געמיינט ערנסט און

געהאָפּט זיך צו טרעפן אין צען יאָר אַרום. אָבער גאָטוואַלד און זאַפּאָטאָצקי האָבן געוווּסט אַז דאָס איז סלאַנסקיס לעצטער אָוונט. פון דעסטוועגן האָט עס נישט געשטערט זייער שׂימחה.

סלאַנסקי און זײַן פרוי זענען אַהיים געקומען אין זייער אויטאָ. איידער ער האָט באַוויזן צו פאַרמאַכן די טיר פון זײַן ווילע, האָט זיך אַרײַנגעריסן אַ גרופּע יונגע אַגענטן פון דער געהיים־פּאָליציי. איינער האָט געפרעגט סלאַנסקין ווער ער איז. סלאַנסקי איז געווען זיכער, אַז די יונגע־לײַט האָבן אַ טעות, אַז זיי מיינען אַן אַנדערן, אפשר גאָר עמעצן פון די שכנותדיקע ווילעס. דעריבער האָט ער געענטפערט: „איך בין רודאָלף סלאַנסקי, דער מיניסטער פאַר אַרבעטסקראַפט". בײַ די רייד האָבן די נישט־געבעטענע געסט אָנגעהויבן צו לאַכן און צו שרײַען: „דו ביסט אַ ייִדישער שפּיאָן, אַ פאַר־ברעכער, וואָס האָט אַלע יאָרן פאַרראַטן די פּאַרטיי". סלאַנסקי האָט פּראָ־טעסטירט קעגן דער חוצפּה און איז געלאָפן צום טעלעפאָן, זיך פאַרבינדן מיט זײַן פרײַנד קאָפּשיבאַ, דער אינערן־מיניסטער, וואָס איז געווען דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער געהיים־פּאָליציי. אין דער רגע זענען די יונגען אויף אים אָנגעפאַלן און, בײַזײַן פון דער פרוי און זײַן קליינעם זון, וואָס האָט זיך אויפגעוועקט פון די געשרייען, אים אַזוי צעשלאָגן, אַז ער איז צוזאַמענגעבראָכן. דערנאָך האָבן זיי אים געשלעפּט צו זייער אויטאָ און אַרײַנגעוואָרפן ווי אַ פּגר. אַ געהלשטן האָט מען אים צו ערשט געפירט אין דער תּפיסה פון רוזין און דאָרט געהאַלטן אין אַן איינזאַמער קאַמער. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט מען אים איבערגעפירט קיין פּאַנקראַץ, ווו ס'איז פאָרגעקומען דער מישפּט און ווו מען האָט אים נאָך אַכט און פערציק שעה אויפגעהאַנגען.

גענעראַל פּאָקאָרני האָט צוגעגעבן, אַז סלאַנסקי איז געווען דער ערשטער געפאַנגענער אין רוזין. די נײַע תּפיסה, מיט צוויי טויזנט קאַמערן, באַשטימט פאַר פּאָליטישע געפאַנגענע, איז אויפגעבויט געוואָרן לויט זײַן, סלאַנסקיס, איניציאַטיוו. פונקט דעמאָלט האָט מען זי געהאַט פאַרענדיקט. אויך די יונגען וואָס האָבן אים אַרעסטירט און צעשלאָגן זענען געווען אַ פּראָדוקט פון זײַנע אייגענע באַשלוסן. ער האָט געהייסן מען זאָל אויפנעמען אין דער געהיים־פּאָליציי סלאָוואַקישע יונגען פון פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג, וואָס זענען געווען באַקאַנט ווי פּרימיטיווע מענטשן און דערצו גרויסע אַנטיסעמיטן, דערצויגענע אין גײַסט פון דעם אַנטיסעמיטישן גלח טיסאָ.

אין 1951 האָב איך אָט די פּרטים נישט געוווּסט. אין דער מאָרגן־צײַטונג האָב איך געלייענט אַ קליינע ידיעה, נישט אויף דער ערשטער זײַט, אַז די

געהיים־פּאָליציי האָט בײַ נאַכט אַרעסטירט רודאָלף סלאַנסקין און זײַן סעקרעטאַרשע, פּרוי טאָסיג, ווײַל ס'איז פאַראַן אַ חשד, אַז זיי האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט פרעמדע, פײַנדלעכע מדינות. דעם גלײַכן טאָג איז אין דער מיטאָג־צײַטונג געווען אַ לײַטאַרטיקל פון פּרעזידענט גאָטוואַלד, ווו ער דערקלערט אַז סלאַנסקי איז אַרעסטירט געוואָרן, ווײַל ער האָט געפּלאַנט אַן איבערקערעניש אין דער רעפּובליק, מיט דער הילף פון פײַנדלעכע עלע־מענטן, מיט וועלכע ער איז געווען אַלע יאָרן אין פאַרבינדונג.

אַלע זענען געווען שאָקירט. פאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז סלאַנסקיס גורל איז געחתמעט און אַז דאָס וועט אים קאָסטן דאָס לעבן. איך האָב סלאַנסקין געקענט פון זינט זײַנע ערשטע טריט אין דער פּאַרטיי. איך האָב תּמיד געשאַצט זײַן איבערגעגעבנקייט צו דער פּאַרטיי און צו דעם אַרבע־טער־קלאַס. דערפאַר האָב איך בשום־אופן נישט געקענט גלייבן אַז אַלץ וואָס סלאַנסקי האָט געטאָן אין משך פון צוואַנציק יאָר פאַר דער פּאַרטיי איז נאָר געווען אַ קאַמופלאַזש פאַר זײַן פײַנדלעכער אַקטיוויטעט קעגן דער אַרבעטער־רעוואָלוציע אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ.

פּלוצעם האָב איך געעפנט די אויגן און האָב נישט מער געקענט גלייבן אין די באַשולדיקונגען וואָס זענען געווען אויסגעזויגן פון פינגער. איך האָב זיך דערמאָנט אַז בעת אַ באַגעגעניש מיט פרײַנד פון די הויכע פענצטער האָט איינער אַ זאָג געטאָן אַז אין דער פּאַרטיי ווערט פאַרקאָכט אַן אַנטי־סעמיטישע קאַשע קעגן פירנדיקע חברים. איך האָב פאַרשטאַנען אַז אויב די געהיים־פּאָליציי האָט זיך דערוועגט צו לייגן אַ האַנט אויף סלאַנסקין, וועט זי שוין פאַר קיינעם נישט מער צוריקשרעקן און עס וועלן פאַלן קרבנות, בעקר יידן. איך האָב פאַרשטאַנען אַז אין איינעם מיט סלאַנסקין וועלן פאַלן אויך אַלע די וואָס זענען געווען נאָענט צו אים, ווי אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: „אַז דער משחית באַקומט אַ דערלויבעניש, מאַכט ער נישט קיין אונטערשייד צווישן גוט און שלעכט". אין מײַן דמיון האָב איך פאַרויסגעזען אַ מוראדיקן בלוטבאַד.

אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה האָב איך ליקווידירט אַלע מײַנע פּריוואַטע ענינים אין פּראָג און בין געווען גרייט אַרויסצופאָרן קיין ווין. פאַר דעם אינדוסטריע־מיניסטער, מײַן גוטער פרײַנד קלעמענט, האָב איך געטענהט אַז איך פאָר אַוועק, ווײַל איך האָב מורא מען זאָל מיך נישט אַרײַנשרײַבן אין דער שוואַרצער ליסטע פון די וואָס ברעכן די מערבדיקע בלאָקאַדע קעגן דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. איך בין אָבער גרייט צו העלפן דער טשעכאָסלאָוואַקײַ פון מײַן ביוראָ אין ווין.

איך האָב זיך שווער צעשיידט מיט די פרײַנד אין פּראָג, אָבער איך האָב געפילט אַז זיי זענען צופרידן וואָס איך פאָר אַוועק, ווײַל זיי האָבן מורא געהאַט אַז עס קען זיך מיט מיר עפּעס טרעפן.

אין האָטעל האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַ ייִד פון ישׂראל, וואָס איז געקומען קיין פּראָג מיט אַ פּערסישן פּאָס אײַנקויפן טעקסטיל־מאַשינען. ווען ער האָט געהערט אַז איך פאָר מיט מײַן אויטאָ קיין ווין האָט ער מיך געבעטן איך זאָל אים מיטנעמען. איך האָב נישט געוווסט אַז אָט די נסיעה מיט מיר וועט אים קאָסטן אַ יאָר תּפיסה.

איך בין געפאָרן אין דער ריכטונג פון זנאַים, ווו איך פלעג אָפט אַריבער די גרענעץ קיין עסטרײַך מיט מײַן מאַשין. די גרענעץ־פּאָליציאַנטן און די צאָל־באַאַמטע האָבן מיך שוין געקענט און האָבן אַפילו נישט געזוכט אין מײַנע רעפן.

ס'איז שוין געשטאַנען דער ווינטער און די נסיעה ביז צו דער גרענעץ האָט געדויערט מער ווי איך האָב געטראַכט, מחמת דעם גליטשיקן שאָסיי. ווען איך בין אָנגעקומען איז שוין געווען נאַכט. בײַ דער גרענעץ איז געשטאַנען אַ יונגער פּאָליציאַנט, וועמען איך האָב נישט געקענט און ער האָט מיך נישט געלאָזט אַריבערפאָרן, ווײַל דער זיגל פון אינערן־מיניס־טעריום אויף מײַן פּאַס איז פּירעקיק און ער דאַרף זײַן רונד. איך האָב אויף אים געקוקט ווי אויף אַ משוגענעם און האָב אים געהייסן ער זאָל זיך תּיכּף פאַרבינדן מיטן אינערן־מיניסטעריום, וועט ער באַקומען אַלע נייטיקע אויפקלערונגען. ס'איז אָבער שוין געווען שפּעט, און ער האָט נישט געקענט באַקומען אַ פאַרבינדונג מיט פּראָג. איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה און בין צוריקגעפאָרן קיין זנאַים, ווו איך האָב פאַרבראַכט די נאַכט אין האָטעל, אין איינעם מיט מײַן נײַעם פרײַנד פון ישׂראל. צו מאָרגנס בין איך ווידער געקומען צו דער גרענעץ. דער פּאָליציאַנט האָט אַלץ געטענהט אַז ער קען נישט באַקומען קיין פאַרבינדונג מיט פּראָג. דאָס זעלביקע איז פאָרגעקומען אויך דעם דריטן טאָג. איך האָב פאַרבראַכט נאָך צוויי נעכט אין האָטעל פון זנאַים. די זאַך איז מיר נימאס געוואָרן און איך האָב געזאָגט דעם פּאָליציאַנט אַז איך פאָר מיט מײַן מאַשין קיין פּראָג, כּדי אויפצוקלערן דעם ענין. דער פּאָליציאַנט איז מסכּים געווען, אָבער ער האָט מיך געבעטן איך זאָל מיטנעמען דרײַ פון זײַנע פרײַנד וואָס דאַרפן פאָרן קיין פּראָג.

איך האָב זיך געפילט ריין און האָב נישט מורא געהאַט צו פאָרן קיין פּראָג, ווו איך האָב געהאָפט אַז אַלץ וועט תּיכּף דערליידיקט ווערן. אויך אויף די דרײַ מיטפּאָרערס האָב איך נישט געהאַט קיין חשד. אין אונטערבאַוווסטזײַן

האָט מיר אָבער, ווײַזט אויס, די גאַנצע געשיכטע נישט געפעלן, ווײַל איידער איך בין אַרויסגעפאָרן קיין פּראָג האָב איך אָנגעקלונגען אין ישׂראל־אַמבאַסאַדע צו מײַן פרײַנד זאב שעק און אים דערציילט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט אין די לעצטע דרײַ טעג. איך האָב אים אויך געזאָגט אַז אויב איך וועל זיך נישט הײַנט אָדער מאָרגן מעלדן בײַ אים אין פּראָג, זאָל ער וויסן אַז מען האָט מיך אַרעסטירט. שעק האָט געלאַכט און האָט געזאָגט אַז איך טרײַב איבער.

איך האָב שאָפירט מײַן אויטאָ און לעבן מיר איז געזעסן מײַן באַקאַנטער פון ישׂראל. אויף דער הינטערשטער באַנק זענען געזעסן די דרײַ יונגען וואָס מען האָט תּיכּף דערקענט לויט זייערע לאַנגע לעדערנע מאַנטלען אַז זיי זענען פון דער פּאָליציי. אויפן וועג האָבן מיר געשמועסט און איך האָב אַפילו חוזק געמאַכט פון דעם גרענעץ־פּאָליציאַנט, וואָס איז מיך חושד אַז איך האָב געפּעלשט דעם זיגל פונעם אינערן־מיניסטעריום.

פּאַר פּראָג האָט מיך איינער פון די יונגען געבעטן איך זאָל אָפּשטעלן דעם מאַשין, ווײַל ער וויל אַראָפּגיין משתּין זײַן. ווי איך האָב אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ, האָט איינער אַרויפגעוואָרפן אַ דעק איבער מײַן קאָפּ און איידער איך האָב געקענט אַרויסרעדן אַ וואָרט בין איך געלעגן אַ געבונדענער אויף דער הינטערשטער באַנק. שפּעטער בין איך געוווּר געוואָרן אַז דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן אויך מיט מײַן באַקאַנטן.

נאָך אַ קורצער צײַט האָט מען מיך אַרויסגעשלעפּט פון אויטאָ אויף אַן אָרט וואָס איך ווייס עד־היום נישט ווו עס איז געווען. דאָרט האָט מען מיך צוגעבונדן צו אַ בענקל און איך בין אַזוי געזעסן אַ לאַנגע צײַט. איך האָב קיינעם נישט געזען, אָבער ווען איך האָב געפּרוּווט זיך אַ ריר טאָן, האָב איך דערהערט אַ געשריי, איך זאָל זיך נישט רירן פון אָרט.

אַחוץ וואָסער האָט מען מיר גאָרנישט געגעבן. מען האָט מיך עטלעכע מאָל געפירט אין בית־הכּסא מיט פאַרבונדענע אויגן. איך האָב געבעטן מען זאָל אָנקלינגען אויף באַשטימטע טעלעפאָן־נומערן. נאָך אַ צײַט האָב איך געהערט אַן ענטפער, אַז מען האָט געקלונגען, אָבער מען וויל גאָר נישט וויסן פון אַזאַ פאַרברעכער ווי איך. דאָס זענען געווען די דירעקטע נומערן פון מיניסטער פאַר אויסערן־האַנדל און פון אינדוסטריע־מיניסטער. איך בין זיכער אַז מען האָט אַפילו נישט געקלונגען. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין משך פון צוויי טעג איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן דער געהיים־פּאָליציי און די מיניסטאָרן פאַר האַנדל מיט אויסלאַנד און אינדוסטריע. זיי האָבן געטענהט מען זאָל מיך תּיכּף באַפרײַען, ווײַל

איך העלף דער טשעכאָסלאָוואַקײַ אײַנקויפן רוימאַטעריאַלן, וואָס זי קען נישט באַקומען. צום סוף האָט מנצח געווען די געהיים־פּאָליציי און מען האָט מיך איבערגעפירט אין דעם גיהנום וואָס האָט געהייסן רוזין.

יח

הינטער דעם אײַזערנעם פֿאָרהאַנג

איך האָב געפֿילט אַז מען באַפֿרײַט מיך פֿון בענקל און מיט פֿאַרבונדענע אויגן ווער איך געשלעפּט און ממש אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַן אויטאָ. נאָך אַ קורצער צײַט האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז איך געפֿין זיך אין אַ בנין, ווײַל איך האָב געהערט ווי עס עפֿענען זיך און עס פֿאַרמאַכן זיך די טירן. פּלוצעם האָט מען מיר אויפֿגעבונדן די אויגן און איך האָב זיך דערזען אין אַ באָד־צימער. מען האָט מיר געהייסן אויסטאָן די ציווילע קליידער און אויף זייער אָרט האָב איך באַקומען לײַכטע אונטערוועש, זומערדיקע כאַקי־הויזן און אַ כאַקי־העמד, אַלץ אָן קנעפּלעך, איך זאָל חלילה נישט אַראָפּשלינגען אַ קנעפּל און מיר אָנטאָן אַ מעשׂה, בעת איך בין אין רשות פֿון דער געהיים־פּאָליציי. קיין זאָקן האָט מען מיר בכלל נישט געגעבן און אויפֿן אָרט פֿון שיך — אַ פּאָר לײַוונטענע הויזשיך.

איך בין געווען אַזוי מיד און צעבראָכן אַז איך האָב מיט קיין וואָרט נישט פּראָטעסטירט און האָב געדאַנקט גאָט וואָס איינער פֿון די וועכטערס האָט מיר געהאָלפֿן זיך אָנטאָן. ווען איך בין שוין געווען אָנגעטאָן אין תּפֿיסה־מונדיר האָט דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט מיר געבראַכט די קליידער געזאָגט, אַז פֿון דער רגע אָן טאָר איך מער קיינעם נישט זאָגן מײַן נאָמען, איך בין נאָר אַ נומער — 2392 — און נאָר אויף דעם נומער דאַרף איך ענטפֿערן.

מען האָט מיר ווידער פֿאַרבונדן די אויגן און מיך געשלעפּט פֿון שטאָק צו שטאָק, ביז עס האָט זיך געעפֿנט אַ טיר און אַ קול האָט מיר געהייסן אַראָפּנעמען דעם פֿאַרבונד פֿון די אויגן. דערנאָך האָט זיך פֿאַרמאַכט פֿון דרויסן די אײַזערנע טיר און איך בין געבליבן אין אַ קאַמער פֿון צוויי מעטער די ברייט און דרײַ מעטער די לענג. עס האָט זיך נאָך געפֿילט דער פֿרישער קאַלך פֿון די ווענט. הויך, בײַ דער סטעליע, איז געווען אַ קליין פֿענצטערל מיט מאַטע, נישט־צעברעכלעכע שויבן און אַ גאַנץ קליינער לופֿטונג. אײַ דער לינקער זײַט פֿון דער טיר איז געווען אַ פֿראַנצייזישער קלאָזעט מיט

אַ גומעקאָפּ אָפּצוציִען דאָס וואַסער. אויף דער וואַנט, רעכטס, איז געווען מאָנטירט אַן אײַזערנע טיר, וואָס האָט געדינט ווי אַ בעט, ווען דער וועכטער האָט זי געעפנט מיט אַ שליסל און זי אַרונטערגעלאָזט. אויך אויף דער וואַנט אין דער לינקער זײַט איז געווען מאָנטירט אַן אײַזערן טישל און אַ בענקל, אויך פאַרשלאָסענע. מען האָט זיי געעפנט בײַם עסן, אָבער נאָר פּאָר געפּאַנ־גענע וואָס האָבן אויף אַלץ געחתמעט וואָס דער אויספאָרשונגס־קאָמיסאַר האָט געפאָדערט. די אַנדערע האָבן געמוזט עסן שטייענדיק און האָבן אַ גאַנצן טאָג נישט געהאַט וווּ זיך אַוועקצוזעצן. דעמאָלט האָב איך זיכער נישט געטראַכט אַז אָט די קאַמער וועט זײַן מײַן וווינונג אין משך פון צוויי יאָר און איך וועל זיך אין איר אַרומיאָגן ווי אַ ווילדע חיה אין אַ שטײַג, רעדן צו די ווענט און נישט באַקומען קיין ענטפער.

אין מײַנע צוויי ביכער „עלילה בפּראַג״ און „לפי פקודה ממוסקבה״ האָב איך בפּרוטרוט געשילדערט די גרויסע טראַגעדיע פון רוזין און די פּראַגער פּראָצעסן. דאָס אַלץ נאָך אַ מאָל איבערצוחזרן האָב איך פּשוט קיין כּוח נישט. די וואָס האָבן געלייענט מײַנע ביכער, בעיקר די ייִדן אין ישׂראל, האָבן פאַרשטאַנען אַז פרײַהייט פון יחיד האָט גאָר נישט צו טאָן מיט קאָמור־ניזם און קענען אַפילו קיין שכנים נישט זײַן. מײַנע העברעיִשע לייענערס האָבן זיך מסתּמא איבערגעצײַגט פון מײַנע באַשרײַבונגען, אַז אונדזער נאַציאָנאַלע באַוועגונג זיך אומצוקערן אין ציון נייטיקט זיך נישט אין קיין הכשר פון דער קאָמוניסטישער וועלט, וואָס שטעלט זיך אַרויס ווי אַ ממשלה פון גערעכטיקייט און פרײַהייט. אין דער אמתן איז דאָס אַ ממשלה פון אונטערדריקונג און אומגערעכטיקייט.

פון דעסטוועגן, כּדי מײַנע ייִדישע לייענערס זאָלן זיך מאַכן אַ באַגריף וואָס עס איז פאָרגעקומען אין די פופציקער יאָרן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, וועל איך באַשרײַבן מײַנע ערשטע טעג אין רוזין, דאָס קבלת־פּנים וואָס מען האָט מיר דאָרט געמאַכט. איך וועל באַשרײַבן עטלעכע טעג פון צווייטן יאָר, ווען מען האָט מיך געבראַכט דערצו איך זאָל זאָגן עדות קעגן סלאַנסקין און זײַנע חברים און עטלעכע טעג פון דריטן יאָר, ווען איך בין געזעסן אַלייך אין אַ קאַמער אין רוזין.

פון אָט די באַשרײַבונגען קען מען פאַרשטיין אַז די פּראָצעסן אין פּראַג האָבן געהאַט אַ דורכויס אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער און פון זינט דער אינקוויזיציע און היטלערן איז דאָס ייִדישע פאָלק נישט באַשולדיקט געוואָרן אויף אַזאַ געמיינעם אופן אין פאַראַט, ווי אין די פּראָצעסן פון פּראַג, אין די יאָרן 1951־1952.

נאָך אַזוי פיל יאָרן קען איך נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן וואָס דער קאָמוניס־טישער רעזשים, אין וועלכן איך אַליין האָב אַ מאָל געגלייבט, האָט מיר געטאָן. איך בין זיי מוחל וואָס זיי האָבן מיך געצוואונגען זיך אַליין צו באַשולדיקן אין פאַרברעכנס וואָס איך האָב קיין מאָל נישט באַגאַנגען. אָבער איך קען זיי נישט מוחל זײַן וואָס זיי האָבן מיך געצוואונגען פאַלש עדות צו זאָגן קעגן פערזן אומשולדיקע און אומגליקלעכע מענטשן און דערמיט פאַרהעלפן מען זאָל זיי ברענגען צו דער תּליה. דאָס שוידערלעכע בילד, אַז אומשולדיקע קרבנות וואָס האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן ווײַזן אויף מיר מיטן פינגער און באַשולדיקן מיך — רודפט מיך אַ גאַנץ לעבן.

לאָמיר זיך אומקערן אין רוזין. איך האָב געקענט פראָג ווי מײַנע צען פינגער. איך האָב אויך געוווּסט אַז ס'איז פאַראַן אַ פאַרשטאָט מיטן נאָמען רוזין און דאָרט איז דער אינטערנאַציאָנאַלער פליפלאַץ, אויף וועלכן איך בין אָפט געווען בעת מײַנע פּילצאָליקע נסיעות. אָבער ערשט מיט צוויי יאָר נאָך דעם וואָס מען האָט מיך אַרעסטירט, ווען איך בין געבראַכט געוואָרן אין דער פעסטונג פון מיראָוו, האָב איך זיך דערוווּסט פון אַלטע געפאַנגענע, אַז רוזין איז געווען אַ דאָרף לעבן פראָג. נאָך דער קאָמוניסטישער רעוואָ־לוציע האָט מען עוואַקויִרט פון דאָרטן די גאַנצע ציווילע באַפעלקערונג, מען האָט צעשטערט אַלע הײַזער און מען האָט אויפגעבויט אַ ריזיקע תּפיסה פאַר פּאָליטישע פאַרברעכערס, מיט טויזנטער קאַמערן, וואָס זענען שטענדיק געווען פול. רוזין איז געווען לחלוטין אָפּגעשלאָסן פון דער אויסנוועלט און ווער עס איז אַהין אַרײַנגעפאַלן איז געווען אַ פאַרלוירענער.

ערשט אין מיראָוו האָב איך זיך דערוווּסט אַז איך בין געווען אין רוזין. איך האָב דאָס אָרט גערופן „די שפּיאָנען־פאַבריק". איטלעכער וואָס איז אַהין געקומען פעסט איבערצײַגט אַז ער איז ריין און אומשולדיק, האָט זיך שפּעטער אַליין באַשולדיקט אַז ער איז אַ גאַנץ לעבן געווען אַ שפּיאָן, אַ פאַרברעכער.

ווען די טיר פון מײַן קאַמער האָט זיך פאַרמאַכט און איך בין געבליבן צווישן די פיר ליידיקע ווענט, דורכגענומען פון דער דעצעמבער־קעלט אין אייראָפּע, אָנגעטאָן אין אַ משונהדיקן מונדיר וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ זומער־פּיזשאַמע, און ווען כ'האָב געזען אַז אין דער קאַמער איז נישטאָ ווו זיך אַוועקצוזעצן, בין איך פּשוט צוזאַמענגעפאַלן אויפן דיל. איך האָב נישט באַמערקט אַז אין דער אײַזערנער טיר איז פאַראַן אַ קליין פאַרגלאָזט לאָך, דורך וועלכן דער וועכטער אין דרויסן האָט שטענדיק, טאָג און נאַכט, אַן אויג אויף מיר. ווי איך בין נאָר אַנידערגעפאַלן אויפן דיל האָט דער

ווערכטער אַנגעהויבן קלאַפּן אין דער טיר און שרייַען אַז ס׳איז פאַרבאָטן צו זיצן. איך מוז אויפשטיין און גיין אַהין און צוריק אין דער קאַמער, אַניט וועט ער מיך תּיכּף אַרייַנוואַרפן אין אַ פינצטערן קאַרצער, וואָס איז אַזוי ענג אַז מען קען אין אים נאָר שטיין אויף די פיס.

איך האָב זיך אויפגעהויבן מיט מי און מאַטער און האָב אָנגעהויבן צו מאַרשירן אַהין און צוריק. ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט, געדענק איך נישט. פּלוצעם האָט דער ווערכטער געשריִען איך זאָל זיך אָוועקשטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט און מיט דער פּלייצע צו דער טיר. די טיר האָט זיך געעפנט און עס זענען אַרייַנגעקומען צוויי ווערכטערס. איינער האָט אויפגעשלאָסן און אַראָפּגעלאָזט דאָס בעט פון דער וואַנט און דער צווייטער האָט מיך באַטאַפּט פון קאָפּ ביז די פיס, צי איך האָב נישט עפעס, הגם מען האָט מיר ערשט נישט לאַנג צוגענומען די ציווילע קליידער מיט אַלע מייַנע זאַכן. אין רוזין איז געווען אַ כּלל, אַז דער געפאַנגענער טאָר נישט זען די ווערכטערס. דערפאַר האָט ער תּמיד געמוזט שטיין מיטן פּנים צו דער וואַנט ווען איינער פון זיי איז אַרייַנגעקומען אין דער קאַמער.

ווען די טיר האָט זיך ווידער פאַרשלאָסן און דער ווערכטער האָט מיר געהייסן זיך לייגן שלאָפן, האָב איך זיך צו ערשט אַ לאָז געטאָן צו דעם בעט. איך בין געווען גרייט אַנידערצולייגן מייַן אָפּגעמאַטערטן גוף. דאָס בעט איז באַשטאַנען פון אַ דינעם מאַטראַץ, באַפעסטיקט צו דער אייַזערנער טיר וואָס דער ווערכטער האָט זי אַראָפּגעלאָזט און צוויי דעקן, וואָס זענען אפשר אַ מאָל געווען וואַרעמע, אָבער איצט זענען זיי שוין געווען דין און אָפּגעריבן. בכל־אופן איז דאָס נישט געווען געוווּג פאַר דעצעמבער־נעכט אין אייראָפּע, אין אַ נישט געהייצטן רוים, בעת איך בין געווען אָנגעטאָן נאָר אין אַ זומער־פּיזשאַמע.

אין קאַמער האָט געברענט אַ שטאַרקער עלעקטרישער לאָמפּ, אַרייַנגעשרייט אין סופיט. איך בין געווונטש געווען צו שלאָפן אין דער פינצטער. פּלוצעם האָב איך דערזען אַ קנאָפּ אין דער וואַנט, לעבן דער טיר. איך האָב אים אַ דריק געטאָן אָבער דאָס ליכט האָט זיך נישט פאַרלאָשן. האָב איך זיך אייַנגעוויקלט אין די דעקן אויפן בעט, אַז מען האָט מיך אַפילו נישט אַרויסגעזען.

איך האָב געוווּסט אַז איך וועל נישט קענען אייַנשלאָפן כאָטש איך בין געווען אַזוי מיד, ווייַל שווערע מחשבות האָבן מיך געמאַטערט. איך האָב זיך נאָך נישט געקענט דערקלערן וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען אין די לעצטע פּאָר טעג. איך האָב געהאָפט אַז די נאַכט וועט גיך אַריבער און דער פריי־

מאָרגן וועט ברענגען קלאָרקייט און אַלץ וועט פאַרגיין ווי אַ בייזער חלום.

מיט אַ מאָל האָבן זיך עטלעכע וועכטער אַריינגעריסן אין קאַמער און זענען מיך באַפאַלן, ווי גלייך איך האָב עמעצן דערהרגעט. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז איך האָב געטאָן עטלעכע עבירות אין איינע פּאָר מינוט: ערשטנס, האָב איך געדריקט אויף דעם אַלאַרם־קנאָפּ און האָב אַלאַרמירט דעם גאַנצן שטאָק; צווייטנס, האָב איך זיך אַריינגעלייגט אין בעט מיטן מונדיר, וואָס מען דאַרף אים אויסטאָן פאַרן שלאָפן און שיין צונויפלייגן לעבן בעט; דריטנס, האָב איך זיך געלייגט מיטן פּנים צו דער וואַנט, בעת מען דאַרף ליגן מיטן פּנים צו דער טיר, כּדי דער וועכטער זאָל שטענדיק קענען זען דעם געפאַנגענעם דורך זיין לאָך; פערטנס, האָב איך זיך געלייגט מיט די הענט אונטער דער דעק, בעת דער געפאַנגענער דאַרף שלאָפן מיט די הענט איבער דער דעק, כּדי דער וועכטער זאָל זען צי ער וויל זיך נישט איבערשניידן די אָדערן.

אויף מיין שאלה פון וואַנען איך האָב דאָס אַלץ געקאָנט וויסן, ס׳איז דאָך נישטאָ קיין אָנווייזונג אין דער קאַמער וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט, האָב איך באַקומען אַ טיפּיש קאָמוניסטישן ענטפער: אַלץ וואָס מען האָט דיר נישט בפירוש געזאָגט אַז דו מעגסט טאָן — איז פאַרבאָטן. היות ס׳איז נישט אָנגעצייכנט וואָס דער געפאַנגענער מעג טאָן — איז אַלץ פאַרבאָטן.

ווי אַ שטראָף פאַר מיינע עבירות האָבן מיך די וועכטערס אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל פון דער קאַמער און מיר געהייסן דאָרט שטיין ביז מען וועט מיר מעלדן אַז איך מעג זיך לייגן שלאָפן. מען האָט מיך געוואָרנט אַז אויב איך וועל נישט שטיין שטיל, וועט מען מיך פאַרמאַכן אין אַ פינצטערן קאַרצער אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. די טיר האָט זיך ווידער פאַרמאַכט און איך בין געבליבן שטיין און האָב געציטערט פאַר קעלט. פון וואַנען האָב איך גענומען די כּוחות? איך ווייס נישט, מסתּמא איז דאָס געווען פּשוט יידישע עקשנות, נישט צו ווייזן מיינע פּייניקערס אַז איך ברעך זיך איין.

נאָך אַ צייט האָט מיר דער וועכטער מודיע געווען אַז איך מעג זיך שוין לייגן שלאָפן. דער עלעקטרישער לאָמפּ האָט מיר געשטאָכן אין די אויגן און ווען איך האָב שוין באַוויזן אַ רגע אַנטדרימלט ווערן, האָבן מיך אויפ־געוועקט די גוואַלדן און דאָס קלאַפּן אין די טירן אויפן שטאָק: דריי זיך אויס מיטן פּנים צו דער טיר! האַלט די הענט איבער דער דעק! אַפילו מען איז שוין יאָ איינגעשלאָפן, האָט מען זיך באַלד דורכגעוועקט אַ געבאָדענער אין שווייס פאַר פּחד.

איך געדענק נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן און זיך געפּרוּווט דער־וואַרעמען די מידע אברים. פּלוצעם האָב איך ווידער געהערט דעם וועכטער: איך זאָל אויפשטיין, זיך אָנטאָן און שטעלן צו דער וואַנט. דערנאָך איז ער אַריינגעקומען, מיר פאַרבונדן די אויגן מיט אַ שמאַטע, מיר אַ דריי געטאָן די האַנט און מיך אַרויסגעשלעפּט, קודם איבערן קאָרידאָר, דערנאָך אין אַ ליפט, דערנאָך ווידער איבער אַ קאָרידאָר, ביז צו אַ טיר וועלכע האָט זיך געעפנט. איך האָב פאַרשטאַנען אַז איך געפין זיך אין אַ צימער. מען האָט מיך אַוועקגעשטעלט ביי אַ וואַנט און מיר געהייסן שטיין און זיך נישט רירן. איך האָב געהערט ווי דער וועכטער האָט געמאָלדן: נומער 2392 איז דאָ! דער ענטפער איז געווען: „נעם אים אַראָפּ די שמאַטע פון די אויגן און דו, חבר, מעגסט גיין!”

ווען מען האָט מיר אַראָפּגענומען דעם פאַרבונד פון די אויגן האָב איך געזען אַז איך געפין זיך אין אַ גרויסן צימער און ביי אַ לאַנגן טיש זיצן אָפיצירן פון דער געהיים־פּאָליציי, בראָש מיט אַ קאָלאָנעל. עס איז מיר לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ. איך האָב געטראַכט אַז סוף־כל־סוף געפין איך זיך פאַר מענטשן וואָס איך וועל זיי אַלץ קענען דערקלערן און זיי געבן צו פאַרשטיין אַז דאָ איז פאַרגעקומען אַ ביטערער טעות. ווען איך האָב נאָך דערהערט ווי די אָפיצירן לאַכן צווישן זיך, האָב איך געוואָרט אַז אָט־אָט וועלן זיי מיר לאַכנדיק זאָגן אַז ס'איז געשען אַ טעות מיט מיר און זיי וועלן זיך אַנטשולדיקן. דערפאַר בין איך געבליבן געפּלעפּט ווען דער קאָלאָנעל האָט צו מיר אַ געשריי געטאָן: „סוף־כל־סוף, ציוניסטישע זונה, ביסטו אַריינגעפאַלן אין אונדזער נעץ”.

פון זיין מויל האָבן זיך אַ שיט געטאָן זידלערייען וואָס איך קען זיי גאָר נישט איבערחזרן. יעדער זאַץ האָט זיך אָנגעהויבן מיט: שמוציקער ייד, הונט, שלאַנג, לויז, וואַנץ, זונה און דאָס גלייכן. איך האָב געהאַט דאָס געפיל אַז ער האָט אויסגעלערנט דעם גאַנצן לעקסיקאָן פון שטרייכערס אַנטיסע־מיטישן „שטירמער”. מיט אַלע כוחות האָב איך זיך געהאַלטן איך זאָל נישט צוזאַמענברעכן. ס'איז שוין נישט געווען די מידקייט, ווי דער ווייטיק, אַז נאָך דעם גרויסן חורבן, ווען היטלער האָט פאַרטיליקט זעקס מיליאָן יידן, זענען נאָך פאַראַנען מענטשן וואָס רופן זיך קאָמוניסטן, מיט אַזאַ ווילדער שינאה קעגן אונדז.

ווען איך האָב מער נישט געקענט אויסהאַלטן, האָב איך אים אַ זאָג געטאָן: „וואָלטסטו מיט עטלעכע טעג צוריק מיך און מיין פאָלק אַזוי באַליידיקט, וואָלט איך דיר אויסגעהאַקט אַלע ציין. איך בין נישט קיין שפּיאָן און נישט

קיין שטינקענדיקער ייִד און איך וועל עס קיין מאָל נישט זײַן". דער קאָלאָ־נעל האָט זיך צעלאַכט און מיר געענטפערט: „איצט קענסטו מיר באמת נישט אויסהאַקן די ציין, אָבער איך קען עס דיר יאָ טאָן און איך וועל זיך באַמיִען זיי דיר אַרויסצוברעכן איינציקווײַז. און וואָס דו טענהסט אַז דו ביסט נישט קיין שפּיאָן און ביסט קיין מאָל נישט געווען — קען איך דיך פאַרזיכערן אַז דו וועסט זײַן. מיר האָבן אומבאַגרענעצטע צײַט. קיינער אײַלט אונדז נישט. מעג זײַן אין אַ יאָר אַרום, אין צוויי, אין פינף, מיר האָבן צײַט".

דערנאָך איז געקומען זײַן עיקרדיקע דרשה: „פון דעם טאָג ווען דו, דרע־קישער ייִד, ביסט געקומען אין לאַנד, האָבן מיר געוווּסט אַז דו ביסט אַ ציוניסטישער און אַמעריקאַנישער שפּיאָן און דײַן צוועק איז אונטערצוגראָבן אונדזער סאָציאַליסטישן רעזשים, און העלפן דער פאַשיזם זאָל ווידער קומען צו דער מאַכט. מיר האָבן פאַרשריבן יעדן טראָט דײַנעם, מיר האָבן געלייענט אַלע דײַנע בריוו וואָס דו האָסט באַקומען, מיר האָבן זיך אונטערגעהערט צו אַלע דײַנע טעלעפאָנישע שמועסן. מיר האָבן שוין לאַנג דיך געוואָלט אַרעסטירן, אָבער אַלע יאָרן האָט דיך געשיצט דײַן פאַרברעכערישער פרײַנד, דער ציוניסט רודאָלף סלאַנסקי. איצט איז אויך דײַן בעסטער פרײַנד, די ציוניסטישע זונה סלאַנסקי, אין אונדזער נעץ און קיין שום כּוח אין דער וועלט וועט דיך שוין נישט ראַטעווען פון דער שטראָף וואָס דו האָסט פאַרדינט".

אין יענער רגע איז מיר געוואָרן קלאָר אַז איך בין פאַרלוירן. אַז סלאַנסקי איז פאַרלוירן האָב איך געוווּסט, אָניט וואָלטן זיי זיך נישט דערוועגט אים צו אַרעסטירן. איצט האָב איך פאַרשטאַנען אַז אויך אַלע זײַנע כּלומרשטע פרײַנד זענען פאַרלוירן. איך האָב געפילט אַז די געהיים־פּאָליציי דרייט מיר אַ שטריק אַרום האַלדז און איך שטיי פאַר אַ תהום.

נאָך דעם דאָזיקן קבלת־פּנים האָט מיך דער וועכטער צוריקגעפירט אין מײַן קאַמער מיט פאַרבונדענע אויגן און מיר געהייסן זיך אַנידערלייגן. נאָך דעם וואָס איך האָב געהערט פון דעם קאָלאָנעל האָב איך נישט מער געקענט אַנטדרימלט ווערן. איך בין געלעגן מיט אָפענע אויגן און זיך אַרײַנגעטראַכט אין דעם וואָס איך האָב אָקערשט געהערט. איך האָב אויפ־געמישט מײַן גאַנצע פאַרגאַנגענהייט און האָב גאָרנישט געפונען וואָס קען אויסגעטײַטשט ווערן ווי אַ פאַרראַט פון אַרבעטער־קלאַס. איך האָב אַלע יאָרן געהערט צו דעם אַרבעטער־קלאַס און אויך אין ארץ־ישׂראל האָב איך געקעמפט אין זײַנע רייען פאַר אַ בעסערער צוקונפט פון דעם אַנגעוויטיקטן ייִדישן פאָלק. איך האָב אויך געטראַכט וועגן מײַן ציוניסטישער אַקטיוויטעט

אין די לעצטע יאָרן און האָב זיך געפרעגט: ווי איז דאָס מעגלעך אַז אַ סיסטעם וואָס פּרעטענדירט צו קעמפן פאַר גערעכטיקייט זאָל גראָד קעגן אונדז ייִדן האַנדלען אַזוי אומגערעכט? אין מײַן יאוש האָב איך אַ רגע געטראַכט אַז דאָס איז די שולד פון אַ גרופּע מענטשן וואָס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט, ווײַל אויב דער גאַנצער סיסטעם איז אַזעלכער, זענען דאָך אַלע האָפענונגען פאַרלוירן.

דער וועכטער האָט ווידער איבערגעריסן מײַנע געדאַנקען. ער האָט מיר געהייסן אויפשטיין, זיך אַנטאָן און שטעלן בײַ דער וואַנט. דערנאָך האָט ער מיר ווידער פאַרבונדן די אויגן, מיך געפירט אין ליפט און פון דאָרט אין אַ צימער וווּ ער האָט פון דאָס נײַ געמאָלדן מײַן נומער. מען האָט מיר געהייסן שטיין. ווען מ׳האָט מיר אַראָפּגענומען די שמאַטע פון די אויגן האָב איך זיך דערזען אין אַ צימער מיט צוויי פענצטער, וואָס זענען געווען אָפּגעפאַרבט ווײַס, מען זאָל נישט קענען דורכזען אין דרויסן. אויף דער וואַנט איז געהאַנגען דאָס בילד פון פּרעזידענט גאָטוואַלד און דאָס בילד פונעם „גרויסן״ סטאַלין. גאָטוואַלד האָט אויסגעזען פאַרנעפּלט, ווי מיט גלעזערנע אויגן. אַגב האָט ער ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. סטאַלין ווידער, מיט די וואָנצעס און דעם איראָנישן בליק, האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט פון מיר חוזק געמאַכט.

גרויליקער פון אַלץ איז געווען די גרויסע לאָזונג אויף דער וואַנט, אָנגע־שריבן מיט רויטער פאַרב. עס זענען געווען די ווערטער פון דזשערזשינסקי, דער גרינדער פון דער סאָוועטישער געהיים־פּאָליציי, די טשעקאַ: „אָפענע אויגן, אַ קלאָרער מוח, אַ האַרט האַרץ און אײַזערנע הענט, וואָס זענען תּמיד גרייט צו דערלאַנגען דעם שונא אַ קלאַפּ״. איך בין אַן עדות אַז די טשעכישע געהיים־פּאָליציי האָט אַלץ געטאָן כּדי צו פאַרווירקלעכן די רייד פון דזשער־זשינסקי, דער פאָטער פון דער טומאה, פון טעראָר און פּײַניקן. זיי האָבן זיך באַדינט מיט אַלע אַכזריותדיקע מיטלען כּדי ראוי צו זײַן צו דעם טיטל: דזשערזשינסקיס תּלמידים.

די אויספאָרשערס האָבן געטראָגן דעם נאָמען „רעפערענטן״. דאָס זענען געווען פּרימיטיווע יונגען, וואָס האָבן, ווי עס ווײַזט אויס, דורכגעמאַכט אַ גיכן קורס, וווּ מען האָט זיי געלערנט ווי אַזוי זיך אויפצופירן מיט די פּאָליטישע געפאַנגענע. איך בין זיכער אַז דער רעפערענט האָט אַפילו נישט געוווּסט קיין פּרטים אין שײַכות דערמיט וואָס מען פּלאַנירט צו טאָן מיט דעם געפאַנגענעם וואָס ער פאַרהערט. פון צײַט צו צײַט האָט דער רעפערענט באַקומען פון זײַן קאָמענדאַנט אַ באַשטימטע שאלה, וואָס ער האָט געדאַרפט

אַזוי לאַנג פֿרעגן דעם געפֿאַנגענעם, ביז יענער וועט זיך איינברעכן און חתמענען אויף דעם ענטפֿער וואָס איז געוועגן צוגעגרייט.

איך צימער ווו מען האָט מיך אַריינגעבראַכט איז געשטאַנען אַ מין שרייב־טיש אויף וועלכן עס האָבן זיך געפֿונען בינטלעך מיט דאָקומענטן. קיין טעלעפֿאָן איז נישט געווען און די סיבה דערפֿון האָב איך ערשט פֿאַרשטאַנען שפּעטער: דער רעפֿערענט זאָל נישט דאַרפֿן זאָגן זיין נאָמען ביים טעלעפֿאָן, בעת ער פֿאַרהערט אַ געפֿאַנגענעם. אַלע יאָרן וואָס איך בין דאָרטן געזעסן האָב איך טאַקע נישט געוווּסט קיין איין נאָמען פֿון מיינע רעפֿערענטן.

קעגן איבער דעם טיש איז געווען מאָנטירט אַ ברעטל אין דער וואַנט וואָס האָט געדינט ווי אַ בענקל. אַז דער רעפֿערענט איז געווען אין אַ גוטער שטימונג האָט ער דערלויבט מען זאָל זיך אַוועקזעצן. אַחוץ דעם בענקל אויף וועלכן דער רעפֿערענט איז געזעסן זענען קיין אַנדערע בענקלעך נישט געווען, עס זאָל זיך נישט פֿאַרגלוסטן אַ געפֿאַנגענעם צו צעברעכן דאָס בענקל איבערן קאָפּ פֿון רעפֿערענט.

ביים טיש איז געזעסן אַ יונג מיט אַן איינגעפֿאַלן בלייך פּנים ווי ער וואָלט געליטן אויף טובערקולאָז. אויף זיין פּנים איז געווען קענטיק אַז ער האָט זיך שוין עטלעכע טעג נישט ראַזירט. די אויגן זענען געווען רויט־אָנגעצונדן פֿון נישט־שלאָפֿן. ער האָט אויף מיר געקוקט ווי אַ שלאַנג, איידער זי פֿאַר־שלינגט איר קרבן, דאָס קראַליקל. איך געדענק שוין נישט ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט. פּלוצעם איז ער אויפֿגעשטאַנען און גענומען שפּאַנען אַהין און צוריק איבערן צימער. ערשט איצט האָב איך באַמערקט אַז ער גייט אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן אַנצוג, אַן אָפּגעריבענעם, מיט ווייסע פּאַסן. די קנאַפּל פֿון זיינע ברוינע שיך זענען שוין געווען אָפּגעטראָטן. דער עיקר, ער האָט געטראָגן אַ בלוט־רויטן קראַוואַט.

דער רעפֿערענט האָט אויסגעזען ווי אַן אויספֿאָרשער פֿון דער אינקוויזיציע. דריי טעג און דריי נעכט האָב איך געליטן פֿון אָט דעם קאָמוניסטישן יעזויט שלעק און זידלערייען, ביז איך בין צוזאַמענגעבראָכן און ער האָט אויף מיר געשיט קאַלט וואַסער. סוף־כּל־סוף האָט מנצח געווען מיין עקשנות און מען האָט געביטן דעם רעפֿערענט.

איך בין געשטאַנען ווי צוגעקאָוועט צו דער וואַנט, בעת מיין רעפֿערענט האָט זיך געדרייט אַהין און צוריק און געהאַלטן אַ פֿאָרטראָג וועגן דער געשיכטע פֿון טשעכישן פֿאָלק און זיין אַנטוויקלונג ביז צו דער קאָמוניס־טישער מדינה. ער האָט דערציילט ווי דאָס פּשוטע פֿאָלק האָט תּמיד גע־קעמפֿט קעגן זיינע אונטערדריקערס און האָט באַצאָלט אַ טייערן פּרייז,

ביז עס איז סוף־כּל־סוף באַפרײַט געוואָרן. דאָס אַלץ האָט ער געזאָגט בקול־רם, אַז מ׳האָט געקענט הערן איבערן גאַנצן שטאָק.

עטלעכע מאָל האָב איך געהאַט חשק אים איבערצורײַסן און אים זאָגן אַז דאָס טשעכישע פאָלק האָט בעצם קיין מאָל נישט ערנסט געקעמפט קעגן זײַנע אונטערדריקערס און איז תּמיד געגאַנגען מיטן שטאַרקערן, אַחוץ אַ גאַנץ קורצע צײַט, אין יאָר 1420, ווען עס האָט געקעמפט קעגן דעם דײַטשן קייסער זיגמונד. דער טשעכישער פירער איז דעמאָלט געווען יאַן זשיזשקאָוו, אָבער די זעלבשטענדיקייט וואָס ער האָט דערוואָרבן האָט אָנגעהאַלטן נאָר אַ קורצע צײַט. וואָס פאַר אַ זינען האָט אָבער געהאַט צו דיסקוטירן מיט אַזאַ פּרימיטיוון יעזויִט?

בײַ יעדן קאַפּיטל פון דער געשיכטע האָט ער געוואָלט באַווײַזן אַז דאָס פּשוטע טשעכישע פאָלק איז געווען קעמפעריש און תּמיד גרייט אַוועקצוגעבן זײַן לעבן פאַר דער פרײַהייט, אָבער די ייִדישע קאַפּיטאַליסטן האָבן אַלץ געטאָן כּדי דאָס פאָלק צו פאַרשקלאַפן. אין איטלעכס מאָל ווען ער האָט גערעדט וועגן דער שולד פון די ייִדן, האָט ער מיך אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ און געקלאַפּט אין דער וואַנט: „ייִדישע פּיאַווקעס ווי דו האָבן תּמיד געזויגט דאָס בלוט פון אונדזער געליבטן טשעכישן פאָלק״.

„ייִדישע פּיאַווקע״ איז געווען אַ סאַלאָן־פּעיִקער אויסדרוק. בדרך־כּלל האָט ער זיך באַנוצט מיט די געמיינסטע באַליידיקונגען קעגן מיר און קעגן ייִדישן פאָלק. די ערשטע צוויי טעג האָב איך נאָך געפּרווּוט ענטפערן, כּדי אים צו באַווײַזן אַז ער איז נישט גערעכט, אָבער דערנאָך האָב איך באַשלאָסן אַז עס האָט קיין זינען נישט צו דיסקוטירן מיט אַ מענטש וואָס איז אַזוי אָנגעזאַפּט מיט שׂינאה קעגן ייִדן. איך האָב געשוויגן, נישט געענטפערט אויף קיין שום שאלה זײַנער. עס האָבן אים נישט געהאָלפן די עמערס קאַלט וואַסער וואָס ער האָט אויף מיר געגאָסן, איך בין פאַר אים געבליבן שטום.

דער יעזויִט האָט, ווײַזט אויס, יעדן טאָג געדאַרפט אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן זײַן אַרבעט און וועגן זײַנע הצלחות. היות ער האָט אָבער קיין הצלחות נישט געקענט באַווײַזן, האָבן זײַנע קאָמענדאַנטן מסתּמא באַשלאָסן אַז די שיטה פון שלאָגן, זידלען און באַליידיקן איז דאָ נישט פּאַסיק. מען האָט מיר געשיקט אַ צווייטן רעפערענט, וואָס האָט תּיכף געוואָלט מיך איבערצײַגן אַז ער איז אַ פרײַנד פון ייִדן. ער האָט אַרויפגערוקט זײַן העמד און מיר געוויזן די סימנים פון די שלעק וואָס ער האָט באַקומען פון די דײַטשע פאַשיסטן.

עס האָט געדויערט אַ גאַנץ יאָר ביז איך האָב זיך דערוווּסט וואָס פאַר אַ

ראַלע די געהיים־פּאָליציי האָט פּאָר מיר צוגעגרייט אין דער פּיעסע וואָס איז באַקאַנט אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „די פּראָצעסן פון פּראָג״.

אין משך פון דעם יאָר האָבן זיך אָפּט מאָל געביטן מײַנע רעפערענטן און איטלעכער האָט געפּרוּווט אַן אַנדער שיטה, איינער באַרבאַרישער, אַ צווייטער ווייניקער אַכזריותדיק. אָבער אין סך־הכּל קען איך זאָגן אַז זיי זענען אַלע געווען פּרימיטיווע מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין השגה פון יוסטיץ און האָבן אַפילו נישט געוווּסט ווי אויסצולייגן אַ פרעמדוואָרט. זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ קורס ווי מען דאַרף באַהאַנדלען די שונאים פון דער קאָמוניסטישער מדינה און אַ סך מאָל האָט איינער געוואָלט איבערשטײַגן דעם צווייטן אין גראָבקייט און אכזריות.

איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין חודש האָט מען מיך געשלעפּט צו דעם אייבערשטן קאָמענדאַנט פון רוזין. ער איז געזעסן אין אַ גרויס שיין צימער, גוט מעבלירט, מיט טעפּעכער אויפן דיל. הינטער זײַן גרויסן שרײַבטיש איז געהאָנגען אַ ריזיק בילד פון סטאַלין און דערלעבן אַן אײַזערנע קאַסע, וווּ עס זענען ווײַזט אויס געלעגן פאַרשלאָסן אַלע סודות פון דעם גאַנצן שפּיאָן־פאַבריק אין רוזין. דער קאָמענדאַנט, מיטן ראַנג פון אַ גענעראַל, איז געווען אַ מענטש אין די פופציקער, אין אַ פײַנעם מיליטערישן מונדיר מיט פאַרשיידענע אויסצייכענונגען. מען פלעג מיך תּמיד פירן צו אים אין מיטן נאַכט, דערפאַר גלייב איך אַז ער איז גאָר געווען אַ רוס. די טשעכן אַרבעטן נישט, בדרך־כּלל בײַ נאַכט. אַחוץ דעם איז ער געווען דער איינ־ציקער וואָס האָט גערעדט עטלעכע שפּראַכן. גלײַך בײַם ערשטן מאָל האָט ער מיר געהייסן זיך אַוועקזעצן אין אַ לעדערנעם שטול און האָט מיר געזאָגט אַז ער האָט נישט בדעה צו שרײַבן קיין פּראָטאָקאָל. ער וויל מיט מיר פירן אַ פרײַען שמועס; ער וועט מיך פרעגן עטלעכע שאלות און איך זאָל אים פרײַ ענטפערן. אויף אַזאַ אופן האָט ער געוואָלט געוווּיר ווערן פּרטים וועגן יידן, וועגן ישראל און ציוניזם. ווי איך האָב שפּעטער געזען, האָט ער גאָרנישט געוווּסט וועגן די דאָזיקע פּראָבלעמען, וואָס אים איז אויסגעקומען איצט צו באַהאַנדלען. איך און מײַן פרײַנד מ. א. מיט וועמען ער האָט דורכגעפירט די נאַכטישע דיסקוסיעס, זענען געווען זײַנע לערערס. פון אונדז האָט ער זיך דערוווּסט וועגן דער געשיכטע פון ציוניזם און וועגן דער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

אין מײַנע פריִערדיקע ביכער, ווו איך באַשרײַב בפּרוטרוט די פּראָצעסן פון פּראָג, רוף איך אָן דעם אייבערשטן קאָמענדאַנט „דער הויפּטרעזשיסאָר״. איך בין טאַקע איבערצײַגט אַז אַלע פּאָליטישע פּראָצעסן, בעיקר פון סלאַנ־

סקי און זײַנע חברים, האָבן זיך געפירט לויט זײַנע אָנווײַזונגען. בעצם האָט עס מיר איין מאָל אַליין געזאָגט: „דאָ, אין דעם בנין בין איך דער איינ־ציקער וואָס באַשליסט ווער עס זאָל הענגען אויף אַ שטריק און ווער נישט".

מער ווי צוויי יאָר האָב איך פאַרבראַכט אין גיהנום פון רוזין און אין משך פון אָט דער צײַט בין איך אַ סך נעכט אָפּגעזעסן אין דעם ביורא פון דעם הויפּטרעזשיסאָר. נישט איין מאָל האָט מיך געקלעמט בײַם האַרץ ווען איך האָב געהערט זײַנע מיינונגען וועגן ייִדן. נישט איין מאָל האָבן מיר פּשוט ווי געטאָן זײַנע צינישע באַמערקונגען. פון דעסטוועגן איז דאָס געווען די איינציקע צײַט ווען איך האָב געקענט קומען צו זיך, ווײַל אין ביורא איז געווען וואַרעם און איך האָב זיך געמעגט אָנידערזעצן.

איך קען עד־היום נישט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ מענטש, וואָס האָט אַוודאי באַקומען אַ מאָדערנע דערציִונג, וואָס איז געווען באַהאַוונט אין פאַרשיידענע פּראָבלעמען, האָט געקענט האָבן אַזאַ שווידערלעכע מיינונג וועגן ייִדישן פאָלק בכלל און וועגן ציוניזם בפרט. „מיינונג" איז אפשר נישט דאָס ריכ־טיקע וואָרט, ווײַל איבער אַ מיינונג קען מען דיסקוטירן און אַ מיינונג קען מען בײַטן. איך וואָלט בעסער געזאָגט „איבערצײַגונג". ער איז געווען דורך און דורך איבערצײַגט אַז מיר ייִדן באַהערשן די וועלט, אָדער לכל־הפחות ווילן זי באַהערשן.

איך האָב דעם אײַנדרוק אַז אי דער גענעראַל אי די רעפערענטן מײַנע האָבן זייער תורה וועגן ייִדישן פאָלק גענומען פון די „זיקני ציון". דאָס דאָזיקע בוך איז פאַר זיי געווען הייליק ווי „דער קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס. לויט זייער איבערצײַגונג האָבן זיך די פירנדיקע ייִדישע קעפּ באַטייליקט אין דער רעוואָלוציע נאָר דערפאַר ווײַל זיי האָבן געהאָפט אויף אַזאַ אופן צו באַהערשן די וועלט. ווי באַלד זיי האָבן אָבער געזען די אמתע רעוואָלוציע, ווי לענין און סטאַלין האָבן זי אַנטפּלעקט פאַרן פאָלק, האָבן זיי, די ייִדן, אַלץ געטאָן כדי צו פאַרראַטן די רעוואָלוציע פון רוסלאַנד.

איך וויל דאָ ברענגען אַ ציטאַט פון דעם הויפּטרעזשיסאָר, כדי צו באַווײַזן ווי ציניש עס האָט געקענט זײַן דער מענטש וואָס אין זײַנע הענט איז געלעגן דער גורל פון טויזנטער קרבנות. ס'איז נאַטירלעך אַז צווישן מענטשן וואָס באַגעגענען זיך אָפט און דיסקוטירן איבער פאַרשיידענע פּראָבלעמען שאַפט זיך אַ באַשטימטער קאָנטאַקט. אַזוי איז אויך פאָרגעקומען אין מײַן פאַל. פאַרשטייט זיך אַז פאַר מיר איז ער תמיד געבליבן דער הויפּטרעזשיסאָר און איך האָב זיך קיין מאָל נישט דערוווסט זײַן נאָמען. פאַר אים אָבער בין איך מיט דער צײַט געוואָרן שמעון און נישט סתם

נומער 2392, ווי בײַם אָנהייב. איין מאָל האָט זיך מיר פאַרגלוסט אים צו פרעגן פשוט און פּראָסט צי ער גלייבט טאַקע אַז איך בין אַ שפּיאָן. „אָ, ניין — האָט ער זיך צעלאַכט — איך האָב אַפילו קיין איין רגע נישט געגלייבט אין דעם. אין דער אײַזערנער קאַסע איז פאַראַן דײַן טעקע מיט דײַן ביאָ־גראַפיע, און זי איז באמת ריין. אָבער אין די לעצטע יאָרן האָסטו זיך פאַר־נומען מיט פּאָליטיק, מיט ציוניסטישער פּאָליטיק, און דו פּאַסט זיך אַרײַן אין דעם פּאָליטישן פּראָצעס וואָס מיר גרייטן קעגן ציוניסטן וואָס זענען אַרײַנגעדרונגען אין אונדזער פּאַרטיי. דערפאַר מוזסטו באַצאָלן דעם פּרײַז. אין פּאָליטיק איך בדרך־כלל נישטאָ קיין רחמנות און מיר גלייבן, ווי דו ווייסט מסתמא, אַז דער ציל הייליקט די מיטלען".

איך משך פון די נאַכטסעסיעס האָט ער מיך אויסגעפרעגט אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות צו ייִדן, אָנגעהויבן פון אַברהם אָבינו ביז צו בן־גוריון, דער דעמאָלטיקער פּרעמיער פון מדינת־ישראל. אויף יעדער זאַך האָט ער צו מאָרגנס געהאַט אַן אייגענעם פּירוש, וואָס פלעגט מיך אַרויסברענגען פון די כּלים. איך האָב זיך אַפילו דערוועגט אים דאָס צו זאָגן.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם צוזאַמענשטויס וואָס איך האָב מיט אים געהאַט אין דער פראַגע פון אונדזערע פּאַראַשוטיסטן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן קיין אייראָפּע, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. כּדי אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די גערודפטע ייִדן אין די באַזעצטע לענדער. דאָס איינציקע אָרט ווו די פּאַראַשוטיסטן האָבן זיך געקענט מער־ווייניקער זיכער אַראָפּלאָזן איז געווען יוגאָסלאַוויע, ווײַל דער גרעסטער טייל פון לאַנד איז געווען אין די הענט פון טיטאָס פּאַרטיזאַנער. פון דאָרט האָבן זיך די פּאַראַשוטיסטן געקענט אַוועקלאָזן קיין אונגאַרן, רומעניע און דער טשע־כאָסלאָוואַקײַ. אויף זײַן שאלה פאַר וואָס זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט דווקא אין יוגאָסלאַוויע, האָב איך אים דערקלערט די אמתע סיבה.

די סצענע איז געווען ווי אין קאַפקאַס אַ בוך: דער אויסגעפרעסענער, גוט־געקליידטער גענעראַל גייט אַרום דעם שרײַבטיש, דאָס צימער איז שטאַרק באַלויכטן און מען הערט נישט זײַנע טריט, מחמת די ווייכע טע־פּעכער. נאָך אים לויפט אַן אויסגעמאָגערטער, פאַרהונגערטער פאַרשוין, אָנגעטאָן אין אַ מין פּיזשאַמע, אין לײַוונטענע שיך, נישט ראַזירט זיבן וואָכן. ביידע שרײַען און איינער וויל איבערשרײַען דעם צווייטן. ער טענהט: „ווי קענסטו, שמעון, דערציילן אַזעלכע ליגנס און מיינען אַז איך וועל דיר גלייבן? אײַערע פּאַראַשוטיסטן זענען נישט געקומען ראַטעווען ייִדן, די אַמעריקאַנער און ענגלענדער האָבן זיי געשיקט קיין יוגאָסלאַוויע, כּדי צו־

צוגרייטן, אין איינעם מיט דעם פֿאַרברעכער טיטאָ, דעם פֿאַרראַט קעגן דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד, וואָס איז אים טאַקע סוף־כּל־סוף געראָטן". איך, דער גערודפֿטער ייִד, בייזער זיך און פֿאָדער פֿון דעם גענעראַל ער זאָל האָבן דרך־ארץ פֿאַר די קרבנות, מענטשן וואָס איך האָב פּערזענלעך געקענט, ווי חביבה רייק, חנה סענעש און אַנדערע, וואָס האָבן געגעבן זייער לעבן אין דער מלחמה קעגן דעם דײַטשן פֿאַשיזם.

פּלוצעם האָט דער גענעראַל אויפֿגעכאַפּט די לעכערלעכע סיטואַציע, אָדער ער האָט פֿאַרשטאַנען אַז ער איז געגאַנגען צו ווײַט מיט זײַנע באַליידי־קונגען. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, גענומען קלאַפּן מיט דער פֿויסט אין טיש און שרײַען: „וואָס קומט דאָ פֿאָר, ווער איז דאָ דער קאָמענדאַנט און ווער איז דער געפֿאַנגענער? שטיי אויף אַ פּלאַץ און איך זאָל נישט הערן קיין וואָרט!".

ער האָט אַ קוועטש געטאָן אויף אַ קנאָפּ און ס'איז געקומען דער וועכטער וועלכער האָט מיך צוריקגעפֿירט אין מײַן קאַמער. איך בין געווען זיכער אַז דאָס איז געווען מײַן לעצט באַגעגעניש מיט דעם הויפּטרעזשיסאָר. איך האָב אָבער געהאַט אַ טעות. נאָך עטלעכע טעג בין איך ווידער געווען אין זײַן ביוראָ, ווײַל ער האָט מיך נאָך נישט געהאַט אין גאַנצן אויסגעמעלקט. וועגן יענער נאַכט אָבער, ווען מיר זענען ביידע געגאַנגען אַרום דעם שרײַבטיש, האָט ער נישט מער דערמאָנט. אויך נישט וועגן אונדזערע פֿאַראַ־שוטיסטן.

די טעג וואָס האָבן מיך אײַנגעבראָכן

נאָך צען חדשים פֿון אַכזריותדיקע, אומאויפֿהערלעכע אויספֿאָרשונגען, בײַ טאָג און בײַ נאַכט, זענען אָפּגעשטאָרבן געוואָרן מײַנע חושים און איך האָב אויפֿגעהערט נאַטירלעך צו רעאַגירן. איך האָב געפֿילט אַז אויב דאָס וועט נאָך לאַנג געדויערן וועל איך אַראָפּ פֿון זינען. דאָס האָב איך בשום־אופֿן נישט געוואָלט. איך האָב באַשלאָסן צו חתמענען אַלע פּראָטאָקאָלן וואָס די רעפֿערענטן גרייטן מיר צו, זיך מודה זײַן אַז איך בין געווען אַ שפּיאָן און אַפֿילו פֿאַרמישפּט ווערן צום טויט, אַבי אַרויס פֿון אָט די ווילדע חיות, די רעפֿערענטן, וואָס צאַפּן בײַ מיר טאָג־טעגלעך דאָס בלוט.

אין די פּראָטאָקאָלן זענען געווען נישט געשטויגענע מעשׂיות, ווי אַזוי איך האָב שפּיאָנירט פֿאַר מדינת־ישׂראל און געבראַכט שאָדן דער טשעכישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פֿון דעסטוועגן האָב איך געחתמעט איטלעכס בלאַט מיטן טיטל: „פּראָטאָקאָל פֿון אָנגעקלאָגטן שמעון אָרנשטיין".

איין מאָל האָט מען מיר דערלאַנגט אַ בלאַט אויף וועלכן עס איז געשטאַנען: „פּראָטאָקאָל פון דעם עדות שמעון אָרנשטיין". ווען איך האָב איבערגעלייענט דעם פּראָטאָקאָל איז מיר שוואַרץ געוואָרן פאַר די אויגן און איך האָב אָנגעהויבן צו ציטערן. איך האָב געקוקט אויף מײַן רעפערענט, ווי איינער רעדט: וואָס זאָל דאָס באַדײַטן? ערשט נעכטן בין איך געווען אַ באַשולדיקטער און הײַנט בין איך אַן עדות?

מײַן רעפערענט האָט מיר קאַלטבלוטיק דערקלערט אַז אין אַ חודש אַרום וועט פאָרקומען דער פּראָצעס קעגן סלאַנסקי און זײַנע חברים און איך וועל אויפן פּראָצעס אַרויסטרעטן ווי אַן עדות און אויסזאָגן פּינקטלעך ווי עס שטייט געשריבן אין פּראָטאָקאָל וואָס איך וועל חתמענען. איך האָב געענטפערט דעם רעפערענט, אַז איך וועל אויף דעם פּראָטאָקאָל נישט חתמענען, ווײַל אַלץ וואָס דאָרט שטייט איז ליגן. איטלעכער ווייס אַז סלאַנסקי און זײַנע חברים זענען קיין מאָל נישט געווען קיין ציוניסטן. פאַרקערט, זיי האָבן אַ גאַנץ לעבן געקעמפט קעגן ציוניזם. דער פאַקט וואָס איך בין גרייט אויף זיך אַליין צו זאָגן אַז איך בין געווען אַ שפּיאָן, וואָס דאָס איז אויך נישט אמת, מיינט נישט אַז איך בין גרייט צו זײַן אַ פאַלשער עדות קעגן פרעמדע מענטשן.

דרײַ טעג און דרײַ נעכט האָבן דרײַ רעפערענטן מיך געפּרוווט איבערצײַגן אַז אַן אָרנטלעכער מענטש בכלל און איינער וואָס האַלט זיך פאַר אַ סאָציאַליסט בפרט איז מחויב צו העלפן דער געהיים־פּאָליציי צו ליקווידירן די שונאים פון דער רעוואָלוציע. אַחוץ דעם האָבן זיי געטענהט, אַז איך בין נישט דער איינציקער עדות, אַז עס זענען פאַראַן צענדליקער ווי איך, און אַלע איך איינעם באַשטעטיקן נאָר דאָס וואָס די אָנגעקלאָגטע גופא האָבן אָנערקענט.

איך ווייס נישט פון וואַנען איך האָב גענומען דעם כּוח צו זאָגן ניין. בכל־אופן האָב איך מײַנע רעפערענטן קלאָר געזאָגט אַז איך וועל נישט חתמענען און איך וועל נישט אויפטרעטן ווי אַ פאַלשער עדות. איך בין גרייט זיך אַליין צו באַשולדיקן אין וואָס זיי ווילן, כּדי פון זיי פּטור צו ווערן, אָבער איך בין נישט מסכּים צו באַשולדיקן פרעמדע אומשולדיקע מענטשן.

די רעפערענטן האָבן מיך געשיקט אויף אַ וואָך צײַט אין קאַרצער, ווו ס'איז געווען ענג און פינצטער און איך האָב קוים געקענט אויסשטרעקן די פיס. איך קען הײַנט נישט באַשרײַבן וואָס איך האָב זיך אין יענער וואָך אָנגעליטן. אַחוץ הונגער, קעלט און שלאָפלאָזיקייט, האָב איך געהאַט דאָס געפיל אַז איך האָב אַן אײַזערנע קייט אַרום מײַן האַלדז און מיט יעדער

רגע ווערט זי אַלץ ענגער פֿאַרצויגן, אַזוי אַז איך וועל באַלד דערשטיקט ווערן.

אַ וואָך איז פֿאַרגאַנגען און עס איז נישט געשען קיין נס. מײַן האַרץ האָט נישט געפּלאַצט פֿון פּײַן. דערנאָך זענען געקומען וועכטערס, האָבן מיר פֿאַרבונדן די אויגן און מיך געשלעפּט אַזוי לאַנג ביז איך האָב געפֿילט לויטן טעפּעך אַז איך געפֿין זיך אין ביוראָ פֿון הויפּטרעזשיסאָר. ווען מען האָט מיר אַראָפּגענומען די שמאַטע, האָב איך דערזען דעם גענעראַל בכבודו ובעצמו. ער האָט מיר אַפֿילו נישט געהייסן זיצן. ער האָט מיך נאָר געפֿרעגט וואָס איך האָב באַשלאָסן אין שײַכות מיט דער עדותשאַפֿט וואָס איך דאַרף אָפּגעבן. איך האָב אויך אים דערקלערט אַז איך בין גרייט אַלץ צו טאָן וואָס שייך מײַן פּערזאָן, אָבער איך קען נישט באַשולדיקן פֿרעמדע מענטשן.

דער הויפּטרעזשיסאָר האָט געשפּילט דעם באַליידיקטן. ער האָט מיר געזאָגט אַז זײַן געדולד איז צו ענד. ער פֿאָדערט פֿון מיר אָפֿיציעל איך זאָל אויפֿטרעטן ווי אַן עדות, ווײַל איך בין פֿאַר אים ווי אַ מתנה פֿון גאָט. איך האָב יאָרן געאַרבעט אין דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע און איך האָב פּערזענלעך געקענט כּמעט אַלע אָנגעקלאָגטע. דערפֿאַר איז די ראָלע פֿאַר מיר צוגעפּאַסט און ער וועט אויף מיר נישט מוותּר זײַן.

ער האָט מיר נאָך אַ מאָל געגעבן צו פֿאַרשטיין אַז עס האַנדלט זיך אין אַ פּאָליטישן פּראָצעס און דאָ זענען נישט פֿאַראַנען קיין סענטימענטן. ס׳איז קלאָר אַז איך בין פֿאַרוויקלט און מוז באַצאָלן דעם פּרײַז. פֿאַרשטייט זיך אַז איך האָב אַ ברירה: געהאַנגען צו ווערן ווי אַ שפּיאָן, אָדער צו בלײַבן לעבן און נאָך זען אַ מאָל מײַן משפּחה. אויב איך וועל נישט טאָן וואָס ער פֿאָדערט פֿון מיר, וועט ער מיך מצרף זײַן צו דער סלאַנסקי־גרופּע און דערמיט איז זיכער מײַן סוף. ווער עס וועט פֿאַרן אין זעלביקן אויטאָ מיט סלאַנסקין — אויף דעם וואַרט די תּליה. אויב איך וועל אָבער מסכּים זײַן אויף דעם וואָס ער פֿאָדערט פֿון מיר, וואָס סלאַנסקי אַליין האָט אָנערקענט, איז מעגלעך אַז נאָכן פּראָצעס זאָל מען מיך אַרויסשיקן פֿון לאַנד און דערמיט פֿאַרענדיקן מײַן ענין.

ער האָט נאָך צוגעגעבן: איך זאָל נישט מײַנען אַז אויב איך וועל נישט וועלן זײַן אַ פֿאַלשער עדות וועט ער מיך לאָזן שטאַרבן ווי אַ נאַציאָנאַלער העלד וואָס האָט זײַן לעבן מקריב געווען פֿאַר מדינת־ישׂראל, כּדי מײַנע קינדער זאָלן קענען אויף מיר זײַן שטאָלץ. ער וועט זאָרגן דערפֿאַר איך זאָל פֿאַרמישפּט ווערן ווי אַ פּשוטער פֿאַרברעכער, וואָס האָט פֿאַר געלט שפּיאָנירט פֿאַר פֿאַרשיידענע לענדער, אַזוי אַז מײַנע קינדער זאָלן אַ לעבן לאַנג

זיך אַרומטראָגן מיטן קין־צייכן, אַז זייער פאָטער איז געווען אַ שמוציקער מענטש. דערמיט האָט ער פאַרענדיקט זײַן דרשה און האָט מיר געגעבן דרײַ טעג צו באַשליסן, צי איך וויל לעבן אָדער שטאַרבן. מען וועט מיך צוריקפירן אין מײַן קאַמער און דרײַ טעג וועט מיך קיינער נישט שטערן, איך זאָל קענען מאַכן אַ חשבון־הנפש, באַשליסן וועגן מײַן גורל.

איך בין געלעגן אַליין אין מײַן קאַמער און מײַנע יסורים לאָזן זיך נישט באַשרײַבן. די ברירה איז געווען קלאָר און שאַרף ווי אַ חלף. איך האָב פאַרשטאַנען אַז סלאַנסקי און זײַנע חברים האָבן אַלץ אָנערקענט און זיך אין אַלץ מודה געווען, וואָס מען האָט פון זיי געפאָדערט. די שאלה איז נאָר צי איך דאַרף העלפן צו דעם דאָזיקן בלוט־בילבול. פון אַ צווייטער זײַט איז די שאלה צי איך דאַרף מקריב זײַן מײַן לעבן. איך האָב קיין ספק נישט געהאַט אַז דער הויפּטרעזשיסאָר וועט האַלטן וואָרט און וועט מיך ליקווידירן ווי אַ פּשוטן פאַרברעכער.

דרײַ טעג און דרײַ נעכט האָט מען מיך נישט געטשעפּעט, נישט געשלעפּט צו די רעפּערענטן. איך האָב געהאַט צײַט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל צו באַטראַכטן די באַגריפן פון גערעכטיקייט פון דעם קאָמוניסטישן רעזשים. איך בין אַרומגעגאַנגען אין מײַן קליינער קאַמער און האָב גערעדט צו די ווענט, זיי דערציילט מײַנע צרות און קיין ענטפער נישט געקראָגן. זיי זענען געבליבן שטום און איך האָב מיר נישט געקענט געבן קיין עצה. איך האָב געהאַט דאָס געפיל פון אַ פאַרווונדיקטער חיה פון וועלכער עס טריפט דאָס בלוט און קיינער העלפט נישט.

עס זענען געווען רגעס אין וועלכע איך האָב געגלייבט אַז עס וועט געשען אַ נס. אין דער לעצטער מינוט וועט קומען די הילף, עס וועט זיך געפינען ערגעץ אַ מיושבער מענטש, וואָס וועט נעמען אין האַנט דאָס צויבער־שטעקעלע און מאַכן אַ סוף צו די שווידערלעכע מעשים פון דער געהיים־פּאָליציי. באַלד האָב איך אָבער ווידער געזען די רעאַליטעט, אַז עס איז אין ערגעץ נישט פאַראַן אַזאַ כּוח וואָס זאָל מיר העלפן. איך האָב נישט צו טאָן מיט מעשים פון אַן אַמאָק־לויפער, וואָס צעשטערט אַלץ וואָס עס קומט אים אין וועג. די געהיים־פּאָליציי געהערט צו אַ סיסטעם, וואָס גלייבט אַז דער ציל היילִיקט די מיטל. דער עיקר איז דער ציל — מעג דער וועג זײַן באַגאָסן מיט אומשולדיק בלוט.

איך בין איינער אַליין, פאַרלאָזט, שוואַך און צעבראָכן. וואָס קען איך טאָן איינער אַליין, ווען מיליאָנען פרײַע מענטשן, וואָס געפינען זיך נישט הינטער תּפיסה־מויערן, שווײַגן און רירן נישט מיט אַ פינגער. אַ סך פון זיי באַרעכ־

טיקן נאָך די מעשׂים פון דעם קאָמוניסטישן רעזשים און וואַרפן די שולד אויף די אומגליקלעכע קרבנות.

איך האָב נישט געספּקט אַז דער הויפּטרעזשיסאָר וועט מיך לאָזן באַגראָבן אַ קבורת־חמור. אין אָנהייב וועלן אפשר מײַנע פרײַנד נישט גלייבן אין די באַשולדיקונגען, אָבער מיט דער צײַט, ווען מײַן קול וועט זיך נישט הערן, וועט מען אָנהייבן צו טראַכטן: אפשר איז ער פאַרט געווען שולדיק? דערנאָך וועלן קומען אַנדערע און וועלן זאָגן: אַוודאי, ער איז געווען אַ פאַרקויפטע נשמה... פאַר געלט... און וואָס וועט זײַן מיט מײַן משפּחה, מיט מײַנע קינדער?

אין דמיון האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַז אָט גרעאָט מיר אַרויסצושיקן אַ קורצע ידיעה פאַר מײַן משפּחה: „זײַט וויסן, איך בין קיין מאָל קיין שפּיאָן נישט געווען. מען האָט מיך געצוווּנגען זיך אַליין צו באַשולדיקן און צו באַשולדיקן פרעמדע, אומשולדיקע קרבנות". מײַן משפּחה באַקומט די ידיעה און אַלע ווערן געוווירר אַז איך בין געפאַלן אַ קרבן פאַרן אמת.

די פאַנטאַזיע ענדיקט זיך אָבער אין גיכן. די מויערן אַרום מיר זענען שטום און גאָרנישט קען דורך זיי אַדורכדרינגען. איך שרײַ אין אַ מידבר פון שקרים און אַרום מיר דרייען זיך די כּהנים פון שקר און לאַכן אָפּ פון געוועכטיקייט.

אין דרײַ טעג אַרום, ווען מען האָט מיך געבראַכט צו דעם הויפּטרעזשיסאָר, האָב איך דערקלערט אַז איך בין גרייט צו זאָגן עדות ווי ער האָט פון מיר געפאָדערט. איך האָב אָבער צוגעגעבן, אַז אויב איינער פון די אָנגעקלאָגטע וועט אויפשטיין און דערקלערן אַז מײַן עדותשאַפט איז פאַלש, וועל איך אים געבן געוועכט. אין שטילן האָב איך געהאָפט אַז דאָס קען טאַקע געשען. דער הויפּטרעזשיסאָר האָט זיך אָבער צעלאַכט בײַ מײַנע ווערטער און מיך פאַרזיכערט אַז אַזאַ זאַך קען בשום־אופן נישט פאַסירן.

יט

די פֿאַרשטעלונג

אָנגעהויבן פֿון אָקטאָבער 1952 בין איך פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַקטיאָר וואָס לערנט אויף אויסנווייניק זײַן ראָלע. די רעפֿערענטן האָבן מיך אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען ווי אַ טײַערן אוצר. זיי האָבן נישט געשריִען אויף מיר און האָבן מיך נישט באַליידיקט. מען האָט מיך אַפֿילו יעדן טאָג געפֿירט שפּאַצירן אין אַ געשלאָסענעם הויף. טאָג פֿאַר טאָג זענען מיט מיר געזעסן עטלעכע רעפֿערענטן וואָס האָבן כּלומרשט פֿאַרגעשטעלט דאָס גע־ריכט און זיי האָבן מיר געשטעלט שאלות אויף וועלכע איך האָב געדאַרפֿט ענטפֿערן געטרײַ לויטן פּראָטאָקאָל, חלילה נישט פֿאַרגעסן קיין פּינטעלע.

ביזן פֿיר און צוואַנציקסטן נאָוועמבער 1952 האָב איך געקענט מײַן ראָלע אויף אויסנווייניק, פֿון אָנהייב צום סוף און פֿון סוף צום אָנהייב.

אין דער פֿרי, פֿאַרן פּראָצעס, האָט מען מיך אָפּראַזירט, אָפּגעוואַשן און מיר געגעבן אָנצוטאָן איינעם פֿון מײַנע בעסטע אָנצוגן, וואָס זענען געלעגן אין די מאַגאַזינען פֿון דער געהיים־פּאָליציי. אַ ריין העמד און, פֿאַרשטייט זיך, אַ זײַדענעם קראַוואַט. אַזוי אויסגעפּוצט ווי אַ דזשענטלמען, האָט מען מיר פֿאַרבונדן די אויגן און מיך אַרײַנגעשטעלט אין אַן אויטאָ. איך זאָג „אַרײַנגעשטעלט‟, ווײַל אין קאַסטן פֿון אויטאָ זענען געווען קליינע אָפּטייד־לונגען אין וועלכע מען האָט נאָר געקענט שטיין. אַזוי האָט מען מיך געפֿירט קיין פּאַנקראַץ, וווּ די גרויסע סלאַנסקי־פֿאַרשטעלונג איז שוין זינט אַ וואָך, טאָג פֿאַר טאָג, געווען אין פֿולן גאַנג.

די געהיים־פּאָליציי האָט מיך געבראַכט ביז צו דער טיר פֿון זאַל וווּ ס׳איז פֿאָרגעקומען דער פּראָצעס. מען האָט מיר אויפֿגעבונדן די אויגן און מיך ממש אַרײַנגעשטופּט אין זאַל. פּלוצעם בין איך געשטאַנען אַליין. איך האָב דערהערט אַ קול: „דער עדות שמעון אָרנשטיין ווערט פֿאַרבעטן!‟

עס האָבן מיך געבלענדט שטאַרקע עלעקטרישע לאָמפּן אַז איך האָב כּמעט

גאַרנישט געזען און האָב זיך נישט גערירט פון אָרט. איך האָב געפילט אַ פּאָר הענט וואָס פירן מיך אַרויף אויפן פּאָדיום, קעגן איבער דעם טיש פון די ריכטערס.

אויף דער בינע, ביי אַ לאַנגן טיש, זענען געזעסן עטלעכע מענטשן, צווישן זיי אַ גענעראַל, ווייל אויך דער אָנגעקלאָגטער רייצין איז געווען אַ גענעראַל. רעכטס זענען געזעסן די פּלומרשטע פּאַרטיידיקערס און לינקס — די אָנקלאָ־גערס. לעבן זיי — אַלע הויכע אָפיצירן פון דער געהיים־פּאָליציי, צווישן זיי דער גענעראַל, דער קאָמענדאַנט פון רוזין, דער הויפּטרעזשיסאָר פון דער גאַנצער פאָרשטעלונג.

אין זאַל, אין די ערשטע צוויי רייען, זענען געזעסן די באַשולדיקטע, אַלע אין גוטע ציווילע קליידער, יעדער איינער צווישן צוויי פּאָליציאַנטן. אַחוץ דעם איז דער זאַל געווען פול מיט מענטשן. אַ טייל זענען זיכער געווען געהיים־פּאָליציאַנטן אין ציוויל און אַ טייל — אַרבעטער, קאָמוניסטן, וואָס מען האָט געבראַכט פון גאַנצן לאַנד. פון צייט צו צייט האָבן זיי אין כאָר געשריגן: „הענגען די פאַררעטער!״, ווי גלייך ס׳איז נייטיק געווען אויפצו־מונטערן די ריכטערס, זיי זאָלן קיין רחמנות נישט האָבן אויף די אָנגע־קלאָגטע.

איך געדענק נישט ווי לאַנג ס׳האָט געדויערט מיין עדות־זאָגן. איך געדענק אָבער אַז דער געריכט־פּאָליציאַנט, וואָס האָט מסתמא באַמערקט אַז איך האַלט זיך קוים אויף די פיס, האָט מיר צוגערופן אַז איך מעג זיך אָנלעבנען אין דעם פּולט פאַר וועלכן כ׳בין געשטאַנען. ער האָט ווייזט אויס מורא געהאַט אַז איך וועל צוזאַמענברעכן.

ווען איך האָב פאַרענדיקט מיין עדותשאַפט, האָט דער פּאָרזיצער אויפ־גערופן יעדן איינעם פון די באַשולדיקטע ביים נאָמען און געפרעגט צי אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט איז אמת. איך האָב אין האַרצן געבעטן צו גאָט אַז איינער זאָל אויפשטיין און זאָל זאָגן אַז דער עדות איז אַ ליגנער. דאָס איז אָבער צום באַדויערן נישט געשען. יעדער איינער איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און האָט באַשטעטיקט מיינע ווערטער.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן סלאַנסקיס ענטפער. ער איז געווען דער ערשטער ווען מען האָט אויפגערופן. „אַלץ איז פּינקטלעך!״ — האָט ער געזאָגט און נאָך אים האָבן אַלע איבערגעחזרט דאָס זעלביקע. דאָקטאָר פישל, אַ באַקאַנטער יידישער אַנטיסעמיט, האָט ווייזט אויס געוואָלט חנפענען די ריכטערס און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן אַז איך האָב נאָר דער־ציילט אַ טייל פון דעם וואָס זיי, די אָנגעקלאָגטע, האָבן געטאָן פאַרן ציוניזם.

דער פּרעזידענט האָט זיך אָבער אויף אים אויסגעשריִען און אים געזאָגט אַז מען פֿאָדערט פֿון אים צו זאָגן יאָ, אָדער ניין, און נישט האַלטן קיין דרשות.

דער הויפּטרעזשיסאָר איז געווען גערעכט. קיינער האָט נישט געפּרוווט אַפּליקענען מײַן עדותשאַפֿט. איך וויל נאָך זאָגן, אַז צום סוף, ווען איך האָב געזען די באַשולדיקטע אויפשטיין, איינער נאָכן צווייטן, ווי שאָטנס, ווען איך האָב געזען וואָס עס איז געוואָרן פֿון די וואָס האָבן ערשט נעכטן געהערשט איבערן לאַנד — האָב איך אויף זיי רחמנות געהאַט, הגם אַ טייל פֿון זיי האָט אונדז נישט ווייניק געשטערט אין אונדזער ציוניסטישער אַרבעט און נישט זעלטן געוואָרפֿן שטיינער אויף אונדז. איך האָב אויף זיי רחמנות געהאַט ווײַל זיי זענען ייִדן וואָס האָבן נישט געקענט אַנטרינען פֿון זייער גורל.

גאַנצע צוויי טעג נאָך מײַן עדותשאַפֿט האָט מען מיך נישט געטשעפּעט. איך האָב שוין אָנגעהויבן צו גלייבן אַז אָט קומט אַ סוף צו מײַנע צרות. דערנאָך האָב איך אָבער באַקומען אַזעלכע קעסט, אַז איך האָב מיר גיך אַרויסגעשלאָגן די חלומות פֿון קאָפּ.

די ערשטע בשורה וואָס די רעפֿערענטן האָבן מיר אָנגעזאָגט איז געווען אַז סלאַנסקי און זײַנע חברים זענען שוין אויף יענער־וועלט. מען האָט זיי געהאַנגען באַלד נאָכן פּראָצעס, כּדי זיי זאָלן נישט בעטן גנאָד בײַם פּרע־זידענט פֿון דער רעפּובליק, זייער פֿריִערדיקער חבר גאָטוואַלד, ווי די געהיים־פּאָליציי האָט זיי צוגעזאָגט.

אַ יאָר צײַט בין איך נאָך געבליבן אין די הענט פֿון די רעפֿערענטן אין רוזין, וואָס האָבן מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין וואָס עס באַדײַט סאָציאַליסטישע גערעכטיקייט קעגן די קלאַסנפֿײַנד. און אַ קלאַסנפֿײַנד בין איך געווען פּשוט דערפֿאַר ווײַל איך בין אַ ייִד, וואָס איז פֿאַר זיי געווען דער אַנטיקריסט און דער אַנטיקאָמוניסט.

די געהיים־פּאָליציי פֿלעגט באַקומען אין משך פֿון יאָרן אַ גענויע רשימה פֿון דעם פּאַרטיע אין אונדזער אַמבאַסאַדע, וואָס שייך די מענטשן וואָס זענען צו אונדז אַרײַנגעקומען. איצט האָט מען אַרויסגענומען די דאָזיקע רשימה און מיך אָנגעהויבן פֿלאָגן איך זאָל דערציילן וואָס די מענטשן האָבן בײַ אונדז געטאָן. פֿון איטלעכן האָבן זיי געוואָלט מאַכן אַ פֿאַררעטער און אַן אימפּעריאַליסטישן שפּיאָן, אַפֿילו עס איז געגאַנגען אין הויכע רעגירונגס־באַאַמטע, וואָס זענען געקומען אין דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע ווי אָפֿיציעלע געסט צו פֿאַרשיידענע אָקאַזיעס. איך האָב זיי אַלעמען געדאַרפֿט באַשולדיקן.

ווען די רעפערענטן האָבן מיר געוואָלט געבן אַ באַווײַז פון סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישער גערעכטיקייט, האָבן זיי מיר געזאָגט אַז דאָ ווערן נישט אַרעסטירט מענטשן וואָס ס׳איז נאָר פאַראַן אויף זיי אַ חשד, ווי עס פירט זיך אין דער קאַפּיטאַליסטישער יוסטיץ, נײַערט מענטשן וועגן וועלכע די געהיים־פּאָליציי ווייס שוין אַלץ און האָט אויף אַלץ באַווײַזן. אויב אַזוי, האָב איך געפרעגט, צוליב וואָס דאַרף מען פּלאָגן די מענטשן און זיי האַלטן אין איינצלקאַמערן. מען קען זיי דאָך תּיכּף שטעלן פאַרן געריכט, פאַר־מישפּטן און אַוועקשיקן אין אַן אַרבעטס־לאַגער. דערויף האָט מען מיר געענטפערט, אַז מען איז נישט פאַראינטערעסירט די מענטשן צו באַשטראָפן, נײַערט צו פאַרבעסערן, און דער פאַקט אַליין וואָס דער אָנגעקלאָגטער דער־ציילט וואָס ער האָט געטאָן איז שוין אַ סימן אַז ער געפינט זיך אויף דעם ריכטיקן וועג...

אין חודש אויגוסט 1953 בין איך שוין געווען אין אַזאַ מצב, אַז איך האָב אויף גאָרנישט מער רעאַגירט. דער דאָקטער פון רוזין האָט ווײַזט אויס געטענהט אַז מען דאַרף מיך אַרויסלאָזן פון רוזין. פּלוצעם האָט מיר מײַן רעפערענט אַ זאָג געטאָן: „אָרנשטיין, איך גלייב אַז ס׳איז צײַט דיך צו שטעלן פאַרן געריכט. דו ביסט קראַנק און דאַרפסט אַ ריכטיקע באַהאַנדלונג, וואָס דו קענסט דאָ נישט באַקומען".

באַלד נאָך דעם האָבן זיך עטלעכע רעפערענטן מיט מיר אָורעקגעזעצט, כּדי צוצוגרייטן דעם פּראָטאָקאָל פאַרן פּראָצעס. אין פּראָטאָקאָל איז געווען אַלץ וואָס די רעפערענטן האָבן געוואָלט: פאַרראַט, סאַבאָטאַזש, אַ פּרוּוו איבערצוקערן די קאָמוניסטישע רעגירונג און דעם קאָמוניסטישן רעזשים און אַזוי ווײַטער. אין תּוך איז געגנוג געווען איינע פון די דאָזיקע באַשול־דיקונגען, כּדי געהאַנגען צו ווערן, נאָר פון דעסטוועגן האָב איך אַלץ גע־חתמעט, נאָר כּדי פּטור צו ווערן פון רוזין. ערגער פון רוזין קען שוין נישט זײַן.

מען האָט מיר ווידער אָנגעטאָן אַן אָנצוג מיט אַ קראַוואַט און מיך געפירט אין אַן אויטאָ מיט קעמערלעך קיין פּאַנקראַץ צום מישפּט. אין אַ קלענער קאַמער, ווו ס׳איז נאָר געווען אַ מאַטראַץ אויפן דיל, האָב איך געוואַרט מײַן פּראָצעס זאָל זיך אָנהייבן.

איין מאָל איז אַרײַנגעקומען אין מײַן קאַמער אַ ציווילער פּאַרשוין, וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי מײַן אַדוואָקאַט. ווען איך האָב אים געוואָלט אויפקלערן מײַן סיטואַציע און אים בעטן מען זאָל ברענגען ווי עדות די מענטשן פון דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע, האָט ער מיר קורץ געענטפערט, אַז ער

דאַרף קיין שום אויפקלערונגען, ווײַל ער קען גוט מײַן פאַל. וואָס שייך דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע, האָט ער געטענהט, אַז זיי ווילן נישט קומען ווי עדות, ווײַל זיי ווילן נישט צו טאָן האָבן מיט קיין שפּיאָנען. ער האָט מיר נאָך געזאָגט אַז אויב איך וועל אים וועלן עפּעס זאָגן בעת דעם פּראָצעס, זאָל איך אים מודיע זײַן דורכן פּאָליציאַנט וואָס זיצט לעבן מיר.

דאָס איז געווען דער גאַנצע שמועס מיט מײַן קאָמוניסטישן אַדוואָקאַט. דערנאָך האָט מען מיך אַרײַנגעפירט אין גרויסן זאַל, וואָס איז געווען פול מיט געהיים־פּאָליציאַנטן און סתּם קאָמוניסטן, וואָס האָבן געדאַרפט דער־מוטיקן די ריכטערס, זיי זאָלן אויף מיר נישט רחמנות האָבן. די גרעסטע איבעררעשונג איז געווען פאַר מיר, וואָס אין זאַל זענען נאָך געזעסן צוועלף אָנגעקלאָגטע, צווישן פּאָליציאַנטן, און האָבן געוואַרט דער פּראָצעס זאָל זיך אָנהייבן. אַ חלק האָב איך געקענט, ווי אָנפירערס פון פאַרשיידענע ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציעס, און אַ חלק האָב איך געזען צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן. היות דער גרעסטער טייל פון די אָנגעקלאָגטע האָט געשטאַמט פון דער סלאָוואַקײַ, זענען אויך דער ריכטער און דער פּראָקוראָר געווען סלאָ־וואַקן, וואָס האָבן בדרך־כּלל נישט ליב קיין ייִדן.

דרײַ טעג האָט געדויערט דער פּראָצעס. אין משך פון אָט דער צײַט האָבן דרײַ יונגע סלאָוואַקן, וואָס האָבן געשפּילט די ראָלע פון די באַשולדיקערס, אונדז פאַרגאָסן מיט זייער אַנטיסעמיטישן סם און איינער האָט געפּרוווט איבערשטײַגן דעם צווייטן. קיינער פון די כּלומרשטע אַדוואָקאַטן, אָדער פון די ריכטערס האָט נישט געעפנט דאָס מויל, כּדי צו זאָגן אַז אַזעלכע ווערטער דאַרפן נישט געהערט ווערן אין אַ געריכט.

איך בין געזעסן פּלעגמאַטיש צווישן די צוויי פּאָליציאַנטן און האָב זיך צוגעהערט. עס האָט מיך נישט געאַרט דער סם מיט וועלכן די באַשולדיקערס האָבן מיך באַגאָסן. עס האָט מיר אָבער וויי געטאָן וואָס מענטשן וואָס זיצן מיט מיר אויף איין באַנק באַשמוצן מיך און באַשולדיקן מיך אין די צרות וואָס האָבן זיי געטראָפן, הגם איך האָב מיט זיי קיין מאָל קיין משׂא־ומתּן נישט געהאַט און האָב אַ טייל פון זיי אַפילו נישט געקענט.

עס האָט מיך אויך שטאַרק פאַרדראָסן דער אַרויסטריט פון מײַן אַדוואָקאַט. ער האָט געזאָגט: „לויט די פאַרברעכנס וואָס מײַן קליענט שמעון אָרנשטיין איז באַגאַנגען, פאַרדינט ער נישט נאָר איין מאָל טויטשטראָף, ווי דער באַשולדיקער האָט געפאָדערט, נײַערט עטלעכע מאָל, אויב דאָס וואָלט פּראַק־טיש מעגלעך געווען. אָבער אַזוי ווי אונדזער סאָציאַליסטישע יוסטיץ איז נישט פאַראינטערעסירט צו ליקווידירן מענטשן וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט,

נאָר זיי צו פאַרבעסערן, און אַזוי ווי דער אָנגעקלאָגטער שמעון אָרנשטיין איז געבוירן געוואָרן און דערצויגן געוואָרן אין אַ רעאַקציאָנערער קאַפּי־טאַליסטישער סביבה — מיין איך אַז ס'איז כּדאַי אים צו באַשטראָפן מיט לעבנס־לאַנגער תּפיסה און אַזוי אַרום אים געבן אַ מעגלעכקייט גוט צו מאַכן זײַנע פאַרברעכנס". ווי געפעלט אײַך אַזאַ פאַרטיידיקונג פון אַ מענטש וואָס איך האָב אים אין גאַנצן געזען צען מינוט אין מײַן לעבן?!

פאַר מיר איז אָבער געווען וויכטיק אַרויסצוקומען פון רוזין און דערפאַר האָב איך פאַרביסן די ליפּן און האָב געשוויגן. אַזוי האָבן אויסגעזען אויך די פאַרטיידיקונגס־דרשות אין שײַכות מיט די אַנדערע געפאַנגענע. פון דעסטוועגן האָט דער באַשולדיקער צום סוף געפאָדערט פאַר מיר טויט־שטראָף, ווײַל איך בין כּלומרשט געווען דער פירער פון דער גאַנצער גרופּע. נישט מער און נישט ווייניקער!

כּדי די פאַרשטעלונג זאָל זײַן פּערפעקט — האָבן די ריכטערס זיך צוריק־געצויגן, כּדי זיך צו באַראָטן, ווי גלײַך זיי האָבן נישט געוווּסט דעם פּסק־דין, לויטן באַפעל פון דער געהיים־פּאָליציי. בעת דער באַראָטונג האָט מען מיך אַרײַנגעפירט אין דער קאַמער לעבן געריכטזאַל און איך בין פאַר מיד־קייט אַנידערגעפאַלן אויף דעם מאַטראַץ. מײַנע מחשבות זענען געווען בײַ מײַן משפּחה. איך האָב גערעדט צו מײַנע קינדער און זיי געבעטן מיט טרערן אין די אויגן זיי זאָלן נישט גלייבן אַז איך בין געווען אַ שפּיאָן און אַ פאַרברעכער. איך האָב בכלל נישט געהערט ווען די טיר האָט זיך געעפנט. איך האָב נאָר פּלוצעם דערפילט אַ האַנט וואָס רירט מיך אָן און דערהערט אַ קול וואָס רעדט צו מיר. ווען איך האָב געעפנט די אויגן האָב איך דערזען לעבן מיר אויפן מאַטראַץ דעם הויפּטרעזשיסאָר, דעם גענעראַל בכבודו ובעצמו. ער האָט צו מיר געזאָגט: „וואָס איז מיט דיר, שמעון, האָסט פאַרלוירן דעם קאָפּ? וואָס ווייניסטו? אויב דאָס איז צוליב די רייד פון פּראָקוראָר, ווייל איך דו זאָלסט וויסן, אַז נישט ער און נישט די ריכטערס באַשליסן ווענען מען זאָל הענגען. איך בין דער איינציקער וואָס באַשליסט. און איך וויל דו זאָלסט וויסן אַז דיך וועט מען נישט הענגען".

איך האָב אים אָנגעקוקט מיט פאַרווייינטע אויגן און ער האָט ווײַזט אויס פאַרשטאַנען אַז איך גלייב אים נישט קיין וואָרט. ער האָט ממשיך געווען און געזאָגט: „שמעון, קיין אַנדער וועג איז נישט געווען. דאָס איז פּאָליטיק און פּאָליטיק איז אַכזריותדיק. דו האָסט באַצאָלט אַ שווערן פּרײַז, אָבער איך וויל דו זאָלסט מיר גלייבן אויף מײַן קאָמוניסטיש ערנוואָרט, אַז דו וועסט נאָך זײַן אין איינעם מיט דײַן משפּחה". דערנאָך איז ער אַרויס פון

מײַן קאַמער ווי אַן אַקטיאָר, נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיקט זײַן עפּילאָג אויף דער בינע.

און אַזוי איז טאַקע געשען. מיך האָט מען פאַרמישפּט אויף לעבנס־לאַנג און די איבעריקע קאָלעגן מײַנע פון דער באַשולדיקונגס־באַנק — אויף צוואַנציק יאָר תּפיסה. מען האָט מיך איבערגעלאָזט אין דער תּפיסה פון פּאַנקראַץ און נישט מער צוריקגעשיקט קיין רוזין. איך האָב זיך געדאַרפט שטעלן פאַר אַ מעדיצינישער קאָמיסיע, וועלכע זאָל באַשטימען מײַן געזונט־צושטאַנד און לויט זייער באַשלוס זאָל איך געשיקט ווערן אין אַן אַרבעטס־לאַגער. נאָך צוויי יאָר אין אַן איינצל־קאַמער, האָט מען מיך אין פּאַנקראַץ צום ערשטן מאָל אַרײַנגעזעצט אין אַ קאַמער מיט נאָך פערצן פאַרמישפּטע אויף לעבנס־לאַנג. אונדזער אָפּטיילונג איז געווען קעגן איבער די קאַמערן וווּ עס זענען געזעסן די פאַרמישפּטע צום טויט און אָפט געוואַרט דאָרטן חדשים אויף דער תּליה.

אין דער פעסטונג מיראָוו

נאָך צוויי יאָר אין רוזין האָב איך געוויגן אַכט און פערציק קילאָ און בין בכלל געווען אַ צעבראָכענע כּלי. דערפאַר האָט מיך די מעדיצינישע קאָמיסיע נישט געשיקט אַרבעטן אין די קוילנשאַכטן, נאָר מיך געשיקט קיין מיראָוו, אין דער פעסטונג. דאָס איז געווען אַן אָפּגעשלאָסענע תּפיסה מיט איבער טויזנט געפאַנגענע, וואָס זענען פאַרמישפּט געוואָרן פון צוואַנציק יאָר ביז לעבנס־לאַנג.

מיראָוו געפינט זיך אין מערן, נישט ווײַט פון דעם באַרימטן הייליקן גרעפענבערג, וואָס איז אַ שם־דבר פאַר נערוון־קראַנקע. מען זאָגט אַז מיראָוו ליגט אין אַן אויסערגעוויינטלעך שיינער געגנט, אָבער איך ווייס גאָרנישט דערפון, ווײַל קיין מיראָוו און, מיט אַ יאָר שפּעטער, פון מיראָוו — האָט מען מיך געפירט אין אַ פאַרמאַכטן אויטאָ, אַזוי אַז איך האָב גאָרנישט געזען.

מיראָוו איז אויפגעבויט געוואָרן אין פופצנטן יאָרהונדערט און איז געווען אַ קלויסטער פאַר קאַטוילישע מאָנאַשקעס, וואָס האָבן געוואָלט לעבן אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט. דערפאַר זענען די ווענט געווען לכל־הפּחות אַ מעטער די ברייט און אַחוץ דעם זענען געווען אויסגעבויט אַרום און אַרום צוויי דאָפּעלע הויכע מויערן.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און ס'איז אויפגעקומען די טשעכישע רעפּובליק, איז מיראָוו פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תּפיסה פאַר דײַטשע פאַשיסטן, וואָס זענען פאַרמישפּט געוואָרן דורכן טשע־

כישן געריכט. נאָך 1948, נאָך דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, איז מיראָוו ווידער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תּפֿיסה פֿאַר פּאָליטישע געפֿאַנגענע, בעיקר פֿאַר פֿאַרמישפּטע אויף לעבנס־לאַנג, וואָס דאַרפֿן נישט קומען אין קאָנטאַקט מיט דער אויסנוועלט. די ציווילע באַפֿעלקערונג פֿון דאָרף איז אַרויסגעשיקט געוואָרן און אויף איר אָרט האָבן זיך דאָרט באַזעצט אַגענטן פֿון דער געהיים־פּאָליציי מיט זייערע משפּחות.

ווען איך בין געקומען קיין מיראָוו זענען דאָרט געווען בערך הונדערט פֿופֿציק דײַטשע פֿאַשיסטן — אַ טייל פֿון דײַטשלאַנד ממש און אַ טייל פֿון סודעטן־געביט. צווישן זיי זענען געווען פֿיר באַרימטע דײַטשע גענעראַלן און דער רעשט — הויכע באַאַמטע אין היטלערס רעזשים. כּמעט אַלע זענען געווען פֿאַרמישפּט אויף לעבנס־לאַנג און דאָרטן געזעסן זינט 1945. ווײַטער איז דאָרט געווען אַ גרויסע גרופּע קאַטוילישע גלחים, אויך בערך הונדערט און פֿופֿציק. מען האָט זיי געבראַכט פֿון גאַנצן לאַנד. אויך זיי זענען געווען פֿאַרמישפּט אויף לעבנס־לאַנג און מען האָט זיי געהאַלטן אָפּגעזונדערט פֿון די אַנדערע געפֿאַנגענע, כּדי זיי זאָלן נישט קענען אויסניצן זייער רעליגיעזע השפּעה. זיי זענען געזעסן אין תּפֿיסה זינט 1948, תּיכּף נאָך דעם ווי די קאָמוניסטן זענען געוואָרן די בעלי־בתּים איבערן לאַנד. די דריטע גרופּע, כּמעט אין דער זעלביקער צאָל, איז באַשטאַנען פֿון קולאַקן, דהײַנו פּויערים וואָס האָבן נישט געוואָלט אַרײַנגיין אין די קאָלכאָזן. מען האָט זיי אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה, צוגענומען בײַ זיי דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן און פֿאַרטריבן די משפּחות. אויך זיי זענען געבראַכט געוואָרן נאָך דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע און זענען לרובֿ געווען פֿאַרמישפּט אויף צוואַנציק יאָר. די פֿערטע גרופּע, איבער צוויי הונדערט, זענען געווען אָנהענגערס פֿון דער קאַטוילישער אַקציע. זיי זענען געקומען פֿון אַלע שיכטן, פֿון דער טשעכײַ און פֿון דער סלאָוואַקײַ. ווען די קאָמוניסטן האָבן אָנגעהויבן צו אַרעסטירן די גלחים, איז אויפֿגעקומען אַ באַוועגונג פֿון גלויביקע, פֿון דער גאַנצער רעפּובליק, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַ רעליגיעזן ווידערשטאַנד קעגן דעם רעזשים. די געהיים־פּאָליציי האָט ברוטאַל רעאַגירט און האָט אַלעמען אַרעסטירט. זיי זענען פֿאַרמישפּט געוואָרן לכל־הפּחות אויף צוואַנציק יאָר. אַ טייל פֿון די פֿאַרמישפּטע האָבן געטענהט אַז די גאַנצע באַוועגונג איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע פֿון דער געהיים־פּאָליציי.

אין מיראָוו איז אויך געזעסן אַ גרופּע מענטשן, וואָס די געהיים־פּאָליציי האָט געכאַפּט בײַם פּרוּוון אַריבערשמוגלען די גרענעץ. די משפּחות האָבן אַפֿילו נישט געוווּסט צי זיי לעבן. צווישן זיי זענען געווען עטלעכע ערלעכע

גרענעץ־שמוגלערס און אַ צאָל מענטשן וואָס זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ פון עסטרײַך און פון דײַטשלאַנד. קיינער האָט נישט געוווּסט וועגן זייער עקסיסטענץ. אָט די גרופּע איז באַשטאַנען דער עיקר פון טשעכן, אָבער עס זענען אויך געווען צווישן זיי בירגערס פון אַנדערע לענדער.

אין מיראָוו זענען אויך געזעסן אַ סך פריִערדיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און מיטגלידער פון דער בענעש־פּאַרטיי, וואָס די געהיים־פּאָליציי האָט אַרעסטירט און פאַרמישפּט תּיכּף נאָך דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע. די נײַע מאַכטהאָבערס האָבן מורא געהאַט אַז זיי וועלן זיך אַנטקעגנשטעלן דער ליקווידאַציע פון זייערע פּאַרטייען און וועלן נישט מסכּים זײַן אַרײַנ־צוגיין אין דער איינהייטלעכער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די לעצטע גרויסע גרופּע איז באַשטאַנען פון קאָמוניסטן, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן זינט 1950. צווישן זיי זענען געווען דרײַ גענעראַלן און פאַרשיידענע הויכע פּאַרטיי־פונקציאָנערן, וואָס האָבן זיך פריִער געפילט ווי קליינע דיקטאַטאָרס און פלוצעם זענען זיי אַרײַנגעפאַלן אין תּפיסה. כּמעט אַלע זענען פאַרמישפּט געוואָרן אויף לעבנס־לאַנג, נאָר פון דעסטוועגן האָבן זיי אַלעמען דערציילט אַז זיי זענען אומשולדיק און באַטראַכטן זיך פאַר גוטע, איבערגעגעבענע קאָמוניסטן. צווישן זיי זענען אויך געווען עט־לעכע ייִדן.

אין אָט דעם ערב־רב האָט מען מיך, איין־און־איינציקן ייִדן פון ישׂראל אַרײַנגעוואָרפן. איך האָב דאָרט געפירט אַ שווערן קאַמף, כּדי אָפּצוהיטן דעם כּבוד פון מײַן פאָלק און פון מײַן לאַנד און צום סוף בין איך געוואָרן אַ פאַרטרויונגס־מענטש פון מײַנע אומגליקלעכע קאָלעגעס.

ווען מען האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין אַ קאַמער מיט נאָך פופצן געפאַנגענע האָבן אַלע דערקלערט אַז זיי ווילן נישט זיצן אין איינעם מיט אַ ייִד. די סיבה בין איך ערשט געוויר געוואָרן שפּעטער. די ייִדישע געפאַנגענע, וואָס זענען אַלע פריִער געווען פירנדיקע קאָמוניסטישע פערזענלעכקייטן, האָבן אַלץ וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין דער קאַמער איבערגעגעבן די קאָמענדאַנטן פון דער תּפיסה, כּדי אויף אַזאַ אופן אַרויסצווײַזן אַז זיי זענען גוטע קאָמוניסטן. אַזוי האָט מען, לכל־הפּחות געזאָגט. און דערפאַר האָט מען זיי פײַנט געהאַט.

ערשט ווען איך האָב דערציילט ווער איך בין און פון וואַנען איך קום און פאַר וואָס מען האָט מיך פאַרמישפּט אויף לעבנס־לאַנג, בין איך אין מײַן קאַמער און דערנאָך אין גאַנץ מיראָוו באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אייגע־

נער, און אַחוץ די ייִדישע קאָמוניסטן זענען אַלע געוואָרן מײַנע פרײַנד.
אין דער פעסטונג מיראָוו, מיט אירע איבער טויזנט געפאַנגענע, איז געווען פאַרטראָטן די גאַנצע טשעכישע עליטע, פון אַלע געזעלשאַפטלעכע שיכטן. מען האָט אין מיראָוו גרינג געקענט צונויפשטעלן אַ גאַנצע רעגירונג. מיר האָבן דאָרט געהאַט אַ פרײַערדיקן פרעמיער און פיר מיניסטאָרן. אויך אַ גענעראַל־שטאַב האָט מען געקענט צונויפשטעלן. וואָלט מען אונדז דערלויבט, וואָלטן מיר אין מיראָוו געקענט זייער גרינג אויסקלײַבן אויך אַ פויפּסט.
אײַנצואָרדענען אַן אוניווערסיטעט אין אַלע וויסנשאַפטלעכע שטחים איז באמת געווען אַ קלייניקייט. מיר האָבן געהאַט פּראָפעסאָרן פון מעדיצין, ביאָלאָגיע, כעמיע, פיזיק, געשיכטע, געאָלאָגיע, אַרכעאָלאָגיע, ליטעראַטור... צווישן די זעכצן מענטשן אין יעדער קאַמער זענען לכל־הפחות צען געווען אַקאַדעמיקערס, וואָס האָבן מיט גרויס פאַרגעניגן יעדן אָוונט, נאָך נײַן אַ זייגער, ווען מען האָט זיך געדאַרפט לייגן שלאָפן, געהאַלטן פאַרשיידענע לעקציעס. דאָס יאָר אין מיראָוו איז טאַקע פאַר מיר געווען אַן אוניווערסיטעט און ס'איז נאָר אַ שאָד וואָס מיר האָבן נישט געהאַט פּאַפּיר און פעדער, אַלץ צו פאַרנאָטירן. פאַר פּאַפּיר און פעדער האָבן די קאָמוניסטן מורא געהאַט ווי פאַר פײַער.
די אַרבעט אין מיראָוו איז געווען שווער, ווײַל מען האָט געדאַרפט דערפילן אַ נאָרמע. ווער עס האָט נישט דערפילט די אַרבעטס־נאָרמע, דעם האָט מען געקירצט די ראַציע פון עסן, וואָס איז אויך אַזוי געווען קליין און מאָגער.
הינטער די מויערן אין מיראָוו האָט מען שטענדיק געבויט, איבערגעבויט, צוגעבויט. דערפאַר האָט אַ חלק פון די געפאַנגענע געאַרבעט בײַ בויאַרבעט. אַחוץ דעם זענען געווען וואַרשטאַטן, וווּ די געפאַנגענע האָבן צונויפגע־שטעלט פאַרשיידענע כּלים און שטובזאַכן ווי שלעסער, אָפּצווענגען, האַ־מערס, שפּילקעס, נאָדלען און אַפילו בלעכענע קלאַמערס. די שווערסטע אַרבעט איז אָבער געווען פליקן פעדערן. מען האָט געאַרבעט אין געשלאָסענע צימערן, צו פערציק אין אַ שטוב, און די פעדערן האָבן געשטונקען. איך מיין אַז ווער עס האָט געטאָן די דאָזיקע אַרבעט אַ לענגערע צײַט, צו אַכט שעה אַ טאָג, האָט שפּעטער, ווען ער איז באַפרײַט געוואָרן, זיכער נישט מער געוואָלט שלאָפן אויף קיין קישנס געפילט מיט פעדערן.
איין זאַך קען איך דעם קאָמוניסטישן רעזשים נישט מוחל זײַן: וואָס אין אַלע אָפּטיילונגען און ביוראָס האָבן זיי געמאַכט די דײַטשע פאַשיסטן פאַר היטערס און פאַר בעלי־בתּים פון דער פעסטונג. דער הויפּטמאַכער אין מיראָוו איז געווען דאָקטאָר לײַטקאָפף, אַ דײַטש פון סודעטן־געביט, דער אַמאָליקער

סעקרעטאַר פון דעם באַרימטן סודעטן־פאַשיסט הענליין. לייטקאָפּף איז געווען אַ בלוטדאָרשטיקער הונט און האָט געהאַט די גרעסטע הנאה ווען ער האָט אָנגעטאָן צרות די טשעכישע פּאַטריאָטן און אינטעלעקטואַלן. בעיקר די וואָס זענען אין דער היטלער־צייט געווען פאַרמאַכט אין תפיסות ווי אַנטיפאַשיסטן. אין מיראָוו האָב איך באַגעגנט מענטשן וואָס זענען יאָרן־לאַנג געזעסן אין דייטשע תפיסות און זענען ערשט באַפרייט געוואָרן אין 1945, ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט. פּלוצעם האָט מען זיי אין 1948 ווידער אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין תפיסה ווי אַנטיקאָמוניסטן.

דער קאָמוניסטישער קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג און די איבעריקע וועכטערס פון דער געהיים־פּאָליציי האָבן געהאַט די גרעסטע הנאה ווען זיי האָבן געקענט אָנרייצן די דייטשע פאַשיסטן זיי זאָלן זיך אַ לאָז טאָן ווי ווילדע הינט אויף די טשעכישע געפאַנגענע, בעיקר אויף די פריערדיקע פּאַרטיי־חברים, וואָס מען האָט געוואָלט אויף שריט און טריט דערנידעריקן און באַליידיקן. די פאַשיסטן האָבן פאַרשטאַנען די כוונה און האָבן אַלץ פּינקטלעך אויסגעפירט, ווי פריער די באַפעלן פון היטלער.

אָפּט פלעג איך זאָגן מוסר מיינע אומגליקלעכע קאָלעגעס, וואָס זיי לאָזן זיך באַליידיקן פון פאַשיסטן אין זייער אייגן לאַנד, אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי. דער ענטפער זייערער האָט מיך אויפגעטרייסלט: „מיר האָבן נישט מער קיין כוח צו קעמפן, מיר זענען מיד" — האָבן זיי געטענהט. זיי זענען באמת געווען מיד און אַחוץ דעם האָט מען טאַקע געקענט אַריינפאַלן אין אַ ייאוש ווען מ'האָט זיך געפילט גערודפט פון די אייגענע פאָלקסברידער. טיפער באַטראַכט, איז דאָס אָבער אויך אַ כאַראַקטער־שטריך פונעם טשעכישן פאָלק, קענטיק אין זיין גאַנצער געשיכטע, זיך נישט אַנטקעגנצושטעלן און צו גיין מיטן שטראָם. דאָס האָט מען צום בעסטן געקענט זען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען זיי האָבן מסכים געווען צו זיין היטלערס אַ פּראָטעקטאָראַט, כמעט נישט געקעמפט קעגן אים און אַפילו אויסגעאַרבעט פאַר אים געווער. דערפאַר האָב איך זיי נישט געקענט מוחל זיין די אונטער־טעניקייט אין מיראָוו.

איך, דער איינציקער ייד פון ישראל, האָב אין אַ פּאָר טעג נאָך דעם ווי איך בין געקומען קיין מיראָוו, מיר פאַרשאַפט דרך־ארץ ביי די דייטשע פאַשיסטן, וואָס הונדערטער טשעכן האָבן נישט געקענט אויספירן. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז דאָקטאָר לייטקאָפּף געווען דער גאַנצע בעל־הבית אין מיראָוו. ער איז אויך געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן קליידער־מאַגאַזין און לויט די באַפעלן, האָט איטלעכער ניי־אָנגעקומענער געדאַרפט באַקומען

אַ מונדיר, אַ העל־ברוינעם, מיט שוואַרצע שנורן אַנשטאָט קנעפּ. אַזוי האָבן געטראָגן די פּאַרמישפּטע אויף לעבנס־לאַנג. איך בין נאָך געווען אַ גרינגער, און אַחוץ דעם בין איך געווען מיד און האָב זיך אַפילו נישט אָפּגע־געבן חשבון וואָס דאָס באַדײַט לעבנס־לאַנג. דער ערשטער וואָס האָט מיך אויפגענומען איז געווען דאָקטאָר לײַזקאָפּף. ער האָט אויסגעפילט אַ בויגן מיט מײַנע פּערזענלעכע דאַטעס. איך האָב נישט געוווסט אַז ער איז אַ דײַטשער פאַשיסט, אָבער ער האָט תיכּף געוווסט אַז איך בין אַ ייד. ער האָט מיר צוגעוואָרפן אַ מונדיר, וואָס איך האָב אים געדאַרפט אָנטאָן אין דער קאַמער און דעם אַנדערן טאָג צוריקברענגען מײַנע אַלטע קליידער. ווען איך האָב זיך געוואָלט אָנטאָן, האָב איך דערזען אַז די קליידער זענען אַזוי גרויס אַז עס גייען אין זיי אַרײַן צוויי ווי איך. אַחוץ דעם זענען זיי פול מיט לאַטעס פון פאַרשיידענע פאַרבן: רויט, גרין, בלוי. איך האָב אויסגעזען ממש ווי אַ צירקוס־קלאַון.

די קאָלעגעס אין קאַמער האָבן זיך צעלאַכט. זיי האָבן געלאַכט ווי דער פאַשיסט לײַטקאָפּף האָט זיך אין מיר נוקם געווען, ווײַל איך בין אַ ייד. זיי האָבן מיר דערציילט ווי ער איז זיך נוהג צו באַליידיקן די געפאַנגענע. איך האָב זיך אויפגעקאָכט, אָבער כ'האָב קיין ברירה נישט געהאַט. איך האָב געמוזט וואַרטן ביז דעם אַנדערן טאָג ווען מען וועט מיך ווידער פירן אין קליידער־מאַגאַזין.

צו מאָרגנס, אין קליידער־מאַגאַזין, אין בײַזײַן פון וועכטער, האָב איך געזאָגט לײַטקאָפּפן אַז אויב ער מיינט אַז ער וועט פון מיר קענען חוזק מאַכן ווײַל איך בין אַ ייד — האָט ער אַ גרויסן טעות. איך בין אַ ייד פון ישראל און איך פאָדער פון אים דרך־ארץ. איך האָב אים אויך געזאָגט אַז אויב ער גיט מיר נישט תיכּף אַ פּאַסיקן מונדיר, וועל איך בײַ דער ערשטער געלעגנהייט, ווי איך וועל נאָר לייגן די האַנט אויף אַ מעסער, אים דער־הרגענען און האָבן הנאה וואָס איך האָב אַוועקגעלייגט אַ דײַטשן פאַשיסט. מען קען מיר סײַ ווי גאָרנישט טאָן דערפאַר, ווײַל איך בין פאַרמישפּט אויף לעבנס־לאַנג.

דער וועכטער האָט זיך צוגעהערט און האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט. מסתמא איז אים אויך געפעלן וואָס עמעצער רעכנט זיך אָפּ מיט לײַטקאָפּפן, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן מאַכער. לײַטקאָפּף איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט און האָט מיר תיכּף געגעבן אַ פּאַסיקן מונדיר. ער פלעגט מיך אַפילו באַגריסן, ווען איך האָב אים באַגעגנט און אַזוי האָבן געטאָן אויך די אַנדערע דײַטשן.

די אָנפירונג פון דער תּפיסה האָט געגעבן פאַרשיידענע פּריווילעגיעס פאַר די דײַטשע פאַשיסטן און דערפאַר האָבן זיי גערן געמסרט די פּאָלי־טישע געפאַנגענע. אַ פּאָליטישער געפאַנגענער האָט, למשל, געקענט שיקן נאָר איין מאָל אין צוויי אָדער דרײַ חדשים אַ בריוו צו זײַן משפּחה, אין דער צײַט ווען די דײַטשע פאַשיסטן האָבן געמעגט שיקן כּמעט יעדע וואָך. מען האָט אויך דערלויבט זיי זאָלן באַקומען פּעקלעך מיט כּל־טוב פון דער היים, אַחוץ די פּעקלעך וואָס זיי האָבן באַקומען פון רויטן קרייץ. ווען איך זע דאָס נישט מיט אייגענע אויגן וואָלט איך קיין מאָל נישט געגלייבט אַז דאָס קען געשען אין אַ קאָמוניסטיש לאַנד, וואָס האָט געליטן פון דײַטשן פאַשיזם.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז אין מיראָוו געזעסן די עליטע פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ און יעדן אָוונט, ווען מען איז שוין געלעגן אויף די פּרי־טשעס, האָט מען געהערט אינטערעסאַנטע לעקציעס, אויף אַ הויכן ניוואָ. מיראָוו איז אָבער אויך געווען אַן אָרט ווו מענטשן האָבן שווער געאַרבעט כּדי נישט צו שטאַרבן פאַר הונגער. אָך און ווי צו דעם געפאַנגענעם, וואָס האָט נישט געקענט אויספילן זײַן אַרבעטס־נאָרמע! עס זענען געווען אין מיראָוו מענטשן אָן הענט, אָן פיס, פאַרקריפּלטע פון דער אַרבעט אין די אוראַניום־שאַכטן פון יואַכימאָוו אָדער אין די קוילנשאַכטן פון קלאַדנאָ. אין קאָמוניסטישן רעזשים איז דאָס אָבער נאָך נישט געווען קיין סיבה אַז מען זאָל די אומגליקלעכע מענטשן באַפרײַען. ס׳איז אויך געווען אַ שפּיטאָל אין מיראָוו, אָבער ווי צו די קראַנקע וואָס זענען אַהין אַרײַנגעפאַלן. דער דאָקטער איז געווען אַ ברוטאַלער סאַדיסט און האָט פּשוט חוזק געמאַכט פון די שווער קראַנקע מענטשן. אַ לאַנגע צײַט האָט דאָרט געאַרבעט ווי אַן אויסהילף, אַ געפאַנגענער, דער באַרימטער טשעכישער פּראָפעסאָר קאָך, וואָס איז געווען ווי אַ מלאך פאַר זײַנע אומגליקלעכע קאָלעגעס. ביז אײנער אַ מסור — פון די דײַטשע פאַשיסטן אָדער פון די קאָמוניסטישע געפאַנגענע — האָט דאָס דערציילט דעם קאָמענדאַנט און מען האָט דעם פּראָפעסאָר אַרויסגעוואָרפן פון שפּיטאָל און אים געשטעלט אַכט שעה אין טאָג ווינטער־צײַט שיילן קאַרטאָפל, כּדי עס זאָלן אים קאַליע ווערן זײַנע איידעלע הענט.

ווי צו דעם געפאַנגענעם וואָס האָט פאַרגעסן אַראָפּצונעמען דאָס היטל, ווען ער איז פאַרבײַגעגאַנגען לעבן אַ וועכטער! ער האָט געמוזט אַראָפּנעמען דאָס היטל אַפילו צוואַנציק מאָל אין טאָג, ווען ער איז פאַרבײַגעגאַנגען לעבן דעם זעלביקן וועכטער. ווי צו דעם געפאַנגענעם וואָס מען האָט בײַ אים געפונען אַ שטיקל בלײַער, אָדער וואָס מען האָט אים געכאַפּט בעת ער

טוט תפילה פאַרן שלאָפן גיין! אויף אַלץ איז געווען איין שטראָף: אַ וואָך קאַרצער, אויף ברויט מיט וואַסער.

צוויי מאָל און צו מאָל אויך דרײַ מאָל אין טאָג האָט מען אונדז געלאָזט שטיין נאַקעט אין דער ווינטערקעלט, לענג־אויס די קאָרידאָרן, בעת מען האָט געזוכט אין אונדזערע אָרעמע קליידער און אונדז באַטאַפּט אויף אַ ברוטאַלן אופן אין די אינטימסטע ערטער, ווי גלײַך מיר וואָלטן יעדן טאָג געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט דער אויסנוועלט און געקענט עפּעס אַרײַנשמוגלען. די אָנפירונג האָט גוט געוווּסט ווי אָפּגעשלאָסן מיר זענען פון דער וועלט. די אונטערזוכונגען האָבן נאָר געהאַט איין צוועק: די מענטשן צו דער־נידעריקן און באַליידיקן.

מיראָוו איז נישט געווען קיין אָפּרואַרט. דאָס איז געווען אַן אינדזל פון טרערן, וווּ טויזנטער מענטשן זענען באַהאַנדלט געוואָרן ווי ווערעם. און דאָס האָט דער קאָמוניסטישער רעזשים גערופן דערציִונג! יאָ, די מענטשן זענען דערצויגן געוואָרן פײַנט צו האָבן איינער דעם צווייטן, קיינעם נישט צו גלייבן און בפרט נישט דעם קאָמוניסטישן רעזשים.

אָנהייב אָקטאָבער 1954 האָט מען מיך אין אַ נאַכט אַרויסגענומען פון דער קאַמער, מיר געקאָוועט די הענט אין קייטן, מיך אַרײַנגעוואָרפן אין אַ פאַרמאַכטן אויטאָ און נאָך שעהען־לאַנגן פאָרן בין איך אָנגעקומען קיין פּראָג. ווען מען האָט מיך אַרײַנגעוואָרפן אין אַ קאַמער, האָב איך דערזען אַז איך בין ווידער אין רוזין, דאָרט וווּ איך האָב אָנגעהויבן מײַן קאַריערע, מיטן אונטערשייד אַז איצט בין איך געווען נומער 6789 און נישט 2392.

דעם אַכט און צוואַנציקסטן אָקטאָבער האָט מען מיך געשלעפּט איבער קאָרידאָרן מיט פאַרבונדענע אויגן און ווען איך האָב געפילט אַ טעפּעך אונטער די פיס, האָב איך פאַרשטאַנען אַז איך געפין זיך אין ביוראָ פון קאָמענדאַנט, פון הויפּטרעזשיסאָר, ווי איך פלעג אים רופן. וואָס עס איז דאָ פאָרגעקומען וויל איך איצט נישט איבערחזרן. ווער עס איז פאַראינטער־רעסירט קען געפינען אַלע פּרטים אין מײַן בוך „עלילה בפּראָג".

בקיצור: ער האָט מיר מודיע געווען אַז דאָס אייבערשטע געריכט האָט אַנולירט מײַן פּסק־דין און אויב איך וויל קען איך בלײַבן אין דער טשע־כאָסלאָוואַקײַ. זיי זענען גרייט אויך אַראָפּצוברענגען אַהער מײַן משפּחה. איך האָב זיך האַרציק באַדאַנקט און אים דערמאָנט זײַנע אייגענע ווערטער, אַז אַ ייִד קען קיין מאָל נישט זײַן קיין גוטער קאָמוניסט, ווײַל ער איז אַן איפּכא־מסתברא; ער קען קיין מאָל נישט זײַן פּאַרטייִיש דיסציפּלינירט. ער האָט מיך געוואָרנט אַז דער אינערן־מיניסטער אין ישראל, רוקח, איז

אַ פֿאַשיסט און ווי איך וועל נאָר אָנקומען וועט מען מיך אַרעסטירן. איך האָב אים באַרויִקט און אים געזאָגט אַז מיט רוקחן וועל איך שוין אַליין דורכקומען. אויב אַזוי, האָט ער געזאָגט, וועלן קומען צוויי ציווילע באַאַמטע פֿון אינערן־מיניסטעריום און מיך פֿירן אויפֿן רוזינער פֿליפֿלאַץ. דאָרט וועט מען מיך איבערגעבן אין די הענט פֿון דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע און איך וועל פֿליִען קיין ציריך, אין דער שווייץ.

וואָס איך האָב איבערגעלעבט ביז איך האָב זיך געזען אויפֿן פֿליפֿלאַץ, וויל איך אויך נישט מער איבערחזרן. איך וויל נאָר דערמאָנען, אַז דער הויפּטרעזשיסאָר האָט זיך נישט געשעמט, איז נישט רויט געוואָרן ווען ער האָט מיר געדריקט די האַנט און האָט מיר געזאָגט: „פֿאָר געזונט, שמעון, גריס דײַן משפּחה און דערקלער זיי אַז דאָס וואָס איז געשען האָט אַנדערש נישט געקענט זײַן. בכל־אופֿן האָב איך געהאַלטן וואָרט!” מער האָב איך אים נישט געזען.

אויפֿן וועג אַהיים

אין וואַרטזאַל פֿאַר חשובע מענטשן פֿון רוזינער פֿליפֿלאַץ, וווּאַהין מען האָט מיך געבראַכט נאָך אַלץ מיט פֿאַרבונדענע אויגן זענען געזעסן די צוויי ציווילע באַאַמטע פֿון אינערן־מיניסטעריום און עטלעכע אַגענטן פֿון דער געהיים־פּאָליציי. מיר האָבן געוואַרט אויפֿן דיפּלאָמאַטישן פֿאַרטרעטער פֿון ישׂראל. קדר, דער באַפֿולמעכטיקטער פֿון ישׂראל אין פּראָג, האָט געמוזט חתמענען אַז ער האָט מיך איבערגענומען אַ לעבעדיקן. דערנאָך האָט מען אים געגעבן מײַן פּאַס. קדר, מײַנער אַ גוטער באַקאַנטער, האָט מיך אַרומ־גענומען און איך האָב זיך אויסגעוויינט אין זײַנע אָרעמס. איך האָב דערפֿילט די וואַרעמקייט פֿון היימלאַנד און האָב נישט געקענט צוריקהאַלטן די טרערן. צען אַ זייגער בין איך אַרויף אויפֿן עראָפּלאַן און אַן אָנגעשטעלטער פֿון דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע האָט מיך באַגלייט ביז קיין רוים. פֿון מײַן באַגלייטער האָב איך זיך דערוווּסט אַז מײַן פֿרײַנד מרדכי אורן איז פֿאַר־מישפּט געוואָרן אויף צוועלף יאָר און ער געפֿינט זיך נאָך אין דער טשע־כאָסלאָוואַקײַ. ווען איך האָב דאָס דערהערט האָב איך תּיכּף געביטן מײַנע פּלענער און האָב באַשלאָסן נישט צו זאָגן אַ וואָרט פֿאַר דער פּרעסע אין דער וועלט, כּדי דאָס זאָל נישט פֿאַרשאַטן מײַן פֿרײַנד. אַזוי האָב איך געטאָן בעת דער גאַנצער נסיעה — אין ציריך, אין רוים און דערנאָך אין לוד, וווּ עס זענען אויף מיר אָנגעפֿאַלן די זשורנאַליסטן און געוואָלט וויסן וואָס אין פּראָג איז פֿאָרגעקומען, ווײַל איך בין געווען דער ערשטער באַפֿרײַטער

וואָס איז פאַרמישפּט געוואָרן אין פּראָצעס פון סלאַנסקי און זײַנע חברים. איך האָב זיך אָבער געהיט אַרויסצוזאָגן אַ שלעכט וואָרט. איך האָב געפילט ממש אַ פיזישן ווייטיק צוליב דעם וואָס איך קען נישט רעדן, ממש דער־שטיקט צו ווערן.

אין לוד האָבן מיך די זשורנאַליסטן אַזוי צוגעקוועטשט צו דער וואַנט אַז איך האָב זיי געמוזט געבן פשוט אַ נאַרישן ענטפער, כדי פון זיי פּטור צו ווערן. זיי האָבן מיך געפרעגט ווי אַזוי עס זענען אויס די טשעכישע תּפיסות און דערויף האָב איך זיי געענטפערט, אַז אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי זענען נישטאָ קיין תּפיסות, נאָר אַרבעטס־לאַגערן, וווּ מען לערנט אויס די מענטשן צו זײַן גוטע קאָמוניסטן. אַ לאַנגע צײַט דערנאָך האָב איך זיך געשעמט, ווײַל די קאָמוניסטישע צײַטונג אין ישׂראל האָט אויפגעכאַפּט מײַן ענטפער און אים אָפּגעדרוקט מיט גרויסע אותיות: אַפילו שמעון אָרנ־שטיין אָנערקענט אַז אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ זענען נישטאָ קיין תּפיסות!

איך בין נישט בכּוח נאָך אַ מאָל צו באַשרײַבן דאָס באַגעגעניש מיט אלישבען און מיט די קינדער. נאָך הײַנט פאַרקלעמט מיך בײַם האַרץ ווען איך טראַכט צו יענער גרויסער רגע ווען מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און געשווירן זיך קיין מאָל נישט מער צו צעטיילן.

דעם וועג פון וואַרטזאַל ביז צום אויטאָ בין איך געגאַנגען צווישן ייִדן, וואָס האָבן שעהען־לאַנג געוואַרט זיי זאָלן מיר קענען דריקן די האַנט און אָפּגעבן שלום. דעם גרעסטן טייל האָב איך בכלל נישט געקענט, און דאָס האָט נאָר מער פאַרשטאַרקט מײַן גלויבן, אַז ס'איז גוט צו זײַן אַ ייִד. איך בין אַרײַן אין אויטאָ אַ צעקוועטשטער פון אַרומנעמען זיך מיט ייִדן וואָס האָבן מיר אויף אַזאַ אופן געוואָלט זאָגן אַז אַלע יאָרן זענען זיי געווען מיט מיר, אַז נצח ישׂראל לא ישקר.

סוף־כּל־סוף בין איך אָנגעקומען קיין קרית־ביאַליק. איך האָב קוים באַוויזן אַרומצוכאַפּן מײַן מיזיניק, ווי עס האָבן אָנגעהויבן קומען מחנות ייִדן פון קרית ביאַליק און פון די שכנותדיקע קריות, כּדי מיך צו באַגריסן. עס זענען אויך געקומען די חברים פון כּפר מאַסאַריק און מען איז געזעסן אַ גאַנצע נאַכט בײַ געדעקטע טישן, געגעסן און געטרונקען לחיים. איך בין געווען גליקלעך און צו גלײַך טרויעריק, ווען איך האָב געטראַכט צו די וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין גיהנום.

צו מאָרגנס, ווען איך בין צו זיך געקומען, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן אין קיבוץ מיזרע, צו רעגאַ, די פרוי פון מרדכי אורן. איך האָב מיר פאָרגע־שטעלט ווי גרויס עס איז איר צער און דער צער פון אירע קינדער און איך

האָב זיי געוואָלט באַרויִקן. אַחוץ דעם האָב איך איר אויך געוואָלט געבן אַן עצה וועגן אַ בשותּפותדיקער אַקציע צו באַפרײַען מײַן פרײַנד.

רעגאַ וואַרשאַוויאַק האָב איך געקענט פון יאָר 1933, ווען זי איז מיט מרדכין געקומען אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, ווי שליחים פון „השומר הצעיר״ און פון דעמאָלט זענען מיר געבליבן גוטע חברים. איך האָב זי הויך געשאַצט פאַר אירע פעיִקייטן און פאַר איר קלוגשאַפט. זי איז פאַר מיר געווען דער טיפּ פון דער פרײַער פרוי אין דער ארץ־ישׂראלדיקער געזעלשאַפט.

איך האָב אָבער געמוזט אָפּלייגן מײַן נסיעה אין קיבוץ מיזרע, ווײַל ס׳איז מיך מיט אַ מאָל באַפאַלן אַזאַ מידקייט, אַז איך האָב נישט געקענט מאַכן קיין שום פיזישן אָנשטרענג. איך בין געווען צוזאַמענגעבראָכן און האָב געמוזט בלײַבן אין בעט. אַחוץ דעם האָבן מיר די זשורנאַליסטן נישט געגעבן קיין רו, זענען מיר אומעטום נאָכגעגאַנגען. איך האָב אָבער נישט געוואָלט מאַכן קיין שום דעקלאַראַציעס.

עס איז געקומען אַ חבר פון קיבוץ מיזרע און מיר געזאָגט אַז רעגאַ וויל אין אָוונט מיך באַזוכן, צי איך בין גרייט זי אויפצונעמען. איך בין געווען איבערצײַגט אַז זי וויל קומען אויף דער נאַכט, ווײַל זי וויל אויסמײַדן אַ זשורנאַליסטישע סענסאַציע. די אמתע סיבה האָב איך זיך ערשט שפּעטער דערוווּסט: זי האָט געוואָלט קומען ווען קיינער זעט נישט, מען זאָל זי נישט חושד זײַן אַז זי האָט מיט מיר עפּעס אַ פאַרבינדונג. איך האָב דאָס פריִער נישט געוווּסט און האָב אומגעדולדיק געוואַרט אויף איר באַזוך און געבעטן גאָט איך זאָל מצליח זײַן זי אַ ביסל צו באַרויִקן. זי איז געקומען שפּעט בײַ נאַכט. מיר זענען געזעסן שעהען־לאַנג — איך האָב דערציילט און זי האָט זיך צוגעהערט, מיך נישט איבערגעריסן. איך האָב איר דערציילט וועגן די סיבות וואָס האָבן גורם געווען אונדזערע אַרעסטן, וועגן די אויספאָרשונגען און וועגן דעם פאַר וואָס איך בין מסכּים געווען זיך צו באַשולדיקן אין אַזעלכע פאַרברעכנס ווי שפּיאָנאַזש, פאַרראַט און סאַבאָטאַזש, וואָס איך האָב קיין מאָל נישט באַגאַנגען. איך האָב איר אויך געזאָגט אַז מרדכי איז זיכער געווען אין דער זעלבער תּפיסה, אין רוזין, כאָטש איך האָב אים דאָרט קיין מאָל נישט געזען. אַ סך מאָל האָט מען מיר פאָרגעלייענט זײַנע פּראָטאָקאָלן און מיר געהייסן זיי באַשטעטיקן. איך האָב איר געזאָגט אַז איך בין זיכער אַז ער געפינט זיך אין דעם זעלבן מצב ווי איך. רעגאַ האָט מיך דערנאָך אויסגעפרעגט וועגן די תּפיסות אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, וועגן דער באַציִונג צו די געפאַנגענע און וועגן דער אַרבעט וואָס זיי זענען געצוווּנגען צו טאָן. זי האָט מיך געפרעגט ווי מען וווינט אין די תּפיסות,

ווי מען עסט און דער עיקר מיט וואָס פאַר אַ מענטשן מען קומט זיך צונויף.

איך האָב איר לאַנג דערציילט וועגן דער אוממענטשלעכער באַציִונג צו די געפאַנגענע און וועגן די פּריווילעגיעס וואָס עס באַקומען דײַטשע פאַ־שיסטן און בפרט דײַטשע גענעראַלן. איך האָב איר געשילדערט די אויפ־פירונג פון די וועכטערס לגבי די פּאָליטישע געפאַנגענע, די גרויסע אַרבעטס־נאָרמעס, דאָס שלעכטע עסן און די שווערע באַדינגונגען אין די קאַמערן. דאָס איינציקע וואָס פאַרגרינגערט אַ ביסל דאָס ביטערע לעבן — האָב איך איר געזאָגט — זענען די וווּנדערלעכע מענטשן מיט וועלכע מען באַגעגנט זיך, די זשורנאַליסטן, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים און באַרימטע פּראָפעסאָרן, וואָס זענען פאַרמישפּט אויף צענדליקער יאָרן און די טשעכישע תּפיסות זענען מיט זיי פול.

פּלוצעם איז רעגאַ אויפגעשפּרונגען, ווי עס וואָלט זי געביסן אַ שלאַנג און האָט מיר אַ זאָג געטאָן: „דו ווילסט איך זאָל דיר גלייבן אַז אין דער קאָמוניסטישער טשעכאָסלאָוואַקײַ זיצט די אינטעליגענץ אין תּפיסה?". איך האָט פּשוט פאַרלוירן דאָס לשון ווען איך האָב דערהערט אָט די שאלה.

איך געדענק נישט צי זי האָט מיר געגעבן די האַנט ווען זי איז אַרויס פון שטוב. איך האָב אַפילו נישט באַוויזן איר צו זאָגן וואָס פאַר אַן אָקציע איך האָב פאַרטראַכט כּדי צו באַפרײַען מרדכין.

צוויי טעג בין איך אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטער און האָב מיר קיין אָרט נישט געפונען. די גאַנצע צײַט האָב איך געזען רעגאַס פּנים, ווי זי ספּקט אין מײַנע ווערטער. איר פּנים איז געווען פאַרקרימט און האָט אויסגעדריקט שינאה קעגן מיר. איך האָב מער קיינעם נישט געוואָלט זען. עס פאַרדריסט מיך עד־היום וואָס איך האָב דעמאָלט אָנגעטאָן יסורים מײַן מישפּחה. מיט שווערער מי האָט אלישבע בײַ מיר אַרויסגעצויגן וואָס עס איז געשען בעת דער באַגעגעניש מיט רעגאַן.

אלישבע האָט פאַרשטאַנען אַז זי קען מיר נאָר העלפן דורך אַ שאָק און זי האָט מיר דערציילט אַלץ וואָס זי האָט זיך אָנגעליטן אין משך פון די דרײַ יאָר. ווי אַזוי דער „השומר הצעיר" און דער קיבוץ כּפר מאַסאַריק האָבן זיך צו איר באַצויגן. ווי אַזוי די זשורנאַליסטן זענען אויף איר אָנגע־פאַלן און האָבן ממש געהאַט הנאה מיך אָוועקצושטעלן פאַר דער וועלט ווי אַ שפּיאָן, ווי אַ גנב. זיי האָבן געבראַכט זייערע שקרים אָן רחמנות פאַר אונדזערע קינדער, וואָס האָבן זיך געשעמט אַרויסצוגיין אין גאַס. זי האָט מיר דערציילט ווי די כּלומרשטע פרײַנד האָבן זי פאַרלאָזט, ווי עלנט זי איז געווען אַלע יאָרן.

בײַם אָנהייב האָב איך פּשוט נישט געקענט פֿאַרשטיין: היתּכן? ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך בײַ אונדז אין ישׂראל? ווי אַזוי קען דער ייִשוב וואַרפֿן פֿאַר די וועלף אַ מענטשן וואָס געפֿינט זיך אין אַ צרה? נאָך מער האָט מיך פֿאַרדראָסן וואָס מענטשן וואָס האָבן מיך געקענט זינט יאָרן, וואָס איך האָב מיט זיי אין איינעם געאַרבעט, זענען פּשוט געשטאַנען בײַ דער זײַט און האָבן געשוויגן.

אין דער רגע ווען איך האָב באַנומען די טרויעריקע ווירקלעכקייט, האָב איך באַשלאָסן, הגם איך האָב נישט די שטיצע פֿון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, צו קעמפֿן קעגן אָט דעם שווידערלעכן פֿענאָמען, צו פֿירן אַן אומברחמנות־דיקע מלחמה, אַפֿילו ווען דאָס וועט אַנטפּלעקן זאַכן, וואָס וועלן נישט זייער געפֿעלן באַשטימטע קרײַזן אין אונדזער געזעלשאַפֿט.

איך האָב פֿאַרשטאַנען אַז איך לאָז זיך אַרויס אויף אַ שווערן וועג און אפֿשר גאָר אַ וועג מיט סכּנות. פּלוצעם איז פֿאַר מיר קלאָר געוואָרן אַז אויך אין אונדזער קליין לאַנד זענען פֿאַראַן כּוחות וואָס קענען פֿאַרמאַכן מענטשן דאָס מויל. איך האָב זיך אָבער נישט געשראָקן. אַ מענטש וואָס איז געשטאַנען פֿאַר דער תּליה שרעקט זיך שוין נישט פֿאַר גאָרנישט.

איך האָב אָנגעהויבן צונויפֿצוזאַמלען אַלץ וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן די פּראָצעסן אין פּראָג און וועגן מיר פּערזענלעך — פֿון צײַטונגען, באַריכטן אין דער כּנסת בעת פּאָליטישע צוזאַמענשטויסן און דעסגלײַכן. כ׳האָב פּלוצעם דערזען דאָס נעבעכדיקע בילד פֿון אונדזערע מנהיגים און פֿון אונדזער פּרעסע.

אין דער זעלבער צײַט זענען מיר נאָכגעלאָפֿן פֿאַרלעגערס, וואָס האָבן מיר געוואָלט באַצאָלן גרויסע געלטער איך זאָל אָנשרײַבן מײַנע זכרונות. איך האָב אָבער נישט געוואָלט הערן דערפֿון, ווײַל איך האָב זיך צוגעשוווירן נישט צו פֿאַרעפֿנטלעכן קיין וואָרט אַזוי לאַנג ווי מײַן פֿרײַנד מרדכי אורן געפֿינט זיך נאָך אין די הענט פֿון דער טשעכישער געהיים־פּאָליציי. אַחוץ דעם איז אויך פֿאַר מיר געווען וויכטיקער צוצוגרייטן מײַן אני מאמין קעגן אונדזערע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך אַזוי אוממענטשלעך אויפֿגעפֿירט לגבי מיר און מײַן משפּחה.

אין צווישן זענען געקומען די קאַניקולן און מיר האָבן באַשלאָסן צו געבן אונדזערע קינדער אַן אמתן אורלויב, ווי זיי האָבן שוין לאַנג נישט געהאַט. באַקאַנטע האָבן אונדז אָנגעבאָטן אַ דירה אין מכמורת, לעבן ים. אַהין האָבן מיר מיטגענומען אויך די טאָכטער פֿון אלישבעס שוועסטער, וואָס איז געווען אין די גלײַכע יאָרן ווי מײַן מיזיניק און אַן איין־איינציק קינד בײַ אירע עלטערן.

צוויי טעג זענען מיר געווען אין מכמורת. אין די צוויי טעג האָב איך פאַרגעסן אין אַלע צרות וואָס איך האָב אַדורכגעמאַכט אין די לעצטע יאָרן. איך האָב זיך געלאָזט היילן פון דער ישׂראלדיקער זון און בין געווען גליקלעך מיט מײַן משפחה. אָבער פּלוצעם, אין מיטן פון אָט דער פרייד, איז די גאַנצע וועלט פאַרפינצטערט געוואָרן אַרום מיר. אונדזער מיזיניק, וואָס איז אונדז געווען אַזוי ליב און טײַער, אין איינעם מיט זײַן גוטער חברטע יהודית, די טאָכטער פון אונדזער שוועגערין, זענען דערטרונקען געוואָרן אין ים פון מכמורת.

וואָס פאַר אַ זינען האָט שוין געהאַט מײַן כבוד, צי גאָר מײַנע מלחמות! וואָס פאַר אַ טעם האָט עס נאָך אָנצוקלאָגן מענטשן וואָס האָבן מיך באַליידיקט און באַשמוצט? איך וואָלט דאָך גערן אַוועקגעגעבן מײַן גאַנץ לעבן פאַר די ריינע נשמות פון אונדזערע קינדער...

דער קלאַפּ איז געווען איבער מײַנע כּוחות. ס'איז בײַ מיר מיט אַ מאָל אַוועקגענומען געוואָרן די גאַנצע פרייד פון לעבן. איך בין געבליבן אויף שטענדיק מיט מײַן מרה־שחורה צווישן די אייגענע פיר ווענט.

ניין, עס האָט נישט מער געהאַט קיין זינען צו פאָדערן גערעכטיקייט, נישט פון מענטשן און נישט פון אים, ווײַל עס איז נישט פאַראַן קיין דין און קיין דיין.

כ

מיט יאָרן שפּעטער

אַז קינדער פאַרלירן די עלטערן — איז עס טאַקע אַ שווערע אַבידה, אָבער אַזוי פירט זיך די וועלט. אָבער ווען עלטערן פאַרלירן אויף אַן אַכזריותדיקן אופן אַ קינד — קען מען זיך דערמיט נישט אָפּגעפינען און האָפן אַז די צייט וועט טאָן אירס. להיפּוך, דאַכט זיך אַז יעדער טאָג עפנט די ווונדן פון דאָס ניי און פאַרטיפט דעם ווייטיק. דערויף איז בכלל קיין טרייסט נישט פאַראַן.

פון דעסטוועגן, אַז מען לעבט, צי מען וויל צי נישט, פאַרגעסט מען. אַ באַריִמטער צדיק האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז דער רבונו־של־עולם האָט געטאָן אַ גרויסן חסד מיטן מענטש וואָס ער האָט באַשאַפן דעם שר־השכחה, אַניט וואָלטן מענטשן נישט געקענט איבערטראָגן זייערע ווייטיקן און יסורים און וואָלטן זיך גענומען דאָס לעבן.

אמת, מיט דער צייט פאַרגעסט מען. אָבער עס איז נישט ביי איטלעכן גלייך. ביי מיר האָט געדויערט מער ווי צען יאָר ביז איך בין אַ ביסל צו זיך געקומען נאָך דעם אומגליק וואָס האָט געטראָפן מיט אונדזער זון אלי. מער ווי צען יאָר איז פאַר מיר שטיין געבליבן די צייט און עס האָט מיך קיין שום זאַך נישט מער אינטערעסירט. איך האָב מיר קיין אָרט נישט געקענט געפינען.

ערשט נאָך צען יאָר האָב איך אָנגעהויבן ווידער צו באַקומען אַן אינטערעס פאַר דעם וואָס געשעט אַרום מיר און איך בין געקומען צו דער מסקנא אַז ס׳איז כדאַי צו דערציילן וואָס מיט מיר איז פאַרגעקומען אין דער פינצטערער תפיסה פון דער געהיים־פּאָליציי, אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי. איך האָב געפילט אַ חוב צו דערציילן וואָס דאָרט איז פאַרגעקומען, כדי דאָס יידישע פאָלק און בעיקר די יוגנט זאָל וויסן וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט דער קאָמוניסטישער רעזשים און וואָס פאַר אַ סכנה ער איז פאַר אונדז,

ווי ייִדן. אַזוי אַרום האָב איך אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע בוך מײַנס, „עלילה בפּראג״, ווו איך האָב געשילדערט די סיבה פאַר וואָס איך בין אַרעסטירט געוואָרן און אויך באַשריבן דעם ליגנערישן פּראָצעס, וואָס האָט דערפירט סלאַנסקין און זײַנע חברים צו דער תּליה.

אין מײַן צווייט בוך, „לפי פקודה ממוסקבה״ האָב איך געשילדערט דעם אויפשטײַג פון רודאָלף סלאַנסקי און זײַנע חברים און זייער סוף אויף דער תּליה. ביידע ביכער האָבן איין מוסר־השׂכּל פאַר אונדז ייִדן: עס לוינט זיך נישט צו פּאַשען אויף פרעמדע פעלדער, ווײַל מיר באַצאָלן דערפאַר טײַער און תּמיד איז דער סוף אַ שלעכטער.

אין צווישן איז געשען עפּעס אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אויסלײַטערונג פון דעם פּאָליטישן הימל. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו טראַכטן אייגענע מחשבות און זענען נישט מער געווען גרייט צו אַקצעפּטירן די באַפעלן פון מאָסקווע, ווי גלײַך זיי וואָלטן געווען הלכה למשה מסיני. מען האָט זיך ווידער באַוויזן אין די גאַסן און הנאה געהאַט פון דער זון וואָס איז דורכגעדרונגען דורך די פינצטערע הימלען, וואָס זענען געהאָנגען איבערן לאַנד אַזוי פיל יאָרן.

צום באַדויערן האָט דאָס נישט לאַנג אָנגעהאַלטן און די שווערע סאָוועטישע טאַנקען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די גאַסן פון פּראָג און האָבן אַכזריותדיק אַלץ צעטראָטן וואָס איז זיי געקומען אין וועג, כּלומרשט צו ראַטעווען די פרײַהייט, נוסח מאָסקווע, פאַרן טשעכישן פאָלק. ווידער האָבן טויזנטער פרײַע מענטשן אָנגעפילט די תּפיסות פון דער געהיים־פּאָליציי. אָבער איין זאַך האָבן אַפילו די סאָוועטישע טאַנקען נישט מער געקענט אויסמעקן: דעם פּסק־דין וואָס די קורץ־דויערנדיקע רעגירונג פון דובטשעק האָט אַרויסגעטראָגן קעגן די בלוטיקע פּראָצעסן וואָס האָבן זיך געפירט אין די פופציקער יאָרן, דער פּראָצעס פון רודאָלף סלאַנסקי און זײַנע חברים און אויך דער פּראָצעס קעגן אונדז, ישׂראלדיקע בירגערס.

אין אַ זייער קורצער צײַט האָט די דובטשעק־רעגירונג געמאַכט אַ רעוויזיע פון אַלע פּאָליטישע פּראָצעסן און אַ קאָמיסיע פון העכסטן געריכט האָט עפנטלעך רעהאַביליטירט די קרבנות פון די פּראָגער פּראָצעסן. בעיקר האָט די רעהאַביליטאַציע־קאָמיסיע פעסטגעשטעלט אַז מיר, ישׂראל־בירגער, זענען נישט באַגאַנגען קיין פאַרברעכנס קעגן דער מדינה, דורך אונדזער ציוניסטישער אַקטיוויטעט אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, ווײַל אָט די אַקטיוויטעט איז געווען לעגאַל און קיין שום געזעץ האָט זי נישט פאַרבאָטן.

נאָך אַזאַ אָפיציעלער רעהאַביליטאַציע האָבן דאָ אין ישׂראל אַפילו די

פאַרברעכנסטע פאַרטיידיקערס פון קאָמוניסטישן סיסטעם זיך געמוזט מודה זײַן אַז מען האָט אונדז געטאָן אַן עוולה. מען האָט זיי שוין נישט געדאַרפט מוסרן פאַר זייער אויפפירונג בעת די פּראָצעסן און נאָך די פּראָצעסן, ווײַל זיי האָבן זיך אַלע געקלאַפּט על־חטא. אַפילו די גלײַכגילטיקע און כלומרשט נייטראַלע האָבן אָנערקענט אַז דורך זייער אויפפירונג האָבן זיי פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט. אַוודאי איז עס פאַר מיר געווען אַ סאַטיספאַקציע — אָבער מײַנע ווונדן האָט עס נישט מער געקענט פאַרהיילן. איך בין זיכער אַז אין די דערמאָנטע קרײַזן זענען פאַראַן גוטע מענטשן וואָס שעמען זיך ביזן הײַנטיקן טאָג פאַר זייער אויפפירונג.

פאַר וואָס האָבן זיי זיך מודה געווען

פון אַלע בריוו וואָס איך האָב באַקומען נאָכן דערשײַנען פון מײַנע צוויי ביכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז צוויי זאַכן זענען געבליבן אומפאַרשטענד־לעך. דערפאַר וויל איך איצט, בײַ דער געלעגנהייט, פּרווון פאַרענטפערן, ווי ווײַט מעגלעך אָט די צוויי ענינים.

די ערשטע שאלה: ווי איז דאָס מעגלעך, אַז מענטשן וואָס זענען געווען פון די גרינדערס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און האָבן נישט איין מאָל געשטעלט זייער לעבן אין סכּנה אין קאַמף קעגן פאַשיזם און רעאַקציע, האָבן געקענט אין אַ קורצער צײַט באַשולדיקן זייערע חברים אין די שווער־סטע פאַרברעכנס? ווי אַזוי האָבן זיי געקענט טענהן אַז דאָס זענען געווען פאַשיסטן, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעשמוגלט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, כּדי זי צו צעשטערן פון אינעווייניק?

די צווייטע שאלה: ווי אַזוי האָט דאָס געקענט געשען אין דער טשעכאָ־סלאָוואַקײַ, וואָס מען האָט באַטראַכט אין דער צײַט צווישןביידע וועלט־מלחמות ווי דאָס דעמאָקראַטישסטע לאַנד אין מיזרח־אייראָפּע? ווי אַזוי האָט די טשעכישע דעמאָקראַטיע אַזוי גרינג, אָן אַ מלחמה, זיך אונטערגעגע־געבן איין מאָל דעם דײַטשן פאַשיזם און אַ צווייט מאָל דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור?

די ערשטע שאלה ווערט בעצם שוין געפרעגט אין משך פון פערציק יאָר, זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּראָצעסן אין מאָסקווע, אין 1937. עס זענען געווען מענטשן וואָס האָבן פּשוט געטענהט אַז אַלץ איז געשען אונטער דער השפּעה פון סם, וואָס מען האָט געגעבן די געפאַנגענע און אַזוי אַרום צע־בראָכן זייער רצון און זיי פאַרוואַנדלט אין שמאַטעס, מיט וועלכע מען קען טאָן וואָס מען וויל. די דאָזיקע דערקלערונג לייגט זיך אָבער נישט אויפן

שׂכל, ווײַל פֿאַרסמטע מענטשן זענען נישט פֿעיִק אויפֿצוטרעטן פֿאַרן גערײכט און זיך אַלײן אַזוי קלאָר באַשולדיקן, ווי עס האָבן געטאָן די קאָמוניסטישע געפֿאַנגענע בעת די פּראָצעסן. די דײַטשע פֿאַשיסטן, וואָס האָבן נישט געהאַט קײן נסיון, האָבן זיך בעתן פּראָצעס וועגן דער שׂרפֿה אין רײַכסטאַג פֿון בערלין באַנוצט מיט סם. אָבער דער רעזולטאַט איז געווען אַ שווידערלעכער. אַז וואַן דע־לובע האָט זיך מודה געווען פֿאַרן גערײכט, אַז ער האָט אונטער־געצונדן דעם רײַכסטאַג אויפֿן באַפֿעל פֿון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָ־נאַל און דער דײַטשער קאָמוניסטישער פּאַרטײ — האָט אים קײנער נישט געגלייבט, ווײַל יעדער האָט געזען אַז דער אָנגעקלאָגטער איז אונטער דער השפּעה פֿון סם. אַפֿילו די פֿאַשיסטישע ריכטערס זענען געווען געצוווּנגען צו פּסלען די עדותשאַפֿט פֿון וואַן דע־לובע קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ און באַפֿרײַען דימיטראָוון, ווען מען האָט באַשולדיקט אין פּלאַנירן די שׂרפֿה.

אַנדערע טענהן אַז די מענטשן האָבן זיך מודה געווען ווײַל זײ האָבן נישט געקענט איבערטראָגן דעם פּײַן בעת די אויספֿאָרשונגען. דאָס פֿאַר־ענטפֿערט אָבער אויך נישט די שאלה, פֿאַר וואָס מענטשן האָבן זיך באַשול־דיקט אין מעשׂים וואָס זײ האָבן קײן מאָל נישט געטאָן.

אמת, מען האָט זײ שווידערלעך געפּײַניקט און פֿיזיש אָפּגעשוואַכט. אָבער דאָס איז נאָך ווײַט פֿון זיך אַלײן באַשולדיקן אין די געמײנסטע פֿאַרברעכנס. די געשיכטע קען פֿאַלן פֿון רעוואָלוציאָנערן, וואָס מען האָט יאָרן־לאַנג געפּײַניקט אין די תּפֿיסות פֿון צאַרישן רוסלאַנד, דײַטשלאַנד, איטאַליע און שפּאַניע און זײ האָבן פֿון דעסטוועגן אויסגעהאַלטן. ווען זײ האָבן שוין נישט געקענט אויסהאַלטן די פּײַנען זענען זײ באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און האָבן נישט פֿאַרראַטן די באַוועגונג אָדער זײערע חבֿרים. דאָס איז דער עיקר געזאָגט געוואָרן וועגן מנהיגים פֿון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטײען.

דער אמת איז אַז סלאַנסקין און זײַנע חבֿרים האָט מען כּמעט נישט געפּײַ־ניקט פֿיזיש. די געהײם־פּאָליצײ האָט זיך נישט מער באַנוצט מיט אַזעלכע מיטלען. איך בין אַן עדות דערפֿון און איך זאָג עס אין נאָמען פֿון אַ סך מענטשן וואָס זענען צו יענער צײַט געווען פֿאַרשפּאַרט אין רוזין. דאָ און דאָרט האָט אַ רעפֿערענט געשלאָגן. איך האָב דאָס געפֿילט אויף מײַן אײגן לײַב. פֿאַר מענטשן ווי סלאַנסקי און זײַנע חבֿרים, וואָס האָבן אַוודאי נישט געלעקט קײן האָניק אין די תּפֿיסות בעת דער ערשטער טשעכישער רעפּו־בליק, האָט דאָס נישט געקענט זײַן קײן סיבה זיך אײַנצוברעכן.

בדרך־כּלל האָבן זיך באַנוצט מיט אַט דעם תּירוץ געפֿאַנגענע וואָס זענען

געבליבן נאָך זייער באַפרײַונג אין די קאָמוניסטישע לענדער. זיי האָבן געוואָלט ווײַזן אַז זיי זענען געבליבן געטרײַע קאָמוניסטן און האָבן געטענהט אַז זיי זענען געפּײַניקט געוואָרן פון אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָר אויסגעגעבן פאַר קאָמוניסטן און אין דער אמתן האָבן זיי געהאַנדלט קעגן די אָנווײַזונגען פון דער פּאַרטיי. דערפאַר איז די פּאַרטיי גאָרנישט שולדיק.

אַזוי האָט אַרטור לאָנדאָן, איינער פון די פאַרמישפּטע אין סלאַנסקי־פּראָצעס, פאַרענטפערט זײַן פאַרראַט לגבי זײַנע חברים. ער אַליין איז ניצל געוואָרן אַ דאַנק זײַן פרוי, אַ פראַנצויזישע, די שוועסטער פון אַ צענטראַל־מיטגליד אין דער פראַנצייזישער קאָמוניסטישער פאַרטיי און אַליין אַ באַ־קאַנטע קאָמוניסטקע. אויפן פּראָצעס האָט די פרוי פון אַרטור לאָנדאָן געפאָ־דערט מען זאָל איר מאַן פאַרמישפּטן צום טויט, אָבער פון אַ צווייטער זײַט האָט זי אינטערווענירט דורך איר ברודער פון פראַנקרײַך מען זאָל אים ראַטעווען פון דער תּליה. ער איז פאַרמישפּט געוואָרן אויף לעבנס־לאַנג און נאָך עטלעכע יאָר האָט מען אים באַפרײַט. ער איז אויסגעוואַנדערט קיין פראַנקרײַך און לעבט דאָרט ווײַטער ווי אַ קאָמוניסט אין שויס פון זײַן קאָמוניסטישער משפּחה.

לויט דעם בוך וואָס אַרטור לאָנדאָן האָט געשריבן, האָט מען געמאַכט אַ פילם, וואָס הייסט „זיך מודה זײַן". פון אָנהייב ביזן סוף ווערט געוויזן אין וואָס פאַר אַ שווערע באַדינגונגען לאָנדאָן איז געווען פאַרמאַכט. די תּפיסה ווערט געשילדערט ווי אַ פאַרוואָרלאָזט לאָך, אָן סאַניטאַרע אינסטאַ־לאַציעס. פון אים, פון דעם געפאַנגענעם, גיסט זיך שטענדיק דאָס בלוט, פון די קלעפּ וואָס ער האָט באַקומען. פון אַזאַ שילדערונג פאַרשטייען די צושוי־ערס אַז לאָנדאָן האָט אויסגעזאָגט קעגן זײַנע חברים ווײַל ער האָט נישט מער געקענט איבערטראָגן דעם פּײַן. עס איז קלאָר די טענדענץ צו באַשול־דיקן עטלעכע רוצחים פון דער געהיים־פּאָליציי און ריינוואַשן די פּאַרטיי, וואָס איז כּלומרשט קעגן אַזעלכע מיטלען.

באַוווסטזיניק אין פּולן זינען פון וואָרט וויל איך זאָגן, אַז אַרטור לאָנדאָנס פילם איז פון אָנהייב ביזן סוף אַ געמיינער ליגן און האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער רעאַליטעט. לאָנדאָן איז געזעסן אין רוזין, פּונקט ווי איך, און דאָס איז געווען אַ גאַנץ נײַער בנין. די קאַמערן זענען געווען ריין און נישט פאַרוואָרלאָזט. אין רוזין האָט מען זיך באַנוצט מיט ברוטאַלע פּסיכאָלאָגישע מיטלען כּדי צו צעברעכן די מענטשן און נישט מיט קלעפּ. ס'איז אויך אַ ליגן אַז די ברוטאַלע מיטלען האָבן אויסגעטראַכט עטלעכע פאַרברעכערס פון

דער גיהנום־פּאָליציי. דאָס אַלץ איז געשען מיטן וויסן און אין נאָמען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אַרטור קעסטלער האָט ווידער אַן אַנדער דערקלערונג פאַר וואָס קאָמוניסטן האָבן מסכּים געווען זיך אַליין צו באַשולדיקן. אין זיַין בוך „חושך אין מיטן טאָג״, וווּ ער שילדערט די מאָסקווער פּראָצעסן פון די דריַיסיקער יאָרן, דערקלערט ער אַז רובאַשאָוו האָט זיך מודה געווען אין מעשׂים וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געטאָן, וויַיל דער אויספאָרשער גלאַדקין איז געווען אַ גוטער פּסיכאָלאָג און האָט פאַרשטאַנען אויף אַ ראַפינירטן אופן צו איבערציַיגן רובאַשאָוון, אַז אַפילו ווי אַן אָנגעקלאָגטער איז ער נישט פאַרלאָזט. להיפּוך, די פּאַרטיי פאָדערט פון אים ער זאָל דינען אירע אינטערעסן און זיך פאַר איר מקריב זיַין. רובאַשאָוו איז מסכּים, וויַיל אָביעקטיוו באַגריפן האָבן פאַר אים שוין לאַנג נישט מער קיין באַדיַיטונג. די פּאַרטיי האָט דאָס רעכט פון אים צו פאָדערן אַ קרבן. צום סוף איז ער אַפילו שטאָלץ וואָס די פּאַרטיי פאָדערט פון אים אַ קרבן און ער פילט זיך העכער פון דעם צאַריסטישן אָפיציר וואָס זיצט אין אַ שכנותדיקער קאַמער. ער הייבט אַפילו אָן צו גלייבן אַז זיַין מודה זיַין זיך דינט דער פּאַרטיי, וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן זיך צו באַפעסטיקן און אַז דער פּסק־דין וועט באַשיצן די פּאַרטיי פון אירע דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע שׂונאים וואָס ווילן זי פאַרטיליקן.

די דאָזיקע טעאָריע פון אַרטור קעסטלער איז אינטערעסאַנט און קאָן זיַין אַז אין די דריַיסיקער יאָרן, ווען די רעוואָלוציע האָט געמאַכט אירע ערשטע זעלבשטענדיקע טריט, ווען זי איז נאָך נישט געווען פּאָליטיש און עקאָנאָמיש פאַרפעסטיקט, קאָן זיַין אַז דעמאָלט איז אין איר געווען אַ שמץ פון אמת. אָבער די פופציקער יאָרן זענען נישט מער די דריַיסיקער. די אָנגעקלאָגטע אין די פּראָגער פּראָצעסן האָבן געוווּסט אַז עס לאָקערט נישט קיין שום סכּנה פאַר דער רעוואָלוציע אין דער טשעכאָסלאָוואַקיַי און פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אַחוץ דעם האָבן אַלע געקענט די געשיכטע פון די פּראָצעסן אין מאָסקווע. זיי האָבן געקענט די אַכזריותדיקע מלחמה וואָס קומט פאַר שוין מער ווי צוואַנציק יאָר אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען. זיי האָבן זייער גוט געוווּסט אַז אָט די מלחמה איז נישט לשם־שמים, צו שיצן די פּאַרטיי. זיי האָבן געוווּסט אַז דער גערעַנגל איז ווער עס זאָל הערשן אין דער פּאַרטיי און אין אָט דעם קאַמף פאַרמאָגט די שטאַרקערע גרופּע קעגן דער שוואַכערער נאָר איין רפואה: די תּליה.

דערפאַר טענה איך אַז דאָס מודה זיַין זיך איז נישט געווען אַ פּועל־יוצא

פון פּײניקן. די פּראַצעסן פון פּראָג זענען נישט געווען די אַרבעט פון אײנצלנע, פון דער געהײם־פּאָליצײ אָדער פון פּאַרטײ־מיטגלידער וואָס האָבן פאַרשוואַרצט די רעוואָלוציע — נײַערט דאָס אויסגעאַרבעטע ווערק פון דער גאַנצער פּאַרטײ.

איך האָב שוין פריִער דערקלערט די סיבות וואָס האָבן געפירט צו די פּאָלי־טישע פּראָצעסן קעגן קאָמוניסטישע פירערס, בעיקר ייִדן. אַוודאי איז עס אויך געווען אַ קאַמף פאַר פּאָזיציעס, פאַר כּוח, אָבער בעיקר איז דאָס געווען אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישער שריט וואָס האָט געדאַרפט אָפּלענקען די פּאַרטײ־מיטגלידער פון דעם בראָך וואָס די פּאַרטײ האָט געליטן אין פאַרשײדענע שטחים. אין אַזעלכע פאַלן איז תּמיד בעסער צו באַשולדיקן די פירערס. דער עיקר — די פּאַרטײ זאָל בלײַבן רײן!

פאַר וואָס האָבן פּאַרט די מענטשן גענומען אויף זיך מעשׂים אין וועלכע זײ זענען נישט שולדיק, אָדער לכל־הפּחות נישט נאָר זײ, אלא די פּאַרטײ? דאָס איז מײַן ענטפער: צענדליקער יאָרן האָט מען אײַנגעוואָרצלט אין די מיטגלידער פון דער פּאַרטײ דאָס געפיל אַז די פּאַרטײ איז אַרומגענומען מיט שׂונאים און אַ גוטער קאָמוניסט דאַרף אין איטלעכן זוכן אַ פאַררעטער און אַ נאָך נישט אַנטפּלעקטן שפּיאָן. דאָס האָט מען גערופן „וואַכזאַמקײט". צענדליקער יאָרן האָט מען די פּאַרטײ־מיטגלידער געלערנט איטלעכן חושד זײַן — דער טאַטע דעם זון, דער זון דעם טאַטע, אײן פרײַנד דעם צווײטן. דאָס האָט געהײסן אין פּאַרטײ־זשאַרגאָן „קלאַסן־צוגאַנג". צענדליקער יאָרן האָט מען מענטשן אויסגעלערנט מסרן. צום ערשטן מאָל אין דער מענטש־לעכער געשיכטע האָט מען געגעבן אַ פּרײַז פאַר מסרן. מסרן האָט געהײסן זײַן איבערגעגעבן דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ און דאָס איז געוואָרן אַ כּבוד.

דערפאַר איז נישט געווען שווער די אַרעסטירטע אין פּראָג זאָלן גלײבן דער געהײם־פּאָליצײ, אַז זײערע נעכטיקע פרײַנד זענען געווען פאַררעטער און זענען אַרײַנגעדרונגען אין דער פּאַרטײ כּדי זי צו צעשטערן. נאָך דעם ווי זײ האָבן מסכּים געווען צו באַשולדיקן זײערע חברים, האָט די געהײם־פּאָליצײ פאַרגעלײגט געחתמעטע פּראָטאָקאָלן אין וועלכע די חברים באַ־שולדיקן זײ, אַז זײ זענען אויך געווען פאַררעטער. דאָס איז געווען אַזאַ מין שדים־טאַנץ, אין וועלכער אײנער האָט באַשולדיקט דעם אַנדערן, פּונקט ווי מען האָט זײ יאָרן דורך אַנאַנד געלערנט.

אַחוץ דעם האָבן סלאַנסקי און זײַנע חברים — וואָס האָבן זיך אַ סך מאָל אידענטיפיצירט מיט די טויטאורטײלן פון דער געהײם־פּאָליצײ — גוט געוווסט, אַז פון דער רגע וואָס די געהײם־פּאָליצײ האָט זײ אַרעסטירט,

זענען זיי אָפּגעריסן פון דער משפחה, פון די פרויען און קינדער, פון די עלטערן. זיי האָבן געקענט דעם כּוח פון דער געהיים־פּאָליציי, וואָס זיי אַליין האָבן געהאָלפן אויפשטעלן, און האָבן געוווּסט אַז זיי האָבן נישט נאָר פאַרלוירן די שטיצע פון דער פּאַרטיי, נײַערט אויך פון זייערע אייגענע משפּחות און פרײַנד; אַלע וועלן אויסזאָגן קעגן זיי, אויב די געהיים־פּאָליציי וועט זיי הייסן.

זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז די שפּיל זייערע האָט זיך פאַרענדיקט און עס איז נאָר פאַראַן איין וועג: צו דער תּליה. פון דער תּליה קען זיי ראַטעווען נאָר די געהיים־פּאָליציי. כּדי דאָס צו דערגרייכן דאַרף מען אַלץ פאָלגן, נישט קאַליע מאַכן די פאַרשטעלונג. ווער עס איז דאָרט נישט געווען, קען נישט פאַרשטיין ווי שטאַרק עס איז דער ווילן פון מענטש צו לעבן, אַפילו אין תּפיסה. דאָס פאָלקסווערטל זאָגט אַז אײנער וואָס טרינקט זיך כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי, און דאָס איז געווען דער אמת אין די פּראַגער פּראָצעסן. הײַנט ווייסן מיר גענוי אַז די געהיים־פּאָליציי האָט אַלעמען צוגעזאָגט אַז דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק וועט זיי באַגנעדיקן. די אומגליקלעכע האָבן געגלייבט אין דער הבטחה, ווײַל זיי האָבן געוואָלט לעבן. דערנאָך האָט די געהיים־פּאָליציי זיי אַלע אויפגעהאַנגען אַכט און פערציק שעה נאָכן פּסק־דין, כּדי זיי זאָלן אַפילו נישט האָבן קיין צײַט זיך צו ווענדן צום פּרעזידענט.

אין סך־הכּל וואָלט איך געזאָגט: אַנטיקאָמוניסטן, אַז זיי פאַלן אַרײַן צו דער געהיימפּאָליציי און ווערן באַשולדיקט אין פאַרראַט — קענען זיי אויס־האַלטן יאָרן־לאַנג און זיך נישט מודה זײַן אין מעשׂים וואָס זיי האָבן נישט געטאָן, און נישט באַשולדיקן זייערע חברים. אַנטיקאָמוניסטן גלייבן אַז זייער קאַמף קעגן דעם סיסטעם איז אַ קאַמף פאַר פרײַהייט און גערעכטיקייט. דערפאַר זענען זיי גרייט צו גיין ביזן טויט. זיי ווייסן אַז זיי האָבן הינטער זיך זייערע משפחות און אויך די פרײַע מענטשן פון דער גאָרער וועלט, וואָס שטיצן זייער קאַמף קעגן טעראָר און אונטערדריקונג. דאָס גיט זיי כּוח אין קאַמף קעגן דער געהיים־פּאָליציי און אירע אַכזריותדיקע מיטלען. דער־פאַר קומען די פּראָצעסן קעגן אַנטיקאָמוניסטן נישט פאָר אין דער עפנט־לעכקייט. זיי ווערן געמישפּט אין געהיים, דורך די אַזוי גערופענע אַדמיניס־טראַטיווע געריכטן.

גאָר אַנדערש איז מיט קאָמוניסטן. אין דער רגע ווען זיי ווערן אַרעסטירט, פאַלט זיך צונויף זייער גאַנצע וועלט. די קאָמוניסטן ווייסן, אַז נישט נאָר די פּאַרטיי, ווען זיי האָבן יאָרן־לאַנג געדינט, דערקלערט זיי פאַר געמיינע

פאַרברעכערס, אין דער רגע ווען זיי זענען אַרעסטירט, הגם ס׳איז נאָך קיין מישפּט נישט געווען, נײַערט אויך זייערע בעסטע פרײַנד, מיט וועלכע זיי האָבן יאָרן־לאַנג געאַרבעט אין דער פּאַרטיי. אַפילו די אייגענע משפּחה, די אייגענע פרוי און קינדער, וואָס זענען טײַער יעדן איינעם, אויך זיי באַשולדיקן די אַרעסטירטע און זענען גרייט זיי אָנצוקלאָגן פאַרן געריכט.

די פרײַע וועלט? זי שווייגט און האָט הנאה דערפון. אַדרבא, זאָלן זיך די קאָמוניסטן אויך ווײַטער אויפפרעסן איינער דעם צווייטן. אפשר וועט מען פון זיי פּטור ווערן...

אין אַזאַ מצב בלײַבט נאָר די גנאָד פון דער געהיים־פּאָליציי. דאָס איז באמת אַ שוואַכע האָפענונג, אָבער קיין אַנדערע ברירה איז נישטאָ פאַר אָט די אומגליקלעכע, וואָס האָבן ערשט נעכטן געהערשט און געוועלטיקט איבער לעבן און טויט. זיי כאַפּן זיך אָן אין אַ שטרוי, זיי ווילן לעבן, אַפילו אַ מיאוס, געשענקט לעבן פון דער געהיים־פּאָליציי.

דער כאַראַקטער פון אַ פאָלק

די צרה מיט די טשעכן איז וואָס די וועלט טראַכט זיך נישט אַרײַן אין זייער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, נאָר אידענטיפיצירט זיי מיט דעם גרינדער פון דער ערשטער רעפּובליק, מיט טאָמאַס גאַריק מאַסאַריק, וואָס איז באמת געווען אַ דעמאָקראַט מיט לײַב און לעבן און אַ גרויסער הומאַניסט. כמעט טויזנט יאָר האָט דאָס טשעכישע פאָלק געלעבט אונטער דײַטשישער הער־שאַפט און פון 1794 אונטער די האַבסבורגער. זיי האָבן זיך נישט געבונטע־וועט קעגן דער פרעמדער הערשאַפט. נאָר איין מאָל, אין יאָר 1420, האָט אַ טשעכישער פירער, יאַן זשיזשקאָוו, זיך רעוואָלטירט קעגן דעם דײַטשן קייסער זיגמונד און אים פאַרטריבן פון דער טשעכיי. אָבער די דאָזיקע נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט האָט נישט לאַנג געדויערט און נאָך אַ קורצער צײַט האָבן די טשעכן זיך ווידער אונטערגעגעבן דער דײַטשער הערשאַפט. פון זינט דעמאָלט איז קאַפּיטולאַציע געוואָרן אַ קענצייכן פון טשעכישן פאָלק. עס לוינט זיך נישט צו שווימען קעגן דעם שטראָם, נײַערט מיטן שטראָם. עס לוינט זיך נישט צו קעמפן קעגן אַ שטאַרקערן.

אַ ריי טשעכישע היסטאָריקערס האָבן געפרווט באַשרײַבן דעם העלדישן קאַמף פון דעם טשעכישן לעגיאָן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט כלומרשט געפירט צום אויפקום פון דער ערשטער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק. דאָס איז אָבער ווײַט פון אמת. נישט די העלדישע מעשים פון דעם לעגיאָן האָבן געפירט צום אויפקום פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער

רעפובליק, נאָר דער באַשלוס פון די אַלייִרטע צו ליקווידירן די האַבסבורגער דינאַסטיע. דאָס טשעכישע פאָלק האָט פשוט באַקומען די מדינה אויף אַ גאָלדענער טאַץ. דער לעגיאָן האָט געקעמפט אין רוסלאַנד קעגן די באָלשע־וויקן, אָבער ער האָט גאָרנישט נישט געטאָן אַז די רעפובליק זאָל אויפקומען.

היות דער ערשטער פּרעזידענט פון דער רעפובליק איז געווען דער גרויסער הומאַניסט טאָמאַס מאַסאַריק, איז די קאָנסטיטוציע געווען אַ ליבעראַלע און דעמאָקראַטישע, און האָט צוגעזאָגט גלײַכע רעכט פאַר אַלע בירגער. די באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון טשעכן, מאָראַוון, סלאָוואַקן און קאַרפּאַט־רוסן — אַלע סלאַווישע פעלקערשאַפטן. אַחוץ דעם זענען געווען די מיעוטים: דײַטשן אין סודעטן־לאַנד, אונגאַרן אין דער סלאָוואַקײַ, פּוילן בײַ דער גרענעץ פון מאָראַוויע און ייִדן איבער דער גאַנצער רעפובליק.

אַזוי איז עס געווען אין דער טעאָריע. אין דער אמתן האָט די טשעכישע מינדערהייט זיך געזיכערט אַ העגעמאָניע און האָט באַהערשט נישט נאָר די מיעוטים, נײַערט אויך די אייגענע סלאַווישע ברידער — בעיקר די סלאָ־וואַקן און די קאַרפּאַט־רוסן. דער גוטער פּרעזידענט איז שוין געווען אַלט און ער האָט זיך געלעבט אין הראַדטשין־פּאַלאַץ, אין פּראַג. די פּאָליטיקערס האָבן אים אָפּגעזונדערט פון פאָלק און ער האָט אַפילו נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אין לאַנד.

דאָס זעלביקע איז פאָרגעקומען נאָך זײַן טויט. דער צווייטער פּרעזידענט איז געווען עדוואַרד בענעש, אַ תּלמיד פון מאַסאַריק און אַ שייגעצײַסט. אויך ער האָט זיך וויייניק פאַרנומען מיט דער אינערן־פּאָליטיק. ער האָט געחלומט צו שאַפן אַן אַנטאַנטע צוזאַמען מיט די שכנים פון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, ווו ער זאָל שפּילן די ערשטע פידל. דאָס האָט שפּעטער מיט צוואַנציק יאָר געבראַכט דעם צוזאַמענבראָך פון דער ערשטער רעפובליק. קעגן דער רעפּו־בליק זענען אויפגעשטאַנען נישט נאָר די מיעוטים — דײַטשן, אונגאַרן און פּוילן — נײַערט אויך די אייגענע סלאַווישע ברידער, די סלאָוואַקן און קאַרפּאַט־רוסן, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַפרײַען פון טשעכישן עול.

הײַנט איז קלאָר אַז אין 1939, ווען די טשעכישע אַרמיי, וואָס איז געווען גוט צוגעגרייט און עקיפּירט, וואָלט זיך אַנטקעגנגעשטעלט די דײַטשן, וואָס זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען אַזוי גוט צוגעגרייט און עקיפּירט — וואָלט היטלער נישט געווען אַרײַן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. די טשעכישע אַרמיי האָט דעמאָלט פאַרמאָגט פערציק גוט צוגעגרייטע דיוויזיעס, וואָס זענען געשטאַנען גרייט צום קאַמף בײַ דער דײַטשער גרענעץ. די אַרמיי האָט געוואַרט אויף אַ באַפעל פון דער רעגירונג, צו דערלאַנגען דעם ערשטן שאָס.

אַנשטאָט דעם איז געקומען אַ באַפעל, אַז די באַוואָפנטע זעלנערס זאָלן אַלץ איבערלאָזן און זיך אומקערן אַהיים. אַזוי אַרום האָבן די דײַטשן געקענט אַרײַנמאַרשירן און נישט אויסשיסן אַפילו איין קויל. נאָך דער טשעכאָ־סלאָוואַקײַ איז פאַר היטלערן שוין נישט מער געווען שווער אָנצוצינדן אַ וועלט־שׂרפה וואָס האָט געקאָסט צענדליקער מיליאָנען קרבנות.

אויף אַזאַ אופן איז די ערשטע טשעכישע רעפובליק אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון די דײַטשע פאַשיסטן. אין מיראָוו האָב איך זיך באַגעגנט מיט דער גאַנצער אַמאָליקער טשעכישער רעגירונג פון 1939. אויך מיט דער רעגירונג פון דײַטשן פּראָטעקטאָראַט בעת דער מלחמה. אַלע זענען געווען פאַרמישפּט אויף לעבנס־לאַנג. איך האָב אַ סך געשמועסט, בעיקר מיטן גענעראַל סיראָווי, אַ טשעכישער העלד פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז דערנאָך געווען דער אייבערקאָמענדאַנט פון דער טשעכישער אַרמיי בעת דער ערשטער רעפובליק און קריגס־מיניסטער אין דײַטשן פּראָטעקטאָראַט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. איך האָב אים געזאָגט אַז ער און זײַנע חברים זענען שולדיק אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווײַל זיי האָבן געהייסן די גוט־באַוואָפנטע זעלנערס זייערע אַראָפּלייגן דאָס געווער און נישט קעמפן קעגן די דײַטשן. די געשיכטע — האָב איך געטענהט — וועט זיי נאָך דערפאַר מישפּטן.

די פריצים האָבן זיך נישט איבערגעשראָקן פאַר מײַנע רייד. איך געדענק נאָך ביז הײַנט דעם ענטפער פון גענעראַל סיראָווי: „מיר האָבן הונדערטער יאָרן געלעבט אונטער די האַבסבורגער — האָט ער געזאָגט — און עס האָט אויסגעזען אַז זייער הערשאַפט וועט געדויערן אייביק. פּלוצעם איז געקומען אַ טאָג און די האַבסבורגער זענען נעלם געוואָרן. מיר האָבן אַפילו נישט געדאַרפט קעמפן. נאָך די האַבסבורגער איז געקומען היטלער. אויך ער האָט געטענהט אַז זײַן רײַך וועט געדויערן טויזנט יאָר. נאָך אַ פּאָר יאָר איז דאָס שטאַרקע דײַטשע רײַך זיך פונאַנדערגעפאַלן און דאָס טשעכישע פאָלק איז ווידער אויפגעשטאַנען. דאָס זעלבע געשעט אויך איצט. מיר זענען אונטערדריקט פון די רוסן. אויך זיי מיינען אַז זיי וועלן הערשן אייביק. עס וועט אָבער קומען אַ טאָג, ווען אויך זיי וועלן פאַרשווינדן און דאָס טשעכישע פאָלק וועט זײַן זעלבשטענדיק".

גענעראַל סיראָווי האָט ממשיך געווען: „ווי אַ טשעכישער פּאַטריאָט, וואָס קען גוט די געשיכטע פון טשעכישן פאָלק און זײַן כאַראַקטער, האָב איך געגעבן אַ באַפעל דער טשעכישער אַרמיי זי זאָל נישט שיסן אויף די דײַטשן. דערמיט האָב איך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט טויזנטער יונגע מענטשן

און איך בין זיכער אַז עס וועט קומען דער טאָג און די היסטאָריקערס פון מײַן פאָלק וועלן מיך דערפאַר באַצייכענען ווי אַ גרויסן טשעכישן פּאַטריאָט״.

אַזאַ אָפּאָרטוניסטישער צוגאַנג איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאַנצן טשעכישן פאָלק. וואָס אינטערעסירן אונדז די מיליאָנען קרבנות וואָס זענען געפאַלן דורך די דײַטשן, פאַר וועלכע מיר האָבן געעפנט דעם וועג? דער עיקר אַז מיר האָבן געראַטעוועט דאָס לעבן פון עטלעכע טשעכן. בקיצור — ס'איז בעסער צו שווימען מיטן שטראָם, ווי אַנטקעגן דעם שטראָם.

דאָס גלײַכע איז געשען אין דער צווייטער טשעכישער רעפּובליק. אין דער רגע ווען דער פּרעזידענט בענעש האָט געחתמעט מיט סטאַלינען אַ פרײַנדשאַפטס־קאָנטראַקט אין מאָסקווע, בעת די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך נאָך נישט געהאַט געענדיקט, איז די נײַ־אויפגעקומענע רעפּובליק פאַרמישפּט געוואָרן צום טויט. מען טענהט אַז בענעש האָט געחתמעט דעם קאָנטראַקט, ווײַל ער האָט געטראָגן אין זײַן האַרצן די שינאה קעגן ענגלאַנד, וואָס האָט אין די דרײַסיקער יאָרן פאַרלאָזט די טשעכאָסלאָוואַקײַ. בענעש איז אָבער געווען אַן אַלטער פּאָליטיקער און ער האָט געקענט פאַרשטיין אַז סטאַלינען קען מען נאָך ווייניקער פאַרטרויען ווי די ענגלענדער. אמת, בענעש איז שוין דעמאָלט געווען אַ שווער־קראַנקער מענטש און האָט נישט מער געהאַט די רירעוודיקייט פון די יונגע יאָרן. די קרענק האָט אָפּגעשוואַכט זײַן ווידערשטאַנד. דעריבער איז נישט געווען שווער אַז סטאַלין זאָל אים איבעררעדן, בעיקר ווען די קאָמוניסטישע קוויזלינגען, וואָס זענען צו יענער צײַט געווען אין מאָסקווע, האָבן אַרומגעטאַנצט אַרום אים און צוגעזאָגט אַז זיי וועלן העלפן אויפבויען אַ דעמאָקראַטישע טשעכישע רעפּובליק.

בקיצור: די חתימה פון בענעשן אין מאָסקווע און שפּעטער די חתימה מיט גאָטוואַלד אין קאָשיצע, אויפן וועג קיין פּראָג, האָבן באַשטימט דעם גורל פון דער טשעכישער אומאָפּהענגיקייט, נאָך איידער די רעפּובליק האָט געמאַכט אירע ערשטע זעלבשטענדיקע טריט.

מיט דער קאָמוניסטישער איבערקערעניש אין 1948 איז די טשעכאָסלאָוואַקײַ געוואָרן אַ וואַסאַל פון מאָסקווע. און דאָס באַטראַכטן די הײַנטיקע קאָמוניסטישע היסטאָריקערס ווי אַ גוואַלדיקן נצחון פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איך בין דעמאָלט געווען אין פּראָג און קען זאָגן עדות אַז דאָס איז בכלל נישט געווען קיין רעוואָלוציע, סײַדן אַ „שווײַקישע״ רעוואָלוציע. די קאָמוניסטן זענען געשטאַנען אויף איין זײַט פון וואַצלאַוו־פּלאַץ און די קעגנערס אויף דער צווייטער זײַט. אין משך פון דרײַ טעג האָבן זיך ביידע געזידלט, בעת די פּראָגער פּאָליציי האָט שפּאַצירט אין מיטן און הנאה

געהאַט פון די זאַפּטיקע זידלווערטער. סוף־כּל־סוף האָבן די קאָמוניסטן געזיגט, אָבער נישט ווײַל זיי האָבן געשריגן העכער, נײַערט ווײַל זייערע פירערס האָבן פּינקטלעך געוווּסט וואָס זיי ווילן, אין דער צײַט ווען די פירערס פון די כּלומרשטע אָפּאָזיציע זענען אַרומגעגאַנגען צעטומלטע און האָבן נישט געוווּסט וואָס אָנצוהייבן.

איך בין זיכער אַז ווען עס וואָלט אויפגעשטאַנען אַן אמתער מנהיג פון דער אָפּאָזיציע, וואָלט ער געוועזן געפירט דאָס פאָלק אויפן ריכטיקן וועג. דאָס וואָלט אויך געוועזן אַ דוגמא פאַר עלטערע אָפיצירן, אַוועקצושטעלן די אַרמיי קעגן די קאָמוניסטן און פון דער גאַנצער רעוואָלוציע וואָלט גאָרנישט געוואָרן.

אין מיראָוו האָב איך אויך באַגעגנט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאָליטיקערס און פירערס פון דער בענעש־פּאַרטיי, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַרײַנצוגיין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי נאָך דער אַזוי גערופענער רעוואָלוציע. ווען איך האָב זיי געפרעגט פאַר וואָס זיי האָבן זיך נישט אַקטיוו אַנטקעגנגעשטעלט די קאָמוניסטן, האָבן זיי מיר געענטפערט: דער פּרעזידענט בענעש איז געוועזן קראַנק און האָט נישט מער געהאַט קיין כּוח זיך אַנטקעגנצושטעלן גאָטוואַלדן און אויסרופן נײַע פּאַרלאַמענט־וואַלן, ווו די קאָמוניסטן וואָלטן זיכער געליטן אַ מפּלה. די איינציקע מעגלעכקייט איז געבליבן זיך אַנטקעגנצושטעלן מיט כּוח. דאָס וואָלט אָבער געקאָסט טויזנטער קרבנות און וואָלט צו גאָרנישט דערפירט, ווײַל די סאָוועטן וואָלטן זיך אַרײַנגעמישט. דאָס איז ווידער געווען די כאַראַקטעריסטישע טשעכישע טעאָריע, אַז קעגן שטאַרקערן דאַרף מען נישט קעמפן. בעסער פּרווט מען צו לעבן מיטן שטאַרקערן אין איינעם.

אַ וואָרט צום סוף

נאָך דעם ווי עס זענען אַרויס מײַנע צוויי ביכער, האָב איך געמאַכט אַ סדר אין מײַן אַרכיוו און האָב געפונען רשימות פון פאַרשיידענע געשעענישן, וואָס איך האָב פאַרצייכנט אין משך פון יאָרן. געשעענישן וואָס איך האָב אַליין דורכגעלעבט און געשעענישן וואָס האָבן אויף מיר געהאַט אַן אינדירעקטע השפּעה. איך האָב אויך פאַרצייכנט זאַכן וועגן וועלכע איך האָב נאָר געהערט. ווען איך האָב אַלץ אויססאָרטירט, האָב איך דערזען פאַר זיך אַ קאַליידאָסקאָפּ, וואָס איז נישט כּדאַי צו האַלטן נאָר פאַר זיך.

מײַנע רשימות האָבן געהאַט אַ שײַכות צו אַלץ וואָס איז געשען אין די לעצטע פופציק יאָר — מלחמות, רעוואָלוציעס, שינויים פון דער וועלט־

אָרדענונג און בעיקר די גרויסע ייִדישע רעוואָלוציע, וואָס האָט געפירט צום אויפקום פון מדינת־ישׂראל. איך האָב געטראַכט אַז ס׳איז כּדאַי אונדזער יונגער דור, וואָס האָט די געבורטסווייען נישט דורכגעמאַכט, זאָל כאָטש לייענען וועגן זיי. אפשר וועלן זיי עפּעס לערנען דערפון.

פאַרשטייט זיך אַז מיינע רשימות טאָרן נישט באַטראַכט ווערן ווי געשיכטע פון געלערנטע היסטאָריקערס. איך בין נישט קיין היסטאָריקער און האָב נישט די פעיִקייטן דערצו. עס קאָן אָבער זײַן אַז דווקא אין דעם ליגט דער כּוח פון מײַן שרײַבן, וואָס איך האָב די פאַקטן נישט דורכגעזיפּט דורך אַ וויסנשאַפטלעכער היסטאָרישער זיפּ, נאָר זיי פּשוט דערציילט ווי איך האָב זיי איבערגעלעבט.

בלעטערנדיק מײַנע פאַרגעלטע רשימות האָב איך דערזען אַז דער חומר האָט אַ שײַכות צו צוויי תּקופות. די ערשטע — ביז צו די פערציקער יאָרן, כּולל די צײַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה; די צווייטע — פון די פער־ציקער יאָרן און ווײַטער, די צווייטע וועלט־מלחמה און דער חורבן פון ייִדישן פאָלק.

אויך אין דער ערשטער תּקופה האָט די מענטשהייט נישט ווייניק געליטן, בעיקר אין אייראָפּע. דער סך־הכּל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געוועזן אַ גוואַלדיקע צאָל דערהרגעטע, פאַרקריפּלטע, חורבן און פעלקער־וואַנדערונג. מענטשן זענען געבליבן אָן אַ היים און זענען אַרומגעוואַנדערט איבער אייראָפּע און מחוץ אייראָפּע, כּדי צו געפינען אַ נײַע היים.

גרויסע אימפּעריעס זענען זיך צעפאַלן ווי אַ בינטל קאָרטן און נײַע מדינות זענען אויפגעקומען. עס זענען געפאַלן אַבסאָלוטע הערשערס און אויף זייער אָרט זענען אויפגעקומען מנהיגים פון רעפּובליקן וואָס האָבן צוגעזאָגט די פעלקער גאָלדענע בערג, הבטחות וואָס זיי האָבן אַפילו נישט געטראַכט מקיים צו זײַן. ווען די פעלקער האָבן דאָס באַמערקט איז אָבער שוין געוועזן צו שפּעט.

צען טעג האָבן אויפגעטרייסלט אַ גאַנצע וועלט. די גרויסע רוסישע אימ־פּעריע איז זיך פונאַנדערגעפאַלן. דער צאַר, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר גאָטס פאַרטרעטער אויף דער ערד, איז אַראָפּגעשלײַדערט געוואָרן פון זײַן טראָן און ער מיט דער גאַנצער משפּחה זײַנער זענען אומגעבראַכט געוואָרן. נאָך אַ לאַנגן קאַמף, האָט דאָס רוסישע פאָלק אַקצעפּטירט די באָלשעוויקישע פירערס וואָס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט און האָבן פּראָקלאַמירט דעם אויפקום פונעם ראַטן־פאַרבאַנד.

די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט האָבן אויפגענומען די רוסישע רע־

וואָלוציע מיט באַגייסטערונג. אויך אַלע איבעריקע מענטשן וואָס האָבן ליב פרייהייט און גערעכטיקייט. אַלע האָבן געפּייַערט די ליקווידאַציע פונעם רעאַקציאָנערן צאַרישן רעזשים. מען האָט געגלייבט אַז ס'איז געקומען אַ סוף צו דער אונטערדריקונג, עס וועלן נישט זיין מער קיין מלחמות און די מענטשהייט וועט לעבן אין שלום.

צום באַדויערן האָבן די האַניק־חדשים פון דעם באָלשעוויסטישן רעזשים נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. פּלוצעם האָט די וועלט דערזען אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד איז אויפגעקומען אַ גרויליקע דיקטאַטור, וואָס שטייגט אַריבער אין איר אַכזריות אַלע רוסישע צאַרן. סטאַלין, דער רויטער צאַר, האָט פאַרכאַפּט אין גאַנצן די מאַכט אין רוסלאַנד און האָט ליקווידירט די בעסטע זין פון דער רעוואָלוציע.

אין דער פרייַער וועלט האָט מען זיך געפרעגט: צי איז דאָס מעגלעך אַז די רעוואָלוציע פאַרטיליקט אַליין אירע זין? די שליחים און אַגענטן פונעם רויטן דיקטאַטאָר אויף דער גאַנצער וועלט האָבן געטענהט אַז דאָס איז אַ נויטווענדיקע זאַך, כּדי צו זיכערן די רעוואָלוציע, און אַ סך גוטע מענטשן אויף דער פרייַער וועלט האָבן געגלייבט אַז דאָס זענען די געבורט־ווייען וואָס ברענגען אַ ניַי לעבן.

די ייִדן, וואָס האָבן געקעמפט אין אַלע אַרמייען און אויף אַלע פראָנטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן אַ סך געליטן. אַחוץ די קרבנות וואָס זענען געפאַלן אויף די שלאַכטפעלדער, זענען געבליבן אַלמנות, יתומים און אָן אַ שיעור פּליטים. איבער איירָאָפּע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די פּליטים פון מיזרח־איירָאָפּע — ייִדן וואָס זענען אַנטלאָפן פון די רוסישע קאָזאַקן און שפּעטער פון די פּאָגראָמען אין דער אוקראַיִנע. מען האָט די פּליטים געדאַרפט העלפן אויפבויען נייַע היימען און געפינען נייַע פּרנסות. די ייִדישע קהילות אין מערב־איירָאָפּע האָבן אַליין נישט געקענט איבערטראָגן דעם עול. עס האָט זיך ווידער באַוויזן די ייִדישע סאָלידאַריטעט. די ייִדן אין אַמעריקע, וואָס האָבן נישט געהאַט צו ליַידן פון דער מלחמה, האָבן געפילט דאָס אַחריות פאַר זייערע ליַידנדיקע ברידער אין איירָאָפּע און זיי האָבן געשאַפן דעם באַרימטן „דזשוינט“, וואָס האָט געהאָלפן דאָרט ווו מען האָט געדאַרפט. דאָס איז געווען דער שענסטער אויפטו פונעם אַמעריקאַנער ייִדנטום, וואָס האָט געוויזן דער וועלט אַז עס איז פאַראַן אַ ייִדיש פאָלק און אַז איינער טראָגט דאָס אַחריות פאַרן צווייטן.

די ייִדן אין מאַרמאַרעש, אָדער קאַרפּאַט־רוסלאַנד, ווי מען האָט עס שפּע־טער גערופן, האָבן זיך אַ סך אָנגעליטן פון דער מלחמה, וואָס האָט זיך

אָפּגעשפּילט ממש בײַ זײערע הײמען. אַ סך טאַטעס האָבן געטרויערט נאָך זײערע זין וואָס זענען געפאַלן אין דער מלחמה און עס זענען געבליבן אַ סך אַלמנות און יתומים וואָס האָבן נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן. אַחוץ דעם זענען כמעט אַלע פּליטים פון גאַליציע און דער בוקאָווינע פאַרבײַ־געפאָרן מאַרמאַרעש אויף זײער וועג קײן אײראָפּע און זיך דאָרטן אויפגע־האַלטן, ביז עס זענען פרײַ געוואָרן די וועגן צו וואַנדערן ווײַטער.

די פּליטים האָבן זיך געניײטיקט אין הילף און דער דזשוינט איז נאָך דעמאָלט נישט געווען. האָבן געהאָלפן די אָרעמע ייִדן פון מאַרמאַרעש. פרײַוויליק האָבן זײ זיך געטײלט מיט זײער לעצטן ביסן. קײנער האָט זײ נישט געבעטן און קײנער האָט זײ נישט אָרגאַניזירט.

ווען איך שרײַב וועגן מײַנע יונגע יאָרן און וועגן דער ייִדישער סביבה אין מאַרמאַרעש, פיל איך אַ דערהויבנקײט. איך זע פאַר זיך די פּשוטע, טײַערע ייִדן, מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבן זײער גײַסטיקער ירושה. זײ האָבן געגלײבט באמונה שלמה אַז זײ זענען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק און דערפאַר דאַרפן זײ זײַן בעסער פון זײערע שכנים, און פון דעסטוועגן נישט אַרויסווײַזן קײן גאווה לגבי פרעמדע.

איך זע פאַר מײַנע אויגן די שבתדיקע און וואָכעדיקע ייִדן, אײדעלע ייִדן און מגושמדיקע, ייִדן וואָס זיצן און לערנען תורה און ייִדן וואָס טאָן מלאכות. אַלע פרײען זיך מיט דעם חלק וואָס איז זײ באַשערט און באַנוגענען זיך מיט ווייניק. איך זע ווי ייִדן שטעלן אויף משפחות, ברענגען קינדער אויף דער וועלט און יאָגן זיך אַ גאַנצע וואָך נאָך פרנסה. אָבער ווען עס קומט דער שבת פאַרגעסן זײ אין אַלע דאגות־פרנסה, הײליקן און רײניקן זיך ווי פּרינצן, כּדי מקבל־פּנים צו זײַן די מלכּה שבת.

מיר האָט זיך געוואָלט דערצײלן וועגן אָט דעם וווּנדערלעכן שבט ייִדן. איך האָב געוווּסט אַז איך וועל נישט קענען דערצײלן אַלץ און וועגן אַלעמען. פאַר דעם איז אײן בוך צו ווייניק. איך האָב געפּרוּווט שילדערן אײנצלנע און אָט די אײנצלנע גיבן אַ קלאָר בילד וועגן דעם כּלל.

ווען איך בין צוגעקומען צו די פערציקער יאָרן, צו דער תּקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך געפילט אַז איך וועל נישט האָבן דעם כּוח צו שילדערן דעם חורבן פון די ייִדן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, בעיקר פון די ייִדן אין קאַרפּאַט־רוסלאַנד. איך בין אויפגעשוידערט געוואָרן נאָר פונעם געדאַנק, אַז דער היטלערישער פאַשיזם האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַר־טיליקן דאָס ייִדישע פאָלק און אַ גרויסער טײל פון אײראָפּע האָט אים דערבײַ געהאָלפן.

איך האָב געזען פאַר מײַנע אויגן ווי ייִדן ווערן אַרויסגעשלעפּט פון זייערע הײַזער, ווי זיי ווערן פאַרלאָדן אין לאַסטוואַגאָנען און געשיקט אין די טויטלאַגערן פון פּוילן. די ייִדן וואָס מען האָט נישט תּיכף געפירט אין די גאַזקאַמערן, זענען פּאַמעלעך אויסגעשטאָרבן פאַר הונגער. דאָס איז געווען דער גורל פון מיליאָנען ייִדן און צווישן זיי אויך די ייִדן פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד.

איך האָב דערהערט אַ קול וואָס האָט צו מיר געזאָגט: אַזוי ווי דו ביסט דאָרט נישט געווען, קענסטו נישט באַשרײַבן דעם יסורימדיקן וועג אויף וועלכן עס זענען געגאַנגען די הייליקע ייִדן. דערפאַר האָב איך זיך נישט צוגערירט צו דער תּקופה פון חורבן.

אמת, ווי אַ פּרײַוויליקער אין דער ענגלישער אַרמיי, בין איך געקומען קיין אייראָפּע און בין געווען אין די שוידערלעכע ערטער ווו עס איז פאָרגעקומען די שחיטה פון אונדזער פאָלק. איך האָב נאָך מיט מײַנע אויגן געזען שאָטנס פון מענטשן, וואָס זענען טאָג פאַר טאָג אויסגעשטאָרבן, ווײַל מיר זענען געקומען צו שפּעט און האָבן זיי נישט מער געקענט העלפן. מיר, די גרופּע ארץ־ישׂראלדיקע סאָלדאַטן, האָבן זיך אַרומגעיאָגט איבער די טויטלאַגערן מיט דער האָפענונג נאָך עפּעס צו ראַטעווען, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. מיר האָבן נאָר געפונען די רענצלעך מיט נעמען פון ייִדן, פון גאַנץ אייראָפּע, מיר האָבן געפונען קליידער פון קינדער און דערוואַקסענע און הויפנס שפּילוואַרג, ליאַלקעס וואָס האָבן אויף אונדז געקוקט מיט גלעזערנע אויגן. איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווי מיר זענען געשטאַנען פאַר די הויפנס שפּילוואַרג און געוויינט. מיר זענען געשטאַנען און זיך געביסן די ליפּן וואָס מיר האָבן פאַרשפּעטיקט. מיר האָבן געוויינט און האָבן זיך געשעמט. מיר האָבן זיך געשעמט וואָס מיר לעבן און מיר האָבן זיך געשעמט מיט די ענגלישע מונדירן וואָס מיר טראָגן. ענגלאַנד, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער זײַט אין איינעם מיט דער כּלומרשט פרײַער וועלט און געשוויגן און געוואָרן אַזוי אַרום אַקטיווע שותּפים צו דעם מאָרד פון מיליאָנען ייִדן.

אפשר וועט אויפשטיין שפּעטער מיט אַ דור אָדער מיט צוויי דער גרויסער שרײַבער וואָס וועט האָבן דעם כּוח צו שאַפן אַ נײַ איוב־בוך און שילדערן די גרויליקע שחיטה פונעם ייִדישן פאָלק. מיר, דער דור פונעם חורבן, זענען דערצו נישט פּעיִק.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען אין מיזרח־אייראָפּע כּמעט נישט געווען קיין ייִדישע פּליטים. זיי האָבן נישט געהאַט קיין צײַט צו אַנטלויפן,

ווייל די דייטשן האָבן זיי אומעטום פאַרכאַפּט. אין דער טשעכיי און אין בעמען זענען כּמעט נישט געבליבן קיין ייִדן, ווייל די אַרטיקע באַפעלקערונג האָט נישט גערירט מיט קיין פינגער כּדי צו העלפן זייערע ייִדישע שכנים. נאָר אין דער סלאָוואַקיי און אין קאַרפּאַט־רוסלאַנד האָט זיך אַ קליינע צאָל געראַטעוועט מיט דער הילף פון אָרעמע, אָרטיקע מענטשן. אָבער אויך זיי זענען אַוועק פון דאָרטן, ווי באַלד זיי האָבן נאָר געהאַט וואָהין צו גיין און בעיקר ווען אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי איז אויפגעקומען דער קאָמוניסטישער רעזשים. די ייִדן וואָס האָבן באַשלאָסן צו בלייבן דאָרט, וואָס זענען אַריין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און זיך פאַרמאָסטן צו בויען אַ נייַ לעבן, האָבן לרוב געהאַט אַ וויסטן סוף און האָבן זיך געענדיקט אויף דער תּליה. הייַנט קען מען זאָגן אַז די טשעכישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז ייִדנריין.

די בלוטיקע פּראָגער פּראָצעסן פון די פופציקער יאָרן האָב איך נאָר דערמאָנט בקיצור, ווייל איך האָב נישט מער הייַנט דעם כּוח איבערצודערציילן אַלע פּרטים וועגן די שענדלעכע רציחות. פון דעסטוועגן וויל איך איצט, צום סוף, באַטאָנען צוויי פאַקטן, וואָס איטלעכער און בפרט ייִדן דאַרפן זיי געדענקען און קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

ערשטנס: די שענדלעכע בלוט־בילבולים אין פּראָג פון די פופציקער יאָרן זענען נישט געווען אַ קאַפּריז פון עטלעכע קאָמוניסטישע מנהיגים, וואָס האָבן געוואָלט ליקווידירן זייערע ייִדישע חברים. דאָס איז אויך נישט געווען די אַרבעט פון פערווערסע אַגענטן פון דער טשעכישער געהיים־פּאָליציי. די פּראָצעסן זענען געפּלאַנט און אָרגאַניזירט געוואָרן אין מאָסקווע דורך דעם „גרויסן״ סטאַלין און זענען פאַרגעקומען מיט דער הסכּמה פון דער גאַנצער קאָמוניסטישער פירערשאַפט און פון דער רעגירונג. מאָסן מענטשן האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן, כּדי די טשעכישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי זאָל זיך ריינוואַשן פון די גרויסע פעלער וואָס זי איז באַגאַנגען אין די עטלעכע יאָרן פון זינט זי איז געקומען צו דער מאַכט. ווער עס טענהט אַז די אַלע רציחות זענען געווען דאָס ווערק פון עטלעכע אומפאַראַנטוואָרטלעכע קאָמוניסטן — דער ווייס נישט וואָס ער רעדט, אָדער ער האַלט בכּיוון די גאַנצע וועלט צום נאַרן.

צווייטנס: די אָפיציעלע אָרגאַנען פון דער טשעכישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דער טשעכישער רעגירונג האָבן זיך אין די שענדלעכע פּראָצעסן פון פּראָג באַניצט מיט די געמיינסטע אַנטיסעמיטישע באַליידיקונגען קעגן ייִדישן פאָלק. ווער עס האָט געהערט דעם מלוכישן פּראָקוראָר

בעת די פּראָצעסן, האָט געהאַט דעם אײַנדרוק אַז ער געפֿינט זיך אויף אַ פֿאַרזאַמלונג אײַנגעאָרדנט דורך געבעלס און שטרײַכער. זיי האָבן געטראָטן מיט די פֿיס אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות צום ייִדישן פֿאָלק. קיין שום זאַך איז פֿאַר זיי נישט געווען הייליק. אַפֿילו די ייִדן וואָס זענען בדרך־נס געבליבן לעבן אין די טויטלאַגערן זענען פֿאַר זיי געווען ייִדישע פֿאַשיסטישע קאָלאַבאָראַנטן. אַ ראַיה — זיי זענען געבליבן לעבן. ייִדן דאַרפֿן נישט פֿאַרגעסן, אַז דער קאָמוניזם וועט זיך נישט קווענקלען מקריב צו זײַן אַ גאַנץ פֿאָלק, אַן אומשולדיק פֿאָלק, אויב דאָס קען דינען זײַנע אינטערעסן, אויב דאָס קען פֿאַרשטאַרקן זײַן הערשאַפֿט.

יאָרן נאָך אַנאַנד האָב איך זיך אַליין געפֿרעגט: פֿאַר וואָס האָט מיך די טשעכישע געהיים־פּאָליציי אויסגעקליבן פֿאַר אַ קרבן, הגם זי האָט געוווּסט אַז איך האָב געהערט צו אַ קרײַז וואָס האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צו די קאָמוניסטישע לענדער און האָט תּמיד געפֿונען אַ תּירוץ צו פּאַרטייִדיקן דעם קאָמוניסטישן רעזשים? נאָך יאָרן פֿון טראַכטן בין איך געקומען צו דער מסקנא אַז דאָס איז געווען דערפֿאַר ווײַל איך האָב זיך אַ לאַנגע צײַט געבוקט פֿאַר פֿרעמדע געטער. אין ארץ־ישׂראל, אין קיבוץ, האָב איך שטענדיק געבעטן פֿאַר „דער וועלט פֿון מאָרגן״, וואָס וועט ברענגען די גאולה פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אַפֿילו ווען מיר האָבן שוין געהאַט אונדזער אייגן לאַנד, מדינת־ישׂראל, בין איך נאָך אַלץ גרייט געווען צו אַדאָפּטירן אַ צווייט היימלאַנד: רוסלאַנד...

די דרײַ ביטערע יאָרן וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין די שוידערלעכע תּפֿיסות פֿון דעם קאָמוניסטישן רעזשים זענען פֿאַר מיר געווען אַ היילונג דורך שאָק. דאָס האָט מיך לחלוטין צוריקגעבראַכט צו מײַן פֿאָלק און צו מײַן אייביקן ייִדישן היימלאַנד. איך האָב דערפֿאַר באַצאָלט אַ שווערן פּרײַז. פֿון דעסטוועגן טראַכט איך צו מאָל הײַנט, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן, אַז ס'איז געווען כּדאַי...

דער אמת איבערצײַגט

(דער פּראַגער פּראָצעס — זײַנע רעזשיסאָרן און זײַנע קרבנות)

פֿון יוסף בערגער־ברזילי*

אַ סך און גיואַנסירט זענען די מיטלען צו פֿאַרשפּרייטן דעם אמת — אָבער ווי עקשנותדיק זענען שקר און צביעות, ווען הינטער זיי געפֿינט זיך אַ גרויסע, גוט־געשמירטע מאַשינעריע פֿון אַ מאַכטיקער מדינה!

אַ פֿאַקט איז, אַז מען פּרוּווט נאָך עד־היום מיט אַלע מיטלען צו פֿאַרמעקן און פֿאַרדרייען דעם אמת וואָס שייך די טונקלסטע תּקופֿות אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, די טיראַנישע תּקופֿות פֿון היטלער און סטאַלין. עס איז אָבער ניט פֿאַראַן קיין בעסערער און פּראַקטישערער וועג צו צעשלאָגן די שקרים און אַרויסברענגען דעם אמת, ווי די עדותשאַפֿט פֿון מענטשן וואָס האָבן געפֿילט אויף זייער לײַב די צעווילדעוועטע מעשׂים פֿון די טיראַנען און דערציילן אַלץ וואָס זיי האָבן געזען.

אַ וויכטיקער בײַטראָג אין באַשרײַבן דעם אמת וועגן סטאַלינס תּקופֿה ווערט איצט געגעבן אין דעם בוך פֿון שמעון אָרנשטיין „אויפֿן באַפֿעל פֿון מאָסקווע" (לפּי פּקודה ממוסקבה — 1969). ווי ס'איז באַקאַנט, איז דער מחבר אַליין געזעסן עטלעכע יאָרן אין תּפֿיסה אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, נאָך דעם ווי ער איז פֿאַרמישפּט געוואָרן אין פּראָג אויף לעבנסלענגלעך. ער האָט דורכגעמאַכט אַלע פּחדים פֿון דער פּאָליציי־אויספֿאָרשונג און איז באַפֿרײַט געוואָרן ערשט נאָך דעם ווי סטאַלין איז געשטאָרבן.

אין אַן אויטאָביאָגראַפֿישער אַרבעט, וואָס איז אַרויס צוריק מיט אַ יאָר, האָט אָרנשטיין דערציילט די פּרטים וועגן דעם ווי אַזוי ער איז אַרעסטירט געוואָרן און ווי אַזוי מען האָט אים אויסגעפֿאָרשט; אין זײַן נײַעם בוך ווערן

---

* יוסף בערגער־ברזילי איז אָפּגעזעסן בערך 25 יאָר אין פֿאַרשיידענע סאָוועטישע תּפֿיסות און אַרבעטס־לאַגערן. נאָך סטאַלינס טויט איז ער געקומען אין מדינת־ישׂראל און דאָ פֿונאַנדערגעוויקלט אַ פּובליציסטישע און שרײַבערישע אַקטיוויטעט, בפֿרט אין תּחום פֿון סאָוועטאָלאָגיע.

געבראַכט די אַלגעמיינע און היסטאָרישע אַספּעקטן פון דעם פּראָבלעם. אין אַ ריי קאַפּיטלעך ווערט אַנאַליזירט די פונאַנדערקייטלונג פונעם סלאַנ־סקי־פּראָצעס און עס ווערט געגעבן די פּערזענלעכע עדותשאַפט פונעם מחבר בנוגע אַלע אַנדערע אָנגעקלאָגטע אין סלאַנסקי־פּראָצעס.

דער גרויסער כּוח פונעם בוך באַשטייט אין דעם, וואָס דורך די פּערזענ־לעכע זכרונות פונעם מחבר ווערט אַנטפּלעקט די גאַנצע גרויליקע תּקופה פון די פּראָגער פּראָצעסן און עס באַקומט זיך אַ בילד הן פון די קרבנות פון בילבול, הן פון די מעטאָדן מיט וועלכע מען האָט דערגרייכט זייער „ווידוי". וויכטיק זענען די פּרטים דורך וועלכע אַרנשטיין דעקט אויף דעם שקר און די פאַלשקייט פונעם פּראָצעס, און די דאָזיקע פּרטים ברענגט דער מחבר אויף אַ פּשוטן און איבערציַיגנדיקן אופן.

און נאָך אַ מעלה האָט דאָס בוך: דער יידישער, ישׂראלדיקער אַספּעקט. שמעון אַרנשטיין איז געבוירן געוואָרן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, איז אַרי־בערגעגאַנגען פון קאָמוניזם (צו וועלכן עס האָט אים געצויגן אין דער יוגנט) צו דעם ציוניזם, איז עולה געווען קיין ארץ־ישׂראל, אַרײַן אין קיבוץ און נאָכן פּראָקלאַמירן די מדינה — איז ער געשיקט געוואָרן אַרבעטן אין דער ישׂראלדיקער אַמבאַסאַדע פון פּראַג.

אין זײַנע זכרונות לאָזט ער ניט אַרויס קיין שום יידישן אַספּעקט — הן לגבי דער פּערזענלעכקייט פון די קרבנות אין דעם שפּלדיקן פּראָגער בילבול, הן וואָס שייך דעם אַלגעמיינעם הינטערגרונט אין דער שפּעטער סטאַלין־תּקופה, וואָס ווערט אָנגערופן די תּקופה פון די „שוואַרצע יאָרן", אין וועלכער עס זענען געקומען צום אויסדרוק די שענדלעכסטע אַנטיסע־מיטישע און אַנטיישׂראלדיקע אַרויסטריטן.

דאָס בוך איז דורכגענומען מיט אַ גרויסער דראַמאַטישער שפּאַנונג. דער טאַלאַנטירטסטער שרײַבער וואָלט ניט געקענט מיט זײַן פאַנטאַזיע דער־גרייכן צו אַזאַ באַשרײַבונג ווי אַרנשטיין גיט זי איבער פון זײַן אייגענעם ביטערן נסיון. אָבער זײַן אַפּאָגיי דערגרייכט דאָס בוך דורך די פּערזענלעכע אָנגעווייטיקטע ווערטער. כּדאַי זיי צו ציטירן בהרחבה:

„פאַראַנען נאָך אַ סיבה וואָס דריקט אויף מיר און לאָזט מיך קיין מאָל ניט פאַרגעסן. ווי ס'איז באַקאַנט, זענען אַרויסגעטראָטן בײַם פּראָצעס (סלאַנסקי־פּראָצעס) קרוב צו פערציק עדות, וועלכע האָבן באַשולדיקט די פערצן אָנגעקלאָגטע אין אַ ריי שווערע פאַרברעכנס, וואָס איטלעכער פון זיי איז געווען גענוג צו ברענגען אַ מענטשן אויף דער תּליה. ווי גרויס איז מײַן ווייטיק און מײַן צאַרן וואָס אויך איך

בין געווען געצוווּנגען צו זײַן אײנער פֿון אָט די פּערציק עדות. איך האָב טאַקע געוווּסט זײער ווויל, אַז דער גורל פֿון די מענטשן איז שוין במילא אַ געחתמעטער און אַז מײַן עדותשאַפֿט איז נאָר נײטיק כּדי צו „באַווײַזן" אַז די באַשולדיקטע האָבן כּביכול געהאַט אַ פֿאַרבינדונג מיט פֿרעמדע שפּיאָנען וואָס זענען געקומען אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. פֿון דעסטוועגן פּלאָגט מיך מײַן געוויסן און מאַטערט מיך פֿאַר דעם חלק וואָס איך האָב געהאַט אין דער דאָזיקער טראַגישער פּרשה.

פֿון דעמאָלט זענען אַריבער פֿופֿצן יאָר. מער ווי פֿינף טויזנט נעכט, וואָס זענען פֿאַר מיר געווען נעכט פֿון אַנגסטן, פֿון יסורים און גרויליקע זכרונות. ביזן הײַנטיקן טאָג קען איך זיך ניט באַפֿרײַען פֿון דעם שוידערלעכן בילד, ווי די קרבנות האָבן אויסגעזען. זײ רודפֿן נאָך מיר אָן אויפֿהער און שרײַען צו מיר: פֿאַר וואָס האָסטו אויסגעזאָגט קעגן אונדז? פֿאַר וואָס האָסטו דאָס געטאָן?

מײַן אײגענע פּײַן אין משך פֿון יאָרן, ווען איך בין אויסגעפּאַרשט געוואָרן און דערנידעריקט געוואָרן, פֿאַרמישפּט געוואָרן צו פֿוילן אַ לעבן לאַנג אין די תּפֿיסות פֿון דער טשעכאָסלאָוואַקײַ — און אַלץ אומשולדיק — מײַן אײגענע פּײַן האָב איך באַוויזן צו פֿאַרגעסן. אָבער איך וועל קײן מאָל ניט מסוגל זײַן צו פֿאַרגעסן אַז מען האָט מיך געצוווּנגען צו זײַן אַ פֿאַלשער עדות און דערמיט האָב איך אפֿשר געהאָלפֿן די תּלינים אומצוברענגען אַ גאַנצע רײ מענטשן. סײַ די מאַכטהאָבערס און סײַ דאָס געריכט האָבן געוווּסט, אַז מער ווי פּערציק מענטשן זענען דרעסירט געוואָרן צו זאָגן עדות, וואָס איז געווען פֿון אָנהײב ביזן סוף שקר."

אָט די שורות — אמתע ווערטער וואָס קומען אַרויף פֿון האַרצן — זענען די איבערצײַגנדיקסטע אין דעם גאַנצן איבערצײַגנדיקן בוך.

פון זעלבן מחבר:

* עלילה בפראג (1968)
* לפי פקודה ממוסקבה (1969)
* מעורבות (1978)